STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06926

DI NAYSTE GESHIKHTE FUN YIDISHN FOLK

Simon Dubnow

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די נייסטע געשיכטע פונם יידישן פאָלק

שמעון דובנאָוו

וועלט-געשיכטע
פון יידישן פאָלק פון די אַלטע צייטן
ביז צו היינטיקער צייט

די נייסטע געשיכטע:
פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע (1789)
ביז דער וועלט-מלחמה (1914)

אין דריי בענד

קאאפעראַטיווער פאַרלאַג „קולטור - ליגע", וואַרשע

די נייסטע
געשיכטע פון יידישן פאלק

פון ש. דובנאָוו

צווייטער באַנד

(1815 — 1881)

יידיש נ. שטיף

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג „קולטור-ליגע“, וואַרשע

Printed in Poland

Prof. Sz. DUBNOW

NOWOCZESNA HISTORJA NARODU ŻYDOWSKIEGO t. II

Copyr. by Spółdz. W/d. „Kultur-Liga“

Warszawa 1931

4־טע אויפלאגע — 1500 עקזעמפלארן

Druk. G. Piment, W-wa Sierakowska 4

אינהאַלט:

די תקופה ערשטע רעאַקציע (1815—1848)

קאַפּיטל I. די פּאָליטישע רעאַקציע און דער שטרייט פאַר גלייכבאַרעכטיגונג אין דייטשלאַנד

§ 1. די יידנפראַגע אויפן ווינער קאָנגרעס 3
§ 2. די יידנפיינטלעכע באַוועגונג אין דער ליטעראַטור און
די עקסצעסן דאָס יאָר 1819 . . 7
§ 3. דער שטרייט אין פראַנקפורט ; קנעכטשאַפט אין די פריישטעט : 14
§ 4. דער נצחון פון דער רעאַקציע אין פרייסן (1815—1830) . : 20
§ 5. די אָפּגעפאַלענע רעאַקציע און דער קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטונג (ריסער) 26
§ 6. די פרי-אָנזאָגער פון עמאַנסיפּאַציע ; די רעוואָלוציעס פון די
פרייסישע לאַנדטאַגן און דער געזעץ פונם יאָר 1847 . 34
§ 7. דער שטרייט פאַר עמאַנסיפּאַציע אין בייערן 37
§ 8. פּאָליטיק און רעליגיע אין באַדען 45
§ 9. ליבעראַלע און קאָנסערוואַטיווע מלוכות 48

קאַפּיטל II. די רעפאָרמאַציע און די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג פון יודאַאיזם.

§ 10. די פּראַקטישע רעפאָרמאַציע; דער „טעמפּל-שטרייט“ (1815—1823) 54
§ 11. די אידעאָלאָגן פון דער רעפאָרמאַציע (גייגער, גאָלדהיים) ;
די באַוועגונג אין די גרעסטע קהלות (1835—1844) 59
§ 12. ראַבינער-צונויפפאָרן און בערלינער רעפאָרם (1844—1848) . . . 68
§ 13. די ליטעראַרישע אויפלעבונג, די „יידישע וויסנשאַפט“ : . : . . 75
§ 14. די אָפּגעשיידטע (בערנע, היינע, מאַרקס און שטאַל) 84

קאַפּיטל III. בירגערלעכע אונטערדריקונג און דער קולטור-שטרייט אין עסטרייך.

§ 15. די פּאָליטיק בכלל. די „געדולדעטע“ אין ווין 94
§ 16. די סיסטעם אונטערדריקונג אין בעהמען, מעהרען און אין גאַליציע 100

§ 17. די עמאנסיפאציע-באוועגונג אין אונגארן, די איטאליענישע פראווינצן 104
§ 18. א ווידערקול פון רעפארמאציע 110
§ 19. די ליטערארישע אויפלעבונג 116

קאפיטל IV. די סיסטעם אונטערדריקונג אין רוסלאנד.

§ 20. דער סוף פון אלכסנדר דעם I-טנס רעגירן 123
§ 21. די מיליטער-דיסציפלינארישע סיסטעם פון ניקאלאי דעם I . . . 136
§ 22. דער ברען פון דער שטראף-פאליטיק; דער רעגלאמענט דאס יאר 1835 144
§ 23. אפיציעלע בילדונג (1840—1844) 151
§ 23א. די פארשמעלערטע אויטאנאמיע און די כּוונות פון ביוראקראטיע . 158
§ 24. עלילת-דם און אויסשליסלעכע פיין 165
§ 25. קעניגרייך פוילן 174
§ 26. דער אלטער שטייגער און דער אנהויב השכלה 187

קאפיטל V. די קלענערע יידישע צענטרן אין אייראפע און אין אנדערע ערטער.

§ 27. פראנקרייך בעת דער רעסטאווראציע און יולי-מאנארכיע 201
§ 28. דער נייער רעזשים אין האלאנד; צוריק צום אלטן רעזשים אין איטאליע 215
§ 29. דער קאמף פאר עמאנסיפאציע אין ענגלאנד 222
§ 30. די פאראייניקטע שטאטן פון צפון-אמעריקע 230
§ 31. דער עלילת-דם אין דמשק און דאס אויפוואכן פון די מזרח-לענדער 236

די תקופה צווייטע עמאנסיפאציע (1848—1881)

קאפיטל I. די עמאנסיפאציע און ווי זי איז אויסגעפירט געווארן אין דייטשלאנד.

§ 32. די מערץ-רעוואלוציע און גלייכבארעכטונג 247
§ 33. די רעאקציע די 50-ער יארן 254
§ 34. נייע שטימונגען, דאס פאראייניקן דייטשלאנד, דער נצחון
פון עמאנסיפאציע 260
§ 35. די לעצטע פון דער רעפארמאציע און די שפאלטונג אין די קהלות 268
§ 36. היסטאריאגראפיע און נאציאנאלע אידייע (גרעץ און העס) 275

קאפיטל II. די עמאנסיפאציע אין עסטרייך-אונגארן

§ 37. די מערץ-רעוואלוציע דאס יאר 1848 און די מערץ-
עמאנסיפאציע דאס יאר 1849 284
§ 38. רעוואלוציע און פאגראמען אין אונגארן 290
§ 39. רעאקציע און בהדרגהדיקע עמאנסיפאציע 296
§ 40. דער קולטור-שטרייט 299
§ 41. ליטעראטור 304

קאַפּיטל III. דער איבערגאַנג צו רעפאָרמעס אין רוסלאַנד

§ 42. די לעצטע יאָרן פונם אלטן אומרעפאָרמירטן רוסלאנד (1848—1855) 310
§ 43. צען יאָר רעפאָרמעס (1855—1865) 317
§ 44. די רעאַקציע; די יידנפראגע אונטערן צייכן פון רוסיפיקאַציע (1866—1880) 331
§ 45. דער קולטור־קריזיס די השכלה־צייט 343
§ 46. די באַנייטע ליטעראַטור 354

קאַפּיטל IV. די קלענערע יידישע צענטרן.

§ 47. פראנקרייך די צייט פון דער צווייטער רעפובליק און דער צווייטער אימפעריע . . 364
§ 48. יידישע עמאנסיפאַציע אין דער פאַרייניקטער איטאַליע 370
§ 49. דער לעצטער אקט פאָליטישע עמאנסיפאַציע אין ענגלאַנד . . . 377
§ 50. עמאנסיפאַציע איבער נויט אין שווייץ. סקאַנדינאַוויע 382
§ 51. רומעניע און די נייע באַלקאַנישע מלוכות 388
§ 52. צוויי מדרגות ציוויליזאַציע: טערקיי און אַמעריקע 395

הוספות

№ 1 יידנפראגע אויפן ווינער קאָנגרעס (צום § 1) 401
№ 2 יידנפראגע די ערשטע יאָרן רעאַקציע (צום § 4) 405
№ 3 דיזראַעליס רעדע אין ענגלישן פּאַרלאַמענט 1854 (צום § 49) . . 406

ביבליאָגראַפיע

קוועלן און ליטעראַטור (צום פּאַר. 1—52) 408

די תקופה ערשטע רעאקציע (1848—1815)

קאַפּיטל I

די פּאָליטישע רעאַקציע און דער שטרייט פאַר גלייכבאַרעכטיגונג אין דייטשלאַנד.

§ 1. די יידנפראַגע אויפן ווינער קאָנגרעס.

אַריבער דרייסיק יאָר האָט אַ שווערע פּאָליטישע רעאַקציע געהאַלטן אייראָפּע אין קלעמען אַקעגן די צוויי קרעפטן פון אַ תקופה פריער: אַקעגן דער רעוואָלוציע און נאַפּאָלעאָנס הערשאַפט. „רעסטאַווראַציע", צוריק צום אַלטן — דאָס איז געווען דער געשריי פון דער תקופה, ס'ווערן צוריק די אַלטע מלוכות און לענדער, ס'זעצן זיך צוריק אויף די טראָגנען די „געזעצלעכע" מאָנאַרכן און פירשטן אומעטום, וואו דער שטורם פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק און מיליטערישע אימפּעריע האָט זיי איבערגעקערט. אין דעם הייטל רעסטאַווראַציע איז שוין געלעגן אַ פאַרטיקער קערן רעאַקציע. צוריק „צום טראָן און צו דער קירך", צוריק צום מאָנאַרכיזם, צוריק צו דער השפּעה פון דער קירך אויף מלוכה־ענינים — דאָס זענען די געבאָטן פון דער רעאַקציע: ס'זאָלן נישט נאָר אויסגעראָטן ווערן די פּאָליטישע אידעען פון דער רעוואָלוציע אַליין, נאָר ס'זאָל אויך אויסגעראָמט ווערן יעדער שפּור פונם פרייעם גייסט, וואָס האָט באַהאַרצט אייראָפּע דאָס XVIII יאָרהונדערט. די דאָזיקע געבאָטן זענען געוואָרן דער יסוד פון דעם „הייליקן בונד", וואָס דריי מאָנאַרכן, — דער רוסישער, דער פּרייסישער און דער עסטרייכישער, — האָבן באַשאַפן בעת זיי האָבן אויפן ווינער קאָנגרעס פאַרזאָרגט אייראָפּע (1815). ס'האָט געהייסן פאַרן „הייליקן בונד", אַז רעליגיע איז נישט אָפּצוטיילן פון פּאָליטיק, אַז ס'פאַראַן איין „קריסטלעכע נאַציע" אויף דער וועלט און קריסטוס איז איר פירער. דער אידעאַל איז — אַ „קריסטלעכע מלוכה", פאַרווירקלעכן אַזאַ אידעאַל זענען באַרופן די אויפטוער פונם „הייליקן בונד", און זייערע נאָכקומער. צו דער אידעע פון אַ קריסטלעכער מלוכה האָט נאָך די רעאַקציאָנערע געזעלשאַפט צוגעגעבן אַ צוגאָב: אַ נאַציאָנאַלע מלוכה. נאַפּאָלעאָנס מלחמות און באַהערשן לענדער האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן פּאַטריאָטישן ברען ביי די אונטערייאָכטע פעלקער; און ס'האָט זיך פאַרשטאַרקט די נאַציאָנאַלע אידעע אין פּאָליטיק אָנשטאָט דער קאָסמאָפּאָליטישער אידעע

פריער. דער נאַציאָנאַליזם איז דאָ אָבער געווען אַ מלוכה־נאַציאָנאַליזם: די שטאַרקערע נאַציע, די מלוכה־נאַציע זאָל באַרעכטיקט זיין צו דריקן, מיט גוואַלד אַסימילירן שוואַכערע נישט־זעלבסשטענדיקע פעלקער אונטער איין דאַך. די קריסטלעכע מלוכה האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם נישט־קריסט, די נאַציאָנאַלע מלוכה — דעם פרעמדפאָלקישן; און היות ווי יידן זענען אומעטום געווען אַ פרעמדע אמונה און אַ פרעמד פאָלק, האָבן זיי געזאָלט זיין צוויימאָל אַ קרבן פון דער אייראָפּעאישער רעאַקציע. אין די דריי מלוכות, וואָס זייערע מאָנאַרכן האָבן באַשאַפן דעם „הייליקן בונד”, זענען געווען $^{9}/_{10}$ יידן פון גאַנץ אייראָפּע; פאַר זיי איז דער נייער רעזשים, ריכטיקער — דער צוריק־אויפגעשטעלטער אַלטער רעזשים, געוואָרן אַ קוואַל פון פּיין און שאַנד. דער גייסט פון קריסטלעך־נאַציאָנאַלער מלוכהשאַפט האָט געשוועבט איבער יענער תקופה, אַלצאיינס, צי האָט זיך דאָס געהאַנדלט פון קעגן־עמאַנסיפּאַציע (אין דייטשלאַנד, דערהויפּט אין פּרייסן) פון שענדלעכער רעכטלאָזיקייט (אין עסטרייך), אָדער פון אויסטערלישן פּיין (אין רוסלאַנד פאַר די רעפאָרמען).

איידער נאָך פונם ווינער קאָנגרעס האָט זיך אויסגעשיילט דער „הייליקער בונד” און פון דער רעסטאַווראַציע — אַ רעאַקציע, איז די יידנפראַגע באַהאַנדלט געוואָרן אויפן ווינער קאָנגרעס און דאָ האָבן זיך אַרויסגעשטעלט פאַרשידענע מיינונגען. די יידנפראַגע איז אויפגעקומען בעת מ'האָט באַהאַנדלט דעם פּראָיעקט צו שאַפן אַ בונד פון דייטשע מלוכות מיט פּרייסן און עסטרייך אויבן־אָן (מאַי 1895). דער ליבעראַל ווילהעלם הומבאָלדט, פון דער פּרייסישער דעלעגאַציע, האָט פאָרגעלייגט רעדאַקטירן דעם פּונקט וועגן יידן אין דער קאָנסטיטוציע פונם „בונד” אַזוי: „די וואָס האַלטן זיך ביי דער יידישער רעליגיע, ווערן געגעבן אַלע געהעריקע רעכט, ווי ווייט זיי זענען יוצא אלע בירגער־פליכטן. אין די לענדער, וואָס אַזאַ רעפאָרם שטימט דאָרט נישט מיט זייער קאָנסטיטוציע, האַלטן די גלידער פונם „בונד” פאַר געווינטשן צו באַזייטיקן די דאָזיקע מניעה ווי ווייט מעגלעך”. די דעלעגאַטן פון פּרייסן און עסטרייך האָבן געשטיצט אַזאַ רעזאָקציע; אומגעריכט האָבן זיך דאָ אויסגעגלייכט צוויי קאַנצלערס: דער ליבעראַל האַרדענבערג און דער רעאַקציאָנער מעטערניך, וואָס האָט אַפילו נישט געטראַכט ערנסט צו באַזייטיקן די מניעות פאַר יידישער גלייכבאַרעכטונג אין עסטרייך. (מעטערניך האָט געוואָלט צוליב טון די ליבעראַלע פּראַזע יידישע באַנקירן, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיי געשעפטן). אָבער ביירישע זאַקסישע און אייניקע אַנדערע דייטשע דעלעגאַטן האָבן נישט געוואָלט נאָכגעבן אַזאַ פּונקט, וואָס איז זיי דאָך מאָראַליש מחיב די גלייכבאַרעכטונג, זאָל זיין אַפילו, אַז על תנאי. האָבן אַנדערע געמוזט נאָכגעבן און מ'האָט פאָרגעלייגט דעם קאָנגרעס אַן אַנדער רעדאַקציע וועגן יידן אין דער קאָנסטיטוציע: „די בונד־פאַרזאַמלונג (צענטראַל־אָרגאַן פונם דייטשן בונד) וועט באַהאַנדלען די פראַגע, ווי אַזוי צו פאַרבעסערן ווי ווייט מעגלעך מיט אַלעמענס הסכם די בירגערלעכע לאַגע פאַר

פערזאָנען פון יידישן גלויבן אין דייטשלאַנד און ווי אַזוי צו גאַראַנטירן זיי בירגערלעכע רעכט אין די בונד־מלוכות בתנאי, זיי זאָלן טון אַלע בירגערלעכע פליכטן. יעדנפאַלס בלייבן זיי (יידן) ביז דעמאָלט ביי די רעכט, וואָס זיי האָבן שוין איצט אין די „בונד־מלוכות. אָבער אַזאַ פשרה־רעזאָלוציע האָט אויך נישט צופרידנגעשטעלט אַ סך קאָנגרעס־דעלעגאַטן. אמת, דער ערשטער טייל פונקט איז נישט מער ווי אַ צוזאָג און מ'קאָן דאָס נישט האַלטן אויך, אָבער אין צווייטן טייל שטייט שוין, אַז יידן ווערט געזיכערט די רעכט, וואָס זיי האָבן שוין איצט, ד. ה. וואָס זיי האָבן באַקומען פאַר דער פראַנצויזישער הערשאַפט, דערהויפט האָט דאָס געאַרט די דעלעגאַטן פון די פיר „פרייע שטעט"; פראַנקפורט, האַמבורג, ליובעק און ברעמען: אַ פרעמדע מאַכט (די פראַנצויזישע) האָט ביי זיי מיט גוואַלד אויסגעריסן יידישע גלייכבאַרעכטונג, איצט האָבן זיי געמיינט פטור ווערן פון פראַנצויזן מיט גלייכבאַרעכטיקטע יידן אינאיינעם. מ'האָט זיך אָנגעהויבן צו דינגען און דורכקומען הינטנאַרומער; — צו לעצט איז די דאָזיקע רעדאַקציע אַריין אין דעם „בונדעס־אַקט" (§ 16), נאָר מיט איין ענדערונג: אָנשטאַט „אין די בונד־מלוכות", זאָל שטיין „פון די בונד־מלוכות". דאָס הייסט, מ'זאָל קאָנען דעם פונקט אויסטייטשן אַזוי: יידן ווערט געזיכערט די רעכט, וואָס זיי האָבן באַקומען פון די בונד־מלוכות, ד. ה. פון די געזעצלעכע היימישע רעגירער אין יעדער לאַנד, נישט אָבער די רעכט, וואָס זיי האָבן געקריגן פון אַ דערוויילעקער, פון אַ זייטיקער רעגירונג, וואָס האָט אַ צייט געהערשט דאָרט. נאָר היות פון „געזעצלעכע" רעגירערס הענט האָבן יידן באַקומען טיילווייז גלייכבאַרעכטונג ביז דעם ווינער קאָנגרעס נישט מער ווי אין פרייסן און אין באַדן; הייסט דאָס אַז די עמאַנסיפּאַציע אין אַנדערע דייטשע לענדער קאָן בטל ווערן; דאָס אייגנטלעך האָבן געוואָלט די שונאים פון יידישער עמאַנסיפּאַציע.

די דעלעגאַטן האָבן געחתמ'עט די „בונדאַקטן" מיט דעם פונקט 16 וועגן יידן דעם 10 יוני 1815, אָבער די, וואָס האָבן אַזוי געאַרבעט אויפן קאָנגרעס, מזאָל זיי נישט בינדן מיט יידישער גלייכבאַרעכטונג, האָבן נישט געוואָלט וואַרטן; און זיי האָבן נאָך פריער גענומען רעסט אווירן ביי זיך יידישע רעכטלאָזיקייט. בערנע האָט דערויף געהאַט געזאָגט: „ווי נאָר די קאַץ (נאַפּאָלעאָן) איז נישט געבליבן, זענען די מייז (די דייטשע רעגירע) געוואָרן בעל־הבית", און דאָס שטימט גאָר מיט דער לאַגע אין זיין געבוירן־שטאַט פראַנקפורט און אין די פריישטעט. ווי נאָר ס'איז אומגעפאַלן פראַנקפורטער גרויס־הערצאָגטום, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט באַשאַפן, האָט דער אַריסטאָקראַטישער סענאַט אין פראַנקפורט געגעבן אָנצוהערנס יידן, אַז די גלייכבאַרעכטונג, וואָס יידן האָבן דערפאַר אַזוי טייער באַצאָלט 1), איז בטל געוואָרן צוזאַמען מיט דער פראַנצויזישער הערשאַפט (1814). דאָס אייגענע איז פאָרגעקומען אין האַמבורג אויך נאָכדעם ווי די פראַנ־

---

1) זע דעם פריערדיקן באנד, § 33;

צויזן זענען אַוועק פון דאָרט. דער חלוק איז געווען נאָר דאָס, וואָס אין האַמ־בורג האָט דער סענאַט געהאַלטן, מ׳זאָל לאָזן יידן גלייכבאַרעכטיקט, ווייל דאָס איז אַנוץ פאַר שטאָט בכלל, נאָר דאָ האָט זיך שטאַרק אַקעגנגעשטעלט די ביר־גערשאַפט; קריסטלעכע הענדלער האָט נישט געלוינט, זייערע קאָנקורענטן יידן זאָלן זיין גלייכבאַרעכטיקט. נאָך שטאַרקער האָבן געהאַנדלט די דייטשע רעגירער אין ליובעק און אין ברעמען: זיי האָבן באַשלאָסן צוריק אויפשטעלן דעם ליב־האַרציקן אַלטן רעזשים און גאָר פאַרטרייבן יידן פון די שטעט. די איבערגע־שראָקענע יידישע קהילות אין די פריישטעט האָבן זיך געווענדעט צום ווינער קאָנגרעס, ער זאָל זיך פאַר זיי אָננעמען. פראַנקפורטער יידן האָבן געשיקט קיין ווין צוויי דעפּוטאַטן (איינער איז געווען יעקב ברוך, ליודוויג בערנעס פאָטער); זיי האָבן דערלאַנגט דעם קאָנגרעס אַ מעמאָראַנדום, אַ פּראָטעסט קעגן דעם. וואָס מ׳פאַרמעסט זיך אויף זייער גלייכבאַרעכטונג, וואָס האָט זיי אַזוי פיל געקאָסט געלט און בלוט (יידישע סאָלדאַטן אינם באַפריי־קריג) — (אָקט. 1814). יידישע קהלות אין האַמבורג, ברעמען און אין ליובעק האָבן געשיקט קיין ווין זייער אַדוואָקאַט ק. א. בוכהאָלץ; ער האָט דעמאָלט אַרויסגעלאָזט אַ ביך וועגן יידישער גלייכבאַרעכטונג (Über die Aufnahme der jüdischen Glaubensgenossen zum Bürgerrecht)

יידישע דעפּוטאַטן האָבן שטאַרק אַגיטירט אין פאַרשידענע קרייזן פונם ווינער קאָנגרעס, אגב אין איינעם זייער אַ זאַמלפונקט, אין סאַלאָן ביי דער יידישער באַראָנעסע פאַני אַרנשטיין 1); זיי האָבן געפועלט ביי ביידע פירער פונם קאָנגרעס—ביי האַרדענבערגן און ביי מעטערניכן. די לעצטע צוויי האָבן גע־שיקט אַ התראה די רעגירער אין די האַנזאַ־שטעט: נישט אָנרירן יידישע גלייכ־באַרעכטונג, וואָס דער קאָנגרעס האָט בדעה צו גאַראַנטירן צוליב דייטשן האַנדל און פינאַנסן; „מ׳מוז זיך רעכענען מיט דער ווירקונג פון יידישע בענק״, 2) (יאַני־אַר־יוני 1815). אָבער די קריסטלעכע דעלעגאַטן פון די פריישטעט זענען נישט אָפּהענדיק געוואָרן; זיי האָבן געפירט זייער אַגיטאַציע אויף די זיצונגען פון דעם קאָנגרעס גופא; זיי זענען צוהילף געקומען דעלעגאַטן פון אַנדערע דייטשע מלוכות, וואָס האָבן אויך געוואָלט לויז ווערן פון יידישער גלייכבערעכטונג. מיר האָבן שוין געזען, אַז געוואונען האָבן אַנטיסעמיטן. די צווידייטיקע רע־דאַקציע פונם „יידישן״ פונקט (§ 16) אין דער קאָנסטיטוציע האָט זיי פריי אויפ־געבונדן די הענט, מ׳האָט זיך אָנגעהויבן אָפּרעכענען מיט יידן, דאָס מאָל „גאַנץ געזעצלעך״. 3)

---

1) דאָרט, § 40

2) יענע יאָרן האָט זיך אַ נאָמען געמאַכט דאָס באַנקהויז פון די פראַנקפורטער ראָט־שילדס, וואָס האָט קרעדיטירט די רעגירונג.

3) אויספירלעכער וועגן דער יידנפראַגע אויפן ווינער קאָנגרעס — זע די ביילאַגע נומ. 1 צו דעם דאָזיקן באַנד.

§ 2. די יידנפיינטלעכע באוועגונג איז דער ליטעראַטור און די עקסצעסן דאָס יאָר 1819.

די יידנפיינטשאַפט האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ אין דייטשלאַנד, געשפייזט זיך פון דער פּאָליטישער רעאַקציע און אליין ווידער פּאַרפעסטעט די לופט. דער דייטשער פּאַטריאָטישער ברען בעת דעם באַפריי־קריג האָט מיטגעבראַכט מיט זיך דעם עקלהאַפטן שאָוויניזם, וואָס זוכט מער צו שאַדן דעם „פרעמדן", ווי צו העלפן זיך. דער דייטשער שאָוויניזם, האָט זיך געפינען זיין פּאָר: די אידעע פון א „קריסטלעכער מלוכה", און ביידע האָבן זיך אַלאָז געטון אויף יידן. יידן זענען איצט געווען געהאַסט שוין דערפאַר, וואָס זיי האָבן געווינען פון דער רעוואָלוציע און האָבן באַקומען פרייהייט פון נאַפּאָלעאָנ'ס הענט; אַלע יידישע בלוטיקע קרבנות פאַר באַפרייען דייטשלאַנד האָבן נישט געקאָנט אָפּוואַשן דעם דאָזיקן פלעק. ס'האָט נישט געהאָלפן, וואָס „די פאָן" פון דער יידישער געזעלשאַפט אין דייטשלאַנד האָבן זיך געמיט צו ווערן דייטשן, אַסימילירן זיך: דער „קריסטלעכער דייטשער" נאַציאָנאַליזם האָט באַדאַרפט האָבן, אויף וואָס אויס צוברענגען זיין איבערגרויסע ענערגיע: דער ייד איז געווען דערפאַר די בעסטע זאַך.

קודם כּל האָט זיך די דאָזיקע רעאַקציאָנערע געזינונג דערפילט אין טעאַטער און אין ליטעראַטור. די יאָרן 1815—1816 איז אויף דער דייטשער סצענע אויפגעפירט געוואָרן אַ נאַרישע קאָמעדיע מיט דעם נאָמען „די יידישע שול אָדער אונזער האַנדל", — אַ קאַריקאַטור אויפן יידישן לעבנסשטייגער. די דאָזיקע קאָמעדיע האָט שטאַרק אויסגענומען ביים עולם. וואַורם, אַן אַרטיסט אין דער מאָדע, האָט זיך געקרימט און געבראָכן אין דער פּיעסע, נאָכגעמאַכט דעם יידישן „זשאַרגאָן"; און דער קריסטלעכער עולם אין טעאַטער איז געקומען דערפון אין דער גרעסטער התפּעלות. ישראל יאַקאָבסאָן (ער האָט זיך איבערגעקליבן קיין בערלין נאָכדעם ווי וועסטפאַלער קעניגטום האָט געפּלאַצט) האָט געפועלט דורך דעם קאַנצלער האַרדענבערג, מ'זאָל פאַרווערן שפּילן די קאָמעדיע. אָבער דער פאַרבאָט האָט נאָך מער צערייצט דעם עולם: יעדן אָוונט האָט ער געליאַרמט אין טעאַטער, פאַרוואָס מ'שפּילט נישט די פרייַלעכע פּיעסע. די מאַכט האָט געמוזט נאָכגעבן. וואורם מיט זיין טרופּע האָט שטאַרק אויסגענומען אין אַלע גרויסע שטעט אין דייטשלאַנד.

דייטשע וויסנשאַפטלער זענען אויך נישט געשלאָפן, זיי האָבן גענומען שטורמען דעם „אייביקסטן שונא" מיט שווערער אַרטילעריע. פון אייניקע אוניווערסיטעטן, נעסטן פון רעאַקציאָנערע אידעען, האָט זיך געלאָזט הערן, אַז ס'איז שוין צייט אַ סוף צו מאַכן צו דער עמאַנסיפּאַציע. די ערשטע האָט דעם פּאַרדינבסט דערינגען די בערלינער „היסטאָרישע רעכט־שול" (סאַוויניאַי), וואָס האָט געשמידט וויסנשאַפטלעך געווער פאַר דער פּאָליציי־מלוכה. אָנגעהויבן האָט

די אַנטיסעמיטישע ליטעראַרישע קאַמפּאַניע פּרידריך ריוס (Rühs), פּראָפעסאָר
פון געשיכטע אין בערלינער אוניווערסיטעט. די יאָרן 1815—1816 האָט ער אַרויס
געלאָזט, אין צוויי אויסגאַבן, אַ ווערק „וועגן יידישע פּרעטענזיעס אויף צו זיין
דייטשע בירגער״ און האָט דאָ אָנגעווענדט די פּרינציפּן פון „אַ קריסטלעך=נאַציאָ=
נאַלער״ מלוכה. דער יסוד פון יעדער בירגער=געזעלשאַפט איז די אייניקייט אין
שפּראַך, אין רעליגיע, אין נאַציאָנאַלע געפילן און שטימונגען. יידן זענען אַ נאַציאָן
צעשפּרייט אויף דער גאָרער וועלט, מיט אַ באַזונדער רעליגיע, מיט אַ באַזונדער
שאַרף=אויסגעשפּראָכענעם כאַראַקטער, ממילא קאָנען זיי נישט ווערן איינס מיט
דער דייטשער בירגער=געזעלשאַפט. יידן האַלטן זיך פאַר „אתה=בחרתנו״, זיי האָ=
בן אַן אייגענע „רבנ׳ישע אַריסטאָקראַטיע״, האַלטן פון אייביק אָן פון האַנדל,
נישט פון פּראָדוקטיווער אַרבעט. יידן קאָן נישט געגעבן ווערן קיין בירגער=רעכט,
אין בעסטן פאַל קאָנען זיי האָבן רעכט פון אויסלענדער. מ׳דאַרף זיי באַשטייערן
מיט ספּעציעל אַ „יידישן שטייער״, מ׳דאַרף נאָרמירן זייער נאַטירלעכן צוואוקס,
זייער צעשפּרייטן זיך אין דייטשלאַנד, זייער אַנטייל אין עקאָנאָמישן לעבן
ס׳שאַדט נישט, יידן זאָלן טראָגן דעם מיטלאַלטערישן צייכן אויף דעם אָנטון, אַ מי=
„נאַציאָנאַל סטענגע״, מ׳זאָל זיי דערקענען. יידן האָבן איין וועג צו ווערן ביר=
גער: זאָלן זיי ווערן קריסטן.

די דאָזיקע ווילדע תורה פון אַ נאַציאָנאַלער מלוכה איז געווען זייער צו
דער צייט; ריוס ביכל האָט אויסגענומען; צו דעם פּאָפּולערן פּראָפעסאָר זענען
צוגעשטאַנען מפרשים און נאָכזאָגער. פּריס (Fries), אַ היידלבערגער פּראָפע=
סאָר, איז פאַרגאַנגען נאָך ווייטער פאַר זיין בערלינער קאָלעגע. אין אַ פּאַמפלעט
מיטן נאָמען „די יידישע געפאַר פאַר די דייטשנס וואויל און כאַראַקטער״ (1816)
זאָגט ער, אַז די נייע געזעצגעבונג „איז ווילד געוואָרן פונם הומאַניזם״ פונם
XVIII יאָרהונדערט, און דעריבער האָט מען געקאָנט באַגיין אַזאַ שרעקלעכן פעָ=
לער, ווי אַריינעמען יידן אין דער בירגער=געזעלשאַפט. גערעכט איז די פאָלקס=
מאַסע, וואָס זי האָט אינסטינקטיוו פיינט יידן, ווייל זי פילט אין זיי אַ פיינטלעכע
נאַציע, וואָס איז פאַרדאָרבן נאָך פון די אָבות אָן און וואָס זי דעמאָראַליזירט
אַנדערע. דער געלערנטער דייטש האַלט פונם „מאַסנאינסטינקט״, נישט פונם „פאַר=
ווילדעטן הומאַניזם״; ממילא ווייסט ער זיכער, ווי צו פאַרענטפערן די יידנפראַ=
גע. דער לעצטער צוועק איז — פטור ווערן גאָר פון יידן; אַ מיטל דערצו איז —
אָפּשוואַכן יידישע אַחדות דורך דעם, וואָס ביי יידן זאָלן אָפּגעשאַפט ווערן קהלות
און רבנים, מ׳זאָל נאָרמירן יידישע חתונות צו פאַרמינערן די צאָל יידן, יידן
זאָל מען פאַרטרייבן פון דערפער, שווערער מאַכן זיי דעם האַנדל, מאָנען אַ „טאָ=
לעראַנץ=שטייער״ און זיי אָנהענגען די געלע לאַטע אויפן אָנטון. פּריס האַלט דאָס
פאַר אַ מיטל צו ראַטעווען דייטשלאַנד פון יידן. זאָל אָבער דער דייטשער בונד
אים נישט פאָלגן, אַזוי וועלן דייטשן „אין פערציק יאָר אַרום ווערן קנעכט ביי יידן״.

צו די צוויי ערשטע פידלען אינם דייטשן אַנטיסעמיטיזם איז צוגעשטאַנען

אַ גאַנצע מחנה שרייבער און טינטלער, וואָס האָבן פֿאַרפּלייצט דעם ביכער־מאַרק מיט פּאַמפֿלעטן. די „דייטשיש־קריסטלעכע" אידעע האָט דעמאָלט אויסגעבראַכט נישט ווייניק נאַרישע האַס־רעדעס, בויך־סברות און פּראַקטישע רעצעפּטן. אַמאָל פֿלעגט זיך אָבער הערן אַ פֿאַרנונפֿטיקע שכ״ל אויך; אין דייטשלאַנד זענען נאָך געווען מענטשן, וואָס האָבן נישט אויסגעטון זיך גאָר פֿון די הומאַניסטישע געבאָטן פֿונם XVIII יאָרהונדערט. דער אַלטער יאָהאַן עוואַלד, אַ דייטשער געלערנטער פּאַסטאָר האָט זיך אָנגערופֿן אויף ריוס טעאָריע, אַז די דייטשיש־קריסטלעכע געזעלשאַפֿט זאָל בעצם אין דער נאַטור זיין פֿיינטלעך צו יידן. דאָס יאָר 1816 האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ ווערק: „געדאַנקען ווי איינצואָרדנען יידן אין קריסטלעכע מלוכות" (קאַרלסרוהע); דאָס יאָר 1817 האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ צווייטע שריפֿט: „דער גייסט פֿון קריסטנטום און פֿונם אמתן דייטשן פֿאָלק", — אַן ענטפֿער אויף ריוס צווייט ווערק: „די רעכט פֿון קריסטנטום און פֿונם דייטשן פֿאָלק קעגן יידישע פּרעטענזיעס און קעגן זייערע אַדוואָקאַטן". עוואַלד האַלט, אַז די מלוכה דאַרף אָנווענדן אַפּוטרופּסות, ער גלויבט אָבער, אַז דורך „בילדונג" קאָן מען מאַכן פֿון יידן נוצלעכע בירגער, ווי מיר זעען דאָס אין פֿראַנקרייך און אין אַנדערע לענדער, וואו מ'האָט עמאַנסיפּ'רט יידן. נאָך שטאַרקער האָט געשריבן אַ ביירישער פּובליציסט קרעמער („יידן און זייערע גערעכטע פּרעטענזיעס אין קריסטלעכע מלוכות"): אַ ייד איז נישט קיין פֿרעמדער, ער איז אַ תושב אין דער מלוכה און פּאַקטיש איז ער אין דער בירגער־געזעלשאַפֿט. די מלוכה איז מחויב צו באַפֿרידיקן זיינע גערעכטע פֿאָדערונגען, — ער זאָל קאָנען פֿריי אַנטוויקלען זיינע כוחות און פֿעאיקייטן, די מלוכה דאַרף אים גלייכשטעלן אַקעגן געזעץ גלייך מיט אַנדערע, אים צולאָזן צו אַלע אַרבעט־צווייגן, דרך ארץ האָבן פֿאַר זיין רעליגיע, בייַשטיין אים אין זיין פֿאַרמעג. די רעגירונג פֿון איר זייט קאָן, געווינטלעך, שטעלן יידן געוויסע פֿאָדערונגען און קאָנדיציעס, זי טאָר זיי אָבער נישט דערנידעריקן, אויסשליסן זיי פֿון דער בירגער־געזעלשאַפֿט.

ווי אַזוי האָבן זיך יידן אָנגערופֿן אויף דעם ליטעראַרישן שטרייט, וואָס איז זיי אַזוי נוגע געווען? מ'דאַרף זאָגן, אַז דער ווידערשטאַנד האָט נישט געהאַט די שטאַרקייט, וואָס דער אָנפֿאַל. יענע צייט האָבן נאָך דייטשע יידן נישט געהאַט קיין גרויסע שטרייט־קרעפֿטן. בערנע האָט יענע יאָרן ערשט געשאַרפֿט אַ מעסער קעגן דער דייטשער רעאַקציע בכלל און האָט געהאַלטן ערב אַוועקגיין פֿון יידן. ריסער איז נאָך געווען אַ יינגל. איז געבליבן די הכנעה'דיקע אַפּאָלאָגעטן פֿון פֿרידלענדער־יאַקאָבסאָן'ס חדר. מיכאל העס, אַ לערער אין פֿראַנקפֿורטער „פֿילאַנטראָפּין", האָט אַרויסגעלאָזט אַ ביכל „אַן אָפֿענע קריטיק אויף פּראָפֿעסאָר ריוס ווערק" (1816). מער איז ער זיך מתנצל, איידער ער רייסט אַרונטער יענעמס מאַסקע: יידן האָבן געווייגטלעך אַסך חסרונות, אָבערגלויבן און שלעכטע זיטן; צי קאָן מען אָבער אין איינע צען יאָר פֿאַרריכטן, וואָס הונדערטער יאָרן קנעכטשאַפֿט האָבן איבערגעפֿירט? זאָלן זיך די וואויל־

געשטימטע רעגירונגען ערנסט נעמען צו רעפאָרמירן יידן, — וועלן יידן גייסטיק, סאָציאַל אויפגעלעבט ווערן נישט צו דערקענען. ס. צימערן, אַ היידעלבערגער סטודענט, האָט אָפּגעענטפערט דעם היימישן אַנטיסעמיט פריס'ן: יידישע „פּאָליטישע" (נאַציאָנאַלע) אחדות איז אַ בבא-מעשה. דייטשע יידן האָבן שוין אָפן געזאָגט, אַז זיי ווילן געהערן גאָר צו דער דייטשער בירגער-געזעלשאַפט. זיי ווילן זיך אַרויסרייסן פון די קלעמען פון אַ „האַנדל-קאַסטע", וואָס דער אַלטער רעזשים האָט זיי דאָרט פאַרקוועטשט. זיי האָבן שוין אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם יאָך פון רבנים און אָפּגעשלאָסנקייט. די פּובליציסטן פון „שולמית", י. וואָלף און ג. סאַלאָמאָן, האָבן פאַרטיידי'קט דעם „כאַראַקטער פון יודאַאיזם" קעגן ריוס און פריס אָנפאַלן (1817); זיי האָבן אָנגעוויזן דעם חלוק פונם אַלטן יודאַאיזם ביזן נייעם, דעם רעפאָרמירטן, וואָס האָט זיך שוין אָפּגערייניקט פון פסולת.

אין שטרייט האָט זיך אַריינגעמישט אַ קריסטלעכער טעאָלאָג אַ ראַציאָנאַליסט, פּאַאולוס פון היידעלבערג, אַ באַגאַבטער שרייבער, וואָס האָט שפּעטער פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט אין דער פּובליציסטיק וועגן דער יידנפראַגע. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ בוך „מיינונגען פון קריסטלעכע און יידישע געלערנטע וועגן פאַרבעסערן די לאַגע פון אָנגעהעריקע צו דער יידישער אמונה" (1817) און האָט דאָ געזאָגט אַ ניי וואָרט. דאָס נייס איז, וואָס ער האָט אָפּגעוואָרפן די סקאַרבאָווע טענות און האָט אויפגעדעקט דעם אמת'ן תוך פון דער יידנפיינטשאַפט אַזוי ווי דער מחבר גופא באַנעמט דאָס. אַלע מאַכן איין גרינדלעכן פעלער: מ'רעדט תמיד פון גלייכבאַרעכטיקן דעם כלל יידן בירגערלעך אָדער פּאָליטיש, בעת ס'לאָזט זיך רעדן נאָר וועגן יעדן יידן באַזונדער, ער זאָל זיך בירגערלעך גלייכשטעלן: אויב דער אָדער יענער ייד קאָן זיך גלייכן לויט זיין דערציאונג און לעבנסשטייגער צו די בעסטע צווישן דייטשן, אויב ער איז פאַקטיש גלייך מיטן דייטש, דאַרף ער געזעצלעך אויך באַגלייכט ווערן. דאָרט, וואו מ'איז אינעווייניק נישט גלייך, קאָן קיין רייד נישט זיין פון אויסנווייניק גלייך זיין. די מלוכה, וואָס וואָלט מיטאַמאָל גלייכבאַרעכטיקט אַלע יידן, וואָלט באַשאַפן אַ גוואַלדיקע סתירה צווישן געזעץ און לעבן. „דער דאָזיקער פעלער נעמט זיך דערפון, וואָס יידן גופא האַלטן זיך פאַר אַ באַזונדער פאָלק, כאָטש זיי זענען צעזייט צווישן אַנדערע פעלקער. ווען רעגירונגען ווענדן זיך צו יידן, מיט גוטס אָדער מיט שלעכטס, אַלס צו אַ גאַנצן קאָלעקטיוו, איז דערמיט שטיצן זיי נאָר אַזאַ יידישע אָפּגעשלאָסנקייט. טיילט אָבער אויס דעם יחיד פונם כלל און גיט יעדן רעכט אַזוי ווי ער פאַרדינט, וועט ווערן אויס יידישע אָפּגעזונדערטקייט און אַ ייד וועט געהערן צום יידנטום נישט מער ווי צום קריסטנטום". בכן פאָדערט פּאַאולוס פון יעדן יידן באַזונדער אַן עקזאַמען אויף בירגערלעכער און פּאָליטישער רעכטפעאיקייט: אַ ייד זאָל זיך קודם כל אויסטון פון זיין כלל, אויסוואָרצלען אין זיך אַלצדינג, וואָס שטימט נישט מיטן טיף דייטש. אַזאַ פאָדערונג, יידן זאָלן זיך

לחלוטין אַסימילירן, איבעררייסן גאָר מיט זייער נאַציאָנאַל-אייגנס, — שטאַמט אייגנטלעך פון דער קריסטלעך-נאַציאָנאַלער אידעע, פון דערזעלבער אידעע, וואָס האָט באַגייסטערט ריוס׳ן און זייַנע מיטטוער אויף שאַרפערע אָנפאַלן.

די געהויבענע ביכער טעאָריעס האָבן אָפּגעשפּיגלט אַ וואָכעדיקע לעבנס-פּראַקטיק. דער דייטשער שאָוויניזם האָט אומברחמנותדיק אויפגעפרעסן אַלץ, וואָס האָט געשמעקט מיט מענטשלעכקייט, גלייכקייט, פרייהייט. די אידעע פון אַ „דייטשיש-קריסטלעכער מלוכה" האָט אַלעמען פאַרדרייט דעם קאָפּ; זי האָט פאַרכאַפּט די דייטשע סטודענטנשאַפט, דאָ איז דאָס געוואָרן אַ געמיש פון ראָמאַנטישע חלומות פאַר אַלטע ריטערצייטן מיט אַן „אָפּאָזיציע" קעגן דער רעגירונג, וואָס בלייבט הינטערשטעליק אַקעגן האַסטיקן מאַרש פון „פּאַטריאָטיזם". די געמיינסטע רעאַקציע האָט זיך רעוואָלוציאָנעריש געשלייערט... אין אַזאַ שטיקנדיקער לופט פון מיטלאַלטערישע זומפּן האָט זיך ווידער געלאָזט הערן דער אַלטער דייטשער געשריי: העפּ — העפּ! פּריזומער דאָס יאָר 1819 איז דייטשלאַנד אויפגערעגט געוואָרן פון אַ פּאָליטישן מאָרד: אַ סטודענט זאַנד, פון דער יונגער פּאַטריאָטישער רעאַקציע, האָט דערהרגעט אין מאַנהיים אַ רוסישן דיפּלאָמאַט קאָצעבו, אַ פאַרטרעטער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעאַקציע. רעגירונגען האָבן מיטאַמאָל באַקומען שרעק פאַרן שאָטן פון דעמאַגאָגיע און טעראָר און האָבן אָנגעהויבן ווילדעווען, שטיקן יעדע פּאָליטישע פרייהייט אין געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און אין דרוקזאַכן. דער פאַרהאַלטענער שטראָם דייטשיש-קריסטלעכע ליידנשאַפטן האָט זיך געזוכט אַן אויסוועג, ער האָט געזוכט וואו אויסצובערענגען זיין קריגערישע ענערגיע, און האָט געפונען: יידן.

אויגוסט דאָס יאָר 1819 האָט מען אויף די גאַסן אין אַ סך דייטשע שטעט געקאָנט צוזען מיטלאַלטערישע סצענעס, וואָס האָבן געקאָנט צופרידנשטעלן די עקזאַלטירטע ראָמאַנטיקער: מחנות בירגער און יונגען זענען פול געווען די גאַסן; מיט געשרייען hep-hep, Jude verreck האָבן זיי זיך אַריינגעריסן אין יידישע הייזער, געשלאָגן, פאַרניכטעט האָב און גוטס; אין אייניקע ערטער האָבן זיי גאָר פאַרטריבן די רואינירטע יידן פון דער שטאָט. די פּאָגראָמען האָבן זיך אָנגעהויבן אין בייערן. אין ווירצבערג האָבן סטודענטן-פּאַטריאָטן אויסגעפּייפט און פאַרטריבן פון אוניווערסיטעט פּראָפעסאָר ברענדעל (ער האָט געשריבן אַ גוט וואָרט פאַר יידן); דאָס איז געוואָרן אַ פּאָגראָם-סיגנאַל (דעם 2-טן אויגוסט). אָרטיקע בירגער, דייטשע קרעמער, וואָס האָבן שוין לאַנג געשאַרפט די ציין אויף יידישע קאָנקורענטן, האָבן געבראָכן יידישע קראָמען, פאַרניכטעט סחורות. ווען יידן האָבן זיך געפּרובט ווערן מיט שטיינער, מיט שטעקנס, איז די באַנדע אַריין אין אַזאַ רציחה, אַז זי האָט גענומען שלאָגן און הרג׳ענען יידן. מ׳האָט אַרויסגערופן סאָלדאַטן, און זיי האָבן קוים אָפּגעשטעלט דאָס בלוטיקע געשלעג. אויף מאָרגן האָבן די בירגער אויסגעפירט ביי דער מאַ ט, מ׳זאָל פאַרטרייבן יידן פון ווירצבערג 400 נפשות האָבן געמוזט פאַסירן

ווייערע וואוינונגען, זיי זענען געבליבן לאַגערן הינטער דער שטאָט און די דערפער אַרום. ענלעכע פּאָגראָמען זענען פאָרגעקומען אין באַמבערג און אין אַנדערע בייערישע שטעט. פון דאָרט האָט זיך דאָס פּאָגראָם־פייער איבערגעוואָרפן אויף באַדן. אין די שטעט קאַרלסרוהע, היידעלבערג, מאַנהיים האָט מען אויך געקאָנט הערן: „העפּ־העפּ, אַ טויט צו יידן!“; קיין מאַסן־אָנפאַלן זענען אָבער דאָ נישט פאָרגעקומען, געליטן האָבן איינצעלנע יידן. אין היידעלבערג איז דאָס שיער נישט געקומען צו אַ געשלעג אין גאַס, די מיליציע האָט נישט געוואָלט שיצן יידן, עטלעכע פּראָפעסאָרן און סטודענטן, וואָס זענען נישט אַזוי ווייט פאַרסמט געווען מיט אַנטיסעמיטיזם, האָט מען צו פאַרדאַנקען, וואָס ס'איז נישט געקומען צו אַ שרעקלעכער בלוטבאָד.

אַ רעכטע נעסט פאַר פּאָגראָם־אַגיטאַציע איז געווען פראַנקפורט ביי מאַין, דאָרט האָט נאָך געקאָכט דער שטרייט צווישן בירגער און יידן וועגן גלייכבאַרעכטונג. אָנגעהויבן האָט מען פון ברעכן שויבן אין יידישע הייזער און טרייבן יידן פון עפנטלעכע שפּאַציר־פּלעץ, צולעצט האָט דאָס דערלאַנגט אַזוי ווייט, אַז אַ ווילדע באַנדע אָנגעשטעלטע און מייסטערגעזעלן האָבן זיך אַריינגעריסן אין יידישע הייזער און אין געשעפטן אין געטאָ, (דעם 10־טן אויגוסט). אַ סך יידן האָבן פאַסירט פראַנקפורט. ס'האָט זיך געקליבן אָפּפאָרן אַ נ ס ע ל ם ר וי ט ש י ל ד אויך, אַ שעף פון דער באַנקפירמע, וואָס האָט זיך גיך פאַרצווייגט אין גאַנץ אייראָפּע און האָט געהאַט אין די הענט די פינאַנסן נישט פון איין קעניגלעכער דינאַסטיע. דעמאָלט האָבן זיך פראַנקפורטער רעגירער געכאַפּט, דערהויפּט די פירער פונם דייטשן בונד־סיים „בונדעסטאַג“, וואָס פלעגט זיך צונויפקומען אין דער פרייער שטאָט ביים מאַין, ס'איז זיך צונויפגעקומען אַן עקסטרע־באַראַטונג פון דעם בונדעסטאַג, וואָס האָט געהאַט געלט־געשעפטן מיט רויטשילדן, און האָט באַשלאָסן איינשטעלן אָרדנונג מיט אַ מיליטער־מאַכט; דאָס איז געווען גענוג: ס'איז שטיל געוואָרן! די פריי־שטאָט האַמבורג האָט אויך מקיים געווען די מצוה פון פּאָגראָם־מאַכן; פריער נאָך האָט די שטאָט באַוויזן העלדנמוט: זי האָט אָפּגענומען ביי יידן די גלייכבאַרעכטונג. האַמבורגער האָבן דאָס געמאַכט מיט אַ סדר: אין געוויסע טעג (דעם 21—24 אויגוסט) האָבן זיי געבראָכן שויבן, באַליידיקט וואו נאָר מ'האָט געטראָפן אַ יידן, געטריבן יידן פון עפנטלעכע ערטער; יידן האָבן זיך געפּרובט אַקעגנשטעלן, אָבער דער סענאַט האָט זיי שטרענג באַפוילן „אויסמיידן געלעגנהייטן צו רייסערייען“. שוואַכער איידער אומעטום האָט זיך די פּאָגראָם־שטימונג געלאָזט פילן אין פּרייסן; דעמאָנסטראַציעס זענען פאָרגעקומען אין דיסעלדאָרף, אין דאַנציג און אַנד. די רעגירונג האָט דאָ געהאַלטן רעאַקציע פאַר איר מאָנאָפּאָל און האָט אַליין פּראַקטיקירט אַן אַנטיסעמיטישע פּראָגראַם. אַנטיסעמיטן האָבן זיך נישט געקאָנט באַקלאָגן און האָבן נישט באַדאַרפט אָנקומען צו גאַסן־פּאָגראָמען: די מאַכט האָט דאָס אַליין געטון אין דער געזעצגעבונג.

די פּאָגראָם-באַוועגונג האָט צוגעגעבן מוט דער אַנטיסעמיטישער ליטעראַטור, זי איז אַרויס מיט אַ ווילדער גאַסן-שפּראַך. סוף יאָר 1819 איז אַרויס אַ פּאַמפלעט „יודענשפּיגעל" פון איינעם אַן „אַדעלמאַן" גונט-ראַדאָווסקי. דאָ איז געווען אָפן געזאָגט: ברעכט, שלאָגט! דער מחבר זאָגט וועגן זיך מיט שטאָלץ, אַז כאָטש „ער האַלט, אַז הרגענען אַ יידן איז קיין זינד נישט און קיין פאַרברעך נישט, נאָר איבערגעטרעטן אַ פּאָליציי-פאַרבאָט", פונדעסטוועגן איז איט ליבער אַנדערש צו קעמפן קעגן יידן. די נייע מעטאָדע איז: פאַרקויפן וואָס מער יידן צו ענגלענדער, זאָלן זיי שטעלן יידן צו דער אַרבעט אויף די פּלאַנטאַציעס מעבר לים אָנשטאָט נעגערס; דאָס רעשט ביסל יידן זאָל מען סורס זיין. יידן זאָלן זיך נישט קאָנען מערן, יידישע פרויען זאָל מען אָפּגעבן אין שאַנד-הייזער; אין ערגסטן פאַל קאָן מען פון זיי פּטור ווערן אין דייטשלאַנד מיט פּאָגראָמען און אַרויסטרייבן „אַזויווי פּרעה האָט דאָס געטון, אָדער אונזערע בירגער אין מייניגנען, ווירצבערג און פראַנקפורט". גונטס פּאַמפלעט איז געווען ווי העסלעך, אַז די פּרייסישע רעגירונג אַפילו האָט אים געמוזט קאָנפיסקירן. דאָס ביכל איז זיך פונדעסטוועגן שטאַרק צוגאַנגען, אַזוי ווי אַנדערע שרייבעכטסן פון דעם סאָרט, וואָס האָבן געדרייצט די געמיינסטע אינסטינקטן ביים המון. יידנהאַס איז אַזוי ווייט געוואָרן מאָדע, אַז פּאַסטאָר טערעמין, דער דייטשער איבערזעצער פון בייראָנס „יידישע מעלאָדיעס", האָט געמוזט נעבאַך זאָגן אויף זיך אַזאַ התנצלות אין דער הקדמה: „איך פאַרהאָף, אַז מיט דער דאָזיקער איבערזעצונג באַגיי איך קיין ביז נישט קעגן קריסטנטום, מ'וועט מיך נישט חושד זיין, אַז איך האַלט פיל נישט איז מיט יידן". צו אַזאַ ווילדשאַפט איז דאָס געקומען אין דייטשלאַנד: קריסטלעך האָט דאָ געהייסן אַזוי גוט ווי יידנפיינטלעך... אין איין ביכל ווערט שטאַרק געריימט זאַנד'ס העלדנטאַט, און דאָ דערביי רעדט זיך פון אַקטיוון „קריסטלעכן האַס" צו יידן, ס'וועט שוין קומען פאַר יידן דער „יום-הדין". דאָס איז געוואָרן פון „קריסטליכער ליבע" אין האַרצן ביי דער „דייטשיש-קריסטלעכער" געזעלשאַפט!

די געשעענישן דאָס יאָר 1819 זענען געווען אומגעריכט פאַר דער יידישער אינטעליגענץ; זי האָט זיך נישט געריכט, אַז אַנטיסעמיטן זאָלן אַזוי גיך איבערגיין פון ווערטער צו מעשים. דער אַלטער דוד פרידלענדער האָט זיך אָנגערופן נאָר אויף דער אַנטיסעמיטישער העצע אין דער ליטעראַטור, 1) נישט אויף די גאַסן-פּאָגראָמען. ער האָט געקרעכצט אויף די פאַרגאַנגענע צייטן פון הומאַניזם און האָט נישט געפינען צו זאָגן קיין איין וואָרט, וואָס זאָל אָנווייזן אַן אויסוועג אין דער איצטיקער לאַגע. די געוועזענע שטערן פון די יידישע סאַלאָנען, הענריעטע הערץ און רחל וואַרנהאַגן, האָבן קורץ פאַר די פּאָגראָמען זיך אויף לעצט אָפּגעזעגנט מיט יידן: זיי האָבן זיך געטויפט. דער פּיין פונם

1) זיין ביכל הייסט: „שרייבער פונם 19-טן יאָרהונדערט רודפ'ן יידן" (1820).

פאַרלאָזטן פאָלק האָט זיי געקאָנט פאַרשאַפן אַ ביטער געפיל, אָבער דאָ אויפן
אָרט האָט מען זיך געפינען אַ טרייסט: פאָגראָמען „מאַכט נישט דאָס פאָלק (דאָס
דייטשע): אַזוינע פראָפעסאָרן, ווי ריוס און פריס, און אַנדערע הויכגעשטעלטע
פערזאָנען מיט פאַראורטיילן האָבן דאָס פאָלק אויסגעלערנט נאָר צו שרייען:
„העפ-העפ" (אַזוי שרייבט רחל וואַרנ האַגן אין אַ בריוו.) ס'איז געווען אַ מאַן, וואָס
וואָלט דאַמאָלט באַדאַרפט זאָגן דאָס שטאַרקע וואָרט די ווילדע ריטער פון
קריסטלעכער מאָראַל, דאָס איז געווען לודוויק בערנע, וואָס האָט אַליין גע-
שטאַמט פון פראַנקפורטער געטאָ. אָבער צו יענער צייט האָט שוין בערנע נישט
געקאָנט ריידן אַלס ייד פאַר יידן: אַ יאָר פאַר די פאָגראָמען האָט ער זיך גע-
טויפט, כּדי מיט פרייע הענט צו קעמפן פאַר פאָליטישער פרייהייט. נישט קיין
יידישער ווי האָט זיך געהערט ביים פייערדיקן טריבון דאָס יאָר פון דייטש-
לאַנדס שאַנד און יידישע אינקוויזיציע, נאָר אַ דייטשער רעוואָלוציאָנערער פראָ-
טעסט (זע ווייטער § 14). אָבער יידן האָבן זיך עפּיס אָפּגעלערנט פון דעם פינסטערן
יאָר: אַ סך פיינערע נאַטורן, האָבן אָנגעהויבן נאָכצוקלערן. אַסך, וואָס זענען
געווען פאַרכּישופט פון דער דייטשער קולטור און זענען שוין געשטאַנען מיט
איין פיס אויף יענער זייט, האָבן זיך צוריקגעכאַפּט, מ'האָט אָנגעהויבן ווערן קע-
גען דאָס היסטאָרישע יידנטום, ס'איז געוואָרן אַ פאַרלאַנג אויפצומונטערן דאָס
איצטיקע יידנטום. אַזאַ באַוועגונג האָט געבראַכט צו געוויסע רעזולטאַטן אין
יידישן גייסטיקן לעבן; מיר וועלן דאָס ווייטער זען.

§ 3. דער שטרייט אין פראַנקפורט, קנעכטשאַפט אין די פריישטעט.

די דייטשע געזעלשאַפט האָט מלחמה געהאַלטן קעגן יידן, רעגירונגען
האָבן אויך נישט געוואָלט בלייבן הינטערשטעליק; יעדע רעגירונג אין די דייטשע
לענדער האָט געפּ״רט דעם קריג אויף איר שטייגער. אָנגעהויבן האָבן די פריי-
שטעט; זיי זענען נאָך אויפן ווינער קאָנגרעס באַשטאַנען אויף זייער רעכט צו
האַלטן יידן אויף אַ קייט. די צווייטדייטיקע רעדאַקציע פון פונקט 16 אין די „בונ-
דעס-אַקטן" האָט אויפגעבונדן די הענט פראַנקפורט און אַנדערע פריישטעט; זיי
האָבן גענומען צוריק איינפירן יידישע רעכטלאָזיקייט אַזוי ווי זי האָט אויסגע-
זען פאַר די פראַנצויזישע „נייע מאָדעס". די קורצע צייט פרייהייט איז אָבער
פאַר יידן נישט פאַרלאָרן געגאַנגען: דאָס זענען שוין געווען נישט אַמאָליקע דער-
שלאָגענע געטאָ-יידן, וואָס האָבן הכנעהדיק געטראָגן דעם יאָך, נאָר מענטשן,
וואָס ווייסן שוין צו קעמפן פאַר רעכט. פראַנקפורטער יידן האָבן געוויזן, ווי
אַזוי בייצושטיין זייער רעכט. 10 יאָר האָט געדויערט זייער געראַנגל מיטן
פראַנקפורטער סענאַט (1814-1824); ס'האָבן זיך אַריינגעלייגט: דער ווינער קאָנ-
גרעס, דער בונד-סיים אָדער „בונדעסטאַג", יורידישע פאַקולטעטן, די פרעסע.

אויסגעלאָזט האָט זיך מיט אַ פּשרה: מער געוווּנען האָט דער שטאַרקערער איי־ דער דער געוועזענער, אָבער ס׳איז קלאָר געווען, אַז יידישע דערשלאָגנקייט האָט זיך שוין געפעלט אויף אייביק.

נאָכן ווינער קאָנגרעס האָט דער פראַנקפורטער סענאַט גענומען צוריק איינפירן דעם אַלטן רעזשים פאַר יידן: צוריק די געטאָ, די נאָרם פאַר יידישע חתונות, די באַגרעניצן אין פּראָפעסיעס. די יידישע קהלה איז אַרויס מיט אַ שאַרפן פּראָטעסט. זי האָט דערלאַנגט דעם „בונדעסטאַג" אַ היפשן מעמאָראַנדום (נאָוועמבער 1816); דער פאַרשטעלטער מחבר פון דעם איז געווען לודוויג בער־נע, דער קינפטיקער פלאַמפייער פון דעם „יונגן דייטשלאַנד". אין מעמאָראַנדום ווערן געבראַכט וויכטיקע יורידישע און פּאָליטישע ראיות, וואָס באַווייזן, אַז פראַנקפורטער סענאַט האַנדלט אומגערעכט קעגן יידן: ער איז מבטל הן דעם יידישן אָפּמאַך מיטן געוועזענעם גרויסהערצאָגלעכן רעגירער, הערצאָג דאַלבערג, הן דעם אמתן זין פון דעם באַשלוס אין ווינער קאָנגרעס, אַז יידן בלייבן ביי זיי־ ערע רעכט, וואָס זיי האָבן באַקומען ביזן קריג. דער בונדעסטאַג האָט איבער־ געשיקט דעם מעמאָראַנדום דעם פראַנקפורטער סענאַט און געבעטן אַ דערקלע־ רונג. דער סענאַט האָט אָפּגעענטפערט (מאַי 1817) אויף אַלע יידישע „פּרעטענ־ זיעס": פראַנקפורטער שטאָט־רעגירער האָבן שטאָקאַלטע פּריווילעגיעס, דאָס יאָר 1616 האָבן זיי אויף דעם סמך געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט יידן, אַריינגעלאָזט זיי קיין פראַנקפורט, אָבער אין אַ באַזונדער קוואַרטאַל און מיט באַגרעניצטע רעכט. אַ פרעמדע הערשאַפט האָט די לעצטע יאָרן געענדערט די דאָזיקע אָרדנונג, איצט אָבער ווען די אָרטיקע מאַכט איז צוריק גילטיק, דאַרף צוריק גילטיק זיין דער אַלטער אָפּמאַך אויך. צום ענטפער האָט דער סענאַט צוגעלייגט אַן „איי־ זערנעם" דאָקומענט: די מיינונג פונם יורידישן פאַקולטעט פון בערלינער אוני־ ווערסיטעט, מיט חתימות פון סאַוויניאי און אייכהאָרן, די פירער פון דער רעאַק־ ציאָנערער „היסטאָרישער רעכטשול". דער פאַקולטעט האָט געבראַכט אַזוינע ראיות: אין מיטלאַלטער זענען יידן געווען „קאַמערקנעכט", (קסרים׳ס קנעכט); אין פראַנקפורט האָבן קסרים אָפּגעטרעטן זייער מאַכט אויף די דאָזיקע קנעכט דער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג; בכן קאָן די דאָזיקע זעלבסטפאַרוואַלטונג טון מיט יידן, וואָס זי וויל. ס׳איז נישט אין דעם בונדעסטאַגס רשות צו מישן זיך אין אַזאַ פראַגע, וואָרום דאָס איז אַן אינעווייניקסטער ענין אין דער פאַר־ וואַלטונג ביי דער פריישטאָט.

פראַנקפורטער קהלה האָט אָפּגעענטפערט אויף דער מיינונג פון בערלינער יוריסטן, וואָס ווילן אייַנרעדן, אַז געטאָ און קנעכטשאַפט דאַרפן ווייטער עקסיס־ טירן, ווייל אונטערדריקער האָבן דערויף אַן אַלטע פּריווילעגיע. די קהלה האָט דערלאַנגט דעם בונדעסראַט אַ צוגאָב צו איר ערשטן מעמאָראַנדום: אויב דער סענאַט און זיינע יוריסטן פאַררופן זיך אויף געשיכטע, איז פאַרוואָס הויבן זיי־ אָן פון מיטלאַלטערישע „קאַמערקנעכט", נישט פון פריערדיקע צייטן, ווען יידן

האָבן זיך געמעגט באַזעצן אין אַלטן דייטשלאַנד, אַלס פרייע בירגער פון דער רוימישער אימפעריע? יידן האָבן זיך קיינמאָל נישט געהאַלטן נישט פאַר קיין קנעכט, נישט פאַר קיין לייב־אייגענע; אויף זיי האָבן געהאַט צו זאָגן קסרים, נישט קיין שטעט; בכן האָט הערצאָג דאַלבערג, דער געוועזענער איבערנעמער פון דער העכסטער מאַכט אין פראַנקפורט, געהאַט רעכט צו גלייכבאַרעכטיקן יידן. אַקעגן דער מיינונג פון בערלינער פאַקולטעט האָט די קהלה צוגעשטעלט אַ מיינונג פון גיסענער אוניווערסיטעט. דער בונדעסטאַג האָט רעכט צו מישן זיך אין דעם שטרייט, וואָרום ער דאַרף אַכטונג געבן אויף די בונדעס־אַקטן, און אין די דאָזיקע אַקטן איז פאַראַן אַ פונקט וועגן לאָזן יידן ביי זייערע רעכט אויך. דער סענאַט האָט ווידער אָפגעענטפערט (אָקטאָבער 1817) מיט אַ פלפול: יידן זענען געוואָרן גלייכבאַרעכטיקטע בירגער אין פראַנקפורטער גרויסה ערצאָגטום, וואָס איז געוואָרן אין נאַפּאָלעאָנס צייטן, נישט אין דער פריישטאָט פראַנקפורט; איצט איז אויס הערצאָגטום, ממילא איז אויס גלייכבאַרעכטונג, בכן איז די שטאָט־מאַכט ווידער בעל־הבית אויף יידן. 1)

דער בונדעסטאַג האָט אויסגעהערט ביידע צדדים און האָט איבערגעגעבן די זאַך אין אַ קאָמיסיע, זי זאָל באַהאַנדלען די פראַגע און דערלאַנגען אַ פשרה צווישן די צדדים (1818). מ'האָט זיך אָנגעהויבן דינגען, וואָס פאַר אַ רעכט וואָלט די שטאָדט געקאָנט געבן יידן. די שטאָדט־רעגירער זענען באַשטאַנען אויף אַזאַ הסכם: יידן בלייבן אין שטאָט אַלס „שוצגענאָסן", די געטאָ ווערט גרעסער, ס'בלייבט אָבער: אַ נאָרם פאַר יידישע חתונות, באַגרעניצן אין פראָפעסיעס און דער גאַנצער אַפּאַראַט, וואָס זאָל אַכטונג געבן אויף יידישער רעכטלאָזיקייט. די יידישע קהלה איז געוואָרן אויפגעבראַכט פון אַזאַ פאָרשלאַג און האָט שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן דעם: יידן ווילן זיך נישט אומקערן צוריק צום רעזשים פון „שוץ־יידן", אומעטום זאָל דאָס גיין פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט, נישט פאַרקערט. די פשרה־קאָמיסיע פונם בונדעסטאַג האָט פאָרגעלייגט דעם סענאַט, ער זאָל נישט באַשטיין אויפן נאָמען „שוץ־יידן" און זאָל נאָכגעבן נאָך אין אייניקע פרטים. אין סענאַט גופא איז וועגן דעם געווען פאַרשידענע מיינונגען. אַ ספּעציעלע סענאַט־קאָמיסיע האָט פאָרגעלייגט אַזוינע הנחות: פאַר יידן זאָל גילטן דער נאָמען „איזראַעליטישע בירגער", מ'זאָל זיי גרינגער מאַכן אין פּראָפעסיעס, ס'בלייבט אָבער אַ נאָרם פאַר חתונות. די יידישע קהלה איז גרייט געווען אייגגיין אויף אַזאַ פשרה, בתנאי דער סענאַט זאָל געבן נאָך אייניקע הנחות אין פּראָפעסיעס, דערהויפּט אָבער האָט זי געפאָדערט, אַז די פשרה זאָל פערפעסטיקט ווערן אַלס

1) די דאָזיקע אַלע מעמאָראַנדומס און אָפענטפערן זענען געווען נישט נאָר פאַר קאַנצעלאַריעס אַליין, נאָר פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער מיינונג. ביידע צדדים האָבן פּובליקירט זייערע מעמאָראַנדומס און די מיינונגען פון די פאַקולטעטן אין ספּעציעלע בראָשורן און פאַרשפּרייט פאַר אַגיטאַציע־צוועקן. וועגן דער פּאָלעמישער ליטעראַטור צו מעשה־פראַנקפורט זע די ביבליאָגראַפיע צום איצטיקן פּאַראַגראַף.

אַן אָפּמאַך צווישן צוויי צדדים, צווישן סענאַט און דער יידישער קהלה, נישט אַלס אַ רעגלאַמענט, וואָס דער סענאַט לאָזט אַליין אַרויס פון זיך און קאָן אים אַלע מאָל אָפּשאַפן. דער גאַנצער סענאַט האָט אָבער נישט צוגעשטימט נישט צו זיין אייגענער קאָמיסיע, וועגן דעם נאָמען „איזראַעליטישע בירגער" (יידן, הייסט דאָס, זענען דאָך גאָר בירגער!), נישט צו דער פאָדערונג פון דער יידישער קהלה, אַז דאָס זאָל זיין אַן אָפּמאַך, נישט די שטאָט-רעגירער זאָלן קאָנען טון, וואָס זיי ווילן. ביי דעם דינגען זיך איז דאָס געבליבן דאָס יאָר 1819, יענץ יאָר איז דאָס אגב געקומען צו גאַסן-אומרוען אין פראַנקפורט אויך.

פראַנקפורטער יידן האָבן געזען, אַז אַליין וועלן זיי דעם סענאַט נישט איבערשפאַרן, האָבן זיי זיך געווענדעט קיין ווין צום געוויסן מעטערניך'ן, דעם ראש וראשון אין דייטשן בונד, דעם אָפיציעלן היטער פון די „בונדעסאַקטן". פון ווין האָט מען געגעבן אָנצוהערן פראַנקפורטער סענאַט, אַז אויב ער וועט זיין איינגעשפאַרט און וועט דוקא באַשטיין אויף זיין יידנפיינטלעכער פּאָליטיק, נישט געקוקט אויף די „בונדעסאַקטן", וועט דער בונדעס ראַט אַליין פאַרענט-פערן די פראַגע. אויף דעם סענאַט האָט אָבער געווירקט נאָך אַ צד: פראַנק-פורטער בירגער האָבן ציטעריק אָפּגעהיט זייערע קרעמערישע אינטערעסן און נישט געוואָלט הערן פון קיינע הנחות יידן. אין איינעם אַ בירגערישן פאַמפלעט איז געזאָגט אַזוי: „זאָלן מיר נאָר אָננעמען דעם ליבעראַלן פּראָיעקט וועגן יידיש וואוינרעכט און האַנדל, אַזוי האָבן מיר ביי זיך אַ פאַרטיק ניי-ירושלים; אין 20 יאָר אַרום וועלן אונזערע קינדער און אייניקלעך מוזן אָפּגעבן דרך-ארץ יידן, און מ'וועט אונז פאַריאָגן אין אַ ספּעציעלער קריסטנגאַס". מחמת דער דאָזיקער אַגיטאַציע האָט דער סענאַט זיך נישט צוגעהערט צו ווינער הזהרות און האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן אין קיין פרט; די אונטערהאַנדלונגען זענען איבער-געריסן געוואָרן אויף אַ לענגערע צייט.

אָנגעהויבן האָבן זיך די אונטערהאַנדלונגען ווידער אָנהויב יאָר 1824, ווען די יידישע קהלה האָט ווידער געשטעלט דער קאָמיסיע ביים בונדעסטאַג די פראַגע: צי האַלט די קאָמיסיע מיט דעם פּאָזיטיוון קוק פון דער קהלה, אַז יידן זענען בירגער, נאָר זיי זענען מוותר אַ טייל רעכט זייערע פון שלום-וועגן, אָדער די קאָמיסיע איז מסכים מיטן נעגאַטיוון קוק פונם סענאַט, אַז יידן האָבן קיין רעכט נישט, נאָר דער סענאַט גיט זיי געוויסע רעכט לויט אַן אָפּמאַך. דאָס-מאָל האָט די קאָמיסיע זיך געשטעלט קלאָר אויף יידנס צד: זי האָט געגעבן איר הסכם אויף דעם נאָמען „איזראַעליטישע בירגער", דער נייער יידנרעגלאַ-מענט זאָל זיין אַן אָפּמאַך, נישט קיין געזעץ (וואָרום ס'איז נישט מיגלאַך, אַז איין צד זאָל מאַכן געזעצן פאַר'ן אַנדערן צד). די קאָמיסיע האָט אויך געפאָדערט, דער אָפּמאַך זאָל וואָס גיכער צושטאַנדקומען, וואָרום איבער דער אומבאַשטים-טער לאַגע איז דאָס געקומען צו העסלעכע אָנפאַלן אויף יידן דאָס יאָר 1819. די קאָמיסיע האָט אויך איינגעזען, אַז 15 חתונות אַ יאָר אויף 3000 יידישע

נפשות אַזוי חי דער סענאַט וויל „איז אומנאַטירלעך און אוממאָראַליש"; דאָס מוז ברענגען צו אומזיטלעכקייט אָדער צו פעלשן אין געזעץ.

דעם בונדעסטאַג'ס פאַרמיטלעריי האָט איצט געהאַט אַ פעולה. צווישן דער יידישער קהלה און דעם סענאַט איז געוואָרן אַן אויסגלייך. דער אויסגלייך איז פעסטגעשטעלט אין אַ רעגלאַמענט, וואָס דער בונדעסטאַג גאַראַנטירט פאַר אים (1 סעפטעמבער 1824): „איזראַעליטישע בירגער" תושבים אין פראַנקפורט זענען אַ באַזונדער קהלה, זי באַטייליקט זיך נישט אין דער שטאָט-פאַרוואַלטונג און האָט זיך איר אייגענע פירונג. יידן מעגן וואוינען אין דער גאַנצער שטאָט, מעגן פאַרווערבן הייזער, אָבער נישט מער ווי צו איין הויז אויף אַ פאַמיליע, זיי מעגן מאַכן נישט מער ווי 15 חתונות אַ יאָר (דער דאָזיקער ווילדער פונקט איז אינגיכן פאַרבעסערט געוואָרן, דאָס יאָר 1834 איז ער גאָר אָפּגעשאַפט געוואָרן). די צאָל יידישע הענדלער איז נאָרמירט (די נאָנטסטע צייט נישט מער פאַר 200 הענדלער); יידן טאָרן נישט האַנדלען מיט אייניקע זאַכן: מיט מעל, פרוכטן, באַהייצונג. אין 6 יאָר אַרום טאָרן יידן בעלי-מלאכות און פאַבריקאַנטן נישט האַלטן ביי זיך קיין קריסטלעכע אַרבעטער.

יידן זענען געווען מיד פון 10 יאָר ראַנגלען זיך, האָבן זיי געמוזט איינגיין אויף אַזאַ רעגלאַמענט, וואָס זאָל גילטן אָנשטאָט דעם אַקט עמאַנסיפאַציע פריער. אָבער ווי נאָר יידן האָבן אויפגעהערט צו שטרייטן פאַר זייער רעכט און האָבן גענומען איינגיין אויף פשרות, האָבן זיי וואָס ווייטער געמוזט אַלץ מער נאָכגעבן. זיי האָבן נאָכגעגעבן איבעריקס אין דער פראַגע וועגן קהלה'שער זעלבסטפאַרוואַלטונג. דער סענאַט האָט אָפּגענומען ביי דער יידישער קהלה דאָס רעכט צו באַטייליקן זיך אין דער שכאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג, און אַקעגן האָט ער זיך געלאָזט דאָס רעכט צו מישן זיך און האָבן אַ דעה אין דער יידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג. דער סענאַט האָט באַשטעטיקט אַזאַ סטאַטוט פאַר דער יידישער קהלה: דער סענאַט באַשטעטיקט גלידער פאַר דעם פאָרשטאַנד (קהלה-פאַרוואַלטונג); אויבן-אָן אין פאָרשטאַנד זיצט דעם סענאַטס אַ קאָמיסאַר; אָן דעם קאָמיסאַרס הסכם איז קיין באַשלוס פונם פאָרשטאַנד נישט גילטיק; דער קאָמיסאַר קאָנטראָלירט סיי די ווירטשאַפט פון דער קהלה, סיי די רעליגיעזע ענינים אויך, ווי ווייט זיי שטימען מיט מלוכה-געזעצן. געקומען איז צו אַזאַ העסלעכן מישן זיך אין אינעווייניקסטע יידישע ענינים מחמת דער שפּאַלטונג אין דער קהלה גופא צווישן אָרטאָדאָקסן און רעפאָרמיסטן (זע ווייטער § 11): יעדער צד האָט געזוכט אַ פּראָטעקציע ביים סענאַט און האָט ממילא געמאַכט אַ פרעמדע, אַ פיינטלעכע מאַכט פאַר דעה-זאָגער איבער יידישע גייסטיקע ענינים. דערפון נעמט זיך, וואָס אין רעכטן ברען רעפאָרמאַציע-שטרייט אין דער קהלה (1839) האָט דער סענאַט געהאַט די העזה צו זאָגן מיט אַן אויטאָריטעטן טאָן: „ער איז תמיד גרייט זיך קעגנשטעלן קעגן אַלצדינג, וואָס באַליידיקט דאָס געוויסן פון גלויביקע איזראַעליטן און וואָס ענדערט דעם נוסח פון דאַווענען, ער

װעט אָבער שטיצן אַלצדינג, װאָס ס'פֿאָדערט זיך פֿאַר אמת'ער רעליגיעזער דערציאונג לויט דעם צושטאַנד פֿון פּראָגרעס היינטיקע צייט". „איזראַעליטישע בירגער" זענען אַזוי װייט געפֿאַלן, אַז זיי האָבן געקאָנט דערלאָזן, פֿראַנקפֿורטער סענאַט, װאָס האָט יידן באַרויבט זייערע בירגער-רעכט, זאָל װערן אַ שיצער פֿון יידישקייט לויט זיין גוסט נאָך! יידן האָבן אָבער דאָ נישט איינגעזען קיין שום באַליידיקונג פֿאַר זיך. דער היסטאָריקער יאָסט, אַן אָנגעזעענער טוער אין דער פֿראַנקפֿורטער קהלה יענע צייט, האַלט אַזאַ איינפֿיר פֿאַר „דורכאויס צוועקמעסיק".

אין פֿראַנקפֿורט האָט דאָס געדויערט 10 יאָר, איידער רעגירער האָבן גובר געװען יידישע גלייכבאַרעכטונג, אין אַנדערע פּריישטעט איז זיי דער „נצחון" אָנגעקומען גיכער. אין פֿראַנקפֿורט האָבן יידן כאָטש געקאָנט האָבן אַ טענה: זיי האָבן באַקומען גלייכבאַרעכטונג פֿון הערצאָג דאַלבערגס הענט, דער געזעצלעכער רעגירער יענע צייט; אָבער אין האַמבורג, ליובעק, ברעמען האָבן יידן באַקומען גלייכבאַרעכטונג פֿון פֿראַנצויזישע אָקופּאַנטנס הענט, ממילא האָבן זיי זיך נישט געקאָנט פֿאַררופֿן אויף װינער „בונדעסאַקטן". דאָ האָט די פּרעפּאָזיציע (דאָס פֿירוואָרט) „פֿון" אין דעם פּונקט 16 אין „בונדעסאַקטן" אנשטאט „אין" (§ 1) געגאָלטן אַזוי גוט, אַז יידישע גלייכבאַרעכטונג איז, אויס, יידן דאַרפֿן זיך אומקערן „אין זייער רו אַריין". אין האַמבורג איז פּאָליטיק איינגעשטאַנען ביי די קריסטלעכע סוחרים אין די הענט, װאָס בערנע האָט אויף זיי געזאָגט: זיי האַסן יידן „נישט װייל זיי פֿאַרדינען דאָס, נאָר װייל זיי פֿאַר-דינען". דעריבער האָט מען געזען צו שטיקן יידן דערהויפּט אין עקאָנאָמישן פֿרט. יידן אין האַמבורג (כמעט 10 טויזנט נפֿשות) האָבן זיך נישט געטאָרט באַ-שעפֿטיקן מיט קיין צעך-מלאכות, אפֿילו, אַלס מייסטערגעזעלן און יינגלאַך אויך נישט; יידן האָבן נישט געטאָרט פֿאַרקויפֿן קיין שפּייזוואַרג לאחדים, נישט געטאָרט הויזירן. אין אַסך קוואַרטאַלן האָבן יידן נישט געטאָרט נישט װאוינען, נישט פֿאַר-הערבן קיין נחלה. יידן האָבן נישט געטאָרט זיין קיין שניידער, קיין שוסטער אָבער קיין אַדוואָקאַטן, קיין דאָקטוירים אויך נישט. יידן-יוריסטן האָט מען נישט צוגעלאָזט צו אַדוואָקאַטור, יידן-דאָקטוירים האָבן נישט געקאָנט פֿריי פּראַקטיקירן. די גאַסן-דעמאָנסטראַציעס קעגן יידן דאָס יאָר 1819 האָבן געגעבן רעאַקציאָנערן אַ פֿאַרענטפֿערונג אויף זייער העסלעכער יידן-פּאָליטיק: יידן, הייסט דאָס, טאָר מען נישט גלייכבאַרעכטיקן, װארום דאָס פֿאָלק האַסט זיי. דאָס יאָר 1830 איז אין האַמבורג אונטערן איינדרוק פֿון דער יולי-רעוואָלוציע אין פֿראַנקרייך, פֿאָרגע-קומען אַ רעוואָלוציאָנערע מאַניפֿעסטאַציע; דער המון איז דערביי באַפֿאַלן יידן. אַנטיסעמיטן האָבן דאָ איינגעזען אַ בעשטעטיקונג, אַז זייער פּאָליטיק איז ריכ-טיק. דאָס יאָר 1834 האָט אַ גרופּע יידישע טוער, מיט דעם יונגן פּובליציסט ריסער אויבן-אָן, דערלאַנגט אַ פּעטיציע דעם האַמבורגער שטאָט-ראַט, מ'זאָל יידן צולאָזן צו מלאכות און צו אַדוואָקאַטור. די בירגער האָבן אַזוינס נישט גע-

וואָלט ליידן, האָבן זיי פּראָוואָצירט אַ געשלעג צווישן קריסטן און יידן אין אַ טראַקטיר און אין גאַס (1835); נאָכדעם איז שוין געווען אַ תירוץ: מ׳קאָן נישט איבערזען די געזעצן וועגן יידן „ביז ס׳וועט נישט רואיק ווערן". אין אַזאַ בירגער־קנעכטשאַפט האָט געמוזט שמאַכטן איינע פון די קולטורעלסטע יידישע קהלות אין דייטשלאַנד — ביז דער רעוואָלוציע דאָס יאָר 1848.

נאָך גרינגער איז די רעגירער אָנגעקומען אַ נצחון איבער יידן אין די שטעט ליובעק און ברעמען. דאָ איז געווען אַן אויסרייד, אַז יידן האָבן זיך גאָר נישט געטאָרט באַזעצן אויף דער פאַרבאָטענער ערד. דער יידנפיינטלעכער סענאַט אין ליובעק האָט אויסגעטייטשט דעם פּונקט 16 אין די „בונדעסאַקטן" אַזוי ווי אים האָט געלוינט און האָט געהייסן אַלע 66 פאַמיליעס יידן, וואָס האָבן זיך „אומגעוועצלעך" אַליין באַזעצט דאָ, אַרויסקלייבן זיך פון דאַנען (סעפּטעמבער 1815). יידן זענען באַשטאַנען אויף זייער רעכט און האָבן נישט געוואָלט פאָלגן אַזאַ אוממענטשלעכן באַפעל; דעמאָלט האָט מען פאַר׳חתמ׳עט יידישע קראָמען און קאָנפיסקירט די סחורה (1816). זיי האָבן געמוזט פאַסירן די שטאָט, און באַזעצט זיך דאָ דערביי אין דעם ישוב מאָיסלינג, וואָס פון דאָרט האָבן זיי זיך פריער איבערגעצויגן קיין ליובעק. די פרייסטאַט ברעמען האָט אויך אַזוי קיין לאַנגע שהיות נישט געמאַכט מיט איר „יידנפראַגע".

§ 4 דער נצחון פון דער רעאַקציע אין פּרייסן (1815—1830)

דער וועגווייזער אין דער רעאַקציע אין דייטשלאַנד איז געווען פּרייסן. דאָס לאַנד פון אַ הויכער גייסטיקער קולטור האָט שטענדיק געצויגן צו דער נידריקסטער פּאָליטישער קולטור: פריער צו אַבסאָלוטיזם, איצט צו דער ערגסטער מאָנאַרכיסטישער קאָנסטיטוציע. די גייסטיקע קולטור גופא פלעגט דאָ אָפט אָקעגנקומען דער רעאַקציע. אין דעם נייעם אוניווערסיטעט אין בערלין איז געבוירן געוואָרן די אידעאָלאָגיע פון אַ דייטשיש־קריסטלעכער מלוכה, וואָס האָט פאַרקנעכט דייטשלאַנד אויף 30 יאָר דורכאַנאַנד. סאַוויניי און אייכהאָרן, די רעאַקציאָנערע אויפטוער פון דער „היסטאָרישער רעכט־שול", האָבן דאָ גערעדט פון די קאַטעדערס אין אוניווערסיטעט, אָפט האָבן זיי זיך געלאָזט הערן פון מיניסטאָרישע קאַנצעלאַריעס אויך; צו דער דאָזיקער שול האָט געהערט פּראָפעסאָר ריוס אויך, וואָס האָט צעבלאָזן יידנפיינטשאַפט איבער גאַנץ דייטשלאַנד. די שטימונג ביי די דעה־זאָגערישע קרייזן געזעלשאַפט האָט גאָר און גאָר האַרמאָנירט מיט דעם קעניגס שטימונג: פרידריך ווילהעלם דער III האָט געהאַלטן, אַז דער באַפרייקריג און דער נצחון האָבן אים פריי געמאַכט פון אַלע ליבעראַלע הבטחות, וואָס ער האָט געגעבן דעם פאָלק די שלעכטע יאָרן פון פראַנצויזישער הערשאַפט. ווען מ׳האָט באַדאַרפט מונטערן דאָס פאָלק צו דער

„גרויסער פעלקער־שלאַכט", האָט מען אים צוגעזאָגט איינפירן אַ פּאַרלאַמענט־רעזשים ווי נאָר דער קריג וועט זיך אויסלאָזן. איצט, ווען דער קריג איז געווען אויס, האָט מען געהאַלטן אין איין אָפּלייגן דעם צוזאָג, און צולעצט איז מען אַרויס מיט אַ חוזק אויף פּאַרלאַמענטאַריזם: מ'האָט איינגעפירט פּראָווינציעלע לאַנדטאַגן, דערהויפּט פאַר דעם אַדעל און גייסטלעכע (1823). דער געטרייער היטער פונם „הייליקן בינד", דער פרומער פּרייסישער קעניג, האָט ציטעריק געהיט זיינע אינטערעסן פון אַ מאָנאַרך — אַ זעלבסטהערשער קעגן פאָלק; אַלס אַ הויפּטמאַן פון אַ „קריסטלעכער מלוכה" האָט ער געהיט אינטערעסן פון קריסטן קעגן יידן.

יידן האָבן אינגיכן דערפילט דעם דאָפּלטן יאָך רעאַקציע: אַלס פּרייסישע בירגער און יידן דערצו. דאָס געפאַלענע פּרייסן האָט דערהויבן יידן צו דער מדרגה בירגער; דאָס געהויבענע פּרייסן האָט געשטרעבט צו דערנידערן יידן כמעט צו דער פריערדיקער מדרגה רעכטלאָזיקייט. דער אַקט עמאַנסיפּאַציע דאָס יאָר 1812, וואָס מ'האָט אויסגעריסן ביי אַ קעניג פון אַן אַרומגעפליקט פּרייסן, האָט נישט געפּאַסט מער פאַר אַ גליד פונם „הייליקן בונד", פאַר אַ הערשער פון אַ גרויס־פּרייסן. פּרייסן האָט דאָס יאָר 1815 צוריק באַקומען אַלע אָנגעוואָרענע פּראָווינצן און אַסך נייע (טיילן פון זאַקסן, פון וואַרשעווער הערצאָגטום, פון וועסטפאַלן, און פון רייניער פּראָווינצן). אין גאַנץ פּרייסן איז געווען 200.000 יידן. די רעסטאַוראַציע האָט געהאַט פאַר זיי איר פּראָגראַם. גלאַט צונעמען ביי פּרייסישע יידן די גלייכבאַרעכטונג, וואָס דערזעלבער קעניג האָט געגעבן, איז ניט מיגלעך געווען: מ'האָט נישט געקאָנט מעיז זיין קעגן דעם פּונקט 16 אין די „בונדעס־אַקטן", אַז יידן דאַרפן בלייבן ביי זייערע רעכט; האָט מען זיך אַן עצה געטון: פון דעם יאָר 1816 אָן פירט די פּרייסישע רעגירונג איין אַ חילוק פון אַלטע ביז נייע פּראָווינצן: אין די אַלטע פּראָווינצן גילט דער אַקט עמאַנסיפּאַציע פונם יאָר 1812; אין די נייע פּראָווינצן בלייבט די רעכטלעכע לאַגע, וואָס האָט געגאָלטן פאַר יידן דעם מאָמענט, ווען זיי זענען פאַראייניקט געוואָרן צו פּרייסן. און אַזוי־ווי די נייע פּראָווינצן האָבן פריער געהערט צו פאַרשידענע מלוכות מיט פאַרשידענע געזעצן, פון מיטלאַלטערישע זאַקסישע געזעצן ביז ליבעראַלע פראַנצויזישע דעקרעטן, בכן האָבן אין פּרייסן געגאָלטן צוואַנציק פאַרשידענע סיסטעמען פאַר יידן. אין איייניקע ערטער האָט מען זיי געהאַלטן פאַר „מלוכה־בירגער", אין אַנדערע — פאַר קוים „טאָלערירטע" „שוציידן", דאָ ערגיץ האָבן זיי גענאָסן אַלע בירגער־רעכט און אַפילו אַ טייל פּאָליטישע רעכט אויך, און דאָרט האָבן זיי נאָך נישט געהאַט קיין מענטשלעכע רעכט, נישט געטאָרט פריי פאַרקערן און טון. ס'זענען געווען יידן פּרייסישע בירגער (לויטן געזעץ פון יאָר 1812), פראַנצויזיש־פּרייסישע, וועסט־פאַלןפּרייסישע, פּויליש־פּרייסישע בירגער (אין פּויזן) א. אַז. וו. אין די פּראָווינצן, וואָס מ'האָט אָפּגענומען ביים געוועזענעם וועסטפאַלער קעניגטום, וואָס קעניג זשעראָם האָט דאָרט עמאַנסיפּירט יידן,

האָט מען געמוזט איבער די „בונדעסאַקטן" לאָזן יידן ביי גלייכבאַרעכטונג, אָבער ביסלעכווייז האָט מען דאָס גענומען פאַרשמעלערן: יידן האָט מען ראשית נישט צוגעלאָזט צום אַרטיקן לאַנדטאַג, צווייטנס האָט מען אָפּגעשאַפט די יידישע קהלה־אויטאָנאָמיע (די יידישע קאָנסיסטאָריעס). אין די ריין־פּראָווינצן, וואָס זענען צוגעקומען פון פראַנקרייך (קעלן, קאָבלענץ, אאַכן) האָט די פּרייסישע רעגירונג געהאַט אַ געזעצלעכן אויסרייד אָפּצושאַפן די גלייכבאַרעכטונג: דאָ האָט נאָך געגאָלטן נאַפּאָלעאָנס „שענדלעכער דעקרעט" פונם יאָר 1808, אַז די עמאַנסי־פּאַציע ווערט אָפּגעשאַפט אויף צען יאָר (זע פריערדיקן באַנד, § 24). דאָס יאָר 1818, ווען דער טערמין האָט זיך אויסגעלאָזט, האָט די פּרייסישע רעגירונג פאַרלענגערט דעם דעקרעט אויף אַן אומבאַשטימטער צייט. נאַפּאָלעאָן איז דאָ געווען פאַרהאַסט, אָבער זיין ערגסטער דעספּאָטיזם האָט דאָ געהאַט אַסך חן און מ'האָט דאָס גערן נאָכגעטון.

בכן זענען יידן אין פּרייסן געווען צעזעצט אין 20 שטייגן און אויף זיי האָבן געהאַט צו זאָגן 20 „יידן־קאָנסטיטוציעס"; אַ ייד האָט נישט געטאָרט איבער־ציען פון איין פּראָווינץ אין אַן אַנדערער: דאָרט גילט שוין אַן אַנדער קאָנסטי־טוציע (18 פעברואַר 1818). יידן הייסט דאָס זענען צוגעשמידט געוואָרן צו יע־דער פּראָווינץ באַזונדער. דערהויפּט זאָרג אָבער פונם פּרייסישן קעניג און פון זיין רעגירונג איז געווען צו רעגולירן די יידישע לאַגע אין קרוין־פּרייסן. די פּרייסישע קריסטלעכע מלוכה־טוער איז דאָ געלעגן אַ שטיין אויפן געוויסן: יידי־שע עמאַנסיפּאַציע פונם יאָר 1812. די צוגעאייַלטע רעפאָרם האָט מען באַדאַרפט ווי ס'איז פאַרריכטן, אומענדערן אָדער טיילווייז אָפּשאַפן דעם עדיקט עמאַנסי־פּאַציע און דערביי יוצא זיין קעגן די „בונדעסאַקטן", וואָס האָבן געהייסן, אַז יידן בלייבן ביי זייערע רעכט. בכן האָבן מלוכה־מענער אין פּרייסן געבראָכן דעם קאָפּ און באַוויזן אמתע קונצשטיק (פון יאָר 1813 אָן), ווי אַזוי מ'שווינ־דעלט מיטן געזעץ דורך פּירושים, „דערוויילקע תקנות", צירקולאַרן. די גלייכ־באַרעכטונג ווערט דאָ אָפּגענומען שטיקלעכווייז, צומאָל זייער גראָב און העסלעך.

פריער האָט מען געמאַכט אויס מיט יידישע פּאָ ל י ט י ש ע רעכט: דאָס איז גרינגער געווען צו טון, ווייל אין דעם עדיקט גופא איז געזאָגט געווען, אַז פּאָליטישע רעכט זאָלן יידן באַקומען „מיט דער צייט". מ'האָט נישט צוגעלאָזט יידן צו קיין מלוכה־שטעלעס, אַפילו אַזוינע, וואָס האָבן געדינט אין דער אַרמיי: מ'האָט זיך נישט געשעמט אָפן זאָגן, פאַרוואָס: „כאָטש אַזוינער און אַזוינער האָט זיך באַטייליקט מיטן גוטן ווילן אין די שלאַכטן די יאָרן 1813—1814 און האָט דאַריבער רעכט, מ'זאָל אים פאַרזאָרגן מיט אַ מלוכה־שטעלע, קאָן אים פונ־דעסטוועגן זיין רעכט נישט נוצן, ווייל ער געהערט צו דער יידישער „אמונה" (1826). יידישע ליבעראַלע פּראָפעסיעס האָבן געהאַט אויסצושטיין גענוג בזיונות: יידן־יוריסטן האָט מען נישט צוגעלאָזט אין אַדוואָקאַטן־שטאַנד, יידן־דאָקטורים

האָט מען נישט צוגעלאָזט צו שטעטישע און זעמסקע שטעלעס. יידן האָבן שוין פון לאַנג געמעגט זיין ראַטמענער אין די מאַגיסטראַטן, איצט האָט מען זיי נישט געלאָזט זיין קיין בירגערמייסטערס, וואָרום „פאַר אַזאַ שטעלע טויגן נאָר פּערזאָנען, וואָס געהערן צו דער קריסטלעכער רעליגיע". גאָר פּשוט האָט זיך די רעגירונג אָפּגעפּטרט מיטן פונקט, וואָס זאָגט, אַז יידן מעגן פאַרנעמען „אַקאַדעמישע און שול־שטעלעס". יידן וויסנשאַפטלער זענען דעמאָלט געווען גענוג, אייניקע זייערע (ווי, למשל, דער געוויסער יוריסט העגעליאַנער עדואַרד האַנס) האָבן געוואָלט באַקומען פּראָפעסאָרן־שטעלעס. די רעגירונג האָט זיך איבערגעשראָקן און האָט אָפּגעשאַפט דעם פונקט, וואָס האָט איר נישט געלוינט. דאָס יאָר 1822 האָט מען געמעלדעט, אַז „זיין מאַיעסטעט דער קעניג האָט אָפּגעשאַפט די פונקטן 7—8 פונם עדיקט דאָס יאָר 1812, אַז פּרייסישע יידן מעגן פאַרנעמען אַקאַדעמישע שטעלעס, ווייל ביים פאַרווירקלעכן די דאָזיקע פונקטן האָבן זיך אַרויסגעשטעלט אומנאָרמאַלע פאַרהעלטענישן". וואָס איז דאָ געווען אומנאָרמאַל זעען מיר פון אַנדערע רעגירונגס־באַפעלן: דאָרט זאָגט מען אָפן, אַז אַזאַ און אַזאַ קאַנדידאַט אויף אַן אַקאַדעמישע שטעלע קאָן נישט צוגעלאָזט ווערן ביז ווי לאַנג ווי ער געהערט צו דער יידישער אמונה".

די דאָזיקע רדיפות אויף יידן־אינטעליגענטן האָבן געטראָפן אין אַ צייט, ווען זייער פאַרבונד מיטן פאָלק און מיט דער אמונה איז ביי זיי אַזוי אויך זייער שוואַך געווען, און דאָס האָט זיי געבראַכט צו שמד. אַזוינע שמד־פאַלן זענען דעמאָלט ווידער אָפטער געוואָרן, די בעסטע יידישע גייסטיקע קרעפטן זענען אומברחמנות'דיק אויסגעריסן געוואָרן פונם יידישן כלל. גענוג צו דערמאָנען אַזוינע דריי נעמען ווי בערנע, היינע און האַנס, וואָס האָבן זיך געטויפט יענע יאָרן (1818—1825), אום אייבצוזען, ווי גרויס איז דער אָנווער, וואָס דאָס פאָלק האָט געהאַט. חוץ תכלית־מאָטיוון איז דאָ געווען דער וויכטיקסטער מאָטיוו: „באַקומען אַן איינטריט־קאַרטע אין דער אייראָפּעישער געזעלשאַפט", ווי היינע האָט אַ נאָמען געגעבן דעם מין שמד. די „קריסטלעכע מלוכה" האָט זיך אָבער נישט צופרידנגעשטעלט מיט אַזאַ שמד איבער נויט: זי האָט דווקא געוואָלט האָבן ערלעכע „גרים"־קריסטן. צו דעם צוועק איז דאָס יאָר 1822 געוואָרן אין בערלין „אַ געזעלשאַפט צו פאַרווערבן קריסטן צווישן יידן", נאָכגעטון דער לאָנדאָנער מיסיאָנערישער געזעלשאַפט. דער קעניג האָט גענומען די געזעלשאַפט אונטער זיין שוץ „איבער דעם געהויבענעם צוועק" אירן. אין סטאַטוט ווערט דער צוועק אויסגעטייטשט אַזוי: פאַרווערבן קריסטן צווישן יידן מיט איבערצייגונג און אויפקלערונג, „נישט מיט קיין תכלית־זאַכן אויף דער וועלט". ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז בעלנים אויף קריסטלעכער יענער וועלט איז צווישן יידן כמעט ווי נישט געווען; פאַרקערט, „די וועלט" האָט אַ סך זייער געשמעקט. דער מינדסטער קעניגלעכער דעקרעט, אָדער מיניסטערישער צירקולאַר,

וואָס האָט אָנגערירט יידישע רעכט, האָט צוגעשאַרט דער קירך אַ סך מער „קינדער", איידער אַלע מיסיאָנערישע געזעלשאַפטן צוזאַמען.

שמד-זיך אָדער דו ביסט אויסגעשלאָסן פון דער געזעלשאַפט — דאָס איז געווען די ברירה, וואָס די פּרייסישע רעגירונג האָט געגעבן אַ יידן. ס'איז קיין שפּור נישט געבליבן פון דער פריערדיקער סיסטעם פּראָטעזשירן די אַסימילאַציע, וואָס האָט אַזוי פיל פאַרדייטשט יידן. די רעגירונג האָט אויסגעצייכנט געקענט די חולשות פון אַ געבילדעטן יידן: זיין האַרצבאַגער צו מאַסקירן זיין אָפּשטאַם, מ'זאָל אים האַלטן פאַר אַ דייטש, און האָט עקספּלואַטירט די דאָזיקע חולשות. אינטערעסאַנט זענען אין דעם פּרט צוויי באַפעלן. דאָס יאָר 1815, ווען די רעגירונג (האַרדענבערג'ס) האָט זיך נאָך נישט אָפּגעזאָגט פון איר פריערדיקער „אַסימילאַטאָרישער" פּאָליטיק, איז אַרויס אַ באַפעל, אַז אין יידישע פּעסער זאָל מען שרייבן „אַלטביבלישער" אָדער „מאָזאַאישער גלויבנסגענאָסע" (אַנשטאָט „יודע") ד. ה. אַן „אָנשטענדיקערן" טיטל, וואָס איז אַזוי געווען צום האַרצן דעמאָלטיקע פּראָגרעסיסטן פון פרידלענדערס חדר. אין 20 יאָר אַרום גיט דער קעניג אַרויס אַ באַפעל פּונקט פאַרקערט: „אויסמיידן" אין אָפיציעלע אַקטן אַזעלכע אויסדריקן, ווי „אַלטביבלישער אָדער מאָזאַאישער גלויבנסגענאָסע", מ'זאָל שרייבן פּשוט: „יודע", „יודישע רעליגיאָן" און דעסגלייכן (1836). אַזאַ באַפעל האָט שטאַרק אָנגערירט פאַרדייטשטע יידן, זיי האָבן זיך דערפילט באַליידיקט. איינער אַ בערלינער פאַבריקאַנט מעיער האָט זיך געווענדעט צום קעניג מיט אַ קלאָג-ביט, „ער זאָל זיך אָננעמען פאַר אים און פאַר זיינע גלויבנסגענאָסן, זיי זאָלן אומזיסט נישט באַליידיקט ווערן". דער קעניג האָט געענטפערט, אַז קיין באַליידיקונג איז דאָס נישט, אַז דאָ איז מען אויסן נישט מער, ווי אומבייטן די „ניימאָדישע" אויסדרוקן אויף אַלטע, קורצערע און גענויערע, און דאָס אויך נישט מער ווי אין אָפיציעלע פאַפירן. פּרייסישע באַאַמטע האָבן אָבער געטייטשט דעם קעניגס באַפעל אַ סך ברייטער, די געריכטן האָבן דעמאָנסטראַטיוו געשריבן אַן אַדרעס: „דעם יידן אַזוינעם און אַזוינעם". די באַליידיקטע האָבן זיך געקלאָגט פאַרן יוסטיץ-מיניסטער, און יענער האָט געמוזט דערקלערן אין אַ ספּעציעלן צירקולאַר, אַז ס'איז לעפּיש צו שרייבן אַן אַדרעס: „דעם און דעם יידן", אַזוי ווי ס'איז לעפּיש צו שרייבן: „דעם און דעם קריסט, אָדער טערק"; אָבער אין די אָפיציעלע אַקטן, וואו מ'מוז אָנווייזן די רעליגיע, פּאַסט שוין גיכער צו שרייבן „ייד", „יידישע אמונה": „דער דאָזיקער אוראַלטער נאָמען פונם פאָלק איז יעדנפאַל בכבודיקער און ריכטיקער, איידער דער נאָמען „אַ פּערזאָן פון משה'ס ביבלישער אמונה" און דעסגלייכן אויפטועון פון דער נייסטער צייט, וואָס גיכער זענען זיי, די דאָזיקע אויפטועון, אַ באַליידיקונג, ווארום קיין ייד און בכלל קיין פאַרנונפטיקער מענטש וועט נישט זאָגן, אַז אין דעם נאָמען „יודע" שטעקט עפּעס אַזוינס, וואָס מ'דאַרף פאַרקליידן מיט אַן אַנדער אויסדרוק". אויב דער מיניסטער האָט דאָס געמיינט אויפריכטיק (מ'דאַרף

נאָך דערביי אין זינען האָבן, אַז „יודע“ הייסט אַזוי גוט „ייד“ ווי „זשיד“!)„ איז דאָס אַ גערעכטער מוסר פאַר דעם אַסימילירטן דייטשן יידן, וואָס האָט געהאַלטן אין איין אויסבאַהאַלטן זיין אייגענעם איך.

די רעגירונג האָט אָבער ווייטער אַרויסגעגעבן באַפעלן מיט אַ כיון אויסצוטיילן יידן אַזוי ווי מ׳פלעגט דאָס טון אין מיטלאַלטער מיט דער „געלער־לאַטע“. די יאָרן 1828 און 1836 זענען אַרויס באַפעלן, אַז יידן טאָרן נישט בייטן זייערע נעמען אויף „קריסטלעכע“, זיי טאָרן די קינדער זייערע ביים געבוירן נישט געבן קיין „קריסטלעכע“ נעמען; פּאָליציי זאָל שטרענג אַכטונג געבן, „אַז אַ אומאָרדנונג זאָל מער נישט פאָרקומען“. אַסך יידן האָט אין דעם באַפעל געערגערט נישט דער מיטלאַלטעריש׳ער בייגעשמאַק, נאָר דער פּראַקטיש׳ער רעזולטאַט: אַן אַסימילירטער ייד האָט נישט געקאָנט פועלן ביי זיך, אַז ער הייסט מאָזעס, נישט מאָריץ. נאָר דאָ האָט דייטשע יידן צוגעשפּילט אַ גליק: פּאָליציי גופא האָט נישט געוואוסט וואָס צו טון מיט נעמען, וואָס שטאַמען פון דער ביבל און זענען פאַר יידן און קריסטן גלייך. דער יידישער געלערנטער צונץ האָט אין זיין ווערק „וועגן יידישע נעמען“ (1837) באַוויזן, אַז מ׳קאָן נישט אויסטיילן יידישע און קריסטלעכע נעמען באַזונדער, אַזוי ווייט האָבן זיי זיך פאַרמישט אין מיטלאַלטער און די נייסטע צייט. די רעגירונג האָט געמוזט גרינגער מאַכן דעם פאַרבאָט: יידן טאָרן נישט געבן זייערע קינדער קיין נעמען, וואָס זיי „זענען פאַרבונדן מיט דער קריסטלעכער רעליגיע“, אַ שטייגער פּעטער, באַפּטיסט, כריסטיאַן, כריסטאָפאָר (1841).

די פּרייסישע רעגירונג איז געווען אויסגעהאַלטן רעאַקציאָנער אין איר באַנעמונג צו דער יידישער ר ע ל י ג י ע ז ע ר קהלה (פון קיין אַנדער קהלה האָט זי נישט געוואָלט וויסן). די רעגירונג האָט נישט רעפאָרמירט די קהלה (כאָטש זי האָט דאָס געהאַט צוגעזאָגט איגם עדיקט דאָס יאָר 1812), זי האָט נישט געגעבן דער קהלה קיין רעכט פון אַ יורידישער פּערזאָן. זי האָט זיך אָבער גראָב געמישט אין אירע אינעווייניקסטע אנגעלעגנהייטן און האָט זיך אַפילו פאַרגינ׳ן אַכטונג געבן אויף יידישער פרומקייט. אַ טייל יידן רעפאָרמיסטן אין בערלין און אין אַנדערע שטעט האָבן געפּרוווט רעפאָרמירן די גאָטדינסט אין דער סינאַגאָגע, האָבן איינגעפירט דרשות אויף דייטש און קאָנפירמירן קינדער (זע ווייטער § 10); האָט זיך אַריינגעמישט פרידריך ווילהעלם III צו שטיצן די היטער פון דער אַלטער יידישער פרומקייט. דאָס יאָר 1823 איז וועגן דעם אַרויס אַ שאַרפער דעקרעט: „מחמת דעם, וואָס אַ טייל פון דער היגער (בערלינער) יידישער קהלה האָט זיך צו מיר געווענדט, הייס איך נאָכאַמאָל, אַז יידן זאָלן אָפּריכטן זייער גאָטדינסט נאָר אין דער היגער (בערלינער) סינאַגאָגע און לויט דעם אַלטן מנהג, נישט אויפטון קיין נייעסן אין פרט פון שפּראַך, צערעמאָניעס, תפלות, און נוסח; גאָר און גאָר אויפ׳ן אַלטן שטייגער. איך פאַרפליכט איך (די אָרטיקע מאַכט) שטאַרק אַכטונג געבן דערויף און נישט דערלאָזן אין

ערגיץ אין מיינע מלוכות קיין שום סעקטע צווישן יידן". די מאַכט האָט שטרענג אויסגעפאָלגט דעם ברוגזדיקן באַפעל: זי האָט פאַרמאַכט רעפאָרמירטע סינאַגאָגעס, זי האָט פאַרווערט ראַבינערשע דרשות אויף דייטש, ד. ה. אויף דער שפּראַך, וואָס איז שוין ביי פּרייסישע יידן געוואָרן די אומגאַנגשפּראַך, זי האָט געטריבן די מאָדישע פּרעדיקער. אַזוי האָט די קלוגע פּרייסישע רעגירונג מיט איין האַנט געשלעפּט יידן אין קירך אַריין, און מיט דער אַנדערער פאַרפעסטיקט די זיילן פון אַלטן יידישקייט. דאָ דאַרף מען נישט איינזעען קיין שום סתירה: אין ביידע פאַלן האָט זיך דאָ צווויסן געגעבן אַ בלינדע מגושמדיקע רעאַקציע, וואָס האָט געוואוסט נאָר איינס: היטן דעם אַלטן שטייגער, די „אַלטע פרומקייט", וואו נאָר זי האָט געקאָנט; דאָ איז געווען די גרעסטע מורא פאַר יעדער גייס פאַר יעדן פרייען ריר.

5 §. די אָפּגעפאַלענע רעאַקציע און דער קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטונג (ריסער).

אין פּרייסן, ווי בכלל אין גאַנץ דייטשלאַנד, האָט די רעאַקציע אין מלוכה־לעבן און אין דער געזעלשאַפט דערהויפּט געהילדעוועט די ערשטע העלפט פון דער תקופה, ד. ה. ביזן יאָר 1830. די יולי־רעוואָלוציע אין פראַנקרייך האָט עטוואָס אָפּגעריינוקט די געשטיקטע פאָליטישע לופט אין אייראָפּע; דאָס האָט זיך געלאָזט פילן אין פּרייסן אויך: די געזעלשאַפטלעכע רעאַקציע האָט אָנגעהויבן אָפּצופאַלן. די געזעלשאַפט האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך, דער ברען פון אַ דייטשיש־קריסטלעכער מלוכה איז אָפּגעקילט געוואָרן; פעלקער האָבן אָנגעהויבן אויפצושטיין קעגן דעם פאַרהאַסטן „הייליקן בונד" פון רעגירער, ביסלעכווייז האָבן גענומען צייטיק ווערן קרעפטן פאַר דעם איבערקער דאָס יאָר 1848. יידן אין דייטשלאַנד זענען אויך מונטערער געוואָרן. ס'האָבן זיך באַוויזן נייע שטרייט־מענער, שטאַרקע, שטאָלצע, אָנשטאָט די אַלטע שתדלנים און הכנעהדיקע התנצלות־לייט פון דער פריערדיקער תקופה. אָנשטאָט די פרידלענדערס זענען מיר איצט די ריסערס. נעבן „יונג־דייטשלאַנד" זעען מיר יונג־ייד. די יאָרן, ווען דער פירער פון יונג־דייטשלאַנד, לודוויג בערנע, האָט געשטורמט אין זיינע „בריוו פון פאַריז" די פעסטונג פון דייטשער רעאַקציע, האָט גבריאל ריסער, דער פירער פונם יונגן יידישן דור, זיך געוואָרפן אין קאַמף קעגן דער רעאַקציע פאַר דעם כבוד און פרייהייט פון זיין פאָלק. ריסער איז געוואָרן דער וואָרטפירער און נביאה־זאָגער פון דער עמאַנסיפּאַציע.

גבריאל ריסער (1806—1860) איז געבוירן אין האַמבורג, די שטאָט פון יידישער קנעכטשאַפט; שוין פונם ערשטן טריט אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט ער דערפילט די גאַנצע ביטערקייט פון רעכטלאָזיקייט. אַליין אַ באַגאַבטער יו־

ריסט, וואָס האָט געקאָנט פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם פּאָסטן אין אַקאַדעמישן לעבן און אין דער אַדוואָקאַטור, האָט ער דערזעען פאַר זיך אַן אייזערנע וואַנט סיי דאָ, סיי דאָרט: נישט צום אַדוואָקאַטור, נישט צו אַ קאַטעדער האָט מען אים נישט צוגעלאָזט. דער ייִנגערמאַן, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף די בעסטע אידעאַלן פון אייראָפּעאישער קולטור, האָט שמערצלעך דערפילט די בייטש פון קנעכטשאַפט. צו 24 יאָר האָט ער זיך פאָרגענומען: ער וועט פון קיין רו נישט וויסן ביז ווי לאַנג ייִדן וועלן נישט האָבן אויסגעקעמפט גלייכבאַרעכטונג. מ'האָט אים נישט צוגעלאָזט אין אַדוואָקאַטן-שטאַנד, האָט ער זיך אַליין גענומען אַ העכערן באַרוף: ער איז געוואָרן דער אַדוואָקאַט פונם געפּלאָגטן פאָלק. ריסער האָט געוויזן בייע וועגן אין קאַמף פאַר עמאַנסיפּאַציע. אַליין אַ פאַרדייטשטער אַסימילירטער ייִד, איז ער דאָך שאַרף אָנגעפאַלן אויף דער מגושמדיקער אַסימי-לאַציע, וואָס באַשטייט אין אָפּזאָגן זיך פונם ייִדישן כלל און זאָל זיין כמו אַ געצאָלט פאַר גלייכבאַרעכטונג. זיין קוק אויף דער זאַך זעען מיר שוין קלאָר אין זיינע ערשטע צוויי ווערק: „וועגן דער לאַגע פון די אָנגעהעריקע צו משהס רעליגיע אין דייטשלאַנד" (1830) און „די פאַרטיידיקונג פון ייִדישער גלייכ-באַרעכטונג קעגן ד"ר פּאַאולוס אָפּענטפער" (1831). די ערשטע בראָשור איז אַ פייערדיקער אויפרוף צו קעמפן קעגן ייִדנהאַס פון וועגן די העכסטע אידעאַלן מענשלעכקייט, וואָס סוף כל סוף מוזן זיי דאָך גובר זיין די רעאַקציע פון אַ קריסטלעך-דייטשער מלוכה. ער לייגט פיר גרינדן אומעטום פאַריינען, זיי זאָלן ווירקן אויף דער רעגירונג און אויף דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג צו דערלאַנגען גלייכבאַרעכטונג. ער פאַלט שאַרף אָן אויף דעם טייל ייִדן אינטעליגענטן, וואָס קוקן אויף עמאַנסיפּאַציע נישט מער ווי אויף אַ תכלית-זאַך, אויף די, וואָס שמדן זיך פון קאַריערע וועגן, „וואָס טוען אַ געלטשידוך מיט דער קירך", בפרט נאָך אויף די עלטערן, וואָס שמדן זייערע קליינע קינדער פון תכלית וועגן; ער ברענט מיט פאַראַכטונג אַזאַ פּחדניש אַנטלויפן פונם באַלאַגערטן כלל. ריסער רופט די יוגנט קעמפן פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט. „זאָלן אָן אויפהער שטרעבן צו פרייהייט מיט וואָרט און טאַט די אַלע, וואָס פילן שמערצלעך, אַז פרייהייט פעלט זיי. דערהויפּט אָבער מיר, די יונגסטע זין פון אַ יאָרהונדערט, וואָס זיין אָטעם איז פרייהייט. מיר גלויבן, אַז גערעכטיקייט און גוטס זענען שטאַרק און וועלן סוף כל סוף גובר זיין,—דאָס איז אונזער משיח-אידעאַל. און לאָמיר זיך שטאַרק האַלטן פאַר דעם אידעאַל!"

זיין שטעלונג צו דער ייִדישער נאַציאָנאַלער פראַגע האָט ריסער באַוויזן אין דעם ענטפער, וואָס ער האָט געגעבן דעם היידעלבערגער טעאָלאָג פּאַאולוס (§ 2). דאָס יאָר 1830 האָט פּאַאולוס ווידער געמאַכט אַן אָנפאַל אויף ייִדן, ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ בוך: „ייִדישע נאַציאָנאַלע אָפּגעשלאָסנקייט" פאַר „רעגירונגען און לאַנדטאַגן פון אַלע מלוכות אין דייטשלאַנד". פּאַאולוס האָט געדרונגען, אַז כל זמן ייִדן האַלטן זיך ביי זייערע רעליגיעזע דינים, וואָס זיי

זענען אַזוי גוט ווי נאַציאָנאַלע געבאָטן, זענען זיי אַ באַזונדער נאַציע און ממילא קאָנען זיי נישט זיין קיין מלוכה-בירגער, זיי קאָנען זיין נישט מער ווי „שוץ-בירגער". דערויף האָט ריסער אָפּגעענטפערט מיט דעם פריערדערמאָנטן צווייטן ווערק געווידמעט צו „די געזעצגעבערישע אינסטיטוציעס אין דייטשלאַנד". די יידנפראַגע „איז נישט מער ווי אַ פראַגע פון רעליגיעזער פרייהייט", יידן זאָלן זיך מעגן אָפּן האַלטן ביי זייער אמונה, זיי זאָלן נישט דאַרפן אָנטון קיין מאַס-קע פון אַ פרעמדער הערשנדיקער רעליגיע צו געניסן בירגעררעכט. זאָגען מיר אַ נאַציע — איז וואו זשע איז אונזער פאָטערלאַנד? האָבן דען דייטשע יידן אַן אַנדער פאָטערלאַנד אויסער דייטשלאַנד? צי אַז מ'טרייבט זיי פון דאַנען, קאָנען זיי דען זיך קערן צו זייער אייגענער מלוכה, זי זאָל זיך פאַר זיי אָננעמען? יאָ, יידן זענען געווען אַ נאַציע, אָבער זיי זענען שוין דאָס לאַנג אויס פון דער צייט אָן, וואָס די טורעמס פון ירושלים זענען איינגעפאַלן און דאָס פאָלק פון יהודה איז צעזייט געוואָרן איבער דער רוימישער אימפּעריע. ריסער פאַררעכנט זיך און זייניקע צו דער דייטשער נאַציע, ער וואַרפט אָבער אָפּ מיט פאַראַכטונג די גאַראַנטיע פאַר דייטשישקייט — שמד, וואָס פּאַאולוס פאָדערט פון יידן. „ס'איז פאַראַן נאָר איין טויף, וואָס באַהעפט צו אַ נאַציע, — דאָס איז די בלוט-טויף, ווען מ'פאַרגיסט צוזאַמען בלוט פאַרן פאָטערלאַנדס פרייהייט". ריסער פאַרענדיקט זיין בוך מיט אַ לויבגעזאַנג דעם גערמאַניזם: „מעכטיקע קלאַנגען פון דער דייטשער שפּראַך, לידער פון דייטשע פּאָעטן האָבן אָנגעצונדן און דערהאַלטן אין הארצן ביי אונז אַ הייליק פייער פון פרייהייט.. מיר ווילן געהערן צום דייטשן פאָטערלאַנד. דאָס פאָטערלאַנד מעג און דאַרף מאַכן ביי אונז אַלצדינג, וואָס עס מאַכט ביי אַלע בירגער. מיר וועלן גערן אַלץ מקריב זיין פאַרן פאָטערלאַנד, אָבער נישט אונזער אמונה און ערלעכקייט, נישט דעם אמת און ערע, וואָרום דייטשע העלדן און דענקער האָבן אונז נישט גע-לערנט צו ווערן דייטשן מ'ט דעם זכות פון אַזעלכע קרבנות". בכן האָט ריסער אָפּגעוואָרפן די עגאָאיסטישע אַסימילאַציע, ער האָט אָבער געהאַלטן פון אַ קולטורעלער צונויפשמעלצונג; ער האָט נישט פאַרגעזען, אַז אַפילו די ער-לעכסטע, אידעאַליסטישע אַסימילאַציע איז פונקט אַזוי געפערלעך פאַרן כלל אַזוי ווי די פאַרקויפטע, דער בייס אויף גלייכבאַרעכטונג. שפּעטער איז ער נאָך אַמאָל געקומען צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע און געריידט שוין קלאָרער.

אינגיכן האָט ריסער געהאַט די געלעגנהייט זיך איינשטעלן פאַר יידישע רעכט אין פּרייסן. אָנהויב די 30-ער יאָרן האָט זיך די פּרייסישע רעגירונג אַרומגעטראָגן מיט אַ נייעם פּראָיעקט צו פאַרענטפערן די יידנפראַגע. אַ בערלי-נער באַאַמטער געהיימראַט שטרעקפוס האָט אויסגעלייגט דעם פּראָיעקט אין אַ בראָשור מיטן נאָמען: „וועגן דער באַנעמונג פון יידן צו קריסטלעכע מלוכות" (1833). דער נייער אויפטו איז געווען אַזוי: איינטיילן יידן אין צוויי קאַטעגאָריעס; רייכע און געבילדעטע זאָלן זיין בירגער אָבער אויך מיט געוויסע

באגרענעצן אין בירגער־רעכט; אלע איבריקע יידן, דערהויפט די מענגע קליינהענדלער, זאלן זיין אין דער לאגע פון „שוצבירגער“, באגרענעצט אפילו אין עלעמענטארע רעכט אויך. אזא פראיעקט, וואו אין תוך הייסט דאס, אז דעם זכות בירגער שענקט מען א יידן פאר געוויסע „פארדינסטן“, האט זייער געערגערט פרייסישע יידן, ווארום דאס וואלט געהייסן, אז דער אקט עמאנסיפאציע פונם יאר 1812 ווערט פרינציפיעל אפגעשאפט, בעת ביז איצט האט מען אים אנגערירט נאר אין דער פראקטיק. ריסער איז ארויס מיט א פראטעסט קעגן דער רעגירונגס מיין; דאס זאל זיין פונקט אזא פארברעך ווי דאס אפשאפן דעם עדיקט. ער האט פארעפנטלעכט אין זיין צייטונג „Der Jude“ (1832—1833) דורכאנאנד ארטיקלען קעגן דער פרייסישער רעגירונג, אויסגערעכנט אלע אירע פארברעכנס קעגן געוויסן־פרייהייט, וואס דער אקט פונם יאר 1812 האט דאס גאראנטירט, און האט אפגעשאצט ווי געהעריק דעם רעכטלעכן און היסטארישן קוק פון דער רעגירונגס אידעאלאג שטרעקפוס. קעגן אזא אידעאלאגיע איז ארויס דער היסטאריקער מ. יאסט אויך און א קעניגסבערגער דאקטאר יאהאן יאקאבי, שפעטער א ראדיקאלער טוער אין קאנסטיטוציאנעלן דייטשלאנד. „ביז ווי לאנג ביי א יידן ווערט אפגענומען אפילו איין רעכט נאר דערפאר, וואס ער איז א ייד — אזוי לאנג איז ער א קנעכט“, — אזוי זאגט יאקאבי אין זיין אפענטפער. יאקאבי פאדערט אויך אזוי ווי ריסער קעמפן אן אויפהער ביז מ'וועט נישט דערלאנגען דעם צוועק: „יידישע און קריסטלעכע בירגער זאלן גלייך זיין“.

דער שטורם, וואס פובליציסטן האבן אויפגעהויבן, האט געהאט א פעולה: די פרייסישע רעגירונג האט זיך נישט געקאנט באשליסן גילטיק מאכן דעם פראיעקטירטן רעגלאמענט פאר דעם גאנצן לאנד; זי האט אים טיילווייז איינגעפירט אין די פוילישע פראווינצן, אין פוזן; דארטן האבן געוואוינט געדיכטע מאסן יידן (ביז 80,000 נפשות), נאך נישט אנגערירט פון אסימילאציע. דאס יאר 1833 האט די רעגירונג פארעפנטלעכט א „דערווייליקן רעגלאמענט“, איינגעטיילט פוזנער יידן אין צוויי קאטעגאריעס: איינע, וואס „איז ווערט נאטוראליזאציע“, די אנדערע, וואס איז דאס נישט ווערט. צו דער ערשטער קאטעגאריע געהערן איינגעזעסענע און פארמעגלעכע, אן א פלעק אויף זייער אויפפירונג, וואס נוצן דייטש אין זייער געשעפט־פארקער; צו דער צווייטער קאטעגאריע געהערן איינגעזעסענע נאר אומפארמעגלעכע. נאטוראליזירטע יידן געניסן כמעט דיזעלבע רעכט, וואס פרייסישע יידן לויט דעם אקט פונם יאר 1812, געוויינטלאך מיט אלע נייע פרושים צום געזעץ. נישט נאטוראליזירטע טארן נישט וואוינען אין דערפער, זיי איז אויך פארווערט א סך פראפעסיעס, הענדלער אין די שטעט קאנען זיך נישט צושרייבן צום סוחרים־שטאנד. דערפאר האבן יידישע קהלות אין פוזן „רעכט פון א קארפאראציע“, ד. ה. רעכט פון א זעלבסטפארוואלטונג מיט דער השגחה פון דער אדמיניסטראציע. מיליטערדינסט איז אין פוזן נישט

קיין [illegible] פאַר יידן (אין קרוין־פּרייסן איז דאָס געווען אַ מוז שוין פון יאָר 1812 אָן), אָבער פּריוויליקע, „וואָס טויגן מאָראַליש און פיזיש" צו דער דינסט, ווערן צוגעלאָזט צו דער אַרמעע. בכן האָט די פּרייסישע רעגירונג שוין געקאָנט צופרידן זיין: כאָטש אין איין טייל מלוכה קאָן זי זיך פרייען מיט איר ליבעראַליקער סיסטעם סאָרטירן בירגער.

אַ שטאַרקע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג באַמערקט זיך אין פּרייסן נאָך פרידריך ווילהעלם III־טנס טויט: די ערשטע צייט, ווי זיין נאָכקומער פרידריך ווילהעלם דער IV־טער איז אַרויף אויפן טראָן (1840), האָבן זיך די ליבעראַלן געטרייסט מיט דער האָפנונג, אַז אינגיכן זאָל איינגעפירט ווערן אַ קאָנסטיטוציאָנעלער רעזשים. יידן האָבן אויך אַרויסגעקוקט אויפן נייעם קעניג; ער האָט געלאָזט פאַלן אַ פּאָר פריינדלעכע ווערטער צו יידישע דעפּוטאַציעס אין בערלין און אין ברעסלוי. אינגיכן אָבער האָט מען זיך דערזען אָפּגענאַרט. דער „געקרוינטער ראָמאַנטיקער", וואָס האָט געטרוימט פון אַ פרום קריסטלעכער מלוכה, האָט געהאַט זיין אייגענעם קוק אויף דער יידנפראַגע. ער האָט געהאַלטן, אַז יידן זענען נישט נאָר אַ רעליגיע אַליין, נאָר אַ באַזונדערע אייגנאַרטיקע קאָרפּאָראַציע אויך, אָדער אַ היסטאָריש פאָלק, בכן דאַרף די מלוכה לאָזן דאָס פאָלק פריי אַנטוויקלען זיינע אייגענע כוחות, ד. ה. די מלוכה דאַרף יידן לאָזן אויפשטעלן זייער קהלה־אויטאָנאָמיש לעבן. אָבער פון אַזאַ ריכטיקן כלל האָט ער געצויגן אַ פאַלשן אויספיר: דער קולטורעל־אויטאָנאָמער יידישער קבוץ טאָר זיך נישט באַטייליקן אין אַלע צווייגן אין פּאָליטישן לעבן, ווייל דאָס דאָזיקע לעבן איז אַ פּראָדוקט פון קריסטלעכער קולטור. יידן זענען פרעמדע אין דער מלוכה, קאָן מען זיי נישט צולאָזן צו קיין מלוכה־שטעלעס, מ׳דאַרף יידן אַרויסלאָזן פון מיליטערדינסט אויך, וואָרום דאָס איז אויך אַ פּאָליטישע זאַך. דעם קעניגס פּלענער זענען געקומען צום געהיימען באַטראַכט אין דער רעגירונג, און זענען דערגאַנגען צו דער געזעלשאַפט אויך; עפּעס דערפון האָט מען געקאָנט זען אין דער פּרעסע, יידישע טוער האָבן דאָס באַהאַנדלט מיט גרויס אויפרעגונג. די קעמפער פאַר עמאַנסיפּאַציע זענען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט. די גאַנצע צייט האָט זיך די אַסימילירטע יידישע געזעלשאַפט געפילט באַרעכטיקט צו מאָנען עמאַנסיפּאַציע, ווייל יידן זענען דייטשן, נישט קיין באַזונדער אומה; איצט קומט דער קעניג און זאָגט, אַז יידן זענען אַ היסטאָריש־אָפּגעזונדערטע נאַציע, אָדער אַ „קאָרפּאָראַציע"! דעם קעניגס אויספיר איז געווען אין זייערע אויגן נאָך מער אַ באַווייז, אַז אַנדערש לאָזט זיך עמאַנסיפּאַציע נישט רעכטפאַרטיקן: אַ סימן דער קעניג האַלט יידן פאַר קיין דייטשן נישט, האַלט ער זיי פאַר קיין בירגער אויך נישט. דער פּראָיעקט אַרויסלאָזן יידן פון מיליטערדינסט איז געווען אַ שלעכטער אָנזאָג, אַ סימן, אַז מ׳קלייבט זיך אָפּנעמען ביי יידן בירגעררעכט און מ׳גרייט זיך צו פאָראויס אַ תירוץ.

בכן האָבן דייטשע יידן גענומען מאַכן אַ „פּאַטריאָטישן" פּראָטעסט; דער־

אָרגאַניזאַטאָר פונם פּראָטעסט איז געווען ד״ר ליודוויג פיליפסאָן, דער ענערגישער רעדאַקטאָר פון דער „Allgemeine Zeitung des Judentums“. פאַרטרעטער פון 84 יידישע קהלות האָבן געחתמעט אַ פּעטיציע צום קעניג (פיליפסאָנס אַרבעט), זיי האָבן זיך געבעטן נישט אָפּנעמען ביי יידן די פליכט און דעם כבוד צו דינען אין דער אַרמיי: „מיר וואָלטן געוואָרן אויס עכטע פּרייסן — אַזוי שרייבן זיי, — ווען מ׳זאָל פון אונז דורכאויס אַראָפּנעמען די פליכט צו דינען אין דער אַרמיי“. הונדערטער יידישע קהלות האָבן געשיקט פּעטיציעס דעם קעניג, מ׳זאָל באַרואיקן די געמיטער, דאָס בעסטע מיטל דערצו איז פאַרווירקלעכן גלייכבאַרעכטונג (1841—1842). די רעגירונג האָט זיך געמוזט אָנרופן אויף דעם מבול פּעטיציעס. דעם 5 מאַי 1842 האָט דער אינערן-מיניסטער ראָכאָוו מיטגעטיילט פאַרטרעטער פון בערלינער קהלה אין קעניגס נאָמען, אַז דער קעניג מיינט פאַרבעסערן, נישט פאַרערגערן די יידישע לאַגע, ס׳זאָלן אָפּגעשאַפט ווערן די שווערע באַגרעניצן אין עלעמענטאַרע רעכט, יידישע קהלות זאָלן אויך ווערן זעלבסטשטענדיקער. „אָבער, זאָגט דער מיניסטער, — „וויין מאַיעסטעט וויל האָבן, אַז אַזאַ פאַרבעסערונג זאָל שטימען מיט דעם וועזן פון אַ קריסטלעכער מלוכה. אין אַזאַ מלוכה איז נישט מעגלעך, אַז יידן זאָלן זיין אַדמיניסטראַטאָרס איבער קריסטן; בכלל זאָלן יידן נישט האָבן אַזעלכע רעכט, וואָס קאָנען שאָדן אַ קריסטלעכער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג... יידן וועלן גאָרנישט אָנווערן, וואָס מ׳וועט אָפּשאַפן פאַר זיי די פליכט פון מיליטערדינסט, ווארום זיי וועלן קאָנען אָנקומען אין דער אַרמיי פאַר פרייוויליקע“. יידן האָבן אויסגעהערט נאָך אַ קנאַפּע טרייסט: די רעגירונג אַרבעט איצט אויס און וועט אײַנגיכן פאַרעפנטלעכן אַ נייעם „יידן-געזעץ“. אַזוי איז דאָס געווען אויך: די מיניסטאָרישע קאַנצעלאַריעס האָבן געהאַלטן אין איין זאַמלען מאַטעריאַל און אָנפרעגן די פּראָווינציעלע מאַכט וועגן דער יידן-פראַגע.

די געזעלשאַפטלעכע אויפרעגונג האָט נישט אויפגעהערט. חוץ פּעטיציעס באַווייזט זיך יענע צייט אַ מענגע בראָשורן און צייטונג-אַרטיקלען, מ׳הערט נישט אויף לײדענשאַפטלעך צו באַהאַנדלען די פראַגע וועגן גלייכבאַרעכטונג. דאָ האָט זיך ווידער געלאָזט הערן ריסער׳ס שטים. נאָוועמבער דאָס יאָר 1842 האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ בוך „זאָרג און האָפנונג וועגן דער קינפטיקער לאַגע פון יידן אין פּרייסן“; אין דעם בוך האָט ער אויך באַרירט די יידן-פראַגע פון דער נאַציאָנאַלער זייט, אַזוי ווי מיר זעען דאָס אין דעם קעניגס פּראָיעקט. דער תוך פון דעם דאָזיקן פּראָיעקט איז געווען אויסגעטייטשט אין איין אונטערגעזאָגט צייטונג-אַרטיקל; ס׳זאָל הייסן אַזוי: דער „מערקווירדיקער“ היסטאָרישער פאַקט, וואָס יידישקייט האַלט זיך, נעמט זיך דערפון, וואָס אין יידישקייט זענען רעליגיע און נאַציע געקניפּט און געבונדן. דערפון איז געדרונגען, אַז פאַר יידישקייט איז געזונטער, דער דאָזיקער פאַרבאַנד זאָל בלייבן אויף ווייטער אויך;

די מלוכה דאַרף דעריבער נישט באַגיין קיין זאַך, וואָס זאָל ברענגען דערצו, אַז יידן זאָלן זיך פאַרשמעלצן מיט די פעלקער אַרום.

ריסער באַהאַנדלט אין זיין בוך אויספירלעך די דאָזיקע מיינונג. ער זאָגט אַזוי: ביז דאָ נישט לאַנג נאָך איז די אָפיציעלע טענה קעגן גלייכבארעכטונג געווען, אַז יידן זענען אַ באַזונדער נאַציע, דער אַנדערער צד, די שטרייטער פאַר עמאַנסיפאַציע, האָבן געהאַט אַן ארבעט צו באַווייזן, אַז אַ יידישע נאַציע איז אַ בבא־מעשׂה; איצט וויל גאָר די רעגירונג „דערהאַלטן די יידישע נאַציע". ס'איז אמת, אַז אַמאָל איז דאָס טאַקע געווען אַזוי: רעליגיע און נאַציע איז ביי יידן געווען איינס; מיט דער צייט אָבער „האָט זיך יידישקייט דערהאַלטן נישט מחמת דעם דאָזיקן פאַרבאַנד (מיט דער נאַציע), נאָר טראָץ אַזאַ פאַרבאַנד". יידישקייט האָט אויסגעהאַלטן אַלע קריזיסן אין דער געשיכטע דערפאַר, וואָס דער נאַציאָנאַלער חומר איז געווען אונטערגעוואָרפן דעם רעליגיעזן גייסט, דער „אידעע פון געטלעכקייט". דער נאַציאָנאַלער גוף איז אָפּגעשטאָרבן ביים פאָלק, די נשמה — די רעליגיע איז געבליבן. אָן אַ לאַנד, אָן אַ מלוכה, אָן אַ שפּראַך איז קיין נאַציע נישט, דעריבער איז יידישקייט שוין לאַנג אויס נאַציע. פון מאַטעריעלע סימנים איז ביי יידן געבליבן נישט מער, ווי „שטאַמפאַרוואַנדשאַפט". אָבער דאָס איז נישט אַזאַ כח, וואָס זאָל קאָנען דערהאַלטן אַן אייגענעם סאָציאַלן און קולטורעלן שטייגער ביי אַ צעזייט פאָלק. אויב מ'האָט געקאָנט צוזעען אַזאַ אייגענעם אָפּגעשלאָסענעם לעבנסשטייגער ביים פאָלק, איז דאָס נישט דערפאַר, ווייל דאָס פאָלק האָט אַזוינס געוואָלט האָבן, נאָר בלית ברירה: פון אומעטום האָט מען יידן געטריבן, אָפּגעשטויסן, אין ערגיץ נישט צוגעלאָזט. דער „קאָרפּאָראַטיווער" (קהלה־אויטאָנאָמישער) שטייגער, וואָס מיר זעען צו ביי אַ טייל יידן נאָך איצט אויך, נעמט זיך פון יידישער רעכטלאָזיקייט, פון רדיפות; דאָס איז „אַ פלעקפוילקייט אינם יידישן לעבן". „אין דעם דאָזיקן קלאָגעדיקן רעשטל, וואָס לעבט נישט אויף זיין וועלט, זעט איר כלומרשט אַ געזונטן קערן צו דערהאַלטן די „מערקווירדיקע" לעבנסקראַפט פון יידישקייט!" ניין; אין גלות זענען מיר קיינמאָל נישט בייגעשטאַנען אונזער נאַציאָנאַל־וועזן. „דער שטרייט, וואָס אונז איז באַשערט צו פירן, איז קיינמאָל נישט געווען קיין שטרייט פון איין נאַציע קעגן דער אַנדערער. דאָ קעמפט אַ גערודפטע רעליגיע קעגן פאַנאַטיזם, דער פרייער גייסט קעגן גוואַלדטאַטן, מענטשלעכקייט און מאָראַל קעגן ווילדקייט. די רעגירונג זאָרגט צו דערהאַלטן די יידישע נאַציע, פאַרוואָס זשע זאָרגט זי נישט צו דערהאַלטן די פוילישע נאַציע, פאַרקערט, זי קעמפט קעגן דעם פוילישן פאָלק". זי טוט דאָס דערפאַר, ווייל פוילן זענען אַ לעבעדיקע נאַציע, אַ געפאַר פאַר דער מלוכה־איינהייט; מיט יידן אָבער, „מיט אַן אוממעכטיקן שאָטן פון אַ נאַציע, קאָן מען טרייבן אַ שפּיל". מ'זאָגט אונז, אַז מ'וויל נישט מיטהעלפן, מיר זאָלן זיך פאַרשמעלצן מיט דייטשן; זייער שיין, העלפט נישט, אָבער שטערט נישט אויך! צונויפשמעלצן וועלן מיר זיך ממילא,

חוץ אין רעליגיע־זאכן. די דאזיקע אסימילאציע וועט האבן נאך מער ווערט דערפאר, וואס מיר וועלן דאס טון „מיטן גוטן ווילן". ריסער זאגט צולעצט: ס'ווילט זיך גלויבן, אז דער גאנצער אומגערעכטער פראיעקט איז נישט מער, ווי א „פארשטעלטער עקזאמען אויף בירגער־רייפקייט פאר יידן". אויב דאס איז אזוי, האבן מיר דעם עקזאמען אויסגעהאלטן אויפן בעסטן אופן; דער בעסטער באווייז איז די פראטעסטן אין איין קול פון די קהלות קעגן ארויסלאזן יידן פון מיליטער־פליכט.

אזוי האט דער בעסטער יידישער פובליציסט יענע צייט, דער פירער פון דעם עמאנסיפאציע־שטרייט, פארענטפערט די נאציאנאלע פראגע. ער האט איבערגעקערט דעם גארן היסטארישן פראצעס מיטן קאפ אראפ. וואלט זיך ריי־סער טיפער איינגעטראכט אין דער יידישער געשיכטע, איז וואלט ער פאר־שטאנען אזא זאך, אז נישט דאס נאציאנאלע איז געווען א לבוש (א גוף) פאר דער רעליגיע, ווי ער האט געמיינט, נאר פארקערט, די רעליגיעזע פראקטיק, די דיסציפלין פון מנהגים און מצוות, וואס איז געווארן א לעבנסשטייגער, איז געווען א הייטל אויף צו פארהיטן דעם קערן: דאס נאציאנאלע און דאס אייגנטימלע־כע. ער וואלט פארשטאנען, אז דאס יידישע־קהלה־לעבן איז געווען א טיפע באַ־דערפעניש פאר דעם נאציאנאלן גייסט, דער בעסטער סימן פון א לעבעדיקער נאציע, נישט קיין „פלעק אויפן יידישן לעבן". ריסער'ס דור האט זיך נישט גע־קאנט מאלן קיין „נאציע" אן א הייטל פון מלוכה און טעריטאריע, זיי האבן דע־ריבער געהאלטן, אז די אסימילאציע פון יידן איז שוין א זיכערער פאקט. זיי האבן זיך נישט נעקאנט מאלן, אז פארשידענע נאציעס זאלן קאנען עקזיסטירן אין איין מלוכה, אין א בירגערבונד. דערפון נעמט זיך, וואס דער קעניג פון פרייסן און דער קעניג פון יידישער פובליציסטיק האבן זיך געשפארט נישט וועגן דער אידעע, נאר וועגן פאקט: איינער האט געהאלטן, אז יידן זענען א נאציע, דעריבער קאנען זיי נישט זיין קיין גלייכבארעכטיקטע בירגער פון א דייטשיש־קריסטלעכער מלוכה; דער אנדערער האט געטענהט, אז יידן זענען נישט קיין נאציע, נאר א רעליגיעזע גרופע אין דער דייטשער נאציע, ממילא האבן זיי א גלייכע געוויכט אין דייטשער מלוכה. איינער האט ריכטיק אנגעוויזן א פאקט, נאר האט געמאכט דערפון א פאלטשן אויספיר, דער אנדערער האט גע־מאכט א ריכטיקן אויספיר פון א צוגעקלערטן פאקט. ס'איז געווען א טראגיזם פון דער געשיכטע, וואס א יידישער פאטריאט האט געמוזט פאלש פארשטיין די יידישע היסטארישע אנטוויקלונג, דאס האט געמוזט זיין אזוי סיי מחמת זיין דייטשיש־אסימילאטארישער דערציונג, סיי מחמת דער ס'סטעם צו פארטיידיקן זיינע „גלויבנסגענאסן". אנדערש האט מען דאס דעמאלט נישט פארשטאנען.

§ 6 די פּרי-אָנזאָגער פון עמאַנסיפּאַציע, די רעזאָלוציעס פון די פּרייסישע לאַנדטאַגן און דער געזעץ פון דעם יאָר 1847.

די יאָרן 1843—1847 לאָזט זיך מערקן אין דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג אין פּרייסן אַ געוויסע ענדערונג לטובת עמאַנסיפּאַציע. די דאָזיקע ענדערונג איז פאַרבונדן מיט דער באַפריי-בעוועגונג ערב דער מערץ-רעוואָלוציע, זי האָט זיך געלאָזט פילן סיי אין דער פּאָליטישער ליטעראַטור, סיי אין די געגנט-לאַנדטאַגן. די צייט האָט מיטגעבראַכט, אַז דערזעלבער „באַאַמטער" שטרעקפוס, וואָס דאָס יאָר 1833 האָט ער אונטערגעזאָגט דער רעגירונג אַ פּראָיעקט „בירגער פונם צווייטן סאָרט" און געשראָקן דערמיט יידן, דער זעלבער שטרעקפוס האָט זיך אין צען יאָר אַרום אָפּגעטרייסלט פון זיין אייגענעם אויפטו. דאָס האָט ער געטון אין זיין „צווייט בוך וועגן דער שטעלונג פון יידן צו קריסטלעכע מלוכות" (1843); דאָ האַלט ער שוין פון גלייכבאַרעכטיקן יידן. אַ נייער גייסט פילט זיך אין דער דייטשער פּרעסע, וואָס זי האָט דעמאָלט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג.

אַ וויכטיקע ענדערונג לטובת יידן זעען מיר צו אין אייניקע פּראָווינציעלע פּרייסישע לאַנדטאַגן: די אַלטע נעסטן פון דער פּריציש-אָפיציעלער רעאַקציע ווערן איצט אַ שטיץ פאַר ליבעראַליזם. די יידן-שטרייטער פאַר עמאַנסיפּאַציע האָבן געווירקט און אויסגעפירט, מ'זאָל דאָ שטעלן די יידנפראַגע. אָנגעהויבן האָט זיך פון דער ריין-פּראָווינץ, דאָרט האָבן יידן שוין געהאַט פאַרזוכט עמאַנסיפּאַציע, דערנאָך האָבן זיי געהאַט אויסצושטיין דעם „שענדלעכן דעקרעט", וואָס פּרייסן האָט אים פאַרלענגערט דאָס יאָר 1818 (§ 4). אין ריינער לאַנדטאַג זענען אָנגעקומען פּעטיציעס פון יידישע קהלות און אייניקע דייטשע שטאָט-דומעס, מ'זאָל אָפּשאַפן דעם „דערווייליקן" דעקרעט, וואָס איז אונטער דער צייט שוין געוואָרן אַ שטענדיקער, מ'זאָל יידן אומקערן גלייכבאַרעכטונג. זומער דאָס יאָר 1843 האָט דער לאַנדטאַג, דעמאָלט אין דיסעלדאָרף, באַהאַנדלט די פּעטיציעס און אָנגענומען אַ רעזאָלוציע (דעם 16-טן יולי): בעטן דעם קעניג אָפּשאַפן דעם שענדלעכן דעקרעט און „באַזייטיקן אַלע מניעות, וואָס שטערן צו גלייכבאַרעכטיקן יידן אין בירגערלעכן און אין פּאָליטישן פּרט מיט קריסטלעכע אונטערטאַנען גלייך". די דאָזיקע ערשטע שטים פון אַ פּראָווינציעלן „פּאַרלאַמענט" לטובת גלייכבאַרעכטונג האָט פאַרשאַפט אַ גרויס התפעלות אַלע יידן אין פּרייסן; ס'האָט זיך אַ שיט געטון דאַנק-אַדרעסן דעם לאַנדטאַג. היות ווי די צענטראַלע רעגירונג האָט זיך נישט צוגעהערט צום ריינער לאַנדטאַג, האָט זיך צו דער צווייטער סעסיע, אָנהויב יאָר 1845, ווידער אָנגעהויבן אַן אַגיטאַציע. קעלנער בירגער האָבן געשיקט דעם לאַנדטאַג אַ פּעטיציע, געבעטן „נאָך אַמאָל, אויפהויבן זיין שטים, בייצושטיין די הייליקע אינטערעסן פונם מענטשן-כלל, וואָס ווערן דאָ מיט די פיס געטרעטן מיט דעם אוממענטשלעכן באַהאַנדלען יידן; דער

לאַנדטאַג זאָל ביישטיין מענטשלעכקייט און פרייהייט, נאָך אַמאָל זיך משתדל זיין ביים קעניג פּאָליטיש אין בירגערלעך גאָר צו גלייכבאַרעכטיקן יידן, און בעטן ער זאָל גנעדיק וואָס גיכער באַפרידיקן די ביטע. דער ריינער לאַנדטאַג האָט באַשטעטיקט זיין פריערדיקע רעזאָלוציע (אָנגענומען מיט אַ מערהייט שטימען: 56 קעגן 16). סוף־כל־סוף האָט זיך די פּרייסישע רעגירונג אונטערגעגעבן: דער קעניג האָט אָפּגעשאַפט דעם „שענדלעכן דעקרעט” פאַר יידן אין ריינער פּראָווינצן (מערץ 1845).

דער לאַנדטאַג אין די אַלטע פּרייסישע לענדער האָט די זעלבע צייט אויך אָנגענומען אַ פריינדלעכע רעזאָלוציע וועגן דער יידנפראַגע: דאָ האָט מען דאָס אויך צו פאַרדאַנקען פּעטיציעס פון יידן און קריסטן. אין דער רעזאָלוציע איז געשטאַנען: בעטן דעם קעניג, דער עדיקט פון יאָר 1812 זאָל גילטן פאַר גאַנץ פּרייסן (ד.ה. פאַר די נייע פּראָווינצן אויך, וואָס זענען צוגעקומען דאָס יאָר 1815), צולאָזן יידן צו אַקאַדעמישע און מלוכה־שטעלעס און געבן יידישע קהלותרעכט פון אַ קאָרפּאָראַציע. אין דער רעזאָלוציע איז נישט געזאָגט, אַז יידן זאָלן האָבן וואַל־רעכט אין די לאַנדטאַגן, אָבער דאָס אַפילו, וואָס דאָרט איז יאָ דערמאָנט, איז אויך צופיל פאַר פּרייסישן ליבעראַליזם. אַן ענלעכע רעזאָלוציע האָט אָנגענומען בראַנדענבורגער לאַנדטאַג אויך; דאָ איז אויסגעקומען אויסצושטיין אַ ווידערשטאַנד מצד די אידעאָלאָגן פון אַ „קריסטלעכער מלוכה”. ענלעכע רעזאָלוציעס מיט אייניקע אויסרעדענישן האָבן אָנגענומען די לאַנדטאַגן אין שלעזיע און אין פּויזן. אין דעם מייסטן טייל רעזאָלוציעס איז אָנגעטייט דער שנעלער קולטור־וואוקס ביי יידן, דאָס שטימט נישט מיט בירגערלעכער גלייכבאַרעכטונג. אָפּן קעגן עמאַנסיפּאַציע האָט זיך געשטעלט איין זאַקסישער לאַנדטאַג, דער רעאַקציאָנערסטער אין גאַנץ פּרייסן.

אויף די אַלע רעזאָלוציעס פון לאַנדטאַגן האָט די רעגירונג געענטפערט, אַז זי אַרבעט נאָך אַלץ אויס אַ ספּעציעלן „יידן־געזעץ”, זי האָט אָבער געגעבן אָנצוהערן, אַז דער קעניג האַלט נישט ביי געבן יידן פּאָליטישע גלייכבאַרעכטונג. צולעצט איז זי אַרויס מיטן געזעץ־פּראָיעקט. פאָרגעקומען איז דאָס פאַר פּרייסן זייער פייערלעך. פריזומער דאָס יאָר 1847 האָט מען אין בערלין צונויפגערופן אַ „פאַראייניקטן לאַנדטאַג”, פאָרשטייער פון אַלע פּראָווינציעלע לאַנדטאַגן, כלומרשט אַ פּאַרלאַמענט מיט באַראַט־רעכט. צווישן אַנדערע פּראָיעקטן האָט מען דעם פאַראייניקטן לאַנדטאַג דערלאַנגט אַ פּראָיעקט פון אַ נייעם יידן־געזעץ. ס׳זאָל הייסן אַזוי: פון איין זייט זאָל פאַרווירקלעכט ווערן דער אַקט עמאַנסיפּאַציע פונם יאָר 1812 אָן שום באַגרעניצן אין פּרט סוביעקטיווע רעכט; וואָס אָנבאַלאַנגט אָבער עפנטלעכע און פּאָליטישע רעכט — זאָל אין דעם פּרט גילטן דער פּרינציפּ פון אַ קריסטלעכער מלוכה. די היציקע דעבאַטן איןביידע קוריעס אין לאַנדטאַג, אין דער אַדעלשער און אין דער זעמסקער־שטעטישער, בעת מ׳האָט באַהאַנדלט דעם געזעץ־פּראָיעקט, האָבן באַוויזן, אַז די געזעלשאַפט איז שוין נישט איינס מיט

דער רעאַקציאָנערער רעגירונג. געשטיצט די רעגירונג האָט נאָר די פּריצישע קוריע, אין דער שטעטישער קוריע האָט די רעגירונג געהאַט אַ שטאַרקע אָפּאָזי־ציע. מיניסטאָרן אייכהאָרן און טילע האָבן געטענהט, אַז מ'טאָר נישט צולאָזן יידן צו געזעצגעבערישע און אַדמיניסטראַטיווע אינסטיטוציעס. ווייל אין אַ קריסט־לעכער מלוכה דאַרפן זיי זיין „אָנגעזאַפּט מיטן גייסט פון קריסטנטום". טילע האָט אַפילו פּירגעבראַכט, אַז „דאָס פאָטערלאַנד ביי יידן איז ציון; אַזוי לערנט זיי זייער רעליגיע, קיין אַנדער פאָטערלאַנד קאָן אַ „ייד בעצם נישט האָבן". אַן אַנדער פאַרטרעטער פון דער רעגירונג האָט זיך אויסגערעדט נאָך אָפענער: יידן זענען פרעמדע אין אונזער לאַנד, און אַזוי וועט דאָס בלייבן ביז ווי לאַנג זיי וועלן בלייבן יידן". פּרייסישע יידן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן מיט זייער פּאַטריאָטיזם אַזוי ווי מיט אַ פּאַנצער, זענען שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן פון אַזעלכע רייד. ס'האָט זיך ווידער אַ שיט געטאָן פּראָטעסטן און פּעטיציעס וועגן גלייכבאַרעכטונג, געחתמעט אגב פון אַ סך ליבעראַלע קריסטן אויך. אין לאַנד־טאַג גופא האָבן די פירער פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי (קאַמפּהויזן, אויערס־וואַלד און אַנד.) שאַרף קריטיקירט דער רעגירונגס פּראָיעקט. נאָך לאַנגע דע־באַטן און פּשרות האָט דער לאַנדטאַג אָנגענומען דעם „געזעץ וועגן איינאָרדנען יידן", דער קעניג האָט אים באַשטעטיקט (23 יולי 1847).

די דאָזיקע „קאָנסטיטוציע", וואָס האָט געזאָלט „פאַר־אַלקאָמען" דעם עדיקט פון יאָר 1812, איז אויך נישט דערגרעדט, און דאָס שאַדט נאָך מער דעם עדיקט. דער ערשטער פּונקט הייסט אַזוי: „אונזערע יידישע אונטערטאַנען ווערט געגעבן אין אונזער גאַרער מאָנאַרכיע ביי גלייכע פליכטן גלייכע בירגעררעכט מיט אונ־זערע קריסטלעכע אונטערטאַנען, ווי ווייט אין דעם דאָזיקן געזעץ איז נישט אָנגעוויזן קיין אַנדערע נאָרמעס"; נאָך דעם הויבט זיך אָן אַ סדרה אויסנעמען: יידן ווערן צוגעלאָזט צו מלוכה־אַמטן און קאָמונאַלע שטעלעס בתנאי, אויב אַזוינע שטעלעס זענען נישט פאַרבונדן מיט גערעכטלעכע, פּאָלי־צייאישע און אַדמיניסטראַטיווע פונקציעס. אין אוניווערסיטעטן מעגן יידן זיין פּריוואַט־דאָצענטן און פּראָפעסאָרן פון מעדיצין, פילאָלאָגיע, מאַטעמאַטיק און נאַטורוויסנשאַפטן, „ווי ווייט דאָס איז נישט אַקעגן די סטאַטוטן" (פון די אוני־ווערסיטעטן); זיי טאָרן אָבער נישט זיין קיין דעקאַנען און רעקטאָרן און ווערן נישט צוגעלאָזט צום אַקאַדעמישן סענאַט. יידן אין דער אַרמיי טאָרן נישט זיין קיין אָפיצערן. יידן האָבן אויך נישט קיין וואַל־רעכט אין די לאַנדטאַגן. ס'איז געבליבן דאָס אַלטע איינטיילן יידן אין קאַטעגאָריעס נאַטוראַליזירטע און נישט נאַטוראַליזירטע אין פּויזנער גרויסהערצאָגטום, לויט דעם סטאַטוט פון דעם יאָר 1833. פאַר די אַלע באַגרעניצן אין בירגער־רעכט האָט מען יידן געגעבן אַ באַ־זונדער קהלה־קאָנסטיטוציע.

יידישע קהלות באַקומען, לויט דעם געזעץ פון יאָר 1847 רעכט פון „קאָר־פּאָראַציעס" און יורידישע פּערזאָנען, זייער אויטאָנאָמיע איז אָבער גילטיק נאָר

פאַר גייסטיקע ענינים. מיט אַזעלכע „סינאַגאָגען-געמיינדעס" (אַזאַ נאָמען האָבן זיי איצט באַקומען) האָבן אַסימילירטע יידן געקאָנט צופרידן זיין: זיי אַליין האָבן מורא געהאַט פאַר אַ שאָטן פון נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. יעדע קהלה קלייבט אויס איר „פאָרשטאַנד" (פאַרוואַלטונג) און באַאַמטע: רבנים, לערער און ד. ג. די רעגירונג מישט זיך נישט אין יידישן רעליגיעזן לעבן, די קהלות גופא זאָלן אויסגלייכן צווישן זיך רעליגיעזע שטרייטיקייטן. קהלות מעגן האָבן אייגענע שולן אָבער נאָר פאַר רעליגיעזן למוד; פאַר בילדונג-צוועקן בכלל דאַרפן יידישע קינדער לערנען אין קריסטלעכע שולן; אין אויסנאַם-פאַלן קאָן מען דערלויבן אַ קהלה מאַכן אַן אָנהויב-שול פאַר יידישע קינדער מיט אַ בילדונג-פּראָגראַם. קהלות דעקן אַלע זייערע הוצאות פון אייגענע קוועלן, די רעגירונג גיט זיי קיין שטיצע נישט, זי האָט נאָר דעם קאָנטראָל איבער די קהלה-פינאַנסן. מיט לעגאַליזירן „סינאַגאָגן-געמיינדען" איז מען דאָ בכלל אויסן געווען נישט מער, ווי „דערהאַלטן אָרדנונג" ביי זיי, אָבער נישט פאַרפעסטיקן קיין אויטאָנאָמיע, אַסימילירטע יידישע טוער האָבן אַזעלכעס נישט פאַרלאַנגט אויך. דערפון נעמט זיך, וואָס דער גרונד-געדאַנק פונם געזעץ אין פרט פון קהלה-וועזן איז צו דעצענטראַליזירן די קהלה-פאַרוואַלטונג. אין דעם פרט האָט די פּרייסישע רעגירונג איבערגענומען ווילהעלם הומבאָלדטס געדאַנק „צעשטערן די יידישע אחדות, פריערדיקער באַנד § 32): יידישע קהלות זאָלן זיין צעשטויבטע אָפּגעזונדערטע קעמערלעך אָן איין צענטראַלער אינסטיטוציע, וואָס זאָל זיי אַלע פאַראייניקן. איבער דעם טעם האָט די רעגירונג אָפּגעוואָרפן די פראַנצויזישע קאָנסיסטאָריאַלע-סיסטעם: דאָרטן שמעקט מיט צענטראַליזאַציע, כאָטש בעצם זאָל אַזאַ צענטראַליזאַציע זיין אַ געצייג ביי דער רעגירונג אין די הענט צוווירקן אויף דער יידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג. פונדעסטוועגן איז די פּרייסישע סיסטעם אָפּגעזונדערטע קהלות געווען וויניקער שעדלעך איידער די פראַנצויזישע אָפיציעלע צענטראַליציע: דאָ אין פּרייסן זאָל זיך די רעגירונג כלל נישט מישן אין קהלה-ענינים.

אַזוי איז אין פּרייסן באַשאַפן געוואָרן ערב רעוואָלוציע אַ נייער געזעץ אַ פשרה צווישן רעגירערישן קאָנסערוואַטיזם און געזעלשאַפטלעכן ליבעראַליזם די רעוואָלוציע האָט דעם געזעץ גרינטלעך געענדערט, אָבער אין פרט קהלהשער זעלבסטפאַרוואַלטונג איז דער דאָזיקער געזעץ גילטיק געבליבן אין פּרייסן נאָך דער מערץ-רעוואָלוציע אויך.

§ 7. דער שטרייט פאַר עמאַנסיפּאַציע אין בייערן.

אויסער פּרייסן איז דער מערקווירדיקסטער שטרייט פאַר יידישער עמאַנסיפּאַציע יענע צייט פאָרגעקומען אין בייערן. אין בייערן איז געווען אַ גרויסע

יידישע מאַסע (50—60 טויזנט נפשות), די רעכטלעכע לאַגע איז דאָ געווען פאַר־שידן אין צוויי טיילן לאַנד. אין אַלט־בייערן האָט געגאָלטן דער עדיקט פון יאָר 1813, אַן אומדערבאַרעמדיקער „צוכטגעזעץ", וואָס האָט נאָרמירט די צאָל יידי־שע חתונות און יידישע באַפעלקערונג מיט דעם צוועק „ביסלעכווייז צו פאַרמי־נערן" די צאָל יידן¹). אין די פאַלצער ריין־פּראָווינצן, וואָס זענען בייערן צוגע־קומען נאָך דעם באַפריי־קריג, איז געבליבן (לויט דעם געוויסן באַשלוס פונם ווינער קאָנגרעס) דער אַלטער פראַנצויזישער געזעץ וועגן גלייכבאַרעכטונג; מיט דער צייט האָט מען בײַ יידן ביסלעכווייז אָפּגענומען זייערע רעכט. דאָס יאָר 1818 איז אין קעניגרייך בייערן איינגעפירט געוואָרן אַ קאָנסטיטוציע מיט פאַר־טרעטער פון שטאַנדן, יידן האָבן נישט געהאַט קיין וואַלרעכט אין „פאַרלאַמענט" נישט אין אַלט־בייערן, נישט אפילו אין פאַלצער ריין־פּראָווינצן. יידן זענען גע־ווען ווי אבלים אויף דער קאָנסטיטוציע־שמחה. דאָסזעלבע יאָר האָבן יידן גע־קראָגן נאָך אַ באַליידיקונג: ביי די מוניציפּאַלע וואַלן אין פיורט (יידן האָבן דאָרט אויסגעמאַכט אַ פינפטל באַפעלקערונג) איז אין מאַגיסטראַט נישט אויסגעקליבן געוואָרן קיין איין ייד, בעת אפילו ביים אַלטן רעזשים פלעגן יידן דאָרט האָבן צוויי ראַטמענער. זיי האָבן זיך געקלאָגט פאַרן קעניג מאַקסימיליאַן יאָזעף, און יענער האָט באַפוילן, אַז אַזאַ „מאָדנע אויפפירונג" זאָל מער אין מוניציפּאַליטעט נישט פאָרקומען און יידן זאָלן האָבן אין מאַגיסטראַט אַ פאַרטרעטער ביי צושטיין זייערע אינטערעסן: פיורטער יידישע קהלה איז געווען אַזוי גערירט, אַז זי האָט דערלאַנגט דעם קעניג אַ דאַנק־אַדרעס; דער גדאַנק איז, אַז „רעליגיע, די היי־ליקייט פונם הארצן, קאָן נישט אָפּטיילן מיט קיין וואַנט בירגער פון בירגער, דעם קעניג פון אונטערטאַנען". צולעצט שרייבן זיי: „אָ, ווען פעלקער זאָלן פאַר־שטיין דעם דאָזיקן אמת (אַז אַלע בירגער דאַרפן זיין גלייך), ווען זיי זאָלן אַזוי פילן און האַנדלען! דעמאָלט וואָלטן זיי זיך ברידערלעך געפאַלן אין די אָרעמס, דער חלוק צווישן רעליגיעס וואָלט זיך אַרויסגעוויזן נישט מער ווי אין גאָטרי־נען און אין געבעטהייזער. איזראַעליטן וואָלטן די ערשטע געהאַט פאַר זייערע קריסטלעכע מיטברידער אַ ברידערלעכן קוש".

אַזוי האָבן פירער פון בייערשע יידן אויסגעגאָסן זייער האַרץ פאַרן קעניג, גלייך דערמיט האָבן זיי אָבער געזען צו ווירקן אויף די געזעצגעבערישע אינ־סטיטוציעס אויך. אַפּריל דאָס יאָר 1819 זענען זיך אין מינכען צונויפגעקומען יידישע טובים (נאָטאַבלען) און האָבן אָנגענומען אַ באַשלוס: זיך משתדל זיין פאַרן בייערישן לאַנדטאַג, אין דער נייער קאָנסטיטוציע זאָל אַריינגעשטעלט ווערן אַ פונקט וועגן יידישער גלייכבאַרעכטונג. ראַבינער ש. ראָזענפעלד האָט אין דעם זין צונויפגעשטעלט און דערלאַנגט דעם לאַנדטאַג „אַ מעמאָראַנדום צו דער געהויבענער שטאַנדן־פאַרזאַמלונג — וועגן דער לאַגע פון יידן און וועגן זייער ביר־

¹) פּריערדיקער באַנד § 34;

גערעכער אײנאָרדנונג". דער מעמאָראַנדום איז אינגיכן באַוואוסט געוואָרן אין דער עפנטלעכקייט. מיונכענער קריסטלעכע סוחרים האָבן דערלאַנגט דעם לאַנדטאָג אַ קעגן-פּעטיציע, געפּאָדערט, אַז פּאַר זייערע יידישע קאָנקורענטן זאָלן בלײבן גילטיק די אַלטע אויסנעם-געזעצן. די יידנפראַגע איז אויפגעקומען אין דער ליטעראַטור אויך. ליפּס, פּראָפעסאָר אין ערלאַנגען, האָט פאַרעפנטלעכט אַ בוך: „וועגן דער קינפטיקער לאַגע פון יידן אין דײטשע בונד-מלוכות" (מערץ 1819). ער באַטראַכט אויספירלעך די סיבות, וואָס האָבן געבראַכט אָנפאַלן אויף יידן אין גאַנץ דײטשלאַנד, באַווײזט, אַז „ס'האָט זיך ווידער דערוועקט דער מיטלאַלטערישער האַס קעגן יידן" און קומט צו די זעלבע מאָטיוון, וואָס ריוס און אַלע פּרײסישע אַנטיסעמיטן: שולדיק איז די אײגנאַרטיקע יידישע רעליגיע, וואָס זונדערט אָפּ יידן פון קריסטן, די אײנזײטיקע יידישע עקאָנאָמישע אַרבעט און דערגלײכן. ליפּס איז אָבער נישט מסכים מיט אַנטיסעמיטישע אויספירן: ער פאַרבויגט טיף דעם קאָפּ פאַר דעם היסטאָרישן נסיון, וואָס די יידישע נאַציע שטייט אויס, ער גלויבט, אַז יידן קאָנען זיך „אויסלײטישן", „אָפּרײניקן זײער רעליגיע און זיטן און זיך צונויפשמעלצן מיט אונז" (דײטשן); ד. ה. יידן וועלן ווערן אויס נאַציע. אַ ליבעראַלע געזעצגעבונג זאָל נאָך זײן מײנונג נאָך גיכער ברענגען דעם דאָזיקן רעזולטאַט, אײדער שטראָף-מיטל. ליפּס בוך האָט געמאַכט אַ רושם אויסער בײערן אויך. בײ דער יידישער אַסימילירטער אינטעליגענץ האָט דאָס בוך שטאַרק אויסגענומען.

מאַי דאָס יאָר 1819 האָט זיך דער בײערישער לאַנדטאַג אָנגערופן אויף דער יידישער פּעטיציע; ער האָט באַשלאָסן פאָרלײגן דער רעגירונג איבערזען דעם עדיקט פון יאָר 1813 מיט דעם צוועק צו פאַרברײטערן יידישע רעכט. דער קעניג האָט צוגעשטימט און האָט צוגעזאָגט, אַז דאָס אינערן-מיניסטעריום וועט זיך באַלד נעמען צו אַזאַ „רעוויזיע, וואָס איז שוין אָנגעמערקט פון פריער" און וועט צושטעלן אַ געהעריקן פּראָיעקט דעם לאַנדטאַג צו דער נאָנטסטער סעסיע (דעם 22 יולי)... קײן צוויי וואָכן זענען נאָך נישט דורך, אַז אויף די גאַסן אין בײערישע שטעט האָט זיך געלאָזט הערן דער געשרײ „העפּ-העפּ", אַ סיגנאַל צו פּאָגראָמען כמעט אין גאַנץ דײטשלאַנד (§ 2). אין ווירצבורג, אין באַמבערג און אין אַנדערע שטעט האָבן דײטשע קרעמער רואינירט זײערע יידישע קאָנקורענטן, דאָס זאָל בײ זײ הײסן אַ פּראָטעסט קעגן דער געפּלאַנטער גלײכבאַרעכטונג. חוץ דעם אַלגעמײנעם רעאַקציאָנער-פּאַטריאָטישן טשאַד, האָט אין דער בײערישער פּאָגראָם-באַוועגונג געשטעקט אַ קלאָרע אויסגערעכנטקײט: מ'איז אויסן געווען איבערשרעקן יידן און די רעגירונג מיט דער געפאַר פון אַ „פאָלקס-נקמה", אויב יידן זאָל געגעבן ווערן גלײכבאַרעכטונג. די העצער האָבן זײערס אויסגעפירט: די רעגירונג האָט אָפּגעלײגט די צוגעזאָגטע „רעוויזיע פונם עדיקט", און די יידישע געזעלשאַפט האָט נאָך אַ לאַנגע צײט נאָך דעם נישט געקאָנט קומען צו זיך פון דעם העסלעכן קלאַפּ, וואָס זי האָט באַקומען אָפּגעענטפערט אויף

דעם „ברידערלעכן קוש״, וואָס זי האָט געהאַט גרייט פאַר „קריסטלעכע מיט-ברידער״.

סוף יאָר 1821 זענען זיך אין מיונכען ווידער צונויפגעקומען יידישע טובים און האָבן איבערגעגעבן דריי גלידער פונם מיונכענער קהלה-ראַט דערלאַנגען דעם קעניג אַ פּעטיציע וועגן „גלייכבאַרעכטיקן (יידן) אין רעכט און אין פליכטן״. אין דער פּעטיציע איז פירגעבראַכט דער געדאַנק, אַז די פאַראַכטונג צו יידן ביי דער קריסטלעכער געזעלשאַפט שפּייזט זיך פון יידישער רעכטלאָזיקייט. די פּעטיציע-שרייבער בעטן אגב, מ׳זאָל פאַרווערן צו דערמאָנען אין אָפיציעלע אַקטן אַזוינע באַליידיקנדיקע אויסדרוקן ווי „יודע״ אָדער „שוץ-יודע״; „איזראַעליטן זענען גרייט אויף די גרעסטע קרבנות״ צו פאַרבעסערן זייער אינעווייניקסטן שטייגער ווי ס׳פּאַסט פאַר איצטיקער ציוויליזאַציע. אָבער די רעגירונג האָט שוין נישט געהאַט קיין חשק זיך צוהערן צו יידישע פאָדערונגען. זי האָט פאָרגעהאַלטן מיונכענער אַדמיניסטראַציע, וואָס יענע האָט דערלאָזט, אַז יידישע טובים זאָלן אויף זייער אַ פאַרזאַמלונג אַרויסזאָגן מיינונגען, וואָס „שטימען נישט מיט דער קאָנסטיטוציע״; די רעגירונג קאָן נישט דערלאָזן, אַז „די „יודענשאַפט״ זאָל זיך האַלטן פאַר אַ קאָרפּאָראַציע״. מאַי דאָס יאָר 1821 האָט דער פּרעזידיום פונם לאַנדטאג אָנגעפרעגט ביים מיניסטעריום, צי וועט דאָס איינגיכן האָבן פּאַרטיק דעם צוגעזאָגטן געזעץ-פּראָיעקט וועגן יידן. דערויף איז געווען אַן ענטפער, אַז די רעגירונג „האַלט, אַז איצט איז קיין צייט נישט איבערצוזען דעם יידישן עדיקט״; פאַר יידן „זענען נאָך אָפן וועגן ביסלעכווייז צו אריין אין בירגער-לעבן״, אויב זיי וועלן ווייטער אויך באַווייזן פלייס אין דער „אָנגעהויבענער בילדונג״. דאָס הייסט: זאָלן יידן זיך מיען פאַרדינען גלייכבאַרעכטונג שפּעטער, איצט קאָנען זיי דערויף נישט אויסשטעלן.

האָבן זיך יידן געמיט. אַ טייל האָט פאַסירט האַנדל און זיך גענומען פאַר מלאכה און ערדאַרבעט. מ׳האָט פאַרדייטשט יידישע שולן סיי אין דער שפּראַך, סיי אין עצם לערנען. דייטשע גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטן זענען פול געוואָרן מיט יידן; ס׳האָבן זיך באַוויזן יידישע געלערנטע, אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, אָבער מלוכה-אַמטן און געזעלשאַפטלעכע שטעלעס זענען געווען פאַר יידן צו. צו דער צייט, ווען דאָס פאָליטישע לעבן האָט ווידער אויפגעלעבט (1830), האָט שוין די יידישע געזעלשאַפט פאַרמאָגט גענוג ענערגיע צו פירן ווייטער איר שטרייט פאַר רעכט. דאָס יאָר 1831 האָבן יידישע קהלות אין פיורט, אַנסבאַך און ווירצבורג דערלאַנגט אַ פּעטיציע דעם בייערישן לאַנדטאג; דאָרט האָט זיך שוין געהערט אַ פּראָטעסט-שטים: „50 טויזנט איינוואוינער אין דער מלוכה, וואָס טראָגן אַלע לאַסטן און טוען אַלע פליכטן מיט קריסטלעכע בירגער גלייך, פעלט נאָך אַלץ נישט אַליין בירגער-רעכט, נאָר די וויכטיקסטע, די הייליקסטע מענטשנרעכט אויך, און נאָר דערפאַר, ווייל זיי געהערן צו אַ רעליגיע, וואָס זי איז די מוטער פון קריסטנטום... 50 טויזנט איינוואוינער קרעכצן ביטער אונטער אַ לאַסט פון אומ-

מענטשלעכע אומגערעכטע אויסנעם־געזעצן, וואָס נאָך פאַר 12 יאָרן האָט מען צוגעזאָגט זיי אָפּשאַפן. ביי קיינעם קאָן מען נישט אָפּנעמען דאָס רעכט צו האָבן אַ פאָטערלאַנד, צו אַנטוויקלען זיינע פיזישע און גייסטיקע קרעפטן, פאַרמאָגן אייגנס, וואוינען אויף אַן אָרט, חתונה האָבן, דערציען קינדער און זיי לאָזן בירושה אַ פאָטערלאַנד, אַ היים און אַ זיכערקייט, אַז זיי מעגן געניסן מענטשן־רעכט. אָבער דאָרט, וואו מ'הייסט ווערן וואָס ווייניקער, וואו מ'טאָר זיך נישט מערן, וואו מ'מעג וואוינען באַשטענדיק נישט מער ווי אין אייניקע ערטער, דאָרט האָבן נישט אונזערע קינדער נישט קיין פאָטערלאַנד, נישט קיין אייגנס, נישט קיין פּראָפּעסיע; דאָרט איז זיי אָנגעצייכנט צו פאַרזיצן, צו שמאַכטן אָן רעכט, אומקומען פיזיש און מאָראַליש"...

אַ ספּעציעלע קאָמיסיע האָט באַהאַנדלט די אַלע פּעטיציעס; דעם 5־טן נאָוועמבער 1831 זענען אין בייערישן לאַנדטאַג פאָרגעקומען היציקע דעבאַטן וועגן דער יידנפראַגע. ד"ר לאַנג, דער באַריכטער פון דער קאָמיסיע, האָט געשטיצט יידישע פאָדערונגען, געבראַכט וויכטיקע פּרינציפּיעלע מאָטיוון וועגן דעם עצם וועזן פון אַ רעכטלעכער מלוכה, וואָס קאָן נישט צוזען ביי זיך, אַ טייל בירגער זאָל זיין גערודפט. ער האָט פאָרגעלייגט דעם לאַנדטאַג אַ רעזאָלוציע: בעטן דעם קעניג מ'זאָל באַלד נעמען איבערזען די געזעצן וועגן יידן און מ'זאָל וואָס גיכער צושטעלן דעם לאַנדטאַג אַ געזעצפּראָיעקט לויטן פּרינציפּ, אַז אַלע בירגער זענען גלייך אַ קעגן געזעץ. די מינדערהייט פון דער קאָמיסיע האָט פאָרגעלייגט נאָך אַ רעזאָלוציע: "מ'זאָל באַפרידיקן יידישע גערעכטע פּרעטענזיעס און פאַרגרינגערן זייער בירגערלעכע לאַגע", נאָר בתנאַי, אַז "די אָנגעהעריקע צו משה'ס רעליגיע זאָלן זיך אָפּזאָגן פון תלמוד און זאָלן האַלטן זונטאָג אָנשטאָט שבת". דער לאַנדטאַג האָט מיט אַלע שטימען קעגן איינעם אָפּגעוואָרפן די דאָזיקע העסלעכע רעזאָלוציע, וואָס האָט געפאָדערט פון יידן, זיי זאָלן פאַרבויגן רעליגיעזע דינים אַ סילוק פאַר בירגעררעכט. איינער נאָכן אַנדערן זענען אַרויס רעדנער צו פאַרטיידיקן גלייכבאַרעכטונג. דעפּוטאַט קולמאַן זאָגט: "מאַכט די קאָנסטיטוציע פאַר גילטיק. אין דער קאָנסטיטוציע רעדט זיך פון גלויבן פריי, און איר דערלאָזט רודפן יידן, דאָרט ווערט געזאָגט, אַז אַלע זענען גלייך אַקעגן געזעץ, אָבער יידן זאָלן גלייך זיין נאָר אין פרט לאַסטן און פליכטן". די דעפּוטאַטן האָבן אָנגעוויזן, ווי שנעל ס'וואַקסט ביי יידן מלאכה און ערדאַרבעט אָנשטאָט קליינהאַנדל, ווי ס'מערן זיך ביי יידן מענטשן מיט העכערער בילדונג פּעאיק צו ליבעראַלע פּראָפעסיעס. דער לאַנדטאַג האָט איינשטימיק אָנגענומען לאַנגס רעזאָלוציע און האָט דערויף באַקומען צוגעזאָגט פון דער רעגירונג, אַז זי וועט "פירנעמען אַ גענעראַלע רעוויזיע אין די געזעצן און באַפעלן, וואָס זענען נוגע יידן".

שטרייטער פאַר עמאַנסיפּאַציע זענען ביי זיך שטאַרק געהויבן געוואָרן נאָך אַזאַ באַשלוס פונם בייערישן לאַנדטאַג. ריסער האָט וועגן דעם געשריבן אַ

באהארצט אַרטיקל, אַז דער טאָג 5 נאָוועמבער 1831 וועט זיין פונקט אַזאַ תקופה
אין דער עמאַנסיפּאַציע ביי דייטשע יידן, אַזוי ווי דער 27=טער סעפטעמבער 1791[1]
ביי פראַנצויזישע יידן. די פרייד איז אָבער געווען צו פרי. די ביירישע רע=
גירונג האָט זיך אַזוי טיף אַריינגעלאָזט אין דער „רעוויזיע" פון „יידן=געזעץ",
אַז זי האָט פאַרגעסן אינם צוועק פון אַזאַ רעוויזיע. זי האָט אָנגעהויבן גראָבן
און פאָרשן נישט אַזוי פיל די יידישע סאָציאַלע לאַגע, ווי דאָס אינעווייניקסטע
יידישע לעבן, דאָס קהלה=וועזן און אַפילו יידישע רעליגיעזע ענינים אויך. מיט
דייטשער גרינדלעכקייט האָט מען געהאַלטן אין איין זאַמלען מאַטעריאַל וועגן
אַלע פרטים פונם יידישן לעבן; דאָס האָט אָפּגענומען דריי יאָר. ווען די רעגי=
רונג האָט שוין געהאַט די אַלע מאַטעריאַלן, איז זיי ערשט געבליבן שטייען אין
אַ „גרויסער פאַרלעגנהייט". ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אין יידישע קהלות
קומט פאָר אַ שפּאַלטונג, אַז אָרטאָדאָקסן און רעפאָרמיסטן פאַרשטייען יידישקייט
פאַרשידן. די רעגירונג האָט דעריבער געהאַלטן, אַז פריער, איידער אויסצואַר=
בעטן אַ געזעצפּראָיעקט וועגן גלייכבאַרעכטונג, דאַרף מען זיך קלאָר מאַכן,
צי לאָזט זיך רעאָרגאַניזירן צעשפּאָלטענע יידישע קהלות. די רעליגיעזע
שפּאַלטונג אינעווייניק אין די קהלות האָט געווייניטלעך ווייניק וואָס זיך אָנגעקערט
מיט דער בירגערלעכער רעפאָרם פאַר יידן; ביי דער רעגירונג איז דאָס געווען
נישט מער ווי אַן אויסרייד אָפּצולייגן די גאַנצע רעפאָרם. זי האָט אָבער געמאַכט
אַן אָנשטעל, כלומרשט ס'אַרט איר שטאַרק, וואָס יידן זענען נישט אייניק צווישן
זיך. נאָוועמבער דאָס יאָר 1835 האָט דאָס אינערן=מיניסטעריום צעשיקט אַ צירקו=
ליאַר דער פּראָווינציעלער אַדמיניסטראַציע: היות ווי ביי יידן זענען פאַראַן
פאַרשידענע מיינונגען וועגן רעליגיעזע עיקרים, וועגן גאָטעדינסט, דערציאונג און
בכלל וועגן דעם „קירכלעכן שטייגער", דאַרף מען צונויפרופן אין אַלע לאַנד=
קרייזן יידישע „קירך=פאַרזאַמלונגען" פעסטצושטעלן איין באַשטימטע אָרדנונג
אין יידישע קהלות און פאַראייניקן די קהלות מיט אַ העכערער „קירכלעכער מאַכט"
מיט אַ קאָנטראָל פון דער רעגירונג.

אָנהויב יאָר 1836 זענען זיך צונויפגעקומען פאַרטרעטער פון יידישע
קהלות אויף קרייז=צונויפפאָרן אין ווירצבורג, באַירייט, אַנסבאַך, אויגסבורג,
שפּייער, רעגנסבורג און מינכען. ס'זענען געקומען רבנים, שול=לערער, געהוי=
בענע סוחרים, אַריבער 400 דעלעגאַטן אין די אַלע צונויפפאָרן. דאָ זענען גע=
ווען פאַרטרעטן אַלע פאַרטייען, אָבער מייסטנס האָבן זיך דאָ געלאָזט הערן
רעפאָרמיסטן, פון דער גרופּע ראַבינער און לערער; זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט
פאַר דער רעגירונג, בכדי מיט איר כח צו לעגאַליזירן זייערע אינעווייניקסטע
רעפאָרם=פּלענער. די זיצונגען זענען פאָרגעקומען אין יעדער קרייז אונטער דער
השגחה פון רעגירונגס=קאָמיסאַרן. יעדן צונויפפאָר האָט די אַדמיניסטראַציע דער=
לאַנגט אַ לאַנג צעטל פראַגן, וואָס זי, די קריסטלעכע אַדמיניסטראַציע, האָט אַליין
אויסגעאַרבעט לויט אירע השגות אין שלחן=ערוך. דאָ זענען געווען פראַגן ווע=

נגן די קוועלן, עיקרים און מנהגים פון יידישקייט, וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון קהלות, וועגן ראַבינער, שולן. ס'זענען געווען לעפּישע פראַגן אויך, למשל: צי איז די יידישע רעליגיע מודה „די געטלעכע דריי איינקייט לויט תורת־משה?" צי האַלטן די יידן, אַז נאָר זיי קומען אַרויס פון אדם און חוה? וואָס מיינט מען, אַז מ'זאָגט: „גוי", אָדער „שבת־גוי"? ס'זענען געווען אַזוינע פראַגן אויך, וואָס דער בייערישער לאַנדטאַג האָט זיי שוין פריער אָפּגעהאַרפן, ס'קאָן נישט זיין קיין תנאי פאַר גלייכבאַרעכטונג, למשל: צי קאָנען יידן האַלטן זונטאָג אָנשטאָט שבת? צי איז דער אויטאָריטעט פון תלמוד אַ מוז פאַר יידן? וועגן מייסטן טייל פראַגן זענען אין די צונויפפאָרן פאַרגעקומען היציקע וכוחים. ווער ווייסט, צי וואַלטן אָרטאָדאָקסן און רעפאָרמיסטן מושוה געוואָרן, ווען ביידע צדדים זאָלן נישט געווען פאַרשטיין, אַז דאָ פּסק'עט מען נישט קיין שאלות, דאָ האַנדלט זיך דערפון, מ'זאָל דער רעגירונג געבן אַזאַ ענטפער, וואָס זאָל לויגען פאַר יידישע גלייכבאַרעכטונג. האָט מען דעם ענטפער צוגעפּאַסט צו דעם דאָזיקן צוועק; די רעפאָרמיסטן האָבן נאַטירלעך ביי אַזאַ געלעגנהייט געהאַט די אויבערהאַנט: אויף צו־פּאַסן זיך זענען זיי געווען די גרעסטע בעלנים. פונדעסטוועגן איז מען אין אַסך פראַגן געבליבן ביי פאַרשידענע מיינונגען. אין די עיקרים האָט די מערהייט גע־האַלטן מיט ר' יוסף אַלבו: געניג דריי עיקרים (גאָט, נבואה שכר); די מינדער־הייט האָט געהאַלטן מיטן רמב"ם'ס דרייצען עיקרים. שאַרף איז מען זיך פאַ־נאַנדערגעגאַנגען וועגן דער אמונה אין משיח'ן: די רעפאָרמיסטן האָבן נישט געוואָלט הערן פון אַ נאַציאָנאַלן משיח: משיח זאָל מאָראַליש רעפאָרמירן די וועלט; אַקעגן האָבן די אָרטאָדאָקסן געהאַלטן, אַז משיח זאָל אויסלייזן דאָס יידישע פאָלק, צוריק אויפשטעלן די יידישע מלוכה. די היציקסטע דעבאַטן זענען געווען, צי איז תלמוד אַ מוז. וויורצבורגער צונויפפאָר האָט באַשלאָסן, אַז אַ מוז איז נאָר די עלטסטע טראַדיציע אין תלמוד; באַירעטער צונויפפאָר האָט געהאַלטן, אַז מ'זאָל אָפּשאַפן די „צווייטע טעג" יום־טוב און אַנדערע דינים פונם תלמוד; אַקעגן אין אַנסבאַך און אין מינכען האָט די מערהייט געהאַלטן, אַז מ'טאָר גאָר נישט אָנרירן אין תלמוד. שאַרפע דעבאַטן זענען אויך געווען וועגן גאָטדינסט, וועגן דייטשע דרשות אין די שולן, וועגן אויסשליסן פון די תפילות, וואָס מ'בעט אויף משיח'ן און דעסגלייכן. אַלע צונויפפאָרן האָבן אָפּגע־וואָרפן איינפירן זונטאָג אָנשטאָט שבת. פאַר צענטראַליזירן די קהלה'שע זעלבסטפאַרוואַלטונג מיט ראַבינער אויבן־אָן האָט שטאַרק געאַרבעט דערהויפּט די רעפאָרמיסטישע פאַרטיי.

די קרייז־צונויפפאָרן האָבן געגעבן פאַרשידענע תשובות אויף דער רעגי־רונגס פראַגן, בכן האָט די רעגירונג באַדאַרפט אייגנטלעך צונויפרופן אַ יידישן לאַנדצונויפפאָר אויסצוגלייכן די סתירות; זי האָט דאָס אָבער נישט געטון איר האָט גראַד געלוינט דער נעגאַטיווער רעזולטאַט פון די צונויפפאָרן: די שפּאַלטונג אין די קהלות. בכן האָט זי זיך געהאַלטן פּטור דערווייל פון אַ בירגערלעכער

רעפאָרם פאַר יידן: ס׳איז נאָך פרי. יידישע קהלות זענען געווען אויפגעבראַכט אויף אַ צווייטער פאַלטשקייט פון דער רעגירונג און האָבן גענומען ווייטער שטורמען דעם קעניג מיט פעטיציעס. דאָס יאָר 1837 האָבן קהלות אין פיורט, אַנסבאַך און אין מיונכען דערלאַנגט פעטיציעס און מעמאָראַנדומס, ביטער געקלאָגט זיך אויף דעם עדיקט פון יאָר 1813. אַ סך יידן קאָנען נישט אויסשטיין די פלאָג פון „מאַטריקולן" און נאָרמעס פאַר חתונות און פאַר דער צאָל פאַמיליעס, און זיי פאַסירן בייערן און ציען איבער קיין אַמעריקע. „די רעגירונג האָט שוין לאַנג צוגעזאָגט, איצט איז שוין געקומען די צייט, זי זאָל אויסאַרבעטן אַ געזעצפראָיעקט, ער זאָל פאַסן פאַר דער קאָנסטיטוציע און פאַרן פראָגרעס ביי יידן." יידישע דעפוטאַציעס זענען געגאַנגען צום קעניג מיט אַזוינע פעטיציעס. דער קעניג און די מיניסטאָרן פלעגן פלייסיק לייענען די פעטיציעס, לויבן אַמאָל דעם סטיל און זיי אַוועקלייגן אין אַרכיוו אַריין. דאָס יאָר 1837 איז געוואָרן אַבעל׳ס קאָנסערוואַטיוו-קלעריקאַל מיניסטעריום, ס׳האָט געהאַלטן ביי פאַרשמעלערן רעכט פון פראָטעסטאַנטן, פון יידישער גלייכבאַרעכטונג האָט אַפילו קיין רייד נישט געקאָנט זיין. ס׳האָבן זיך אָפגענאַרט די רעפאָרמיסטן אויך, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט, זי רעגירונג זאָל זיי שטיצן. די פרומע קאַטוילישע מאַכט האָט שטאַרק געזאָרגט פאַר פרומקייט ביי יידן אויך. דאָס יאָר 1838 האָט דאָס מיניסטעריום געגעבן צו וויסן יידישע קהלות, אַז די רעגירונג האַלט נישט מיט די, וואָס „קריטיקירן ראַציאָנאַליסטיש די יידישע אמונה און דינים"; די רעגירונג האַלט אויך ניט פון אַזאַ מין בילדונג, וואָס ברענגט מיט „שעדלעכע נייע לערעס און גלייכגילטיקייט צו רעליגיע". בכן האָט די רעגירונג נישט געגעבן יידן די צוגעזאָגטע רעכט, דערפאַר האָט זי זיך אַליין גענומען רעכט צו לערנען יידן יידישקייט.

אַ צייט איז דאָס מיט דער עמאַנסיפאַציע-באַוועגונג אין בייערן צוגעגאַנגען שטיל, ביז זי איז ווידער לעבעדיק געוואָרן דאָס יאָר 1845 צוזאַמען מיט דער ליבעראַלער באַוועגונג אין פרייסן. סוף יאָר 1845 און אָנהייב 1846 איז דעם בייערישן לאַנדטאַג אָנגעקומען 26 פעטיציעס פון יידישע קהלות. איצט האָט מען זיך שוין מער געווענדעט צו פאָלקספאַרטרעטער, איידער צום קעניג און צו מיניסטאָרן. אָבער אין לאַנדטאַג האָט מען זיך אויך אָפגענאַרט. קעגן דער ליבעראַלער ריכטונג, וואָס האָט געוואָלט אַקעגנקומען יידן, איז אַרויס דער געוויסער טעאָלאָג ד ע ל י נ ג ע ר און אָפגעמאָלט מיט שוואַרצע פאַרבן דעם קולטור-צושטאַנד ביי יידן: זיין רעדע האָט געמאַכט אַ רושם. דער לאַנדטאַג האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע (דעם 7-טן מאַי 1847), געפאָדערט רעווידירן דעם „יידן-עדיקט", גרינגער מאַכן די יידישע לאַגע, אָבער גלייכבאַרעכטונג איז נישט דערמאַנט געוואָרן. די רעגירונג האָט צוגעשטימט צו דער רעזאָלוציע, זי האָט זיך אָבער נישט געאיילט טון. ס׳האָט נישט געהאָלפן, וואָס יידישע טוער האָבן נישט איבערגעפרובט צו פועלן מ׳זאָל פאַרגרינגערן די לאַגע. אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביזן יאָר 1848.

§ 8. פּאָליטיק און רעליגיע אין באַדען.

פון אַלע דייטשע לענדער האָט זיך אין באַדען אַמשאַרפסטן אַרויסגעוויזן די טענדענץ אַריינציען יידישקייט אין דעם שטרייט פאַר עמאַנסיפּאַציע. באַדען האָט געהאַט פאַר יענער צייט די ליבעראַלסטע קאָנסטיטוציע און גראָד דאָרט האָט מען אָפן געפאָדערט פון יידן, אַז פאַר עמאַנסיפּאַציע זאָלן זיי זיך אָפּזאָגן פון זייער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער אייגנס; ווייל דאָס איז די מניעה, וואָס יידן שמעלצן זיך נישט צונויף מיט קריסטן. אין בייערן האָט זיך די רעגירונג גענומען רעכט דעה זאָגן אין יידישע גייסטיקע ענינים, דאָ אין באַדען האָבן דאָס געטון פאָלקספאַרטרעטער, און גראָד פּראָגרעסיווע.

אין באַדען האָט פאַר יידן (20 טויזנט נפשות) יענע צייט געגאָלטן אַ געזעץ פונם יאָר 1809 [1]) „אָרטיקע בירגערעכט" פאַר יידן איז געווען געווענדט אין דער פּראָפעסיע, די גרויסע מאַסע קליינהענדלער זאָל בלייבן רעכטלאָז ביז זי וועט זיך נישט נעמען פאַר „לייטישע פּראָפעסיעס" („בירגערלעכע נאַרונג"). אַלס מיטל אויסצולייטישן יידן האָט דאָ געדינט אַ צענטראַליזירטע יידישע קהלה, פאַרוואַלטונג מיט אַ קאָנטראָל פון דער רעגירונג. דער יידישער אויבערראַט וואָס איז דאָ געוואָרן, האָט געזאָלט אָפּרייניקן דעם וועג פאַר אַן אינעווייניקסטער און דערנאָך שוין פאַר אַן אויסנווייניקסטער רעפאָרם. אָבער דאָ האָט געשטערט די געזעלשאַפטלעכע רעאַקציע, וואָס איז געוואָרן נאָך דעם באַפריי־קריג. אינם אַנטיסעמיטישן טומל די יאָרן 1815—1816, וואָס אָנגעהויבן האָט אים דער בערלינער פּראָפעסאָר ריוס, האָט געהאַט צו שטעקן דער היידעלבערגער פּראָפעסאָר פריס אויך (§ 2). ער האָט געשטורמט דעם פאַרווילדעטן הומאַניזם. דאָס געווייסע יאָר 1819 זענען דאָ אויך פאָרגעקומען אַנטיסעמיטישע מאַניפעסטאַציעס אין היידעלבערג, מאַנהיים און קאַרלסרוע, אַפילו פרייגייסטער האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט אַנטיסעמיטיזם. פּאַאולוס פון היידעלבערג, אַ טעאָלאָג אַ פריידענקער, האָט שוין דאָס יאָר 1817 געפאָדערט, מ'זאָל אויסוואָרצלען דעם יידישן סעפּאַראַטיזם; דאָס יאָר 1830 איז ער שוין אַוועק ווייטער. אין זיין געוויסן בוך: „די יידישע נאַציאָנאַלע אָפּגעשלאָסנקייט" (§ 5) זאָגט ער אַזוי. „אַזוי לאַנג ווי יידן וועלן געטריי בלייבן יידישקייט אין זין פון תורת משה און תלמוד, קאָנען זיי נישט באַקומען קיין גלייכבאַרעכטונג ביי קיין נאַציע נישט, וואָרום זיי ווילן אַליין בלייבן אַ נאַציע און האַלטן דאָס פאַר זייער אַ רעליגיעזן חוב". דאָס איז שוין געזאָגט געווען אין אַ צייט, ווען אין דייטשלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאָליטישע אויפלעבונג, ספּעציעל מיט דעם צוועק צו ווירקן „אויף אַלע דייטשע רעגירונגען און לאַנדטאַגן", וואָס צו זיי האָט ער זיך געווענדעט מיט זיין בוך. מיר האָבן שוין געזען, ווי ריסער האָט זיך אַקעגנגעשטעלט אַקעגן אַזאַ אַגיטאַציע; דאָס אייגענע האָבן געטון אַנדערע שטרייטער פאַר עמאַנסיפּאַציע

[1]) פריערדיקער באַנד' § 34.

אויך. מ. קרייצענאך און מיכאל העס, פראנקפורטער רעפארמיסטן, האבן אפגעענטפערט פאולוס'ן מיט א בוך; דער צווייטער טייל בוך (העס ארבעט) האט געהייסן: „א געשריפטס פון יידן צו פאול'ען" (1831). דער וויציקער נאמען האט דא געזאלט פארשלייערן א פלאטשיקן געדאנק: די מחברים האבן זיך געמיט צו דערווייזן, אז די נאציאנאל-היסטארישע טיילן יידישקייט, וואס פאאולוס האלט זיי פאר א מניעה צו עמאנסיפאציע, זענען שוין פארעלטערט און וועלן זיכער פארשווינדן. די יידישע התנצלות האט אבער נישט געקאנט אפשוואכן דעם איינדרוק, וואס פאאולוס פאמפלעט האט געמאכט אויף דער דייטשער געזעלשאפט. „פאוועל'ס" געשריפטס צו רעגירונגען און לאנדטאגן, די בשורה פון ליבעראלן יידנהאס, האט ריכטיק געטראפן דעם אדרעס.

אזוי דאס יאר 1831 האט די צווייטע קאמער פון באדענער לאנדטאג באהאנדלט יידישע פעטיציעס וועגן גלייכבארעכטונג. אין די דעבאטן איז געווען צו באמערקן די ווירקונג פון פאאולוס אידעע, אז יידן קאן געגעבן ווערן גלייכבארעכטונג נאר בתנאי, זיי זאלן פריער באזייטיקן פון יידישקייט די נאציאנאלע טיילן. מ'האט אנגענומען אזא רעזאלוציע: „בעטן די רעגירונג צונויפרופן א פארזאמלונג פון יידישע דעפוטאטן, זיי זאלן באהאנדלען די פראיעקטן, וואס די רעגירונג וועט האלטן פאר צוועקמעסיק כדי צו באזייטיקן די מניעות, וואס שטערן יידן זיך ווייטער ציוויליזירן און גלייכבארעכטיקט זיין מיט קריסטן". בכן האט די באדענער קאמער אויף דער פאדערונג: עמאנסיפירט יידן אלס בירגער, געענטפערט פארשטעלט מיט א קעגנפאדערונג: יידן, „עמאנסיפירט" אייך פון יידישקייט! דאס מיניסטעריום האט איבערגעגעבן דעם לאנדטאגס רעזאלוציע דעם „אויבערראט" פון יידישע קהלות, און פארגעלייגט, ער זאל אויסארבעטן א פלאן ווי אזוי צונויפרופן א יידישע דעפוטאטן-פארזאמלונג. דער אויבערראט האט ווי געהעריק אפגעענטפערט אוין דעם פארשלאג, וואס האט געהייסן אזוי גוט ווי פארהאנדלען דאס געוויסן פאר גלייכבארעכטונג. ער האט געשריבן: „מיר מיינען, אז דאס, וואס ס'געהערט צום מענטשנס אינעווייניקסט לעבן, איז נישט קיין זאך פאר פאליטישע אונטערהאנדלונגען. רעליגיעזע מיינונגען און געפילן בייטן זיך אין דער גייסטיקער געשיכטע פונם מענטשן-כלל... ס'וואלט אבער געווען א זינד קעגן דעם שענסטן, וואס שטעקט אין א מענטשלעכער נאטור, און א פארדארבונג פאר יעדער רעליגיעז געפיל, ווען מ'זאל נעמען איבערמאכן א רעליגיעזע סיסטעם צוליב זייטיקע נוצן, זאל זיין אפילו, אז פאליטיש זענען די דאזיקע נוצן זייער גרויס." דער אויבערראט האלט, אז די פארזאמלונג דארף באהאנדלען פאליטישע און געזעלשאפטלעכע פראגן: ווי צו פארבעסערן די רעכטלעכע עקאנאמישע לאגע, די שול-דערציונג א. אז. וו., נישט קיין רעליגיעזע פראגן (1832).

די רעגירונג האט אבער נישט געוואלט איינגיין אויף א צונויפפאר פון יידישע דעפוטאטן מיט א פארשמעלערטער פראגראם.

דער שטרייט פאַר רעכט האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דאָס יאָר 1833. אין באַדען איז די ליבעראַלע באַוועגונג לעבעדיקער געוואָרן; דאָס האָט יידן צוגעגעבן מוט זיך ווידער נעמען אָפּן פאַרן קאַמף. דאָס מאָל האָט מען געזאָלט ווירקן אויף דער פאָלקספאַרטרעטונג: מ'האָט דערלאַנגט דעם לאַנדטאַג אַ היפּשן מעמאָראַנדום צו באַגרינדן די פּעטיציע וועגן גלייכבאַרעכטונג; דעם מעמאָראַנדום האָט געשריבן גבריאל ריסער. ריסער ווענדעט דאָ אָפּ אַלע טענות קעגן גלייכבאַרעכטונג איינגעטיילט אין דריי קאַטעגאָריעס: מאָראַלישע, נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע. ריסער באַווייזט, אַז נישט אין די עיקרים, נישט אין די מנהגים, נישט אין מאָראַל פון יידישקייט שטעקט נישט קיין זאַך, וואָס זאָל זיין דער ווידער היינטיקער ציוויליזאַציע, וואָס יידן נעמען זי זייער גיך איבער. ריסער לייקנט אויך קאַטעגאָריש אָפּ דעם געדאַנק פון „אַ יידישער נאַציע, וואָס מ'וואַרפט אונז אָן"; די טעמים זיינע האָבן מיר שוין געזען פריער; אויף דער קאָמיסיע פאַר פּעטיציעס ביים לאַנדטאַג האָט דער מעמאָראַנדום געמאַכט אַן איינדרוק. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן דעבאַטן אין דער „ערשטער קאַמער". אַ סך דעפּוטאַטן האָבן אָנגעוויזן, אַז יידן טוען אַ סך אויף אין בילדונג, זיי ווערן נאָענט צו דייטשער קולטור, זיי מיען זיך איבער־אַנדערשן זייער עקאָנאָמיש לעבן, גרויסהאַנדל, מלאכה און פרייע פּראָפעסיעס מערן זיך ביי זיי אָנשטאָט קליינקרעמעריי; איבער דעם האַלטן די דעפּוטאַטן, אַז יידן זענען שוין רייף פאַר עמאַנסיפּאַציע. פאַר אַנדערע איז אָבער געווען אַ ספק, צי איז צוועקמעסיק באַלד גלייכבאַרעכטיקן יידן. צולעצט האָט די קאַמער אָנגענומען אַ רעזאָלוציע: „איבערגעבן די יידישע פּעטיציע דעם מיניסטעריום מיט אַ שטאַרקער רעקאָמענדאַציע".

אַנדערש איז דאָס פאַרגעקומען אין דער צווייטער (אונטערשטער) קאַמער (דעם 27־טן סעפּטעמבער 1833). באַריכטער פון דער קאָמיסיע איז דאָ געווען דער געוויסער היסטאָריקער ראָטעק, דער פירער פון דער ליבעראַלער פאַרטיי. די מערהייט פון דער קאָמיסיע האָט געהאַלטן, אַז מ'דאַרף אָפּוואַרפן די יידישע פּעטיציע איבער אַזוינע טעמים: 1) ס'פּאַסט נישט עמאַנסיפּירן יידן, בעת אַ סך קריסטן געניסן נאָך נישט קיין פּאָליטישע רעכט; 2) יידן גייט זייער ווייניק אָפּ צו גאָרער גלייכבאַרעכטונג; 3) ווען מ'זאָל וועלן צופרידנשטעלן די יידישע פּעטיציע, וואָלט אויסגעקומען צו ענדערן די קאָנסטיטוציע; 4) ס'שטייען פאַר וויכטיקערע פראַגן. אין די דעבאַטן האָבן די ליבעראַלן אַרויסגעבראַכט אַזוינע פּלפּולדיקע טעמים, אַז אַ סך ערלעכער איז שוין געווען די מגושם'דיקע אָפנהאַרציקייט, וואָס אידעאָלאָגן פון אַ „קריסטלעכער מלוכה" האָבן באַוויזן. ראָטעק און זייניקע האָבן געדרונגען, אַז אויב די מלוכה פאָדערט ביי אַ רעליגיעזער גרופּע, זי זאָל נאָכגעבן געוויסע רעליגיעזע איבערצייגונגען צו פאַרווערבן זיך דערמיט גלייכבאַרעכטונג, באַגייט דאָ די מלוכה קיין זינד נישט קעגן גלויבנפרייַ. זיי האָבן געטענה'ט, אַז יידן לעבט זיך אין באַדען גאַנץ גוט, אַ סימן: ווי זיי

וואַקסן אַזוי גיך אין קולטור! נאָך לאַנגע וכוחים האָט די צווייטע קאַמער באַשטעטיקט דעם לאַנדטאַגס רעזאָלוציע פונם יאָר 1831, אַז ס'דאַרפן פריער אָפּגעשאַפט ווערן די מניעות (מצד יידן!), וואָס שטערן דער עמאַנסיפּאַציע; די קאַמער פאַרהאָפט, אַז דער צוועק וועט דערלאַנגט ווערן, אויב יידן וועלן אויף ווייטער נישט אָפּוואַרפן די מיטלען, וואָס פירן צו דעם צוועק.

היות ווי באַדענער יידן האָבן איצט אויך נישט געוואָלט פאַרהאַנדלען זייער רעליגיעזע געוויסן פאַר פּאָליטישע נוצן, איז די עמאַנסיפּאַציע ממילא אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַן אומבאַשטימטער צייט. יידישע קהלות האָבן נישט אויפגעהערט צו דערלאַנגען פּעטיציעס, צייט אויף צייט פלעגט אין לאַנדטאַג זיך באַווייזן דער שאָטן פון דער יידנפראַגע, אָבער יעדעס מאָל פלעגט זיך אויסלאָזן צו'ן אַ רעזאָלוציע, אַז דער לאַנדטאַג קערט זיך אום צום טאָג-אָרדנונג ערשט דאָס יאָר 1846, שוין נאָך ראָטעק'ס טויט, איז די צווייטע קאַמער געקומען צום שכל, אַז ליבעראַליזם אָן דעם פּרינציפּ, אַז אַלע זענען גלייך קעגן געזעץ, איז קיין ליבעראַליזם נישט. מיט אַ מערהייט 36 שטימען קעגן 18 האָט די קאַמער אָנגענומען אַ רעזאָלוציע: רעקאָמענדירן דער רעגירונג, זי זאָל באַהאַנדלען די פּעטיציע וועגן גלייכבאַרעכטונג. די רעוואָלוציע דאָס יאָר 1848 האָט נאָך געטראָפן באַדענער געזעצגעבער ביי אַזאַ „באַהאַנדלען" די יידנפראַגע.

§ 9. ליבעראַלע און קאָנסערוואַטיווע מלוכות

לויט דער באַציאונג צו יידישער עמאַנסיפּאַציע קאָן מען איינטיילן אַלע מלוכות אין דייטשלאַנד, חוץ די דערמאָנטע, אין צוויי גרופּעס: די ליבעראַלע גרופּע און די קאָנסערוואַטיווע. אַ מוסטער פאַר דער ערשטער גרופּע קאָן דינען קורהעסן און וויורטעמבערג, פאַר דער אַנדערער: זאַקסן, האַנאָווער און מעקלענבורג.

קורהעסן (ביז 20 טויזנט יידן), איז געוואָרן דערהויפּט פון טיילן געוועזענעם וועסטפאַלער קעניגטום; צו דער צייט פון דער פראַנצויזישער הערשאַפט איז דאָ איינגעפירט געווען גלייכבאַרעכטונג פאַר יידן; דאָ האָט נאָך איצט אויך געגאָלטן די ליבעראַלע טראַדיציע. די קורפירשטישע רעגירונג, וואָס איז ווידער אויפגעקומען די יאָרן 1815 — 1816, האָט געלאָזט יידן פריי וואוינען און באַשעפטיקן זיך מיט פּראָפעסיעס; חוץ קליינע הענדלער, וואָס זענען געווען באַגרעניצט אינם רעכט. דאָס יאָר 1823 האָט די רעגירונג מזכה געווען יידן מיט אַ נייער „קאָזיאָנער" קהלה-אָרגאַניזאַציע; אין דער רעזידענץ קאַסעל, וואָס פריער האָט זיך דאָרט ברייט געפירט יאַקאָבסאָנ'ס קאָנסיסטאָריע, איז איצט געוואָרן אַ לאַנד-ראַבינאַט מיט אַ רעגירונגס-באַאַמטן—אַ משגיח. פון דעם פּאָליטישן קריזיס דאָס יאָר 1830 האָבן מער פאַר אַנדערע געווינען קור-

העסענער יידן: אין לאַנד האָט זיך פאַרשטאַרקט אַ ליבעראַלער, קאָנסטיטוציאָנעלער רעזשים, ס'הויבט זיך אָן אַ בעוועגונג פאַר עמאַנסיפּאַציע. דאָס יאָר 1832 האָט דער לאַנדטאַג אָנגענומען אַ געזעץ וועגן גלייכבאַרעכטונג; די רעגירונג האָט זיך אַ צייט געוואַקלט און באַשטעטיקט דעם געזעץ ערשט אָקטאָבער דאָס יאָר 1833. לויט דעם דאָזיקן געזעץ זענען קורהעסענער יידן גלייכבאַרעכטיגט געוואָרן מיט קריסטן אין אַלע בירגעררעכט, אין רעכט אויף מלוכה־שטעלעס אויך. אויסגעשלאָסן פון בירגעררעכט זענען נאָר פּראָצענטניקעס און קליינהענדלער אַזוי לאַנג ווי זיי וועלן זיך נישט נעמען פאַר אַ פּראָפעסיע, וואָס דער געזעץ פּראָטעזשירט זי. די קהלה־אָרגאַניזאַציע פונם יאָר 1823 איז געבליבן מיט אייניקע ענדערונגען. יידן האָבן אויסגענוצט די נייע לאַגע. דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, לערער האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אויף מלוכה־שטעלעס; אין דער אַרמיי זענען יידן געוואָרן אָפיצירן. קורהעסן איז בכן די איינציקע מלוכה אין דייטשלאַנד, וואָס יידן האָבן דאָרט אויסגעפירט גלייכבאַרעכטונג אַ שטיק צייט פאַר דער רעוואָלוציע פון יאָר 1848. יידן אין אַנדערע מלוכות, וואָס האָבן נאָך באַדאַרפט אויסשטיין אַ ביטערן שטרייט פאַר זייערע רעכט, האָבן זיי נאָר געקאָנט מקנא זיין.

11) אין וויורטעמבערג, די צווייטע מלוכה פון דער ליבעראַלער גרופּע (טויזנט יידן), איז דאָס מיט גלייכבאַרעכטונג צוגעגאַנגען בערך אַזוי ווי אין באַדען. שוואַבער רעגירונג און געזעצגעבער האָבן אויך מער געזאָרגט קולטורעל אָפּצווישן די יידישע אייגנאַרט, איידער בירגערלעך זיי גלייכבאַרעכטיקן. דאָס יאָר 1828 האָט וויורטעמבערגער אויסעראָרדענטלעכער לאַנדטאַג אָנגענומען דער רעגירונגס אַ פּראָעקט „דערציאונג־געזעץ" פאַר יידן. היימישע יידן ווערן „אונטערטאַנען" אין קעניגטום, זענען פריי אין פאַרקער, נישט אָבער אין פּראָפעסיעס. אַ ייד מעג זיך באַשעפטיקן מיט קליינהאַנדל און צעך־מלאכות נישט אַנדערשווי מיט דעם דערלויב פון מאַגיסטראַטן און צעכן; פאַר „שאַכערהאַנדל" קומט אַ שווער שטראָף: „שאַכערהענדלער" טאָרן נישט פריי פאַרקערן, זיי טאָרן נישט חתונה האָבן פאַר 35 יאָר; זייער אַ שבועה אין געריכט האָט אַ ממש נאָר ווען מ'איז ערב פאַר זייער אויפפירונג; דאָ זאָל נאָך דערמאָנט ווערן, אַז „שאַכערהאַנדל" מיינט מען: הויזירן, פיה־האַנדל, מעקלעריי און געלט־פאַרלייען. יידן אין יעדער שטאָט זענען אַ באַזונדער „קירך־געמיינדע", די קהלות האָבן אַ צענטראַלע „אויבער־קירך־פאַרוואַלטונג" אין דער רעזידענץ שטוטגאַרט מיט אַ רעגירונג־קאָמיסאַר אָן אויפזעער. דער געזעץ פונם יאָר 1828 איז שוין געווען אַ געוויסע מדרגה אַקעגן פריערדיקע שטראָף־געזעצן, ממילא האָט ער די ערשטע צייט אויסגענומען ביי יידן און פאַרשאַרפט בייז בלוט אַנטיסעמיטן. די באַוועגונג פאַר עמאַנסיפּאַציע די דרייסיקער יאָרן האָט אויפגעמונטערט וויורטעמבערגער יידן אויך, זיי זאָלן זיך אויסרייסן פון דער קלעם. זיי האָבן אנגעהויבן דערלאַנגען נאָכאַנאַנד פּעטיציעס דעם קעניג און דעם לאַנדטאַג, געמאָנט גלייכבאַרעכטונג. מאַי דאָס יאָר

1836 האָט דער לאַנדטאַג באַהאַנדלט איינע אַזאַ פּעטיציע, דאָ איז אַפילו דעפּוטאַט וואָלפגאַנג מענצעל, בערנע'ס און יונג־דייטשלאַנד'ס ליטעראַרישער שונא, באַשטאַנען, אַז מ'דאַרף די פּעטיציע צופרידנשטעלן. מיט אַ מערהייט 80 קעגן 3 האָט מען אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, די רעגירונג זאָל איבערזעען דעם געזעץ פון יאָר 1828 מיטן צוועק „צו געבן יידן אַלע בירגער־און־געמיינדערעכט, ווי ווייט די קאָנסטיטוציע דערלאָזט דאָס." די רעגירונג האָט זיך אָבער נישט געאיילט פאָלגן די עצה, זי האָט געהאַלטן, אַז דער געזעץ דאַרף גילטן 20 יאָר „אויסצולייטישן" יידן. דאָס יאָר 1845 האָבן יידן ווידער אָנגעהויבן שיקן מיט פּעטיציעס: ס'האָבן זיך אָנגערופן אַלע 40 קהלות אין ווירטעמבערג, געמאָנט גלייכבאַרעכטונג. ביידע קאַמערס אין לאַנדטאַג האָבן געהאַלטן מיט יידישע פאָדערונגען, די רעגירונג איז אויך גרייט געווען נאָכצוגעבן, נישט מער זי האָט געוואָלט אויסהאַלטן די 20 יאָר, וואָס זי האָט זיך תחלת אָנגעמערקט אויף „אויסצולייטישן" יידן, ד. ה. זי האָט געוואָלט אָפּציען ביזן יאָר 1848. די שוואַבישע רעגירונג האָט נישט געקאָנט פאָראויסזען, אַז דאָס יאָר וועלן יידן שוין נישט דאַרפן אָנקומען צו אירע טובות; גלייכבאַרעכטונג וועט אַליין קומען, זי וועט דאָס פאַרשפּאָרן שענקען.

אַ מוסטער פאַר דער קאָנסערוואַטיווער גרופּע מלוכות אין דייטשלאַנד איז דאָס קעניגטום זאַקסן. דער „אַלטער רעזשים" האָט באַוויזן אַראָפּטרייבן די צאָל יידן דאָ ביז 800 נפשות: יידן האָבן גאָר נישט אָנגעוואָרן פון דער רעאַקציע דאָס יאָר 1815, ווייל זיי האָבן פריער גאָר נישט געהאַט געווינען פון דער באַפריי־תקופה. דאָ האָט מען געקאָנט צוזען די אַלטע קנעכטשאַפט מיט אַלע אירע חנ'דלאַך: דאָס הייפל היימישע יידן האָט נישט געהאַט קיין פריי וואוינרעכט, קיין פרעמדער ייד האָט זיך דאָ נישט געטאָרט ווייזן. אין פרייבערג, למשל, האָט אַ ייד געמעגט קומען געשעפטלעך נישט מער ווי אויף 3 טאָג, די גאַנצע צייט איז אים נאָכגעגאַנגען אַ פּאָליציי־וואַך ביזן אָפּפאָרן; קיין בעל־מלאכה האָט נישט צוגענומען קיין יידיש לערן ייגל; דאָס יאָר 1835 האָט מען באַאַרפט האָבן ספּעציעל אַ קעניגלעכן דעקרעט, מ'זאָל צונעמען אַ יידיש לערן־ייגל צו אַ שניידער. די מיטלאַלטערישע לאַגע איז דאָ בעסער געוואָרן נאָכן יאָר 1830. דאָס אויפגערעגטע פאָלק האָט געגנויט די זאַקסישע רעגירער צו געבן דעם לאַנד אַ נייע קאָנסטיטוציע. יידן האָבן זיך געווענדט צו דער רעגירונג און צום לאַנדטאַג מיט אַ פּעטיציע וועגן בירגעררעכט (1831). קריסטלעכע גילדיעס און צעכן האָבן דערלאַנגט קעגן־פּעטיציעס, געפאָדערט „שוץ קעגן יידן". ס'האָבן גיך אָנגעהויבן דעבאַטן אין לאַנדטאַג (1833—1834); ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אַפילו אין לאַנד פון פּראָטעסטאַנטישער אומטאָלעראַנץ האָבן זיך געפונען פריינט פון גלייכבאַרעכטונג. אין דער ערשטער קאַמער האָט זיך פאַר יידן איינגעשטעלט אַ לייפּציקער פּראָפעסאָר קרוג, ער האָט געטון פאַר יידישע גלייכבאַרעכטונג אין דער ליטעראַטור אויך. אים האָט געשטיצט פּרינץ יאָהאַן

דער קינפטיקער זאַקסישער קעניג: די יידנפראַגע זאָל נאָך זיין מיינונג פאַרענטפערט ווערן אַזוי ווי דער פרינציפּ פון געוויסן-פריי פאָדערט דאָס. הינטער די דאָזיקע יידן-פריינט האָט געשטעקט די אַרבעט פון בערנהאַרד בעער, אַ עוויסער יידישער טוער אין דרעזדען, אַ קולטור-אויפטוער פון מענדעלסאָנס חדר; ער איז געווען דער אויפטוער פון די דערמאָנטע פּעטיציעס, ער האָט געוועקט די דערמאָנטע יידן-פריינט אויך צו טון. ביידע קאַמערס אין לאַנדטאַג האָבן אָנגענומען אַ רעזאָלוציע: פירלייגן דער רעגירונג איבערזען די געזעצן וועגן יידן און אויסאַרבעטן אַ רעפאָרם-פּראָיעקט. די רעגירונג האָט צוגעשטעלט דעם לאַנדטאַג אַזאַ פּראָיעקט ערשט דאָס יאָר 1836; לויט דעקרעטן פון די יאָרן 1837 און 1838 איז דער פּראָיעקט געוואָרן אַ געזעץ.

די רעפאָרם זאָל הייסן אַזוי: אין צוויי שטעט, לייפּציג און דרעזדען, זאָלן לעגאַליזירט יידישע „רעליגיעזע קהלות", זיי מעגן בויען סינאַגאָגעס פאַר גאָטדינסט (פריער האָבן געמעגט זיין נישט מער ווי מנינים אין פּריוואַט-הייזער); די צאָל יידן אין ביידע קהלות דאַרף נישט גרעסער ווערן דורך אימיגראַציע פון דער פרעמד. אויף איבערציען פון איין שטאָט אין דער אַנדערער דאַרף מען האָבן אַ הסכם פון דער מאַכט. אַ סך פּראָפעסיעס זענען יידן פאַרווערט: יידן איז פאַרווערט קליינהאַנדל אָן אַ דערלויב פון דער מאַכט; זיי טאָרן נישט האַלטן קיין אַפּטייקן, קיין רעסטאָראַנען וכדומה. בעלי-מלאכות מעגן צונעמען יידישע לערניינגלעך; יידן-מייסטערס טאָרן אָבער נישט זיין מער פאַר אַ געוויסער צאָל (30 פאַר ביידע שטעט, לייפּציג און דרעזדען). דער נייער רעזשים, הייסט דאָס איז נישט ווייט אָפּגעשיידט געווען פונעם אַלטן. דערהויפּט האָט געדריקט, וואָס אַ ייד האָט זיך נישט געטאָרט פריי רירן. יידן פון אַנדערע לענדער האָבן אַלץ נישט געטאָרט באַזעצן זיך אין זאַקסן. איבער דעם דאָזיקן ווילדן גאַנג איז דאָס געקומען צו אַ דעמאָנסטראַציע אין פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט דאָס יאָר 1841; מ'האָט אָנגעפרעגט דעם פראַנצויזישן אויסערן-מיניסטער גיזאָ, פאַרוואָס האָט ער דערלאָזט, אַז מ'זאָל אַרויסשיקן פון דרעזדען אַ פראַנצויזישן יידן אַ סוחר וואָרמזער, וואָס איז געקומען אַהין געשעפטלעך. מיט אויפרעגונג און פאַראַכטונג איז אין פּאַרלאַמענט גערעדט געוואָרן פון אַזאַ באַנעמונג צו יידן אין זאַקסן (זע § 27). ביי זאַקסישע יידן גופא איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן די פּראָטעסט-אַקציע, פאַר דער צייט האָבן זיי שוין באַוויזן צו אָרגאַניזירן זיך אין די צוויי קהלות-דרעזדען און לייפּציג, מיט דער הילף פון זכריה פראַנקל, דעם געוויסן געלערנטן און טוער (געווען אויבער-ראַבינער אין דרעזדען די יאָרן 1836—1854). די יאָרן 1843 און 1846 איז דעם לאַנדטאַג ווידער אויסגעקומען צו באַהאַנדלען יידישע פּעטיציעס; אין דער לעצטער פּעטיציע האָבן שוין יידן געמאָנט גאָרע גלייכבאַרעכטונג, נישט קיין פאַרבעסערן די לאַגע. די פּעטיציעס האָבן נישט געהאָלפן, אָבער די שעה פון אויסלייזונג איז שוין געווען נישט ווייט.

יידן אין האַנאָווער (ביז 12 טויזנט נפשות) איז דאָס צוגעגאַנגען נישט

קיין סך בעסער, איידער אן זאקסן. דאָ האָט נאָך געהאַלטן דער רעזשים פון „שוץ-יידן". דאָ האָט מען אפילו נישט געפּאַלגט דעם פּונקט אין די ווינער „בונ-דעסאַקטן", אַז יידן בלייבן ביי זייערע רעכט, בנוגע די פּראָווינצן, וואָס זיי האָבן פריער געהערט צום וועסטפאַלער קעניגטום. נאָך דער קאָנסטיטוציע-רע-פאָרם דאָס יאָר 1830 האָבן יידן דאָ אויך אָנגעהויבן צו ווירקן מיט פּעטיציעס אויפן לאַנדטאַג. דער לאַנדטאַג האָט פאַרגעלייגט דער רעגירונג „איבערזען" די יידן-געזעצן, דערנאָך האָט ער גענומען באַהאַנדלען אַ מעסיקן רעפאָרם-פּראָ-יעקט. אָבער דאָס יאָר 1837 האָט זיך אין האַנאָווער געביטן די דינאַסטיע, (נאָכן טויט פון ענגלישן קעניג ווילהעלם IV), איז דאָ די קעניגלעכע הערשאַפט אַריבער צום קומבערלענדער הערצאָג), די פריערדיקע ליבעראַלע קאָנסטיטוציע איז אָפּ-געשאַפט געוואָרן, מיט די יידישע רעפאָרם-פּראָיעקטן איז אויך געוואָרן אויס. קורץ פאַר דער רעוואָלוציע דאָס יאָר 1848 האָט די רעגירונג געפּועל'ט ביי זיך אָפּשאַפן דאָס שענדלעכע „שוץ-געלט", וואָס אין רוב אַנדערע מלוכות איז דאָס אָפּגעשאַפט געוואָרן נאָך די צייט פון דער „ערשטער עמאַנסיפּאַציע".

אין מעקלענבורג-שווערין (אַקעגן 3000 יידן) האָט די גאַנצע תקופה-רעאַקציע נישט אויפגעהערט דער קאַמף פון דעם אַדל (ריטערשאַפט) קעגן דער מעסיקער „יידנקאָנסטיטוציע" פונם יאָר 1813 (פריערדיקער באַנד § 34). די אויבערשטע קלאַסן האָבן נישט געקאָנט פועלן ביי זייער קריסטלעכן געוויסן אפילו אַ טייל עמאַנסיפּאַציע, און זיי האָבן אויסגעפירט, מ'זאָל אָפּשטעלן די „יידנקאָנסטיטוציע" (1817). יידישע קהלות האָבן געטון זייערס, געמאָנט און געפּאָדערט, זיי האָט געשטיצט דער הערצאָג, אָבער דאָס אַלץ האָט געטראָפן אָן אייזערנע וואַנט פון דער פריצישער רעאַקציע. דאָס יאָר 1839 איז איינגעפירט געוואָרן אַ נייע אָרגאַניזאַציע פאַר יידישע קהלות: פון אויסן האָט זיי געפרעסט דער רעגירונגס אַפּוטרופּסות, אינעווייניק זענען שטאַרק צוגעטרעטן די רעפאָר-מיסטן, ס'האָט געגאָנגט אַ וואָרם פון אַ רעליגיעזער שפּאַלטונג.

די איבעריקע מלוכות אין דייטשלאַנד זענען געשטאַנען צווישן די צוויי גרופּעס, צווישן דער ליבעראַלער און קאָנסערוואַטיווער: ברוינשווייג און העסענער הערצאָגטום זענען נאָנטער געווען צו דער ערשטער גרופּע; זאַקסן — ווימאַרער הערצאָגטום און אַנדערע קלײנע מלוכות האָט מער געצויגן צו דער צווייטער גרופּע. אין זאַקסן — ווײמאַר האָט די רעגירונג געפירט אַזאַ פּאָליטיק: יידן האָט זי געהאַלטן אין קנעכטשאַפט און צוגלייך האָט זי זיך פאַרגינען זאָגן דעות אין יידישן רעליגיעזן לעבן. אגב דאָ האָט די רע-גירונג גענויט די קהלות דאַווענען אויף דייטש; דאָס איז געשען די זעלבע צייט (1823), ווען אין פרייסן האָט די רעגירונג פאַרווערט אפילו דרשות אויף דייטש אין די שולן. דער זעלבער געזעץ האָט אויך פאַרגעלאָזט געמישטע חתונות צווי-שן יידן און קריסטן בתנאי די קינדער זאָלן זיין קריסטן. דער גרויסער ווײמאַ-רער, דער פּאָעט געטע, איז געווען אויפגעבראַכט; אָבער געאַרט האָט אים נישט

דאָס אונטערדריקן יידן, נאָר פאַרקערט, צו פיל ליבעראַליזם. — ער האָט מורא געהאַט, אַז געמישטע חתונות וועלן צו קיין גוטס נישט פירן; אין אַ בריוו צום קאַנצלער מילער זאָגט ער, אַז דער סופּעראינטענדענט פון די פּראָטעסטאַנטן האָלט גיכער באַדאַרפט זיך אָפּזאָגן פון זיין רעליגיעזער ווערדע, איידער „דערלאָזן די חתונה פון אַ יידישער טאָכטער אין קירך". געטע מיינט, אַז „מיט אַזאַ סקאַנדאַליעז געזעץ וועלן אונטערגעריסן ווערן אַלע מאָראַלישע געפילן אין אַ פאַמיליע, וואָס שטייט פעסט אויף רעליגיעזע (קריסטלעכע) יסודות". אַזוי האָט דער „גרויסער געצנדינער" באַנומען די זאַך; דאָס גרילצט פאַר זיין וועלט־באַנעמונג בלל, אָבער דאָס שטימט גאָר מיט זיין שטענדיקער נישט פריינטשאַפט צו יידן (זע פריערדיקער באַנד, § 33).

קאַפּיטל II

די רעפאָרמאַציע און די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג פון יודאַאיזם.

§ 10. די פּראַקטישע רעפאָרמאַציע; דער „טעמפּל־שטרייט“ (1823—1815).

די תקופה פון פּאָליטישע רעאַקציע אין דייטשלאַנד באַמערקט זיך ביי דייטשע יידן די גרעסטע קולטור־אויפלעבונג. צוגלייך מיט דעם צעפאַל פון דער פריערדיקער תקופה, מיט דער שמד־מגפה, מיט דער העסלעכער אַסימילאַציע, לאָזט זיך איצט אויך מערקן אַ באַנייאונג־פּראָצעס; די יידישע היסטאָרישע קולטור הויבט זיך אָן צופּאַסן צו די נייע לעבנס־פאָרמען און באַנייט איר כח. די דאָזיקע גייסטיקע באַוועגונג אינעווייניק אין פאָלק האָט זיך שטאַרק אָנגעקערט מיט דעם שטרייט פאַר בירגעררעכט, וואָס יידן האָבן געפירט אין אויסן. עמאַנסיפּאַציע און זעלבסטעמאַנסיפּאַציע, פּאָליטישע און גייסטיקע אויפלעבונג זענען דאָ געווען געקניפּט און געבונדן; דער פּאָליטישער צוועק האָט דאָ אָפט געווירקט אויפן גייסטיקן אידעאַל און האָט אים געפורמט אויף זיין שטייגער. אין ביידע באַוועגונגען איז די גרונד־אידעע איינע און די זעלבע,—דאָס איז די וויכטיקסטע אידעע פון דער תקופה: יידן זענען קיין נאַציע נישט, יידן זענען אין יעדן לאַנד אַ טייל פון דער אַרום־קער נאַציע, נאָר מיט אַן אייגענער רעליגיע. אָבער אינעווייניק אין יידישן לעבן, וואו מ'איז געווען פרייער צו טון, האָבן די רעזולטאַטן פון אַזאַ גייסטיקער ווענדונג באַדאַרפט זיין ממשותדיקער און ניכר'ער, איידער אין פּאָליטישן שטרייט אין אויסן.

די גייסטיקע באַוועגונג באַווייזט זיך אויף צוויי וועגן: ס'קומט פאָר אַ־רעליגיעזע רעפאָרם און אַ ליטעראַרישע אויפלעבונג; די פרייע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג בינדט אויף די גייסטיקע ענערגיע. ביידע אינאיינעם, די רעליגיעזע רעפאָרם און די ליטעראַרישע אויפלעבונג, דאָס איז אַזוי צו זאָגן די רעפאָרמאַציע ביי דייטשע יידן, ענלעך צו דער דייטשישער רעפאָרמאַציע אַמאָל. די יידישע רעפאָרמאַציע האָט פונקט ווי די קריסטלעכע געהאַט אין זיך גייסטיקע און פּאָליטישע טיילן. דאָ האָט געהאַט צו זאָגן נישט אַליין אַן אינעֿ

דיניקסטע באַדערפעניש אויסשטימען די יסודות פון יידישקייט מיט דער נייער אייראָפּעאישער קולטור; אַ סך האָט דאָ געהאַט צו זאָגן אַ זייטיקער פּאָליטישער צוועק אויך: מ'האָט באַדאַרפט האָבן די רעפאָרם, כדי צו דערלאַנגען בירגערלעכע גלייכבאַרעכטונג. אָט דעם דאָפּלצוועק זעט מען צו אין דער גאָרער געשיכטע פון דער יידישער רעפאָרמאַציע. געווים איז דאָ געווען אַ געזונטער ערלעכער מיין אויך: מ'האָט געוואָלט ראַטעווען די פּרינציפּן פון יידישקייט דערמיט, וואָס מ'זאָל זיי צופּאַסן צו דער נייער וועלט; מ'איז אויסן געווען דורך דעם דערהאַלטן ביי יידישקייט דעם יונגען אייראָפּעאיש-געבילדעטן דור, וואָס האָט נישט געקאָנט דערטראָגן דאָס אַלטע פאַרגליווערטע יידישלעכקייט. אָבער דער דאָזיקער מיין איז נישט געווען פריי, מ'האָט זיך געמוזט אַלעמאָל אומקוקן אויף אַ זייט: ווי די רעפאָרם שטימט מיט דער טאַקטיק אינם שטרייט פאַר גלייכבאַרעכטונג, וואָס וועלן זאָגן רעגירונגען און פאַרלאַמענטן. אין באַדען און אין בייערן האָט מען געפאָדערט, יידן זאָלן זיך פאַר גלייכבאַרעכטונג אָפּזאָגן פון אַלע נאַציאָנאַלע עלעמענטן, וואָס שטעקן אין יידישקייט; פאַרקערט אין פּרייסן איז מען גערן געווען צו זען, יידן זאָלן זיך גייסטיק אָפּזונדערן כדי אַזוי אַרום זיך אַרויסמאַכן פון יידישער גלייכבאַרעכטונג. דער יונגער יידישער דור איז אויסן געווען צו באַווייזן מיט דער רעליגיעזער רעפאָרם, אַז יידן זענען נישט קיין באַזונדער נאַציע אין דער דייטשער נאַציע, אַז יודאַאיזם, אָפּגערייניקט פון היסטאָרישע און נאַציאָנאַלע אייגנאַרטן, איז נישט מער, ווי געוויסע רעליגיעזע עקרים און מנהגים, אַ רעליגיע צווישן אַנדערע רעליגיעס. פּאָליטיק האָט דאָ געווירקט אויף רעליגיע. די רעוואָלוציע פון אַ דור האָט דאָ פאַרשטעלט די געשיכטלעכע עוואָלוציע פון דרייטויזנט יאָר. אַ פּאָרזיכטיקע בהדרגהדיקע רעפאָרם איז דאָ נישט מעגלעך געווען: צו שאַרף איז געווען די קולטור-רעוואָלוציע מיט אַמאָל ביי דייטשע יידן; האָט מען גענומען באַקן רעפאָרמעס; דערצו האָט געטריבן די בירגערלעכע קנעכטשאַפט. טיילווייז איז דאָס געווען פון אויבן אויף און דעקאָראַציע, טיילווייז איז דאָס געווען דערווידער דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג.

משך דרייסיק יאָר האָט די יידישע רעפאָרמאַציע אין דייטשלאַנד דורכגעמאַכט עטלעכע מדרגות. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס פון רעפאָרמירן אויסערלעך די גאָטדינסט אין די סינאַגאָגעס, און געוויזן דעם וועג האָט נאָך דער אַלטער פרידלענדער באַלד נאָכן פּרייסישן יידנעדיקט דאָס יאָר 1812 (פריערדיקער באַנד § 32). דאָס יאָר 1815 האָט זיך באַזעצט אין בערלין ישראל יאַקאָבסאָן, דער געוועזענער פּרעזידענט פון קאַסעלער קאָנסיסטאָריע, וואָס ער האָט געמאַכט פאַר אַ רעפאָרם-פאַבריק, איצט איז ער אַראָפּ פון דער גדולה. יאַקאָבסאָן האָט געוואָלט דערנענטערן די יידישע גאָטדינסט צו פּראָטעסטאַנטישער, האָט ער געמאַכט ביי זיך אין הויז אין בערלין אַ מנין מיט תפילות אויף דייטש, מיט כאָר-געזאַנג, מיט דרשות אויף דייטש; דרשענען פלעגט אָפט יאַקאָבסאָן גופא.

יאַקאָבסאָן האָט אויך איינגעפֿירט די ליוטעראַנישע צערעמאָניע־קאָנפֿירמאַציע פֿאַר ייִנגלעך (אָנשטאָט „בר־מצוה") און מיידלעך. ביי דער קאָנפֿירמאַציע פֿון זיין אַ זון האָט ער אַליין אים געהאַלטן אַ דרשה אויף דייטש (דאָס האָט נישט געשטערט דעם זון שפּעטער זיך שמדן און ווערן אַ קאַטוילישער גלח). די זעלבע צייט איז אין בערלין געוואָרן נאָך אַ רעפֿאָרמאַטאָרישער מנין ביים באַנקיר יעקב בער אין הויז, דעם קאָמפּאָזיטאָר מייערבערס פֿאָטער; דאָ האָט מען שוין איינגעפֿירט אַן אָרגל. אין די ניימאָדנע מנינים פֿלעגן אַריינקומען די „בערלינער" (משכּילים) פֿון דוד פֿרידלענדערס חדר. די פּרייסישע רעגירונג האָט אָבער נישט געלאָזט אויפֿקומען די נייע אויפֿטוען: אָנהויב יאָר 1816 האָט מען געהייסן פֿאַרמאַכן ביידע מנינים. דער באַפֿעל האָט געשטאַמט פֿונם קעניג גופֿא פֿרידריך ווילהעלם דעם III־טן; דער תּירוץ איז געווען: לויטן געזעץ טאָרן ייִדן נישט אָפּריכטן קיין עפֿנטלעכע גאָטדינסט אויסער די סינאַגאָגעס. אויב אָבער אַ טייל בעלי־בתּים, — אַזוי שטייט אין באַפֿעל, — האָבן זיך אויסגעטיילט פֿון דער קהלשער סינאַגאָגע דערפֿאַר, וואָס זיי פֿאַרשטייען נישט די תּפֿילות אויף העברעאיש, איז קיינער שטערט זיי נישט דאָ אין דער סינאַגאָגע זאָגן די תּפֿילות פֿאַר זיך אויף דייטש, אָבער נישט מ'זאָל מאַכן „סעקטעס". יאַקאָבסאָנס מנין האָט מען פֿאַרמאַכט; אין בערס מנין האָט מען נאָך געדאַוונט; דער אויסרייד איז געווען, אַז די קהלשע סינאַגאָגע דאַרף מען רעמאָנטירן, מוזן די בעלי־בתּים דאַוונען אין אַ פּריוואַטן מנין. די אָרטאָדאָקסן האָבן אויף גיך אָפּרעמאָנטירט די אַלטע שול און האָבן דאָרט ווייטער געדאַוונט; דאַ דערביי האָבן פֿרידלענדערס חסידים געבויט אַ נייע שול מיט דעם מיין איי נפֿירן דאָרט די נייע גאָטדינסט. אָבער די דאָזיקע פּלענער איז נישט באַשערט געווען מקוים צו ווערן: דאָס יאָר 1823 איז אַרויס אַ נייער קעניגלעכער דעקרעט, ייִדן זאָלן דאַוונען „לויטן אַלטן מנהג, נישט איינפֿירן קיין שום נייעסן אין דער שפּראַך, אין די צערעמאָניעס, און זינגען (§ 4). מ'האָט אַפֿילו פֿאַרווערט דרשות אויף דייטש, כאָטש אַ סך האָבן קיין אַנדער שפּראַך נישט געקענט. ייִדישע רעפֿאָרמיסטן זענען גרייט געווען צו פֿאַרדייטשן זייער ייִדישקייט, געשטערט האָט אַ קעניג—אַ רעאַקציאָנער, וואָס האָט מורא געהאַט פֿאַר אַ שאָטן פֿון „דעאיזם", און האָט געוואָלט האָבן ביי זיך אין לאַנד אָדער אַלט־מאָדיש־פֿרומע ייִדן אָדער משומדים.

די רעפֿאָרם, וואָס מ'האָט זי געררודפֿט אין בערלין, האָט געמוזט איבערציען קיין ה אַ מ ב ו ר ג. אין דער דאָזיקער פֿריי־שטאָט האָט מען נישט געוואָלט געבן ייִדן פֿריי, מ'האָט זיי אָבער נישט געשטערט צו זיין פֿריידענקער. דער רעפֿאָרם־מאַכער איז דאָ געווען ד"ר ע ד ו אַ ר ד ק ל יי, פֿיכטע'ס און שלייערמאַכער'ס אַ תּלמיד; ער איז געווען אַ אָפּטער פּרעדיקער נאָך אין בערלינער מנין און האָט געמאַכט אַ סדור אויף לשון קודש און דייטש[1]). פֿון בערלין האָט

1) אַן ענלעך סדור מיטן נאָמען „געזאַנג־בוך פֿאַר איזראַעליטן" האָט אַרויסגעגעבן אַ פֿראַנקפֿורטער לערער י אָ ל ס אָ ן אויך (1816). וועגן דעם סדור דערציילט מען אַזאַ שפּאַס: דער מחבר האָט געוואָלט איינפֿירן אין דער סינאַגאָגע דעם ליוטעראַנישן שטיט זינגען מזמורים, האָט ער

זיך קליי איבערגעצויגן קיין האַמבורג, פאַרנומען דאָרט דעם דירעקטאָר־פּאָסטן אין דער „פרייער שול" און האָט אָנגעהויבן אַגיטירן, מ׳זאָל דאָרט מאַכן אַ נייע רעפאָרמירטע סינאַגאָגע. ס׳איז אים געראָטן: עטלעכע צענדליק יידישע פאַמיליעס האָבן געמאַכט אַ נייע רעפאָרמירטע יידישע קהלה; אָקטאָבער 1818 האָבן זיי פייערלעך געעפנט אַ נייעם „טעמפּל", קליי איז דאָ געוואָרן שטענדיקער פּרעדיקער. מ׳האָט געמאַכט אַ נייעם סדור (מ. ברעסלוי און ז. פרענקל, וואָס האָט איבערזעצט די ביבלישע אַפּאָקריפן אויף העברעאיש); די שפּראַך איז נאָך דאָ געבליבן לשון קודש, אָבער נישט אַלע תפלות זענען געבליבן גאַנץ; אַ סך האָט מען אַרויס־געוואָרפן, אַנדערע תפלות האָט מען פאַרביטן אויף פּיוטים פון נוסח ספרד; מ׳האָט אַרויסגעוואָרפן פון די תפלות אַלע נאַציאָנאַלע און משיח־שטעלן, וואו נאָר ס׳רעדט זיך, אַז ס׳זאָל ווידער אויפגעשטעלט ווערן אַ יידישע מלוכה: זאָל נישט קאָמפּראָמיטירט ווערן דייטשער פּאַטריאָטיזם ביי יידן. אין „טעמפּל" האָט מען איינגעפירט „נוסח־בערלין": אויף לשון קודש פלעגט מען זאָגן נאָר די וויכטיקסטע תפלות („שמע" וכדומה), די איבריקע תפלות פלעגט מען זאָגן אויף דייטש; פּיוטים און מזמורים פלעגט מען זינגען אַלע אינאיינעם, אַן אָרגל האָט אַקאָמפּאַנירט; פּרעדיקן פלעגט מען אויף דייטש. די דאָזיקע נייעסן האָבן געבראַכט צו אַ שפּאַלטונג אין האַמבורגער קהלה. די אָרטאָדאָקסן זענען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף די „טעמפּל־הערן". ווי נאָר דער נייער טעמפּל האָט זיך געעפנט, האָבן האַמבורגער און האַלטאָנער רבנים פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף, גוזר געווען מ׳זאָל נישט דאַווענען אין טעמפּל און פונם נייעם סדור.

די זעלבע צייט, ווען ס׳האָט אויסגעבראָכן די מחלוקת אין בערלינער און אין האַמבורגער קהלות, וועגן רעפאָרמירן דעם קולט, איז אויסגעשפּרונגען וועגן דעם אַ ליטעראַרישע פּאָלעמיק אויך. יאַקאָבסאָן דער אויפטוער פון דער רעפאָרם אין בערלין, האָט זיך געפונען אַן ענערגישן פּראָפּאַגאַנדיסט פאַר זיין אידעע, אַן עלזאַסער יידן אליעזר ליבערמאַן, אַ וואויל־לערנער, וואָס האָט געגאַרט גרינדלעך צו רעפאָרמירן יידישקייט. יאַקאָבסאָן און זיינע בערלינער פריינד האָבן אים אויף זייער חשבון אַרויסגעשיקט אין די גרעסטע אייראָפּעאישע קהלות צו קריגן דעם הסכם פון פּראָגרעסיווע רבנים אויף די סינאַגאָגאַלע רעפאָרמעס. ליבערמאַן האָט זיך שטאַרק גענומען פאַר דער אַרבעט. אין אַ קורצע צייט אַרום (1818) האָט ער שוין געקאָנט פאַרעפנטלעכן מיינונגען פון צוויי איטאַליענישע און צוויי אונגאַרישע לומדים, אַז אין יידישן דין איז נישטאָ קיין איסור צו

פשוט איבערגעדרוקט רעליגיעזע זמורים פון דייטשע געבעט־ביכער, נאָר אומעטום געשטעלט די ווערטער „האר איינציקער" אַנשטאַט „יעזוס". אין איין שטעלע האָט עמיצער פאַרזען, דער מחבר אָדער דער זעצער, איז געבליבן „יעזוס",—אַ יידישער סדור מיט אַ תפלה צו יעזוס׳ן, אַ סקאַנדאַל! מ׳האָט געמוזט אויסרייסן די בלאַט פון אַלע עקזעמפּליאַרן און איבערדרוקן אויף דאָס נײַ. (Zirndorf: Jost und seine Freunde, S 161—62). די דאָזיקע מעשה איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער משוגעת נאָכצומאַכן אַלצדינג יענעם אין דער יידיש־דייטשער רעפאָרמאַציע.

דאַווגען אויף דער לאַנדשפּראַך און צו שפּילן אין שול אויף אַן אָרגעל. דערהויפּט האָט זיך פאַ דער טעמפּל־רעפאָרם שטאַרק איינגעשטעלט אַ אונגאַרישער רב אהרן כּאָרין, וואָס איז אַליין געווען דער אויפטוער פון דער רעפאָרם ביי זיך אין אונגאַרן; ער האָט געבראַכט ראיות פון תלמוד און פּוסקים. משה קוניץ פון אָפען, אַ לערנער און אַ בעל־קבלה האָט אויך געשטיצט די רעפאָרם. ליבערמאַן האָט פאַרעפענטלעכט זייערע מיינונגען אין אַ ביכל מיט דעם נאָמען „נוגה הצדק" (דעסוי 1818) און האָט אָפּגעדרוקט אַן אייגן ב׳כל „אור נוגה" צו באַווייזן ווי נויטיק ס׳איז די סינאַגאָגע־רעפאָרם. ער האָט געוויזן, אַז די נייע טעמפּלען מיט זייער ציכטיקייט און אָרדנונג וועלן צו זיך ציען דעם יונגן דור, וואָס קאָן נישט דערליידן די פאַרוואָרלאָזטקייט און דעם טומל פון די אַלטע קלויזן; אַז אַ דרשה אויף דייטש וועגן יידישקייט וועלן קומען הערן יונגעלייט און מיידלאַך אויך, וואָס איצט פאַרברענגען זיי די צייט אויף פּוסטע, אָפטמאָל פאַרדאַרבנדיקע ראָמאַנען. ליבערמאַן האָט פאַראיבל, וואָס די יוגנט קערט זיך אָפּ פון העברעאיש, ער מאָנט, מ׳זאָל דאָס לערנען; דאָך האַלט ער, אַז שוין בעסער דאַווגען אויף דייטש, איידער גאָרנישט דאַווגען. ער האַלט בכלל, אַז רעליגיעזע מנהגים אין יעדן דור מעגן אָפּשאַפן און ענדערן מנהגים ווי די צייט פאָדערט דאָס, און אפילו דינים פונם תלמוד אויך, וואָס פאַסן מער נישט פאַר אַ נייער וועלט.

ליבערמאַנס אַגיטאַצ׳יע, דער אויפטו פון האַמבורגער טעמפּל־הערן, בפרט נאָך די פאַרעפנטלעכע מיינונגען פון פיר רבנים, האָט אָנגעמאַכט אַ שטורם צווישן דער אָרטאָדאָקסיע. האַמבורגער רבנים האָבן פון זייער זייט פאַרפירט אַ שטאַרקע אַגיטאַציע. זיי האָבן צונויפגעזאַמלט תשובות פון פערציק רבנים פון פאַרשידענע אייראָפּעישע קהלות, אַז מ׳טאָר גאָרנישט ענדערן אין די אַלטע שול־מנהגים און האָבן אַרויסג׳לאָזט אַ בוך „אלה דברי הברית" (אַלטאָנאַ 1819). צווישן די דאָזיקע שטרייטער פון דער אָרטאָדאָקסיע זעען מיר די נעמען פון די גאוני־הדור: דעם פּויזנער רב ר׳ עקיבא אייגער, דעם ניקאָלסבורגער רב ר׳ מרדכי בענעט און דעם פּרעסבורגער רב ר׳ משה סופר („חתם־סופר"). אַלע רבנים האָבן פּראָטעסטירט קעגן האַמבורגער נייע איינפירן. מ׳טאָר אויף קיין האָר נישט בייטן נישט דעם תוך נישט די שפּראַך פון תפלות, וואָרום אין יעדער אות האָבן די קדמונים אריינגעלייגט טיפע כונות, אָפּענע און פאַרשטעלטע. ר׳ משה סופר, וואָס האָט שטאַרק גערודפט השכלה, האָט געטענהט, אַז אפילו דעם ניגון פון תפלות טאָר מען נישט ענדערן, וואָרום מיר האָבן דאָס בקבלה פון משה רבינו. יעקב ליסא, אַ רב אין פּויליש פּרייסן, האָט געהאַלטן, אַז קעגן די „צעשטערער" מעג מען קעמפן אפילו מיט מסירות צו דער רעגירונג. מ׳קאָן ווייזן, אַז רעליגיעזע אפּיקורסות איז נישט ווייט פון פּאָליטישער טריפקייט. דאָס רוב רבנישע תשובות איז געשריבן זייער שאַרף, מ׳האָט נישט געקאַרגט פאַר די רעפאָרמיסטן קיין זלזולים: „אפּיקורסים, פאַרדאַרבענע, גזלנים, שווינדלער, יינגלעך, עם־הארצים,

צעשטערער, נישט קיין יידן נישט קיין קריסטן״. אויף די אַלע אָנפֿאַלן האָט געענטפערט פיין און שאַרף דער דערמאָנטער ברעסלוי מיט אַ קורצן פּאַמפלעט: „חרב נוקמת״ (1819); ער האָט דאָ איבערגעחזרט ליבערמאַנס הויפּט־טענות: די רעפאָרם איז די איינציקע ישועה, אַנדערש וועט זיך דער יונגער דור צעלויפן פון יידישקייט.

אין דער דאָזיקער ליטעראַרישער פּאָלעמיק האָבן זיך די רעפאָרמיסטן אַרויסגעשטעלט שטאַרקער פאַר זייערע קעגנער. די רעפאָרמיסטן האָבן אויסגעשטעלט פּאָזיטיווע צוועקן פאַר זייער סיסטעם, (דערהאַלטן דעם יונגן דור ביי יידישקייט, פאַרהערלעכן די גאָטדינסט וכדומה); אַקעגן אָבער די אָרטאָדאָקסן, וואָס האָבן נישט געוואָלט הערן פון קיין רעפאָרם, האָבן נישט געהאַט וואָס אויסצושטעלן, מ׳האָט זיך פשוט געהאַלטן פאַר פאַרגליווערטן כּלל: די טראַדיציע טאָר מען נישט אָנרירן. דאָס רבנישע שרעקן מיט חרם׳ס האָט קיינעם נישט איבערגעשראָקן. האַמבורגער טעמפּל האָט זיך פאַרפעסטיקט, די נייע קהלה האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. מ׳האָט פאַרבעטן פאַר אַ פּרעדיקער דעם בעגאַבטן גאָטהאָלד סאַלאָמאָן פון דעסוי, זיינע דרשות האָבן געצויגן אַ סך הערער פון די פּראָגרעסיווע קרייזן געזעלשאַפט. אַנדערע קהלות האָבן נאָכגעטון האַמבורג: דער נייער שניט איז אָנגענומען געוואָרן אין לייפּציג (בעת די ירידים), אין קאַרלסרוהע און אין קאָפּענהאַגן.

די ערשטע אויפטוער פון דער סינאַגאָגע־רעפאָרם זענען אייגיכן נישט געבליבן. די זקנים: ישראל יאַקאָבסאָן און דוד פרידלענדער זענען געשטאָרבן (דער ערשטער—דאָס יאָר 1828, דער צווייטער—דאָס יאָר 1834). ווייט אָפּגעשיידט איז שוין געווען ליבערמאַן אויך: ער האָט זיך געשמדט, געוואָרן אַ קאַטויל און אייגיכן איז ער שוין געווען אין פויפּסט׳ס (פּי IX) סוויטע. וואָס האָט אים געבראַכט דערצו: רדיפות פון אָרטאָדאָקסן, אָדער וואָס ער אָט זיך אָפּגענאַרט, אַז יידישקייט זאָל האָבן אַ קיום, איז נישט פעסטגעשטעלט. מ׳דערציילט, אַז נאָכדעם ווי צו ליבערמאַנס ברודער, אַ רב אין אַן עלזאַסער שטאָט, איז דערגאַנגען, אַז יענער האָט זיך געשמדט, האָט ער זיך געזוצט שבעה. דאָ איז געקומען דער משומד: ער וויל דעם ברודער מנחם־אָבל זיין.

§ 11. די אידעאָלאָגן פון דער רעפאָרמאַציע (גייגער, גאָלדהיים); די באַוועגונג אין די גרעסטע קהלות (1835—1844)

פרידלענדער—יאַקאָבסאָן׳ס דור איז נישט געבליבן, ס׳האָט זיך באַוויזן אַ נייער דור, ריכטיקער געזאָגט, אַ טייל נייער דור, ווארום דער אַנדערער טייל איז שוין געווען גאָר אַסימילירט ווייט אָפּגעשיידט פון יידן. די נייע אינטעליגענץ, וואָס איז געווען דערצויגן אויף צוויי קולטורן, אויף דער יידישער

און אויף דער דייטשער, האָט נישט געקאָנט נאָכטון די קורצזיכטיקע פּראַקטיקער פֿין פֿרידלענדער־יאַקאָבסאָנ׳ס שניט. די נייע מענטשן האָבן אויך געפֿילט, אַז מ׳דאַרף רעפֿאָרמירן דאָס יידישע לעבן; זיי האָבן אָבער שוין נישט געקאָנט זיך צופֿרידנשטעלן מיט בייטן די דעקאָראַציע אין דער שול, מיט צופּאַסן מעכאַניש די סינאַגאָגע צו דער קירך, דאָס יידישע לעבן צום דייטשן לעבן. זיי האָבן געוואָלט פֿאַר זיך אינעווייניק רעכטפֿאַרטיקן דאָס יידישע גייסטיקע לעבן, אויס־שטימען דאָס גייסטיקע יידישקייט מיט אַ היינטצייטיקן וועלטבאַנעם, יידישקייט זאָל נישט זיין אָפּגעשטאַנען אַקעגן דעם גרויסן אידעען־שטראָם, וואָס שעלינג, העגעל, פֿייערבאַך האָבן אַריינגעבראַכט אין אייראָפּעאישן געדאַנק. מ׳האָט באַ־דאַרפֿט טעאָרעטיש באַגרינדן דאָס נייע יידישקייט, אויסלייטערן ביי דעם פּרווו־שטיין פֿון היסטאָרישער קריטיק און דערפֿון שוין ציען דעם פּאָדעם פֿאַר אַ רעפֿאָרם. די רעפֿאָרם ווידער זאָל זיין נישט בלויז די צוגעפּוצטע רעליגיעזע צערעמאָניעס: די רעפֿאָרם זאָל באַנעמען די יסודות פֿון יידישקייט, די גאַנצע סיסטעם און דעם קולטור־עצם פֿונם יידישן גייסטיקן לעבן. אַזוי אַרום האָט די רעפֿאָרמאַציע באַקומען איר א י ד ע אָ ל אָ ג י ע; די וויכטיקסטע אויפֿטוער זענען די געווען גייגער און גאָלדהיים.

א ב ר ה ם ג י י ג ע ר (1810—1874) איז געבוירן אין פֿראַנקפֿורט ביי־מיין; אין דער יוגנט האָט ער זיך פֿון תּלמוד אָפּגעריסן צו אייראָפּעאיש וויסן, ער האָט שטודירט טעאָלאָגיע, פֿילאָזאָפֿיע און מזרח־שפּראַכן אין היידעלבער־גער און באָנער אוניווערסיטעט. צו 17 יאָר, איידער ער איז אָנגעקומען אין אוניווערסיטעט, האָט ער געמאַכט אַ קריטישן פּירוש אויף משנה, אין די סטו־דענטישע יאָרן האָט ער אָנגעשריבן אַ וויסנשאַפֿטלעכע מאָנאָגראַפֿיע: „וואָס האָט מחמד גענומען ביי יודאַאיזם?“ (1832). געענדיקט דעם אוניווערסיטעט, איז ער באַלד געוואָרן ראַבינער אין וויסבאַדן. אים איז פֿירגעשטאַנען אַ שווערע זאַך: אויסאַרבעטן פֿון זיך אַ מוסטער פֿון אַ געבילדעטן ראַבינער, וואָס זאָל פֿאַרייניקן יידישקייט מיט אייראָפּעאישער קולטור. גייגער דער ראַציאָנאַליסט האָט זיך געמאָלט, אַז יידישקייט קען אויפֿגעלעבט ווערן נישט אַנדערש, סיידן דורך וויסנשאַפֿטלעכער פֿאָרשונג, דורך פֿרייער קריטיק; דאָס זאָל זיין דער וועג צו׳ן אַ רעליגיעזער רעפֿאָרם, און צו דעם צוועק האָט ער אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ זשורנאַל פֿאַר וויסנשאַפֿטלעכער יידישער טעאָלאָגיע Wissenschaftliche Zeit-schrift f. jud. Theologie די ערשטע העפֿטן זענען אַרויס דאָס יאָר 1835). פֿון דעם זשורנאַל אַרויס האָט זיך געלאָזט הערן אַ נייער געדאַנק: דאָס אַלטע יידיש־קייט האָט זיך געהאַלטן אויף טראַדיציע, פֿאַר דעם נייעם יידישקייט דאַרף מען שאַפֿן אַ נייעם פֿונדאַמענט—דאָס איז וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונג. מ׳דאַרף שטודירן ווי אַזוי איז יידישקייט היסטאָריש אויסגעוואַקסן, ווי ס׳זענען אָנגעוואַקסן נייע שיכטן, וואָרום יעדע טראַדיציע איז געווען בשעתו אַ נייער איינפֿיר. גייגער [illegible]: „ס׳איז געווען אַ צייט ביי יידן, ווען אַלע האָבן געקלערט און געפֿילט

גלייך. די אמונה האָט מען איבערגענומען בירושה פון דור צו דור, און יעדער איינער האָט נישט געדאַרפט גאָרנישט טון פון זיך צו זיין אַ גליד אין דער פרומער עדה: די גאַנצע עדה האָט פאַרמאָגט איין ווילן; דער גייסטיקער מנהיג איז געווען נישט מער ווי דער גרעסטער למדן. יענע צייט איז שוין פאַרביי. דער ווילן פון דער עדה איז געבראָכן, יעדער איינער מוז קלערן פאַר זיך, ער מוז אַליין פאַרפעסטיקן זיין יידישקייט. אָפטמאָל זעען מיר, אַז איבערצייגונגען שטימען נישט מיט דער געגעבענער אָרדנונג. די שווערסטע זאַך איז איצט צו זיין אַ גייסטיקער מנהיג ביי יידן. אַזאַ מנהיג זעט פאַר זיך צוויי עקסטרעמען: אויף איין זייט זעט ער פאַרשטיינערטע מענטשן, אויף דער צווייטער זייט—מענטשן וואָס זענען גאָר אָפּגעריסן פון דעם רעליגיעזן בונד, וואָס דער דונער פון זער תקופה האָט זיי פאַרטומלט. אין דער מיט שטייען מענטשן מיט אַן אָנגעווייטאָגט האַרץ, פונם אַלטן זענען זיי אַוועק, צום נייעם זענען זיי נישט געקומען; דאָס האַרץ און דער שכל לעבן ביי זיי נישט בשלום און זיי גאַרן נאָך אַזאַ שלום. וואָס זשע קאָן מען פאָדערן פון אַ גייסטיקן מנהיג? ער דאַרף באַפרייען די פאַרשטיינערטע פונם טויטשלאָף, וואָס זיי שטעקן אין דעם מיט האַרץ און שכל; די אומגלויביקע דאַרף ער מונטערן, דערוועקן ביי זיי אַ געפיל פאַר אַ לעבעדיקן גלויבן. מ'דאַרף זיי אַריינגעבן אין האַרצן, זיי זאָלן נישט מורא האָבן זיך אָפּטרייסלען פון מנהגים, זיי זאָלן נישט אויסברענגען דעם ברען אויף פוסטע צערעמאָניעס, זיי זאָלן היילן די וואונד, דערווייטערן דאָס וואונדפלייש, אויף דעמס אָרט זאָל אָנוואַקסן אַנדערס." דער 25 יאָריקער גייגער האָט דאָס געזאָלט זיין דער היילער פון יידישקייט. מיט אַן אייראָפּעאישן אינסטרומענט אין די הענט קלייבט ער זיך מאַכן אַן ערנסטע אָפּעראַציע, אָבער דאָ דערהערט ער, אַז ער האָט די קראַנקייט פאַלש פאַרשטאַנען.

דערמאָנט האָט דאָס אים זיין אוניווערסיטעט-חבר דער אָלדענבורגער רב ר׳ ש מ ש ו ן ר פ א ל ה י ר ש (1808—1888); די קינפטיקע זייל פון דער נייער אָרטאָדאָקסיע אין דייטשלאַנד. הירש האָט אַרויסגעלאָזט אַ ווערק „19 בריוו וועגן יודאַיזם" מיט אַ פּסעוודאָנים „בן-עזיאל" (1836); אין דעם ווערק וויל ער פאַרפעסטיקן דעם „פונדאַמענט פון דער טראַדיציע", וואָס גייגער וויל פון איר אָפּרייסן יידן. הירש האַלט אויך, אַזוי ווי אַלע אין זיין דור, אַז יידן זענען אַ רעליגיעזע גרופּע, נישט קיין נאַציע, אָבער ער האָט נאָך אַ צוגאָב: ביז משיח וועט קומען זענען יידן נישט קיין נאַציע, נאָר אַ בונד גלויבער, וואָס זענען מקיים אַלע מצוות פון דער תורה שבכתב און בעל-פה אַזוי ווי מיר האָבן דאָס איבערגענומען פון דור דורות. די תורה געוועגדט זיך נישט אין דער צייט אָדער אין אָרט, זי איז אייביק. די רעפאָרם דאַרף זיין נאָר דאָס, אַז מיר זאָלן אַריינלייגן אין די מצוות און מנהגים דעם מאור היהדות, וואָרום ס'איז נישטאָ קיין מצוה, וואָס דאָרט זאָל נישט שטעקן אַ געוויסער צוועק אָדער אַ כונה. ייד מעגן שטרענג האַלטן די תורה און זיין איין גייסטיקע עדה, און דאָס איז גאַר

קיין מניעה נישט, זיי זאָלן זיין טיילן פון אַרומיקע נאַציאָנאַל-פּאָליטישע בונדן ד. ה. זיי זאָלן זיין דייטשן אין דייטשלאַנד, פראַנצויזן אין פראַנקרייך וכדומה. אַ זינד איז נאָר, ווען פאַר עמאַנסיפּאַציע וויל מען מקריב זיין יידישקייט, ווען מ'וויל דעם פאָלקס נשמה אַוועקגעבן פאַר מאַטעריעלע תכלית-זאַכן: הירש האָט אויסגעדריקט דעם צוועק פון דער רעפאָרם אין אַזאַ קאָנסערוואַטיוו וואָרט: „דער צוועק פון דער רעפאָרם קאָן זיין: „אויפהויבן די צייט צו דער מדרגה פון דער תורה, נישט פאַרקערט די תורה זאָל מען אַראָפּוואַרפן „צו דער מדרגה פון דער צייט". ווי אַזוי „צוצופּאַסן דאָס לעבן צו דער תורה' האָט הירש געוויזן אין אַ גרויס ווערק „חורב, וועגן די פליכטן פון יידן אין גלות" (1838). דאָס איז אַ גאַנצע סיסטעם עיקרים, עטיק און מצוות פון ביבליש-תלמודיש יידישקייט, וואָס הירש האַלט דאָס, אַז ס'איז נישט קיין רעזולטאַט פון היסטאָרישער עוואָלוציע, נאָר ס'איז געגעבן פון גאָטס מויל. גאָטס געבאָטן זענען אייביק, אַזוי ווי נאַטור-געזעצן: ענדערן זיי קאָן מען נישט. מען קאָן נאָר פאָרשן, דערגיין דעם שׂכל פון זיי, די צוועקמעסיקייט. די פּראַקטישע מצוות האָבן דעם צוועק אַריינברענגען הייליקייט אין וואָכעדיקן לעבן, דעריבער טאָר מען אויף קיין האָר נישט אָנרירן דעם „שלחן-ערוך".

די ליטעראַרישע פּאָלעמיק וועגן גייגער-הירש'ס סיסטעמען האָט געוויזן אַז דאָ האָט מען צו טון מיט צוויי סתּירהדיקע סיסטעמען; איין סיסטעם האַלט, אַז אין יידישקייט האָט זיך היסטאָריש אָנגעקליבן פאַרשידענע טיילן, די דאָזיקע טיילן האָבן זיך געביטן און געענדערט לויט די צייט האָט דאָס געפאָדערט, און זיי קאָנען זיך ווייטער אויך ענדערן. די אַנדערע סיסטעם האַלט, אַז דאָס איז תורה, גאָטס-געבאָטן פון א' ביז ת', וואָס נישט זיי זאָל מען צופּאַסן צום לעבן, נאָר פאַרקערט דאָס לעבן זאָל מען צופּאַסן צו זיי. אָביעקטיוו איז געוויס מער גערעכט געווען גייגער, וואָס האָט געהאַלטן מיט'ן פּרינציפּ פון היסטאָרישער עוואָלוציע, וואָס לאָזט זיך וויסנשאַפטלעך באַווייזן, נישט מיט „הלכה למשה מסיני", גענומען פון געוויסע געשיכטלעכע תקופות. ביידע אידעאָלאָגן האָבן אָבער פאַרזען דעם תוך: די אייביקע יידישע נ אַ צ י ע; יידישקייט אין אַלע היסטאָרישע פאָרמען דינט דער נאַציע נישט מער ווי אַ הייטל, דאָס איז די פאָרם, ווי אַזוי ס'אַנטפּלעקן זיך די שאַפונג-קרעפטן פון דער נאַציע, צוגעפּאַסט צו יעדער עפּאָכע באַזונדער. גייגער און הירש האָבן געהאַלטן יידן פאַר אַ רעליגיעזן קיבוץ, נישט פאַר קיין נאַציע, ס'איז ביי זיי רעכט געווען, יידן זאָלן זיך נ אַ צ י אָ נ אַ ל אַסימילירן, אָבער דער סוף פון אַזאַ נאַציאָנאַלער אַסימילאַציע מוז דאָך זיין, יידן זאָלן פאַרשמעלצט ווערן צווישן אַנדערע פעלקער, ד. ה. ס'זאָל נישט בלייבן, ווער ס'זאָל טראָגן די אידעע אָדער די „שליחות" (מיסיע) פון יודאַאיזם. מ'האָט פאַרזען, אַז צעברעכט מען די פאַס, קאָן מען דעם וויין נישט איינהאַלטן: בלייבט נישט קיין לעבעדיק יידיש פאָלק, אַלס אַ באַזונדער קולטור-היסטאָרישער טיפּ, איז בלייבט נישט קיין יידישקייט אויך — ד. ה. דער סכום פון די אַלע גייסטיקע אייגנטימלעכקייטן. מ'האָט דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען דעם גרונדגעדאַנק פון דער יידישער געשיכטע: דער נאַציאָנאַלער תוך

אין יידישקייט איז דאָס שטענדיקע, דאָס זיכערע; די רעליגיעזע פאָרמען ביַיטן זיך אין אַנטוויקלען זיך פּראָגרעסיוו.

ווען פון די הויכע אידעאָלאָגישע הימלען זענען די שטרייטער אַראָפּ אויף דער פּראַקטישער ערד, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז זיי צערייסן דעם לעבעדיקן גוף פון דער יידישער קהלה, ד. ה. דאָס קעמערל פון אַן אויטאָנאָמער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע. אָנגעהויבן דעם פּראַקטישן שטרייט האָט גייגער, וואָס האָט געהאַלטן, אַז מ׳מוז אַ סוף מאַכן צו דעם אַלטן פאַרשטיינערטן יידישקייט. גייגער, וואָס האָט געוואָלט זיין דער קעמפער וואָס פירט זיין קהלה מיט שטאַרקייט אויף אַ נייעם וועג דורך דרייסטע רעפאָרמעס, האָט זיך געזוכט אַ גרעסערן פּלאַץ פאַר אַרבעט אין אַ גרעסערער קהלה, וואָרום די וויסבאַדענער קהלה איז געווען צו קליין, מ׳זאָל דאָרט קאָנען עפּיס וויכטיקס אויפטון. דאָס יאָר 1838 איז פריי געוואָרן די שטעל פון אַ דיין און אַ דרשן אין ברעסלוי. רב איז דאָרט געווען ר׳ זלמן טיקטין, אַ פרומער און אַ למדן. די געבילדעטע פּרנסים פון דער ברעסלויער קהלה האָבן פאָרגעלייגט די שטעל גייגער׳ן. ער איז געקומען קיין ברעסלוי, און געהאַלטן דאָרט אַ גלענצענדע פּרובע־דרשה (ער האָט זיך געשטעלט אויפן פּסוק „דור הולך ודור בא והארץ לעולם עומדת — אויסגעטייטשט, אַז די גרונד־יסודות פון אמונה און מאָראַל בלייבן אייביק, מנהגים ביַיטן זיך), די קהלה האָט אים צוגענומען פאַר אַ פּרעדיקער. דער אָרטאָדאָקסישער טייל האָט שטאַרק געאַרבעט קעגן דעם, מ׳האָט אָנגעוויזן אַן אָפּיציעלע מניעה: גייגער אַלס פראַנקפורטער ייד, האָט אין פּרייסן געהייסן אַן אויסלענדער: לויטן געזעץ אָבער האָט אין פּרייסן געמעגט זיין ראַבינער נאָר אַ פּרייסישער אונטערטאַן. גייגער איז ביַיגעקומען די דאָזיקע מניעה אויך: ער איז געפאָרן קיין בערלין און דאָרט האָט ער מיט פּראָטעקציעס געפועלט, דער קעניג זאָל אים הייסן נאַטוראַליזירן. אָבער ווען ער איז צוריקגעקומען נצחונדיק קיין ברעסלוי, האָט דער אַלטער פרומער טיקטין דערקלערט, אַז ער וועט נישט פירן קיין רבנות צוזאַמען מיט אַן אַפּיקורס, וואָס לייקנט אין די יסודות פון רבנות. אַ טייל רבנים פון שלעזיע און פּוילן האָבן אים געשיקט אַ יישר־כוח. דעמאָלט האָבן זיך ברעסלער פּרנסים געווענדעט צו פּראָגרעסיווע ראַבינער, זיי זאָלן זאָגן זייער פּרינציפּיעלע מיינונג: צי מעג מען וויסנשאַפטלעך פאָרשן יידישקייט און צי מעג אַזאַ איינער זיין רב אין אַ יידישער קהלה. אַ סך ראַבינער האָבן געהאַלטן, אַז מ׳מעג פריי פאָרשן און מ׳מעג מאַכן רעליגיעזע רעפאָרמעס; צווישן זיי איז געווען דער אונגאַרישער רב, דער זקן כאָרין (ער האָט זיך אַ שם געמאַכט מיט זיין רעפאָרמיזם נאָך בעת דעם „טעמפּל־שטרייט״ אין האַמבורג), דער מעקלענבורגער ראַבינער האָלדהיים, וואָס איז אינגיכן געוואָרן דער פאָנטרעגער פון דער ראַדיקאַלער רעפאָרם, און נאָך בייערישע און וויורטעמבערגער ראַבינער גייגער׳ס גלייכן. ברעסלויער פּרנסים האָבן פאַרעפענטלעכט די מיינונגען פון די רעפאָרמיסטישע ראַבינער (Rabbinische Gutachten, 1842-43), אַן אָפּענטפער דער קרי־

גערישער אָרטאָדאָקסיע. צופעליק האָט זיך די ברעסלויער מחלוקת אויסגעלאָזט פריער, איידער מ'האָט זיך געקאָנט ריכטן: דאָס יאָר 1843 איז געשטאָרבן דער אַלטער ר' זלמן טיקטין, די קהלה־פאַרוואַלטונג האָט איינגעטיילט דאָס רבנות צווישן זיין זון און גייגער'ן, איינער זאָל זיין רב ביי אָרטאָדאָקסן, דער אַנדע־רער—ביי פּראָגרעסיסטן. די שפּאַלטונג אין דער קהלה איז לעגאַליזירט געוואָרן: דער באַשיצער פון דער יידישער אָרטאָדאָקסיע, פרידריך ווילהעלם III, איז גע־שטאָרבן און די רעגירונג האָט אויפגעהערט צו זאָרגן פאַר דער איינהייט פון יידישע קהלות.

יענע צייט האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דער שטרייט אין אַן אַנדער גרוי־סער קהלה,—אין האַמבורג. נאָך דעם „טעמפּל־שטרייט" דאָס יאָר 1819 איז די נייע רעפאָרמיסטישע גרופּע שטאַרק אויסגעוואַקסן, מיט דער הילף פון איר טאַלענטירטן פּרעדיקער ג. סאַלאָמאָן, דאָס יאָר 1840 האָט זי שוין געהאַט 800 גלידער. עלטסטער רב אָדער „חכם" אין האַמבורג איז דעמאָלט געווען יצחק בערנייס, אַ פּערזאָן, וואָס לאָזט זיך נישט איינפּרעסן אין אַ פּאַרטיי־קעסטעלע—אַ מאַן מיט אוניווערסיטעט־בילדונג, אַן אָנהענגער פון שעלינגס פילאָ־זאָפישער ראָמאַנטיק, האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ נעפּלדיקער רעליגיעזער פילאָזאָפיע: פּאָעזיע פונם סימבאָל האָט ביי אים אין די אויגן נישט דערלאָזט קיין קריטיש דענקען און קיין רעפאָרמאַטאָריש טון.[1] ער איז נאָענט געווע־צו דער ניי־אָרטאָדאָקסיע, וואָס זיין מער ענערגישער תלמיד ר' שמשון רפאל הירש האָט דאָס דורכגעפירט; ער גופא האָט אָבער נישט געקאָנט אָרגאַניזירן קיין פּאַרטיי. דאָס ערשטע מאָל האָט זיך בערנייס אַריינגעמישט אין פּאַרטיי־שטרייט דאָס יאָר 1841. די האַמבורגער רעפאָרמיסטן האָבן יענע צייט גענומען בויען אַ נייעם גרעסערן טעמפּל און איבערדרוקן זייער העברעאיש־דייטשן סדור. אַזאַ וואוקס פונם רעפאָרמיזם האָט שטאַרק געאַרט בערנייס'ן. ווען דער איבער־געדרוקטער סדור איז אַרויס (צו ימים נוראים), האָט בערנייס אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף, אַז דער איסור אויפן סידור, וואָס רבנים האָבן געמאַכט דאָס יאָר 1819, איז גילטיק איצט אויך, וואָרום די מחברים האָבן „מיט עזות" געענדערט אין די הייליקע תפלות אַזוינע שטעלן, וואָס געהערן צו די עיקרים פון דער אמונה: די שטעלן וועגן ביאת־המשיח און וועגן „גאָטס צוזאָג יידן לאַחרית הימים". דער דאָזיקער חרם האָט שטאַרק אויפגעבראַכט די גבאים פונם נייעם טעמפּל, צווישן זיי גבריאל ריסער'ן אויך. זיי האָבן אַרויסגעלאָזט אַ פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס בערנייס מישט זיך אין די ענינים פונם „טעמפּל־בונד", זיי האַלטן, אַז דער „חכם" איז נישט קיין אויטאָריטעט אין אַזוינע טעאָלאָגישע פראַגן; מיט זיין אויפפירונג פאַרשטאַרקט ער נאָך מער די מחלוקת אין דער קהלה. דער שטרייט האָט זיך אַזוי פאַרשאַרפט, אַז דער האַמבורגער סענאַט האָט זיך אַריינגעמישט. אויף דעם

---

1) מ'האַלט בערנייס'ן פאַרן מחבר פון אן אנאָנים בוך „דער ביבלישער אָריענט" (1821) — אַ געמיש פון סימבאָליזם און פרייעם קריטיציזם. בערנייס גופא האָט דאָס געלייקנט.

סענאַט׳ס אָנפרעג האָט בערנייס געענטפערט: ס׳איז אַ ליגן, וואָס די רעפאָרמיסטן זאָגן, אַז זייער טעמפּל דערנענט די יוגנט צו רעליגיע; פאַרקערט מיט זייער אויפפירונג לאָזן זיי פאַלן רעליגיע. די אָרטאָדאָקסן האָבן געפרואווט ווירקן אויפן סענאַט, ער זאָל נישט לאָזן איבערבויען דעם טעמפּל, זיי האָבן אָבער נישט געפועלט. דער סענאַט האָט געלאָזט די רעפאָרמיסטן טון זייער זאַך, ער האָט זיי אָבער געראָטן נישט אָנצופאַלן אויפן „חכם״ און אויף די אָפיציעלע פירער פון דער קהלה.

בעת די אָרטאָדאָקסן האָבן געאַרבעט דורך דער אויסערלעכער מאַכט, האָבן זיך די רעפאָרמיסטן געקערט צו דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג. זיי האָבן אָנגעפרעגט ביי ראַבינערס וועגן זייערע רעפאָרמעס. ראַבינערס פונם נייעם שניט — גייגער, גאָלדהיים און אַנדערע האָבן געוויינטלעך געגעבן גערעכט די רעפאָרמיסטן, אייניקע האָבן זיי אפילו פירגעהאַלטן, וואָס זיי זענען צו מעסיק אין דער רעפאָרם, וואָס אין זייערע תפלות איז נאָך אַ סך געבליבן וועגן דער אויסלייזונג, וואָס משיח זאָל ברענגען. אַ מיטלוועג צווישן ביידע שטרייט־פּאַרטייען האָט פאַרנומען דער דרעזדענער ראַבינער, דער געלערנטער זכריה פראַנקל (1801—1871), וואָס האָט געהאַלטן פון מעסיקע רעפאָרמעס. ער איז אויך דערפאַר, מ׳זאָל איינפירן מער אָרדנונג אין שול־מנהגים, ער מיינט אויך, אַז מ׳מוז ענדערן אייניקע שטעלן אין די תפלות; ער קאָן אָבער נישט צושטימען, מ׳זאָל גאָר אַרויסלאָזן די משיח־תפלות, וואָרום מ׳מעג אַרויסקוקן, אַז יידן זאָלן לאחרית־הימים אויפגעריכט ווערן אין ציון און מ׳קאָן דערביי בלייבן אַ גוטער בירגער אין גלות. פראַנקל איז אויך קעגן אַזאַ קנאות, וואָס בערנייס באַווייזט אַקעגן יעדער רעפאָרם, בעת אין אַ סך פאַלן זעען מיר דאָ אַן ערלעכן מיין צו פאַרשטאַרקן די יסודות פון רעליגיע. בכן זעען מיר. אַז פאַר 25 יאָר, די צייט פונם ערשטן טעמפּל־שטרייט ביזן צווייטן, האָט זיך אין האַמבורג אַ סך געביטן; דאָס ערשטע מאָל (1819) האָבן רעפאָרמיסטן געהאַט אויף זייער צד געציילטע רבנים, אַקעגן פערציק רבנים זענען געווען קעגן זיי. דאָס צווייטע מאָל (1841) האָט בערנייסן כמעט קיינער נישט געשטיצט, אַ מחנה יונגע ראַבינערס האָבן געשטיצט די רעפאָרם, אַ סך האָבן נאָך געהאַלטן, אַז האַמבורגער רעפאָרמיסטן זענען צו מעסיק׳ זיי ענדערן נאָר די גאָטדינסט און רירן נישט אָן די גאַנצע סיסטעם פון יודאיזם בכלל.

וואָס ווייטער, אַלץ מער האָט מען גענומען פאַרטיפן די אידעאָלאָגיע פון דער רעפאָרמאַציע; איצט קומט שוין די יידישע געזעלשאַפט צום געדאַנק, אַז ס׳איז נויטיק גרינטלעך רעפאָרמירן דאָס גאַנצע תלמודישע יידישקייט. „איזראַעליטישע בירגער אין פראַנקפורט ביי מיין האָבן זיך שוין נישט געקאָנט צופרידנשטעלן מיט די אָנהויב־רעפאָרמעס, וואָס זיי האָבן צוגעזען אין בערלין, האַמבורג און ברעסלוי, זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן אַ סך ווייטער. אָנגעהויבן האָט אַ גרופּע פריידענקער, די הויפּט־אויפטוער זענען דאָ געווען די לערער פון דער

יידישער גימנאַזיע „פילאַנטראָפין". איינער אַזאַ לערער, מיכאל קרייצענאַך, האָט געאַרבעט אין זיינע ווערק[1]), מ'זאָל מאַכן אַ נייעם שולחן-ערוך צוגעפּאַסט צו דער נייער וועלט. תלמוד און פוסקים,—טענה'ט ער,—האָבן אויסגעטייטשט די תורה לויט זייער צייט נאָך, ממילא מעגן מיר טייטשן די תורה אַזוי ווי ס'פּאַסט פאַר אונזער צייט. נאָך זיין טויט האָט זיין זון טעאָדאָר געגרינדעט אין פראַנקפורט (1842) אַ „פאַריין פון רעפאָרם-פריינט" אויסצופירן, וואָס יענער האָט אָנגעהויבן (שפּעטער האָט ער זיך געשמדט). דער פאַריין האָט פאַרעפנטלעכט אַ ראַדיקאַלע פּראָגראַם פון דריי פונקטן: „1) מיר האַלטן, אַז משה רבינוס רעליגיע איז פעאיק צו אַנטוויקלען זיך אָן אַ גרענעץ. 2) די זאַמלונג וכּוחים, מימרות און פסקים וואָס מ'רופט דאָס תלמוד, האָט ביי אונז קיין אויטאָריטעט נישט, נישט אַלס עיקרים (דאָגמאַטיש), נישט פּראַקטיש. 3) מיר קוקן נישט אַרויס אויף משיחן, ער זאָל קומען און פירן יידן צוריק קיין פּאַלעסטינע; מיר האָבן נישט קיין אַנדער פאָטערלאַנד, חוץ דעם לאַנד, וואָס מיר זענען דאָרט געבוירן געוואָרן, אָדער וואָס מיר זענען דאָרט בירגער". די דאָזיקע דריי נעגאַטיווע פונקטן אָן אַ פּאָזיטיווער פּראָגראַם האָבן אויסגעזען ביי דער געזעלשאַפט אין די אויגן ווי אַ מאַניפעסט פון הפקרות. מ'איז נאָך מער אויפגעבראַכט געוואָרן, ווען מ'איז דערגאַנגען, אַז חוץ די דאָזיקע דריי אָפענע פונקטן האָט דער פאַריין שטילערהייט נאָך אַ פונקט: אָפּשאַפן די מצוה פון מילה. אייניקע גלידער פונם פאַריין האָבן טאַקע נישט מל געווען זייערע קינדער. יענע צייט האָבן זיך געטראָפן אייניקע אומגליקלעכע פאַלן ביים מל זיין — האָט דער סאַניטאַר-ראַט פון דער שטאָט פראַנקפורט באַפוילן, אַז „איזראַעליטישע בירגער, וואָס ווילן מל זיין זייערע קינדער, זאָלן רופן ספּעציאַליסטן, וואָס זענען באַשטימט דערצו" (1843). דעם דאָזיקן באַפעל האָבן אייניקע אויסגעטייטשט, אַז אָפּיציעל איז מל זיין קיין מוז נישט פאַר יידן. דאָס איז געווען דער תירוץ ביי די עלטערן, וואָס האָבן נישט געוואָלט מל זיין זייערע קינדער. דאָס האָט שוין געהייסן אָנרירן אַ מצוה פון דער תורה. דאָס האָט שטאַרק אויפגערודערט פראַנקפורט און אַנדערע קהלות. ס'האָט זיך צעפלאַקערט אַ פּאָלעמיק אין דער ליטעראַטור. די פראַגע האָט מען געשטעלט אַזוי: צי קען אַ פאָטער, וואָס האָט נישט מל געווען זיין זון בלייבן אַ גליד אין דער קהלה, און דער זון גופא ווען ער וואַקסט אויס? דער שטאָקאַלטער פראַנקפורטער רב ר' שלמה טריער האָט זיך געווענדט צו רבנים און געלערנטע, זיי זאָלן זאָגן זייער מיינונג; איינגיכן האָט ער פאַרעפנטלעכט 28 תשובות; באַזונדער איז געדרוקט געווען דעם היסטאָריקער צונצס ענטפער (1844). אין די אַלע תשובות, סיי פון אָרטאָדאָקסן, סיי פון מעסיקע רעפאָרמיסטן, סיי פון אומפּאַרטייאישע איז געזאָגט געווען, אַז מילה איז איינע פון די וויכטיקסטע מצוות, אַ סך האָבן געהאַלטן, אַז די, וואָס זענען עובר אויף דער מצוה, דאַרפן

[1]) Schulchan-Aruch, oder encyclopädische Darstellung des Mosaischen gesetzes, 4 בענד, 1833—1834

אויסגעשלאָסן ווערן פון דער קהלה (ש. ר. הירש, דער ווינער רב מאַנהיימער און אַנדערע). ריסער איז געווען קעגן דעם, מ׳זאָל אָנווענדן שטראָף־מיטלען: יעדער איז אינדיווידועל פריי צו האַנדלען, ווי ער פאַרשטייט; מ׳קאָן קיינעם נישט נויטן צו טון אַ מצוה, וואָס איז דערווידער זיין געוויסן; מ׳קאָן זיך נישט איינשטעלן פאַר דער פרימיטיווער מצוה, מילה, מער, איידער פאַר מצוות מיט אַ טיפערן סימבאָלישן אינהאַלט. דער דאָזיקער שטרייט איז געווען דאָס איינציקע, וואָס דער „פאַריין פון רעפאָרם־פריינט" האָט מיטגעבראַכט. דער פאַריין איז אָפגעשטאָרבן, נישט באַוויזן גאָרנישט אויפצוטון, וואָרום אין פראָגראַם ביי אים איז נישט געווען קיין פאָזיטיווע זאַך

אין דעם דאָזיקן ליידנשאַפטלעכן שטרייט האָט אַריינגעוואָרפן אַ שאַרף וואָרט שמואל גאָלדהיים (1806—1860), דער צווייטער אידעאָלאָג פון דער רעפאָרם נאָך גייגער׳ן. גאָלדהיים איז געווען אַ ישיבה־בחור אין אַ פרייסיש־פוילישׂ שטעטל קעמפען, דערנאָך האָט ער געענדיקט דעם אוניווערסיטעט. ביי פלפול איז ער אָבער געבליבן אַלע זיינע יאָרן. דאָס יאָר 1840 איז ער געוואָרן לאַנד־רב אין מעקלענבורג און האָט זיך באַזעצט אין שווערין. דאָ האָט ער זיך גענומען פראַקטיש איינפירן די רעפאָרם. ער האָט געפרובט איינפירן דעם נייעם סדור און אַנדערע רעפאָרמעס אין דאַוונען, די מערהייט אָרטאָדאָקסן אין די קהלות האָבן אָבער נישט געלאָזט. דאַמאָלט האָט ער זיך גענומען פאַר דער פען. דאָס יאָר 1843 האָט ער אָפגעדרוקט אַ בוך „וועגן אויטאָנאָמיע פון רבנים", דאָרט האָט ער אויפגעשטעלט אַזאַ פרינציפ פאַר דער רעפאָרם: אין יודאַאיזם זענען פאַראַן צוויי טיילן: דער נאַציאָנאַל־פאָליטישער טייל און דער רעליגיעזער [1]; דעם ערשטן דאַרף מען גאָר אָפוואַרפן: יידן זענען שוין לאַנג קיין נאַציע נישט, אויף זייער געזעלשאַפטלעך לעבן האָבן צו זאָגן לאַנד־געזעצן און אינטערעסן פון די נאַציעס, וואָס יידן זענען צעזייט צווישן זיי; בכן בלייבט אין יידישקייט נישט מער ווי רעליגיעז־עטישע געבאָטן פאַר דעם יחיד׳ס לעבן. ראַבינערס דאַרפן צעשיידן די דאָזיקע צוויי טיילן יידישקייט, אָבער דאָס לעצטע וואָרט געהערט דער רעגירונג אין יעדן לאַנד: די רעגירונג קאָן זאָגן, אַז אַזוינע יידישע מנהגים געהערן צי די „נאַציאָנאַלע יידישע" געזעצן, וואָס מ׳דאַרף זיי אָפשאַפן, ווייל זיי שטימען נישט מיט לאַנדגעזעצן. אויף אַזאַ סיסטעם, די רעגירונג זאָל זיך מישן אין אינעווייניקסטן יידישן לעבן און זאָל דאָ טון אויף איר באַראַט, האָט גאָלדהיים אַ פאַרענטפערונג, פון דעם תלמוד, וואָס ער וויל אים אגב אָפשאַפן: ס׳שטייט ביי אונז: 1) דינא דמלכותא דינא און 2) מצוות, וואָס זענען פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל, זענען נישט חל אין חוץ־לארץ. בכן דאַרף מען אָפשאַפן דאָס יידישע פאַמיליענרעכט, אַסך דינים וועגן שבת און וועגן אַנדערע

1) גאָלדהיים האָט אייגנטלעך בלויז אנטוויקלט ווייטער דעם פרינציפ, וואָס איז מחדש געוואָרן אין דער דעקלאַראַציע פון פאַריזער סנהדרין. זע פריערדיקן באַנד § 23.

לעבנס-זאכן, ווי ווייט זיי שטימען נישט מיט לאנד-זיטן, שוין נישט צו רעדן פון יידישן בית-דין, פון א סאָציאַל-קולטורעלער קהלה-אויטאָנאָמיע, פון אַן אייגענער יידישער שול וכדומה.

גאָלדהיים, הייסט דאָס, ציט דעם אויסנאַציאָנאַלן געדאַנק פון דער רעפאָרמאַציע ביזן סוף: ווי באַלד יידן זענען קיין נאַציע נישט, דאַרף מען אויסמעקן פון יידישקייט אַלצדינג, וואָס שמעקט מיט נאַציאָנאַל. דער נ א צ י אָ נ א ל ע ר אויטאָנאָמיזם, וואָס האָט אויסגעאַרבעט ביי יידן במשך הונדערטער יאָרן אַן אייגענעם גייסטיקן, געזעלשאַפטלעכן לעבנס-שטייגער; דער אויטאָנאָמיזם, וואָס ער איז געווען דער יסוד פאַ' יעדער קולטור-שאַפן ביי יידן — האָט איצט ביי די רעפאָרמיסטן אין די אויגן אויסגעזען אַן איבריקע זאַך, וואָס האָט קיין ווערט נישט. פון הונדערטער יאָרן לאַנג האָבן יידן אַריינגעלייגט זייער מי און פאַרשטאַנד צו דערהאַלטן זייער פאָלקס-אייניקייט, צו פאַרברייטערן זייער אינערלעכסטע אויטאָנאָמיע, אַ שליוז קעגן פרעמדן פעלקער-שטראָם, וואָס שפאַרט פון אַלע זייטן; איצט קומט גאָלדהיים און וויל האָבן אַ „רבנישע אויטאָנאָמיע" אַנשטאָט אַ פאָלקס-אויטאָנאָמיע; ראַבינער זאָלן האָבן אַ כוח אָפּצושאַפן אין יידישקייט אַלצדינג, וואָס רעגירונגען וועלן זיי הייסן, דאָס הייסט טון דערווידער דעם געשיכטלעכן פראָצעס, עפענען דעם שליוז פאַרן פרעמדן שטראָם. מענטשן האָבן לחלוטין נישט פאַרשטאַנען דעם געשיכטלעכן פראָצעס, זיי האָבן נישט איינגעזען, אַז ווען זיי צעשטערן דעם נאַציאָנאַלן תוך פון יידישער קולטור, ראָטן זיי אויס די נשמה אירע און ס'בלייבט אַ בר-מינן באַהאַנגען מיט מצוות און מנהגים... אויף גאָלדהיים'ס תורה האָט מען זיך אין דער פאָלעמישער ליטעראַטור [1]) דעמאָלט קנאַפּ אָנגערופן: אין אַלע פּראָגרעסיווע יידישע קרייזן אין דייטשלאַנד איז מען כמעט געווען איינשטימיק, אַז יי, ישקייט האָט מיט נאַציאָנאַל נישט צו טון. [2])

§ 12. ראַבינער-צונויפפאָרן און בערלינער רעפאָרם (1844—1848),

ס'איז אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז מיט ליטעראַרישער פאָלעמיק, מיט אַנ קעטעס און מאַניפעסטאַציעס אין איינצלנע קהלות מאַכט מען קיין רעפאָרם נישט. פון דער רעפאָרם זאָל נישט אַרויס קיין אייביקע רייסעריי אין די קהלות, האָט מען באַדאַרפט האָבן אין רעליגיעזן לעבן אַן אויטאָריטעט, די קאָלעקטיווע מיי-

1) בעזונדערס ווי בעהעריק האָט נאָר איין ז. פראַנקל: אויב מ'זאָל גיין מיט גאָלדהיים'ס גאַנג, דאַרף מען זאָגן, אַז אַנטיוכוס און אַדריאַן זענען גערעכט געווען, ווען זיי האָבן געקעמפט קעגן נאַציאָנאַלן יידנטום; פאַרקערט די חשמונאים און ר' עקיבא זענען פאַרברעכער, ווייל זיי האָבן געקעמפט קעגן אַ בצועלטבער רעגירונג.

2) פאָליטיש האָט די דאָזיקע אידעע קלאָר פאָרמולירט אַביסל פריער גבריאל ריסער יע פריער § 5.

נונג פון רבנים. מ׳האָט באַדאַרפט האָבן אַ שטענדיקע אָרגאַניזאַציע, רבנישע צונויפפאָרן צייט אויף צייט, וואָס זאָלן רואיק באַהאַנדלען די פּרינציפּן פון דער רעפאָרם, אַזוי אַז ס׳זאָל האָבן אַן אויטאָריטעט אין אַלע רעפאָרמירטע קהלות. מיט אַזאַ אויפרוף האָט זיך געווענדעט צו דער יידישער געזעלשאַפט דער ענערגישער זשורנאַליסט ליודוויג פיליפסאָן, דער רעדאַקטאָר פון דער „אַלגעמיינער צייטונג דעס יודנטומס“, און ס׳האָט געהאַט אַ פּעולה. די וואָך דעם 12—19 יוני 1844 איז אין בּרוינשווייג פאָר׳געקומען דער ערשטער צונויפפאָר פון ראַבּינער־רעפאָרמיסטן, ס׳זענען געקומען 25 ראַבּינער און קהלה־פירער פון פאַרשידענע מלוכות אין דייטשלאַנד, חוץ בייערן: די בייערישע קלעריקאַלע רעגירונג האָט מורא געהאַט פאַר „נייסן“, האָט די פאַרווערט בייערישע רבנים פאָרן אויף אַ צונויפפאָר פון אפּיקורסים. צווישן די אָנגעזעענע ראַבּינער זענען געווען: סאַלאָמאָן, דער פּרעדיקער פון האַמבורגער טעמפּל; גייגער פון בּרעסלוי; גאָלדהיים פון מעקלענבורג; פיליפסאָן פון מאַגדעבורג. די זיצונגען זענען געווען עפנטלעכע. קודם כּל האָט מען באַהאַנדלט די פראַגע וועגן ראַבּינער־צונויפפאָרן; די עובדא פון די צונויפפאָרן זאָל זיין, „מ׳זאָל זיך בּאַראַטן וועגן די מיטלען, ווי אַזוי צו דערהאַלטן און אַנטוויקלען יודאַאיזם און אויפלעבן דעם רעליגיעזן גייסט“.

אין די דעבאַטן האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַזאַ פאַרשידנקייט אין אַלגעמיינע פּרינציפּן, אַזאַ שאַרפער ווידעראַנאַנד צווישן מעסיקע און ראַדיקאַלן, אַז די פאַרזאַמלונג האָט באַשלאָסן אויפהערן באַהאַנדלען פּרינציפּיעלע פראַגן, איבערגעבן זיי אין אַ קאָמיסיע, זי זאָל דאָס צושטעלן דעם צווייטן צונויפפאָר. גרינגער איז געווען זיך צונויפרעדן וועגן פּראַקטישע פראַגן. דער צונויפפאָר האָט אָנגענומען אַזוינע רעזאָלוציעס: 1) באַשטעטיקן די באַשלוסן פונם פּאַריזער סנהדרין, אַז יידישע דינים זענען אונטערגעוואָרפן די לאַנד־געזעצן. 2) מתּיר מאַכן געמישטע חתונות צווישן יידן און קריסטן אין אַזוינע ערטער, וואָס דער מלוכה־געזעץ פאַרווערט דאָרט נישט דערציִען קינדער פון אַזוינע חתונות אין יידישקייט. 3) אָננעמען דעם רעפאָרמירטן סדור, וואָס גאָלדהיים האָט איינגעפירט אין מעקלענבורג, אָפּשאַפן כּל נדרי.

ווי נאָר ס׳זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן די פּראָטאָקאָלן פון בּרוינשווייגער צונויפפאָר, וואָס אָרטאָדאָקסן האָבן זיך דאָ דערפילט שטאַרק אָנגעריִרט, האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן פּראָטעסטן. 116 רבנים און געלערנטע אין דייטשלאַנד, עסטרייך, האָלאַנד און פוילן זענען אַרויס מיט שאַרפע כרוזים קעגן דער „פאַרזאַמלונג אומווערדיקע“ אין בּרוינשווייג. 1) אייניקע האָבן אויפגעפאָדערט די אָרטאָדאָקסן זאָלן זיך פאַראייניקן צו באַשיצן דעם היסטאָרישן יודאַאיזם. אָבער דאָ אין דער אָרטאָדאָקסאַלער מחנה איז נאָך שווערער געווען צו פאַריי־

---

1) ר׳ עקיבא לעערען, אמסטערדאמער רב, האט דאס אלץ פארעפנטלעכט אין ווערק „תורת הקנאות“ (1845).

ביקן זיך, אײדער בײ פאַרשידענע מינים רעפאָרמיסטן: פרומפאַרצײטיקע יראים ושלמים, וואָס האָבן מקים געווען אַלע מצוות און האָבן געהיט אַלע פרטים פון דעם אָפּגעשלאָסענעם ייִדישן לעבנס־שטײגער, האָבן זיך נישט געקאָנט פאָרן מיט בײ־אָרטאָדאָקסן פון הירשיס שניט: יענע האָבן אויך געהאַלטן מצוות, די אויסערע אַסימילאַציע האָט זײ אָבער נישט געצאַרט.

דער ברוינשווײַגער צונויפפאָר איז געווען אַ מין הקדמה פאַרן צווײטן ראַבינער־צונויפפאָר אין פראַנקפורט דאָס יאָר 1845 (15—28 יולי). אַהער זענען געקומען: די פריערדיקע און אַ גרופּע נײַע מיטגלידער, צווישן די נײַע האָט זיך געלאָזט זען דער דרעזדענער ראַבינער זכריה פראַנקל, ער איז געגאַנגען אויף אַ מיטלוועג צווישן רעפאָרמיסטן און אָרטאָדאָקסן. אין פּרעזידיום האָט מען אויסגעקליבן: דעם פראַנקפורטער ראַבינער לעאָפּאָלד שטײן (פּאָרזיצער), אברהם גײַגער (וויצע־פּאָרזיצער) און דעם היסטאָריקער מ. יאָסט (סעקרעטאַר). די ערשטע פראַגע—וועגן אײַנפירן די גאָטדינסט אויף דײַטש אָנשטאָט לשון קודש,—האָט געבראַכט צו לעבעדיקע דעבאַטן וועגן די גרונד־פראַגן פון יודאַיזם. מ׳האָט צעטײלט די פראַגע אויף צוויי: 1) צי זאָגט דער דין, אַז דאַווענען מוז מען דוקא אויף לשון־קודש? 2) צי איז צוועקמעסיק צו דערהאַלטן לשון־קודש אין די תפילות צו פאַרשטאַרקן ייִדישקײט? אויף דער ערשטער פראַגע האָט מען געענטפערט: נײן, וואָרום אין תלמוד געפינען מיר: שמע בכל לשון שאתה שומע, דאַווען אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך דו פאַרשטײסט. שווערער איז געווען צו ענטפערן אויף דער צווײטער פראַגע: צי איז צוועקמעסיק צו דערהאַלטן לשון־קודש אין גאָטדינסט, וואָרום דאָס איז שוין מער אַ נאַציאָנאַלע פראַגע, אײדער אַ רעליגיעזע. גײַגער האָט געלײקנט, אַז מ׳דאַרף האָבן לשון־קודש צו פאַרשטאַרקן רעליגיע: ס׳איז אַ באַלײדיקונג פאַר דער ייִדישער אמונה, זי זאָל זײַן געווענדט אין דער שפּראַך. „אויב לשון־קודש איז אַ וויכטיקער טײל פון ייִדישקײט, איז מוז מען האַלטן ייִדישקײט פאַר אַ נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר רעליגיע, וואָרום אַ באַזונדער שפּראַך איז אַ סימן פון אַ באַזונדער פאָלקסלעבן. אָבער קײנער אין דער פאַרזאַמלונג וועט נישט זאָגן, אַז ייִדישקײט איז פאַרבונדן מיט דער אידעע פון אַ באַזונדער נאַציע". גײַגער מײנט, אַז חוץ דעם איז אַ תפילה אויף דער „מוטער־שפּראַך" (דײַטש) שאַפט מער רעליגיעזע שטימונג, אײדער אַ תפילה אויף העברעאיש אַפילו בײ די, וואָס פאַרשטײען די שפּראַך. פראַנקל האָט אָפּגעענטפערט גײַגערן און זײַנגלײַכן. ער האָט געפּרובט שטעלן די גאָרע רעפאָרם־פראַגע „פּאָזיטיוו־היסטאָריש"; ספּעציעל בנוגע תפילות האָט ער געוואָלט באַווײַזן, אַז די תורה־שפּראַך איז הײליק און איז צו פאַרבונדן מיט דער ייִדישער אמונה. מ׳דאַרף נישט מורא האָבן, אַז דאָס איז „אַ נאַציאָנאַלע אָפּגעשלאָסנקײט" און ציטערן פאַר דער עמאַנסיפּאַציע; מ׳דאַרף נישט אויסמישן קײן פּאָליטישע אַקציע עמאַנסיפּאַציע מיט אַ געוויסן־זאַך, מיט דער רעליגיעזער רעפאָרם. פון עמאַנסיפּאַציע וועגן וועלן מיר נישט מקריב זײַן קײן אײן טײל רעליגיע

און וואָלט די נאַציע געווען אַזאַ טייל, וואָלטן מיר נישט איבערגעקלערט און זי אַריינגענומען. באמת אָבער, אַזוי מיינט פראַנקל, איז לשון־קודש אַ גרינדלעכער עלעמענט פון רעליגיע: אויף דער שפּראַך איז אונז די תורה געגעבן געוואָרן, אויף דער שפּראַך איז געשריבן די רבנישע ליטעראַטור; די שפּראַך היי־ליקט די תפלה און דערהויבט דאָס געפיל ביים מתפלל. מ׳קאָן דאַווענען אַ טייל תפלות אויף דייטש אויך, אָבער לשון־קודש דאַרף זיין די הויפּטשפּראַך און די מוז־שפּראַך אין גאָטדינסט. די מינדערהייט פונם צונויפפאָר האָבן גע־שטיצט פראַנקל׳ען. דער היסטאָריקער יאָסט האָט געוויזן, אַז העברעאיש האָט אַ רעליגיעזן ווערט און האָט נישט צו טון מיט נאַציאָנאַל: נאַציאָנאַל איז נאָר אַ לעבעדיקע שפּראַך, אָבער דער רוב רעדנער האָט געהאַלטן מיט גייגערן. גאָלדהיים האָט זיך געפּלפּול׳ט פאַר און קעגן און איז געקומען דערצו, אַז מ׳מוז האָבן די תפלות אויף דייטש: דאָס „דערהויבט די רעליגיע". נאָך דריי טאָג היציקע דעבאַטן האָט מען די פראַגע געשטעלט צו אָפּשטימונג; מיט 18 שטימען פאַר קעגן 12 האָט מען אָנגענומען אַ רעזאָלוציע: די פאַרזאַמלונג האַלט, אַז העברעאיש איז נישט קיין מוז אין גאָטדינסט נישט על פּי דין, נישט צו פאַר־שטאַרקן יידישקייט. פראַנקל איז שוין ביי דער אָפּשטימונג נישט געווען. ער האָט שוין פון די רעדעס פאַרשטאַנען, ווי דאָ האַלט דאָס און האָט פאַסירט דעם צונויפפאָר, מער איז ער שוין נישט געקומען. אין דער נאָנטסטער זיצונג האָט מען פאַרגעלייענט זיין אַ בריוו אויפ׳ן פאָרזיצערס נאָמען: ער, פראַנקל, קאָן זיך מער נישט באַטייליקן אין אַ פאַרזאַמלונג, וואו די מערהייט איז פּעאיק צו לייקענען אין איינעם פון די וויכטיקסטע פּאָזיטיוו־היסטאָרישע טיילן פון יודאַאיזם.

פאַר פראַנקל׳ען האָבן אַפילו קעגנער געהאַט דרך־ארץ, און דער צונויפ־פאָר האָט זיך געפילט דערשלאָגן פון זיין דעמאָנסטראַציע. די איבריקע דעבאַטן זענען שוין צוגעגאַנגען רואיקער. וועגן דער אמונה אין משיח׳ן האָט אַ קאָמיסיע פונם צונויפפאָר אויסגעאַרבעט אַזאַ רעזאָלוציע: „די משיח־אידעע דאַרף געאַכ־טעט ווערן אין די תפלות, אָבער בתנאַי פון דער אידעע זאָל אויסגעטיילט ווערן יעדע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע פאָרשטעלונג". דער רוב רעדנער (איינהאָרן, גאָלד־היים, שטיין, הערצפעלד און אַנדערע) האָט געפאָדערט קלאָרערע רייד: ערשטענס זאָל אויסגעשלאָסן ווערן יעדער געדאַנק, אַז יידן זאָלן ווען עס איז אויפגעריכט ווערן אין פאַלעסטינע, ס׳זאָל בכלל אויסגעשלאָסן ווערן יעדער נאַציאָנאַל־פּאָלי־טישער מאָמענט, צווייטנס זאָל די משיח־אידעע ווערן אַן אַבסטראַקטער געדאַנק: יידן האָבן אַ רעליגיעזע שליחות (מיסיע) אַ מאָל און היינט צו לערנען די וועלט ריינעם מאָנאָטעאיזם. דער צונויפפאָר האָט אָנגענומען אַזאַ רעזאָלוציע: „די משיח־אידעע (אין ריין־גייסטיקן זין) דאַרף שטאַרק געאַכט ווערן אין תפלות, בתנאַי אָבער, פון אונזערע תפלות זאָל אויסגעשלאָסן ווערן דאָס געבעט, גאָט זאָל אונז אומקערן אין לאַנד פון אונזערע אבות און זאָל אויפשטעלן „מלכות יהודה". נאָכדעם האָט דער צונויפפאָר באַהאַנדלט קלענערע פראַגן פון יידישן

דאַוונען; ווען ס'איז געקומען צו דער וויכטיקסטער פראַגע וועגן די דינים פון שבת, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער צונויפפאָר איז נאָך נישט צוגעגרייט צו באַהאַנדלען די פראַגע און מ'האָט זי אָפּגעלייגט אויפן קומענדיקן צונויפפאָר.

דער דריטער ראַבינער צונויפקום איז פאָרגעקומען איבעראַיאָר אין ברעסלוי (13—20 יולי 1846), נאָך דעם פריערדיקן קריגערישן ברען. גייגער האָט געלייענט אַ רעפעראַט וועגן שבת-דינים: מ'זאָל מתיר מאַכן אַזוינע אַרבעטן, וואָס מ'דאַרף זיי פאַר אייגענער באַקוועמלעכקייט, אָדער פאַר געזעלשאַפטלעכע נוצן. אין די דעבאַטן האָבן אייניקע געפּרוּווט געפינען אַ סמך פאַר אַזאַ רעפאָרם אין תלמוד, בכלל האָט מען זיך פאַרהאַלטן זייער פאָרזיכטיק אַקעגן שבת. פּרינציפּיעל האָט מען די פראַגע געלאָזט אָפן, אויב נישט צו רעדן, וואָס אין דער רעזאָלוציע האָט מען אָנגעמערקט גרינגער צו מאַכן אייניקע פרטים. דערפאַר האָט מען זיך שוין אַרויסגעוויזן שטאַרק מיט די „צווייטע טעג" יום-טוב: די דאָזיקע צווייטע טעג, וואָס מ'האָט זיי איינגעפירט ערשט אין גלות, האָט מען איצט אָפּגעשאַפט. די איבעריקע פראַגן, וואָס דער ברעסלער צונויפפאָר האָט נישט פאַרענטפערט, האָט מען אָפּגעלייגט אויפן קינפטיקן צונויפפאָר אין מאַנהיים, אָבער יענעם צונויפפאָר איז שוין נישט באַשערט געווען פאָרצוקומען: דער דריטער ראַבינער-צונויפפאָר איז געווען דער לעצטער פאַר דער רעוואָלוציע.

אין די ראַבינער-צונויפפאָרן האָט מען זיך געפּילט אָפּגענאַרט. ערשטנס האָט מען אָנגעוואוירן די האָפענונג, אַז אַלע פּראָגרעסיווע ראַבינער זאָלן מושוה ווערן: פון דער קאָלעקטיווער אָרגאַניזאַציע זענען צוועקגעגאַנגען די מעסיקע רעפאָרמיסטן פון פראַנקלס חדר. צווייטנס האָבן די ראַדיקאַלן שוין נישט געוואָלט מער וואַרטן; זיי האָבן געזען, אַז די רעזאָלוציעס בלייבן נישט מער ווי אויפן פּאַפּיר, די אויפטוערס גופא איילן זיך נישט זיי דורכפירן (גייגער האָט אין ברעסלער קהלה ווייניק וואָס אויפגעטון נייעס), האָבן זיי זיך געהאַלטן פריי צו טון. די יידישע געזעלשאַפט האָט אָנגעוואוירן די האָפענונג, אַז דער קאָלעקטיווער ראַבינער זאָל דורכפירן די רעפאָרם, האָט זי געהאַלטן, אַז זי דאַרף דאָס אַליין פּרוּוון טון. אַזאַ מין ערנסטע פּראָבע איז געמאַכט געוואָרן אין בערלין.

אין בערלין איז די סינאַגאָגאַלע רעפאָרם פאַר פינף און צוואַנציק יאָרן דערשטיקט געוואָרן גאָר אין אָנהויב; איצט האָט מען זיך ווייטער גענומען דערצו. דער נייער קעניג פרידריך ווילהעלם IV האָט אויסגעמעקט פון זיינע מלוכה-פּליכטן די זאָרג, וואָס זיין פאָטער האָט געטראָגן, אַז יידן זאָלן זאָגן אין די שולן די אַלטע תפלות אומגעענדערט און מיטן אַלטן ניגון; דאָס האָט אויפגעמונטערט די רעפאָרמיסטן אָנהויב די 40-ער יאָרן. די רבנישע קאָלעגיע אין בערלין האָט זיך געהאַלטן אין אַ זייט פון דער נייער באַוועגונג. דער איינציקער גליד אירער, וואָס האָט פאַרמאָגט הויך-בילדונג, מיכאַל זאַקס, אַ באַגאַבטער דרשן (ער איז געקומען קיין בערלין פון פּראָג דאָס יאָר 1844), איז געווען נאָענט

צו דער נייער אָרטאָדאָקסיע. ער האָט געשעצט די פּאָעזיע פון יידישקייט [1];
אים זענען דערווידער געווען די ראַציאָנאַליסטן, וואָס האָבן געוואָלט איבער־
פירן מיט זייער רעמאָנט די אַרכיטעקטור פון דעם אַלטן סטיל־בנין. בערלינער
רעפאָרמיסטן, הייסט דאָס, האָבן נישט געקאָנט אויסשטעלן אויף רבנים, האָבן
זיי זיך געזאָגט, זיי וועלן זיך באַגיין אָן זיי. סוף יאָר 1844 האָט ש. שטערן
אַ רעפאָרמיסט דורכגעלייענטאין בערלין אַ סעריע לעקציעס „וואָס שטייט פיר
דעם היינטוועלטיקן יודאַאיזם”; דער גרונד־געדאַנק איז געווען, אַז רעליגיע מוז
זיך צופּאַסן צום לעבן, דעם מאָדערניזירטן יידישקייט שטייט פיר אַ שיינע צו־
קונפט. די דאָזיקע לעקציעס האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין די העכערע
יידישע קרייזן; פרילינג דאָס יאָר 1845 איז געוואָרן אַ „געזעלשאַפט פאַר אַ
רעפאָרם אין יידנטום”.

די פירער פון דער געזעלשאַפט (שטערן, רובנשטיין און סימיאָן) האָבן
אַרויסגעלאָזט אַן „אויפרוף צו דייטשע ברידער לויט דער רעליגיע”; דאָ הערט
זיך אַ וויי־געשריי פון דער צעצווייטער „ייִדיש־דייטשער” נשמה. „אונזער אינע־
ווייניקסטע רעליגיע, דאָס גלויבן פון אונזער האַרצן, שטימטמער נישט מיט דער
אויסערלעכער פאָרם פון יידישקייט. מיר האַלטן זיך שטאַרק פאַר דעם גייסט
פון דער ביבל, וואָס אין דעם זעען מיר אַ סימן, אַז גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט צו
אונזערע עלטערן און אויפגעקלערט זייער גייסט. מיר זענען איבערצייגט, אַז
די לערע פון יודאַאיזם איז אַן איבריקער אמת, מיר זענען זיכער, אַז מיט דער
צייט וועט זיך דער גאַרער מענטשן־כלל ווענדן צו איר, אַזוי ווי אונז איז צוגעזאָגט.
מיר ווילן אָבער באַנעמען די ביבל אין איר געטלעכן גייסט. מיר ווילן מער נישט
מקריב זיין אונזער געטלעכע פרייהייט צו זיין קנעכט ביי טויטע אותיות. מיר
קאָנען מער נישט ערלעך בעטן, משיח זאָל אונז ברענגען אַ מלוכה אויף דער
וועלט, ער זאָל אונז אַרויספירן פון דעם פאָטערלאַנד, וואָס צו דעם זענען
מיר צוגעבונדן מיט ליבשאַפט, אַזוי ווי מ׳פירט אַרויס פון אַ פרעמד לאַנד אין
לאַנד אַריין פון די אבות. מיר קאָנען מער נישט האַלטן קיין מצוות, וואָס אונ
זער גייסט איז שוין נישט מיט זיי; מיר קאָנען זיך מער נישט האַלטן ביי אַ שולחן
ערוך, וואָס האָט צוגעבונדן דעם צוועק און דעם וועג פון יידישקייט צו פאַר־
עלטערטע געבאָטן, וואָס האָבן געהאַט אַ פאַרענטפערונג אין לאַנג פאַרגאַנגענע
לעבנס־אומשטאַנדן. מיר האָבן אין האַרצן דעם הײליקן עיקר פון אונזער רע־
ליגיע, מיר קאָנען זי אָבער נישט דערהאַלטן אַזוי, ווי זי איז אונז געקומען
בירושה, ווער שמועסט שוין פון אונזערע נאָכדורות. שטייען מיר צווישן די
קברים פון אונזערע פאָטערס, און די וועגן פון אונזערע קינדער און הערן ווי

1) ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ בוך Die religiöse Poesie des Juden in Spanien (1845)
און אַנד. ווערק; ער האָט מיט טאַלענט איבערגעגעבן אויף דייטש די קלאַנגען פון דער יידישער
רעליגיעזער פּאָעזיע.

פון אַ דונער געטראָפן די שטים פון צייט; זי הייסט אונז, מיר דער לעצטער
דור פונם אַלטן יידישקייט, זאָלן די ערשטע פאַרלייגן אַ פונדאַמענט פאַר אַ נייעם
בנין פאַר אונז און פאַר אונזערע נאָכדורות". אין דעם דאָזיקן האַסטיקן אויפרוף
הערט זיך אַן אל מלא רחמים אויפן אַלטן יידישקייט: דאָס אַלטע יידישקייט
מיט אַלע זיינע היסטאָרישע אָנוואַקסן האָט באמת נישט געקאָנט צופרידנשטעלן
אַ הייננטוועלטיקן מענטשן; אָבער די רעפאָרמיסטן האָבן דאָ אויסגעמישט דאָס, וואָס
זיי האָבן נישט געקאָנט מיט דעם, וואָס זיי האָבן נישט געוואָלט. אַלס
פריידענקער האָבן זיי נישט געקאָנט מער גלויבן אין אַלטן יידישקייט מיט אַלע
זיינע מצוות און מנהגים, זיי האָבן אָבער נישט געוואָלט אנערקענען דאָס נאַ־
ציאָנאַלע יידישקייט, דאָס האָט זיי אויסגעזען אַ מניעה צו בירגערלעכער גלייכ־
באַרעכטונג . . .

די אַסימילירטע בערלינער אינטעליגענץ האָט געפילט, אַז דער באָדן פונם
היסטאָרישן יידישקייט בלייבט נישט אונטער אירע פיס, מ'קאָן שוין מער נישט
וואַרטן מיט דער רעפאָרם ביז די ראַבינער וועלן דורכקומען צווישען זיך. די
בערלינער „רעפאָרם־געזעלשאַפט" האָט געשיקט אַ דעלעגאַציע צום פראַנקפורטער
ראַבינער־צונויפפאָר, פירגעלייגט, מ'זאָל זיך פאַרייניקן פאַר אַ געמיינזאַמער אַר־
בעט; די פראָגראַם זאָל אויסאַרבעטן אַ ספעציעלער ועד פון ראַבינער און וועלט־
לעכע דעלעגאַטן פון קהלות. דער צונויפפאָר האָט זיי צוגעזאָגט שטיצן; דער
צוזאָג האָט אָבער קיין שום ווערט נישט געהאַט, וואָרום די צוזאָגער גופא האָבן
נישט געקאָנט דורכקומען צווישן זיך וועגן די וויכטיקסטע פראַגן פון דער רע־
פאָרם. האָבן בערלינער פראַקטיקער נישט געוואָלט מער וואַרטן אויף פראַנק־
פורטער טעאָרעטיקער און האָבן זיך גענומען פאַר דער זאַך, נישט אויסגעוואַרט
אויפן געפלאַנטן „ועד". זייער „רעפאָרם־געזעלשאַפט" האָבן זיי איבערגעמאַכט
פאַר אַ „בערלינער רעפאָרמירטער געמיינדע", וואָס זאָל זיך אויסטיילן פון דער
אַלטער קה"ה. אין דער נייער קהלה האָבן זיך פאַרשריבן אַקעגן 2000 גלידער;
ימים־נוראים דאָס יאָר 1845 האָבן זיי שוין געדאַוונט אין אַ דערוויילּיקער רעפאָר־
מירטער סינאַגאָגע. די וועלטלעכע רעפאָרמיסטן האָבן דאָ איינגעפירט מיטאַמאָל;
אַלע רעפאָרמעס, וואָס ראַבינער האָבן יך נאָך געשפאַרט וועגן זיי. די תפלות
האָט מען געזאָגט אויף דייטש, חוץ „שמע ישראל" און נאָך אַ פּאָר שטיקלאַך;
די תורה האָט מען געלייענט אויף לשון־קודש און איבערזעצט אויף דייטש. גע־
דאַווגט האָט מען אָן היטלען „אַזוי ווי אין מערב־לענדער פירט זיך"; דעם חזן
האָט געהאָלפן אַ כאָר פון מענער און פרויען און אַן אָרגעל. אַלע תפלות וועגן
שיבת־ציון האָט מען אַרויסגעוואָרפן; אפילו קינות האָט מען אויסגעשלאָסן, אָנ־
שטאָט דעם האָט מען געדאַנקט און געלויבט גאָט פאַר דער געהויבענער רעלי־
גיעזער שליחות (מיסיע), וואָס יידן איז געגעבן. די משיח־אידעע האָט מען אין
די תפלות געענדערט אַזוי, אַז אַלע פעלקער וועלן ווערן איין מענטשן־פאַמיליע אַזוי
ווי ביי די נביאים שטייט געשריבן. חוץ שבת, האָט מען אייגעפירט אַ גאָטדינסט

זונטאָג אויך; פאַר אַ סך קהלה־גלידער איז שוין זונטאָג געווען דער רו־טאָג. דער דאָזיקער איינפיר האָט איבערגעשראָקן אפילו אַ סך רעפאָרמיסטן אויך, פון די מעטיקע: יאָסט למשל האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ „שפּאָן צו קריסטנטום".

די וויכטיקסטע זאַך אין גאָטדינסט אין דער רעפאָרמירטער סינאַגאָגע איז געוואָרן די דרשה אויף דייטש. די ערשטע צייט פלעגן פרעדיקן פאַרשידענע מענטשן, ראַבינער און וועלטלעכע, היימישע און געסט, (גייגער, שטערן, פיליפסאָן, גאָלדהיים); דאָס יאָר 1847 האָט די רעפאָרמירטע קהלה פאַרבעטן פאַר אַ שטענדיקן פרעדיקער דעם ראַדיקאַל גאָלדהיים; ער האָט זיך צו דעם צוועק איבערגעצויגן פון מעקלענבורג קיין בערלין. גאָלדהיים'ס דרשות האָבן געהאַט אין זיך אַ רייכן אינהאַלט, לויט דער פאָרם נאָך זענען זיי אָבער געווען שלעכט צונויפגעשטעלט: גאָלדהיים, וואָס האָט געשטאַמט פון פוילן, האָט גערעדט שלעכט דייטש. מיכאַל זאַקס, דער דרשן פון דער אַלטער קהלה, האָט געזאָגט אַזאַ גיפטיק וואָרט וועגן זיין קאָנקורענטס מליצה: „דאָס איינציקע ביסל יידישקייט אין גאָלדהיימס דרשות איז די דייטשע שפּראַך זיינע". אַזוי איז דאָס געווען אויך: אין דעם געמיש פון צוויי קולטורן, וואָס די רעפאָרם־בעקער האָבן פאַרקנעט, איז דייטשישקייט געווען שטאַרקער פאַר יידישקייט. די רעליגיעזע רעפאָרם פון דער בערלינער פירמע איז געווען וויית אָפּגעשיידט פון צו ענטפערן אויף דעם האַרצוויי, ס'זאָל אַ שלום ווערן צווישן יידישקייט און היינטוועלטיקייט. יידישקייט איז דאָ געווען פאַרי אָכט ביי צייט־תכליתים, די רעליגיע האָט דאָ געזאָלט דינען דעם צוועק צו פאַרדייטשן יידן און אויספּוצן פאַר זיי גלייכבאַרעכטונג. די הערן, וואָס זענען געשטאַנען „צווישן די קברים פון די אָבות און די וויגן פון די קינדער", האָבן באַוויזן אויסגעצייכנט צו באַגראָבן דאָס אַלטע, זיי האָבן אָבער קנאַפּ געטויגט צו בויען נייס. נאַציאָנאַל האָט מען זיך אַליין דאָס לעבן גענומען: די אויסגעטראַכטע רעפאָרם ווידער, אָן וואָרצלען אין דער געשיכטע, איז געבליבן אַ פאַרזעעניש אָן יעדער לעבנסזאַפט.

§ 13. די ליטעראַרישע אויפלעבונג, די „יידישע וויסנשאַפט".

אין איין פּרט האָט די רעפאָרמאַציע געוויס אויפגעטון: ס'איז וואַך געוואָרן דער גייסט פון פרייער פאָרשונג; די דאָזיקע פרייע פאָרשונג האָט געבראַכט וויכטיקערע רעזולטאַטן, איידער די רעפאָרמאַציע גופא. מ'האָט באַדאַרפט דערגיין די היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון יידישקייט און פאָרשן יידישע געשיכטע. מ'האָט באַדאַרפט זיך אַליין דערקענען; דאָס איז געוואָרן אַ מוז פאַר די בעסטע גייסטער יענע צייט, וואָס האָבן געוואָלט אויסשטימען יידישע קולטור מיט אייראָפּעאישער. אַזוי אַרום איז אויפגעקומען אין דייטשלאַנד די וויסנשאַפטלעך־ליטעראַרישע באַוועגונג, וואָס האָט פאַרמאָגט אַלע סימנים פון רענעסאַנס. נאָך דער

פאַרגליווערטער רבנישער לומדות, נאָך דער ליטעראַרישער פוסטקייט די צייט פון דער „ערשטער עמאַנסיפּאַציע" באַווייזן זיך איצט נאָכאַנאַנד שרייבער מיט אייראָפּעאיש וויסן און זיי נעמען פלייסיק באַאַרבעטן די יידישע גייסטיקע ירושה, כאָטש זיי שרייבן שוין אויף דייטש, נישט אויף העברעאיש. דאָ חזר׳ט זיך איבער אין אַנדער געשטאַלט דאָס, וואָס מיר האָבן צוגעזען בעת דעם אַראַביש־יידישן רענעסאַנס די צייט פון יהודה הלוי, איבן־דוד און רמב״ם, ווען די פאָרשונג פון יידישקייט ווערט אין געוויסע קרייזן אַ וועלט־פּראָבלעם. ס׳קומט אויף אַ „וויסנשאַפט פון יידישקייט"; מיט דער צייט זאָל דאָס ווערן אַ גרעסערע וויסנשאַפט פון יידנטום.

די ליטעראַרישע אויפלעבונג הויבט זיך אָן דיזעלבע צייט, וואָס די ערשטע רעליגיעזע רעפאָרם־פּראָבע. בעת אין בערלין האָבן געזעצטע מענטשן פון יאַקאָבסאָנס חדר צוגעקלערט אַ נייע סינאַגאָגאַלע דעקאָראַציע, האָט זיך דאָ אין שטאָט געפונען אַ גרופּע יונגעלייט, וואָס האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ גרויסן פּלאַן באַנייען די יידישע קולטור. איין פינסטערן האַרבסט־אָוונט דאָס פּאָגראָם־יאָר (1819), אין אַ צייט פון דער געדיכטסטער דייטשער רעאַקציע, זענען זיך צונויפגעקומען אויף אַ באַראַט דריי יונגעלייט: עדואַרד האַנס (1798—1839), אַ העגעליאַנער, נאָר וואָס פון דער אוניווערסיטעט־באַנק; לעאָפּאָלד צונץ (1794—1886), אַ יידישער לערער, פלעגט אַמאָל דרשנען אין די רעפאָרמירטע מנינים ביי יאַקאָבסאָן און ביי בערען; און מאָזעס מאָזער (1796—1838) אַ פּריוואַטפילאָזאָף אַ העגעליאַנער. מ׳האָט גערעדט וועגן קעמפן קעגן דער רעאַקציע, וואָס וויל אָפּוואַרפן יידן צוריק צו מיטלאַלטער; דערנאָך איז מען אַריבער צו׳ן אַן אַנדער פראַגע: ווי אַזוי לעבט מען אויף דאָס דייטשע יידנטום, וואָס שטאַרבט אָפּ פון ביידע זייטן: פון דער פאַרשטיינערטער אָרטאָדאָקסיע און פון דער שמדאינטעליגענץ; ס׳איז געבליבן מאַכן אַ „פאַריין פאַר קולטור און וויסנשאַפט פון יידן". אין סטאַטוט פינם „פאַריין" געפינען מיר אַזאַ שטעלע וועגן דעם צוועק: „די אומנאָרמאַלע פאַרהעלטניש צווישן דעם אינעווייניקסטן צושטאַנד ביי יידן און זייער אויסערלעכער לאַגע צווישן אַנדערע פעלקער, פאָדערט אומבאַדינגט, ס׳זאָל אומגעענדערט ווערן די גאַנצע סיסטעם יידישע דערציאונג און לעבנסשטייגער. די געבילדעטערע דאַרפן דאָס זען אויפטון. צו דעם צוועק ווערט אַ פאַריין פון פערזאָנען, וואָס פילן, אַז זיי קאָנען און דאַרפן דורך אינעווייניקסטע רעפאָרמעס אויסגלייכן יידן מיט דער צייט און מיט די מלוכות, וואו זיי וואוינען". צו די דריי זענען צוגעשטאַנען נאָך אייניקע יונגע טוער, אויפגעצויגן אין די דייטשע אוניווערסיטעטן: דער אָריענטאַליסט לודוויג מאַרקוס, דער פּעדאַגאָג און פּרעדיקער עמנואל וואָלוויל, שפּעטער איז צוגעשטאַנען דער 22־יאָריקער היינריך היינע ערב זיין פּאָטישן רום. תחלת האָבן זיך די גרינדער געשטעלט גרויסע פּראַקטישע פּלענער: גרינדן אַ „וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט" פאַר סיסטעמאַטישע לעקציעס וועגן יידישער געשיכטע, אַרויסגעבן אַ ספּעציעלן זשורנאַל

פאַר יידישע וויסנשאַפט, גרינדן שולן און סעמינאַריעס, שטיצן ליטעראַטור און אפילו פאַרשפּרייטן מלאכה און ערד־אַרבעט ביי יידן. פון די גרויסע פּלענער האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז מ׳האָט געמאַכט עטלעכע אָנהויב־שולן פאַר אָרעמע קינדער, עטלעכע וויסנשאַפטלעכע לעקציעס און מ׳האָט אַרויסגעלאָזט עטלעכע העפטן פון אַ וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל. דער זשורנאַל „צייטשריפט פאַר וויסנשאַפט פונם יידנטום" איז אַרויסגעגאַנגען די יאָרן 1822—1823 מיט צונץ רעדאַקציע; אַ טייל אַרטיקלען זענען דאָרט געווען לעקציעס, וואָס מ׳האָט געהאַט געלייענט פאַר די גלידער פונם פאַריין, אַ טייל זענען געווען געשריבן ספּעציעל פאַרן זשורנאַל. האַנס, דער פאָרזיצער פונם פאַריין, האָט דאָרטן געדרוקט זיינע לעקציעס וועגן דער געשיכטע פון רוימישע געזעצן פאַר יידן; צונץ האָט דאָרט אַנטפּלעקט די אוצרות פון יידישער ליטעראַטור אין מיטלאַלטער אין שפּאַניע און אין פראַנקרייך; מאָזער האָט אויסגעטייטשט די פּרינציפּן פון יידישער געשיכטע לויט העגעלס סיסטעם. ס׳האָבן געשריבן די אַלטע ד. פרידלענדער און ל. בענדאַוויד אויך: דער ערשטער האָט געלויבט דייטשע לערנביכער וועגן יידישער געשיכטע און עטיק; דער אַנדערער האָט געדרונגען, אַז די משיח־אידעע איז איבעריק איצט, בעת „גוטהאַרציקע מאָנאַרכן גיבן יידן גלייכע רעכט מיט אַנדערע בירגער". מאָדנע האָבן געקלונגען די רייד פון די צוויי אָפּגעלעבטע טוער די יאָרן פון דער אַנטיסעמיטישער רעאַקציע אין פּרייסן, דערהויפּט אינעם זשורנאַל פון „יונגע", וואָס האָבן געוואָלט קעמפן סיי קעגן דער רעאַקציע, סיי קעגן דער אונטערטעניקייט פון די אַלטע „השכלה־טוער".

אָבער די יונגע פירער פונם פאַריין האָבן אויך נישט געהאַט קיין קלאָרן באַגריף, וואָס איז דער וועג צו זייער צוועק. מיט קעפּ, פאַרטומלט מיט העגעל׳ס פילאָזאָפיע, זענען זיי צוגעטרעטן צו סינטעזירן יידישקייט מיט אייראָפּעאישקייט, און אַליין איז זיי, חוץ צונצן, פרעמד געווען דאָס פאָלקס־לעבן; פונם פאָלק האָט זיי די דערציאונג אָפּגעריסן. האַנס, דער פאָרזיצער פונם פאַריין, האָט געפירט אין די יאָרבאַריכטן אַ נעפּלדיקע חקירה אויף העגעלס שטייגער: „יידן קאָנען נישט פאַרשווינדן, ס׳קאָן נישט פאַרשווינדן דער יודאַאיזם אויך, אָבער אין דעם גרויסן שטראָם פונם גאַנצן סכום דאַרף דאָס יידנטום אויסזען כמו ווי פאַרשווינדן, באמת אָבער בלייבט דאָס לעבן אַזוי ווי אַ טייך אין ים". ווען פון די דאָזיקע הויכע הימלען האָט מען זיך געמוזט אַראָפּלאָזן אויף דער זינדיקער ערד, האָבן די קולטור־טוער געמוזט שטאַרק אָפּהענדיק ווערן. זיי האָבן צוגעזען, ווי דאָס יידישע לעבן אין דייטשלאַנד ווערט אינעווייניק חרוב, זיי האָבן צוגעזען „אַ פאַלשע בילדונג, וואָס פאַראַכט דאָס איצטיקע און פאַרמאָגט נישט אָנצופילן די פּוסטע חקירה מיט אַ נייעם איינהאַלט" (האַנס אַ וואָרט אינעם באַריכט פאַר דאָס יאָר 1823); זיי האָבן צוגעזען ווי קאַלט מ׳איז צו די צוועקן און צו דער אַרבעט פונם פאַריין, און ער בלייבט ביי זיינע געציילטע גלידער. איבער דער דאָזיקער קאַלטקייט איז דער פאַריין צעפאַלן געוואָרן, דעם זשורנאַל האָט מען געמוזט

פֿאַרמאַכן (1824), און די טויער פֿונם פֿאַריין האָבן אָנגעוואָרן יעדע האָפֿנונג דאָס יידנטום זאָל אויפֿלעבן. ס'איז באַשערט געווען, דער טרויעריקער סוף פֿונם פֿאַריין זאָל נאָך מער פֿאַרפֿינסטערט ווערן, האָט זיך דער פֿאָרזיצער האַנס געשמד'ט. אַ צייט לאַנג האָט ער זיך געראַנגלט צו באַקומען אַ קאַטעדער אין בערלינער אוניווערסיטעט, איצט איז אים די טויך-וואַסער בייגעשטאַנען (1825). דאָס האָט געטון אַ פֿירער פֿון אַ אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אגב געהאַט דעם צוועק צו קעמפֿן קעגן שמד! הײַנע, וואָס האָט באַלד נאָכגעטון האַנס'ן, האָט דאָס אים שפּעטער זייער שאַרף פֿאָרגעהאַלטן: „ס'איז אַ כּלל, אַז אַ קאַפּיטאַן פֿאַרלאָזט דער לעצטער אַ שיף, וואָס גייט אונטער, האַנס אָבער האָט זיך געראַטעוועט דער ערשטער". האַנס האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוואַשן פֿון דער זינד קעגן יידנטום נישט מיט זיינע פֿאַרדינסטן אַקעגן דער דייטשער וויסנשאַפֿט, נישט מיט זיין קאַמף קעגן די „קנעכט פֿון אַלט-רוימישן רעכט", קעגן דער „היסטאָרישער שול" (סאַוויניאי), וואָס האָט באַגייסטערט די טויער פֿון אַ „קריסטלעך-דייטשער" מלוכה („זעט נאָר, ווי הער פֿאָן-סאַוויניאי'ס נישטיקע נשמה וואַרפֿט זיך אונטער האַנס וויל"—האָט הײַנע דערויף געזאָגט). האַנס אָפּטריניקייט איז געווען אַ שאַנד-פֿלעק פֿאַר אַ דור, וואָס זיינע בעסטע טויער האָבן נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון און האָבן זיך אָפּגעקערט פֿונם פֿאָלק.

דער דורכפֿאַל פֿונם „קולטור-פֿאַריין" האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף צונץ'ן, אויף דעם מאַן צווישן די פֿירער פֿונם פֿאַריין, וואָס אים איז שפּעטער באַשערט געווען צו ווערן דער פֿאָטער פֿון יידישער וויסנשאַפֿט: אויף אַ שטיק צייט האָט ער אָנגעוואוירן דאָס גייסטיקע גלייכגעוויכט. דאָס קריזיס-יאָר הערן מיר פֿון אים אַזוינע פֿאַרצווייפֿלטע רייד: „דאָס יידנטום, וואָס מיר האָבן געוואָלט רעפֿאָרמירן, איז צעריסן; איצט שטייט דאָס איין אין די הענט ביי די פּראָס, נאַרן, חלפֿנים, אידיאָטן און פּרנסים. נישט איין יאָר וועט נאָך אַוועק, און דאָס דאָזיקע פֿאָלק וועט נאָך אַלץ זיין צעריסן: איין טייל וועט אַריבער צו דער קריסטלעכער רעליגיע מחמת נויט און אָן איבערצייגונג; דער אַנדערער טייל וועט שמאַכטן אין אַלטן זומפּ, פֿאַרשטויסן אין אייראָפּע, מיט גלעזערנע אויגן פֿאַרגלאָצט צו משיח'ס אייזל. איך גלויב שוין נישט ס'זאָל אַפֿילו מיגלאַך זיין אַ רעפֿאָרמאַציע ביי יידן; אַ שטיין דאַרף מען וואַרפֿן דעם בייזן שאָטן און אים פֿאַרטרייבן".—אָבער אינמיטן דעם דאָזיקן יאוש רייסט זיך אויס ביי צונץ'ן אַזאַ טרייסט-וואָרט: „פֿונם דאָזיקן גאָרן מבול וועט אַרויפֿשווימען נישט מער ווי די וויסנשאַפֿט פֿון יידישקייט, זי לעבט, זי לאָזט זיך נישט פֿאַרניכטן; זיך אָפּגעבן מיט דער דאָזיקער וויסנשאַפֿט — דאָס איז מיין טרייסט, מיין שוץ". וואָס מער צונץ האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין יידישע געשיכטע, אַלץ מער איז ער „שלום געוואָרן מיט זיך אַליין". אַן אומגעוויינלעכע פֿעאיקייט אַריינצודרינגען אין די טיפֿעניש פֿון יידישער געשיכטע (דאַמאָלט נאָך אַ ניי פֿעלד) האָט צונץ באַוויזן שוין אין זיינע ערשטע דריי פֿאָרשונגען אינם זשורנאַל פֿונם „קולטור-פֿאַריין".

אין דעם ווערק „רש״ס לעבן״ האָט ער אַנטפּלעקט די תּקופה, ווען ס׳איז געבוירן
געוואָרן די רבנישע ליטעראַטור אין פֿראַנקרייך. אין די „גרונד־שריכן פֿון
יידישער סטאַטיסטיק״ מערקט ער אָן אַ גרויסן פּלאַן פֿאָראַרבעטן פֿאַר יידישער
היסטאָריאָגראַפֿיע. אין דער הקדמה צו׳ן אַן אַנדער אַרטיקל („אַן אויספֿאָרשונג
וועגן נעמען פֿון שפּאַנישע שטעט אין יידישע ספֿרים״) שטעלט ער פֿעסט צום
ערשטן מאָל זיין קוק אויף אַ יידישער געשיכטע: דאָ האָבן מיר קדושים און
ספֿרים, די גאָרע נאַציאָנאַלע ענערגיע לאָזט זיך אַריין אין שאַפֿן ליטעראַריש צו
ווערטן. דער דאָזיקער קוק איז געוויס איינזייטיק, ער איגנאָרירט גאָר דעם
סאָציאַלן עלעמענט פֿון דער געשיכטע און די ראָלע, וואָס דאָס יידישע אויטאָ־
נאָמע לעבן האָט געשפּילט צו דערהאַלטן די יידישע נאַציע, אָבער דאָס איז
דער הויפּטשטריך פֿון דער גאָרער יידישער היסטאָריאָגראַפֿיע ביי מערב־יידן.

צונץ האָט ווייטער געאַרבעט איןביידע פֿאַכן: אין דער געשיכטע פֿון
יידישער ליטעראַטור, און אין דער געשיכטע פֿון יידישן מערטירערטום, וואָס
איז פֿאַרבונדן מיט דער רעליגיעזער אַנטוויקלונג פֿון יידישקייט. דאָס יאָר 1832
האָט צונץ פֿאַרעפֿנטלעכט זיין ערשט גרויס ווערק Gottesdienstliche Vorträge der
Juden אַ שאַרפֿער אַנאַליז פֿון אגדה, תּרגום און מדרש מיט דער געשיכטע פֿון
יידישער גאָטדינסט פֿון עזרה׳ס צייטן ביז סוף מיטלאַלטער. דער נאָמען פּאַסט
נישט פֿאַרן אינהאַלט, און דאָס נעמט זיך דערפֿון, וואָס דער מחבר האָט דאָ
געהאַט אין אויג דעם פֿאַרבאָט פֿון דער פּרייסישער רעגירונג צו דרש־ענען אין
די שולן אויף דייטש; ער האָט געוואָלט באַווייזן דער רעגירונג, אַז יידן האָבן
אַלע צייטן גענוצט אין דער סינאַגאָגע די לאַנדשפּראַך. די פּרייסישע רעגירער
האָט ער נישט איבערגערעדט, אָבער פֿאַר דער וויסנשאַפֿט איז דאָס געווען
אַ גרויסער אויפֿטו, ער האָט אויפֿגעקלערט די אומקלאָרסטע תּקופה אין יידיש־
קייט. צונץ׳ס צווייט בוך „וועגן נעמען ביי יידן״ (1837) האָבן מיר אויך צו
פֿאַרדאַנקען אַ פּאָליטישער טענדענץ: יענע צייט האָט די רעגירונג פֿאַרווערט יידן
זיך רופֿן ביי „קריסטלעכע״ נעמען, צונץ האָט געוואָלט באַווייזן דער רעגירונג,
אַז יידן האָבן זיך אין דער אַלטער צייט און אין מיטלאַלטער שטענדיק גערופֿן
ביי גריכישע, רוימישע, אַראַבישע, שפּאַנישע, גאַלישע און גערמאַנישע נעמען,
מעגן זיי איצט דאָס טון אין פּרייסן אויך; פּרייסישע רעגירער האָבן נישט וואָס
איבערצוטראַכטן, אַז דאָ איז אָנגערירט די טראַדיציע, וואָס זי איז זיי אַזוי צום
האַרצן. בערלינער יידן זענען געווען אַנטציקט פֿונם אויפֿטו און זיי האָבן גע־
שענקט אַ געלט־מתּנה דעם אָרעמען מחבר, וואָס פֿלעגט זיך נערן פֿון לערעריי
אין אַ שול. צונץ׳ס אויספֿאָרשונג האָט געהאַט אַ פּעולה, זי האָט מיטגעהאָלפֿן, די
רעגירונג זאָל אָפּשאַפֿן דעם באַפֿעל וועגן „קריסטלעכע״ נעמען (§ 4). אין רעכטן
ברען פֿון דער רעפֿאָרמיסטישער באַוועגונג איז אַרויס צונץ׳ס אַ גרויס ווערק
וועגן דער געשיכטע פֿון מיטלאַלטערישער רבנישער ליטעראַטור אין אייראָפּע
(Zur Geschichte und Literatur 1845) עפּיס ווי מיט אַ באַהאַלטענעם מיין

אַנטפּלעקן די אוצרות פון דער רבנישער יידישקייט אין מאָראַל, און אין רעליגיעזער פילאָזאָפיע פאַר די, וואָס האָבן געוואוסט נישט מער ווי צו לעסטערן יידישקייט. צונץ'ס ווייטערדיקע אַרבעטן נאָכן יאָר 1848 געהערן שוין צום צווייטן עלעמענט יידישער געשיכטע, צום יידישן מערטירערטום. אין דריי וויסנשאַפטלעכע ווערק וועגן דער סינאַגאָגאַלער פּאָעזיע אין מיטלאַלטער 1) האָט צונץ באַאַרבעט די געשיכטע און פיוט; מיט אַ בעזונדער ליבשאַפט האָט צונץ באַאַרבעט די פּאָעזיע פון קדושים, די האַרצרייסנדיקע קינות און סליחות, וואָס מ'האָט מתקן געווען די יאָרן פון גרויסע פאָלקס-אומגליקן. דער היסטאָריקער זאָגט וועגן דעם מיט גרויס התלהבות: „אויב ליידן האָט שטאַפּלען, האָט דאָס פאָלק ישראל דערלאַנגט דעם העכסטן שפּיץ. אויב מ'ווערט איידעלער, וואָס מער מ'ליידט און וואָס שטאַרקער מ'טראָגט דאָס איבער, איז דאָס פאָלק ישראל די איידעלסטע נאַציע אין דער וועלט. אויב רייך הייסט אַ ליטעראַטור, וואָס האָט אונז געגעבן עטלעכע האַרצרייסנדיקע טראַגעדיעס, איז וואָס זשע איז שוין צו זאָגן פון אַ טראַגעדיע, וואָס דויערט שוין 15 הונדערט יאָר, אַ טראַגעדיע, וואו די העלדן גופא זענען די שוישפּילער און זיי שפּילן די טראַגעדיע פאַר אַלע פעלקער דורות לאַנג!" דאָס טיפע היסטאָרישע געפיל האָט אָפּגעהאַלטן צונץ'ן פון צוצושטיין צו די שאַרפע רעפאָרמיסטן, כאָטש אים איז נאָנט געווען די אידעע פון אַ רעליגיעזער רעפאָרם; פרעמד זענען אים געווען מענטשן, וואָס זענען גרייט געווען אַרויסוואַרפן מיט אַגרינג געמיט דאָס, וואָס דאָס פאָלק האָט הונדערטער יאָר-לאַנג אויסגעווייטאָגט אין האַרצן. דאָס האָט אויך באַוואויגן צונץ'ן, ער זאָל זיך אַקעגנשטעלן די רעפאָרמיסטן די יאָרן, ווען זיי האָבן אַמשטאַרקסטן געשטורמט די זיילן פון יידישקייט; ער זאָל זאָגן גייגערן (1845): „דער געשריי קעגן תלמוד—דאָס איז שוין אַפּאָזיציע פון אַן אַפּטריניקן", „מיר דאַרפן רעפאָרמירן זיך, נישט די רעליגיע; מיר דאַרפן שטרייטן קעגן בייז, נישט קעגן דער געירשעטער הייליקייט".

בעת צונץ האָט אַרומגעהאַקט ריזנשטיינער פאַרן קינפטיקן בנין פון יידישער היסטאָריאָגראַפיע, געגרייט מאַטעריאַל פאַר קינפטיקע בויער, האָט זיך זיין שול-חבר איזאַק-מאַרקוס יאָסט (1793—1860) איינגעשטעלט נעמען בויען דעם בנין גופא פון די נישט באַאַרבעטע מאַטעריאַלן, וואָס זענען דעמאָלט געווען צוהאַנט (יאָסט איז געווען אַ לערער אין בערלין, דערנאָך אין פראַנקפורטער „פילאַנטראָפין"). די יאָרן 1820—1829 האָט ער שוין ב ווי ן אַרויסצולאָזן 9 בענד „געשיכטע דער איזראַעליטן פון די חשמונאים ביז או ערע טעג", אַ גרויס ווערק, וואָס איז אָבער נ"ל"ז מער ווי אַ פּראָגמאַטישע כראָניק. יאָסט האָט געשריבן די אַלגעמיינע געשיכטע פון יידן, גענוצט דערביי אַלטע קוועלן, וואָס

1) Die synagogale Poesie im Mittelalter (1855); Kitus des synagogalen Gottescienstes; (1858), Literaturgeschichte der synagogalen Poesie (1865).

א סך פעלט אין זיי און קריטיש זענען זיי נישט קאָנטראָלירט, ער גופא האָט נישט פאַרמאָגט דאָס נויטיקע קריטישע געפיל. באַאיינפלוסט פון די אידעען פון זיין צייט, אַ מעסיקער אַסימילאַטאָר, אַ מעסיקער רעפאָרמיסט, אַ מיטלמעסיקער פובליציסט און אַפּאָלאָגעט (ער האָט פּאָלעמיזירט מיט שטרעקפוסן און מיט אַנדערע יידנפיינט) — האָט ער די אַלע אידעען אַריינגעלייגט אין זיינע היסטאָרישע ווערק. אַלס אַ לאָיאַלער אונטערטאַן זענען אים דערווידער די „בריונים" אין יהודה, וואָס האָבן געשטריטן קעגן רוים, און ער ווייזט, אַז רוב פאָלק האָט נישט געהאַלטן מיט די דאָזיקע „מורדים". ער איז אומצופרידן, וואָס דאָס יידנטום האָט זיך אָפּגעזונדערט די צייט פון תלמוד — אַזוי ווי ס'פּאַסט צו זאָגן פאַר אַ ראַציאָנאַליסט, וואָס אַנאַליזירט נישט די סבות: דעם שטרייט פונם פאָלק פאַר זיין קיום. אגדה און מדרש, דער אוצר פונם פאָלקס וועלטבאַנעמען, איז אין זיינע אויגן נישט מער ווי פּוסטע בבא-מעשיות. רדיפות אויף יידן און יידישע פיין באַמיט ער זיך ווי ווייט מיגלאַך ווייכער מאַכן, פאַר יעדער פאַרגרינגערן די לאַגע לויבט ער און רימט די „קלוגע און לייטזעליקע מאָנאַרכן". בכלל איז זיין „געשיכטע פון די איזראַעליטן" אָנגעזאַפּט מיט אַ הכנעה-גייסט פון אַ פראַנקפורטער איזראַעליטישן בירגער. די „געשיכטע" איז אין איר צייט אַ סך געלייענט געוואָרן פון יידן און קריסטן, אָבער נאָך צונץ'ס, גייגער'ס, פראַנקל'ס פאָרשונגען און אַנדערע, האָט זי אָנגעוואָרן איר ווערט. יאָסט גופא האָט שפּעטער ריכטיק געזאָגט אויף זיין ווערק, אַז „ער האָט געמאַכט געצעלטן אין אַ מדבר", ווען אַרום איז געווען פּוסט און וויסט. זיינע לעצטע יאָרן האָט ער אַרויסגעגעבן „די געשיכטע פון יידנטום און יידישע סעקטעס" (דריי בענד 1837—1859). דאָס איז שוין אַ רייפערע אַרבעט, אָבער דאָך שטייט זי אונטער די פאָדערונגען פון אַ צייט, ווען ס'האָט זיך שוין באַוויזן אַזאַ היסטאָריקער ווי גרעץ. יאָסט'ס ווערק „די נייעסטע געשיכטע פון יידן פון 1815 ביז 1845" (דריי טייל 1846—1847) האָט נאָך אַ ווערט אַלס היסטאָרישער מאַטעריאַל. יאָסט דערציילט דאָ ווי אַ געטרייער כראָניקער געשעעניש, וואָס ער אַליין האָט זיי דורכגעמאַכט, באַאַרבעט מער פּובליציסטיש איידער היסטאָריש.

אברהם גייגער איז געווען באַרופן צו'ן אַ וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, אָבער דער רעפאָרמיסטישער שטרייט האָט אים געשטערט. נאָך דער דיסערטאַציע „וואָס האָט מחמד גענומען פון יידישקייט" און נאָך זיינע שטרייט-אַרטיקלען פון דער רעפאָרם וועגן, האָט ער די 30-ער און 40-ער יאָרן באַוויזן אָנצושרייבן סך-הכל אייניקע היסטאָרישע סקיצן,1) און אַ האַנטבוך צו שטודירן די שפּראַך פון משנה (1845). גייגער'ס גרויסע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן געהערן שוין צו דער תקופה, וואָס נאָך 1848, ווען דער רעפאָרמיסטישער ברען האָט

1) אַרויסגעגעבן דאָס יאָר 1840 אין אַ זאַמלבוך „מלא חפנים" אויף העברעיש און דייטש. דאָ איז פאַראַן אַ גרעסערע זאַך — י. ש. דעלמעדיגאָ'ס ביאָגראַפיע.

זיך אָפּגעקילט אין דער פּאַרטייִשטרייטער האָט זיך גענומען פאַר וויסנשאַפט (זע ווייטער, § 36). דאָס אייגענע זעען מיר צו מיט זכריה פראַנקל׳ס ליטעראַרישער קאַריער, אויך גייגער׳ס קעגנער. די ערשטע צייט איז זיין וויסנשאַפטלעכע אַרבעט געווען געבונדען מיט דעם שטרייט פאַר עמאַנסיפּאַציע אָדער פאַר רעפאָרמאַציע. זיין ערשטע אַרבעט „וועגן דער יידישער שבועה" (Die Eidesleistung der Juden 1839), איז אויסגעפאַלן די צייט, ווען יידן אין זאַקסן האָבן געשטרייט, מ׳זאָל אָפּשאַפן די באַליידיקדיקע שבועה, וואָס מ׳פלעגט זיי געבן. באַלד דערויף האָט זיך פראַנקל גענומען פאַר זיין וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג וועגן דער „סעפּטואַגינטע", וואָס דאָס זאָל זיין געבונדן מיט דער געשיכטע פון יידיש-גריכישער קולטור. ער האָט אָבער נאָך נישט באַוויזן צו פאַרעפנטלעכן אַ טייל אַרבעט (Vorstudien zu der Septuaginta), אַז די רעפאָר-מיסטישע באַוועגונג האָט אים אָפּגעריסן פון דער אַרבעט: ער איז געבליבן שטעקן צווישן צוויי פייערן, צווישן אָ"טאָדאָקסן און ראַדיקאַלן. די יאָרן 1844—1846 גיט ער אַרויס אַ ספּעציעלן זשורנאַל פאַר יידישע רעליגיעזע אינטערעסן, דאָרט באַווייזט ער זיין פּאָזיטיוו-היסטאָרישן קוק אויף דער רעפאָרם. פאַר וויסנשאַפט-לעכער אַרבעט האָט ער זיך ווידער גענומען ערשט נאָכן יאָר 1848.

סאַלאָמאָן לודוויג שטיינהיים (1789—1866), אַ האַמבור-גער דאָקטאָר, האָט גענומען ווידער אויפלעבן די רעליגיעזע פילאָזאָפיע (זיין בוך: Die offenbarung nach dem Lehrbegriff der Synagoge; דער ערשטער באַנד איז אַרויס דאָס יאָר 1835, די איבעריקע זענען אַרויס אין די יאָרן 1856 און 1865). אַזוי ווי יהודה הלוי אַמאָל, אַזוי שטעלט אויך שטיינהיים אוועק דעם היסטאָריזם קעגן ראַציאָנאַליזם: אין דער אויסערגעוויינטלע-כער געשיכטע פונם יידישן פאָלק איז געגעבן אַ באַווייז, אַז דאָס פאָלק האָט אַ שליחות; די דאָזיקע שליחות האָט דאָס פאָלק אָפּגעטון אין דער געצנ-דינערישער וועלט, אַזאַ שליחות האָט דאָס נאָך אין דער קריסטלעכער וועלט. אָבער אין שטיינהיים׳ס לערע, איז נישטאָ די נשמה-גאַנצקייט און דאָס טיפע גלויבן, וואָס מיר זעען ביי יהודה הלוי׳ן. אינם פּאַטאָס פון יידישער „שליחות" איז נישט שווער צו דערקענען אַ צעריסענע היינטוועלטיקע נשמה, וואָס צווישן קולטורן, די יידישע און די אייראָפּעישע, ציען זי אין פאַרשידענע זייטן. שטיינהיים האָט געבענקט נאָך אַן אינעווייניקסטער גאַנצקייט, וואָס האָט אים געפעלט. דאָס באַווייזט זיך שוין אין זיין לירישן יוגנט-ווערק: „לידער פון עובדיה בן עמוס פון דעם גלות" (1829):[1] „אָ, אייביק פאָלק פונם ברית, — אַ מחנה אָן אַ שיעור, וואָס איז צעזייט צווישן פעלקער! דו ביזט דער כהן און דער קרבן, גאָטס בלוטיקער עדות". אָבער דער „כהן" איז אין אַ גרויסער געפאַר: „איך האָב נישט קיין מורא פאַר צייטן פון גרויסע פאָלקסאומגליקן,

1) Gesänge aus der Verbannung, 1829 דעם אויטאָרס פּסעוודאָנים האָט מען אויפגעקלערט ערשט שפּעטער.

וואָרום די וואָסליידן צוזאַמען, האַלטן זיך צוזאַמען אַזוי יוו אָקסן אונטערן
יאָך. איך האָב אויך קיין מורא נישט פאַר צייטן פון פרייהייט פאַר אַלע.
געפערלעך זענען נאָר די צייטן, ווען דער יאָך ווערט נאָר שוואַכער, ער ווערט
אָבער נישט אויס, ווען פרייהייט איז נאָנט, זי איז נאָך אָבער נישטאָ. אַזוינע
צייטן לויבט און ס'פּאַסט אָפּצופּאַלן פונם פאָלקס לעבנסשטייגער; איבער דעם
נוצן פון היינט ווערט מען גלייכגילטיק צו דער אייביקייט". דער פּאָעט שיט
פייער משומדים אויף די קעפּ, די פּלאָג פון יענער צייט: „דער קבר וועט
נישט צונעמען אַ האַנט, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן קעגן פאָטער, וועט נישט
צודעקן לעפצן, וואָס זיי האָבן פאַרשאָלטן די מוטער. אָ, אָפּטריניקער, דיינע
פאַרדאָרבענע קינדער—ווילד פרעמד צו אונז,—ווען וואַרפן שטיינער אין קאָפּ
דיין פאָטער און וועלן אים רייסן די גראָע באָרד! אַ קללה שיקט דיר מיין
פערד". אָבער מיט אַזוינע פייערדיקע אויסגעשרייען האָט שטיינהיים געמיינט
פאַרשרייען דעם אייגענעם שטן ביי זיך אין האַרצן. דאָס טראַגישסטע איז געווען
אין דער תקופה, וואָס אַ שרייבער, וואָס האָט אַזוי געפייערט קעגן משומדים, איז
אַליין געווען ווייט פון זיין פאָלק און האָט נישט געלעבט מיט קיין יידישער סביבה:
באַגראָבן האָט מען אים אויך אויף אַ קריסטלעכן בית־עולם אין שווייץ...

אין דער פּובליציסטיק יענע צייט האָט געהערשט ר י ס ע ר, מיט אים
וועלן מיר זיך נאָך טרעפן די גאַנצע צייט פונם שטרייט פאַר עמאַנסיפּאַציע. זיין
קאַמף־זשורנאַל „Der Jude" (1832—1833) איז געווען דער ערשטער פּאָליטישער
אָרגאַן, אָבער דאָס איז געווען ריסערס אַ פּערזענלעכע זאַך, נישט קיין קאָלעקטיווס.
דעם אמתן גרינדער פון יידישער פּאָליטישער ז ש ו ר נ אַ ל י ס ט י ק דאַרף
מען רעכענען ל ו ד ו י ג פ י ל י פּ ס אָ ן'ע ן (1811—1889), פּרעדיקער און
ראַבינער אין מאַגדעבורג, אַ טיכטיקער טוער אין די רעפאָרמיסטישע צונויפפאָרן.
דאָס יאָר 1837 האָט ער אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין לייפּציג אַ וואָכנבלאַט
„Allgemeine Zeitung des Judenthums", וואָס האָט זיך צענדליקער יאָרן נאָך
אַנאַנד לעבעדיק אָנגערופן אויף אַלע פראַגן פונם יידישן לעבן אין דייטשלאַנד
און אין אַנדערע לענדער. מיט דעם דאָזיקן לעבעדיקן קאַמף־אָרגאַן (די ערשטע
יאָרן) האָט קאָנקורירט אַ פראַנקפורטער וואָכנבלאַט Israelitische Analen; מעסיק
אַזיווי דער רעדאַקטאָר (יאָסט) און אָן טעמפּעראַמענט האָט דאָס וואָכנבלאַט קיין
אַנזען נישט געהאַט און האָט נישט אויסגעהאַלטן מער פאַר דריי יאָר (1839—1841).
אַפילו דאָס געוויכטיקערע וואָכנבלאַט Der Orient, וואָס י ו ל י פ י ר ס ט האָט
געפירט אין לייפּציג מיט מער טאַלענט (1840—1851) האָט נישט באַוויזן צו דער־
לאַנגען אַזאַ פּאָפּולאַריטעט, ווי פיליפּסאָן'ס זשורנאַל, כאָטש Orient איז אין
ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכן פּרט געווען סאָלידער פאַר יענעם (דער זשורנאַל
האָט געהאַט ספּעציעל אַ וויסנשאַפטלעכן אָפּטייל מיט דעם נאָמען Literaturblatt
des Orients)׃ די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט איז אויסגעוואַקסן, דאָס האָט באַוויזן
די יידישע זשורנאַליסטיק. אנשטאט דעם איינציקן דייטש־יידישן זשורנאַל Śula-

mith די פריערדיקע תקופה, וואָס ביז נאָך אין די 30-ער יאָרן האָט ער געצויגן בלויז מחמת סובסידיעס פון מעצענאַטן, אָפטמאָל דייטשע פירשטן, (די נעמען פון די „הויכגעשטעלטע אַבאָנענטן" האָט מען געקאָנט אָפט זען אין שער-בלאַט), איז איצט אויסגעוואַקסן אַ היפשע פרעסע. אין דער דאָזיקער פרעסע איז פובליציסטיק נישט אַזוי ווייט אָפגעשיידט פון וויסנשאַפט. גייגער'ס „וויסנשאַפטלעכער זשורנאַל" (§ 11) איז עטלעכע יאָר (1835—1839) געווען דער פירער פון די רעפאָרמיסטן. פראַנקל'ס „זשורנאַל פאַר רעליגיעזע אינטערעסן" איז דער אָרגאַן פון מעסיקע פראָגרעסיסטן. וו. פ ר ײ נ ד גיט אַרויס אין ברעסלוי אַ זשורנאַל Zur Judenfrage (1843—1844), אַ קאַמף-אָרגאַן פאַר עמאַנסיפּאַציע און פאַר אַ רעליגיעזער רעפאָרם. נאָר די העברעאישע פרעסע האָט קיין מזל נישט אין דייטשלאַנד: דער „מאסף" איז שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען, קיין אַנדער זשורנאַל אויף זיין אָרט האָט נישט געקאָנט אויפקומען. יאָסט און קרייצענאַך האָבן געפרובט אַרויסגעבן אַ וויסנשאַפטלעכן חודש-זשורנאַל אויף העברעאיש, אָבער ס'איז זיי נישט געראָטן: זייער זשורנאַל „ציון" האָט עקזיסטירט נישט מער ווי צוויי יאָר און איז אונטערגעגאַנגען: ס'האָט אים געפעלט לעזער. די נאַציאָנאַלע שפּראַך איז נאָך געבליבן ביי יידישע געלערנטע אין דייטשלאַנד אַ מין וויסנשאַפטלעכע הייליקייט, דעם גרעסערן עולם אָבער, וואָס האָט שוין דורכגעמאַכט די דייטשע שול, איז שוין העברעאיש געווען פרעמד. דער ניי-העברעאישער ליטעראַטור איז באַשערט געווען אויסצוואַקסן אין די צוויי יידיש-נאַציאָנאַלע צענטרן: אין עסטרייך און אין רוסלאַנד.

§ 14. די אָפגעשיידטע (בערנע, היינע, מאַרקס און שטאַל).

דאָרט וואו יידישע קולטור האָט זיך ד ע ר נ ע נ ט צו דייטשער קולטור האָט געווינען די יידישע; דאָרט, וואו זיי האָבן זיך צ ו נ ו י פ ג ע ג אָ ס ן, האָט געווינען די דייטשע קולטור. דאָרט, וואו די אַסימילאַציע האָט אָפגעטון איר זאַך ביזן סוף, האָט דער דאָזיקער קולטורעלער צונויפגיס אָפט געגעבן וואונדערלעכע געוויקסן, אָבער אויפן פעלד פון דייטשער ליטעראַטור, נישט פון יידישער. דער יידישער זשעני צעשמאָלצן אין אייראָפּעאישן האָט באַוויזן וואונדערלעכן כח. אָנהויב XIX יאָרהונדערט האָט די קולטורעלע אַסימילאַציע געגעבן דייטשלאַנד דריי העלדינס פון ליטעראַרישע סאַלאָנען: הענריעטע הערץ, דאָראָטעע מענדעלסאָן און רחל לעווין; דאָס צווייטע פערטל פונם יאָרהונדערט האָבן זיך שוין באַוויזן דריי גרויסע ליטעראַרישע שעפער: בערנע, היינע און דער יונגער מאַרקס; ס'איז באַשערט געווען זיי זאָלן זיך אויך אָפשיידן פונם יידנטום.

ל י ו ד ו י ג ב ע ר נ ע (1786—1837), דער טריבון פון פּאָליטישער פרייהייט, האָט איבערגעלעבט זיין פערזענלעכן קריזיס דאָס יאָר 1815, דאָס קריטישע

יאָר אין איירּאָפּע. ער איז שוין אַלט געווען דרייסיק יאָר: ער האָט פאַרבראַכט
אַ שווער יוגנט נאָך אַלס לייב ברוך (בערנעס יידישער נאָמען) אין פינסטערן
פראַנקפורטער געטאָ, אַ קורצע צייט האָט ער פאַרבראַכט אין הויז ביי הענריעטע
הערץ, אין דער פאַבריק פון נייע „יידן-קריסטן", געווען אויף אַ ווייל פאַרליבט
אין דער סאַלאָן-קעניגין; שטודירט לאַנגע יאָרן אין דייטשע אוניווערסיטעטן,
איבערגעלעבט נאַפּאָלעאָנ׳ס פעלדמאַרש, אַן אָנזאָג „אויף פרייהייט. די „געקויפטע
גלייכבאַרעכטונג" אין פראַנקפורט דאָס יאָר 1811 האָט פאַרשאַפט אַ „קאַריער"
דעם יונגן יוריסט: ער איז געוואָרן אַ פּאָליציי-באַאַמטער אין זיין געבוירן-
שטאָט; דייטשלאַנד׳ס באַפרייאונג פון פראַנצויזן האָט ביי אים אַלס יידן אָפּגע-
נומען די „מלוכה-שטעלע". די יאָרן פונם באַפריי-קאַמף האָט בערנע איבערגע-
לעבט אַ פּאַטריאָטיש פיבער, אַזוי ווי אַסך אַנדערע, ער האָט זיך אָבער אינגיכן
אויסגעניכטערט. די רעאַקציאָנערע פּאָליטיק פון דער „קריסטלעך-דייטשער" מלוכה,
דער אַנטיסעמיטישער שוידערטאַנץ (ריוס און זיינגלייכן) האָבן אָנגעצונדן אין
בערנע׳ן אַ רעוואָלוציאָנעריש פייער. דער פאָטער זיינער יעקב ברוך איז געווען
געשיקט פון יידן פאַר אַ שתדלן צום ווינער קאָנגרעס, און דער יונגער בערנע
האָט צוגעזען אין זיין געבוירנשטאָט דעם גאַנצן קאַמף, וואָס פראַנקפורטער
סענאַט האָט געפירט קעגן יידן; דאָס יאָר 1816 האָט ער אפילו אַליין געשריבן
אַ מעמאָראַנדום דעם בונדעסטאַג, געקלאָגט זיך אויפן סענאַט (§ 3). ער האָט
זיך שוין יענע צייט איבערצייגט, אַז שוין בעסער אַפּעלירן צו פעלקער, איידער
צו רעגירונגען. ער איז געוואָרן דער ליטעראַרישער פירער פון דער באַפריי-
אַרמיי, וואָס האָט זיך גענומען באַפרייען דאָס דייטשע פאָלק פונם יאָך פון „36
דייטשע טיראַנען". זיין שאַרפע ליטעראַרישע שווערד האָט אומדעבאַרמדיק
געטראָפן די דייטשע „פלשתים", אָבער דאָס איז געטון געוואָרן נישט אונטער
קיין יידישער פאָן. ער איז געווען איבערצייגט, אַז די יידנפראַגע איז נאָר
אַ פּרט אין דער דייטשער פּאָליטישער פראַגע בכלל: „כדי צו העלפן יידן, מוז
זייער שטרייט זיין איינס מיטן שטרייט פאַר פרייהייט בכלל". בערנע גופא האָט
זיך שוין געפילט איינס מיטן דייטשן פאָלק, אינגיכן האָט ער באַזייטיקט די לעצטע
מניעה, וואָס האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג: ער איז געוואָרן אַ ליוטעראַנער
(1818). בערנע האָט אָפּגעראַמט פונם שטרייט-פּלאַץ זיין יידישקייט, דאָס זאָל
אים נישט שטערן צו שטרייטן פאַר דייטשלאַנדס פרייהייט אַלס אַ עכטער דייטש;
ער האָט אָבער אַ טעות געהאַט אין חשבון; אומעטום האָט מען אים דערמאָנט,
פון וואַנען ער שטאַמט.

אין אַ יאָר אַרום נאָך זיין טויף האָט זיך אין דייטשלאַנד צעשפּילט אַ פּאָ-
גראָם-באַוועגונג. בערנע האָט זיך אָנגערופן מיט אַ שוואַך אַרטיקל (וועדליג זיין
פען) „פאַר יידן" (1819). ער הויבט אָן אַזוי: „איך וואָלט דאָס באַדאַרפט אַ נאָמען
געבן: „פאַר רעכט און פרייהייט", אָבער ווען מענטשן זאָלן דאָס פאַרשטיין, וואָלט
איך איצט פאַרשפּאָרט שרייבן". אומעטיק קלינגט בערנע׳ס שטים, ווען ער זאָגט

„אין וואָס שטעקט דער אומגליקלעכער יידישער מזל? מיר שיינט, אַז דאָס שטעקט אין דעם פינסטערן גרויל, נישט צו דע־קלערן, וואָס דאָס יידנטום וואַרפט אָן; אַזוי ווי אַ שאָטן פון אַ געהרגעטער מוטער גייט דאָס יידנטום נאָך דעם קריסטנטום פון דער קינדוויג אָן, אַמאָל מיט שפּאָט, אַמאָל מיט אָנשרעקן". בערנע גופא שרעקט זיך פאַרן שאָטן פון דער געהרגעטער מוטער און ער מיט זיך פאַרטרייבן דעם שאָטן. פאַר זיינע ליטעראַרישע קעגנערס, וואָס וואַרפן אים אויס זיין יידישן אָפּשטאַם, האָט ער אַזאַ אוממוטיקן ענטפער: „פון וואַנען ווייסט דאָס ה׳ קליין, אַז איך בין אַ ייד? אפשר פון דעם, וואָס איך נעם זיך אָן פאַר יידן? אָבער צי דאַרף מען דען זיין אַ ייד, מ׳זאָל פאַרמאָגן קריסטלעכע געדאַנקען?" (אַ נאָטיץ: Eine Kleinigkeit, 1820) אַ לאַנגע צייט נאָך שיצט ער יידן מיט אַ דייטשער מאַסקע אויף זיך: אין אַ גרויס אַרטיקל „דער אייביקער ייד" (1821) געשריבן אזוי ווי אַ רעצענזיע אויף אַן אַנטיסעמיטיש בוך פון אייגעם האָלסט, באַווייזט בערנע די גאָרע קונסט פון זיין גיפטיקן שפּאָט צו פאַרניכטן דעם קעגנער מיט יענעמס „מעטאַפיזישן העפ־העפ": ער זאָגט די דייטשן דעם ביטערן אמת: „ווייל איר אַליין זענט קנעכט, קאָנט איר זיך נישט באַגיין אָן קנעכט". „איר קוועלט אָן, וואָס איר שטייט אויף דעם געזעלשאַפטלעכן לייטער אַ שטאַפל העכער פאַרן נידריקסטן, כאָטש איר אַליין מעגט שטיין הונדערט שטאַפלען נידריקער פאַרן העכסטן". שפּעטער, ווען מ׳הויבט אָן אָפּטער אָנצופאַלן אויפן „יידן בערנע", הויבט ער אַביסל אויף די מאַסקע: „איך וואָלט נישט ווערט געווען די זון געניסן, ווען אויס מורא פאַר נישטיקן שפּאָט זאָל איך זיין אַ כפוי־טובה אַקעגן גאָט, וואָס האָט מיך געמאַכט פאַר אַ יידן און פאַר אַ דייטש גלייך". „ווייל איך בין געבוירן אַ קנעכט, — אַזוי ענטפערט ער פיינט, — דעריבער קאָן איך ליב האָבן פרייהייט מער פאַר אייך. ווייל איך ווייס וואויל, וואָס קנעכטשאַפט און רעכטלאָזיקייט איז, פאַרשטיי איך צו שעצן פרייהייט בעסער פאַר אייך. ווייל איך בין נישט געבוירן אין קיין פ אָ ט ע ר ל אַ נ ד, ציט מיך צו׳ן אַ פאָטערלאַנד פייערדיקער, איידער אייך; און ווייל מיין היים איז געווען נישט גרעסער פאַר דער יידנגאַס, וואָס אויף יענער זייט איז שוין פאַר מיר געווען אַ פרעמדע ערד, דעריבער קען איך זיך איצט נישט צופרידנשטעלן מיט אַ פאָטערלאַנד איין שטאָט, איין קרייז, איין פּראָווינץ; נאָר דאָס גאָרע דייטשע פאָטערלאַנד, די גאָרע ערד, וואָס ס׳קלינגט דאָרט די דייטשע שפּראַך, קאָן מיך איצט צופרידנשטעלן". אין די ליידנשאַפטלעכע „בריף פון פאַריז", אין דער שאַרפער תוכחה: „מענצל דער פראַנצויזן־פרעסער", טרעפן זיך עטלעכע אַזוינע „יידישע" אָפּענטפערן איינצעלנע פראַזעס; ספּעציעל אָבער אויפן יידישן עלנד האָט זיך בערנע נישט אָנגערופן די שיינענדיקסטע תקופה פון זיין פּובליציסטיק. ער האָט זיך גאָר אַריינגעטון אין פּאָליטישן קאַמף פאַרן „פאָטערלאַנד", וואָס ער האָט געבענקט נאָך דעם אין זיין פאַריזער גלות; לסוף האָט אים גענומען אַבאַט לאַמענע׳ס רעוואָלוציאָנערער קאַטאָליציזם (דער מחבר פונם ווערק: „רייד פון אַ

גלויבער"). דער „שאָטן פון אַ געהרגעטער מוטער", פון אַ פאַרלאָזט פאָלק איז שוין פאַרשווינדן ביים נביא פון דייטשער פרייהייט.

דער דאָזיקער שאָטן האָט זיך באַוויזן אַן אַנדער אָפּגעשיידטן סוף זייבע יאָרן, דעם באַרימטן דייטשן דיכטער ה יי נ ר י ך ה יי נ ע (1799—1856). הייבעס יוגנט אין דיסלדאָרף איז נישט געווען אַזוי פאַרסמ'ט מיט געטאָ-איינדרוקן, אַזוי ווי בערנע'ס. אין די יונגע יאָרן שוין האָט הייבע געאָטעמט אַ פרייע לופט: דאָ אין די רהיין-פראָווינצן איז די פרייהייט געקומען פון פראַנקרייך, דאָ האָבן יידן פאַרזוכט נאַפּאָלעאָנ'ס עמאַנסיפּאַציע אויף אַ וויל. די אַסימילאַציע האָט פאַרכאַפּט הייבע'ן פריער פאַר בערנע'ן. ער האָט שטודירט אין דיסעלדאָרפער גימנאַזיע ביי קאַטוילישע גלחים, דערנאָך האָט ער „ערלעך" געפּיטערט חזרים ביי העגעל'ן", ווי ער גופא דריקט זיך אויס. צווישן זיין שטודיום און זעלבסשטענדיק לעבן האָט ער זיך געטראָפן מיט האַנס „יידישן קולטור-פאַריין": אַהין האָבן אים פאַרשלעפּט גוטע פריינט, נישט קיין אינווייניקסטע איבערצייגונג. דעם דיכטער איז נאָנט געווען די היפּלדיקע אידעע „אויסשטימען יידישקייט מיט אייראָפּעישע קולטור", אָבער אים זענען פרעמד געווען די וועגן צו דעם צוועק. מיט אַ פאַרשטאַנד פון אַ סקעפּטיקער, וואָס האָט יענע צייט אָפּגעלאַכט פון יעדער פּאָזיטיווער רעליגיע, האָט ער געשפּירט די נישטיקייט פון דער רעליגיעזער רעפאָרם, וואָס פּראַקטיקער פון פרידלענדער'ס חדר האָבן פירגענומען. די רעפאָרמירטע סינאַגאָגע לויטן מוסטער פון האַמבורגער טעמפּל (די יאָרן 1817—1821, די צייט פונם טעמפּלשטרייט איז הייבע אָפט געווען אין האַמבורג ביי די עלטערן) האָט ביי אים אויסגעזען נישט מער ווי אַ פּוסטע דעקאָראַציע. אינם אַלטן יידן האָט ער געזען מער גייסטיקן אינהאַלט איידער אינם נייעם. וועגן די אַלטמאָדישע פּוילישע יידן, וואָס הייבע האָט זיי געזען אין פּויזן (1822), שרייבט ער אַזוי: „נישט געקוקט אויף דער ווילדער פּוטערנער היטל אויפן קאָפּ און ווילדע אידעען אין קאָפּ, זענען זיי מיר ליבער, איידער דייטשע יידן מיט מאָדערנע היט אויפן קאָפּ און מיט זשאַן-פּאָל ריכטער אין קאָפּ". וועגן די ראַדיקאַלע רעפאָרמער פון יאַקאָבסאָן-פרידלענדער'ס חדר שרייבט ער אַזוי (1823): „אייניקע אָפּעראַטאָר'ס אויף היבער-אויגן האָבן געפּרובט לאָזן בלוט דעם יידנטום און היילן דעמס גוף פון דעם פאַרפאַלענעם ווילדפלייש; זיי האָבן אָבער באַוויזן אַזאַ נישט-קענען און אַזאַ אומפאַרשטאַנד, אַז דאָס יידנטום גייט אָפּ מיט בלוט. מיר האָבן מער קיין כוח נישט צו טראָגן אַ באָרד, פאַסטן, האַסן און ליידן פון האַס — דאָס איז גאָר די סבה פון אונזער רעפאָרמאַציע. מענטשן, וואָס האָבן זיך געלערנט ביי קאָמעדיאַנטן, ווילן באַגליקן יידן מיט נייע דעקאָראַציעס. אייניקע ווילן האָבן אַ פאַרקירצט וואָנגעליש קריסטנטום מיט אַ יידישער פירמע... אָבער די פירמע וועט נישט אויסהאַלטן, אירע וועקסלען אויף פילאָזאָפיע וועלן צוריקקומען פּראָטעסטירטע, זי וועט אָנזעצן". הייבע'ן, אַלס דיכטער, האָט יענע צייט געצויגן נאָר די ראָמאַנטיק פון דער יידישער געשיכטע,— די מיטלאַלטערישע קדושים, די

טרויעריקע לעגענדע פון אַהאַספער, דער אייגנאַרטיקער ריזן־גייסט. ער האָט דעמאָלט פאַרקלערט זיין היסטאָרישע נאָוועלע „דער באַכראַכער רב“, און אַ האַרצווייי פון הונדערטער יאָרן הערט זיך אין דעם פירוואָרט־ליד (1824):

הויב אָן דיין קלאָג, דיין ווילדע, די פינסטער אנוסים־ליד, *)
כ'האָב דיך אַזוי לאַנג געפּעסטעט אין פלאַמיק־שטילן געמיט.
דורך אויערן דרינגסטו אין הערצער, מיין שניידנדיק געשריי, —
באַשוואוירן איז ער און פאַרפישופט, דער טויזנטיעריקער ווי.
ס'חיינט גרויס און קליין און ס'וויינען שוין קאַלטע מענער אויך,
די פרויען און בלומען וויינען און שטערנדלעך אין דער הויך,
קיין דרום פליסן די טרערן, די טרערן פון שטילן געוויין,
זיי פליסן און גיסן זיך אַלע אין ירדן אריין.

(געשריבן צוערשט אַלס הקדמה צום „רבי פון באכראך“, 1824)

אָבער אין היינען איז געזעסן נאָך אַ גייסט, אַ גייסט פון פילאָזאָפישן ראַציאָנאַליזם און האָט געקעמפט קעגן מיטלאַלטערישער ראָמאַנטיק. ער האָט געשריבן זיין .פריינד מאָזער־ן: „אַז איך וועל זיין אַ פייערדיקער באַשיצער פאַר יידישע רעכט און פאַר זייער גלייכבאַרעכטיגונג—, דאָס בין איך זיכער; אין שלעכטע צייטן, וואָס וועלן זיכער קומען, וועט דער דייטשער פעבל דערהערן מיין שטים; דאָס ווידערקול וועט זיך לאָזן הערן אין דייטשע בירהאַלן און אין פּאַלאַצן. אָבער אַ געבוירענער פיינט פון אַלע פּאָזיטיווע רעליגיעס וועט זיך קיינמאָל נישט איינשטעלן פאַר דער רעליגיע, וואָס האָט די ערשטע געבראַכט אַ בטול צו מענשטן, וואָס דאָס פאַרשאַפט אונז ביז היינט נאָך אַזוי פיל פּיין“. דאָ גיט זיך שוין אנצוהערן דער „העלעניזם“ וואָס שפּעטער האָט ער אים אַזוי שאַרף אַקעגנגעשטעלט דעם יודאַאיזם...

אין אַזאַ צושטאַנד איז פאַר אים געשטאַנען די פראַגע: טויפן זיך צי נישט? ער האָט דעמאָלט געהאַט געענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט אין געטינגען און ער האָט געזעען פאַר זיך אַלע טירן צו: דער גזעצ האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג צו דאָצענטור אין אוניווערסיטעט, צו'ן אַדוואָקאַטור, צו'ן אַ מלוכה־שטעלע. אין זיין ליטעראַרישער קאַריער האָט דער יונגער מחבר פון „אלמאַנזאָר“ (1823) אויך געהאַט אויסצושטיין פאַר זיין יידישן נאָמען. פּראַקטיש האָט ער געזעען פאַר זיך נאָר איין אויסוועג: „נעמען אַן אייַנטריט־קאַרטע אין דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט“, ווי ער פלעגט זאָגן אויף שמד. אַ שטיקל צייט האָט ער זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין, צולעצט האָט ער זיך אונטערגעגעבן: יוני 1825 איז ער געוואָרן אַ פּראָטעסטאַנט. ער האָט זיך נישט געוואָלט נאַרן, אַז ער באַגייט אַ פאַרברעך קעגן געוויסן; זיין פריינד מאָזער־ן שרייבט ער אַזוי: „סוואָלט מיר זייער געאַרט, ווען דו זאָלסט געפינען אַ פאַרענטפערונג פאַר מיין טויף. גלויב מיר, ווען מ'זאָל מעגן גנב'ענען זילבערנע לעפל, וואָלט איך זיך נישט געטויפט. פאַראַכטאָגן שבת בין איך געווען אין דער סינאַגאָגע (אין האַמבורגער „טעמפל“).

און האָב געהאַט דאָס פֿאַרגעניגן אַליין צו הערן, ווי ד"ר סאַלאָמאָן (פּרעדיקער) שיט פּעך און שוועבל אויף משומדים, וואָס פאַרקויפן די אמונה פון די אָבות פאַר אַ שטעלע. מעגסט מיר גלויבן, די דרשה איז געווען אויסגעצייכנט, און איך קלייב זיך די טעג אַריינגיין צום פּרעדיקער". היינע האָט זיך אָפּגעגאַרט אין די גליקן: קיין שטעלע האָט ער נישט געקריגן און בעסער איז אים נישט געוואָרן. אָבער פאַר זיין געקרענקט געוויסן האָט ער אינגיכן געפינען אַ טרייסט; דאָס איז דער גרויסער רום, וואָס איז אים אויסגעפאַלן נאָכדעם ווי ס'זענען אַרויס זיינע „רייזעבילדער" און „בוך דער לידער" (1826—1827). דייטשלאַנד האָט דערהערט אַן אָפּקלאַנג אויף אירע אָנגעווייטאָקטע פראַגן אין היינע'ס וויציקער פּראָזע, וואָס האָט נישט איר גלייכן, האָט דערהערט די כשוף-קלאַנגען פון היינע'ס ליד; מאָטיוון פון „שיר-השירים" און „קוהלת", אַ הלוויה דער ליבע איבער אלץ און אַ וויי פון אַ וועלט-צער. נאָך דער יולי-רעוואָלוציע האָט היינע עמיגרירט קיין פּאַריז און דאָ ווערט ער דער באַגייסטערער פאַר „יונג-דייטשלאַנד" מיט בערנע'ן גלייך. צו דער קרוין פון פּאָעזיע קומט דאָ היינע'ן צו די קרוין פון אַ פּאָליטישן טריבון (אויף זיין שטייגער), פון דעם וויציקסטן פּובליציסט, פון אַ ליטעראַרישן קריטיקער (זיינע ווערק „וועגן דייטשלאַנד", „די ראָמאַנטישע שולע", „וועגן בערנע'ן" און אַנדערע ווערק די יאָרן 1831—1840). יענע תקופה האָט זיך היינע געהאַלטן פאַר דעם פאָנטרעגער פון לעבנסלוסטיקן הלעניזם אין שטרייט קעגן אַסקעטישן יודאַאיזם. ער האָט איינגעשטעלט די איינטיילונג אין „הלען" און „ייד": דער ערשטער זאָל זיין דער סימבאָל פון לעבנסלוסטיקן רעאַליזם, פון באַגייסטערטער עולם-הזה; אַקעגן דער לעצטער איז אַ מרה-שחורה'ניק, פאַראַכט דעם חומר" און לעבט אין אַ וועלט פון גייסטער. זיך האָט ער געהאַלטן פאַר אַן הלעניסט און זיך נישט וויסנדיק געמאַכט, וואָס דער „ייד" בורעט" אין אים, גיט זיך נישט אונטער גע-בונדענערהייט, וויפיל היינע זאָל זיך נישט מיען הלעניזירן אדער גערמאַניזירן זיך אין הארצן.

סוף כ"ל סוף א"ו גובר דער „ייד", דאָס קומט פיר די לעצטע צען יאָר היינעס לעבן, די צייט ווען דער דיכטער ליגט קראַנק אין פּאַריז, צוגעבונדן צו זיין „מאַטראַצן-גרוב". אין זיין „ודוי" (1853) אַנטפּלעקט זיך שוין אַ נייער וועלט-באַנעם, דורכגעטראַכט און אויסגעווייטאָגט: „מיין פאַרליבטשאַפט אין עלאַדע האָט זיך ביסלעכווייז אָפּגעקילט. איצט זע איך, אַז גריכן זענען געווען שיין נאָר יוגנטוויז, יידן אָבער זענען געווען שטאַרקע מענער נישט-צו-בויגן זיי אַמאָליקע צייטן, און אַזוי זענען זיי געבליבן ביז היינט אויף-צו-להכעיס אַכצנ-הונדערט יאָר רדיפות און פיין. איצט האָב איך זיך אויסגעלערנט זיי בעסער צו שעצן, און ווען ביי היינטיקן רעוואָלוציאָנערן קאַמף און דעמאָקראַטישע פּרינ-ציפּן וואָלט נישט געווען נאַריש זיך איבערנעמען מיטן אָפּשטאַם, וואָלט איך שטאָלצירט, וואָס מיינע פאָר-דורות געהערן צו דעם אַדלהויז ישראל, וואָס איך קום אַרויס פון די קדושים, וועלכע האָבן געגעבן צוזען דער וועלט גאָט און

מאָראַל, זיי האָבן בלוט פֿאַרגאָסן אויף אַלע שלאַכט־פֿעלדער, וואו מ'האָט נאָר געקעמפֿט פֿאַר דער אידעע. זעלטן ווען די געשיכטע פֿון מיטלאַלטער און אפֿילו פֿון דער נייסטער צייט האָט פֿאַרצייכנט ביי זיך זייערע נעמען, די דיכטערס פֿון הייליקן גייסט, וואָרום זיי האָבן געקעמפֿט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן פֿאַנצער אויפֿן פּנים. יידן זענען נאָך איצט אויך אַ וואַנדער־סוד"... „ס'איז געווען אַ צייט, ווען משה איז מיר נישט געווען צום האַרצן, וואָרום געברויזט האָט אין מיר דער העלעניסטישער גייסט; איך האָב נישט געקאָנט שענקען דעם יידישן תורה־געבער זיין פֿיינשאַפֿט צו בילדלעכקייט, צו פּלאַסטיק. איך האָב נישט באַמערקט, אַז משה גופא איז געווען אַ גרויסער קינסטלער און האָט פֿאַרמאָגט אמת'ע גאוניות פֿון אַ שאַפֿער. דער חילוק איז נאָר, וואָס ער האָט געוואָלט שאַפֿן דאָס קאָלאָ־סאַלע, דאָס אייביקע. ער האָט נישט געקאָנט בויען אַזוי ווי די עגיפּטער, מאָנו־מענטן פֿון ציגל און גראַניט, ער האָט אויפֿגעשטעלט פּיראַמידן פֿון מענטשן, אָבעליסקן פֿון לעבעדיקע באַשעפֿענישן. ער האָט גענומען אַן אָרעמען שבט פּאַסטוכער און געמאַכט פֿון דעם אַ פֿאָלק, אַ גרויס פֿאָלק, גאָטס פֿאָלק אייביק און הייליק, אַ מוסטער פֿאַר אַלע פֿעלקער, אַ פֿאָרם פֿאַר דעם גאַנצן כלל מענטשן; קורץ, ער האָט באַשאַפֿן דאָס פֿאָלק ישראל". נאָכדעם גייט אַ באַגייסטערטער הללויה משה'ן: „וואָס פֿאַר אַ ריזן פֿיגור! ווי קליין זעט אויס דער באַרג סיני, ווען משה שטייט אויף אים!"... פֿאַרן דיכטערס פֿאַרטיפֿטן בליק, געווענדט צו דער אייביקייט, אַנטפּלעקן זיך אַזוינע האָריזאָנטן, וואָס יידישע דענקער האָבן זיי דערזעען אַ סך שפּעטער, נאָך אַ גרויסער וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט. היינע האָט בחוש דערשפּירט די וועלט־אידעע פֿון נביאות. אין באַגייסטערטע שפּריכן (מוסטערן האָבן מיר שוין פֿריער געזען) אַנטפּלעקט זיך זיין פֿילאָזאָפֿיש־היסטאָרישע ווייטזיכטיקייט אַ סך מער איידער אין „יהודה־הלוי" און אין אַנדערע ווערק. אַ טיפֿער האַרצווייי צום פֿאַרלאָזטן פֿאָלק הערט זיך אינם אויסרוף פֿאַרן טויט: „נישט קיין מעסע וועט מען נאָך מיר אָפּריכטן, נישט קיין קדיש—וועט מען זאָגן". אָבער אין דעם, וואָס דעם דיכטערס פֿאָלק האָט באַדאַרפֿט שטיין אין אַ זייט, ווען מ'האָט אַראָפּגעלאָזט אין קבר זיין אַ פֿאַרבלאָנדזשעטן זון, און קיין קדיש נישט זאָגן, אין דעם שטעקט אַ סך מער אַ נאַציאָנאַל־יידישע טראַגעדיע איידער היינע'ס פּערזענלעכע טראַגעדיע.

נאָך בערנעס און היינעס דור איז געקומען אַ נייער דור „אָפּגעשיידטע": זיי זענען שוין געווען פֿאַרפֿרעמדט צו יידן פֿון קינדהייט אָן, אָדער נאָך קינד־ווייז געשמד'ט, ווי אַ סך תּכלית־עלטערן האָבן דאָס געטון. זיי האָבן שוין נישט געוואוסט פֿון קיין בענקשאַפֿט נאָך דעם פֿאַרלאָזטן פֿאָלק, אַזוי ווי מיר האָבן דאָס צוגעזען ביי אַ דור פֿריער, וואָס האָט נאָך געהאַט יוגנט־זכרונות פֿון אַ פֿרומפֿאַרצייטיק יידיש לעבן. דער גרעסטער טייל פֿרישגעבאַקענע דייטשן האָט שוין נישט געקלערט פֿונם פֿאָלק און פֿון זיין היסטאָרישן גורל, דאָס פֿאָלק איז זיי ווילד־פֿרעמד געווען; נאָך מער: אַנדערע האָבן שוין געפֿילט אַ האַס צו

פאָלק, און האָבן זיך געזוכט אַ חקירה צו פאַרענטפערן די אַנטיפּאַטיע. צו אַזוינע האָט געהערט דער יינגער ק אַ ר ל מ אַ ר ק ס (1818—1883); זיין פאָטער אַן אַדוואָקאַט אַ קאַריעריסט אין טריר האָט זיך געשמד'ט מיט דער גאַנצער פאַמיליע. אָנהויב די 40-ער יאָרן האָט זיך דער קינפטיקער אידעאָלאָג פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע באַוויזן אַלס ראַדיקאַלער פּובליציסט (אין דער קעלנישער Rheinische Zeitung, דערנאָך אין פאַריזער Deutsch-französische Jahrbücher). דייטשלאַנד איז דעמאָלט אַ סך פאַרטאָן געווען מיט דער יידנפראַגע, רהיינישע לאַנדטאַגן האָבן געשטימט פאַר יידישער גלייכבאַרעכטונג; ביי אַזאַ געלעגנ-הייט האָט זיך מאַרקס אָפּגערופן אויף דער יידנפראַגע. דאָס איז געווען אַן ענטפער ב ר ו נ אָ ב ו י ע ר ' ן אַ לינקן העגעליאַנער פון דעם מין טעאָלאָגן-ראַדיקאַלן, ווען יענער האָט אָפּגעדרוקט די יאָרן 1842—1843 זיינע אַרטיקלען: „צו דער יידנפראַגע". ברונאָ בויער האָט בכלל געשטריטן קעגן דער אידעע פון אַ קריסטלעכער מלוכה און קעגן יעדער קירך, ספּעציעל אָבער וועגן יידן האָט ער געהאַלטן, אַז אין אַ קריסטלעכער מלוכה טאָרן זיי נישט מאָנען קיין פּאָליטישע עמאַנסיפּאַציע. אַזוי לאַנג ווי יידן זאָגן זיך נישט אָפּ פון זייערע רעליגיעזע „פאָראורטיילן", קאָנען זיי נישט פאָדערן פון דער קריסטלעכער געזעלשאַפט, זי זאָל זיך אָפּזאָגן פון אירע קריסטלעכע פאָראורטיילן און זאָל מושוה ווערן מיט יידנטום „דעם דם-שונא פון אַ מלוכה-רעליגיע". כדי צו דערלאַנגען פּאָליטישע עמאַנסיפּאַציע, זאָלן זיך יידן פריער עמאַנסיפּירן פון זייער רעליגיע; ערשט נאָכדעם, ווי יידן וועלן ווערן סתם-מענטשן פריידענקער און די מלוכה וועט זיך אויך פריי מאַכן פון דער קירך, ערשט דעמאָלט וועט קומען די עמאַנסיפּאַציע פאַר אַלעמען, פאַר דער מלוכה אַזוי גוט ווי פאַר יידן. דער פריידענקער בויער וויל געבן יידן גלייכבאַרעכטונג מיט אַ תנאי, יידן זאָלן באַגיין אַ רעליגיעזן זעלבסטמאָרד, דאָס הייסט אַ נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד אויך וואָרום נאַציאָנאַל און רעליגיעז בנוגע יידן האָט מען דעמאָלט געהאַלטן פאַר איין זאַך. „ווער ס'וויל באַפרייען יידן און זיי זאָלן בלייבן יידן — איז אַרויסגעוואָרפן זיין מי, ער נאַרט זיך אַליין, אַזוי ווי ער זאָל אַ שטייגער וועלן דערוואַשן אַ נעגר". יידישע פּובליציסטן: פיליפּסאָן, גאָלדהיים (אין זיין „רבנישע אויטאָנאָמיע"), ריסער, גייגער און אַנדערע האָבן דעמאָלט אָפּגעענטפערט בויערן אויף זיין כלומרשט טיפזיניקן באמת נאַאיוון — היסטאָרישן פלפול. אין דער פּאָלעמיק האָט זיך אַריינגעמישט דער יונגער מאַרקס אויך, דעמאָלט נאָך פון דעמזעלבן לינק-העגעליאַנישן נעסט. מאַרקס האָט אָפּגעענטפערט בויערן מיט צוויי אַרטיקלען (אין די „דייטשיש-פראַנצויזישע יאָרביכער" די יאָרן 1843—1844). דאָ אַרבעט ער מיט דעזעלבן דיאַלעקטישן געווער, וואָס בויער; פאַר אים איז דאָס אָבער אַן עקאָנאָמישע קאַטעגאָריע, נישט קיין רעליגיעזע. ער הויבט אָן מיט אַ ריכטיקן געדאַנק, אַז כדי צו עמאַנסיפּירן יידן פאַרשפּאָרט די מלוכה זיך אָפּזאָגן פון רעליגיע בכלל; בענוגע זי זאָל זיך אָפּזאָגן פון אַ מ ל ו כ ה ' ש ע ר רעליגיע, קריסטנטום זאָל ווערן

אויס פּריווילעגירטע רעליגיע: די קירך זאָל אָפּגעטיילט ווערן פון רעליגיע: אָבער ווייטער דרייט ער אָן דעם דיאַלעקטישן גראַגער: „לאָמיר זיך צוקוקן, זאָגט ער, צום וועלטלעכן, צום וואָכעדיקן יידן, נישט צו בויער'ס שבת-יידן. לאָמיר אַ זוך טון דעם סוד פון דעם יידן נישט אין רעליגיע, נאָר פאַרקערט לאָמיר זוכן דעם סוד פון דער רעליגיע אין דעם אמתן וועזן פון יידן. וואָס איז דעם יידנטומס פּראַקטישער יסוד? תכלית, עגאָאיזם. וואָס איז דעם יידנס וואָכעדיקער קולט? געשעפטמאַכעריי. וואָס איז זיין וועלטלעכער גאָט? געלט. בכן איז די עמאַנסיפּאַציע פאַר אונזער עפּאָכע — מ'זאָל זיך עמאַנסיפּירן פון געשעפטמאַכעריי און פון געלט, ד. ה. מ'זאָל זיך עמאַנסיפּירן פונם פּראַקטישן, רעאַלן יידנטום. ביי אַזאַ געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, וואָס קיין געשעפטמאַכעריי זאָל דאָרט נישט מעגלעך זיין, וואָלטן יידן נישט מעגלעך געווען... אויף זיין שטייגער האָט זיך שוין דער ייד עמאַנסיפּירט: מיט געלט האָט ער שוין דערלאַנגט די מאַכט. געלט איז די וועלט, מיט דעם יידן און אָן אים; דעם יידנטומס פּראַקטישער גייסט איז איצט געוואָרן דער פּראַקטישער גייסט ביי קריסטלעכע פעלקער. יידן זענען אַזוי ווייט עמאַנסיפּירט, ווי ווייט קריסטן זענען געוואָרן יידן. דער יידישער גאָט איז געוואָרן דער וועלט-גאָט אַ וועקסל — דאָס איז דער רעאַלער גאָט ביי יידן. די אויסגעטראַכטע יידישע נאַציאָנאַליטעט — איז די נאַציאָנאַליטעט פון אַ סוחר, פון אַ געלטמענטשן בכלל... געזעלשאַפטלעך עמאַנסיפּירן יידן—דאָס הייסט אייגנטלעך עמאַנסיפּירן די געזעלשאַפט פון יידנטום".

בכן איז דער גאָרער גייסטיקער און קולטורעלער אינהאַלט פון יידנטום ביי מאַרקס'ן אין די אויגן—נישט מער ווי אַ וואָכעדיקער געשעפט-טומעל, און אַ הייפל באַנקירן און געשעפטסלייט אין מערב-אייראָפּע—דאָס איז ביי אים דאָס גאַנצע יידנטום. ראָטשילד האָט אים אין די אויגן פאַרשטעלט דאָס יידישע פאָלק, וואָס אגב האָט ער דאָס נישט געקענט אויך. דעם עגל-הזהב האָט ער געמאַכט פאַר אַ יידישן גאָט, אַזויווי דער ביבלישער ירבעם. מיט אומגעשיקטע הענט האָט דער „וואָכעדיקער" מענטש אָנגערירט אַ הייליקייט, וואָס היינעס אויסגעלייטערטער גייסט האָט זיך דערפאַר טיף געבויגן, ער האָט אָנגעוואָרפן יידן אַ „שליחות", גענומען אויף פּראָקאַט אויף אַן אייראָפּעאישער בערזע. אָפּגעריסן פון די קוואַלן פון יידישער קולטור, האָט דער אידעאָלאָג פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אַפילו נישט געמאָלט זיך, אַז ער אַליין געניסט אַ טייל פון דער גרויסער פאָלקס ירושה און פּרעדיקט סאָציאַלע אידעאַלן פון יידישע נביאים, נאָר מיט אַנדערע ווערטער. אומפאַרשטאַנד פאַר יידישער געשיכטע, אַנטיפּאַטיע פון אַ געטויפטן צום פאַרלאָזטן לאַגער מיט אַ פּלפּול-אַרגומענטאַציע אין דערמיט דאָס אַלץ מאַכט פון מאַרקס ווערק וועגן יידן אַ מין פּאַסקוויל. שפּעטער האָט זיך מאַרקס אויסגעטון פון דער איבערגעטריבענער דיאַלעקטיק און פון זיין מעטאַפיזישן יידנהאַס, אין יידן האָט ער גאָר פאַרגעסן, אָבער אויף זיין יוגנט-זינד קעגן יידן האָט ער קיין חרטה נישט אַרויסגעוויזן. דער מאַן, וואָס האָט באַשאַפן,

די טעאָריע פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, האָט קיינמאָל נישט געקאָנט באַנעמען אַ גייסט פון אַ נאַציע, וואָס איר גאָרע געשיכטע איז דערווידער אַזאַ קורצזיכטיקער טעאָריע. דער מאַן, וואָס האָט פון סאָציאַליזם, ד. ה. פון בעצם אַ מאָראַלישער לערע, באַוויזן צו מאַכן אַ מאַטעריאַליסטישע לערע, „אָן איין גראַן עטיק“, ווי ער אַליין האָט זיך באַרימט, אַזאַ מאַן האָט נישט געקאָנט באַגרייפן אַ פאָלק, וואָס איז דער פאָנטרעגער פון אַ מאָראַלישן וועלט-באַנעם אין דער געשיכטע... טרויעריק איז דאָס, אָבער אַ היסטאָריקער טאָר דאָס נישט דורכלאָזן; דאָס איז אַ צייכן פאַר יענער תקופה. אַזוי ווי אַ יונגער אָדלער, וואָס פרובט די פליגל זיך אויפצוהויבן איבער זיין צייט, האָט ער פאַרהאַקט זיין שאַרפן שנאָבל דער אָפּגעלייקנטער מוטער אין לייב אַריין...

ווי טראַגיש ס'איז נישט די לאַגע פון אַ פאָלק, וואָס זיינע פעאיקסטע קינדער פאַרלאָזן דאָס, האָט דאָס נאָך געקאָנט האָבן אַ טרייסט, אַז זיינע אָפּטריניקעס קעמפן פאַר דער מענשהייטס פרייהייט און פאַרווירקלעכן אומגעוואוסט די סאָציאַלע אידעאַלן, וואָס נביאים האָבן פאָרויסגעזאָגט אין לאַנד יהודה. נאָך ערגער איז געווען, ווען די אייגענע אָפּטריניקעס זענען אַריבער צו דער שוואַרצער רעאַקציאָנערער מחנה. צו דעם מין אָפּטריניקעס געהערט פ ר י ד ר י ך י ו ל י ש ט אַ ל (1802—1861), דער היפוך פון מאַרקס'ן. שטאַל איז געבוירן אין אַ פאַמיליע ביי אַ בייערישן יידן. ער האָט זיך געשמד'ט, איידער ער איז אַריין אין אוניווערסיטעט, דערנאָך איז ער געוואָרן פראָפעסאָר פון מלוכה-רעכט אין בערלין און האָט אַנטוויקלט אַ קאָנסערוואַטיווע, קלעריקאַלע סיסטעם אין אַ גלענצנד ווערק Philosophie des Rechts (1830). ער האָט אָנגעשריבן אַ ביכל „די באַנעמונג פון אַ קריסטלעכער מלוכה צו דעאיזם און יודאַאיזם“ (1847), באַשאַפן אַ „וויסנשאַפטלעכן“ פונדאַמענט פאַר זיין באַשיצער'ס טעאָריע, קעניג פרידריך-ווילהעלם IV-טער. אַ קריסטלעכע-מלוכה קאָן נישט געבן יידן קיין גלייכבאַרעכטיגונג, ווייל יידן לייקענען אין דער געטלעכקייט פון קריסטנטום, וואָס דאָס איז דער יסוד פון דעם גאָרן מלוכה-געביי; דאָס אייגענע אויך קאָן מען נישט געבן קיין גלייכבערעכטיגונג קיין פילאָזאָפישע דעאיסטן, און בכלל קיין סעקטע, וואָס איז אויסער דער קירך... דריי מענער, דריי טריבונאַלן: בויער אַ קעגנער פון דער קירך, שטאַל אַ קירך-מענטש, און מאַרקס אַ סאָציאַליסט —, אַלע דריי קעגן יידן אַלע האָבן פאַרמשפּט דאָס יידנטום. דאָס יידנטום האָט אויסגעהערט דעם פסק און איז זיך ווייטער בעגאַנגען זיין היסטאָרישן וועג.

קאַפּיטל III

בירגערלעכע אונטערדריקונג און דער קולטור־שטרייט אין עסטרייך.

§ 15. די פּאָליטיק בכלל. די „געדולדעטע" אין ווין.

דער געוויסער פּונקט 16 אין די „בונדעסאַקטן" פונם חינער קאָנגרעס האָט פאַרפליכט דייטשלאַנד און עסטרייך, יידן זאָלן בלייבן בײַ די רעכט, וואָס זיי האָבן געהאַט ביזן יאָר 1815. אָבער אין עסטרייך האָט דאָס יידן נישט אַזוי געלוינט ווי אין פּרייסן, וואָרום פאַרשידן איז געווען די געגעבענע יידישע לאַגע אין די דאָזיקע לענדער, וואָס איז גאַראַנטירט געווען אַלס אַ מינימום בירגערעכט. אין פּרייסן און אין אַ טייל אַנדערע דייטשע מלוכות זענען יידן שוין געווען טיילווייז עמאַנסיפּירט ביזן יאָר 1815 (אַ סך האָבן זיי געהאַט צו פאַרדאַנקען אין דעם פּרט דער פראַנצויזישער הערשאַפט). דאָ האָט די רעאַקציע באַדאַרפט קעמפן קעגן דער גאַראַנטיע, וואָס די בונדעסאַקטן האָבן געגעבן יידן, זיי זאָלן בלייבן בײַ די דערלאַנגטע רעכט; אַ סך האָט די רעאַקציע אויסגעפירט, מ'האָט פאַרשמעלערט יידישע רעכט, אָדער גאָר דאָס אָפּגענומען בײַ זיי. אַנידערש איז געווען די לאַגע אין עסטרייך. דאָס קריטישע יאָר 1815 האָט דאָ געטראָפן יידן רעכטלאָז (חוץ אין די איטאַליענישע פּראָווינצן, וואָס זענען צוגעקומען עסטרייך). בכן האָט עסטרייך באַדאַרפט אָפּהיטן „יידישע רעכטלאָזיקייט" אַזוי ווי דער קאָנגרעס האָט געבעטן; די רעאַקציע אין מעטערניך'ס רעאַקציאָנערער נעסט האָט דאָס גערן געטון. אין דייטשלאַנד איז דער רעסטאַוראַציע אויסגעקומען „פאַרשמעלערן", „אָפּנעמען" בײַ יידן זייערע רעכט; אין עסטרייך איז איר אויסגעקומען „דערהאַלטן און פאַרשטאַרקן יידישע רעכטלאָזיקייט". דער הויפּט־שטאַב פון דער אייראָפּעאישער רעאַקציע אין ווין האָט געוואָלט באַווייזן אויף יידן אויך, אַז ער קעמפט פּלײַ'ס'ק קעגן דער רעוואָלוציאָנערער „דעקלאַראַציע פון מענטשן־און־בירגער־רעכט". דאָ איז דער עיקר געווען נישט ספּעציעל דער יידנהאַס, אַזוי ווי אין דייטשלאַנד; מער האָט זיך דאָ געלאָזט פילן די אַבסאָלוטיסטישע פּאָליטיק בכלל: אַ רעזשים פון אונטערדריקונג און אומגלייכקייט קעגן דעם אידעאַל פון „פרייהייט און גלייכקייט".

נאָך אַ וויכטיקער אונטערשיד איז געווען אין דער לאַגע פון עסטרייכישע יידן אַקעגן דייטשע יידן. אין דייטשלאַנד האָבן יידן די גאַנצע תקופה רעאַקציע נישט אויפגעהערט צו שטרייטן פאַר גלייכבאַרעכטונג, ווי מיר האָבן דאָס שוין געזען; זיי האָבן דערלאַנגט פעטיציעס רעגירונגען און לאַנדטאַגן, זיי האָבן געפירט אַ שאַרפע אַגיטאַציע אין דער פרעסע און אַ פּאָלעמיק אין דער ליטעראַטור. דאָס נעמט זיך פון צוויי זאַכן: דייטשע יידן זענען געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה קולטור, און אין דייטשלאַנד זענען דאָך געווען לאַנדטאַגן, זאָל זיין אפילו, אַז פאַר פאַרטרעטער פון העכערע קלאַסן. אַקעגן אָבער אין עסטרייך איז געבליבן דער אַלטפרענקישער אַבסאָלוטיזם, די יידישע מאַסן ווידער זענען געווען קולטורעל אָפּשגעשטאַנען; דעריבער זעען מיר נישט, יידן זאָלן ענערגיש שטרייטן פאַר גלייכבאַרעכטונג, חוץ אין אונגאַרן. אונגאַרן האָט געהאַט אַ סיים די פּאָליטישע לאַגע דאָ איז געווען ענלעכער צו דער לאַגע אין דייטשלאַנד כאָטש אין פרט קולטור איז אונגאַרן נישט געשטאַנען העכער פאַר עסטרייך בכלל. אין די קרוין-לענדער אין עסטרייך האָבן יידישע קהלות באַוויזן נאָר איין זאַך: הכנעהדיק בעטן דעם קייזער אָדער די אָרטיקע מאַכט, מ'זאָל גרינגער מאַכן, נאָכלאָזן דעם אָדער יענעם פרט רעכטלאָזיקייט, וואָס האָט שוין צופיל געדריקט און באַליידיקט; מייגסטנס האָבן זיי גאָרנישט ניט געפועלט.

אין די האַבסבורג'ס פיל פעלקערדיקער מאָנאַרכיע איז אַלץ געבליבן ווי געווען; געבליבן איז אויך נישט געריהרט די דרייגאָרנדיקע סיסטעם יידישע רעכטלאָזיקייט פאַר דייטשע יידן באַזונדער, פאַר סלאַווישע באַזונדער און פאַר אונגאַרישע באַזונדער. צו די דריי שטאָק איז איצט צוגעקומען אַ פערטער: דאָס איז פאַר די איטאַליענישע פּראָווינצן, וואָס דער ווינער קאָנגרעס האָט צוגעוואָרפן עסטרייך: די רעאַקציע האָט דאָ געהאַט צו ליקווידירן דעם פראַנצויזישן רעזשים פון בירגערלעכער גלייכקייט. מחמת די צוגעקומענע פּראָווינצן און דעם נאַטירלעכן וואוקס איז די יידישע באַפעלקערונג אין עסטרייך שטאַרק אויסגעוואַקסן און האָט סוף דער תקופה באַטראָפן אַ קעגן 700 טויזנט נפשות 1).

1) לויט בעכער'ס סטאַטיסטיק איז אין פאַרשידענע פּראָווינצן אין עסטרייך דאָס יאָר 1840 געווען אזא צאָל יידן (אין טויזנטער): אין בעהמען און אין מעהרען מיט שלעזיע 102 טויזנט, אין גאַליציע 283 טויזנט, אין אונגאַרן 262 טויזנט, אין די איטאַליענישע פּראָווינצן 7 טויזנט, אין נידערעסטרייך, טיראָל, דאַלמאַציע און אין די איבריקע ערטער—צו טויזנט. אַקעגן דער ציילונג דאָס יאָר 1803 (זע פריערדיקער באַנד § 26) איז די יידישע באַפעלקערונג אויסגעוואַקסן נאָרמאַל אין בעהמען און אין מעהרען, זי איז עטוואָס קלענער געוואָרן אין גאַליציע; אין אונגאַרן איז זי געוואָרן 3 מאָל אַזוי די גרויס. דער דאָזיקער שפּרונג נעמט זיך דערפון, וואָס דאָס יאָר 1803 איז נישט ריכטיק אָנגעגעבן די צאָל יידן אין אונגאַרן, יענע צייט איז נאָך דאָרט נישט געווען קיין מיליטער-צעטלען (מיליטער-פליכט האָט מען דאָרט איינגעפירט ערשט דאָס יאָר 1807), חוץ דעם זענען נאָך געווען ספּעציעלע פעלער ביים ציילן יידן אין עסטרייך. יעדנפאַל איז די ציילונג דאָס יאָר 1840 ריכטיקער, איידער די פריערדיקע. זע די טאַבעלע פון יאָר 1803 ביי וואָלף'ן (Geschichte der Juden in Wien, 112) און פון יאָר 1840 ביי יאָסט'ן (Neuere Geschichte, I, 324).

עסטרייכישע רעגירער האָבן אָבער געטאָן וואָס נאָר זיי האָבן געקאָנט, נישט דערלאָזן יידן וואַקסן: אין אייניקע פראָווינצן האָבן יידן נישט געטאָרט באַזעצן זיך לויטן געזעץ, אין אַנדערע פראָווינצן האָט מען זיי גלאַט געשטיקט און געדריקט. דאָס יאָר 1820 איז אַרויס דעם קייזערס אַדעקרעט (פראַנץ דעם 1-טנס) און האָט אָנגעזאָגט יידן, וואָס האָבן געגאַרט, מ׳זאָל זיי גרינגער מאַכן, אַז די אַלטע געזעצן בלייבן גילטיק: „מ׳האַרף נישט דערלאָזן, יידן זאָלן זיך מערן און פאַרשפרייטן, זיי דאַרפן פאַר קיין פאַל נישט „געדולדעט" זיין אויסער די פראָווינצן, וואָס מ׳האָט זיי צוגעלאָזט ביז איצט". מ׳דאַרף רעווידירן די אויסנאַם-געזעצן, וואָס גילטן פאַר יידן, ס׳זאָל זיין אין זיי איין געדאַנק, אָבער געווינטלעך צוגעפאַסט צו יעדער געגנט באַזונדער. דער „איינער געדאַנק" איז, „מ׳זאָל מאַכן אויס שעדלעך יידישע זיטן, יידישן לעבנסשטייגער, יידישע באַשעפטונגען: ביס לעכווייז זאָלן זיי זיך אויסגלייכן מיט די זיטן און מיטן לעבנסשטייגער ביי דער בירגערלעכער געזעלשאַפט". צו דעם צוועק איז דאָס בעסטע מיטל, פאָליציי זאָל זיך נעמען מ׳שן אין יידישן אינעווייניקסטן לעבן: 1) אין אַ געוויסער צייט אַרום וועט זיך פאָדערן פון אַ קאַנדידאַט אויף רב, ער זאָל צושטעלן אַ שיין, אַז „ער קען גרינדלעך פילאָזאָפישע וויסנשאַפטן און די לערע פון יידישקייט", קיין אַנדערע וועלן נישט צוגעלאָזט ווערן. 2) אין דערזעלבער צייט אַרום דאַרפן יידן דאַוונען און דרשענען אין די שולן אויף דייטש, אָדער אויף דער „לאַנדשפּראַך"; בכן דאַרף מען איבערזעצן יידישע רעליגיעזע ספרים אויף די דאָזיקע שפּראַכן. 3) יידישע קינדער דאַרפן לערנען אין קריסטלעכע שולן, חוץ דעם למוד פון דת. די דאָזיקע פונקטן פונם דעקרעט זענען גיכער געווען אַ השערה, איידער אַ געזעץ, דערהויפּט פונקט 2, וואָס האָט אָנגערירט דאָס רעליגיעזע געוויסן פון הונדערטער טויזנטער גלויבער און וואָס ס׳איז גאָר נישט מעגלעך געווען אויסצופירן ביי אָפּגעשטאַנענע עסטרייכישע יידן. די רעגירונג גופא האָט זיך אײַנגיכן אָפּגעזאָגט פון רעליגיעזע רעפאָרמעס מיט גוואַלט און האָט זיך צוריקגענומען פאַר איר אַלטער אַרבעט: פאַרהיטן די פריערדיקע שטראָף-געזעצן פאַר יידן, זיי זאָלן נישט געערירט ווערן; יידן זאָלן נישט צו פיל „טאָלערירט" ווערן.

דער בעסטער מוסטער פון דער עסטרייכישער „טאָלעראַנץ" איז, ווי אַזוי מ׳האָט באַהאַנדלט יידן אין דער רעזידענץ-שטאָט; בכלל איז ווין פאַר זיי געווען אַ פאַרבאָטן לאַנד, אַ חוץ פאַר אייניקע קאַטעגאָריעס. אין ווין האָבן געמעגט וואוינען, אַזוי ווי פריער, נישט מער ווי אַ קליינע גרופּע „טאָלערירטע" פאַמיליעס, וואָס יעדע האָט דערויף באַדאַרפט האָבן אַ דערלויב פונם קייזער אָדער פון דער הויף-קאַנצעלאַריע. אַזאַ דערלויב פלעגט מען געבן נאָר זייער רייכע לייט אָדער זייער פאַרדינטע לייט, און דערפאַר האָט מען געצאָלט אַ היפּש ביסל „טאָלעראַנץ-געלט". פריער האָט אַזאַ קאָנצעסיע געגאָלטן נאָר פאַרן לעבן פון דעם באַגליקטן, נאָך זיין טויט פלעגט מען צרויסטרייבן די אַלמנה און קינדער פון

ווין. דאָס יאָר 1837 האָט מען זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז שוין צו שטאַרק, און מ'האָט אָנגעהויבן לאָזן די פאַמיליעס פון די פאַרשטאָרבענע בלייבן דאָרט, וואו זיי האָבן באַגראָבן זייערע ליבסטע. די צאָל „פּריווילעגירטע" פאַמיליעס איז געוואַקסן אין ווין זייער לאַנגזאַם, דאָס יאָר 1847 איז קוים געווען 197 אַזוינע פאַמיליעס. אָבער דאָס, וואָס מ'האָט נישט געקאָנט דערלאַנגען אויפן גלייכן וועג, האָט מען דערלאַנגט אויף אַ קרומען וועג. לויטן געזעץ נאָך האָבן פּריווילעגירטע פאַמיליעס געמעגט צושרייבן צו זיך דינער יידן (קריסטן האָבן נישט געטאָרט דינען ביי יידן); אַ סך האָבן אויסגענוצט דאָס דאָזיקע הינטערטירל און האָבן זיך צוגעשריבן צו פּריווילעגירטע פאַמיליעס כלומרשט פאַר „מענטשן" ביי זיי, כדי אַזוי אַרום געניסן וואוינרעכט אין ווין. אין פּאָליציי-רייסטערס זענען זיי געווען פאַרשריבן פאַר עקאָנאָמען, לערער, בוכהאַלטערס, דערציער און דערציערינס, פאַר לאָקייען און קעכינס; אָנשטאָט זיי זאָלן באַקומען שכירות ביי זייערע „בעלי-בתים" פלעגן זיי נאָך צוצאָלן די „בעלי-בתים" פאַר צושרייבן זיך; דאָס האָט אָפט אָנגעטראָפן גאַנץ היפש. אין פּרט אָפּנאַרן דעם געזעץ האָט מען באַוויזן אמת'ע קונץ-שטיק. איינער אַ ייד מיט זיין פרוי זענען געווען צוגעשריבן צו'ן אַ „טאָלערירטער" פאַמיליע פאַר אַ „דערציער" און אַ דערציערין פאַר דער פאַמיליעס קינדער. מיט דער צייט זענען די קינדער אין יענער פאַמיליע אויסגעוואַקסן, פּאָליציי האָט זיך געקענט כאַפּן, אַז די „דערציערס" זענען איצט איבעריק; האָט מען זיך געפונען אַן עצה; די צוגעשריבענע האָבן געביטן זייער אמט: ער איז געוואָרן אַ „מזוזה-צושלאָגער" און זי איז געוואָרן אַ „פלייש-זאַלצערין". פּאָליציי האָט דערצו אויך נישט דערלייגט, און ס'איז ביי איר געווען רעכט.

חוץ פּריווילעגירטע, וואָס האָבן זיך פאַרוואָרבן שטענדיק וואוינרעכט אין ווין, איז דאָ געווען נאָך אַ קאַטעגאָריע: „איינוואוינער אויף אַ צייט". יידן האָבן געמעגט קומען געשעפטלעך קיין ווין נישט מער ווי אויף 14 טאָג: דערפאַר האָט מען געצאָלט „בילעטטאַקסע" פון צוויי ביז 4 פלאָרין. אין 14 טאָג אַרום האָט דער אָנגעפאָרענער געמעגט זיך משתדל זיין, מ'זאָל אים לאָזן דאָ בלייבן, אָבער נישט מער ווי אויף אַחודש; נאָכן חודש האָט שוין קיין זאַך נישט געהאָלפן, און דעם „גאַסט" פלעגט מען אַרויסבאַגלייטן. אָבער „אומטאָלערירטע" יידן, וואָס זענען געשטאַנען אין ווין מיט איין פוס, האָבן באַוויזן אַ קונץ צו מאַכן פון אַ ווייל אַמייל און בלייבן אין ווין. געוויינטלעך פלעגט מען אָפּטון אַזאַ שפּיצל: אַן אָנגעפאָרענער ייד, וואָס די צייט האָט זיך אים שוין אויסגעלאָזט, פאָרט אַרויס פון דער שטאָט דורך איין עק און פאָרט באַלד אַריין צוריק דורך אַן אַנדער עק. ביים נייעם שלאַגבוים ווייזט ער אַ פּאַס, אַז ער קומט ערשט קיין ווין, בכן קומט אים זיינע 2 וואָכן און דערנאָך אַחודש, אַזוי פלעגט מען פאָרן אַרויס און אַריין, און גאַנצע פאַמיליעס האָבן אויף דעם סמך געוואוינט אין ווין. אַמאָל פלעגט מען דאָס מאַכן מיט פּאָליציי נאָך פשוט'ער: אַ ייד „פאַרלאָזט"

ווין, גייט אָפּ עטלעכע טריט פונם שלאַגבוים און קערט זיך באַלד אום צוריק און ווייזט דעם שומר אַ פּאַס, נאָר וואָס געקומען צו פאָרן. די דאָזיקע צערע־מאָניע האָט שוין געהאַט ספּעציעל אַ נאָמען, דאָס האָט געהייסן: „גיין זיך כשר׳ן״. מיט דער צייט איז די צערעמאָניע געוואָרן אַ שפּיל אין בעלענדעניש: אָנשטאָט דעם „אַרויסגעשיקטן״ פלעגט דאָס טון פאַר אים עמיצער פון זיין הויזגעזונט, אָפט נאָך אַ קינד. דער געוויסער מאַטעמאַטיקער פּראָפעסאָר סימאָן שפּיצער דער־ציילט, ווי אַזוי ער האָט קינדווייז געטריבן די שפּיל. זיין פאָטער האָט געוואוינט אין ווין מיט אַ פאַמיליע פון צען נפשות. איינמאָל ווען ס׳איז געווען אַ טאָג פון „גיין זיך כשר׳ן״, האָט דער פאָטער קיין צייט נישט געהאַט צו גיין, האָט ער געשיקט זיין אַכטיאָריק ייִנגל, דעם קינפטיקן באַרימטן פּראָפעסאָר. דאָס ייִנגל איז דורך די „ליניע״, אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט פון שלאַגבוים, נאָכדעם האָט ער זיך אומגעקערט, אָפּגעגעבן דעם שומר דעם פּאַס און דאָס געלט. ווי דער שטייגער איז, האָט מען אויסגעפרעגט דאָס ייִנגל: „וויפיל ביזטו אַלט?״. דאָס ייִנגל האָט געהאַלטן קאָפּ, אַז איצט איז ער דער פאָטער, און האָט געענטפערט מיט שטאַרקייט: 54 יאָר:—„אַ באַווייבטער אָדער אַ בחור?״—„אַ באַווייבטער!״— וויפיל קינדער האָסטו?—„אַכט!״—. אַלץ, הייסט דאָס, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, און מ׳האָט פאַרשריבן אַ נייע אָנגעפּאַרענע פאַמיליע „אויף אַ צייט״.

אויף אַלע ייִדן אין ווין האָט שטאַרק אַכטונג געגעבן אַ באַזונדער פּאָלי־ציי — דער „יודענאַמט״. דאָ איז שטענדיק פול געווען: ווער ס׳קומט מיט אַ ביט וועגן וואוינרעכט, ווער מיט געלט אָפּצאָלן די „בילעט־טאַקסע״! דאָ רעכנט מען זיך אויך אָפּ מיט „געכאַפּטע״, וואָס זענען נישט געמעלדעט, אָדער מיט די, וואָס האָבן איבערגעכאַפּט זייער צייט: דער „יודענאַמט״ האָט געהאַט אייגענע שפּיאָנען, זיי פלעגן אַרומלויפן איבער דער שטאָט, נישטערן, פּאַקן אַ חשוד׳ן אַ אָרעמען ייִדן. די דאָזיקע פּאָליציי־אַגענטן פלעגן מאַכן „אָבלאַוועס׳ ביי נאַכט, אַריינרייסן זיך אין ייִדישע הייזער און אַכסניות, און שלעפּן אין „יודענאַמט״, איבערגעשראָקענע ייִדן קאָנטראָלירן, וואָס פאַר אַ וואוינרעכט האָבן זיי אין ווין. מ׳פלעגט אָפּט באַפאַלן די שול אויך און מאַכן אַ ווייזיט צו „טאָ־לערירטע״ ייִדן אויך: אַ חשד, טאָמער באַהאַלטן זיי אויס „טרפע״ ייִדן. האָט מען וועמען „געפּאַקט״, פלעגט מען אומדערבאַרמדיק אַרויסטרייבן פון שטאָט מיט אַ פּאָליציי־וואַך, מענער און פרויען, קינדער און קראַנקע, הויל און בלויז אין די גרעסטע קעלטן. געהאָלפן האָט נאָר אַ מטבע: און קומט אַן אָרעמער ייִד קיין ווין עפּעס פאַרדינען, מוז ער אַוועקגעבן דעם לעצטן גראָשן דער באַנדע פונם „יודענאַמט״.

אין ווין איז אַלע ייִדן געווען פאַרווערט צו וואוינען: עסטרייכישע פּינקט חוי אויסלענדישע ייִדן. איין אויסנעם איז געווען פאַר טערקישע ייִדן: טערקיי האָט געהאַט דערויף אַן אַלטן אָפּמאַך מיט עסטרייך. טערקיי האָט זיך שטאַרק געשטעלט פאַר אירע אונטערטאַנען אָן אונטערשיד פון רעליגיע; ווינער רעגי־

רונג האָט נישט געוואָלט האָבן קיין דיפּלאָמאַטישע סכסוכים, בכן האָט זי געמוזט געבן פרעמדע אונטערטאַנען אַזוינע רעכט, וואָס היימישע האָבן זיי נישט געקאָנט געניסן. יידן האָבן זיך באַלד געכאַפּט און זענען געוואָרן טערקישע אונטערטאַנען, אָדער פשוט פאַרווערבט זיך „טערקישע פּעסער", און געוואוינט און געהאַנדלט אין ווין. איבערן האַלטן ווין פאַרמאַכט פאַר יידן איז דער עסטרייכישער רעגירונג אויסגעקומען צו הערן ברוגזע פּראָטעסטן פון פאַרטרעטער פון פרעמדע מלוכות. דער פראַנצויזישער געזאַנדטער האָט געשראָקן, אַז אויב מ'וועט נישט אַריינלאָזן פראַנצויזישע יידן קיין ווין, וועט פראַנקרייך נישט אַריינלאָזן צו זיך קיין עסטרייכישע יידן; די רעאַקציע האָט דאָס מאָל געמוזט נאָכגעבן. ווען מ'האָט פאַרבעטן דעם געוויסן קאָמפּאָזיטאָר מעיערבער קיין ווין, האָט ער געענטפערט, אַז ער וויל נישט זיין קיין גאַסט ביים „יודענאַמט" און צאָלן די שענדלעכע „ביליעטן-טאַקסע". ווינער רעגירונג האָט אויף גיך צו-וויסן געגעבן דעם קאָמפּאָזיטאָר, אַז פּאָליציי וועט אים באַגעגענען אַלס אַ „קאַוואַליער", נישט אַלס יידן.

דאָס יאָר 1835, נאָך פראַנץ דעם 1-טן, איז אַרויף אויפן טראָן פערדינאַנד דער 1-טער, אָבער אין דער יידישער לאַגע האָט זיך דערפון גאָרנישט געביטן. דער נייער קייזער האָט זיך מחמת קרענקלעכקייט נישט געמישט אין מלוכה-פירונג; די רעגירונג ווידער האָט שוין געהאַט אַן אויסגעטראָטענעם וועג: נאָר וואָס מ'האָט דערלויבט אַלמנות און יתומים בלייבן אין ווין נאָך דעם פאָטערס טויט, אָבער די זעלבע צייט (1837) איז אַרויס אַ קייזערלעכער דעקרעט: נישט אַלע מעגן זיך משתדל זיין — ווערן „טאָלערירטע" יידן; דאָס קאָנען טון נאָר אַזוינע, וואָס קאָנען באַווייזן, אַז „זיי זענען העכסט מאָראַליש, זיי זענען געבילדעט, פאַרמעגלעך, און האָבן פאַרדינסטן אַקעגן פאָטערלאַנד".

פּריווילעגירטע, וואָס האָבן זוכה געווען, מ'זאָל זיי אַריינלאָזן אין ווינער גן-עדן, דאַרפן צאָלן „טאָלעראַנץ-טאַקסע", אַמאָל ביז 200 פלאָרין אַ יאָר, חוץ אַנדערע שטייערן. אָפּגעצאָלט כדבעי פאַר וואוינרעכט אין ווין, הייסט דאָס נאָך נישט, אַז מ'מעג זיך באַשעפטיקן מיט וואָס מען וויל. יידן אין ווין האָבן זיך נישט געטאָרט באַשעפטיקן מיט קליינהאַנדל, און צעכן האָט מען זיי נישט צוגענומען. יידן האָבן נישט געטאָרט האַלטן קיין אַפּטייקן אין גאַנץ עסטרייך. יידן-דאָקטוירים האָבן נישט געקאָנט פריי פּראַקטיצירן: בדרך כלל האָבן זיי געמעגט היילן נאָר יידן, אָבער נישט קיין קריסטן. אַ יידישע אַקושערקע האָט מען געמעגט רופן צו אַ געווינערין אַ קריסטין נ"ר אין דעם פאַל, אויב אַ קריסטלעכע אַקושערקע אין דעם ראַיאָן קאָן נישט קומען צו דער צייט און ס'איז אַ געפאַר פאַר דער געווינערין, ווען מען זאָל פאַרשפּעטיקן. יידן, וואָס האָבן געענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט מיטן טיטל „דאָקטאָר יוריס", האָט מען נישט צוגעלאָזט אין אַדוואָקאַטן-שטאַנד אַזוי לאַנג ווי זיי בלייבן יידן. דערווייל איז געוואָרן אַלץ מער יידן מיט אוניווערסיטעט-בילדונג, וואָס האָבן געטויגט צו ליבעראַלע פראַ-

פעסיעס. גימנאזיעס און אוניווערסיטעטן האָבן געבאַקן יידישע אינטעליגענטן, וואָס זיי זענען פאַרפרעמדט געוואָרן צום פאָלק. ווען אַזוינע אַסימילירטע אינטעליגענטן שטערט זייער יידישקייט אין וועג, רוימען זיי אָפּ די דאָזיקע מניעה: זיי שמד'ן זיך. אַ מוסטער האָבן זיי שוין געהאַט פאַר זיך: די יידישע אינטעליגענץ אין דייטשלאַנד.

די סיסטעם דריקן און שטיקן יידן איז געבליבן פעסט ביזן סוף תקופה רעאַקציע. אין איין פּרט האָט די רעגירונג נאָכגעלאָזט: דאָס יאָר 1846 האָט מען אָפּגעשאַפט די באַליידיקדיקע צערעמאָניע פון דער יידישער שבועה אין געריכט (דער ריכטער פלעגט מוסר'ן דעם שווערער, ער זאָל נישט שווערן פאַלש, ער זאָל זיך נישט פאַרלאָזן דערויף, וואָס דער יידישער גאָט דערלאָזט שווערן פאַלש „אין געריכט פון קריסטן, וואָס יידן האַלטן זיי אַלע פאַר געצנדינער"), אָבער נאָך דעם איז פאַר יידן נאָך אַלץ געבליבן אַ ספּעציעלע שבועה, נישט די שבועה וואָס פאַר אַלע בירגער.

§ 16. די סיסטעם אונטערדריקונג אין בעהמען, מעהרען און אין גאַליציע.

שטאַרק געדריקט איז געווען די לאַגע פון די געדיכטע יידישע מאַסן אין בעהמען, מעהרען און אין גאַליציע. דאָ האָט דער עסטרייכישער דעספּאָטיזם געווילדעוועט ווי ווייט ער האָט געקאָנט. אין די ערשטע צוויי פּראָווינצן איז געווען איינגעפירט אַ געוויסע נאָרם פאַר דער צאָל יידישע באַפעלקערונג1) און ביי דעם האָט מען זיך געהאַלטן פעסט. דאָ האָט די רעגירונג געהאַט נאָר איין זאָרג: די צאָל יידישע פאַמיליעס זאָל זיך נישט מערן און פון דער דאָזיקער צאָל זאָל מען אויסצאַפּן וואָס מער פאַר דער קרוינקאַסע. די רעגירונג האָט געזען, אַז יידן זאָלן זיך נישט פאַרשפּרייטן אין די דאָזיקע ראַיאָנען און האָט געמאַכט אַ „תחום אין אַ תחום". אין פּראָג (אין בעהמען) זענען יידן נאָך אַלץ געווען פאַרשפּאַרט אין זייער געטאָ. און נאָר געציילטע „מוצלחים" האָבן זוכה געווען צו־וואוינען אין די „קריסטלעכע גאַסן". אין אַ סך שטעט האָט מען יידן בכלל נישט אַריינגעלאָזט; אין אַזוינע גרויסע האַנדל־צענטערן אין מעהרען, ווי ברין, אָלמיוטץ און צנאַאים,— האָבן יידן געמעגט קומען נאָר אויף ירידים און וואוינען דאָרט אין ספּעציעלע איינפאָרהייזער הינטער דער שטאָט. יעדע נייע פאַמיליע, וואָס האָט זיך געוואָלט באַזעצן אין בעהמען און אין מעהרען, אין דער „נאָרם", האָט באַדאַרפט באַקומען דערויף אַ ספּעציעלע „קאָנצעסיע" און דערפאַר האָט מען געמוזט טייער

1) פּריערדיקער באַנד § 7

באַצאָלן. אָבער אַרויס פונם לאַנד אַ „געזעצלעכער" פאַמיליע—האָט אויך נישט ביליק געקאָסט: צו באַקומען אַ פּאַס אויף אַרויסצופאָרן פונם לאַנד האָט יעדער עמיגראַנט געמוזט אָפּצאָלן 15—20 פּראָצענט פון זיין קאַפּיטאַל, די קרוין זאָל זיך ממלא זיין, וואָס זי ווערט אָן פון אַ מעלקעדיקער קוה אַ שטייער-צאָלער, אָדער די קהלה זאָל גאַראַנטירן, אַז זי וועט אַריינטראָגן שטייערן פאַרן אָפּגעפּאָרענעם. אין מעהרען איז געווען אַ שטייער אפילו אויף צייטווייליק אָפּפאָרן (Entfernungssteuer). פון יידן האָט מען גענומען אַזעלכע שטייערן (Judensteuer) אין ביידע פּראָווינצן: אַ שטייער פון פאַרמעגן, פון דער פאַמיליע, און פון כשר פלייש. דאָס זענען געווען די וויכטיקסטע שטייערן; חוץ דעם האָט מען נאָך גע-ריסן פאַר חתונות, פאַר וואוינרעכט, פאַר אַרויספאָרן. פאַר קרוינשטייערן איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך די גאַנצע קהלה; טאָמער האָט איינער נישט געצאָלט פּינקטלעך, פלעגט פּאָליציי שרעקן מיט פאַרמאַכן שולן און אַפילו מיט מיליטע-רישע עקזעקוציעס. דאָס יאָר 1840 האָבן זיך קהלות געקלאָגט: די לאַסט פון שטייערן איז נישט איבערצוטראָגן, אַ סך שטייער-צאָלער צעלויפן זיך מחמת דעם אין אַנדערע לענדער. דערויף האָט דער קייזער געענטפערט: „אויב איין ייד בלייבט נאָך אין לאַנד, דאַרף ער צאָלן שטייערן פאַר אַלעמען". ערשט דאָס יאָר 1846, ווען ס׳האָט זיך שוין געפילט, אַז די רעוואָלוציע איז נאָענט, איז אַרויס אַ קייזערלעכער דעקרעט, מ׳זאָל ביסלעכווייז, משך זיבן יאָר אָפּשאַפן די ספּעציעלע יידישע שטייערן.

אין בעהמען און אין מעהרען האָט נאָך געגאָלטן דער אַלטער געזעץ וועגן יידישע חתונות מיט דעם צוועק, יידן זאָלן זיך נאַטירלעך נישט מערן; אָבער דער נאַטירלעכער אינסטינקט האָט זיך געפינען אַן אויסוועג. היות ווי „געזעצ-לעך" חתונה האָבן מיטן הסכם פון דער מאַכט האָבן געמעגט נאָר געציילטע „מוצלחים", אַזעלכע, וואָס האָבן באַקומען דערויף קאָנצעסיעס, וואָס האָבן געהאַט אַ וואַקאַנסיע אין דער „נאָרם" און האָבן אויסגעהאַלטן עקזאַמען פון האָמבערג׳ס קאַטעכיזיס, האָבן יידן גענומען מאַכן „שטילע חתונות" „על פי דת משה וישראל" נאָר אָן דער פּאָליצייס הסכם. די רעגירונג האָט געווילדעוועט קעגן אַזאַ „אומ-געזעץ", טאָמער האָט מען געכאַפּט אַזאַ „אומגעזעצלעכע" חתונה, האָט מען גע-הייסן דעם רב געבן אַ גט, צעשיידן קינדער מיט עלטערן. רבנים, וואָס האָבן „אומגעזעצלעך" געגעבן חופה וקדושין, און דאָס פּאָר-פאָלק אויך, האָבן געלעבט אין שטענדיקער שרעק, מ׳זאָל זיי נישט שווער באַשטראָפן פאַר דעם „פאַר-ברעך".

אין גאַליציע, אין דעם געדיכטעסטן טייל עסטרייכישן מצרים, האָט דער רעגירונגס דעספּאָטיזם איבערגעטון מיט די אָפּגעשטאַנענע, פּאָליטיש אומאַנט-וויקלטע יידישע מאַסן, וואָס ער האָט געוואָלט; ס׳איז נישט געווען ווער ס׳זאָל אים שטערן. קודם כל האָט די קרוין אומדערבאַרמדיק געראַבירט די דאָזיקע מאַסן, מ׳האָט פון זיי געריסן אַריבער 700 טויזנט גולדן אַ יאָר ספּעציעל יידישע שטייערן.

אין גאַליציע איז געווען צחיי „יידישע שטייערן“: פון פלייש און פון ליכט. מחמת דעם שטייער אויף כשר פלייש (Koscherfleischgefälle) האָט יידן פלייש געקאָסט דאָפּלט וויפיל קריסטן, פאַר די אָרעמע קלאַסן איז דאָס געוואָרן א לוקסוס־זאַך און זיי האָבן געדאַרט. דער ליכט־אָפּצאָל, אַן אויפטו פון בלוטזויגער פאַררעטער 1), האָט שווער געטראָפן אַ יידישע רעליגיעזע באַדערפעניש. פון יעדער ליכטל, וואָס מ׳ברענט אין שטוב אָדער אין שול פרייטאָג־צונאַכטס, יום־טוב, אָדער אויף חתונות און יאָרצייטן, האָט מען גענומען שטייער פון 5 ביז 30 קרייצער. דעם דאָזיקן שטייער איז געווען אַסך שווערער איבערצוטראָגן, מיט פלייש האָט אַ ייד געהאַט אַ ברירה: הונגערן און נישט צאָלן; אָבער אָן ליכט האָט זיך אַ יידישע פאַמיליע נישט געקאָנט באַגיין: מ׳האָט געמוזט בענטשן ליכט, מ׳האָט געמוזט שטעלן ליכט צו יאָרצייט. נאָך שווערער איז געווען איבערצוטראָגן די צוויי שטייערן, וואָס געווייגטלעך פלעגט מען זיי אָפּגעבן אין אַרענדע יידן. דער בעל־טאַקסע, מייסטנס אַן אָרטיקער תקיף און אַ בלוט צאַפּער, האָט געניש־טערט און געזובט, דער קרויגס און זיינס זאָל גישט גיין פאַרלאָרן; ער האָט געהאַט צוהילף פּאָליציי. די דאָזיקע בלוטצאַפּער זענען רייך געוואָרן פון יידישער אָרימקייט און פיין און פלעגן הערשן איבער דער קהלה, זיי זענען געווען די גבאים און האָבן זיך געפירט אין די קהלות ביד רמה. דער וואַל־צענז אין דער קהלה איז געווען לויט די צאָל בענטש־ליכט וואָס מ׳צאָלט פאַר זיי דעם בעל־טאַקסע (אויף אויסגעקליבן ווערן פאַר אַ פרנס אין דער קהלה האָט מען באַדאַרפט האָבן אַ צענז פון 7—11 בענטשליכט), ממילא האָבן שוין דאָ געהאַט די אויבערהאַנט די רייכערע, וואָס האָבן זיך געקאָנט פאַרגינען אַ גרויסע אילומינאַציע פרייטאָג־צונאַכטס. דער בעל־טאַקסע, וואָס האָט געוואָלט האָבן פאַר פרנסים איי־גענע מענטשן, האָט געהאַט דערצו אַ מיטל: זיינע קאַנדידאַטן פלעגט ער צושרייבן וואָס מער „באַשטייערטע ליכט“, ממילא זענען זיי געוואָרן פרנסים און ער—בעל־הבית אין דער קהלה. אַזוי איז דער גיפט פון דעספּאָטיזם דורך אין דער קהלה פון דער רעגירונגס־סיסטעם און פאַרסמט דאָס יידישע פאָלקסלעבן.

חוץ די אָנגעוויזענע הויפּט־שטייערן איז אין גאַליציע געווען נאָך בייִשטייערן: אַ „שטעמפּל־צאָפּצאָל“ אויף צו מאַכן אַ מנין ביי זיך, אַן אָפּצאָל פאַר באַזעצן זיך אין אַ ניי אָרט און אַן צאָפּצאָל פון חתונות. דער לעצטער אָפּצאָל איז געווען דער שווערסטער. דאָ זענען געווען דריי מדרגות לויט דעם צאָלער׳ס פאַרמעגן. סוחרים, וואָס פאַרדינען מער פאַר 400 פלאָרין א יאָר, האָבן געצאָלט פאַר אַ פּאָליציי־קוויטל אויף התונה־מאַכן דעם ערשטן זון 30 דוקאַטן, פאַרן צווייטן זון—60 דוקאַטן, פאַר׳ן דריטן—90 און אַזוי ווייטער אַלץ מער. אַ טאַקסע איז געווען אַפילו פאַר די אָרעמסטע, פאַר בעלי־מלאכות און אַרבעטער: 3 דוקאַטן פאַרן ערשטן זון, 6 פאַרן צווייטן א. אַ. וו. דעם דאָזיקן שטייער האָט מען צו־

1) פריערדיקער באַנד 3 [illegible]

געקלערט מיט דעם צוועק „אָרעמע זאָלן זיך נישט מערן“. דאָ האָט די טאַקסע געזאָלט אויפטון דאָס אייגענע, וואָס די „נאָרם“ אין בעהמען און אין מעהרען. דער פרומפאַרצייטיקער גאַליצישער ייד האָט זיך געחייַנטלאַך נאָך ווייניקער פאַרן בעהמישן יידן גערעכנט מיט דער פּאָליציי'ס השגחה אויף דער מצוה „פּרו ורבו“, און ער פלעגט זיך טון אַן עצה. דער גרעסטער רוב יידן פלעגט מאַכן שטילע „חתונות“ לויט דעם יידישן דין און אָן אַ הסכם פון „קרייז־באַפעלער“. שטילע, „אומגעזעצלעכע“ חתונות איז געווען דער כלל, „אָפיציעלע“ חתונות איז געווען אַן אויסנעם. דאָס יאָר 1825 למשל איז אין גאַליציע אַפיציעל רעגיסטרירט געווען 137 „געזעצלעכע“ יידישע חתונות, דאָס יאָר 1830 — 119 חתונות. דאס איז געווען אַ נישטיקער טייל אַקעגן דער גרויסער צאָל חתונות ביי 300 טויזנט גאַליצישע יידן, וואָס פאַרזיצן האָט ביי זיי געהייסן כמעט אַ זינד. אויף צו להכעיס אַלע אויפטוען פון דער עסטרייכישער רעגירונג האָט דער יידישער קבוץ אין גאַליציע געהאַלטן אין איין וואַקסן, אָבער געוואַקסן איז די אָרעמקייט אויך, די שרעקלעכע „גאַליצישע אָרמקייט“, וואס האָט נישט איר גלייכן, סיידן אין די ערגסטע עקן אין געווזענעם יידישן „תחום“ אין רוסלאַנד. ערגער פאַר אַלץ איז געווען, וואָס גאַליצישע יידן זענען געווען עקאָנאָמיש געבונדן, די צענטראַלע רעגירונג און פוילישע באַפעלהאָבער אין שטעט און אין שטעטלאַך האָבן גוט אַכטונג געגעבן, יידן זאָלן זיך נישט באַשעפטיקן מיט פראָפעסיעס, וואָס זיי איז פאַרווערט (און פאַרווערט געווען איז זיי זייער אַסך); דאָס האָט ראַינירט גאַליצישע יידן ביז גאר.

צו דער לאַסט פון שטייערן און צום עקאָנאָמישן יאָך קומט נאָך צו אַ שווערע קולטורעלע פיין. די אומדערבאַרמדיקע עסטרייכישע צ ע נ ז ו ר האָט נישט געשוינט אַפילו קיין אַלטע יידישע רעליגיעזע ספרים. אין גאַליציע אַ שטייגער האָט מען נישט געטאָרט דרוקן קיין סדורים, מחזורים וכדומה אָן אַ דייטשער איבערזעצונג, בכן האָבן יידן געמוזט דרוקן אַזוינע ספרים אין געהיימע דרוקן אָדער אַריינפירן זיי קאָנטראַבאַנד פון רוסלאַנד. ס'זענען נאָך געבליבן מיטלאַלטערישע בגישות: שולן, למשל, האָבן נישט געטאָרט זיין העל באַלויכטן, יידן האָבן נישט געטאָרט מאַכן קיין פראָצעסיעס מיט שטורקאַצן, זיי האָבן זיך נישט געטאָרט ווייזן אין גאַס בעת קריסטליכע קירך־פראָצעסיעס. ס'האָט נישט געפעלט קיין עלילת־דם אויך (אין טאַרנאָווער קרייז די יאָרן 1829—1844 און אין אַנדערע ערטער); געוויינטלאַך האָט זיך יעדעס מאָל אַרויסגעשטעלט ביי דער אויספאָרשונג, אַז שולדיק זענען די באַשולדיקער גופא—ס'רוב אָפּגענאַרטע מוטערס פון „אומגעזעצלעכע“ קינדער, וואָס זענען אַליין באַגאַנגען דעם מאָרד. ווי רעאַקציאָנער די עסטרייכישע רעגירונג איז נישט געווען, האָט זי דאָך נישט נאָכגעגעבן קיין עלילת־דם־העצע און האָט דערמיט נישט געטריבן קיין יידנפיינטלעכע פּאָליטיק.

אין איין ווינקל אין גאַליציע, אין קראָקעווער פרייער רעפּובליק, וואָס דער ווינער קאָנגרעס האָט באַשאַפן, האָבן 15 טויזנט יידן געהאַט אויסצושטיין

א באזונדער מין קנעכטשאפט. דא האט זיך דער סענאט (באשטאנען פון פני) אויף גיך אפגעפארטיקט מיט דער אלטער יידישער קהלה־אויטאנאמיע. דאס יאר 1817 איז ארויס א נייער „סטאטוט פאר איינארדנען יידן": מ'האט אפגעשאפט קהל, מ'האט ארויסגעזעצט „קאזיאנע" ראבינער פסקענען שאלות און פאר־חתונות און גטין, מ'האט פארמאכט די חדרים און מ'האט געצוואונגען יידישע קינדער גיין אין פוילישע שולן; חתונה־האבן האבן געמעגט נאר יונגע־לייט מיט א היפשער געלט־גאראנטיע און מיט א פוילישן אדער מיט א דייטשישן בילדונג־צעטל. יידן האט מען דא געשלאגן מיט ביידע שטעקנס: מ'האט זיי מיט גוואלד געוואלט אסימילירן זיך לשם בירגערלעכקייט און אין דערזעלבער צייט האט מען זיי פאר קיין בירגער נישט געהאלטן: די געדיכטע יידישע קהלה האט ווי פריער געשמאכט אין ענגן געטא קאזימיר ביי קראקע; באזעצן זיך אין שטאט האט א ייד באדארפט האבן א באזונדער זכיה: זיין א קאפיטאליסט, אדער וויניקסטנס א בארימטער קינסטלער, א געלערנטער; יידן האבן אפילו נישט געטארט פריי האנדלען אויסער דער געטא. יידן אין קראקעווער קרייז האבן נישט געקאנט פטור ווערן פונם דאזיקן צווייגארנדיקן מאטעריעלן און גייסטיקן יאך שפעטער אויך, נאך דעם ארטיקן פוילישן אויפשטאנד דאס יאר 1846. די „פרייע רעפובליק" איז געווארן אויס, זי איז געווארן א טייל גאליציע, און קראקעווער יידן זענען געווארן קנעכט אין גאליציע. דאס האט אבער געדויערט נישט לאנג: די רעוואלוציע מערץ 1848 האט א סך געענדערט די גארע יידישע לאגע אין עסטרייכישער מאנארכיע.

§ 17. די עמאנסיפאציע־באוועגונג אין אונגארן. די איטאליענישע פראווינצן.

בעת די עמאנסיפאציע־באוועגונג פון דייטשלאנד האט זיך נישט איבערגעווארפן נאענט בשכנות אויף עסטרייך, און אפילו נישט אויף די פראווינצן, וואס האבן געצויגן צו דייטשער קולטור, האט זי דאך באוויזן צו טרעפן ווייטער, קיין אונגארן. אין אונגארן האט זיך וויניקער געפילט דער דרוק פון עסטרייכישער ביוראקראטיע, פאליטיק האבן דא געמאכט נישט דווקא קאנצעליאריעס, נאר דער סיים אויך; דא האט סיי די יידישע, סיי די קריסטלעכע געזעלשאפט שוין פון לאנג אן געפרובט קעמפן קעגן יידישער רעכטלאזיקייט. די דאזיקע באפריי־באוועגונג איז שטארקער געווארן נאך דעם יאר 1830: אויף אונגארן האט זיך איבערגעווארפן די פאליטישע באוועגונג פון אייראפע, בעת עסטרייך איז געבליבן אין איר רעאקציאנערן היבערפלעט. אינם באפריי־קאמף פון אונגארישן פאלק, וואס פאר דער רעוואלוציע דאס יאר 1848, האט זיך

צונויפגעפלאָכטן אַ פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע באַוועגונג. אין די זעמסקי (קאָמי-
טאַטישע) פאַרזאַמלונגען און אין סיים האָט מען שטאַרק דעבאַטירט פראַגן וועגן
נאַציאָנאַלע רעכט פאַרן אונגאַרישן פאָלק, וועגן אָפּשאַפן דעם אַדלס פּריווילע-
גיעס, באַפרייען די פּויערים פון פּאַנשטשיזנע און דעסגלייכן. מ'האָט אָנגערירט
די יידישע פראַגע אויך. ביי דער וואַל-קאַמפּאַניע צום סיים די יאָרן 1839—40 1
האָבן אַ סך קאָמיטאַט-פאַרזאַמלונגען געגעבן די סיים-דעפּוטאַטן ליבעראַלע אינ-
סטרוקציעס. דער פעשטער קאָמיטעט האָט אָנגענומען אַזאַ רעזאָלוציע: „היות ווי
די איצטיקע יידישע לאַגע שטימט נישט מיט דעם הומאַניטאַרן גייסט פונם
19,טן יאָרהונדערט וואָס האָט גובר געווען אַ סך פאָראורטיילן און חוץ דעם
שטערט דאָס שטאַרק די אינטערעסן פון דער מלוכה, דעריבער דאַרף מען
אַרייגטראָגן אין נאָנטסטן סיים אַ פאָרשלאַג, אַז די יידישע רעליגיע זאָל אָנער-
קענט ווערן געזעצלעך און אירע אָנהענגער זאָלן געניסן אַלע בירגעררעכט".
די ערשטע זאַך איז דאָ געווען, יידן זאָלן מעגן פאַרווערבן דאָרף-נחלאות. אין
סיים, וואו די ליבעראַלע פּאַרטיי האָט געהאַט אַ מערהייט, האָט מען אַדורכגע-
פירט אַ געזעץ, יידן זאָלן מעגן פאַרווערבן אַקער-ערד.

דעם סיים'ס ליבעראַלע שטימונג האָט צוגעגעבן מוט דער יידישער גע-
זעלשאַפט. אויף דער איניציאַטיוו פונם פעשטער ראַבינער שוואַב זענען זיך
אין פעשט אָנהויב יאָר 1840 צונויפגעקומען פאַרטרעטער פון פאַרשידענע אונ-
גאַרישע יידישע קהלות, צו באַטראַכטן די וועגן ווי אַזוי צו קעמפן פאַר גלייכ-
באַרעכטונג. די פאַרזאַמלונג האָט אויסגעקליבן פיר דעפּוטאַטן און האָט זיי
געשיקט קיין פרעסבורג דערלאַנגען אַ פּעטיציע דעם סיים. אין דער פּעטיציע
איז געזאָגט, אַז די יידישע געזעלשאַפט זעט אַקעגנקומען דעם ליבעראַלן צייט-
גייסט, וואָס איז אַרויסצוזען אין סיים, און איז גרייט טון אַלע מיטלען אויפצו-
הויבן דעם קולטור-שטאַנד פון דער פאָלקסמאַסע; אָבער דער סיים און די רע-
גירונג דאַרפן פון זייער זייט טון אַלץ, וואָס איז מעגלעך אַראָפּצונעמען פון
יידן דעם יאָך רעכטלאָזיקייט, וואָס רופט זיך אָן זייער שעדלעך אויף
זייער עקאָנאָמיש און גייסטיק לעבן. דאָס איז נאָך נישט געווען קיין פאָדערן
גלייכבאַרעכטונג, דאָ האָט מען געבעטן נישט מער ווי פאַרגרינגערן דעם יאָך.
דער סיים האָט אַרויסגעוויזן אַ מיטגעפיל צו אַזוינע באַשיידענע השגות. מערץ
דאָס יאָר 1840 האָט דער סיים אָנגענומען דובראָווצקי'ס, אַ פעשטער דעפּו-
טאַט'ס, פירשלאַג גלייכבאַרעכטיקן יידן מיט די איבעריקע נישט-אַדל-שטאַנדן; קודם
כל זאָל אָפּגעשאַפט ווערן דער טאָלעראַנץ-שטייער, דער שענדלעכסטער סימן פון
יידישער רעכטלאָזיקייט. דער סיים האָט דערלאַנגט זיין רעזאָלוציע דער מאַגנאַטן-
קאַמער מיט אַ דערקלערונג („נונציום"); דאָ האָט זיך שוין געלאָזט הערן אַ שטים
פון אַ באַליידיקט געוויסן: „דער קלאַס, וואָס די געזעצגעבונג האָט אים אַזוי
שווער פאַריאָכט, וואָס אים קומט אויס אויסצושטיין אין געזעלשאַפטלעכן לעבן
אַזויפיל דערנידערונג און וואָס ביז היינט נאָך העלפט נישט זיין אַפּעלירן צום

געזונטן פאַרשטאַנד און צו מענטשלעכקייט, מ׳זאָל אים פאַרגרינגערן זיין לאַגע, דער דאָזיקער קלאַס קאָן מיט רעכט פאָדערן, אַז די מלוכה, וואָס שטיקט אים, זאָל אים סוף כל סוף לאָזן געניסן פון איר וואויל. ס׳איז אַ זאַך פון גערעכטיקייט, אַז יידן זאָלן האָבן רעכט, גלייך מיט אלע בירגער, וואָס טראָגן אויף זיך געזעלשאַפטלעכע פליכטן. זאָל מען זיי פריי לאָזן אַלע קוועלן פון ערלעכער אַרבעט, וועלן זיי האָבן דיזעלבע אינטערעסן, וואָס אַלע בירגער. זאָלן אויסגעמעקט ווערן פונם געזעץ=קאָדעקס אַלע באַליידיקנדיקע צונעמען, און זאָל ווערן אַ סוף צו דער אַדמיניסטראַציעס באַליידיגנדיקע אויפטועןן! מיר האַלטן די יידן, וואָס וואוינען מיט אונז אין לאַנד, נישט פאַר קיין פרעמד פאָלק פאַר אונז, נאָר פאַר אַ רעליגיעזער געמיינשאַפט, וואָס נאָר פאַר דער אמונה האָט מען ביי איר אָפּגענומען אירע בירגעררעכט, און מיר מיינען, אַז דער אויפקלערונג=גייסט וועט שוין איצט אָנהויבן פאַרגלעטן יעדע אומפריינדלעכקייט פון קריסטן צו יידן, וואָס מיר האָבן דאָס צו פאַרדאַנקען די פאַראורטיילן ביי בײדע צדדים. אָנהויבן דאַרף מען שוין איצט; די געזעצגעבונג דאַרף די ערשטע זאָגן דאָס גרויסע שלום=וואָרט: „בירגעררעכט!״. דעם 31 מערץ האָט די מאַגנאַטן=קאַמער באַהאַנדלט דעם סיימס רעזאָלוציע. אַ סך מאַגנאַטן האָבען אויך געהאַלטן פון גלייכבאַרעכטונג פאַר יידן; באַראָן י ו ס ף ע ט וו ע ש איז דעמאָלט אַרויס אין דער ליטעראַטור פאַרטיידיקן יידישע עמאַנסיפּאַציע. אָבער דער רוב מאַגנאַטן האָט געהאַלטן פון בהדרגה׳דיק פאַרבעסערן די יידישע בירגערלעכע לאַגע; די פאָרמול: „געבן יידן גלייכע רעכט מיט די נישט=אדל=שטאַנדן״ האָט זיי אויסגעזעען צו אַלגעמיין און צו אומקלאָר. די מאַגנאַטן=קאַמער האָט דעריבער אָפּגעענטפערט דעם סיים אין אַ„רעגונציום״, אַז מ׳דאַרף רעדן וועגן קאָנקרעטע רעפאָרמעס, דערווייל איז גענוג, מ׳זאָל אָפּשאַפן דעם „טאָלעראַנץ=שטייער״ און די געזעצן, וואָס שטערן יידן פריי פאַרקערן אין לאַנד, באַשעפטיקן זיך מיט פאַרשידענע פראָפעסיעס און פאַרווערבן נחלאות. דער סיים האָט אייגנטלעך פראַקטיש אויך געהאַלטן פון עמאַנסיפּאַציע בהדרגה׳וויז, דעריבער איז ער גערן צוגעשטאַנען צו דעם פאָרשלאַג פון דער מאַגנאַטן=קאַמער. אַזאַ מין באַשלוס האָט מען דערלאַנגט דער רעגירונג אין ווין און דאָ האָט דאָס נישט נושא חן געווען. די ווינער רעגירישע לאַבאָראַטאָריע האָט נישט געקאָנט פועלן ביי זיך צולעגן אַ האַנט צו אַ געזעץ=פּראָיעקט, וואָס שמעקט דאָך ווי נישט ווי מיט אַ געפערלעכן גייסט פון בירגערלעכער גלייכקייט, האָט זי שוין געזען אויסוואָרצלען דעם ליבעראַלן מיין. אין קייזערס נאָמען האָט די רעגירונג זיך אָפּגעזאָגט אָפּשאַפן דעם שענדלעכן טאָלעראַנץ=שטייער; זי האָט נאָר מסכים געווען געבן יידן וואוינרעכט אומעטום, חוץ אין ראַיאָן פון באַרג=אינדוסטריע, פאַר יידן בלייבן אָבער גילטיק די אַלטע באַגרעניצן וועגן פאַרווערבן ערד און באַשעפטיקן זיך מיט מלאכות. די קייזערלעכע רעזאָלוציע, וואָס האָט כמעט צונישט געמאַכט די גאַנצע געפּלאַנטע רעפאָרם, האָט שטאַרק אויפגערודערט די ליבעראַלע סיים=קרייזן אין אונגאַרן. דער סיים

האָט געוואָלט גאָר פאַרשטעקן די ווינער רעזאָלוציע אין אַרכיוו אַריין, אָבער יידישע טוער אין פרעסבורג, וואָס זענען געווען אינפאָרמירט אין דער זאַך, האָבן צונעשטימט אָננעמען דער רעגירונגס „חסד“ מיט דער האָפֿנונג, אַז מיט דער צייט וועלן זיי נאָך עפּיס פּועלן. זיי האָבן דאָס געבעטן דעם סיים צושטימען צו דער ווינער רעזאָלוציע: יידן געווינען דערמיט וואוינרעכט אין די שטעט און דערמיט ווערט זייער מאַטעריעלע לאַגע בעסער. די מקבלים האָבן באַקומען זייערס, אין פרעסבורג און אין אַנדערע שטעט האָבן זיך צועפנט די טויערן פון די געטאָ׳ס (1842); יידן האָבן זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז באַזעצן אין די פאַרבאָטענע „קריסטלעכע קוואַרטאַלן“; דאָס האָט פאַרשאַפט נישט ווייניק קרענקונג קריסטלעכע הענדלער, וואָס האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן קיין פרייע קאָנקורענץ.

די געשעענישן די יאָרן 1839—1840 האָבן אויפגערודערט די יידישע געזעלשאַפט אין אונגאַרן. די ניי-אויפגעקומענע אינטעליגענץ, וואָס זי איז געווען אָפּגעריסן פון דער פרומפאַרצייטיקער יידישער מאַסע, האָט נאָכגעטאָן אירע בערלינער וועגווייזער, זי האָט אויך אויפגעהויבן די פאָן פון אַסימילאַציע, זיכער, אַז דערמיט וועט זי געווינען. די מ אַ ד י אַ ר י ז אַ צ י ע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די העכערע קרייזן, איז געוואָרן פון אַ קולטור-געצייג אַ פּאָליטיש געווער. די נייע יידישע אינטעליגענץ האָט נישט געשוינט קיין מי צו דעמאָנסטרירן ביי יעדער געלעגנהייט זייערע מאַדיאַריש-נאַציאָנאַלע געפילן, צוגעפּאַסט זיך צו דעם אויפגעפלאַמטן מאַדיאַרישן פּאַטריאָטיזם. „מיט באַגייסטערונג זענען מיר גרייט איינשמעלצן זיך אין דער אונגאַרישער נאַציע,—אַזוי האָט דאָס געהייסן ביי די אַסימילאַטאָרן, — איר שפּראַך וועט זיין אונזער שפּראַך, אירע לידער—אונזערע לידער, אירע דיכטערס כשוף-קלאַנגען וועלן אינז צובונדן צום פאַרווערבטן פאָטערלאַנד“. אָבער וואָס מער די יידישע אינטעליגענץ האָט נאָכגעגעבן דער מאַדיאַרישער קולטור, מער זענען געוואַקסן די פּרעטענזיעס ביי מאַדיאַרישע נאַציאָנאַליסטן. ל ו ד וו י ג ק אָ ש ו ט, דער פּאָפּולערסטער פירער פון דער נאַציאָנאַליסטישער פּאַרטיי, איז געווען אַ קעגנער פון יידישער עמאַנסיפּאַציע מיטאַמאָל. ער האָט געוויזן אין זיין צייטונג „Pesti Hirlap“, אַז ס׳איז נישט מעגלעך געבן יידן גלייכע בירגעררעכט אַזוי לאַנג ווי זיי וועלן ראַדיקאַל נישט רעפאָרמירן זייער רעליגיע און נישט אַרויסוואַרפן פון זאָרט אַלע דינים וועגן טרף און כשר און בכלל אַלצדינג, וואָס טיילט זיי אָפּ אין לעבנס-שטייגער פון קריסטן. פאַרקערט, ע ט וו ע ש, אַ גליד פון דער מאַגנאַטן-קאַמער, האָט זיך איינגעשטעלט אין אַ ספּעציעלער בראָשור און אין זשורנאַל-אַרטיקלען פאַר עמאַנסיפּאַציע; דאָס זאָל „אויסהיילן יידן פון אַלע זייערע חסרונות“. דורכאַנאַנד פּאַמפלעטן פאַר און קעגן עמאַנסיפּאַציע איז געווען אַ סימן, אַז אין ברייטע קרייזן אין דער אונגאַרישער געזעלשאַפט איז אויסגעוואַקסן דער אינטערעס פאַר דער יידן-פראַגע. אָבער ווען אינגיכן האָט זיך ווידער געשטעלט די פראַגע אין די

שטורמדיקע סיים-סעסיעס די יאָרן 1843—1844, האָט זיך צערויסגעוויזן, אַז די
יידנפריינדלעכע שטימונג איז אין סיים שטאַרק געפאַלן. די גלייכהייט-אידעען
האָבן זיך אויסגעוועבט אין דער היץ פון מאַדיאַרישן נאַציאָנאַליזם. בעת אין סיים
האָט מען באַהאַנדלט די יידנפראַגע, האָט די לייַדנשאַפטלעכקייט דערלאַנגט די
העכסטע מדרגה. איין דעפוטאַט דערקלערט, אַז ער האַלט פון דעמאָקראַטישע
פרינציפּן, פונדעסטוועגן קאָן ער נישט שטימען פאַר גלייכבאַרעכטיקן יידן באַלד,
וואָרום יידן זענען געלט-„אַריסטאָקראַטן", זיי האָבן זייער קהלה-אויטאָנאָמיע,
און מ'דאַרף קלערן פריער ווי אַזוי צו באַפרייען די אונגאַרישע נאַציע, איידער
מ'נעמט באַפרייען יידן. אַנדערע דעפוטאַטן פאָדערן, יידן זאָלן צושטעלן זייער
רעליגיעזן אני-מאַמין, זיי זאָלן ווייזן, אַז די יידישע אמונה איז נישט שעדלעך
פאַר דער מלוכה. נאָך אַנדערע וואָלטן געוואָלט זען די יידישע רעליגיע אָפּגע-
רייניקט; צו דעם צוועק דאַרף מען מאַכן אַ ראַבינער-סעמינאַר אויף אונגאַריש,
דערמיט וועלן אויך מאַדיאַריזירט ווערן יידישע כלי-קודש. נאָך לאַנגע דעבאַטן
האָט דער סיים אָפּגעוואָרפן (מיט 35 שטימען קעגן 13) די אַלטע רעזאָלוציע
וועגן פאַרגלייכן יידן מיט נישט-אַדל-שטאַנדן. ס'זענען נאָר אָנגענומען געוואָרן
באַשלוסן וועגן אייניקע פאַרבעסערונגען (אָפּשאַפן דעם טאָלעראַנץ-שטייער און
דעסגלייכן), בערך די רעפאָרמעס, וואָס די מאַגנאַטן-קאַמער האָט אָנגעמערקט
דאָס יאָר 1840 און וואָס די קרוין האָט אָפּגעוואָרפן. איין אינעווייניקסטע רע-
פאָרם פאַר יידן האָט מען דאָ צוגעגעבן: מ'זאָל מאַכן אַ יידישן ראַבינער-און-
לערער-סעמינאַר און מ'זאָל צונויפרופן אַ ראַבינער-סינאָד. ער זאָל אָנווייזן, ווי
אַזוי אָפּצושאַפן די יידישע דינים, וואָס זונדערן אָפּ יידן פון קריסטן און לאָזן זיי
נישט זיך צונויפשמעלצן.

דער דאָזיקער לעצטער באַשלוס האָט שטאַרק אויפגערודערט די יידישע
אָרטאָדאָקסיע, ד. ה. די גרויסע יידישע מאַסע אין אונגאַרן: דאָס האָט געהייסן
אַזוי גוט, ווי עמאַנסיפּאַציע לאחדים ווערט דאָ געגעבן בתנאי, יידן זאָלן רע-
פאָרמירן זייער רעליגיע, און דאָ איז אָנגעמערקט אַ וועג פאַר אַסימילאַציע מיט
געוואַלד. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן פּראָטעסטן. קיין פרעסבורג איז געקומען אַ
דעפוטאַציע פון אָרטאָדאָקסישע רבנים מיט אַ השתדלות, מ'זאָל נישט אָנרירן די
יידישע רעליגיע און מ'זאָל נישט איינפירן קיין שום „נייסן". פרעסבורגער
רבנים האָבן אפילו דערקלערט, אַז יידן האַלטן נאָר ארץ-ישראל פאַר זייער
פאָטערלאַנד, און ד ע ר י ב ע ר קאָנען זיי זיך נישט אַסימילירן מיט אַנדערע
נאַציעס. די קעגנער פון עמאַנסיפּאַציע צווישן די אונגאַרישע נאַציאָנאַליסטן
האָבן אויסגענוצט די רבנישע מעלדונג פאַר זייערע צוועקן: אַ סימן, אַז פאַר
עמאַנסיפּאַציע איז נאָך די צייט נישט געקומען. זאָל דאָ האָבן געווירקט די
דאָזיקע אַגיטאַציע, אָדער דאָ האָט זיך געגעבן צו-וויסן די קאָנסערוואַטיווע שטימונג,
וואָס איז בכלל אויסגעוואַקסן אין לאַנד, נאָר ווען דעם סיימס באַשלוס איז
געקומען צו דער מאַגנאַטן-קאַמער האָט זי גאָר אָפּגעוואָרפן דעם גאַנצן רעפאָרם-

פּראָיעקט (1844). דער שטריט פאַר עמאַנסיפּאַציע איז געווען פאַרשפּילט. ס'איז געבליבן אַפילו דער טאָלעראַנץ־שטייער.

פאַרטרעטער פון יידישע קהלות אין אונגאַרן האָבן געזען, אַז אויפן פאַרלאַמענטאַרישן וועג לאָזט זיך גאָר נישט דערלאַנגען, האָבן זיי זיך ווידער גענומען פאַר די אונטערהאַנדלונגען, וואָס זיי האָבן געהאַט אָנגעהויבן פירן נאָך דאָס יאָר 1842, מיטן ווינער הויף, ער זאָל אויפן אַדמיניסטראַטיוון שטייגער אָפּשאַפן דעם טאָלעראַנץ־שטייער. ווינער רעגירונג איז גרייט געווען צוליב צוטון, נאָר פאַר אויסקויפגעלט, יידישע קהלות זאָלן מיטאַמאָל אַריינטראָגן אַ היפּשע סומע, אַ פאַרגיטיקונג דער קרוין פאַר דעם היזק, וואָס זי וועט האָבן פון אָפּשאַפן דעם שטייער. מ'האָט זיך לאַנג געדינגען, ערצהערצאָג יוסף האָט זיך דאָ אַריינגעלעגט, און מ'האָט זיך אויסגעגלייכט. יוני דאָס יאָר 1846 איז אַרויס אַ קייזערלעכער דעקרעט: דער טאָלעראַנץ־שטייער איז אָפּגעשאַפט, נאָר בתּנאי יידישע קהלות זאָלן משך 5 יאָר אַריינטראָגן 1.200.000 פלאָרין „נישט דעצאַלטס" פונם דאָזיקן שטייער. אין יידישע קהלות איז געוואָרן אַ שמחה, אין די שולן האָט מען תּפילות אָפּגעריכט, וואָס מ'איז פּטור געוואָרן פון אַ שטייער־קנעכטשאַפט. אָבער אין אונגאַרישע סיים־קרייזן האָט דער דאָזיקער דירעקטער פאַרקער פון יידן מיט ווינער רעגירונג געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק. בכן האָבן זיך ערב־רעוואָלוציע דאָס יאָר 1848 פאַרשאַרפט די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן; דאָס האָט געבראַכט צו טראַגישע רעזולטאַטן בעת דער שטורמדיקער אונגאַרישער רעוואָלוציע, וואָס איר פּאָליטיק איז געווען פאַרפאַרבט שטאַרק נאַציאָנאַל.

די איטאַליענישע פּראָווינצן, וואָס זענען צוגעקומען צו דער האַבסבורגער מאָנאַרכיע לויט אַ באַשלוס פון ווינער קאָנגרעס, זענען געווען אַ באַזונדער אינזל אין ים עסטרייכישע רעאַקציע. אין לאָמבאַרדיע און אין ווענעציע האָט מען ביסלעכווייז אָפּגעוואוינט יידן פון גלייכבאַרעכטונג, וואָס זיי האָבן געהאַט צו נאַפּאָלעאָן'ס צייט. אויף דער רעגירונגס באַפעלן האָט מען יידן אַרויסגעשטופּט פון דער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג, פון געזעלשאַפטלעכע אַמטן און פון אַסך ליבעראַלע פּראָפעסיעס. דאָס יאָר 1830 איז פאַר יידן אין די איטאַליענישע פּראָווינצן גילטיק געוואָרן דער אַלגעמיינער לאַנד־פאַרבאָט צו האַלטן אַפּטייקן. געבליבן איז פון דעם רעאַקציאָנערן ווילדעווען נישט מער, ווי וואוינרעכט און די קהלה'שע זעלבסטפאַרוואַלטונג אויפן שטייגער פון פּאַריזער סנהדרין. געבילדעטע יידישע קהלות אין ווענעציע, פּאַדואַ, מאַנטואַ און טריעסט מיט זייערע בילדונגס־שולן און אויפגעקלערטע ראַבינער האָבן נישט געגעבן קיין געלעגנהייט צו פּאָליציייאישע אויפטוען. די רעגירונג האָט געמוזט מער רעספּעקטירן איטאַליענישע יידן און זיך באַגיין מיט זיי פאָרזיכטיקער, וואָרום זיי זענען געווען קולטורעלער פאַר גאַליצישע יידן. אָבער די רעאַקציע …ט דאָ אויך באַוויזן צו דעמאָראַליזירן די אַרומיקע סביבה. דער אַנטיסעמיטישער

טייל איטאַליענישע געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אָפּגערוקט אָן אַ זייט, האָט ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אין מאַנטואַ האָבן קריסטלעכע הענדלער אויפגעהעצט דעם המון, און ער האָט זיך צווייטמאָל געפּרובט אָנפאַלן אויף יידישע קראָמען (די יאָרן 1824 און 1842), מ'האָט געמוזט אָנקומען צו מיליטערישער מאַכט.

§ 18. אַ ווידערקול פון רעפאָרמאַציע.

די יידישע רעפאָרמאַציע־באַוועגונג, וואָס אין דייטשלאַנד איז זי געווען געקניפּט און געבונדן מיט דעם שטרייט פאַר עמאַנסיפּאַציע, האָט זיך נישט געקאָנט ברייט פאַרשפּרייטן אין עסטרייך איבער צוויי סבות: ערשטנס האָט דאָ די געדיכטע אָרטאָדאָקסישע מאַסע שטאַרק געשטערט, צווייטנס איז דאָ שוואַך געווען דער פּאָליטישער וועקער, דער שטרייט פאַר עמאַנסיפּאַציע. פאַרקערט, אין אונגאַרן די 40־ער יאָרן, זעען מיר אַ באַוועגונג פאַר רעפאָרמאַציע אויפן דייטשן מוסטער, ריכטיקער געזאָגט, אַ שאָטן פון אַזאַ רעפאָרמאַציע, און דאָס נעמט זיך פון דעם אויפגעוואַכטן עמאַנסיפּאַציע־שטרייט. אין די קרוין־לענדער האָט זיך די רעליגיעזע רעפאָרם אָדער כמעט גאָרנישט באַוויזן אין דער פּראַקטיק (גאַליציע), אָדער דאָס איז געווען נישט מער ווי אַ שטרעבן אויסצולייטישן אויסערלעך דעם שולשטייגער; נישט קיין עיקרים, נישט אַפילו קיין מנהגים פון יידישקייט האָט דאָס נישט אָנגערירט.

ווין האָט געוויזן אַ מוסטער פאַר אַזאַ מעסיקער רעפאָרם. אָפיציעל האָט די יידישע קאָלאָניע אין עסטרייכישער רעזידענץ נישט געהייסן קיין „קהלה“: די רעגירונג האָט נישט געוואָלט דערלאָזן קיין איינגעפונדעוועטן יידישן קיבוץ מחוץ דעם שטענדיקן יידישן „תחום“. באמת אָבער האָבן די אַלע הונדערטער יידישע פאַמיליעס, „טאָלערירטע“, „פּראָטעזשירטע“ און אויף אַ ווייל, געהאַט אין ווין אַ קהלה מיט בתי־מדרשים און צדקה־חברות, מיט שטילע גבאים און כלי־קודש. צו שאַפן אין דער קהלה האָט געהאַט די פּריווילעגירטע אַריסטאָקראַטיע פון דער קאַטעגאָריע „טאָלערירטע“, ד. ה. שטענדיקע ווינער איינוואוינער. דעם טאָן האָבן דאָ געגעבן די פאַרדייטשטע יידישע פאַמיליעס באַנקירן און נעגאָציאַנטן: עסקעלעס, בידערמאַן און אַנדערע. אַ סך זייערע איז אַ רעליגיעזע רעפאָרם געווען זייער צום האַרצן: די צוגעפּוצטע סינאַגאָגע זאָל ליבער ווערן דער אויפגעקלערטער יידישער יוגנט, וואָס די שמד־עפּידעמיע האָט זי שטאַרק פאַרכאַפּט, און זי זאָל אויסנעמען ביי געהויבענע קריסטלעכע געסט אויך. די האַמבורגער „טעמפּל־רעפאָרם“ פונם יאָר 1819 האָט געמאַכט אין ווין אַ שטאַרקן איינדרוק, די אָרטיקע רעפאָרם־מאַכער האָבן זיך דערין שטאַרק אָנגעכאַפּט. ס'איז געוואָרן

א פאריין געזעלשאפטלעכע טוער דורכצופירן א סינאגאגאלע רעפארם נוסח האמ־בורג. ס'האט גראד צוגעטראפן א קייזערלעכער דעקרעט (1820) וועגן איינפירן די דייטשע שפראך אין גאטדינסט (§ 15), און די פאריין־לייט האבן געוואלט האפן, אז די רעגירונג וועט שטיצן זייערע רעפארמאטארישע אויפטוען. דאס יאר 1823 איז אין ווינער סינאגאגע דאס ערשטע מאל געדרשה'ט געווארן אויף דייטש. קיין ווין איז פארפארן א קאפענהאגענער אמונה־לערער יצחק־נח מאנ־היימער (1793—1865) און ער האט שטארק אויסגענוצט ביים עולם מיט זיינע דרשות אין גייסט פון מאדערניזירטער יידישקייט. די אלטע סינאגאגע האט נישט געפאסט מער פאר דעם נייעם צערעמאניאל, האבן די תקיפים צווישן די „טאָ־לערירטע" (דערהויפט דער נעגאציאנט מ. ל. בידערמאן) אנגעהויבן ארבעטן, מ'זאל זיי דערלויבן קויפן א פלאץ צו בויען א נייע סינאגאגע. אבער אין רע־אקציאנערן עסטרייך האט אזא זאך נישט געקאנט צוגיין אן פאליצייאישע מניעות. גראף סעדלניצקי, פאליציישעף, איז דערגאנגען דורך זיינע שפיאנען, אז ווינער רעפארם איז אנגעשמעקט מיט בערלינער, האמבורגער אויפטוען.

אין פאליצייאישע ראפארטן האט זיך געלאזט הערן א מורא, אז „אויב יידישע גאטדינסט וועט צוגיין מיט צופיל פאראד, און די רעדנער־טריבון וועט פארנעמען עמיצער פון היינטוועלטיקע פילאזאפן און פאריסייען, וועט אין די סינאגאגעס זיין א גרעסערער איינגעלויף, איידער אין אונזערע קריסטלעכע קירכן, און א סך קאטוילן וועלן אפגעשוואכט ווערן אין דער אמונה". דאס איז גענוג געוועזן, אז גראף סעדלניצקי זאל צושטעלן דעם קייזער פראנץ א ראפארט (1824) מיט אזא מיינונג: „דער ליבעראלער צייט־גייסט, ווי מ'רופט אים, האט, זעט אויס פארכאפט א טייל פון דעם קלאס ווינער אויפגעקומענע יידן. זיי נעמען זיך אי־בער מיט זייער רייכקייט און פראכט און זיי שטייט נישט אן אפצוריכטן די גאט־דינסט ווי אמאל אין דער סינאגאגע, וואס זיי האבן פאר עטלעכע יארן קוים אויס־געפועלט, איניינעם מיט ארעמע יידן, וואס זיי זענען געטריי דער אלטער יידי־שער טראדיציע. אין בערלין און אין האמבורג האבן זיך געפינען אייניקע יידן, וואס די פילאסופישע אידעען פון צפון־דייטשע אוניווערסיטעטן און דאס פראטעזשירן מצד דעם פראטעסטאנטיזם, האט זיי געבראכט דערצו, זיי זאלן איינפירן פאר זייערע „פארבילדעטע" גלויבנסגענאסן א ניי גאטדינסט; א טייל ווינער יידן וויל דאס זיי איצט נאכטון. די נייע גאטדינסט טיילט זיך שטארק אפ פון תלמודישע דינים: פרויען זאלן דא נישט זיין אפגעשיידט פון מענער, מ'פירט איין א קאטעדר ספעציעל פאר דרשות און אן ארגאן צו אקאמפאנירן דעם חזן. אין די דאזיקע נייע אויפטוען שטעקט א פארדארבערישער גייסט דעאיזם, ארטאדאקסישע יידן קרענקט דאס שטארק, און דאס קאן נאך ברענגען צו'ן א נייער שפאלטונג ביי יידן".

דער קייזער האט זיך איבערגעשראקן פאר דעם שאטן פון א „בונט" און האט אפגעווארפן די השתדלות פון ווינער יידן. בידערמאן, דער הויפטשתדלן

האָט דעמאָלס אָפּגעטון אַ שפּיצל. מיט דער הילף פון אַ געקויפטן פּאָליציפּסט האָט ער געמאַכט אַזוי, אַז איינמאָל ביינאַכט איז אומגעפאַלן די סטעליע אין דער אַלטער שול, פּאָליציי האָט מען געמעלדעט, אַז דער בנין איז אַ געפאַר פאַר די דאַוונער. דאָס האָט געהאָלפן, די רעפאָרמיסטן האָבן באַקומען אַ דערלויב צו בויען אַ נייע סינאַגאָגע. זיי האָבן זי שוין געבויט לויט זייער פּלאַן נאָך און האָבן באַצייטנס געזען צו רעפאָרמירן די גאָטדינסט. נאָך איידער די סינאַגאָגע איז פאַרטיק געווען, האָבן זיי אַרויסגעבראַכט קיין ווין דעם דערמאָנטן דרשן, מאַנהיימער'ן, אָפיציעל אַלס רעליגיע-לערער פאַר דער אָרטיקער יידישער קינדערשול, פאַקטיש פאַר אַ פּרעדיקער אין דער נייער סינאַגאָגע און פאַר אַ גייסטיקן פירער אין דער קהלה. דאָס יאָר 1826 איז געווען דער חנוכת-הבית פון דער נייער סינאַגאָגע, מאַנהיימער האָט דאָ גענומען איינפירן אַ נייעם שטייגער. ער האָט געפונען אַ מיטלוועג צווישן שטאָק-קאָנסערוואַטיווע אָרטאָדאָקסן און צו-ווייט-פאַרגאַנגענע רעפאָרמיסטן. מאַנהיימער'ס רעפאָרם איז געווען נאָך מעסיקער פאַר האַמבורגער טעמפּל-רעפאָרם. אייגנטלעך האָט דאָס נייס געשטעקט נאָר אין דער אויסערלעכער פאָרם. געדאַוונט האָט מען אַזוי ווי פריער אויף לשון-קודש, חוץ וואָס די דרשה איז געווען אויף דייטש; מ'האָט נישט אויסגעשלאָסן קיין נאַציאָנאַלע און משיח-תפילות, מ'האָט נאָר פאַרקירצט דעם יום-טובדיקן פּיוט (שפּעטער האָט מען אָפּגעשאַפט „כל נדרי", קריסטן זאָלן קיין תרעומות נישט האָבן). געבליבן איז אַפילו יידישער נוסח, נאָר מוזיקאַליש באַאַרבעט, דאָס האָט אויפגעטון דער באַרימטער חזן זולצער, אַ טאַלענטירטער קאָמפּאָזיטאָר, וואָס האָט פאַרנומען זיין שטעל אין ווינער סינאַגאָגע די אייגענע צייט, וואָס מאַנהיימער. די דאָזיקע מעסיקייט האָט געהאַט אַ סך צו זאָגן, וואָס מאַנהיימער האָט אויסגעפירט זיין רעליגיעזע רעפאָרם אָן שטאַרקע סכסוכים. ער האָט נישט אָנגערירט דאָס נאַציאָנאַלע געפיל ביי דער קאָנסערוואַטיווער מאַסע און דערמיט האָט ער באַוויזן צו רעפאָרמירן כמעט אַ גאַנצע קהלה, נישט נאָר איין טייל. שפּעטער האָט ער באַוויזן איינצופירן אַ נייע רעליגיעזע צערעמאָניע: עפנטלעכע קאָנפירמאַציע פאַר בר-מצוה'ס, כאָטש גאָר גלאַט איז דאָס נישט צוגעגאַנגען. די עסטרייכישע רעגירונג האָט נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן פאַר „בונטן" און שפּאַלטונגען ביי יידן, האָט זי נישט געשטערט מאַנהיימערן צו טון. פערציק יאָר (1825—1865) איז מאַנהיימער געווען דער גייסטיקער וועגווייזער און דער וועלטלעכער פירער אין ווינער קהלה. אין זיינע דרשות פלעגט ער אָפט פירברענגען וועגן פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, וואָס דעם עסטרייכישן יידנטום שטייט פאָר. ער האָט אַ סך מיטגעטון אין דעם שטרייט פאַר אָפּשאַפן די באַליידיקנדיקע צערעמאָניע פון דער יידישער שבועה.

ווינער מעסיקע רעפאָרם איז געווען אַ מוסטער פאַר אַ טייל יידישער קהלה אין פּראָג, אין בעהמער רעזידענץ. די עלטסטע געטאָ אין אייראָפּע האָט שוין אָנגעוואָרן איר אַמאָליקע קולטור-אייגנאַרטיקייט. די „אויפגעקלערטע" האָבן שוין

נישט געקאָנט מער האַלטן די אָרטאָדאָקסישע רבנישע קאָלעגיע פאַר זייער וועגווייזער. אָנהויב די 30־ער יאָרן האָט זיך אין פּראָג אָנגעהויבן אַ שטאַרקע אַגיטאַציע צו רעפאָרמירן די סינאַגאָגע אויפן ווינער שטייגער. דאָס יאָר 1836 האָט מען געעפנט אַזאַ סינאַגאָגע, פּרעדיקער איז דאָרט געוואָרן אַ נעאָ־אָרטאָדאָקס מיכאל זאַקס; אין עטלעכע יאָר אַרום האָט ער זיך איבערגעצויגן קיין בערלין (§ 12). אין דעם נייעם טעמפּל איז נישט געווען קיין נייעס, חוץ אויסערליכער אויסשטאַטונג און דרשות אויף דייטש. אַ סימן פאַר דער צייט איז געווען, וואָס אין דער נייער ראַבינער־קאָלעגיע אין פּראָג איז אַריין דער געוויסער געלערנטער ש. י. ראַפּאָפּאָרט, אַ שרייבער פונם נייעם גאַנג; די קהלה האָט אים אויסגעקליבן, און די רעגירונג האָט אים באַשטעטיקט אין דעם אַמט. נאָך פריער איז ד״ר זכריה פראַנקל אַ פּראָגער, געווען קרייז־ראַבינער אין טעפּליץ און אין לייט־מעריצער קרייז (1832), שפּעטער האָט ער אַלס זאַקסישער הויפּט־ראַבינער געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע מיט זיין מעסיקן גאַנג אין דער דעפאַרמאַציע־באַוועגונג אין דייטשלאַנד. אין מעהרען, וואָס האָט געהאַט אַ שם מיט אירע ישיבות, האָט געהערשט אַ „לאַנד־ראַבינאַט״ (אין ניקאָלסבורג) מיט אַזוינע זיילן פון דער אָרטאָדאָקסיע, ווי מרדכי בענעט און נחמיה טרעביטש. נאָר דאָ טרעפן מיר שוין אויך סוף תקופה אַנייעם טיפּ ראַבינער: דאָ איז שטרענגער דורכגעפירט געוואָרן דער דעקרעט, אַז פאַר אַ ראַבינער איז אַ מוז אוניווערסיטעט־בילדונג. פון די נייע ראַבינער דאַרף מען דערמאָנען הירש פּאַסעל אין פּראָסניץ, דעם מחבר פון אַ ווערק וועגן יידישער עטיק. דאָס יאָר 1841 האָט די מאַכט אין מעהרען אָנגעהויבן רודפ׳ן „שטילע חתונות״ (§ 16), וואָס זענען אָפטער געוואָרן צווישן יידן איבער דער שווערער נאָרמירונג פון חתונות. אַ סך פּרויען, וואָס האָבן שוין געהאַט קינדער פון אַזוינע „אומגעזעצלעכע״ חתונות, זענען באַשטראָפט געוואָרן מיט טורמע און צוואַנג־אַרבעט; פּאַסעל האָט זיך אָנגענומען פאַר די דאָזיקע פרויען, געווענדט זיך מיט אַ פּעטיציע צום קייזער און געראַטעוועט די אומגליקלעכע מוטערס פון דער שווערער שטראָף.

אין ווין, אין בעהמען און אין מעהרען זעען מיר צו, ווי אין די קהלות פאַקסט די מעסיק־פּראָגרעסיווע פּאַרטיי און די אָרטאָדאָקסיע ווערט שוואַכער, פאַרקערט איז אין גאַליציע: דער רעפאָרמיזם איז דאָ זייער שוואַך און קאָן נישט בייקומען די אינערציע פון דער אָרטאָדאָקסאַלער מאַסע. דאָ זענען רבנים, אין אַלע קהלות, חוץ אין די צענטראַלע, געווען ביי „גוטע־יידן״ אין די הענט, אַ שטיק פון פינסטערניש אין פאָלק. דער ראַבינאַט האָט געהאַט אויף זיך די אַפּוטרופּסות פון דער רעגירונג און איז ממילא קעגן ווילן געוואָרן ביי איר אין די הענט אַ געצייג פאַר דעם שטייער־פּרעס, וואָס האָט געדריקט יידישע קהלות. די רעגירונג פלעגט פּעריאָדיש צונויפרופן אין לעמבערג רבנים־צונויפפאָרן אָבער נאָר אויף צו מאַכן אַחרם אויף די אַלע, וואָס רירן אָן די פליישׂ־טאַקסע און די ליכטפּאַכט, ד. ה. די שטייערן, וואָס זויגן אויס אַלע זאַפטן ביים פאָלק. דעם

געזעץ וועגען אוניווערסיטעט=בילדונג פאַר ראַבינער האָט מען פאַרקוקט. אין גאַליציע איז פּשוט נישט געווען אַזוינע מענטשן, וואָס זאָלן האָבן דורכגעמאַכט אַ ישיבה און אַן אוניווערזיטעט. די רעגירונג האָט דעריבער אַלץ געמוזט אָפּלייגן איינצופירן דעם דאָזיקן געזעץ. דאָס יאָר 1846 איז אויסגעגאַנגען דער לעצטער טערמין, אָבער רבנים מיט אוניווערסיטעט=בילדונג איז נישט געווען אפילו פאַר איין צענדליק פון הונדערטער קהלות אין גאַליציע, ס'איז דעריבער אפילו קיין פּרוּב נישט געווען פון אַרעליגיעזער רעפאָרם. די הויפּט=רבנים ר' יעקב אָרנשטיין אין לעמבערג (געשטאָרבן דאָס יאָר 1839) און ר' שלמה קלוגער אין בראָד האָבן געהיט די רעליגיעזע טראַדיציע קעגן „אַפּיקורסים". די מערגעבילדעטע רבנים, ווי דער דערמאָנטער ש. י. ראַפּאָפּאָרט אין טאַרנאָפּאָל און הירש חיות אין זשאָלקיעוו, האָט מען גערודפ'ט כאָטש זיי זענען געווען גרויסע אויטאָריטעטן אין תלמוד. איינער אַראַבינער — אַ רעפאָרמיסט, אברהם קאָן, פון גייגערס חדר, האָט זייער שלעכט אָפּגעשניטן, ווען ער האָט זיך באַוויזן אין גאַליציע. ער האָט געהאַט געלערנט אין אַ ישיבה און דורכגעמאַכט דעם פּראָגער אוניווערסיטעט; דאָס יאָר 1844 האָט אים אַ גרופּע פּראָגרעסיסטן אין לעמבערג איינגעלאַדן פאַר ראַבינער און פּרעדיקער. אין דער פעסטונג פון יידישקייט האָט ער זיך איינגעשטעלט דרשענען אויף דייטש, געמאַכט דאָרט אַ יידישע גימנאַזיע, געשריבן לערנביכער, בכלל האָט ער פלייסיק געפלאַנצט בילדונג אָן פּאָליציייאישע נגישות, וואָס האָמבערג, אַרעגירונגס=אַגענט פלעגט דערצו אָנקומען אין זיין צייט. אָבער אַזאַ איבערגעגעבענע אַרבעט האָט דעם איינגעשטעלטן רעפאָרמיסט געקאָסט דאָס לעבן. דאָס יאָר 1848, ווען קאָן האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַפּראָגרעסיווע צייטונג „איזראַעליטישער פאָלקספריינט", איז ער אומגעקומען: מ'האָט אים געסמ'ט, און אין דעם האָט געשטעקט די האַנט פון דער פאַנאַטישער פּאַרטיי אין לעמבערג. גאַליציע איז יענע צייט נאָך נישט דערוואַקסן צו'ן אַן ערלעכן קולטור=קאַמף.

אין אונגאַרן, אין לאַנד פון אַ שטאַרקער קאָנסערוואַטיווער רבנות, האָט די רעפאָרמאַציע=באַוועגונג פאַרשאַפט אַ שאַרפן פּאַרטיי=קאַמף. די אָרטאָדאָקסישע פּאַרטיי האָט געהאַט פאַר איר פירער דעם געוויסן פּרעסבורגער רב ר' משה סופר (חת'ם סופר, געשטאָרבן דאָס יאָר 1839), אַ שטאַרקער פיינט פון אייראָפּעאישער בילדונג: אין זיין צוואה האָט ער געשריבן: „בספרי רמ"ד אל תשלחו יד" (משה מענדעלסאָנס ספרים זאָלט איר אין האַנט נישט נעמען). דאָס חסידישע נעסט פון דעם בעל=מופת ר' משה טייטלבוים (בערך 1808—1840) אין קרייז אויגעלי, איז אויך געווען אַ שטאַרקער שטער פאַר בילדונג. פונדעסטוועגן האָט גראָד דאָ אַ שיין געטון דער ערשטער שטראַל פרייגייסט. נאָך אָנהויב דאָס XIX יאָרהונדערט האָט אהרן כאָרין, אַ רב אין אַראַד די יאָרן 1789—1844, געפּרובט איינפירן רעליגיעזע רעפאָרמעס. אָנגעהויבן האָט ער פון באַזייטיקן אייניקע נישטיקע מנהגים און אבערגלויבישע

איינפירן. קעגן דעם שולחן־ערוך האָט ער זיך פאַררופן אויף עלטערע תלמודישע קוועלן. פאַר די אומשולדיקע רעפאָרמעס האָט ער געהאַט אַ סך אויסצושטיין. פון אַראַדער פאַנאַטיקער איז אים אויסגעקומען אויסצוהערן זלזולים בעת די דרשות אין שול. ער האָט זיך געווענדעט צום לאַנד־רב אין אָפען, יענער זאָל זיך פאַר אים איינשטעלן, אָבער יענער האָט פאַרקערט געפאָדערט פון אים, ער זאָל זיך שריפטלעך אָפזאָגן פון זיין אַפיקורסות. כאָרין האָט געמוזט אָנקו־מען צום געריכט און האָט געווינען דעם פראָצעס (1807); דעמאָלט האָט ער מוהל געווען זיינע פיינט און געשענקט זיי די געלט־שטראָף. די ידיעה וועגן האַמבורגער טעמפּל־רעפאָרם (1818) האָט אים שטאַרק מוט צוגעגעבן; אין זיין תשובה האָט ער געגעבן אַ הסכם אויף דער רעפאָרם; דער רעפאָרם־אַגיטאַטאָר ליבערמאַן (§ 10) האָט די תשובה דעמאָלט אויסגענוצט פאַר זיינע צוועקן. שפּעטער איז כאָרין צוגעשטאַנען צו די שאַרפערע רעפאָרמיסטן, דאָס יאָר פון זיין טויט האָט ער זיך סאָלידאַריזירט מיט די רעזאָלוציעס פון ברוינשווייגער ראַבינער־צוזאַמענפאָר. אין עטלעכע בראָשורן האָט ער אָנגעוויזן אַ סיסטעם ווי אַזוי צו רעפאָרמירן די רבנישע יידישקייט מיט דער הילף פון טעאָלאָגישער קריטיק אויפן סמך פון עלטערע תלמודישע קוועלן. כאָרינס נאָכקומער זענען שוין אין דער רעפאָרם־פראַגע געגאַנגען אַן אַנדער וועג. דאָס איז געווען די 40־ער יאָרן, ווען ס'איז אויפגעקומען די פראַגע פון יידישער עמאַנסיפּאַציע. ביי זיי איז שוין די רעליגיעזע רעפאָרם געווען אַ טייל פון אַ גאַנצער סיסטעם מאַדיאַריזאַציע. די נייע יידישע אינטעליגענץ האָט געמיינט, אַז אַסימילאַציע וועט איר ברענגען גלייכבאַרעכטונג, און זי האָט זיך פלייסיק גענומען אַסימי־לירן. א בן־דור דערציילט וועגן דעם: „אַפילו אין די דייטשע און סלאַווישע ערטער אין אונגאַרן פלעגט מען אין יידישע פאַמיליעס צונעמען נאָר מאַדיאַ־רישע זייגערינס און פרויען צו קינדער, כדי מאַדיאַריש זאָל זיין די ערשטע קלאַנגען, וואָס דאָס קינד זאָל דערהערן. נאָך דער שטוב האָט די אָנהויב־שול מאַדיאַריזירט דאָס קינד נאָך מיט מער ברען. אין די יידישע אַלגעמיין־בילדונג שולן האָט מען אָפּגעגעבן די מייסטע צייט אויף צו לערנען די נאַציאָנאַלע (מאַדיאַרישע) שפּראַך, אינגיכן איז מאַדיאַריש געוואָרן די אונטערריכט שפּראַך אין יידישע שולן אין פּעשט, אַראַד, קאַניש און אין אַנדערע שטעט. אין די געבילדעטע יידישע קרייזן האָט מאַדיאַריש אַרויסגעשטופּט די אַלטע אומגאַנגשפּראַך, יידיש. תנ"ך און דעם סדור האָט מען אַרויסגעגעבן אין אַ מאַדיאַרישער איבערזעצונג. אין פּעשט איז געוואָרן אַ „געזעל־שאַפט צו פאַרשפּרייטן די מאַדיאַרישע שפּראַך ביי יידן". אַפילו די סינאַגאָגע איז געוואָרן אַ שול פאַר מאַדיאַריזאַציע. ס'האָבן זיך באַוויזן פּרעדיקער, וואָס האָבן געדרשנט פון דער בימה אויף מאַדיאַריש, נישט געקומערט זיך, וואָס אָפט האָט מען זיי נישט פאַרשטאַנען גאָר". מיט דעם דאָזיקן אַסימילאַציע־פיבער, וואָס האָט פאַרכאַפּט די אויבערשטע שיכטן געזעלשאַפט, האָט די אָרטאָדאָקסיע גע־

מיינט זיך אָפּפטרן מיט מיטלאַלטערישע רעצעפּטן. ר׳ משה סופר האָט געהאַלט פּועלן ביי דער רעגירונג, רבנים זאָל מעגן קנס׳ענען אַפּיקורסים מיט געלט־שטראָפן, מיט אַרעסט אָדער מיט קונע. די רעגירונג האָט נישט געוואָלט אַקיינ־קומען דער היימישער יידישער אינקוויזיציע, דערפאַר אָבער האָט דער אָרטאָדאָקסישער פאַנאַטיזם נאָך מער אויפגערייצט די רעפאָרמיסטן, און זיי זענען געוואָרען נאָך שאַרפער אין זייערע פאָדערונגען. די ראַדיקאַלע רעפאָרמיסטן האָבן באַקומען אַן ענערגישן פירער, דעם יונגן ל ע אָ פּ אָ ל ד ל ע ו: לעוו האָט געלערנט אין ישיבות אין אונגאַרן און אין מעהרן, נאָכדעם האָט ער באַקומען אַלגעמיינע בילדונג אין ליציי אין פּרעסבורג, ר׳ משה סופר׳ס רעזידענץ און אין פּעשטער אוניווערסיטעט. דאָס יאָר 1841 איז ער געוואָרן ראַבינער אין קאַניש, און דאָס יאָר 1846 אין פּאַפּאַ. ער איז נאָכגעגאַנגען דעם רעפאָרמאַטאָר כאָרינ׳ען נאָר אַ סך ראַדיקאַלער, גערודפט פון אָרטאָדאָקסן און געווערט זיך קעגן זיי. זיינע דרשות האָט ער געזאָגט אויף מאַדיאַריש, אַנטוויקלט דאָ דעם געדאַנק, ווי אויך אין זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן, אַז מאַדיאַריזאַציע איז אַ קאַטעגאָרישער תנאי פאַר גלייכבאַרעכטונג. אַלס טעאָרעטיקער פון דער רעליגיעזער רעפאָרם איז לעוו פאַרגאַנגען זייער ווייט, ער האָט געלייקנט אין אויטאָריטעט פון תלמוד אויך (זיין ליטעראַרישער אָנהויב „די רעפאָרם פונם רבנישן ריטואַל״ איז אַרויס דאָס יאָר 1839 אויף דייטש) אָבער אין דער פּראַקטיק זענען זיינע רעליגיעזע רעפאָרמעס אין אונגאַרן נישט אַוועק ווייטער פאַר דער מעסיקער קולט־דעקאָראַציע אין ווין. דער אידעען־שטרייט, וואָס איז פאָרגעקומען אין אונגאַרישן יידנטום, איז געווען צו גרויס, מ׳זאָל אים אַריינשפּאַרן אין די ראַמען פון באַנייען דעם רעליגיעזן קולט. צו שאַרף זענען געווען די סתירות צווישן די קאָנסערוואַטאָרן און די אויפגעקלערטע, וואָס זענען געווען רעפאָרמירן דאָס ג אָ ר ע יידישע לעבן. ר׳ משה סופר און לעאָפּאָלד לעוו—דאָס איז מזרח און מערב אין קולטור. אין דער שטרייט איז דאָ געגאַנגען פאַר און קעגן דעם גאַנצן אינהאַלט פון דער פאַרשטיינערטער יידישקייט.

§ 19. די ליטעראַרישע אויפלעבונג.

די גייסטיקע יירונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין עסטרייכישן יידנטום, האָט מיטגעבראַכט אַ ליטעראַרישע אויפלעבונג אויך. דאָ האָט זיך דאָס אָבער געהאַנדלט נישט אַליין פון אויפלעבן דעם יידישן געדאַנק, אַזוי ווי מיר האָבן דאָס געזען אין דייטשלאַנד, נאָר פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך אויך. די פּראָבע אויפצומונטערן די העברעאישע שפּראַך אין דייטשלאַנד אַ תקופה פריער, אַלס אַ געצייג פאַר קולטורעלן שאַפן, איז דאָרט נישט געראָטן, און די גאַנצע וויסנ־

שאַפטלעכע ליטעראַטור די יאָרן 1815—1848 איז געשאַפן געוואָרן אויף דייטש; דייטש איז אויך געוואָרן די אומגאַנגשפּראַך ביי דייטשע יידן. אַנדערש גייט עס צו אין עסטרייך; דאָרט האָבן זיך פאַרדייטשט (אָדער מאַדיאַריזירט אין אונגאַרן) גאַנץ קליינע אויבערשטע קרייזן געזעלשאַפט, די גרויסע יידישע מאַסן אין די סלאַווישע פּראָווינצן און אין אונגאַרן האָבן דערהאַלטן זייער אומגאַנגשפּראַך—יידיש און זייער רעליגיעז-ליטעראַרישע שפּראַך—העברעאיש. בכן האָט די נייע וועלטלעכע ליטעראַטור געמוזט אָנקומען צו העברעאיש, די שפּראַך האָט מען אָבער געמוזט באַנייען, צופּאַסן צו א נייעם אינהאַלט. דאָס באַנייען סיי דעם אינהאַלט, סיי די פאָרם איז פאָרגעקומען די 20-ער יאָרן, דערהויפּט אין גאַליציע, וואָס איז קולטורעל געווען אַזוי אָפּגעשטאַנען קעגן אַנדערע פּראָווינצן און וואָס האָט ביז דעמאָלט געוואוסט צו זאָגן נאָר פון צוויי אַרטן ליטעראַטור: פון רבנישן פּלפּול און חסידישער מיסטיק.

דאָס יאָר 1820 האָט אין ווין אנגעהויבן אַרויסגיין אַ יאָרבוך „ביכורי העתים“ אויף העברעאיש (מיט אַ צוגאָב אייניקע אַרטיקלען אויף דייטש). רעדאַקטאָר איז געווען דער זעלבער סטיליסט שלום הכהן, וואָס האָט זיך צען יאָר פאַר דעם געפּרובט אויפלעבן דעם גוסס'דיקן „המאסף“ און ס'איז אים נישט געראָטן. [1] איצט האָט ער געמאַכט די צווייטע פּרוב: אין די ערשטע בענדער פון דער ווינער אויסגאַבע האָבן די מחברים ניכּר נאָכגעמאַכט דעם סטיל און די סיזשעטן פונם דייטשן מוסטער; אַנדערע אַרטיקלען פונם „המאסף“ זענען דאָ פּשוט איבערגעדרוקט. אין אַזאַ פאָרם האָבן די כרעסטאָמאַטיעס „ביכורי העתים“ געקאָנט צופרידנשטעלן סיידן האַלב דערוואַקסענע, נאָר פלייסיקע בחורים'לעך. פאַר זיי איז דאָס אגב געטון געווען. ביסלעכווייז בייט זיך דער „ביכורי העתים“. אנשטאָט מליצה אין פּראָזע און אין גראַמען באַווייזן זיך אָריגינעלע אַרטיקלען פון יונגע שרייבער: געשיכטלעכע פאָרשונגען, סאַטירעס, פּאָעטישע ווערק; אין דעם אַלעמען שפּיגלט זיך אָפּ די גייסטיקע יירונג אין עסטרייכישן יידנטום. פון יאָר 1823 אָן גייט איבער די פירונג צו די פאָרשטעער פון פּראַגער יידישער אינטעליגענץ, משה לאַנדוי, יהודה טעלעס. די הויפּטמיטאַרבעטער זענען באַן אַלץ גאַליצישע שרייבער. דער יאָרבוך „ביכורי-העתים“ שטעלט זיך אָפּ דאָס יאָר 1831 ביים צוועלפטן באַנד; אנשטאָט דעם הויבט אָן אַרויסצוגיין דער „כרם-חמד“ (נישט פּעריאָדיש פון 1833 ביז 1843) תחלת אין ווין, דערנאָך אין פּראַג, רעדאַקטאָר איז דער גאַליצישער געלערנטער ש. ל. גאָלדענבערג. דער „כרם-חמד“ האָט זייער אַן אָריגינעלע פאָרם; וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען אין יידישער געשיכטע און ליטעראַרישע קריטיק ווערן דאָ איבערגעגעבן אין אַ פאָרם פון אַ פריינדלעכער קאָרעספּאָנדענץ צווישן די מיטאַרבעטער, געריסטע געלערנטע אין גאַליציע, איטאַליע, דייטשלאַנד. דאָס איז געווען אַ לעבעדיקער שמועס, אָפּט פאַ-

1) פריערדיקער באַנד, § 35

לעמיש געפעפערט, פון אים איז אַרויסצוזען די ווירקונג פון דער היסטאָ־רישער קריטיק, וואָס באַפרייט דעם מוח פון דעם יאָך טראַדיציע. אין די טיפזיניקע וויסנשאַפטלעכע חקירות פילט זיך ווי ס׳קלאַפּט אַ געזעלשאַפטלעכער דופק, ס׳הערט זיך אַ ווידער־קול פון אידעען־שטרייטן.

אין צענטר אין דער דאָזיקער וויסנשאַפטלעך־ליטעראַרישער באַוועגונג זעען מיר דאָ שלמה יהודה ראַפּאָפּאָרט (שי״ר). ער האָט געשטאַמט פון גאַליציע (געבוירן אין לעמבערג אין יאָר 1790, געשטאָרבן אין פּראָג אין יאָר 1867), באַקומען אַ דערציִונג פון אַ פרומען וואויללערנער, פאַרהיט פאַר יעדער „אפיקורסות״ און וועלטלעך וויסן בכלל. ווען ראַפּאָפּאָרט, שוין אַ למדן, איז זיך צונויפגעגאַנגען מיט לעמבערגער משכילים, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט לערנען תנך מיט מענדעלסאָנס דייטשער איבערזעצונג און לייענען אַ וויסנשאַפט־לעך ביכל, האָט דער רב ר׳ יעקב אָרנשטיין אויסגערופן אין די שולן אַ חרם אויף ראַפּאָפּאָרטן און אויף זיינע חברים (1816). ראַפּאָפּאָרט האָט זיך באַקלאָגט פאַר דער מאַכט, און זי האָט געצוואונגען דעם לעמבערגער רב אַראָפּנעמען דעם חרם; די פאַנאַטיקער האָבן אָבער נישט אויפגעהערט צו רודפן אים, און דאָס האָט שטאַרק אונטערגעריסן זיין מאַטעריעלן מצב, בעת ער איז שוין געווען אַ פאָטער פון אַ היפשער פאַמיליע. אין אַזאַ שווערער צייט האָט זיך דער יונגער געלערנטער פאַרטיפט אויסצופאָרשן די יסודות פון דער היסטאָרישער יידישקייט, וואָס אין גאַליציע האָט מען דערצו נישט געטאָרט צוגיין מיט אַ קריטיש אויג. דער רעזולטאַט פון אַזאַ פאָרשונג איז געווען אַן אַרבעט, וואָס איז געדרוקט געווען אין די לעצטע 3 בענדער „ביכורי העתים״ די יאָרן 1828—1831, זעקס ביאָגראַפישע עטיודן וועגן סעדיה גאון, ר׳ נתן רוימער דער לעקסיקאָגראַף, ר׳ האי גאון, אליעזר הקליר דער פיטן, און וועגן די צוויי פון די אַפריקאַנער גאונים ר׳ חננאל און רבינו נסים. אין די דאָזיקע עטיודן זענען אָנגעוויזן נייע וועגן אויף אויסצופאָרשן די מיטלאַלטערישע ליטעראַטור, וואָס ביז איצט איז דאָס געווען אַ היפן „ספרים״, קריטיש נישט באַלויכטן, אָן אַ שום פאַרבונד מיט זייער תקופה. צוגלייך מיט צונץ׳ן האָט ראַפּאָפּאָרט אָנגעהויבן אויסגראָבן די דאָזיקע הויפנס און מיט אַ שטאַרקן היסטאָרישן אַנאַליז האָט ער געוויזן דעם פּראָצעס, ווי ס׳האָט זיך געקליבן די ליטעראַטור פון די גאונים און אַרום די גאונים־יענע צייטן האָבן אַזוינע פאָרשונגען געהאַט אין זיך אַ דערציערישע ווירקונג בכלל: זיי האָבן געוויזן מענטשן פון אַ פינסטערער וועלט, אַז אין דער געשיכטע גילט אַ געזעץ פון אַנטוויקלונג, אַז אויפטועכן פון די רבנישע אויטאָריטעטן, וואָס מ׳טאָר זיך צו זיי נישט צורירן, זענען אַ צייט־זאַך, פאַרבונדן מיט אַ געוויסער תקופה און מ׳מעג דערצו צוגיין מיט אַ קריטישער מאָס. ראַפּאָפּאָרטס היסטאָריש־ליטעראַרישע עטיודן האָבן דעריבער געהאַט אַ ווערט פון געזעלשאַפטלעכע געשעענישן, און דער מחבר איז מיט אַמאָל באַרימט געוואָרן. מיט דער הילף פון געבילדעטע פריינט האָט ראַפּאָפּאָרט אײנגיכן פאַרנומען די שטעל פון לאַנד־רב

אין טאַרנאָפּאָל (1838); איבער אינטריגעס פון פאַנאַטיקער האָט ער אין צוויי·
יאָר אַרום געמוזט פאַסירן זיין קהלה און די חסידישע גאַליציע בכלל. ער איז
געוואָרן רב אין פּראָג, אין בעהמען, און אויף דעם אַמט איז ער געבליבן ביזן
טויט. יענע יאָרן האָט ער ווייטער געטון זיין וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, געדרוקט
זיין וויסנשאַפטלעכע קאָרעספּאָנדענץ אין „כרם־חמד", וואו ער איז געווען דער
הויפּטמיטאַרבעטער, אָפט רעדאַקטאָר אויך. סיי לויט זיין אָפיציעלער לאַגע אַלס
רב, סיי לויט זיינע אייגענע איבערצייגונגען איז ראַפּאָפּאָרט ווייט געווען פון
גייגער־גאָלדהיים׳ס רעפאָרמאַטאָרישע דרכים. אין ברען פון דער רעפאָרמיסטי·
שער באַוועגונג האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ שטראָף־בריוו צום פראַנקפורטער ראַבי·
נער־צונויפפאָר („תוכחת מגולה", 1845) און איז שטאַרק אָנגעפאַלן אויף דער
צעשטערערישער אַרבעט פון די רעפאָרמיסטן, דערהויפּט, וואָס זיי האָבן אויס·
געשלאָסן משיח־תפלות פונם דאַווגען. „קנעכט, וואָס זענען ביים אויער פאַרנעגלט
צום הארס טיר זאָגן: מיר האָבן ליב אונזער האַר, מיר ווילן נישט אַרויסגיין צו
פריי"—אַזויגע אויסדריקן האָט ראַפּאָפּאָרט פאַר די, וואָס זאָגן זיך אָפּ פון ליב·
שאַפט צו זייער היסטאָרישער היים, מ׳זאָל זיי נישט חושד זיין אין קנאַפּן
דייטשן פּאַטריאָטיזם.

אין דער צייט, וואָס ראַפּאָפּאָרט האָט אויסגעפּאָרשט דעם פאַקטישן אינ·
האַלט פון יידישער געשיכטע, האָט זיך נחמן קראָכמאַל (1785—1840), זיין
פריינט און לאַנדסמאַן, פאַרטיפט אין דער פילאָזאָפיע פון יידישער געשיכטע.
שטיל האָט דער דאָזיקער דענקער פאַרבראַכט יאָרן אין בראָד, זשאָלקיעוו און
טאַרנאָפּאָל; אויבן־אויף דער טראַדיציע האָט זיך ביי אים אין מוח אָנגעהויפּט
אַ שיכט רמב"ם־פילאָזאָפיע, און איבער דער אַ שיכט קאַנט און העגעל. מיט אַ
שטאַרקן פילאָזאָפישן אַנאַליז האָט זיך קראָכמאַל פאַרטיפט אין דעם פּראָצעס
יידישער געשיכטע, אין דעם סוד פון 3 טויזנט יאָר אַנטוויקלונג פון יודאַאיזם. אין
אַ פונדאַמענטאַל ווערק „מורי נבוכי הזמן" גיט ער אַן אויסגעהאַלטענע סיסטעם
פילאָזאָפיע פון יידישער געשיכטע אין דריי תקופות: אין דער אוראַלטער, אַלטער,
און אין דער מיטלאַלטערישער תקופה; אין יעדער תקופה באַזונדער דעקט ער
אויף דריי מדרגות אַנטוויקלונג: וואַקסן, אויפבליען און פאַלן. דורך דעם מע·
טאַפיזישן נעפל וואַרפט זיך דורך אַן איינשטעלערישער געדאַנק פאַר יענער
צייט; פון דער אַלט ישראל׳שער אידעע פון אַ נאַציאָנאַלן גאָט אַרבעט זיך ביס·
לעכווייז אויס אַ געדאַנק וועגן אַן אוניווערסאַלן גאָט, אַן „אַבסאָלוטן גייסט";
דאָ ווערט אָנגעמערקט דער פּראָצעס, ווי אַזוי אַ פּאָליטישע נאַציע דערהויבט
זיך צו דער העכסטער מדרגה פון אַ גייסטיקער נאַציע, אַ פאָנטרעגערין פון אַן
אַבסאָלוטן רעליגיעזן זמת. זייער פּאָרזיכטיק באַהאַנדלט דער גאַליצישער פי·
לאָזאָף די ווייטאָקדיקע פראַגע וועגן דער אַנטוויקלונג פון „תורה שבעל פה",
פון תלמודישע דינים און הלכות; דערביי ווייזט ער אָן, אַז היסטאָריש האָט
זיך די אמונה באַדאַרפט פאַרקליידן אין מצוות און מנהגים, אַ מיטל צו אַנט·

פלעקן דאָס רעליגיעזע באַוואוסטזיין אין דער עדה. נעגאַטיוו באַציט זיך דער מחבר נאָר צו קבלה, דער מוטער פון חסידות, ער באַווייזט איר נאָנטע קרובה׳־שאַפט מיטן קריסטלעכן גנאָסטיציזם. די אַלע אידעען פלעגט קראָכמאַל איבער־געבן אין שמועסן, מייסטנס צווישן נאָנטע פריינט, אָפט אויף אַ שפּאַציר הינטער דער שטאָט, וואָס ווייטער פון חשודיקע בליקן פון זשאַלקעווער פאַנאַטישע חסידים. איבער דער מורא פאַר רדיפות האָט ער נישט געדרוקט זיינע ווערק ביים לעבן (חוץ אייניקע אויסצוגן אין „כרם חמד״), פאַרן טויט האָט ער אָנגעזאָגט, אַז דעם מאַנוסקריפּט פון זיין ווערק, וואָס ער האָט אַנאָמען געגעבן „אמונה צרופה״, זאָל מען איבערשיקן צונץ׳ן קיין בערלין צו דרוקן. דאָס ווערק איז אַרויס ערשט דאָס יאָר 1851 מיט דעם נאָמען „מורה נבוכי הזמן״ מיט דעם רעדאַקטאָר צונץ׳ס אַ פאָררעדע.

ראַפּאָפּאָרט און קראָכמאַל האָבן געטון זייער אויפקלערערישע אַרבעט זייער פאָרזיכטיק, געמיט זיך נישט אָנרירן די פיינטלעכע פאַנאַטישע מאַסע. ס׳זענען אָבער געווען שרייבער מיט מער שטרייט־טעמפּעראַמענט, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פירן אַ קאַמף קעגן דער דאָזיקער סביבה, כאָטש מייסטנס פאַרשטעלט, מיט פּסעוודאָנימען. אַ לעמבערגער שרייבער יהודה־לייב מיזעס (גע־שטאָרבן 1831) איז אַרויס מיט אַ שאַרפער סאַטירע קעגן רבנות און קבלה אין צוויי ביכער: „וועגן דעם צושטאַנד פון רבנים״ (תכונת הרבנים 1820) און „קנאה פאַרן אמת״ („קנאת האמת״ 1828). מיזעס האָט נישט געשוינט קיינע אויטאָרי־טעטן און האָט זיי אַרונטערגעריסן מיט אַזאַ שאַרפקייט, וואָס דעם מעסיקן ראַ־פּאָפּאָרט און זיינע פריינט איז דאָס שטאַרק דערווידער געווען. יוסף פּערל פון טאַרנאָפּאָל (געשטאָרבן 1839) אַן ענערגישער בילדונגטוער, וואָס האָט ביי זיך אין שטאָט געגרינדעט אַ יידישע מוסטער־שול מיט דייטשער אונטערריכט־שפּראַך, האָט פאַרווענדט זיין שאַרפע סאַטירע קעגן חסידות און „גוטע־יידן״. דאָס יאָר 1819 האָט ער פאַרעפנטלעכט מיט אַ פּסעוודאָנים אַ סאַטירע „מגלה טמירין״ אין אַ בריוו־פאָרם קעגן דעם חסידישן שטייגער, וואָס דערמאָנט אונז הוטען׳ס „בריוו צו פינסטערע לייט״. דאָס איז אַ נאַאיווע קאָרעספּאָנדענץ צווישן צוויי חסי־דים אויף אַ ספּעציעלן העברעאישן זשאַרגאָן, וואָס אַנטפּלעקט אונז אַ בילד פון גוט־יידישע הויפן מיט דער גאַנצער נעץ אינטריגעס און שווינדל לשם שמים. דער מחבר האָט אַזוי קונציק געכאַפּט דעם חסידישן סטיל, אַז מ׳דערציילט, אַ שטיק צייט האָבן חסידים נישט פאַרשטאַנען דעם חוזק און האָבן דאָס בתמי־מות געהאַלטן פאַר אַ חסידישן ספר. נאָך שאַרפער איז געווען יצחק ער־טער׳ס סאַטירע (אַ בראָדער דאָקטאָר, געשטאָרבן 1851). אין דער יוגנט האָט ער געהערט צו ראַפּאָפּאָרטס משכיל׳ישן קרייז, וואָס דער לעמבערגער רב אָרנ־שטיין האָט זיי אַריינגעלעגט אין חרם אַריין, שפּעטער האָט ער אָפּגעצאָלט זיינע פיינט מיט פּראָצענטער. אין וויציקע סאַטירעס, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין די פריער דערמאָנטע פּעריאָדישע זאַמלביכער פאַר דער צייט 1823—1845, האָט

ער אומברחמנות׳דיק אָפּגעשפּעט פון די גאַליציאַנער פאַנאַטיקער, אָרטאָדאָקסן און חסירים, אויפגעדעקט זייער גייסטיקן דלות. די דאָזיקע סאַטירעס זענען געשריבן אין אַן עלעגאַנטן העברעאיש, מיט אַ גלאַנץ און עקספּרעסיע, וואָס מ׳טרעפט נישט ביי קיינעם אַפילו אין יענע רענעסאַנס־תקופה. נאָך זיין טויט זענען די דאָזיקע אַרטיקלען אַרויס אין אַ זאַמלונג „הצופה לבית ישראל" (ווין, 1858).

צו דער דאָזיקער ליטעראַרישער גרופּע איז צוגעשטאַנען אַ באַגאַבטער שרייבער פון עסטרייכיש איטאַליע שמואל־דוד לוצאַטאָ (שד״ל, 1800—1865). דאָס איז געווען אַ אייגנאַרטיקע דערשיינונג אין דעמאָלטיקער ליטעראַטור. געבוירן אין טריעסט, פונם יאָר 1823 אָן אַ לערער פון העברעאישער ליטעראַטור און טעאָלאָגיע אין ראַבינער־סעמינאַר אין פּאַדואַ, האָט ער זיין קינדהייט פאַרבראַכט אין דער אַטמאָספער אידעען פון דער ערשטער עמאַנסיפּאַציע, און אין דער יוגנט האָט אים פאַרכאַפּט די עסטרייכישע רעאַקציע. אין זיין סביבה האָט ער צוגעזען די ערשטע שפּראָצן אַסימילאַציע נעבן דעם נשאַר יידישער קולטור, וואָס איטאַליע איז דערמיט אַמאָל אַזוי באַרימט געווען. ס׳איז ביי אים רייף געוואָרן אַ שטאַרקער פּראָטעסט קעגן די מאָדערניסטישע אידעען, וואָס ווילן פאַרקלענערן די חשיבות פון יידישער היסטאָרישער אייגנאַרטיקייט, אָפּווישן דאָס אייגנס. לוצאַטאָ האָט באַשאַפן אַ טעאָריע וועגן שטרייט צווישן יודאַאיזם און עליניזם („אַטיציזם", ווי ער דריקט זיך אויס) און האָט פאַרשפּיצט די טעאָריע ביז די ווייטסטע לאָגישע פּועל־יוצא׳ס. דעם עטיש־עמאָציאָנאַלן יסוד אין יידישקייט, וואָס האַלט זיך זיכער און פעסט אַלע צייטן, קאָן מען נישט אויסשטימען מיט דעם אינטעלעקטועל־עסטעטישן יסוד אין עליניזם, וואָס בייט זיך און וואַקלט זיך. דער סוד פונם אייביקן יידישן קיום שטעקט אין דעם, וואָס דער מאָראַלישער יסוד אין יודאַאיזם שטייט אייזן־פעסט: ס׳איז די גרעסטע געפאַר פאַרן פאָלק, אויב זיין גייסט וועט זיך לאָזן פירן אויף די געשלענגלטע וועגן פון עליניסטישע הקירות, וואָס דער סוף זייערער איז — פּוסטער ראַציאָנאַליזם. דאָס איז די מאָס, וואָס מיט איר גייט ער צו צו דער גאָרער יידישער געשיכטע. אים זענען נישט צום האַרצן אַזעלכע ראַציאָנאַליסטן, ווי דער רמב״ם אָדער אבן־עזרא, וואָס האָבן אַראָפּגעפירט די כנסת ישראל פון איר היסטאָריש שטעגעלע אויף אַ ברייטן וועלטוועג; טייער זענען אים אַזעלכע פלאַמענדיקע גייסטער ווי יהודה הלוי, וואָס האָבן פאַרטיפט דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק און נישט געוואָלט אים פאַרברייטערן. לוצאַטאָ׳ס אידעאַל איז — אַן אויג, וואָס איז צוגעשמידט אינעווייניק צו זיך, נישט צו דער אַרומיקער וועלט. ער האָט נישט געלייקנט זיין פאַראַכטונג צו אַזעלכע טוערס אין זיין צייט, דערהויפּט צווישן יידישע רעפאָרמיסטן אין דייטשלאַנד, וואָס פלעגן זיך שטענדיק אַרומקוקן אַרום און האָבן צוגעפּאַסט זייער קוק צו די פאָדערונגען און צום געשמאַקט פון דער אַרומיקער קריסטלעכער סביבה. לוצאַטאָ האָט נישט סיסטעמאַטיזירט זיינע באַציאונ־היסטאָרישע אידעען אין איין ווערק.

ווי דער ראַציאָנאַליסט קראָכמאַל האָט דאָס געטון (אויב נישט רעכנען אַזאַ פראַגמענ־טאַרישע זאַך ווי „יסודי התורה"); די דאָזיקע אידעען זענען ביי אים צעוואָרפן אין וויסנ־שאַפטלעכע זשורנאַל־אַרטיקלען, אין אַגרויסער קאָרעספּאָנדענץ מיט פריינט און ליטעראַרישע קאָלעגן, און אין שירים. דאָס יאָר 1825 איז ער אַרויס מיט אַביכל לירישע און עפּישע שירים „כנור נעים", אינגיכן אָבער האָט ער פאַרוואָרפן דעם מין ליטעראַטור, און, געבליבן אַפּאָעט לויט זיין שטימונג נאָך, גיט ער זיך אָפּ גאָר און גאָר וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, דערהויפּט מיט ביבלישער עקזעגעטיק פּילאָלאָגיע און מיט דער געשיכטע פון מיטלאַלטערישער העברעאישער ליטע־ראַטור. ער האָט געגעבן אויסגעצייכנטע פאָרשונגען פון העברעאישער פילאָלאָגיע, ער האָט געמאַכט אַפּירוש צו פאַרשידענע טיילן תנ"ך, צו יהודה הלוי׳ס פּאָעזיע און צו מיטלאַלטערישע סימנים; אין זיין גרויסער וויסנשאַפטלעכער קאָרעספּאָנ־דענץ זענען אָנגערירט אַלע צווייגן פון דער דעמאָלטיקער יידישער וויסנשאַפט. ער איז געווען איינער פון די הויפּטאַרבעטער, גלייך מיט ראַפּאָפּאָרטן, אין „כרם חמד". אומעטום ברענגט ער מיט דעם ברען פון זיין טעמפּעראַמענט און די פּאָלעמישע היץ, וואָס נעמט זיך פון זיין אייגנאַרטיקער שטעלונג, אַלס אָריגינע־לער נאַציאָנאַלער דענקער צווישן שרייבער אין אַשטורמישער תקופה פון אַסימילאַציע, ראַציאָנאַליזם און רעליגיעזע רעפאָרמעס.

נענטער צו דער מדרגה שרייבער יענע תקופה איז געווען אַן אַנדער יידישער שרייבער פון עסטרייכישער איטאַליע, דער געלערנטער יצחק שמואל רעדזשיאָ (יש"ר, געשטאָרבן 1855), אַראַבינער און אַלערער אין ליציי אין גאָריצע. אין זיין ווערק „התורה והפילוסופיה" (1827) גייט רעדזשיאָ אויף דעם אויסגעריבענעם וועג: אַפּשרה צווישן טעאָלאָגיע און פילאָזאָפיע. ער האָט אַרויס־געגעבן מיט זיינע הערות ווערק פון די עלטערע ראַציאָנאַליסטן: אליהו דעלמע־דיגאָ („בחינת הדת", 1833), און לעאָן דעמאָדענאַ (בחינת הקבלה, 1852), אָנגע־שריבן אַפּירוש אין מענדעלסאָנס שטייגער צום חומש, וואָס ער האָט איבער־זעצט אויף איטאַליעניש. בכלל האָט ער געזוכט צו פאַרייניקן די אַלטע יידישע קולטור מיט דער „ניי־ע", נישט אַזוי ווי לוצאַטאָ, וואָס האָט שטענדיק באַטאָנט די סתירה צווישן יודאַאיזם און דעם ראַציאָנאַליסטישן גייסט פון דער נייער צייט.

ווי פאַרשידן ס׳זענען נישט געווען די וועגן פון דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור אין עסטרייך, אָבער איין עיקר פאַראייניקט זיי אַלע: דאָס נאַציאָנאַלע, דאָס ציען צו אייגנס. בעת אין דער יידישער ליטעראַטור אין דייטשלאַנד יענע תקופה איז דער הויפּט־פּונקט געווען—אַסימילאַציע, וואָס ווייטער פון אייגנס.

קאַפּיטל IV.

די סיסטעם אונטערדריקונג אין רוסלאַנד.

§ 20. דער סוף פון אַלכּסנדר דעם 1-טנס רעגירן.

אין רוסלאַנד האָט די אייראָפּעאישע רעאַקציע באַקומען איר אייגן פּנים. אַלכּסנדר דער 1, איינער פון די דריי, וואָס האָבן באַשאַפן דעם „היילינן בונד", דער אַמאָל ליבעראַלער אימפּעראַטאָר, האָט גאָר אײנגיכן שלום געמאַכט מיט דעם, וואָס אין רוסלאַנד איז דער פּרינציפּ „רעגירן ווי אַ פאָטער" מגולגל געוואָרן אין אַ מגושם'דיקע אַראַקטשעיעווטשינע און דער אידעאַל פון אַ „קריסטלעכער מלוכה"—אין פאָטי'עס און מאַגניצקי'ס אָבסקוראַנטיזם. דער סוף פון אַלכּסנדר'ס רעגירן איז געווען אַ תשובה-צירונג קעגן די ליבעראַלע „זינד" אין אָנהויב, און האָט אויסגעטרעטן אַ וועג פאַר ניקאָלאַי דעם 1-טנס אייזערנעם אַבסאָלוטיזם, וואָס האָט אויף דרייסיק יאָר געפּענטעט דאָס פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע לעבן אין רוסלאַנד. דער גרעסטער יידישער צענטער איז געווען פאַרבונדן מיט דעם גורל פון דער דאָזיקער מאָנאַרכיע. דער ווינער קאָנגרעס האָט פאַרברייטערט דאָס אייראָפּעאישע רוסלאַנד, איינגעשלאָסן אַהין כמעט די גאַנצע טעריטאָריע פונם געוועזענעם וואַרשעווער הערצאָגטום (דאָס קעניגרייך פּוילן). אַקעגן 2 מיליאָן יידן[1]), זענען געווען איינגעפּרעסט אין דעם מערב-פּאַס ביים גרעניץ פון דער גרויסער אימפּעריע, און מיט דער דאָזיקער גרויסער אייגנאַרטיקער מאַסע האָט מען געמאַכט די פאַרשיידנסטע פּראָבעס, ווי אַזוי דער אַלגעמיינער פּאָליטישער קורס די אָדער יענע צייט האָט דאָס דיקטירט. דריי סיסטעמען זענען פאַר דער צייט פּראַקטיקירט געוואָרן בנוגע יידן: 1) אַ געמישטע סיסטעם „האַרציקע השגחה" און שווערע שטראָף-מיטלען סוף אַלכּסנדר דעם

1) דער יידישער סטאַטיסטיק יענע צייט פעלט נאָך אַ סך צו גענויאיקייט, דאָך איז זי נענטער צום אמת, איידער אַ תקופה פריער, ווארום פונם יאָר 1816 אָן האָט די רעגירונג געטון שטרענגע מיטלען קעגן יידן, וואָס האָבן זיך אויסגעדרייט פון רעגיסטראַציע (זע: לעוואַנדע, „סבאָרנ. זאַקאָנאָוו אַ יעווריאַך". 87, 96, 105, 122). יאָסט (Neure Geschichte d. Juden, II, 122) האָט לויט אָפיציעלע ידיעות בערעכנט דאָס יאָר 1845 אין רוסלאַנד מיט פּוילן צוזאַמען 1,600,000 יידן, אויסגערעדט, אַז די אמת'ע צאָל יידן איז אַ סך מער.

1-טנס רעגירן (1815—1825); 2) אַ מיליטער-סיסטעם פון „אויסלייטישן" יידן מיט רעקרוטן און קאַנטאָניסטן, מיט דערציען די יידישע יוגנט אין קאַזאַרמעס; אַ סיסטעם פון רעליגיעזע אַסימילאַציע מיט געוואַלט, מיט אַ צוגאָב אומגעהויערע רעכטלאָזיקייט און פיין (די ערשטע העלפט ניקאָלאַי דעם 1-טנס רעגירן 1826—1840); 3) אַ „קולטור"-סיסטעם אויסלייטישן יידן מיט „קאַזיאָנע שולן" און אָפּ-שאַפן די אויטאָנאָמע יידישע קהלה (1846—1847). ביי די אַלע פּראָבעס צו דערציען און אויסלייטישן יידן מיט אַ צוגאָב עלילת-דם און מיטלאַלטערישע רדיפות איז דאָס יידישע לעבן אין רוסלאַנד געוואָרן איין הוילע טראַגעדיע.

תחלת האָט די תקופה אויסגעזען נישט שלעכט צו זיין פאַר יידן. אלכסנדר דער ערשטער איז צוריקגעקומען פון ווינער קאָנגרעס אָן קיינע אַגרעסיווע פּלענער בנוגע יידן. ער האָט געדענקט די יידישע פּאַטריאָטישע פירונג בעת דער מלחמה דאָס יאָר 1812 און זיין הבטחה „פאַרבעסערן זייער לאַגע". אינגיכן האָט מען זיך אָנגעהויבן גרייטן צו אַ יידן-רעפאָרם. דערווייל איז דאָס געווען אַ קאַנצעלאַריע-זאַך, ווי אַזוי צו פאַרוואַלטן יידישע ענינים. דעם 18-טן יאַנואַר 1817 איז אַרויס אַ באַפעל דעם סענאַט, מ'זאָל צושטעלן אַלע ענינים וועגן יידישע קהלות (חוץ געריכט-זאַכן) דעם הויפּטפאַרוואַלטער איבער רעליגיע-זע ענינים פון פרעמדע אמונות, א. נ. גאָליצינען, דעם קייזערס אַ מיטטוער אין קריסטלעכן פּיעטיזם און מיסטישע שטיק. אָקטאָבער דאָס זעלבע יאָר איז געוואָרן אַ פאַרייניקט „מיניסטעריום פאַר גייסטיקע ענינים און פאָלקס-בילדונג" מיט גאָ-ליצינען אַלס מיניסטער, אַ צייכן, אַז „קריסטלעכע פרומקייט" זאָל זיין דער יסוד פון בילדונג. אין דעם גרינדונגס-אַקט איז געווען אָנגעוויזן, אַז אַלע „יידישע ענינים, וואָס קומען פאַר אין סענאַט און ביי מיניסטאָרן" זאָל איבערגעגעבן ווערן דעם פירער פון נייעם מיניסטעריום. בכן האָט מען די יידנפראַגע אָפיציעל פאַרבונדן מיט דעם אַמט פון רעליגיעזער קולטור, וואָס זי האָט דעמאָלט פאַר-נומען דאָס צענטראַלע אָרט אין דער פאַרוואַלטונג. צו דער דאָזיקער קאַנצע-לאַרישער ענדערונג איז צוגעקומען אַ וויכטיקערע רעפאָרם: די רעגירונג האָט געהאַלטן פאַר נויטיק צו גרינדן ביים מיניסטעריום פאַר גייסטיקע ענינים אַ באַראַט-קאָלעגיע פון אויסגעווייל טע פאָרשטייער אָדער, ווי מ'האָט זיי גערופן, „דעפּוטאַטן פון יידישע קהלות". געגומען האָט זיך דאָס פון דער צופעליקער [illegible]ן דערווייליקער יידישער פאַרטרעטונג (די דעפּוטאַטן זאָנענבערג און דילאָן), [illegible]אָס האָט זיך געפונען ביי דער הויפּטקוואַרטיר אין דער רוסישער אַרמע בעת דעם קריג אין אויסלאַנד [1]). ווען אַלכסנדר דער 1-טער האָט אין ברוכזאַל צוגע-זאָגט די דעפּוטאַטן פאַרבעסערן די לאַגע פון זייער פאָלק, האָט ער זיי געהייס[ן] [ק]ומען סוף קריג קיין פעטערבורג, זיי זאָלן איבערגעבן די קהלות [ד]ער רעגירונגס [ו]ילן. די דעפּוטאַטן זענען געקומען אין פעטערבורג און האָבן זיך ג[ע]נומען

1) פריערדיקער באַנד § 49.

פאַר זייער אַרבעט: שתדלנות פאַר יידן (1816—1817). היות ווי זיי האָבן אָבער פאַרשטאַנען, אַז זיי קאָנען זיך נישט האַלטן פאַר קיין פאָרשטייער פון אַלע קהלות אין רוסלאַנד, האָבן זיי (דערהויפּט זאַנענבערג) גענומען אַרבעטן, מ׳זאָל באַשטימען וואַלן אין אַלע קהלות אויף אויסצוקלויבן דעפּוטאַטן.

די רעגירונג האָט צוגעשטימט. אין דער אינסטרוקציע פאַר דעם ניי־געגרינדעטן מיניסטעריום פאַר גייסטיקע ענינים איז געווען אַריינגעשטעלט אַ פּונקט, אַז „דעפּוטאַטן פון יידישע קהלות, ווי נאָר זיי ווערן אויסגעקליבן, דאַרף דער מיניסטער דערלאַנגען זיין מאַיעסטעט צו באַשטעטיקן". האַרבסט דאָס יאָר 1817 האָבן אַלע גרעסערע קהל׳ס באַקומען אַ באַפעל פון די גובער־נאַטאָרן — זיי זאָלן אויסקלייבן וואַלמענער צו צוויי פון יעדער גובערניע. די 22 וואַלמענער פון 11 גובערניעס זענען זיך צונויפגעקומען אין ווילנע אויסצו־קלייבן צווישן זיך די דעפּוטאַטן און קאַנדידאַטן פאַר זיי (אויגוסט 1818). חוץ זאַנענבערג׳ן און דילאָנ׳ען האָט מען אויסגעקליבן נאָך פיר דעפּוטאַטן פון ווייסרוסלאַנד און ליטע. אויף הוצאות פאַר די דעפּוטאַטן און אויסהאַלטן זיי אין פעטערבורג האָט דער ווילנער צונויפפאָר אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף, אַז אין אַלע יידישע קהלות זאָל מען מאַכן אַן „עטרה־זאַמלונג", ד. ה. מ׳זאָל אַראָפּנעמען די זילבערנע עטרות פון טליתים און קיטלען און דאָס מאַכן צו געלט־ווער ס׳וויל מעג אָפּצאָלן, וואָס די עטרה איז ווערט. ניכר, אַז אַ געלט־זאַמלונג איז דעמאָלט נישט מעגלעך געווען, אַזוי ווייט זענען יידן רואינירט געוואָרן בעת דער מלחמה.

אינגיכן איז געוואָרן אַ ספּעציעלע קאַנצעלאַריע ביי דער „דעפּוטאַציע פונם יידישן פאָלק", ווי מ׳פלעגט אָפט רופן די קאָלעגיע דעפּוטאַטן. דער פירער איז דאָ געווען דער ענערגישער טוער זאַנענבערג. די קאָלעגיע האָט געאַרבעט גאַנצערהייט אָדער טיילווייז משך זיבן יאָר (1818—1825), אָבער איר אַרבעט איז געווען נישט דאָס, וואָס די יידישע געזעלשאַפט האָט אויסגעקוקט. די דעפּו־טאַטן האָבן זיך אויך אָפּגעגעבן אין זייער האָפענונג, אַז מ׳וועט זיי רופן אויף באַראַטונגען וועגן פאַרבעסערן די יידישע לאַגע. די רעגירונג האָט פאַסירט דעם געדאַנק וועגן געזעצגעבערישע רעפאָרמעס, שפּעטער האָט זי גאָר גענומען צוקלערן מיטלען ווי אַזוי צו פאַרווירקלעכן די רעפּרעסיווע אַרטיקלען אינם געזעץ פונם יאָר 1804, וואָס מ׳האָט זיי געמוזט אָפּשטעלן ערב דער מלחמה דאָס יאָר 1812. די דעפּוטאַטן פלעגן דערגיין אין די קאַנצעלאַריעס דער רעגי־רונגס „פלענער" און געהיים מיטטיילן — קהל־טוער אין דער פּראָווינץ; דערביי פלעגן זיי פּרוּוון פאַרהיטן פאַר „גזרות" מיט שתדלנות פאַר הויכגעשטעלטע פערזאָנען. ווידער פלעגן די דעפּוטאַטן איבערגעבן דעם מיניסטער פאַר גייסטי־קע ענינים, גאַליציענע, פאַרשידענע קהל׳שע השתדלותן און אָנקלאָגן אויף דער אָרטיקער אַדמיניסטראַציע. די לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז די דעפּוטאַטן זענען ממילא געוואָרן פּשוטע שתדלנים וועגן יידישע ענינים; אייניקע, דערהויפּט זאָ־

נענבערג, האָבן אין דעם פּרט נישט גערוט און דערעסן די העכערע אַדמיניסטראַציע מיט זייערע בקשות און מעל־ונגען. דער פּעטערבורגער ביוראָקראַטיע זענען נמאס געוואָרן די דאָזיקע השתדלות׳ן אָן אַ סוף און דאָס מישן זיך אין אירע פּלענער. מיט דער צייט איז ביי די דעפּוטאַטן גופא געפאַלן דער מוט, זיי האָבן קלאָר איינגעזען, ווי אוממעכטיק זיי זענען בייצוקומען די רעאַקציאָנערע כוואַליע, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שטייגן, און אַ טייל זייערע האָט פּאַסירט פּעטערבורג: גאָליצינ׳ס מיניסטעריום פאַר גייסטיקע ענינים איז לסוף געפאַלן, (אַ אינטריגע פון אַראַקטשעיעוו׳ס פּאַרטיי), ממילא האָט געמוזט פאַלן דאָס נאָכשלעפעניש, די אָריגינעלע יידישע פאַרטרעטונג. גאָליצינ׳ס נאָכקומער אין דעם אַמט פון בילדונג־מיניסטער, דער רעאַקציאָנער ס. אַ. שישקאָוו, האָט דערלאַנגט אַ ראַפּאָרט דעם קייזער, אַז ס׳איז שוין צייט אָפּצושאַפן דעם אינסטיטוט יידישע דעפּוטאַטן, „וואָרום פון אַ סך פאַלן איז אַרויסצוזען, אַז זייער זיין דאָ (אין פּעטערבורג) איז חוץ וואָס ס׳איז איבריק און אומנוצלעך, נאָך שעדלעך אויך; מיט דעם אויסרייד, אַז זיי טרייבן שתדלנות פאַר קהלשע געשעפטן, זאַמלען זיי אומזיסט געלט ביי יידן און צעפּויקן פאַר דער צייט דער רעגירונגס באַשלוסן און אפילו דער רעגירונגס פּלענער״. דאָס יאָר 1825 איז די „דעפּוטאַציע פונם יידישן פאָלק״ אָפּגעשאַפט געוואָרן. אַזוי איז אומגעקומען אַן אינסטיטוציע, ריכטיק אין דער אידעע און פאַרדאָרבן אין דער פּראַקטיק, וואָס וואָלט געקאָנט זיין אַ סוראָגאַט פון אַ יידישער קהלה־פאַרטרעטונג אין פּעטערבורג.

לויט ווי ס׳האָט געפּאַסט פאַר דעם גייסט פון דער נייער תקופה איז דער רעגירונגס זאָרג פאַר יידן געווען געווענדט קודם כל צו ראַטעווען זייערע נשמות. די מיסטיש־געשטימטע אַלכסנדר דער 1־טער און זיין מיניסטער פאַר גייסטיקע ענינים גאָליצין, זענען געווען פאַרטון אין קריסטלעכן פּיעטיזם, (דעמאָלט שטאַרק אין דער מאָדע), און זיי האָבן דאָס געוואָלט זיין דער השגחה׳ס שליחים צו מאַכן יידן פאַר קריסטן. גאָליצין האָט געפּרובט פאַרווירקלעכן די שליחות, ער איז געוואָרן פאָרזיצער אין דער רוסישער ביבלישער געזעלשאַפט און פּלייסיק נאָכגעטון דעם ענגלישן אָריגינאַל, דער מיסיאָנערישער ביבל־געזעלשאַפט אין לאָנדאָן. דעם 25־טן מערץ 1817 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דעם צאַרס באַפעל וועגן גרינדן „אַ געזעלשאַפט פון יידן־קריסטן״, צו פּראָטעזשירן משומדים, אָדער אַזוינע, וואָס האַלטן ביי שמדן זיך. „עס איז אונז באַוואוסט געוואָרן—זאָגט זיך אינם דאָזיקן באַפעל מיט אַ קלויסטערישן נוסח—אין וואָס פאַר אַ שווערער לאַגע עס געפינען זיך יענע יידן, וואָס האָבן זיך מיטן אויבערשטנס הילף איבערגעצייגט אין די יסודות פון קריסטנטום און זיי אָנגענומען אָדער זיי גרייטן זיך ערשט צו באַהעפטן מיט דער טשערעדע פונם הייליקן פּאַסטוך און אויספייזער פון נשמות. די דאָזיקע יידן, זיך אָפּגעטיילט פון זייערע ברידער לויטן בלוט—דורך דעם קריסטלעכן גלויבן, קומען שוין מיט זיי נישט אין קיין שום

געזעלשאַפטלעכע באַרירונג און נישט נאָר זיי האָבן אָנגעוואוירען יעדע רעכט אויף אונטערשטיצונג מצד זיי, נאָר זיי שטייען נאָך אויס פון זיי רדיפות און ווערן אויף כּלערליי אופנים געדריקט. פון דער צווייטער זייט אָבער געפינען זיי נישט קיין שום זאָרג און מנוחה אויך ביי די קריסטן, וואָס זענען זייערע נייע ברידער לויט דער אמונה, אָבער די דאָזיקע יידן זענען זיי נאָך אומבאַקאַנט. און אַזוי ווי מיר זענען דורכגעדרונגען מיט רחמנות צו די יידן, וואָס האָבן אײבערגענומען די קריסטלעכע אמונה,—און עס איז גרויס אונזער יראת הכּבוד פאַר דער שטים פון הימל, וואָס רופט די דאָזיקע קינדער ישראלס פון זייער גלות אויף צו באַהעפטן זיך מיט קריסטוס גלויבן, דעריבער האָבן מיר געפונען פאַר גוט איינצושטעלן מאָסמיטלען אויף צו באַזאָרגן זיי". צוגעזאָגט איז געווען נישט ווייניק: יעדע גרופּע משומדים באַקומט אומזיסט קרוינישע ערד אין די דרום־אָדער צפון־גובערניעס, זיי האָבן רעכט צו מאַכן דאָרט ישובים, שטעטלעך און שטעט, ס'ווערט זיי געגעבן אַלע בירגערעכט, אַ ברייטע געמיינדע־אויטאָנאָמיע און ספּעציעלע שטייער־פּריווילעגיעס. די אַלע גרופּעס, אָדער קאָלאָניעס יידן, וואָס טויפן זיך גריכיש־קאַטויליש (פּראַוואָסלאַוויע), קאַטויליש אָדער לוטעראַניש, טרעטן אַריין אין דער „געזעלשאַפט יידן־קריסטן", וואָס זי איז אונטער דעם צאַרס שוץ און ווערט געפירט פון אַ באַזונדער קאָמיטעט אין פּעטערבורג. דער פייערלעכער סטיל פון דעם צאַרישן באַפעל באַווייזט, אַז דער רעגירונגס מיין איז דאָ געווען נישט גלאַט אויסהעלפן צופעליקע קריסטן־גרים, נאָר אַ גרויסער פּלאַן פּראָטעזשירן מאַסן־שמד און אָרגאַניזירן פון די נייע קריסטן פּריווילעגירטע קאָלאָניעס, זיי זאָלן דאָס זיין דער מאַגנעט אויף צוציען יידן, וואָס דאַרבן אין דער אַלטער אמונה. פּעטערבורגער געזעצגעבער האָבן זיך געמאָלט אין דער פאַנטאַזיע דוקא יידישע מ אַ ס ן, וואָס זוכן שוץ אונטער קריסטוס פליגל נישט נאָר פון עולם־הבא וועגן, נאָר פאַר עולם־הזה אויך.

ליואיס ווײ, אַ פאַרטרעטער פון לאָנדאָנער ביבל־געזעלשאַפט, האָט אײנגיכן אויסגענוצט די דאָזיקע מיסיאָנערישע שטימונג ביי רוסישע רעגירער. ווײ איז געווען דורך און דורך קבלה'ש פאַרגלויבט, אַז ישראל וועט אויסגעלייזט ווערן דורך קריסטנטום, ער האָט אָבער פאַרמאָגט גרויס רעספּעקט פאַר דעם הייגטיק, נאָך נישט אויסגעלייזט פאָלק, וואָס זאָל האָבן אַ גרויסע געטלעכע שליחות אין דער געשיכטע, און איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף יידישער בירגערלעכער פאַרקנעכטונג אין אייראָפּע. ווען די מאָנאַרכן, וואָס האָבן געשלאָסן דעם „הייליקן בונד", זענען זיך צענויפגעקומען מיט זייערע מיניסטאָרן און דיפּלאָמאַטן אין אַאַכען אויף אַ קאָנגרעס (האַרבסט 1818), האָט ווײ דערלאַנגט אַלכּסנדר דעם ז־טן „אַ מעמאָראַנדום וועגן דער יידישער לאַגע", ער האָט געוואָלט אײבערצייגן דעם רוסישן צאַר, יענער זאָל עמאַנסיפּירן יידן אין זיין מלוכה און זאָל ווירקן אין דעם זין אויף דעם פּרייסישן און עסטרייכישן מאָנאַרך אויך. ווײ שרייבט: „די לאַנגע צייט, וואָס איך האָב געררייזט איבער פּוילן צו זאַמלען

ידיעות וועגן דער יידישער לאַגע, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז נישט אומזיסט האָט די השגחה איבערגעגעבן דעם גורל פון אַזויפיל צענדליקער טויזנטער יידן צו דריי קריסטלעכע מאָנאַרכן אין די הענט: דאָס האָט גאָט געטאָן צו מקיים זיין די הבטחה, וואָס ער האָט געגעבן די יידישע אבות". כדי יידן זאָלן ווערן קריסטוס געטרייע קינדער, דאַרף מען זיי באַהאַנדלען ווי אייגענע, ווי גלייכע גלידער אין דער בירגערלעכער געזעלשאַפט. דער געפאַנגענער ישראל דאַרף פריער באַפרייט ווערן אין גשמיות, איידער ער וועט גייסטיק אויסגעלייזט ווערן. ווי בעט דעם רוסישן קייזער, ער זאָל אין דעם פּרט ווייזן אַ וועג, וואָס דאָס „וועט ווירקן אויף דער גאָרער וועלט". אלכסנדר האָט איבערגעגעבן ווי'ס מעמאָראַנדום זיין אויסערן-מיניסטער נעסעלראָדען צו באַטראַכטן אויפן קאָנגרעס. ווי'ס מעמאָראַנדום צוזאַמען מיט אַן אויספירלעכן פּראָיעקט פון אַ כּלל-אייראָפּעאישער „רעפאָרם פון דער פּאָליטישער און בירגערלעכער געזעצגעבונג" פאַר יידן איז באַטראַכט געוואָרן דעם 21 נאָוועמבער 1818 אין אַ זיצונג פון מיניסטאָרן פאַר-טרעטער פון פינף מלוכות: רוסלאַנד, עסטרייך, פּרייסן, ענגלאַנד און פראַנק-רייך. די דיפּלאָמאַטישע באַראַטונג, וואָס האָט געהאַט גאָר ווייניק אינטערעס פאַר דער יידן-פראַגע און וואָס האָט יעדנפאַלס נישט געוואָלט מאַכן „די היימי-שע זאַך" פון יעדער רעגירונג באַזונדער פאַר קיין אינטערנאַציאָנאַלן ענין, האָט אָנגענומען אַזאַ רעזאָלוציע: די באַראַטונג לאָזט זיך נישט אַריין צו באַטראַכטן דעם פּראָיעקט בעצם, זי האַלט אָבער זיין טענדענץ בכלל פאַר ריכטיק; די פאַר-טרעטער פון עסטרייך און פּרייסן (מעטערניך און האַרדענבערג) זענען גרייט צו געבן אַלע נויטיקע ידיעות וועגן דער לאַגע פון יידן אין די דאָזיקע מלוכות, כּדי „קלאָר צו מאַכן די פּראָבלעם, וואָס דאַרף גלייך אינטערעסירן דעם מלוכה-מאַן און דעם מענטשן-פריינד". מיט אַזאַ פּזמון, וואָס איז קיינעם צו גאָרנישט מחייב, האָבן זיך די דיפּלאָמאַטן אָפּגעפּאַרטיקט מיט אַ פאַרדריסלעכער פראַגע וואָס זי איז דערמאָנט געוואָרן אויפן קאָנגרעס דורך אגב און דאָס אויך נאָר פון העפלעכקייט וועגן פאַרן רוסישן קייזער. אָפּגעזאָגט דעם פּזמון, האָבן זיך די רעגירונגען אין יעדער פון די דריי מאָנאַרכיעס, וואָס האָבן צעטיילט צווישן זיך פּוילן, שוין מיט אַ רואיקן געוויסן געקאָנט ווידער באַגיין מיט „זייער" יידן, ווי דאָס האָט געפּאַסט צו דער היימישער רעאַקציאָנערער פּאָליטיק אָן אַ פאַלש עטיקעט-בלעטל הומאַניזם.

אין רוסלאַנד האָט זיך ווייטער אויך געפירט די היימישע פּאָליטיק. אין אויסלאַנד האָט דער צאַר גנעדיק אויסגעהערט ווי'ען, ווי נויטיק ס'איז בירגער-לעך צו עמאַנסיפּירן יידן, נישט אויסגעוואַרט ביז זייערע נשמות וועלן אויסגע-לייזט ווערן, און ביי זיך אין דערהיים האָט ער געלאָזט אַלץ ווי פריער, און אַ ישועה פאַר יידן האָט ער געזען אין אַ פאַנטאַזיע פון אַ „געזעלשאַפט יידן-קריסטן". דריי יאָר איז אַריבער זינט דעם פייערלעכן באַפעל פונם יאָר 1817 וואָס האָט אַזויפיל גוטס צוגעזאָגט, און קיין איין גרופּע משומדים האָט זיך נישט-

אָנגערופֿן, פּשוט דער זאַר, ווייל אַזוינס איז נישט געווען בנמצא, שמד־פֿאַלן זענען געווען געציילטע, און דאָס אויך נישט פֿון עולם־הבא וועגן; און דאָך האָט די רעגירונג רעזערווירט אַ גרויסן שטח ערד אין יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע פֿאַר דער קינפֿטיקער קאָלאָניע „יידן־קריסטן" און האָט אַפֿילו געשטעלט אַ „טשינאָווניק" אַ משגיח אויף דער קאָלאָניע. יאָרן זענען פֿאַרביי: אויף קאָלאָניסטן האָט אַרויסגעקוקט פּוסטע ערד, אַ משגיח—אַ טשינאָווניק, וואָס איז געזעסן אָן אַרבעט, האָט אַרויסגעקוקט אויף זאָרג־קינדער, נאָר מ'איז נישט געקומען. דאָס יאָר 1823 האָט זיך אין אָדעס אויסגעזוכט עפּעס אַ גרופּע „יידן־קריסטן" 37 פֿאַמיליעס, וואָס זענען גרייט געווען צו באַקומען ערד, רעכט און פּריווילעגיעס. אָבער ווען מ'האָט אָנגעפֿרעגט אויף זיי בײַם נאָוואָראָסיער גענעראַל־גובערנאַטאָר, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די קאַנדידאַטן אויף דער קאַזיאָנער שיסל האָבן נישט קיין טויף־שײַנען און אַפֿילו קיין פּעסער אויך נישט, — די גליקזוכער האָט מען אָפּגעזאָגט. פֿירשט גאָליצין האָט לסוף פֿאַרשטאַנען די גאַנצע נאַרישקייט פֿון דער דאָזיקער שפּיל און האָט פֿירגעלייגט (1824) אַלכּסנדר דעם 1־טן ליקווידירן די „געזעלשאַפֿט יידן־קריסטן" מיט דעם פּעטערבורגער „השגחה־קאָמיטעט". דעם צאַר איז אָבער נישט אָנגעשטאַנען ליקווידירן אָפֿיציעל אַ זאַך, וואָס איז מיט אַזאַ פּאַראַד רעקלאַמירט געוואָרן, און אַ געזעלשאַפֿט אָן גלידער, מיט אַ השגחה אָן זאָרג־קינדער האָט זיך ווייטער גערעכנט אין רייסטער רעגירונג־אינסטיטוציעס ביזן יאָר 1833. דאָס יאָר האָט ניקאָלאַי דער 1־טער מיט אַ קורצן באַפֿעל ליקווידירט דעם קאַנצעלאַרישן שאָטן, וואָס האָט אַ נאָמען געהאַט „השגחה־קאָמיטעט פֿאַר יידן־קריסטן". ניקאָלאַי האָט שוין פֿאַרמאָגט זיכערע, נישט קיין אויסגעטראַכטע, מיטלען אַרויפֿזוצן יידן פּראַוואָסלאַוויע: די קאַזאַרמע און קאַנטאָניסטן.

בעת אַלכּסנדר דעם 1־טנס רעגירונג האָט געטרוימט פֿון צענדליקער טויזנטער יידישע משומדים, האָט זיך פּלוצים באַוויזן אַ שרעקבילד גאָר פֿאַרקערט: צענדליקער טויזנטער קריסטן זענען איבערגעגאַנגען צו אַ גלויבן זייער נאָענט צו יידישקייט. די רעגירונג איז דערגאַנגען פֿון „סובאָטניקעס" און „יודייסטוואָוויושטשי" אין וואָראָנעזשער, סאַראַטאָווער און טולער גובערניע; קיין יידישע ישובים זענען דאָרט נישט געווען, און מ'האָט נישט געקאָנט זאָגן, אַז יידן פֿירן אַ מיסיאָנערישע פּראָפּאַגאַנדע צו מאַכן גרים. די נײַע אפּיקורסות פֿון די „זשידאָווסטוואָוויושטשי" איז דערגאַנגען צו דער רעגירונג דאָס יאָר 1817: אַ גרופּע פּויערים פֿון וואָראָנעזשער גובערניע האָט זיך נאַאיוו געקלאָגט פֿאַרן קייזער אויף „רדיפֿות וואָס זיי שטייען אויס פֿון ציווילער און גייסטיקער נאַטשאַלסטווע דערפֿאַר, וואָס זיי האַלטן זיך בײַ משה'ס רעליגיע". אויפֿן קייזערס באַפֿעל האָט גאָליצין געהייסן „שטרענג אויספֿאָרשן" וועגן דער נײַער סעקטע, מ'זאָל נישט דערלאָזן זי ווייטער פֿאַרשפּרייטן זיך און מ'זאָל אומקערן די אָפּטריניקעס צוריק אין שויס פּראַוואָסלאַוויע. פֿונם וואָראָנעזשער אַרכיעריי איז אָנגעקומען אַזאַ ידיעה: די סעקטע איז אויפֿגעקומען דאָס יאָר 1796 (לויט שפּעטערדיקע ידיעות — 1805)

„פון געבוירענע יידן״ און האָט זיך פאַרשפּרייט אין אייניקע דערפער אין באָפּ-ראָווער און פּאָלטאַווער אויעזד. „דער עיקר מהות פון דער סעקטע איז נישט די אַלטעסטאַמענטישע יידישע גאָטדינסט, נאָר אייניקע מנהגים: זיי האַלטן שבת, זענען מל זייערע קינדער, האָבן חתונה און גט׳ן זיך לויט זייער גוטן ווילן, באַגראָבן באַזונדער זייערע מתים און קלייבן זיך צונויף גאָט דינען״. אָפּענע סעקטאַנטן רעכנט זיך ביז אַנדערהאַלבן טויזנט מענער און פרויען, און „באַהאַלטענע אפשר נאָך מער״. כּדי אויסצוראָטן די סעקטע, האָט דער אַרכיערײ פּירגעלייגט קירכלעכע און פּאָליצייאישע מיטלען, אגב אַרויסשיקן פון דאָרט אַ סאָלדאַט ראָגאָוו, וואָס ער פאַרשפּרייט די אפּ קורסות. אַזעלכע ראַפּאָרטן זענען איניגיכן אָנגעקומען פון טולער, אָרלאָווער און סאַראַטאָווער פּאַראַפּיעס. די סעקטע „יודייסטוואָ-וויושטשי״ איז געוואַקסן אין דערפער און אין שטעט צווישן פויערים און סוחרים. ווען מ׳האָט געגומען די אָפּטריניקע צו מוסר׳ן, האָבן זיי געמעלדעט, אַז זיי ווילן זיך אומקערן צום אַלטן טעסטאַמענט און „בלייבן ביים גלויבן פון זייערע אבות — יידן״. אויף דעם גובערנאַטאָרס אַ פרעג, ווער האָט זיי געלערנט די יידישע אמונה, איז דער ענטפער געווען: „איינע אַ שטאָק אַלטיטשקע, אַ גרויסע חכמה. הייסן הייסט זי — די תורה״. אין פּעטערבורג איז מען שטאַרק צערודערט געוואָרן און ס׳איז געבליבן אָנווענדן עקסטרא-מיטלען קעגן דער סעקטע. דער מיניסטאָרן-קאַבינעט האָט דאָס יאָר 1823 באַשטעטיקט גראַף קאָטשוביי׳ס פּראָיעקט: די פירער אָדער די לערער פון די יידן-נאָנטע סעקטעס אָפּגעבן פאַר סאָלדאַטן; אַזעלכע וואָס טויגן נישט צו מיליטער-דינסט, פאַרשיקן קיין סיביר; אַרויסשיקן אַלע יידן פון די אויעזדן „וואָס דאָרט געפינט זיך די סעקטע סובאָטניקעס אָדער יודייסטוואָ-וויושטשי״; זען מיט אַלע מיטלען שטערן, אַז פּראַוואָסלאַוונע זאָלן פאַרקערן מיט סעקטאַנטן; פאַרווערן דער סעקטע „זיך באַווייזן אויסערלעך״, ד.ה. „פאַרווערן זייער עפנטלעכע גאָטדינסט און רעליגיעזע צערעמאָניעס״. לסוף כּדי צו „פאַרמיאוסן״ די סעקטאַנטן ביי די אַרומיקע אין די אויגן „זאָל מען די סובאָטניקעס רופן ז ש י ד אָ וו ס ק ע סעקטע און אויסרופן, אַז זיי זענען באמת זשידעס, וואָרום זייער איצטיקער נאָמען „סובאָטניקעס״ אָדער אַזעלכע וואָס געהערן צו משה׳ס גלויבן — גיט נישט דעם פאָלק קיין קלאָרן באַגריף פון דער סעקטע, און דאָס פאַרשאַפט נישט דעם עקל צו דער סעקטע, וואָס ס׳וואָלט געקאָנט זיין, ווען יעדער זאָל וויסן, אַז מ׳וויל אים מאַכן פאַר אַ זשיד״. אַלכּסנדר דער I האָט מיט צוויי באַפעלן, פעברואַר און סעפּטעמבער 1825, באַשטעטיקט די דאָזיקע פּאָליצייאישע מיטלען מיט אַ צוגאָב דעם סינאָדס קירכלעכע שטראָף-מיטלען, „אויסצוראָטן די זשידאָווסקע סעקטע״. די דאָזיקע רעפּרעסיעס האָבן געבראַכט דערצו, אַז גאַנצע דערפער זענען חרוב געוואָרן; טויזנטער סעקטאַנטן האָט מען פאַרשיקט קיין סיביר און אויף קאַווקאַז, ביי אַ סך האָט מען צוגענומען זייערע קליינע קינדער צו דערציען זיי פּראַוואָסלאַוויש. אַ סך האָבן נישט געקאָנט אויסשטיין דעם נסיון, און זיי האָבן זיך צוריק אומ-

געקערט צו דער פראַוואָסלאַוונער קירך, אָפט אָבער נאָר לפנים, שטילערהייט
האָבן זיי זיך געהאַלטן ביי זייער סעקטאַנטישער אמונה. יידן האָבן פון די דאָ-
ויקע רדיפות דירעקט ווייניק געליטן: וואָרום אין יענע גובערניעס אין ראַסיי,
וואו די סעקטע האָט זיך פאַרשפרייט און וואָס פון דאָרט האָט מען דעריבער
באַדאַרפט פאַרטרייבן יידן, זענען יידן בכלל געווען ווייניק, צופעליקע געסט,
אַ סוחר אָדער אַ בעל-מלאכה. אָבער אומדירעקט האָט די באַוועגונג פון דער
סעקטע געהאַט אַ שלעכטע ווירקונג אויף דער גאָרער פּאָליטיק אין דער ייד-נ-
פראַגע. אין פעטערבורגער רעליגיעז-געשטימטע קרייזן איז מען געווען שטאַרק
אויפגעבראַכט, וואָס פון דער אייגענער עדה צעלויפט מען זיך אַהין, פון וואַנען
מ'וואָלט דאָס געוואָלט אַרויסנאַרן גרים צו זיך. קאָלאָניעס וואָס מ'האָט אַזוי
באַסטפריינטלעך צוגעגרייט פאַר „יידן-קריסטן", זענען געווען פוסט, בעת ס'איז
אויסגעקומען צו פאַרוויסטן אַ סך קריסטלעכע דערפער, פאַרשיקן קיין סיביר
זייערע איינוואוינער, דערפאַר, וואָס זיי האָבן געצויגן צו יידנטום. גאָליצין, דער
מיניסטער פאַר גייסטיקע ענינים, האָט זיך געפאַסט אַזאַ מיינונג, אַז „יידן האַלטן
לויט זייער לערע פאַר אַ חוב פאַר זיך איבערציען אַלעמען אין זייער אמונה".
אַזוי איז אין פעטערבורג געוואָרן אַ שטימונג פאַר רעפרעסיעס, אַ מין מאַראַ-
לישע פאַרענטפערונג פאַר רעפרעסיעס, און מיר זעען, ווי די לעצטע יאָרן פון
אַלכסנדר דעם 1-טנס רעגירן איז שטאַרקער געוואָרן די אונטערדריקונג, און
ס'פלעגט קומען צו מאַסן-רדיפות.

קריסטלעכע פאַרפרומטקייט אין הויכגעשטעלטע ביוראָקראַטישע קרייזן
האָט געבראַכט צו מיטלאַלטערישע נגישות: מ'האָט פאַרווערט יידן צו האַלטן
קריסטלעכע הויזדינער. דעם דאָזיקן פאַרבאָט, וואָס אויפגעטון האָט דאָס גאָליצין,
גאָר נישט קיין יידנפיינט, האָט מען אָפיציעל מאָטיווירט, וואָס יידן שטרעבן
איבערצוציען קריסטן אין זייער אמונה (דעם סענאַטס באַפעל פונם 22-טן אַפ-
ריל 1820). ס'ווערט אָנגעוויזן אויף די סעקטאַנטן אין וואָראָנעזשער גובערניע,
אויף אַ מיטטיילונג פון כערסאָנער גובערנאַטאָר, אַז קריסטינס דינסטן אין
יידישע הייזער נעמען איבער יידישע מנהגים און פירונגען, וכדומה. איבער
דיזעלבע מאָטיוון, מיט אַ צוגאָב פון דער אַלטער פּאָליטיק אַרויסשטופּן יידן פון
דערפער, האָט מען אָנגעהויבן שטרענגער קוקן, יידן זאָלן נישט אַרענדירן קיין
פריצישע גיטער מיט פויערים פאַנשטשעוויקעס. דאָס יאָר 1819 און שפּעטער
זענען אַרויס באַפעלן צו דער אָרטיקער אַדמיניסטראַציע, שטרענג נישט דערלאָזן
קיין אַרענדע-קאָנטראַקטן, וואָס זענען באַוואוסט געווען מיט דעם נאָמען „קרעס-
טענציעס". דער אָפּמאַך איז דאָ, וואָס דער פריץ גיט אָפּ אַ יידן אין אַרענדע
אַראָפּנעמען די תבואה פון די פעלדער, אויסגערעדט, אַז ער מעג זיך שאַפן
מיטן פריץ'ס פויערים ביי דער אַרבעט. די רעגירונג האָט דאָ איינגעזען
אַ סכנה פאַר אַ פריצישער פריווילעגיע: פאַר דעם זכות אויף פאַנ-
שטשינע, און האָט בטל-געמאַכט אַזוינע יידישע דאָרף-אַרענדעס, רוּאינירט

די פאַכטער אָן אַ שום פאַרגיטיגונג: זאָלן זיי זיך רעכענען מיט די פּריצים ווי זיי ווילן.

איצט האָט זיך די רעגירונג גענומען פאַרווירקלעכן איר אַלטן אידעאַל: אַרויסטרייבן יידן פון דערפער. אָנגעמערקט איז דאָס נאָך געווען, ווי באַוואוסט, אינם געזעץ דאָס יאָר 1804, נאָר דעמאָלט האָט מען דאָס געמוזט אָפּשטעלן: ס׳האָט געהייסן אַזוי גוט ווי רואינירן צענדליקער טויזנטער יידישע פאַמיליעס, און מ׳האָט זיך נישט איינגעשטעלט פאַר אַזאַ אונמענטשלעכקייט. איצט האָט מען דאָס אַלץ פאַרגעסן, מ׳האָט אויך פאַרגעסן אַלע פאַרנונפטיקע טעמים פונם „יידישן קאָמיטעט", וואָס ער האָט דאָס יאָר 1812 איבערצייגט דעם צאַר ווי נישט צוועקמעסיק ס׳איז מיט גוואַלט אַריבערוואַרפן יידן פון דערפער אין שטעט אַריין, און האָט דאָס דעמאָלט געהאַט געפועלט. איצט האָט די צענטראַלע און די אָרטיקע אַדמיניסטראַציע ווידער באַקומען אַ ברען נעמען זיך פאַר יידן. כּדי צו פאַרענטפערן די נייע מלחמה קעגן יידן אין דערפער, האָט מען זיך אָנגעכאַפּט אין אַלטן אויסרייד, וואָס דערזשאַווין האָט שוין דעם וועג געוויזן. דאָס יאָר 1821 איז אין רייסן געווען אַן אומגערעטעניש, אומדירעקט האָבן יידן אויך דערפון געליטן. אָבער פאַר רייסישע פּריצים איז דאָס געווען אַ גוט געלעגנהייט אַראָפּוואַרפן די שולד פאַרן פויערס אָרעמקייט פון זיך אויף יידן— אַרענדאַרעס און שענקערס. די פּריצים האָבן פירגעלייגט דער רעגירונג אַרויסטרייבן אין יענער געגנט אַלע יידן פון דערפער, אָדער ווייניקסטנס פאַרווערן זיי פאַרקויפן בראָנפן אין דערפער, וואָרום „זיי רואינירן פויער"ים. סענאַטאָר באַראַנאָוו איז געשיקט געוואָרן קיין רייסן, און ער האָט דאָס אייגענע געהערט פון דער גובערניאַלער אַדמיניסטראַציע. די פראַגע האָט מען באַהאַנדלט אין פּעטערבורגער הילפסקאָמיטעט פאַר רייסישע גובערניעס; מיט דעם הסכם פון אייניקע גלידער מיניסטאָרן מיט אַראַקטשעיעוו׳ן אויבן־אָן איז דער פּראָיעקט אָנגענומען געוואָרן. דער מיניסטאָרן־קאָמיטעט האָט אויך צוגעשטימט דער רעזאָלוציע איז געווען, אַז דעם 11־טן אַפּריל דאָס יאָר 1823 איז געשיקט געוואָרן אַ באַפעל צווי רייסישע גובערנאַטאָרס, און אין באַפעל האָט דאָס געהייסן: 1) אין אַלע ישובים אין מאָהילעווער און אין וויטעבסקער גובערניע זאָל יידן פאַרווערט זיין האַלטן אַרענדעס, שענקען, קרעטשמעס, פּאָטשטן און אפילו וואוינען דאָרט (אין דערפער); אַלע אַזוינע אַרענדע־קאָנטראַקטן ווערן בטל פונם 1־טן יאַנואַר 1824 אָן. 2) אין ביידע גובערניעס אַרויסשיקן יידן פון ישובים אין שטעט און אין שטעטלעך אַריין צום 1־טן יאַנואַר 1825. ביים אונטערשרייבן דעם דאָזיקן באַפעל, וואָס האָט געזאָלט אומגליקלעך מאַכן טויזנטער פאַמיליעס, האָט אַלכּסנדר דער I־טער געהייסן, דער מיניסטאָרן־קאַבינעט זאָל אָנווייזן דעם רייסישן גענעראַל־גובערנאַטאָר כאָוואַנסקי׳ן „די מיטלען פון וואָס זאָלן זיך שפּייזן יענע יידן אין די נייע ערטער". אָבער מיט קיינע „מיטלען" האָט מען נישט געקאָנט לינדערן דעם אומגליק פון מענטשן, וואָס מ׳פאַרטרייבט זיי פון

אַן אַלטן נעסט צו וואַנדערן און צו הונגערן. ווי נאָר די אָרטיקע אַדמיניסטראַציע האָט באַקומען דעם באַפעל, האָט זי גענומען אומברחמנותדיק טרייבן יידן פונם דאָרף. צו יאַנואַר 1824 איז שוין אין ביידע גובערניעס געווען אַרויסגעטריבן פון דערפער אַריבער 20 טויזנט יידן. מחנות פאַרטריבענע מיט ווייבער און קינדער זענען אַריינגעפאַלן אין די איבערגעפולטע שטעט און שטעטלעך; דאָרט האָבן זיי געבלאָנקעט אין די גאַסן הויל און בלויז, געפּאַקט צו צען אין איין חדר, פאַרנומען אַלע שולן, און נאָך אַלעמען האָט אַ גרויסער טייל געמוזט בלייבן אויפן גאַס מיט די פאַמיליעס אין די גרעסטע קעלטן. צווישן זיי האָבן זיך צונגעהויבן עפּידעמיעס, די שטערבלעכקייט איז שרעקלעך אויסגעוואַקסן (דערהויפּט אין נעוועל). צי האָט דאָס לאַנד באַדאַרפט אַזאַ קרבן? די רעגירונג גופא האָט דערויף געגעבן אַן ענטפער, נאָר שוין צו שפּעט. אין מלוכה-ראַט איז וועגן דעם אַזוי גערעדט געוואָרן (1835): „די פּראָבעס אין רייסן באַווייזן נישט די ריכטיקייט פון דעם דערמאָנטן מיטל (אַרויסטרייבן יידן פון דערפער). שוין אַריבער 12 יאָר זינט מ׳האָט דאָס דורכגעפירט, נאָר פון די ידיעות, וואָס זענען פאַראַן אין דעפּאַרטאַמענט פאַר געזעצן, איז גאָר אַרויסצוזען, אַז יידן זענען רואינירט געוואָרן, נישט אַז פּויערים זאָלן דערפון געהאָלפן ווערן".

חורבן רייסן איז געווען ערשט אַן אָנהויב פאַר אַ נייער גזירה-געזעצגעבערישער מלחמה קעגן יידן. כמעט די זעלבע צייט, וואָס דער באַפעל וועגן פאַרטרייבן יידן פון דערפער, איז באַשטעטיקט געוואָרן אַ נייער „קאָמיטעט פאַר איינאָרדנען יידן" (באַפעל דעם 1-טן מערץ 1823), גלידער זענען דאָרט געוואָרן מיניסטאָרן פאַר אינווייניקסטע ענינים, פאַר פינאַנסן, יוסטיץ, גייסטיקע ענינים און בילדונג. פאַרן קאָמיטעט איז אָנגעמערקט געוואָרן אַ גרויסער אַרבעטסלאַן: „באַטראַכטן אַלע געזעצן און באַפעלן וועגן יידן און זאָגן אַ מיינונג, ווי אַזוי, אויף וואָס פאַר אַ וועג, וואָלט נוצלעכער און באַקוועמער געווען זייער איינזיין אין לאַנד, וואָס פאַר אַ פליכטן דאַרפן זיי טראָגן אַקעגן דער רעגירונג, אַ כלל אָנמערקן אַלץ, וואָס געהער צום איינאָרדנען צמבעכטן ז׳י בירגערלעכע לאַגע פונם דאָזיק פאָלק". מיט אַזוינע ווייכע רייד האָט מען געבאָלט דעם פּלאַן פאַר דער וועלט פאַר זיך אָבער האָט מען דאָס געמיינט גאָר אַנדערש. די דאָזיקע לינקע זייט האָט זיך אַרויסגעשטעלט שפּעטער אין דער פּראַקטיק, און אַן אָפיציעלע קוועלע האָט דאָס נאָכדעם מודה געווען: „ביים עצם גרינדן דעם יידישן קאָמיטעט האָט מען אים געהייסן אגב אין זינען האָבן אויסגעפינען מיטלען צו פאַרקלענערן די צאָל יידן בכלל אין דער מלוכה". דעם נייעם קאָמיטעט האָט מען געגעבן אַ טערמין פאַרענדיקן זיין אַרבעט צום אָנהויב יאָר 1824, אָבער זיין רעאַקציאָנערע אַרבעט האָט זיך ברייט פאַרמאָסטן ערשט די צענדליקער יאָרן וואָס נאָך דעם.

די געזעצגעבערישע מאַשין האָט דערווייל נישט געשוויגן. מ׳האָט געהאַלטן אין איין אייַנפּרעסן יידן אינם „תחום". צו פאַרהיטן די מערב-גרענעץ פאַר

קאָנטראַבאַנד, האָט דער שטאַטהאַלטער אין פּוילן, דער גרויספירשט קאָנסטאַנטין פּאַוולאָוויטש, פירגעלייגט אַרויסטרייבן יידן פון דער גרענעץ־געגנט. דאָס יאָר 1825 איז אַרויס צוויי באַפעלן וועגן אַרויסטרייבן פון 50 ווערסט ביי דער גרענעץ אַלע יידן פון די ישובים, חוץ אַזוינע, וואָס האָבן דאָרט נחלאות. אנשטאט צו פאַרשטאַרקן די גרענעץ־שמירה, האָט מען ווידער גענומען טרייבן מענטשן. חלילה „יידן זאָלן זיך נישט מערן" אין די גרענעץ־גובערניעס — האָט מען פאַרבאָטן יידן־עמיגראַנטן פון די שכנותדיקע מלוכות (דערהויפט פון עסטרייך) זיך באַזעצן אין רוסלאַנד (1824).

אַזוי איז זיך די רוסישע רעגירונג באַגאַנגען מיט יידן. ווי אַזוי זשע האָט זיך די **רוסישע געזעלשאַפט** פאַרהאַלטן צו זיי? אין דער רעוואָלוציאָנערער־באַוועגונג פון די **דעקאַבריסטן** האָט זיך אַנטפּלעקט די שטימונג פון דעם פּראָגרעסיוויסטן טייל רוסישע געזעלשאַפט אין דער יידן־פראַגע, — די שטימונג איז בכלל געווען נישט גינסטיק. דאָ האָט זיך געגעבן צו וויסן די שטאַרקע פאַרפרעמדקייט צווישן דער יידישער און רוסישער געזעלשאַפט. דעם רוס איז לחלוטין געווען פרעמד דער לעבנסשטייגער פון דער אָפּגעשלאָסענער יידישער מאַסע. אַ געבילדעטן רוס האָט אָפּגעשראָקן דער אָפּגעשלאָסענער פּאַטריאַרכאַלישער שטייגער, די געדיכטע נעץ רעליגיעזע מנהגים, רבנישע שטרענגע פרומקייט, חסידישע התלהבות. ער האָט געזוכט דאָס קלאָר מאַכן אין ביכער וואָס זשע האָט ער געקאָנט זען דעמאָלט אין דער פּאַמפלעטן־ליטעראַטור אין דייטשלאַנד אָדער אין פּוילן? פאַנאַטישע „אתה־בחרתנו׳קעס", יידן זענען „אַ מלוכה אין אַ מלוכה", און דעסגלייכן. די דאָזיקע גאַנג־באַגריפן די צייט רעאַקציע האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט ביי די דעקאַבריסטן אין זייער קוק אויף דער יידנפראַגע. פאַר **פעסטעלן** אין זיין בוך „דער רוסישער אמת" (קאַפּיטל: „וועגן רוסלענדער פעלקער") איז די יידנפראַגע אַ פּאָליטישע רעטעניש כמעט נישט ביי צו קומען. ס׳גייט אויסגערעכנט אַ צעטל יידישע אייגנטימלעכקייטן, וואָס זיי מאַכן יידן, לויט פעסטעלס מיינונג, פאַר אַבסאָלוט אומפּעאיק צו אַ בירגערלעך לעבן. יידן „זענען שטאַרק געקניפּט צווישן זיך", זיי האָבן זייער אייגן גלויבן, וואָס זיכערט זיי, אַז „זיי איז אָנגעצייכנט איינעמען אַלע פעלקער" און דאָס „מאַכט אוממעגלעך, זיי זאָלן זיך צונויפשמעלצן מיט אַן אַנדער פאָלק". רבנים (ניכר, אַז ער מיינט „גוטע־יידן", וואָס ער האָט זיי צוגעזען ביי זיך אין טולטשין און אין ראַיאָן פון דער „דרום־אַרמיי") האָבן די שטאַרקסטע מאַכט איבער דער מאַסע; זיי האַלטן דאָס פאָלק אין גייסטיקן יאָך, „פאַרווערן צו לייענען אַנדערע ביכער, חוץ תלמוד". יידן „קוקן אַרויס אויף משיחן, וואָס דאַרף זיי צוריקברענגען אין זייער מלוכה", דעריבער „האַלטן זיי זיך פאַר געסט אין יעדן לאַנד". דערפון נעמט זיך זייער פאַרליבטשאַפט אין האַנדל און בטול צו ערדאַרבעט און מלאכה, און היות ווי האַנדל אַליין קאָן נישט שפּייזן קיין גרויסע מאַסן, דעריבער שווינדלען זיי און שאָדן קריסטן. פעסטעל באַמערקט נישט די שווערע

יידישע רעכטלאָזיקייט, פאַרקערט, ער האַלט זיי פאַר אַ פּריווילעגירטער גרופּע קיין רעקרוטן געבן זיי נישט, זיי האָבן זייער בית־דין און „מעגן דערציען זייערע קינדער ווי זיי ווילן", בעת „חוץ דעם געניסן זיי אַלע רעכט מיט קריסטלעכע פעלקער גלייך"(!). פעסטעל לייגט פאָר דער קינפטיקער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג צוויי וועגן צו פאַרענטפערן די יידנפראַגע. דער ערשטער וועג איז: אויס מאַכן „די ווירקונג פון יידישער אַחדות, וואָס איז שעדלעך פאַר קריסטן". צו דעם צוועק דאַרף מען צונויפרופן „די געלערנטסטע רבנים און די קלוגסטע יידן (ניבר, אַז פעסטעל האָט עפּעס געהערט פון פאַריזער סנהדרין) אויסהערן זייער מיינונג און דערנאָך טון מיטלען אויסצוראָטן יידישע אָפּגעשלאָסנקייט", וואָרום, „אויב רוסלאַנד פאַרטרייבט נישט קיין יידן, דאַרפן זיי זיך אַודאי נישט שטעלן פיינטלעך צו קריסטן".

דער צווייטער וועג איז: אײדל אַרויסטרייבן יידן, ד. ה. „העלפן יידן זיך שאַפן אַ באַזונדערע מלוכה ערגעץ אין קליינאַזיע". צו דעם צוועק לייגט פעסטעל פיר „מאַכן ערגעץ אַ זאַמלפּונקט פאַרן יידישן פאָלק און זיי געבן צו הילף אַ ביסל חיל. ווען אַלע רוסישע און פּוילישע יידן זאָלן זיך צונויפקומען אין איין אָרט, וועלן זיי זיין איבער 2 מיליאָן. „אַזאַ מחנה, וואָס זוכט זיך אַ היים, וועט נישט שווער זיין בייקומען אַלע מניעות, וואָס טערקן זאָלן זיי שטעלן, זיי וועלן דורכגיין אייראָפּעאיש טערקיי, אַריבער אין דער אַזיאַטישער טערקיי, פאַרנעמען דאָרט גענוג לאַנד און מאַכן דאָרט אַ באַזונדער יידישע מלוכה". פעסטעלן איז געווען מער צום האַרצן דער דאָזיקער צווייטער וועג פטור ווערן פון דער יידנפראַגע [1]). אָבער היות ווי אַזאַ ריזיקע אונטערנעמונג קאָן געראָטן נאָר ביי באַזונדערע אומשטענדן, האַלט ער דאָס נישט פאַר קיין „מיז פאַר דער העכסטער רעגירונג". בכן קומט אויס, אַז ווען ס'זאָל מקוים ווערן פעסטעלס ערשטער פּלאַן (דער צווייטער איז צו פאַנטאַסטיש!), וואָלטן יידן אין רוסלאַנד באַקומען פון אַ רעוואָלוציאָנערער רעגירונג נישט קיין בירגערלעכע גלייכבאַרעכטונג נאָר אַ שטרענגן רעגלאַמענט נוסח עסטרייך אָדער אַלטפּרייסן, מיט אַ גאַנצן פּאַק „דיסציפּלינאַר מיטלען", מיט דעם צוועק מיט גוואַלד אַסימילירן אָדער רוסיפיצירן יידן, צעשמעטערן די יידישע קולטור־אויטאָנאָמיע, יידן זאָלן אַפילו נישט טאָרן „דערציען זייערע קינדער ווי זיי ווילן". לסוף וואָלט דאָס געקומען דערצו, מ'זאָל עקאָנאָמיש „איינצווימען" יידן, אפשר אַזוי ווי דאָס וואָלט געטון די רעגירונג, וואָס דעקאַבריסטן האָבן געשטריטן קעגן איר... איבריקנס, נישט אַלע דעקאַבריסטן האָבן אין דער יידנפראַגע צוגעשטימט צו פעסטעלן. אין ניקיטאַ

---

1) מ'מיינט, אַז דאָס איז געווען אַ ווירקונג פונם דעקאַבריסט גריגאָרי פּרץ (אַ משומד), דעם פּעטערבורגער נעגאָציאַנטס אברהם פּרץ'ס אַ זון (פריערדיקער באַנד, § 53). גריגאָרי פּרץ האָט שטאַרק געקלערט וועגן גרינדן אַ געזעלשאַפט צו באַפרייען צעזייטע און צעשפּרייטע יידן און באַזעצן זיי אין קרים, אָדער ערגעץ אין מזרח, אַלס אַ באַזונדער פאָלק.

מוראַוויאָווס (דער פירער פון דער „צפון־געזעלשאַפט") פּראָיעקט קאָנסטיטוציע, איז פריער אָנגעמערקט געווען, יידן זאָלן האָבן פּאָליטישע רעכט נאָר אין „תחום". אין דער צווייטער רעדאַקציע איז שוין דער דאָזיקער אויסנאַם אָפּגעוואָרפן: יידן זאָל געגעבן ווערן גאָרע גלייכבארעכטונג.

§ 21. די מיליטער־דיסציפּלינאַרישע סיסטעם פון ניקאָלאַי דעם I.

ניקאָלאַי דעם 1־טנס רעגירן האָט זיך אָנגעהויבן פון אַ נצחון איבער די דעקאַבריסטישע קאָנסטיטוציע־פּלענער. דאָס גאַנצע רעגירן איז געווען אַ נצחון פון אַ מיליטער־אַבסאָלוטיסטישן רעזשים איבער דער באַפרייַ־באַוועגונג יענע תקופה. ס'האָט, נאַטירליך, קיין רייד נישט געקאָנט זיין פון עמאַנסיפּירן יידן אין אַ מלוכה, וואָס זי איז געוואָרן אַ זייל רעאַקציע נישט אַליין קעגן רעוואָלוציאָנערע אידעען, נאָר קעגן מעסיק־ליבעראַלע אידעען אויך. דער דעספּאָטישער רעזשים, וואָס אין אים האָט געשפּאַרט אַ שטאַרקער שטרייטלוסט, האָט נאַטירלעך געמוזט באַשאַפן אַן אייגענע יידן־סיסטעם לויט זיין געשטאַלט און פורם נאָך. ניקאָלאַי דער 1־טער מיט זיין אייזערנעם ווילן האָט אַזאַ סיסטעם געשאַפן.

פאַר ניקאָלאַי פּאַוולאָוויטש'ן איז, ווי באַוואוסט, תחלת פאָראויסגעזען געווען אַ מיליטערישע קאַריער, און ביז ער איז געוואָרן צאַר איז אים די יידנפראַגע כלל נישט אָנגעגאַנגען. צופעליק, אַ גאַסט אויף אַ וויל, האָט ער אין דער יוגנט געהאַט די געלעגנהייט צו זען די יידישע מאַסע דאָס יאָר 1816 בעת זיין דערציאונג־רייזע איבער רוסלאַנד: דער גרויספירשט האָט דאַמאָלט פאַרצייכנט אין זיין רייזע־זשורנאַל דעם איינדרוק, וואָס דאָס פרעמדע פאָלק האָט אויף אים געמאַכט: „אין דעם רואין פון די פויערן אין די דאָזיקע פּראָווינצן (רייסן)—שטעקן יידן, די צווייטע בעלי־בתים (נאָך די פּריצים), מיט זייערע געשעפטן פייניקן זיי דאָס אומגליקלעכע פאָלק. זיי זענען דאָ אַלץ: סוחרים און נעגאָציאַנטן, זיי האַלטן שענקן, מילן, פּאַראָמען, זיי זענען בעלי־מלאכות... זיי זענען די אמת'ע פּיאַווקעס, וואָס זויגן אויס און צערן אויס די דאָזיקע אומגליקלעכע גובערניעס. ס'איז אַוואונדער, וואָס דאָס יאָר 1812 זענען זיי אונז טריי געבליבן און האָבן אפילו געהאָלפן, ריזיקירט דערביי מיטן לעבן". צו האַלטן סוחרים, בעלי־מלאכות, מילנער און פּאַראָם־האַלטער פאַר „פּיאַווקעס"—האָט מען באַדאַרפט האָבן אַ באַגריף, אַז יידן זענען עפּעס פרעמדע אויסלענדער, וואָס טויגן נישט קיין זאַך, זיי זאָלן נישט שאַדן אייגענע, אַז זיי באַגייען אַ זינד קעגן גאַסטפריינטלעכקייט. דעריבער האָט זיך נישט געקלעפּט ביי אים, אַז אַ ייד קאָן זיין אַן איבערגעגעבענער פּאַטריאָט, טריי זיין רוסלאַנד אין אַ שלעכטער צייט. שפּע־

טער. ווען ניקאָלאַי דער 1-טער האָט געהאַט אין די הענט דעם גורל פון מיליאָנען יידן, איז ער געבליבן ביי זיין מיינונג, אַז אַ ייד איז אַ „שעדלעכער עלעמענט”, וואָס קלעפּט זיך נישט צו אַ רוסיש-פּראַוואָסלאַוונער מלוכה. קעגן יידן האָט מען באַדאַרפט קעמפן. מ'האָט זיי באַדאַרפט מאַכן אויס שעדלעך, אויסלייטישן, ברעכן זיי מיט אַזוינע מיליטער-מיטלען, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ מלוכה-רעזשים, וואָס שטייט אויף שטרענגער אַפּוטרופּסות און ברעכן יעדן ווילן. בכן איז אין די הויכע פענסטער אויפגעקומען אַ פּלאַן—אויסלייטישן יידן מיט דער קאַזאַרמע, אָנשטאָט אַ געלט-שטייער זאָלן יידן געבן רעקרוטן. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ באַזונדער מין מיליטער-דינסט, וואָס זאָל דערציען, דיסציפּלינירן יידן. די קאַזאַרמע זאָל אויסבאַקן אַ נייעם דור יידן, וואָס האָבן שוין אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זייער נאַציאָנאַל אייגנס, זענען שוין רעכט רוסיפיצירט, נאָך בעסער—זיי זאָלן שוין זיין גאָר אויסגעשמד'ט. 25 יאָר דינסט ביי דער שטרענגסטער דיסציפּלין יענע צייט, נעמען פאַר סאָלדאַטן אומדערוואַקסענע—אַפילו ייִנגלעך, דערווייטערן זיי פון אַ יידישער סביבה, דירעקט ווירקן אויף די רעקרוטן לויט אַ געוויסן פּלאַן—דאָס אַלץ זאָל זיין דער וועג, יידן זאָלן צעשמאָלצן ווערן אין דער הערשענדיקער נאַציע, אַפילו אין דער הערשענדיקער קירך אויך, און אָריגינעלער אויפטו: מיט מיליטאַריזירן דעם יונגן דור אויסראָטן דאָס רעליגיעז-נאַציאָנאַלע יידישקייט.

דער פּלאַן איבערמאַכן יידן מיט דער הילף פון דער קאַזאַרמע איז ביי ניקאָלאַי'ען רייף געוואָרן שוין דאָס ערשטע יאָר פון זיין רעגירן. דאָס יאָר 1826 האָט דער צאַר באַפוילן זיינע מיניסטאָרן אויסאַרבעטן אַ פּראָיעקט-סטאַטוט וועגן מיליטער-דינסט פאַר יידן—אַנדערש פונם אַלגעמיינעם מיליטער-סטאַטוט. היות ווי די רעפאָרם האָט באַלאַנגט די מערב-געגנט, וואָס די מיליטער-פאַרוואַלטונג דאָרט האָט געהערט קאָנסטאַנטין פּאַוולאָוויטש'ן, האָט באַדאַרפט אויסגעהערט ווערן זיין מיינונג, בכן איז דער פּראָיעקט געשיקט געוואָרן קיין וואַרשע. דער גרויספירשט האָט איבערגעגעבן סענאַטאָר נאָוואָסילצעוו'ן, אַ גליד פון וואַרשעווער רעגירונג, אויספאָרשן די פראַגע און צענויפשטעלן אַ מעמאָראַנדום. נאָוואָסילצעוו, אַ געניטער אַדמיניסטראַטאָר, גוט באַקאַנט מיטן יידישן שטייגער אין מערב-געגנט, האָט פאַרשטאַנען, ווי ריזיקאַליש דער פּעטערבורגער פּראָיעקט איז. ער האָט געוויזן אין זיין מעמאָראַנדום, אַז איינפירן באַלד מיליטער-דינסט פאַר יידן—קאָן זיי שטאַרק אויפרודערן, מ'דאַרף זיי ביסלעכווייז „צוגעוויינען צו אַזאַ גרינטלעכער איבערקערעניש”. נאָוואָסילצעוו האָט געוואוסט די שטימונג ביי יידישע מאַסן. ווי נאָר אין „תחום” האָבן זיך געלאָזט הערן קלאַנגען וועגן דער געפּלאַנטער „גזרה”, איז דאָרט געוואָרן אַ שטאַרקע אויפרעגונג. יידן, וואָס זענען נאָר וואָס אַריין אין דער רוסישער אימפּעריע; אַ פרום-פאַרצייטיקער פאַרקנעכטעטער עדה, וואָס דאָס אַרומיקע לעבן איז איר געווען ווילד-פרעמד, האָט אויסגעזען שרעקלעך 25 יאָר מיליטער-דינסט, וואָס דאָס זאָל אָפּרייסן

קינדער פון יידישקייט, פון דער אייגענער שפּראַך, זיטן און לעבנסשטייגער און זאָל זיי פאַרוואַרפן אין אַ פרעמדער סביבה, אָפּט גאָר אַ פיינטלעכער. די יידישע מאַסע האָט מיטן חוש דערשפּירט, וואָס די באַשאַפער פונם פּראָיעקט מיינען באמת ביי זיך דערמיט, כאָטש זיי זאָגן דאָס נישט, און זי איז פאַרציטערט געוואָרן... יידישע שתדלנים האָבן שטאַרק געאַרבעט ניצול צו ווערן פון דער גזרה. מ׳האָט געשיקט מענטשן קיין פּעטערבורג און קיין וואַרשע, מ׳האָט אונטערהאַנדלט מיט הויכגעשטעלטע מלוכה־מענער און ביוראָקראַטן; מ׳דערציילט, אַז מ׳האָט געפּרובט אפילו פועלן ביי נאָוואָסילצעוו׳ן און ביי אַנדערע פּעטערבורגער הויכע ביוראָקראַטן מיט אַ גרויסן שוחד. אָבער „סאַנאָוויקעס" האָבן אויך נישט געקאָנט פועלן ביים צאַר. דער צאַר איז געווען אַזוי פאַרקאָכט אינם פּראָיעקט, אַז ער האָט אפילו נישט געקאָנט איבערטראָגן, וואָס ביי די קאַנצעלאַריעס גייט דאָס צו אַזוי לאַנגזאַם. ער האָט זיך נישט דערוואַרט אויף נאָוואָסילצעוו׳ס מעמאָראַנדום און האָט געהייסן די מיניסטאָרן באַלד צושטעלן אויף אונטערשרייבן אַ באַפעל וועגן מיליטער־דינסט פאַר יידן. דעם 26־טן אויגוסט 1827 האָט ער געחתמ׳עט דעם אומגליקלעכן באַפעל.

אינם באַפעל רעדט זיך, אַז די רעגירונג איז אויסן צו „פאַרגלייכן אַלע שטאַנדן בנוגע מיליטער־פליכט", מיט דער האָפנונג, אַז די „בילדונג און די פעאיקייטן, וואָס יידן וועלן באַקומען אין מיליטער־דינסט, וועלן אַריינגעטראָגן ווערן, נאָכדעם ווי זיי וועלן זיך אויסדינען (25 יאָר!), אין די פאַמיליעס, דאָס זאָל צונוץ קומען זייער איינגעזעסנקייט און זייער ווירטשאַפט". אָבער דער „סטאַטוט פון רעקרוטן־פליכט און מיליטער־דינסט", וואָס איז צוגעגעבן צום באַפעל, איז פונקט דער היפוך פון אַזאַ „פליכט־פאַרגלייכן". וואָלט מען באמת אויסן געווען, אַלע שטאַנדן זאָלן טראָגן גלייכע פליכטן, האָט מען כלל נישט באַדאַרפט מאַכן פאַר יידן אַ ספּעציעלן סטאַטוט פון 95 פונקטן מיט אַ צוגאָב אינסטרוקציעס פאַר דער ציוויל און מיליטער־מאַכט. גענוג געווען מעלדן, אַז דער אַלגעמיינער מיליטער־סטאַטוט גילט פון איצט אָן פאַר יידן אויך. געטון איז אָבער געוואָרן פונקט פאַרקערט, ס׳איז בפירוש אויסגעטייטשט, אַז „אַלגעמיינע געזעצן זענען פאַר יידן נישט גילטיק", אויב זיי שטימען נישט מיט דעם ספּעציעלן סטאַטוט פאַר יידן (פונקט 3). דער וויכטיקסטער טייל סטאַטוט האָט ממש געריסן די אויגן, אַזוי קלאָר איז דאָ געווען, אַז פאַר יידן איז מען מיט רעקרוטן אויסן גאָר עפּעס אַנדערש. וואָס פאַר אַ גרויל ס׳איז געווען פאַר יידן צו לייענען דעם פונקט 8: „קהל׳ס דאַרפן צושטעלן יידן פאַר רעקרוטן אין עלטער פון 12 ביז 25 יאָר", און נאָך אַ פונקט (74) „מינדעריעריקע קינדער יידן, ד. ה. ביז 18 יאָר, ווערן איבערגעגעבן אין ספּעציעלע אַנשטאַלטן אויף צוגרייטן זיי צו מיליטער־דינסט". דער אינסטיטוט קינדער־רעקרוטן, מיטן נאָמען קאַנטאָניסטן, האָט עקזיסטירט פאַר קריסטן אויך, אָבער ביי קריסטן האָבן אַהערצו געהערט נאָר קינדער פון סאָלדאַטן אין דער דינסט; דאָ האָט געגאָלטן אַראַקטשעיעוו׳ס כלל, אַז סאָלדאַ־

סישע קינדער געהערן דער מיליטער-מאַכט. אָבער בײַ ייִדן האָט מען געהייסן נעמען קאַנטאָניסטן פֿון אַלע פֿאַמיליעס אָן אויסנאַם; דערצו האָט מען נאָך צוגעגעבן, אַז די יאָרן פֿון צוגרייטן זיך צו דינסט (פֿון 12 ביז 18) פֿאַררעכנט מען נישט אין חשבון; באַמתע דינסט רעכנט זיך ערשט פֿון 18 יאָר אָן (פּונקט 90); ייִדן-קאַנטאָניסטן, הייסט דאָס, האָבן באַדאַרפֿט דינען איבעריקע 6 יאָר חוץ 25 יאָר רעגולערע דינסט. צושטעלן רעקרוטן איז איבערגעגעבן געוואָרן ייִדישע קהל'ס; קהל דאַרף אין יעדער שטאָט אויסקלייבן ספּעציעלע „נאמנים" פֿון 3 ביז 6 מאַן. די גאַנצע קהלה האָט געטראָגן די אחריות, אַז זי וועט צושטעלן אַ געוויסע צאָל רעקרוטן; קהל האָט געמעגט אָפּגעבן פֿאַר אַ רעקרוט יעדן ייִדן, „וואָס צאָלט נישט רעיעל קיין שטייערן, שנאָרער און אומלײַטישע". שטעלט מען נישט צו צו דער צײַט די געוויסע צאָל רעקרוטן, מעג די מאַכט נעמען רעקרוטן בײַ דער קהלה מיט גוואַלט („מיט עקזעקוציעס"). פֿאַר יעדער אומפּינקטלעכקייט קומט די „נאמנים" אַ שטראָף און אפֿילו אָפּגעבן פֿאַר סאָלדאַטן. פֿון רעקרוטן-פֿליכט האָט מען אַרויסגעלאָזט גילדיע-סוחרים, צעכן-מייסטערס, מעכאַניקער אין פֿאַבריקן, ערד-אַרבעטער-קאָלאָניסטן, רבנים און ייִדן מיט אַטעסטאַטן פֿון רוסישע שולן—גאָר אַ גרויסע זעלטנהייט יענע צײַטן. ווער ס'איז פּערזענלעך פֿרײַ פֿון רעקרוטן-פֿליכט דאַרף אײַנצאָלן „רעקרוטן-געלט", טויזנט רובל פֿאַר אַ רעקרוט. אַ ייִד האָט געקאָנט שטעלן פֿאַר זיך אַן אַנדערן (אַן „אָכּאָטניק") פֿאַר אַ רעקרוט, אָבער נאָר אַ ייִדן.

אין דער אינסטרוקציע צו דער ציוויל-אַדמיניסטראַציע, אַ צוגאָב צום סטאַטוט, איז אָנגעוויזן, ווי אַזוי מ'דאַרף צונעמען רעקרוטן אין די „פּריסוטסטוויעס" און ווי אַזוי מ'דאַרף זיי געבן אַ שבועה אין די שולן. די שבועה—דאָס איז אַ שרעקלעכע צערעמאָניע: דעם רעקרוט טוט מען אָן אַ קיטל, טלית און תּפֿילין, מ'שטעלט אים אַוועק פֿאַרן ארון-קודש, און ער דאַרף געבן אַ לאַנגע שרעקלעכע שבועה בײַ אָנגעצונדענע ליכט און בײַ שופֿר-בלאָזן. אין דער אינסטרוקציע צו די מיליטער-באַפֿעלער הייסט מען איבערגעבן יעדע פּאַרטיע ייִדישע רעקרוטן אַ באַזונדער אָפֿיציר (אַ „פּאַרטיאָנע"), ער זאָל השגחה האָבן אויף זיי ביז זיי וועלן קומען אויפֿן אָרט; אײַנקוואַרטירן דאַרף מען זיי נאָר בײַ קריסטלעכע בעלי-בתּים.

די פֿאַרעפֿנטלעכטע „מיליטער-קאָנסטיטוציע" האָט איבערגעשטייגט אַלץ, וואָס מ'האָט זיך דערויף געקאָנט ריכטן. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער קלאַפּ פֿאַר דעם פֿאָלקס לעבנסשטייגער, פֿאַר הונדערטעריאָריקע טראַדיציעס און גייסטיקע אידעאַלן. ס'זענען דערציטערט געוואָרן ייִדישע פֿאַמיליען-נעסטן, אָט רייסט מען בײַ זיי אַרויס זייערע קינדער. קוים איז אַריבער אַ חודש נאָך דעם באַפֿעל, איז שוין אין פּעטערבורג אָנגעקומען אַ ראַפּאָרט, אַז אין אַלט-קאָנסטאַנטין (אין וואָלין) זענען פֿירגעקומען „אומרוען צווישן ייִדן בײַ דער געלעגנהייט, וואָס מ'האָט געמעלדעט דעם באַפֿעל". דער זשאַנדאַרמען-שעף בענקענדאָרף האָט דאָס

געמעלדעט ניקאָלאַיען, און נאָכדעם איבערגעגעבן דעם אינערן-מיניסער דעם קייזערס ווילן, אַז „אין אַלע אַזוינע פאַלן זאָל מען משפטן די שולדיקע אין מיליטער-געריכט". ניכר, אין פעטערבורג האָט מען זיך געריכט אויף דורכאַנאַנד יידישע „בונטן" וועגן דעם שרעקלעכן באַפעל און מ'האָט זיך געגרייט שטאַרק אָנלערנען די ווידערשפעניקע; דאָס איז אָבער געווען גאָר איבריק. חוץ דעם דערמאָנטן פאַל האָט מען נישט געהערט, נישט געזען פון קיינע „בונטן" ביי יידן קעגן דער מאַכט. אין אַלט-קאָנסטאַנטין גופא איז דאָס געווען אַזאַ „אויפשטאַנד", וואָס איבערגעבן די שולדיקע צום מיליטער-געריכט האָט מען אַפילו אין ניקאָלאַיס צייטן נישט געקאָנט. מ'דערציילט אַזוי: יידן, מייסטנס חסידים, איבערגעשראָקן פונם באַפעל, האָבן געוויינט אין די שולן און גוזר תענית געווען. דערנאָך האָט מען געטון דאָס לעצטע מיטל: מ'האָט אָנגעשריבן אַ קוויטל צום רבונו של עולם און מ'האָט דאָס מיטג געגעבן איינעם אַ נפטר, ער זאָל שוין דאָרטן קלאַפּן אין די שערי-רחמים. אַזאַ מין בכיה פאַר דעם האַר אין הימל אויפן האַר אין לאַנד און דעם גערודער, וואָס איז דערביי געווען, האָב „טשינאָווניקעס" אויסגעטייטשט פאַר אַ „בונט". קיין פּאָליטישע אויפשטאַנדן האָבן ביי פאַרצייטיקע יידן נישט געקאָנט געמאָלט זיין, יידן האָבן געמאַכט אַ מין רעליגיעזע דעמאָנסטראַציע אין די שולן, פשוט גערעדט, זיך אויסגעוויינט דאָס האַרץ.

ווי אַזוי מ'האָט פאַרווירקלעכט דעם מיליטער-רעגלאַמענט די גאַנצע צייט פון ניקאָלאַיס רעגירן — דערפון שווייגן אָפיציעלע דאָקומענטן; מיר האָבן אָבער לעבעדיקע כשר'ע עדות: די מעשים וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין פאָלקסזכרון. היות ווי צושטעלן רעקרוטן איז געלעגן אויף קהל, מיטן גוטן ווילן איז קיינער פאַר קיין רעקרוט נישט געגאַנגען, און אויף קהל איז געווען אַ שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, איז קהל און די „נאמנים" פאַקטיש געוואָרן פּאָליציי-אַגענטן צו „כאַפּן" רעקרוטן. פאַר יעדן רעקרוטן-מאָל („נאַבאָר") פלעגן זיך די אָנגעמערקטע קרבנות, — יינגלעך און בחורים, געוויינטלעך צעלויפן, זיך אויסבאַהאַלטן אין די ווייטסטע עקן, וואו זייער קהל האָט אויף זיי נישט צו זאָגן, אָדער אין וועלדער און גריבער. אַ פאָלקסליד דערציילט אונז וועגן דעם:

„דער אוקאַז איז אַראָפּגעקומען אויף יידישע זעלנער,
זענען מיר זיך צעלאָפן אין די פוסטע וועלדער...
אין אַלע פוסטע וועלדער זענען מיר צעלאָפן,
אין פוסטע גריבער זענען מיר פאַרלאָפן... אָי וויי, אָי וויי..."

קהלס געקויפטע אַגענטן „כאַפּערס" אָדער „לאָוטשיקעס" פלעגן זיך יאָגן נאָך די אַנטרונענע, אויסזוכן זיי אומעטום און „כאַפּן" ביז מ'האָט נישט צוגעשטעלט די צאָל רעקרוטן. האָבן אויסגעפעלט דערוואַקסענע, איז פלעגט מען נעמען קינדער, זיי איז גרינגער געווען צו כאַפּן. מ'האָט נישט געקוקט אויף דעם עלטער, מ'פלעגט נעמען יינגלעך פאַר 12 יאָר, אַפילו פון 8 יאָר, און צוגעשטעלט אין די „פריסוטסטוויעס" פאַר 12-יעריקע (קיין ריכטיקע מעטריקעס איז יענע צייטן כמעט

נישט געווען). מ׳פלעגט באַגיין די שרעקלעכסטע רציחות: מ׳פלעגט מאַכן אַ
גע׳יעג ביינאַכט, אויסרייסן קינדער פון מוטערס שויס, מ׳פלעגט פאַרנאַרן,
אַוועקגנב׳ענען. פלעגט מען כאַפּן אַ רעקרוט, איז פלעגט מען אים פאַרשפּאַרן
אין קהל׳ס אַן אַרעסטאַנטן-קאַמער ביז מ׳האָט אים געבראַכט צו באַטראַכטן פאַר
דער פּריסוטסטוויע. די צוגענומענע קינדער פלעגט מען איבערגעבן דעם פּאַרטיע-
אָפיציר צו טרייבן זיי ווייטער, דערהויפּט אין די מזרח-גובערניעס אין קיין סי-
ביר. די קאַנטאָניסטן פלעגט מען מיט אַ כיון פאַרטרייבן אין די ווייטסטע גו-
בערניעס, כדי זיי זאָלן גרינגלעך אָפּגעריסן ווערן פון דער יידישער סביבה.
עלטערן און פריינט פלעגן באַוויינען די צוגענומענע, אַזוי ווי מ׳באַוויינט אַ טויטן.
מ׳האָט זיך געזעגנט מיט קליינע קינדער אויף צענדליקער יאָרן, ווער ווייסט,
אפשר אויף אייביק... אַ יאָמער-געשריי איז געווען אין יידישע שטעט הערבסט-
צייט צום רעקרוטן-מאָל. קינדער-קאַנטאָניסטן האָט מען אָנגעפּאַקט פּאַרטיעסווייז
אַזוי ווי שאָף אין וואָגנס און געפירט זיי מיטן עטאַפּ. אַ. אי. גערצען מאָלט
אַ בילד אין זיין „בילאָיע אי דומי" („אַמאָל און מחשבות"), ווי אַזוי מ׳האָט גע-
טריבן די אומגליקלעכע קינדער. צופעליק האָט ער געטראָפן אַזאַ פּאַרטיע קאַנ-
טאָניסטן, בעת ער אַליין איז געווען פאַרשיקט קיין וויאַטקע: אויף אַ סטאַנציע
אין אַ פאַרוואָרפן וויאַטקער דערפל האָט ער געטראָפן אַן עטאַפּ-אָפיציר. גערצען
האָט זיך מיט אים צערעדט:

— וועמען פירט איר און וואוהין?

— ווי איר זעט, מ׳האָט אָנגעטריבן אַ טשאַטע פאַרפלוכטע זשידעקלאַך
8—10 יאָר אַלט. פאַרן פלאָט זאָלן זיי זיין, צי וואָס? פריער האָט מען זיי געהיי-
סן טרייבן קיין פּערם, דערנאָך האָט זיך געביטן: מיר טרייבן זיי קיין קאַזאַן.
איך האָב זיי איבערגענומען פאַר אַ ווערסט הונדערט. דער אָפיציר, וואָס האָט זיי
מיר איבערגעגעבן, זאָגט: אַן אומגליק מיט זיי, ביי טוי עפּעס, אַ דריטל איז געבליבן
אין וועג (דער אָפיציר האָט געוויזן מיטן פינגער אויף דער ערד). קיין העלפט וועט
נישט קומען אויפן אָרט. —

— עפּידעמיעס, צי וואָס? — האָב איך געפרעגט. אויפגערודערט ביזן
טיפסטן וועזן.

— ניין! וואָס פאַר עפּידעמיעס! זיי פאַלן גלאַט אַזוי ווי די פליגן. אַ
זשידאָקל — זעט איר, אַ גאָר נישט, קוים וואָס ער זשיפּעט, איז נישט געווינט אַ
שעה צען קנעטן בלאָטע און עסן סוכאַרעס. און ווידער — ווילד — פרעמדע, נישט
קיין פאָטער, נישט קיין מוטער, קיין גוט וואָרט הערט דאָס נישט; הוסט אַזוינס,
הוסט, און אידא, קיין „מאָהילעוו"... עי דו, ריר זיך, ברענג נאָר אַהער די
צניפלאַך.

מ׳האָט געבראַכט די קינדער און אויסגעשטעלט אַ ריכטיקן פראָנט. דאָס
איז געווען איינע פון די שרעקלעכסטע זאַכן, וואָס איז מיר ווען עס איז אויסגע-
קומען צו זען. אומגליקלעכע קינדער נעבאַך! די צוועלף-דרייצן-יעריקע האָבן זיך
נאָך ווי עס איז געהאַלטן אויף די פיס, אָבער דאָס קליינוואַרג—אַכט, צען יאָר...
קיין שוואַרצע פאַרב וועט דאָס אויפן לייוונט נישט אויסמאָלן... בלאַס, אויסגעמאַ-
טערט, איבערגעשראָקן זענען זיי געשטאַנען אין לעפּישע סאָלדאַטישע מאַנטלען
מיט אויפגעשטעלטע קעלנער, געקוקט מיט אַ געבעט און אומבאַהאָלפן אויף די
גאַרניזאָן-סאָלדאַטן, וואָס האָבן גראָב געטון זייערס: געגלייכט זיי אין די שורות.

ווייסע ליפּן, בלויע רעדער אונטער די אויגן — אַ סימן אויף פיבער, אָדער היץ.
אומגליקלעכע קינדער, אָן יעדער אויפזיכט, אָן אַ צערטלעכקייט, פאַרבלאָזן מיטן
ווינט, פונם אייז־ים, זענען זיי געפאַלן. איך האָב צוגענומען דעם אָפיציר פאַר
דער האַנט, אַ זאָג געטון: „קוקט זיך אום אויף זיי" און אַריין צו זיך אין קאַטש;
איך האָב געוואָלט ביטער וויינען; איך האָב געפילט, אַז איך וועל זיך נישט
איינהאַלטן".

דער באַרימטער רוסישער פּובליציסט האָט געזען יידישע קאַנטאָניסטן אין וועג, ער האָט אָבער נישט געוואוסט, וואָס ווייטער טוט זיך מיט זיי, אין די קאַזאַרמעס, וואָס אַהין האָט מען זיי געטריבן. דעם דאָזיקן שרעקלעכן סוד האָבן שפּעטער דערציילט דער וועלט די יחידים, די קדושים, וואָס זענען אַרויס לעבעדיק פון דער דאָזיקער אינקוויזיציע. די צווייפגעטריבענע פאַרטיעס קליינ־וואַרג פלעגט מען צעשטעלן אין באַטאַליאָנען קאַנטאָניסטן. „דאָס גרייטן צו דער דינסט" פלעגט זיך אָנהויבן פון רעליגיעזער איבערדערציונג, דאָס איז איבערגעגעבן געוואָרן „דיאַדקעס" און אונטער־אָפיצירן אין די הענט. מ'האָט געטון אַלע מיט־לען צו בויטן די קינדער שמד'ן זיך. קיין פאָרמעלע אינסטרוקציעס איז דאָ נישט געווען, ס'איז געווענדט געווען אין דעם ברען פון דער קלענערער „נאַטשאַל־סטווע", זי האָט גוט געוואוסט, וואָס אויבן וויל מען פון איר. מ'פלעגט שיקן די קינדער צו די אָרטיקע גלחים איבעררייידן זיי, אָבער דאָס איבעררייידן האָט כמעט קיינמאָל נישט געהאָלפן. דעמאָלט האָבן שוין „דיאַדקעס" און אונטער־אָפיצירן גענומען טון זייערס. מ'האָט צוגעקלערט אַלע מינים פייניקונגען. געווייינטלעך פלעגט דאָס צוגיין אַזוי: ווען אַלע פלעגן זיך פאַנאַנדערגיין שלאָפן, פלעגט מען שטעלן די קאַנטאָניסטן אויף די קני און האַלטן לאַנג אַזוי די פאַרשלאָפענע קינדער. ווער ס'איז באַשטאַנען זיך שמד'ן — פלעגט מען אים אָפּלאָזן שלאָפן, פאַר'עקשנ'טע האָט מען געלאָזט שטיין אויף די קני אַ גאַנצע נאַכט, ביז זיי פלעגן נישט אַנידערפאַלן פון מידקייט. עקשנים פלעגט מען שמייסן מיט ריטער אָדער אַנדערש פייניקן, לפנים האָט דאָס געהייסן גימנאַסטיק. מ'פלעגט שלאָגן און נישט געבן צו עסן פאַר נישט וועלן עסן חזיר, אָדער באָרשטש, פאַרפעט מיט חזיר־שמאַלץ. אַנדערע פלעגט מען האָדעווען מיט געזאַלצענע פיש, דערנאָך נישט לאָזן טרינקען, ביז די געפייניקטע קינדער האָבן נישט צוגעשטימט שמד'ן זיך. דער רוב קינדער האָט נישט אויסגעהאַלטן די אינקוויזיציע און געלאָזט זיך שמד'ן. ס'זענען אָבער געווען אַ סך, דערהויפּט די עלטערע, פון 15—18 יאָר, זענען אויסגעשטאַנען מיט העלדנמוט די גרעסטע ענויים. צעביילטע מיט פאַרלאָפענע ריקנס פון ריטער־שמיץ, אויסגעהונגערטע און געפייניקטע מיט דאָרשט, מיט נישט שלאָפן, האָבן זיי זיך געהאַלטן איינס: זיי וועלן נישט אויסבייטן דאָס רענדל. פאַר אַזוינע עקשנים איז אָפט דער וועג געווען פון דער קאַזאַרמע אין לאַזאַרעט אַריין און נאָכדעם אין גרוב. געציילטע זענען געבליבן לעבן. געווע־פאַלן ווען קינדער האָבן דעמאָנסטראַטיוו מקדש השם געווען. אַ פאָלקס־לעגענדע איז פאַראַן פון אַ מיליטער־פאַראַד אין קאַזאַן (אַ וואַריאַנט: דעם צאַר'ס אַ רע־

וויזיע): דער באטאליאן-קאמאנדיר האט אויסגעשטעלט אלע קאנטאניסטן אויפן ברעג טייך, גלחים זענען געשטאנען אגגעטאן, גרייט אנצוהויבן די טויף-צערעמאניע. ס'האט זיך דערהערט א באפעל, די יינגלעך זאלן אריין אין וואסער אריין; „מיר פאלגן", האבן די קינדער געענטפערט אין איין קול, זיי זענען אריין אין וואסער און שוין דארט פארבליבן. ארויסגעשלעפט האט מען זיי שוין טויטע... אבער געוויינטלעך פלעגן די קליינע קדושים אויסשטיין פיין און שטארבן שטילערהייט. זיי האבן אויסגעזייט מיט קברים דעם וועג אין די ווייטע געגנדן; די, וואס האבן דערלאנגט אהין, פלעגן צאנקען שטילערהייט אין די קאזארמעס, וואס זיי זענען געווארן אינקוויזיציע-טורמעס. אזא אינקוויזיציע פאר קינדער אין מיליטער-דינסט איז אן אויסנאם-זאך אפילו אין דעם רייכן מארטיראלאג ביים יידישן פאלק.

דערוואקסענע רעקרוטן אין דעם געוויינטלעכן דינסט-עלטער 18—25 יאר האט מען נישט אזוי פיל געפייניקט צו שמד, אבער נישט ווייניק זענען זיי אויך געפלאגט געווען פונם „כאפן" זיי ביזן סוף שווערער 25 יאריקער דינסט. בחורים'לעך, וואס האבן נישט פארשטאנען קיין ווארט רוסיש, האט מען אפגעריסן פונם חדר, פון דער ישיבה, אפט גאר פון ווייב און קינדער. דער איינפיר איז דעמאלט געווען יונג חתונה מאכן קינדער, און רעקרוטן אין עלטער פון 18—25 יאר זענען שוין בעל הבית'לעך. (דאס איז אגב געווען אן אויסרייד פאר פרומע גוטהארציקע כאפערס אפגעבן קליינע קינדער: א כפרה פאר באווייבטע יונגעלייטלעך). דאס גזעגענען זיך אויף 25 יאר, פאראויס, ווער ווייסט: שמד אדער טויט ערגעץ אין דער ווייטער ווייט, האט צעשטערט די פאמיליע: א סך רעקרוטן פלעגן פארן אוועקגיין אויף דינסט זיך גט'ן מיט זייערע יונגע פרויען, זיי זאלן נישט בלייבן קיין עגונות. דאס יאר 1834 און אנהויב 1835 האבן זיך געטראגן קלאנגען, ס'זאל אינגיכן ארויס א געזעץ, מ'זאל נישט טארן פרי חתונה האבן; די אבער, וואס האבן חתונה געהאט פאר דעם, זאלן פריי ווערן פון רעקרוטן-פליכט. ס'איז געווארן א בהלה. אלע האבן זיך געאיילט חתונה מאכן יינגלעך פון 10—15 יאר מיט מיידלעך אין דעמזעלבן עלטער. צייט עטלעכע חדשים זענען אין אלע שטעט געווארן הונדערטער, טויזנטער אזוינע פאל-פארקן, וואס האבן זיך נאך געשפילט אין ניס. די דאזיקע „בהלה" איז אפגעקילט געווארן ערשט נאכדעם, ווי ס'איז פארעפנטלעכט געווארן „דער רעגלאמענט וועגן יידן" דעם 13-טן אפריל 1835: ס'איז פארווערט געווארן מענער חתונה צו האבן פאר 18 יאר, אבער די, וואס האבן שוין פארכאפט פריער, איז קיינע פריווילעגיעס נישט געגעבן געווארן. בכן האט די בהלה נאר גרעסער געמאכט די צאל פאמיליעס, וואס זענען פאראומגליקט געווארן, ווייל מ'האט די פאטערס צוגענומען פאר רעקרוטן. די דינסט איז געווען א שווער אפקומעניש פאר יידישע סאלדאטן: זיי זענען אויסגעשטאנען חוזק און געשלעג פאר נישט קענען רעכט רוסיש רעדן, פאר נישט וועלן עסן טרפ'ס,

בכלל פאַר אומגעשיקטקייט אין אַ ווילד פרעמדער סביבה און אין מיליטער־דינסט. נאָר ווען אַ ייד אַ סאָלדאַט האָט זיך שוין צוגעפּאַסט, האָט ער אין דער דינסט ווייטער פאַר אַן אונטעראָפיציר נישט געקאָנט דערלאַנגען: אויף אַ טשין אָפיציר האָט מען באַדאַרפט האָבן אַ טויף־צעטל. אויסגעדינטע יידן, מייסטנס שוין אינוואַלידן, האָבן נישט געטאָרט אַפילו אָפּזיין זייערע לעצטע יאָרן אין די ערטער, אויסער דעם „תחום", וואו זיי האָבן געדינט לאַנגע יאָרן, ערשט אַ צייט שפּעטער האָבן „ניקאָלאַיעווער" סאָלדאַטן און זייערע נאָכדורות באַקומען אַזאַ פּריווילעגיע.

די גאָרע לאַסט פון רעקרוטן־פליכט איז געפאַלן אויף די אָרמסטע קלאַסן פאָלק: „מעשטשאַנעס", בעלי־מלאכות און קרעמערלעך, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט צושרייבן אין אַ גילדיע. (אַגב, זענען געווען פאַלן, ווען אָרימעלייט האָבן געמאַכט אַ נדבה צו באַצאָלן גילדיע און ניצול ווערן פון „גוישע הענט"). פאַרמעגלעכע האָבן דערפון נישט געליטן: אָדער זיי זענען געווען גילדיע־סוחרים, אָדער דאָ האָט געהאָלפן תקיפות, אויסגעקויפטקייט מיט קהל, וואָס האָט געמאַכט די רייסטערס.

§ 22. דער ברען פון דער שטראָף־פּאָליטיק. דער רעגלאַמענט דאָס יאָר 1835.

אין אַלע לענדער אין מערב־אייראָפּע זעען מיר צו, אַז מיליטער־פליכט פאַר יידן איז געווען איינגעפירט אָדער גלייך מיט עמאַנסיפּאַציע, אָדער ערב עמאַנסיפּאַציע; יעדנפאַל פלעגט מען דעמאָלט פאַרגרינגערן דעם יאָך אויסנאַם־געזעצן; מיליטער־פליכט — דאָס איז געווען אַ מין האַנטגעלט אויף גלייכבאַרעכטונג. אַפילו אין קלעריקאַלן עסטרייך האָט מען יידן אונטערגעטראָגן מיליטער־פליכט צוזאַמען מיטן „טאָלעראַנץ־עדיקט", כלומרשט אַן אַקט עמאַנסיפּאַציע. אַנדערש גייט דאָס צו אין רוסלאַנד. דאָ האָט מען איינגעפירט רעקרוטן־דינסט אין דער ערגסטער פאָרם, מ'האָט געשאַפן דערפון אַן אוממענטשלעכע פּראַקטיק, און אין דערזעלבער צייט האָט מען נאָך מער פאַרשרויפט דעם פּרעס אויף יידן, יידישע פאַרקנעכטונג האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. דעם יידן האָט מען געשמיסן מיט צוויי בייטשן: מיט דער מיליטערישער און מיט דער ציווילער. דאָס זעלבע יאָר, ווען ס'איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די „רעקרוטן־קאָנסטיטוציע", אין דריי חדשים אַרום, ווען אין די שולן איז נאָך נישט אַנשטילט געוואָרן דאָס געוויין, גאָט זאָל אויסלייזן פון דער גזרה, זענען געחתמעט געוואָרן צוויי באַפעלן (דעם 2־טן דעצעמבער 1827) אַרויסשיקן יידן פון אַלע דערפער אין גראָדנער גובערניע אין די שטעט און שטעטלעך אַריין און אַרויסשיקן יידן פון קיעוו. דער ערשטער באַפעל איז געווען אַ המשך פון ליקווידירן יידישע ישוב'ניקעס, וואָס דאָס

האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דאָס יאָר 1823 אין רייסן (§ 20). אויפגעהויבן די פראַגע
האָט דער גרויספירשט קאָנסטאַנטין פּאַוולאָוויטש; מ׳האָט אים געהייסן „איבער־
זעצן יידן תּחלת נאָר אין איין גראָדנער גובערניע״; אין די איבריקע „זיינע״
גובערניעס זאָל דאָס אָפּגעלייגט ווערן אויף אַן אַנדער צייט. דערביי איז מען
געווען אַזוי אויסגערעכנט, אַז מ׳האָט אים געהייסן אָנהויבן דעם גירוש „נישט
פריער, איידער ס׳וועט זיך ענדיקן דאָס איצטיקע רעקרוטן־מאָל״. ניכּר, מ׳האָט
מורא געהאַט פאַר אומרוען און מעשׂים. בכן איז געבליבן פריער צונעמען די
קינדער פאַר סאָלדאַטן, דערנאָך פאַרטרייבן די עלטערן, צונעמען די יונגוואַרג,
דערנאָך צעשטערן די נעסט... קיעווער גירוש איז שוין געווען אַן אַנהאָב אויף
אַ נייער סיסטעם: פאַרשמעלערן דעם ראַיאָן ש ט ע ט אינעווייניק אין געפרעסטן
„תּחום״. פון יאָר 1794 אָן האָבן יידן באַזעצט זיך אין קיעוו אָן שום מניעות,
געהאַט דאָרט אַ היפּשע קהלה גאַנץ געזעצלעך, געטון ברייט אין מסחר און אין
אינדוסטריע; פלוצים האָבן רעגירער איינגעזעען, אַז זייער „איינזיין דאָרט שאָדט
דער אינדוסטריע פון דער שטאָט און דער קרוין גופא, חוץ דעם איז דאָס
דערווידער די רעכט און פריווילעגיעס, וואָס מ׳האָט געשענקט קיעוו פאַרשידענע
צייטן״. דער שאַרפער דעקרעט פון פעטערבורג, חוץ וואָס ער האָט פאַרווערט
יידן זיך באַזעצן פון ס׳ניי אין קיעוו, האָט ער נאָך געפאָדערט, אַז די אַלטגעזע־
סענע זאָלן פאַסירן די שטאָט משך אַ יאָר; די, וואָס פאַרמאָגן נחלאות זאָלן
דאָס טון משך צוויי יאָר. יידן זאָלן אויף ווייטער מעגן קומען קיין קיעוו נאָר
אויף אַ צייט—, נישט מער ווי אויף 6 חדשים, — אויף קאָנטראַקטן און ירידים,
אויף צושטעלן דער קרוין, און דאָס אויך נאָר סוחרים פון די ערשטע צוויי
גילדיעס.

דאָס יאָר 1829 איז אַרויס אַ גירוש אויף יידן ביי די ברעגן באַלטישן און
שוואַרצן ים. אין קורלאַנד און אין ליפלאַנד האָט מען באַפוילן טון מיטלען „צו
פאַרקלענערן די צאָל יידן״, וואָס האָט זיך שטאַרק פאַרמערט מיט פרעמדע, וואָס
זענען נישט געבוירן אין דער געגנט און האָבן דאָרט קיין וואוינרעכט נישט
געהאַט. דער צאַר האָט באַשטעטיקט דעם פאָרשלאַג פונם „יידן־קאָמיטעט״ אַרויס־
שיקן פון קורלאַנד אַלע נישט־היימישע יידן אין די שטעט, וואו זיי זענען צו־
געשריבן. די, וואָס זענען נישט צוגעשריבן צו קיין קהל, איז געגעבן אַ טערמין
אַ האַלב יאָר אויף צושרייבן זיך אויסער דער געגנט; ווער ס׳האָט דורכגעלאָזט
דעם טערמין, איז באַפוילן געווען אָפּצוגעבן פאַר סאָלדאַטן, אָדער פאַרשיקן קיין
סיביר (ווער ס׳טויג נישט צו מיליטער־דינסט). דאָס זעלבע יאָר איז אַרויס אַ באַ־
פעל, „ס׳טויג נישט און ס׳איז שעדלעך, יידן נישט־קיין־סאָלדאַטן זאָלן וואוינען
אין סעוואַסטאָפּאָל און ניקאָלאַיעוו״; יידן זאָלן פון דאָרט אַרויסגעשיקט ווערן
משך אַ יאָר; די, וואָס פאַרמאָגן דאָרט נחלאות, — משך צוויי יאָר. דאָס יאָר
1830 איז אַרויס אַ באַפעל אַרויסטרייבן יידן פון דערפער אין קיעווער גובער־
ניע... אַזוי האָט מען זיך געוואָרפן מיט מענטשן פון דערפער אין שטעט, פון

איינע שטעט אין אַנדערע, פון איין גובערניע אין דער אַנדערער, פונקט ווי ס׳וואָלט זיך געהאַנדלט פון איבערשטעלן אַ פּאַרטיע פּי.

ווען די דאָזיקע „מאָביליזאַציע״ האָט דערלאַנגט די העכסטע מדרגה, איז אַרויסגעשפּרונגען דער פּוילישער אויפשטאַנד דאָס יאָר 1830, וואָס האָט זיך אָנגערופן אין גאָרער צפון־מערב־געגנט. די רעגירונג האָט מורא געהאַט, יידן זאָלן זיך נישט צונויפלייגן מיט פּוילן, האָט זי זיי כּלומרשט נאָכגעגעבן אין אייניקע פּרטים. פעברואַר דאָס יאָר 1831 האָט מען אָפּגעלייגט דעם גירוש קיעוו אויף דריי יאָר: קיעווער גובערנאַטאָר האָט ראַפּאָרטירט, אַז „מ׳דאַרף אין זינען האָבן די איצטיקע פּאָליטישע אומשטענדן, וואָס זיי (יידן) קאָנען דערביי אַמאָל צונוץ קומען״. איידער ס׳איז געקומען דער טערמין, דאָס יאָר 1833, האָט דער קיעווער גובערנאַטאָר ווידער געמאָלדן פּעטערבורג, אַז ס׳איז כּדאי לאָזן יידן אין קיעוו, וויניקסטנס, אין איין קוואַרטאַל: „דאָס איז נוצלעך אין דעם פּרט, וואָס ביי זייער מעסיק, אויסגערעכנט לעבן קאָנען זיי פאַרקויפן סחורה אַ סך ביליקער; זאָל מען זיי אַרויסשיקן, וועט אַ סך סחורה און אויסאַרבעט טייערער ווערן״. ניקאָלאַי דער I האָט דאָס אָפּגעוואָרפן, ער האָט נאָר צוגעשטימט אָפּצולייגן דעם גירוש ביז פעברואַר 1835, וואָרום צו דער צייט דאַרף פאַרטיק ווערן דער „רעגלאַמענט וועגן יידן״. אַזוינע קורצטערמיניקע הנחות האָט מען געגעבן יידן אין ניקאָלאַיעוו, אין די דערפער פון קיעווער גובערניע און אין אַנדערע ערטער.

זינט מ׳האָט אַרויסגעגעבן דעם רעקרוטן־סטאַטוט פאַר יידן, האָט מען אין פּעטערבורגער קאַנצעלאַריעס גענומען אַרבעטן אויף אַ נייעם ציוויל־סטאַטוט פאַר יידן, אָנשטאָט דעם פאַרעלטערטן רעגלאַמענט פונם יאָר 1804. די אַרבעט האָט געהאַט פאַרשידענע גלגולים. תּחלת איז געמאַכט געוואָרן אַ פּראָיעקט אין „יידישן קאָמיטעט״ (§ 20, דער דאָזיקער קאָמיטעט פון מיניסטאָרן און דעפּאַרטאַמענט־דירעקטאָרן איז געגרינדעט געוואָרן דאָס יאָר 1823 מיט דעם צוועק „צו פאַרמינערן די צאָל יידן אין לאַנד״). תּחלת האָבן די דירעקטאָרן אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט־סטאַטוט פון 1230 פּונקטן, אַ גרויסער קאָדעקס קנעכטשאַפט מיט דעם כּלל, אַז יידן איז אַלץ פאַרבאָטן, חוץ אַזוינע זאַכן, וואָס אין געזעץ שטייט בפירוש, אַז יידן מעגן דאָס. דער דאָזיקער אומגעלומפּערטער פּראָיעקט האָט איבערגעשראָקן די רעגירונג גופא, און מ׳האָט אים געגעבן איבעראַרבעטן די מיניסטאָרן אינם „יידישן קאָמיטעט״. פאַרקירצט און איבערגעאַרבעט איז דער פּראָיעקט אַריבער דאָס יאָר 1834 אין געזעץ־דעפּאַרטאַמענט ביים מלוכה־ר...; דאָרט האָט מען אים ערנסט באַהאַנדלט. דער מיניסטאָרישער פּראָיעקט . געווען אַזוי אוממענטשלעך, אַז דער געזעץ־דעפּאַרטאַמענט האָט געהאַלטן פאַר נויטיק אים ווייכער מאַכן. די מיניסטאָרן (חוץ דעם פינאַנץ־מיניסטער) האָבן פירבעלייגט משך דריי יאָר אַרויסשיקן אַלע יידן פון דערפער אין שטעט און שטעטלעך אַריין. דעם געזעץ־דעפּאַרטאַמענט האָט אַזאַ אויפטו אויסגעזען ריזי-

קאַליש; ער האָט אָנגעוויזן, אַז אין דעם רייסישן גרוש (דאָס יאָר 1823) האָט מען זיך אָפּגענאַרט: „יידן זענען רואינירט געוואָרן, פויערן זענען אָבער נישט געהאָלפן געוואָרן". די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון מלוכה־ראַט האָט צוגעשטימט צו דעם דעפּאַרטאַמענטס מיינונג „אַז היות ווי דעם געפּלאַנטן גירוש יידן (פון דערפער) איז שווער אויסצופירן, און זיין נוץ ווייסט מען נאָך נישט, זאָל מען אים אויסמעקן פונם סטאַטוט; און אפילו דאָרטן, וואו מ'האָט געהייסן אַרויסשיקן יידן, נאָר דאָס איז נאָך נישט געטון געוואָרן, זאָל מען דעם גירוש אָפּשטעלן". אויף דעם מלוכה־ראַטס ראַפּאָרט האָט דער צאַר געמאַכט אַזאַ רעזאָלוציע: „דאָרט, וואו מ'האָט דאָס (דעם גירוש) שוין אָנגעהויבן, פּאַסט נישט אָפּשאַפן; מ'דאַרף דאָס אָבער אָפּשטעלן אין די גובערניעס, וואו מ'האָט זיך נאָך נישט גענומען דערפאַר". די דאָזיקע רעזאָלוציע האָט אויף א צייט אָפּגעווענדט די האַק, וואָס איז געהאָנגען איבער ישובניקעס קעפּ.

אָבער פאַרברייטערן דעם „תחום" האָט דער צאַר שוין נישט געוואָלט נאָכגעבן. דער געזעץ־דעפּאַרטאַמענט האָט פירגעלייגט, יידן סוחרים פון דער ערשטער גילדיע, זאָלן מעגן וואוינען אין די אינעווייניקסטע גובערניעס, דער קרוין און דעם גרויסהאַנדל צונוצן. אין דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אין מלוכה־ראַט האָט אַ מיעוט (13 גלידער) איינגעשטימט דערצו; דער רוב (22 גלידער) האָט געטענהט, אַז מ'קאָן נישט אָנרירן די טראַדיציע, וואָס ציט זיך „פון פעטער דעם גרויסן אָן", מ'זאָל יידן נישט אַריינלאָזן קיין ראַסיי. ווען מ'זאָל אָנהויבן לאָזן אַהין יידן „וואָלט דאָס געמאַכט זייער אַ שלעכטן איינדרוק אויף אונזער פאָלק, וואָס איז לויט זיינע רעליגיעזע באַגריפן און לויט זיין אַלגעמיינער מיינונג וועגן יידנס מאָראַל געוואוינט זיך האַלטן פון דערווייטנס פון יידן און פאַראַכטן זיי". די מערב־לענדער, וואו יידן האָבן געקריגן גלייכבאַרעכטונג, „זענען פאַר רוסלאַנד קיין מוסטער נישט, ווייל איינמאָל איז ביי אונז אַ סך מער יידן, און ווידער איז די רעגירונג און דאָס פאָלק ביי אונז, ביי זייער גאָרער טאָלעראַנץ, דאָך זייער ווייט פון גלייכגילטיקייט צו רעליגיע, וואָס מיר באַמערקן דאָס ביי אַנדערע נאַציעס". דער צאַר האָט אָנגעמערקט אויפן ראַפּאָרט ביי די לעצטע ווערטער: „דאַנקען גאָט". דערנאָך האָט ער אַוועקגעלייגט אַזאַ רעזאָלוציע: „די דאָזיקע פראַגע האָט שוין פעטער דער גרויסער פאַרענטפערט, איך וועל זיך נישט איינשטעלן דאָס איבעראַנדערשן, איך בין גאָר און גאָר מסכים מיט דער מיינונג פון די 22 גלידער". אין דעם פאַל איז דער צאַר צוגעשטאַנען צום רוב; אין אַן אַנדער פראַגע — וועגן רעקרוטן־נעמען פאַר יידן, — איז ער געווען קעגן דעם רוב. דער געזעץ־דעפּאַרטאַמענט, און נאָכדעם די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פונם מלוכה־ראַט, האָט געפּרובט טיילווייז שטיצן די יידישע השתדלות, מ'זאָל באמת פאַרגלייכן פאַר יידן די רעקרוטן־פליכט מיט אַנדערע (ווילנער קהל האָט געבעטן, מ'זאָל אָפּשאַפן דעם אינסטיטוט קאַנטאָניסטן און מ'זאָל נעמען רעקרוטן פון 20—35 יאָר אָנשטאָט 12—20). דער צאַר האָט דערויף געגעבן אַ רעזאָלוציע:

„ס'זאָל בלייבן ווי פריער"... דעם האַרטן רעקרוטן־רעגלאַמענט האָט מען נישט געטאָרט אָנרירן...

די גזרות, וואָס האָבן זיך געשיט נאָכאַנאַנד, די קדושים־פּיין, וואָס יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין, האָבן פאַרביטערט און פאַרטומלט דאָס פאָלק, און ס'האָט געשוויגן. אָבער די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן פון פעטער־בורג, אַז מ'קלייבט זיך רעגלאַמענטירן דאָס גאַנצע יידישע לעבן, האָבן אויפגע־וועקט אַ טייל יידישע געזעלשאַפט: פאַר דעם נייעם קלאַפּ, וואָס האָט ערשט גע־זאָלט טרעפן, האָט מען זיך נאָך מער געשראָקן, איידער פאַר די געטראָפענע, און מ'האָט זיך געפּרובט נאַטירלעך עפּעס טון צו פאַרהיטן. דאָס יאָר 1833 האָט מען דעם מלוכה־ראַט דערלאַנגט צוויי מעמאָראַנדומס, אַלס מאַטעריאַל צו דער יידנפראַגע: איינער איז געווען פון ווילנער קהל, געחתמעט פון 6 גבאים, דער אַנדערער האָט געהערט אַ צושטעלער פאַר דער קרוין, פייגינען, אַ טשערניגאָווער סוחר, וואָס איז גוט באַקאַנט געווען אין די אַדמיניסטראַטיווע הויכע פענסטער. ווילנער קהל מעלדעט, אַז די שטראָף־פּאָליטיק פונם „יידישן קאָמיטעט" די לעצטע יאָרן, וואָס „האָט שטאַרק דערלאַנגט" דעם יידישן פאָלק, מאַכט איצט יידן „גרוילן און ציטערן פאַר דעם אַלגעמיינעם סטאַטוט, וואָס ווערט איצט אויסגעאַרבעט אין דעמזעלבן קאָמיטעט און וואָס זאָל נאָכדעם באַהאַנדלט ווערן אין מלוכה־ראַט". ווילנער קהל דערמאָנט, ווי יידן זענען טריי געבליבן דעם טראָן בעתן פּוילישן אויפשטאַנד דאָס יאָר 1831 און בעט רחמים זיך אומקוקן אויף דאָס דאָזיקע אומגליקלעכע פאָלק, וואָס האָט אויסצושטיין אַזויפיל בלבולים" און באַשירמען דאָס פון נייע גזרות. מיט מער פּראָטעסט איז געשריבן פייגינס מעמאָראַנדום. ער פאַררופט זיך אויף די לעצטע רדיפות קעגן יידן און באַווייזט, אַז „מ'רודפט דאָס יידישע פאָלק פאַר זיין אמונה, נישט פאַר זיין מאָראַלישן צושטאַנד". „איצט קוקט מען אַרויס אויף אַ נייעם סטאַטוט, און יידן פאַרלירן יעדע האָפנונג אויף בעסערס, וואָרום די רעגירונג האָט זיך גענו־מען פאַר אַזאַ זאַך און נישט אָנגעפרעגט ביי יידן נישט קיין מיינונג, נישט קיין פאַרענטפערונג, בעת לויטן געזעץ נאָך, טאָר מען נישט פאַרמשפּטן קיין איין מענטשן אַפילו, נישט געגעבן אים די מעגלעכקייט צו פאַרענטפערן זיך". די דאָזיקע תרעומה האָט נישט געהאָלפן: דער רעגירונג האָט בעסער געלויבט צו משפּטן יידן הינטער די אויגן, אָן שום גאַראַנטיעס פאַר אומפּאַרטייאישקייט, אָן יעדער פאַרטיידיקונג. די רעגירונג האָט נישט צופרידנגעשטעלט אַפילו ווילנער קהל, מ'זאָל „לאָזן קומען קיין פּעטערבורג 4 דעפּוטאַטן פונם גאַנצן פאָלק אויפקלערן דער רעגירונג זייער פּלאַן, ווי איינצואָרדנען יידן, און מ'זאָל זיי ווייזן דעם פּראָיעקט סטאַטוט". פרי־יאָר 1835 האָט מען געזאָגט דעם פסק: אַפּריל איז געחתמעט געוואָרן דער „רעגלאַמענט וועגן יידן".

די דאָזיקע כאַרטיע רעכטלאָזיקייט, וואָס איר איז באַשערט געווען האָבן צו זאָגן עטלעכע צענדליק יאָר, איז באַשטאַנען פון די אַלטע „גרונטגעזעצן"

פאַר ייִדן מיט אַ צוגאָב אויסנאַם-געזעצן, וואָס זענען אַרויס נאָכן יאָר 1804. דער „תחום" איז נאָך מער פאַרשמעלערט געוואָרן, דאָס איז געווען: ליטע און דרום-מערב-גובערניעס, רייסן אָן דערפער, קליינרוסלאַנד (טשערניגאָווער און פּאָלטאַווער גובערניע) אָן קרוינישע דערפער, ניי-רוסלאַנד אָן ניקאָלאַיעוו און סעוואַסטאָפּאָל, קיעווער גובערניע אָן קיעוו, די באַלטישע גובערניעס—נאָר פאַר די אַלטגעזעסענע; דער גאַנצער פּאַס 50 ווערסט די ברייט פון דער מערב-גרענעץ איז פאַרמאַכט פאַר ניי-געקומענע. קיין ראַסיי מעגן ייִדן קומען נאָר אויף אַ צייט (ביז 6 וואָכן) מיט גובערנאַטאָר-פּעסער, בתנאַי, אַז די געקומענע זאָלן טראָגן אַ רוסישע קליידונג, נישט קיין ייִדישע. סוחרים פון די ערשטע 2 גילדיעס מעגן הוץ דעם קומען אין די רעזידענץ-שטעט און האַפן-שטעט, אויפן ניזשעגאָראָדער און אַנדערע גרויסע ירידים צו קויפן סחורה און פאַר הורט-פאַרקויף. ייִדן טאָרן נישט האַלטן קיין קריסטלעכע הויז-דינער, זיי מעגן נאָר דינגען קריסטן אויף אַרבעט, בתנאַי די אַרבעטער זאָלן וואוינען אין ספּעציעלע הייזער. חתונה האָבן טאָר מען נישט פאַר 18 (דער חתן) און 16 יאָר (די כּלה), אַנדערש קומט טורמע (דער דאָזיקער פאַרבאָט האָט אַגב קיין פּראַקטישן ווערט נישט געהאַט: די רעגיסטראַציע פון געבורטן און חתונות האָט זיך געפירט שלעכט). עפנטלעכע אַקטן דאַרף מען שרייבן אויף רוסיש אָדער אויף אַן אָרטיקער שפּראַך, אָבער „פאַר קיין פאַל נישט אויף ייִדיש". קהל'ס זאַך איז אַכטונג געבן מ'זאָל פּינקטלעך אויספאָלגן, וואָס „נאַטשאַלסטווע הייסט", ס'זאָלן „פּינקטלעך אַריינפאַלן" קרוינישע שטייערן און אַנדערע אָפּצאָלן. קהל לייט ווערן געקליבן אַלע 3 יאָר פון אַזוינע, וואָס קאָנען שרייבן און לייענען רוסיש, די גובערניאַלע פאַרוואַלטונג דאַרף זיי באַשטעטיקן. ייִדן האָבן וואַל-רעכט אין דער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג; אַזוינע, וואָס קאָנען לייענען און שרייבן רוסיש, מעג מען אויסקלייבן פאַר ראַטמענער אין שטאָט-דומעס און מאַגיסטראַטן (שפּעטער, דאָס יאָר 1836 איז דאָס אויסגעטייטשט געוואָרן, אַז נישט מער פאַר אַ דריטל ראַטמענער, חוץ ווילנע, דאָרט האָט מען גאָר אויסגעשלאָסן ייִדן פון דער שטאָט-דומע). בתי-מדרשים טאָר מען נישט מאַכן צו נאָענט צו קירכן. אַלע רוסישע שולן זענען אָפן פאַר ייִדישע קינדער און „מ'נויט זיי נישט, זיי זאָלן זיך שמד'ן" (פּונקט 106), — גאָרנישט קיין איבעריקע זאַך צו דערמאָנען אין אַ צייט, ווען נויטן צו שמד איז געווען אַ וואָכעדיקער גאַנג. צו ראַטעווען ייִדישע נשמות איז געווען אַן אַנדער סטאַטוט, — דער רעקרוטן-סטאַטוט, — וועגן אים ווערט געזאָגט, אַז ער בלייבט גילטיק. בכן איז דער „רעגלאַמענט וועגן ייִדן" דאָס יאָר 1835 געווען נישט מער ווי אַ שולחן-ערוך פון דער גאַנצער ייִדנפיינטלעכער געזעצגעבונג, וואָס ביז דעמאָלט; די איינציקע מעלה זיינע איז געווען, וואָס ער האָט געמאַכט אַ סוף צו די גרושים פון דערפער, וואָס האָבן רואינירט ישוב'ניקעס די יאָרן 1804—1830.

מיט אַרויסגעבן דעם רעגלאַמענט איז פונדעסטוועגן דער רעגירונגס

ברען נישט אָפּגעקילט געוואָרן. מ׳איז נישט מיד געוואָרן צו דרייען דעם געזעצ-
געבערישן פּרעס און וואַרגן די יידישע מאַסע. מ׳האָט זיך אָפּט אַריינגעריסן
אויך אין איר אינערלעך לעבן. מיט פּאָליציייאישע מיטלען האָט מען גענומען
שטרענג רעגולירן דאָס גייסטיקע לעבן. דאָס יאָר 1836 האָט זיך אָנגעהויבן
אַ צענזור-מלחמה קעגן יידישע ספרים. יידישע ספרים, כמעט אויסשליס-
לעך רעליגיעזע: סדורים, מחזורים, תנ״ך, תלמוד און פּוסקים, שאלות-ותשובות,
מוסר-ספרים, קבלה און חסידישע ספרים האָט מען דעמאָלט געהאַט געדרוקט
(אין ווילנע, סלאַוויטע און אין אַנדערע שטעט) מיט דער השגחה פון שטרענ-
גע צענזאָרס. דאָך איז געווען גענוג ספרים, אַלטע פּוילישע אָדער אויסלענדישע
אויסגאַבן, וואָס יידן האָבן געהאַט ביי זיך. פּלוצים האָט זיך די רעגירונג גע-
כאַפּט: צי שטעקט דאָ נישט עפּעס „טרפס״ אין עלטערע אָדער אויסלענדישע
דרוק-ווערק, וואָס זענען נישט דורכגעגאַנגען די רוסישע צענזור? כדי „גרינגער
מאַכן די השגחה״ אויף נייע אויסגאַבן, אָדער אויף איבערדרוקן עלטערע ספרים,
איז אַרויס אַ באַפעל פאַרמאַכן אַלע יידישע דרוקן, חוץ צוויי: אין ווילנע און
אין קיעוו (שפּעטער זשיטאָמיר אָנשטאָט קיעוו), און מ׳האָט געשטעלט דערויף
ספּעציעלע צענזאָרס; דערנאָך האָט מען גענומען רעווידירן אַלע ספרים ביי יידן;
מ׳האָט באַפוילן, יידן זאָלן משך אַ יאָר צושטעלן דער פּאָליציי אַלע ספרים, וואָס
האָבן נישט קיין צענזור-הסכמה, אָדער וואָס מ׳האָט זיי געבראַכט פון אויסלאַנד;
„זיכערע רבנים״ זאָלן די דאָזיקע ספרים איבערזעען: „כשרע״ זאָלן זיי שטעמפּ-
לען מיט זייער שטעמפּל, „טרפע״ — זאָלן זיי אומקערן פּאָליציי אויף איבערשיקן
אין אינערן-מיניסטעריום. אַזוי האָט מען אָנגעצויגן אַ צענזור אויף דער גאַנצער,
אַלטער יידישער ליטעראַטור די XVIII—XVI יאָרהונדערטן. היות חי יידישע
מחברים פון דער אַלטער און מיטלאַלטערישער צייט האָבן נישט געקאָנט פאָרויס-
זען, וואָס די רוסישע צענזור וועט האַלטן פאַר „טרף״, בכן האָט זיך אַרויסגע-
שטעלט, אַז אין אַ סך קלאַסישע יידישע חבורים זענען פאַראַן שטעלן, וואָס זיי
זענען „דערהו׳דער רוסלענדער מלוכה-געזעצן״. אַלע אַזוינע ספרים, צענדליקער
טויזנטער עקזעמפּלאַרן, האָט מען איצט באַדאַרפט אָפּשיקן קיין פּעטערבורג. דאָס
האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר זייער שווער, גובערנאַטאָרס האָבן זיך אַריינגע-
לייגט אין דער זאַך און דע צאַר האָט דערלויבט אַלע אַזוינע חשודיקע ספרים פאַר-
ברענען אויף אַן אָרט בתנאי, אַז פון יעדער אַזאַ אויטאָ-דאַ-פע זאָל מען ראַפּאָר-
טירן קיין פּעטערבורג און צושטעלן דעם אינערן-מיניסטעריום צו 1 עקזעמפּלאַר
פון יעדער „פאַרטיליקטן״ ספר. די צענזור האָט זיך אָבער דערמיט אויך נישט
געקאָנט צופרידנשטעלן. מ׳האָט מורא געקריגן, אַז „זיכערע רבנים״ האָבן אויך
געקאָנט האַלטן פאַר „אומשעדלעך״ אַ סך ספרים, וואָס זיי זענען אַ געפאַר פאַר
דער אָרדנונג און דו אין דער מלוכה; בכן האָט מען דאָס יאָר 1841 געמאַכט
אַ השגחה אויף רבנישער צענזור אויך. אַלע ספרים אָן צענזור, וואָס רבנים
האַלטן פאַר אומשעדלעך, זאָל מען אָפּשיקן אין ווילנער און קיעווער צענזור-

קאָמיטעטן; „כשרע״ זאָל מען אָפּשטעמפּלען, „טרפע״ זאָל מען פאַרברענען. וואָגנס ספרים האָבן זיך געשלעפּט קיין קיעוו און קיין ווילנע. אַ סך יאָרן נאָכדעם איז נאָך געלעגן פאַרשפּאַרט ביי פּאָליציי די דרייטויזנטיאָריקע ליטע־ראַטור פונם „עם הספר״, אַרויסגעקוקט, אַ רוסישער טשינאָווניק זאָל זיך אויף איר דערבאַרעמען, אָדער ער זאָל זי פאַרברענען...

די רעגירונג האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן שטאָל און אייזן ביי דער פּרימיטיווער מעטאָדע אין דער יידנפראַגע, אַז דאָס בעסטע און דאָס גרינגסטע איז אָפּשמדן יידן. די געזעצגעבונג יענע צייט איז שטאַרק פאַרטון אין משומדים. אַז יידישקייט וועט זיך סוף כל סוף אונטערגעבן דער קירך —, דאָס איז מען געווען זיכער, ס׳איז נאָר געווענדט אין דער צייט, ווען. אָבער די מאַכט גופא האָט ווייניק וואָס געגלויבט אין משומדים׳ס אויפריכטיקייט, דאָס יאָר 1827 האָט מען פאַרעפנטלעכט דעם צאַרס אייגנהאַנטיקע רעזאָלוציע: „שטרענג אַכטונג געבן, אַז די טויף זאָל פאָרקומען דוקא זונטאָג־טעג און מיט דער גרעסטער עפנטלעכ־קייט, ס׳זאָל נישט בלייבן קיין חשד, אַז די טויף איז דא לפנים״. אָבער שפּעטער האָט מען געמוזט פאַרגרינגערן דעם דאָזיקן קאָנטראָל פאַר יידן, וואָס „ווילן אויסמיידן די עפנטלעכקייט ביי דער טויף״, דערהויפּט פאַר קאַנטאָניסטן, וואָס „האָבן דעם גוטן ווילן צו ווערן פּראַוואָסלאַוונע״ לויט דער „עצה־טובה״ פון קאַזאַרמע־מיס־יאָנערן. זאָגן, אַז געפייניקטע קינדער מיינען דאָס אויפריכטיק מיט שמד, האָט מען נישט געקאָנט; בכן האָבן גלחים אין די באַטאַליאָנען געמעגט טויפן אַזוינע קנעכט „נישט אָנגעפרעגט ביי די העכערע״ (1831). אין די באַפעלן יענע צייט טרעפן מיר שטענדיק אַזאַ אויסדרוק: „סאָלדאַטן יידן, וואָס זיי בלייבן ביי זייער גלויבן״ — אַזוי האָבן געהייסן עקשנים, וואָס פירן זיך קעגן דער טבע, ד. ה׳ קעגן מאַסן־שמד, וואָס נאַטשאַלסטווע האַלט דאָס פאַר ריכטיק. אָבער צווישן „יידן אויף דער פריי״ איז שמד געווען זייער אַ זעלטענע זאַך, ס׳האָבן נישט געהאָלפן קיינע פּריווילעגיעס פאַר משומדים, קיינע געשענקטע שטראָפן פאַר קרימינאַל־פאַרברעכער, ווען זיי ווערן פּראַוואָסלאַוונע.[1])

§ 23. די אָפיציעלע בילדונג (1840—1844).

אַ קורצע צייט איז מען מיד געוואָרן צו שלאָגן יידן. די סיסטעם אַפּוט־רופּסות בלייבט ווי פריער, נאָר ס׳זאָל שוין אָנגעווענדט ווערן אַ מאָדערנע פיי־נערע מעטאָדע אָנשטאָט דער מיטלאַלטערישער. די רעגירונג האָט געהאַט צווישן

1) לויט דעם שטראָף־קאָדעקס (אויסגאַבע דאָס יאָר 1845, פונקט 157) ווערט פאַרגרינגערט און אפילו פאַרביטן די שטראָף פאַר פאַרברעכער, וואָס שמדין זיך בעת דער אויספאָרשונג אָדער בעת דעם געריכט

זיך פערזאָנען (למשל, דער בילדונג־מיניסטער אוּוואראָוו), וואָס האָבן געוואוסט, וואָס אין אייראָפּע טוט זיך. זיי האָבן געוואוסט פון די וועגן, וואָס רעאַקציאָנערע רעגירונגען האָבן אויסגעפונען אין דער יידנפראַגע אין עסטרייך און אין פרייסן און וואָס וואָלטן געטויגט פאַר רוסלאַנד אויך. בכלל האָט זיך די רוסישע רעגירונג שטאַרק אַרומגעצוימט קעגן דעם „צעפוילטן מערב”, איר האָבן זייער ווייניק געשמעקט די נייע פּאָליטישע באַוועגונגען דאָרט, אָבער זי האָט זיך גערן אָנגעכאַפּט פאַר די אָפּגעלעבטע געגנ פונם „אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם”, וואָס זענען אָנגעגאַנגען, דערהויפּט אין עסטרייך, די ערשטע צענדליקער יאָרן דאָס XIX יאָרהונדערט. פרייסן האָט זייער אויסגענומען ביי רוסישע הויכגעשטעלטע ביוראָקראַטן: אַזוי פיל אַסימילירטע יידן און משומדים! אַזאַ רעפאָרם־באַוועגונג צווישן יידן! געדוכט האָט זיך זיי אין דער מיסיאָנערישער פאַנטאַזיע, אַז די רעפאָרם איז שוין אַ שפּאַן נענטער צו קריסטנטום. האָט מען נישט געקאָנט באַשטיין דעם נסיון: אָנווענדן די פאַסיקע רעאַקציאָנערע מעטאָדעס פון מערב־אייראָפּע און דערביי נישט אַרויסלאָזן פון די הענט די אייגענע פּאָליציייאישע בייטש.

דאָס יאָר 1840 האָט דער מלוכה־ראַט ווידער גענומען באַהאַנדלען די יידן־פראַגע, דאָס מאָל — פּרינציפּיעל. פּראָווינציעלע אַדמיניסטראַטאָרס (דערהויפּט קיעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר ביביקאָוו) האָבן ראַפּאָרטירט, אַז דער רעגלאַמענט פונם יאָר 1835 איז אויך נישט גענוג „אויסצולייטישן” יידן, וואָרום דער עיקר בייז שטעקט אין זייער „רעליגיעזן פאַנאַטיזם און אָפּגעשלאָסנקייט”; דאָס אָבער קאָן מען באַזייטיקן נאָר מיט רעפאָרמירן זייער אינעווייניקסט לעבן. אוּוואראָוו און סטראָגאַנאָוו, מיניסטאָרן פאַר פאָלקסבילדונג און אינערע עניניס, האָבן אויפגעגעבן אַ נייע סיסטעם אויסצולייטישן יידן. דער פועל־יוצא פון דער דאָזיקער באַראַטונג איז געווען די געוויסע „מעמאָריע” פונם מלוכה־ראַט, וואָס מ׳האָט דערלאַנגט ניקאָלאַי דעם 1־טן. די רעגירונג איז זיך דאָ מודה, אַז זי איז אומ־מעכטיק אויסצובעסערן יידישע חסרונות, ווייל „ביי יידן פעלט נוצלעכע אַרבעט, זיי זענען פאַרטון אין קליינקרעמעריי, אין וואַנדערן, און זיי זענען פאַרעקשנט אָפּגעשלאָסן פונם אַלגעמיינעם בירגערלעכן שטייגער”. די סיבה, פאַרוואָס די רעגירונג איז נישט אימשטאַנד עפּעס אויפצוטון, איז, וואָס ביז איצט האָט מען זיך נישט פאַרטיפט אין דעם מהות פון יידישער אָפּגעשלאָסנקייט, און דאָס איז זייער רעליגיעזער און קהלה־שטייגער. דער שורש פון אַלדאָס בייז איז דער תלמוד, וואָס „שפּייזט ביי יידן די טיפסטע פאַראַכטונג צו אַנדערע פעלקער” און לערנט זיי אפילו „הערשן איבער אַנדערע”. דער תלמוד רעדט זיי איין, „יידן זאָלן האַלטן זייער איינזיין אין יעדער לאַנד, חוץ אין ארץ־ישראל, פאַר אַ גלות”, און זיי „זאָלן מער פאָלגן זייער אייגענער מאַכט, איידער אַ פרעמדער רעגירונג”. דערפון נעמט זיך דער „אַלמעכטיקער קהל”, וואָס האָט די מאַכט פון קהלה־אויטאָנאָמיע. די דערציאונג פון דער יידישער יוגנט איז ביי מלמדים אין די הענט, ביי „פינסטערע פאַנאַטיקער און אומוויסער”; „ביי די דאָזיקע פאַנאַטיקער באַקו־

מען קינדער די שעדלעכסטע באַגריפן פון אומטאָלעראַנץ צו אַנדערע פעלקער", יידישע קליידונג שיידט אויך אָפּ יידן פון אַרום. די רוסישע רעגירונג האָט „געטון מיטלען צו פאַרהיטן פאַר יידן", אָבער דעם צוועק האָט מען נישט דערלאַנגט: דער רעקרוטן־סטאַטוט האָט נישט געקאָנט קיין סך אויפטון „צו ענדערן יידישע זיטן". בילדונג אין רוסישע שולן און ערדאַרבעט, וואָס מ'האָט אָנגעבאָטן יידן, איז נישט גענוג געווען. גירושים פון דערפער האָבן אויך נישט דערלאַנגט דעם צוועק: „יידן זענען רואינירט געוואָרן, אָבער פויערים זענען נישט געהאָלפן געוואָרן". דער מלוכה־ראַט קומט דעריבער צו אַזאַ אויספיר: „דערפון איז געדרונגען, אַז פרטע אָדער פּאָליצייאישע אויסנאַם־געזעצן זענען נישט גענוג, אַז אַזאַ גרויסער קלאַס מענטשן זאָל זיך נעמען פאַר נוצלעכער אַרבעט. יידן האָבן מיט קדושים־מוט איבערגעטראָגן אין מערב־אייראָפּע די ערגסטע רדיפות און זענען געבליבן ביי זייער נאַציאָנאַלן טיפּ, ביז רעגירונגען האָבן זיך נישט געטון קיין מי טיפער אויסצופאָרשן די סבות, פאַרוואָס יידן פירן אַזאַ אָפּגעשלאָסן לעבן, כדי צו ווירקן אויף די דאָזיקע סבות"... נאָך אַזאַ הקדמה נעמט זיך דער מלוכה־ראַט אַראָפּ אַ מוסר פון פרעמדע מלוכות; שטאַרק ליב איז אים דער פּרייסישער רעגלאַמענט פונם יאָר 1797 פאַר די פּוילישע יידן און די עסטרייכישע סיסטעם צוואַנג־שול. אָפּגעלערנט זיך ביי מערב־אייראָפּע, מערקט אָן דער מלוכה־ראַט דריי וועגן „גרינטלעך צו ענדערן דאָס דאָזיקע פאָלק": 1) קולטור־ווירקונג, מאַכן ספּעציעלע שולן פאַר יידישע קינדער, אויסראָטן דעם אַלטן חדר און מלמדים, רעפאָרמירן דאָס רבנות, פאַרווערן יידישע קליידונג; 2) אָפּשאַפן די יידישע אויטאָנאָמיע, אָפּשאַפן קהל און רעפאָרמירן יידישע שטייערן; 3) שטראָף־מיטלען קעגן עקשנים: אויסטיילן פון דער יידישער מאַסע אַלע, וואָס זענען נישט קיין פעסטע תושבים און האָבן נישט קיין געוויסן פאַרמעגן; אַזוינע זאָל מען אויסלייטישן מיט דיסציפּלינאַר־מיטלען: אַרויסשיקן, פאַרמינערן זייערע רעכט, נעמען פון זיי מער רעקרוטן און מיט ענלעכע פּאָליציידרכים. די אַלע דריי וועגן זאָלן אויסהעלפן איינס דעם אַנדערן. „אויסגעשטימט אַלע טיילן פון דעם דאָזיקן פאָרשלאַג מיט דעם עיקר־געדאַנק: רעפאָרמירן דאָס יידישע פאָלק, און מיט דער הילף פון צוואַנג־מיטלען, קאָן מען האָפן, אַז די רעגירונג וועט דערלאַנגען איר צוועק".

די דאָזיקע מעמאָריע פונם מלוכה־ראַט האָט געבראַכט דערצו, אַז דער צאַר האָט דעם 27 דעצעמבער 1840 געהייסן גרינדן „אַ קאָמיטעט צו באַהאַנדלען די וועגן ווי אַזוי גרינדלעך צו רעפאָרמירן יידן אין רוסלאַנד". פאָרזיצער אין קאָמיטעט איז געוואָרן גראַף קיסעליעוו, מיניסטער פאַר מלוכה'שע גיטער; גלידער זענען געווען: מיניסטאָרן פאַר פאָלקסבילדונג, אינערע ענינים און פינאַנסן; בלודאָוו, דער פאַרוואַלטער פון דעם צווייטן אָפּטייל קייזערלעכער קאַנצעלאַריע, און דובעלט, דער שעף פון פּאָליטישער פּאָליציי, פון דעם גרוילדיקן „דריטן אָפּטייל" קייזערלעכער קאַנצעלאַריע. דובעלט האָט געהאַט אַ ספּעציעלע עובדה:

„שטרענג אַכטונג געבן אויף ייִדישע אינטריגעס און טועכצן, וואָס קענען פירקומען בעת די דאָזיקע „דיעלאָ“ פירט זיך“. די מעמאָריע פונם מלוכה־ראַט, וואָס זי האָט געזאָלט זיין די פּראָגראַם פאַרן נייעם קאָמיטעט, האָט מען צעשיקט די גענעראַל־גובערנאַטאָרס אין מערב־געגנט „געהיים פאַר (אייער) אייגן וויסן און באַראָט“. בכן האָט מען אָנגעהויבן די רעפאָרמאַטאָרישע מלחמה קעגן ייִדן שטילערהייט, מיט פּאָליציייִשער פּאָרזיכט, דעם שונא קיין קריג נישט געמעלדעט. דער קאָמיטעט זאָל אויסאַרבעטן דעם פּראָיעקט לויט אַ געוויסן סדר פּונקטנווייז: פריער „אויפקלערונג“, דערנאָך פאַרניכטן די אויטאָנאָמיע, צום סוף שטראָף־מיטלען. וועגן ערשטן פּונקט האָט אוּוואַראָוו אָנגעשריבן און דערלאַנגט דעם קאָמיטעט אַן אויספירלעכן רעפעראַט. אוּוואַראָוו, וואָס האָט געכאַפּט דעם „גוטן טאָן“ פון אַן אייראָפּעער, הויבט אָן זיין רעפעראַט דערמיט, אַז אייראָפּעאישע רעגירונגען האָבן שוין פאַסירט די מעטאָדע פון „רדיפות און גוואַלדטון“, אַלס אַ מיטל צו פאַרענטפערן די ייִדנפראַגע; „ס׳איז שוין געקומען די צייט, מיר זאָלן אויך אַזוי טון“. „קיין פעלקער פאַרטיליקט מען נישט, בפרט נאָך אַזאַ פאָלק, וואָס זיין גייסטע געשיכטע הויבט זיך אָן ביי קריסטוס קרייציקן“... פונם מיניסטערס ווייטערדיקע רייד איז אָבער אַרויסצוזען, אַז ער האָט נאָך נישט אָנגעוואָרן די האָפנונג צו דערנענטערן ייִדן מיט אַנדערע מיטלען צו דער רעליגיע, וואָס הויבט זיך אָן פון קריסטוס קרייציקן. דער מיניסטער זאָגט: „די בעסטע צווישן ייִדן פילן, אַז איינע פון די וויכטיקסטע סיבות, פאַרוואָס זיי זענען אַזוי דערנידעריקט, איז, וואָס זיי טייטשן אַזוי פאַלש אויס זייערע רעליגיעזע טראַדיציעס, אַז דער תלמוד האָט דעמאָראַליזירט ייִדן און טוט דאָס איצט אויך; אָבער אין ערגעץ איז די השפּעה פונם תלמוד נישט אַזוי שטאַרק ביי ייִדן, ווי ביי אונז און אין פוילן. נאָר בילדונג קאָן באַזייטיקן די דאָזיקע ווירקונג, און די רעגירונג דאַרף גיין מיט דעם וועג, וואָס ס׳גייט אַ הייפל בעסטע צווישן זיי (ייִדן). רעפאָרמירן ייִדישע בילדונג — דאָס הייסט די זעלבע צייט אויסלייטערן זייערע רעליגיעזע באַגריפן“. וואָס דער מיניסטער מיינט דאָ מיט „אויסלייטערן“, קאָן מען אַרויסזען פון זיין אַ באַמערקונג דרך אגב, אַז נישט אומזיסט האָבן אָפּגעשלאָסענע ייִדן מורא פאַר אַ רעפאָרם, „וואָרום צי איז דען נישט די רעליגיע פון קרייץ דער ריינסטער סימבאָל פון אַ וועלט־בירגערשאַפט?“... אָבער, זאָגט ווייטער אוּוואַראָוו, וועגן דעם דאַרף מען עפנטלעך נישט רעדן, וואָרום „דאָס וואָלט הייסן נאָך איידער וואָס אויפרייצן דעם רוב ייִדן קעגן שולן“. די רעפאָרם איז: עפענען אין אַלע שטעט אין „תחום“ אָנהויב־שולן פאַר ייִדן, מ׳זאָל דאָרט לערנען רוסיש, אַלגעמיינע וויסנשאַפטן, העברעאיש און „דת לויט דער ביבל“. לערנען זאָל מען אַלצדינג אויף רוסיש, נאָר הלוֹת ווי ס׳פעלן נאָך איצט אויס לערערס רוסיש־קענער, מעג מען דערווייל לערנען אויף דייטש. לערער פאַר די אָנהויב־שולן זאָלן גענומען ווערן די ערשטע צייט פון צווישן מלמדים, „וואָס פאַרדינען צוטרוי“, פאַר העכערע אָנהויב־שולן — פון צווישן געבילדעטע

יידן אין רוסלאַנד און אין דייטשלאַנד. דער קאָמיטעט האָט בכלל אָנגענומען אוואַראָוס פּראָיעקט און האָט איינגעפונען, אַז כּדי צוגרייטן די יידישע מאַסע צו דער געפּלאַנטער רעפאָרם, דאַרף מען שיקן אין „תּחום" אַן אַגיטאַטאָר, וואָס זאָל צו פאַרשטיין געבן דעם עקשנותדיקן פאָלק „דעם וואוילן מיין פון דער רע-גירונג". אַזאַ אַגיטאַטאָר האָט זיך געפונען אויך, דאָס איז געווען דער ייִנגער דאָקטאָר מאַקס ליליענטאַל, אַ דייטשער ייד.

ליליענטאַל איז געבוירן אין בייערן (אין מינכען דאָס יאָר 1815), שטודירט אין אַ דייטשן אוניווערסיטעט, דאָס איז געווען אַ טיפּ פון אַ דייטשיש-יידישן אינטעליגענט; ער האָט געהאַלטן פון אַסימילאַציע און פון אַ מעסיקער רעליגיע-זער רעפאָרם. ווי נאָר ער האָט געענדיקט דעם אוניווערסיטעט, האָט אים אַ טייל געבילדעטע יידן אין ריגע אַרויסגערופן אַהער פאַר פּרעדיקער און דירעקטאָר פון דער יידישער שול, איינע פון דריי רעפאָרמירטע שולן דאַמאָלט אין רוס-לאַנד (די איבריקע צוויי זענען געווען אין אָדעס און אין קישינעוו). פאַר אַ קורצער צייט האָט ער באַוויזן אַזוי מאָדערן אַוועקצושטעלן דאָס לערנען פון יידישע און אַלגעמיינע למודים, אַז אוואַראָוו האָט זיך נישט געקאָנט אָפּלויבן. דער מיניסטער האָט געהאַלטן די ריגער שול פאַר אַ מוסטער פאַר דער גאַנצער בעץ שולן, וואָס זאָל זיך איינגיכן פאַרשפּרייטן איבערן גאַרן „תּחום"; אין לי-ליענטאַלן האָט ער געזען דעם מאַן, וואָס אויף אים מעג מען זיך פאַרלאָזן דורכ-צופירן די רעפאָרם. פעברואַר 1841 האָט מען ליליענטאַלן אַרויסגערופן קיין פּעטערבורג, דאָרט האָט ער געהאַט אַ לענגערן געשפּרעך מיט אוואַראָוון. לויט אָפיציעלע קוועלן זאָל ער האָבן איינרעדן דעם מיניסטער פאַרמאַכן אַלע חדרים, לערער פאַר די נייע שולן זאָל מען אַראָפּברענגען פון דייטשלאַנד. ווי ליליענ-טאַל גופא גיט איבער, זאָל ער האָבן באַמערקט דעם מיניסטער, אַז אַלע מניעות פאַר אויפקלערן רוסישע יידן וואָלטן געוואָרן אויס, ווען דער צאַר זאָל זיי געבן גלייכבאַרעכטונג; דער מיניסטער זאָל דערויף האָבן געענטפערט, אַז די ערשטע דאַרפן טון יידן, זיי „זאָלן פאַרדינען דעם מאָנאַרכס גנאָד". פונדעסטוועגן האָט ליליענטאַל אויף זיך אָנגעלאָדן די שווערע שליחות — אויפקלערן געפּייניקטע מענטשן. מ'האָט אים באַפוילן אַרומרייזן דעם „תּחום", אָרגאַניזירן דאָרט די צו-זייטע פּראָגרעסיווע לייט, די משכּילים, און אַגיטירן צווישן דער פאָלקס-מאַסע פאַר דער שול-רעפאָרם.

בעת ליליענטאַל האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין, האָט ער אַליין נישט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ שווערע אַרבעט ער האָט גענומען אויף זיך. ער האָט געוואָלט צו פאַרשטיין געבן „דעם וואוילן מיין פון דער רעגירונג" אַ פאָלק, וואָס די רעגירונג האָט דאָס מיט אירע אוממענטשלעכע רדיפות געמאַכט פאַר קנעכט, צו שאַנד און צו שפּאָט. ער האָט געוואָלט איינ-רעדן יידן, אַז די רעגירונג מיינט גוטס טון זייערע קינדער, בעת אין אַלע יידישע גאַסן האָבן זיך „כאַ-פּערס" געיאָגט נאָך זיי, טויזנטער קינדער זענען אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר רע-

קרויטן, און דאָרט אין די קאַזאַרמעס האָט מען געטון מיט זיי אַזוינס, אַז קוים אַ העלפט זענען לעבן געבליבן און קוים אַ צענטהלק איז געבליבן ביי יידישקייט. מיט אַ נאַטירלעכן חוש האָט דאָס פאָלק אַזוי אויסגעטייטשט דער רעגירונגס נייעם אויפטו: איצט שמדט מען קינדער אין דער קאַזאַרמע, שפּעטער וועט דאָס געטון ווערן דורך דער שול אויך. ווען לילייענטאַל איז געקומען קיין ווילנע (אָנהויב 1842) און האָט גערעדט אין אַ גרויסער יידישער פאַרזאַמלונג פון דעם רעגירונגס-פּלאַן און פונם „יידנפריינט" אוואַראָוו, האָט מען אים אָפן נישט געגלויבט. לילייענטאַל דערציילט וועגן דעם אַזוי: „די זקנים זענען געזעסן שטאַרק פאַרטראַכט. לסוף האָט זייער ראש מיר פאַרגעבן אַזאַ וויטציכטיקע פראַגע: „צי ווייסט איר וואויל, דאָקטאָר, דער רעגירונגס מיין דערביי? דאָס, וואָס די רעגירונג טוט קעגן אַלע נישט פּראַוואָסלאַווער, באַווייזט קלאָר, אַז זי וויל האָבן אין דער מלוכה נישט מער ווי איין אמונה, זי זאָרגט נאָר פאַר איר שטאַרקייט און גרויסקייט, נישט פאַר אונזער וואויל". דערויף האָט לילייענטאַל אָפּגעענטפערט מיט אַווידעראַנאַנד: זאָלן זיך יידן שטעלן קעגן דער רעפאָרם, וועט דאָס שטאַרק אויפברענגען די רעגירונג און זי וועט באַגיין שטרענגע שטראָף-מיטלען, בעת איצט האָבן יידן די געלעגנהייט צו ווייזן דער רעגירונג, אַז זיי האָבן נישט קעגן בילדונג, ממילא פאַרדינען זיי אַ בעסערע מערכה. מ'האָט לילייענטאַלן געפרעגט: מיט וואָס זענען יידן זיכער, אַז אין דער רעגירונגס פּלאַן שטעקט נישט עפּעס אַ נייער אויפטו קעגן דעוו יידישער אמונה. דערויף האָט ער געגעבן פייערלעך דאָס וואָרט, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון זיין שליחות, ווי נאָר ער וועט זיך איבערצייגן, אַז די רעגירונג איז דאָ שטילערהייט עפּעס אויסן קעגן יידישקייט. דאָס הייפל ווילנער משכילים האָט שטאַרק געשטיצט לילייענטאַלן, און ער איז אָפּגעפאָרן אויף דער וויטערער רייזע, שטאַרק זיכער, אַז ס'וועט אים געראָטן. אָבער אין מינסק האָט ער שוין דערזען, אַז ער לעבט אין טעות. אין דער פאַרזאַמלונג האָט זיך צעקאָכט אַ שטאַרקער וכוח, די קעגנער האָבן דאָ פירגעבראַכט אַזוי: „ביזווילאַנג די מלוכה וועט נישט געבן יידן קיין בירגערלעכע רעכט, וועט בילדונג זיין פאַר זיי נישט מער ווי אַן אומגליק. אַ פּשוטער אומגעבילדערטער ייד שעמט זיך נישט מיט אַזאַ געמיין באַשעפטיגונג, ווי מעקלעריי, אָדער קליינקרעמעריי, ער געפינט אַ טרייסט אין זיין אמונה און ער האָט בטחון. אָבער אַ יידן אַ געבילדעטן, אַן אויפגעקלערטן, וואָס טאָר זיך נישט קערן און ווענדן אין דער מלוכה, וועט די אומצופרידנקייט מיט זיין נידריקן מצב מוזן ברענגען דערצו, ער זאָל זיך שמדן. פאַר אַזאַ תכלית וועט קיין ערלעכער פאָטער נישט אָפּגעבן זיין קינד אין קיין נייער שול". מינסקער אָפּאָזיציע קעגן „קאַזיאָנער" בילדונג האָט אָבער נישט סתם אָפּגעענטפערט לילייענטאַלן מיט שכלדיקע טענות: אין דער פאַרזאַמלונג און אויף די גאַסן איז לילייענטאַלן אויסגעקומען צו הערן אַ סך באַליידיקונגען אויך.

לילייענטאַל איז צוריקגעקומען קיין פּעטערבורג און האָט צוגעשטעלט אַ

באַריכט .אוּװאַראָװ'ן, װאָס דערפֿון האָט זיך אוּװאַראָװ איבערצייגט, אַז דורכ־
פֿירן די שול־רעפֿאָרם איז אַ שװערע זאַך, אָבער מיאש זיין זיך דאַרף מען נישט.
דעם 22־טן יוני 1842 איז אַרויס אַ באַפֿעל, אַז דאָס מיניסטעריום פֿאַר פֿאָלקס־
בילדונג נעמט אונטער איר השגחה אַלע יידישע שולן, חדרים און ישיבות אויך.
דאָ איז אויך געװען געמעלדעט, אַז אין פּעטערבורג װערט אַ קאָמיסיע פֿון 4
רבנים „צוהילף קומען דער רעגירונג אין איר מיין" דורכצופֿירן די שול־רע־
פֿאָרם. איינלאַדן רבנים האָט געזאָלט באַטייטן אַ גאַראַנטיע פֿאַר יידן, אַז די
רעפֿאָרם איז נישט אויסן טרעפֿן די יידישע אמונה. ליליענטאַל'ן האָט מען נאָך
אַמאָל געשיקט אין „תחום", ער זאָל זיין דערהויפּט אין די דרום־מערב־גובער־
ניעס און אין ביירוסלאַנד און װירקן אויף די יידישע מאַסן לויט דעם מיניס־
טעריומס אינסטרוקציעס. פֿאַרן אָפּפֿאָרן האָט ליליענטאַל פֿאַרעפֿנטלעכט אַ בראָ־
שור „מגיד ישועה" (אויף העברעאיש), געמונטערט יידן, זיי זאָלן אַקעגנקומען
דער רעגירונג. אין פּריװאַט־בריװ צו כלל־טוער האָט ער פֿאַרזיכערט, אַז דער
באַפֿעל װעגן שולן איז נאָר אַן אָנהויב, אַ בשורה אויף אַנדערע באַפֿעלן צו
פֿאַרבעסערן די יידישע בירגערלעכע לאַגע. דאָס מאָל האָט ליליענטאַל מער גע־
פּועלט, איידער ביים ערשטן אַרויספֿאָר. אין אייניקע גרעסערע קהלות: אין
בערדיטשעװ, אָדעס, קישינעװ, האָט ער געהאַט אַ פֿריינטלעכן קבלת־פּנים, מ'האָט
אים פֿאַרזיכערט, אַז קהלות זענען גרייט צוהילף קומען די נייע שולן. מיט
גרויסע האָפֿנונגען איז ליליענטאַל צוריקגעקומען קיין פּעטערבורג מיטצוטון אין
דער רבנישער קאָמיסיע, װאָס האָט זיך פֿאַרזאַמלט אין דער רעזידענץ פֿון מאַי
ביז אויגוסט דאָס יאָר 1843. „רבנ'ישע" האָט זי געקאָנט הייסן נאָר אויף העלפֿט:
געװען זענען דאָ צװיי אָרטאָדאָקסן, דער ליאַדיער רבי ר' מענדל שניאורסאָן
און װאָלאָזשינער ראש ישיבה ר' יצחק יצחקי (אַ מתנגד), פֿון דרום און דרום־
מערב זענען דאָ געװען: דער בערדיטשעװער באַנקיר האַלפּערן און דער דירעק־
טאָר פֿון אָדעסער שול בצלאל שטערן. די אָרטאָדאָקסן האָבן זיך שטאַרק איינ־
געשטעלט פֿאַרן חדר און קעגן דער רעגירונגס „השגחה", װאָס זאָל הייסן אַזוי
גוט װי פֿאַרניכטן דעם חדר. מ'איז געקומען צו'ן אַ פּשרה: דערװייל נישט אָנ־
רירן דעם חדר, זאָל די „קאַזיאָנע" שול אים קאָנקורירן. מ'האָט אויך אויסגע־
אַרבעט אַ פּראָגראַם פֿאַר יידישע למודים אין די נייע שולן.

די רעגירונג האָט זיך פֿון איר כּונה נישט געװאָלט אָפּגעזאָגן צו דע־
נאַציאָנאַליזירן יידן דורך די נייע שולן, זי האָט זיך אָבער באַמיט פֿון דער יידי־
שער געזעלשאַפֿט די דאָזיקע כּונה צו באַהאַלטן. דעם 13־נאָװעמבער 1844 האָט
דער צאַר געחתמ'עט צװיי אַקטן: פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט אַ באַפֿעל „װעגן אויס־
בילדן די יידישע יוגנט", פֿאַר זיך — אַ געהיימע אינסטרוקציע צום בילדונג־
מיניסטער. עפֿנטלעך האָט דאָס געהייסן מאַכן צװיי מדרגות שולן פֿאַר יידישע
קינדער און צװיי ראַבינער־שולן פֿאַר צוגרייטן רבנים און לערער. לערער אין
יידישע „קאַזיאָנע" שולן זאָלן זיין סיי יידן, סיי קריסטן. די, װאָס ענדיקן אַ

שול, דינען ווייניקער אין מיליטער. אויספירן די שול־רעפאָרם זאָלן „שול־קאָ־מיסיעס" פון יידן מיט קריסטן. אָבער אין דער געהיימער אינסטרוקציע איז גע־זאָגט געוואָרן, אַז: „דער צוועק פון בילדן יידן איז דערנענטן זיי צו דער קריסט־לעכער באַפעלקערונג און אויסוואָרצלען די פאָראורטיילן, וואָס דער תלמוד פלאַנצט־איין ביי יידן". וואָס מער ס'וועלן זיך עפענען נייע שולן, וועלן פאַרמאַכט ווערן חדרים; צו דער צייט, וואָס „קאַזיאָנע" שולן וועט זיין אַ גענוגע צאָל, וועט זיין אַ מוז אָפּגעבען אַהין קינדער. פאַרוואַלטער אין די נייע שולן זאָלן זיין קריסטן. מ'דאַרף זען מיט אַלע מיטלען, „ס'זאָל שווער ווערן דאָס אַרויסגעבן דער־לויבן" מלמדים אויף צו לערנען אין חדרים. אין 20 יאָר אַרום טאָר קיינער נישט זיין קיין לערער אָדער ראַבינער אָן אַן אַטעסטאַט פון אַ רעגירישער ראַבינער־שול.

אינגיכן איז אָבער דער סוד אָפן געוואָרן פאַר אַלעמען. דאָס פאָלק האָט דערפילט דעם גאַנצן ווייטאַק, וואָס ס'האָט מיט אַמאָל אָנגעוואָרן די פון לאַנג־אָניקע שול־אויטאָנאָמיע און האָט זיך געוועהרט מיט פּאַסיווע מיטלען קעגן דער רעגירישער בילדונג. די שול־רעפאָרם האָט זיך געשלעפּט לאַנגזאַם און שווער. די ראַבינער־שולן (אין זשיטאָמיר און אין ווילנע) האָט מען געעפנט ערשט סוף יאָר 1847. די ערשטע יאָרן איז דאָס מיט „קאַזיאָנע" שולן צוגעגאַנגען זייער קלאָגעדיק. נאָך איידער די רעפאָרם האָט זיך רעכט פאַרנומען, איז נישט גע־בליבן ד"ר ליליענטאַל. אין יאָר 1845 האָט ער פלוצים פאַרלאָזט זיין שטעל אין בילדונגס־מיניסטעריום און פאַסירט רוסלאַנד אויף שטענדיק. ס'איז אים קלאָר געוואָרן דער אמת'ער מיין פון די רעגירונגס־קרייזן, ער האָט זיך איבערצייגט, אַז די מורא פון ווילנער אָרטאָדאָקסן איז אַ גערעכטע, האָט ער געהאַלטן וואָרט און האָט אָפּגעטרעטן, אַזוי ווי ער האָט זיי צוגעזאָגט. פון אַ לאַנד, וואו אַ ייד האָט געקאָנט נושא חן זיין ביי דער רעגירונג „נאָר מיט בוקן זיך פאַרן פּראַ־וואָסלאַווענעם צלם" (ליליענטאַלס אויסדרוק אין זיינע מעמואַרן), איז ער אַוועק אין לאַנד פון פרייהייט און גלייכקייט, אין די פאַרייניקטע שטאַטן אין אמעריקע; דאָרט איז ער געווען ראַבינער אין צינצינאַטי ביזן טויט (1882).

§ 23 אַ. די פאַרשמעלערטע אויטאָנאָמיע און די כונות פון ביוראָקראַטיע.

ווי נאָר ס'איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן וועגן דער שול־רעפאָרם, ד. ה. ס'איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די יידישע שול־אויטאָנאָמיע, האָט די רעגירונג גענו־מען פאַרווירקלעכן דעם צווייטן פונקט פון פּראָגראַם: פאַרניכטן דעם נשאר קהלה־אויטאָנאָמיע. דעם 19־טן דעצעמבער 1844 איז אַרויס אַ באַפעל וועגן „אונטערוואַרפן יידן אין שטעט און אין שטעטלעך דער אַלגעמיינער פאַר־וואַלטונג און בטל מאַכן קהלס". אַלע אַדמיניסטראַטיווע פונקציעס פון די קהלס

גייען איבער צו פּאָליציי, ווירטשאַפטלעכע און שטייער=פונקציעס — צו די שטאָט=דומעס און ראַטושעס. קהל ווערט מער נישט געקליבן. וואָלט אַזאַ „רעפאָרם" דורכגעפירט ווערן גרינטלעך ביזן סוף, וואָלט געוואָרן אויס קהל בכלל, חוץ אין שול=הויף, אויב דערצו וואָלטן יידן אין פּרט שטייערן אויך פאַרגלייכט געוואָרן מיט קריסטן גלייך. די רוסישע רעגירונג האָט זיך אָבער נישט געוואָלט שיידן נישט מיטן ספּעציעל=יידישן רעקרוטן=סטאַטוט, נישט מיט ספּעציעל=יידישע שטייערן. דאָס צו דערהאַלטן האָט די רעגירונג געמוזט עפּיס לאָזן פון קהל אויך: ס'זענען געבליבן „רעקרוטן=סטאַראָסטעס", „זבאָרשטשיקעס" (פאַר שטייערן) און זייערע העלפער, וואָס יידישע קהלות קלייבן אויס. בכן, איז קהלשע זעלבספאַרוואַלטונג פאַרניכטעט געוואָרן און געבליבן איז אַ נאָכשלעפעניש, אַ קהלשער שטייער=אויפמאָנער, מיט דער השגחה פון דער אַדמיניסטראַציע. קהל איז שוין דעמאָלט געווען גענוג דעמאָראַליזירט: די רעגירונג האָט אים געמאַכט פאַר איר אַגענט צו כאַפּן רעקרוטן, קיין נאַציאָנאַלן ווערט האָט שוין קהל נישט געהאַט. אָפּגעפּטרט זיך מיט קהל, וואָס „זונדערט אָפּ" יידן, האָט זיך די רעגירונג גענומען פאַר יידישע שטייערן, אָבער, געוויינטלעך, נישט אויף אָפּצושאַפן זיי, נאָר שטרענגער צו קאָנטראָלירן, יידן זאָלן נישט האָבן קיין געציי פאַר אייגענע צוועקן. דעם טאָג, וואָס ס'איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער באַפעל וועגן קהל, איז אַרויס אַ נייער „סטאַטוט וועגן דער טאַקסע" אויך. אויף דעם אַלטן אָפּצאָל אויף פלייש, וואָס פריער איז ער געווען ביי קהל אין די הענט, האָט מען שוין דאָס יאָר 1839 געמאַכט אַ קאָנטראָל פון דער אַדמיניסטראַציע און שטאָט=דומעס. לויט דעם נייעם סטאַטוט ווערט די טאַקסע פאַרדונגען אין אַרענדע, צו שאַפן דערויף האָט נאָר די אַדמיניסטראַציע; זי דאַרף זען דעקן פון דער טאַקסע קודם=כל חובות, וואָס קומען דער קרוין, פון דער טאַקסע דאַרף מען אויך געבן צושטייער אויף הוצאות פון „קאַזיאָנע" שולן, אויף שטיצן ערד=אַרבעט ביי יידן, דעם רעשט קאָן מען שוין פאַרטון אויף יידישע צדקה=זאַכן. חוץ דער טאַקסע פון פלייש ווערט איינגעפירט אַ „צוגאָב=טאַקסע", אַן אָפּצאָל פון נחלאות, געשעפטן און הכנסות. ספּעציעל אויף אויסצוהאַלטן „קאַזיאָנע" יידישע שולן ווערט איינגעפירט די ליכט=פאַכט, אַן אָפּצאָל פון בענטש=ליכט, אַזוי ווי אין עסטרייך. אויף דעם דאָזיקן שטייער האָט צו זאָגן נאָר דאָס בילדונג=מיניסטעריום. די לאַסט פון יידישע שטייערן ווערט שווערער און מאָראַליש פיינקנדיקער, וואָרום איצט איז דאָס שוין נישט קיין זעלבסבאַשטייערונג פון קיין קהלה, נאָר אַן אָנגעוואָרפענער אַדמיניסטראַטיווער יאָך. די „טאַקסע" ווערט די ערגסטע פּלאָג אין יידישן קהלה=לעבן. בעלי=טאַקסעס, פון די אָרטיקע גבירים, ווערן די רעדלפירער און עקספּלאָאַטירן אוממענטשלעך די יידישע אָרעמע מאַסע. דער אויסערער יאָך ברענגט אַריין אַ טיפע דעמאָראַליזאַציע אינעווייניק אין יידישן לעבן.

וויפיל די רעגירונג האָט זיך נישט געמיט צו טון דיפּלאָמאַטיש, אָפּשטעלן

די רדיפות די צייט, ווען מ׳האָט גענומען אויספירן די שול-רעפאָרם, כדי נישט צו קאָמפּראָמעטירן די רעפאָרם אין די אויגן ביי דער יידישער מאַסע, האָט זי זיך דאָך נישט געקאָנט לאַנג איינהאַלטן. דער דריטער פּונקט פּראָגראַם פונם „יידישן קאָמיטעט",— מיט שטראָף-מיטלען ווירקן אויפן יידישן עקאָנאָמישן לעבן,— האָט זיך געריסן פון די קאַנצעלאַריעס פריער, איידער פון דיפּלאָמאַטיע וועגן האָט דאָס געלוינט. דעם 20-טן אַפּריל 1843, אין רעכטן ברען רעפאָרם-אַרבעט, איז פּלוצים אַרויס אַ קורצער באַפעל, דעם צאַר׳ס אַ רעזאָלוציע אויף אַ ראַפּאָרט פונם מיניסטאָרן-קאַבינעט: „אַרויסשיקן אַלע יידן פון 50 ווערסט ביי דער גרעניץ מיט פּרייסן און עסטרייך; די, וואָס האָבן הייזער, גיט מען 2 יאָר אַ טערמין צו פאַרקויפן; דאָס זאָל אויסגעפירט ווערן אָן שום טענות". באַקומען אַזאַ שטרענגן באַפעל, איז דעם סענאַט אין אָנהויב קשה געווען: צי הייסט דאָס נישט מער, ווי באַשטעטיקט דער אַלטער געזעץ וועגן אַרויסשיקן יידן נאָר פון דערפער ביי דער גרעניץ, אָדער דאָס איז אַ נייער געזעץ ארויסצוטרייבן אַלע יידן אָן אויס-נאָם, אַפילו פון שטעט און שטעטלעך אויך. דער סענאַט האָט אויסגעטייטש דעם שטרענגן שאַרפן טאָן פון דער רעזאָלוציע, אַז דאָ מיינט מען אַרויסטרייבן אַלע. דער צאַר האָט דאָס באַשטעטיקט; נאָר הויזאייגנטימער האָט מען פאַרלענגערט דעם טערמין נאָך אויף צוויי יאָר; די רואינירטע האָט מען געמיינט פאַרגיטיקן דערמיט, וואָס אויף אַ צייט זאָלן זיי פריי זיין פון שטייער צאָלן. דער נייער חורבן, וואָס האָט געטראָפן טויזנטער פאַמיליעס אין אַ סך שטעט און שטעטלעך (דערהויפּט אין ווילנע-קאָוונער גובערניע, ביי דער פּרייסישער גרעניץ) האָט אָנ-געמאַכט אַ גרויל אין דער גרעניץ-פּאַס און אַפילו אין אויסלאַנד אויך. פּאָליציי האָט געפאָדערט, אַז די געטראָפענע זאָלן אָנווייזן, וואוהין זיי ווילן זיך אַרויס-קלייבן, ניינצען קהילות האָבן נישט געוואָלט ענטפערן. זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי וועלן נישט וואַרפן די היים און די קברים, ביז מ׳וועט זיי נישט אַרויסטרייבן מיט גוואַלד. די געזעלשאַפטלעכע מיינונג אין די מערב-לענדער האָט פּראָטע-סטירט; פראַנצויזישע, דייטשע, ענגלישע בלעטער האָבן געדרוקט שאַרפע אַרטיק-לען וועגן דער פּאָליטיק פון דער „נייער שפּאַניע". אַ סך יידישע קהילות אין דייטשלאַנד האָבן געשיקט דער רוסישער רעגירונג פּעטיציעס, זי זאָל אָפּשאַפן דעם שרעקלעכן באַפעל. מ׳האָט זיך אַפילו געפּרובט ווירקן אויפן דיפּלאָמאַטישן וועג. בעת ניקאָלאַי דער 1-טער איז געווען אין ענגלאַנד, האָבן אים אייניקע הויכגעשטעלטע פּערזאָנען געבעטן פאַרגרינגערן די יידישע לאַגע, פונדעסטוועגן וואָלט מען נישט נאָכגעגעבן דעם געזעלשאַפטלעכן פּראָטעסט, ווען ס׳זאָל זיך נישט געווען אַרויסשטעלן, אַז ס׳איז נישט מיגלאַך אויסצופירן דעם באַפעל, סיידן הרוב מאַכן גאַנצע שטעט און דערמיט אונטעררייסן דער קרוינס-אינטערעסן. דעם באַפעל האָט מען נישט אָפּגעשאַפט, אָבער מ׳איז שוין נישט באַשטאַנען אים אויסצופירן.

דער „יידישער קאָמיטעט" האָט דערוויל קאָרעספּאָנדירט מיט גענעראַל-

גובערנאַטאָרס, ווי אַזוי אויסצופירן דעם דריטן פּונקט פּראָגראַם: סאָרטירן יידן אין קאַטעגאָריעס („ראַזבאָר"). דער פּלאַן איז געווען איינטיילן יידן אין צוויי קאַטעגאָריעס: „נוצלעכע" און „אומנוצלעכע". צו דער ערשטער קאַטעגאָריע זאָלן געהערן: גילדיע-סוחרים, צעך-בעל-מלאכות, ערד-אַרבעטער און אַזוינע שטעטישע („מעשטשאַנעס"), וואָס זייערע נחלאות טראָגן זיי איין אַ געוויסע הכנסה. אַלע איבריקע שטעטישע, וואָס האָבן נישט קיין געוויס פאַרמעגן און הכנסה, ד. ה. די גאַנצע מאַסע הענדלער און געמיינע לייט, זאָלן געהערן צו דער קאַטעגאָריע „אומנוצלעכע", אָדער שעדלעכע; אויף זיי זאָל זיך אויסגיסן די גאָרע תּוכחה שטראָף-מיטלען. אויף אַן אָנפרעג פונם אינערן-מיניסטעריום, ווי ווייט אַזאַ סאָרטירן איז נוצלעך, איז אָנגעקומען אַ שאַרפער אָפּענטפער פון נאָוואָראָסיער גענעראַל-גובערנאַטאָר מ. ס. וואָראָנצאָוו. ער איז גראָד געווען דעמאָלט אין לאָנדאָן, ענגלישע אידעען האָבן אים „איבערגעפירט", האָט ער געשיקט אַ מעמאָראַנדום קיין פּעטערבורג (אָקט. 1843) און געבעטן דאָס דערלאַנגען דעם צאַר. ער שרייבט אַזוי: „איך מיין, אַז דער עצם נאָמען: „אומנוצלעכע" איז צו שאַרף און אומגערעכט בנוגע עטלעכע הונדערט טויזנט מענטשן, וואָס מיט גאָטס ווילן וואוינען זיי שוין פון אַלטע יאָרן אָן אין דער אימפּעריע: לויט דעם פּראָיעקט זאָל זיין אומנוצלעך אַ גרויסער קלאַס יידן, וואָס אָדער ער קויפט אויף פּראָדוקטן ביי דעם פּראָדוצירער אויף איבערפאַרקויפן דאָס דעם הורט-סוחר, אָדער ער פאַרקויפט לאחדים פאַרנוץ-פּראָדוקטן, וואָס ער באַקומט פון דעם הורט-סוחר. אָביעקטיוו גערעדט, מוז מען זיך וואונדערן, וואָס מ'האַלט פאַר אומנוצלעך, דאָס הייסט פאַר שעדלעך, אַזוי פיל הענדלער, וואָס מיט זייער קליינע, זאָל זיין אפילו שלעכט פאַר'שמ'טע געשעפטן, זענען זיי נוצלעך סיי דער דאָרפישער אַרבעט, סיי דעם האַנדל".

וואָראָנצאָוו זאָגט אויף אַזאַ מין סאָרטירן יידן, אַז דאָס איז אַ „ווילדע אָפּעראַציע אויף אַ גאַנצן קלאַס מענטשן", אַט דעם קלאַס מוז „נישט נאָר ווי, טון, ער מוז פאַראָרעמט ווערן און אומקומען". „איך דערלויב מיר צו האַלטן, — אַזוי פאַרענדיקט וואָראָנצאָוו זיין מעמאָראַנדום, — אַז אַזאַ וועג איז שעדלעך און אומברחמנותדיק. פון איין זייט וואַרפט מען אַרויס הונדערטער טויזנט ער מענטשן, וואָס העלפן דעם קליינהאַנדל און קליינאינדוסטריע אין דער פּראָווינץ, אַנדערע אויף זייער אָרט זענען נישט פאַראַן און נישט אַזוי גיך וועלן זיי זיין. פון דער אַנדערער זייט ווידער, וועט זיך אויפהייבן אַ יאָמער און אַ ווייגעשריי פון אַזויפיל פאַראומגליקטע; קיין כבוד וועט דער פון דער רעגירונג נישט צוקומען, נישט ביי אונז, ניט אין אויסלאַנד"... אַזוינע איינגעשטעלטע ערלעכע רייד האָט מען אין די הויכע פענסטער נישט געהערט זינט ספּעראַנסקיס רייד אין די „יידישע קאָמיטעטן" די יאָרן 1803 און 1812. דאָס איז אַ פּאַטש אין פּנים דער גאָרער פאַלשער פּאָליטיק פון דער רוסישער רעגירונג, וואָס זי האָט פאַררעכנט קליינהענדלער און פאַרמיטלער אין דער קאַ-

טעגאָריע „אומנוצלעכע" און דערמיט געזוכט צו פֿאַרענטפֿערן אירע אומטענטש־לעכע רדיפֿות קעגן יידן. אָבער אין פּעטערבורג האָט מען זיך צו'ן אַזוינע רייד נישט צוגעהערט. איין זאַך האָט דער „יידישער קאָמיטעט" נאָכגעגעבן: אנשטאט „אומנוצלעכע" האָט מען גענומען אַן אַנדער וואָרט: „אומפּראָדוקטיווע".

דער אכזריותדיקער פּראָיעקט האָט נאָך לאַנג אַרומגעוואַנדלט אין קאָמי־טעטס קאַנצעלאַריעס. אַפּריל דאָס יאָר 1845 האָט דער קאָמיטעטס פּאָרזיצער קיסעליעוו צעשיקט אַ צירקולאַר די גענעראַל־גובערנאַטאָרס; דאָרט איז געזאָגט געוואָרן, אַז היות ווי ס'זענען שוין פֿאַרעפֿנטלעכט געזעצן וועגן „קאַזיאָנע" שולן און וועגן אָפּשאַפֿן קהל, ד. ה. די געזעצן, וואָס זייער צוועק איז „אָפּצושוואַכן די ווירקונג פֿון תּלמוד" און אַלע אינסטיטוציעס „וואָס דערהאַלטן ספּעציעלע יידישע אייגנאַרטיקייט", — איז שוין געקומען די צייט טון מיטלען „יידן זאָלן זיך נעמען פֿאַר נוצלעכער אַרבעט"; דאָס זאָל דערלאַנגט ווערן מיט סאָרטירן יידן אין קאַטעגאָריעס („ראַזבאָר"). פֿון „קולטור"־מיטלען ווערט נאָך אָנגעוויזן פֿאַרווערן יידן טראָגן אַ יידישע קליידונג אין פֿינף יאָר אַרום. קיסעליעוו שרייבט ווייטער: „די אַלע געזעצן זענען פֿאַרעפֿנטלעכט יעדער באַזונדער, און אַזוי וועט דאָס געטון ווערן ווייטער אויך, כּדי אויסצובאַהאַלטן פֿאַרן יידישן פֿאַנאַטיזם דעם אינעווייניקסטן פֿאַרבונד און דעם צוועק זייערן. דעריבער איז זיין קייזערלעכער מאַיעסטעט וואוילגעפֿעלן הייסן מיר קאָנפֿידענציעל מיטטיילן די גע־נעראַל־גובערנאַטאָרס וועגן די אַלע פּלענער". 1) די רעגירונג האָט נישט דער־שעצט דעם יידישן פּאָליטישן חוש. זי האָט נישט געוואוסט, אַז אין תּחום ווייסט מען שוין לאַנג פֿונם פּעטערבורגער אָפּריידן קעגן יידן, וואָרום די אָפּריידער האָבן אפילו אויף אַ צייט נישט געקענט אויסבאַהאַלטן זייער שטראָף־ברען אונ־טער דער מאַסקע „קולטור" רעפֿאָרמעס.

די מאַסקע איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿאַר דער וועלט אין די אויגן אויך. די ער־שטע יאָרן ליליענטאַלס אַגיטאַציע האָט זיך יידישע טוער אין אייראָפּע געקאָנט דוכטן, אַז רוסלענדער יידן שטייט פֿאַר אויפֿגעריכט צו ווערן. ליליענטאַל האָט אין אויסלאַנד נאָמען געפֿירט אונטערהאַנדלונגען מיט פֿיליפּסאָנען, גייגערן, קרעמיע, מאָנטעפֿיאָרע און מיט אַנדערע יידישע פֿירער אין מערב־אייראָפּא, זיי זאָגן מאָראַליש שטיצן די שול־רעפֿאָרם, ס'האָט זיך געהאַנדלט אַפֿילו, זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין דער ראַבינער־קאָמיסיע אין פּעטערבורג. די דאָזיקע טוער האָבן האַרציק אָפּגעענטפֿערט, דערביי נישט געקאַרגט קיין קאָמפּלימענטן אוואַ־ראָוון. די Allgemeine Zeitung des Judenthums האָט אָנפֿאַנג די 40־ער יאָרן

1) דאָס יאָר 1846 האָט מען שוין בעמעלדעט יידן, דורך די גובערנאַטאָרס, וועגן פּראָיעקט „סאָרטירן אויף קאַטעגאָריעס", אָן התראה פֿאַר אַזוינע, וואָס וועלן זיך צו אַ באַשטימטער צייט נישט צוקלייבן קיין „נוצלעכע פּראָפֿעסיע" (זע ווייטער § 42).

געשריבן, אַז אין רוסלאַנד איז אַ סוף צו רדיפות אויף יידן... דער באַפעל דאָס
יאָר 1843 (וועגן פאַרטרייבן אלע יידן פופציק ווערסט ביים גרעניץ), האָט אויס-
געניכטערט די דאָזיקע התפעלות; מ'האָט זיך אַרומגעזען, אַז פאַרטרייבן צענ-
דליקער טויזנטער פאַמיליעס פון זייער היים שטימט גאָרנישט מיט „גוטע כונות".
אין דייטשלאַנד האָט זיך געלאָזט הערן אַזאַ סענסאַציע: דער געוויסער פראַנק-
פורטער מאַלער אָפּענהיים האָט פּלוצים אויפגעהערט צו אַרבעטן איבער דעם
בילד, וואָס אייניקע יידישע קהלות האָבן ביי אים פריער געהאַט באַשטעלט צו
דערלאַנגען דעם רוסישן קייזער; דאָס בילד זאָל זיין אַן אַלעגאָריע: די זון גייט
אויף אין אַ פינסטערן מדבר. מ'האָט זיך אָפּגעזאָגט אין די גליקלעכע האָפנונ-
גען, ממילא איז געוואָרן אויס געשאַנק. פון רוסלאַנד האָבן זיך געלאָזט הערן
אין די מערב-לענדער ווי-געשרייען וועגן נייע רדיפות און נאָך ערגערע פּראָ-
יעקטן. אין לאָנדאָן איז אויפגעקומען דער געדאַנק צו שיקן אין רוסלאַנד
אַ דעלעגאַט, כדי צו באַקאָנען זיך אויפן אָרט מיט די יידנס לאַגע. דער גורל
איז געפאַלן אויף משה מאָנטעפיאָרע, דעם געוויסן לאָנדאָנער פילאַנטראָפּ, אַ
מקורב אין דער קעניגין וויקטאָריעס הויף. מאָנטעפיאָרע האָט זיך שוין קונה
שם געווען מיט זיין השתדלות בעתן עלילת-דם אין דמשק דאָס יאָר 1840, איצט
האָט ער זיך געפּרובט טון דאָסזעלבע אין רוסלאַנד. אָנהויב 1846 האָט ער זיך גע-
לאָזט אַהער, אָפיציעל אַלס אַ רייזנדער, וואָס וויל זיך קלאָר מאַכן די לאַגע
פון זיינע ברידער. געקומען איז ער קיין פּעטערבורג מיט וויקטאָריעס אַ פּער-
זענלעכער רעקאָמענדאַציע צום צאַר, און דאָ האָט מען אים אויפגענומען מיט
גרויס פּאַראַדע. אויף אַן אודיענץ אין הויף (מערץ 1846) האָט דער צאַר צוגע-
שטימט, מאָנטעפיאָרע זאָל אים צושטעלן דורכן „יידישן קאָמיטעט" זיין מיינונג
וועגן דער יידישער לאַגע אין רוסלאַנד אויפן סמך פון זיינע רייזע-איינדרוקן און
ידיעות. מאָנטעפיאָרעס רייזע איבערן „תחום" (ווילנע, וואַרשע און אַנד. שטעט)
איז אויך צוגעגאַנגען מיט גרויס פּאַראַד: לויט אַ באַפעל פון פּעטערבורג האָט
אים די העכערע אַדמיניסטראַציע אומעטום זייער פריינטלעך אויפגענומען. יידן
ווידער האָבן אים אויפגענומען מיט גרויס התפעלות, — ער, דער יידישער „שר",
זאָל דאָס אויספועלן „ישועות ונחמות" אויף יידן. מ'האָט זיך געווייגטלעך אָפּ-
גענאַרט. מאָנטעפיאָרע איז צוריקגעקומען קיין לאָנדאָן און האָט פון דאָרטן גע-
שיקט עטלעכע פּעטיציעס דעם פּאָרזיצער פון „יידישן קאָמיטעט" קיסעליעוו'ן,
דעם מיניסטער אוואַראָוו און דעם שטאַטהאַלטער אין פוילן פּאַסקעוויטש. ער
האָט געבעטן פאַרלייכטערן די אכזריותדיקע געזעצן, וואָס שטיקן זיינע געפיי-
ניקטע ברידער, צוריק אויפשטעלן די צושטערטע קהלה-אָרגאַניזאַציע, צופּאַסן
די שול-רעפאָרם צו די רעליגיעזע הצטרכותן פון דער יידישער מאַסע. דעם
צאַר האָט מען דאָס אַלץ דערלאַנגט, אָבער דערפון איז גאָר נישט געוואָרן. דאָס
זעלבע יאָר האָט זיך אין רוסלאַנד באַוויזן נאָך אַ ייד, „אַ „גרויסאַרטיקער אויס-
לענדער" יצחק אַלטאַראַס מיט אַ פּראָיעקט פאַרלייכטערן די יידישע

לאַגע דורך עמיגראַציע. אַלטאַראַס, א נעגאָציאַנט פון מאַרסעל, האָט פירגעלייגט
אַרויסלאָזן א געוויסע צאָל יידן קיין אַלזשיר, וואָס איז נאָר־וואָס אַרונטער
אונטער פראַנקרייכס הערשאַפט. מיט רעקאָמענדאַציעס פונם פראַנצויזישן מיניס־
טער־פרעזידענט גיזאָ און אַנדערע הויכגעשטעלטע פערזאָנען האָט אַלטאַראַס גע־
פירט וועגן דעם אונטערהאַנדלונגען מיט די מיניסטאָרן נעסעלראָדע און פעראָווסקי
אין פעטערבורג און מיטן שטאַטהאַלטער פאַסקעוויטש אין וואַרשע. ער האָט
פאַרזיכערט, אַז די פראַנצויזישע רעגירונג איז גרייט אויפצונעמען אין אַלזשיר
עטלעכע צענדליק טויזנט רוסישע יידן פאַר בירגער, די הוצאות אויף איבער־
פאָרן זאָל געבן דאָס באַנק־הויז ראָטשילד אין פאַריז. אין פעטערבורג האָט מען
תחלת געזאָגט צו טאַראַסן, אַז יידן וועט מען אַרויסלאָזן, בתנאי אַז פאַר יעדן
עמיגראַנט זאָל אָפּגעצאָלט ווערן א געוויס אויסקויף־געלט; אין וואַרשע האָט מען
אים געזאָגט, אַז דער צאַר לאָזט אַרויס יידן אָן שום אויסקויף־געלט (אָקטאָבער
1846). אָבער אַלטאַראַס האָט פּלוצים פאַרלאָזט רוסלאַנד, פאַרוואָס ווייסט מען נישט;
און אַזוי איז אַ מאַסן־עמיגראַציע געבליבן נישט מער ווי אַ פּראָיעקט.

דאָס יידישע עקאָנאָמישע לעבן איז אונטערגעריסן געוואָרן, און דאָס האָט
מען צו פאַרדאַנקען די 25־יאָר סיסטעם אַכזריות־דיקער אפוטרופסות, וואָס דער־
מיט האָט די רעגירונג געמיינט „רעפאָרמירן" די יידישע כאַלקסווירטשאַפט. די
אַלע פּאָליציייאישע מעטאָדעס: וואַרפן צענדליקער טויזנטער מענטשן פון דאָרף
אין שטאָט אַריין, טרייבן פונם גרעניץ, רודפ'ן אייניקע פּראָפעסיעס און פּראָ־
טעזשירן אַנדערע — דאָס אַלץ האָט געקאָנט מיטברענגען נאָר אַן עקאָנאָמישן
חורבן, נישט קיין רעפאָרם. דער רעגירונג איז אויך נישט געראָטן איר סיסטעם
פּראָטעזשירן ע ר ד־אַ ר ב ע ט ביי יידן. פון צענדליקער טויזנטער דאָרף־יידן,
וואָס מ'האָט זיי דאָס יאָר 1823 פאַרטריבן פון דערפער אין רייסן, זענען אַ פּאָר
טויזנט מגולגל געוואָרן אין די קאָלאָניעס אין נאָוואָראָסיע. אָבער זיי האָבן קוים
ממלא געווען די פאַרמינערונג פון די פריערדיקע קאָלאָניסטן, וואָס זענען אַ סך אויס־
געשטאָרבן איבער דעם נייעם קלימאַט און איבער דעם אומגעוואוינטן שווערן פויע־
רים־לעבן. 1) פאַר ניקאָלאַי דעם 1־טן האָט מען ווידער גענומען פּראָטעזשירן יידישע
קאָלאָניזאַציע, מיט סובסידיעס און שטייער־פּריווילעגיעס. די וויכטיקסטע פּריווי־
לעגיע איז געווען, וואָס קאָלאָניסטן האָט מען באַפרייט פון רעקרוטן־געמען,
אָבער גאָר ווייניק האָבן זיך געראַטעוועט פון רעקרוטן־גרויל אין די דאָזיקע
ערי־מקלט, ווייל דאָ האָט זיך אויך איינגעשטעלט אַ קאַזאַרמע־רעזשים: רוסישע
„משגיחים" און „אויפזעער" פון געוועזענע מיליטער־לייט האָבן שטרענג נאָכגעקוקט
דעם קאָלאָניסט אויף טריט און שריט, און פאַר יעדער „פויל זיין צו דער
ווירטשאַפט" איז די שטראָף געווען אָפּגעבן פאַר אַ רעקרוט, אָדער אַ גירוש. דאָס

1) פריעדריקער באַנד 8 ,50.

יאָר 1836 האָט די רעגירונג געפּלאַנט צו געבן יידן ערד אין סיביר, אין סאָבאָליער גובערניע און אין אָמסקער געגנט. פֿאַר אַ קורצער צייט האָבן זיך 1317 יידן אויסגערופֿן צו פֿאָרן אַהין, אייניקע פּאַרטיעס האָבן זיך שוין געלאָזט אין וועג אַריין. אָבער פּלוצים איז ביים צאַר געוואָרן אַנדערש און אויף אַ ראַפּאָרט פֿונם מיניסטאָרן־קאַבינעט וועגן יידן, וואָס האָבן זיך געלאָזט קיין סיביר, האָט ער געמאַכט אַזאַ רעזאָלוציע: „אָפּשטעלן דאָס באַזעצן יידן אין סיביר“ (יאַנואַר 1837). אין עטלעכע חדשים אַרום איז אַרויס אַ נייער באַפֿעל: אומקערן אַלע יידישע פּאַרטיעס פֿונם וועג קיין סיביר און זיי אָפּשיקן אין די יידישע קאָלאָניעס אין כערסאָנער גובערניע. די אומגליקלעכע עמיגראַנטן האָט מען געכאַפּט אין וועג און געשיקט זיי מיטן עטאַפּ, אַזוי ווי מ׳פֿירט פֿאַרברעכער, אין אַזוינע ערטער, וואָס זיי האָבן אַהין גאָרנישט געוואָלט. אַזוינע קאַפּריזן און דערצו נאָך די אַפּוטרופּסות־סיסטעם האָבן ביי אַ סך אָפּגעשלאָגן דעם חשק צו ווערן קאָלאָניסטן. דאָס יאָר 1844 איז אַרויס אַ נייער „סטאַטוט וועגן יידן־ערד־אַרבעטער“: אַלע הוצאות אויף דער קאָלאָניזאַציע זאָלן געדעקט ווערן פֿון דער טאַקסע, די אויבער־השגחה אויף די קאָלאָניעס גייט איבער פֿונם אינערן־מיניסטעריום צום מיניסטעריום פֿאַר מלוכה־גיטער, לאַנגזאַם איז צוגעגאַנגען די קאָלאָניזאַציע; פֿון כערסאָנער גובערניע האָט זי זיך איבערגעוואָרפֿן אין יעקאַטערינאָסלאַווער און בעסאַראַבער גובערניע: ישובים פֿון יידן־קאָלאָניסטן האָבן זיך באַוויזן אין ליטע און אין רייסן אויך. אָבער צען טויזנט „יידישע פּויערים“ האָבן נישט געקאָנט ענדערן דאָס עקאָנאָמישע לעבן פֿון מיליאָנען יידן. נישט געקוקט אויף אַלע פּראָבעס און רדיפֿות, האָט זיך דער עקאָנאָמישער בוי ביי יידן ווייניק וואָס געביטן. דערהויפּט איז דאָ אַלץ געווען דאָס בראָנפֿן־געשעפֿט, עטוואָס געענדערט לויט דער נייער סיסטעם צו פֿאַרדינגען די קרוין־מאָנאָפּאָליע אין אַרענדע. די גרויסע מאַסע איז באַשטאַנען פֿון שענקערס אין שטעט און אין דערפֿער, און ס׳איז אויפֿגעקומען אַ קלאַס רייכע יידן — בראָנפֿן־פּאַכטערס אָדער אָפּנעמער פֿון אַקציז אין „תחום“. די דאָזיקע פּאַכטערס זענען געווען כמו דער רעגירונגס פֿינאַנץ־אַגענטן; יידן „אַקציזניקעס“, וואָס האָבן געדינט ביי זיי אין די ברייזן, קאַנטאָרן און סקלאַדן זענען געווען כמו סוב־אַגענטן, אַ מין „טשינאָווניקעס“. נאָך בראָנפֿן האָט דאָס גרעסטע אָרט פֿאַרנומען האַנדל, דערהויפּט קליינהאַנדל, דערנאָך שוין גייט מלאכה און כלי־קודש. אָרעמקייט איז געווען דער יסוד פֿון אַזאַ ווירטשאַפֿט, און „לופֿטמענטשן“ זענען געווען הונדערטער טויזנטער.

§ 24. עלילת־דם און אויסשליסלעכע פּייז.

צו די געוויינטלעכע רדיפֿות זענען פֿון צייט אויף צייט צוגעקומען אויסערגעוויינטלעכע. דאָס ערגסטע פֿון דעם איז געווען עלילת־דם־פּראָצעסן, וואָס

זענען יענע צייט פאַרגעקומען גאַנץ אָפט און האָבן נאָך מער פאַרשוואַרצט דעם מיטלאַלטערישן סטיל פון דער תּקופה. די ערשטע אַזוינע פּראָצעסן זענען אויפ־געקומען נאָך פאַר אַלכּסנדר דעם I־טן. אָבער דעמאָלט האָבן ז״י נישט אויסגע־זען אַזוי שרעקלעך, ווי דערנאָך. פאַר פּסח דאָס יאָר 1816 האָט מען ביי גראָד־נע געפונען א הרוג, אַ פיריעריק מיידעלע מאַריע אַדאַמאָוויטש. אין פינסטערן קריסטלעכן המון האָבן זיך געלאָזט הערן קלאַנגען, אַז יידן זענען באַגאַנגען דעם מאָרד פון רעליגיעזע צוועקן וועגן, פאַר פּאָליציי איז דאָס גענוג געווען אויף אָנצוהייבן זוכן ז׳י שולדיקע צווישן יידן. דער חשד איז געפאַלן אויף אַ גליד פון גראָדנער קהל שלום לאַפּין, וואָס האָט געוואוינט בשכנות מיט אַדאַמאָ־וויטשן: דער סימן איז געווען, וואָס מ׳האָט געפונען ביי אים אַ העמערל און אַ שפּיזל. ס׳האָט זיך געפונען אַן אונטעראָפיציר אַ משומד ס א ו י צ ק י, וואָס האָט זיך גענומען באַווייזן, אַז „יידן קאָנען זיך נישט באַגיין אָן קריסטלעך בלוט לויט זייער אמונה נאָך" (פאַררופן זיך אויף דער מעשה יציאת־מצרים און אויף אויס־געטראַכטע נעמען „פילאָזאָף ראָסיע און עזריה דער נביא".) „דער רב איז מחויב יוצא זיין גאַנץ קהל און באַשמירן מיט בלוט דעם רוישאַק אין יעדער יידיש הויז דעם ערשטן טאָג פּסח". פון קאַריערע וועגן האָט זיך דער אונטעראָפיציר אונטערגענומען באַווייזן זיין בלבול פון יידישע ספרים, „אויב נאָר די רעגירונג וועט אים דאָ בייהילפיק זיין". די דאָזיקע „געהיימע אויספאָרשונג" האָט מען מיטגעטיילט קיין פּעטערבורג. פעברואַר 1817 האָט דער צאַר געהייסן „אַ סוף מאַכן צו דער געהיימער אויספאָרשונג און געפונען דעם מערדער", ד.ה.: זוכט דעם שולדיקן, נישט די יידישע אמונה. היות ווי דעם שולדיקן האָט מען נישט געפונען, איז דער פּראָצעס בטל געוואָרן. דאָ האָבן אַ סך מיטגעהאָלפן די יידי־שע דעפּוטאַטן, וואָס זענען דעמאָלט געווען אין פּעטערבורג, דערהויפּט זאָנענ־בערג, אַ גראָדנער: ער האָט דערלאַנגט גאָליצינען דעם מיניסטער פאַר גייסטיקע ענינים אַ פּראָטעסט קעגן עלילת־דם. פון דעם גראָדנער פּראָצעס און פון נאָך אַזאַ פּראָצעס די זעלבע צייט אין פּוילן (ווייטער § 25) האָט זיך גאָליצין קלאָר געמאַכט, אַז אין „תחום" איז פאַראַן אַזאַ געפערלעכע נטיה ארויפוואַרפן אויף יידן די שולד פאַר יעדן נישט אויפגעדעקטן מאָרד און פאַרפירן עלילת־דם־פּראָ־צעסן אַזוי ווי אין גוטן מיטלאַלטער. גאָליצין, אַליין אַ קריסט — אַ פּיעטיסט, זייער ווייט פון קירכלעכן פאַנאַטיזם, האָט זיך גענומען אויסרייסן מיטן וואָרצל די ווילדע לעגענדע, וואָס זי האָט געשוואַרצט פּוילן די ערגסטע צייט און האָט זיך איצט פאַרנומען איבער רוסלאַנד, און אַזוי האָט ער דאָס דערלאַנגט אַלכּסנדר דעם I־טן. דעמזעלבן חודש, וואָס ס׳איז אַרויס דער באַפעל וועגן דער „געזעל־שאַפט יידן־קריסטן", האָט גאָליצין צעשיקט די גובערנאַטאָרס אַזאַ צירקוליאַר (דעם 6־טן מערץ 1817): „אין אייניקע גובערניעס, וואָס זענען צו אונז איבער־געגאַנגען פון פּוילן, הערן נאָך איצט אויך נישט אויף בלבולים אויף יידן, אַז זיי טויטן קריסטלעכע קינדער, כּלומרשט ווייל זיי דאַרפן דאָס בלוט. אַזוינע

בלבולים זענען שוין פון לאַנג אָן אָפּגעלייקנט, ווי מיר זעען דאָס אין אומפּאַרטייאישע אויספאָרשונגען און אין קעניגלעכע פּריווילעגיעס; דעריבער האָט זיין קייזערלעכע מאַיעסטעט אַלערהעכסט באַוויליקט צו הייסן: מעלדן אַלע גובערנאַטאָרס דעם מאָנאַרכס ווילן, אַז אויף ווייטער זאָל מען נישט באַשולדיקן יידן אין טויטן קריסטלעכע קינדער אָן שום באַווייזן, גלאַט מחמת איינרעדעניש, אַז כלומרשט דאַרפן יידן האָבן קריסטלעך בלוט". ס'האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז מיט אַזאַ שטרענגן דעקרעט ווערט אַ סוף מיט דער אַגיטאַציע פאַר דער בלוטיקער לעגענדע. עטלעכע יאָר האָט דאָס געווירקט, די אַגיטאַציע איז שטילער געוואָרן, אָבער צום סוף אַלכּסנדר דעם 1-טנס רעגירן האָט זי ווידער אויפגעלעבט, און ס'איז אַרויסגעשפּרונגען דער שוידערהאַפטער וועליזשער עלילת-דם.

דעם ערשטן טאָג קריסטלעכן פּסח דאָס יאָר 1823 איז אין וועליזש (וויטעבסקער גובערניע) פאַרפאַלן געוואָרן אַ סאָלדאַטס אַ ייִנגל פון 3 יאָר: פיאָדאָר יעמעליאַנאָוו, אין 10 טאָג אַרום האָט מען אים געפונען אַ טויטן אונטער דער שטאָט אין אַ זומפּ, צעשטאָכן און פול מיט וואונדן. די ערשטע מעדיצינישע רעוויזיע און אויספאָרשונג איז געמאַכט געוואָרן אונטער דער ווירקונג פון קלאַנגען, כלומרשט יידן האָבן פאַרפייניקט דאָס קינד. דאָ האָבן שטאַרק געאַרבעט צוויי קריסטינס — טרעפעריינס: אַ גאַסנפרוי מאַריע טערענטיעוואַ און אַ האַלב-משוגענע מויד יערעמעיעוואַ; זיי האָבן דאָס „געטראָפן" און איינגערעדט די עלטערן, אַז יידן האָבן אומגעבראַכט זייער קינד. ביי דער אויספאָרשונג האָט טערענטיעוואַ אַרויפגעוואָרפן אַ חשד אויף צוויי שענסטע וועליזשער יידישע פאַמיליעס: אויף דעם סוחר בערלין און ראַטמאַן צייטלין. מ'האָט לאַנג געפאָרשט, און מ'האָט די אויסגעטראַכטע באַשולדיקונג נישט געפונען מיט וואָס צו באַווייזן. בכן האָט וויטעבסקער הויפּטגעריכט באַשלאָסן (האַרבסט 1824); „די מעשה וועגן סאָלדאַטס קינדס מאָרד איבערגעבן אויף גאָטס באַראָט; אַלע יידן, וואָס מ'האָט אויף זיי גלאַט געוואָרפן אַ חשד, זאָלן פריי ווערן; די סאָלדאַטקע טערענטיעוואַ זאָל אָפּקומען אַ קירכלעכע תשובה פאַר איר זינדיק לעבן". היות אָבער ווי דער פאַרברעך איז אומגעהייער, זאָף די גובערניאַלע פאַרוואַלטונג ווייטער פירן די אויספאָרשונג. אָבער יידנפיינט, דערהויפּט פון צווישן די אוניאַטישע גייסטלעכע, האָבן געאַרבעט אויף אַלע כלים אַרויפצופירן די אויספאָרשונג אויף אַ פאַלשן וועג. די פאַרקויפטע טערענטיעוואַ איז געוואָרן ביי זיי אַ געצייג אין די הענט. סעפּטעמבער 1825 איז אַלכּסנדר דער 1-טער געווען אין וועליזש; דאָ האָט אים טערענטיעוואַ דערלאַנגט אַ ביט-בריוו, געקלאָגט זיך, אַז די מאַכט באַגייט אומגעזעץ אין דער אויספאָרשונג, דעם מאָרד זענען באַגאַנגען יידן; אגב האָט זי פאַלש אָנגעגעבן, אַז דאָס דערהרגעטע ייִנגל פיאָדאָר איז איר זון. דער צאַר האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק זיין באַפעל פון יאָר 1817 און האָט געהייסן דעם רייסישן גענעראַל-גובערנאַטאָר כאָוואַנסקין נאָך אַ מאָל אויספאָרשן די זאַך. דער דאָזיקער

נייער באַפעל האָט אויפגעבונדן די הענט דעם יידן־פיינט כאָוואַנסקין, וואָס האָט אַליין געגלויבט אין דער עקלהאַפטער לעגענדע. די נייע אויספאָרשונג האָט ער איבערגעגעבן איינעם אַ טשינאָווניק סטראַכאָוון מיט גרויסע פולמאַכטן. געקומען קיין וועליזש, האָט סטראַכאָוו קודם כל אַרעסטירט די טערענטיעווא און זי גענומען עטלעכע מאָל אויפן פאַרהער, דערביי זי אַרויפגעפירט אויף דעם וועג, וואָס ער האָט געוואָלט. די גאַסנפרוי האָט מיט דעם אויספאָרשערס הילף אויסגעטראַכט אַ גאַנצן קרימינעלן ראָמאַן: כלומרשט איז זי אַליין געווען דערביי ביים מאָרד, זי האָט פאַרנאַרט דאָס ייִנגל צו בערלינען און צייטלינען אין הויז. ביי בערלינען, דערנאָך אין שול, האָבן יידן, מענער און פרויען, שרעקלעך געפייניקט דאָס קינד: געשניטן, געשטאָכן, אַרומגעיאָגט אין אַ פאַס, אויסגעצאַפּט דאָס בלוט און דאָ באַלד פאַרטיילט צווישן די בייגעווועזענע. יענע האָבן געווייקט אין בלוט שטיקער לייוונט און צעגאָסן אין פלעשער. (טערענטיעווא האַלט, אַז יידן דאַרפן האָבן קריסטלעך בלוט אָנצושמירן דערמיט די אויגן ניי־געבוירענע קינדער, ווייל „יידן ווערן געבוירן בלינד", אויך דאַרפן זיי האָבן קריסטלעך בלוט צו מצה). די דאָזיקע פייניקונגען זענען געטון געוואָרן פאַר איר אין די אויגן און מיט איר הילף, אויך מיט דער הילף פון קריסטלעכע דינסטן אין יידישע הייזער. די באַשולדיקטע דינסטן האָבן תחלת געלייקנט, נאָר מיט דער צייט האָבן זיי ביסלעכווייז אָנגעהויבן באַכזאָגן דעם הויפּט־„עדות", טערענטיעוון (געשטעקט האָט דאָ די השפעה פון דעם אוניאַטישן גלח, וואָס צו אים פלעגט מען זיי פירן אויסהערן מוסר). סטראַכאָוו האָט אויף דעם סמך אַרעסטירט די באַרעדטע יידן, קודם כל צוויי אָנגעזעענע פרויען סלאַווע בערלין און חנה צייטלין, דערנאָך זייערע מענער און פריינט און לסוף אַ סך אַנדערע וועליזשער יידן. 42 מענטשן זענען געשמידט געוואָרן אין קייטן און פאַרזעצט אין טורמע. די פאַרשפאַרטע האָט מען אויסגעפרעגט מיט אַזוינע מעטאָדעס, וואָס האָבן געשמעקט מיט אינקוויזיציע; דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפן: אַלע האָבן אויפגעבראַכט געלייקנט די אויסגעטראַכטע שולד און אין אויג געכאַפּט טערענטיעוואַן אין ליגנס. אַ סך פיין זענען די אַרעסטירטע אויסגעשטאַנען ביי די פאַרהערן, ס'איז געקומען צו היסטעריקעס ביי פרויען, צו צאָרנדיקע פראָטעסטן ביי מאַנסבילן, אייניקע האָבן געשריגן: „נאָר דעם קיסר וועל איך אַלצדינג דערציילן", אָבער דאָס אַלץ איז ביי סטראַכאָוון אין די אויגן געווען דער בעסטער סימן, אַז יידן זענען טאַקע די שולדיקע. כאָוואַנסקין האָט ער געמעלדעט אין ראַפּאָרטן, אַז ער האָט דערטאַפּט שפּורן פון אַ מוראדיקער רציחה, וואָס אַ גאַנצע קהלה איז באַגאַנגען מיט דער הילף פון פאַרפירטע דינסטן. כאָוואַנסקי ווידער האָט דאָס מיטגעטיילט קיין פעטערבורג, פירגעשטעלט די זאַך, אַז דאָס איז אַ ריטועלער מאָרד, און צוריק באַקומען ניקאָלאַיס אַ רעזאָלוציע (דעם 26־טן אויגוסט 1826): „היות חי דער דאָזיקער פאַל באַווייזט, אַז „זשידעס" באַצאָלן מיט שלעכטס פאַר דער טאָלעראַנץ צו זייער אמונה, איז כדי אָנצולערנען אַנדערע, זאָל מען אַלע „זשידאָווסקע"

שולן אין וועליזש פאַרחתמענען ביז אַ צייט, און יידן זאָלן נישט דאַווענען נישט אין די שולן, נישט ביי זיי".

דאָס איז געווען די גרויזאַמע שפּראַך פון דעם נייעם קייזער, וואָס האָט דערווייל אָנגעהויבן רעגירן אין רוסלאַנד. עס איז פונקט צוגעפּאַסט געווען מיטן באַנייען דעם וועליזשער פּראָצעס, און דער פּועל-יוצא דערפון איז געווען זייער טרויעריק פאַר אַלע רוסלענדער יידן. לויט דעם אינהאַלט און שאַרפן טאָן פון דער רעזאָלוציע זאָל ניקאָלאַי דער I-ער יענע צייט אַליין האָבן געגלייבט, אַז דאָס איז אַ ריטועלער מאָרד. דאָס פרעמדע אומגעליבטע פאָלק האָט זיך דעם נייעם צאַר געמאָלט אַלס אַ באַנדע ווילדע פאַנאַטיקער און קינדער-מערדער, אונטער דעם איינדרוק האָט מען דעמאָלט צוגעשטעלט דעם „רעקרוטן-סטאַטוט", וואָס האָט אינגיכן שווער געטראָפן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק און וואָס האָט געזאָלט מאַכן קדושים פון יידישע קינדער... די שטראָף איז געווען אויפן גאַנצן פאָלק, נאָר דאָס ערגסטע האָט געהאַט אויסצושטיין וועליזשער קהלה, וואָס איז געוואָרן ווי אַ באַלאַגערטע פעסטונג. אַ גרויסע קהלה איז געווען אין חשד, שוין האָט מען פאַרמאַכט עפּיס ווי מערדערישע הייזער; די פאַראומגליקטע האָבן זיך נישט געטאָרט אַפילו צונויפקומען דאַווענען בצבור. פון אַלע געשעפטן איז געוואָרן אויס, קראָמען האָבן זיך פאַרמאַכט. און איבערגעשראָקענע שאָטנס פון מענטשן האָבן זיך וואו נישט וואו דורכגעזייטלט די שטאָט, וואָס האָט געזאָלט חרוב ווערן... סטראַכאָוו, דער פאָרזיצער פון דער אויספאָרש-קאָמיסיע, האָט אַלץ ברייטער צעשפּרייט די נעץ פון אויספאָרשן. טערענטיעווא און אַנדערע „עדות-געבערינס", וואָס האָבן געלעבט אין טורמע אַ גוטן טאָג און וואָס האָבן געהאָפט, חוץ וואָס מ'וועט זיי שענקען זייער „שולד", נאָך אויף אַ באַלוינונג פאַר זייער צונויף קומען אויך, האָבן וואָס ווייטער, דאָס מער פרייגעלאָזט זייער פאַנטאַזיע. זיי האָבן זיך „דערמאָנט" און „אויפגעדעקט" פאַר דער אויספאָרש-קאָמיסיע נאָך אַ סך אַנדערע יידישע רעליגיעזע פאַרברעכנס נאָך פאַר דער וועליזשער מעשה: געהרגטע קינדער אין די קרעטשמעס, געלעסטערטע קירך-זאַכן און דעסגלייכן. די קאָמיסיע פלעגט דאָס באַלד מיטטיילן דעם צאַר, וואָס האָט נישט אָפּגעלאָזט פון אויג די וועליזשער מעשה-נורא, אָבער דאָ האָט זי שוין איבערגעכאַפּט די מאָס: דער צאַר האָט דערפילט, אַז דאָ איז עפּיס נישט גאָר גלאַט אין דעם קנויל פאַרברעכן, וואָס האַלט אין איין וואַקסן, און האָט געמאַכט אַזאַ רעזאָלוציע אויף אַ ראַפּאָרט (אָקטאָבער 1827): „מ'מוז אומבאַדינגט דערגיין, ווער זענען עס געווען די דאָזיקע אומגליקלעכע קינדער (וואָס יידן האָבן זיי אומגעבראַכט); דאָס דאַרף זיין גרינג, אויב דאָס אַלץ איז נישט קיין מיאוסער ליגן". ער האָט ניכר אָנגעוואוירן די פריערדיקע פעסטקייט, אַז יידן זענען די שולדיקע. די קאָמיסיע האָט געזוכט שטאָף, וואָס איר האָט דאָ אויסגעפעלט, האָט זי זיך געווענדט דורך כאָוואַנסקין צו גובערנאַטאָרס אין „תחום" זיי זאָלן איר מיטטיילן וועגן ריטועלע פּראָצעסן פון פריערדיקע צייטן. די דאָ

יקע זוכעניש האָט געבראַכט דערצו, אַז ס'זאָל ווידער באַנייט ווערן
גראָדנער פּראָצעס פון יאָר 1816, וואָס מ'האָט אים שוין געהאַט בטל געמאַכט.
ס'האָט זיך געפונען אַ משומד גרודינסקי, פונם שטעטל באַבאָווני (מינסקער גו-
בערניע), וואָס האָט געמעלדעט דער אויספאָרש-קאָמיסיע, אַז ער איז גרייט
ווייזן אין אַ „געהיימען" יידיש ספר די צערעמאָניע פון אַ ריטועלן מאָרד. אָבער
ווען מ'האָט אויסגעזוכט דעם ספר און איבערגעזעצט די אָנגעוויזענע שטעלע,
האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָ רעדט זיך פשוט פון הלכות שחיטה. דער גע-
כאַפּטער משומד האָט זיך מודה געווען, אַז די מסירה האָט ער געמאַכט צו
פאַרדינען דערביי; אויפן צאַרס באַפעל האָט מען אים אָפּגעגעבן פאַר אַ רעקרוט.
אין פעטערבורג איז געוואַקסן דער אומצוטרוי צו דער וועליזשער אויספאָרשונג —
טיילווייז אַדאַנק די אָנקלאָג-ווענדונגען פון יידן. כאָוואַנסקין האָט מען מיט-
געטיילט: „דער קיסר באַמערקט, אַז די אויספאָרש-קאָמיסיע פאַרלאָזט זיך מער
אויף סברות, מאַכט פירושים אויף ספּאַזמעס און זשעסטן פון די אָנגעקלאָגטע
ביים פאַרהער, ער קלערט איבער, אַז די קאָמיסיע איז אַזוי ווייט פאַרויס שלעכט
געשטימט קעגן יידן, אַז זי פירט זיך אין אַ געוויסער מאָס פאַרטייאיש און
פאַרציט די זאַך אָן שום נוץ". דעם פּראָצעס האָט מען אינגיכן אַרויסגענומען
פון דער קאָמיסיעס הענט, וואָס זי האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין אַ נעץ פון ליגנס,
(סטראַכאָוו איז אונטער דער צייט געשטאָרבן), און איבערגעגעבן דעם סע-
נאַט (1830).

אויף די סענאַטאָרן פונם 5-טן דעפּאַרטאַמענט, וואָס האָבן געלייענט דעם
שווידערהאַפטן מאַטעריאַל פון די וועליזשער „אויספאָרשער", האָט דאָס געמאַכט
אַזאַ איינדרוק, אַז זיי זענען נוטה געווען צו אַ שווערן פּסק: פאַרשיקן די אָנגע-
קלאָגטע קיין סיביר מיט אַ צוגאָב שמיץ (1831). אין דער אַנדערער אינסטאַנץ,
אין דער אַלגעמיינער סענאַט-פאַרזאַמלונג, זענען שוין געווען חילוקי-דעות: די
מערהייט איז געווען פאַר פאַרמשפּטן, אָבער די מינדערהייט האָט אָנגעוויזן אויפן
באַפעל פונם יאָר 1817 און געוואָלט האָבן, מ'זאָל די תּפוסים באַפרייען און מאַכן
אויף זיי אַ פּאָליציי-השגחה. דאָס יאָר 1834 איז די זאַך אַריבער צו דער העכ-
סטער אינסטאַנץ, צום מלוכה-ראַט, און דאָ איז דאָס ערשטע מאָל אַרויס דער
אמת. דער שטאָק-אַלטער מלוכה-טוער נ. ס. מאָרדווינאָוו האָט זיך אָנגענומען פאַרן
אמת; ער האָט געהאַט אַ גוט בשכנות מיט וועליזש, ער האָט גוט געקענט יידן
און איז געווען אויפגעבראַכט אויף דעם בלבול. אַלס פאָרזיצער אין דעפּאַרטאַ-
מענט פאַר ציווילע און גייסטיקע ענינים ביים מלוכה-ראַט האָט ער אין זיצונגען
באָכאַנאַנד אַנאַליזירט דעם גאַנצן אויספאָרשט-מאַטעריאַל, אויפגעוויקלט דעם
גאָרן קנויל ליגן און געוויזן, אַז דער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט אויס „פאָר-
אורטייל" קעגן יידן פאַרפירט די רעגירונג מיט זיינע ראַפּאָרטן. דער דעפּאַר-
טאַמענט האָט צוגעשטימט און האָט געזאָגט זיין מיינונג, אַז מ'דאַרף אַרויסלאָזן
אַלע יידן און פאַרגיטיקן זיי פאַר אומזיסט-פאַרשאַפטער פּיין; די קריסטינס, די מסירה

געבעריגס זאָלן פאַרשיקט ווערן קיין סיביר. די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג האָט אויך צוגעשטימט, זי האָט נאָר אָפּגעוואָרפן דעם פונקט וועגן פאַרגיטיקן די אָנגעקלאָגטע. דעם צאַר האָט מען דערלאַנגט אַזאַ ראַפּאָרט: „אָפּגעוואויגן אַלע טענות ומענות אין דעם דאָזיקן פאַרוויקלטן פאַרפּלאָנטערטן פּראָצעס, געפינט דער מלוכה־ראַט, אַז דאָס עדות־זאָגן פון דער טערענטיעווא, מאַקסימאָווא און קאָזלאָווסקע זענען פול מיט סתירות און לעפּישע אויסטראַכטענישן, אָן שום פּאָזיטיווע ראיות, און דעריבער קאָן דאָס נישט דינען פאַר קיין באַווייז, מ'זאָל יידן באַשולדיקן אין די שווערע פאַרברעכנס, וואָס מ'וואַרפט אויף זיי אַרויף. דער מלוכה־ראַט האַלט דעריבער: 1) די יידן, וואָס ווערן אָנגעקלאָגט אינעם פּראָצעס פון דעם געהרג'עטן יעמעליאַנאָוו און נאָך אין ענלעכע זאַכן, וואָס געפינען זיך אין וועליזשער אויספאָרש־מאַטעריאַל, זאָלן באַפרייט ווערן, ווייל זייער שולד איז נישט באַוויזן. 2) די קריסטינס די עדות: די פויערטע טערענטיעווא, די סאָלדאַטקע מאַקסימאָווא און די שליאַכטאַנקא קאָזלאָווסקע פאַרן בלבול, וואָס זיי האָבן נישט געקאָנט באַשטעטיקן, זאָלן פאַרשיקט ווערן קיין סיביר. 3) די פויערטע יערעמעיעווא, וואָס האָט זיך רעקלאַמירט דעם המון פאַר אַ טרעפערין, זאָל איבערגעגעבן ווערן דער קירך אויף מוסר". דעם 18־טן יאַנואַר 1835 האָט ניקאָלאַי דער 1־טער באַשטעטיקט דעם דאָזיקן פּסק און דערביי צוגעשריבן אַזאַ רעזאָלוציע, וואָס האָט נישט געזאָלט פאַרעפנטלעכט ווערן: „מסכים מיט דער מיינונג פונם מלוכה־ראַט, אַז אין דעם דאָזיקן פּראָצעס, וואָס ס'פעלן אין אים געזעצלעכע ראיות, קאָן קיין אַנדער פּסק נישט זיין, חוץ דעם פּסק, וואָס איך באַשטעטיק דאָ,—מוז איך אָבער צוגעבן, אַז קיין אינעווייניקסטע איבערצייגונג, אַז יידן זענען נישט באַגאַנגען דעם דאָזיקן מאָרד, האָב איך נישט און קאָן נישט האָבן. דאָס, וואָס אַזוינע מאָרדן טרעפן זיך אַזוי אָפט... באַווייזט, אַז ביי יידן איז מסתמא פאַראַן אַזוינע פאַרברעכערישע פאַנאַטיקער, אָדער אַ סעקטע, וואָס דאַרפן האָבן קריסטלעך בלוט צו זייערע מנהגים. דאָס קאָן זייער גוט געמאָלט זיין, בפרט ווען מיר ווייסן, אַז ביי אונז קריסטן זענען אויך ליידער פאַראַן אַזוינע סעקטעס, וואָס זענען נישט ווייניקער שרעקלעך און נישט צו פאַרשטיין. אין כלל, נישט געמיינט, אַז פון דעם מנהג האַלטן אַלע יידן, שליס איך נישט אויס, אַז צווישן זיי זאָלן זיך נישט געפונען פונקט אַזוינע מערדערישע פאַנאַטיקער ווי צווישן אונז קריסטן". ביי אַזאַ מיינונג וועגן עלילת־דם האָט ניקאָלאַי דער 1־טער, פאַרשטייט זיך, נישט געוואָלט באַשטעטיקן אָן אַנדער באַשלוס פונם מלוכה־ראַט: מ'זאָל באַפוילן אַלע גובערנאַטאָרס, אויף ווייטער זיך שטרענג האַלטן ביים באַפעל פונם יאָר 1817, מ'זאָל נישט פאַרפירן קיין ריטועלע פּראָצעסן נאָר פון וועגן דעם אַבערגלויבן אַליין". ניקאָלאַי גופא האָט זיך נישט גאָר אָפּגעטרייסלט פון דעם דאָזיקן אַבערגלויבן.

ענדע יאַנואַר 1835 איז דער באַפעל אָנגעקומען קיין וועליזש: אַרויסלאָזן אַלע אַרעסטירטע יידן, עפענען אַלע פאַרחתמטע שולן און אָפּגעבן צוריק די

ספרי-תורות, וואָס פּאָליציי האָט געהאַט צוגענומען נאָך דאָס יאָר 1826. ס׳זענען אַרויס פון דער טורמע לאַנג-געפּייניקטע מענטשן, חוץ אייניקע, וואָס זענען שוין געשטאָרבן אין תפיסה, ס׳האָבן זיך געעפנט די שולן פאַר הארצר ייסנדיקע תפילות. ס׳איז אַראָפּ דער באַלאַגערונג-צושטאַנד, וואָס האָט געדויערט 9 יאָר, ס׳האָט אויפגעהערט דער טעראָר, וואָס האָט געשטיקט אַ גאַנצע קהלה. נאָך אַ שרעקלעך בלעטל יידישער מאַרטיראָלאָג, כאָ״ש מיט אַ „גוטן״ סוף.

חוץ עלילת-דם האָבן נישט געפעלט נאָך אַנדערע אויסערגעוויינטלעכע אומגליקן יענע תקופה. אַ סך מאָל האָט מען זיך אָפּגערעכנט מיט כלל—מיט גאַנצע קהלות פאַר דער זינד פון יחידים. דאָס שוידערהאַפטע רעקרוטן-נעמען, וואָס האָט געמאַכט פון קהל אַ פּאָליציי-אַגענט צו „כאַפּן״ רעקרוטן, האָט געבראַכט דערצו, אַז מסירות איז געוואָרן אַ פּראָפעסיע. אַזוינע פּראָפעסיאָנאַלן-מוסרים זענען געווען אין יעדער קהלה, אומעטום האָבן זיי געשראָקן מסרן קהל פאַר פאַלשע רייסטערס און אַנדערע אומגעזעצלעכקייטן ביים רעקרוטן-נעמען און געפאָדערט „לא יחרץ״-געלט. פון מוסרים איז מען אַזוי פיל אויסגעשטאַנען, אַז אין אייניקע ערטער האָט מען זיי געהרגעט. אַזאַ פאַל האָט געטראָפן אין פּאָדאָליער גובערניע דאָס יאָר 1838. אין נאָוואַיאַ-אושיצאַ (ליעטנעוויץ) האָט מען געהרגעט צוויי מוסרים: אָקסמאַן און שוואַרצמאַן, וואָס האָבן געהאַלטן אין מורא די גאַנצע גובערניע. איינעם, ווי מ׳זאָגט, האָט מען געהרגעט אין שול, דעם אַנדערן אין וועג. די אַדמיניסטראַציע האָט אַרויפגעוואָרפן די שולד אויף דער קהלה, אפילו אויף עטלעכע קהלות: „זיי זאָלן דאָס האָבן באַגאַנגען דעם מאָרד לויט אַ פּסק פון זייער בית-דין״. צום געריכט זענען געווען אָנגעקלאָגט אַ קעגן 80 קהל-לייט און בעלי-בתים פון אושיצע און פון אַרומיקע שטעטלאַך, אין דעם צוויי רבנים אויך. די זאַך איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם מיליטער-געריכט, און דער האָט געפּסקנט: „אָנלערנען די שולדיקע״: 20 מאַן זאָלן פאַרשיקט ווערן אויף קאַטאָרגע און אין אַרעסטאַנטן-ראָטעס, פריער זאָלן זיי געשמיסן ווערן מיט שפּיצרוטער פון 500 מאַן, נאָך אַזוי פיל זאָלן פאַרשיקט ווערן קיין סיביר׳ די איבריקע האָט מען פרייגעלאָזט, אָדער זיי זענען אַנטלאָפן. אייניקע פון די געשמיסענע זענען געפאַלן אונטער די ריטער, און ביים פאָלק אין זכרון זענען זיי פאַרצייכנט פאַר „קדושים״.

אַ מסירה האָט צעשטעקן אין מסטיסלאַוולער פּראָצעס (1844) אויך אין מסטיסלאַוול (מאָהילעווער גובערניע) איז פאָרגעקומען אַ געשלעג צווישן יידן און סאָלדאַטן ביים אַרעסטירן קאָנטראַבאַנד אין אַ יידיש געשעפט: עטלעכע יידן זענען געווען צעניזוקט, עטלעכע ביקסן צעבראָכן. די אָרטיקע פּאָליציי און מיליטער-באַפעלער האָבן דערפון געמאַכט אַ יידישן „בונט״ און אַזוי האָבן זיי דאָס דערלאַנגט דעם מאָהילעווער גובערנאַטאָר און דעם גאַרניזאָן-שעף. אַ מסור אַ משומד אריה בריסקין האָט דאָ געפונען אַ געלעגנהייט זיך נוקם זיין אין יידן און ער האָט דאָס געדינט די אַדמיניסטראַטיווע יודאָפאָבן פאַר אַ געצייג אין

די הס״ז. יאַנואַר 1844 האָבן פון מאָהילעוו קיין פעטערבורג דערלאַנגט אומ־רואיקע ידיעות וועגן אַ „יידישן בונט“. מ׳האָט דאָס דערלאַנגט דעם צאַר, און דער האָט דאָס געמאַכט קורץ און שאַרף: „די הויפּטשולדיקע אין דער מעשה איבערגעבן צום מיליטער־געריכט, פון יידן אין יענער שטאָט זאָל פאַר אַזאַ סקאַנדאַל גענומען ווערן רעקרוטן איינער פון 10“. דאָ האָט מען יוצא געווען אַלע פּרינציפּן פון יענער תקופה: אַלע ענטפערן פאַר איינעם; פריער דער פּסק דערנאָך אַ געריכט... דער באַפעל האָט דערלאַנגט קיין מסטיסלאַוול ערב פורים און האָט שווער געטראָפן אַ קהלה יידן. אסתר־תענית אין די שולן איז געווען תשעה־באב. אין שטאָט איז געוואָרן אַ טעראָר: די פּאָרנעמסטע בעלי־בתים האָט מען אַריינגעזעצט אין טורמע, אפּגעגאָלט זיי אַ האַלבן קאָפּ און אַ האַלבע באָרד; מ׳האָט געכאַפּט פאַר רעקרוטן נישט געקוקט אויף קיין עלטער, וואָרום לויט דעם צאַרס רעזאָלוציע האָט אַ צענטל מסטיסלאַוולער יידן באַדאַרפט מגולגל ווערן אין סאָלדאַטן. ביז ענדע פּראָצעס האָבן יידן נישט געטאָרט אַרויספאָרן פון שטאָט, מסטיסלאַוולער אין דער פרעמד האָט מען געכאַפּט און געטריבן זיי אַהיים. אַ קהלה איז געשטאַנען פאַר אַ חורבן. זי האָט געשיקט שתדלנים קיין פעטערבורג פועלן, מ׳זאָל דערווייל אויפהערן צונעמען שטראָף רעקרוטן ביזן געריכט, ווייל די אָרטיקע אַדמיניסטראַציע האָט די זאַך שטאַרק איבערגעטריבן. רב איצעלע מאָנאַסטירשטשינער (י צ ח ק ז ע ל י ק י ן) האָט זיך געלאָזט קיין פעטערבורג טון פאַר פדיון־שבויים. ער האָט דאָס אויפגעדעקט דעם שעף פונם „דריטן אָפּטייל“ די שוידערלעכע זאַכן, וואָס ווערן באַגאַנגען קעגן יידן אין מסטיסלאַוול, און יענער האָט זיך פאַראינטערעסירט דערמיט. פון פעטער־בורג זענען געשיקט געוואָרן איינער נאָכן אַנדערן צוויי רעוויזאָרן, יענע איז נישט שווער געווען אויפצודעקן די פאַרברעכערישע שפּיל פון דער אָרטיקער אַדמיניסטראַציע און משומדים־מוסרים, וואָס האָבן אַ גאַנץ־געשלעג צעפּויקט פאַר אַ „בונט“. אַ נייע אויספאָרש־קאָמיסיע, מיט פירשט טרובעצקאָי, דעם פעטער־בורגער רעוויזאָר, אין דערמיט, האָט קלאָר געמאַכט, אַז די קהלה קער זיך מיט דער מעשה כלל נישט אָן. דעמאָלט האָט געטראָפן דעם „מאָנאַרכס גנאָד“: די אַרעסטירטע האָט מען אַרויסגעלאָזט, די שטראָף־רעקרוטן האָט מען אומגע־קערט פון דער דינסט; אייניקע אָרטיקע טשינאָווניקעס האָט מען איבערגעגעבן צום געריכט, מאָהילעווער גובערנאַטאָר האָט באַקומען שאַרף אויסגערעדט. דאָס איז געשען נאָוועמבער 1844 נאָך אַ 10 חדשים אינקוויזיציע. די קהלה האָט מתקן געווען אַ תענית אַלע יאָר דעם טאָג, ווען ס׳איז אָנגעקומען דער ו־טער באַפעל, און אַ פורים דעם טאָג, ווען מ׳איז „געהאָלפן געוואָרן“ (ג׳ כסלו)... ווען מ׳זאָל געווען מתקן זיין אַזוינע געדענק־טעג פון תעגן יעדער „גזרה“, וואָלט דער לוח דערמיט פול געווען.

איין זאַך איז נאָך יענער תקופה געווען פרעמד: פּ אָ ג ר אָ מ ע ן. דער איינציקער פּאָגראָם, וואָס האָט פּאַסירט יענע צייט, אין אָדעס דאַס יאָר 1821,

שטאָמט פון דער פרעמד: דאָ האָט זיך אָנגערופן דער שטרייט צווישן גריכן און טערקן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס האָט דערלאַנגט צו דער אָדעסער קאָלאָניע גריכן (זע ווייטער § 31).

§ 25. קיניגרייך פוילן:

גאָר אין אַ באַזונדער לאַגע זענען יידן געווען אין דער גרויסער פּראָווינץ, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט פונם וואַרשעווער הערצאָגטום לויט דעם ווינער קאָנגרעס דאָס יאָר 1815 און איז געוואָרן אַ טייל פון דער רוסלענדער אימפּעריע מיט דעם נאָמען קיניגרייך פוילן. די יאָרן 1815—1830 („קאָנגרעסוווקע") איז פוילן געווען אויטאָנאָם, האָט געהאַט אַ סיים-קאָנסטיטוציע מיט אַן אָרטיקער רעגירונג; פוילן האָט דעמאָלט אַליין פאַרוואַלטעט מיטן יידישן קבוץ (פון 250 ביז 400,000 נפשות). נאָך דעם אויפשטאַנד דאָס יאָר 1830 האָט מען דאָס געשטראָפטע פוילן-לאַנד מער פאַרקניפּט מיט דער אימפּעריע, אָבער די ספּעציעל פוילישע געזעצגעבונג פאַר יידן איז געבליבן.

שטורמדיק זענען צוגעגאַנגען די דאָזיקע ערשטע יאָרן אין אויטאָנאָמען פוילן. נאָכדעם ווי ס'האָבן געפּלאַצט די נאַציאָנאַלע האָפענונגען אויף נאַפּאָלעאָן'ס פעלד-מאַרש קיין רוסלאַנד, נאָך דעם ווי דאָס וואַרשעווער הערצאָגטום איז געוואָרן אויס און אין וואַרשע איז אויף אַלכסנדר דעם I-טנס באַפעל געוואָרן אַ דערווייליקע רעגירונג (1813), האָבן פּאָליאַקן אַרויסגעקוקט אויפן רוסישן צאַר. אויף אים האָט אויך אַרויסגעקוקט אַ פּערטל מיליאָן פוילישע יידן, וואָס האָבן באַקומען די פראַנצויזישע קאָנסטיטוציע פונם געוועזענעם וואַרשעווער הערצאָגטום איינגעבונדן אין „שענדלעכן דעקרעט". 1) דעם לעצטן מאָמענט, ווען די דאָזיקע מלוכה אויף אַ ווייל איז אַרונטער אונטער דער רוסישער הערשאַפט, האָבן יידן געהאַט אויף זיך אַן עקאָנאָמישן טויט-פּסק: דאָס איז דער דעקרעט פון יאָר 1812, אַז אין צוויי יאָר אַרום טאָרן מער נישט יידן — נישט מאַכן, נישט פאַרקויפן קיין בראָנפן, — דאָס האָט געהייסן אַזוי גוט ווי רואינירן צענדליקער טויזנטער פאַמיליעס. פוילישע יידן זענען שוין געווען אָנגעלערנט, זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי האָבן נישט וואָס אַרויסצוקוקן קיין גוטס פון די פוילישע אַנטיסעמיטישע הערשנדיקע קלאַסן; האָבן זיי געהאַלטן פאַר בעסער זיך ווענדן צום אויבערהאַר, צום צאַר, וואָס איז דעמאָלט געווען פאַרשמט פאַר „אייראָפּעס אויסלייזער". אַ דעפּוטאַציע פון וואַרשעווער יידישער קהלה (מיכל עטינגער, וואָלף כהן, שכנא ניידינג) איז געווען ביי אַלכסנדר דעם I-טן אין פּעטערבורג און אין

---

1) פריערדיקער באַנד, § 44.

פאריז (1814—1815), דערלאַנגט אים פּעטיציעס, פאַר יידן זאָלן אָפּן זיין אַלע פּראָפעסיעס און ס'זאָלן אָפּגעשאַפט ווערן די חורבן־דעקרעטן אין דער געוועזע־נער וואַרשעווער רעגירונג. סענאַטאָר נ. נ. נאָוואָסילצעוו, דער רוסישער גליד פון וואַרשעווער דערווייליקער רעגירונג, האָט געשטיצט די השתדלות. מ'האָט געפּועלט, אַז דער דעקרעט וועגן דערווייטערן יידן פונם בראָנפן־געשעפט זאָל אָפּגעלייגט ווערן.

יענע צייט, ווען מ'האָט געהאַלטן ביים באַשאַפן די נייע מלוכה, איז אויפ־געשוואומען די פראַגע וועגן אויסגלייכן דאָ יידן אין בירגערלעכע רעכט. ווען דער ווינער קאָנגרעס האָט אין מאַי 1815 קאָנסטרואירט אַ אויטאָנאָם פּוילן אונטער רוסלאַנדס אויבערהערשאַפט, זענען דעמאָלט אָנגעמערקט געוואָרן די יסודות פון דער קינפטיקער קאָנסטיטוציע; איין פּונקט איז דאָרטן געווען וועגן יידן: „דאָס יידישע פאָלק בלייבט ביי די בירגעררעכט, וואָס דאָס האָט לויט איצטיקע געזעצן און פאַראָרדנונגען. אין ספּעציעלע תקנות זאָלן אָנגעוויזן ווערן די קאָנדיציעס, וואָס זאָלן פאַרלייכטערן יידן צו דערלאַנגען אַ גרעסערן חלק אין בירגעררעכט". דער דאָזיקער פּונקט, וואָס דער בעסטער פון די פּוילישע פּאָליטיקער, אַדאַם טשאַרטאָריסקי, האָט אים אויסגעאַרבעט, האָט נישט געזיכערט יידן קיין גלייכבאַרעכטונג: דאָס איז געווען נישט מער ווי אַ צוזאָג מיט אַ תנאי פאַרברייטערן זייערע רעכט. דעם תנאי אָבער האָט מען פאָרויס געוואוסט: „אויסלייטישן" יידן, ד. ה. יידן זאָלן זיך פאַרפּוילישן און זיך אָפּזאָגן פון נאַ־ציאָנאַל־אייגנס. דאָס וואָלט געווען די פּאָליטיק פון דער נייער וואַרשעווער רע־גירונג, ווען אויבן אָן זאָל געווען זיין טשאַרטאָריסקי. אָבער שטאַטהאַלטער אין פּוילן איז געוואָרן גענעראַל זאַיאָנטשעק, פריער קאָסטיושקאָס אַ מיטטוער, וואָס האָט זיך דערנאָך אָפּגעזאָגט פון יענעמס אידעאַלן און איז געוואָרן אַ ווילדער רעאַקציאָנער און יידנפיינט; דעמאָלט איז קלאָר געוואָרן, אַז יידן האָבן נישט אויסצושטעלן אַפילו בירגעררעכט טיילווייז.

די יידנפראַגע האָט מען אָנגעהויבן באַהאַנדלען דאָס יאָר 1815 אין „רע־פאָרם־קאָמיטעט" אין וואַרשע מיט טשאַרטאָריסקין אלס פירער. די פראַגע האָט מען באַהאַנדלט אין קאָמיסיעס פאַר איינאָרדנען פויערים און שטעט. ס'איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ רעפאָרם־פּראָיעקט פון יידישן לעבנסשטייגער אין גייסט פון „אויפגעקלערטער" אפּוטרופּסות. אין דער טעאָריע זאָל דאָס הייסן, אַז יידן קומט די זעלבע מענטשן־און־בירגער־רעכט ווי אַלע אַנדערע און סוף כל סוף זאָלן זיי עמאַנסיפּירט ווערן. אָבער „ביי דער אומוויסנקייט, פאָראורטיילן און מאָראַלישער פאַרדאָרבנקייט, וואָס מיר זעען איצט צו אין די מאַסן ביים יידישן און ביים פּוילישן פאָלק", וואָלט עמאַנסיפּאַציע באַלד נאָר שאָדן געבראַכט: יידן וואָלטן באַקומען פרייע הענט, און דאָס וואָלט דעם לאַנד שאָדן געבראַכט. דעריבער מוז מען פריער אויסלייטישן יידן: מ'דאַרף זיי פאַרווערן דאָס שעדלע־כע בראָנפן־געשעפט און פאַראינטערעסירן זיי מיט ערדאַרבעט, מ'דאַרף מאַכן אויס קהל און קהלה־אויטאָנאָמיע. מ'דאַרף רעפאָרמירן יידישע שול־דערציאונג

אין בירגערלעכן גייסט. פארקוקט זיך אויף די מערב־לענדער, וואס דארט האבן זיך יידן שוין אנגעהויבן אסימילירן, האט די פאליטישע קאמיסיע געוואלט אויס־הערן א מיינונג פון דוד פרידלענדער, דעם בערלינער רעפארמאטאר, דער אידעאלאג פון אסימילאציע. אין נאמען פון דער ווארשעווער רעגירונג האט זיך ביסקופ מאלטשעווסקי געווענדעט צו אים מיט א בריוו, געבעטן אים זאגן זיין מיינונג וועגן דער געפלאנטער רעפארם אין פוילן. פרידלענדער האט זיך גע־פילט זייער געשמייכלט פון אזא פארשלאג און האט אנגעשריבן אן אויספירלעכע „מיינונג וועגן פארבעסערן די יידישע לאגע אין קעניגרייך פוילן" (דאס יאר 1819 איז דאס ארויס געדרוקט: „Verbesserung der Israeliten in Königreich Polen").

פרידלענדער שרייבט דארט; „פוילישע יידן זענען קולטורעל שטארק הינטער־שטעליק געבליבן אקעגן מערב־יידן. א שטער פאר זייער אויפקלערונג איז דער תלמוד, די שעדלעכע חסידות און קהלה־פארוואלטונג. דאס אלץ דארף מען אויסראמען: מ'דארף דערנענטן די יידישע שול צו דער פוילישער, די פוילישע שפראך זאל ווערן די אומגאנג־שפראך ביי יידן אנשטאט יידיש. מ'דארף פראטע־זשירן אסימילאציע און רעליגיעזע רעפארמעס. אבער דערביי דארף די רעגי־רונג ארייננעבן יידן א זיכערקייט, אז „מיט דער צייט וועלן זיי באקומען בירגעררעכט; אויב זיי וועלן זיך מיען פארבעסערן זיך לויט די נייע געזעצן פאר זיי". דער דאזיקער קנעכטישער געדאנק, אז יידן דארפן פ א ר ד י נ ע ן בירגעררעכט, האט זייער אויסגענומען ביי דער ווארשעווער רעגירונג־קאמיסיע: זי האט אויך אזוי געהאלטן.

אין ווארשע האט זיך געפונען א גרופע „בערלינער" פון פרידלענדערס חדר, וואס האבן אויסגענוצט די שטימונג אין די רעגירונג־קרייזן אויף אויסצו־בעטן גלייכבארעכטונג אלס פריווילעגיע פאר זיך פערזענלעך. פארטרעטער פון 26 יידישע „געבילדעטע" פאמיליעס (דער בוכהענדלער גליקסבערג, דאקטאר מעד. וואלף, באנקיר העך־לעווע) האבן פארווארפן טשארטאריסקין, נאוואסילצעוון, און אלכסנדר דעם 1־טן אליין מיט ביטבריף שענקען בירגעררעכט די דאזיקע פאמיליעס, וואס „האבן פארשטאנען די מעלה פון ציוויליזאציע און האבן איבערגענו־מען אייראפעאישע זיטן און קליידונג, גיבן זיך אפ מיט שטודירן וויסנשאפטן און קונסטן און דערציען זייערע קינדער אין פוילישע, דייטשע און פראנצויזישע ליצייען". די בעטער זענען זיכער, אז זייער קלאס האט שוין פארדינט, חוץ בירגעררעכט, פאליטישע רעכט אויך, נישט אזוי ווי דער רוב יידן, וואס האט זיך נאך ביי זיינע „זיטן און קליידונג": זיי קומט נישט מער ווי עלעמענטארע בירגעררעכט — פרייהייט פון וואוינרעכט און פראפעסיעס. אזא פריווילעגיע פאר „געבילדעטע" וועט ארויסרופן קנאה ביי דער יידישער מאסע און דערמיט וועט דערלאנגט ווערן דער צוועק פון „אויפגעקלערטע רעגירונגען אין אייראפע": „יידן זאלן זיך צונויפשמעלצן מיט די ארומיקע נאציעס" (ענדע 1815). דא איז געווען איבערגעחזרט די קלאגעדיקע פראבע פון די „בערלינער" צו דער צייט

פון װאַרשעװער הערצאָגטום און ס'האָט נישט געגאָלטן: פּוילישע „רעפאָרמאַטאָרס" האָבן צייט געהאַט צו װאַרטן, ביז די גאָרע יידישע מאַסע װעט זיך װעלן „צונויפשמעלצן", בכן האָבן זיי נישט װאָס צו מאַכן קיין אויסנאַם פאַר די, װאָס האָבן זיך צוגעאיילט.

אָנהויב יאָר 1816 איז דער אויבנדערמאָנטער פּראָיעקט פון דער װאַרשעװער רעגירונגס־קאָמיסיע געקומען פאַר דעם שטאַטהאַלטער זאַיאָנטשעק. ביים שטאַטהאַלטער אין די אויגן איז אָבער אפילו אַזאַ תנאי־רעפאָרם געװען צו ליבעראַל. זיין ראַפּאָרט דעם צאַר אַלכסנדר דעם 1־טן (8 מערץ 1816) איז אָנגעזאַפּט מיט גיפטיקער יידנפיינטשאַפט: „ס'איז אַ געפאַר װי יידן מערן זיך אין אייער קיניגרייך פוילן. דאָס יאָר 1790 האָבן זיי אויסגעמאַכט אַ דריי צענטל (?) פון דער באַפעלקערונג, איצט שוין אָן אַכטל. זיי זענען ניכטער און געשיקט, לעבן פאַר זייער װייניק, פאַרװערבן זיך פון שװינדל; זיי האָבן פרי חתונה און מערן זיך אָן אַ צאָל. פון שװערער אַרבעט האַלטן זיי נישט, אַליין פּראָדוצירן זיי גאָרנישט און לעבן אויפן חשבון פונם אַרבעט־פאָלק, רואינירן דאָס דאָזיקע פאָלק. זייערע אייגנאַרטיקע אינסטיטוציעס זונדערן זיי אָפּ אין דער מלוכה, מאַכן פון זיי אַ פרעמד פאָלק; ביים איצטיקן צושטאַנד קאָנען זיי דעריבער נישט געבן דער מלוכה נישט קיין גוטע בירגער, נישט קיין רעכטע סאָלדאַטן. אויב ס'װעלן נישט געטון װערן קיין מיטלען אויסצונוצן פאַר אַלעמענס װאויל יידישע נוצלעכע מעלות, איז װעלן זיי אינגיכן פאַרמיסטיקן און אויסטריקענען אַלע קװאַלן פונם פאָלקס װאוילשטאַנד, ס'איז אַ געפאַר זיי זאָלן איבערשטייגן און דערשטיקן די קריסטלעכע באַפעלקערונג".

דאָס זעלבע יאָר איז סענאַטאָר נאָװאָסילצעװ, אימפּערישער קאָמיסאַר ביי װאַרשעװער רעגירונג, אַרויס מיט זיין אַ פּראָיעקט װעגן דער יידנפראַגע. ער האָט נישט ליב געהאַט קיין פּאָליאַקן און פלעגט זיך אַמאָל אָננעמען פאַר יידן. קעגן דער קאָמיסיעס פּרינציפּ: „פריער אויסלייטישן, דערנאָך געבן רעכט" — האָט נאָװאָסילצעװ אַרויסגעשטעלט אַ ליבעראַלערן פּרינציפּ: געבן יידן בירגער־רעכט און דיזעלבע צייט רעפאָרמירן זייער לעבנסשטייגער לויט די פּרינציפּן פון אייראָפּעאישער קולטור און מאָדערניזירטער קהלה־אויטאָנאָמיע. אויף אַלע קהלה־און־קולטור־אַנגעלעגנהייטן זאָלן האָבן צו זאָגן ספּעציעלע דירעקציעס, — אַ צענטראַלע אין װאַרשע און אָרטיקע אין יעדער געגנט אויפן שטייגער פון יידישע קאָנסיסטאָריעס אין פראַנקרייך. די דירעקציעס באַשטייען פון רבנים און קהל־פאָרשטייער, מיט אַ קאָמיסאַר פון דער רעגירונג (אין דער צענטראַלער דירעקציע — אַ „פּראָקוראָר", װאָס דער קעניג באַשטימט). די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז אונטערגעװאָרפן דעם בילדונג־מיניסטער. די פונקציעס פון די דירעקציעס איז: רעגיסטרירן די באַפעלקערונג, פירן קהלה־װירטשאַפט, צדקה־זאַכן, מאַכן בילדונג־שולן. יעדער יונגערמאַן, װאָס בעט אַ דערלויב אויף חתונה האָבן, אויף נעמען זיך פאַר אַ פּראָפעסיע אָדער פאַרװערבן אַ נחלה, מוז װייזן אַן

אַטעסטאַט פֿון אַזאַ שול. „אַלע יידן, וואָס וועלן טון די פֿליכטן, ווי אין דעם סטאַטוט שטייט, וועלן געניסן אַלע בירגער־רעכט". אַזוינע, וואָס חוץ דעם מאַכן זיי זיך אַ נאָמען מיט וויסנשאַפֿט אָדער קונסט, קאָנען נאָך זוכה זיין פּאָליטישע רעכט אויך, אַפֿילו באַטייליקן זיך אין דער פֿאָלקספֿאַרטרעטונג אויך. די נאָנסטע צייט האָט נאָוואָסילצעוו זיך אָפּגעהאַלטן פֿון עקאָנאָמישע רעפּרעסיעס, ווי אַ שטייגער פֿאַרווערן יידן דאָס בראָנפֿן־געשעפֿט (ער דערלאָזט נאָר מיטלען קעגן דעם, דאָס דאָזיקע געשעפֿט זאָל זיך נישט צעוואַקסן). מ'דאַרף האָבן געוויסע עקאָנאָמישע רעפֿאָרמעס: פּראָטעזשירן ערד־אַרבעט און מלאכה ביי יידן. ווען דער פּראָיעקט איז דאָס יאָר 1817 געקומען פֿאַר דעם וואַרשעווער מלוכה־ראַט (Rada Stanu), האָט ער געטראָפֿן אַ שאַרפֿע אָפּאָזיציע; אין דער אָפּאָזיציע זענען געווען: טשאַרטאָריסקי, שטאַטהאַלטער זאַיאָנטשעק, סטאַשיץ און אַנדערע פּוילישע הויכע לייט. מער האָט דאָ געשטעקט פֿיינטשאַפֿט צום רוסישן אויטאָר, איידער צום „יידנפֿריינטלעכן" פּראָיעקט גופֿא. די קאָמיסיע, וואָס האָט בעהאַנדלט דעם פּראָיעקט, האָט אַרויסגעשטעלט קעגן אים דריי טענות: 1) די רעפֿאָרם ביי יידן קאָן נישט געשען מיט יידישע הענט; 2) מ'טאָר נישט לאָזן יידן קיין קהלה־און־קולטור־אָרגאַניזאַציע, ווייל דאָס פֿאַרשטאַרקט זייער נאַציאָנאַלע אָפּגעשלאָסנקייט; 3) גאָר עמאַנסיפּירן יידן אין בירגערלעכן און אין פּאָליטישן פּרט איז קעגן דער פּוילישער קאָנסטיטוציע, דאָ דאַרף די הערשנדיקע רעליגיע האָבן די בכורה. אין דער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג אין מלוכה־ראַט זענען געווען זייער היציקע דעבאַטן וועגן נאָוואָסילצעווס פּראָיעקט. מ'האָט אויסגעפֿינען אין פּראָיעקט „פּאָליטישע צוועקן, וואָס זענען פֿיינטלעך דעם נאַציאָנאַלן קערן אין לאַנד". „זאָלן יידן פֿריער ווערן אמתע פּאָליאַקן, — זאָגט דער רעפֿערענט קאָזמיאַן, דעמאָלט וועט מען זיי קאָנען האַלטן פֿאַר בירגער". ווען דער רעפֿערענט האָט אָנגעוויזן, אַז מ'קאָן נישט האַלטן פֿאַר קיין בירגער אַ מאַסע, וואָס מ'דאַרף זי פֿריער צוגעוואוינען צו „ריינקייט" און אויסהיילן פֿון „קרעץ און ענלעכע קרענק", האָט זיך זאַיאָנטשעק צעלאַכט אויף אַ קול און זיך אָנגערופֿן: „ריכטיק! די דאָזיקע שלימזלס וועלן זיך נאָך נישט אַזוי גיך אויסהיילן פֿון קרעץ". נאָך אַזאַ „קריטיק" איז נאָוואָסילצעווס פּראָיעקט געוויינטלעך אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן. דער מלוכה־ראַט איז געקומען צום געדאַנק, אַז פֿאַר אַ גרינדלעכער אינווייניקסטער יידישער רעפֿאָרם „איז נאָך נישטאָ די געהעריקע שטימונג", און ס'איז געבליבן דערווייל זיך האַלטן ביי איינצלנע אויפֿטוען, דערהויפּט רעפּרעסיווע.

אויף די „אויפֿטוען" האָט מען נישט באַדאַרפֿט לאַנג וואַרטן. די וואַרשעווער רעגירונג האָט נישט באַוויזן אויסצופֿירן נאָר איין שטראָף־מיטל: דעם געזעץ פֿון יאָר 1812 וועגן פֿאַרווערן יידן דאָס בראָנפֿן־געשעפֿט. אַדאַנק די השתדלות פֿון די אויבנדערמאָנטע דעפּוטאַציעס — האָט אַלכּסנדר דער 1־טער נישט באַשטעטיקט דעם דאָזיקן געזעץ, וואָס האָט געזאָלט עקאָנאָמיש חרובֿ מאַכן יידן; דאָס יאָר 1816 האָט דער שטאַטהאַלטער געמעלדעט, אַז דער געזעץ ווערט

אָפּגעלייגט אויף אַן אומבאַשטימטער צייט. אָבער די פּוילישע רעגירונג האָט באַוויזן אויסצופירן משך עטלעכע יאָר אייניקע אַנדערע אויסנאַם געזעצן. אייניקע שטעט האָבן געהאַט אַלטע פּריווילעגיעס „נישט אַריינצולאָזן צו זיך יידן", די פּוילישע רעגירונג האָט באַשטעטיקט די דאָזיקע פּריווילעגיעס. די, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין אַזוינע שטעט בימי וואַרשעווער הערצאָגטום, האָט מען פאַרטריבן, אָדער אַריינגעפּרעסט אין ספּעציעלע קוואַרטאַלן. אין וואַרשע האָבן יידן נישט געטאָרט וואוינען אין אַ סך גאַסן; פאַר אָנגעקומענע האָט מען איינגעפירט אַ שווערן „בילעט־אָפּצאָל", 15 קאָפּ. אַ טאָג. מ'האָט ווידער פאַרווערט יידן באַזעצן זיך 21 ווערסט ביי דער גרעניץ מיט עסטרייך און פּרייסן. וואַרשעווער געזעצגעבער האָבן נאָך פאַרמאָגט גענוג טאַקט נישט צו שלעפּן רעכטלאָזע יידן צו מיליטער־דינסט. דאָס יאָר 1817 האָט מען געמעלדעט, אַז ווילאַנג יידן געניסן נישט קיין בירגעררעכט, דאַרפן זיי נישט געבן קיין רעקרוטן, אָנשטאָט דעם זאָלן זיי צאָלן אַ געוויסן רעקרוטן־שטייער. אינגיכן האָט מען פאַרשמעלערט די קהלה־אויטאָנאָמיע אויך, וואָס דערפון האָט מען שוין לאַנג געטרוימט. די דאָזיקע „רעפאָרם" איז געווען געבונדן מיט דער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג דעמאָלט אין פּוילן.

אין דער פּוילישער פּאָליטישער ליטעראַטור איז צו באַמערקן יענע צייט אַ באַוועגונג, ענלעך צו דער, וואָס מיר האָבן שוין צוגעזעען בעת'ן פיריאָריקן סיים. די יידנפראַגע איז ליידנשאַפטלעך דעבאַטירט געוואָרן אין אַ סך פּאָלעמישע בראָשורן און צייטונג־אַרטיקלען. דער אַלטער יידנפיינט, דער גלח סטאַשיץ, אַ גליד פון דער וואַרשעווער רעגירונג (אויך אַ גליד פון דער קאָמיסיע פאַר פאָלקס־בילדונג און קולטן), האָט זיך איצט ווידער געזעצט רייטנדיק אויף דער יידנפראַגע. דאָס יאָר 1816 האָט ער געדרוקט אַן אַרטיקל: „פאַרוואָס זענען יידן שעדלעך"; דאָ וויל ער באַווייזן, אַז יידן זענען שולדיק אין פּוילנס מפּלה: זיי מערן זיך אומגעהייער, איצט מאַכן זיי שוין אויס אַן אַכטל באַפעלקערונג. ביי אַזאַ מערן זיך וועט פּוילן ווערן „ארץ־ישראל", „אַ געלעכטער פאַר גאַנץ אייראָפּע". די יידישע רעליגיע באַציט זיך פיינטלעך צו דער קאַטוילישער; זיי, יידן, הייסן ביי אונז „אַלטגעזעציקע", מיר ביי זיי — „געצנדינער". היות ווי אַרויסטרייבן זיי פון פּוילן איז נישט מיגלאַך, איז דאַרף מען זיי איזאָלירן, אַלס אַ קרענק־מיקראָב: יידן זאָלן וואוינען אין באַזונדערע קוואַרטאַלן, ס'זאָל זיין גריגגער די השגחה אויף זיי. נאָר פּריווילעגירטע סוחרים און בעלי־מלאכות, וואָס האָבן ערלעך געטון זייער זאַך 5 אָדער 10 יאָר, מעגן וואוינען חוץ דער געטאָ. אַזוינע, בפרט נאָך, אויב זיי האָבן קריסטינס פאַר פרויען, מעגן פאַרווערבן ערד. געטאָ פון איין זייט און שמד—פון דער אַנדערער,— אַזאַ מיטלאַלטערישע קאָמבינאַציע האָט גאָרנישט געקלינגען פאַלש אַזוינע רעפאָרמאַטאָרס־פאַטריאָטן, ווי סטאַשיץ, וואָס האָט קאָפּירט זאַמאָ'סקי'ס אַלטן פּראָיעקט [1]. די

---

1) פריערדיקער באַנד § 9.

פּאָלעמיק האָט זיך צופֿאַקערט דערהויפּט דאָס יאָר 1818, ערב און בעת דעם ערשטן סיים אין וואַרשע. דריי וועגן זענען דאָ אָנגעמערקט געוואָרן: אַ מעסיקער, אַ יידנפֿיינטלעכער און אַ יידנפֿריינטלעכער. פֿון אַ מעסיקער פּאָליטיק האָבן געהאַלטן אַזוינע, ווי גענעראַל קראַסינסקי, סיים־דעפּוטאַט. אין זיין בראָשור: „באַמערקונגען וועגן יידן אין פּוילן" („Apperçu sur les juifs en Pologne") ברענגט ער אַזאַ צווייידייטיקן טעזיס: „די גאַנצע באַפעלקערונג איז ק ע ג ן יידן און פאָדערט, מ'זאָל זיי ר ע פ אָ ר מ י ר ן". „רעפאָרם" און שטראָף־מיטלען זענען ביי אים איינס. דער אויטאָר האָט אויך מוראָ פאַר אַ „פאַריידישט פּוילן"; ער ווייסט אָבער צוזאָגן פון ליבעראַלע וועגן אויך ווי אויסצולייטישן יידן, חוץ שטראָף־מיטלען: מ'דאַרף פּראָטעזשירן יידישע גרויסע קאַפּיטאַליסטן, פּאַראַינטערעסירן די יידישע מאַסע מיט מלאכה און ערדאַרבעט, געבן בירגעררעכט אַזוינע, וואָס פאַרדינען דאָס. קעגן קראַסינסקי'ן איז אַרויסגעטרעטן אַ פאַרשטעלטער אויטאָר פון אַן אַנטיסעמיטישער בראָשור „אַ מיטל קעגן יידן" (Sposób na żydów). ער איז זיכער, אַז יידן אין נישט אויסצולייטישן מיט קיינע מיטלען, בכן פרעגט ער אָפן: „צי דאַרפן מיר מקריב זיין דעם וואוילשטאַנד פון דריי מיליאָן פּאָליאַקן צוליב דרייהונדערט טויזנט יידן אָדער פאַרקערט?" ער האָט דערויף אַ פּאַרטיקן תירוץ: מ'דאַרף צווינגען יידן אַרויס פון פּוילן, מ'דאַרף בעטן דעם קייזער אַלכּסנדר דעם 1־טן, „פּוילנס גואל", אויסלייזן דאָס לאַנד פון יידן און אָפּגעבן זיי די אומבאַוואוינטע סטעפּעס אין דרום־רוסלאַנד, אָדער „אויף די גרעניצן טאָטערלאַנד". דריי הונדערט טויזנט יידן דאַרף מען איינטיילן אין דריי הונדערט פּאַרטיעס און אַרויסשטעלן פון פּוילן משך אַ יאָר. געלט אויף פאַרטרייבן זיי און באַזעצן זיי אין נייע ערטער מוזן זיך געפינען ביי זיי גופא. דער דאָזיקער ווילדער פּראָיעקט האָט אויפגעבראַכט אַזאַ אדל־כאַראַקטער ווי וואַלעריאַן לוקאַסינסקי, אַן אָפיציר — אַ ראַדיקאַל, (שפּעטער געזעסן אין שליסלבורגער פעסטונג). ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ ביכל „געדאַנקען פון איינעם אַן אָפיציר וועגן דעם, ווי נויטיק ס'איז איינאָרדנען יידן" (1818). לוקאַסינסקי ברענגט דאָ אויס דעם געדאַנק, אַז יידן דעמאָראַליזירט נאָר דער יאָך און די רעכטלאָזיקייט. יידן זיינען געווען זייער נוצלעך די צייט פון קאַזימיר דעם גרויסן און סיגיזמונד דעם אַלטן, ווען מ'האָט זיי גוט באַהאַנדלט. דער אויטאָר דעקט אויף די צביעות פון דער שליאַכטע: זי האָט טענות צו יידן, אַז זיי רואינירן דאָס פּויערטום, דער ייד פאַרקויפט דאָך אָבער בראָנפן פונם פּריץ'ס שענק; לוקאַסינסקי איז זיכער, אַז יידן וועלן ווערן גוטע בירגער, ווי נאָר מ'וועט זיי באַהעפטן צום בירגערלעבן, וואָס זאָל האָבן אין זיך אַ דעמאָקראַטישן יסוד.

אין דעם דאָזיקן פּוילישן כאָר האָבן זיך אַריינגעריסן שוואַכע יידישע אָפּקלאַנגען. אַ רב ר' משה בן אַברהם האָט אַרויסגעלאָזט אַ בראָשור „די שטים פונם פאָלק ישראל" (Głos ludu izraelskiego), אַלס פאַרשטייער פון יידישער אָרטאָדאָקסיע. ער בעט פּאָליאַקן זיך נישט מישן אין אינעווייניקסטע יידישע

אנגעלעגנהייטן: „איר ווילט אונז נישט האַלטן פאַר קיין ברידער, איז האָט פאַר אונז דרך ארץ ווי פאַר טאַטעס! קוקט זיך איין אין אונזער יחוס-בריוו מיט דער צוויייג פון ברית-חדשה, וועט איר זען, אַז אייערע וואָרצלען שטעקן ביי אונז". איר קאָנט נישט אָנוואַרפן דעם יידישן פאָלק קיין פוילישע קולטור. ווי ווילד ס'איז נישט דער געדאַנק פאַרטרייבן יידן פון פוילן, וועט דאָס דאָך ליבער זיין דעם געדרודפטן פאָלק, איידער זיך אָפּזאָגן פון דער אמונה און מנהגים פון די אבות. פון פּראָגרעסיווע פוילישע יידן איז אַרויסגעטרעטן א יונגער וואַרשעווער לערער יעקוב טוגענדהאָלד, שפּעטער א געוויסער אַסימילאַטאָר. ער האָט אַרויסגעלאָזט א ביכל: „ירובעל, אָדער אַ וואָרט וועגן יידן" געוויזן, אַז יידן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן דערנענטערן צו פוילישער קולטור. ס'איז אין דער רעגירונגס העגט, די דאָזיקע באַוועגונג זאָל שטאַרקער ווערן: זאָל זי נאָר צולאָזן די „פּאַרדינטע" צו מלוכה-שטעלעס.

די צייט, ווען אין דער ליטעראַטור האָט געפלאַקערט אַ פּאָלעמיק וועגן דער יידנפראַגע, האָט זיך אונטן אין פינסטערן המון אָנגעהויבן אַ געפערלעכע העצע קעגן יידן, וואָס פּאָליטיקאַנער פון אויבן האָבן דאָס געדרייצט. אין פאַר-שידענע ערטער אין פוילן, אין מעזריטש, ווּלאָדאַווע און אַנדערע, האָט מען אָנ-געהויבן געפונען געהרגעטע קינדער, אַלע מיט אַמאָל ערב פסח די יאָרן 1815—1816, ס'האָבן זיך אָנגעהויבן עלילת-דם-פּראָצעסן. ביי דער ערשטער מסירה האָט מען גע-כאַפּט אומשולדיקע מענטשן, געמאַטערט זיי יאָרנלאַנג אין טורמעס און געפּאָרשט — אמת אָן די אינקוויזיציע-מיטלען פון אַמאָליקן פוילן. ס'איז שווער צו זאָגן, וואָס חאָלט געווען דער סוף פון דעם דאָזיקן ווילדן שדים-טאַנץ, ווען נישט מ'זאָל זיך געווען אָנבייזערן פון פּעטערבורג. די ענערגישע השתדלות פון זאָנענבערגן און זיינע חברים („דעפּוטאַטן פון יידישן פאָלק") און נאָוואָסילצעווס מיטהעלפּ האָט געבראַכט דערצו, דער מיניסטער פאַר גייסטיקע ענינים גאָליצין זאָל פאַ-דערן, אַז אין פוילן זאָל אויך שטרענג געאַכט ווערן דעם קיסר'ס באַפעל פונם יאָר 1817, וואָס האָט פאַרווערט אַריינמישן עלילת-דם אין קרימינעלע פּראָצעסן. דאָס האָט אַרויסגעהאָלפן צענדליקער תפוסים און האָט אַ סוף געמאַכט צו דער פאַרברעכערישער אַגיטאַציע.

אין וואַרשעווער סיים דאָס יאָר 1818 האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט דיזעלבע שטימונגען, וואָס אין דער פוילישער געזעלשאַפט: נאָר די אויבערהאַנט האָבן דאָ געהאַט אַנטיסעמיטן. אין די באַמערקונגען פון די דעפּוטאַטן וועגן דער רע-גירונגס באַריכט הערט זיך אַ „נעבעט" צו אַלכסנדר דעם I-טן, דער צאַר זאָל הייסן דערלאַנגען דעם אַנדערן סיים אַ „פּראָיעקט פון אַ יידן-רעפאָרם": פוילן מוז זיך ראַטעווען פון דעם דאָזיקן פאָלק, וואָס וואַקסט אומגעהויער, וואָס איצט איז דאָס שוין אַ זיבעטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג און מיט דער צייט זאָל דאָס אַריבערשטייגן אין צאָל (?) די קריסטלעכע באַפעלקערונג אין לאַנד. זאָל די גאָנטסטע צייט ווייניקסטנס אויסגעפירט ווערן דער אָפּגעלייגטער דעקרעט

וועגן באַזייטיקן יידן פונם בראָנפן־געשעפט, און פון יידן זאָל מען נעמען רע־קרוטן. אגב, דער סיים האָט נישט באַדאַרפט האָבן קיין ספּעציעלע דעקרעטן „איינצוימען" יידן: געוווּג געווען ער זאָל געבן זיין שטילן הסכם אויף צו דער־לענגערן די צען יאָר יידישע רעכטלאָזיקייט, וואָס די רעגירונג פון וואַרשעווער הערצאָגטום האָט נאָך איינגעשטעלט דאָס יאָר 1808 [1]). דער טערמין איז אויס־געגאַנגען דאָס יאָר, ווען ס'איז זיך צונויפגעקומען דער ערשטער פּוילישער סיים, אָבער נישט דער סיים, נישט דער מלוכה־ראַט האָבן נישט באַהאַנדלט ערנסט די פראַגע, צי מעג די רעגירונג ציען די רעכטלאָזיקייט אַריבער דעם טערמין אויך: זי האָט זיך אַליין אויטאָמאַטיש געצויגן ווייטער.

אָנהויב די 20־ער יאָרן איז שטיל געוואָרן די פּאָלעמיק וועגן דער יידן־פראַגע אין דער פּוילישער געזעלשאַפט און אין דער ליטעראַטור, דערפאַר באַ־מערקט זיך אַן אויפרודערונג אין דער יידישער געזעלשאַפט. די דערמאָנטע גרופּע אַסימילירטע יידן, וואָס האָט זיך דעמאָנסטראַטיוו אויסגעטיילט פון דער יידישער מאַסע, אַלס באַזונדער קלאַס „אַלטגעזעציקע", אָדער „משה רבינו'ס פּאָלאַקן", האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער וואַרשעווער קהלה: דאָס זע־נען געווען באַנקירן, רייכע סוחרים, צווישן זיי עטלעכע אייראָפּעאיש־געבילדעטע לייט. זיי האָט געצויגן צו דייטשיש יידישער רעפאָרמאַציע, און זיי האָבן גע־וואָלט אויסראָטן די נאַציאָנאַלע אָפּגעשלאָסנקייט, וואָס שונאים האָבן אויסגע־וואָרפן דער יידישער מאַסע. דאָס זיכערסטע מיטל קעגן יידנפיינטשאַפט איז ביי זיי אין די אויגן געווען: פאַרניכטן „קהל" און איינשפּאַרן די קהלה־אויי־טאָנאָמיע אין שול־הויף. אַראָפּ די קהלה־אויטאָנאָמיע, זאָל מען זיך ערשט גע־מען פאַרפּוילישן די יידישע שטוב, די יידישע שול, נאָכדעם זאָלן יידן שוין באַגליקט ווערן מיט גלייכבאַרעכטיגונג. אָנגעמערקט זיך דעם צוועק, האָבן וואַר־שעווער אַסימילאַטאָרן אָנגעהויבן צו טון. דאָס יאָר 1820 איז אַרויס אַן אַנאָ־נימע בראָשור אויף פּויליש; „אַ בקשה אָדער אַ התנצלות פון מענטשן פון דער ביבלישער אמונה". דאָ איז געזאָגט געווען, אַז דער שורש פון אַלדאָס בייז שטעקט אין דער קהלה־אָרגאַניזאַציע, אין די גבאים, רבנים און חברה־קדישא'ס, וואָס פירן די קהל'שע קאַסע אָן קיין קאָנטראָל, וואָס דריקן דאָס פאָלק מיט „חרם'ס" און באַגייען בכלל אומגעזעץ מיט זייער מאַכט; מען דאַרף אויס מאַכן קהלס מאַכט און באַגרענעצן די קהלה־אויטאָנאָמיע. אַזוינע רייד האָבן שטאַרק אויסגענומען אין פּוילישע רעגירישע־קרייזן: אַזאַ צייט טראָגט מען זיך אַרום מיט דעם געדאַנק: איינצוימען די קהלה־אויטאָנאָמיע, און דאָ בעטן דאָס „יידן גופא". מ'האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן: נאָכאַנאַנד דעקרעטן פונם שטאַטהאַלטער און פאַראָרדנונגען פון דער קאָמיסיע פאַר גייסטיקע ענינים (1821) האָבן צע־

---

1) פריערדיקער באַנד, § 44.

שמעטערט די אַלטע קהלה, וואָס האָט אמת געלעבט מיט פאַרעלטערטע פּאַרוואַל־טונגס־מעטאָדן, וואָס האָט אָבער געהאַט אין זיך אַ געזונטן, נאַציאָנאַלן פּרינציפּ. דער צאַר האָט באַשטעטיקט די אַלע אויפטוען מיט זיין באַפעל דעם 20 דעצעמבער 1821 (1 יאַנואַר 1822). קהל ווערט אויס, אַנשטאָט דעם ווערן „גמינעס", וואָס האָבן צו זאָגן נישט מער ווי אמונה־ און צדקה־זאַכן. „דאָזאָרעס" זענען: דער רב, זיין געהילף אָדער שטעל־פאַרטרעטער און דריי אויסגעקליבענע גבאים. צו האָבן וואַל־רעכט האָט זיך נאָכדעם געפאָדערט אַ געוויסער פאַרמעגן־צענז (1830). די ערשטע צייט זענען קהלות געווען אויפגעבראַכט פאַר אַזאַ פאַרשמעלערן די קהלה־אויטאָנאָמיע און מייסטנס האָבן זיי זיך באַנומען פיינטלעך צו די „דאָזאָ־רעס". די אויסגעקליבענע פלעגן נישט וועלן פאַרטרעטן דעם אַמט. דער אַדמי־ניסטראַציע פלעגט אויסקומען באַשטימען אַנדערע אַנשטאָט זיי, מיט דער צייט האָט מען זיך צוגעוויינט צו די נייע „גמינעס".

אין וואַרשע האָט די נייע לאַגע פאַרשטאַרקט די ווירקונג פון די אַסימי־לאַטאָרן אויף די קהלה־ענינים. די דאָזיקע גרופּע איז איגיכן געוואָרן אַ מקורב צו וואַרשעווער רעגירונג און מיט איר צוזאַמען האָט זי פּירגענומען אַ קולטור־רעפאָרם ביי יידן. דאָס יאָר 1825 איז אין וואַרשע געוואָרן אַ קאָמיטעט פאַר יידישע ענינים („קאָמיטעט פאַר אַלטגעזעציקע") פון פּוילישע „טשינאָווניקעס" מיט אַ צוגאָב אַ באַראַט־קאָמיסיע (Izba doradcza) פון פינף יידישע כּלל־טוער מיט פינף קאַנדידאַטן צו זיי. אין דער קאָמיסיע איז אַריין חוץ די „טובים" פונם סוחרים־שטאַנד (עטינגער, סאַלאָמאָן פּאָזנער און אַנד.)—נאָך דער באַרימטער מאַטעמאַטיקער אברהם שטערן, איינער פון די געציילטע געבילדעטע יידן אין וואַרשע, וואָס האָבן זיך נישט אָפּגעטרייסלט פון נאַציאָנאַלע אידעאַלן. דער „קאָמיטעט" האָט זיך געשטעלט ברייטע פּלענער: ציוויליזירן יידן און אָפּ־ריייניקן די יידישע אמונה פון אַבערגלויבן. קודם כּל האָט ער צו דעם צוועק געמאַכט אין וואַרשע אַ ראַבינער־שול פאַר געבילדעטע ראַבינער, לערער און קהלה־באַאַמטע. די פּראָגראַם האָט געצילט צו פאַרפּוילישן די שילער: די אונ־טערריכט־שפּראַך — פּויליש, לערער פאַר אַלגעמיינע למודים — פּאָלאַקן. איבער דעם האָט שטערן זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרנעמען אין דער ראַבינער־שול דעם די־רעקטאָר־פּאָסטן (1826), און אויף זיין אָרט איז אָנגעקומען אַנטאָני איי־זענבוים, אַ שאַרפער אַסימילאַטאָר. ווי אַזוי מ'האָט אין דער שול געגרייט רבנים, קאָן מען אַרויסזען דערפון וואָס העברעאיש און תנ"ך האָט מען דאָרט איבערגעגעבן לערנען איינעם אברהם בוכנער, דעם מחבר פון אַ קאַטע־כיזיס „יסודי הדת", וואָס האָט זיך אַ שם געמאַכט מיט אַ פּאַמפלעט קעגן תּלמוד (Die Nichtigkeit des Talmuds). רעקאָמענדירט האָט בוכנערן פאַר אַ לערער אַבאַט קיאַריני (Chiarini), וואָס איז עפּעס ווי אַ חוזק אויף יידן אַריין אין „קאָמיטעט", וואָס האָט באַדאַרפט זאָרגן פאַר בילדן די יידישע יוגנט. קיאַריני, אַ קאַטויל, פּראָפעסאָר פון מזרח־שפּראַכן אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט, האָט

זיך געהאַלטן פאַר אַ תלמוד־קענער און האָט אפילו געטרוימט איבערזעצן תלמוד אויף פראַנצויזיש צו אַנטפּלעקן פאַר דער קריסטלעכער וועלט די סודות פון יו־דאַאיזם. דאָס יאָר 1828 האָט קיאַריני פירגעלייגט דעם „קאָמיטעט" איינשטעלן ביים וואַרשעווער אוניווערסיטעט אַ קורס „העברעאישע אַרכעאָלאָגיע" פאַר סטו־דענטן־קריסטן צו באַקענען זיי מיט דער רבנישער ליטעראַטור און אויסבילדן טשינאָווניקעס, וואָס זאָלן זיין באַהאַוונט אין יידישע ענינים. די רעגירונג האָט צוגעשטימט צום פּלאַן, און קיאַריני האָט אָנגעהויבן לייענען לעקציעס וועגן יו־דאַאיזם. דערפון האָט ער געמאַכט אַ בוך „די טעאָריע פון יודאַאיזם", אַרויס־געגעבן דאָס יאָר 1829 אויף פראַנצויזיש (Thèorie du judaisme), און עם־הארצי־שער פּאַמפלעט אויף תלמוד און רבנות, אַ צווילינג צו אייזנמענגערס „דאָס אַנט־פּלעקטע יידנטום". קיאַריני האָט זיך נישט געשעמט איבערחזרן דעם בלוט־בלבול אויף יידן. קיאַרינין האָבן אָפּגעענטפערט טוגענדהאָלד אין וואַרשע, יאָסט און צונץ אין דייטשלאַנד. אָבער קיאַריני האָט זיין זאַך אויפגעטון: אין דער פּויל־שער געזעלשאַפט, וואָס איז אַזוי אויך געווען פיינטלעך געשטימט קעגן יידן, איז דער אַנטיסעמיטיזם שטאַרקער געוואָרן. דאָס האָט זיך באַוויזן די יאָרן 1830—1831 בעתן פּוילישן אויפשטאַנד.

ווען אין וואַרשע האָט אויפגעפלאַקערט דער „נאָוועמבער־אויפשטאַנד" דאָס יאָר 1830, אונטער דער ווירקונג פון דער פּאַריזער יולי־רעוואָלוציע, האָט זיך דערוועקט אויך דער טייל יידישע געזעלשאַפט, וואָס האָט געמיינט, אַז מיט באַ־וויזן פּאַטריאָטיזם לאָזט זיך פאַרבעסערן די יידישע לאַגע. איינער פון די „אויפ־געקלערטע" ס. ג ע ר נ י ש, האָט אין דעצעמבער דערלאַנגט דעם דיקטאַטאָר כלאָפּיצקין אַ מעלדונג פון אַ גרופּע יידישע יינגעלייט, אַז זי איז גרייט צו מאַכן אַ באַזונדער יידישן לעגיאָן צו באַטייליקן זיך אין דעם אַלגעמיינעם קאַמף פאַר באַפרייען דאָס פאָטערלאַנד. דערויף האָט דער דיקטאַטאָר אָפּגעענטפערט, אַז היות ווי יידן האָבן נישט קיין בירגעררעכט, קאָנען זיי נישט דינען אין דער אַרמיי. דער קריגמיניסטער מאָראַווסקי האָט זיך דערביי אויסגעדריקט: „מיר וועלן נישט לאָזן, אַז יידיש בלוט זאָל זיך אויסמישן מיט איידל פּויליש בלוט. וואָס וועט אייראָפּע זאָגן, ווען מ'וועט דאָרט דערגיין, אַז מיר האָבן זיך נישט געקאָנט באַגיין אָן יידן צו פאַרוועררבן זיך פרייהייט?" די דאָזיקע באַליידיקונג האָט אָבער נישט אָפּגעקילט יידישע פּאַטריאָטן. אַ גרופּע וואַרשעווער אינטעליגענץ מיטן דירעקטאָר פון דער ראַבינער־שול אייזנבוים אויבן אָן האָט דער־לאַנגט אַ פּעטיציע דער דערווייליקער רעגירונג: יידן זענען געטריי דעם פאָ־טערלאַנד און זענען גרייט ברענגען דערפאַר די גרעסטע קרבנות, זיי בעטן גלייכבאַרעכטונג. י ו ס ף ב ע ר ק אָ ו י ט ש דעם פּאָלקאָווניק ב ע ר ע ק י אָ־ס ע ל ע ו י ט ש ס אַ זון, וואָס האָט זיין לעבן אָפּגעגעבן פאַר פּוילן, האָט באַ־שלאָסן נאָכטון דעם פאָטער און אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף, גערופן יידן זיך שטעלן צום קאַמף פאַר פּוילנס פרייהייט. קעגן אַזאַ פּאַטריאָטישן שפּאַר האָט

שוין אפילו די פּוילישע „פאָלקסרעגירונג" נישט געקאָנט בײַשטײן. זי האָט אָנגעפּרעגט בײַ דער װאַרשעװער גמינע, װי פאַרהאַלט זיך די קהלה צום פּלאַן פון אַ יידישן פרײַװיליקן לעגיאָן. די גמינע האָט געענטפערט, אַז די קהלה האָט שוין באַװיזן איר פּאַטריאָטיזם, זי האָט געגעבן פאַרן אויפשטאַנד 40 טויזנט גילדן, זי זאַמלט װײַטער אויך פאַר דער אַרמײ, זי האַלט אָבער נישט פון אַ באַזונדער יידישן לעגיאָן: דאָס שטימט נישט מיט דעם געדאַנק, אַז אין פּאַרטײדיקן דאָס פאָטערלאַנד דאַרפן אַלע זײַן פאַראײניקט; בעסער װאָלט געװען, װען יידישע װאָלאָנטיאָרן זאָלן זײַן צעשטעלט אין דער גאַנצער אַרמײ. יידן האָט מען אָנגעהויבן צולאָזן צו דער דינסט, אָבער מער אין מיליציע, אײדער אין דער רעגולערער אַרמײ. אַנטאָני אָסטראָװסקי, שעף פון דער װאַרשעװער נאַציאָנאַלער גװאַרדיע, אײנער פון די געצײלטע טוער צװישן די אויפגעשטאַנענע, װאָס זענען נישט געװען פאַרברענט פונם שליאַכטישן יידנהאַס, האָט צוגעלאָזט יידן אין זײַן גװאַרדיע, בתנאי, זײ זאָלן נישט טראָגן קײן בערד (יאַנואַר 1831). שפּעטער האָט ער זיך געמוזט אָפּזאָגן פון דעם דאָזיקן תנאי אויך, װאָרום אַ סך יידן האָבן נישט געקענט פועלן בײַ זיך גאָלן די באָרד, און ס'איז געװאָרן אַ ספּעציעלער טײל שטאָט־גװאַרדיע פון 850 יידן „מיט בערד". די יידישע מיליציע האָט מיט גרויס מוט געטון איר זאַך: פאַרטײדיקן װאַרשע קעגן רוסיש מיליטער. צוזאַמען מיט קינדער פון פאַרמעגלעכע פאַמיליעס זענען דאָ געװען אָרעמע אויך. צוזעענדיק, װי די דאָזיקע פוילנס שטיפקינדער פאַרגיסן בלוט פאַר פוילן, איז דער הומאַניסט אָסטראָװסקי שטאַרק גערירט געװען, און אין אַ צײַט שפּעטער האָט ער געשריבן: „דאָס האַרץ האָט װײ געטון אַזוינס צוצוזען. יושר האָט געפאָדערט, מ'זאָל װאָס גיכער זיך נעמען אײַנאָרדענען דעם דאָזיקן טײל באַפעלקערונג אין אונזער לאַנד, װאָס איז דערנידריקט מער פאַר אַלע אַנדערע". דער יידישער פּאַטריאָטישער ברען האָט זיך אָבער נישט באַװיזן מער חוץ אין װאַרשע. אין דער פּראָװינץ האָבן יידן נישט געװאָלט צושטײן, מיט דעם אויסרײד, אַז די אמונה פאַרװערט צו פאַרגיסן מענטשן־בלוט. אַזאַ אָפּזאָג האָט אויפגעבראַכט פּוילישע לעגיאָנערן, זײ האָבן געשראָקן זיך אָפּרעכענען מיט יידן, געװאָרפן אויף זײ דעם חשד, אַז זײ „האַלטן מיטן שונא". אָסטראָװסקי שרײַבט װעגן דעם: „יידן אין דער פּראָװינץ קען מען באַשולדיקן, אַז זײ זענען גלײַכגילטיק (צום אויפשטאַנד), אָבער װאָס דען האָבן מיר זיך געזאָלט ריכטן אויף די, װאָס מיר שטיקן זײ?"[1]) אײנגיכן האָט דער סײם געגעבן אַן ענטפער

1) אין ליטע האָבן יידן זיך געהאַלטן גאָר פון דערװײַטנס פונם אויפשטאַנד; אין אײניקע ערטער האָבן זײ אפילו באַװיזן סימפּאַטיע פאַר דער רוסישער רעגירונג, כאָטש אין רדיפות האָט זי איבערגעיאָגט פּוילישע רעגירער. אין ליטע זענען געװען פאַלן, װען פּוילישע אינסורגענטן האָבן זיך בלוטיק אָפּגערעכנט מיט יידן פאַר זײער סימפּאַטיע צו רוסלאַנד.

אויף דער פראַגע וועגן יידן אין דער אַרמיי: לויט אַ דעקרעט פונם 30-טן מאַי 1831 זענען יידן פריי פון מיליטער-דינסט, בתנאי אַז זיי זאָלן אריינטראָגן אַ רעקרוטן-שטייער פיר מאָל אַזוי פיל וויפיל די פריערדיקע יאָרן.

די „שליאַכטישע רעוואָלוציע" האָט קיין סימפּאַטיע נישט געהאַט ביים פאַרקנעכטן פוילישן פאָלק, זי איז דורכגעפאַלן. אַ סך אַנטיילנעמער זענען נאָכ-דעם געוואָרן עמיגראַנטן אין אויסלאַנד, און דאָ האָבן זיי אָנגעהויבן תשובה טון. דער היסטאָריקער ל ע ל ע וו ע ל האָט פאַרעפנטלעכט אין פאַריז אַ „מאַ-ניפעסט צום יידישן פאָלק" (1832), געראַטן יידן פאַרגעסן אין אַלע באַליידיקונ-גען, וואָס אין פוילן ווערט איצט באַגאַנגען קעגן זיי, צוליב די ליכטיקע זכרונות פון אַמאָליקן גרויספוילן און האָפנונגען אויף דאָס קינפטיקע פרייע לאַנד. ער פאַרגלייכט די שיינע תקופה יידישע געשיכטע אין אַלט-פוילן מיט דעם איצטיקן צושטאַנד אין לאַנד אונטער דעם יאָך פון „ווינער פרעהס", אָדער אונטער „דער הערשאַפט פון נבוכדנאצר פון צפון", אין לאַנד, וואו „פון דער מוטערס שויס רייסט מען אויס קליינע קינדער, מ'וואַרפט זיי אַריין צווישן דע-מאָראַליזי-רטע סאָלדאַטן", און מ'נויט זיי פאַרראַטן זייער פאָלק. לעלעוועל רופט אויס: „ס'איז נאָנט די ממשלה פון פעלקער! פון אַלע נאַציעס וועט ווערן איינע, וואָס וועט גלויבן אין איין גאָט יהוה. מאָנאַרכן האָבן געגעבן יידן פאַלשע הבטחות, פעלקער וועלן זיי ברענגען די גאולה. פוילן וועט זיך אינגיכן אויפ-הויבן. זאָלן זשע יידן, וואָס וואוינען אויף פוילנס ערד, גיין בייגאַנד מיט ברי-דער-פאָליאַקן! יידן וועלן זיך דערשלאָגן צו רעכט. אויב אָבער זיי וועלן באַ-שטיין אויף צוריקקערן קיין פּאַלעסטינע, וועלן פאָליאַקן זיי צוהילף קומען".

אַזוינע חרטה-צוזאָגן האָבן זיך שפּעטער געלאָזט הערן ביי די מיסטיקער פון מ י צ ק עוו י ט ש ע ס און ט אָ וו י אַ נ ס ק י ס ש ט י ט אין פאַריז. דאָ איז אַ סך גערעדט געוואָרן וועגן דעם היסטאָרישן גורל פון צוויי געפּייניקטע פעל-קער, פוילן און יידן, און וועגן זייער משיח-שליחות. אָבער דאָ דערביי האָט זיך אין אַנדערע קרייזן פוילישע עמיגראַנטן געלאָזט הערן די געוויינלעכע באַ-ציונג צו יידן. אויף די אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן אין Nowa Polska, אָרגאַן פון דער פאַריזער עמיגראַציע, האָט שאַרף אָפּגעענטפערט ס. גערניש, דערמאַנט זיי-נע קאָלעגן, אַז ס'איז מיאוס רודפן מענטשן, וואָס זיי זענען „קנעכט ביי קנעכט". צוויי אַנדערע אַנטיילנעמער אין אויפשטאַנד, ל. ל י ו ב ל י נ ע ר און ל. ה אָ-ל ע נ ד ע ר ס ק י, האָבן געטיילט דעם ביטערן גורל צוזאַמען מיט פוילישע עמיגראַנטן, און אין דער פרעמד נאָכגעקלערט וועגן דעם גורל פון זייער פאָלק (ליובלינערס Les juifs en Pologne, ברוסעל 1839 און האָלענדערסקיס Les israelites en Pologne פאַריז 1846).

אין געבראָכענעם פוילן-לאַנד, וואָס האָט אָנגעוואָרן די פריערדיקע אויטאָ-נאָמע קאָנסטיטוציע, רעגירט פון אַ רוסישן שטאַטהאַלטער (פאַסקעוויטש) מיט אַן אייזערנער האַנט, האָט זיך די יידישע בירגערלעכע לאַגע די ערשטע צייט

כמעט נישט געענדערט. דאָ האָבן נאָך א לאַנגע צייט געגאָלטן אָרטיקע געזעצן, נישט די אימפּערישע. ערשט דאָס יאָר 1842 זענען פּוילישע יידן אין איין פּרט פאַרגלייכט געוואָרן מיט רוסישע: מ'האָט אָנגעהויבן נעמען פון זיי רעקרוטן אַנשטאָט פריערדיקן רעקרוטן-שטייער. אינם צאַרס באַפעל, וואָס האָט גילטיק געמאַכט דעם רעקרוטן-סטאַטוט פונם יאָר 1827 פאַר פּוילישע יידן אויך, איז זיי געגעבן געוואָרן אייניקע הנחות: דער רעקרוטן-עלטער איז פון 20—25 יאָר אָן; קינדער פון 12 ביז 18 יאָר נעמט מען נאָר אין דעם פאַל, אויב עלטערן שטעלן זיי אַליין צו אנשטאָט דערוואַקסענע זין. אָבער 25 יאָר שווערע דינסט איז פאַר א פּוילישן יידן, וואָס האָט נישט געוואוסט פון רעקרוטן-נעמען, געווען אַן אמתע שטראָף. די וואַרשעווער גמינע האָט געשיקט א דעפּוטאַציע קיין פּעטערבורג, געבעטן, מ'זאָל געבן פּוילישע יידן גלייכבאַרעכטונג, וואָרום אינם געזעץ פון יאָר 1817 איז געזאָגט, אַז יידן זענען פריי פון רעקרוטן, אַזוי לאַנג ווי זיי געניסן נישט קיין בירגעררעכט. פון דער השתדלות איז געווייִנטלעך גאָרנישט געוואָרן, וואָרום אין רוסישן פּאָליטישן לעקסיקאָן האָט דאָס וואָרט „גלייכבאַרעכטונג" גאָר געפעלט. פּוילישע יידן האָט מען בהדרגה פאַרגלייכט מיט רוסישע יידן נאָר אין פּרט רעכטלאָזיקייט. דאָס יאָר 1825 האָט מען פאַר זיי גילטיק געמאַכט דעם פאַרבאָט אויף יידישע קליידונג; פאַר דער מאַסע חסידישע יידן איז דאָס געווען אַן אמתע גזרה. אַנדערע פּעטערבורגער עקספּערימענטן פון יענער תקופה האָבן זיי אויסגעמיטן. פּוילישע יידן האָבן נאָך פריער מיט צוואַנציק יאָר איבערגעלעבט דעם קהלה-קריזיס, וואָס האָט געטראָפן רוסישע יידן די פערציקער יאָרן; דערפאַר איז אָבער אין פּוילן דאָך געבליבן א קהלה-אָרגאַניזאַציע, בעת אין רוסלאַנד האָט דער געזעץ גאָר דעזאָרגאַניזירט די קהלה. די קאַזיאָנע שול-פּליכט האָט לחלוטין נישט דערלאַנגט פּוילישע יידן. בכלל קאָן מען זאָגן, אַז ווי שווער ס'איז נישט געווען די לאַגע פון פּוילישע יידן, האָבן רוסישע יידן געדאַרפט זיי מקנא זיין.

§ 26. דער אַלטער שטייגער און דער אָנהויב השכלה.

די רוסישע רעגירונג האָט געטון אַלצדינג צו צעשטערן מיט גוואַלד דעם יידישן שטייגער. א מאַכט, וואָס דער דאָזיקער שטייגער איז איר פרעמד און פאַרהאַסט געווען, האָט געבראָכן נישט אַליין די אָפּגעלעבטע פאָרמען, נאָר די געזונטע היסטאָרישע יסודות אויך. דאָס רעקרוטן-נעמען, וואָס האָט אַלע יאָר אַרויסגעריסן פון דער פאַמיליע טויזנטער בחורים און קינדער; קאַזאַרמעס, וואָס זענען געוואָרן שמד-פאַבריקן; דאָס סיסטעמאַטישע אָפּנעמען רעכט, די אָנגעוואָרפענע „קאַזיאָנע" שול, דאָס פאַרניכטן די יידישע קהלה-אויטאָנאָמיע — דאָס אַלץ איז אָנגעשיקט געוואָרן צו שטורמען די אַלטע פעסטונג יידישקייט. אָבער די פעסטונג, וואָס האָט אויסגעהאַלטן באַלאַגערונג טויזנטער יאָרן לאַנג, האָט זיך איצטער אויך נישט אונטערגעגעבן; מ'האָט נאָר גענומען נאָך מיט מער פלייס

פאַרשמירן די לעכער, ליידער אָבער פאַר פרישער לופט אויך. אויב די רעגירונג האָט געמיינט מיט אפוטרופסות און שטראָפמיטלען דערנענטן יידן צו אייראָפּעאישער קולטור, אין דער קלײַנגעדיקער מאָס, וואָס דעמאָלט איז דאָס אין רוסלאַנד בכלל מיגלאַך געווען, — האָט זי דערלאַנגט פונקט דעם היפוך. אַ האַנט, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שלאָגן, האָט נישט געקאָנט היילן מיט בילדונג; דער האַמער, וואָס מ׳האָט פאַרהויבן צו צעשמעטערן אַן אַלטע קולטור, האָט נאָר פאַרהאַרטעוועט די דאָזיקע קולטור. די גרעודפּטע האָבן זיך געהאַלטן שטאָל און אייזן פאַרן אַלטן שטייגער, וואָס מ׳איז אים באַפאַלן, פאַר אַלע זיינע אָפּגעלעבטע יסודות. אַקעגן דעם אויסערלעכן דעספּאָטיזם פון צעשטערונג איז אינעווייניק געוואָרן אַ דעספּאָטיזם פון קאָנסערווירן, אַ האַרטע לעבנס־דיסציפּלין; מיליאָנען האָבן זיך דעם אונטערגעגעבן אָן פּראָטעסטן, אָבער אַ שווערער יאָך איז דאָס געווען פאַר יחידים, פּראָגרעסיסטן, אָנזאָגער פון אַ באַנייט יידיש לעבן.

דער רעגירונג איז געראָטן דעזאָרגאַניזירן די יידישע קהלה, צונעמען יעדן אויטאָריטעט ביי קהל; קהל איז געוואָרן אַ פּאָליציי־אַגענט אויף צו כאַפּן רעקרוטן און רייסן שטייערן. די מאַסע האָט געהאַסט די קהלניקעס, זי האָט אָבער געהאַט דרך־ארץ פאַר אירע אַלטע גייסטיקע פירער, רבנים און רביים; זיי האָבן זי געזאָלט אָרגאַניזירן צו שטעלן זיך אַקעגן דער קולטור־געפאַר, וואָס ווייזט זיך פון דער פרעמד. אין לעבנסשטייגער האָט געגאָלטן נאָר קאָנסערוואַטיזם. מ׳האָט זיך שטרענג געהאַלטן ביים אַלטן פאַמיליע־שטייגער מיט אַלע פרומפאַרצייטיקע פּרטים. לויטן געזעץ (פון יאָר 1835) האָט מען נישט געטאָרט חתונה האָבן פאַר 18 יאָר (אַ בחור) און 16 יאָר (אַ מיידל), — יידן האָבן זיך אָבער דערפון נישט געמאַכט: מ׳פלעגט נאָך אַלץ חתונה מאַכן קינדער צו 13—15 יאָר. אַ חדר־ייִנגל פלעגט אָפט ווערן אַ מאַן און אַ פאָטער, און דערביי אַלץ בלייבן לערנען ביים רבין אָדער אין ישיבה, געהאַט אויף זיך אַ השגחה פונם פאָטער, שווער און רבין. יידישע יוגנט האָט פון קיין פרייע יונגע יאָרן נישט געוואוסט. די ייִנגע יאָרן זענען פאַרדרייט געוואָרן מיט זאָרג פאַר דער פאַמיליע, אָדער פאַר ברויט. די אַלטע דיסציפּלין האָט געבראָכן יעדן פּראָטעסט־גייסט, יעדן שוואונג ביי דער יוגנט. מ׳איז שווער געשטראָפט געוואָרן פאַר יעדער „אַפּיקורסות": ד.ה. פאַר אַ קורצן ראָק, פאַר אַ צוגעגלייכט בערדל. אַ ביכל אויף אַ פרעמדער שפּראַך, אַ השכלה־ספר איז געווען טרף־פסול, און ווי איז געווען צו דעם, וואָס מ׳האָט אים געכאַפּט דערביי. דער פּלפּול און די גאַנצע דערציאונג האָט געמאַכט מענטשן פאַר טויגעניכטסן: די שפּייזערין פלעגט אָפט זיין די אשה, און דער מאַן פלעגט זיין פאַרטון אין הימלזאַכן אין בית־המדרש אָדער אין חסידישן שטיבל.

אין ליטע האָט דאָס גמרא־לערנען אויסגעפּרעסט די גאַרע ענערגיע ביי דעם ייִנגן דור. אין יעדן בית־מדרש האָט מען געלערנט, דער רב אָדער אַזוי אַ עלוי פלעגט זאָגן אַ שעור, און ישיבה־בחורים פלעגן דאָס חזרן. גרויסע ישיבות,

די וואָלאָזשינער, די מירער וכדומה, האָבן געבאַקן טויזנטער רבנים און לומדים. מער פאַר אַלץ האָט דאָ געגאָלטן דער שאַרפער מוח, בקיאות, פלפול. ווי נאָר אָבער אַזאַ שאַרפער מוח האָט באַוויזן אַ קריטישע באַציאונג צום יידישן שטייגער, אָדער ער האָט זיך פאַרטון אין „חכמות חצונות“—איז קעגן אים געווען אַ בייטש פון חרם און רדיפות. די געשיכטע ווייסט צו דערציילן פון אַ סך אַזוינע קרבנות פונם פרומפאַרצייטיקן יידישן שטייגער, וואָס זייערע פראָטעסטן און שטרעבן צו'ן אַ רעפאָרם זענען דערשטיקט געוואָרן, נאָך איידער זיי זענען אויסגעוואַקסן. באַלערנדיק איז אין דעם פרט די געשיכטע פון ר' מנשה איליער, אָדער בן-פורת, איינער פון די גרעסטע עלויים יענע צייט (1767—1831). די בעסטע יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין סמאַרגאָן און אין איליע (ווילנער גובערניע). אַליין שטייט ער מיט ביידע פיס אין דער אָרטאָדאָקסיע, ער איז פאַרשמט ביי איר ווי אַן עלוי, אָבער ער פרוווט שוין וויפיל ס'נישט איז פאַרברייטערן דעם גייסטיקן האָריזאָנט, מאַכן אַ וועג פאַר מעסיקער פרייהייט, פאַר פאָרשונג און פאַר אַ ניכטערן לעבנסקוק. ווען ר' מנשה איז נאָך אַ טיפן אַנאַליז פון משנה געקומען צום געדאַנק, אַז די גמרא טייטשט זי נישט אויס ריכטיק אין אַ סך ערטער, און ער האָט דאָס מיטגעטיילט זיינע תלמידים, האָבן אים ליטווישע רבנים שיר נישט אַריינגעלייגט אין חרם. אים האָט געצויגן צו שטודירן מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע און פילאָזאָפיע, און ער האָט זיך געלאָזט מיט דעם צוועק קיין בערלין, אָבער אויפן וועג, אין קעניגסבערג, האָבן אים סוחרים לאַנדסלייט פאַרהאַלטן און געבויט אים זיך אומקערן. אַליין, אינם קליינעם ליטווישן שטעטל, כאַפט ער, וואָס ער קאָן, פון מענטשלעך וויסן, און זיין גייסט ווערט שטאַרק באַרייכערט דערפון. דאָס יאָר 1807 לאָזט ער אַרויס אַ ביכל „פשר דבר“, רעדט מיט האַרצווייטאָק וועגן דעם, ווי די גייסטיקע פירער זענען אָפּגעריסן פונם לעבן און פונם לעבעדיקן קוואַל וויסן. בעת דאָס ביכל האָט זיך נאָך געדרוקט אין ווילנע, האָבן אים פאַנאַטיקער געגעבן אָנצוהערעניש, אַז מ'וועט זיך מיט אים אָפּרעכענען, ער האָט זיך אָבער נישט איבערגעשראָקן. נאָכדעם האָבן אַ סך רבנים געברענט דאָס ביכל און נישט געלאָזט דאָס פאַרשפרייטן: דעם „אפיקורס“ האָט מען פאַרשטאָפּט דאָס מויל. אין צען יאָר אַרום, ווען ר' מנשה האָט געהאויּנט אין וואָלין, אין נעסט פון חסידות, האָט ער גענומען דרוקן אַ רעליגיעז-פילאָזאָפישן חבור „אלפי מנשה“. אָבער ווען דער דרוקער איז פון די ערשטע בויגנס דערגאַנגען דעם „אפיקורסישן“ אינהאַלט פונם ספר, האָט ער זיי פאַרברענט צוזאַמען מיטן מאַנוסקריפּט. מיט גרויס מי האָט דער מחבר ווידער אויפגעשטעלט דעם געשטראָפטן חבור און אַרויסגעגעבן אין ווילנע (1822). רבנישע צענזור האָט ער אָבער נישט געקאָנט אויסמיידן: ווילנער רב, ר' שאול קאַצענעלנבויגן, האָט זיך דערוואוסט, אַז מנשה זאָגט אין חבור אין איין אָרט, אַז מנהיגי הדור מעגן ענדערן געוויסע מנהגים לויט ווי די צייט פאָדערט דאָס; האָט ער אים געשיקט זאָגן, אַז באַם דער מחבר וועט דאָס נישט אַרויסוואַרפן,

וועט ער הייסן פאַרברענען דעם ספר אויפן שול־הויף בפני כל עם ועדה. מנשה האָט זיך געמוזט אונטערגעבן און פאַרטרייבן דעם דאָזיקן געדאַנק קעגן זיין ווילן. רדיפות האָבן נישט פאַרלאָשן דאָס פּראָטעסט־פייערביים קליינשטעטלדיקן דענ־קער. די לעצטע יאָרן האָט ער אַרויסגעגעבן צוויי קונטרסים „שקל הקודש" און „סמא דחיי" (העברעאיש און יידיש), געמוסרט דאָס פאָלק פאַר די שלעכטע זיטן: די פריע חתונות, דאָס איינזייטיקע לערנען, דעם בטול צו רעאַל וויסן און צו פיזישער אַרבעט. גאַנץ סטראַפטשעס האָבן אָבער געוואָרגט, אַז די דאָ־זיקע חבורים זאָלן אויך נישט קומען צום פאָלק. מנשה איז געשטאָרבן, מיד פון קאַמף, אַ נישטפאַרשטאַנענער פאַר זיין דור.

אַ קריטיש וואָרט האָט זיך נאָך געקאָנט ווי עס איז דורכרייסן אין רבנישע קרייזן, וואו מ'האָט געאַרבעט מיטן קאָפּ, זאָל זיין אפילו אַז אויף פלפול; נישט אָבער אין חסידישע הויכע פענסטער. דאָרט איז מען געווען פאַרטון אין לויטער הימלזאַכן, מ'האָט געדינט „גוטע־יידן". חסידות האָט שטאַרק געווינען די צייט פון פּאָליטישער און בירגערלעכער קנעכטשאַפט, דער גייסט האָט זיך אָבער דאָ שוין אָפּגעטון. די מחלוקת צווישן חסידים און מתנגדים איז שוין לאַנג געווען אויס, און „גוטע יידן" האָבן שוין געקאָנט רואיק געניסן דעם המונס התפעלות פאַר זייערע מופתים. גוטיידישע דינאַסטיעס האָבן זיך שוין פעסט איינגעשטעלט. אין רייסן האָט געהערשט שנייערסאָנס דינאַסטיע, די נאָכקומער פונעם רב שניאור זלמן. די שטול האָט געירשעט פריער אַ זון, ר' בער, אָדער „דער מיטעלער רבי", ווי מ'האָט אים גערופן (1813—1828) און דערנאָך ר' בער'ס אַן איידעם, מענדעל ליובאַוויטשער (1828—1866). געביטן האָט זיך נאָר די רעזידענץ: פאַר ר' שניאור זלמנען איז די רעזידענץ געווען ליאָזנע, דערנאָך ליאַדי, פאַר זיינע נאָכקומער איז דאָס געווען ליובאַוויטש. אַלע דריי שטעטלעך געפינען זיך אויף דער גרענעץ צווישן מאָהילעווער און וויטעבסקער גובערניע; חב"ד'ניקעס זענען דאָרט געווען אַ רוב (אין וויטעבסקער גוב.), אָדער אַן אָנגעזעענער טייל (אין מאָהילעווער). ר' בער האָט נישט געירשעט דעם פאָטערס אויפטועריש גייסט, ער האָט געמאַכט אַ סך ספרים, גענומען דערהויפּט פון זיינע דרשות, קיין נייעס האָט ער אָבער נישט אויפגעטון: דאָס איז גמרא־פלפול אויף קבלה און חסידות, אָדער אַ פירוש אויף „תניא". די לעצטע יאָרן האָט ר' בער איבערגעלעבט די שרעקלעכע קאַטאַסטראָפעס מיט רייסישע יידן: דאָס פאַרטרייבן פון דערפער (1823) און דעם וועליזשער עלילת־דם: אויפן טויט־בעט האָט ער געזעגנט מיט די מקורבים וועגן דער גזרה פון רעקרוטן (1827).

ר' מענדל ליובאַוויטשער האָט פאַרמאָגט מער פעאיקייטן צונויפצובינדן די חסידישע מאַסע: ער האָט געשמט פאַר אַן עלוי (ער האָט געמאַכט חבורים און שאלות ותשובות), פאַר אַ חסידישן מגיד, און לסוף פאַר אַ פקח, טויזנטער מענטשן פלעגן קומען צו אים זיך אָנפרעגן אויף פאַמיליע־זאַכן, געשעפט, קהלשע ענינים. צו בילדונג האָט ער זיך אָבער פאַרהאַלטן נישט בעסער פאַר אַנדערע

אָרטאָדאָקסישע פירער. טראַגיש איז געווען ר׳ מענדעלס לאַגע אין די צייט פון ליליענטאַלס אַגיטאַציע: די רעגירונג האָט אים אַרויסגערופן קיין פעטערבורג דער רבנים־קאָמיסיע (1843), ער זאָל דאָס געבן דעם הסכם אויף „קאַזיאָנע״ יידישע שולן, וואָס ער האָט זיי געהאַלטן פאַר אַן אומגליק נישט נאָר דערפאַר, וואָס זיי זענען קרוינישע, נאָר וואָס זיי זענען שולן, ד. ה. מיט אַ בילדונג־פּראָגראַם. חסידים גיבן איבער, אַז דער רבי האָט זיך שטאַרק איינגעשטעלט אין דער קאָמיסיע, געבעטן מיט טרערן, מ׳זאָל אין די נייע שולן לערנען חומש און גמרא אויפן אַלטן שטייגער, מ׳זאָל דאַרט לערנען קבלה אויך. באמת אָבער האָט ער געמוזט קעגן זיין ווילן זיך צעשרייבן אויפן טרפהן פּראָיעקט פון דער שול־רעפאָרם און דערנאָך געבן זיין הסכמה אויף איבערדרוקן אין רוסלאַנד מענדעלסאָנס תנך מיטן ביאור. ווי אַזוי ער האָט זיך פאַרהאַלטן צו נייע לערן־מעטאָדעס קאָן מען אַרויסזען פון זיין שרייבן צו לעאָן מאַנדעלשטאַם (1848), ליליענטאַלס נאָכקומער אין דער שול־רעפאָרם. ר׳ מענדל וויל נישט הערן פון קיין נייע אויפטועון אין לערנען. וועגן אַרויסגעבן אַ קצור פון תנ״ך פאַר קינדער ענטפערט ער אָפּ שאַרף מיט אַ פּסוק: „משה רבינו האָט געשריבן די תורה ווי אַזוי גאָט האָט אים געהייסן; יעדער וואָרט איז דאָ קודש קדשים, ס׳איז קיין חילוק נישט פון „תמנע איז געווען אַ קעפּסווייב״ ביז „שמע ישראל״.

חב״ד־חסידים זענען נאָך געווען בערך „היינטוועלטיקע מענטשן״, זיי האָבן אַמאָל פאַרשטאַנען עפּעס נאָכצוגעבן אויך. אָבער „גוטע־יידן״ אין אוקראַינע האָבן נישט געוואָלט הערן און זען פון קיין נאָכגעבן דער צייט. אין זייערע הויפן האָט געשוויבלט און געגריבלט פינסטערע צעפלאַמטע מחנות חסידים, וואָס האָבן פאַרהייליקט זייערע רביים. דעם גרעסטן שם האָט געהאַט טשערנאָבילער דינאַסטיע[1]) זי הויבט זיך אָן פון ר׳ נחום׳ן און דערלאַנגט דעם גרעסטן גלאַנץ פאַר זיין זון ר׳ מאָטעלע (געשטאָרבן 1837): טויזנטער חסידים פלעגן פאָרן צו׳ן אים קיין טשערנאָביל (קיעווער גוב.) מיט פדיונות. נאָך זיין טויט זענען געבליבן 8 זין, וואָס האָבן זיך צעשפּרייט אויף קיעווער און וואָלינער געגנט: אין קאָראָסטישעוו, טשערקאַס, מאַקאַראָוו, טריסק, טאַלנע, סקווירע און ראַכמיסטריווקע. ס׳האָט זיך פאַרפירט אַ מיאוסע קאָנקורענץ צווישן די ברידער, נאָך מער צווישן זייערע עדות חסידים: יעדער האָט געהאַלטן נאָר פון זיין רבין און מבטל געמאַכט דעם אַנדערן, די מחלוקתן פלעגן זיך אָפּט אויסלאָזן מיט פּעטש.

די טשערנאָבילער דינאַסטיע האָט אָבער אינגיכן געקריגן אַ שטאַרקן קאָנקורענט ר׳ ישראל רוזשינער (פרידמאַן), דעם מעזשעריטשער מגידס ר׳ בערס אַן אייניקל. ר׳ ישראל האָט זיך באַזעצט בערך דאָס יאָר 1815 אין רוזשין (קיעווער גוב.) און איז מפורסם געוואָרן פאַר אַ געטלעכן מאַן אַ בעל

[1]) פריערדיקער באַנד § 53.

מופת. דער רייכער הויף איז תמיד פול געווען מיט חסידים; גבאים האָבן גע־האַלטן וואַך, צוגעלאָזט נאָר יחידי סגולה קויט דעם פדיון נאָך. קיעווער אַד־מיניסטראַציע איז דערגאַנגען, אַז ר׳ ישראל איז כמעט „קיסר" ביי חסידים. זיי טוען נישט גאָרנישט אָן זיין ראָס. פּאָליציי האָט אָנגעהויבן נאָכשפּירן און האָט לסוף געפונען אַ געלעגנהייט צו פאַרפירן קעגן דעם צדיק אַ קרימינאַל. דאָס יאָר 1838 איז אין פּאָדאָליער גוב. אויפגעקומען אַ פּראָצעס וועגן געהרגטע צוויי מוסרים (§ 24); אויף ר׳ ישראל רוזשינער האָט מען געוואָרפן אַ חשד, אַז דאָס איז געטון געוואָרן מיט זיין וויסן, און מ׳האָט אים אַרעסטירט. 22 חדשים איז דער חסידישער קיסר אָפּגעזעסן אין קיעווער טורמע. דערנאָך איז אויף אים געווען אַ שטילע שמירה פון פּאָליציי; אים האָט אָבער אָפּגעגאָלטן אַנטלויפן קיין עסטרייך. דאָס יאָר 1841 האָט ער זיך באַזעצט אין סאַדיגורא (ביי טשער־נאָוויץ אין בוקאָווינע) און ווידער פאַרפירט אַ „הויף". אַ סך חסידים אין רוס־לאַנד זענען אים געטריי געבליבן און פלעגן פאָרן צו׳ן אים קיין אויסלאַנד; חוץ דעם האָט ער נאָך געווינען חסידים אין גאַליציע און אין בוקאָווינע. ר׳ ישראל איז געשטאָרבן דאָס יאָר 1850; די סאַדיגורער דינאַסטיע האָט זיך שטאַרק פאַרצווייגט און האָט געשפּילט אַ קאָנסערוואַטיווע ראָליע אין יידישן לעבן שפּעטער, בעת דער שטורמדיקער תקופה עמאַנסיפּאַציע.

מיט „גוטע־יידן" איז געווען פול פּאָדאָליע אויך, די היים פון ר׳ ישראל בעל־שם, דעם פאָטער פון **חסידות**. אין מעדזשיבאָזש, דעם בע״שט׳ס געוועזענע רעזידענץ, האָט געקיניגט ר׳ י ה ו ש ו ע ה ע ש ל אַ פּ ט ע ר — נאָך ר׳ ברוך טול־טשינער, דעם בעש״טס אַן אייניקל, אַ שטיק צייט (בערך 1810 — 1830) האָט דער אַלטער ר׳ יהושוע העשל געגאָלטן פאַר דעם ראש צווישן גוטע יידן; אין ר׳ ישראל רוזשינער האָט זיך איינגעשטעלט נישט האַלטן פון זיין אויטאָריטעט. זיין שטול האָט געירש׳עט ר׳ מ ש ה ס אַ וו ר אַ נ י ע ר (דער סאַווראַניער רב), ער האָט שוין פאַרפירט אַ „הויף" אַזוי ווי די טשערנאָבילער און דער רוזשי־נער. אַן אוראייניקל דעם בעל־שם׳ס, ר׳ נחמן בראַצלאַווער, איז נישט באַ־שערט געווען צו גרינדן זיין אַ דינאַסטיע[1]. נאָך זיין טויט זענען בראַצלאַווער חסידים מיט זייער פירער ר׳ נתן, ר׳ נחמן׳ס אַ תלמיד, אויסגעשטאַנען גרויסע רדיפות פון אַנדערע חסידים. בראַצלאַווער חסידים פלעגן אַלע יאָר סכות־צייט פאָרן קיין אומאַן צום אוהל צו ר׳ נחמנען: חסידים פלעגן זיי באַפאַלן, און זיד־לען: „נחמנטשיקעס, בראַצלאַווער כלבים", ס׳פלעגט קומען צו געשלעג אויך. דאָס זענען געווען שטיפקינדער צווישן חסידים, זיי האָבן נישט געהאַט קיין שטאַרקן רבין, קיין גואל: זייער מליץ־יושר אין הימל, ר׳ נחמן, האָט נישט גע־קענט ביישטיין אַנטקעגן זיינע לעבעדיקע קאָנקורענטן — די גוטע־יידן אויף

---

1) דערטן.

דער וועלט, שוין צופיל די „וועלטיקע", נישט געקוקט אויף זייער גאַנצע הייליקייט.

חסידות איז שטאַרק אויסגעוואַקסן אין פּוילן. נאָך די צוויי חסידישע פירער די צייט פון וואַרשעווער הערצאָגטום, ר׳ ישראל קאָושעניצער און ר׳ יעקב יצחק לובלינער, זענען אויפגעקומען נייע דינאַסטיעס. די אָנגעזעענסטע איז געוואָרן ק אָ צ ק ע ר דינאַסטיע (פון ר׳ מענדעלע קאָצקער, 1826 — 1859) און ג ע ר ע ר (גורע-קאַלוואַריע, פון ר׳ איטשע מאיר אַלטער, בערך 1830 — 1866). די ערשטע דינאַסטיע האָט געהערשט דערהויפּט אין דער פּראָווינץ, די צווייטע אין וואַרשע, וואָס איז ביז היינט געטריי געבליבן גער. פּוילישע „גוטע-יידן" זענען געשטאַנען אין מיט, צווישן די חבדישע און אוקראַינער רביים: זיי האָבן נישט איינגעפירט קיין גרויסאַרטיקע „הויפן", האָבן זיך נישט אַזוי געיאָגט נאָך פדיונות און האָבן געהאַלטן פון לערנען.

חסידות האָט געהאַט אייגענע קדושים אויך. וואָס האָבן שטאַרק געליטן פונם רוסישן פּאָליציי-רעזשים. בעת דער צענזור-מלחמה קעגן יידישע ספרים (§ 22), האָט די רעגירונג שטאַרק געקוקט אויף סלאַוואוטער דרוק, וואָס האָט געדרוקט נאָר חסידישע ספרים. די מדפיסים זענען געווען די ברידער שמואל אבא און פנחס ש אַ פּ י ר א, ר׳ פנחס קאָרעצערס אייניקלעך. די ברידער האָט מען געמסרט, אַז זיי דרוקן אָן צענזור שעדלעכע קבלה-ספרים און מ׳האָט די מסירה פאַרוועבט מיט אַ קרימינאַל: אין מנין ביי זיי האָט מען געפונען אַ הרוג אַ זעצער, כלומרשט האָט מען אים געהרגעט דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָלט אויסגעבן סודות פון דער דרוק. אַ לאַנגע צייט זענען די ברידער געווען אַרעסטירט אין קיעוו, דערנאָך איז אַרויס ניקאָלאַיס אַ רעזאָלוציע: טרייבן זיי „דורכן סטראָי" און שמייסן מיט שפּיצריטער, דערנאָך פאַרשיקן קיין סיביר. בעת דעם דורכגיין דורך דעם „סטראָי" איז ביי איינעם אַראָפּגעפאַלן די יאַרמולקע. נישט געקוקט אויף די געפערלעכע שמיץ, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אויפגעהויבן די יאַרמולקע און דערנאָך געגאַנגען ווייטער צווישן צוויי שורות קאַטן: בגלוי ראש האָט ער נישט געוואָלט גיין. פון פאַרשיקונג זענען זיי צוריק געקומען ערשט פאַר אַלכסנדר דעם צווייטן.

אַ סך אידעאַליזם און מאָראַלישע ריינקייט איז געווען צו געפינען צווישן חסידים, אָבער דאָ דערביי אַ שרעקלעכע פינסטערניש אויך, לייכטזין אָן אַ ברעג, און עבודה זרה. וואָס מ׳האָט זיך געמאַכט פון מענטשן, אָפּט פאַרדאָרבענע. צו דער גייסטיקער פאַרשכורטקייט קומט נאָך צו פשוט בראָנפן; חסידים, דערהויפּט אין דרום-מערב-קאַנט, האָבן שטאַרק געהאַלטן פונם טרונק. תחלת האָט דאָס געהייסן תיקון, אַ מיטל קעגן עצבות און פאַר התלהבות, מיט דער צייט איז דאָס געוואָרן שטייגער. מ׳האָט געטרונקען ביים צונויפקומען זיך צום רבין, מ׳האָט געטרונקען אין די „שטיבלעך" נאָכן דאַווענען, מ׳האָט געהאַלטן אין איין טרונקען, טאַנצן און דערציילן דעם רבינס מופתים. מ׳האָט זיך אריינגעלאָזט אין פּוילקייט,

מ'האָט פאַרוואָרפן געשעפטן, די פאַמיליע, און מ'האָט אַריינגעקוקט אויף נסים. וואָס גאָט וועט צושיקן דורכן צדיק. דאָס איז נישט געווען די אומגעלומפּערטע סברות פון אַ רוסישן פויער, וואָס מאַכט פונם מענטשן אַ חיה; דאָ האָט מען געטרונקען בנימוסדיקער: כדי צוקומען צו דער „מדרגה", גאָט צו דינען פון פרייד, שטאַרקן אנשי שלומינו, אָבער דער סוף איז געווען דער זעלבער: דער פאַרשלעפּטער געדאַנק, שטענדיקע ליידיקגייעריי, שרעקלעכע אָרעמקייט, בטול צו דער אַרומיקער וועלט און אַ ווילדע שנאה צו בילדונג און וויסן. אין אַ צייט פון שרעקלעכע רדיפות אין רעקרוטן-אינקוויזיציע איז חסידות געווען פאַר דער גרויסער מאַסע אַ שכרות פאַר צרות, דאָס האָט געזאָלט לינדערן די פּיין, דעם ווייטאָג. אָבער דער דאָזיקער שלאָפגעטראַנק האָט זייער שלעכט געווירקט אויפן פאָלק. ס'איז פאַרשלעפּערט געוואָרן, זיך שטאַרק געהאַלטן ביי די פינסטערע אַלטע דרכים און האָט נישט באַוויזן קיין פאַרשטאַנד פאַר דער נייער פּראָגרעסיווער באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אינעווייניק מיט דער השכלה.

דער ערשטער אומזיכערער גלאָקן-קלינג צו „השכלה" האָט זיך געלאָזט הערן אין וואָלין, אינם נעסט פונם פאַנאַטישסטן חסידות. דער ליטעראַרישער השכלה-פאָטער איז געווען יצחק-בער לעווינזאָן אין קרעמעניץ (1788—1860). אין די יונגע יאָרן האָט ער פאַרבראַכט ביי די „אויפגעקלערטע" אין גאַליציע, ביי יוסף פּערל און נחמן קראָכמאַל (§ 19); אַ היים איז ער געקומען מיט אַ פעסטן ווילן זיך אָפּגעבן פאַר אויפקלערן די אָפּגעשלאָסענע יידישע מאַסע. אין דער שטיל, אויסבאַהאַלטן פאַר חסידים, האָט ער געאַרבעט אויף זיין ווערק „תעודה בישראל", וואָס ער האָט דאָס מיט גרויס מי אָפּגעדרוקט אין ווילנע (1828). אינם דאָזיקן בוך האַלט זיך לעווינזאָן ביי דער רעליגיעזער טראַדיציע, מיט משלים פון יידישער געשיכטע און מיט מאמרי חז"ל באַווייזט ער אַזוינע איבערזאַכן: 1) אַ ייד איז מחויב צו לערנען לשון-קודש און דקדוק און תנ"ך מיט פשט לויטן דקדוק; 2) יידישקייט פאַרווערט נישט צו קענען פרעמדע שפּראַכן און ליטעראַטורן. דערהויפּט אָבער די לאַנד-שפּראַך, אגב איז דאָס אַ נוץ פאַר יעדן איינעם און פאַרן כלל אויך; 3) פאַר יידישקייט איז קיין געפאַר נישט צו קענען וועלטלעכע וויסנשאַפטן, אַזוינע חוקרים ווי דער רמב"ם זענען געווען געטרייע יידן; 4) יידן מוזן זיך נעמען פאַר מלאכה און ערדאַרבעט אנשטאט מעקלעריי און האַנדל; מ'דאַרף נישט הוגה מאכן קיין יונגע קינדער, וואָס האָבן נישט קיין זיכערע באַשעפטיקונג. דער דאָזיקער א"ב איז יענע צייט געווען אַן אויפטו, אַן עזותדיקע אפיקורסות אין די אויגן ביי פאַנאַטיקער און אַ ליכטיקע בשורה פון אַ נייַ לעבן ביי אַ הייפל פּראָגרעסיסטן, וואָס האָבן געגאַרט רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן און האָבן זיך באַדאַרפט דערמיט אויסבאַהאַלטן מחמת מורא פאַר רדיפות. די דאָזיקע מורא איז געווען ביי לעווינזאָנען אויך, דעריבער האָט ער גערעדט אַזוי איינגעהאַלטן וועגן יידישער פירונג צו זיין צייט; דעריבער האָט ער אויך פאַרשטעלט זיין נאָמען, ווען ער

האָט אַרויסגעגעבן דעם „דברי צדיקים“, אַ סאַטירע אויף חסידות (ווין, 1830), נאָכגעמאַכט יוסף פּערלס „מגלה טמירין“. זיין וויכטיקסט ווערק „בית יהודה“ — אַ האַלב־פילאָזאָפישע, האַלב־פובליציסטישע איבערזיכט וועגן דער געשיכטע פון יודאַאיזם, האָט לעווינזאָן נישט געקאָנט פאַרעפנטלעכן אַ לאַנגע צייט: אפילו ווילנער דרוק (די איינציקע דרוק, וואָס האָט זיך בכלל איינגעשטעלט דרוקן נאָך עפּיס חוץ תורה און מוסר־ספרים), האָט מורא געהאַט צו דרוקן אַזאַ בוך, וואָס האָט נישט קיין הסכמות הרבנים. „בית יהודה“ איז אַרויס ערשט דאָס יאָר 1839 כלומרשט אַן ענטפער אויף פראַגן, וואָס אַ רוסישע הויכגעשטעלטע פּערזאָן האָט געשטעלט דעם מחבר. „בית־יהודה“, דאָס הייסט די געשיכטע פון יודאַאיזם, האָט אַ קנאַפּן וויסנשאַפטלעכן ווערט: דאָרט פעלט דער טיפער היסטאָריש־פילאָזאָפישער אַנאַליז, וואָס מיר זעען אין „מורה נבוכי הזמן“ ביי נחמן קראָכמאַל. דער הויפּט־צוועק ביים מחבר איז צו באַווייזן היסטאָריש, אַז יידן האָבן אַלע צייטן זיך נישט דערווייטערט פון וויסן און פילאָזאָפיע. לעווינזאָן מיידט אויס האַרבע רעליגיעז־פילאָזאָפישע פּראָבלעמעס, ער זוכט דעם מיטלוועג; אַפילו וועגן קבלה, וואָס איז אים געוויס נישט צום האַרצן, זאָגט ער: „וואָס ווייסן מיר פון אַזוינע געהויבענע זאַכן!“ (קאַפּיטל 135). מחמת מורא פאַר דער אָרטאָדאָקסיע רירט ער כמעט נישט אָן חסידות, בעת ער באַפאַלט דאָס שטאַרק אין זיינע אַנאָנימע ווערק און אין זיין קאָרעספּאָנדענץ. לעווינזאָן לאָזט אויס זיין געשיכטע פון יודאַאיזם מיט אַ שבח דער רוסישער רעגירונג, וואָס זי זאָרגט פאַר יידן, און מיט אַ פּראָיעקט צו רעפאָרמירן די שול און רבנות.

לעווינזאָן האָט זיך אָבער נישט צופרידנגעשטעלט נאָר מיט ליטעראַרישער פּראָפּאַגאַנדע אַליין: ער האָט קנאַפּ געגלויבט, אַז אַ פּראָפּאַגאַנדע זאָל זיך אָננעמען אין ברייטע קרייזן, וואָס דאָס עצם־לייענען „טרף־פּסול“ איז ביי זיי אַ זינד. מער האָט ער געגלויבט, אַז רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן לאָזט זיך מיט דער רעגירונגס שטאַרקער האַנט. זייער פרי האָט לעווינזאָן אָנגעהויבן קלאַפּן אין די טירן פון רעגירונג־קאַנצעלאַריעס. שוין דאָס יאָר 1823 האָט ער דערלאַנגט דעם פּרינץ קאָנסטאַנטין פּאַוולאָוויטש אַ מעמאָראַנדום וועגן יידישע סעקטעס מיט אַ פּראָיעקט צו גרינדן נאָרמאַלע שולן און סעמינאַריעס. פריִער, איידער ער האָט אָפּגעגעבן צו דרוקן זיין ערשט ווערק „תעודה בישראל“, האָט ער געשיקט דעם מאַנוסקריפּט דעם רעאַקציאָנערן בילדונג־מיניסטער שישקאָוון מיט אַ ביט, מ׳זאָל אים אויסהעלפן אַרויסגעבן דאָס בוך; ווייל דער מחבר באַווייזט דאָרט דעם נוץ פון בילדונג און ערדאַרבעט, „פלאַנצט ליבשאַפט צום קייזער און צום פאָלק, וואָס מיט דעם זעען מיר באַהעפט, און ווייזט וויפיל טובות אָן אַ סוף מיר האָבן פון זיי“. דאָס איז געשריבן געוואָרן דעם 2־טן דעצעמבער 1827, אין דריי חדשים אַרום נאָך דעם באַפעל וועגן נעמען רעקרוטן אין קאַנטאָניסטן ביי יידן!... אין אַ יאָר אַרום האָט דער הכנעהדיקער קרעמעניצער שרייבער באַקומען אויפן קייזערס באַפעל אַ באַלוינונג 1000 רובל, „פאַר

אַ חערק, וואָס האָט דעם צוועק אַ מאָראַלישע רעפאָרם ביי יידן". דאָס איז שוין
געווען נאָך דעם יאָר 1828 נאָך דעם, ווי דאָס בוך איז געווען אָפּגעדרוקט, נאָך
דעם ערשטן רעקרוטן=מאָל, נאָך דעם ווי דער וועליזשער עלילת=דם האָט זיך
פאַרשאַרפט. פּאָליטישע תמימות איז ביי לעווינזאָנען געבליבן נאָכדעם אויך·
דאָס יאָר 1831 דערלאַנגט ער דעם בילדונג=מיניסטער ליווען אַ מעמאָראַנדום
וועגן רעפאָרמירן דעם יידישן רעליגיעזן שטייגער, דאָס יאָר 1833 דערלאַנגט
ער אַ ריזיקאַלישן פּראָיעקט וועגן פאַרמאַכן אַלע יידישע דרוקן אין אַזוינע ער=
טער, וואו קיין צענזור איז נישט פאַראַן; צום פּראָיעקט איז צוגעגעבן „אַ רייס=
טער פון אַלטע און נייע יידישע ספרים, אָנגעוויזן, וואָסערע קאָנען נוצלעך זיין
און וואָספּערע שעדלעך" (שעדלעך דאַרף מען פאַרשטיין דערהויפּט חסידישע
ספרים). לעווינזאָנס פּראָיעקט איז געווען איינער פון די מאָטיוון, וואָס די רע=
גירונג האָט אַרויסגעגעבן דאָס יאָר 1836 אַ שווערן געזעץ וועגן רעווידירן אַלע
יידישע ספרים; אין „תחום" האָט דער געזעץ פאַרשאַפט יידן אַ סך פּיין. פון
לעווינזאָנס זייט וואָלט דאָס געווען אַ נידריקייט, ווען מיר זאָלן נישט וויסן, אַז
פיל מער איז דאָס געווען נאַאיוו. דער קרעמעניצער יושב=אוהל איז געוויס גע=
ווען געטריי זיין פאָלק, אים האָט אָבער געפעלט דער פּאָליטישער חוש; דערי=
בער האָט ער געזוכט אַ שטעל אין דער פרעמד קעגן דעם היימישן פאַנאַטיזם,
געגלויבט בתמימות, אַז די מאַכט מיינט יידנס וואויל און אַז מ'קאָן ברעכן מיט
גוואַלד די פיינטשאַפט צו בילדונג ביי דער מאַסע. ער האָט נישט פאַרשטאַנען,
אַז דאָס געפּלאָגטע פאָלק קאָן נישט אויפנעמען קיין בילדונג פון אַזוינע הענט,
וואָס האָבן געטריבן זיינע קינדער צום שמד, וואָס האָבן אומברחמנותדיק גע=
בראָכן און געבויקערט דאָס גאָרע פאָלקסלעבן. די אָרטאָדאָקסן זענען אָנגעקומען
צו לעווינזאָנען נאָר ווען מ'האָט באַדאַרפט האָבן אַ מליץ=יושר. אין ברען פון
עלילת=דם=פּראָצעסן האָבן זיך ליטווישע און וואָלינער רבנים געווענדעט צו
לעווינזאָנען, ער זאָל אָנשרייבן אַ חערק קעגן בלוט=בלבול. דעמאָלט האָט ער
אַרויסגעלאָזט אַ בוך „אפס דמים" (ווילנא 1837): אַ דיאַלאָג פון אַ יידישן חכם
מיט אַ פּראַוואָסלאַוון פּאַטריאַרך אין ירושלים. שפּעטער האָט לעווינזאָן געשריבן
אַ התנצלות-ווערק קעגן „נתיבות עולם", אַ שריפט פון אַן ענגלישן מיסיאָנער מ.
קויל. „זרובבל" (אַזוי הייסט דאָס אַפּאָלאָגעטישע חערק, געדרוקט שוין נאָך דעם
מחברס טויט), פאַרמאָגט געוויסע וויסנשאַפטלעכע מעלות און דאָס איז איינע
פון די ערשטע פּראָבעס צו סיסטעמאַטיזירן די תּלמודישע לערע. אַנדערע לע=
ווינזאָנס חערק געהערן צו יידישער פילאָלאָגיע און לעקסיקאָגראַפיע („בית=האוצר"
און אַנד.). מיט רעכט פאַרדינט ער דעריבער דעם נאָמען: דער גרינדער פו
יידישער וויסנשאַפט אין רוסלאַנד, כאָטש מ'קאָן אים נישט גלייכן צו יידישע
וויסנשאַפטלער אין גאַליציע און אין דייטשלאַנד (ראַפּאָפּאָרט, צונץ, גייגער).

אין וואָלין האָט זיך השכלה שלעכט אָנגענומען. דאָ האָבן געהערשט „גוטע
יידן", וואָרטפירער פון השכלה האָט מען דאָ געהאַלטן פאַר געפערלעכע היימישע

שונאים: פאַרשטויסן זענען זיי געווען פון דער מחנה, זיי זענען אויסגעשטאַנען גרויסע רדיפות, אייניקע האָט דאָס געבראַכט צו שמד. 1) בעסער איז געווען די לאַגע פאַר בילדונג אין דרום און אין צפון אין „תחום". די אויפגעקומענע שטאָט אָ ד ע ס און די אַלטע ליטווישע ווי ל נ ע זענען געוואָרן נעסטן פון השכלה. אין אָדעס איז געווען אַ היבשע קאָלאָניע „בראָדער" יידן, זיי האָבן דאָס געבראַכט השכלה פון גאַליציע. דאָס יאָר 1826 האָבן זיי דאָ שוין געגרינדעט די ערשטע יידישע בילדונג-שול, דירעקטאָר איז געווען פריער זיטנפעלד, דערנאָך דער געוויסער טוער בצלאל שטערן; צווישן די לערער איז דאָ געווען שמחה פינסקער, דער קינפטיקער היסטאָריקער פון קאַראַאימען. פאַר יענער צייט איז אַזאַ שול געווען אַ גרויסער אויפטו, און אַרום דעם האָבן זיך גרופּירט אָדעסער משכילים. אָדעס, אַן אויפגעקומענע שטאָט, אָן טראַדיציעס, דערצו נאָך אַ האַפן-שטאָט מיט אַ פאַרשידנאַרטיקער באַפעלקערונג, האָט זיך אָנגעהויבן ציוויליזירן פריער פאַר אַנדערע יידישע צענטערן, אָבער דאָס איז געווען נישט מער ווי אַן אויסערלעכע ציוויליזאַציע. קיין נייע גייסטיקע קנינים זענען דאָ נישט געשאַפן געוואָרן. גאָר אַנדערש איז דאָס געווען אין ווילנע. ווילנע האָט נישט פאַרמאָגט דעם אויסערלעכן קולטור-גלאַנץ, האָט אָבער פאַרמאָגט אַ סך אינטעלעקטועלע קרעפטן. פון דעם קרייז ווילנער משכילים וואָס איז אויפגעקומען אין ווילנע די 30-ער יאָרן, זענען אַרויס צוויי באַשעפער פון נייִ-העברעאישן סטיל: דער פּראָזאַאיקער מ ר ד כ י א ה ר ן ג י נ צ ב ו ר ג (1796—1846) און דער פּאָעט א ב ר ה ם ב ע ר ל ע ב ע נ ז אָ ן (1794—1878).

גינצבורג איז געבוירן געוואָרן אין אַ זאַמוטער שטעטל סאַלאַנט, געוואוינט פריער אין קורלאַנד. דערנאָך אין ווילנע, פרי איז ער הייטיש געוואָרן מיט דייטשער ליטעראַטור און האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע פון איבערזעצן און איבערמאַכן דייטשע ווערק אויף העברעאיש. די 20-ער יאָרן האָט ער איבערזעצט קאַמפּעס „דאָס אַנטדעקן אַמעריקע" (העברעאיש און יידיש), ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ קאָמפּילירט ווערק וועגן דער מלחמה די יאָרן 1812—1813, דאָס זענען געווען אין רוסלאַנד די ערשטע שוואַלבן פון אַ וועלטלעכער ליטעראַטור אויף לשון-קודש, וואָס האָט גענומען קאָנקורירן מיט דער רבניש-חסידישער ליטעראַטור. פאַר די קינדער-יאָרן פון דער נייִ-העברעאישער ליטעראַטור, ווען אַ מאָדערנער סטיל איז שוין געווען אַ פאַרדינסט פאַר זיך, זענען אַזוינע ביכער געווען אַ גאַנצע איבעררעשונג. די גרעסטע ווירקונג אויף אויסצואַרבעטן דעם נייִ-העברעאישן סטיל האָבן געהאַט דערהויפּט צוויי ווערק

1) למשל, דובנער משומד גרינבוים — פּיאַדאַרעוו, וואָס האָט זיך באַהעפט דאָס יאָר 1843 מיט ברויסן. שטאַרקן רוסישן פאָלק- (זיינע ווערטער) און איז געוואָרן לערער אין אַ גימנאַזיע און צענזאָר אין קיעוו. (יבחר. סטאַרינאַ 1910, ז' 411 א. וו.).

גינצבורגס: „קרית ספר" — אַ בריוונשטעלער מיט מוסטערן פון געשעפט־בריוו, ידידות־ און ליטעראַטור־בריוו (1835) און „דביר" — אַ זאַמלונג דערהויפט פון איבערזעצטע און באַאַרבעטע אַרטיקלען, רייזע־באַשרייבונגען, דערציילונגען, אַפאָריזמען (ווילנע 1844). ווילנער משכילים האָבן באַוויינט דעם פרי־פאַרשטאָר־בענעם גינצבורגן אין פּראָזע און אין גראַמען: זיי האָבן אָנגעוואוירן אַ פירער אין אויפלעבן העברעאיש. נאָך זיין טויט איז אַרויס זיין אויטאָביאָגראַפיע („אביעזר") און קאָרעספּאָנדענץ („דביר", ב. II), דאָרט זעען מיר די סביבה, וואו דער שרייבער איז אויסגעוואַקסן.

אברהם בער לעבענזאָן, אַ געבוירענער א ווילנער, האָט אויפגעמונטערט די איינגעשלאָפענע יידישע מוזע מיט קלינג־קלאַנגעדיקע „שירי שפת קודש" (ב. 1, דאָס יאָר 1842): אַ געמיש פון הויכן שניט אויף יעדער געלעגנהייט מיט פילאָזאָפיש־לירישע פּאָעמעס. פאַר יענעם נאַאיוון דור איז געווען אַ גרויסע איי־בעררעשונג די שטאַרקע קלאַנגען פון ביבלישע מליצה־גראַמען, וואָס זענען גע־ווען אַ סך פיינער און האַרמאָנישער איידער ווייזלס (אונזער קלאָפּשטאָק) „שירי תפארת". שירים, וואָס אין זיי האָט געשטעקט אַ סך מער קאָפּ, איידער געפיל, פּאָעמעס פון וועלט־צער (החמלה), פון פּעסימיזם און אָפּטימיזם, פון אָרעמקייט און רייכקייט (דל מבין) זענען שטאַרק צום האַרצן געווען דעם דעמאָלטיקן קורא חביב, וואָס האָט געזוכט אַ „שכל" אין פּאָעזיע אויך. לעבענזאָן פילאָזאָפירט און מאָראַליזירט אין זיין ליריק, וועלט־צער און אייגן געמיט איז אים נענטער, איי־דער דאָס נאַציאָנאַלע. זיין איינציקער נאַציאָנאַלער שיר („דער ווי־געש־יי פון פאָלק ישראל") קלעבט זיך נישט צו די לויב־געזאַנגען דאָ דערביי אויף ניקאָלאַי דעם 1־טנס קרוינונג וכדומה פּאַטריאָטישע מאָטיוון. אגב איז דער „ווי־געשריי" פאַרזען מיט אַ באַמערקונג פאַר דער צענזור, אַז דאָס מיינט מען מיטלאַלטער... דער גרעסטער ווערט פון די „שירי שפת קודש" איז, וואָס דאָ איז באַשאַפן געוואָרן אַ נייער פּאָעטישער סטיל, דורות שפּעטערדיקע פּאָעטן האָבן דעם סטיל פאַרפיינערט.

גינצבורג און לעבענזאָן — דאָס איז געווען דער מיטלפונקט פון ווילנער משכילים; דאָ איז נאָך געווען דער היסטאָריקער ש. י. פין, דער לערנער מ. סטראַשון, צענזאָר וו. טוגענדהאָלד, ביבליאָגראַף י. בן־יעקב, „ראַדיקאַלן" און רעפאָרמאַטאָרן פון יענע צייט, ווען געפערלעך ראַדיקאַל האָט געהייסן מליצה און שטרעבן צו מענטשלעך וויסן. דער דאָזיקער קרייז האָט געפּרווט שאַפן אַ העברעאישן וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל אויפן שטייגער פון ענלעכע אויסגאַבן אין גאַליציע און אין דייטשלאַנד. די יאָרן 1841—1843 זענען אַרויס אין ווילנע נ״ט פין'ס רעדאַקציע צוויי העפטן „פרחי־צפון", אַ זאַמלונג וויסנשאַפטלעכע, פּובליציס־טישע אַרטיקלען און שירים פון דעם ביסל השכלה־אָרעמקייט, וואָס רוסישע יידן האָבן דעמאָלט פאַרמאָגט, — ווערק פון נישט קיין גרויסן פאַרנעם. אָבער אפילו אַזוינע ספּעקט־„בלומען" האָבן אויך נישט געקענט אויסהאַלטן די צפון־קעלטן:

די שטרענגע רוסישע צענזור האָט אין די נעבעכדיקע זאַמלונגען איינגעזען אַ זשורגאַל אויף העברעאיש: דערויף האָט מען שוין באַדאַרפט ספּעציעל אַ דערלויב פון פּעטערבורג, און היות ווי אַזוינס איז נישט געווען, זענען די „פּרחי־צפון“ פאַרוועלקט געוואָרן.

די אױפקלערער־באַוועגונג אין רוסלאַנד דאָס צווייטע פערטל XIX יאָרהונדערטס איז אין פיל פּרטים ענלעך צו דעם אָנהויב השכלה צו מענדלסאָנס צייט אין דייטשלאַנד, די צייט פון „המאסף“, דאָ איז אָבער פאַראַן אייגנס אויך. אויפקלערונג אין דייטשלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַסימילאַציע, וואָס האָט שפּעטער פאַרטריבן העברעאיש פון ליטעראַטור ביי דייטשע יידן; אַקעגן אָבער אין רוסלאַנד איז די ערשטע תקופה השכלה נישט פירגעקומען קיין וויכטיקע קולטור־איבערקערעניש, דאָ האָט זיך מיט השכלה אָנגעהויבן אַ ליטעראַרישער רענעסאַנס, אַ תקופה שפּעטער איז דאָס שוין געוואָרן אַ וויכטיקער געזעלשאַפטלעכער פאַקטאָר.

צווישן דער רוסישער געזעלשאַפט און דער יידישער איז געווען די אַלטע אייזערנע וואַנט. ביי רוסן אין די אויבן אין די רעזידענצן און אין צענטראַל־רוסלאַנד, האָט דער יידישער „תחום“ אויסגעזען עפּעס ווי כינע; אין דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אין „תחום“ האָבן נאָך שטיל געגלים פונקען פון אַמאָליקע היסטאָרישע פייערס, פינסטערע אוראַלטע לעגענדעס. אומוויסן און אָבערגלויבן האָבן זיך נישט געקאָנט אַרויסווייזן אין דער פּובליציסטיק: אַזוינס איז אין רוסלאַנד אין יענע צייטן בכלל נישט געווען, אַ שאָטן פון אַ יידן האָט געקאָנט זעלטן דורכשוועבן נאָר אין דער שיינער ליטעראַטור. פּושקין האָט זיך נאָך געוואַקלט צווישן דעם „פאַראַכטן יידן“ („אַ שוואַרצע שאַל“ 1820) און דעם אידעאַלן „זקן, וואָס ליינט ביבל שטאָק־נאַכט“ („אָנהויב פון אַ דערציילונג“, 1832). ביי גאָגאָלן אָבער אין דער היסטאָרישער נאָוועלע „טאַראַס בולבאַ“ (1835) איז שוין דעם יידן צוגעהאָנגען די גאָרע העסלעכקייט. דאָ האָט איר די אַדעלע אוקראַינער ריטער און דערבײ „אַ זשיד יענקל“, אַ פאַרקויפטע נשמה, אַ העסלעכע פאַרדאָרבנקייט: די היידאַמאַקעס און אוראייניקל האָט זיך דאָ אָפּגערעכנט מיטן יידן, מיט כמעלניצקיס קרבן. אין די דאָזיקע שרעקלעכע היסטאָרישע טראַגעדיעס, אין יידישע קדושים אין דער אַלטער אוקראַאינע, זעט גאָגאָל נישט מער, ווי „העסלעכע פּרצופּבנימער, פאַרקריפּלט פאַר שרעק“. איינער פון די באַשעפער פון דער רוסישער ליטעראַטור האָט אַריינגעשטעלט אין דער רעכטער מיט אַ העסלעכע פּאַרזעניש פון אַ יידן, מיט קינס צייכן, וואָס האָט פאַרסמט דעם רוסישן לייענער מיט פיינטשאַפט צום יידן און וואָס האָט אין אַ געוויסער מאָס געווירקט אויף יידישע טיפּן ביי אַנדערע רוסישע שרייבער (טורגעניעווס „זשיד“, יידישע טיפּן ביי טשעכאָוון און דעסגלייכן). אין אונטערהויף אין דער ליטעראַטור יענע צייט, וואָס האָט געהאַט אַסך מער געסט, איידער די עכטע רוסישע ליטעראַטור, האָט אַ שרייבער אַ מסור פאַדיי בולגאַרין אָפּגעמאָלט אין זיין ראָמאַן „איוואַן וויזשיגין“

(1829) אַ ליטווישן יידן „מאָושע״, אַריינגעלייגט אין אים וואָס אין דער קאָר[illegible] בולגאַרינס ראָמאַן, אַ ווערק פון אַ טאַלאַנטלאָזער פאַרקויפטער פען, איז איינגי[illegible] פאַרגעסן געוואָרן, אָבער צו זיין צייט האָט ער נישט ווייניק רוסן פאַרסמט מי[illegible] יידנפיינטשאַפט.

קאַפּיטל V.

די קלענערע יידישע צענטערן אין אייראָפּע און אין אַנדערע ערטער.

§ 27. פראַנקרייך בעת דער רעסטאַווראַציע און יולי־מאָנאַרכיע.

דאָס לאַנד, וואָס האָט פריער פאַר אַנדערע עמאַנסיפּירט יידן און געצווינגען אַנדערע לענדער דאָס טון, פאַרנעמט איצט אַ קליין אָרט אין דער יידישער געשיכטע, די צייט פון אייראָפּעאישער רעאַקציע. נאָך דעם ווי דאָס געוויסער פון נאַפּאָלעאָן׳ס אימפּעריע איז אָפּגעפאַלן און פראַנקרייך איז אַריין אין אירע ברעגעס, איז פון הונדערטער טויזנטער יידן אונטער איר הערשאַפט אָדער פּראָטעקטאָראַט געבליבן אַ קליינ׳ר יידישער צענטער פון 50—60 טויזנט נפשות. דער דאָזיקער צענטער האָט איצט איבערגעלעבט אַ רעזשים פון רעסטאַווראַציע, דאָס איז אָבער נישט געווען קיין רעסטאַווראַציע פון רעכטלאָזיקייט, אַזוי ווי מייסטנס אין אייראָפּע. אין פאָטערלאַנד פון דער „דעקלאַראַציע פון רעכט״ איז נישט מיגלאַך געווען צוריקשלעפּן צום גאָרן אַבסאָלוטיזם, צום „אַלטן רעזשים״. די רעסטאַווירטע בורבאָנען האָבן געמוזט געבן דעם פאָלק „אַ קאָנסטיטוציאָנעלע כאַרטיע״, שפּעטער ווען קאַרל דער X האָט זיך פאַרריסן און האָט געוואָלט מיט זיינע קעניגלעכע אָרדאָנאַנס׳ן ענדערן די קאָנסטיטוציע, האָט ער דערפאַר באַצאָלט מיטן טראָן; די יולי־טעג דאָס יאָר 1830 האָבן דערמאָנט אייראָפּע, אַז אין פראַנקרייך קאָן מען נאָך קעמפן קעגן אַבסאָלוטיזם. משך דרייסיק יאָר אייראָפּעאישע רעאַקציע איז פראַנקרייך און האָלאַנד געווען די איינציקע לענדער, וואָס יידישע גלייכבאַרעכטונג האָט זיך דאָרט פאַרפעסטיקט און געוואָרן אַ לעבנסזאַך.

אין דער קאָנסטיטוציע, וואָס לייַדוויק דער XVIII האָט געגעבן, איז געווען אַ פּונקט, אַז „אַלע בירגער זענען גלייך פריי צו האַלטן זייער גלויבן, און זייער קולט האָט אַלציינעם שוץ״, נאָר דאָ איז געווען צוגעגעבן: „אָבער נאָר די רוימיש־קאַטוילישע רעליגיע איז אַ מלוכה־רעליגיע, נאָר רוימיש־קאַטוילישע גייסטלעכע און גייסטלעכע פון אַנדערע קריסטלעכע אמונות באַקומען זייער

געהאלט פון דער מלוכה-קאסע". איין העלפט פון דעם דאזיקן צוגאב איז געווענדעט קעגן אלע נישט-קאטוילן, די צווייטע העלפט איז שוין אויסן נאר יידן. נאפאלעאן'ס יידישע קאנסיסטאריעס האבן געמאכט פון יידישע כלי-קודש א מין מלוכה-באאמטע, און אויב זיי באקומען איצט נישט קיין געהאלט פון דער מלוכה, איז דער מיין דא א רעליגיעזער, נישט קיין פינאנציעלער: די בורבאנען האבן דערמיט געוואלט אויסטייטשן, אז די יידישע אמונה איז נישט מער ווי א „טאלערירטע" אמונה, זאל זיין אז דאס שטימט נישט מיט דעם פונקט קאנסטיטוציע פון „אלציינעם שוץ" פאר אלע קולטן. דער דאזיקער פרט אין דער קאנסטיטוציע האט ווייניק געארט פראנצויזישע יידן די ערשטע צייט רעסטאוראציע; זיי האבן געהאט א גרעסערע זארג. עלזאסער יידן, ד. ה. צוויי דריטל פראנצויזישע יידן, האבן געהאט אויף זיך דעם „שענדלעכן דעקרעט" פונם יאר 1808, וואס האט אפגענומען ביי יידן א גרויסן טייל בירגעררעכט אויף צייט צען יאר [1]). דער טערמין איז געווען דאס יאר 1818, און ס'איז געווען געווענדט אין דער רעגירונג און אין פארלאמענט באנייען אדער אבשאפן דעם אויסנאם-צושטאנד פאר יידן. אין דער נעסט פון יידנהאס, אין עלזאס האט זיך שוין אנגעהויבן אן אגיטאציע צו פארלענגערן דעם שטראף-געזעץ: די גענעראלראטן פון ריינישע דעפארטאמענטן האבן געשיקט ראפארטן קיין פאריז, אז יי האבן מורא פאר עקאנאמישע קאנפליקטן, אויב פון יידן וועט אראפגענומען ווערן די צוים, אויב זיי וועלן ווידער מעגן מאנען זייערע חובות ביי פויערים און פריצים, פריי האנדלען און וואוינען אומעטום. ס'האט זיך פארפירט א פאלעמיק אין דער פרעסע אויך. דער אלטער נאציאנאלער און שטאנדן-האס האט זיך ווידער געלאזט הערן אקעגן, דער ווידערשטאנד איז געווען שוואך. יידישע פובליציסטן האבן אפגעענטפערט אין „L'israélite français" (1817—1818), ארגאן פון דער צענטראלער פאריזער קאנסיסטאריע און הויפטראבינער אברהם דע-קאלאנאי. אנהויב יאר 1818 איז די פראגע וועגן באנייען דעם דעקרעט געקומען פארן פארלאמענט.

דעם 5-טן פעברואר האט מען דער אויבערשטער קאמער דערלאנגט א פעטיציע פון איינעם א פריץ מארקיז דע-לאטיער: ער האט געבעטן באנייען דעם שטראף-דעקרעט „כדי צו האלטן אין דער מורא יידישע וואכערניקעס". גראף לאנזשיואינע, א גליד פון דער קאמער, האט געזאגט, אז דער דאזיקער דעקרעט איז אן „אפענע פעלשונג אין דעם כלל, אז פאר אלע בירגער גילט איין געזעץ". זאלן לויט א געזעץ באשטראפט ווערן אלע, וואס נעמען א צו גרויסן פראצענט, מ'טאר אבער נישט מאכן ספעציעל א געזעץ פאר א גאנצער קאטעגאריע בירגער דערפאר, וואס צווישן זיי טרעפן זיך וואכערניקעס. די אויבערשטע קאמער האט צוגעשטימט צו דער מיינונג און איז אריבער צום

---

1) פריערדיקער באנ: § 24

טאָג־אָרדנונג, ניִשט געענטפערט אויף דער פּעטיציע. די אונטערשטע קאַמער איז שוין ניִשט געווען אַזוי ליבעראַל. דעם 26־טן פעברואַר האָט די פּעטיציע־קאָמיסיע פאַרלייגט דער קאַמער איבערגעבן לאַטיער׳ס פּעטיציע די מיניסטאָרן פאַר אינעווייניקסטע ענינים און יוסטיץ, און זאָל די רעגירונג זאָגן, צי איז שוין צייט, אָדער צי איז שעדלאַך אָפּשאַפן פלוצים דעם אויסנעם־געזעץ פאַר יידן. דעפּוטאַט שאַוועלען האָט פּראָטעסטירט: אַזוי שטעלן די פראַגע הייסט אָנרירן די קאָנסטיטוציאָנעלע כאַרטיע! דאָך האָט די קאַמער אָנגענומען דער קאָמיסיעס פאָרשלאַג. דעם 9־טן מערץ האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן דעבאַטן וועגן דער פראַגע אין דער אויבערשטער קאַמער: ס׳איז אָנגעקומען נאָך אַ פּעטיציע קעגן יידן פון איינעם אַ מער פון דער פּראָווינץ. איינער אַ גליד פון קאַמער האָט געשטיצט די פּעטיציע: „די גאַנצע ערד וועט אינגיכן איבערגיין צו יידן, אויב מ׳זאָל זיי ניִשט פאַרשטעלן דעם וועג". אַנדערע צוויי פּערן (גראַף באַסי ד׳אַנגלאַ און מאַרקיז מאַרבואַ) האָבן אָפּגעענטפערט: ס׳וואָלט געווען די גרעסטע עולה דערלענגערן נאַפּאָלעאָן׳ס דעקרעט; באַגייט ווער אַן אומגעזעץ, איז דאַרף מען זיך ווענדן דערמיט צום געריכט, ניִשט צום פּאַרלאַמענט. די אויבערשטע קאַמער איז ווידער אַריבער צו איר טאָג־אָרדנונג. דאָס האָט געמאַכט אַ סוף צום שענדלעכן דעקרעט. היות ווי דעם 17־טן מערץ 1818, ד. ה. צום 10־יאָריקן טערמין, איז דער דעקרעט ניִשט דערלענגערט געוואָרן, בכן איז ער בטל געוואָרן, און פאַר יידן איז ווידער גילטיק געוואָרן דער אַקט עמאַנסיפּאַציע אין גאַנץ פראַנקרייך. ביי דער געלעגנהייט האָט די פּאַריזער צענטראַלע קאָנסיסטאָריע אַרויסגעגעבן אַ הנהגה־„בריוו" צו עלזאַסער יידן, וואָס ס׳איז פון זיי אַראָפּגענומען געוואָרן דער שאַנדפלעק פון רעכטלאָזיקייט (29 אַפּריל 1818). דער בריוו, וואָס האָט געזאָלט געלייענט ווערן אין די שולן אויף דער אומגאַנגשפּראַך, איז אַ דרשה אויף אַ פּסוק: „שארית ישראל לא יעשה עולה". די קאָנסיסטאָריע רעדט איין עלזאַסער יידן ניִשט באַשעפטיקן זיך מיט מיאוסע פּרנסות, דערהויפּט מיט וואָכער, און באַגריסט דעם באַשלוס פון אַ סך יידישע קרעדיטאָרן אָפּלייגן דאָס איינמאָנען חובות ביי קריסטן. „פאַרגעסט ניִשט, אַז ווען איניקע צווישן אייך באַגייען אַן אומרעכט, איז דאָס אַ געווער אין האַנט ביי אונזערע פיינט, און מענטשן מיט אַ ביין ווילן מאַכן די גאָרע יידישע מאַסע פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יחידים. פאַרגעסט ניִשט, אַז דער שווערער וואָלקן האָט זיך באַוויזן ביי אייך, אַז פון אייער זייט קומט דער בליץ, וואָס האָט געטראָפן אַלע יידן". קנעכטיש וואָלטן געקלינגען אַזוינע פראַזן אין „בריוו", ווי למשל: „צום טראָן פון די בורבאָנען קאָן ניִשט צושטיין קיין אומרעכט, קיין זינד קעגן די גרונדגעזעצן" (ערשט ניִשט לאַנג האָט מען פונקט אַזוי געהנפעט נאַפּאָלעאָנען!), ווען ניִשט דער גוואַלדיקער היסטאָרישער פאַקט, אַז אַ בורבאָנישע כאַרטיע האָט אומגעקערט יידן גלייכבאַרעכטונג, וואָס נאַפּאָלעאָן׳ס דעקרעט האָט ביי זיי געהאַט אָפּגענומען.

אין 12 יאָר אַרום האָבן פראַנצויזישע יידן דערלעבט נאָך אַ נצחון: די יולי-רעוואָלוציע האָט באַזייטיקט דעם לעצטן נשאָר אומגלייכקייט, די יידישע אמונה האָט באַקומען די זעלבע רעכט, וואָס אַנדערע. די יידן-פראַגע איז ווי-אַלע מאָל אויפגעקומען בעת מ'האָט באַהאַנדלט די הויפּט פּונקטן פון דער נייער קאָנסטיטוציע. אין דער זיצונג פון דער דעפּוטאַטן-קאַמער דעם 7-טן אויגוסט 1830 האָט מען באַהאַנדלט די פּונקטן פון דער פריערדיקער קאָנסטיטוציאָנעלער כאַרטיע וועגן רעליגיעזע קולטן, וואָס דאַרפן איצט געענדערט ווערן. די קאַמער האָט אָנגענומען אויסשליסן דעם פּונקט, אַז די קאַטוילישע רעליגיע איז די מלוכה-רעליגיע, אָבער ס'איז נאָך געבליבן אַ פראַגע, צי דאַרפן יידישע כלי-קודש האָבן די זעלבע רעכט, וואָס גייסטלעכע פון אַנדערע אמונות. מ'האָט פירגעלייגט דער קאַמער אַזאַ פאָרמול: „געהאַלט פון דער מלוכה-קאַסע באַקומען נאָר גייסט-לעכע פון דער רוימיש-קאַטוילישער רעליגיע, די רעליגיע פון דעם רוב פראַנ-צויזן, און פון אַנדערע קריסטלעכע קולטן". דעפּוטאַטן וויענע און ראַמביוטאָ זענען אַרויס קעגן דער פאָרמול. דער ערשטער האָט געפאָדערט „אינם נאָמען פון 150 טויזנט פראַנצויזן" (אַן איבערגעטריבענע ציפער פון דער יידישער באַ-פעלקערונג), אַז דער פּונקט זאָל הייסן אַזוי: „געהאַלט פון דער מלוכה באַקומען גייסטלעכע פון אַלע געזעצלעכע קולטן". ראַמביוטאָ האָט פירגעלייגט אַ מעסיקערע אויסבעסערונג: אַרויסוואַרפן פונם פּונקט דאָס וואָרט „נאָר"; געהאַלט זאָלן באַ-קומען גייסטלעכע פון אַלע קריסטלעכע קולטן. די קאַמער האָט דאָס אָנגענומען, און דער פּונקט איז אַרויס אין אַזאַ רעדאַקציע: „גייסטלעכע פון דער רוימיש-קאַטוילישער רעליגיע, די רעליגיע פון דעם רוב פראַנצויזן, און פון אַנדערע קריסטלעכע קולטן באַקומען געהאַלט פון דער מלוכה-קאַסע". וועגן יידישע כלי-קודש איז דאָ נישט דערמאָנט, בכן איז נאָך געבליבן אָפן די מעגלעכקייט מיט דער צייט דערלאַנגען גלייכבאַרעכטונג. און אַזוי איז דאָס איינגיכן געשען. פאַר רעליגיעזער גלייכבאַרעכטונג האָט זיך גענומען לואי-פיליפּס ליבעראַלע רעגירונג.

אין דער זיצונג פון דער דעפּוטאַטן-קאַמער דעם 13-טן נאָוועמבער 1830 האָט מערילו, אַ פאָרשטייער פונם מיניסטעריום פאַר בילדונג און קולטן, פיר-געלייגט גלייכבאַרעכטיקן די יידישע אמונה. מ'מוז באַזייטיקן די סתירה צווישן צוויי פּונקטן קאָנסטיטוציע, וואָס אין איינעם שטייט, אַז אַלע קולטן געניסן „אַלצאיינע שוץ", און אינם אַנדערן ווערט געזאָגט, אַז געהאַלט פון דער מלוכה באַקומען נאָר גייסטלעכע פון קריסטלעכע רעליגיעס. די קאַמער מוז דערפירן ביזן סוף די באַפריי-אַרבעט פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג דאָס יאָר 1789. „אין אַ צייט, ווען דער רוב שכנהשע נאַציעס זענען נאָך אָנגעלאָדן אין דער דאָזיקער פראַגע (אין דער יידן-פראַגע) מיט מיטלאַלטערישע פאָראורטיילן, באַ-ווייזט, אַז אונזער ליב פאָטערלאַנד געהערט שטענדיק די איניציאַטיוו אין גרויסע דערהויבענע אידעען". מערילו טראָגט אַריין אַזאַ פאָרשלאַג אינם נאָמען פון דער רעגירונג: „פונם 1-טן יאַנואַר 1831 אָן באַקומען גייסטלעכע פונם יידישן

קולט געהאַלט פון דער מלוכה". די קאַמער האָט געמאַכט אַ קאָמיסיע צו באַטראַכטן די פראַגע, דעם 2-טן דעצעמבער האָט דער רעפערענט פון דער קאָמיסיע געשטיצט דער רעגירונגס פאָרשלאַג; ער האָט געוויזן, אַז דאָ איז נישט וויכטיק די געלט-שטיצע פאַרן יידישן קולט (65 טויזנט פראַנק אַ יאָר), נאָר די מאָראַלישע סאַנקציע פאַר אַ געזעץ, וואָס זאָל גלייכבאַרעכטיקן „דעם אַלטן יידישן קולט, וואָס איז געקניפט מיט אַלע צווייגן קריסטנטום". היציקע דעבאַטן זענען פירגעקומען וועגן דעם אין דער זיצונג פון דער דעפוטאַטן-קאַמער דעם 4-טן דעצעמבער. פון די קעגנער האָט איין מאַרקיז דע-לאַטיור גערעדט אָפן ווי אַ קאָנסערוואַטאָר: יידן זענען געוואָרן גלייך אין רעכט מיט פראַנצויזן, נאָר זיי זענען נאָך נישט גלייך אין זיטן. ווילט איר נישט באַליידיקן די קאַטוילישע רעליגיע, איז קאָנט איר זי נישט שטעלן אויף איין ברעט מיט דער יידישער אמונה, „היינט וועט איר צאָלן געהאַלט יידישע רבנים, מאָרגן וועט איר שוין מוזן צאָלן פראַוואָסלאַוונע גלחים, אַנאַבאַפטיסטן און סען-סימאָניסטן". אַנדערע קעגנער האָבן זיך פאַרשלייערט אין ליבעראַלע פרינציפן. דעפוטאַט מאַרשאַל איז בכלל קעגן מלוכה-געהאַלט פאַר גייסטלעכע, דאָס מאַכט פון אַ גייסטלעכן אַ „באַאַמטן"; זאָלן רבנים בלייבן ביי זייער „פריווילעגיע" נישט אָנקומען צו קיין מלוכה-געהאַלט. דעפוטאַט מאָנטינאַי האָט זיך געמיט צו ווייזן, אַז „אַלצאיינע שוץ" פאַר אַלע קולטן, ווי אין דער קאָנסטיטוציע שטייט, הייסט נאָך נישט אַלצאיינס געניסן; די מלוכה צאָלט געהאַלט קריסטלעכע גייסטלעכע דערפאַר, וואָס דאָס איז אַ פאַרגיטיקונג פאַר די קירכלעכע גיטער, וואָס די מלוכה האָט קאָנפיסקירט בעת דער גרויסער רעוואָלוציע; קיין סינאַגאָגעס האָט מען דעמאָלט נישט קאָנפיסקירט. שטאַרקער און איבערצייגנדער זענען געווען די רעדעס פאַר דעם פאָרשלאַג. אַן עלזאַסער, אַנדרע, האָט געוויזן, אַז מ'מוז אָננעמען דעם פראָיעקט, בדי „צו הויבן יידן ביי זיי גופא אין די אויגן און אָפשוואַכן די פאָראורטיילן, וואָס צערייסן אונז". אַ פייערדיקע רעדע האָט געזאָגט דער ראַדיקאַל סאַלווערט. ווי קאָן מען דאָס זאָגן, אַז יידן פעלט פאַטריאָטיזם? יידן האָבן געמאַכט אַן אייגענעם פולק אין פוילן בעת דעם פאַטריאָטישן אויפשטאַנד דאָס יאָר 1794; יידישע העלדן האָבן פאַרטיידיקט וואַרשע קעגן רוסיש מיליטער און זענען געפאַלן אויף פראַגער מויערן בעתן שטורמען וואַרשע. „דאָס איז געשען אין אַ לאַנד, וואָס יידן זענען דאָרט דערנידעריקט ביז גאָר". באַפרייטע יידן אין פראַנקרייך האָבן שוין לאַנג באַוויזן זייער געטריישאַפט סיי אין קריג, סיי אין פריד. וואָסעל, דער לעצטער, וואָס האָט פאַרטיידיקט דעם פראָיעקט, האָט אַ וואָרף געטון עטלעכע בליץ-ווערטער לויטן סטיל פון דער גרויסער רעוואָלוציע: „מיר האָבן אויסגעלערנט פעלקער אַראָפשליידערן טיראַנען, לאָמיר זיי איצט לערנען זיך פריי מאַכן פון פאָראורטיילן. אונזער צייט האָט פאַרדינט, דער געזעץ זאָל פעסט מאַכן דעם פרינציפ, אַז פאַר אַלע רעליגיעס גילט איין געזעץ. דאָס איז נישט מער, ווי ציען אַלע פועל-יוצאס פון דעם, וואָס איז געשען די שיינע יולי-טעג.

די רעוואָלוציע דאָס יאָר 1793 האָט געפּרובט פעסטשטעלן טאָלעראַנץ דערמיט, וואָס זי האָט אָפּגעשאַפט אַלע רעליגיעס („דער קולט פון שכל"); די רעוואָלוציע דאָס יאָר 1830 וועט טון דאָס אייגענע דערמיט, וואָס זי וועט גלייך שיצן אַלע רעליגיעס". אונטער דעם איינדרוק פון אַזוינע רעדעס האָט די דעפּוטאַטן־קאַמער מיט אַ מערהייט 211 קעגן 71 אָנגענומען דעם פאָרשלאַג וועגן מלוכה־געהאַלט פאַר יידישע כלי־קודש. איצט האָט דאָס די אויבערשטע קאַמער באַדאַרפט סאַנקציאָנירן.

דעם 8־טן יאַנואַר 1831 האָט מען אָנגעהויבן באַהאַנדלען דעם פּראָיעקט אין דער אויבערשטער קאַמער. צווישן אַנדערע גלידער זענען דאָ געווען 3 מענטשן, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט ביי נאַפּאָלעאָנס יידן־רעפאָרם: גראַפן מאָלע און פּאָרטאַליס און באַראָן פּאַקיע, געוועזענע קאָמיסאַרןביים פּאַריזער „טובים"־צונויפפאָר און ביים „גרויסן סנהדרין". 25 יאָר זענען אַריבער זייט דער צייט, וואָס נאַפּאָלעאָנס אייזערנער ווילן האָט זיי געגויט פאַרהערן פאַרטרעטער פון פראַנצויזישע יידן און אויספרעסן ביי זיי אַזוינע באַשלוסן, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געוואָלט האָבן. באַראָן פּאַקיע איז געווען פאָרזיצער אין דער דאָזיקער זיצונג פון דער אויבערשטער קאַמער. — מעריליו האָט מאָטיווירט דעם פּראָיעקט אין נאָמען פון דער רעגירונג: „ווען ס'האַנדלט זיך פון אַ קולט, וואָס האָט אַ דאָפּלטע מעלה: אַ קיום פון אייביקע יאָרן און אַ סך אָנגעהעריקע, אַ קולט, וואָס איר טרעפט אים כמעט אין אַלע ציוויליזירטע לענדער, איז קאָנט איר נישט זאָגן, אַז זיינע גייסטלעכע האָבן קיין רעכט נישט אויף געהאַלט פון דער מלוכה־קאַסע". מ'האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע, אַהין זענען אַריין מאָלע און פּאָרטאַליס. פּאָרטאַליסן איז באַשערט געווען צו זיין אין דער קאַמער (זיצונג פון 29 יאַנואַר) דער רעפערענט פון דער קאָמיסיע, וואָס האָט אָנגענומען גאַנצערהייט דער רעגירונגס פּראָיעקט. פּאָרטאַליסעס רעפעראַט איז אַ גאַנצער טראַקטאַט וועגן דער ראָליע פון רעליגיע און קולט בכלל און וועגן יידישער אמונה בפרט: ווי ווייט אמונה איז אַ האַרץ־זאַך — געהער דאָס צו יעדן איינעם באַזונדער, קיין זייטיקער טאָר זיך דאָ נישט מישן. ווי ווייט אָבער רעליגיע ווייזט זיך אַרויס אין עפנטלעכן קולט, האָט שוין דאַרויף צו זאָגן די מלוכה. מ'דאַרף זיך באַאָר ענטפערן אויף דער פראַגע: צי איז דער יידישער קולט נוצלעך? דער רעפערענט ענטפערט דאַרויף: יאָ! קריסטנטום און יידנטום האָבן איין קוואַל טראַדיציע, אַן אַלגעמיינע טעאָלאָגיע, קאָסמאָגאָניע, גענעאַלאָגיע. פּאָרטאַליס דערמאָנט דער קאַמער, אַז ער איז בייגעווען אין פּאַריזער „סנהדרין", וואָס האָט געמאַכט אַ צווישנשייד צווישן רעליגיעזע און פּאָליטישע דינים. זיין רעדע האָט ער געענדיקט דערמיט, וואָס אונזער צייט איז פאַר דער געזעלשאַפט קיין געפאַר נישט פאַרשידענע אמונות, די געפאַר איז די גלייכגילטיקייט צו אַלע אמונות; דעריבער ווען די מלוכה שטיצט אַזאַ אַלטן קולט, שטיצט זי דערמיט די גאַנצע געזעלשאַפט. אַדמיראַל ווערויעל האָט אָפּגעענטפערט דעם רעפערענט מיט־

קלעריקאַלע טענות: ווי קאָן מען שטיצן אַ רעליגיע, וואָס איז זיך פאַר 18 הונ-
דערט יאָרן צעגאַנגען מיט קריסטנטום און פאַרפירט מענטשן ביז היינטיקן טאָג?!
יידן האַלטן נישט משה׳ס אמונה, נאָר אַ תלמוד-אמונה, וואָס זי איז פול מיט
„אַנטיקריסטלעכע און אַנטיגעזעלשאַפטלעכע״ אידעען. די מלוכה קאָן נישט שטיצן
מיט איין האַנט אַ קריסטלעכן קולט און מיט דער אַנדערער אַן אַנטיקריסטלעכן.
מ׳דאַרף צוװאַרטן ביז יידן װעלן מודה זיין אין אמת׳ן משיח, אין יעזוס קריס-
טוס׳ן; מיר זעען, אַז יידן קומען צו קאַטויליציזם, וואָס ווייטער — אַלץ מערער;
ווען גאַנץ ישראל וועט קומען דערצו, ווען פון רבנים וועלן ווערן קריסטלעכע
גייסטלעכע, דעמאָלט וועט מען קאָנען אָננעמען דעם פראָיעקט. דעם אַדמיראַלס
רעדע, אַ ווידערקלאַנג פון פינסטערע פאַררעוואָלוציאָנערע צייטן, האָט קיין שום
מיטפיל אין דער קאַמער נישט געפונען. פאָרטאַליס האָט אָפגעענטפערט, אַז די
באַשלוסן פונ׳ם פאַריזער סנהדרין האָבן שוין געבראָכן די מאַכט פונם תלמוד.
גראַף מאָלע, געוועזענער הויפט-קאָמיסאַר ביים סנהדרין און קינפטיקער פרעמיער-
מיניסטער, האָט איבערגעשלאָגן דעם אַדמיראַל, ווען יענער האָט געזאָגט, אַז
מ׳קאָן נישט שטיצן קיין „רעליגיע מיט גאָט ווייסט וואָסערע געזעצן״, מיט אַן
אויסרוף: „פון זינט דעם גרויסן סנהדרין ווייסן מיר שוין, וואָס איז דאָס פאַר
אַ געזעצן״, דערנאָך האָט ער דערפון גערעדט ספּעציעל. די אויבערשטע קאַמער
האָט דעם פראָיעקט אָנגענומען מיט אַ מערהייט 57 קעגן 32 שטימען (דעם 1-טן
פעברואַר 1831). די יידישע אמונה האָט באַקומען גלייכבאַרעכטיגונג אין פראַנקרייך.

דער דאָזיקער נצחון פון גלייכקייט די צייט פון איראָפּעישער רעאַקציע
האָט שטאַרק געהויבן פראַנצויזישע יידן. ס׳איז ביי זיי שטאַרקער געוואָרן דאָס
געפיל פון בירגערלעכער ווערדע, דאָס שטרעבן אויסצוואָרצלען די לעצטע
רעשטלאָך פון בירגערלעכער אומגלייכקייט, אָנצונעמען זיך פאַר יידן אומעטום,
ווו פראַנקרייך האָט נאָר געהאַט אַ ווירקונג. דאָס איז געווען דער אידעאַל, וואָס
האָט באַגייסטערט אַזאַ מאַן ווי **איזאַק אַדאָלף קרעמיע** (1796—1880),
אַ פאַריזער אַדוואָקאַט און אַ פּאָליטישער טוער, אַ פראַנצויזישער גבריאל ריסער.
קרעמיע שטאַמט פון אַ סוחרישער פאַמיליע רעפּובליקאַנער פון נים׳ער ספרדים,
ער איז אויסגעוואַקסן שוין די צייט פון עמאַנסיפּאַציע, וואָס האָט אים אויסגע-
גלייכט דעם וועג פאַר אַ פּאָליטישער קאַריער. ער האָט געענדיקט דעם יורידי-
שען פאַקולטעט און איז אַריין אין אַדוואָקאַטור, וואָס אין פראַנקרייך איז דאָס
געווען אַ טרעפּ צו אַ פּאָליטישער קאַריער. די צייט רעסטאַווראַציע איז דער
יונגער אַדוואָקאַט באַרימט געוואָרן מיט אייניקע רעדעס אין פּאָליטישע פּראָ-
צעסן. דערהויפּט האָט אויסגענומען, ווי אַזוי ער האָט אין געריכט פאַרטיידיקט
צוויי יונגען, וואָס מ׳האָט זיי באַשולדיקט אין זינגען די מאַרסעליעזע: קרעמיע
האָט אָפּדעקלאַמירט פאַר די ריכטער די פאַרבאָטענע פרייהייטליד מיט אַזאַ
התפעלות, אַז זיי זענען געריהרט געוואָרן, און זיי האָבן פריי געשפּראָכן די יונגען
(1819). אין זיין אַדוואָקאַטור-פּראַקטיק האָט ער געטראָפן אַ ווילדן גשאר פון

דער אַלטער יידישער רעכטלאָזיקייט: די באַליידיקע שבועה פאַר יידן more judaico; אַ צייט האָט האָט ער געשטרייט, מ'זאָל זי אָפּשאַפן און האָט דאָס אויסגעפירט, פריער פאַקטיש, דערנאָך יורידיש אויך (1846). די יולי-רעוואָלוציע האָט אַריינגעשלעפּט קרעמיע'ן אין פּאָליטישן קאָך. תחלת האָט ער געהאַלטן מיט דער יולי-מאָנאַרכיע, וואָס האָט ביי-אויפגעלעבט פראַנקרייך, ער איז געווען נאָנט צום קעניג לואי-פיליפּ. בעת ס'האָט זיך געפירט דער שטרייט פאַר גלייכבאַרעכטיקן די יידישע אמונה (1831), איז קרעמיע געווען די פאַרשטעלטע שפּרונג-פעדער, וואָס האָט געשפּאַרט די רעגירונג און אָנגעזעענע פּאַרלאַמענט-טוער דערפירן די יידישע עמאַנסיפּאַציע ביזן סוף. יענע צייט האָט מען אים אויסגעקליבן פאַר וויצע-פּרעזידענט פון דער צענטראַלער יידישער קאָנסיסטאָריע אין פּאַריז, און ער איז געוואָרן דער אָפיציעלער פאָרשטייער פון יידישע קהלות אין פראַנקרייך. באַלד נאָכדעם האָט ער זיך באַטייליקט אין אַסך זאַכן, וואָס האָבן אָנגערירט יידישן כבוד.

דאָס יאָר 1835 האָט די רעגירונג פון באַזעלער קאַנטאָן (שווייץ) פאַרווערט אַן עלזאַסער יידן זיך באַזעצן און פאַרווערבן אַ נחלה אין קאַנטאָן אויפן סמך פון אַלטע אויסנעם-געזעצן פאַר יידן. דער פראַנצויזישער געזאַנדטער אין שווייץ האָט געפאָדערט אָפּשאַפן דעם דאָזיקן פאַרבאָט: קיין פרייער פראַנצויזישער בירגער טאָר נישט אַזוי שענדלעך באַהאַנדלט ווערן אין שווייץ, בעת יעדער שווייצאַרישער בירגער, צו וואָס פאַר אמונה ער זאָל נישט געהערן, געניסט אין פראַנקרייך אַלע פערזענלעכע רעכט, — אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפן. קרעמיע האָט איבערצייגט די פראַנצויזישע רעגירונג, אַז דאָ גייט אין פראַנקרייך'ס כבוד; אין סעפּטעמבער דאָסזעלבע יאָר איז אַרויס אַ קעניגלאַכער דעקרעט, אַז דער פראַנצויזיש-שווייצאַרישער אָפּמאַך ווערט אויס גילטיק אויף אַ צייט פאַר באַזעלער קאַנטאָן, דאָס זעלבע אויך בנוגע קאָנסולאַט-באַציאונגען, „פאַר דער אומאַכטונג צו אינטערנאַציאָנאַלרעכט”, וואָס דער קאַנטאָן האָט באַוויזן. אין אַ קורצער צייט אַרום איז צום קעניג געקומען אַ דעפּוטאַציע פון פּאַריזער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע מיטן וויצעפּרעזידענט קרעמיע אויבן-אָן אָפּדאַנקען אים פאַר דער גערעכטיקער אַקציע. שטאָלץ האָט געקלינגען אין הויף קרעמיע'ס רעדע: „דאָס איז געשען דאָס XIX יאָרהונדערט: אַ פראַנצויזישן בירגער האָט מען אין אַ שווייצאַרישן קאַנטאָן פאַרווערט פאַרווערבן אַ נחלה, נישט געקוקט אויף אינטערנאַציאָנאַל רעכט, אויף אָפּמאַכן. דער דאָזיקער בירגער איז אַ ייד — דאָס איז זיין גאַנצער פאַרברעך. אָבער דער דאָזיקער ייד, וואָס מ'האָט אים פאַרטריבן פון שווייץ, האָט זיך אַקעגן געשטעלט, ער האָט געזאָגט: איך בין אַ פראַנצויזישער בירגער! און דער פראַנצויזישער קעניג האָט איבערגעריסן יעדן פאַרקער מיטן קאַנטאָן. גערימט זאָל דער ווערן, ווער ס'האָט מיט אַזאַ פייערלעכן אַקט אַ בשורה געזאָגט דער וועלט, ווי גרויס און אייביק ס'איז דער נצחון פון אונזער גרויסאַרטיקער רעוואָלוציע!” דער קעניג האָט געענט-

פערט אויף דער רעדע: ער איז גליקלעך, וואָס אים איז אויסגעפאַלן צו דער־פירן ביזן סוף די יידישע עמאַנסיפּאַציע אין פראַנקרייך, ער באַדויערט זייער, וואָס אין אַנדערע לענדער זענען נאָך פאַראַן פאַרשידענע קאַטעגאָריעס בירגער לויט דער אמונה נאָך. שפּעטער האָט זיך די פראַנצויזישע רעגירונג נישט איינ־געשטעלט פירצונעמען אַזוינע ריזיקאַלישע דיפּלאָמאַטישע אַקציעס. דאָס יאָר 1840 האָט מען נישט דערלויבט אַ פאַריזער יידן, אַ סוחר וואורמזער, צו וואוינען אין דרעזדן (זאַקסן). וואורמזער האָט זיך געקלאָגט פאַרן פראַנצויזישן געזאַנדטן אין דרעזדן, אָבער יענער האָט אים געענטפערט, אַז קעגן אַרטיקע געזעצן וועגן יידן לאָזט זיך גאָרנישט ניט מאַכן, מ׳קאָן נאָר פועל׳ן, פּאָליציי זאָל פאַרקוקען יידנס פאַרברענגען אין דרעזדען עטלעכע טעג ביז ער וועט פאַרענדיקן זיינע געשעפטן. וואורמזער האָט נישט געוואָלט קיין חסד, וואָס אים קומט מיט רעכט, און איז אָפּגעפאָרן קיין פאַריז. דאָ האָט ער זיך געווענדעט צום אויסערן־מיניסטער גיזאָ און ווידער באַקומען אַן ענטפער, אַז פראַנקרייך קאָן זיך נישט מישן אין אַ פרעמדער מלוכה׳ס אינעווייניקסטע אָנגעלעגנהייטן. די זאַך איז געקומען פאַר דער דעפּוטאַטן־קאַמער (דעם 28־טן מאַי 1841). דעפּוטאַט קאַרנאָ האָט אין אַ לאַנגער רעדע געשוואָרצט די באַנעמונג צו יידן אין דייטש־לאַנד און געפאָדערט, מ׳זאָל טון ענערגישע מיטלען בייצושטיין פראַנצויזישע בירגער אין אויסלאַנד. גיזאָ האָט צוגעזאָגט צו אונטערהאַנדלען מיט זאַקסישער רעגירונג, ער קאָן אָבער נישט גאַראַנטירן, אַז ער וועט אויספירן, וואָרום פראַנקרייך קאָן נישט נויטן זאַקסן באַפרייען פראַנצויזישע יידן פון אַזוינע באַגרעניצן, וואָס זענען גילטיק אפילו פאַר זאַקסישע יידן אויך.

דאָס יאָר 1842 איז קרעמיע געוואָרן פאַרלאַמענט־דעפּוטאַט, אין דער קאַמער איז ער געווען צווישן די טאַלענטירסטע פירער פון דער ראַדיקאַלער אָפּאָזיציע, וואָס האָט געקעמפט קעגן דעם, די יולי־מאָנאַרכיע זאָל זיך לאָזן ציען אויף רעכטס און וואָס זי האָט געבראַכט צו דער רעוואָלוציע דאָס יאָר 1848. קורץ פאַר דעם האָט ער אַ סך געטון וועגן עלילת־דם אין דמשק (ווייטער, § 31) און האָט זיך אַ נאָמען געמאַכט פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלן יידן־באַשיצער. ער האָט אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט צו דערמאָנען פון דער פאַרלאַמענט־טריבון, אַז חוץ אַ הייפל גלייכבאַרעכטיקטע יידן אין פראַנקרייך איז נאָך פאַראַן אויף דער וועלט מיליאָנען געפלאָגטע יידן. דאָס יאָר 1845 האָט קרעמיע שאַרף פירגעהאַלטן אין דער קאַמער דעם אויסערן־מיניסטער גיזאָ זיין פירונג: פון שווייץ האָט מען ווידער געטריבן פראַנצויזישע יידן, און גיזאָ האָט דערויף געזאָגט, אַז ער איז נישט אימשטאַנד זיי צו העלפן, וואָרום ער האָט קיין רעכט נישט צו מישן זיך אין אינעווייניקסטע אָנגעלעגנהייטן פון אַן אַנדער מלוכה. קרעמיע זאָגט: „דאָ אין דער קאַמער האָב איך די ערע צו זיצן גלייך מיט אייך, איך וויל אָבער קאָנען קומען קיין שווייץ אויך גלייך מיט אייך. זאָל דער מיניסטער עפנטלעך דערקלערן, אַז ביי פראַנצויזן קאָן נישט אָפּגענומען ווע־ן

זייער רעכט אין קיין לאַנד!" די קאַמער האָט שטאַרק אַפּלאָדירט דעם שיינעם ריידער, אָבער מער פאַר אַ דעמאָנסטראַציע איז דאָס נישט געווען. גיזאָ'ס קאָנסערוואַטיוו מיניסטעריום האָט נישט געוואַגט פירנעמען אַזאַ דיפּלאָמאַטישן פּראָטעסט, וואָס די רעגירונג פון דער יונגער יולי-מאָנאַרכיע האָט אויפגעטין צען יאָר פריער.

אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער האָבן גערודפטע יידן געקוקט מיט קנאה אויף דעם לאַנד, וואָס יידן האָבן דאָרט דערלאַנגט גאָרע גלייכבאַרעכטונג און האָבן זיך נאָך געקאָנט פאַרגינען זיך אָננעמען פאַר יידן אין דער פרעמד. פראַנקרייך איז געווען אַ לייכטטורם ביי דעם פּראָגרעסיוון יידנטום אין די אויגן די פינסטערע נאַכט רעאַקציע. פון דערווייטנס האָט דער אינעווייניקסטער געבוי פונם יידישן קהלה-לעבן אויך אויסגעוויזן צו זיין אַ מוסטער, ד. ה. די קאָנסיסטאָריעס, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט זיי אָנגעוואָרפן. אָבער אין דעם האָט מען זיך שוין גענאַרט. דער אינעווייניקסטער וואוקס פון פראַנצויזישן יידנטום האָט גאָרנישט געשטימט מיט דעם אויסערדיקן גלאַנץ. אין פראַנקרייך איז יענע צייט געווען 7 קאָנסיסטאָריעס אין זיבן סינאַגאָגישע קרייזן (פּאַריז, סטראַסבורג, קאָלמאַר, מעץ, נאַנסי, באָרדאָ, מאַרסעל) מיט אַ צענטראַלער קאָנסיסטאָריע אין פּאַריז אויבן-אָן. די וועלטלעכע גלידער אין די קאָנסיסטאָריעס פלעגט קלויבן אַ קליינע גרופּע פּני, קיין פאַרטרעטער פון דער מאַסע זענען זיי נישט געווען; די גייסטלעכע גלידער, די רבנים, זענען געווען אין די הענט ביי פּאַריזער קאָנסיסטאָריע: זי האט זיי באַדאַרפט באַשטעטיקן אין זייער אַמט. לויטן נייעם רעגלאַמענט דאָס יאָר 1844 האָבן אין די קאָנסיסטאָריעס באַקומען די אויבערהאַנט וועלטלעכע גלידער (די פּראָווינציעלע קאָנסיסטאָריעס באַשטיין פון אַ ראַבינער און 4 וועלטלעכע, די צענטראַלע — פונם הויפּטראַבינער אין פראַנקרייך און זיבן וועלטלעכע גלידער, אויסגעקליבן פון זיבן קאָנסיסטאָריע-קרייזן, נאָר וואָס וואוינען אין פּאַריז). לויטן געזעץ איז די צענטראַלע קאָנסיסטאָריע „דער פּאַרמיטלער צווישן דעם קולט-מיניסטער און קרייז-קאָנסיסטאָריעס". די באַציונג צו דער רעגירונג איז געווען דאָס, וואָס פּאַריזער קאָנסיסטאָריע, ווי איינער האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט יענע צייט, „פלעגט אין יום-טוב'דיקע פאַלן מאַכן פּאַראַד דער מאַכט, וואָס פאַר אַ פּאַרב די מאַכט זאָל נישט זיין". אַקעגן די פּראָווינציעלע קאָנסיסטאָריעס האָט זיך די צענטראַלע געהאַלטן פאַר אויבערהאַר, געפאָדערט זיי זאָלן אויספאָלגן אַלע אירע פאַראָרדנונגען. די קאָנסיסטאָריעס האָבן זייער ווייניק אויפגעטון, קיין טאַלענטירטע ראַבינער-פּרעדיקער זענען נישט געווען, ס'איז נישט געווען קיין איין קרעמיע אין ראַבינישע קליידער, ווי איינער האָט זיך אויסגעדריקט: „די קאָנסיסטאָריעס האָבן געמאָנט שטייער אויף צו באַצאָלן ראַבינער פאַר שווייגן און חזנים פאַר זינגען". הויפּטראַבינער (grand rabbin) אין פּאַריז ביזן יאָר 1827 איז געווען אברהם דע קאָלאָניאַ פון איטאַליע, וואָס האָט זיך געהאַט באַטייליקט אין פּאַריזער סנהדרין, מער אַ וועלט-

לעכער מאַן, איידער אַ רב. זיינע נאָכקומער זענען געווען נאָך נישטיקער. דער־נאָך האָט מען אָנגעהויבן נעמען ראַבינער פון דעם ראַבינער־סעמינאַר אין מעץ (געגרינדעט דאָס יאָר 1829). איינער אַזוינער, א י ז י ד אָ ר, איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר הויפּטראַבינער קורץ פאַר דער רעוואָלוציע דאָס יאָר 1848.

יידן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין פראַנקרייכס געזעלשאַפטלעך און גייסטיק לעבן, דערהויפּט אין מעדיצין און אין אַדוואָקאַטור. פון אַדוואָקאַטור האָט געפירט אַ גלייכער וועג צו פּאָליטיק. דאָס איז געווען אַדאָלף קרעמיעס וועג, פריער צו דעפּוטאַט, דערנאָך צו מיניסטער. ביז אים איז אין פּאַרלאַמענט געווען סך־הכל איין ייד: ב ע נ ו אַ פ ו ל ד (פון יאָר 1834 אָן). די אייגענע צייט, וואָס קרעמיע, איז אַריין אין פּאַרלאַמענט, אַ סוב־פּאָלקקאָמאַנדיר פון דער פראַנצויזישער אַרמיי מ אַ ק ס ס ע ר פ ב ע ר; ער האָט געהאַלטן מיט גיזאָס קאָנסערוואַטיוו מיניסטעריום, בעת דער מער־טאַלענטירטער קרעמיע איז געווען אין דער אָפּאָזיציע. יידן אָפיצירן זענען שוין געווען קיין זעלטנקייט אין דער פראַנצויזישער אַרמיי, אָבער פון הויכע מיליטער־ און ציוויל־פּאָסטנס האָט מען נאָך יידן געהאַלטן פון דערווייטנס. דעם העכסטן שטאַפּל האָבן יידן געקאָנט דערלאַנגען נאָר אין דער פריער קונסט. דאָ זענען געווען דריי שטערן: קאָמפּאָזיטאָרן פ ר אָ מ ע נ ט אַ ל ־ ה ל ו י און מ יי ע ר ב ע ר און די שוישפּילערין ר אַ ש ע ל. אַזוינע ווערק, ווי „זשידאָווקע“ (1835), „הוגענאָטן“ (1836) און דעס־גלייכן, וואָס האָבן די צייט פון דער יולי־מאָנאַרכיע פאַרכאַפּט אַלע פּאַריזער אייבערווינער, האָבן זיך געמאַכט אַ נאָמען אין גאַנץ אייראָפּע און געהאַט אַ ווירקונג אין דער געשיכטע פון דער אָפּערן־מוזיק. עליזע־ראַשעל פעליקס (1821—1858) האָט מיט איר געניאַלער קונסט פון סניי אויפגעלעבט ראַסינס און קאָרנעלס טראַגעדיעס און איז געוואָרן דער קלאַסישער מוסטער אין דער געשיכטע פונם דראַמאַטישן טעאַטער. קלענער איז געווען די ראָליע פון יידן אין דער פראַנצויזישער ל י ט ע ר אַ ט ו ר; זיי האָבן נישט געגעבן אַזוינע מייסטער, וואָס מ׳זאָל זיי קאָנען פאַרגלייכן מיט היינען און בערנען אין דער דייטשער ליטעראַטור, וואָס זיי האָבן אגב פאַרבראַכט זייערע בעסטע יאָרן אין פּאַריז. אין פראַנקרייך זענען אויך נישט געווען קיין אָנגעזעענע קרעפטן פאַר יידישער וויסנשאַפט, דערהויפּט אין היסטאָריאָגראַפיע, וואָס איז ביי דייטשע יידן געשטאַנען אויף זייער אַ הויכער מדרגה. געציילטע יידישע שרייבער זענען געווען, וואָס האָבן אָנגעווענדט נייע אייראָפּעאישע מעטאָדעס אויף אָפּצושאַצן די גייסטיקע שאַפונג פון זייער נאַצ׳יע.

דער אָריגינעלסטער אין דער דאָזיקער קליינער גרופּע שרייבער איז געווען יוסף סאַלוואַדאָר (1796—1873). סאַלוואַדאָר האָט געשטאַמט פון דרום־פראַנצויזישע מאַראַנען, פון אַ יידישן פאָטער און אַ קאַטוילישער מוטער; אין זיינע ווערק זעען מיר אַ געמיש פון די פאַרשידנפאַרביקע אידעען פון דער סביבה. דאָ איז ער אויסגעוואַקסן. ער האָט געענדיקט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט אין

זיין געבורט־שטאָט מאָנפעליע אָבער מיט דאָקטאָריע־פּראַקטיק האָט ער זיך נישט
פאַרנומען. ער איז געווען שטאַרק באַגייסטערט פאַר גרויסע רעליגיעז־פילאָזאָפישע
און סאָציאַלע פּראָבלעמעס. די אידעען פונם XVIII יאָרהונדערט און פון דער רעוואָ־
לוציע האָבן זיך ביי אים וואונדערלעך געקניפּט מיט די העכסטע אידעאַלן פון
יודאַאיזם, אויף יודאַאיזם האָט ער געקוקט אַלס אויף אַ קערן פון אַ קינפטיקער
וועלט־רעליגיע. אין זיין יוגנט־ווערק: „תורת־משה, אָדער די יידישע רעליגיעז־
פּאָליטישע סיסטעם" (La laï de Moise etc., 1822) האָט ער שוין פירגעבראַכט
זיין גרונד־געדאַנק, אַז דער אמתער משה, אויסגעשיילט פון דער שאָלעכץ, וואָס
די טראַדיציע האָט אים אַרומגעוויקלט, האָט באַשאַפן די בעסטע געזעלשאַפטלעכע
אָרדנונג. ער איז געווען אַ ניכטערער ראַציאָנאַליסט, „ער האָט געגרינדעט די
ערשטע רעפּובליק, וואָס איז אונז באַוואוסט", און אומזיסט איז זיין נאָמען אַריין
אין צעטל „שליחים פון אומוויסן, פּריווילעגיעס און דעספּאָטיזם". אין 6 יאָר
אַרום האָט ער איבערגעאַרבעט און פאַרמערט דאָס דאָזיקע בוך (Histoire des
institutions de Moïse et du peuple herbreu — פראַנצויזישע קרעריקאַלן
האָבן געשיט דערויף פעך און שוועבל: דאָס זאָל זיין גאָט־לעסטעריי, אַ באַליי־
דיקונג פאַר קריסטנטום און געפערלעכער רעפּובליקאַנישער גייסט. די קאַטוי־
לישע און רעאַקציאָנערע פּרעסע (L'ami de la religion און ענליכע אויסגאַבן),
וואָס האָט גענומען אַ שטאַרקערן טאָן די לעצטע יאָרן רעסטאַווראַציע, האָט
געפייערט קעגן סאַלוואַדאָרס „געפערלעך בוך". מער פאַר אַלץ זענען קאַטוילן
געווען אויפגעבראַכט פאַר דעם געדאַנק, וואָס סאַלוואַדאָר האָט אַרויסגעבראַכט,
אַז דער „פּראָצעס" אין ירושלים, וואָס האָט אַרויסגעזאָגט דעם פּסק וועגן קריס־
טוסן, איז פירגעקומען לויט אַלע פּראָצעס־פאָרמען יענע צייט, און אַז די באַ־
שולדיקונג האָט געהאַט אַ סמך אין פּסוק וועגן פאַלשע נביאים און וואָריזאָגער
(דברים, קאַפּיטל 13 און 18). כאָטש דער מחבר האָט נאָר אָנגעוויזן דעם
פאַקט, קיין איין וואָרט נישט פירגעבראַכט, אַז ער איז בעצם מוסכם
מיט דעם פּסק, דאָך האָט מען פאַרשמט דאָס בוך פאַר אַ „ליבעראַ־
לער אַפּאָלאָגיע פאַר גאָטמאָרד". שאַרטרער בישאָף האָט פּאָלעמיזירט קעגן
דעם בוך אין זיין אַ „מוסר־בריוו וועגן דעם, ווי די אפּיקורסות וואַקסט און וועגן
די באַליידיקונגען דירעקט קעגן אויסלייזער, וואָס מיר האָבן נישט לאַנג געהערט"
(פעברואַר 1829). סאַלוואַדאָר איז אין דעם מוסר־בריוו געקרוינט מיטן נאָמען
„אַטעאיסט אויף ספּינאָזעס שטייגער". „אָנשטאָט דעם, שרייבט דער בישאָף, מ'זאָל
אונז לאָזן ביי דער איבערצייגונג, וואָס מיר האָבן שוין בקבלה דריי טויזנט
יאָר, אַז משה איז געווען דעם אמתן גאָטס דינער און האָט אויסגעפאָלגט זיין
ווילן, מאַכט דער אויטאָר פון משהן אַ ספּינאָזיסט, אַ רעפּובליקאַנער, ראַדיקאַלער
נאָך פאַר די דעמאַגאָגן פונם יאָר 1793". אייניקע ליבעראַלע צייטונגען האָבן
זיך אָנגענומען פאַר סאַלוואַדאָרן (Globe און אַנד.). פאַך־קריטיקער האָבן ריכטיק
אָפּגעשאַצט די הויפּטזאַך אין בוך: מאָדערנע אידעען זענען איבערגעטראָגן גע־

האָרן אין דער אַלטער צייט אַריבער. די מאָדערניזאַציע פון ביבלישן יודאַאיזם— דאָס איז געווען סאַלוואַדאָרס ציל. ער איז נאָך ווייט געווען פון די נייע וויסנ־שאַפטלעכע מעטאָדן פון דער ביבלקריטיק. זיין „געשיכטע פון משהס אינסטי־טוציעס" פאַרנעמט אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור אַן אָרט אין דער מיט צווישן די ענציקלאָפּעדיסטן פונם XVIII יאָרהונדערט און די אידעאָלאָגן פונם XIX יאָרהונדערט פון רענאַנס שניט. אין זיין צווייט גרויס ווערק „יעזוס קריסטוס און זיין לערע" (2 בענד, 1838) איז סאַלוואַדאָר רענאַנס אַ פּאַרקומער אין דעם זין, וואָס ער באַלייכט דאָס אויפקומען פונם קריסטנטום אַלס אַ ייד אַ פרייִדענ־קער, ווי רענאַן טוט דאָס אַלס אַ קריסט אַ פרייִדענקער. סאַלוואַדאָר קריטיקירט נישט די יעוואַנגעלישע טראַדיציעס, ווי שטרויס טוט דאָס, און פּאָעטיזירט זיי נישט, ווי רענאַן טוט דאָס. ער דרינגט נאָר אַריין אין דער אידעאָלאָגיע פונם ברית חדשה, ער האַלט דאָס פאַר אַ הויכן, אָבער נישט פאַר דעם העכסטן שטאַפּל רעליגיע. די יידישע משיח־אידעע איז לויט זיין מיינונג נישט פאַרקערפּערט אין קיין איבערנאַטירלעכער פּערזאָן, זי דריקט זיך אויס אין דער היסטאָרישער עוואָלוציע, אין איבערבויען און באַנייען דעם כלל מענשען. די נביאים האָבן געטרוימט פון אַזאַ משיחות, דערצו שטרעבן אַלע פיינע גייסטער אונזער צייט, וואָס דאַרשטן נאָך אַ סאָציאַלער, מאָראַלישער באַנייאונג. דאָס דאָזיקע ווערק סאַלוואַדאָרס האָט אויך פאַרשאַפט אַ לעבעדיקע פּאָלעמיק אין צייטונגען און אין זשורנאַלן, אָבער דאָס איז שוין געווען די ליבעראַלע יאָרן פון דער יולי־מאָנאַרכיע, די פּאָלעמיק האָט דעריבער שוין נישט געהאַט קיין קלעריקאַלן ביי־טעם, וואָס איז אַזוי נאַטירליך ביי אַזאַ „געפערלעכער טעמע". דעם בוך האָבן געלויבט אפילו אַזוינע, וואָס זענען בעצם נישט מוסכם געווען מיט דעם (גיזאָ, דע־סאַסי און אנד.). ערב דער פעברואַר־רעוואָלוציע האָט סאַלוואַדאָר פאַרעפנט־לעכט זיין דריט ווערק: „די געשיכטע פון רוימישער הערשאַפט אין יהודה און חורבן ירושלים" (2 בענד, 1847). דאָס ערשטע מאָל איז דאָ געגעבן די טראַ־געדיע ווי אַזוי דאָס יידישע לאַנד איז געפאַלן; דאָ פעלט די וויסנשאַפטלעכע קריטיק, אָבער דאָ איז שוין פאַראַן דער היסטאָרישער חוש, וואָס מיט דעמס הילף האָט ער זיך פריי געמאַכט פון יוסף פלאַוויאוס טענדענציעזע באַשרייבונגען. סאַלוואַדאָר האָט פאַרענדיקט זיין ליטעראַרישע אַרבעט מיט אַ ווערק „פּאַריז, רוים און ירושלים", וואָס סיסטעמאַטיזירט זיינע אידעען בכלל; אָבער דאָס דאָזיקע בוך איז שוין אַרויס נאָך דער רעוואָלוציע דאָס יאָר 1848 און כאַראַקטעריזירט גיכער די תקופה, וואָס נאָך דעם.

סאַלוואַדאָר, אַ שטילער אָפּגעשלאָסענער דענקער, איז געשטאַנען אָן אַ זייט פון דער יידישער געזעלשאַפט און פון די גייסטיקע באַוועגונגען אין יידנטום. נענטער צום טיפּ דייטשיש־יידישער געלערנטער איז געווען דער היסטאָריאָגראַף אַדאָלף פראַנק (1809—1893), פּראָפעסאָר פאַר פילאָזאָפיע אין סאָרבאָנע, שפּעטער אַ גליד פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע. דאָס יאָר 1843 האָט

ער אַרויסגעגעבן אַ ווערק „קבלה, אָדער יידישע רעליגיעזע פילאָזאָפיע" (La kabbale etc.), דאָס איז די ערשטע פּראָבע וויסנשאַפטלעך אויסצופאָרשן דעם יידישן מיסטיציזם, (א. יעלינעק האָט דאָס בוך באַלד איבערגעזעצט אויף דייטש). די אייגענע צייט האָט אָנגעהויבען זיין אַרבעט דער אָריענטאַליסט ס אָ ל אָ מ אָ ן מ ו נ ק (1803—1867); ער האָט געשטאַמט פון דייטשלאַנד, געווען צונץ'ס און היינע'ס אַ פריינט, אין פּאַריז איז ער געווען ביבליאָטעקאַר אין דער „נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק". מונק האָט אָנגעהויבן מיט אַ גרויס ווערק וועגן פּאַלעסטינע (Palestine, description geographique, historique etc. 1845.); פאַרענדיקט האָט ער זיין וויסנשאַפטלעכע אַרבעט מיט אַרויסגעבן דעם אַראַבישן טעקסט פון רמב"ם'ס „מורה נבוכים" מיט אַ פראַנצויזישער איבערזעצונג (פונם יאָר 1856 אָן). ביי דער דאָזיקער אַרבעט האָט ער פאַרלוירן די ראיה.

דאָס פראַנצויזישע יידנטום איז געבליבן אָן אַ זייט פון דער רעפאָרמאַציע־באַוועגונג, וואָס האָט דעמאָלט געהאַט פאַרכאַפּט דייטשלאַנד. די אָרטאָדאָקסאַלע מאַסע (דערהויפּט אין עלזאַס) איז געווען שטאַרק אָפּגעשטאַנען, די אויבערשטע שיכטן זענען געווען שטאַרק אַסימילירט; די ערשטע האָבן נישט געוואָלט קיין רעליגיעזע רעפאָרם, די צווייטע האָבן זי נישט באַדאַרפט. אויב ס'האָט זיך געהערט אַמאָל אַ שטים פאַר אַ רעפאָרם, איז דאָס געווען אַ ווידערקלאַנג פון אומגלויבן, פון טרוקענעם ראַציאָנאַליזם. דער מאַטעמאַטיקער ט ע ר ק ע ם (Terquem, 1782—1862), אַ באַאַמטער אין קריג־מיניסטעריום, האָט אין אַנאָנימע צאַרפאַטער בריוו (Lettres tsarphatiques 1831—1838) גערעדט מיט וואָלטערס בייסנדיקן וויץ וועגן יידישלעכע טראַדיציעס און געפאָדערט אַ גרונטלעכע רעפאָרם, שבת און מילה זאָלן אויך אָפּגעשאַפט ווערן. אָבער אין די אַסימילירטע יידישע קרייזן איז געווען אַ היפשע גרופּע, וואָס איר איז ליבער געווען איבער אַלע רעפאָרמעס, איין באמת גרינדלעכע רעפאָרם—שמד. די צאָל משומדים האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. ביי אונז איז שוין דערמאָנט געווען די אָנגעזעענע יידישע פאַמיליע סערפבער פון סטראַסבורג, דער עלטערער דור איז געווען גענוג שטאַרק אויסצושטיין דעם רעזשים רעכטלאָזיקייט און בלייבן יידן 1); דער יינגערער דור אָבער האָט שוין נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון פון פרייהייט און האָט זיך מייסטנס אויסגעשמדט. איינער פון דער דאָזיקער פאַמיליע, וואָס האָט געביטן מיט דער אמונה זיין נאָמען אויך (טעאָדאָר ראַטיסבאָן), איז געוואָרן אַ פאַרברענטער קאַטוילישער אַבאַט, געגרינדעט אַ מאָנאַכן־אָרדן Nortre Dame des Sion; ער האָט געשריבן מיסיאָנערישע דרשות פאַר יידן און לעבנס־באַשרייבונגען פון קאַטוילישע הייליקע. זיין אַ ברודער, אַלפאָנס סערפבער, האָט אים נאָכגעטון און אַרויסגעגעבן דאָס יאָר 1844 אַ פּאַמפלעט „Ce que sont les juifs de France", גיט צו־וויסן דער וועלט

1) פריערדיקער באַנד § 6.

מיט אַחוצפּהדיקער גדולה, אַז ער האָט זיך אָפּגעקערט פון זיין פאָלק און ראָט יידן „אויפגעלעבט ווערן“ מיט דער הילף פון קאַטוילישער טויף־וואַסער. ער פאַרזיכערט, אַז געבילדעטע יידן פּאַסירן מאַסנווייז דעם דאָזיקן זומפּ (יידישקייט) און ווערן קריסטן. אין איינער אַ יידישער פאַרזאַמלונג, וואו מ׳האָט באַהאַנדלט די פראַגע פון רעליגיעזע רעפאָרמעס, זאָל איינער לויט ווי אַ משומד גיט איבער, האָבן געזאָגט אַ „גליינך“ וואָרט: „לאָמיר זיך וואָס גיכער אַרויסרוקן פון דער דאָזיקער אַלטער חורבה, זי וועט איינפאַלן און אונז פאַרשיטן!“.

אַ הייפל אינטעליגענץ, וואָס איז געטריי געבליבן דער אַלטער פאָן, האָט מיט ווייטאָג צוגעזען, ווי דאָס יידנטום צעפאַלט זיך, און האָט נישט געוואוסט, ווי צו העלפן. אַ רעדאַקטאָר פון אַ יידישן זשורנאַל שרייבט דאָס יאָר 1842 : „שוין זשע באַווייזט פרייהייט אַזוינס, וואָס רדיפות האָבן נישט געקאָנט פריער אויספירן?“ אינטעליגענטישע טוער ביי דער פאַריזער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע האָבן געפרובט אויפלעבן דעם אינטערעס צו יידישקייט און האָבן צו דעם צוועק געשאַפן אַספּעציעלן זשורנאַל אויף פראַנצויזיש. דאָס יאָר 1840 האָט אין פאַריז אָנגעהויבן אַרויסגיין דער Archives Israèlites , פריער אַ חודש זשורנאַל, דערנאָך אַוואָכנבלאַט (עקזיסטירט ביז איצט), אַן אָרגאַן פון דער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ ; דאָס יאָר 1844 האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין Univers Israélite -- אַ קאָנסערוואַטיווער אָרגאַן. רעדאַקטאָר פון „ארכיוו“ איז געווען שמואל כהן, אַ לערער אין קאָנסיסטאָריאַל־שולן; ער האָט זיך אַ נאָמען געמאַכט מיט זיין איבערזעצן תנ״ך אויף פראַנצויזיש. דער זשורנאַל האָט באַהאַנדלט פּאָליטישע פראַגן אויך פונם יידישן לעבן אין פראַנקרייך און אין אַנדערע לענדער, ער האָט אָבער געהאַט זייער ווייניק לייענער. אינטערעסאַנט אַזאַ פּרט ; אייניקע פאַריזער אַבאָנענטן האָבן געבעטן די רעדאַקציע שיקן זיי דעם זשורנאַל אין פאַרמאַכטע קאָנווערטן, זאָל דער שווייצאַר זיך נישט אָנשטויסן, אַז דאָ וואוינט אַ ייד. דער ערגסטער מין אַסימילאַציע, דאָס אויסבאַהאַלטן זיין יידישקייט, איז אין פראַנקרייך געווען דעמאָלט אַ געוויינטלעכע זאַך : „די עמאַנסיפּאַציע איז געווען אַ געזעץ, זי איז אָבער נאָך נישט אַריינגעדרונגען אין די זיטן“, דער געזעלשאַפטלעכער יידנהאַס, דערהויפּט אין דער קאַטוילישער מאַסע, איז דאָ געווען נישט קלענער איידער דער אָפיציעלער יידנהאַס אין די רעקאַציע־לענדער. פון אויבן האָט דאָס פראַנצויזישע יידנטום געגלאַנצט מיט בירגערלעכער גלייכקייט, אינעווייניק האָט דאָס געפוילט, געוואָרן נאַציאָנאַל בלוטלאָז.

28. דער נייער רעזשים אין האָלאַנד, צוריק צום אַלטן רעזשים אין איטאַליע.

ביי די לענדער, וואָס ביז דאָס יאָר 1814 זענען זיי געווען אונטער פראַנקרייך׳ס הערשאַפט אָדער פּראָטעקטאָראַט, האָט זיך יידישע עמאַנסיפּאַציע

אײַנגעוואָרצלט נאָר אין נידערלאַנדן, ד.ה. אין האָלאַנד און אין בעלגיע (אָפּגעטיילט זיך פון האָלאַנד דאָס יאָר 1830): מיט דער רעסטאַווראַציע פון אָראַנער דינאַסטיע אין האָלאַנד, האָט זיך אין דער ליבעראַלער קאָנסטיטוציע גאָרנישט געביטן. אין אויסאַרבעטן די קאָנסטיטוציע גופא דאָס יאָר 1817 האָט זיך באַטייליקט אַ ייד, אַ געוויסער יוריסט קאַרל אַסער, אַ באַאַמטער אין יוסטיץ-מיניסטעריום און פאָרזיצער פון דער הויפּטפאַרוואַלטונג פון יידישע קהלות אין האָלאַנד 1). די אינעווייניקסטע קאָנסטיטוציע פון יידישע קהלות האָט זיך ווידער געביטן. נאַפּאָלעאָן'ס קאָנסיסטאָריעס זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן, דערמיט איז אויך אַ סוף געוואָרן צו דער צענטראַליזאַציע אין דער קהלות־פאַרוואַלטונג, וואָס האָט שטאַרק געשטערט דער אויטאָנאָמיע פון אייַנצעלנע קהלות און האָט מיט גוואַלד ניוועלירט דעם אונטערשיד צווישן אשכנזים און ספרדים. לויט דעם נייעם רעגלאַמענט (1817) איז יעדער קבוץ אין דער קהלה געווען פריי אין זיינע מנהגים. אין אַמסטערדאַם איז געוואָרן אַ הויפּט־קאָמיסיע מיט זיבן פאַרטרעטער פון די גרעסטע קהלות, זי איז געווען די פאַרמיטלערין צווישן די קהלות און דער רעגירונג און אונטערגעוואָרפן דעם מיניסטעריום (פאָרזיצער איז אַ לאַנגע צייט געווען דער דערמאָנטער ק. אַסער). אַלע קהלות זענען געווען איינגעטיילט אין 12 גרופּעס אָדער קרייזן. קרייז־אָדער „הויפּט־סינאַגאָגעס" (אין אַמסטערדאַם און אין האַאַג זענען געווען אַשכנזישע און פּאָרטוגעזישע), אויבער־רבנים און שטאָט־רבנים, פּרנסים און מנהיגים — דאָס איז געווען דער לייטער פון דער קהלה־פאַרוואַלטונג. בכן איז דאָ אין אַ געוויסער מאָס אויפגעשטעלט געוואָרן די אַלטע יידישע אויטאָנאָמיע, אָבער געהאַלטן האָט זי זיך מער מיט דעם קאָנסערוואַטיזם פון די מאַסן, איידער מיט דער ענערגיע פון דער נייער אינטעליגענץ. אין האָלאַנד איז נישט פּירגעקומען קיין שאַרפער אסימילאַטאָרישער איבערבראָך, נישט קיין רעליגיעזע רעפאָרמאַציע, ס'איז אָבער אויך נישט געווען קיין פּרוב אויסשטימען דאָס אַלטע מיט דעם נייעם, אויטאָנאָמיע מיט עמאַנסיפּאַציע. ביסלעכווייז האָבן די אַשכנזים, ד. ה. דער רוב יידישע באַפעלקערונג, אָנגעוואָרן זייער אומגאַנגשפּראַך — יידיש, אין אַ סך סינאַגאָגעס האָט מען שוין געדרש'נט אויף האָלענדיש (אין בעלגיע — אויף פראַנצויזיש). די יידישע שול איז בטל געוואָרן אין דער מלוכה'שער. דער איינציקער אָנהאַלט איז געווען די רעליגיעזע אינערציע. האָלענדער יידנטום, וואָס האָט נישט געוואוסט נישט פון קיין פּאָליטישער רעאַקציע, נישט פון קיין שאַרפע קולטור־קריזיסן, קאָנסערוואַטיוו און רואיק, איז געבליבן אָן אַ זייט פון דעם קאָכיקן יידישן לעבן אין די גרויסע צענטערן.

פונקט פאַרקערט איז געווען די לאַגע פונם יידישן קבוץ אין אַ לאַנד, וואָס איז סוף XVIII און אָנהייב XIX יאָרהונדערט אינאיינעם מיט האָלאַנד גע־

1) פריערדיקער באַנד § 25.

שטאַנען אונטער פראַנצויזישער ווירקונג און האָט אויך איבערגעלעבט אַ תקופה
עמאַנסיפּאַציע אויף אַ ווייל; מיר מיינען דאָ איטאַליע. דאָ האָט די רעסטאַווראַ-
ציע באַגראָבן די יידישע עמאַנסיפּאַציע. צו דער פּאָליטישער רעאַקציע איז דאָ
נאָך צוגעקומען אַ קלעריקאַלע, וואָס האָט געווילדעוועט דערהויפּט אין דער
קירך-געגנד און אין פּיעמאָנט. דאָ האָט מען זיך נוקם געווען, ווי
ווייט מ'האָט געקאָנט, אין די אויפטוען פון דער רעוואָלוציע און פון נאַפּאָלע-
אָניס רעזשים; פאַרשטייט זיך, אַז דער ערשטער קרבן איז דאָ געווען יידישע
עמאַנסיפּאַציע, דאָס קינד פון דער פאַרהאַסטער באַפריי-באַוועגונג. מיט יידן
האָט זיך די רעסטאַווראַציע מאַכט אָפּגערעכנט פאַר דער גאָרער דערנידעראונג,
וואָס זי איז אויסגעשטאַנען לאַנגע יאָרן. דאָס פינסטערע געזינדל האָט געפייערט
נאַפּאָלעאָן'ס מפּלה קודם כּל מיט אַן אָנפאַל אויף דער געוועזענער יידישער
געטאָ ביים טייך טיבר (יאַנואַר 1814). די קלעריקאַלן האָבן געשפּריינט בלעטלאַך
קעגן „יאַקאָבינער און יידן", אין גאַסן-לידלעך האָט זיך געזונגען וועגן פאַרניכטן
די דאָזיקע „פּאָטערלאַנדס שונאים". יידן האָט מען ווידער אָנגעהויבן טרייבן פון
„קריסטלעכע" גאַסן צוריק אין געטאָ אַריין. יידישע סטודענטן האָט מען געטריבן
פון אוניווערסיטעטן. די רעסטאַוראַציע פונם אַלטן רעזשים האָט זיך אָנגעהויבן
נאָך איידער דער פּויפּסט פּי דער VII האָט זיך אומגעקערט פונם גלות, פון
פאָנטענעבלאָ (מאַי 1814). יידן האָבן אָנגעהויבן זיך משתדל זיין פאַרן פּויפּסט,
וואָס האָט נישט געהערט צו די ערגסטע פון דעם מין. יידן סוחרים האָבן אָנ-
געשלאָגן דעם פּויפּסטס רעגירונג הונדערט טויזנט סקודי, מ'זאָל יידן לאָזן זייע-
רע רעכט; מ'האָט זיי געענטפערט, אַז דער הייליקער פאָטער באַציט זיך צו זיי
מיט חסד, געטון האָט מען אָבער אַנדערש. ס'איז שוין געווען אַ באַשלאָסענע
זאַך, אַז יידן פון אַלע עקן רוים זאָל מען פאַרשפּאַרן אין דער ענגער און שמו-
ציקער געטאָ. יידישע גרויסע געשעפטן אויף קאָרסאָ און אין די צענטראַלע
גאַסן האָבן זיך געזאָלט פאַרמאַכן, מיט גרויס מי האָט מען קוים אויפגעפּועלט
אָפּלייגן דעם דאָזיקן פּסק אויף דריי חדשים. די דאָזיקע רדיפות האָבן גע-
בראַכט מיט זיך פאַראָרעמונג, אָנזעצן און עמיגראַציע.

דאָס איז אָבער געווען ערשט אַן אָנהויב. דער פּויפּסט פּי דער VII, וואָס
האָט אַליין אַ סך איבערגעליטן אויף זיין לעבן, האָט זיך נאָך געמיט פאַרגרינ-
גערן פאַר יידן דעם איבערגאַנג פון פרייהייט צו קנעכטשאַפט, נאָכגעלאָזט אין
געוויסע פּרטים די ביטערע געזעצגעבונג, געלאָזט יידן וואוינען און האַנדלען אויף
געוויסע גאַסן אויסער דער געטאָ. אָבער זיין נאָכקומער, לעאָ דער XII (1823—
1829) האָט נישט געוואָלט הערן פון קיינע הנחות אין אַזאַ גאָטספאָרכטיקער
אַרבעט, ווי פאַרקנעכטן פרייע מענטשן (אגב, האָט פאַר זיין צייט ווידער שטאַרק
אויפגעבליט דער יעזואיטן-אָרדן). ער האָט צוריק איינגעפירט כּמעט אַלע פּונקטן
פון דעם אינקוויזיטאָרישן עדיקט פונם יאָר 1775. צו דער יידישער טורמע, צו
דער געטאָ, האָט ער צוגעגעבן נאָך צוויי גאַסן, אַלע אַרעסטאַנטן זאָלן אַהין

קאָנען אַריין, די טויערן פון דער דאָזיקער טורמע האָט ער געהייסן אויף ביי־באַכט פאַרשפאַרן. ער האָט שטרענג פאַרווערט יידן האַלטן ביי זיך קריסטלעכע דינערשאַפט: מ'האָט געגעבן אַ טערמין אַ חודש אויף אָפּצולאָזן דינסטן און צוויי חדשים — פאַר באַדינער. פרומע יידן זענען געבליבן אָן „שבת־גויים", שבת איז מען געזעסן אומגעהייצט און אין דער פינסטער, סיידן סאָלדאַטן־פּאַטרולן פלעגן פון רחמנות אָנצינדן פייער אין די פינסטערע הייזער און אויסהייצן דעם אויוון ווינטער. לעוו דער XII האָט צוריק איינגעפירט אפילו די „מוז־דרשה": פינף מאָל אַ יאָר פלעגן יידן מוזן קומען אין קלויסטער סאַן־אַנדזשעלאָ ביי דער געטאָ אויסהערן אַ מיסיאָנערישע דרשה פון אַ גלח. נאָך פאַר פּי דעם VII האָט מען ווידער איינגעפירט די אַלטע שענדלעכע קאַרנאַוואַל־צערעמאָניע פאַר יידן: פאָרשטייער פון דער געטאָ, אָנגעטון אין פּאַיאַץ־קליידער דערלאַנגען מס דער רוימישער מאַכט. פאַר לעוו דעם XII האָט מען פאַרגרינגערט די צערעמאָניע: יידן האָבן דאָס געמעגט טון אין זייערע געווײנטלעכע קליידער. דעם הייליקן פּעטרוס שטעל־פאַרטרעטער האָט צום סוף לעבן געשענקט יידן צוויי אומברחמנות־דיקע דעקרעטן. ער האָט געמאַכט אַ שטרענגע השגחה אויפן יידישן פאַרקער אין דער קירך־געגנט: אַ ייד דאַרף בעטן אַ דערלויב אויף אָפּצופאָרן פון אַן אָרט אויף דער קורצסטער צייט; קומט ער ערגיץ, איז מוז ער זיך באַלד מעלדן צום „בישאָף־אינקוויזיטאָר" אָדער צום וויקאַרי. לויט אַ צווייטן דעקרעט זאָלן אַלע יידן, וואָס פאַרמאָגן אַ נחלה אויסער דער געטאָ, מוזן פאַרקויפן די נחלה קריסטן משך פינף יאָר (פון יאַנואַר 1828 אָן); ווען נישט, ווערט די נחלה קאָנפיסקירט סוף טערמין. אָפּגעטון אַזוינע מצוות, האָט לעוו דער XII געקאָנט מיט אַ ריין געוויסן אַוועק אין זיין רו אַריין.

אַ קורצע צייט האָט געהערשט דער פאַרעווער דער VIII, דערנאָך איז אויף דעם הייליקן טראָן ארויף גריגאָרי דער XVI (1831—1846). דער נייער פּויפּסט האָט איבערגענומען די מאַכט, בעת אין לאַנד האָט גערוישט אַ רעוואָלוציע, אַ ווידערקול פון די יולי־טעג (1830) אין פּאַריז. אין אייניקע שטעט (באָלאָניע, אַנקאָנאַ און אַנד.) האָט זיך דאָס פאָלק אויפגעהויבן קעגן דעם דעספּאָטיזם פון דער רוימישער קוריע. אין דער באַפריי־באַוועגונג האָבן ערטערווייז אויך יידן גענומען אָנטייל, די דערווייליקע רעגירונגען, וואָס זענען געוואָרן אין די שטעט, האָבן דערקלערט פרייהייט און גלייכהייט פאַר בירגער, דערביי פאָראויסגעזען גלייכבאַרעכטונג פאַר יידן אויך (פעברואַר 1831). די רעוואָלוציע וואָלט געוויס געווען געווינען, ווען די קירך־דעספּאָטן וואָלט נישט צוהילף קומען עסטרייכיש מיליטער, די זשאַנדאַרמען פון פּאָליטישער רעאַקציע אין מערב־אייראָפּע. די עסטרייכער האָבן דערשטיקט דעם אויפשטאַנד און צוריק אויפגעשטעלט דעם פּויפּסטס טיראַניע אין דער קירך־געגנט. גריגאָרי דער XVI האָט שוין איצט געקאָנט רואיק זיצן אויף דער שטול און ווייטער פירן די פּאָליטיק פון זיינע פאָרגייער. אויפגענומען אַ דעפּוטאַציע פון דער יידישער קהלה אין

רוים מיטן רב אויבן־אָן, האָט דער נייער פּויפּסט אַרויסגעזאָגט זיין צופרידנקייט, וואָס רוימישע יידן האָבן זיך נישט באַטייליקט אין דער רעוואָלוציע (אַגב ווייל אין רוים איז קיין רעוואָלוציע נישט פּירגעקומען). שפּעטער אָבער, ביי די אויפנאַמען, ווען די דעפּוטאַטן האָבן דערמאָנט דעם פּויפּסט וועגן יידישער רעכטלאָזיקייט און געבעטן, מ'זאָל זיי פאַרגרינגערן, האָט דער פּויפּסט צוגעזאָגט גלאַט אין דער וועלט אַריין, אָדער געענטפערט, אַז ער קאָן נישט גאָרניט טון קעגן די קירך־קאַנאָנען, אָבער נישט שטענדיק האָט דער אויטאָריטעט פון די שליחים און קאַנאָנען געקאָנט ביישטיין קעגן רויטשילדס גאָלד. דער פּויפּסט איז געווען אַ נצרך, נאָך געלט אָבער האָט מען באַדאַרפט אָנקומען צום באַנקהויז רויטשילד אין פּאַריז, די דאָזיקע באַנקירן פלעגן אָפט זיין אין רוים און איבערגעבן דעם פּויפּסט השתדלותן פון יידן אין דער קירך־געגנט, אין אַזוינע פאַלן פלעגט גריגאָרי דער XVI מוזן עפּיס נאָכגעבן.

פון מיטן די 40־ער יאָרן האָט זיך אין דער קירך־געגנט געלאָזט פילן אַ נייער גייסט, אַ גייסט פון „יונג־איטאַליע“ און מאַדזיניס באַפריי־פּראָפּאַגאַנדע. פּי דער IX, וואָס האָט פאַרנומען דעם הייליקן טראָן נאָך גריגאָרי דעם XVI (1846—1878), האָט אָנגעהויבן זיין רעגירן פון נאָכגעבן דעם צייט־גייסט: ער האָט געגעבן אַ פּאָליטישע אַמנעסטיע און אייניקע ליבעראַלע רעפאָרמעס, ער האָט נישט פאַרגעסן אין די געטאָ פאַרשפּאַרטע אויך און האָט אָפּגעשאַפט די שענדלעכע קאַרנאַוואַל־צערעמאָניע דערלאַנגען מס (דער עצם אָפּצאָל איז געבליבן גילטיק), שטילערהייט האָט ער געהאַט צוגעגרייט נאָך אַ רעפאָרם: פאַרניכטן די געטאָ־מויערן כדי צו פאַראייניקן די געטאָ מיט דעם צענטער שטאָט. דער רוימישער פינסטערער המון, וואָס איז שוין צוגעוויינט געווען שפּאָטן פון יידן, האָט אַזאַ רעפאָרם שוין נישט געקאָנט איבערטראָגן; יולי דאָס יאָר 1847 איז דאָס שיר נישט געקומען צו'ן אַ פּאָגראָם. אָבער די נייע אידעען האָבן שוין באַוויזן זייער שליטה איבער דעם ווילדן המון אויך. דער רוימישער דעמאַגאָג טשיטשערוואַקיאָ, אַ ליבלינג פונם המון, האָט געזאָגט אין אַ פאָלקס פאַרזאַמלונג אַ פייערדיקע רעדע, גערופן קריסטן שלום מאַכן מיט יידישע „מיטבירגער“ און מיט זיי צוזאַמענאַרבעטן צו באַפרייען דאָס פאָטערלאַנד. די דאָזיקע רעדע האָט געמאַכט אַזאַ רושם, אַז דער המון, וואָס איז נאָר וואָס גרייט געווען צו באַפאַלן די געטאָ און מאַכן אַ פּאָגראָם, איז איצט געקומען אַהין מאַכן אַ פריינדלעכע דעמאָנסטראַציע: אַ סך האָבן זיך געהאַלזט מיט יידן: „ברידער“, „פריינט“, „קינדער פון איין פאָטערלאַנד“! אין דער פּרעסע האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען פאַר יידישער עמאַנסיפּאַציע: מ'האָט געפאָדערט, יידן זאָל מען צולאָזן אין איטאַליענישע קלובן און אין דער בירגערוואַרדיע. מאַרקיז ד'אַזעליאָ האָט אַרויסגעלאָזט אַ בראָשור „וועגן בירגערלעכער עמאַנסיפּאַציע פאַר יידן“ (1847 — 1843), געראָטן פּי דעם IX ווייזן אַ וועג אין אַזאַ גערעכטער זאַך ווי עמאַנסיפּאַציע, וואָרום „איטאַליעס אויפלעבן איז

געקניפּט און געבונדן מיטן פאָלק ישראל'ס אויפלעבן". די דאָזיקע אומגעריכטע ווענדונג אין דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג לטובת יידן האָט צוגעגעבן מוט דעם פויפּסט אויך, וואָס האָט געגרייט אַ פריינטלעכע רעפאָרם פאַרן געפּלאָגטן פאָלק. יאַנואַר 1848 האָט ער געזאָגט אַ יידישער דעפּוטאַציע, אַז די רעפאָרם וועט געשען „געלאַסן און בהדרגה" (doucement, doucement). אין דריי חדשים אַרום איז שוין איטאַליע געווען אין רעכטן ברען רעוואָלוציע, און די רעפאָרם האָט זיך אַ ריר געטון לעבעדיקער. יידן אין איטאַליע זענען געשטאַנען ערב דער „צווייטער עמאַנסיפּאַציע".

דיזעלבע רעכטלאָזיקייט זעען מיר צו נאָך אין אַ איטאַליענישער מלוכה, אין קעניגטום סאַרדיניע, אָדער פּיעמאָנט. די סאַרדיגער דינאַסטיע, וואָס איז ווידער געקומען צו דער מאַכט דאָס יאָר 1814, האָט געבראַכט יידן קנעכטשאַפט אָנשטאָט „פראַנצויזישער פרייהייט". קעניג וויקטאָר עמאַנואיל דער I האָט צוריק אויפגעשטעלט דעם געטאָ-רעזשים מיט אייניקע אויסנאַמען; יידן איז געטון געוואָרן אַ חסד: זיי האָבן געמעגט נישט טראָגן די געלע לאַטע, זיי האָבן געמעגט אַרויסגיין פון דער געטאָ אין אָוונט אויך, באַשעפטיקן זיך מיט מלאכות און אַנדערע פּראָפעסיעס; זיי האָבן אָבער געמוזט משך 5 יאָר אויספאַרקויפן זייערע נחלות, וואָס זיי האָבן זיך פאַרוואָרבן אויסער דער געטאָ די צייט עמאַנסיפּאַציע (עדיקט פונם יאָר 1816). ווען דער טערמין איז אַריבער און די ליקווידאַציע איז נאָך נישט געווען פאַרענדיקט, האָט מען געהייסן מאַכן אַ רייסטער פון אַלע טרפע הייזער; אויב זיי וועלן נישט פאַרקויפט ווערן צום 1-טן יאַנואַר 1824, וועט דאָס פּאָליציי טון אויף אַן אויקציאָן. די רעגירונג אין פּיעמאָנט האָט בכלל געטריי קאָפּירט די פויפּסט-פּאָליטיק בנוגע יידן: פאַרשפּאַרט יידן אין געטאָ, פאַרווערט זיי צו פאַרקערן מיט קאַטוילן (יידן האָבן נישט געטאָרט האַלטן ביי זיך קיין קריסטלעכע שכנים, קריסטלעכע דינערשאַפט האָט געמעגט זיין ביי זיי נאָר בייטאָג); פאַר יידן זענען פאַרמאַכט געווען אַלע געזעלשאַפטלעכע שולן, פון עלעמענטאַר-שולן ביז אוניווערסיטעטן, כדי זיי זאָלן דאָ נישט האָבן קיין פאַרקער מיט קאַטוילן; יידן האָבן נישט געטאָרט זיין קיין דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, קיין נאָטאַריוס'ן, יידן האָט מען נישט גענומען צו מיליטערדינסט. דערפאַר האָט מען זייער געזאָרגט פאַר יידישע נשמות, זיי זאָלן געלייטערט ווערן אין דער קאַטוילישער רעליגיע; עלטערן האָבן געמוזט לאָזן ירושה זייערע געשמד'טע קינדער. אַלס דאַנק פאַר אַזוינע מענטשלעכע געזעצן האָט די טורינער יידישע קהלה (די גרעסטע אין פּיעמאָנט) געדאַרפט דערלאַנגען אַלע ניי-יאָר אַ מתנה: וואַקס, קאַווע און צוקער דעם סענאַט-פּרעזידענט, דעם אינערן-מיניסטער, דעם טורינער גובערנאַטאָר, דעם בישאָף. די קהלה האָט אויך באַדאַרפט צאָלן אַן אַלטפרענקישן שטייער 80 פראַנק אַ יאָר טורינער אוניווערסיטעט דערפאַר, וואָס סטודענטן איז פאַרווערט צו וואַרפן שניי יידן אום ווינטער. אַזוי איז מען זיך באַגאַנגען מיט יידן אין אַ לאַנד, וואָס פון דאָרט האָט זיך אינגיכן

געלאָזט הערן דער רוף פֿאַרײַען איטאַליע, און פֿאַר אַ דינאַסטיע, וואָס האָט דאָס געוואָלט אויספֿירן!... אונטער אַזאַ יאָך האָט געלעבט ביז 10 טויזנט פֿרײַ־ער־עמאַנסיפּירטע ייִדן אין אַזוינע הויפּט־קהלות ווי טורין, קאַזאַלע, אַלעקסאַנדריע און ניצע. צוזאַמען מיט עמאַנסיפּאַציע האָט מען ביי די דאָזיקע קהלות אָפּגע־נומען די קאָנסיסטאָריאַלע אָרגאַניזאַציע פֿון נאַפּאָלעאָן׳ס צייטן; אָנשטאָט דעם האָט מען זיך ווידער אומגעקערט צום אַלטן: די קהלות זענען געווען איינגע־טיילט אין 4 קרייזן (אוניווערסיטאַטן): טורינער, מאָנפֿעראַטער (קאַזאַלע), אַלעקסאַנדריער און ניצער; יעדן קרייז האָט פֿאַרוואַלטעט אַ „קאָמיטע" פֿון וועלט־לעכע מענטשן אין אַזוינע אַנגעלעגנהייטן, ווי שטייערן, שול־און־צדקה־עניינים; פֿאַר רעליגיעזע זאַכן איז געווען דער הויפּט־רב; די קאָמיסיעס זענען געווען אונטערגעוואָרפֿן דער אויבער־אַדמיניסטראַציע אין יעדער געגנט.

אין דער דריטער פֿינסטערער נעסט איטאַליענישע רעאַקציע — אין הער־צאָגטום מ אָ ד ע נ אַ, האָט מען געשטיקט ייִדן אַזוי ווי אין רוים; נאָר אַמאָל פֿלעגט מען זיי נאָכלאָזן פֿאַר אַ גרויסער געלט־מתּנה דעם הערצאָג. דאָס יאָר 1831 איז הערצאָג פֿראַנץ דער IV שטאַרק אויפֿגעבראַכט געווען אויף ייִדן פֿאַר־וואָס זייער יוגנט האָט זיך באַטייליקט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג יענץ יאָר, און האָט זיי געשטראָפֿט מיט אַ קאָנטריבוציע 600,000 פֿראַנק, וואָס זאָל אויסגעצאָלט ווערן משך אַ יאָר. די יונגע רעוואָלוציאָנערן האָט מען פֿאַר־טריבן פֿונם לאַנד.

צו דערליידן האָט זיך געלעבט ייִדן אין גרויסהערצאָגטום ט אָ ס ק אַ נ אַ מיט אַזוינע גרויסע ייִדישע צענטרען, ווי ליוואָרנאָ, פֿלאָרענץ, פּיזאַ: דאָ האָט די רעאַקציע נישט באַוויזן זיך פֿעסט איינצוואָרצלען. ביי ייִדן האָט מען אָפּגענומען נאָר אַ טייל בירגעררעכט: מ׳האָט זיי אויפֿגעהערט צולאָזן צו מלוכה־און־מוניצי־פּאַל־שטעלעס און פֿאַרווערט צו זיין אַדוואָקאַטן. (געבליבן זענען נאָר צוויי אַדוואָקאַטן, וואָס האָבן פּראַקטיקירט ביז דער רעסטאַווראַציע). אַ קעגן האָט מען ייִדן אַרויסגעלאָזט פֿון מיליטערדינסט. אין האַנדל האָט מען ייִדן נישט אָנגערירט און וועגן פֿאַרשפּאַרן זיי צוריק אין געטאָ האָט קיינער נישט געקלערט. דאָס איז אַגב געווען אוממעגלעך אויך אין אַזוינע שטעט ווי ליוואָרנאַ, וואו אלע האַנדלפֿעדים, דערהויפּט פֿון עקספּאָרט זענען געווען ביי ייִדן אין די הענט. פֿאַר די געטאָ־תּפֿוסים פֿון דער קירך־געגנט איז טאָסקאַנאַ געווען דאָס געבענטשטע לאַנד, וואוהין מ׳האָט זיך געריסן מיט אַלע כּוחות. נאָך אַן עיר מקלט האָבן זיי געהאַט: הערצאָגטום פּ אַ ר מ אַ, דאָרט האָט די הערצאָגין מאַריע־לואיזע, נאַפּאָ־לעאָן׳ס אלמנה, נאָך דער רעסטאַווראַציע נישט אָפּגעשאַפֿט נאַפּאָלעאָן׳ס געזעצגעבונג. גאָר באַזונדער איז געווען די ייִדישע לאַגע אין נ ע אַ פּ אָ ל י ט אַ־נ ע ר קעניגטום. לויט די אַלטע שפּאַנישע געזעצן האָבן ייִדן נישט געטאָרט דאָ וואוינען, אָבער בעת דער פֿראַנצויזישער הערשאַפֿט האָט זיך אין נעאַפּאָל און אין אַנדערע שטעט באַזעצט אַקעגן 2000 ייִדן, וואָס האָבן נישט באַוויזן נאָך

צו אָרגאַניזירן קהלות. די צייט רעסטאַווראַציע האָט מען די דאָזיקע „אומגעזעצ־לעכע״ נישט געטריבן פונם לאַנד, מ׳האָט זיי אָבער נישט געלאָזט מאַכן קיין קהלות. אין נעאַפּאָל איז געוואָרן אַ פיליע פון רויטשילד׳ס באַנקהויז, און דאָס איז ניכר בייגעשטאַנען יידן אַקעגן דער מאַכט.

דער פּאָליטישער דרוק האָט אָפּגעשוואַכט דעם פריערדיקן אימפּעט פון בירגערלעכער אַנטוויקלונג ביי איטאַליענישע יידן, ער האָט אָבער נישט אָבגע־שטעלט דעם ציוויליזיר־פּראָצעס. צוריק צו פריערדיקער אָפּגעשלאָסנקייט, צו קולטורעלער אָפּגעזונדערטקייט איז שוין נישט געקומען, אָבער די אַסימילאַציע איז אויך שוואַכער געוואָרן. דאָ האָט געהאַט צו זאָגן די קאָנסערוואַטיווע אינערציע, נישט קיין שאַפנדיקע נאַציאָנאַלע באַוועגונג. אין קיין־איטאַליע זעט מען יענע צייט בכלל נישט קיין אָריגינעל יידיש שאַפן; פאָרשטייער פון ליטע־ראַרישן רענעסאַנס האָט אַרויסגעבראַכט נאָר עסטרייכיש איטאַליע (לאָמבאַרדיע און ווענעציע, זע אויבן §§ 17 און 19).

§ 29. דער קאַמף פאַר עמאַנסיפּאַציע אין ענגלאַנד.

די יידישע געשיכטע אין ענגלאַנד האָט אירע אייגענע וועגן [1]. אין ענג־לאַנד זענען באַשאַפן געוואָרן אַנדערע מיטלען צו קעמפן פאַר עמאַנסיפּאַציע, אַזוי ווי דאָס גאַנצע פּאָליטישע לעבן איז דאָ געווען אַנדערש ווי אויפן קאָנטי־נענט. ענגלאַנד איז געבליבן קאָנסערוואַטיוו די צייט רעוואָלוציע און נאַפּאָלעאָנס הערשאַפט, און נעמט זיך פאַר גרויסע רעפאָרמעס די צייט רעאַקציע אין אייראָפּע (עמאַנסיפּאַציע פאַר קאַטוילן 1829, די פּאַרלאַמענט־רעפאָרם דאָס יאָר 1832). יידישע אומגלייכקייט אין ענגלאַנד האָט געהאַט אַן אייגענע פאַרב, די לאַגע איז דאָ געווען כמעט די זעלבע וואָס ביי קאַטוילן. יידן האָבן נישט שטאַרק געליטן פון אויסנעם־געזעצן אין פּערזענלעכע און אין פאַרמעגן־רעכט (פאַרווערבן בחלאות און דעסגלייכן), וואָרום די אָרטיקע אַדמיניסטראַציע האָט זיך זעלטן בעהאַלטן פאַר די אַלטפרענקישע געזעצן. דאָ האָט געדריקט דערהויפּט די פּאָליטישע אומגלייכקייט: יידן האָט מען נישט צוגעלאָזט צום פּאַרלאַמענט, צו דער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג, אפילו הערן לעקציעס אין אוניווערסי־טעטן און זיך באַשעפטיקן מיט אַדוואָקאַטור. די דאָזיקע באַגרעניצן האָבן זיך גענומען פון דער אַלטער ענגלישער קאָנסטיטוציע, אַז אַ גלייכבאַרעכטיקטער בירגער איז נאָר דער, וואָס ס׳געהער צו דער ענגלישער קירך. ביים אָנקומען אויף אַן אַמט אָדער באַקומען אַ געוויסן טיטל האָט דער באַאַמטער אָדער דער

[1] אין גאַנץ ענגלאַנד האָט זיך דעמאָלט גערעכנט ביז 20.000 יידן; דערפון האָבן 20.000 געוווינט אין לאָנדאָן.

אויסגעקליבענער באַדאַרפט געבן אַ שבועה „לויט דעם אמת'ן גלויבן פון אַ קריסט-
טמילא איז שוין דאָ אַ ייד געוועזן אויסגעשלאָסן. גראָד איז די ציוויליזאַציע ביי
ענגלישע יידן שטאַרק אויסגעוואַקסן דאָס ערשטע פערטל דאָס XIX יאָרהונ-
דערט. יידן האָבן אַ סך געאַרבעט אין די גרעסטע האַנדל- און אינדוסטריע-
צווייגן, טמילא האָט דאָס זיי געצויגן אויף די העכסטע געזעלשאַפטלעכע שטאַפ-
לען, זיי זענען נאָנט געוואָרן צו דעם געהויבענעם סוחרישן טייל, אפילו צו דער
אַלטער אַריסטאָקראַטיע אויך. אָנהויב XIX יאָרהונדערט איז געווען נאָר איין
זאַך, וואָס האָט נעעפנט אַ יידן די טיר צו דער העכערער ענגלישער געזעל-
שאַפט: דאָס איז שמד. פון יידן האָט זיך אָפגעקערט דער געוויסער עקאָנאָמיסט
(און באַנקיר) דוד ריקאַרדאָ (געשטאָרבן 1823); ער האָט חתונה געהאַט
פאַר אַ קריסטין און האָט געשוואָרן דעם געוויסן קריסטלעכן נוסח בעת ער איז
געוואָרן אַ גליד אין פאַרלאַמענט (1819). אַן אָנגעזעענער גליד פון דער ספרדי-
שער קהלה אין לאָנדאָן, אַ טאַלענטירטער שרייבער יצחק דיזראַעלי
(1766—1848) איז דאָס יאָר 1813 אַרויס פון דער קהלה און האָט אָפגעשמדט אַלע
זיינע קינדער, בכן אָפגענומען ביי יידן אַזאַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע קראַפט, ווי
זיין זון בנימין דיזראַעלי-ביקאָנספילד (1804—1881), וואָס האָט
שפּעטער געבענקט אין האַרצן נאָכן יידישן פאָלק. דאָס איז געשען די יאָרן,
חען דער גרויסער ענגלישער פּאָעט בייראָן האָט געשריבן זיינע באַגייסטערטע
„יידישע מעלאָדיעס“ (1814) וועגן דעם יידן, וואָס טראָגט שטאָלץ זיין פּאָן,
נישט געקוקט אויף דער פיין און דערנידערונג, וואָס ער האָט אויסצושטיין. אויף
בייראָנען האָט מסתמא געמאַכט אַן איינדרוק, וואָס די מיסיאָנערישע געזעלשאַפט
(„לאָנדאָנער געזעלשאַפט צו מערן קריסטנטום צווישן יידן“, 1808) האָט אַזוי
ווייניק באַוויזן אויפצוטון. די דאָזיקע מיסיאָנעריש-פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפט,
געשטיצט פון רייכע לאָרדן, האָט דאָס געזאָלט פאַרווירקלעכן דעם טרוים פון
אַ סך ענגלענדער, אַז סוף כל סוף וועט קריסטנטום גובר זיין, און דער נצחון
וועט זיין, וואָס יידן וועלן קומען אין שויס פון דער קירך. לאָנדאָנער געזעל-
שאַפט האָט אָנגעהויבן איר אַרבעט אין אַ צייט, ווען אין דייטשלאַנד האָט גע-
הערשט די שמד-מגפה, און שמד-פאַלן זענען געווען צווישן לאָנדאָנער יידישער
אַריסטאָקראַטיע אויך; דאָס האָט איר געקאָנט צוגעבן מוט; אינגיכן אָבער האָט
זי זיך געקאָנט איבערצייגן, אַז די יידישע מאַסע וועט מען מיט קיינע גליקן
נישט פאַרנאַרן אין קירך.

ביסלעכווייז איז אין ענגלאַנד אויך געוואָרן דער טיפּ יידישער פּני און אינטע-
ליגענט, אַסימילירט לויט דער שפּראַך נאָך און מאַנירן און געטריי יידישע טראַ-
דיציעס. ס'זענען אויפגעקומען גרויסע קאַפּיטאַליסטן און פילאַנטראָפּן די גאָלד-
סמידס, רויטשילדס, מאָנטעפיאָרעס, באַגאַבטע אַדוואָקאַטן און פּובליציסטן, וואָס
זענען פאַקטיש געווען פאַרבונדן מיט דער נאָבעלער ענגלישער געזעלשאַפט און
נאַטירלעך האָבן זיי געשטרעבט צו זיין אָפיציעל גלייכבערעכטיקט מיט דער דאָ-

יקער געזעלשאפט. דאָס באַנק־הויז ר ו י ט ש י ל ד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין פינסטערער פראַנקפורטער געטאָ, איז געוואָרן אַ פינאַנציעלע וועלט־קראַפט קודם כל אין לאָנדאָן. נתן־מאיר רויטשילד, מאיר אַנשילס אַ זון, (אַ פראַנקפורטער חלפן און פינאַנץ־אַגענט ביים העסענער קורפירשט), האָט אָנגעהויבן צו פירן ברייטע פינאַנץ־אָפעראַציעס אין לאָנדאָן די קריטישע יאָרן פון דער אייראָפעאי־שער געשיכטע (1812—1815), די ענגלישע רעגירונג האָט אים געשטיצט. רויט־שילדס באַנק־הויז אין לאָנדאָן האָט פאַרשאַפט מלוכה־הלוואות פאַר רעגירונגען אין פאַרשידענע לענדער, דאָס דאָזיקע באַנק־הויז איז אינגיכן געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן אין דער אייראָפעאישער פינאַנץ־פאָליטיק. די דאָזיקע דינאַסטיע „בירזשע־קעניגן" האָט זיך פעסט איינגעוואָרצלט אין פאַרשידענע אייראָפעאישע רעזידענץ־שטעט (לאָנדאָן, פאַריז, ווין, פראַנקפורט און נעאַפּאָל) און איז געוואָרן אַ קראַפט, וואָס מאָנאַרכן און רעגירונגען האָבן זיך געמוזט מיט איר רעכנען. בפרט נאָך האָט מען זיך גערעכנט מיט דער דאָזיקער קראַפט אין קלאַסישן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד, אין ענגלאַנד. די 20־ער יאָרן דאָס XIX יאָר־הונדערט האָט מ ש ה מ אָ נ ט ע פ י אָ ר ע (1784—1885) באַקומען אַ גרויסן אייג־פלוס; ער איז געווען אויך שעף פון אַ באַנק־הויז; אַ שם האָט ער זיך געמאַכט דערהויפּט מיט זיין פילאַנטראָפּישער אַרבעט. די גאָלדסמידס, אַ יידישע אַריסטאָ־קראַטישע פאַמיליע, האָבן געגעבן צוויי אָנגעזעענע פּאָליטישע טוער: דעם פי־נאַנסיסט איזאַק לעאָן (1778 — 1859) און זיין זון, אַדוואָקאַט און פּובליציסט פרענסיס (1808 — 1878). די דערמאָנטע פּערזאָנען, דערהויפּט אָבער די צוויי גאָלדסמידס, האָבן געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָליע אין ענגלאַנד אין קאַמף פאַר יידישער עמאַנסיפּאַציע.

דאָס ערשטע מאָל איז די יידנפראַגע געקומען פאַרן ענגלישן פּאַרלאַמענט דאָס יאָר 1828. ס'האָט זיך געהאַנדלט פון אַ בירגער־שבועה פאַר דיסענטערן (אַזוינע, וואָס געהערן נישט צו דער ענגלישער קירך) און ס'איז אָנגענומען גע־וואָרן אַזאַ נוסח: „פאַר דעם אַלמעכטיקן גאָט, לויט אַ קריסטס וואָר גלויבן": לאָרד ג אָ ל א נ ד, אַן איבערגעגעבענער פריינט פון יידישער עמאַנסיפּאַציע, האָט אָנגעוויזן אין דער אויבערשטער קאַמער, אַז דער דאָזיקער נוסח באַזייטיקט אויך יידן, זיי קאָנען אַזוי נישט שווערן. דערויף האָט מען אים געענטפערט, אַז די קאַמער האָט גאָרנישט געמיינט ענדערן די יידישע לאַגע. אין אַ יאָר אַרום האָט דער ענגלישער פּאַרלאַמענט דורכגעפירט אַ וויכטיקע רעפאָרם, ער האָט עמאַנסיפּירט קאַטוילן, דעמאָלט איז ביי יידן און ביי זייערע ענגלישע פריינט געבליבן, אַז ס'איז שוין געקומען די צייט צושטעלן אָפן אין פּאַרלאַמענט די יידנפראַגע. דאָס יאָר 1829 האָט מען אָנגעהויבן די אַגיטאַציע. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון לאָנדאָנער קהלות (Board of deputies) און איינצעלנע קהלות האָבן דערלאַנגט פּעטיציעס דעם פּאַרלאַמענט, מ'האָט אונטערהאַנדלט מיט פאַר־צאַמענטאַריער פון דער ליבעראַלער און קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, מ'האָט גע־

דרוקט בראָשורן פאַר עמאַנסיפּאַציע. ראָטשילד, מאָנטעפיאָרע אוןביידע גאָלד־סמיד'ס זענען געווען די הויפּטשטיצער אין דער אויסערפּאַרלאַמענטאַרישער אַקציע. ביי יידן גופא זענען געווען פאַרשידענע מיינונגען: איין צד האָט געהאַלטן, אַז ס'איז גענוג פאָדערן בירגעררעכט, נישט באַשטיין דוקא אויף וואַל־רעכט; דער אַנדערער צד איז באַשטאַנען נאָר אויף גאָרער גלייכבאַרעכטונג, און אַזוי האָט מען דערלאַנגט דעם פּאַרלאַמענט אַ געזעצפּראָיעקט וועגן עמאַנסיפּאַציע. אין דער זיצונג דעם 5־טן אַפּריל דאָס יאָר 1830 האָט אַ ליבעראַלער דעפּוטאַט ראָבערט גראַנט פאָרגעלייגט דער אונטערשטער קאַמער גלייכבאַרעכטיקן אַלע יידן, וואָס זענען געבוירן אין ענגלאַנד, אַזוי ווי מ'האָט דאָס קורץ פאַר דעם געטון בנוגע קאַטוילן. קעגן געזעץ־פּראָיעקט האָבן גערעדט די שטאָק־קאָנסערוואַטיווע דעפּוטאַטן. אָקספאָרדער דעפּוטאַט ר. אינגליז האָט געזאָגט, אַז אין איראָפּע האָט זיך נאָך נישט געטראָפן, יידן זאָל מען צולאָזן אין אַ קריסטלעכן פּאַרלאַמענט[1]: די קריסטלעכע געזעלשאַפט וועט נישט וועלן אָנטרויען די פּאָליטישע מאַכט אַ פרעמדגלויביקן, און אויב אַזוינס זאָל געשען, איז נישט אַנדערש נאָר אַז זי האָט זיך געלאָזט קויפן. ספּענסער פּאַרסיוואַל האָט באַשוואוירן די קאַמער בשם די פּרינציפּן פון „קריסטלעך פאָלק” און פון אַ „קריסטלעכער קאָנסטיטוציע” אָפּוואַרפן דעם פּראָיעקט, „וואָס גיט די מאַכט אַזאַ סעקטע, וואָס זי איז אַ פיינט פון ביידע פּרינציפּן”. אויף די טענות האָבן אָפּגעענטפערט צוויי דעפּוטאַטן, די שענסטע נעמען אין דער ענגלישער ליטעראַטור; דער היסטאָריקער מאַקאָליי און דער פילאָזאָף דזשעמס מאַקינטאָש. מאַקאָליי האָט געוויזן, אַז יידישע עמאַנסיפּאַציע וואָלט נישט באַדאַרפט פאַרשאַפן אַזוינע שטרייטיקייטן, וואָרום דאָ איז אפילו נישט פאַראַן די פּאָליטישע מורא, וואָס אייניקע קעגנער האָבן איינגעזעען פון עמאַנסיפּירן קאַטוילן (די אירלענדישע פראַגע). חיות ווי די רעגירונג (וועלינגטאָן'ס קאַבינעט) האָט דאָס מאָל נישט אָפּגעוואָרפן גאָר דעם פּראָיעקט, איז ער דורכגעגאַנגען ביים ערשטן לייענען מיט אַ מערהייט 113 שטימען קעגן 97.

צווישן ערשטן און צווייטן מאָל לייענען דעם פּראָיעקט איז פאַרלאָפן אַריבער אַ חודש, די דאָזיקע צייט האָבן די קעגנער אָנגעצויגן אַלע קרעפטן אויף דורכצוואַרפן דעם פּראָיעקט. מיט דער הילף פון דער הויף־כנופיה האָט מען איבערגעשפּאַרט דאָס מיניסטעריום; אַזאַ אָנגעזעענע צייטונג ווי „טיימס” האָט געשריבן, אַז דער פּראָיעקט וועגן יידישער עמאַנסיפּאַציע איז עפּיס ווי מיט אַ כיון צוגעקלערט „לעכערלעך צו מאַכן דעם גרויסן אַקט פון דער פאַרגאַנגענער סעסיע” (די עמאַנסיפּאַציע פאַר קאַטוילן), וואָרום „אויב ס'איז פאַראַן אַ טייל אמת

1) אין עטלעכע יאָר אַרום איז געוואָרן דעפּוטאַט פון פּראָנצויזישן פּאַרלאַמענט — פולד און שפּעטער — קרעמיע (אויבן, § 27).

אין יידישע טראַדיציעס און אַ ממשות אין זייערע שרייבאַכטסן, דאַרפן יידן בלייבן
פרעמדע אין אַלע לענדער, חוץ אין איינס" (פּאַלעסטינע). יידישע טוער און
קריסטלעכע עמאַנסיפּאַנטן האָבן געוויינטלעך אויך נישט געשוויגן. מ'האָט דער-
לאַנגט דעם פּאַרלאַמענט נאָכאַנאַנד פּעטיציעס לטובת דעם פּראָיעקט. איין פּע-
טיציע, וואָס קאָן באַשטיין פאַר אַ סך אַנדערע, איז אָנגעקומען פונם געוויסן
סאָציאַליסט און פילאַנטראָפּ ר אָ ב ע ר ט אָ ו ע ן. דעם 17-טן מאַי איז אין דער
אונטערשטער קאַמער פירגעקומען דאָס צווייטע לייענען פונם פּראָיעקט, וואָס האָט
פאַרשאַפט היציקע דעבאַטן. קעגן די עמאַנסיפּאַנטן דזשאָן ראָסעל, אָ'קאָנעל און
ברום (Brougham) זענען ארויס נישט אַליין קנאַפּ באַוואוסטע ריטער פון אַ
„קריסטלעכער קאָנסטיטוציע", נאָר אַפילו אַזאַ אָנגעזעענער מלוכה-מאַן ווי ראָ-
בערט פיל, אַ מיניסטער און אַ פירער פון דער אונטערשטער קאַמער. ער האָט
אָנגעהויבן מיט אַ התנצלות, אַז ס'איז אים נישט גאָר צום האַרצן רעדן קעגן
עמאַנסיפּאַציע פאַר יידן, וואָס „לויט זייער אויפפירונג קאָנען מיר צו זיי גאָר-
נישט נישט האָבן", ער מוז אָבער פאַרהיטן די לאַנגאָניקע יסודות פון דער ענג-
לישער קאָנסטיטוציע, וואָס זי האַלט זיך אויף פּרינציפּן פון אַ קריסטלעכער מלוכה.
ער האַלט, אַז דעם צוליב מעג מען מקריב זיין אינטערעסן פון אַ גרופּע 30
טויזנט מענטשן. דעפּוטאַט ברום האָט אים שאַרף אָפּגעענטפערט: „איר וואַרפט
אַרויס פון אייער סביבה ערלעכע מענטשן און עפנט די טירן פאַר פאַלשע. דאָס
איז צביעות! זאָל קומען אַהער אַ ייד, און זאָל באַשטיין געבן די שבועה, וואָס
איצט שטויסט איר אים אָפּ דערמיט, אַזוי עפענען זיך פאַר אים אַלע טירן,
און ער ווערט מיט אַמאָל שטאַרק אָנגעלייגט ביי דער זעלבער פאַרזאַמלונג
קריסטן, וואָס האָט היינט אַזוי האַסטיק אַפּלאָדירט די חילדסטע אַנטיקריסטלעכע
פּרינציפּן און געפילן, וואָס זענען ווען עס איז פירגעבראַכט געוואָרן אין אַ צי-
ווילזירט לאַנד"... די אַלע טענות האָבן אָבער נישט געהאָלפן: די מערהייט דעפּו-
טאַטן איז געווען געשטימט קעגן פּראָיעקט, און ער איז דורכגעפאַלן ביים צווייטן
לייענען מיט אַ מערהייט 228 שטימען קעגן 165 (דעם 17 מאַי 1830).

די שטרייטער פאַר עמאַנסיפּאַציע זענען אָבער נישט אָפּהענדיק געוואָרן.
שוין דאָס אַליין, וואָס די קאַמער האָט געשטימט פאַרשידן דאָס ערשטע און
דאָס צווייטע מאָל, האָט געשטאַרקט די האָפנונג אויף בעסערע צייטן. די פּאָלי-
טישע אומשטענדן פאַר דער רעפאָרם האָבן זיך געבעסערט. יולי 1830 איז גע-
שטאָרבן קעניג געאָרג דער IV, ס'איז געוואָרן אַן אַנדער, מער ליבעראַל מיני-
סטעריום, אָנשטאָט וועלינגטאָנס קאַבינעט, אַהער זענען אַריין דריי עמאַנסיפּאַציע-
פרײַנט: לאָרד גאָלאַנד, דזש. ראָסעל און ברום; דאָס דאָזיקע מיניסטעריום האָט
דורכגעפירט די פּאַרלאַמענט-רעפאָרם דאָס יאָר 1832. אין דער ענגלישער ליטע-
ראַטור האָט מען מיט גרויס היץ באַהאַנדלט די יידנפראַגע. דער ביכערמאַרק
איז געווען פאַרפלייצט מיט בראָשורן, פּאַמפלעטן פאַר און קעגן עמאַנסיפּאַציע.
אַן איינדרוק האָט געמאַכט אַ בראָשור פונם יוריסט פרענסיס גאָלדסמיט: „באַמער-

קונגען וועגן די בירגערלעכע לאַסטן פון ענגלישע יידן" (געדרוקט צוויי מאָל, דאָס יאָר 1830 און 1833) און אַ דאָקטאָר וואַן־אָווענס אַ בראָשור: „אַ כרוז צו דער בריטישער נאַציע לטובת יידן" (1831). דער גרונדגעדאַנק בייביידע יידן־פּובליציסטן איז רעליגיעזע טאָלעראַנץ, דרך אגב ווערט אָנגערירט די נאַציאָנאַלע פראַגע אויך. גאָלדסמיד איז מוחל די עמאַנסיפּאַציע־קעגנער די „אומגעבעטענע" מתנה, אַז יידן „געהערן עפּיס צו'ן אַ באַזונדער נאַציע". דאָס איז שוין געווען דעמאָלט דער אויסגעטראָטענער וועג: יידישע זעלבסטוווער פלעגט זיך אָנהויבן פון אַסימילאַציע... אַזוי האָט מען באַאַרבעט די ענגלישע געזעלשאַפטלעכע מיינונג צו'ן אַ נייער אַקציע וועגן דער יידנפראַגע אין פּאַרלאַמענט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס יאָר 1833. ס'האָט זיך אַ שיט געטון אַ מבול פּעטיציעס צום פּאַרלאַמענט וועגן יידישער גלייכבאַרעכטונג: אויף 48 פּעטיציעס פון יידישע קהלות און קריסטן פון אַ סך שטעט (לאָנדאָן, ליווערפּול, בריסטאָל, מאַנטשעסטער און אַנד.) זענען געווען 45,000 חתימות. ראָבערט גראַנט איז נישט מיד געוואָרן און האָט אויסגעפירט, מ'זאָל דערלאַנגען דער קאַמער אַ נייעם געזעץ־פּראָיעקט וועגן עמאַנסיפּאַציע. אין די היציקע דעבאַטן האָבן זיך באַטייליקט די פריערדיקע ריידער: אינגליז, מאַקאָליי און אָקאָנעל און אייניקע נייע. לסוף איז דער פּראָיעקט אָנגענומען געוואָרן ביי אַלע דריי מאָל לייענען (מאַי—יוני) מיט אַ באַדייטנדער מערהייט (דאָס דריטע מאָל מיט 189 שטימען קעגן 52). מיט דער מינדערהייט האָט געשטימט אַ יונגער דעפּוטאַט וויליאַם גלאַדסטאָן, דער קינפטיקער פירער פון די ליבעראַלן, דעמאָלט האָט ער נאָך געצויגן צו די קאָנסערוואַטיווע. בשלום דורכגעקומען די אונטערשטע קאַמער, איז דער פּראָיעקט אַריבער אין דער אויבערשטער: דאָ האָבן זיך שטאַרק געשטעלט פאַרן פּראָיעקט די אַלטע עמאַנסיפּאַציע־שטרייטער: לאָרד גאָלאַנד און לאָרד־קאַנצלער ברום. פון די העכערע גייסטלעכע האָט זיך פאַר דעם פּראָיעקט איינגעשטעלט דער געוויסער דענקער, דובלינער ערצבישאָף אועטלי און דער טשעסטער בישאָף; קעגן האָבן גערעדט דער קענטעבעריער ערצבישאָף און דער לאָנדאָנער בישאָף, אויסגערעדט דערביי, אַז יידן מעגן געגעבן ווערן אַלע רעכט, חוץ וואַל־רעכט אין פּאַרלאַמענט, וואָרום אַ ייד טאָר נישט מאַכן קיין געזעצן פאַר קריסטן. לאָרד וועלינגטאָן האָט אַ וואָרף געטון זיין שווערן וואָטום אויף דער וואָגשאָל פון די קעגנער: דער גאַנצער פּראָיעקט איז אין זיינע אויגן געווען אַן איבריקער „ליבעראַלער אויפטו". די לאָרדן־קאַמער האָט אָפּגעוואָרפן דעם פּראָיעקט (104 שטימען קעגן 54). דאָס אייגענע האָט זיך איבערגעחזרט אין דער צווייטער סעסיע דאָס יאָר 1834: די אונטערשטע קאַמער האָט כמעט אָן דעבאַטן אָנגענומען דעם פּראָיעקט און די אויבערשטע קאַמער האָט אים ווידער אָפּגעוואָרפן, נישט געקוקט אויף די פּעטיציעס פון לאָנדאָנער קריסטלעכע סוחרים (מיט 24 טויזנט חתימות) און פון עדינבורגער באַפעלקערונג (6200 חתימות).

די נייע ווענדונג אין דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג לטובת יידן, וואָס האָט זיך געלאָזט הערן אין מאַסן פּעטיציעס און אין אָפּשטימונגען אין פּאַרלאַמענט, האָט געבראַכט צו פּראַקטישע רעזולטאַטן. מ׳האָט אָפּגעשאַפט די שטערונגען פאַר יידישן האַנדל אין לאָנדאָנער סיטי (1831); דאָס יאָר 1833 האָט דער ראַט פון לאָנדאָנער אַדוואָקאַטור אַריינגענומען פרענסיס גאָלדסמיטן אין דער קאָרפּאָראַציע און געלאָזט אים געבן אַ שבועה לויט ווי דער יידישער דין דערלאָזט דאָס. דאָס זעלבע יאָר איז ביי דער אַדמיניסטראַציע אָפּגענומען געוואָרן דאָס רעכט צו פאָדערן אַ שבועה ביי די וויילער (דאָס איז געווען אַ טייל פון דער פּאַרלאַמענט-רעפאָרם בכלל), בכן איז געוואָרן אויס מניעה, יידן זאָלן פאַרווירקלעכן זייער אַ ק ט י ו וואַל-רעכט. איינצעלנע אָנגעזעענע יידישע פּערזענלעכקייטן האָבן פאַרנומען געזעלשאַפטלעכע אַמטן. די יאָרן 1835 און 1837 זענען צוויי אָנגעזעענע יידן, דוד סאַלאָמאָנס און משה מאָנטעפיאָרע, אויסגעקליבן געוואָרן אויף דעם ערן-פּאָסט שעריפן, די העכסטע ריכטער-אַדמיניסטראַטאָרס. אין ערשטן פאַל האָט מען וועגן דער בירגערלעכער שבועה דורכגעפירט ספּעציעל אַ געזעץ אין פּאַרלאַמענט, אַז שעריפן-יידן מעגן שווערן לויט זייער אמונה. אָבער איינגיכן איז דערזעלבער סאַלאָמאָנס אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַ מוניציפּאַל-ראַטמאַן (Alderman) אויך. און ווידער האָט זיך געשטעלט אין וועג דער נוסח פון דער קריסטלעכער שבועה. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטרייט פאַר צולאָזן יידן צו מוניציפּאַל-אַמטן, וואָס האָט זיך געצויגן די ערשטע יאָרן פון קעניגין וויקטאָריעס רעגירן (פון יאָר 1837 אָן). ערשט דאָס יאָר 1845 האָט דער פּאַרלאַמענט אָנגענומען אַ „געזעץ לטובת יידן, וואָס ווערן אויסגעקליבן אויף מוניציפּאַל-אַמטן". באַלד האָבן זיך אין דער שטאָט-פאַרוואַלטונג ברייט געעפנט די טירן פאַר יידן: אין לאָנדאָן, בירמינהאַם און אין אַנדערע גרויסע שטעט זענען יידן געוואָרן נישט אַליין ראַטמענער, נאָר מ׳האָט זיי איבערגעגעבן פאַראַנטוואָרטלעכע מוניציפּאַלע פּאָסטנס אויך.

פון מוניציפּאַלער עמאַנסיפּאַציע, איז, דוכט זיך, איין שפּאַן צו פּאַרלאַמענטאַרישער. אָבער דער דאָזיקער שפּאַן האָט געדויערט אַריבער 10 יאָר. דאָ אין דעם פּרט האָט דאָס לעבן אויך איבערגעיאָגט דעם געזעץ. דאָס יאָר 1847 איז צווישן אַנדערע ליבעראַלע קאַנדידאַטן אויסגעקליבן געוואָרן אין דער אונטערשטער קאַמער פון לאָנדאָנער סיטי באַראָן ליאָנעל ראָטשילד, דעם באַנקיר נתן-מאירס אַ זון. דער נייער דעפּוטאַט האָט אָבער נישט געקאָנט פאַרנעמען זיין פּלאַץ אין פּאַרלאַמענט, וואָרום ער האָט נישט געוואָלט שווערן „לויט אַ קריסטס וואָר גלויבן". דעמאָלט האָט דער פּרעמיער מיניסטער דזשאָן ראָססעל פירגעלייגט דער קאַמער (דעצעמבער 1847), זי זאָל נאָך אַמאָל באַהאַנדלען די פּראַגע וועגן אַראָפּנעמען פון יידן דאָס רעשט אויסנאַם-געזעצן: אַ ייד איז אויסגעקליבן אין פּאַרלאַמענט, — דער בעסטער סימן, אַז דאָס ענגלישע פאָלק האָט נישט קעגן יידן. גלאַדסטאָן, וואָס האָט דאָס יאָר 1833 געשטימט קעגן עמאַנסיפּאַציע,

האָט דאָס מאָל געשטיצט דעם מיניסטערס פאָרשלאַג: ער האָט געהאַלטן, אַז אויב
יידן לאָזט מען צו צו דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, איז פאַרוואָס נישט אין פאַרלאַ־
מענט אויך? בפרט נאָך, אַז אוניטאַריאַנער לאָזט מען יאָ צו, און זיי זענען דאָך
זייער ענלעך צו יידן; זיי האַלטן אויך נישט פון די עוואַנגעלישע אני־מאמינס.
אַ שטאַרקע רעדע פאַר דעם געזעץ האָט געזאָגט בנימין דיזראַעלי (געטויפט נאָך
קינדווייז), וואָס האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ נאָמען אין דער ענגלישער שיינער
ליטעראַטור: „אַלס קריסט, קאָן איך נישט נעמען אויף זיך די שרעקלעכע פאַר־
אַנטוואָרטלעכקייט — אויסשליסן פונם פאַרלאַמענט אַזוינע, וועלכע געהערן צו אַ
רעליגיע, וואָס אין איר איז געבוירן געוואָרן מיין משיח”. דער געזעץ וועגן
גלייכבאַרעכטונג איז דורכגעגאַנגען אין דער אונטערשטער קאַמער אַלע דריי מאָל
לייענען (דעצעמבער 1847 — מאַי 1848) מיט אַ גרויסער מערהייט שטימען (דאָס
לעצטע מאָל מיט 234 קעגן 173). אָבער אין דער אויבערשטער קאַמער האָט ער
געהאַט אַ מפּלה: דער פּראָיעקט איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט 163 שטימען קעגן
128. דאָס יאָר פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט געבראַכט גלייכבאַרעכטונג דעם
גרעסטן טייל מערב־אייראָפּעאישע יידן, האָט נישט דערפירט ביזן סוף די עמאַנ־
סיפּאַציע פאַר ענגלישע יידן. דאַרויף האָט מען באַדאַרפט האָבן נאָך צען יאָר.

דאָס אינעווייניקסטע גייסטיקע לעבן ביי ענגלישע יידן איז נישט רייכער
געוואָרן די צייט פון שטרייט פאַר עמאַנסיפּאַציע. די קהלות זענען געבליבן
צעשפּאָלטן אַזוי ווי פריער אויף אשכנזים און ספרדים; אויבן אין די העכערע
קרייזן איז מען בכלל געוואָרן אינדיפערענט צו רעליגיע, און דאָך איז די
שפּאַלטונג געווען גענוג שטאַרק, אַז די אינעווייניקסטע יידישע אויטאָנאָמיע
זאָל קאָנען פאַראייניקן. דער שטרייט וועגן דער רעליגיעזער רעפאָרם, וואָס
האָט דערלאַנגט אַהער פון דייטשלאַנד, האָט דאָ נישט באַשאַפן קיין אידעען־
באַוועגונג; דאָס האָט נאָר געבראַכט דערצו, אַז אַ הייפל אויפגעקלערטע ספרדים
אין לאָנדאָן האָט זיך אָפּגעשפּאַלטן פון דער הויפּט־קהלה און האָט געמאַכט
(1841) אַ נייע סינאַגאָגע פאַר זיך; דאָס איז אייגנטלעך געווען נישט מער ווי
אַ נייע דעקאָראַציע. פאַר אַ טיפערער רעפאָרם איז אין דער ענגליש־יידישער
אינטעליגענץ קיין אינטערעס נישט געווען: די אַסימילאַציע איז שוין דאָ פאַר־
גאַנגען זייער ווייט. דאָס ביסל טאַלענטירטע קרעפטן ביי ענגלישע יידן האָט
שוין דעמאָלט אָנגעשפּאַרט פון יענער זייט יידישקייט. דער עלטערער דיזראַעלי
(איזאַק) איז אַרויס פון דער ספרדישער קהלה אין לאָנדאָן און איז געבליבן ביי
יידישקייט נישט מער ווי ביים נאָמען. אָנגעזאַפּט מיט קאָסמאָפּאָליטיזם פונם
XVIII יאָרהונדערט, האָט ער געשריבן לייכטע זאַכן וועגן ליטעראַרישער קריטיק
(Curiosities of literature 1791; Amenities of literature 1840); נישט באַוויזן
קיין שום אינטערעס פאַר יידישער גייסטיקער שאַפונג. ער האָט אַרויסגעלאָזט
אַנאָנים אַ בראָשור „Genius of judaism“; אין דער בראָשור רעדט ער מיט התלהבות
וועגן דער שיינער יידישער פאַרגאַנגנהייט און מיט פאַרדראָס וועגן דער איצטיקער

אָפּגעשלאָסנקייט, ער האָט יידן צעשמעלצן זיך אין דער אייראָפּעאישער „מענש־הייט". אים אַליין איז אָבער נישט געראָטן אפילו מיט טויף־וואַסער אָפּצוואַשן פון זיין זון בנימין דיזראַעלי דעם „יידישן גייסט". אין דער יוגנט האָט מען דעם יינגן בנימינ׳ען אָפּט דערמאָנט, ווי אומנאַטירלעך ס׳איז אַ יידיש־ענגליש געמיש; אין זיינע ערשטע ראָמאַנען פון דעם ענגלישן אַריסטאָקראַטישן לעבן („וויוויאַן גריי" און „קאָנטאַריני פלעמינג", 1826—1832) הערט זיך אַ וויי־געשריי פון אַ באַליידיקטן, וואָס מ׳שטויסט אים אַרויס פון אַ סביבה, וואוהין מ׳האָט אים אַריינגעבראַכט אין דער יוגנט. דיזראַעלי׳ן, אַ פאַרברענטן ראָמאַנטיקער אין ליטעראַטור און אין פּאָליטיק, ציט מיט דער קראַפט פון אַטאַוויזם אויפצודעקן „דעם גרויסן סוד פון אַזיע", דאָס וויגעלע פון דריי וועלט־רעליגיעס. אין אַ היסטאָרישער דערציילונג „דוד אַלראָאי" (1833) מאָלט ער אַ משיח פונם XII יאָר־הונדערט, אַ פירער פון אַ יידישן אויפשטאַנד אין באַגדאַדער כאַליפאַט, ער מאַכט שלום צווישן יידנטום און איסלאַם. אין אַ שפּעטערדיקן ראָמאַן „טאַנקרעד אָדער אַ נייער קרייצצוג" (1847) איז דער גרונד געדאַנק — די אַסימילאַציע פון סעמיטיזם און אַריער, פון יידנטום און קריסטנטום. אַלס פירער פון דער ענגלישער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, האָט דיזראַעלי שטענדיק אָנגעוויזן דעם היסטאָרישן אַריסטאָקראַטיזם פון דער יידישער „ראַסע": דאָס וואָלט געקאָנט זיין אַ זייל פון קאָנסערוואַטיזם אין אייראָפּע, ווען נישט רדיפות און רעכטלאָזיקייט וואָלטן פאַריאָגט יידן צו ראַדיקאַלן און רעוואָלוציאָנערן. דיזראַעלי פלעגט אָפּט־מאָל דערמאָנען, אַז ער איז שטאַלץ אויף זיין אָפּשטאַם פון דער „מענטשהייטס עלטסטער אַריסטאָקראַטיע", און איז שטענדיק גרייט געווען שטיצן פּאָליטיש גע־רודפטע יידן אין פרעמדע לענדער, אָבער זיין לעבנס־וועג איז חייט געווען פונם לעבנדיקן יידנטום, פון זיינע האָפנונגען און שטרעבן. בנימין דיזראַעלי און זיין היפוך קאַרל מאַרקס זענען ביידע קינדווייז אָפּגעריסט געוואָרן ביים יידישן פאָלק, אָבער ס׳איז אַ איראָניע פון דער געשיכטע, וואָס בעת דעם פירער פון אַ קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי האָט אינסטינקטיוו געצויגן צום אָנגעוואָרענעם פאָלק, האָט דער פירער פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע אָנהויב זיין פּאָליטישע קאַריער אָפן געמעלדעט זיין פאַראַכטונג צום יידישן פאָלק.

§ 30. די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע.

די יידישע קאָלאָניע אין אַמעריקע (אין די פאַראייניקטע שטאַטן) איז די ערשטע העלפט דאָס XIX יאָרהונדערט ווייט געווען פון די קריזיסן רע־וואָלוציע און רעאַקציע, אָפּגעריסן פונם יידישן היסטאָרישן שטראָם. צו עמאַנסי־פּאַציע האָבן זיך יידן דערשלאָגן נאָך פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, דעם מאָמענט, ווען די גרויסע רעפּובליק איז אויפגעקומען. דאָס יאָר 1790, ווען אין דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג האָט מען זיך נאָך געאַמפּערט, געבן אַלע יידן גלייכבאַרעכטונג, אָדער נישט, האָט דער באַשאַפער פון דער

גרויסער רעפּובליק דזשאָרזש וואַשינגטאָן געקאָנט מיט שטאָלץ שרייבן אין אַ
וועגד⸗בריוו צו יידישע קהלות: „היינטיקע צייט קאָן מען נישט ריידן פון „טאָ⸗
לעראַנץ", פּונקט ווי איין קלאַס פאָלק וואָלט געניסן זיינע נאַטירלעכע רעכט,
ווייל דער אַנדערער קלאַס טוט אים דאָ אַ חסד. די רעגירונג פון די פאַראיי⸗
ניקטע שטאַטן פאָדערט נאָר, אַז די, וואָס געניסן איר שוץ, זאָלן זיך פירן ווי
ערלעכע בירגער און זאָלן שטיצן די מלוכה". אין דער רעפּובליק האָט מען
שטרענג געהאַלטן דעם פּרינציפּ גלייכקייט. נאָך פאַר וואַשינגטאָנס לעבן האָבן
יידן פאַרנומען אַמטן אין מיליטער און ציוויל⸗דינסט אין פאַרשידענע שטאַטן.
אין איין שטאַט נאָר, אין מ ע ר י ל ע נ ד (מיט דער הויפּשטאָט באַלטימאָרע)
זענען אין דער קאָנסטיטוציע געבליבן אייניקע אויסנאַמען: יידן האָט מען נישט
צוגעלאָזט צו געזעלשאַפטלעכע און געריכט⸗אַמטן, וואָרום פון אַזוינע אַמט⸗מענער
האָט זיך געפאָדערט אַ מעלדונג, אַז זיי גלויבן אין דער אמתקייט פון דער
קריסטלעכער רעליגיע. בעת דער ענגליש-אַמעריקאַנישער מלחמה דאָס יאָר 1812
האָט אַ גרופּע יידישע וואָלאָנטיאָרן שטאַרק אויסגענומען; אין שטאַט מערילענד
האָט זיך נאָכדעם אָנגעהויבן אַ גרויסע אַגיטאַציע, מ'זאָל אָפּשאַפן דעם אויסנאַם⸗
פּונקט פון דער קאָנסטיטוציע. דאָס יאָר 1816 איז אין שטאַט⸗פּאַרלאַמענט אַריינ⸗
געטראָגן געוואָרן אַ געזעץ⸗פּראָיעקט, מ'זאָל יידן געבן גלייכע רעכט אין מלוכה⸗
אַמטן. עטלעכע יאָרן נאָכאַנאַנד האָט דער פּראָיעקט אַרומגעוואַנדערט אין ביידע
קאַמערס, און ס'האָבן זיך געפירט וועגן דעם היציקע דעבאַטן. פאַר דעם פּראָ⸗
יעקט האָט זיך שטאַרק איינגעשטעלט דעפּוטאַט ב ר אַ ק ע נ ר י ד ז ש; אין דער
סעסיע דאָס יאָר 1818 האָט ער געזאָגט אַ גרויסע רעדע פאַר עמאַנסיפּאַציע; די
רעדע איז געווען פאַרעפנטלעכט אין אַ סך אַמעריקאַנער און אייראָפּעאישע בלע⸗
טער: „קיינער, זאָגט ער, איז נישט אַזוי שטאַרק צוגעבונדן צו אונזער פאָטער⸗
לאַנד ווי יידן; קיינער טוט נישט אַזוי פיל פאַר די אינטערעסן און וואויל פונם
לאַנד, דאָס איינציקע לאַנד אויף דער וועלט, וואָס יידן קאָנען דערויף זאָגן,
ס'איז זייער לאַנד. קיינער האָט נישט געקעמפט מיט אַזאַ העלדנמוט פאַרן פאָ⸗
טערלאַנד, סיי די לעצטע יאָרן, סיי בעת דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה".
בראַקענרידזש דערמאָנט, אַז אין אַלע אנדערע שטאַטן זענען יידן גלייכבאַרעכ⸗
טיקט און זאָגט ווייטער: „האָבן מיר דען ביז איצט געהאַט אַ געלעגנהייט חרטה
צו האָבן אויף אונזער פרייגייסט, אָדער ריכטיקער געזאָגט אויף אונזער אַקציע
גערעכטיקייט?" דער געזעץ איז אָנגענומען געוואָרן (1825). יידן האָבן געמעגט
פאַרנעמען עפנטלעכע אַמטן בתנאי, אַז ביים אָנקומען אויף דעם אַמט זאָל יע⸗
דער חתמענען אַ דעקלאַראַציע, אַז ער גלויבט אין יענער וועלט און אין שכר
ועונש. אַזוי שטאַרק איז נאָך געווען אין אַמעריקע דער אַלטער פּוריטאַנישער
גייסט!

אַזוי האָט זיך אין צפון⸗אַמעריקע פאַרפעסטיקט יידישע גלייכבאַרעכטונג די
צייט, ווען אין מערב⸗אייראָפּע האָט מייסטנס געווילדעוועט די רעאַקציע, און

פאַר צוויי מיליאָן רוסישע יידן האָט זיך געשטעלט די פינסטערסטע תקופה אין זייער געשיכטע. אַ קליינע גרופּע פון דער נאַציע (קוים צען טויזנט, דאָס ערשטע פערטל דאָס XIX יאָרהונדערט) האָט גענאָסן פרייהייט און גלייכקייט, אָבער אַמעריקע איז געווען אָפן פאַר אַלעמען, אַהין האָבן געקאָנט קומען נאָך הונדערטער טויזנטער פון די פיין-לענדער. ביי אַזאַ לאַגע איז געווען נאַטירלעך, ביי מענטשן זאָל געבוירן ווערן דער געדאַנק: צי איז נישט די רעפּובליק אויף יענער זייט ים יענץ צוגעזאָגט לאַנד, וואָס דאָרט זאָל דאָס געפּלאָגטע וואַנדער-פאָלק ישראל געפינען רו און גליק? ביי איינעם מרדכי נח, (1785—1851) אַ ניו-יאָרקער מוער און זשורנאַליסט, איז פונם דאָזיקן געדאַנק געוואָרן אַ שיינער פאַנטאַסטישער פּלאַן — נח'ס פּאָטער האָט זיך באַטייליקט אינם באַפריי-קריג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ער אַליין האָט אין דער יוגנט פאַרנומען אַ פּאָסטן פון אַמעריקאַנער קאָנסול אין טוניס (1813), נח האָט אויסגעפירט דעם אויפ-טראַג, וואָס מ'האָט אים געגעבן, ער האָט אויסגעקויפט די אַמעריקאַנער, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין געפענגניש צו די אַלזשירער בעת'ן ענגליש-אַמעריקאַ-נישן קריג, צוריקגעקומען אַ היים און זיך באַזעצט אין ניו-יאָרק. דאָ האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט זשורנאַליסטיק, אַרויסגעגעבן אייניקע צייטונגען (National advocate און אַנד.). דאָס יאָר 1819 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ בוך: „אַ רייזע איבער ענגלאַנד, פראַנקרייך, שפּאַניע און בערבעריע-לענדער", אויספירליך באַ-שריבן זיינע וואַנדערונגען די צייט פון זיין קאָנסול-אַמט. שפּעטער איז ער געווען אינספּעקטאָר פון ניו-יאָרקער האַפן. אין דער דאָזיקער רעשיקער ליטעראַרישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט האָט נח נישט פאַרגעסן אין זיין פאָלק. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו מאַכן אַ רואיקן עיר-מקלט ערגיץ אין אַ ווינקל אין אַמעריקאַנער רעפּובליק פאַר די געטרויפטע יידן אין אייראָפּע. צו דעם צוועק האָט ער מיט פּריוואַטע הילף פאַרוואָרבט אין שטאַט ניו-יאָרק, נעבן דער שטאָט בופאַלאָ, ביים טייך ניאַגאַרא, אַן אינזל גראַנד איילענד, 13 מייל די לענג און 5 די ברייט. אויף דעם דאָזיקן אינזל זאָל דאָס זיין די עיר-מקלט „אררט", יידן זאָלן דאָ לעבן גאַנץ אויטאָנאָם אונטער דעם שוץ פון די פאַראייניקטע שטאַטן און אונטער דער הערשאַפט פון נח'ן גופא, וואָס האָט זיך גענומען דעם טיטל „שופט". וואָס ווייטער, דאָס מער האָט זיך נח אַריינגעלאָזט אין פאַנטאַזיע-פּלענער: ער האָט זיך געמאָלט אַ בילד פון אַ יידישער מלוכה אויף אַ אינזל, וואָס האָט קוים געקאָנט זיין אַ פּלאַץ פאַר 10 טויזנט איינוואַנדערער. סעפּטעמבער 1825 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַרעשיקן אויפרוף צו יידן אויף דער גאָרער וועלט אַזוי: „איך מרדכי עמנואל נח, בירגער פון צפון-אַמעריקאַנער פאַראיי-ניקטע שטאַטן, פריער קאָנסול אין טוניס, איצט שעריף אין ניו-יאָרק און מיט גאָטס גנאָד רעגירער און שופט אין ישראל, מעלד דערמיט יידן אויף דער גאַ-רער וועלט, אַז ס'איז צוגעגרייט אַ זיכער אָרט, דאָרט וועלן זיי געניסן שלום, טרייסט און גליק, וואָס אומטאָלעראַנץ און פאָראורטיילן די פריערדיקע צייט

האָבן דאָס בײַ זיי אַװעקגעריבט, אַ זיכער אָרט אין אַ פרײַ, שטאַרק לאַנד, װאו זיי, זייער פאַרמעגן און רעליגיעזע מנהגים זענען גאָר געזיכערט, אין אַ לאַנד, װאָס רינט האָניק און מילך; ישראל זאָל דאָרט זיצן אין פרידן יעדער אונטער זיין װיינשטאָק און פײַגנבוים; אונזער פאָלק זאָל זיך אויסלערנען רעגירן, אויפגעקלערט װערן מיט װיסנשאַפט און ציװיליזאַציע און אַזוי אַרום זיך גרייטן צוריק אויפבויען זיין אַלטע היים (פאַלעסטינע), װאָס דאַרף איינגיכן פאָרקומען, װי מיר האָבן דערױף צייכנס היינטיקע צייט". אין אויפרוף װערן אויסגערעכנט די מעלות פון נח׳ס אינזל: ער איז זייער פאַסיק פאַר לאַנדווירטשאַפט, פאַר האַנדל און אינדוסטריע. „אין גאָטס נאָמען", דערקלערט נח, פון היינט אָן „לעבט ער אויף, באַנייט און בויט אויף די יידישע נאַציע אונטער דעם שוץ פון דער קאָנסטיטוציע און געזעצן פון אַמעריקאַנער פאַראייניקטע שטאַטן" און „הייסט" אַלע רבנים און פרנסים אין די קהלות צוגרייטן דאָס פאָלק, מאַכן אַ ציילונג צווישן יידן, דערהויפּט אין די שולן און העלפן אַריבערפאָרן אין דער שטאָט אררט, דערהויפּט דער יוגנט. דער רעגירער פון דער פאַנטאַזיע־מלוכה גיט שוין אין זיין אויפרוף אַ סך געזעצן: יידן אין אַזיע און אין אַפריקע זאָלן נישט האָבן מער ווי צו איין פרוי, מ׳זאָל נישט פרי חתונה־מאַכן קינדער, יידן זאָלן זיך נישט מישן אין דער מלחמה צווישן טערקן און גריכן „צוליב דעם וואויל פון אַ סך יידן, וואָס שמאַכטן אונטער טערקיי׳ס יאָך". יעדער ייד זאָל צאָלן אַ קאָפּשטייער דריי שקלים זילבער אָדער איין שפאַנישן טאָלער צו דעקן די הוצאות אויף איבערפאָרן און איינאָרדנען די קאָלאָניסטן אין דער נייער קאָלאָניע. אַלע 4 יאָר זאָל באַשטימט ווערן אַ נייער שופט אין דער קאָלאָניע, לויטן איינזען פון דער צענטראַלער יידישער קאָנסיסטאָריע אין פאַריז. פאַר ממונים אין אייראָפּע אויף אויסצופירן זיין פּלאַן מאַכט נח: דעם פאַריזער הויפּט־רב אברהם־דע־קאָלאָנאַי, די ראַבינער פון באָרדאָ און לאָנדאָן, עדוואַרד האַנס׳ן, דעם פאָרזיצער פון בערלינער „פאַראיין פאַר יידישער קולטור" (דאָסזעלבע יאָר האָט זיך האַנס געשמד׳ט), דעם געלערנטן ל. צונץ און אַנדערע.

אַלע צייטונגען און זשורנאַלן אין אַמעריקע און אין אייראָפּע האָבן איבערגעדרוקט דעם דאָזיקן אויפרוף פאַר אַ סענסאַציע־זאַך, אָבער אומעטום האָט מען זיך פאַרהאַלטן צו דער דאָזיקער ידיעה מיט אומצוטרוי, אָדער אפילו שלעכטגעשטימט. מאָדנע האָט אויסגעזען סיי דער פּלאַן פון „יידישער רעסטאַוראַציע" אויף אַ ווילדן אינזל, סיי דער אויפרוף גופא. אייבער פון די „ממונים" דע־קאָלאָנאַי, הויפּט־רב אין פראַנקרייך, האָט באַלד געמעלדעט אין צייטונגען פון זיין נאָמען און פון לאָנדאָנער רבנים׳ס נאָמען, אַז זיי נעמען אויף זיך נישט די שליחות, זיי האַלטן, אַז מטאָר נישט „מקרב זיין דעם קץ" און אָפּציען יידן פון די לענדער, ווו זיי „געניסן פרידן און פרייהייט אונטער דער הערשאַפט פון גוטהאַרציקע רעגירער". ווינער משכילים האָבן איבערגעדרוקט נחס אויפרוף

אין זייער זשורנאַל „ביכורי־העתים" מיט איראָנישע באַמערקונגען. קיין בעלנים אויף נחס עיר־מקלט האָט זיך נישט געפונען... דערווייל אָבער האָט נח נישט געוואָלט וואַרטן, ביז מ'וועט זיך צונויפפאָרן, און געמאַכט אַ יום־טוב פון וועגן פאַרלייגן דעם פונדאַמענט פאַר אַ נייער שטאָט „אררט" אויפן געקויפטן אינזל. דעם 15־טן סעפטעמבער 1825 זענען זיך אין דער נאָנטסטער שטאָט בופאַלאָ צונויפגעקומען פאַרבעטענע געסט און גלאַט אַ גרויסער עולם צוזעען דעם חדוש. נח, אָנגעטון אין אַ רויט זיידענער מאַנטיע מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל איבער דעם שוואַרצן אנצוג, האָט געפירט אַ פּראָצעסיע פון מיליטערטיילן מיט באַאַמטע פון דער אָרטיקער אַדמיניסטראַציע, מיט גייסטלעכע און גלידער פון מאַסאָנען־לאָזשעס אין דערמיט. מיט מוזיק און געזאַנג איז די פּראָצעסיע אַריין אין ביסקופּ־קירך, וואו ס'איז שוין געווען צוגעגרייט אַ גרויסער שטיין פאַר דעם פונדאַמענט פון דער שטאָט „אררט". אויפן שטיין איז געווען אויסגעקריצט: „שמע ישראל, ה' אלוהינו ה' אחד. אררט, אַ עיר מקלט פאַר יידן, וואָס מרדכי עמנואל נח האָט געגרינדעט חודש תשרי דאָס יאָר ה' תקפ"ו, דאָס פופציקסטע יאָר פון אַמעריקאַנער פרייהייט". אַ גלח האָט געזאָגט אַ געבעט, דער כאָר האָט אָפּגעזונגען פסוקים תהלים, און נח האָט געזאָגט אַ לאַנגע רעדע וועגן אויפלעבן דאָס פאָלק ישראל אין אַמעריקע. דער דאָזיקער יום־טוב דאָס איז געווען דער סוף פון נחס פּלאַן. די שטאָט אַררט איז געבליבן נישט געבויט, דער פונדאַמענט־שטיין מיט דער דערמאַנטער אויפשריפט ליגט ביז היינט אין מוזיי אין בופאַלאָ, אַ זכר פון אַ חלום, וואָס איז נישט באַשערט געווען ווערן צו־וואָר. איבער דער נאַאיווער פאָרם האָט יענער דור נישט איינגעזעען דעם מיגלאַכן רעאַלן תוך: שאַפן אַ יידישן שטאַט אין דעם ווייניק־באַזעצטן נייעם לאַנד... דער אויפטוער פון דעם דאָזיקן טרוים האָט נאָך נאָכדעם געלעבט אַ שטיק צייט, באַשעפטיקט זיך מיט אַזוינע וואָכעדיקע זאַכן, ווי זשורנאַליסטיק, שרייבן לעבעדיקע טעאַטער־פיעסען און טון אין צדקה־ענינים. זיינע לעצטע יאָר, האָט ביי אים ווידער אויפגעפלאַקערט דער טרוים וועגן פּאָליטיש אויפלעבן די יידישע נאַציע. דאָס יאָר 1844 האָט ער געהאַלטן אין ניו־יאָרק צוויי רעדעס פאַר אַ גרויסן קריסטלעכן עולם: „וועגן יידישער אויפלעבונג"; געדרוקט דאָס יאָר 1845 מיטן טיטל; (Discoursc on the restoration of the Jews). מיט היץ האָט ער געמונטערט קריסטלעכע פעלקער, זיי זאָלן העלפן יידן ווידער אויפשטעלן פּאַלעסטינע אַלס אַ יידישן צענטר. אין די דאָזיקע רעדעס זענען פאָראויסגעזעען און טיילווייז אויסגעדריקט מערקווירדיק שטאַרק די פּאַלעסטינישע און ציוניסטישע אידעען, וואָס מיר געפינען שפּעטער קלאָרער פאָרמולירט ביי העסן, פינסקערן און הערצלען.

בעת נח איז געווען פאַרטון אין אַ שיינער פאַנטאַזיע, האָט ער נישט דערזען און נישט דערשאַצט דעם רעאַלן היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס איז פירגעקומען פאַר זיינע אויגן, ווי ביסלעכווייז וואַקסט אַ יידישער צענטר אין אַמעריקע. די אייראָפּעאישע רעאַקציע די יאָרן 1815—1848 האָט פאַרטריבן קיין אַמעריקע

גרויסע מאַסן עמיגראַנטן פון דייטשלאַנד און עסטרייך, צווישן די זענען געווען אַ סך יידן אויך. די גרעסטע צאָל יידישע עמיגראַנטן איז געווען פון בייערן און פון פרייסן; צום יאָר 1848 איז שוין אין די פאַראייניקטע שטאַטן געווען אַ היפשע צאָל יידן — אַקעגן 50 טויזנט נפשות, ד. ה. אַז פאַר 20 יאָר האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג דאָרט פאַרמערט 5 מאָל אַזוי פיל. די אָנגעקומענע האָבן זיך באַזעצט, חוץ אין די גרויסע צענטערן, נאָך אין קלענערע שטעט אויך, וואו קיין אָרגאַניזירטע יידישע קהלות איז נאָך נישט געווען. דער אָרימער טייל האָט זיך תחלת באַשעפטיקט מיט פעדלעריי, ביז ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט, פאַרמעגלעכערע לייט האָבן געמאַכט געשעפטן און קראָמען און זענען געוואַקסן. איינגעאָרדנעטע האָבן אַראָפּגעבראַכט פון דייטשלאַנד קרובים און באַקאַנטע; אַזוי איז אין אַמעריקע געוואָרן יידישע קהלות אין אַזוינע שטעט ווי ציניצינאַטי, טשיקאַגאָ און אַנד., וואו פריער איז דאָס נישט געווען. צווישן די אָנגעקומענע זענען געווען רעפאָרמיסטן אויך, ס'זענען געוואָרן רעפאָרמיסטישע ראַבינער. דער ערשטער איז געווען איזאַק ל י ז ע ר, אַ פרייסישער ייד, וואָס איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע אין דער יוגנט נאָך; דאָס יאָר 1829 איז ער געוואָרן ראַבינער ביי דער קאָנגרעגאַציע „מקוה ישראל" אין פילאַדעלפיע. ער האָט איינגעפירט דרשות אויף ענגליש ביים דאַווענען, ער האָט איבערגעזעצט תנ"ך אויף ענגליש, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן ביי אַמעריקאַניזירטע יידן; דאָס יאָר 1843 האָט ער אָנגעהויבן אַרויסגעבן דעם ערשטן ערנסטן אַמעריקאַניש יידישן זשורנאַל The Occident, וואָס ער האָט רעדאַקטירט ביזן טויט (1868). דער צווייטער רעפאָרם-פּיאָנער איז געווען דער געוויסער ד"ר ליליענטאַל, וואָס איז אַנטלאָפן פון רוסלאַנד פון דער שול-רעפאָרם נאָכדעם ווי ער האָט דערשמעקט דעם אמת'ן מיין פון דער רוסישער רעגירונג. אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז ער אָנגעקומען דאָס יאָר 1845 און איז געוואָרן ראַבינער אין ניו-יאָרק ביי צוויי רעליגיעזע קאָנגרעגאַציעס. אומצופרידן מיט זיין אָרטאָדאָקסאַלער קהלה איז ער אין עטלעכע יאָר אַרום אַוועק פון איר און איז אָפן צוגעשטאַנען צו רעפאָרמיסטן. ער איז געוואָרן ראַבינער אין ציניצינאַטי און פאַרבראַכט דאָרט ביזן טויט (1882), דערלעבט נאָך צוזען די ערשטע יידישע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד, וואָס זענען אַנטלאָפן פון פּאָגראָמען. דערהויפּט האָט זיך די רעפאָרמיסטישע באַוועגונג פאַרשטאַרקט אין אַמעריקע די תקופה וואָס נאָך דעם (די יאָרן 1848—1881), די צייט, ווען ס'זענען מייסטנס אויפגעקומען קהלות אין אַמעריקע. אַ סך האָט דאָ מיטגעהאָלפן דעם רעפאָרמיזם די אַמעריקאַנער סיסטעם „קאָנגרעגאַציעס", אָדער סינאַגאָגאַלע חברות: יעדע קהלה האָט געהאַט עטלעכע אַזוינע קאָנגרעגאַציעס, און יעדע קאָנגרעגאַציע האָט געהאַט איר רב, אירע רעליגיעזע און צדקה-אינסטיטוציעס, האָט זיך געקאָנט איינפירן, וואָס פאַר אַ רעליגיעזע רעפאָרמעס זי האָט געוואָלט. די דעצענטראַליזאַציע האָט אָפּגעשוואַכט דעם פּאָליטישן ווערט פון דער קהלה, אַלס אַ נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו, דאָ האָט

אָבער געשטעקט אַ מעלה אויך: יעדער טייל קהלה האָט זיך געהאַט זיין רעלי־גיעזע פרייהייט.

§ 31. דער עלילת־דם אין דמשק און דאָס אויפוואַכן פון די מזרח־לענדער.

די ערשטע העלפט פונם XIX יאָרהונדערט, די צייט פון שווערע קריזיסן פאַר דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע, האָט דערוועקט יידן אין די מזרח־לענדער פון טיפן שלאָף. אויפגעוועקט דעם מזרח האָט נישט קיין רעוואָלוציע, געשריי וואָס זאָל רופן אַראָפּצוואַרפן דעם דעספּאָטיזם, נאָר דאָס פונאַנדערלויפן פון פעלקער, וואָס טערקיי האָט מיט גוואַלט געשטיקט: די קאָנקורענץ צווישן קליינע דעספּאָטן פּאַשאַס, און דעם גרויסן דעספּאָט — דעם סולטאַן, און לסוף די עגאָאיסטישע פּאָליטיק פון אייראָפּעאישע מלוכות, וואָס האָט זיך געמאַכט פון די אינעווייניקסטע טערקישע ווייטאָקן אַ שאַרפע „מזרח־פראַגע”. דער אויפשטאַנד און דאָס באַפרייען גריכנלאַנד (1820—1829) — איז געווען דער ערשטער קלאַפּ פאַר יידן אין אייראָפּעאיש טערקיי. אומגעריכט האָבן יידן שטאַרק געליטן פונם גריכישן אויפשטאַנד. דעם ערשטן טאָג קריסטלעכער פּאַסכאַ 1821 זענען דעם סולטאַנס יאַניטשאַרן באַפאַלן די פּראַוואָסלאַווע ק׳רך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, געהרגעט דעם גריכישן פּאַטריאַרך גריגאָרי און אַרייַנגעוואָרפן דעם טויטן קערפּער אין ים אַריין. אינם עולם טערקן, וואָס האָבן געשלעפּט דעם טויטן קערפּער איבער די גאַסן, זענען געווען עטלעכע יידן אויך צופעליק אַלס צוזעער: לויט אַ באַפעל פון די מערדער האָבן זיי שוין געמוזט בייזיין אין דער העסלעכער, מוסולמענישער דעמאָנסטראַציע. צווישן גריכן האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז יידן האָבן אַ חלק אין הרגענען דעם פּאַטריאַרך און זיי האָבן זיך גענומען נוקם זיין אין יידן. אין מאָרעע, אינם צענטער פונם גריכישן אויפשטאַנד, זענען טויזנטער אומשולדיקע יידן אומגעקומען פון די ווילד־צערייצטע גריכן, וואָס האָבן זיך אַזוי נוקם געווען פאַרן פּאַטריאַרך. די צאָל יידישע קרבנות זאָל האָבן דערלאַנגט ווי מ׳זאָגט ביז 5 טויזנט (די דאָזיקע צאָל איז מסתמא איבערגעטריבן). די לעגענדע, אַז יידן האָבן געהרגעט דעם פּאַטריאַרך, האָט דערלאַנגט צו דער ווייטער גריכישער קאָלאָניע אין אָדעס, זומער דאָס יאָר 1821 האָט אַ שיף געבראַכט דעם פּאַטריאַרכס קערפּער קיין אָדעס צו קבורה; אַ המון גריכן מיט אַ צוגאָב רוסישע כוליגאַנעס איז בעפאַלן און רואינירט יידישע בתי־מדרשים, הייזער, קראָמען, געשלאָגן אַסך יידן, אייניקע געהרגעט (דעם 19־טן יוני); קוים מיט מי האָט פּאָליציי און מיליטער איינגעשטילט דעם פּאָגראָם. אַזוי האָט זיך די אַלטע אַנטיסעמיטישע וויזאַנטי געגעבן אָנצוהערן אינם אויפגעלעבטן גריכנלאַנד.

אין דער אַזיאַטישער טערקיי האָבן יידן אויך געהאַט אַ סך אויסצושטיין

די שווערע צען יאָר קאַמף (1831 — 1840) צווישן עגיפּטישן פּאַשאַ מאַכמעד אַלי און דעם סולטאַן. דער וואַסאַל מאַכמעד אַלי, וואָס איז אויפגעשטאַנען קעגן סולטאַן מאַכמוד II, איז געוואָרן פריער אַלייןהערשער אין מצרים, דערנאָך האָט ער פאַרכאַפּט סיריע אויך; דער גאַנצער פּאַלעסטינער ברעג=ים איז געוואָרן אַ קאַמף פּלאַץ. איבער די געגנדן פון אַמאָליקע יהודה און גליל האָבן אַרומגעיאָגט מאַכמעד אַלי׳ס חילות, ווילדע דרוזן פון לבנון, אויפגעשטאַנענע אַרטיקע פעלאַכן. דאָס עגיפּטישע מיליטער אונטער איבראַהים=פּאַשאַ׳ס קאָמאַנדע האָט פאַרוויסט ירושלים, חברון און צפת (1834), מער פאַר אַלץ האָט מען ראַבירט און געהרגעט די אומבאַוואָפנטע יידישע באַפעלקערונג — מ׳האָט געשענדעט פרויען, פאַראומווערדיקט בתי=מדרשים. צו דעם שרעקלעכן קריג איז נאָך צוגעקומען אַ שרעקלעכע ערדציטערניש, וואָס האָט אומגעבראַכט צפת און טבריה כמעט מיט דער גאָרער באַפעלקערונג. אַ יאָמער און אַ קלאָג האָט זיך געטראָגן איבער די הייליקע ערטער, טויזנטער נייע קברים זענען צוגעקומען צו די אַלטע, אָפּגעווישט איז געוואָרן די גרעניץ צווישן לעבן און טויט. די אייראָפּעאישע דיפּלאָמאַטיע האָט קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון דעם בלוטיקן טומל אין די מזרח=לענדער און האָט זיך אַפילו אַליין באַטייליקט אין קאַמף פונם סולטאַן מיט דעם אויפגעשטאַנענעם וואַסאַל. פראַנקרייך האָט געהאַלטן מיט מאַכמעד אַלי, וואָס האָט פאַרשטאַנען צו פאַרדעקן די נאַקעטקייט פון אַזיאַטישן דעספּאָטיזם מיט אַ גלאַנץ פון אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע. רוסלאַנד, טיילווייז ענגלאַנד און עסטרייך, האָבן געהאַלטן טערקייס צד. אַלע פאַראינטערעסירטע מלוכות האָבן געפירט זייער פּאָליטיק דורך זייערע קאָנסולן; די דאָזיקע קאָנסולן האָבן געשפּילט אַ ראָליע פון אַ אינטערנאַציאָנאַלער רעגירונג צו דער טערקישער רעגירונג, דערהויפּט אין די גרויסע פּאָרט=שטעט אין סיריע און אין פּאַלעסטינע. דאָס יאָר 1840, קורץ פאַר מאַכמעד=אַליס פאַלן, האָט זיך דער דיפּלאָמאַטישער קנויל פון דער „מזרח=פראַגע” שטאַרק פאַרפּלאָנטערט, און דעמאָלט האָט זיך אין דמשק, אין דער רעזידענץ פון סיריע (אונטער מאַכמעד=אַליס הערשאַפט) אָפּגעשפּילט אַ שרעקלעכע טראַגעדיע, וואָס האָט שטאַרק אויפגערודערט יידן אויף דער גאָרער וועלט.

אין דמשק האָט געוואוינט ביז 20 טויזנט יידן, צווישן זיי אַ סך אָנגעזעענע, רייכע ספרדישע פאַמיליעס. חוץ יידן און מוסולמענער איז נאָך דאָ געווען אַ קאָלאָניע קריסטן אונטערן שוץ פונם פראַנצויזישן קאָנסול. (פראַנקרייך האָט, ווי געזאָגט, געהאַלטן מאַכמעד=אַלי׳ס צד). דעם 5 פעברואַר 1840 איז פון דער דאָזיקער קאָלאָניע נישט געבליבן אַ קאַפּוצינער מאָנאַך, פּאַטער טאָמאַס. טאָמאַס האָט זיך באַשעפטיקט אַגב מיט פּאָקן=שטעלן און סגולות=געבן אויך און איז געווען אַן אָפּטער אַריינגייער סיי צו יידן, סיי צו קריסטן. קורץ פאַרן פאַרשווינדן האָט ער געהאַט עפּיס אַ סכסוך מיט אַ טערק; יענער האָט געשראָקן דעם מאָנאַך, ער וועט אים הרג׳ענען. פונדעסטוועגן איז ווי נאָר דער מאָנאַך איז

נישט געבליבן, האָבן זיינע אָבערגלויבישע חברים גענומען פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז יידן האָבן אים אומגעבראַכט; אַ סימן, אַז אַ טאָג פאַר דעם האָט מען אים געזען אין יידישן קוואַרטאַל. צו וואָס האָבן דאָס יידן געטון, איז די מאָנאַכן קלאָר געווען: יידן דאַרפן האָבן קריסטלעך בלוט אויף פסח צו די מצות. ראַטי-מענטאָן, פראַנצויזישער קאָנסול אין דמשק, אַ פאַרדעכטיקע פערזאָן מיט אַ חשוד׳יקער פאַרגאַנגנהייט, האָט די ווערסיע גערן אָנגענומען און אויף דעם וועג געלאָזט פירן די פאָרשונג, אַזוי ווי אַ געניטער אינקוויזיטאָר; צו אים האָט צוגעשטימט דער אכזר׳דיקער דמשק׳ער שעריף-פּאַשאַ. מ׳האָט באַלד אַרעסטירט עטלעכע יידן. איינעם אַ שערער האָט מען ביים פאַרהער געגעבן פינף הונדערט שטעקנס איבער די זוילן, ער זאָל אָנרופן די שולדיקע. דער געפּייניקטער האָט נישט אויסגעהאַלטן און האָט אָנגערופן די ערשטע בעסטע זיבן נעמען, וואָס זענען אים געקומען אין קאָפּ אַריין: דוד הררי מיט זיין זון און זיינע ברידער, משה אַבולאַפיה, משה סאַלאָניק און יוסף לאַניאַדאָ. די געמסרטע האָט מען באַלד פאַרשפאַרט אין אַ פינסטערער תפיסה און גענומען צום פאַרהער. שעריף-פּאַשאַ׳ס און מענטאָנס איקוויזיטאָרס האָבן זיי געפּייניקט אויף אַזאַ שטייגער: מענטשן אין די יאָרן און זקנים האָט מען געהאַלטן 36 שעה אויף די פיס; אָן שפּייז, אָן אַ טרונק, אָן שלאָף. ווען דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָט מען זיי געשמיסן מיט ריטער ביז חלשות-פאַלן, אָפּגעמונטערט און ווידער געשמיסן. די פּייניקונג האָט נישט געהאָלפן, די אַלטע האָבן זיך נישט געלאָזט ברעכן, דעמאָלט האָט מען זיך גענומען פאַר קינדער: שעריף-פּאַשאַס אַגענטן האָבן געכאַפּט 60 יידישע קינדער פון 3 ביז 10 יאָר אַלט, פאַרשפּאַרט זיי אין איין אָרט און געלאָזט אָן עסן. ווי משוגענע האָבן זיך געריסן די מוטערס, צוהערנדיק די וויי-געשרייען פון זייערע געפּייניקטע קינדער, אָבער דעם בלבול האָבן זיי נישט באַשטעטיקט. דערווייל, זוכנדיק דעם טויטן קערפּער פון פאַטער טאָמאַס, האָט מען געפונען אויפן ברעג קאַנאַל אַ ביין און אַ שטיק פון אַ בגד, אין אַן אַנדער אָרט האָט מען געפונען ביינער, וואָס דאָקטוירים האָבן זיי געהאַלטן פאַר שעפּסענע. מ׳האָט ווידער גענומען פּייניקן די פאַרמסר׳טע: דאָס מאָל האָבן די פּייניקער אויסגעפירט זייערס: לאַניאַדאָ איז אויסגעגאַנגען פון פּייניקונג, אַבולאַפיה איז געוואָרן אַ מוסולמענער, די איבריקע האָבן נישט געקאָנט אויסשטיין די פּייניקונג און האָבן נאָכגעגעבן, וואָס מ׳האָט געוואָלט פון זיי: זיי האָבן גענומען דעם בלבול אויף זיך, כדי אַזוי אַרום אויסבעטן אויף זיך וואָס גיכער דעם טויט. פאַר ראַטי-מענטאָנען זענען די דאָזיקע קרבנות געווען ווייניק, האָט ער פאַרצויגן די שטריק אויף נאָך אומשולדיקע: אַזוי זענען אַריינגעפאַלן דריי דמשקער רבנים, אָנגעזעענע גלידער פון דער פאַמיליע פאַרכי, און יצחק פּיקטשיאָטאָ אַן עסטרייכישער אונטערטאַן. דעם לעצטן איז ביגעשטאַנען דער עסטרייכישער קאָנסול מערלאַטאַ און אים נישט אַרויסגעגעבן די פּייניקער, דעם קאָנסול איז געווען שטאַרק דערווידער דער מאַכטס אינקוויזיטאַרישע מעטאָדע.

דער אויפגעפלאַמטער פאַנאַטיזם ביי קריסטן און מוסולמענער האָט געהאַלטן אין איין צעבלאָזן די בלוטיקע לעגענדע. פרילינג דאָס זעלבע יאָר האָט זיך געמאַכט אַן עלילת⸗דם אויפן אינזל ר אָ ד אָ ס, וואו יידן האָבן געלעבט צווישן אַ פיינטלעך⸗געשטימטער גריכישער באַפעלקערונג. אַ גריכיש יינגל האָט זיך אויפגעהאָנגען, מ׳האָט געפונען דעם טויטן קערפער און מ׳האָט באַלד געמאַכט דערפון אַן עלילת⸗דם. מ׳האָט שוין געהאַט אַרעסטירט אַ יידן, וואָס אויף אים האָט מען געוואָרפן דעם חשד, און מ׳האָט אים געפייניקט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט גענומען אויף זיך דעם בלבול. ס׳האָט אויפגעפלאַקערט דער האַס צו יידן דערהיצט פון שרעקלעכע קלאַנגען... דער פינסטערער המון איז באַפאַלן יידן אין סמירנע, אין ביירוט, נעבן דמשק... דאָס פייער אויפן אינזל ראָדאָס האָט מען אינגיכן איינגעשטילט. דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער חכם⸗באַשי (הויפט⸗רב) משה פרעסקאָ און דאָס לאָנדאָנער באַנק⸗הויז רויטשילד האָבן געפועלט ביים סולטאַן, מ׳זאָל איבערטראָגן דעם פראָצעס קיין קאָנסטאַנטינאָפאָל; דער טערקישער מלוכה⸗ראַט (דיוואַן) האָט קלאָר געמאַכט, אַז יידן זענען דאָ אומשולדיק (יולי).

מיטן דמשקער עלילת⸗דם האָט דערווייל געקלינגען די גאַנצע אייראָפעאישע פרעסע. ראַטי⸗מענטאָן האָט מיט זיינע מיטטיילונגען אין דער פרעסע געהעצט פראַנקרייך קעגן יידן. קלעריקאַלן פון אַלע לענדער האָבן שוין פאַראויס געקוואָלן, וואָס מיטלאַלטער שטייט אויף תחית⸗המתים. אין רוים האָט מען אין קאַפוצינער⸗קירך געשטעלט אַ שטיין, אַן אייביקן זכרון פונם „קדוש" פאַטער טאָמאַס, וואָס יידן זאָלן אים האָבן אומגעבראַכט. די ידיעה וועגן דער בייער אינקוויזיציע האָט שטאַרק אויפגערעגט די יידישע געזעלשאַפט אין אייראָפע. יידישע טוער אין די רעזידענץ⸗שטעט האָבן געהאַט די גענויסטע ידיעות וועגן די געשעענישן אין דמשק. אַדאָלף קרעמיע, משה מאָנטעפיאָרע, די רויטשילדס און אַנדערע אָנגעזעענע פערזענלעכקייטן האָבן באַקומען געבעט⸗בריוו פון דאָרט, מ׳זאָל זעען טון. מ׳האָט באַדאַרפט פאַרפירן אַ קאַמף קעגן דעם בלבול, וואָס האָט געוואָרפן אַ פלעק אויף דאָס גאַנצע יידנטום, און ספעציעל קעגן דמשקער אינקוויזיציע⸗געריכט, וואָס האָט געמאַכט פון ווייס שוואַרץ. דער ערשטער האָט זיך גענומען פאַר דער זאַך אַדאָלף קרעמיע, דעמאָלט וויצע⸗פרעזידענט פון דער פאַריזער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע. ער האָט מיטגעטיילט דעם מיניסטער⸗פרעזידענט טיערן וועגן ראַטי⸗מענטאָנס מעשים, און באַקומען אַן ענטפער, אַז די רעגירונג ווייסט נאָך גאָרנישט פון דמשקער פראָצעס. קרעמיע האָט זיך דעמאָלט געווענדעט צום קעניג לואי⸗פיליפ; יענער האָט אָבער אויך דיפלאָמאַטיש געענטפערט, אַז דער קעניג איז גרייט בייצושטיין אומגליקלעכע, אויב ס׳וועלן זיך געפינען אַזוינע. באמת אָבער האָט זיך די פראַנצויזישע רעגירונג נישט געוואָלט אָננעמען פאַר דמשקער יידן: איר האָט נישט געלוינט קאָמפראָמעטירן איר אַגענט מענטאָן און קריגן זיך מיט אַ פאַרבונדעטן, מיט מאַכמעד⸗אַלי, וואָס זיין דמשקער גובערנאַטאָר האָט דאָ געשטעקט. אַנדערש האָט זיך פאַרהאַלטן צו דער זאַך די⸗

ענגלישע רעגירונג. נאָכדעם ווי אַ יידישע דעפּוטאַציע האָט איבערגעגעבן לאָרד פּאַלמערסטאָנען וועגן די געשעענישן אין דמשק און אין ראָדאָס, האָט יענער באַפוילן דעם ענגלישן געזאַנדטן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און דעם קאָנסול אין אַלעקסאַנדריע טון מיטלען קעגן דער אכזריות פון דער אָרטיקער אַדמיניסטראַציע. דער עסטרייכישער מיניסטער מעטערניך האָט זיך אויך פאַרהאַלטן קאָרעקט; דער עסטרייכישער קאָנסול אין דמשק האָט אים מיטגעטיילט אַן ערלעכע באַשרייבונג פון דעם אינקוויזיציע-פּראָצעס; מעטערניך האָט באַפוילן די עסטרייכישע אַגענטן אין סיריע און אין מצרים, זיי זאָלן זיך ענערגיש אָננעמען פאַר די געפּלאָגטע יידן. לאַאורין, עסטרייכישער גענעראַל-קאָנסול אין אַלעקסאַנדריע, האָט אין דעם זין פירגעהאַלטן מאַכמעד-אַלין; פאַרקערט, דער פראַנצויזישער גענעראַל-קאָנסול קאָשלע האָט געווירקט, מ'זאָל זיך נישט איילן אַ סוף מאַכן צום דמשקער פּראָצעס. אויף דעם עסטרייכישן קאָנסולס ראַט האָט די יידישע קהלה אין אַלעקסאַנדריע דערלאַנגט מאַכמעד-אַלין אַ פּעטיציע, געשריבן מיט האַרץ. די פּעטיציע לאָזט זיך אויס מיט אַזוינע ווערטער: „מיר בעטן נישט קיין רחמנות צו אונזערע גלויבנסברידער (אין דמשק), מיר פאַרלאַנגען גערעכטיקייט". מאַכמעד-אַלי האָט צוגעזאָגט צונויפשטעלן ספּעציעל אַ געריכט פון די קאָנסולן, דעם ענגלישן, דעם עסטרייכישן, דעם רוסישן און דעם פּרייסישן, אויסצופאָרשן דעם דמשקער פּראָצעס; די זעלבע צייט האָט ער באַפוילן דעם דמשקער גובערנאַטאָר שעריף-פּאַשאַ אָפּשטעלן אַרעסטן און פייניקונגען. אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט אין דער זאַך דער פראַנצויזישער קאָנסול קאָשלע: ער האָט זיך געפילט באַליידיקט, וואָס דעם פראַנצויזישן דיפּלאָמאַטישן אַגענט האָט מען נישט אַריינגעשטעלט אין צעטל ריכטער אין דער קאָנסול-קאָמיסיע. טיער, וואָס האָט יענע צייט, געמאַכט חנדלאַך די קלעריקאַלן, האָט אים צוגעגעבן מוט מיט זיינע אינסטרוקציעס, און קאָשלע האָט אויף דעם סמך שטאַרק געוואָרנט מאַכמעד-אַלין נישט אויפצודעקן די סודות פון דער דמשקער אינקוויזיציע; דער פּראָצעס איז געבליבן ביים פריערדיקן צושטאַנד. אַ ייד — אַ דעפּוטאַט פולד האָט געשטעלט אַ פראַגע טיער'ן אין פאַרלאַמענט, ווי אַזוי איז דאָס מיגלאַך, אַז אַ קאָנסול פונם גלייכהייט- און פריי-הייט-לאַנד זאָל דערלאָזן אין דמשקער פּראָצעס פייניקונג און „זאָל שטיצן דעם פּאַשאַס תליינים". אָבער טיער האָט זיך אָנגענומען פאַרן געמיינעם מענטאָן און האָט נישט דערלאָזט, דער פאַרלאַמענט זאָל אָננעמען אַ רעזאָלוציע וועגן דער אָנפראַגע (דעם 2 יוני). „פראַנקרייך איז קעגן אונז" — האָט קרעמיע אויסגעשריגן מיט האַרצווייי. דער איינציקער אויסקוק איז געווען אויף ענגלאַנד.

אין לאָנדאָן האָבן זיך אָנגערופן אַלע פריינט פונם יידישן פאָלק. די געזעלשאַפטלעכע מיינונג אין ענגלאַנד האָט סימפּאַטיזירט מיט די געפּלאָגטע, נישט מיט די פּלאָגער. אין אַ זיצונג אין דער אונטערשטער קאַמער (דעם 22-טן יוני) האָט ראָבערט פּיל געפאָדערט, אַז דער פאַרלאַמענט זאָל זאָגן זיין מיינונג וועגן דעם דמשקער פּראָצעס, ווארום „דעם פאַרלאַמענטס וואָרט קאָן-מאַכן, ס'זאָל

אַסך גרינגער דערלאַנגט ווערן דער גרויסער צוועק פון גערעכטיקייט און מענטשלעכקייט". לאָרד פּאַלמערסטאָן האָט געענטפערט, אַז די רעגירונג האָט שוין באַפוילן איר גענעראַל-קאָנסול אין אַלעקסאַנדריע מתרה זיין מאַכמעד-אַלין „וועגן דעם איינדרוק, וואָס אַזוינע ווילדע מעשים (ווי אין דמשק) קאָנען מאַכן אויף אייראָפּע". די קריסטלעכע געזעלשאַפט אין לאָנדאָן האָט געמאַכט אַ גראַנדיעזן פּראָטעסט-מיטינג קעגן דמשק'ער רציחות אין שטאָט-הויז „מענטשן-הויז" אונטער דעם לאָרד-מערס פּאָרזיץ (דעם 3-טן יולי). איינער נאָכן אַנדערן זענען אַרויף אויף דער טריבון פּאַרלאַמענט-דעפּוטאַטן, פּאָרשטייער פון גייסטלעכע און אַנדערע שטאַנדן צו פּראָטעסטירן קעגן דעם ווי מ'דערנידעריקט און מ'פּייניקט „דאָס פאָלק, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער וועלט מיט אַלץ, וואָס די רעליגיע פאַרמאָגט הייליקס און טייערס". דער מיטינג האָט איינשטימיק אָנגענומען אַזאַ רעזאָלוציע: „די פאַרזאַמלונג זאָגט אַרויס איר טיפן באַדויער, וואָס אין אַן אויפגעקלערטער צייט האָט מען געקאָנט פאַרפירן קעגן אונזערע יידישע ברידער אַ בלבול, אַן אויפטו פון אומוויסנקייט, דערהיצט פון צביעות". 1) נאָך פאַר דעם מיטינג איז אין לאָנדאָן פירגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון יידישע טוער, געקומען איז קרעמיע אויך פון פּאַריז. ס'איז דאָרט געבליבן: שיקן אַ דעלעגאַציע אויפן אָרט מיט מאָנטעפיאָרע און קרעמיע בראש צו טון דאָרט דירעקט פאַר דמשק'ער יידן. דעם 23-טן יוני). ווען די דעלעגאַטן האָבן זיך שוין געלאָזט אין וועג אַריין, האָט שוין פראַנקרייך אָנגעוואָרן איר השפעה אין מזרח: פיר מלוכות, ענגלאַנד, עסטרייך, רוסלאַנד און פּרייסן האָבן באַשלאָסן באַשטיין, אַז סיריע זאָל צוריק אומגעקערט ווערן דעם טערקישן סולטאַן.

אָנהויב אויגוסט איז די יידישע דעלעגאַציע געקומען קיין מצרים. משה מאָנטעפיאָרע, געשטיצט פונם ענגלישן גענעראַל-קאָנסול, האָט זיך באַלד פירגעשטעלט פאַר מאַכמעד-אַלי'ן אין קאַיר. ער האָט געבעטן, מ'זאָל דער יידישער דעלעגאַציע לאָזן פאָרן קיין דמשק אויפצוקלערן די אומשולדיקייט פון די אַרעסטירטע; אויך זאָל דער יידישער דעלעגאַציע געגעבן ווערן אַ שוץ-בריוו, די אָרטיקע אַדמיניסטראַציע זאָל דער דעלעגאַציע צוהילף קומען. מאַכמעד אַלי האָט זייער פריינטלעך אויפגענומען מאָנטעפיאָרע'ן, ער האָט זיך אָבער נישט געאיילט צופרידנשטעלן זיין ביטע, וואָרום דער פראַנצויזישער קאָנסול קאָשלע האָט נאָך אַלץ געווירקט אויף אים, ער זאָל נישט באַגיין אַזאַ געפערלעכע זאַך, ווי ענטדעקן דמשק'ער סודות. ערשט נאָך דעם, ווי קרעמיע האָט געפועל'ט, אַז 9 אייראָפּעאישע קאָנסולן — חוץ דעם פראַנצויזישן, — זאָלן דערלאַנגען מאַכמעד-אַלי'ן אַ קאָלעקטיווע נאָטע צו שטיצן די יידישע פאָדערונגען, ערשט דעמאָלט האָט

1) אַ פּראָטעסט-מיטינג איז פאָרגעקומען אין פילאַדעלפיע אויך (אויגוסט 1840); דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן זאָל ענערגיש פּראָטעסטירן קעגן דעם דמשקער גרויל.

דער פּאַשאַ אַרויסגעוויזן זיין ליבעראַליזם, פאַרכאַפּט פריער, איידער מ׳האָט אים דערלאַנגט די נאָטע, און צוגעזאָגט באַפעלן קיין דמשק, מ׳זאָל באַלד באַפרייען אַלע אַרעסטירטע פאַרן עלילת־דם (28 אויגוסט). אָבער אינם פּראָיעקט באַפעל איז געווען אַ געפערלעכער אויסדרוק: שענקען דמשק׳ער יידן אויף קרעמיע׳ס און מאָנטעפיאָרע׳ס ביט, פונקט ווי דאָ וואָלט זיך געהאַנדלט פון פאַרשולדיקטע, וואָס מ׳שענקט זיי די שטראָף (אויפגעדעקט האָט דאָס דער אָריענטאַליסט מונק, אַ גליד פון דער דעלעגאַציע). קרעמיע איז באַשטאַנען, אַז אַנשטאַט „שענקען" זאָל שטיין „באַפרייען". באַקומען דעם באַפעל, האָט שעריף־פּאַשאַ געמוזט פאָלגן און אַרויסלאָזן דעם קרבן פון די הענט. דעם 6־טן סעפּטעמבער האָט מען אַרויסגעלאָזט פון דער טורמע זיבן געפּייניקטע פון דער דמשק׳ער אינקוויזיציע, וואָס זענען נאָך געבליבן לעבן. דעם בלוטדורשטיקן שעריף׳ן האָט מען געבראַכט קיין קאַיר, און געקעפּט דאָרט אַלס אַ שולדיקן אין מלוכה־פאַרראַט. אינגיכן (אָקטאָבער 1840) איז דמשק און גאַנץ סיריע באַפרייט געוואָרן פון מאַכמעד אַלי׳ס הערשאַפט; מיט דער הילף פון די דערמאָנטע פיר מלוכות האָט טערקיי צוריקבאַקומען סיריע.

טערקיי האָט בערך געהאַט אַ ליבעראַלן רעגירער, דעם יונגן סולטאַן אַבדול־מעדזשיד; דאָס יאָר, ווען ער איז אַרויף אויפן טראָן (1839), האָט ער אַרויסגעגעבן דעם געוויסן מאַניפעסט (כאַטי־שעריף), וואָס האָט געשיצט די פּערזענלעכקייט און פאַרמעגן פון די פּרעמדגלויביקע, יידן אויך אין כלל. מאָנטעפיאָרע און קרעמיע האָבן באַשלאָסן זיך ווענדן צו דעם דאָזיקן סולטאַן, וואָס האָט באַוויזן אַ געפיל פאַר גערעכטיקייט אין ראָדאָסער פּראָצעס. געקומען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָבן זיי אויף אַן אוידיענץ ביים סולטאַן אים דערלאַנגט אַ בקשה, ער זאָל אַרויסגעבן אַ פירמאַן צו באַשיצן טערקישע יידן אין דער צוקונפט פון עלילת־דם. דער סולטאַן האָט צופרידנגעשטעלט זייער ביט. דעם 6 נאָוועמבער איז אַרויס אַ פירמאַן, אַז באַשולדיקן יידן אין „ברענגען מענטשלעכע קרבנות" איז אַ מיאוסער בלבול, וואָס האָט אומגעבראַכט אומשולדיקע מענטשן אין דמשק און אין ראָדאָס. „כדי מ׳זאָל יידן ווייטער נישט פּייניקן און שלעכטס טון" האָט דער סולטאַן באַשטעטיקט זיין פריערדיקן באַפעל, וואָס שיצט יידן פּערזענלעך, זייער פאַרמעגן און רעליגיע.

אַזוי האָט זיך איינגעשטילט דער שטורמווינט, וואָס האָט דאָס יאָר 1840 אויפגערודערט דעם קאָכיקן מערב און דעם פאַרשלאָפענעם מזרח. דמשקער עלילת־דם האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף צו הויבן דאָס יידישע באַוואוסטזיין. אין אַ צייט, ווען דאָס מערב־אייראָפּעאישע יידנטום האָט זיך מיטן כשוף פון דער אַסימילאַציע געשפּאָלטן און געטיילט זיך אויף גרופּעס: פראַנצויזן, ענגלענדער, דייטשן פון יידישער אמונה, אויף טיילן פון פרעמדע פעלקער, אָפּגעריסן פונם יידישן שטאַם, אין אַזאַ צייט איז געשעען עפּיס אַזוינס, וואָס האָט פאַראייניקט יידן פון אַלע לענדער, וואָס האָט געוויזן די מאָראַלישע

אחדות פונם צעזייטן פאָלק. ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז ווען מ'פאַרשאַפט אַ וואונד יידן ערגיץ אין דמשק אָדער אין ראָדאָס, רירט דאָס שטאַרק אָן לאָנדאָנער און פאַריזער יידן, ד. ה., אַז ס'איז פאַראַן איין יידישער אַלוועלטלעכער אָרגאַניזם, וואָס זיינע טיילן זענען פאַרבונדן מיט נאָך עפּיס, חוץ רעליגיע. דאָס איז געווען אַן אָנהויב פאַר שפּעטערדיקע פּרובן צו פאַראייניקן דאָס יידנטום פריער פאַר פילאַנטראָפּישער, קולטורעלער און פּאָליטישער זעלבסטהילף, שפּעטער שוין פאַר אַ נאַציאָנאַלן אידעאַל. נאָך איינס: ביי מערב־אייראָפּעאישע יידן, וואָס האָבן פאַרלאָרן דאָס נאַציאָנאַלע גלייכגעוויכט, איז אויפגעוועקט געוואָרן דער אינטערעס פאַרן טראַדיציאָנעלן פאַרשלאָפענעם מזרח־יידנטום. שוין דאָס יאָר 1840, אונטער׳ן פרישן איינדרוק פונם עלילת־דם, האָבן קרעמיע און מונק גענומען גרינדן בילדונג־שולן פאַר יידישע קינדער אין אַלעקסאַנדריע און אין קאַאיר. מזרח־יידן גופא האָבן אָנגעהויבן באַגרייפן די נוצלעכקייט פון בילדונג, וואָרום זייער רעטונג האָבן זיי צו פאַרדאַנקען די געבילדעטע מערב־יידן. אַזוי האָבן זיך דערנענט די ווייטסטע טיילן פאָלק, און דאָס האָט געהאַט צו זאָגן פאַר דער ווייטערדיקער יידישער געשיכטע.

די תקופה צווייטע עמאַנסיפּאַציע (1848—1881)

קאַפּיטל I

די עמאַנסיפּאַציע און ווי זי איז אויסגעפירט געוואָרן אין דייטשלאַנד.

§ 32. די מערץ־רעוואָלוציע און די גלייכבאַרעכטונג.

די מערץ־טעג דאָס יאָר 1848 האָבן געבראַכט פעלקער אין מערב־אייראָפּע אַ פּאָליטישן פרילינג — אַ „פעלקער־פרילינג" נאָך אַ דרייסיק יאָריקער ביטערער רעאַקציע. ווי נאָר די זון פון פּאָליטישער פרייהייט האָט זיך באַוויזן פון איר געוויינטלעך אָרט, פונם אויפגעפלאַמטן פּאַריז, האָבן אָנגעהויבן גיין קריעס אין דייטשלאַנד, עסטרייך, איטאַליע, אָפּגערייניקט אויפן וועג אַלע צוימען פון מעטערניך'ס רעאַקציע, און אונטערגעשווענקט טראָגנען פון רעגירער. דער „הייליקער בונד" פון מאָנאַרכן האָט נישט געקאָנט אויסשטיין אַקעגן היליקן בונד פון פעלקער, וואָס נישט אויף קאָנגרעסן איז ער געחתמעט געוואָרן, נאָר די הייליקסטע מענטשלעכע געפילן, פרייהייט און גלייכהייט, האָבן אים אַרויסגעבראַכט. פעלקער האָבן דיקטירט זייער ווילן אין רעש'יקע רעוואָלוציאָנערע פּראָצעסיעס אָדער אויף באַריקאַדעס; און מאָנאַרכן אין דייטשלאַנד האָבן געציטערט און געפאָלגט, געגעבן מאַניפעסטן און צוזאָגן אויף ליבעראַלע קאָנסטיטוציעס. ס'איז געקומען די צייט פאַר יידן אויך. פריער פּאַרטריבן אין פּאָליש אין דער בירגערלעכער געזעלשאַפט, איצט האָבן זיי זיך באַוויזן אין די ערשטע שורות קעמפער פאַר פּאָליטישער פרייהייט און בירגערלעכער גלייכקייט. פריער זענען זיי געווען פּאַסיווע קרבנות פון דער רעאַקציע, איצט האָבן זיי זיך אַקטיוו מקריב געווען פאַר דער רעוואָלוציע. די טעג 18 און 19 מערץ, ווען אין בערלינער גאַסן האָבן זיך רעוואָלוציאָנערן געשלאָגן מיט קעניגלעכן מיליטער, איז געפאַלן פון סאָלדאַטן־קוילן אַריבער 20 יידן (פון 230 הרוגים בכלל). אַלע געפאַלענע, אָפּגעזעען פון אמונה, האָט מען באַגראָבן אין איין ברודער־קבר. אויבן־אָן אין דער פייערלעכער פּראָצעסיע זענען געגאַנגען פּראָטעסטאַנטישע, קאַטוילישע און יידישע גייסטלעכע צוזאַמען. ביים אָפענעם קבר האָט געריידט מ. זאַקס, דער פּרעדיקער פון בערלינער קהלה, און דער

היסטאָריקער ל. צונץ (דעם 22 מערץ). נישט אומזיסט איז אָבער בלוט פאַרגאָסן געוואָרן. פרידריך ווילהעלם דער IV האָט נאָכגעגעבן דעם אויפגע־שטאַנענעם פאָלקס ווילן: ער האָט געהייסן אַרויספירן דאָס הייל פון בערלין, געמאַכט אַ ליבעראַל מיניסטעריום און האָט צונויפגערופן פאָלקס-פאָרשטייער אויסצואַרבעטן קאָנסטיטוציע.

נאָך פריער, איידער אין פרייסן, איז די איבערקערעניש פאָרגעקומען אין אַנדערע דייטשע לענדער. ענדע פעברואַר און אָנהויב מערץ האָבן זיך אונטערגעגעבן דער באַפריי-באַוועגונג די רעגירער פון באַדען, ווירטעמבערג, בייערן, זאַקסן, האַנאָווער, העסען. דאָ זענען נישט געווען קיין יידישע קרבנות דירעקט פונם אויפשטאַנד, ווייל צו קיין בלוטפאַרגיסונג איז דאָ בכלל נישט געקומען, אָבער ס'זענען געווען אַנדערע קרבנות. דאָ האָט זיך אויך באַוויזן די ווילדע צערייצטקייט פונם פינסטערן המון, וואָס גייט נאָך יעדער רעוואָלוציע, אַזוי ווי אַ שוואַרצער שאָטן, און ס'איז געקומען צו אָנפאַלן אויף יידן. אין די קלענערע שטעט און דערפער אין קאַטוילישן בייערן זענען מחנות קריסטלעך פעריל באַפאַלן יידן מיט געשרייען: „פרייהייט ווילט זיך אייך, מלוכה-שטעלעס? הרגענען דאַרף מען אייך — אָט וואָס!” אין אייניקע ערטער האָבן רעאַקציאָנערן אָנגערייצט דעם המון אויף יידן: זיי מאַכן דאָס די רעוואָלוציע! אויס מורא פאַר יידישער קאָנקורענץ, אויב יידן זאָלן זיין גלייכבאַרעכטיקט, האָבן קריסטלעכע סוחרים געדונגען באַנדעס צו באַפאַלן יידישע קרעמער. אין האַמבורג איז דאָס געקומען צו געשלעגן אין די גאַסן, צו'ן אָנפאַלן אויף יידישע הייזער און געשעפטן. אַזוינע אָנפאַלן און רויבערייען זענען פאָרגעקומען אין אייניקע ערטער אין באַדען, העסען און אויבערשלעזיע אויך. אָבער מער ווי צו גאַסן-געשלעגן און רויבערייען איז דאָס יענע מערץ-טעג נישט געקומען; שפעטער, ווען די רעוואָלוציע האָט אָנגעהויבן אַ פּאָזיטיווע אַרבעט, איז אַ סוף געוואָרן צו'ן אַזוינע עקסצעסן אויך.

אין פראַנקפורט ביים מיין, וואו פריער איז געווען די רעזידענץ פונם געוועזענעם „בונד-סיים”, ד. ה. פונם פאַרלאַמענט פון דייטשע ר ע ג י ר ע ר, האָבן זיך איצט דעם 18 מאַי 1848 געעפנט די זיצונגען פונם אַלגעמיין-דייטשן פ אָ ל ק ס - פ אַ ר ל אַ מ ע נ ט, ד. ה. פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. יידן האָבן דאָ געהאַט פיר דעפּוטאַטן: דעם אַלטן קעמפער פאַר עמאַנסיפּאַציע גבריאל ריסער פון האַמבורג, פאַרלעגער פייט פון בערלין, קוראַנדאַ און האַרטמאַן פון עסטרייך. ריסער איז געווען איינער פון די פירער אין פראַנקפורטער פאַרלאַמענט, ער האָט זיך באַטייליקט אין דער צוגרייט-אַרבעט, אַלס גליד פונם פאָר-פאַרלאַמענט, וואָס האָט געהאַט זיינע זיצונגען אויך אין פראַנקפורט. אַ באַגאַבטער יוריסט, מיט אַ הייסן פּאָליטישן טעמפּעראַמענט האָט ריסער געשפּילט אַ ראָליע פון אַ פירער אין פאַרשידענע פאַרלאַמענט-קאָמיסיעס און אין פאַרלאַמענט גופא, שפעטער איז ער געוואָרן וויצע-פרעזידענט אינם ליבעראַלן

פּאַרלאַמענט. פּאַרטון אין אויפבויען דאָס באַנייטע דייטשלאַנד, האָט ער דאָך נישט פאַרגעסן זיינע ברידער, וואָס ער האָט זיך געהאַלטן פאַרבונדן מיט זיי נאָר אין רעליגיע, און וואָס פאַר זייער באַפרייאונג האָט ער פריער געקעמפט מיט דער פען אין האַנט. תחלת האָט ריסער געמיינט, אַז ס'לוינט נישט אויסצוטיילן ספּעציעל די יידנפראַגע פון דער אַלגעמיינער קאָנסטיטוציאָנעלער פראַגע וועגן בירגערלעכער גלייכבאַרעכטונג. אָבער גראָד די קעגנער פון עמאַנסיפּאַציע האָבן יאָ געוואָלט אויסטיילן באַזונדער די יידנפראַגע; ריסער האָט זיך געמוזט ווידער נעמען פאַרן אַלטן געווער, נאָר ביי נייע אומשטענדן. אין דער זיצונג דעם 29 אויגוסט האָט מען באַהאַנדלט אַזאַ פונקט קאָנסטיטוציע: „געניסן בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט איז נישט געווענדט אין קיין רעליגיע און קאָן נישט באַגרענעצט ווערן איבער רעליגיעזע מאָטיוון". צום דאָזיקן פונקט האָט מאָריץ מאָל, שטוטגאַרטער דעפּוטאַט, געוואָלט צוגעבן אַזאַ אויסבעסערונג: „ספּעציעלע די לאַגע פונם יידישן פאָלק (des israelitischén volksstammes) געהערט צו'ן אַ באַזונדער געזעצגעבונג און זי זאָל רעגלאַמענטירט ווערן אויפן אַלגעמיינעם מלוכה־שטייגער; יידישע אונטערטאַנען אין דייטשלאַנד האָבן אַקטיוו און פּאַסיוו וואַל־רעכט". מאָל האָט געבראַכט די געוויינטלעכע ראיות פאַר זיין אויסבעסערונג: יידן געהערן נישט צו דער דייטשער נאַציע; זיי זענען אַ פאָלק פאַר זיך, זיי זענען זיך נישט מתחתן מיט דייטשן; אין די דערפער זענען זיי פּראָצענטניקעס און זיי רואינירן פויערים; מ'מוז דעריבער אויסוואַרטן מיט יידישער עמאַנסיפּאַציע, ביז ס'וועט נישט אויסוואַקסן ביי זיי אַ נייער דור אמת־דייטשע בירגער. ריסער האָט דערהערט אין אַזוינע רייד די אַלטע תקיפות פון דער רעאַקציע. ער איז אַרויף אויף דער טריבון און געהאַלטן דאָרט איינע פון די רעדעס, וואָס מיט זייער קלאָרן געדאַנק און טיף געפיל האָבן זיי געהאַט די גרעסטע ווירקונג אויפן פּאַרלאַמענט. ריסערס רעדע איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די שטימונגען פון דער דאַמאָלסטיקער יידישער אינטעליגענץ אין דייטשלאַנד, ריסער האָט אַזוי געזאָגט 1) :

„איך נעם זיך רשות אַרויסצוטרעטן פאַר אייך אין נאָמען פון אַ אונטערדריקטן קלאַס, וואָס צו אים געהער איך פון געבוירן און פון ווערדע געפיל וועגן, ווייל דאָס דאָזיקע געפיל זאָגט מיר, אַז ס'איז אַ שאַנדע אויסבייטן רעליגיע אויף קלאָגעדיקע רעכט, וואָס מ'וויל אונז נישט געבן. דער פריערדיקער ריידער האָט געמוזט אוועקגיין פונם אמת, אַנדערש האָט ער נישט געקאָנט באַגרינדן זיין געדאַנק. מיט דער הילף פון ספּעציעלע געזעצן פאַר יידן וויל ער אויסשליסן דאָס יידישע פ אָ ל ק פון דעם סכום רעכט, וואָס קומען אַלע בירגער גלייך. אָבער איר האָט היינט ערשט פייערלעך אָפּגעשטימט און גאַראַנטירט אַלע פעלקער אין דייטשלאַנד, וואָס רעדן נישט קיין דייטש, גלייכע רעכט, גלייך זיין אין אַלצדינק, וואָס מאַכט דייטשלאַנד טייער און ליב פאַר יעדן דייטש. זאָל דאָס הייסן, אַז מיר יידן דאַרפן האַלטן פאַר אַן אומגליק, וואָס מיר רעדן דייטש! ווילט איר דען, אַז די געשיכטע זאָל האָבן צו דערציילן פון אייך, אַז גלייכבאַרעכטונג איז ביי אייך אַ מיט־

---

1) די רעדע ווערט דאָ געבראַכט מיט קלייגע קירצונגען.

צו געווינען אויף אייער זייט שטארקע פעלקער, וואס רייסן זיך ארײן אין דער דייטשער געשיכטע מיט א דארשט צו צעשטערן, וואס זיי שטייען קעגן אונז באוואפנט, גרייט צום שלאגן זיך? *) ווילט איר דען, מ'זאל זאגן, אז איינשטיינדיקע רייד האט איר נאר פאר א קראפט, וואס איר האט פאר איר מורא, און אומדערבארמדיק זענט איר קעגן א שוואכער רעליגיעזער גרופע, וואס אין בירגערלעכן פרט וויל זי נאר איין זאך: זיך צעשמעלצן אינם דייטשן פאלק? זאל דאס הייסן, אז פאר דער דאזיקער גרופע, וואס וויל נישט הערן פון קיין באזונדער נאציאנאליטעט, וואס שונאים ווילן איר אנווארפן, פאר א גרופע, וואס דענקט און פילט דייטשיש, ווילט איר לאזן שעדלעכע אויסנאם-געזעצן, בעת איר מאכט א סוף צו אויסנאם-געזעצן בכלל, בעת איר ווילט אויסהיילן אלע געזעלשאפטלעכע וויטאגן דערמיט, וואס אלע זאלן גלייך זיין קעגן געזעץ? דער לאנד-געזעץ האט הונדערטער יארנלאנג פארווערט יידן געמישטע חתונות מיט קריסטן, איז נאטירלעך, וואס די יידישע רעליגיע האט קאנסערווירט יידישע אפגעזונדערטקייט; לויט די נייסטע געזעצן אפילו מעגן זיך יידן מחתן זיין מיט קריסטן נאר בתנאי' אז קינדער פון אזעלכע חתונות מוזן זיין קריסטן, דאס איז אויך נישט פון די זאכן, וואס זאלן אפשוואכן די אחדות ביי יידן. אבער אונזער איצטיקע געזעצגעבונג וויל אויספירן, אז רעליגיע זאל אויפהערן צו זיין א שטיך פאר אפזונדערונג ביי א פאלק, ממילא וועט די דאזיקע אפגעשלאסנקייט נישט בלייבן מער"...

„דער פריערדיקער רעדנער איז מסכים צו געבן אונז פאליטישע רעכט (וואל-רעכט), אבער אזא נאכגעבן - דאס איז דאך שוין א געווינס פון דער לעצטער צייט. איך אליין האב געלעבט אונטער א שווערן פרעס; דא נישט לאנג נאך וואלט איך נישט געטארט זיין אפילו קיין נאכט-וועכטער אין מיין היים-שטאט; איצט אבער, ווען רעכט און פרייהייט האבן געווינען, האב איך די מעגלעכקייט דא צווישן אייך איינצושטעלן זיך פאר גערעכטיקייט און גלייכקייט, און מ'מאנט נישט ביי מיר, איך זאל פאר אזא רעכט אויסבייטן מיין רעליגיע. איך פארשטיי אבער נישט ווי שטימט דאס גלייכע וואל-רעכט (אקטיוו און פאסיוו) פאר יידן מיט באליידיקע אויסנאם-געזעצן פאר די גרויסע שיכטן פאלק. אויסנאם-געזעצן פארשוועכן דאס גרעסטע פאליטישע רעכט, וואס איר ווילט, ס'זאל געהערן אלע דייטשן אן אונטערשיד פון אמונה. אויב אבער, ווי דער פריערדיקער רעדנער מיינט, יידן קומט קיין גלייכע רעכט נישט, ווייל זיי זענען א באזונדער נאציע, נישט ווייל זיי זענען א באזונ-דער רעליגיע, איז לאזט זשע יידן זיך צוגעוויינען צו דער דייטשער נאציע און זיי זאלן זיך פאר דעם צוועק נישט דארפן אפזאגן פון זייער רעליגיע. אויב א ייד וועט אייך זאגן: איך ווייס נישט פון קיין באזונדער (יידישער) נאציע, - איז וואס פאר א וועג וועט איר אים ווייזן? וואס פאר אן אנדער וועג, חוץ ווערן קריסטן, האבן די, וואס שוין א צייט מיט יארן טרייבן זיי פון זיך דעם שאטן פון א נאציע (א יידישער) און ווילן ווערן איינס מיטן דייטשן פאלק?... איך בין מודה, אז יידן פאר דעם אלטן פלאג-רעזשים האבן נאך גישט תופס געווען דאס העכסטע: א גייסט פון א פאטערלאנד, אבער דייטשלאנד האט דאס אויך נישט דערלאנגט. זאלן נאר זיין יושר'דיקע געזעצן, וועלן יידן זיין די הייסטע פאטריאטן אין דייטשלאנד; זיי וועלן ווערן דייטשן מיט דייטשן א י נ ײ נ ע ם און צ ו ו י ש ן דייטשן. לאמיר זשע זיך פארלאזן אויף דעם כוח פון רעכט, אויף דעם כוח פון איין געזעץ פאר אלע גלייך און אויף דייטשלאנד! מיינט נישט, אז מ'קאן מאכן אויסנאם-געזעצן און דערביי נישט אנרירן ביז טיף גאר די גאנצע סיסטעם פרייהייט, נישט פארטראגן אהער קיין דעמאראליזאציע! מ'לייגט אייך פאר מקריב זיין איין טייל פונם דייטשן פאלק אויפן מזבח פון האס און אומטאלעראנץ, אבער, מיינע הערן, איר וועט דאס קיינמאל נישט טון!"

*) ער מיינט דא די אומרוען אין די סלאווישע פראווינצן אין פרייסן און אין עסטרייך.

שטאַרק, נישט גובר צו זיין, איז געווען ריסערס טענות פון דעם „העכסטן" קוק, ווי אַזוי ער גופא און כמעט זיין גאַנצער דור האָבן געקוקט אויף יידן: וויניק וואָס, זיי זענען אַ טייל פון דער דייטשער בירגערלעכער געזעלשאַפט, זיי זענען נאָך אַ טייל פון דער דייטשער נאַציע אויך. ריסער האָט דאָ נאָך אַמאָל איבער געחזרט, אַז יידן זענען אַ רעליגיעזע גרופע, נישט קיין נאַציע, אַזוי ווי ער האָט דאָס געטאָן אַ סך מאָל פריער אין זיינע פובליציסטישע אַרטיקלען (§ 5). צו שטאַרק האָט ער געהאַט אויף זיך די השפעה פון זיין תקופה, ער האָט זיך נישט געמאָלט קיין אַנדער העכערן קוק, אַז מ'מעג פאָדערן בירגערלעכע און פּאָליטישע גלייכבאַרעכטונג פאַר יידן, אַפילו ווען זיי האַלטן זיך פאַר אַ באַזונדער נאַציע, זיי האָבן זייער אייגענע שפּראַך און ווילן דערהאַלטן זייער קולטורעלע אויטאָנאָמיע. די זיסע וואָך פון דער דייטשער פרייהייט, אין דער רעכטער מיט פון דער גרויסער אויפלעבונגאַרבעט, איז ריסער געוואָרן אַ סך מער דייטש ווי ייד. דאָס איז געווען דער עכטער פאָרשטייער פון יענעם דור אינטעליגענץ, וואָס האָט „געטריבן פון זיך דעם שאָטן פון אַ יידישער נאַציע". ער האָט זיך נישט געקאָנט שטעלן העכער פאַר דער אידעאָלאָגיע פון דער איבערגאַנגצייט און נישט געקאָנט איינזען אין דעם „שאָטן", אין דעם „חלום" אַ זיכערן היסטאָרישן יש... די אַרומיקע אומשטאַנדן זענען אויך געווען אַזוי, אַז יידישע עמאַנסיפּאַציע האָט געקאָנט געווינען נאָר אין דעם פאַל, אויב מ'זאָל זיך אָפּזאָגן פון דעם „שאָטן". די מערהייט אין פראַנקפורטער פאַרלאַמענט האָט שטאַרק אַפּלאָדירט ריסער'ן נאָך זיין רעדע, וואָס האָט זייער געשטימט מיטן ליבעראַל-פּאַטריאָטישן גייסט יענע טעג- און מ'האָט אָפּגעוואָרפן מאָל'ס אויסבעסערונג. שפּעטער (פרילינג 1849) זענען פאַרעפנטלעכט געווען „די גרונדרעכט פונם דייטשן פאָלק", און דאָרט איז פעסטגעשטעלט גלייכבאַרעכטונג פאַר אַלע אָן אונטערשיד פון רעליגיע, געוויסן-פרייהייט, פרייהייט פאַר רעליגיעזע פאַראייניקונג, פרייע בירגערלעכע חתונות צווישן פערזאָנען פון פאַרשידענע אמונות. איבער פּאָליטישע סכסוכים צווישן די דייטשע-הויפּט מלוכות, איז די דעקלאַראַציע פונם פראַנקפורטער פאַרלאַמענט נישט געוואָרן קיין אַלגעמיינע מלוכה-קאָנסטיטוציע. דער פאַרלאַמענט גופא האָט טראַגיש אָפּגעשניטן: פריער איז ער אָפּגעשוואַכט געוואָרן איבער דעם, וואָס אַ סך דעפּוטאַטן האָט מען אָפּגערופן, דערנאָך, אָנהויב רעאַקציע (יוני 1849), האָט מען אים גאָר צעטריבן מיט סאָלדאַטישע שפּיזן. אָבער אין די קאָנסטיטוציעס אין אייניקע דייטשע לענדער איז נאָך געבליבן אַ סך פון די „גרונד-רעכט", וואָס די רעוואָלוציע דאָס יאָר 1848 האָט געבראַכט.

אונטער דעם איינדרוק פון די מערץ-טעג איז זיך אין פרייסן צונויפגעקומען אַ פאַראייניקטער לאַנדטאַג; אינגיכן האָט ער אויסגעאַרבעט אַ קאָנסטיטוציע (דעם 6-טן אַפּריל 1848) מיט אַזאַ פונקט וועגן בירגערלעכער גלייכקייט: „געניסן בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט איז אויף ווייטער נישט געווענדט אין רעליגיע". די נאַציאָנאַלע גרינדונג-פאַרזאַמלונג, וואָס האָט נאָך דעם געהאַט אירע זיצונגע,

אין בערלין פון מאַי ביז נאָוועמבער 1848, האָט אויך נישט געלייקנט אינם דאָזיקן פונקט. אין בערלינער פאַרזאַמלונג זענען געווען דריי יידן־דעפּוטאַטן, צווישן זיי אַן אָנגעזעענער ראַדיקאַלער פּובליציסט יאָהאַן יאַקאָבי (§ 5), וואָס איז געזעסן צווישן די לעצט־לינקע. ווען פרידריך ווילהעלם דער IV איז צו זיך געקומען פון איבערשרעק און האָט געשטעלט אַ רעאַקציאָנער מיניסטעריום (בראַנדענבורג־מאַנטייפל) אָנשטאָט דעם פריערדיקן ליבעראַלן מיניסטעריום אין האָט זיך שוין געקליבן צעטרייבן די גרינדונג־פאַרזאַמלונג, איז יאַקאָבי געווען אַ גליד אין דער דעלעגאַציע, וואָס די פאַרזאַמלונג האָט געשיקט צום קעניג מיט אַ פּראָטעסט־אַדרעס. דער קעניג האָט איבערגעלייענט דעם אַדרעס, גאָרנישט ניט געענטפערט און זיך אויסגעקערט אַוועקצוגיין. דעמאָלט האָט אים יאַקאָבי אַ וואָרף געטון: „דער אומגליק פון קעניגן איז, וואָס זיי ווילן קיינמאָל נישט הערן דעם אמת". פונדעסטוועגן איז אין דער קאָנסטיטוציע, וואָס דער קעניג האָט „געשענקט" (אַרויסגעגעבן נאָכן צעטרייבן די גרינדונג־פאַרזאַמלונג, דעם 5 דעצעמבער 1848), אויך געבליבן דער דערמאָנטער פונקט וועגן גלייכבאַרעכטונג. יידן איז פאָרמעל אומגעקערט געוואָרן זייערע רעכט און זיי האָבן דערפאַר געצאָלט מיט פּרייסישן פּאַטריאָטיזם. ווען אין פּויזן איז אויפגעקומען אַ סעפּאַראַטיסטישע באַוועגונג ביי פּאָליאַקן, האָבן פּויזנער יידן נישט געוואָלט צושטיין צו דעם אויפשטאַנד, וואָס דער צוועק זיינער איז געווען אָפּצוטיילן די פּוילישע געגנד. זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי זענען פּרייסן און זיי ווילן פון קיין פּוילישקייט נישט וויסן. פּאָליאַקן האָבן זיך דערפאַר שטאַרק נוקם געווען אין יידן. אָבער פון רעכט אויף פּאַפּיר ביז רעכט אין דער פּראַקטיק איז אין פּרייסן נאָך געווען אַ ווייטער מהלך.

אויף פּאַפּיר, אין דער קאָנסטיטוציע, האָבן יידן דאָס יאָר 1848 באַקומען גלייכבאַרעכטונג כמעט אין אַלע דייטשע מלוכות, אפילו אין אַזוינע הינטערשטעליקע ווי זאַקסן און מעקלענבורג אויך. פאָרמעל איז געוואָרן אויס יידישע קנעכטשאַפט אין די פּריישטעט אויך, אין האַמבורג און אין פראַנקפורט. אָבער פאַקטיש האָבן יידן באַלד נאָך דער רעוואָלוציע גענאָסן מייסטנס באָר וואַל־רעכט צום פּאַרלאַמענט, ספּעציעלע געזעצגעבערישע אַקציעס האָבן געזאָלט אָפּשאַפן פאַרשידענע בירגערלעכע און פּאָליטישע באַגרעניצן. ס'איז אויסגעקומען אַזוי, אַז בעת יידן זענען שוין געווען דעפּוטאַטן אין פּאַרלאַמענט, האָט נאָך די יידישע באַפעלקערונג בכלל געהאַט אויסצושטיין די אַלטע פּלאָג, איר האָט נאָך געפעלט עלעמענטאַרע בירגעררעכט [1].

די גרעסטע עקשנות צו בלייבן ביים אַלטן רעזשים האָט אַרויסגעוויזן בייערן, דער גרעסטער יידישער צענטער נאָך פּרייסן. אינם דאָזיקן לאַנד האָט מען באַוויזן אקונץ צו ראַטעווען יידישע רעכטלאָזיקייט פונם מבול רעוואָלוציע.

[1]) דיזעלבע דערשיינונג האָט זיך שפּעטער איבערגעחזרט אין רוסלאַנד—נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905 יאָר.

דעם 6 מערץ 1848, ווען די רעוואָלוציע האָט געהאַ־ט אין גרעסטן ברען, האָט דער קעניג אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף, צוגעזאָגט אַלערליי ליבעראַלע גליקן, בתוכם אויך „פאַרבעסערן“ די יידישע בירגערלעכע לאַגע. דאָס וואָרט „פאַרבע־סערן“ אָנשטאָט „גלייכבאַרעכטונג“ האָט שטאַרק אויפגערודערט בייערישע יידן, האָבן זיי גענומען שטורמען מיט פעטיציעס די נייע דעפוטאַטן־קאַמער. דעם 13־טן מערץ האָט די יידישע קהלה אין באַמבערג דערלאַנגט דער קאַמער אַ פעטיציע; דאָרט איז געזאָגט געווען, אַז דאָס „פאַרבעסערן“, וואָס דער קעניג האָט צוגעזאָגט, קאָן נישט מאַכן אויס „אַלע אומרעכטן, וואָס שטיקן אונז“; „פאַר איצטיקער געהויבענער צייט פאַסט נאָר איין זאַך: יידן זאָלן זיין גאָר און גאָר גלייכבאַרעכטיקט מיט קריסטלעכע בירגער“. די פעטיציע־געבער פאַרהאָפן, אַז צו דער קאַמער וועט קומען אַ געזעץ וועגן גלייכבאַרעכטונג,—דער עיקר זאָל דאָס זיין געמאַכט „נישט אויף העלפט!“. די עלטסטע פיורטער קהלה האָט צוגעשיקט דער קאַמער אַ לאַנגע פעטיציע (דעם 23 מערץ). „צי איז מעגלעך, פרעגען די מחברים פון דער פעטיציע, אַז נאָר איין בייערן זאָל נישט טון דאָס, וואָס איז שוין אָפגעטון אין אַסך אויפגעקלערטע מלוכות, וואָס אין באַדען טוט זיך איצט, וואָס דער פרייסישער קעניג האָט די טעג ערשט אויפגעטון מיט איין פען טינט? פאַר צוויי וואָכן האָט דער קאָנסטיטוציאָנעלער מיניסטער צוגעשטעלט דער דעפו־טאַטן־קאַמער אַ געזעץ וועגן דער פרעסע אין געציילטע ווערטער: „פון היינט אָן איז די פרעסע פריי, די צענזור ווערט אָפגעשאַפט אויף שטענדיק“. נישט גרעסער דאַרף זיין אַ געזעצפּראָיעקט, וואָס זאָל איינשטעלן אונזער בירגערלעכע לאַגע: „פון היינט אָן איז געניסן אַלע בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט, נישט גע־ווענדט אין דער רעליגיע פון בירגער, וויבאַלד זיי טוען נאָר זייערע בירגער־פליכטן; אַלע אויסנעם־געזעצן, וואָס עקזיסטירן ביז איצט, ווערן אָפגעשאַפט“. ס'איז געווען די ליבעראַלע שעה, ווען מאַגיסטראַטן פון בייערישע הויפשטעט (מינכען, באַמבערג, ווירצבורג) האָבן זיך אויך געווענדעט צום קעניג און צו דער דעפוטאַטן־קאַמער מיט פעטיציעס און געשטיצט די יידישע פעטיציעס. ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן. לויט אַן אויסדרוק פון אַן אַרטיקן כראָניק־שרייבער, איז דאָס יאָר 1848 געווען פאַר בייערישע יידן „אַ שטורם־יאָר, אָבער נישט קיין פרילינג־יאָר“. די דעפוטאַטן־קאַמער האָט גאָר נישט באַהאַנדלט אפילו די יידנ־פראַגע. דער קעניג האָט אינגיכן פאַרגעסן אין זיין צוזאָג „פאַרבעסערן“ די יידישע לאַגע, וואָס ער האָט געהאַט געגעבן בעת'ן איבערשרעק, בפרט נאָך, אַז דער צוזאָג־געבער, קעניג לודוויג, האָט אינגיכן אָפגעטרעטן דעם טראָן זיין זון מאַקסימיליאַן דעם II־טן, וואָס איז שוין נישט געווען געבונדן מיט קיינע הבטחות, דערווייל אָבע־ איז די יידישע לאַגע, דער־הויפּט אין די דערפער געוואָרן נאָך ערגער, איידער פריער: די פויערים־אומרוען, וואָס האָבן געבראַכט צו פּאָגראָם־שרפות די מערץ־טעג, האָבן זיך נאָך נישט איינגעשטילט; צו רעכט־לאָזיקייט איז נאָך יידן צוגעקומען אומזיכערקייט פאַרן לעבן און גוטס. דאָס

איינציקע, וואָס ביירישע יידן האָבן געווינען פון דער פרייהייט-תקופה, איז געווען, וואָס צוויי יידן דעפּוטאַטן זענען אַריין אין נייעם לאַנדטאַג דאָס יאָר 1849. אָבער דער פּאָליטישער דעסערט איז נישט אימשטאַנד געווען אָנצוווּעטיקן דעם בירגערלעכן הונגער: וואָל-רעכט פאַר יידן האָט נאָך שאַרפער אַנטפּלעקט די שאַנדע פון זייער בירגערלעכער רעכטלאָזיקייט.

§ 33. די רעאַקציע די 50-ער יאָרן.

די שטורמדיקע באַפריי-באַוועגונג דאָס יאָר 1848 איז געפאַלן; דאָס „פרי-לינג-יאָר" האָט שוין איצט געהייסן „דאָס דולע יאָר" אין אַזוינע קרייזן, וואו קעמפן פאַר פּאָליטישער פרייהייט האָט מען געהאַלטן פאַר אַ ווילדעווען פון היץ-קאָפּ, אָדער דאָרט, וואו מ'איז שוין מיד געוואָרן צו קעמפן. די איבער-געשראָקענע דייטשע רעגירער האָבן אָנגעהויבן קומען צו זיך און צוטראַכטן, ווי אַזוי כאַפּט מען צוריק ביים „שונא" דעם פאָלק דאָס, וואָס מ'האָט געהאַט נאָכ-געגעבן בעת'ן איבערשרעק, אָדער לכל-הפחות אַרומפּליקן דאָס, ס'זאָל וואָס ווייניקער בלייבן. די פעאָדאַל-פּריצישע כנופיה האָט ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, גרייט יעדע מינוט ווי מ'וועט זי נאָר אַרויף טון, „דערשטיקן די שקצים"— די דעמאָקראַטיע. די שוואַרצע רעאַקציע האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסצווייזן שוין דאָס יאָר 1849. פראַנקפורטער פּאַרלאַמענט איז פריער אָפּגעשוואַכט געוואָרן, דערנאָך האָט מען אים גאָר צעטריבן. אויף זיין אָרט האָט זיך ווידער באַזעצט דער אַלטער בונדעסטאַג: ווידער אַ בונד פון רעגירער, אָנשטאָט אַ פעלקערבונד. מ'האָט אָפּגעשאַפט די פראַנקפורטער „גרונדרעכט פונם דייטשן פאָלק" (אויגוסט 1851). אין אַ פינסטערן מולד זענען אָנגעקומען די 50-ער יאָרן. דער קרבן איז ווידער געווען יידן: איצט האָט זיך די ביוראָקראַטיע אין זיי נוקם געווען דערפאַר, וואָס זיי האָבן געווינען פון די ליבעראַלע נצחונות, כאָטש געווינען האָבן זיי מער אויף פּאַפּיר, איידער אויף וואָר.

אין פּרייסן האָט מען זיך אינגיכן אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער ליבעראַלער קאָנסטיטוציע. קודם-כל האָט מען געענדערט דעם וואַל-געזעץ; מ'האָט איינגעפירט (1849) די דריי-קלאַסן סיסטעם, וואָס האָט גאַראַנטירט די קאָנסערוואַטאָרן אַ מער-הייט אין לאַנדטאַג און האָט כמעט פאַרמאַכט די טיר אין לאַנדטאַג פאַר יידן; אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן לאַנדטאַג—לויטן רעאַקציאָנערן פּלאַן פון פרידריך ווילהעלם דעם IV און זיין רעגירונג, האָט מען זיך שוין געקאָנט זיכער נעמען פאַר קאָנטר-עמאַנסיפּאַציע. אין לאַנדטאַג, אין ביידע קאַמערן, האָט זיך ווידער געלאָזט הערן דער מאָטיוו פון אַ „קריסטלעכער מלוכה". אין דער רעאַקציאָנערער אויבערשטער קאַמער האָט מען אָנגעהויבן רעדן, אין דער קאָנסטיטוציע זאָל אויס-גערעדט זיין, אַז די קריסטלעכע רעליגיע דאַרף האָבן די בכורה אין אַלע מלוכה-

אַנשטאַלטן: שטאַרק איינגעשטעלט האָט זיך דערפאַר פּראָפעסאָר שטאַל, אַ משומד, אַ פאַרברענטער אידעאָלאָג פון קאָנסערוואַטיזם. אין דער דעפּוטאַטן־קאַמער האָבן די רעכטע, צוזאַמען מיט מאַנטייפעלס מיניסטעריום, שטאַרק געשטיצט דעם דאָזיקן פאָרשלאַג. דער סוף איז געווען, אַז אין דער „אויסגעבעסערטער" קאָנסטיטוציע איז דעם 31 יאַנואַר 1850 אַריינגעשטעלט געוואָרן דער פונקט 14 אַזוי: „די קריסטלעכע רעליגיע דאַרף זיין דער יסוד אין אַלע מלוכה־אַנשטאַלטן, וואָס זיי זענען געבונדן מיטן רעליגיעזן קולט; דאָס דאַרף אָבער נישט מינערן די רעליגיעזע פרייהייט, וואָס איז פאָראויסגעזען אין פונקט 12"[1]. ווי ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט אין דער פּראַקטיק, איז מען דאָ בפירוש אויסן געווען אָפּצושוואַכן דעם ליבעראַלן פונקט 12 אין דער קאָנסטיטוציע, אַז בירגערלעך־פּאָליטישע רעכט זענען נישט געווענדט אין דער רעליגיע. די רעגירונג האָט שוין זייער גרינג געקאָנט אויסטייטשן דעם פונקט 14 אַזוי, אַז יידן דאַרף מען נישט צולאָזן צו פאַרשידענע פּראָפעסיעס און אויף מלוכה־שטעלעס. דער יוסטיץ־מיניסטער האָט דערקלערט, אַז אַ ייד טאָר נישט זיין קיין ריכטער, וואָרום לויט זיין געוויסן קאָן ער נישט געבן די צדדים און די עדות קיין קריסטלעכע שבועה. חוץ דעם האָט דאָס יוסטיץ־מיניסטעריום, שוין אָן דעם תירוץ, נישט צוגעלאָזט קיין יידן מיט יורידישער בילדונג צו מלוכה־עקזאַמענס, זיי זאָלן נישט קאָנען אַריין אין דער קאָרפּאָראַציע אַדוואָקאַטן. דאָס בילדונג־מיניסטעריום האָט נישט צוגעלאָזט קיין יידן צו לערער־שטעלעס אין גימנאַזיעס און פאָלקס־שולן, וואָרום אַזוינס וואָלט נישט געשטימט מיט דעם קריסטלעך־רעליגיעזן מהות פון דער מלוכה־שול. דאָס יאָר 1851 האָט די רעגירונג געגעבן אַזאַ דערקלערונג בכלל: „כאָטש (לויט דער קאָנסטיטוציע) קאָן מען יידן נישט פאַרשטעלן דעם וועג צו אַזוינע באַרופן, וואָס מיט זיי קאָן מען פאַרנעמען פאַרשידענע מלוכה־שטעלעס, אָבער דאָס הייסט גאָר נישט, אַז אַ ייד מעג פאַרנעמען אַ געוויסע מלוכה־שטעל, וואָרום יעדער דירעקטאָר אין יעדן דעפּאַרטאַמענט מעג זיך האָבן זיין מיינונג, ווי ווייט אַ קאָנדידאַט, אַלצאיינס צו וואָס פאַר אַ רעליגיע ער זאָל נישט געהערן, פּאַסט צו דער אָדער יענער שטעל לויט זיינע פערזענלעכע מעלות און פעאיקייטן". די פּראַקטיק האָט געוויזן, אַז אַ יידנס „פערזענלעכקייט", אַלצאיינס וואָס זיינע פעאיקייטן זאָלן נישט זאָגן, איז שוין גענוג, ער זאָל נישט „פּאַסן" פאַר קיין מלוכה־שטעל. יידן, געקליבן פון שטאָט־דומעס אָדער פון ערד־אייגנטימער, האָט מען נישט צוגעלאָזט אפילו אין די געגנטשע זעמסטווע־פאַרזאַמלונגען: דער תירוץ איז געחען ביי דער רעגירונג, אַז וואַל־רעכט, וואָס יידן האָבן לויט דער קאָנסטיטוציע נאָך, איז נוגע נאָר דער נייער פאָלקס־פאַרטרעטונג, נישט אויף די אַלטע שטאַנדן אַנשטאַלטן. אַזוי פאַלש האָט מען געטייטשט די גרונט־געזעצן, מיט דעם ביזן

[1]) אינם פונקט 12 פון דערזעלבער קאָנסטיטוציע איז געזאָגט געווען: „דאָס געניסן בירגערלעכע און מלוכה־בירגעלעכע רעכט איז נישט געווענדט אין דעם גלויבן".

ווילן: אַרויסשפּאַרן דעם יידן. דאָס יאָר 1852 האָט מען דער רעאַקציאָנערער איבערשטער קאַמער געשטעלט דעם פאָרשלאַג אויסבעסערן דעם דערמאנטן פונקט 12, אַז אין לאַנדטאג און צו מלוכה־שטעלעס זאָל מען צולאָזן נאָר אַזוינע, וואָס געהערן צו דער קריסטלעכער קירך. דערויף האָט די רעגירונג געענטפערט, אַז אַזאַ פאָרשלאַג איז „צו פריי", נאָר „אויפן אַדמיניסטראַטיוון שטייגער" לאָזט מען אַלצאיינס נישט צו קיין יידן צו מלוכה־שטעלעס. מאַנטייפלס שוואַרץ מיניסטעריום האָט מיט אַ רואיק געוויסן געקאָנט אַזוי ענטפערן: צו וואָס זאָל מען זיך בלאַמירן און ענדערן די קאָנסטיטוציע, אַז מ׳קאָן זי רעכט „טייטשן" „אויפן אַדמיניסטראַטיוון שטייגער" און דערמיט זי צונישט מאַכן?

אָבער די רעאַקציאָנערן אינם פּרייסישן פּאַרלאַמענט האָבן זיך דערמיט נישט צופרידנגעשטעלט. דאָס יאָר 1856 זענען דאָרט פאָרגעקומען וואַלן אין דער דעפּוטאַטן־קאַמער, די קלעריקאַל־פריצישע פּאַרטיי האָט זיך פאַרשטאַרקט, און וואַגענער, איינער אַ פירער פון דער דאָזיקער פּאַרטיי, האָט דערלאַנגט אַ פאָרשלאַג, מ׳זאָל גאָר אָפּשאַפן פון דער קאָנסטיטוציע דעם ליבעראַלן פונקט 12. וואַגענער און די זייניקע מיינען, אַז אַזאַ פונקט, וואָס דאָרט האַנדלט זיך פון גלייכע בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט פאַר אַלע אמונות גלייך, פּאַסט נאָר פאַר אַן אַטעאיסטישער מלוכה, אָבער נישט פאַר אַזאַ גאָטספאָרכטיקער קריסטלעכער מאָנאַרכיע, ווי פּרייסן איז. דער חוצפּה׳דיקער פאָרשלאַג האָט שטאַרק אויפגעבראַכט פּרייסישע יידן. ס׳איז קלאָר געווען, אַז די רעאַקציע וויל אָפּשאַפן אַלצדינק, וואָס יידן האָבן דערלאַנגט דאָס יאָר 1848, זאָל זיין אפילו דערלאַנגט מער אויפן פּאַפּיר. אין די יידישע קהלות האָט זיך געלאָזט הערן, אַז מ׳דאַרף שיקן פּראָטעסטן דעם פּאַרלאַמענט. דער אויפטוער איז דאָ געווען לודוויג פיליפּסאָן, רעדאַקטאָר פון דער „אַלגעמיינער יידישער צייטונג". משך צוויי וואָכן איז דעם פּאַרלאַמענט אָנגעקומען ביז 300 פּעטיציעס פון יידישע קהלות מיט שאַרפע פּראָטעסטן קעגן דעם, וואָס מ׳פאַרמעסט זיך אָנרירן דעם יסוד פון דער קאָנסטיטוציע—גלייכע בירגער־רעכט. אַ סך פאַרטרעטער פון קהלות און רבנים זענען געקומען קיין בערלין צו ווירקן אין דעם זין אויף די דעפּוטאַטן פון זייערע וואַל־קרייזן. צום פּראָטעסט זענען צוגעשטאַנען אַ סך קריסטן אויך. די דאָזיקע פּראָטעסטן האָבן אַביסל אָפּגעקילט וואַגענערן און זיינגלייכן. אין דער קאָמיסיע האָבן זיי דערקלערט, אַז זיי זענען אויסן פאַרשמעלערן נאָר יידישע פּאָליטישע רעכט, נישט קיין בירגער־רעכט, און אַזוי האָט דאָס די קאָמיסיע דערלאַנגט דער קאַמער. אָבער דער „וויכערער" פאָרשלאַג פון דער קאָמיסיע האָט אויך נישט געשטימט מיט דער מיינונג פון דער מערהייט דעפּוטאַטן (מערץ 1856). אפילו די קאָנסערוואַטאָרן האָבן דערקלערט, אַז ס׳איז געפערלעך אָפּשאַפן דעם פונקט 12, ס׳קאָן אויפרודערן דאָס לאַנד, „ווי מיר זעען דאָס פון אַ סך קהלה־פּעטיציעס". ניכר, אַז די פּעטיציעס האָבן געהאַט אַ פעולה, דער שענדלעכער פאָרשלאַג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט אַלע שטימען, חוץ דרייסיק לעצט־רעכטע

אָבער איידער דער דאָזיקער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן האָט די קאַמער ווידער אויסגעהערט אַ צינישע הבטחה פונם מיניסטער וועסטפאַלן, אַז די רעגירונג ווייסט ווי אַזוי „אויסצוטייטשן" דעם פונקט 12 און „וועט נישט לאָזן שטאַרק אָנווענדן" דעם דאָזיקן פונקט, „דאָס וואָלט געווען אַ באַליידיגונג פאַר אַ קריסט-לעכער מלוכה"; די רעגירונג וועט ווייטער אויך נישט צולאָזן „נישט-קיין-קריסטן און אומרעליגיעזע סעקטאַנטן" צו ריכטער און אַדמיניסטראַטיווע שטעלעס.

אין בייערן איז דאָס מיט אָפּשאַפן די פרייהייטן צוגעגאַנגען אַ סך פשוט'ער. צו דער צייט, ווען אין גאַנץ דייטשלאַנד האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַ רעאַקציע, האָט דאָס אין בייערן נאָך נישט געהאַלטן אפילו ביי עמאַנסיפּאַציע. די רעגירונג (פאָרדענס-מיניסטעריום), וואָס האָט זיך געלאָזט רעכענען מיט'ן קעניגס צוזאָג „פאַרבעסערן" די יידישע לאַגע, האָט געשטעלט די יידנפראַגע צו באַהאַנדלען אין בייערישן לאַנדטאַג (דעצעמבער 1849). נאָך היציקע וכּוחים האָט די קאַמער פּרינציפּיעל אָנגענומען בהדרגהווייז עמאַנסיפּירן יידן; דער ערשטער איז אָנגעמערקט געוואָרן אַ געזעץ-פּראָיעקט וועגן „מאַטריקולן", ד. ה. וועגן פרייעם פאַרקער. אָבער אפילו אַזאַ מעסיקע אָפּשטימונג האָט שטאַרק אויפגערודערט די קלעריקאַלן. די גייסטלעכע האָבן אָרגאַניזירט אַ פּראָטעסט-באַוועגונג קעגן אַזאַ געפאַר, ווי יידישע גלייכבאַרעכטונג. איידער די פראַגע האָט דערלאַנגט צו דער אויבערשטער קאַמער, זענען שוין אַהין אָנגעקומען הונדערטער רעאַקציאָנערע פּראָטעסטן. די קאָנסערוואַטיווע אויבערשטע קאַמער האָט שטאַרק גענומען צום האַרצן די „געזעלשאַפטלעכע מיינונג" און האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג וועגן יידישער עמאַנסיפּאַציע (16 פעברואַר 1850). „נישט יידן, נאָר קריסטן זענען נאָך נישט דערוואַקסן צו יידישער עמאַנסיפּאַציע",— אַזוי האָט דערקלערט דער פּרעזי-דענט פון דער פּראָטעסטאַנטישער אויבער-קאָלעגיע, געשטיצט זיינע קאַטוילישע קאָלעגן. איצט האָבן זיך יידן אָפּגערופן. דער רעגענסבורגער קהלה-ראַט האָט זיך געווענדט צו אַלע יידישע קהלות אין בייערן מיט אַן אויפרוף פּראָטעסטירן קעגן אַזאַ „באַשלוס, וואָס ער איז אַ שאַנדע אפילו פאַר די פינסטערסטע צייטן" און אָרגאַניזירן אומעטום קאָמיטעטן צו שיקן אַדרעסן דעם קעניג און דער „פאָלקס-קאַמער, וואָס נאָר איר מערהייט דריקט אויס דעם ווילן פונם בייערישן פאָלק" (ווייט אָפּגעשייט פון דער אויבערשטער קאַמער). אָנגערופן האָבן זיך דערויף זייער ווייניק קהלות. די קהלה אין דער רעזידענץ-שטאָט מינכען האָט זיך איינגעשטעלט דערלאַנגען אַ פּעטיציע מאַקסימיליאַן דעם II-טן. דערמאָנט אים וועגן „יידישע האָפענונגען, וואָס זיי האָבן זיך געשטאַרקט מחמת דעם וואוקס פון אידעען און דעם קעניגס צוזאָג"; יידן דאַרף געגעבן ווערן „פולע בירגערלעכע און פּאָליטישע גלייכבאַרעכטונג" (דעצעמבער 1850). אָבער אַזאַ טאָן האָט שוין נישט געפּאַסט איצט, ווען רעגירער האָבן זיך שוין געפונען באַליידיקט פון אַזוינע אָנצוהערענישן ווי „דער וואוקס פון אידעען" און דעם „קעניגס צוזאָג". אינגיכן (1851) האָט די רעגירונג אַזוי איינרעגולירט די יידישע לאַגע אין בייערן, אַז

געבליבן איז אפילו דער שענדלעכער געזעץ פון יאָר 1813 וועגן „נאָרמירן די צאָל ייִדן” אין בייערן, כדי זיי זאָלן ווערן וואָס ווייניקער; ממילא איז שוין אויך געבליבן די אַלטע „מאַטריקול”-קייט, וואָס האָט געבונדן ייִדן, נישט געלאָזט זיי פריי באַזעצן זיך אין שטעט און אין דערפער. אַסך ייִדן האָבן זיך מיאש געווען דערלעבן עפּיס בעסערס אין דערהיים און ס׳האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ שטאַרקע עמיגראַציע קיין אַמעריקע, נאָכדעם ווי זי איז שוין שטילער געוואָרן נאָך די רעוואָלוציע-טעג מערץ 1848. די געבליבענע האָבן געמוזט אויסשטיין די אַלטע ייִדישע רעכטלאָזיקייט; די איינציקע טרייסט איז געווען, וואָס די רעוואָלוציע דאָס יאָר 1848 האָט ייִדן געגעבן וואַל-רעכט אין פּאַרלאַמענט, כאָטש קיין פּרייעם פּאַרקער אין לאַנד האָבן זיי נאָך אַלץ נישט געהאַט. די דערשלאָגענע קהלות האָבן געענדערט די טאַקטיק: זיי האָבן שוין מער נישט געפאָדערט קיין „גלייכבאַרעכטונג”, זיי האָבן הכנעה׳דיק געבעטן נישט מער ווי באַזייטיקן „פּאָליציי-נגישות” וועגן מאַטריקולן און שענדלעכע וואוינרעכט-כללים. די פיורטער ק״הלה, וואָס דאָס יאָר 1848 האָט זי מיט שטאָלץ אָפּגעוואָרפן רעכט לאחדים און געפאָדערט פולע עמאַנסיפּאַציע, די דאָזיקע קהלה שרייבט אין איר פּעטיציע יאַנואַר 1859: „מיר האַלטן נישט אַזוי ווייט, מיר זאָלן האָפן גאָר גלייכבאַרעכטיקט צו ווערן, אָבער דאָך איז אַ יושר, אַז די דעפּוטאַטן-קאַמער זאָל די גאַנצסטע סעסיע אָפּשאַפן ווייניקסטנס די שענדלעכע מאַטריקול-סיסטעם”. אָבער אַזאַ קלייניקייט איז אויך באַשערט געווען מקוים צו ווערן ערשט אין אַ צייט אַרום, ווען די ווילדע רעאַקציע איז אַ ביסל געשטילט געוואָרן.

פּאַרשידן איז געווען די ייִדנפיינטלעכע רעאַקציע אין פּאַרשידענע דייטשע לענדער. אין זאַקסן האָט די רעגירונג, וואָס איז זייער ווייט געווען פון ליבעראַליזם און האָט אָפּגעשאַפט אַלע פרייהייטן, אפילו די רעגירונג האָט ביי זיך נישט געקאָנט פועלן אומקערן ייִדן צוריק צו דער אַלטער קנעכטשאַפט פון פאַר מערץ 1848. אָבער קריסטלעכע סוחרים אין דרעזדן און אין לייפּציק האָבן געפאָדערט מיט פּעטיציעס, מ׳זאָל פאַרשמעלערן ייִדישע רעכט, און דער לאַנדטאַג האָט נאָכגעגעבן, נאָך היציקע דעבאַטן (1852). אַנדערש איז דאָס צוגעגאַנגען אין מ ע ק ל ע נ ב ו ר ג—ש ו ו ע ר י ן: דאָ האָט די רעגירונג גערודפט ייִדן, און די געזעלשאַפט האָט זיך פאַר זיי אָנגענומען. די רעגירונג, וואָס האָט מיט היץ אויסגעראַמט אַלע נצחונות פון דער רעוואָלוציע, האָט צוריק אויפגעשטעלט דעם אַלטן רעזשים פון „שוץ-ייִדן”, האָט אָפּגענומען ביי ייִדן אַסך רעכט. דעם 9 יאַנואַר 1855 האָט דער אינערן-מיניסטער ביולאָוו אַרויסגעגעבן אַ צירקוליאַר צו אַלע מאַגיסטראַטן, זיי זאָלן ייִדן נישט געבן קיין בירגעררעכט, ד. ה. רעכט פריי צו וואוינען און פּראָפעסיאָנעל באַשעפטיקן זיך. מיט אַן אומפאַרשעמטער בריטקייט דערמאָנט דער מיניסטער, אַז נאָכדעם ווי ס׳זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן די גרונט-געזעצן, וואָס שטאַמען פון דער רעוואָלוציע, קערן זיך ייִדן צוריק אום צו דער לאַגע, וואָס פאַר דעם יאָר 1848, ד. ה. ייִדן טאָרן נישט פאַרווערבן

קיין נחלאות, באַשעפטיקן זיך מיט אַ געוויסער פּראָפעסיע אָן אַ ספּעציעלער „פּרי-
ווילעגיע" פון דער רעגירונג; דער מאַגיסטראַט פון דער שטאָט גיוסטראָוו האָט
זיך איינגעשטעלט פּראָטעסטירן קעגן אַזאַ צירקוליאַר. דער מאַגיסטראַט האַלט,
אַז ס'איז נישט קיין יושר אָפּנעמען ביי מענטשן רעכט, וואָס מ'האָט זיי שוין
געהאַט געגעבן, אַז ס'פּאַסט נישט פאַר קיין געזעצגעבונג אַזאַ אויף און אָפּ-
געבן רעכט און זיי צוריק אָפּנעמען, אַז יידן ברענגען פיל נוצן דעם מכחר;
„אַ ייד מונטערט זיין קריסטלעכן מיטבירגער אויך צו אַרבעטן; יעדער שטאָט,
וואָס וויל וואַקסן אין האַנדל, מוז אָנקומען צו יידן". לסוף דאַרף מען נאָך גע-
דענקען, אַז אָפּשאַפן גלייכבאַרעכטונג, וואָס יידן האָבן באַקומען די יאָרן רע-
וואָלוציע, קאָן מען נאָר מיט אַ געזעץ, נישט מיט קיין מיניסטער-צירקוליאַר.
ווען דאָס מיניסטעריום האָט דערויף אָפּגעענטפערט מיט זיין צירקוליאַר-לשון,
האָט דער אָפּאָזיציאָנעלער מאַגיסטראַט דערלאַנגט אַ צווייטע מעלדונג, נאָך שאַר-
פער (דעם 14 אַפּריל). אין דער דאָזיקער מערקווירדיקער מעלדונג געפונען מיר
אַ שאַרפן פּראָטעסט קעגן דער גאָרער סיסטעם יידישע רעכטלאָזיקייט: „דער
געדאַנק, אַז יידן זענען קאָמערקנעכט, איז שוין נישט פאַראַן מער אין פאָלקס-
באַוווסטזיין, און צוריק מחיה מתים זיין דעם געדאַנק קאָנט איר נישט, מעגט
איר אפילו דריקן יידן וויפיל איר ווילט... ס'איז שוין מער נישט מעגלעך דער-
נידעריקן יידן צו דער מדרגה, וואָס פאַר הונדערט יאָרן, וואָרום זיי האָבן זיך
שוין פאַרבונדן מיטן מלוכה-לעבן, מיט קונסט און וויסנשאַפט, וואָרום מיר זעען
שוין ביי זיי מענטשן, וואָס דאָס פאָטערלאַנד קאָן זיך מיט זיי איבערנעמען,
וואָס זייערע נעמען וועלן בלייבן לזכרון אַזוי לאַנג ווי די היינטיקע קולטור
וועט זיך האַלטן". אָבער אפילו אַזוינע רייד וועגן אַ פאָלק, וואָס האָט פאַרמאָגט
היינע'ן און בערנע'ן, מענדעלסאָנען און ריסער'ן, האָבן ווייניק וואָס גערירט
פאַרברענטע רעאַקציאָנערן, וואָס זיי האָט געצויגן צו פאַנשטשענע, און „היינטיקע
קולטור" איז ביי זיי פאַרהאַסט געווען. מעקלענבורגער רעגירער האָבן זיך נישט
געלאָזט איבערשרעקן פאַר קיין קולטור: אַ צייט לאַנג האָבן זיי נאָך דערהאַלטן
יידישע רעכטלאָזיקייט און זיך נישט געקימערט וועגן דער מיינונג פון דער
בעסערער דייטשער געזעלשאַפט.

די רעאַקציע-עפּידעמיע האָט גענומען אָנשפּאַרן אפילו אין אַזוינע דייטשע
מלוכות, וואָס פריער, פאַר דער רעוואָלוציע, האָבן זיי געהערט צו דער „קאַטע-
גאָריע ליבעראַלע" (§ 9). אין ק ו ר ה ע ס ן האָבן יידן באַקומען עמאַנסיפּאַציע
נאָך דאָס יאָר 1833; דאָס יאָר 1852 האָט דער דייטשער בונדעסטאַג אָנגעוואָרפן
דעם פאָלק אַ „דערווייליקע קאָנסטיטוציע": בירגער-רעכט און פּאָליטישע רעכט
איז שוין אַ פּריווילעגיע נאָר פאַר קריסטן. גאַסנפּלוג'ס ווילד-רעאַקציאָנער מיני-
סטעריום, וואָס האָט באַוויזן אַ קונץ רעגירן אָן אַ פּאַרלאַמענט, האָט אויסגענוצט
די דאָזיקע קאָנסטיטוציע און אָוועקגערויבט ביי יידן זייערע אַלטע רעכט. אין
ווירטעמבערג און אין באַדען, וואָס זיי זענען געווען די ראַדיקאַלסטע

בעת דער רעוואָלוציע דאָס יאָר 1848, האָט די רעאַקציע אויך צוריקגענומען אַסך, וואָס יידן האָבן יענע צייט דערלאַנגט.

§ 34. נייע שטימונגען, דאָס פאַראייניקן דייטשלאַנד
דער נצחון פון עמאַנסיפּאַציע.

סוף די 50־ער יאָרן האָט מען אין פּאָליטישן לעבן אין דייטשלאַנד באַקאַנט באַמערקן אַ שאַרפע ענדערונג. די ענערגיע פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע האָט זיך געפעלט, דער ליבעראַליזם האָט אָנגעהויבן צו זיך קומען. אין אייראָפּע האָט אַ בלאָז געטון אַ פרישער ווינט פונם איטאַליענישן באַפריי־קריג דאָס יאָר 1859. ס'האָט זיך געפילט, אַז פעלקער זענען נאָך נישט גאָר געפאַלן, און רעגירער וועלן איינגיכן מוזן צאָלן די וועקסלען פונם יאָר 1848. אין פּרייסן האָט זיך דאָס אָנגעהויבן מיט אַ הויף־קריזיס. מחמת פרידריך ווילהעלם דעם IV־טנס גייסטיק־קראַנקהייט איז זיין ברודער ווילהעלם דער 1־טער געוואָרן רעגענט (1858) און דערנאָך קעניג (1861). ווילהעלם דער 1־ער, אַ רעגירער — אַ סאָלדאַט, האָט פיינט געהאַט ליבעראַלע אידעען, ער האָט אָבער נישט געהאַלטן פון זיין ברודערס קלעריקאַלער ראָמאַנטיק אויך. די קאָנסטיטוציע איז אים געווען דערווידער, ער האָט זי אָבער געהאַלטן פאַר אַ פאַקט און איז דערויף איינגעגאַנגען. אָנשטאָט מאַנטייפעלס רעאַקציאָנער מיניסטעריום איז געוואָרן אַ קאָנסטיטוציאָנעלער קאַבינעט, ביי די וואַלן אין לאַנדטאַג האָבן געוווּנען ליבעראַלן; דאָס איז געווען אַן אָנזאָג, אַז די רעאַקציע ווערט שוואַכער. אין דער נייער קאַמער דאָס יאָר 1859 זענען אַריין צוויי דעפּוטאַטן יידן. יידישע טוער האָבן אויסגענוצט די נייע לאַגע אום ווידער אָנצוהויבן אַ שטרייט פאַר רעכט. פיליפּסאָן האָט ווידער אָרגאַניזירט אַ פּעטיציע־באַוועגונג. דאָס יאָר 1859 זענען אין דער דעפּוטאַטן־קאַמער אָנגעקומען 226 פּעטיציעס פון יידישע קהלות וועגן פאַרווירקלעכן גלייכבאַרעכטונג. איין פּעטיציע, פון וועסטפאַלער יידן, איז אָנגעקומען פונם הויפּט־רב אברהם זוטראָ פון מינסטער, ער האָט געמאָנט, מ'זאָל יידן צולאָזן צו רעגירונג־שטעלעס לויט דער קאָנסטיטוציע נאָך. די קאַמער האָט היציק באַהאַנדלט די דאָזיקע פּעטיציע אויף צוויי זיצונגען אירע (25 — 26 אַפּריל 1860). די פּעטיציע־קאָמיסיע האָט פירגעלייגט דער קאַמער איבערגעבן די פּעטיציע דעם מיניסטעריום, דאָס מיניסטעריום „זאָל דאָס נעמען צו קענטניש". די ליבעראַלן האָבן געשטיצט דעם פאָרשלאַג און האָבן געפאָדערט, די רעגירונג זאָל ענטפערן, פאַרוואָס זי האַלט נישט דעם פּונקט קאָנסטיטוציע וועגן גלייכבאַרעכטונג. פאַר דעם

אַלטן שטיינער האָט זיך איינגעשטעלט איין יוסטיץ-מיניסטער סימאָנס, דער איינציקער, וואָס איז געבליבן פונם אַלטן רעאַקציאָנערן קאַבינעט, און דער מיניסטער פאַר גייסטיקע ענינ"ים בעטמאַן-האָלוועג. סימאָנס האָט פאַרענטפערט, וואָס אַ יידן לאָזט מען נישט צו צו קיין ריכטער-שטעלעס אַ ייד אַ ריכטער קאָן נישט געבן קיין קריסט קיין יעזוס-קריסטוס-שבועה. ער האָט געמעלדעט, אַז פון 70, 80 יידישע קאַנדידאַטן אויף ריכטער-שטעלעס האָט ער צוגעלאָזט נאָר פיר אין דער קאָרפּאָראַציע אַדוואָקאַטן, זיבן האָבן זיך געשמדט אַזוי, אַז די צאָל אַספּיראַנטן ווערט כסדר קלענער.

ס'האָט זיך געפונען אַ דעפּוטאַט, וואָס האָט שאַרף אָפּגעענטפערט דעם מיניסטער, אַז אַזאַ דאָפּלטע בוכהאַלטעריע מיט פאַרעקשנטע יידישע קאַנדידאַטן און מיט משומדים, איז קיין כבוד נישט, נישט פאַר דער מלוכה, נישט פאַר דער קריסטלעכער קירך. אַן אַנדער דעפּוטאַט (בינקע) האָט געזאָגט: „ביז איצט האָב איך געמיינט, אַז די טויף וואַשט אָפּ נאָר די ערשטע זינד און נישט די נאַציאָנאַליטעט. ערשט זעען מיר אָבער, אַז ווי נאָר אַ פּרייסישער ייד שמדט זיך, איז ווערט ער באַלד אַן עכטער גלייכבאַרעכטיקטער פּרייס". דער מיניסטער פאַר גייסטיקע ענינים האָט געטענהט, אַז אַלע שולן אין דייטשלאַנד, פון אָנהויב-שולן ביז הויך-שולן, זענען רעליגיעז-קריסטלעכע, ממילא פּאַסן אַהער נישט קיין לערער-יידן. פונדעסטוועגן איז די רעגירונג בכלל נישט געווען קעגן דעם פאָרשלאַג פון דער קאָמיסיע „אין זינען האָבן" די יידישע פּעטיציע. אַקעגנגעשטעלט האָט זיך די רעאַקציאָנערע מינדערהייט פון דער קאַמער. בלאַנקענבורג, אַ יידנפרעסער האָט געוויזן מיט פּסוקים פון תלמוד און סדור, אַז יידן בענקען נאָך פּאַלעסטינע, פאַרהאַסן „גויים" און האָבן אַזאַ שעדלעכע תפילה, ווי „כל-נדרי", וואָס זי באַפרייט יידן פון דער פליכט. יידן זענען אַ באַזונדער נאַציע, פיינטלעך דעם קריסטנטום, און דייטשן קאָנען זיי ווערן נישט אַנדערש סיידן זיי זאָלן זיך שמדן. פייט, אַ ייד — אַ דעפּוטאַט, האָט צונישט געמאַכט די אַלע טענות און שטאַרק אויסגענומען ביי דער ליבעראַלער מערהייט; דאָס מאָל האָבן די ליבעראַלן אַרויסגעשטעלט עטלעכע שטאַרקע ריידער פאַר גלייכבאַרעכטונג. נאָך צוויי טאָג היציקע דעבאַטן האָט די קאַמער מיט אַ מערהייט 169 שטימען קעגן 110 אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון דער קאָמיסיע, די פּעטיציע זאָל איבערגעגעבן ווערן דער רעגירונג, זי זאָל דאָס „אין זינען האָבן".

בכן האָט די עמאַנסיפּאַציע געהאַט אַ מאָראַלישן נצחון. דער פּראַקטישער פּועל-יוצא איז געווען נישט מער, וואָס די רעגירונג האָט אויפגעהערט אַזוי פלייסיק צו „טייטשן" די פונקטן קאָנסטיטוציע צו שאָדן יידן. יידן האָבן ווידער באַקומען רעכט צו זיין ראַטמענער אין זעמסטווע און פאַרנעמען דאָרט געוויסע שטעלעס. דער יוסטיץ-מיניסטער בערנוט, אָנשטאָט סימאָנס'ן, האָט אָנגעהויבן צולאָזן יודן צו קלענערע געריכט-אַמטן. ער האָט אויך דערלאַנגט דער קאַמער אַ פּראָיעקט אָפּשאַפן די ספּעציעלע שבועה פאַר יידן more judaico; די דע-

פּאָטאַן-קאַמער האָט דעם פּראָיעקט [illegible]. אָבער די הערן-קאַמער מיט די מיטלאַלטערישע השגות, האָט דאָס אָפּגעוואָרפן. די רעגירונג האָט אויך באַוויזן די נעגל. די ליבעראַלע קאַמער האָט זיך אַקעגנגעשטעלט קעגן קעניג ווילהעלם'ס מיליטערישע פּלענער, האָט זיך דער קעניג צעקריגט מיט די ליבעראַלן און געמאַכט פאַר מיניסטער-פּרעזידענט ביסמאַרק'ן, דעם פירער פון דער פּריצישער פּאַרטיי (1862). דער דאָזיקער שטרייט קעגן ליבעראַליזם, דערהויפּט קעגן דער נייער „דייטש-פּראָגרעסיווער פּאַרטיי" (איינער פון די פירער איז דאָרט געווען דער אַלטער ראַדיקאַל יאָהאַן יאַקאָבי, אַ ייד), פּלעגט אָפּט שטאַרק טרעפן יידישע גלייכבאַרעכטונג. ס'איז שווער צו זאָגן, מיט וואָס וואָלט זיך אויסגעלאָזט דער דאָזיקער נייער אויפשטאַנד פון דער מאַכט קעגן פאָלקס-פרייהייט, ווען די רעגירונג זאָל איינגיכן נישט געווען דאַרפן אָנקומען צום פאָלק, ממילא האָט זי זיך געמוזט איבערבעטן מיטן פאָלק. ס'האָט געהאַלטן נאָענט צום קריג פון פּרייסן מיט עסטרייך, אַ פועל-יוצא פון אַלטן סכסוך פאַר העגעמאָניע אין דייטשן בונד. ערב אַ קריג אין דער פּרעמד האָט ביסמאַרקס רעגירונג געמוזט אויפהערן דעם איגנאָרירן די פאָלקס קריג און שליסן שלום מיטן פאָלק. אין דעם עסטרייכיש-פּרייסישן קריג דאָס יאָר 1866 האָבן יידן בלוט פאַרגאָסן ביי ביידע צדדים: ברידער האָבן געשאָסן איינס אין אַנדערן פאַר אינטערעסן פון צוויי מלוכות, וואָס ביידע האָבן פלייסיק באַרויבט יידן זייערע רעכט, יעדע אויף איר שטייגער... אָבער ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט מיט פּרייסן'ס גאָרן נצחון און דייטשלאַנד האָט אָנגעהויבן פאַראייניקט ווערן, איז קלאָר געוואָרן, אַז דער דאָזיקער פּראָצעס וועט האָבן צו זאָגן פאַר יידן אויך און יידישע עמאַנסיפּאַציע וועט דערנענט ווערן.

דער ערשטער פועל-יוצא פון דער מלחמה איז געווען, וואָס פּרייסן איז צוגעקומען עטלעכע נייע פּראָווינצן, געוועזענע מלוכות פאַר זיך: האַנאָווער, קורהעסן, נאַסאַו, שלעזוויג-האָלשטיין און די פרייסטאָט פראַנקפורט באַ מיין. אין די צוגעקומענע לענדער האָבן געוואוינט צענדליקער טויזנטער יידן, [1] עמאַנסיפּירט שוין פון פריער (חוץ אין פראַנקפורט, דאָרט האָט דער געזעץ פון יאָר 1853 פאַרשמעלערט יידישע רעכט: יידן האָט מען נישט געטאָרט אויסקלויבן אין סענאַט און אין די בירגערלעכע פאַרטרעטונג-אַנשטאַלטן). די נייע יידישע קהלות האָבן זיך צוזאַמען מיט די אַלטע געווענדט צו דער רעגירונג און צו דער דעפּוטאַטן-קאַמער מיט אַ קאָלעקטיווער פּעטיציע, מ'זאָל אָפּשאַפן אַלע פאַרעלטערטע געזעצן, וואָס זיי שטימען נישט מיט גלייכבאַרעכטונג לויט דער קאָנסטיטוציע. איידער מ'האָט זיך נאָך באַוויזן אַרומקוקן, ווי פּרייסן וועט האַנדלען אין דער פראַגע, האָט זיך געעפנט אַ ברייטערער פלאַץ צו שטרייטן פאַר יידישער גלייכבאַרעכטונג, נישט אין פּרייסן אַליין, נאָר אין גאַנצן דייטשן בונד.

---

[1]) אין די נייע פּראָווינצן איז געווען ביז 60.000 יידן. צוזאַמען מיט פּרייסן (253 טויזנט
דאָס יאָר 1862) האָט דאָס אויסגעמאַכט אַקעגן 310 טויזנט יידן.

דאָס יאָר 1866 איז געוואָרן דער „נאָרד־דייטשער בונד" מיט פּרייסנס העגעמאָניע, אַהין זענען אַריין אַלע מלוכות צפון צו פונם מאַין. מערץ 1867 האָט זיך אין בערלין געעפנט דער גרינדונג־רייכסטאַג פונם בונד מיט אַ ליבעראַלער מערהייט. 4 יידן־דעפּוטאַטן זענען דאָרט געווען, צווישן זיי אַ באַגאַבטער פּאָליטיקער עדואַרד לאַסקער, אַ גליד פונם פּרייסישן לאַנדטאַג; ער איז אַרויס פון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי און איז צוגעשטאַנען צו די נאַציאָנאַלע ליבעראַלן, וואָס האָבן זיך געלאָזט פירן פון ביסמאַרק'ן צו פאַרייניקן דייטשלאַנד.

412 יידישע קהלות פון די פאַרייניקטע מלוכות האָבן דערלאַנגט אַ פּעטיציע דעם דאָזיקן פּאַרלאַמענט. דערהויפּט האָבן מעקלענבורג־שווערינ'ער יידן געבעטן רחמים מיט אַ טיף־פאַרביטערט האַרץ": די אָרטיקע פּרעה'ס האָבן זיי געהאַלטן אין קנעכטשאַפט. זיי האָבן געבעטן, אַז „דער הייליקער פּרינציפּ פון בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיגונג זאָל סוף כל סוף אָנגעווענדט ווערן צו מעקלענבורגער פון יידישער אמונה, לשם דעם כבוד פונם דייטשן פּאָטערלאַנד". וויגערס און פּראָש, מעקלענבורגער פּראָגרעסיווע דעפּוטאַטן אין רייכסטאַג, האָבן זיך שטאַרק איינגעשטעלט פאַר דער דאָזיקער פּעטיציע. זיי האָבן געמאָנט, אַז די בונד־קאָנסטיטוציע זאָל גאַראַנטירן פּאַקטישע גלייכבאַרעכטיגונג אין אַלע פאַרבונדעטע מלוכות. דער רייכסטאַג האָט דאָס אָפּגעוואָרפן: ס'פּאַסט נישט, ער זאָל זיך מישן אין די אינעווייניקסטע ענינים ביי יעדער מלוכה. לאַסקער האָט דערצו אויך אַ האַנט צוגעלייגט: ביסמאַרק'ס פאַרייניקונג־פּלענער זענען אים געווען טייערער, איידער יידישע באַפרייאונג. אומגעבעטענערהייט האָט ער געמעלדעט, אַז יידן גופא מאָנען נישט ביים רייכסטאַג אַזאַ שוץ־געזעץ; יעדנפאַל לוינט נישט זיי צוליב אַוועקגיין פונם כלל, אַז מ'דאַרף זיך נישט מישן אין יעדן לאַנדס אינעווייניקסטע ענינים. אַזוי האָט אַ ייד אָפּגעענטפערט בעת קריסטן האָבן געטענה'ט, אַז יידישע רעכטלאָזיקייט אין איין מלוכה אין דייטשלאַנד איז אַ פלעק פאַרן גאַנצן דייטשן בונד! מעקלענבורגער יידן האָבן געוויזן, ווי האַלט דאָס מיט לאַסקער'ס פאַררופן זיך אויף דער „שטימונג ביי יידן": זיי האָבן דערלאַנגט אַ צווייטע פּעטיציע (סעפּטעמבער): זיי קוקן אַרויס, אַז נאָר דער בונד־פּאַרלאַמענט זאָל זיך איינשטעלן פאַר זייערע רעכט. דער רייכסטאַג, וואָס האָט געשטרעבט צו פאַרייניקן דייטשלאַנד קולטורעל אויך, נישט בלויז פּאָליטיש, איז לאַנג נישט געבליבן ביי זיין פּאָזיציע, נישט מישן זיך. ווען מ'האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן פרייעם פאַרקער אין די פאַרבונדעטע מלוכות, האָט מען אָנגענומען אַזאַ באַשלוס, וואָס זאָל זיין אַ מוז פאַר אַלעמען: „קיין אונטערטאַן פונם בונד טאָר נישט פאַרווערט ווערן, מחמת רעליגיעזע טעמים, צו באַזעצן זיך, וואוינען, באַשעפטיקן זיך מיט אַ פּראָפעסיע און פאַרווערבן נחלאות" (נאָוועמבער 1867).

דער דאָזיקער פּונקט, וואָס ער איז אַריין אין דער בונד־קאָנסטיטוציע, האָט געהאַט זייער אַ סך צו זאָגן דערהויפּט פאַר צוויי לענדער מיט יידישער רעכטלאָזיקייט: זאַקסן און מעקלענבורג. זאַקסן, וואָס איז געווען אָנגעזען אין

נאָרדדייטשן בונד, האָט זיך אונטערגעגעבן: דאָס יאָר 1868 האָבן דאָרט יידן באַקומען די גאַנצע פרייהייט פון פאַרקער און באַשעפטיקונגען. דרעזדענער און לייפּציקער בירגער האָבן נעבעך געמוזט איבער נויט צוזען נעבן זיך אַ פרייעם קאָנקורענט אַ יידן, וואָס ערשט נישט לאַנג האָט מען אים אַזוי גרינג געקאָנט בייקומען מיט פּאַטריאָטיזם אַליין. נישט אַזוי גיך האָט מען דאָס געפּועלט ביי מעקלענבורג. די רעגירונג האָט דאָ געמוזט נאָכגעבן דעם רייכסטאַג און לאָזן יידן פריי פאַרקערן און פאַרווערבן נחלאות, האָט זי אָבער באַוויזן אַ קונץ צו דערהאַלטן פאַר יידן דעם פאַרבאָט צו באַטייליקן זיך אין דער שטאָט־און־זעמסטווע־פאַרוואַלטונג. דעפּוטאַט וויגערס האָט דאָס פירגעהאַלטן אין רייכסטאַג (1868) און געפאָדערט, אַז מעקלענבורג זאָל נישט זיין קיין אויסנאַם, „דער נאָרדדייטשער בונד זאָל (דאָ) אויך מיטהעלפן באַזייטיקן מיטלאַלטערישע איינפירן, וואָס זענען דערווידער דער בונד־קאָנסטיטוציע“. ער האָט דערלאַנגט אַ פאָרשלאַג, דער רייכסטאַג זאָל אָננעמען אַ באַשלוס בכלל — „ס׳זאָלן אָפּגעשאַפט ווערן אַלע באַגרענעץ־געזעצן, וואָס נעמען זיך פון פאַרשידענע אמונות“. בעת די דעבאַטן וועגן דער פראַגע האָט גראַף באַסעוויץ, אַ קאָנסערוואַטיווער מעקלענבורגער דעפּוטאַט, אַזוי געזאָגט: „יעדער מלוכה דאַרף מען לאָזן זיך אַנטוויקלען אויפן שטייגער פון אַ קריסטלעכער מלוכה. איך בין זיכער, אַז ווען יידן וואָלטן נאָר געקאָנט, וואָלטן זיי אויך באַשאַפן אַן אייגענע יידישע מלוכה אויף זייער שטייגער“. לאַסקער, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, האָט זיך דאָס מאָל אָנגערופן: ס׳איז אַ רכילות אויף יידן, ווען מ׳זאָגט, אַז זיי ווילן זיך אָפּשליסן, פריער האָט ער געמאַכט אַ גרויסע הקדמה: „ווען מ׳באַהאַנדלט אַזוינע פאָרשלאַגן, וואָס זענען שטאַרק נוגע מיך און מיינע גלויבנסגענאָסן, האַלט איך בכלל, אַז איך דאַרף נישט רעדן, ווארום ס׳וואָלט געקאָנט הייסן, אַז איך נעם זיך אָן פאַר זיך אַליין“. אָט ווי נידריק עס איז געפאַלן דאָס יידישע זעלבסטבאַוואוסטזיין זינט ריסערס צייטן: זיין פּאָליטישער נאָכקומער האָט זיך „פּרינציפּיעל“ אָפּגעהאַלטן צו נעמען אַ וואָרט אין פּאַרלאַמענט איבער דער יידן־פראַגע — אויס מורא, מען זאָל אים, חלילה, נישט חושד זיין אין „פּערזענלעכער“ פאַראינטערעסירטקייט. דאָס פּאַרטייאיקן די יידישע זאַך האָט ער געלאָזן פאַר קריסטלעכע אַדוואָקאַטן, פּונקט ווי דאָ וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן באַזייטיקן קרובים פון אַ געריכט איבער אַ פערברעכער!...

צום גליק האָט זיך געפונען אַ דייטש וויגערס, וואָס האָט ערלעך געטון דעם יידן לאַסקערס זאַך, די מערהייט פּאַרלאַמענט איז אויך געווען ליבעראַל געשטימט, ס׳איז געוואָרן אויס „נישט מישן זיך“. צום סוף סעסיע דאָס יאָר 1868 האָט דער רייכסטאַג אָנגענומען וויגערס פאָרשלאַג; דאָס יאָר 1869 האָט דאָס דער בונדעסראַט באַשטעטיקט און דער קעניג סאַנקציאָנירט. אינם דעקרעט פונם 3־טן יולי 1869, געחתמעט קעניג ווילהעלם און געצייכנט ביסמאַרק, שטייט אַזוי: „אינם נאָמען פונם נאָרדדייטשן בונד לויטן באַשלוס פונם בונדעסראַט און רייכסטאַג, הייסן מיר: ס׳ווערן אָפּגעשאַפט אַלע באַגרענעצן אין בירגערלעכע און

פּאָליטישע רעכט, וואָס שטאַמען פון פאַרשידענע אמונות: בפרט דאַרף יעדער האָבן גלייך רעכט צו באַטייליקן זיך אין שטאָטישער און זעמסקער זעלבסטפאַרוואַלטונג און פאַרנעמען עפנטלעכע אַמטן, נישט געווענדט אין דער אמונה".

אַזוי אַרום האָט דער פּאַרלאַמענט פון די פאַראייניקטע דייטשע מלוכות אַ צווייט מאָל באַשטעטיקט דעם גרונט-געזעץ, וואָס די מערץ-רעוואָלוציע האָט דאָס פאַר צוואַנציק יאָרן שוין איין מאָל געהאַט אַרויסגעריסן ביי די דייטשע רעגירער. די יאָרן קאָנטר-רעוואָלוציע האָט זיך יעדער רעגירער באַזונדער געקאָנט פאַרגינען צוריקכאַפּן די גלייכבאַרעכטיגונג, וואָס דאָס פאָלק האָט ביי אים אַרויסגעריסן. איצט איז שוין געווען שווערער אַזוינס צו טון, ווארום דאָס הויכע וואָרט וועגן יידישע בירגערלעך-פּאָליטישער גלייכשטעלונג איז געזאָגט געוואָרן אין דעם בונדעסראַט פון דייטשלאַנדס פעלקער און רעגירער, און די דאָזיקע גלייכשטעלונג איז איצט געווען אַ טייל פון דער פּראָגראַם: פאַראייניקן דייטשלאַנד, די וויכטיקסטע פּראָגראַם פון יענער תקופה. פּרייסן, די פירערין פונם בונד, האָט די ערשטע געמוזט פאָלגן דעם בונדס דעקרעט. ביז צהער האָט פּרייסן געגעבן יידן בירגערלעכע גלייכבאַרעכטונג, אָבער נישט קיין פּאָליטישע. פונם יאָר 1869 אָן האָט די פּרייסישע רעגירונג געענדערט איר שטעלונג צוצולאָזן יידן צו מלוכה-אַמטן. דאָס יוסטיץ-מיניסטעריום האָט ברייט געעפנט פאַר יידן די טירן אין דער אַדוואָקאַטור; אין אַ קליינער צאָל האָט מען אָנגעהויבן צולאָזן יידן צו ריכטער-אַמטן אויך. שפּעטער (דאָס יאָר 1872) האָט דאָס בילדונג-מיניסטעריום אָנגעהויבן צולאָזן יידן צו לערער-שטעלעס אין מיטלשולן און אין הויכשולן. צו גאָרער גלייכבאַרעכטונג איז דאָך נאָך דאָ געווען ווייט. אַנדערע מלוכות פונם נאָרד-דייטשן בונד האָבן אויך געפאָלגט, אפילו מעקלענבורג האָט זיך אונטערגעגעבן; דאָ און אין זאַקסן איז אויסגעקומען מיט אַמאָל מאַכן דעם שפּרונג פון מיטל-אַלטערישער יידישער קנעכטשאַפט צו גאָרער בירגערלעכער און פּאָליטישער גלייכבאַרעכטונג.

באַזונדער פאַר זיך זענען געווען די דרום-דייטשישע מלוכות: בייערן, באַדען און וויורטעמבערג; זיי זענען אין בונד נישט אריין, און ממילא האָט ער אויף זיי קיין השפעה נישט געקאָנט האָבן. אָבער דאָ האָבן זיך אויך געלאָזט פילן די ליבעראַלע ווינטן פון די 60-ער יאָרן, די ליבעראַלע באַוועגונג איז ווידער צו זיך געקומען, און יידישע עמאַנסיפּאַציע איז דאָ מער וויניקער אויסגעפירט געוואָרן נאָך איידער דער נאָרד-דייטשער בונד איז געוואָרן. נאָכדעם ווי אין בייערן איז געוואָרן שענק'ס ליבעראַל מיניסטעריום (1859), האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ האַסטיקער שטרייט קעגן די פּרעה'שע מאַטריקול-געזעצן. יידישע קהלות האָבן ווידער אָנגעהויבן צו שטורמען מיט פּעטיציעס די רעגירונג און דעם פּאַרלאַמענט, און האָבן אויסגעפירט.ביידע קאַמערן האָבן כמעט איינשטימיק אָנגענומען אַ באַשלוס אָפּצושאַפן דעם מאַטריקול-געזעץ, דער בייערישער קעניג האָט דאָס באַשטעטיקט (10 נאָוועמבער 1861). פיורטער קהלה, אויסער

זיך פאַר פרייד, וואָס מ׳האָט פון יידן אַראָפּגענומען די קייטן, וואָס פופציק יאָר
האָבן זיי נישט געלאָזט זיך אַ ריר טון, האָט געשיקט צום קעניג אַ דעפּוטאַציע
מיט אַן אַדרעס פול מיט התפּעלות; דאָס איז די זעלבע קהלה, וואָס דאָס יאָר
1848 האָט זי געפאָדערט, די יידנפראַגע זאָל ווערן אויס „מיט איין פען טינט״..
איצט האָט מען זיך געקוויקט מיט אַ שטיקל נצחון און וועגן פּאָליטישע רעכט
האָט מען זיך געלאָזט טרייסטן, אַז ס׳וועט נאָך קומען די צייט. וואַרטן איז אויס=
געקומען ביזן יאָר 1870, ווען נאָכן פרייסיש=פראַנצויזישן קריג האָט זיך דרום=
דייטשלאַנד איינגעשלאָסן אינם דייטשן בונד. דאָס יאָר 1872 איז פאַר בייערן
גילטיק געוואָרן דער דערמאָנטער געזעץ פונם בונדעסראַט (דאָס יאָר 1869),
דער געזעץ, וואָס האָט פאַרענדיקט יידישע עמאַנסיפּאַציע אין צפון=דייטשלאַנד.
אין באַדען און אין ווירטעמבערג האָט מען דאָס נאָך פריער אויסגעפירט. אין
באַדען האָבן יידן פונם יאָר 1848 אָן גענאָסן אַלע פּאָליטישע רעכט, און דיזעל=
בע צייט האָבן זיי נישט געקאָנט פריי וואוינען און פאַרקערן אין לאַנד, דאָס
יאָר 1862 האָט מען די דאָזיקע באַגרעניצן אָפּגעשאַפט. באַדענער יידן, וואָס
האָבן געהאַט רעכט פון מלוכה=בירגער, האָבן איצט געקריגן רעכט פון געמיינ=
דע=בירגער אויך. אין ווירטעמבערג איז דאָס מיט יידישער עמאַנסיפּאַציע אויך
צוגעגאַנגען אַזוי מאָדנע. דאָס יאָר 1861, נאָכדעם ווי יידישע קהלות האָבן אַ
שטאַרקן שפּאַר געטון די רעגירונג, האָט מען דאָרט באַשטעטיקט יידישע „ביר=
גערלעך=פּאָליטישע גלייכבאַרעכטונג״, ביז באַגרעניצן אין אינדיווידועלע רעכט
איז נאָך געבליבן. אָפּגעשאַפט האָט מען זיי ערשט דאָס יאָר 1864,ביידע קאַ=
מערן האָבן דאָס אָנגענומען כמעט איינשטימיק. בכן זענען באַדען און וויור=
טעמבערג אַריין אין דייטשן אימפּעריע=בונד (נאָכן קריג דאָס יאָר 1870) שוין
מיט עמאַנסיפּירטע יידן.

דאָס צעריסענע דייטשלאַנד (דאָס יאָר 1815) האָט פאַרקנעכט יידן, דאָס
פאַראייניקטע דייטשלאַנד (די יאָרן 1867—1870) האָט באַפרייט יידן. יידן האָבן
פון זייער צד אַ סך מיטגעהאָלפן, דייטשלאַנד זאָל פאַראייניקט און פריי ווערן.
געגאָסן בלוט האָבן דערפאַר פאַרגאָסן יידן=רעוואָלוציאָנערן דאָס יאָר 1848, יידן=
סאָלדאַטן די יאָרן 1866 און 1870. אין די פאַרלאַמענט=שטרייטן האָבן פאַר דייטש=
לאַנדס פרייהייט און אייניקייט געקעמפט די ריסערס, לאַסקערס און באַמבערגער׳ס [1].

[1]) ריסער, אַ הייסער פּאַטריאָט פון פאַראייניקן דייטשלאַנד, איז געווען אין דער דעפּוטאַציע
אין פראַנקפורטער פּאַרלאַמענט, וואָס האָט גאָך דאָס יאָר 1849 פאָרגעלייגט דעם פרייסישן קעניג,
פרידריך ווילהעלם דעם IV=טן. די קרוין פון דער דייטשער אימפּעריע; פרידריך ווילהעלם דער IV האָט
דאָס דעמאָלט אָפּגעוואָרפן. בראָש דער דאָזיקער דעפּוטאַציע איז געווען דער פּרעזידענט פונם
פראַנקפורטער פּאַרלאַמענט עדואַרד סימסאָן, אַ קעניגסבערגער ייד, וואָס מ׳האָט אים אָפּגע=
שמדט נאָך קינדווייז. שפּעטער, דעצעמבער דאָס יאָר 1870, האָט ווילהעלם דער I=טער אין ווערסאַל
גענומען די אימפּערישע קרוין פון זעלבן סימסאָנ׳ס הענט, דעמאָלט שוין פּרעזידענט פונם נאָרד=
דייטשן רייכסטאַג. ריסער האָט נישט דערלעבט דייטשלאַנד׳ס פאַראייניקונג און גאָרע יידישע עמאַנ=

נאָך דעם ווי פּרייסן האָט דאָס יאָר 1870 אויסגעשפּילט דעם קריג קעגן פראַנקרייך און ס'איז געוואָרן די דייטשע אימפּעריע מיט פּרייסן בראש, איז געווען אַ צייט, ווען מ'האָט געהאַלטן פאַר זיכער, אַז יידן האָבן באמת דערלאַנגט גלייכבאַרעכטונג, נישט בלויז אויף פּאַפּיר. אין דעם יום־טובדיקן דייטשלאַנד איז כמו פאַרשווינדן דער שאָטן פון דער יידנפראַגע. שפּעטער, ווען ביסמאַרקס רעגירונג האָט זיך גענומען פאַרן „קולטור־קאַמף" קעגן קאַטאָליציזם (די יאָרן 1872—1873), האָבן יידן געקאָנט אין דעם אייגזען אַ היסטאָרישע שטראָף פאַר דער קראַפט, וואָס האָט פריער געדריקט און געשטיקט יידן און איז אומעטום געווען אַ שטיין אין וועג דעם פּראָגרעס. ס'האָט קיינעם אין קאָפּ נישט געקאָנט קומען, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום וועט מען ווידער פאַרפירן קריג קעגן יידן לשם „דייטשע קולטור", וואָס יידן האָבן זיך פאַר איר אַזוי מקריב געווען... דאָס איז געווען אַ צייט, ווען יידן זענען אַריין אין אַלע קלאַסן דייטשע געזעלשאַפט, אין אַלע צווייגן פונם סאָציאַלן לעבן. רייכע יידן האָט גלייך מיט דייטשן פאַרכאַפּט דאָס פיבער פון גרינדעריי און גרויס־אינדוסטריע אויפן חשבון פון די מיליאַרדן פראַנצויזישע קאָנטריבוציע. יידן־פּובליציסטן זענען געווען אָנגעזען אין דער פּאָליטישער פּרעסע. אַ גרויסע ראָלע האָבן געשפּילט אין רייכסטאַג לאַסקער, דער פירער פון די נאַציאָנאַל־ליבעראַלן, און זיין מיטטוער באַמבערגער... נישט לאַנג אָבער האָט געדויערט די דאָזיקע אידיליע און פרידלעך צוזאַמענלעבן פון דער יידישער געזעלשאַפט מיט דער דייטשער. שוין פון מיטן די 70־ער יאָרן האָט זיך אין לאַנד שטאַרק גענומען פילן דער שאָוויניסטישער, מיליטאַריסטישער גייסט; די רעגירונג האָט אַ שטאַרקן קער געטון צו קאָנסערוואַטיווער פּאָליטיק; די נאַציאָנאַל־ליבעראַלן גופא האָבן זיך אַזוי אַ קער געטון רעכטס, אַז לאַסקער און באַמבערגער האָבן זיך שוין דאָרט קיין אָרט נישט געפונען און זיי זענען געוואָרן די אָפּאָזיציע. אין דייטשלאַנד האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט „אַנטיסעמיטיזם". אין גרונט זאָל דאָ שטעקן דער האַס צום יידן, וואָס „רייסט זיך אַריין" אין דער דייטשער געזעלשאַפט און ווירקט אויף דערס קולטור. מ'האָט ווידער פאַרפירט אַ שטרייט קעגן יידישער גלייכבאַרעכטונג, ריכטיקער געזאָגט, קעגן די רעזולטאַטן פון דער גלייכבאַרעכטונג; איצט האָבן דאָס אָבער פירגענומען די העכערע קלאַסן, נישט די רעגירונג. צו קליין איז געווען דער אָפּרו, וואָס יידן

סימפּאַציע; ער איז געשטאָרבן דאָס יאָר 1863 אין האַמבורג, אַ גליד פונם העכסטן געריכט. פון יידישע פּאַרלאַמענט־טוער איז געווען באַר איינער, יאָהאַן יאַקאָבי, אַ פּראָגרעסיסט אַ ראַדיקאַל, שפּעטער אַ סאָציאַליסט, וואָס האָט פאָראויסגעזען, אַז דאָס פאַראייניקטע דייטשלאַנד וועט ווערן אַ מיליטאַריסטישע נעסט, און ער האָט פון אָנהויב אָן געשטריטן קעגן ביסמאַרקס פּאָליטיק. אַקעגן האָט לודוויג באַמבערגער, אַ געוועזענער רעפּובליקאַנער, געשטיצט מיט לאַסקערן צוזאַמען ביסמאַרקס נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, פריער אין נאָרד־דייטשן רייכסטאַג, דערנאָך אין אימפּערישן. פון דער דאָזיקער פּאָליטיק האָט ער זיך אָפּגעקערט ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט דערזען איר רעאַקציאָנערן אונטערשלאַג.

האָבן געקריגן צווישן דעם פאַרענדיקטן שטרייט פאַר עמאַנסיפּאַציע און דעם נייעם שטרייט קעגן אַנטיסעמיטיזם. סוף די 70-ער יאָרן האַלטן מיר שוין ערב אַ נייע תּקופה—דאָס איז „די תּקופה פון דער צווייטער רעאַקציע".

§ 35. די לעצטע פון דער רעפאָרמאַציע און די שפּאַלטונג אין די קהלות

דאָס אינעווייניקסטע לעבן אין די קהלות, וואָס איז געווען אַזוי רעשיג די צייט פונם קולטור-שטרייט ביזן יאָר 1848, איז איצט פאַרשלעפּערט געוואָרן, די תּקופה פון דער צווייטער עמאַנסיפּאַציע. דער רעפאָרמאַציע-שטרייט האָט פאַרלאָרן זיין יוגנט-ברען און האָט אָנגעהויבן אויסגיין. די פּאָליטישע קריזיסן די יאָרן 1848 — 1870 און די שטאַרקע וואַקלענישן אין דער יידישער בירגערלעכער לאַגע האָבן אָפּגעצויגן פון אינעווייניקסטע שטרייטן: ס'איז געפאַלן דער הויפּ-אינטערעס פאַר רעליגיעזער רעפאָרם: די רעפאָרם האָט שוין פאַרשפּאַרט זיין אַ געצייג אינם שטרייט פאַר עמאַנסיפּאַציע נאָכדעם ווי דער פּרינציפּ גלייכבאַ-רעכטונג איז אַריין אין אַלע קאָנסטיטוציעס. די אַלטע שטרייטער פאַר דער יידישער טראַדיציע און די היציקע אידעאָלאָגן פון דער רעפאָרמאַציע זענען ביסלעכווייז אויסגעשטאָרבן, און די רעליגיעזע רייסערייען זענען שוואַכער גע-וואָרן. ס'איז אויסגעוואַקסן אַ נייער דור, פאַרפרעמדט צום פאָלק, גלייכגילטיק צו דער טראַדיציע סיי צו דער רעפאָרם. די שמד-עפּידעמיע איז געשטילט געוואָרן נאָכן יאָר 1848; איצט פלעגן אָפּפאַלן נאָר אַזעלכע, וואָס האָבן געגאַרט מלוכה-שטעלעס; אָבער געמישטע חתונות זענען געוואָרן מער אָפטע, און אַזוינע חתונות צווישן יידן און קריסטן האָבן זיך געמערט; די קינדער פון אַזוינע חתונות זענען שוין מייסטנס געבליבן אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפט. דער פּראָצעס אַסימילאַציע האָט שוין אָנגעוואָרן זיין יידישן אונטערגרונט, ער איז שוין געגאַנגען פון זיך און איז נאָך שטאַרקער געוואָרן, דאָס איז שוין געוואָרן אויס אינטעליגענטישע זאַך, נאָר אַ מאַסן-פּראָצעס. פון דער יידישער רעפאָר-מאַציע, ווי מיר קענען זי פון די 30-ער, 40-ער יאָרן, איז איצט געוואָרן אַ שפּיל-קעסטל. פריער האָט דאָס לעצטע וואָרט אין דער רעליגיעזער רעפאָרם געהערט צו ראַבינער, צווישן זיי זענען געווען מענער מיט אַסך וויסן, ווי גייגער, גאָלד-היים און אַנדערע; איצט זענען גבאים געוואָרן די דעה-זאָגער; לויט דעם פּרייסישן רעגלאַמענט פונם יאָר 1847 האָבן זיי (גבאים) געהאַט צו זאָגן אפילו אייף ראַבינער אויך. אַסך האָבן זיך מתקנא געווען אין דער בערלינער רעפאָרם (§ 12), וואָס וועלטלעכע האָבן זי געמאַכט, בעת ראַבינער האָבן זיך נאָך געשפּאַרט איבער שלחן-ערוך-זאַכן. צווישן גבאים זענען געוואָרן אַלץ מער „פּראָגרעס"-לייט, פאָרשטייער פון דער גרויס-בורזשואַזיע, וואָס די גאַנצע רעפאָרם

האָט בײַ זײַ געהייסן אײַנפֿירן אַנײַמאָדישע גאָטדינסט מיט צערעמאָניעס די דאָזיקע „לומדים״ האָבן זיך קנאַפּ געקימערט וועגן דינים און אפילו וועגן עיקרים, און האָבן געשניטן און געבראָקט יידישע תפלות, אַרויסגעוואָרפן דער־הויפּט אַזעלכע זאַכן, וואָס קאָנען דערמאָנען אין אַ יידישער נאַציע. אַזוי האָט מען געשאַפֿן אומעטום נײַע רעפֿאָרמירטע סינאַגאָגעס אָנשטאָט די אַלטע. דאָס רעשטל אָרטאָדאָקסן איז איצט געקומען צו דער לאַגע, ווען ס׳האָט זיך געמוזט שיצן קעגן דעם רוב רעפֿאָרם־מאַכער. מ׳האָט זיך געביטן מיט די ראָלען: פֿריער האָבן רעפֿאָרמיסטן זיך געמוזט אויסטיילן פֿונם אָרטאָדאָקסישן רוב אין די קהלות און קוים אויספֿועל׳ן קאָנגרעגאַציעס פֿאַר זיך; איצט האָבן זיך אָרטאָדאָקסן גע־מוזט אויסטיילן פֿונם רעפֿאָרמיסטישן רוב, זיי האָבן נישט געקאָנט דאַוונען אין די נײַע שולן און האָבן זיך געמוזט מאַכן ספּעציעלע מנינים.

אין פֿראַנקפֿורט זענען דאָס יאָר 1851 אַרויס פֿון דער קהלה אַלע אָרטאָ־דאָקסן און האָבן געמאַכט אַ נײַע „איזראַעליטישע רעליגיאָנס־געזעלשאַפֿט״ אויפֿן סמך געזעץ וועגן פֿאַריין־פֿרייהייט; בראש דער דאָזיקער קהלה האָט זיך גע־שטעלט שמשון רפֿאל הירש, דער גרינדער פֿון דער נײַ־אָרטאָדאָקסיע (§ 11). די אָרטאָדאָקסן האָבן געמאַכט זייער אַ „רעאַל־שול״ פֿאַר קאָנסערוואַטיווער קינ־דער־דערציונג; פֿונם יאָר 1854 אָן האָבן זיי אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ חודש־דיקן קאַמף־זשורנאַל „ישורון״ אויף דייטש בײַצושטיין דער יידישער טראַדיציע קעגן די „צעשטערער״—די רעפֿאָרמיסטן. הירש האָט דאָ שטאַרק געאַרבעט, אין פֿראַנקפֿורט איז געוואָרן דער צענטר פֿון דער גאָרער אָרטאָדאָקסיע אין דייטש־לאַנד. די רעפֿאָרמיסטן האָבן זיך גענומען פֿאַר דער דאָזיקער פֿעסטונג: דאָס יאָר 1863 איז אברהם גייגער אַריבערגעפֿאָרן פֿון ברעסלוי קיין פֿראַנקפֿורט צו שטרייטן (מיט דרשות) קעגן דעם פֿירער פֿון דער נײַ־אָרטאָדאָקסיע, זײַן געוועזענעם שול־חבר; ער האָט אָבער אין עטלעכע יאָר אַרום געמוזט אָפּטרעטן: צו שטאַרק איז געווען די פֿעסטונג פֿון די „אַלטפֿרענקישע״. דאָס יאָר 1869 איז גייגער געוואָרן פּרעדיקער אין בערלינער קהלה, וואו דער רוב איז שוין פֿון גאָלדהיים׳ס צײַטן אָן (געשטאָרבן דאָס יאָר 1860) געווען רעפֿאָרמיסטיש. די אָרטאָדאָקסישע מינדערהייט פֿון דער בערלינער קהלה האָט זיך דעמאָלט אויס־געטיילט אין אַ באַזונדער געזעלשאַפֿט „עדת־ישראל״ בראש מיט עזריאל היל־דעסהיימער. דער דאָזיקער פֿירער פֿון דער געבילדעטער אָרטאָדאָקסיע האָט אַרויסגעשטעלט דעם כּלל: „שטרענג האַלטן די רעליגיעזע טראַדיציע און אויסער־לעך איבערנעמען די דייטשע קולטור״. דאָס יאָר 1872 האָט גייגער געעפֿנט אין בערלין אַ „הויכשול פֿאַר וויסנשאַפֿט פֿון יידנטום״, דאָס זאָל זײַן אַ סעמינאַר פֿאַר פֿרײַדענקערישע ראַבינער. דאַן האָט הילדעסהיימער אָפּגעענטפֿערט מיט אַ סעמי־נאַר פֿאַר אָרטאָדאָקסאַלע הייבטוועלטיקע ראַבינער, אַ קעגנגיפֿט קעגן גייגער׳ס סעמינאַר. פֿאַר זיך, נישט צו דער, נישט צו יענער פּאַרטיי, איז געווען דער אומפּאַרטייאישער סעמינאַר אין ברעסלוי, געגרינדעט אַסך פֿריער (1854); דער

פירער איז דאָ געווען דער געוויסער געלערנטער זכריה פראַנקל, וואָס האָט געשאַפן די „פּאָזיטיוו־היסטאָרישע שולע", ווייט סיי פון לעצט־רעפאָרמיזם, סיי פון לעצט־אָרטאָדאָקסיע.

אין אַנדערע דייטשע לענדער איז פאָרגעקומען דערזעלבער פּראָצעס שפּאַלטן זיך אין די קהלות. יענע צייט האָבן זיך שוין די רעגירונגען געהאַט אָפּגעזאָגט פון דער שיינער מדה זיך מישן אין יידישע אינעווייניקסטע אנגעלעגענהייטן, ווי מיר זען דאָס אַ תקופה פריער, בלויז איין מעקלענבורגער רעגירונג, וואָס האָט זיך אַזוי באַהאַרצט געווערט קעגן יידישער עמאַנסיפּאַציע, האָט זיך נישט געוואָלט אָפּזאָגן פון איר אַפּוטרופּסות אויף יידישע אמונה־זאַכן. די יאָרן 1847—1851 איז אין מעקלענבורג־שווערין געווען לאַנד־ראַבינער דוד איינהאָרן (נאָך גאָלדהיים'ן), אין דער פּראַקטיק נאָך ראַדיקאַלער פאַר גאָלדהיים'ן. ער האָט אַרויסגעוואָרפן פון דער יידישער גאָטדינסט אויך די העברעאישע שפּראַך, אויך די נאַציאָנאַלע און משיח־תפילות. מ'קאָן זיך פאָרשטעלן די אויפגערעגטקייט ביי די אָרטאָדאָקסן, בפרט נאָך, אַז ער האָט גענומען פאַרשרייבן אין די יידישע מעטריקעס נישט־קיין־געמל'טע קינדער. אויף אַלע פּראָטעסטן (קעגן איינהאָרן'ען איז געווען פראַנץ דעליטש אויך, אַ קריסטלעכער טעאָלאָג, אַ מיסיאָנער) האָט איינהאָרן שאַרף אָפּגעענטפערט: ער האַלט, אַז דער פעלשט אין יידנטום, ווער ס'וויל אים אָנוואַרפן מילה, אַלס אַ תנאי, וואָס אָן דעם קאָן מען נישט געהערן צום כלל־ישראל. דער שטרייט האָט געדויערט לאַנג, און דער ראַדיקאַל דער רעפאָרמאַטאָר האָט געמוזט אָפּטרעטן דעם אַמט און אַריבער תחלת קיין אונגאַרן, דערנאָך קיין אַמעריקע. די מחלוקת איז אָבער דערמיט נישט געשטילט געוואָרן. די אָרטאָדאָקסן האָבן געזוכט שוץ קעגן דער רעפאָרם אונטער די פליגל פון מעקלענבורגער רעאַקציאָנערער רעגירונג: די רעגירונג האָט זיך אָנגענומען זייער קריוודע און געפועל'ט ביי זיך ווירקן אויפן אויטאָנאָמישן יידישן אויבער־ראַט (דאָס איז דער אויבער־ראַט, וואָס ווערט אויסגעקליבן פון אַלע יידישע קהלות אין הערצאָגטום און ער ווידער קלויבט אויס דעם לאַנד־ראַבינער). דאָס יאָר 1853 האָט דאָס מיניסטעריום פאַרעפנטלעכט אַזאַ געמיינעם צירקוליאַר: „דאָס געהויבענע מיניסטעריום קאָן נישט צופרידן זיין מיט דעם איצטיקן רעליגיעזן צושטאַנד ביי יידן; די טענדענציעזע פירונג פון די לאַנד־ראַבינער ד"ר גאָלדהיים און ד"ר איינהאָרן האָט געבראַכט צו אַ שפּאַלטונג ביי יידן און אַ סך זענען אַרויס פון די קהלות. דאָס מיניסטעריום קאָן נישט דערלאָזן, אַז אַ ראַציאָנאַליסטישע רעפאָרמעריי זאָל ווייטער שטייגן.—יידן דאַרפן זיך האַלטן שטאַרקער ביים היסטאָרישן יודאַאיזם, אויפפרישן אמת'ע רעליגיעזיטעט און געבן דער יוגנט אַ רעליגיעזע דערציאונג. מ'קאָן נישט דערלאָזן, אַז יידן אין אונזער לאַנד זאָלן זיך שפּאַלטן אויף צוויי טיילן. מ'דאַרף אויסקלויבן אַזאַ לאַנד־ראַבינער, וואָס זאָל האַלטן מיטן היסטאָרישן יודאַאיזם און זאָל אימשטאַנד זיין צוריק צונויפפירן ביידע צעשפּאָלטענע טיילן". צו דעם צוועק באַווילט דאָס מיניסטעריום די קהלות

אַז בײַ די נאָנטסטע װאַלן צום „אױבער־ראַט“ זאָל מען אױסקלײַבן אַזױנע דעפּוטאַטן, װאָס מ׳זאָל מיט זײ זיכער זײַן, אַז זײ װעלן אױסקלײַבן אַ קאָנסערװאַטיװן לאַנד־ראַבינער; װען נישט, װעט זיך דאָס מיניסטעריום טון זײַנס. ייִדישע קהלות זענען געװען שטאַרק אױפֿגערעגט פֿון אַזאַ גראָב מישן זיך אין זײער רעליגיעז לעבן, און דאָס פֿאַרגינט זיך טון אַ רעגירונג, װאָס אפֿילו נאָכן יאָר 1848 האַלט זי ייִדן אױף דער קײט! די קהלה־פֿאַרװאַלטונג פֿון דער רעזידענץ־שטאָט שװערין האָט דערלאַנגט דעם מיניסטעריום אַ שריפֿט, אָנגעװיזן, אַז ברענגען צו שלום אין ייִדישע קהלות איז אַ הײמיש־ייִדישע זאַך; ס׳איז נישט די זאַך פֿון קריסטלעכע רעגירער אָנצװײַזן, װאָס פֿאַר אַ רעפֿאָרם שטימט מיטן „היסטאָרישן יודאַאיזם“; אגב קאָן זיך דאָס מיניסטעריום אפֿילו נישט פֿאַררופֿן אױף קײן פּונקט אין דער ייִדישער קהלה־אױטאָנאָמיע, פֿאַרװאָס זי שרעקט די קהלות. דערױף האָט מעקלענבורגער הערצאָג פֿרידריך־פֿראַנץ אָפּגעענטפֿערט מיט אַ רעסקריפּט, אַן אַקט פֿון געמײנעם דעספּאָטיזם: ייִדישע קהלות איז פֿאַרװערט צו קלײַבן דעם אױבער־ראַט, דעם אױבער־ראַט איז פֿאַרװערט צו קלײַבן לאַנד־ראַבינער. דער הערצאָג האָט אױף זײַן באַראָט געמאַכט דרײַ ייִדן סוחרים פֿאַרן אױבער־ראַט און דעם אָרטאָדאָקס י. ב. ליפּשיץ פֿאַר לאַנד־ראַבינער. ליפּשיץ האָט גענומען אױסװאָרצלען גאָלדהײמ׳ס און אײַנהאָרן׳ס „אױפֿטוען“. אַזאַ שענדלעך באַהאַנדלען די ייִדישע אױטאָנאָמיע האָט געדױערט אַ סך יאָרן. ערשט נאָכדעם װי ייִדן זענען עמאַנסיפּירט געװאָרן אין מעקלענבורג קעגן דעם װילן פֿון די רעגירער (1869), האָבן זײ װידער געקריגן רעכט אױסקלײַבן זײער אױבער־ראַט און אַ לאַנד־ראַבינער, נישט אָנגעפֿרעגט דער רעגירונגס שולחן־ערוך.

סוף די 60־ער יאָרן, װען אין דײַטשלאַנד איז דער עמאַנסיפּאַציע־שטרײַט שױן געװען פֿאַרענדיקט, איז אױפֿגעקומען אַ געדאַנק פֿאַרײניקן אַלע רעפֿאָרמיסטן אָדער „ליבעראַלן“ פֿון פֿאַרשידענע קהלות אין דײַטשלאַנד. אױף לודװיג פֿיליפּסאָנס איניציאַטיװ איז זיך דאָס יאָר 1868 צונױפֿגעקומען אַ ראַבינער־צונױפֿפֿאָר אין קאַסעל. דער צונױפֿפֿאָר האָט געזאָלט פֿעסטשטעלן אײן באַשטימטן אַרט גאָטדינסט אין אַלע רעפֿאָרמירטע סינאַגאָגעס און זײַן שטעלונג צו דינים, װאָס שטאַמען פֿונעם תּלמוד. אָבער באַלד שױן בײַ די ערשטע ויכּוחים האָט זיך קלאָר אַרױסגעשטעלט, אַז קײן אײן באַשטימטע מײנונג װעגן די אַלע פֿראַגן איז בײַ ייִדישע טעאָלאָגן נישט פֿאַראַן (געװען איז אַ. גײַגער אױך). די פֿאַרזאַמלונג האָט דעמאָלט באַשלאָסן צונױפֿרופֿן אַ ס י נ אָ ד (װעד) פֿון ראַבינער און כּלל־טוער מיט דער האָפֿענונג, אַז די װעלטלעכע דעלעגאַטן װעלן נישט דערלאָזן צו קײן שאַרפֿע טעאָלאָגישע ויכּוחים און װעלן אױסשטעלן אַלע פֿראַגן פּראַקטיש. דער צונױפֿפֿאָר האָט געזאָלט זײַן אַ כּלל־ייִדישער און גערופֿן האָט מען כּלל־טוער פֿון אַנדערע לענדער אױך, נישט בלױז פֿון דײַטשלאַנד. דעם 29 יוני דאָס יאָר 1869 איז זיך אין לײַפּציג צונױפֿגעקומען דער רעפֿאָרמיסטישער סינאָד. ס׳זענען געקומען אַריבער 80 דעלעגאַטן, צװישן זײ אַזױנע באַװאוסטע

מענער ווי: יוסף ווערטהיימער פון ווין, לעאָפּאָלד לעוו פון אונגאַרן און דער בעלגישער לאַנדראַבינער אַסטריוק. פאָרזיצער איז געווען מ. לאַצאַרוס, דער באַרימטער לינגוויסט און פילאָזאָף, פּראָפעסאָר פון בערלינער אוניווערזיטעט. געהילף־פאָרזיצערס זענען געווען גייגער און ווערטהיימער. קודם־כל איז דאָ געווען פיליפּסאָנס פאָרשלאַג וועגן „אויסשטימען יודאַאיזם מיט די יסודות פון דער מאָדערנער קולטור”. ס׳זאָל הייסן אַזוי: היות ווי היינטיקע צייטן איז געוואָרן אויס נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע שנאה צווישן פעלקער, מעג זיך דער יודאַאיזם אויך אויסטון פון היסטאָרישע לבושים, פון פאַרשידענע מצוות עשה און לא תעשה וואָס דער צוועק זייערער איז געווען אָפּצושליסן דאָס פאָלק, דער יודאַאיזם זאָל זיך באַווייזן פאַר דער אויפגעקלערטער וועלט אַלס אַ הומאַניסטישע לערע, וואָס לערנט ברודערשאַפט צווישן מענטשן און רעליגיעז־מאָראַלישע שלמות לויט די נבואהשע אידעאַלן. פיליפּסאָנס דעקלאַראַציע, וואָס האָט אָנגעמערקט דעם אַלגעמיינעם וועג פאַר דער רעפאָרם, האָט מען אָנגענומען איינשטימיק. מ׳האָט נאָך אָנגענומען באַשלוסן וועגן אייניקע ספּעציעלע פראַגן. אין דער גאָטדינסט זאָל העברעאיש גילטן אין דער קריאת התורה און אין אייניקע תפלות, בכלל אָבער ווערט אָנגענומען די מלוכה־שפּראַך; נאַציאָנאַלע און משיח־תפלות ווערן אויסגעשלאָסן, טיילווייז ווערן זיי אויסגעטייטשט אַלס אַ רעליגיעזע שליחות פון יידן: יידן זאָלן זיין די אָנזאָגער פון מאָנאָטעאיזם ביי פעלקער. וועגן אַנדערע פראַגן האָט מען צו קיין באַשטימטן באַשלוס נישט געקאָנט קומען (למשל, צי איז מילה אַ חוב, וועגן אייניקע חומרות, וואָס זענען נוגע שבת, כשרות, גיטין און דעסגלייכן). דאָס אַלץ האָט מען אָפּגעלייגט אויף אַ צווייטן צונויפפאָר, וואָס איז באַשטימט געווען דאָס יאָר 1870. דער פּרייסיש־פראַנצויזישער קריג האָט געשטערט, און דער צווייטער צונויפפאָר איז זיך צונויפגעקומען ערשט אין יולי דאָס יאָר 1871 אין אויגסבורג ביי אַ קלענערער צאָל דעלעגאַטן (52). די פּאַטריאָטישע שטימונג פון דייטשלאַנד דעמאָלט האָט זיך געלאָזט פילן אויפן צונויפפאָר אין לאַצאַרוסעס (דעם פאָרזיצערס) רעדע: דאָס זאָל זיין אויסגעדרוקט די יידישע פרייד וועגן דייטשלאַנדס פאַרייניקונג. דער צונויפפאָר האָט באַהאַנדלט אייניקע פראַגן, וואָס זענען געבליבן פונם פריערדיקן צונויפפאָר, חוץ דעם האָט ער מתקן געווען אייניקע ליבעראַלע אויפטוען: די בירגערלעכע חתונה איז אַ מוז, אויס חליצה, אַ ייד אָן מילה איז אויך אַ ייד, שבת און יום־טוב מעג מען פאָרן צום דאַווענען און גלאַט פּין עונג־שבת וועגן. די דאָזיקע מעסיקע רעפאָרמעס האָבן דאָך שטאַרק אויפגערעגט די אָרטאָדאָקסן. פרידלעך אָקעגן דער אָרטאָדאָקסיע איז געווען די דעקלאַראַציע פונם אויגסבורגער סינאָד אויך: פאָרזיכטיק און אין אַלגעמיינע אויסדרוקן איז דאָ פאָרגעבראַכט געווען דער געדאַנק פון דער דערמאָנטער פיליפּסאָנס דעקלאַראַציע: יודאַאיזם איז אַ רעזולטאַט פון אַ היסטאָרישער אַנטוויקלונג, בכן קאָן ער זיך נאָך ווייטער אויך פאַרפיינערן. ער וועט זיך צופּאַסן צו דער היינטיקער קולטור און וועט גאָרנישט אָנווערן אין זיין עצם, וואָ־

רום דער צוועק פונם היינטיקן פּראָגרעס שטימט גאָר און גאָר מיט די אידעאַלן פון יודאאיזם: דאָס איז די מאָראַלישע שלמות און די סאָציאַלע רעפאָרם. אין דער דעקלאַראַציע פילט זיך אַ מונטערער אָפּטימיזם; דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך, ווען מיר דערמאנען זיך, אַז דאָס איז געזאָגט געוועזן אין אַ צייט, ווען אין גאַנץ דייטשלאַנד האָט געהערשט אַ ליכטיקע שטימונג, ווען יידן האָבן זיך אָפּט געקאָנט זען גלייכגעשטעלט אפילו אין דער פּראַקטיק[1]. די פירער פון דער רעפאָרם האָבן נישט געקאָנט פאָראויסזען, אַז דער יידנהאַס וועט זיך נאָך באַווייזן, זיי האָבן אָבער אויך פאַרזען, אַז אויב יידן וועלן זיך צונויפשמעלצן מיט אַרומיקע נאַציעס, ווי די פירער האָבן דאָס געוואָלט, איז נישט גענוג דער כוח פון אַלגעמיין-מענטשלעכע רעליגיעזע אידעאַלן אויף צו דערהאַלטן יידן אפילו אַלס „רעליגיעזע גרופּע", וואָס זי האָט אַ געהויבענע שליחות. זיי האָבן נישט געוואָלט איינזען, אַז דאָס יידנטום צעפאַלט זיך איבעווייביק, און דאָס קומט פון גוואַלטיקער אַסימילאַציע. דאָס לעבן האָט זיך געטון זיינס, צעשטערט די יידישע עדה, וואָס דער אויגסבורגער סינאָד זאָל נישט זאָגן. דער אויגסבורגער סינאָד איז געווען דער לעצטער ביי רעפאָרמיסטן, דער לעצטער פּרווו צו פאַרייניקן דעם פּראָגרעסיוון טייל פונם דייטשן יידנטום, וואָס זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין פאַרשידענע וועגן, מייסטנס זייער ווייט פון יידישע גייסטיקע אינטערעסן. דאָס לעבן, וואָס האָט געבראָכן דאָס דייטשע יידנטום, האָט זיך אַרויסגעשטעלט שטאַרקער פאַר סינאָדן, וואָס האָבן געוואָלט שטאַרקן רעליגיע אָן דער נאַציע.

קעגן דעם דאָזיקן צעפאַלן-פּראָצעס האָט נישט געהאָלפן די ניי-אָרטאָדאָקסיע אויך, ווי ווייט זי האָט געשטרעבט צו קאָנסערווירן נישט מער ווי „אַ דייטש פון משה רבינוס גלויבן", איינהאַלטן דעם גאַנצן רעליגיעזן אַפּאַראַט פון יידישקייט אָן אַ נאַציאָנאַל געשטאַלט. די אָרטאָדאָקסן, וואָס האָבן געוואָלט ראַטעווען יידישקייט, האָבן זיך נאָר געמיט אָפּצוזאָמען זיך פון דער עדה „אַפּיקורסים" און מאַכן פאַר זיך ספּעציעלע רעליגיעזע חברות. מיטן די 70-ער יאָרן איז זיי אין פּרייסן געראָטן צו פאַרפעסטיקן די דאָזיקע „פּאַרטיי-אויטאָנאָמיע" אויפן סמך פונם אַלגעמיינעם מלוכה-געזעץ. פרילינג דאָס יאָר 1873, אין רעכטן ברען „קולטור-קאַמף", האָט מען אין פּרייסישן לאַנדטאַג באַהאַנדלט אַ געזעץ, יעדער זאָל

1) פאַר דעם צושטאַנד יענע צייט פּאַסט זייער אַזאַ פּרט: נאָכדעם ווי אין פּרייסן איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער געזעץ וועגן רעליגיעזער פרייהייט, האָבן זיך מגיר געווען אַסך קריסטינס, וואָס האָבן חתונה געהאַט פאַר יידן. דעם פּרייסישן „אויבערקירכנראַט" האָט דאָס זייער געאַרט, האָט ער באַפוילן אַלע פּראָטעסטאַנטישע גייסטלעכע. זיי זאָלן אין די קירכן מעלדן וועגן אַלע אַזוינע „ברוויריקע" צופאַלן, וואָס מענטשן קערן זיך אָפּ „פון ליכטיקייט צו פינסטערניש" און זיי זאָלן זאָגן ספּעציעל אַ תּפילה: „גאָט זאָל זיך דערבאַרמען אויף דעם אָפּטריניקען און אים עפענען די אויגן אויפן פאַלשן וועג, וואָס ער גייט". אויף גייגער'ס איניציאַטיוו האָט די בערלינער יידישע קהלה פאַרעפנטלעכט אַ פּראָטעסט קעגן אַזוינע פיינטלעכע אויסדרוקן; דערויף האָט זי באַקומען אַ סך פריינטלעכע צושריפטן פון די בעסטע פאָרטרעטער פון דער דייטשער געזעלשאַפט, אַפילו פון גייסטלעכע אויך, וואָס האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם אומטאָלעראַנץ פון די אָפיציעלע קירך-פאָרטרעטער (1874).

מעגן אַרויס פֿון זיין קירך און נישט אַריין אין קיין אַנדערע; ס׳זאָל הייסן, אַז מ׳הערט אויף צו זיין אַ פּראָטעסטאַנט, אַ קאַטאָליק, אַ ייד און מ׳ווערט „קאָנפעסיאָנסלאָז". אַזאַ רעדאַקציע פֿונם געזעץ האָט אויפֿגערודערט די יידישע אָרטאָדאָקסן: זיי האָבן דאָך געאַרבעט, זיי זאָלן מעגן אַרויס פֿון יידישע רעפֿאָרמיסטישע קהלות נישט פֿון פֿרייגייסט וועגן, נאָר פֿאַרקערט מיט דעם מיין צו גרינדן נייע פֿרומע קהלות, כּדי צו שטרייטן קעגן פֿרייגייסט. זיי האָבן געפּועלט ביי לאַסקערן, ער זאָל דערלאַנגען אַזאַ אויסבעסערונג צום געזעץ-פּראָיעקט, „יידן מעגן, מחמת רעליגיעזע טעמים, אַרויס פֿון אַ געוויסן רעליגיעזן פֿאַרבאַנד: און דערביי בלייבן זיי יידן". קעגן דער דאָזיקער ספּעציעלער אויסבעסערונג האָבן פּראָטעסטירט יידן רעפֿאָרמיסטן: מ׳וויל צעשפּאַלטן יידן אויף סעקטעס; דאָס איז אַן אומגליק פֿאַר קליינע קהלות, וואָרום אַז ס׳גייט פֿון זיי אַוועק אַ גרופּע צאָלער, קאָנען זיי מער נישט אויסהאַלטן זייערע רעליגיעזע אַנשטאַלטן. ס׳האָט זיי אָבער נישט געהאָלפֿן: לאַסקערס אויסבעסערונג האָט מען אָנגענומען, ערשט מיט אַ צייט שפּעטער האָבן די רעפֿאָרמיסטן באַוויזן אויסצודינגען, אַז אַרויסטרעטן פֿון דער קהלה זאָל קאָסטן אַ שווערן אָפּצאָל. אין דער לעצטער רעדאַקציע איז דער געזעץ וועגן אַרויס פֿון אַ יידישער קהלה פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן דאָס יאָר 1876. אין דעם ליידנשאַפֿטלעכן קאַמף איבער דעם דאָזיקן געזעץ האָבן ביידע צדדים פֿאַרזען דעם שאָטן פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, וואָס זיי האָבן ביידע באַגראָבן. מ׳קאָן זיך מאָלן אַ יידן, וואָס פֿאַסירט זיין רעליגיעזן פֿאַרבאַנד און דאָך בלייבט ער אַ ייד—דאָס איז אין דעם פֿאַל, אויב ער בלייבט ביים נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן יידישן קאָלעקטיוו: אַ ייד אַ פֿריידענקער מעג נישט געהערן צו בעלי-בתּים פֿון קיין בית-מדרש, און דאָך בלייבט ער אַ ייד אין נאַציאָנאַלן זין, ער קאָן אפֿילו בלייבן ביי די העכסטע רעליגיעז-עטישע אידעאַלן פֿון יידישקייט... אָבער אַזאַ באַגריף וועגן יידן און יידישקייט איז געווען צו פֿרעמד אַדור, וואָס האָט געלייקנט, אַז יידן זענען אַ נאַציע.

ביסלעכווייז האָט זיך דער רעליגיעזער שטרייט געשטילט: יידישע קהלות האָבן זיך געזעצלעכערהייט צעשפּאַלטן אויף צוויי טייל, אָרטאָדאָקסן און „ליבעראַלן". „ליבעראַלן"—דאָס זענען די פֿריערדיקע „רעפֿאָרמיסטן" און אַזוי האָבן זיי זיך אַ נאָמען געגעבן זינט די „רעפֿאָרם" איז געוואָרן שטייגער. „אָרטאָדאָקסן"-ווידער—מיינט מען אומעטום ניי-אָרטאָדאָקסן; די אַלטע אָרטאָדאָקסיע, מיט יאַרמעלקעס און קאַפּאָטעס, וואָס האָט געלייקנט די מאָדערנע קולטור, די דייטשע שפּראַך, די בילדונגס-שול א. אז. וו.—די דאָזיקע אָרטאָדאָקסיע איז נישט געבליבן מער אין דייטשלאַנד. די נייע אָרטאָדאָקסיע האָט נישט בלויז איבערגענומען די אויסערלעכע ציוויליזאַציע; זי האָט זיך שטאַרק אַסימילירט אין איר אינעווייניקסט לעבן אויך, און ווייל אַזוי—דעריבער האָט זי זיך נאָך ציטעריקער געהאַלטן ביי רעליגיעזע צערעמאָניעס, דער איינציקער אָנהאַלט, וואָס איז איר געבליבן פֿון יידישקייט אינם ברויזנדיקן פֿרעמדן ים.

אינם דאָזיקן צעפאַל-פּראָצעס איז אָפּער ניכּר אַ נטיה צו פּאַרייניקן קהלות פאַר קעגנזייטיקער הילף. ס'האָבן זיך געהאַלטן אין פאַראייניקן די פאַרשידענע מלוכות פון דייטשלאַנד, האָבן אויך די יידן פון די דאָזיקע מלוכות גענומען זיך פאַראייניקן. דאָס יאָר 1869, אויפן לייפּציגער סינאָד, איז געוואָרן דער „דייטש-איזראַעליטישער געמיינדע-בונד״. קהלות פון פאַרשידענע מלוכות אין דייטשלאַנד, וואָס זענען אַריין אין „געמיינדע-בונד״ (דאָס יאָר 1872 איז געווען 113 קהלות, שפּעטער איז געווען אַסך מער), האָבן זיך פאַראייניקט פאַר קעגנזייטיקער הילף אין קהלה-פירונג, צדקה, שול-אַרבעט, פאַר צוגרייטן ראַבינער און פּרעדיקער, אויך פאַר געמיינזאַמע אַקציעס צו פאַרבעסערן דאָס יידישע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע לעבן. רעליגיעז-פּאַרטייאישע פראַגן זענען דאָ געווען אויסגעשלאָסן, דעריבער האָבן אין „געמיינדע-בונד״ געקאָנט אַריין סיי רעפאָרמירטע, סיי אָרטאָדאָקסישע קהלות. די דאָזיקע פעדעראַציע האָט אָנגעהויבן רעגולער צו פונקציאָנירן דאָס יאָר 1872, מיט דער צייט איז זי אַלץ געוואַקסן און לסוף האָט זי פאַראייניקט עטלעכע הונדערט קהלות אין דייטשלאַנד. אויף די רעגולערע צונויפפאָרן האָט מען באַהאַנדלט חוץ קהלה-פראַגן נאָך יידיש-פּאָליטישע פראַגן אויך. דאָס בּיוראָ פונם געמיינדע-בונד איז געווען תחלת אין לייפּציג, דערנאָך (פונם יאָר 1882) האָט זיך דאָס איבערגעטראָגן קיין בערלין.

§ 36. היסטאָריאָגראַפיע און נאַציאָנאַלע אידעע (גרעץ און העס)

דער דייטשיש-יידישער ליטעראַרישער אויפלעב, וואָס דעם אָנהויב זעען מיר דאָס צווייטע פערטל פונם XIX יאָרהונדערט, האָט זיך געגעבן צו-וויסן דאָס דריטע פערטל אויך. ליטעראַריש-וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן זענען אין דער צאָל ווייניקער, דערפאַר אָבער רייפער, אַ גרויסע אַרבעט איז שוין אָפּגעטון געוואָרן פריער. אין צענטער שטייט דאָ ווי פריער די יידישע היסטאָרישע וויסנשאַפט, זי גיט דעם גרעסטן מאַטעריאַל פאַר אַלע מעגלעכע אידעאָלאָגישע פאָרמירונגען. קודם כּל זעען מיר דאָ ל. צונץ'ן דעם „פאָטער פון דער יידישער וויסנשאַפט״. בעת דער רעוואָלוציאָנערער תּקופה, ווען ס'האָט גערוישט פון פּאָליטישע איבערקערענישן, האָט ער געשריבן זיינע דריי ווערק וועגן סינאַגאָגאַלער פּאָעזיע (§ 13), ער האָט סיסטעמאַטיזירט די מיטלאַלטערישע יידישע קדושים—געשיכטע, ניכּר, געהאַלטן דאָס פאַר אַ פאַרענדיקטן היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס זאָל זיך שוין מער נישט אומקערן... גייגער, דער וואָרטפירער פון דער יידישער רעפאָרמאַציע, האָט זיך אויך פאַרטיפט אין דער יידישער וויסנשאַפט—נאָכדעם ווי דער רעפאָרמאַציע-ברען האָט זיך אָפּגעקילט. דאָס יאָר 1857

האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין גרעסט ווערק: „דער אורטעקסט, די ביבל־איבער־זעצונגען און די אַנטוויקלונג פון יודאַאיזם": ער האָט געוויזן די אינעווייניקסטע געבונדנקייט פון קאַנאַניזירן די ביבל מיט דעם שטרייט צווישן צדוקים און פרושים בעת דער גריכיש־רוימישער תּקופה, און האָט העל באַלויכטן די היסטאָ־רישע תּקופה, וואָס פאַרייניקט די תּורה שבעל־פּה מיט דער תּורה שבכּתב. אין עטלעכע מאָנאָגראַפיעס: וועגן יהודה הלוי, וועגן די קימחיס, לעאָן מאָדענאַ, יצחק טראָקער, האָט ער באַאַרבעט די שפּעטערדיקע צייט (די דאָזיקע אַרבעט האָט ער געדרוקט אין „כּרם חמד", „אוצר נחמד", „החלוץ" און אין זיין זשורנאַל „יידישע צייטשריפט פאַר וויסנשאַפט און לעבן"). זיין היסטאָרישן קוק בכּלל האָט גייגער איבערגעגעבן אין זיינע לעקציעס און דרשות, וואָס ער האָט געהאַלטן משך די 60־ער יאָרן; דערנאָך האָט ער זיי געזאַמלט אין אַ בוך: „דאָס יידנטום און זיין געשיכטע" (3 בענד, 1871). דאָס איז נישט קיין פילאָזאָפיע פון יידי־שער געשיכטע, נאָר אַ ט ע אָ ל אָ ג י ש ע סיסטעם, ווי אַזוי יודאַאיזם האָט זיך אַנטוויקלט, וואָס דאָס איז ביי אים די גאָרע יידישע געשיכטע; אייגנטלעך איז דאָס אַ האַנטבוך פאַר אַ ראַבינער — אַ רעפאָרמיסט. דער תּוך פון דער סיסטעם איז אַזוי: אין אָנהויב איז געווען די אידעע, די געהויבענע אידעע מאָנאָטעאיזם; פאַר דער דאָזיקער אידעע האָט די השגחה באַשאַפן אַ לעבעדיקן טרעגער — דאָס פאָלק ישראל. היות ווי דאָס פאָלק ישראל איז באַשאַפן געוואָרן בלויז צו דעם ציל צו פאַרווירקלעכן אין דער וועלט אַ געוויסע רעליגיעזע שליחות, האָט דאָס נישט געקאָנט בלייבן פאַרשפאַרט אין די ד' אמות פון אַ מלוכה, פון אַ נאַציע: דער גייסט האָט צעשטערט די דאָזיקע צוימען און האָט זיך אַרויסגעריסן. דאָס קריסטנטום האָט געפּרובט איבערנעמען פאַר זיך די דאָזיקע שליחות, ס'איז אָבער נישט געווען אימשטאַנד דאָס אויסצופירן בשלמות און האָט אָנגעוואָרפן דער וועלט די אידעען פון דער ערשטער זינד, פון דרייאייניקייט און גאָטמענטש. דעריבער איז די עובדא פון יודאַאיזם איינצופירן אין דער וועלט די אַבסאָלוטע פאָרם מאָנאָטעאיזם, וואָס זאָל שטימען מיטן שכל און מיט דער לעבנסמאָראַל. אין דעם שטעקט דאָס גליק פון דעם גלות. דאָס נאַציאָנאַלע יידנטום, „אָפּגעשלאָסן" פאַר זיך, וואָלט נישט אימשטאַנד געווען אויסצופירן אַזאַ שליחות; פאַרקערט, דאָס צעזייטע און צעשפּרייטע יידנטום, — „רעליגיעזע יידישע גרופּעס" צווישן אַנדערע פעלקער, — פּירט אויס די שליחות און וועט מיט דער צייט גאָר אויספירן. דער פּועל־יוצא איז: דער איינציקער פאַרבונד ביי יידן אין גלות — איז זייער אמונה, געוויינטלעך, די רעפאָרמירטע אמונה, אָפּגערייניקט פון אַלע נאַציאָנאַלע באַטיילן.

דאָס איז געווען די הערשנדיקע אידעאָלאָגיע יענע תּקופה, וואָס מיטן באַזייטיקן דעם נאַציאָנאַלן יסוד אין דער עוואָלוציע פון יידנטום — האָט זי פאַרקרומט די היסטאָרישע פּערספּעקטיוו. מ'דאַרף אָבער זאָגן, אַז נישט אַלע האָבן זיך דאָס געלאָזט איינרעדן. געלערנטע, וואָס יידישע וויסנשאַפט איז ביי זיי נישט געווען

קיין געווער אין רעליגיעזן פּאַרטיי־שטרייט, האָבן פון דער פאָרשונג אויסגעפונען אַנדערע וועגן פאַר דער יידישער געשיכטע. ז. פראַנקעל, דער אויפטוער פון דער „פּאָזיטיוו־היסטאָרישער" ריכטונג אין דער יידישער וויסנשאַפט, האָט געוויזן אין זיינע ווערק („דרכי המשנה" 1859, „מבוא הירושלמי", 1870) די עוואָלוציע פון משנה און גמרא, נישט אַריינגעלייגט אין דער דאָזיקער עוואָלוציע קיין מאָדערנעם מיין. דער זשורנאַל „מאָנאַטסשריפט פיר געשיכטע און וויסנשאַפט דעס יודענטומס", וואָס ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן פונם יאָר 1851 אָן, האָט אַריינגעבראַכט אַ לעבעדיקן שטראָם אין דער יידישער היסטאָרישער וויסנשאַפט, פריי פון טעאָלאָגיע. אַלס דירעקטאָר פונם „יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר" אין ברעסלוי (פונם יאָר 1854 אָן), האָט פראַנקעל אַ סך מער געזאָרגט פאַר צוגרייטן וויסנשאַפטלער, איידער טעאָלאָגן־ראַבינער. דאָ, אין דער סביבה פון וויסנשאַפט, האָט זיך געשליפט און איז רייף געוואָרן דער שטאַרקער טאַלענט פונם יידישן היסטאָריאָגראַף הענריך (הירש) גרעץ (1817—1891).

גרעץ איז געבוירן אין פּרייסיש פּוילן, אין דער יוגנט איז ער געוואַקסן אויף תורה און יראת שמים, דערנאָך ערשט איז ער געקומען צום אייראָפּעאישן חיסן. תחלת האָט ער געהאַלטן מער מיט דער ניי־אָרטאָדאָקסיע פון זיין לערער שמשון רפאל הירשס חדר, אָבער זיין קריטישער חוש האָט אים אינגיכן אָפּגעצויגן פון דעם דאָזיקן גאַנג, וואָס באַהאַנדלט יודאַאיזם אַלס אַ מין מיט אַ מאָדערנעם סימבאָליש־רעליגיעזן לבוש. פאַרטיפט זיך אין שטודירן יידישע געשיכטע, האָט גרעץ דערפילט דעם פאָלקס דופק, וואָס[?]קלאַפט אונטער אַלע לבושים פון רעליגיעזע סיסטעמעס. ער האָט פאַרקלערט אַ ריזיקע אַרבעט: געבן די גאַנצע יידישע געשיכטע אויפן גרונד פון קריטיש־קאָנטראָלירטע קוועלן. פריערדיקע מאָנאָגראַפיעס וועגן איינצעלנע טיילן יידישע געשיכטע האָבן אים גרינגער געמאַכט די אַרבעט, אָבער אויף אויפצושטעלן דעם גאַנצן בנין פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע האָט מען באַדאַרפט פאַרמאָגן אַ טאַלענט פון אַ בוימייסטער. גרעץ איז דאָס געווען. זיין ווערק האָט ער אָנגעהויבן פון דער תלמוד׳ישער תקופה (דער 4־טער באַנד פון זיין „געשיכטע דער יודען", איז אַרויס דאָס יאָר 1853), און דאָ האָט זיך מיט אַמאָל אַנטפּלעקט דער גרויסער חלוק פון אים ביז זיין פאָרגענגער יאָסט. אָנשטאָט בלייכע טעאָלאָגישע שאָטנס, האָבן זיך דאָ אַנטפּלעקט פאַרן לייענער לעבעדיקע פיגורן, די שעפער פונם תלמוד, אין אַ ראַם פון פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע קריזיסן פון זייער צייט. נאָך מער גלאַנץ האָט גרעץ באַוויזן אינעם דערנאָכיקן באַנד „יידישע געשיכטע" פון דער תקופה חשמונאים און רוימישער הערשאַפט (1856). דער ליידנשאַפטלעכער קאַמף פון דער נאַציע פאַר איר זעלבסטשטענדיקייט, דער שטרייט צווישן דער גריכיש־רוימישער קולטור און דער יידישער אין יהודה און אין די גלות־לענדער, דער אינעווייניקסטער פּאַרטיי־קאַמף און די לעצטע מלחמה קעגן רוים—דאָס אַלץ איז אָפּגעמאָלט מיט אַ מייסטערשאַפט פון אַ קינסטלער און דורכגענומען מיט אַ פייגעם

קריטישן אַנאַליז. יענע צייט האָט שוין גרעץ געלערנט היסטאָריש וויסן צוויי-
ערליי: מיט זיינע ווערק און מיט זיינע לעקציעס אין ברעסלויער סעמינאַר; דאָ
איז ער געווען לערער פונם יאָר 1854 אָן ביזן טויט. מיט יעדן באַנד „יידישע
געשיכטע“ איז געוואַקסן די רייפקייט פון זיין היסטאָרישן געדאַנק. אין 5-טן
באַנד, וואו ס'האַנדלט זיך פון דער תקופה אחרונים אין תלמוד און גאונים,
געפינען מיר ביי גרעץ'ן דרך אגב אַזאַ באַגריף וועגן יידישער געשיכטע, וואָס
שטימט שוין כמעט מיט דער נייער נאַציאָנאַלער קאָנצעפּציע: „די געשיכטע פון
דער תקופה נאָך דעם תלמוד איז נאָך אַלץ נ אַ צ י אָ נ אַ ל; דאָס איז
נישט בלויז די געשיכטע פון דער רעליגיע, דאָ האַנדלט זיך נישט
בלויז פון דער אַנטוויקלונג פון אַ געוויסער לערע. דאָ זעען מיר אויך די אַנט-
וויקלונג פון אַ פאָלקס-שבטאַם, וואָס האָט נישט קיין אייגענע טעריטאָריע, קיין
אייגענע מלוכה-אָרגאַניזאַציע און פאַרבייט די דאָזיקע רעאַלע יסודות מיט גייס-
טיקע כוחות“. אַזאַ געדאַנק איז אַ שטיק אפּיקורסות אַקעגן דעם אַני-מאמין פון זיין
דור, וואָס האָט געלייקנט גאָר און גאָר, אַז יידן אין גלות זענען אַ נאַציע; גרעץ
האָט אָבער נישט דורכגעפירט דעם דאָזיקן געדאַנק גענוג קאָנסעקווענט. ער
פאַרלירט אָפט די גרעניץ פון סאָציאַלע ביז ליטעראַרישע פאַקטן וואו איז די
געשיכטע פונם פאָלק און וואו איז די געשיכטע פונם ספר: „דענקען און ליידן“.
דאָס איז אייגנטלעך פאַר גרעץ'ן אויך דער וויכטיקסטער דעוויז פון יידישער
געשיכטע אין „גלות“. מיטן קאָפּ האָט גרעץ נאָך נישט באַנומען קיין גרויסע
סאָציאָלאָגישע קאָנצעפּציע פון יידישער געשיכטע, בחוש האָט ער אָבער דער-
שפירט דעם סוד פון יידישער פאָלקס-אַנטוויקלונג. דאָס זעט מען דערהויפּט פון
דעם, ווי אַזוי ער באַשרייבט די נייסטע תקופה,--פון מענדעלסאָן ביזן יאָר 1848
(דער XI באַנד, אַרויס דאָס יאָר 1870). די דאָזיקע באַשרייבונג איז גאַנץ ווייט
פון צו זיין היסטאָריש אָביעקטיוו, נאָר גראָד דערפאַר לאָזט זיך נאָך שטאַרקער
פילן דעם אויטאָרס אידעאָלאָגיע בכלל. דער היסטאָריקער ווערט דאָ אַ שאַרפער
פראָקוראָר פאַר דער ריכטונג, וואָס אָנגעהויבן האָט זי זיך מיט הענריעטע
הערץ'ס בערלינער סאַלאָן און אויסגעלאָזט האָט זי--מיט דער רעליגיעזער רע-
פאָרם. ער שטעלט צו שאַנד די אינטעליגענץ, וואָס זי האָט זיך מאַסנוויז אָפּ-
גערוקט פונם פאָלק, אַלצאיינס, צי האַנדלט זיך דאָס פון שמד, אָדער פון לעצט-
רעפאָרמיזם, וואָס דאָס איז דאָך פאָרט געווען אַ ווילן ראַטעווען יודאַאיזם פון
פאַרפוילט ווערן. דעם פריי-דענקענדיקן היסטאָריקער רעגט נישט אויף דאָס אָפּ-
פאַלן פון רעליגיעזער טראַדיציע, נאָר דאָס אוועקגיין פון אייגענעם פאָלק צו
אַ פרעמדן. ביי גרעץ'ן טרעפט איר נאָך נישט די טערמינעס „אַסימילאַציע“ און
„נאַציאָנאַל יידנטום“, ער האָט זיך נאָך נישט קלאָר געמאַכט די שאַרפע סתירה
צווישן דיביידע באַגריפן, אָבער די דאָזיקע סתירה פילט זיך שוין אין דעם,
ווי אַזוי ער טייטשט אויס היסטאָרישע געשעענישן.

עפּיס האָט פאַר דעם היסטאָריקער געשוועבט אין נעפּל, אַלס אַן אומקלאָ-

דער סינטעז פון דער געשיכטע; אָבער געפונען דאָס ריכטיקע וואָרט און שאַרף דאָס אַרויסגעזאָגט, זאָל זיין אַז אפילו אייגזייטיק, האָט דער פובליציסט משה העס; ער, דער פובליציסט, האָט אונטערגעריסן אַלע אני־מאמינס פון זיין תקופה. משה העס (1812—1875) איז אויסגעוואַקסן אין אַ פרום יידיש הויז, ער האָט זיך אָבער פרי אָפּגעקערט פונם יידישן שטייגער. ער האָט דורכגעמאַכט אַלע הויגן פונם אייראָפּעאישן דענקען זיין צייט: ער איז געווען אַ ספּינאָזיסט, אַ העגעליאַנער, אַן אַנאַרכיסט, אַ קאָמוניסט, אַ סאָציאַליסט (אין זיינע ערשטע ווערק: „די היילקע געשיכטע פונם כלל־מענטשן", „די אייראָפּעאישע טריאַרכיע", 1837—1841 און אַנד.). ער האָט זיך באַטייליקט אין אַלע רעוואָלוציאָנערע קאַמף־שריפטן די 40־ער יאָרן און איז געווען היימיש אין מאַרקס־ענגעלס קרייז (דאָרט האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן „דער קאָמוניסטישער רבי"); ער איז געווען דער פירער פון דער פּאָליטישער עמיגראַציע, וואָס איז זיך צונויפגעקומען אין פּאַריז נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע דאָס יאָר 1848; בכלל איז ער געווען דורך און דורך אינטערנאַציאָנאַליסט. פּלוצים האָט דאָס ביי אים מיט אַמאָל געבראָכן. אונטער דעם אינטערנאַציאָנאַלן איבערדעק האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַרשטעקטע נאַציאָנאַלע געפילן. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס פונם דמשקער עלילת־דם (1840): מיט אַמאָל האָט זיך אַנטפּלעקט אַ תהום יידן־האַס אין דער ציוויליזירטער געזעלשאַפט. דאָס איז געווען אַ ריס אין האַרצן; נאָר העס האָט זיך געשטאַרקט און זיך אַ וואָרף געטון אין קריג קעגן דער „בורזשואַזער ציוויליזאַציע", אָבער דער לאַנגיאָריקער שטרייט אין דער מחנה פונם פּראָלעטאַריאַט האָט נישט פאַרהיילט די וואונדן ערשט דער נאַציאָנאַלער באַפריי־קריג אין איטאַליע (די יאָרן 1859—1861) האָט דעם יידישן מאַדזיני געוויזן דעם וועג: יידן זענען אַ נאַציע און זיי דאַרפן שטרייטן פאַר זייער באַפרייאונג מיט אַלע געדריקטע נאַציעס גלייך. העס האָט זיך פאַרטיפט אין שטודירן יידישע געשיכטע. גרעצס „יידישע געשיכטע" (די ערשטע בענד זענען שוין דעמאָלט געהאַט אַרויס) האָט געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקן רושם: ער האָט דערפילט, ווי פאַלש ס'איז דער וועג דענאַציאָנאַליזירן דאָס יידישע פאָלק. דאָס יאָר 1862 האָט העס פאַרעפנטלעכט אַ בוך „רוים און ירושלים"; מיט פרייד דערקלערט ער, אַז ער קומט צוריק צום פאָלק „נאָך 20 יאָר פאַרפרעמדקייט". זיין נייעם אני־מאמין דרוקט ער אויס אַזוי: „יידן זענען קודם־כל אַ נאַציע, וואָס איר געשיכטע ציט זיך דורך יאָרטויזנטער נעבן דער געשיכטע פון דעם מענטשן־כלל. די דאָזיקע נאַציע האָט אַמאָל געטון די גייסטיקע דינסט צו באַנייען די סאָציאַלע וועלט. איצט, ווען דער וועלט־היסטאָרישער פּראָצעס ברענגט קולטור־פעלקער צום אויפלעבן, איצט קאָן די דאָזיקע נאַציע אויך אויסגעלייזט ווערן. ביז ווי לאַנג אַ ייד וועט לייקענען זיין נאַציע, וועט זיך נישט איינשטעלן אָפּן אַרויסווייזן זיין אחדות מיט דעם געפּלאָגטן און פאַראַכטן פאָלק, אַזוי לאַנג וועט זיין (דעם יחידס) לאַגע ערגער און שווערער ווערן, וואָס אַ טאָג מער. טוט אַן טויזנטער מאַסקעס, בייט אייערע נעמען, אמונה

און זיטן, זייטלט זיך דורך אַ וועלט פֿאַרשטעלט, מ׳זאָל אין אייך נישט דערקע־
נען דעם יידן—ס׳וועט נישט העלפֿן! יעדעסמאָל, ווען מ׳באַליידיקט דעם יידישן
נאָמען, וועט דאָס אייך אַ סך מער קרענקען, איידער דעם ערלעכן מאַן, וואָס
דערקענט אָפּן זיין פֿאַמיליע און שטעלט זיך איין פֿאַר איר כּבֿוד״. העס ווענדט
זיין קוק צום יידישן קערן, צו די מיליאָנען מאַסן אין רוסלאַנד און אין פּוילן,
וואָס פֿאַרמאָגן נאָך אין האַרצן אַ ווײַ אויסגעלייזט צו ווערן און גיסן אויס דאָס
האַרץ אין די אַלטע „אומרעפֿאָרמירטע״ תּפֿלות; ביי זיי איז נאָך שטאַרק דער
ווילן צו פּאָזיטיווער פרייהייט—צו „אויטאָנאָמער אַנטוויקלונג״; ביי זיי האָט
שוין אָנגעהויבן אויפֿלעבן אין דער ליטעראַטור די ביבל־שפּראַך. פֿאַרוואָס זאָלן
די דאָזיקע מאַסן נישט אויפֿלעבן מיט אַ פֿריי נאַציאָנאַל לעבן אין דער ביבלס
היים? אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק איז מען איצט שטאַרק באַשעפֿטיקט
מיט דער מזרח־פֿראַגע. פֿראַנקרייך בויט דעם סועצער קאַנאַל און וועט דעריבער
דאָ האָבן די גרעסטע דעה; זי קאָן דאָס פֿראַקטעזשירן אַ יידישע מאַסן־קאָלאָני־
זאַציע אין פּאַלעסטינע. מ׳דאַרף אויסנוצן די פּאָליטישע לאַגע, מ׳דאַרף מאַכן אַ
גרויסע אַגיטאַציע אין די דיפּלאָמאַטישע קרייזן און אין דער יידישער געזעל־
שאַפֿט, געווינען פֿאַר דער זאַך יידישע פֿינאַנסיסטן, די רויטשילדס און מאָנטע־
פֿיאָרעס, קומען צו הילף דער „געזעלשאַפֿט צו קאָלאָניזירן פּאַלעסטינע״, וואָס
ס׳האָט געהאַט פּראָיעקטירט דעמאָלט דער געוויסער טאָרנער רב, ר׳ הירש קאַ־
לישער (דער מחבר פֿון „דרישת ציון״, 1862)... אַזוי איז איינציייטיק געבוירן
געוואָרן די אידעע צו קאָלאָניזירן פּאַלעסטינע ביי דעם היץ־קאָפּ, ביים סאָציאַ־
ליסט־רעוואָלוציאָנער און ביי דעם פֿרומען רב. איינער האָט געטרוימט פֿון אויפֿ־
שטעלן די פּאָליטישע נאַציע; דער אַנדערער—פֿון אויפֿלעבן דעם אַלטן רעליגיעזן
קולט. אָבער דער אויפּטו פֿון דער נייער אידעאָלאָגיע, ווי מיר געפֿינען זי אין
„רוים און ירושלים״, שטעקט נישט אין דער באַנייטער משיח־אידעאָלאָגיע; אַ סך
וויכטיקער איז דאָ דער שטרייט־אויסרוף פֿאַר דער נאַציאָנאַלער אידעע, וואָס
העס האָט געוואָרפֿן די אַלע „משה־רבינוס דייטשן״, די באַגרעבער פֿון אַ לעבע־
דיקער נאַציע. דער דאָזיקער אויסרוף האָט געטראָפֿן. די מחנה אַסימיליאַטאָרן
האָט גענומען צילן אַלע אירע פּאָליטישע פֿיילן אין דעם עזות־מאַן, וואָס האָט
זיך איינגעשטעלט צו לייקענען דעם אָנגענומענעם אני־מאמין פֿון נאַציאָנאַלן
זעלבסטמאָרד. גייגער שרייבט אין אַן אַרטיקל („אַלטע ראָמאַנטיק און נייע רעַ־
אַקציע״): ער פֿאַרשטייט נישט ווי קאָן מען פֿאָדערן בירגערלעכע עמאַנסיפּאַציע
פֿאַר יידן אין די גלות־לענדער, בעת מ׳האַלט פֿון נאַציאָנאַלער אָפּגעשלאָסנקייט:
אויס נאַציאָנאַלע אָפּגעשלאָסנקייט! — דאָס איז דאָך די פּרייז פֿון עמאַנסיפּאַציע,
דאַרף מען צאָלן ערלעך! גייגער פֿאַלט אַריין אין פּאָלעמישער היץ און זאָגט
אויף העסן, אַז ער איז ווייט פֿון יידנטום: „אַ באַנקראָט אין סאָציאַליזם און אין
אַנדערע ווילדע זאַכן, איז איצט געוואָרן אַ נאַציאָנאַליסט, וויל ווידער אויפֿוועקן
די יידנפֿראַגע, אַזוי ווי די פֿראַגע וועגן אַ זעלבסטשטענדיקער טשעכישער, מאָנטאָ־

נײַ־דייטשער נאַציע וכדומה"[1]. העס האָט אָפּגעענטפערט פונקט אַזוי שאַרף אין אַ ספּעציעלן פלוגבלאַט, וואָרום אין דייטשלאַנד האָט זיך נישט געפונען אַזאַ רעדאַקטאָר, וואָס זאָל אָפּדרוקן אַן ענטפער פון אַ יידן — אַ נאַציאָנאַליסט.

אויף גרעצן און העסן, די איינציקע, וואָס האָבן זיך געשטעלט קעגן שטראָם, האָט מען געקוקט קרום אויבן־אָן אינם דייטשן יידנטום: דעם היסטאָריאָגראַף האָט מען פאַרשוויגן, דעם פּובליציסט האָט מען פאַרשפּעט. ס'איז געהעט די „זיבן גוטע יאָר", די קורצע צייט, ווען די עמאַנסיפּאַציע האָט אויסגעזען פאַרווירקלעכט צו ווערן (די יאָרן 1869—1878), און די אידעע פון אַ נאַציאָנאַל יידנטום האָט קנאַפּ געשמעקט. מאָריץ לאַצאַרוס, בערלינער פּראָפעסאָר, דער געוועזענער פאָרזיצער פון די רעפאָרמיסטישע סינאָדן, האָט פאָרמולירט דעם קוק פון זיין דור אין זיין רעדע: „וואָס הייסט נאַציאָנאַל"? (1879): סיי לויטן אָביעקטיוון סימן, לויט דער שפּראַך, סיי לויט דעם סוביעקטיוון, — דאָס געפיל פון אַ היסטאָרישן און גייסטיקן פאַרבונד מיט אַ געוויס פאָלק — געהערן דייטשע יידן צו דער דייטשער נאַציע. „מיר זענען דייטשן, און גאָר דייטשן, ווען ס'האַנדלט זיך פון נאַציאָנאַליטעט; מיר געהערן נאָר צו איין נאַציע — צו דער דייטשער". דער אַלטער פּאָפּולערער שרייבער בערטאָלד אויערבאַך (1812—1882) איז אויסער זיך געוואָרן, ווען ער איז דערגאַנגען, אַז זיין פריינט העס וויל דרוקן זיין „רום און ירושלים" צו באַגרינדן די יידישע נאַציאָנאַלע אידעע. אויערבאַך האָט נאָך געקאָנט פאַרשטיין זיין פריינטס „יידישע סימפּאַטיעס", אָבער אַזוינס צו זאָגן אין דער הויך — דאָס האָט אים אויסגעזען אַזוי גוט ווי „אונטערצינדן". אין אויערבאַכן גופא האָט מלחמה געהאַט צוויי נשמות: אַ יידישע און דייטשע. אויערבאַך האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריער פון מאָלן דעם אידעענשטרייט אין יידישן פאָלק (די יאָרן 1837—1839 זענען אַרויס זיינע ראָמאַנען: „ספּינאָזאַ" און „דיכטער און קויפמאַן" — פון מענדעלסאָנס תקופה); אָבער שפּעטער, ווען ער האָט זיך גאָר פאַרטון אין דער דייטשער ליטעראַטור (זיינע „שוואַרצוואַלדער געשיכטן", „אין דער הויך", „אַ זומער־וואוינונג אויפן רהיין"), האָט ער אויך ציטעריק אין אויג געהאַט זיין פאָלק, ד. ה. איינס פון די צוויי פעלקער, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זיינע. איבער דייטשן פּאַטריאָטיזם האָט אויערבאַך אָפּט געמוזט באַהאַלטן אין האַרצן זיינע יידישע געפילן, כדי נישט איבערצופירן די האַרמאָניע פון זיין דייטשיש־יידישן וועזן. ערשט סוף

---

[1]) גייגער'ס אויסוואָרפן, אַז העס, אַלס סאָציאַליסט, האָט באַנקראָטירט, איז נישט ריכטיק. העס האָט זיך אָפּגעקערט פון מאַרקס דאָגמאַטיזם און אינטערנאַציאָנאַליזם, אָבער יענע יאָרן (1862 — 1863) האָט ער זיך שטאַרק באַטייליקט אין אָרגאַניזירן לאַסאַל'ס אַרבעטער־פאַראיינען און איז זיך שטאַרק צונויפגעגאַנגען מיט דעם יידישן פירער פון דער דייטשער אַרבעטער־דעמאָקראַטיע. זיינע לעצטע 12 יאָר האָט העס פאַרבראַכט אין פּאַריז, געשריבן פאַר דער אַלגעמיינער און יידישער פּובליציסטיק, דורכאַנאַנד אַנטוויקלט אין אַרטיקלען זיין קוק אויף יידישער געשיכטע און אויפן יידישן היינט.

די 70־ער יאָרן, ווען אין דייטשלאַנד האָט זיך נאָר חאָס געגעבן צו הערן דער אַנטיסעמיטיזם, איז אין האַרצן ביים אַלטן אידעאַליסט פאָרגעקומען אַ שפּאַלט צווישן זיין יידישקייט און דייטשישקייט. „מ׳דאַרף זיך ווייטער שטעלן אין דער שורה צווישן אייגענע שטאַמגענאָסן״ — אַזוי האָט ער דערקלערט דאָס יאָר 1879. אין אַ יאָר אַרום, ווען דער אַנטיסעמיטיזם אין דייטשלאַנד האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט, האָט ער אויסגעשריגן מיט ווייטאָג: „אומזיסט מיין לעבן, אומזיסט מיין מי!״... דער דאָזיקער האַרץ־ריס האָט דערנענט אויערבאַכס טויט.

נישט געפילט אָט די ווייטאָקן פון גייסטיקער צעשפּאָלטנקייט האָבן נאָר אַזוינע, וואָס האָבן זיך גאָר אויסגעטון פון יידישע אינטערעסן. אויף פ ע ר־ ד י נ אַ נ ד ל אַ ס אַ ל ן האָט אין דער יוגנט געמאַכט אַ גרויסן רושם דער שאָטן פון יידישער אינקוויזיציע, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דעם דמשק׳ער עלילת־דם. פונם יאָר 1840 געפינען מיר איז זיין טאָגבוך אַ שטאַרקע אויפגערעגטקייט קעגן אַפאָלק קדושים, וואָס לאָזט זיך פייניקן, אָנשטאָט צו נוקם זיין זיך אין זיינען פיינט און אומקומען צוזאַמען מיט זיי, אַזוי ווי שמשון הגבור אין קאַמף קעג די פלשתים. שפּעטער איז פונם דאָזיקן העלדישן אינטערעס צום יידנטום קיין שפּור נישט געבליבן. די דייטשע קולטור, דער פּאָליטישער שטורם דאָס יאָר 1848 און די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען פאַרשלינגען גאָר לאַסאַל׳ס קאָכעדיקע ענערגיע. ער ווערט דער פירער פון דער דעמאָקראַטיע און פון דער אַרבעטער באַוועגונג אין דייטשלאַנד, פאָרמעל טרעט ער אָבער נישט אָפּ פונם יידישן פאָלק; ער ווייזט נישט אַרויס קיין פאַראַכטונג צום פאָלק, ווי מיר זעען דאָס ביי מאַרקס׳ן, אָבער קיין אינטערעס אויך נישט[1]). פונקט דיזעלבע פאַרפרעמדטקייט צום יידישן פאָלק זעען מיר ביי טאַלענטירטע יידן—פאַרלאַמענטאַריער. דער ראַדיקאַל יאָהאַן יאַקאָבי (געשטאָרבן דאָס יאָר 1877) האָט אין דער יוגנט אַרויסגעלאָזט אַ בראָשור פאַר דער יידישער עמאַנסיפּאַציע (§ 5), שפּעטער אָבער האָט ער קיין איין פאַרלאַמענטאַרישע רעדע נישט געשענקט זיין פאָלק און קיין איין אַרטיקל פון זיין צאָלרייכער פּובליציסטיק. ביי דערזעלבער שווייג־פאָ־

---

[1]) אין זיין „ודוי״, געשריבן צו׳ן אַ געליבט רוסיש מיידל (1859), ברענגט לאַסאַל אַזוינע ראַיות, פאַרוואָס קאָן ער זיך נישט שמדן צוליב חתונה האָבן: „איך קאָן זיכער זאָגן, אַז איך בין קיין ייד נישט, אָבער איך ווילל קיין ליגן נישט זאָגן, איך זאָל פאַרזיכערן, אַז איך וועל ווערן אַ קריסט. זיין אַ ייד—איז שוין ביי אונז גאָרנישט, ווייל ביי אונז אין דייטשלאַנד, ענגלאַנד, פראַנקרייך איז דאָס אַן אמונה־זאַך, נישט קיין נאַציאָנאַלע פראַגע. ווען מ׳זאָגט ביי אונז אויף איינעם: ער איז אַ ייד, מיינט מען דערמיט נאָר זיין רעליגיע, אַזוי ווי ווען מ׳זאָגט: ער איז אַ פּראָטעסטאַנט, אַ קאַטאָליק. אין רוסלאַנד איז דאָס אַנדערש; איר אַליין האָט מיר געזאָגט: „יידן זענען אַ נאַציע, נישט בלויז אַ רעליגיע״... „איך האָב נישט קיין ליבשאַפט צו יידן, גיכער האָב איך זיי פיינט. אין מיינע אויגן זענען דאָס אומווירדיקע קינדער פון אַ גרויסן אָבער שוין פאַרשווינדענעם עבר. הונדערטער יאָרן זענען זיי געווען אין קנעכטשאַפט, און זיי זענען געוואָרן קנעכט. דעריבער זענען זיי מיר פרעמד״. אַזאַ ודוי, וואָס איז נישט באמת פריי און נישט גאָר אויפריכטיק—דאָס איז דער זיכערסטער סימן פאַר דער שטימונג פון נישט־געשמדטע אָבער פאַרפרעמדטע יידן יענע צייט.

ליטיק האָט זיך געהאַלטן לאַסקער, אַן ערשטקלאַסיקער רײדער אין דײטשן רײכסטאַג; דער תּירוץ זאָל זײן, אַז ער איז אַ „צד” און ממילא פּאַסט נישט, ער זאָל זיך אָננעמען פאַר ײדן. דאָס זעלבע זעען מיר אויך בײ באַמבערגער׳ן. ער האָט זיך אויך נישט געוואָלט אָננעמען פאַר ײדישע אינטערעסן אין פּאַרלאַמענט, װײל „ער האָט נישט געוואָלט זײן דער אדוואָקאַט פון זײן אײגענער זאַך”. ערשט אָנהויב די אַנטיסעמיטישע באַװעגונג אין דײטשלאַנד איז ער אַרויס מיט אַ נישטיקער בראָשור („דײטשלאַנד און יודנטום”, 1880), כּדי „אַראָפּצונעמען דעם פלעק פון דער דײטשער פאָן” און דערװײזן, אַז דאָס דײטשע פאָלק ענטפערט נישט פאַר אַ „קרײזל”, װאָס העצט אויף ײדן. אין די פאָרשטײער פונם אַלטן דור, אין אַ ריסער, אין אַ אויערבאַך, האָבן נאָך געלעבט און געשטריטן צװײ נשמות—אַ דײטשע און אַ ײדישע. בײ ריסערן, װאָס איז געשטאָרבן אין אַליכטיקערער צײט (1863), האָט לסוף גובר געװען דער דײטשישער יסוד; בײ אויערבאַך׳ן װאָס האָט דערלעבט צום טרויעריקן קריזיס, האָט זיך געלאָזט מערקן, אַז דער ײד זאָל גובר זײן. בײ דעם דור אָבער, װאָס האָט זיך באַװיזן נאָכן יאָר 1848. האָט דער דײטשישער יסוד גאָר גובר געװען דעם ײדישן, װאָרום דער דור איז געװען נאָך װײטער און פאַרפרעמדטער פון ײדישע היסטאָרישע קולטור־קװעלן, אײדער דער פריערקער.

קאפיטל II

די עמאַנסיפּאַציע אין עסטרייך-אונגאַרן.

§ 37. די מערץ-רעוואָלוציע דאָס יאָר 1848 און די מערץ-עמאַנסי-פּאַציע דאָס יאָר 1849.

דעם 13-טן מערץ דאָס יאָר 1848 האָט ווין דערזען אויף די גאַסן די ערשטע שוואַלבן פון אַ פּאָליטישן „פרילינג": דאָס איז געווען אַ היפּשע רעוואָ-לוציאָנערע פּראָצעסיע, וואָס האָט געפאָדערט אָפּשאַפן די אַליינהערשונג. מיליטער האָט געשאָסן אויף דער גרויסער מחנה סטודענטן, בירגער און אַרבעטער, וואָס האָט באַלאַגערט דאָס „לאַנד-הויז" (דעם זעמסטווע-סיים), אָבער דאָס בלוט פון די קרבנות האָט ערשט צערייצט די רעוואָלוציע: מ'האָט נישט אויפגעהערט צו שרייען: „אַ קאָנסטיטוציע! אַראָפּ די יעזואיטן! אַראָפּ מעטערניך'ן!" דאָס פאָלק האָט זיך באַוואָפנט, ס'איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע גוואַרדיע. דעמאָלט האָט דער קייזער פערדינאַנד נאָכגעגעבן: ער האָט צוגעזאָגט אַ קאָנסטיטוציע, פּאָליטישע פרייהייטן און צונויפרופן אינגיכן פאָלקס-פאָרשטייער. דער עסטרייכישער קאַנצלער מעטערניך איז אַנטלאָפן פון ווין: ס'איז צעשטערט געוואָרן דאָס נעסט פון דער גרויסער שפּין, וואָס האָט 33 יאָר געוועבט די נעץ פון דער אייראָפּעאישער רעאַקציע. אין דער רעכטער מיט רעוואָלוציע זענען געווען די קרבנות פונם פריערדיקן דעספּאָטישן רעזשים, ד. ה. יידן, אַזוי ווי אומעטום. די, וואָס האָבן נישט געטאָרט אַ נאַכט איבערנעכטיקן אין דער האַבסבורגישער רעזידענץ, און האָבן באַדאַרפט אויסבעטלען אָדער פאַר געלט קויפן זיך אַזאַ הינטיש רעכט ביי די מאַכט-האָבער—פונם קייזער ביזן פּאָליצייאישן באַאמטן,—די האָבן גיכער פאַר אַנדערע פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ גליק ס'איז די פּאָליטישע איבערקערעניש. איינער אַ פירער פון דער דעמאָנסטראַציע ביי דעם לאַנדהויז איז געווען אַ ייד אַ דאָקטאָר אַדאָלף פישהאָף (1816—1893). ס'איז געווען אַ מינוט, ווען די מחנה דעמאָנסטראַנטן האָט זיך געוואַקלט, דעמאָלט האָט זיך דערהערט פישהאָף'ס קול: „ווער ס'פאַרמאָגט היינט קיין מוט נישט, דעמס אָרט איז אין קינדער-שטוב!" פישהאָף, וואָס האָט אַוועקגעוואָרפן זיין שפּיטאָל—כדי צו היילן פּאָליטיש

עסטרייך, איז איניגיכן געוואָרן דער אָנגעזעעגסטער רעדנער פון דער ווינער
רעוואָלוציע. צווישן די קרבנות פונם 13 מערץ האָט נישט געפעלט קיין יידן
אויך: אַ זעלנערשע קויל האָט געטראָפן אגב אַ סטודענט — אַ פּאָליטעכניקער — שפּיצער־
די געפאַלענע, קריסטן און יידן גלייך, האָט מען באַהאַלטן אין איין ברודער־
קבר, און די לויה איז געוואָרן אַ נייע פּאָליטישע דעמאָנסטראַציע. ביים ברודער־
קבר איז געשטאַנען דער ווינער ראַבינער מאַנהיימער אויך, צוגלייך מיט קאַ־
טוילישע און פּראָטעסטאַנטישע גייסטלעכע. אין מאַנהיימער׳ס הספד, דעם אַלטן
פירער פון דער פיל־געפרובטער יידישער קהלה, האָט זיך געהערט די פאַרבי־
טערטקייט פון דעם שווער־איבערגעלעבטן און אַרוף צו אַ ניי לעבן. ער האָט
זיך געווענדט צו די דייטשן: „איר ווילט, אַז די געפאַלענע יידן זאָלן ליגן דאָ
צוזאַמען אין איין גרוב מיט אייערע קרבנות; דאַרפט איר אויך באַשטיין, אַז די
וואָס האָבן מיט אייך איבערגעמאַכט דעם שווערן קאַמף, זאָלן קאָנען
לעבן דאָ פריי און גליקלעך גלייך מיט אייך! איר זענט איצט פרייע מענטשן.
איר פילט, ווי גרויס איז דאָס, וואָס איר האָט געווינען די לעצטע טעג, געמט
זשע אונז אויך אויף אַזוי ווי פרייע מענטשן!״

אין אַ רעדע, געזאָגט צו יידן אין יענע שטורמישע טעג (דעם 18 מערץ),
האָט מאַנהיימער איבערצייגט יידן, זיי זאָלן זיך נישט אויסטיילן באַזונדער פון
דער כלל־זאַך: „איר וועט פרעגן: וואָס זאָלן מיר איצט טון פאַר זיך? גאָרנישט!
מ׳דאַרף אַלצדינג מקריב זיין פאַרן פאָלק און פאַרן לאַנד, אַזוי ווי איר האָט
דאָס געטון די לעצטע טעג. מיר דאַרפן פאַר זיך גאָרנישט מאָנען, קיין איין
וואָרט זאָלן מיר נישט דערמאָנען וועגן יידישער עמאַנסיפּאַציע, אויב אַנדערע
מאָנען דאָס נישט פאַר אונדז! קיינע פּעטיציעס, קיינע ביטע־בריוו אדער פּרעטענ־
זיעס דאַרף נישט זיין פון אונדז! קודם כל איז — דאָס רעכט פון מ ע נ ט ש ן צו
לעבן, אָטעמען פריי, ריידן, דענקען, דאָס רעכט פון אַ ב י ר ג ע ר , דאָס רעכט,
פון אַ פרייעם מענטשן גלייך צו זיין, — דערנאָך ערשט גייט דער י י ד . זאָל מען
נישט האָבן קיין אויסרייד אונדז אויסצוואַרפן, אַז שטענדיק און אומעטום האָבן מיר
נאָר זיך אין זינען! גאָרנישט פאַר זיך — אונדזער צייט וועט נאָך קומען!״ די דאָזי־
קע רעדע — דאָס איז אַן אומדירעקטער שטאָך דער פּאָליטיק פון ווינער יידישע
קהל־לייט, וואָס האָבן פאַרעפנטלעכט אַ פּעטיציע צו דער רעגירונג, מ׳זאָל יידן
געבן גלייכבאַרעכטונג. די פּעטיציע האָט מען אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן גע־
שפּרייט אין אַלע האָטעלן, רעסטאָראַנען און זאַלן פאַר עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען.
אַקעגן האָבן זיך באַוויזן אַנטיסעמיטישע פלוגבלעטלעך מיט פּראָטעסטן קעגן יידי־
שער עמאַנסיפּאַציע. „יידן ווילן ווערן בירגער״, „יידן פאַר צוויי קרייצער״ —
דאָס זענען געווען די איראָנישע קעפּלעך פון אַזוינע בלעטלעך. צי איז מאַנהיי־
מער געווען גערעכט, ווען ער האָט געראָטן יידן נישט שטעלן קיין באַזונדערע
פאָדערונגען, כדי ליבעראַלן זאָלן נישט אויסוואַרפן, אַז יידן טיילן זיך אויס, און
דאָס שוואַרצע געזינדל זאָל נישט מאַכן קיין חוצפּהדיקן גוואַלט? די ערשטע טעג

פון דעם פּאָליטישן פרילינג איז געווען נאַטירלעך צו קלערן, אַז יידישע עמאַנ־
סיפּאַציע וועט איינגעפירט ווערן פון זיך אַליין, מחמת דעם נצחון פון פרייהייט;
אָבער די געשעענישן די ווייטערדיקע טעג האָבן געוויזן, אַז ס'איז נישט אַזוי.

קייזער פערדינאַנד האָט אָנהויב רעוואָלוציאָנערן שטורם צוגעזאָגט דעם
פאָלק צונויפרופן אַ פאַרזאַמלונג פאָלקס־פאָרשטייער, און ער האָט באַלד געבראָכן
זיין צוזאָג, ווי נאָר דער ערשטער איבערשרעק איז אַריבער. דעם 25 אַפּריל
דאָס יאָר 1848 האָט די רעגירונג, פאַרעפנטלעכט אַ היימיש־געבאַקענע מעסיק־
ליבעראַלע קאָנסטיטוציע; דאָרט איז געווען אַ פראַזע, אַז אַלע אמונות האָבן גליי־
כע בירגער־רעכט, אָבער מיטן אויסנאַם: וועגן אָפּשאַפן יידישע רעכטלאָזיקייט
דאַרף נאָך באַהאַנדלט ווערן אין געזעצגעבערישע אינסטאַנציעס. פונם אַלגעמיי־
נעם נצחון האָבן יידן געווינען נאָר איין זאַך: מ'האָט נאָכגעגעבן אין דעם פּרט,
אַז יידן קריגן אַקטיוו און פּאַסיוו וואַל־רעכט אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט. דעם
15־טן מאַי האָט אין ווין אויסגעבראָכן אַ נייער אויפשטאַנד, און די רעגירונג
האָט געמוזט געבן אַלגעמיין וואַל־רעכט. אויפגעהויבן דעם אויפשטאַנד האָט די
נאַציאָנאַלע גוואַרדיע און סטודענטישע לעגיאָנען. באַטייליקט האָבן זיך דאָ אַ סך
יידן פוןביידע אָרגאַניזאַציעס. פישהאָף איז דאָ אויך געווען אַ פירער, געהאַלטן
די אָרדנונג און דיסציפּלין ביי די רעוואָלוציאָנערע קעמפער. דעם 17־טן מאַי
האָט דער קייזער פאַסירט ווין און איז אַריבער קיין אינסבּרוק; די רעזידענץ
איז געבליבן ביים פאָלק אין די הענט, וואָס האָט אָנגעטרויט פישהאָפן דעם פּרע־
זידענט־פּאָסטן אין דעם „קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטלעכער זיכערקייט". אין יולי
איז זיך אין ווין צונויפגעקומען דער „גרינדונג־רייכסטאַג"; אַהין זענען אַריין
עטלעכע יידן אויך: פישהאָף, מאַנהיימער, גאָלדמאַרק (אַ טוער אין רעוואָלוציאָ־
נערן סטודענטישן לעגיאָן); צוויי יידן דעפּוטאַטן, קוראַנדאַ און האַרטמאַן, האָט
מען דעלעגירט אין אַלדייטשישן פּאַרלאַמענט, אין פראַנקפורטער נאַציאָנאַלער
פאַרזאַמלונג. די רייסערייען דורכאַנאַנד צווישן די דייטשע און סלאַווישע דעפּו־
טאַטן אין ווינער רייכסטאַג האָט געשטערט צו באַהאַנדלען די גרונט־געזעצן פון
דער אימפּעריע. אין דעם פּראָיעקט עסטרייכישע קאָנסטיטוציע, וואָס אַ ספּעציעלע
פּאַרלאַמענט־קאָמיסיע האָט אויסגעאַרבעט (סעפּטעמבער 1848), איז געווען פעסט־
געשטעלט גאָרע בירגערלעכע און פּאָליטישע גלייכשטעלונג פאַר יידן, פרייער
פאַרקער, בירגערלעכע און געמישטע חתונות. פונדעסטוועגן איז נאָך יידישע דע־
פּוטאַטן אויסגעקומען צו שטעלן זיך פאַר גלייכבאַרעכטונג בעת מ'האָט אין רייכס־
טאַג באַהאַנדלט איינצלנע פראַגן. דעם 5־טן אָקטאָבער האָט מאַנהיימער געהאַלטן
אַ פּרעכטיקע רעדע, געפאָדערט מ'זאָל אָפּשאַפן די שענדלעכע ספּעציעלע שטייַ־
ערן פאַר יידן: דעם „טאָלעראַנץ־שטייער", די פלייש־טאַקסע און דעם ליכט־אָפּ־
צאָל, וואָס רואינירן יידישע קהלות אין עסטרייך. מאַנהיימער האָט אָפּגעענטפערט
די דעפּוטאַטן, וואָס האָבן געוואָלט אָפּלייגן די דאָזיקע פראַגע אויף אַ האַלב יאָר,
אַפילו אויף אַ יאָר: „יידן האָבן אַ סך איבערגעטראָגן הונדערטער יאָרן־לאַנג; זיי־

האָבן איבערגעטראָגן ערגערס פאַר יידישע שטייערן: זיי זענען אויסגעשטאַנענע יידנדאָס און וועלן זיכער נישט אומקומען, אויב זיי וועלן נאָך אַ יאָר צאָלן דעם טאָלעראַנץ־שטייער. אויב איך מאָן דאָך, מ׳זאָל די זאַך באַלד באַשליסן, איז דאָס נישט פון יידנס וועגן, נאָר פון אייערט וועגן, פון וועגן דער ווערדע פון דעם גרינדונג־רייכסטאַג, דער ערשטער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג אין עסטרייך. פאַר אייך איז שוין נישט אַלצאיינס, צי וועט איר סאַנקציאָנירן אַן אומגעזעצלעכן און אומערלעכן שטייער, צי נעמט איר אויף זיך די פאַראַנטוואָרטונג פאַר דער פריערדיקער אומגערעכטיקייט, צי וועט איר צולייגן אַ האַנט צו יענער אומגערעכטיקייט". די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן צום אָפּשטימען און מיט אַ מערהייט 243 קעגן 20 האָט מען די שענדלעכע שטייערן אָפּגעשאַפט. אָבער צו באַשטעטיקן יידישע גלייכבאַרעכטונג בכלל איז דאָס נישט געקומען דעם 6 אָקטאָבער, אויפן אַנדערן טאָג נאָך דער „יידישער זיצונג", האָבן אין ווין אויסגעבראָכן נייע אומרוען; דער קייזער האָט ווידער פאַסירט די רעזידענץ און איז אַריבער קיין מעהרען. סוף אָקטאָבער האָט ווינדישגרעצס אַרמיי גענומען ווין און די קאָנטער־רעוואָלוציע האָט גענומען טרייבן איר בלוטיקע שפּיל: קריגס־געריכטן און שיסן. מ׳האָט אומגעבראַכט אגב הערמאַן יעלינעקן אייך, אַ פּובליציסט—אַ ראַדיקאַל, דעם ווינער ראַבינערס ברודער. ער האָט אויסגעהערט דעם פּסק פונם געריכט און רואיק אַ זאָג געטון: „אָבער מיינע געדרוקטע אידעען וועט אייער קויל דאָך נישט טרעפן" [1]). דעם רייכסטאַג האָט מען איבערגעזעצט פון ווין קיין קרעמזיר, אַ קליין שטעטל אין מעהרען. פערדינאַנד האָט זיך אָפּגעזאָגט פונם טראָן, און אויף זיין פּלאַץ איז אַרויף פראַנץ־יוסף (דעם 2־טן דעצעמבער 1848). אין דריי חדשים אַרום האָט דער נייער קייזער צעלאָזט דעם גרונדינג־רייכסטאַג, און די גרונד־געזעצן זענען געבליבן נישט באַהאַנדלט ביזן סוף. ביי דער געלעגנהייט, וואָס מ׳האָט צעלאָזט אַ „רעוואָלוציאָנערן" רייכסטאַג, האָט מען אגב אַרעסטירט די ראַדיקאַלערע דעפּוטאַטן. פון יידן־דעפּוטאַטן זענען אָפּגעקומען צוויי: פישהאָפן האָט מען פאַרמשפּט פאַר באַטייליקן זיך אין ווינער אויפשטאַנדן; 9 חדשים האָט ער געשמאַכט אין טורמע. דערנאָך האָט מען ביי אים אָפּגענומען אַלע פּאָליטישע רעכט. אַ צווייטן, גאָלדמאַרקן, פון די לינקסטע דעפּוטאַטן אין פּאַרלאַמענט, האָט מען פאַרמשפּט צום טויט־שטראָף, נאָר ער איז אַנטלאָפן קיין אַמעריקע.

דעם 4־טן מערץ 1849 האָט פראַנץ יוסף פאַרעפנטלעכט אַ „געשענקטע" ליבעראַלע קאָנסטיטוציע. דאָרט איז געווען אַ פונקט וועגן בירגערלעכער גלייכשטעלונג, קלאָר געזאָגט אויפן דייטשישן נוסח: „געניסן בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט איז נישט געווענדט אין דער אמונה". די ידיעה וועגן גלייכבאַרעכטונג האָבן יידן באַקומען פורים, און פאַר דער קהלה איז דאָס געווען אַ גרויסע

---

[1]) דאָס יאָר 1847 איז אַרויס פון דרוק יעלינעקס אַ ביכל וועגן אוריאל אַקאָסטע—אַן אַפּאָטעאָז פאַר דעם ראַזיקן אידעען־רעוואָלוציאָנער פון XVII יאָרהונדערט.

שמחה. ס'זענען אָבער געווען סקעפּטיקער אויך, וואָס האָבן געמיינט, אַז „געשענקטס" קאָן מען כאַפּן צוריק אויך. דעם 3־טן אַפּריל איז אַ דעפּוטאַציע פון ווינער יידישע קהלה געקומען צום קייזער קיין אָלמיץ דאַנקען פאַר עמאַנסיפּאַציע. פראַנץ־יוסף האָט געענטפערט, אַז אים איז „ליב צוהערן טריי־אונטערטעניקע געפילן פון דער יידישער ק ה ל ה אין ווין". דאָס ערשטע מאָל איז דאָ אַרויס געבראַכט געוואָרן דאָס וואָרט „קהלה", וואָס ביז איצט האָט מען דאָס דער ווינער יידישער קאָלאָניע פאַרווערט צו זיין. די רעגירונג האָט געוויינטלעך נישט געטראַכט צו פאַרווירקלעכן באַלד יידישע גלייכבאַרעכטונג מיט דער פולער מאָס, זי האָט אָבער נישט געשטערט, גלייכבאַרעכטונג זאָל איינגעפירט ווערן טיילוייז, דערהויבט בנוגע פרייעם פאַרקער און פאַרווערבן נחלות. יידן האָבן נישט דורכ־געלאָזט די גוטע געלעגנהייט. ס'זענען אַראָפּ די קייטן, וואָס האָבן צוגעשמידט יידן צו געוויסע ערטער. אין ווין און אין אַנדערע ערטער איז געוואָרן אויס „טאָלערירטע" יידן, ס'איז געוואָרן אויס געיעג אויף „אומטאָלערירטע" יידן, וואָס האָבן קיין „וואוינרעכט" נישט. איצט האָבן געהאַט „וואוינרעכט" אַלע גלייך. אַ סך יידן פון דער פּראָווינץ האָבן זיך אָנגעהויבן איבערציען קיין ווין. יידן האָבן זיך באַוויזן אין די פאַרבאָטענע געגנדן: אין טיראָל, שטייער, קערנטן, האָבן פאַרוואָרבן נחלות, האָבן זיך באַזעצט אין דאָרף־געגנדן אויך. פאַר יידן־יוריסטן האָט זיך געעפנט אַדוואָקאַטור, מ'האָט געהאָפט, אַז פאַר יידן וויסנשאַפטלער וועלן אָפן ווערן קאַטעדרעס אין אוניווערסיטעט. ס'האָבן זיך געמאָלט ווייטע אויסזיכטן... אָבער צו קורץ איז געווען די דאָזיקע צייט פון ליכטיקע האָפנונגען: אויף עסטרייך האָט זיך אָנגערוקט אַ פּאָליטישע רעאַקציע; נאַציאָנאַלע רייסערייען אין דער פילפעלקערדיקער מאָנאַרכיע האָבן דער דאָזיקער רעאַקציע אַסך מיטגע־האָלפן: זיי האָבן געשפּאָלטן די קרעפטן ביי די פעלקער, וואָס האָבן געזאָלט קעמפן פאַר פּאָליטישער פרייהייט.

טראַגיש איז געווען די יידישע לאַגע, די לאַגע פון אַ פאַרלייקנטער נאַ־ציע, צווישן פאַרשידענע נאַציאָנאַלע גרופּעס, וואָס האָבן געשטריטן צווישן זיך. אין ב ע ה מ ע ן זענען יידן געווען אין דער מיט צווישן צוויי פיינטלעכע מחנות: דייטשן און טשעכן. די אינטעליגענץ, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף דער דייטשער קולטור, און די יידישע מאַסע אויך, וואָס האָט גערעדט יידיש, האָט גיכער גע־צויגן צו דייטשן. דאָס האָט אויף זיי אויפגעבראַכט די טשעכן, וואָס האָבן יענע צייט דורכגעמאַכט די ערשטע שטופּע פון זייער נאַציאָנאַלן אויפלעב. די ערשטע טעג פון דער מערץ־רעוואָלוציע האָט מען נאָך די דאָזיקע שפּאַלטונג נישט אַרויסגע־זען, פּראָגער סטודענטן און בירגער מאָנען אין זייערע פּעטיציעס גלייכבאַרעכ־טונג פאַר יידן אויך (דעם 11 — 15 מערץ 1848). וואָס מער אָבער ס'פאַרשאַרפט זיך דער קאַמף צווישן טשעכן און דייטשן, ווערט די באַציאונג צו יידן ערגער. סוף אַפּריל זענען אין פּראָג פאָרגעקומען אומרוען, און דער המון טשעכן איז באַפאַלן יידישע הייזער. מ'האָט געוואָרפן שטיינער אין די פענסטער, מ'האָט

געשלאָגן יידן־דורכגייער. ווער ווייסט צו וואָס ס'וואָלט געקומען, ווען די בירגערלעכע מיליציע זאָל זיך נישט געווען אַריינלייגן און מאַכן אָרדנונג. די אויפרייצונג ביי טשעכן האָט דערלאַנגט אַזוי ווייט, אַז פּראָגער יידן האָבן אַ צייט נישט געקאָנט זיך ווייזן חוץ זייער קוואַרטאַל. די אימפּערישע קאָנסטיטוציע דעם 4־טן מערץ 1849 האָט באַפרייט יידן פון בירגערלעכער קנעכטשאַפטן אין בעהמען אויך. ס'זענען בטל געוואָרן די אַלטע פרעה־געזעצן, וואָס האָבן שטרענג נאָרמירט די צאָל יידישע חתונות און געשטערט יידן מערן זיך „איבער דער נאָרם". די ספּעציעלע יידישע שטייערן זענען בטל געוואָרן נאָך פריער, מיט דעם פריערדערמאָנטן באַשלוס פונם גרינדונג־רייכסטאַג.

גלאַט איז אָפּגעגאַנגען יידן דער פאַרביטערט דייטשיש־סלאַווישער שטרייט אין ג אַ ל י צ י ע. דער אָנגעזעענסטער טייל יידישע געזעלשאַפט אין די פּאָליטישע צענטערן אין לאַנד, אין לעמבערג און אין קראָקע, האָט געהאַלטן מיט דער פּוילישער מערהייט און באַוויזן אַ שטאַרקן פּוילישן פּאַטריאָטיזם. דערפון נעמט זיך, וואָס די פּוילן האָבן אין זייערע מערץ־פּעטיציעס געשטיצט יידישע גלייכבאַרעכטונג. די יידישע יוגנט אין לעמבערג און אין קראָקע איז אַריין אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, די אינטעליגענץ האָט זיך געחברט מיט די פּוילישע ראַדיקאַל־פּאַטריאָטישע קלובן אָדער זי האָט געמאַכט אייגענע אַזוינע פאַראיינען. ווען אין פּויזן האָט אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע קעגן פּרייסן, האָט זיך דער יידישער קלוב אין קראָקע געווענדט צו פּויזנער יידן, זיי זאָלן צושטיין צו דער רעוואָלוציע (דעם 22 מאַי 1848). „דאָס אַדלדיקע פּוילישע פאָלק,—אַזוי שטייט אין אויפרוף, — האָט גאַסטפריינטלעך אויפגענומען אונזערע ברידער יענע צייט, ווען דייטשלאַנד און פראַנקרייך האָבן אונז שענדלעך געטריבן און פאַראומגליקטביים דאָזיקן פאָלק האָט מען פאַר אַכציק יאָרן אָפּגערויבט די פרייהייט און דאָס לאַנד און פון דעמאָלט אָן קעמפט דאָס פאָלק מיט אומגעהוירער עקשנות און מוט. דאָס דאָזיקע פאָלק האַלט איצט ערב אויספירן זיין אייביקן באַגער. מיר, יידן, קינדער פון דעמזעלבן לאַנד, זענען געבונדן מיט פּוילישער ערד, דאָ זענען מיר געבוירן, און מיר מיט די פּוילן האָבן איין היים. מיר האָבן געליטן גלייך מיט זיי דעם יאָך, גלות און שאַנד. ברידער! דאַרף מען דען נאָך קלערן, צי זאָלן מיר זיך אַריינטון אין דער דאָזיקער הייליקער זאַך, העלפן דעם דאָזיקן אַדלדיקן פאָלק און מקריב זיין אונזער פאַרמעג און לעבן? צי קאָן געמאָלט זיין, מיר זאָלן אפילו איין מינוט זיך וואַקלען, וועמעס צד מיר זענען, די פּוילנס, צי די דייטשנס?" פּויזנער יידן האָבן אויפן דאָזיקן פּאַטריאָטישן מזמור שאַרף אָפּגעענטפערט מיט אַ היציקן דייטשן פּאַטריאָטיזם. די פּויזנער האָבן מיט „פּאַטריאָטישן צאָרן" אָפּגעוואָרפן די „העצע" פון די קראָקעווער און האָבן זיך געמאָלדן פאַר דייטשן, וואָס האָבן וואָרצלען אין דער דייטשער נאַציע. „מיר האָבן שטענדיק געהאַט איין געפיל מיט דייטשן, געטיילט זייער לייד און פרייד". צוויי גרופּעס יידן האָבן זיך געריסן פאַר צוויי מינים נאַציאָנאַליזם, פאַרן פּוילישן און דייטשישן;

אין יידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן האָבןביידע גרופּעס אַסימילירטע אינטעלי־גענץ פאַרגעסן... איבריקנס, אין גאַליציע זענען אַ סך יידן געווען שטאַרקע פּוילישע פּאַטריאָטן, אָרטאָדאָקסן אויך, נישט בלויז אַסימילירטע אינטעליגענטן. בעריש מייזלס, קראָקעווער רב, האָט זיך שטאַרק באַטייליקט אין דער פּוילישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. האַרבסט דאָס יאָר 1848 איז מייזלס געוואָרן דעפּוטאַט פון קראָקע אין קרעמזיאַרער רייכסטאַג, דאָרט איז ער צוגעשטאַנען צו פּראַנץ סמאָלקע׳ס אָפּאָזיציאָנעלער פראַקציע[1].

דאָס ערשטע יאָר רעוואָלוציע האָט נאָך נישט באַפרייט יידן אין גאַליציע פון דער בירגערלעכער קנעכטשאַפט. זומער נאָך דאָס יאָר 1848 האָבן דעפּוטאַטן פון גאַליצישע יידישע קהלות געשיקט אַ פּעטיציע דעם גרינדונג־רייכסטאַג אין ווין, אויסגעגאָסן דאָס ביטערע פאָלקס־געפיל: יידן טאָרן נישט אַרענדירן קיין גיטער, קיין מילן, קיין גוראַלניעס, קיין קרעטשמעס, אויף יידן ליגט אַ שווערע לאַסט פון שטייערן נישט צו דערטראָגן, וואָס פרעסן אַרויס פונם אָרעמאַן דעם לעצטן ביסן, דעם לעצטן גראָשן. „מיר האָבן אַ סך געבעטן און געוויינט, אָבער אַלע מאָל האָט מען אונז אומברחמנות׳דיק געהייסן שוויגן און וואַרטן". יידן מאָנען גלייכבאַרעכטונג פון וועגן געוויסן־פרייהייט: „צי קאָן דען אויסגעפירט ווערן גלויבן־פרייהייט, אַז מ׳גיט אַ פּריווילעגיע די, וואָס קערן זיך אָפּ פון דער אמונה פון זייערע אבות?" דער ווינער פּאַרלאַמענט האָט אָבער נאָר טיילווייז פאַרגרינגערט די געפּלאָגטע אין גאַליציע: ער האָט אָפּגעשאַפט די „יידישע שטייערן" (זע פריער). פריי פאַרקערן און נעמען זיך פאַר פּראָפעסיעס האָבן יידן געקריגן ערשט לויט דער קאָנסטיטוציע דעם 4 מערץ 1849.

§ 38. רעוואָלוציע און פּאָגראָמען אין אונגאַרן.

פּראַגיש האָט פּאַסירט דאָס יאָר רעוואָלוציע אין אונגאַרן: די נאַציאָנאַלע רייסערייען צווישן מאַדיאַרן, דייטשן און סלאַווען האָבן דאָ פאַרפלאָנטערט דעם פּאָליטישן קאַמף און דאָס האָט געבראַכט צו די ערגסטע רעזולטאַטן. די יידישע פראַגע איז אין אונגאַרן שוין פאַרשאַרפט געווען אָנהויב די 40־ער יאָרן (§ 17). איצט איז די פראַגע געקומען פאַרן פּאַרלאַמענט די מערץ־טעג דאָס יאָר 1848. אין אונגאַרישן סיים אין פּרעסבורג איז דער וואָרטפירער געווען לודוויג קאָשוט־דער שטרייכער פאַר נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט; דער סיים האָט אָנגענומען ערנסטע באַשלוסן וועגן אַגרינדלעכער מלוכה־רעפאָרם, ער האָט אָבער גע־צויגן מיט דער פראַגע וועגן יידישער עמאַנסיפּאַציע; קאָשוט גופא האָט געהאַלטן

[1]) וועגן ר׳ בעריש מייזלס דערציילט מען, אַז מ׳האָט אים אַמאָל געפרעגט, ווי קאָן דאָס אַ פרומער ייד צושטיין צו די לינקע? דערויף האָט ער געענטפערט מיט אַ וויץ: ווייל יידן האָבן קיין רעכט נישט.

די פּראַגע פאַר „פּריצײטיק". אונטער דעם דרוק פון דער רעוואָלוציע האָט דער סיים נאָכגעגעבן נאָר אין איין פּרט, ער האָט געגעבן יידן אַקטיוו און פּאַסיוו וואַל-רעכט (די זיצונג דעם 14-טן מערץ). אין דער אונגאַרישער רעזידענץ, אין פּעשט, איז דעמזעלבן טאָג פאָרגעקומען אַ גרויסע פאָלקספאַרזאַמלונג, וואָס האָט אגב אָנגענומען אַ רעזאָלוציע פאַר יידישער גלייכבאַרעכטונג. דאָס דאָזיקע האַנטגעלט אויף עמאַנסיפּאַציע איז גענוג געווען, אַז יידן זאָלן זיך אַריינטון מיט דער גאָרער היץ אין דער אונגאַרישער רעוואָלוציע. אַ סך זענען אַריין אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, אייניקע אָנגעזעענע יידישע טוער אין פּעשט האָט מען אויסגעקליבן אינם „קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטלעכער זיכערקייט". די דאָזיקע אילוזיע האָט זיך אָבער אינגיכן געפּעלט. מיר האָבן שוין געזען, אַז אפילו אייניקע פּראָגרעסיווע מאַדיאַרן האָבן געהאַלטן עמאַנסיפּאַציע נאָך פאַר אַ פּריצײטיקער זאַך, ווער שמועסט שוין די אָפּגעשטאַנענע טיילן פאָלק, דערהויפּט בײ די קליינבירגער: זיי האָבן נישט געוואָלט ליידן קיין יידישן גלייכבאַרעכטונג. אייגענע נאַציאָנאַלע פרייהייט האָט בײ זיי געהייסן, אַז זיי מעגן פריי דריקן און שטיקן יידן, ד. ה. זייערע מאַרק-קאָנקורענטן. „אַנדערש, וואָס זשע איז דאָס פאַר אַ נאַציאָנאַלע פרייהייט, אַז מ'טאָר אפילו קיין יידן נישט אַרויסטרייבן"; בכן האָבן די דאָזיקע יידנפרעסער באַשלאָסן צו מאַכן אַ שאַרפע דעמאָנסטראַציע אַנצושרעקן דעם ליבעראַלן סיים, וואָס האָט געגעבן יידן וואַל-רעכט. פון דער דעמאָנסטראַציע איז אַרויס אַ פּאָגראָם. דעם 19 און 20 מערץ 1848 זענען פּרעסבורגער גאַסן געווען אין די הענט בײ ווילדע פּאָגראָם-באַנדעס פון קליינבירגער און סטודענטן. מ'האָט געבראָכן און געריסן יידישע הייזער און קראָמען, דערהויפּט דאָרט וואו יידן האָבן זיך באַזעצט אָדער געהאַנדלט אויסער דעם אַלטן געטאָ, מ'האָט גערויבט און אַ תּל געמאַכט סחורות און פאַרמעגעס, געשלאָגן פאַרבייגייער, צעשטערט ביזן יסוד די גרויסע שול. פּאָליציי און רעגולערע ארמיי האָבן גאָרנישט געטון כדי צו איבעררייסן די גוואַלט-מעשים. אַ מיליטער-טייל האָט פאַרשטעלט דעם אַריינקום אין געטאָ, שוין נאָכדעם ווי מ'האָט דאָס טיילווייז באַרויבט; יידן אין די איבעריקע קוואַרטאַלן האָט מען געלאָזט אויף גאָטס באַראָט. סיים-דעפּוטאַטן האָבן דעם גרויל רויק צוגעזען. קאָשוט האָט זיך נישט געשעמט זאָגן, אַז „ווען די מאַכט זאָל זיך דאָ ווען מישן (צעטרייבן דאָס שוואַרצע געזינדל), וואָלט דאָס געקומען צו'ן אַ שחיטה אויף יידן". לסוף האָט דער מאַגיסטראַט באַוויליקט צו שיקן די בירגער-מיליציע, זי זאָל באַשיצן יידן, אָבער בתנאי, יידן זאָלן זיך איבערציען פון די „קריסטלעכע" קוואַרטאַלן אין געטאָ אַריין, כדי צו שטילן דעם „פאָלקס צאָרן". יידן האָבן נאָכגעגעבן אַזאַ שענדלעכע פאָדערונג, און דעם דריטן טאָג האָט דער פּאָגראָם אויפגעהערט. דעמאָלט איז קלאָר געוואָרן, אַז בירגער האָבן בכיון אָרגאַניזירט דעם פּאָגראָם כדי דער מאַגיסטראַט זאָל פאַרטרייבן יידן פונם צענטער שטאָט. פון פּעשט איז געקומען אַ קאָמיסאַר מיט אַ מיליטער-טייל, האָט פון דער רעגירונגס נאָמען אָפּ-

געשאַפט דאָס אומגעזעצלעך־אויפגעשטעלטע געטאָ און האָט פאַרגעלייגט יידן, זיי זאָלן זיך צוריק אומקערן אין זייערע שטאָטישע הייזער און געשעפטן. אָבער ערשט אין עטלעכע וואָכן אַרום האָבן איבערגעשראָקענע יידן אָנגעהויבן צוריק־קערן אין די פאַרלאָזטע קוואַרטאַלן, ביסלעכווייז און מיט מורא, אַזוי ווי אין אַ שונא'ס לאַגער אריין.

אָבער דער פרעסבורגער פאָגראָם האָט דאָך דערלאַנגט זיין פּאָליטיש צוועק. דער סיים האָט זיך איבערגעשראָקן פאַר דער „פאָלקס־באַוועגונג" און האָט צוריקגענומען זיין ליבעראַלע רעזאָלוציע וועגן וואַל־רעכט פאַר יידן. פרעסבורגער מעשה איז שטאַרק געפעלן יידנפרעסער אין אַנדערע ערטער, זיי זאָלן דאָס נאָכטון. משך אַפּריל און מאַי זענען פאָרגעקומען פאָגראָמען אין טירנוי, קאַשוי, שטולווייסנבורג, טעמעשוואַר און אין אייניקע אַנדערע שטעט; ס'איז גע־קומען צו דער רעזידענץ, פּעשט אויך. דאָרט האָבן נאָך יידן הויך געהאַלטן דעם קאָפּ, זיי האָבן געדינט אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע און האָבן זיך באַטיי־ליקט אין באַפרייען דאָס פאָטערלאַנד. דאָס איז געווען שוין נאָכדעם ווי פרעס־בורגער סיים האָט זיך פאַרמאַכט (דעם 11־טן אַפּריל), און די גאַנצע פירונג איז געווען ביי קאָשוט־באַטיאַני'ס רעגירונג אין די הענט. דעם 19 אַפּריל האָבן זיך אין פּעשט אָנגעהויבן דעמאָנסטראַציעס קעגן יידן. אַ מחנה מאַדיארישע „פּאַט־ריאָטן" זענען זיך צונויפגעקומען צום מאַגיסטראַט און האָבן געפאָדערט, מ'זאָל פאַרטרייבן פון פּעשט יידן, וואָס האָבן זיך דאָ באַזעצט נאָכן יאָר 1840, און מ'זאָל אויסשליסן די יידישע יוגנט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. בעת דער המון האָט געשפּאַרט אויפן מאַגיסטראַט, האָט איינער פון דער נאַציאָנאַל .ר גוואַרדיע, וואָס האָט געהאַלטן די וואַך, אַ ייד, פאַרוואונדעט אין האַנט איינעם אַ דעמאָנסטראַנט. באַלד האָבן זיך געלאָזט הערן קולות: „יידן שלאָגן קריסטן!" דער המון האָט זיך צעשיט איבער די גאַסן, האָט זיך געוואָרפן אויף יידן פאַרביי־גייער און געשלאָגן זיי, באַפאַלן יידישע הייזער, געראַבעוועט געשעפטן. די יידישע יוגנט האָט זיך געוואָלט באַוואָפנען אַקעגנשטעלן זיך קעגן דער באַנדע, אָבער די שרעקעדיקע פאָרשטייער פון דער יידישער קהלה האָבן נישט דערלאָזט אַזאַ „געפערלעכע" זאַך און האָבן זיך געווענדט נאָך הילף צום מיניסטער באַטיאַני. דער מיניסטער האָט זיי געראָטן נאָכגעבן דעם „פאָלקס" פאָדערונג, יידן זאָלן אַרויס פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. די דעפּוטאַטן האָבן צוגעשטימט; ערשט דעמאָלט האָט דער מיניסטער באַפוילן אַרויסשיקן מיליטער אָפּצושטעלן דעם פאָגראָם, וואָס אַגב איז ער צו יענער צייט איבערגעגאַנגען פון זיך אַליין. באַטיאַני האָט אַרויסגעלאָזט אַ פאַלשע פּראָקלאַמאַציע: הגם די רעגירונג טאָר נישט אָפּשאַפן קיין געזעץ, וואָס הייסט יעדן „פאָטערלאַנדס זון" דינען אין דער בירגערלעכער מיליציע, אָבער זי מוז „אַקעגנקומען יידישע פאָרשטייער", און דעריבער האָט זי נעמוזט באַפוילן „צו אַנטוואָפענען אויף אַ צייט יידן, וואָס די־

נען אין דער אונגאַרישער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע". יידן האָט מען פאַריאָגט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע אין פרעסבורג אויך.

אַזוי האָט מען געטריבן ביטערן שפּאַס פון דרייהונדערט טויזנט יידן אין לאַנד. באַפרייאונג האָט דאָ געהייסן: „אַלצדינג פאַר מאַדיאַרן, פאַר אַנדערע פעלקער אין אונגאַרן גאָרנישט". אָנהויב יולי 1848 איז זיך אין פעשט צונויפגעקומען דער נייער גרינדונג-סיים; אַ ספּעציעלער יידישער קאָמיטעט אין פעשט (אונטערן פאָרזיץ פון האָללענדער) האָט אויסגעאַרבעט און דערלאַנגט דעם סיים אַ פּעטיציע פון „יידישע בירגער אין אונגאַרן". „אינם נאָמען פון אונגאַרישע יידן מאָנען מיר פון אייך, פאָרשטייער פונם לאַנד, גערעכטיקייט, פרייהייט און גלייכקייט. מיר מאָנען דאָס דערפאַר, וואָס מיר האָבן דערויף רעכט און קאָנען דאָס אָפן זאָגן פאַר גאָט און לייט. צי וואָלט דאָס דען נישט געהייסן שפּעטן פון גערעכטיקייט, פאַרקרומען דעם אידעאַל פרייהייט, לייקענען אין גלייכקייט, וואָס מ'האָט וועגן דעם אַזוי גערעשט, נישט לאָזן דאָס אַלץ געניסן אַ טייל פאָלק, וואָס דעמס גאַנצע זינד איז, וואָס ס'איז שוואַך! פאָרשטייער פון פאָלק! זייטיקע און אייגענע שונאים לאָקערן אויף אונזער ליב פאָטערלאַנד. ס'איז אַ געפאַר פאַר דער פרייהייט פון דער אונגאַרישער נאַציע און פאַר איר עצם קיום. געפינען זיך איצט אונגאַרן, וואָס פאַרשאַפן אייגענע ברידער אַזוינס, וואָס זיי גופא זענען קוים ניצול געוואָרן דערפון, וואָס שטרייטן קעגן פיינט פון פרייהייט און זיי אַליין וואַרפן אומשולדיקע אין טורמע אַריין, — צי קאָנען אַזוינע אונגאַרן הייסן פּאַטריאָטן? געזעצגעבער! די בעסטע פּאָליטיק איז גערעכטיקייט! נאַציעס זענען נישט געבליבן, מלוכות זענען אומגעקומען נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען צו זיין גערעכטיק. אונגאַרן, שטרעקט אונז אויס אַ ברידערלעכע האַנט! ס'איז אונזערע און אייערע אינטערעסן, אַז מיר זאָלן קאָנען אויסשטעלן אויף דיגען אייגס דאָס אַנדערע און זיין פריינטלעך. מיר זענען געבוירענע קעמפער פאַר פרייהייט, אונזערע אבות זענען אָפּגעגאַנגען מיט בלוט פאַר דער דאָזיקער זעלטענער גאָב. דאָס, וואָס אונזער טויזנטיאָריקע געשיכטע דערציילט, האָבן מיר באַוויזן די לעצטע טעג אין געפאַר און אין אומרו. ס'ברענט אין אונז דער דאָרשט צו פרייהייט; קיין קלאַס קאָן אונז נישט איבערשטייגן אין ליבשאַפט צום פאָטערלאַנד. און מיר פאַרהאָפן, אַז איר וועט זיך אויך באַגיין מיט אונז מיט יושר, וואָס דאָס פאָדערט גלייכע רעכט פאַר אַלעמען, נישט קיין טובות, נישט קיין פּריווילעגיעס. מיט דער דאָזיקער גערעכטיקייט וועט איר געווינען די ערלעכע זאַך, וואָס דאָס אונגאַרישע פאָלק קעמפט דערפאַר, וועט געווינען 400 טויזנט באַגייסטערטע, איבערגעגעבנסטע קעמפער"...

אָבער מאַדיאַרער פּאַטריאָטן האָבן זיך צו דער פּעטיציע נישט צוגעהערט. דער מיניסטער סעמערע האָט פּרינציפּיעל געהאַלטן פון עמאַנסיפּאַציע, אָבער איצט איז קיין צייט נישט; צו דער יידנפראַגע וועט מען קומען שפּעטער, ערשט ווען מ'וועט פאַרטיק ווערן מיט די גרינדלעכע מלוכה-פראַגן. פון ניין סעקציעס

אין סיים האָבן סך־הכּל דריי געשטימט פאַר עמאַנסיפּאַציע באַלד; זעקס סעקציעס האָבן געהאַלטן, אַז עמאַנסיפּאַציע דאַרף קומען בהדרגהווייז, אָבער בתּנאי פריער זאָלן יידן רעפאָרמירן זייער אינעווייניקסט לעבן.

דערווייל זענען פאַר אונגאַרן געקומען שווערע טעג. עסטרייך האָט ערנסט געשראָקן מיט אַ מיליטער־עקספּעדיציע פאַרן אָפּגעזעם סעפּאַראַטיזם, און פון קראָוואַטיע האָבן זיך אַ רוק געטון דעם באַן יעלאַטשיטש׳עס מחנות. דער אונגאַרישער סיים האָט פּראָקלאַמירט אונגאַרן׳ס גאָרע זעלבסטשטענדיקייט און האָט אָפּגעשאַפט די האַבסבורגישע דינאַסטיע. קאָשוט האָט זיך געשטעלט בראש דער דערווייליקער רעגירונג. דאָס לאַנד איז געוואָרן אַ קריגס־לאַגער. דעמאָלט האָט מען זיך דערמאָנט אין יידן—צו שלעפּן זיי אויף דער שחיטה. ביז ווילאַנג ד׳ נאַציאָנאַלע גוואַרדיע איז געווען אַ שפּיל פאַר בירגער, האָט מען יידן געיאָגט פון דאָרט; אָבער ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט פון אַ מלחמה קעגן אויסערלעכן שונא, האָט מען די געיאָגטע גענומען שלעפּן אין דער אַרמיי, מ׳האָט זיי געלאָזט פאַרגיסן בלוט פאַרן פאָטערלאַנד. יידן, וואָס זענען גרינג מוחל, האָבן זיך אָפּגערופן אויפן פּאַטריאָטישן געשריי. טויזנטער פרייווייליקע האָבן זיך געשטעלט אין דער קאַמף־אַרמיי, אין רעזערווו, אין די גאַנווערן. אין צווייי פרייווייליקע טייל זענען געווען דער פּעשטער ראַבינער שוואַב און דער רעפאָרמאַטאָר— לעאָפּאָלד לעוו (§ 18). אין אייניקע ערטער האָבן זיך די סלאַוון (קראָוואַטן און סערבן) אָפּגערעכנט מיט יידן פאַרוואָס זיי ציען צו מאַדיאַרן; אין דער שטאָט זענט איז ביי אַזאַ געלעגנהייט דערהרג׳עט געוואָרן דער ראַבינער אול־מאַן. יידישע קהלות האָבן זיך געלאָזט קאָסטן גרויסע סומעס אויף קריגס־צוועקן; אין אייניקע שטעט האָט מען צו דעם צוועק פאַרקויפט גילדענע און זילבערנע שול־חפצים. אָבער אינגיכן איז אַזאַ שטילער פּאַטריאָטיזם געוואָרן פונקט אַזוי געפערלעך, ווי באַטייליקן זיך אין שלאַכטן. ווינדישגרעץ, וואָס האָט געשטיקט דעם אויפשטאַנד, איז שוין אַריין מיט זיין מיליטער אין דער מיט אונגאַרן; ער האָט געשראָקן יידישע קהלות מיט גרויסע קאָנטריבוציעס, אויב זיי וועלן שטיצן די אונגאַרישע אַרמיי. אין פּעשט, ווי נאָר ער איז אַריין אַהין, האָט ער גע־שטראָפט די יידישע קהלה מיט אַ קאָנטריבוציע 40 טויזנט פלאָרין (פעברואַר 1849). נאָך גרויזאַמער האָט געהאַנדלט קאַט הייגוי, דער פירער פון דער שטראָף־עקספּעדיציע נאָך ווינדישגרעץ׳ן; דער גרויל פון זיינע מעשים ביים דערשטיקן אונגאַרן איז געבליבן איינגעקריצט אין דער געשיכטע; יידן האָט ער געהאַלטן פאַר שולדיק אין דעם אויפשטאַנד און האָט געשטראָפט פּעשטער און אָפּע׳נער קהלות מיט אַ מיליאָן קאָנטריבוציע.

די ידיעות, אַז עסטרייכער זענען זיך נוקם אין יידן, פאַרוואָס זיי דינען געטריי דעם פאָטערלאַנד, האָט גערירט דאָס געוויסן ביי אונגאַרישע רעגירער און געזעצגעבער. דער גרינדונג־סיים איז יענע צייט אַריבער פון פּעשט קיין סעגעדין. דער מיניסטער־פּרעזידענט סעמערע, דער אייגענער, וואָס פאַראַיאָרן

האָט ער געהאַלטן עמאַנסיפּאַציע פאַר צו פרי, האָט זיך דעם 28 יולי דאָס יאָר 1849 געווענדט צום סיים מיט אַפייערדיקער רעדע, אַז מ'טאָר נישט אָפּלייגן: „אויב דאָס יידישע פאָלק איז אויך דאָרטן אויפן שלאַכט־פעלד; אויב דאָס פאַרגיסט בלוט פאַר אַ פאָטערלאַנד, וואָס האַלט זיי פאַר קיין בירגער נישט; אויב דאָס איז מקריב מיט פרייד זיין פאַרמעג און בלוט פאַר פרייהייט, וואָס עס קוקט ערשט אַרויס אויף איר, פאַר רעכט, וואָס עס האָט נאָך נישט,—איז מיין פליכט צו זאָגן, אַז גראָד איצט, ווען דער שונא דריקט און שטיקט דאָס דאָזיקע פאָלק ערגער פאַר אַנדערע, איז געקומען די צייט, וואָס די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג טאָר מער נישט ציען: זי דאַרף דערקלערן דעם הייליקן פּרינציפּ, אַז יידן זענען בירגער און דאַרפן האָבן גלייכע רעכט און פליכטן מיט אַלע בירגער גלייך." דער סיים האָט איינשטימיק אָנגענומען אַזאַ רעזאָלוציע: „יעדער איינוואוינער פון יידישן גלויבן, אַ געבוירענער אין אונגאַרן, אָדער אַזוינער, וואָס האָט זיך דאָ געזעצלעך באַזעצט, האָט דיזעלבע פּאָליטישע און בירגערלעכע רעכט, וואָס בירגער פון אַנדערע אמונות". צו דער רעזאָלוציע איז נאָך געווען אַ צוגאָב, אַז דער אינערן־מיניסטער זאָל צונויפרופן אַ פאַרזאַמלונג פון גייסטלעכע און וועלטלעכע פאָרשטייער פון יידישע קהלות פעסטצושטעלן די פּרינציפּן פון יודאַאיזם און פון אַ געהעריקער רעפאָרם לויטן גייסט פון אונזער צייט. אין דעם צוגאָב שטעקט קאָשוט'ס ווירקונג: ער האָט פון לאַנג אָן געהאַלטן אַ רעפאָרם פון דער יידישער אמונה פאַר אַ תנאי פאַר עמאַנסיפּאַציע.

דער אונגאַרישער סיים האָט אָבער פאַרשפּעטיקט מיט גלייכבאַרעכטונג פאַר יידן. די חרטה פאַר דעם לאַנגאָניקן אומרעכט קעגן יידנטום איז געקומען די מאַדיאַרן ערב דעם אונטערגאַנג פון זייער אייגענער פרייהייט. אין צוויי וואָכן אַרום נאָך דער באַשריבענער סיים־זיצונג האָט די אונגאַרישע אַרמיי געהאַט די לעצטע מפלה ביי ווילאַגאָש (דעם 13 אויגוסט). דעם נצחון האָט עסטרייך אַ סך צו פאַרדאַנקען דער רוסישער אַרמיי, וואָס ניקאָלאַי 1 האָט גערן געשיקט צו דערשטיקן די אונגאַרישע „בונטאַרעס". דערמיט איז אין אונגאַרן געוואָרן אַ סוף סיי מיט דער נאַציאָנאַלער, סיי מיט דער פּאָליטישער פרייהייט. דעם הענקערס הייגויס שטראָף־עקספּעדיציעס האָבן זיך געיאָגט איבערן לאַנד, געשאָסן מענטשן אין די טויזנטער, וויסט געמאַכט שטעט און דערפער, רואינירט מיט שווערע קאָנטריבוציעס. יידישע קהלות אין אונגאַרן, וואָס זענען אַזוי אויך רואינירט געוואָרן משך דער מלחמה, האָבן איצט געמוזט צאָלן שטראָף אַריבער 2 מיליאָן פלאָרין. פאַר פאַרשפּעטיקן דעם טערמין האָט מען געמאָנט אַ שווערן מעת־לעת־צינז אָדער מ'פלעגט אַרעסטירן קהלשע פאָרשטייער. קייזער פראַנץ־יוסף האָט פאַרקלענערט די קאָנטריבוציע פון יידן ביז אַ מיליאָן; שפּעטער האָט ער געלאָזט פאַרנוצן די דאָזיקע סומע אויף אַ שול־פאָנד פאַר יידישע שולן מיט דער רעגירונגס השגחה.

§39. רעאַקציע און בהדרג הדיקע עמאַנסיפּאַציע.

די אייראָפּעאישע רעאַקציע די 50=ער יאָרן האָט נישט אויסגעמיטן עסט-רייך אויך. נאָך נאַפּאָלעאָנס מלוכה=איבערקער אין פּאַריז, איז דאָס אייגענע געשען אין ווין אויך. דעם 31 דעצעמבער 1851 האָט קייזער פראַנץ=יוסף צו-ריקגענומען די געשענקטע קאָנסטיטוציע פונם 4 מערץ 1849, ווייל זי טויג נישט פאַר דער עסטרייכישער אימפּעריע, און האָט צוריק אויפגעשטעלט אַבסאָלוטיזם. כאָטש דערביי איז געזאָגט געוואָרן, אַז די גלייכשטעלונג פון בירגער אַקעגן געזעץ בלייבט גילטיק, האָבן יידן דאָך דערשפּירט אַ געפאַר פאַר דער יונגער עמאַנסיפּאַציע. יידנפרעסער אין מאַגיסטראַטן האָבן אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָבן אָנגעהויבן פאָדערן, מ׳זאָל ווידער פאַרשמעלערן דעם פרייעם פאַרקער פאַר יידן, וואָס האָבן געהאַט די העזה צו באַזעצן זיך אין די פריער=פאַרבאָטענע ערטער (אין ווין, אויסער דער געטאָ אין פּראָג און דעסגלייכן). די רעגירונג האָט גע-נומען רעווידירן די געזעצן וועגן יידן; און דער פועל=יוצא דערפון איז געווען אַ דעק-רעט פונם 2 אָקטאָבער דאָס יאָר 1853: יידן איז ווידער פאַרווערט געוואָרן צו פאַרווערבן גיטער אין די קרוין=לענדער. דעם קלאַפּ, וואָס מ׳האָט דערלאַנגט יידן, האָט מען פאַרגרינגערט דערמיט, וואָס דער נייער דעקרעט זאָל גילטן אויף אַ צייט און זאָל זיך נישט אָנקערן צו אַזוינע, וואָס האָבן שוין פאַרוואָרבט גיטער די קורצע צייט עמאַנסיפּאַציע. אָבער די אַדמיניסטראַציע האָט אויסגע-טייטשט דעם דעקרעט אַזוי, אַז מ׳דאַרף ליקווידירן יידישע רעכט. מ׳האָט ווידער גענומען פאַרשמעלערן דעם פרייעם פאַרקער. טיראָל, שטייער און אַנדערע אַלפּן=געגנדן זענען ווידער געוואָרן געשלאָסן פאַר יידן. אין ווין האָט אַ ייד געדאַרפט אויסבעטן ספּעציעל אַ דערלויב פונם קייזער צו קויפן אַ הויז. אַזאַ דערלויב האָט מען געקריגן ערשט נאָך אַ פּאָליציייִשער באַשטעטיקונג, אַז מ׳איז פּאָליטיש כשר און מ׳האָט פאַרדינסטן. (אגב, פּרייסישע יידן האָבן געמעגט פריי פאַרווערבן גיטער אין גאַנץ עסטרייך, לויטן צווישנ-פעלקערישן אָפּמאַך). יידישע רעכט זענען נאָך מער פאַרשמעלערט געוואָרן נאָכן דעם, ווי ס׳איז געשלאָסן געוואָרן דער קאָנקאָרדאַט מיטן פּויפּסט (1855), און דער קלעריקאַליזם האָט זיך געשטאַרקט אין עסטרייך. אין אייניקע ערטער (אין גאַליציע) האָט מען ווידער אַרויסגעבראַכט דעם שטאָק=אַלטן פאַרבאָט, פאַר יידן צו האַלטן קריסטלעכע דינערשאַפט. מ׳האָט ווידער אָנגעהויבן פאָדערן, אַז אַ ייד זאָל חתונה האָבן נישט אַנדערש, נאָר מיט אַ הסכם פון דער פּאָליציי. מ׳האָט זיך ווידער דערמאָנט אין דער שענדלעכער „יידישער שבועה", וואָרום, אַזוי מיינט דער יוסטיץ=מיניסטער, „די מלוכה מוז פאָדערן ביי יידן אַ שטאַרקערע גאַראַנטיע פאַר אמת=זאָגן, איידער ביי קריסטן". יידן האָט מען גענומען אַרויס-שטופּן פון דער אַדוואָקאַטור, פונם נאָטאַריאַט, פון לערערשאַפט אין אַלגעמיינע שולן. עסטרייכישע פירונג האָט מען אַריבערגעטראָגן קיין אונגאַרן אויך. דאָ

האָט די רעגירונג געשטרעבט צו גערמאַניזירן יידן, וואָס האָבן די רעוואָלוציאָנערע יאָרן באַוויזן צופיל מאַדיאַרישן פּאַטריאָטיזם. דעם מיליאָן קאָנטריבוציע־געלט האָט מען אויסגעגעבן אויף איינצופירן רעגירונג־שולן פאַר יידן מיט דייטש אַלס אונטערריכט־שפּראַך. וועגן פאַרווירקלעכן די גלייכבאַרעכטונג, וואָס דער אונגאַרישער רעוואָלוציאָנערער סיים האָט געגעבן יידן דאָס יאָר 1849, האָט איצט קיין רייד נישט געקאָנט זיין.

געבראָכן האָט די אינעווייניקסטע פּאָליטיק אין עסטרייך דאָס יאָר פון אירע קריג־מפּלות (1859). גרינדלעך צעקלאַפּט אין קריג־קעגן איטאַליע, האָט עסטרייך אָנגעהויבן זוכן אַ רעטונג אין אינעווייניקסטע רעפאָרמעס. ס'האָט זיך געלאָזט פילן אַ נייער גייסט. פּאַמעלעך, פאָרזיכטיק, האָט זיך די עסטרייכישע רעגירונג גענומען אומקערן צום קאָנסטיטוציאָנעלן רעזשים, דערמיט צו יידישער עמאַנסיפּאַציע אויך. אויגוסט דאָס יאָר 1859, אין אַ חודש אַרום נאָך דער מפּלה פון דער עסטרייכישער אַרמיי ביי סאָלפערינאָ, האָט די רעגירונג געמעלדעט אין אַ מאַניפעסט, אַז אינגיכן וועט זי רעפאָרמירן די געזעצן וועגן יידן. פעברואַר 1860 איז אַרויס אַ געזעץ, אַז יידן מעגן פאַרווערבן נחלות אומעטום, חוץ אייניקע אויסנאַמען פאַר אַלפּן־געגנדן אין גאַליציע. מ'האָט אָפּגעשאַפט די באַגרעניצן, וואָס האָבן געשטערט יידן פריי צו פאַרקערן און באַשעפטיקן זיך מיט פּראָפעסיעס. ביסלעכווייז האָט זיך די געזעלשאַפטלעכע סביבה אויך אָפּגערייניקט פון דער שטיקענדיקער רעאַקציע. דער יידנהאַס האָט זיך אין עסטרייך גענומען פעלן די 60־ער יאָרן, אַזוי ווי מיר האָבן דאָס געזען אין דייטשלאַנד. מיט דער צייט איז קלאָר געוואָרן, אַז ס'פאָדערט זיך איין גרינדלעכע רעפאָרם, נישט קיין קליינלעכע רעפאָרמעס. געקומען דערצו איז מען ווידער פון מפּלות, וואָס עסטרייך האָט געהאַט דאָס יאָר 1866 אינם קריג־קעגן פּרייסן. דאָס יאָר 1867 האָט עסטרייך פאַרענטפערט איר קאָנסטיטוציאָנעלע פראַגע, טיילווייז די נאַציאָנאַלע פראַגע אויך: ס'איז געוואָרן אַ דואַליסטישע מאָנאַרכיע עסטרייך־אונגאַרן און ס'איז איינגעפירט געוואָרן אַ קאָנסטיטוציאָנעלער רעזשים. לויט די נייע גרונד־געזעצן איז אין ביידע טיילן פעסטגעשטעלט געוואָרן בירגערלעכע און פּאָליטישע גלייכבאַרעכטונג פאַר אַלע נאַציעס און אמונות.

אַ צוגאָב צו די גרונד־געזעצן איז אין עסטרייך געווען די „קאָנפעסיאָנעלע” געזעצן פונם יאָר 1868. ס'איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דער קאָנקאָרדאַט מיטן פּויפּסט. די שול איז פריי געוואָרן פון קלעריקאַלער אַפּוטרופּסות און ס'איז געוואָרן דאָרט מער יידן, שילער און לערער. ס'איז געוואָרן געזעצלעך די בירגערלעכע חתונה, ד. ה. געמישטע חתונות אויך. קריסטן און משומדים האָבן געמעגט ווערן יידן. פאָרמעל זענען פאַר יידן אָפן געווען אַלע מלוכה־אַמטן אויך, פּאַקטיש אָבער האָט מען זעלטן צוגעלאָזט אַ יידן צו'ן אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן. מיר זעען דאָ צו דאָס זעלבע, וואָס אין דייטשלאַנד יענע יאָרן,

פּעסט איז געווען דער פּ ר י נ צ י פּ גלייכבאַרעכטונג, אָבער אין דער פּראַקטיק איז אויסגעפירט געוואָרן נאָר בירגערלעכע גלייכבאַרעכטונג, נישט קיין פּאָליטישע. יידן זענען געוואָרן פריי אין פּאַרקער און אין פּראָפעסיעס; יידן זענען געוואָרן שטאַרק אין דער אַדוואָקאַטור, מעדיצין, אין דער פּרעסע; מאַסן יידישע קינדער זענען אָנגעקומען אין מיטלשולן און אין הויכשולן. שווער איז אָבער צוגעגאַנגען יידישע פאַרטרעטונג אין דער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג; מיט גרויס מי איז אויסגעקומען צו ברעכן דעם יידנהאַס ביי קריסטלעכע בירגער און נאַציאָנאַלע פּאָראַורטיילן (דערהויפּט אין גאַליציע). דאָס אייגענע אויך מיט פּאַרלאַמענטאַרישער פאַרטרעטונג. יידן דעפּוטאַטן אין עסטרייכישן רייכסראַט און אין פּראָווינציעלע סיימען איז געווען זייער ווייניק. אַ מיליאָן יידן אין עסטרייך (אָן אונגאַרן)¹) האָט געהאַט סך-הכל צוויי דריי דעפּוטאַטן אין אימפּערישן פּאַרלאַמענט, אָבער די זענען אויך געווען פאָרשטייער פון פּאָליטישע לאַנד-פּאַרטייען, נישט פון קיין יידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן. ס׳זענען נאָך געווען אַ פּאָר יידן באַשטימטע גלידער אין דער אויבערשטער קאַמער (די באַראָנען קעניגסוואַרטער און רויטשילד). דער טאַלענטירטסטער צווישן די יידן-דעפּוטאַטן, איגנאַץ קוראַנדא (1812—1884), האָט אָנגעהויבן זיין פּאָליטישע קאַריער אַלס פּובליציסט-ראַדיקאַל נאָך בעת מעטערניך׳ס רעאַקציע; אין לייפּציג האָט ער אַרויסגעגעבן אַן אָפּאָזיציאָנעל בלאַט „Grenzboten“. דאָס יאָר 1848 האָט ער זיך באַטייליקט אינם אַלגעמיין-דייטשן פראַנקפורטער פּאַרלאַמענט, אַלס פאַרטרעטער פון ווין. פונם יאָר 1861 אָן איז ער געווען שטענדיק אַן אויסגעקליבענער אין נידער-עסטרייכישן לאַנדטאַג, און שפּעטער—אין רייכסראַט (פונם יאָר 1868 אָן). ער איז געווען אַן אָנגעזעענער דעפּוטאַט פון דער דייטשער ליבעראַלער פּאַרטיי, וואָס האָט געהאַט אין איר פּראָגראַם אַ דואַליסטישע קאָנסטיטוציע (עסטרייך-אונגאַרן) און גערמאַניזירן די סלאַווישע פעלקער. יידן האָבן לויט דעמאָלטיקע באַגריפן פאַר קיין נאַציע נישט געהאַלטן, און קוראַנדא האָט געזעען פאַר זיי איין אויסוועג: זיך פערשמעלצן גאָר און גאָר מיטן דייטשן פאָלק. אַזאַ אַסימילאַטאָרישע פּראָגראַם האָט קוראַנדא געהאַט פאַר זיך אַלס פאָרזיצער פון ווינער יידישער קהלה אויך. פון דערזעלבער פּאָליטיק האָבן געהאַלטן יידן-דעפּוטאַטן אין די פּראָווינציעלע סיימען אויך (אין גאַליצישן סיים און אין בעהמישן): זיי זענען תמיד נאָכגעגאַנגען פרעמדע נאַציאָנאַלע פּאַרטייען: דייטשן, טשעכן,

¹) די צייט 1840—1880 האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג אין עסטרייך-אונגאַרן פאַרמערט אַריבער טאָפּלט: דאָס יאָר 1840 איז געווען 700.000 יידן (§ 15), דאָס יאָר 1869 איז שוין געווען 1.373 000; דאָס יאָר 1880—1.643.000. אין איינצלנע לענדער איז די צאָל געוואַקסן אַזוי (לויט די ציילונגען די יאָרן 1869 און 1880): אין גאַליציע און אין בוקאָווינע איז דאָס יאָר 1869 געווען 622 טויזנט; דאָס יאָר 1880—753 טויזנט יידן. אין אונגאַרן איז דיזעלבע יאָרן געווען 552 און 638 טויזנט. אין בעהמען און אין מעהרען 139 — און 147 טויזנט. אין נידער-עסטרייך (ווין) און אין די אַלפּן-געגנטן—60 און 105 טויזנט.

פּאָליאַקן; פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק האָבן זיי זיך אַפילו נישט דערװעגט צו קלערן.

אין דעם לעצט־נאַציאָנאַלן לאַנד אונגאַרן איז מיט דעם נייעם רעזשים פעסטגעשטעלט געװאָרן דער פּרינציפּ עמאַנסיפּאַציע בתנאי, יידן זאָלן זיך לחלוטין אָפּזאָגן פון זייער נאַציאָנאַלער אייגנאַרט און זאָלן זיך פאַרשמעלצן מיט מאַדיאַרן; אויף דעם אָפיציעלן נוסח האָט דאָס געהייסן: „אַ רעפאָרם פון יודאַאיזם“. דער דאָזיקער פּרינציפּ איז שוין געװען פעסטגעשטעלט אין עמאַנסיפּיר־אַקט דאָס יאָר 1849, און דאָס האָט אַ סך פאַרגרינגערט די אַרבעט פון די עמאַנסיפּאַטאָרס איצט אין אויטאָנאָמען אונגאַרן דאָס יאָר 1867. װען פראַנץ דעאַק, דער באַשעפער פון דער אונגאַרישער קאָנסטיטוציע, האָט זיך שטאַרק געשטעלט אין סיים פאַר דער יידישער גלייכבאַרעכטונג, איז דער טעם געװען: מ׳דאַרף, אַז יידן זאָלן זיין צוגעבונדן צו מאַדיאַרן, זיי זאָלן נישט ציען צו עסטרייך, װאָס דאָרטן האָבן זיי שוין גלייכבאַרעכטונג. ביידע סיים־קאַמערן האָבן אָנגענומען דעאַק׳ס פּראָיעקט און האָבן איינגעשלאָסן דעם פּונקט װעגן יידישער גלייכבאַרעכטונג אין אונגאַרישע גרונד־געזעצן. קיין שום תנאי איז פאָרמעל דערביי נישט געשטעלט געװאָרן, אָבער שטילערהייט האָט מען דאָ אין דינען געהאַט דעם צוגאָב צו דעם פּונקט פונם יאָר 1849 װעגן רעפאָרמירן יודאַאיזם. דער קולט־מיניסטער עטװעש, װאָס האָט געהאַלטן פון עמאַנסיפּאַציע מיט אַ תנאי, האָט ביי זיך באַשלאָסן אויספירן די דאָזיקע רעפאָרם ביי דער ערשטער גוטער געלעגנהייט. אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך געמאַכט באַלד ביים פאַרעפנטלעכן די קאָנסטיטוציע, װען די רעגירונג האָט גענומען רעאָרגאַניזירן די רעליגיעזע אַנשטאַלטן און שולן אין לאַנד. פעברואַר 1868 האָט עטװעש באַפוילן די פאָרשטייער פון די יידישע קהלות צונויפרופן אַ „קאָנגרעס“ צו באַהאַנדלען די אינעװייניקסטע רעפאָרם ביי יידן. אַזאַ אַקציע פון דער אונגאַרישער רעגירונג האָט פאַרשאַרפט דעם לאַנגאָניקן קולטור־שטרייט אין די קהלות און האָט געבראַכט צו אַ שפּאַלטונג.

§ 40. דער קולטור־שטרייט.

ער שטרייט צװישן רעפאָרמיסטן און אָרטאָדאָקסן, װאָס האָט אויסגעבראָכן אין אונגאַרן די 40־ער יאָרן (§ 18), האָט נישט אויפגעהערט שפּעטער אויך. איצט איז דער רעליגיעזער שטרייט נאָך מער פאַרשאַרפט געװאָרן מחמת פּאָליטישע סתירות און דער שנאה צװישן אַסימילאַטאָרן און קאָנסערװאַטיװע. פון איין זייט די אַלטפרענקישע אָרטאָדאָקסיע, װאָס האָט נישט געװאָלט װיסן פון קיין פּראָגרעס; פון דער אַנדערער זייט די פּראָגרעסיװע אינטעליגענץ, װאָס האָט זיך אַ װאָרף געטון מיטן גאַנצן אימפּעט צו מאַדיאַריזאַציע; קיין מיטלשניט,

ווי אַ שטייגער די ניי־אָרטאָדאָקסיע אין דייטשלאַנד, איז דאָ נישט געווען. פאַנאַטיקער פונם חת״ם סופר׳ס שניט און אַסימילאַטאָרן פון לעאָפּאָלד לעוו׳ס פּאַרטיי האָבן נישט געקאָנט דורכקומען אין קיין פּונקט כלל־אַרבעט. דערפון נעמט זיך די שאַרפקייט פונם שטרייט און די פאַרביטערטקייט פון די שטרייטער. די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע זייט האָט נאָך מער פאַרשאַרפט דעם פּאַרטיי־האַס. די רעפאָרמיסטן האָבן נאָכגעגעבן דער רעגירונגס באַליידיקנדיקער פאָדערונג, אַז יידן זאָלן זיך אַליין „אויסלייטישן״, זיי זאָלן פאַרדינען גלייכבאַרעכטונג. באַלד ווי ס׳האָט זיך געעפנט דער גרינדונג־סיים דאָס יאָר 1849, וואָס האָט מיט זיין פאַרשפּעטיקטער אָפּשטימונג געשטעלט די דאָזיקע פאָדערונג, האָט די יידישע אינטעליגענץ געגרינדעט אין פּעשט אַ „צענטראַלן רעפאָרם־פאַראיין פון אונגאַרישע יידן״ צוצוגרייטן די מאַסן צו דער רעפאָרם. היות ווי די פאַראיין־גלידער האָבן געהאַלטן פון דער אונגאַרישער רעוואָלוציע, האָט די רעגירונג די רעאַקציע־צייט פאַרמאַכט דעם פאַראיין און איר רעפאָרמירטן טעמפּל (1852). דערביי האָט געליטן דער טעמפּל־פּרידיקער, דער געוויסער רעפאָרמיסט־ראַדיקאַל דוד איינהאָרן, וואָס איז דאָס יאָר 1851 אַנטלאָפן פון רעאַקציאָנערן מעקלענבורג קיין פּעשט און איז דאָ נאָך ערגער אַריינגעפאַלן (§ 35). אונגאַרער אָרטאָדאָקסן, וואָס קיין גרויסע איבערקלייבער אין מיטלען זענען זיי נישט געווען, האָבן דערלאַנגט דער עסטרייכישער רעגירונג, אַז איינהאָרן איז אַ געפערלעכער רעוואָלוציאָנער. די אַדמיניסטראַציע האָט אים פאַרמאַכט דאָס מויל, דעם מענטשן, וואָס האָט נעטרוימט פון אַ רעוואָלוציע אין יידנטום, אָבער נישט אין פּאָליטיק. (זיין רעפאָרמאַטישע מיסיע האָט אייגהאָרן אויסגעפירט שפּעטער אין אַמעריקע, אַהין איז ער אַוועק דאָס יאָר 1855). די 60־ער יאָרן האָט זיך די רעאַקציע געשטילט, די באַפריי־באַוועגונג האָט זיך ווידער באַנייט, און אונגאַרישע רעפאָרמיסטן האָבן ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ. זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיט מאַדיאַרישע פּאַטריאָטן פון קאָשוט׳ס, דעאַק׳ס און עטוועש׳ס פּאַרטיי, האָבן זיי אויף זייער שטייגער מיטגעהאָלפן דעם נצחון פון דער עמאַנסיפּאַציע (דאָס יאָר 1867), אָבער זיי האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט אויסצופירן די אינעווייניקסטע רעליגיעזע רעפאָרם מיט דער רעגירונגס הילף. זיי, די רעפאָרמיסטן, געהער די אידעע פון קהלה־קאָנגרעס, וואָס דער קולטן־מיניסטער עטוועש האָט דאָס יאָר 1868 איבערגעגעבן יידישע כלל־טוער צונויפצורופן.

אַ שטאַרקע פּאַרטיי־אַגיטאַציע האָט זיך געפירט אין לאַנד בעת די הכנות צום קאָנגרעס, וואָס האָט געזאָלט איבערבויען דאָס גאָרע גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע לעבן ביי אונגאַרישע יידן. די אָרטאָדאָקסן האָבן געוואוסט, אַז די רעגירונג איז אויף די רעפאָרמאַטאָרס צד, און האָבן געמאַכט אַליאַרם. דער פּעשטער רב ר׳ בנימין (דעם חת״ם סופרס אַ זון) און אַנדערע זיילן פון דער אָרטאָדאָקסיע האָבן געמאַכט אַ פאַרבאַנד „שומרי הדת״ נישט צו דערלאָזן קיין שום רעפאָרמעס אין אמונה־זאַכן און אין דער שול־פראַגע. דער פאַרבאַנד האָט

דורכגעפירט ביי די וואַלן אַ היבשע צאָל גלידער פאַר דעלעגאַטן, אָבער די מערהייט האָבן דאָך געהאַט די פּראָגרעסיסטן. דעם 14־טן דעצעמבער 1868 האָט זיך אין פּעשט געעפנט דער קאָנגרעס מיט 220 דעלעגאַטן. דער מיניסטער עטוועש האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג מיט אַ רעדע, אַז די רעגירונג האַלט פון אויטאָנאָמיע פאַר יידישע „רעליגיעזע געזעלשאַפטן", נאָר בתנאי, אַז אַ געוויסע פאָרם זעלבסטפאַרוואַלטונג זאָל זיין פאַר אַלע קהלות גלייך, וואָס די רעגירונג זאָל איר קאָנען גרינג קאָנטראָלירן. וועגן דעם טיפּ זעלבסטפאַרוואַלטונג האָבן זיך צווישן די גלידער פון קאָנגרעס געוויזן צוויי מיינונגען: איין צד האָט געוואָלט האָבן צ ע נ ט ר אַ ל י ז אַ צ י ע אויפן שטייגער פון דער פראַנצויזישער קאָנסיסטאָר־סיסטעם; דער אנדערער צד איז באַשטאַנען אויף אַ ק אָ נ ג ר ע ג אַ צ י ע־סיסטעם, ד. ה. יעדע קהלה, יעדע שול אַפילו, זאָל נישט זיין געבונדן פון קיין צענטראַל־אָרגאַן. אָרטאָדאָקסן, וואָס האָבן מורא געהאַט, אַז די קאָנסיסטאָריעס זאָלן נישט איינפירן רעפאָרמעס מיט גוואַלד, האָבן געהאַלטן מיט דער צווייטער מיינונג; אָבער דערצו זענען צוגעשטאַנען אַ סך פּראָגרעסיסטן אויך, וואָס האָבן נישט געוואָלט האָבן קיין אָפיציעלע „קירך" אין יידנטום. די צענטראַליסטן (לעוו'ס פּאַרטיי) האָבן מורא געהאַט גאָר צו שטעלן די דאָזיקע הויפּט־פראַגע צו באַהאַנדלען, וואָרום די דעבאַטן אַליין וועגן אַזאַ פראַגע וואָלטן „אויפגעריסן" דעם קאָנגרעס. מ'האָט דעריבער באַהאַנדלט די פראַגע ווי אַזוי צו רעאָרגאַניזירן די קהלה־פירונג לויט דער אַלטער סיסטעם דעצענטראַליזאַציע מיט פּעריאָדישע קהלה־קאָנגרעסן. מ'האָט דעבאַטירט וועגן דער אינעווייניקסטער קהלה־פירונג, וועגן קלייבן רבנים און וועגן די פונקציעס פון רבנים, וועגן קולטור־ און צדקה־אַנשטאַלטן און וועגן דעם „שול־פאָנד" אַ ירושה פון הייגוי'ס צייטן. צו קיין הסכם וועגן אַלע פראַגן איז צווישן אָרטאָדאָקסן און רעפאָרמיסטן נאַטירלעך נישט געקומען. אָרטאָדאָקסן זענען באַשטאַנען, אַז די קהלה זאָל האָבן איר אויטאָנאָמיע לויטן שולחן־ערוך: רבנים און פּרנסים זאָלן האָבן צו זאָגן נישט בלויז אויף אמונה־זאַכן, נאָר ס'זאָלן זיין אַ בית־דין אויך. אַ קעגן, די רעפאָרמיסטן האָבן געוואָלט האָבן, אַז די קהלה פאַרנעמט זיך בלויז מיט אמונה־זאַכן, דאָס איבעריקע געהערט צו דער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג אָדער צו דער מלוכה. גאָר היציקע וכוחים זענען געווען וועגן גרינדן אַ סעמינאַר אויף צו גרייטן ראַבינער מיט אייראָפּעאישער בילדונג. ביי די אָרטאָדאָקסן אין די אויגן איז דאָס געווען אַ פאַבריק צו פּראָדוצירן אפּיקורסים און מדיחים. גובר געווען האָבן די רעפאָרמיסטן מיט זייער רוב שטימען.

פאַרמאַכט דעם קאָנגרעס, וואָס האָט געאַרבעט אַריבער צוויי חדשים (ביזן 24 פעברואַר 1869), האָט עטוועש צוגעזאָגט דערלאַנגען זיינע רעזאָלוציעס דעם קעניג און דעם פּאַרלאַמענט. ער האָט זיך אָבער נישט דערוואַרט קיין הסכם פונם סיים און האָט צעשיקט אַ צירקוליאַר, אַז די רעזאָלוציעס פונם קאָנגרעס

זענען אַ מוז פאַר אַלע יידישע קהלות מיט מלוכה־געזעצן גלייך. די אָרטאָדאָקסן
האָבן גענומען שאַרף פּראָטעסטירן. דער פאַרבאַנד „שומרי הדת" האָט אָנגעהויבן
קלייבן פּעטיציעס, און אָנהויב יאָר 1870 איז אין אונגאַרישן סיים אָנגעקומען
אַריבער 300 פּעטיציעס. דאָ איז געזאָגט געווען, אַז די קאָנגרעס־רעזאָלוציעס
זענען קעגן די יסודות פון דער יידישער אמונה, אַז דער גרעסטער פרומער
רוב אונגאַרישע יידן קאָן זיי נישט סובל זיין, און מ'טאָר זיי נישט אָנוואַרפן
יידישע קהלות, ווארום דאָס וואָלט געווען קעגן געוויסן־פרייהייט. דער סיים
האָט קעגן דעם מיניסטערס מיינונג אָנגענומען, אַז די רעזאָלוציעס זענען נישט
קיין מוז פאַר קיינעם (מערץ 1870), און עטוועש האָט געמוזט אָפּרופן זיין
צירקוליאַר. אויפגעמונטערט פון אַזאַ נצחון, האָבן די אָרטאָדאָקסן צונויפגערופן
אַ דעלעגאַטן־פאַרזאַמלונג פון זייער פּאַרטיי און האָבן אויסגעאַרבעט פאַר זייערע
קהלות ספּעציעל אַן „אָרגאַניזיר־סטאַטוט", נישט ווי דער סטאַטוט, וואָס דער
קאָנגרעס האָט אָנגענומען. די רעגירונג האָט באַשטעטיקט דעם דאָזיקן אָרטאָ־
דאָקסישן סטאַטוט (1871). בכן איז אין אונגאַרן געזעצלעך געוואָרן צוויי באַ־
זונדערע קהלה־אָרגאַניזאַציעס: אַן אָרטאָדאָקסישע און אַ רעפאָרמיסטישע (אָדער
אַ נעאָלאָגישע, ווי מ'פלעגט רופן די רעפאָרמיסטן). יעדע אָרגאַניזאַציע האָט זיך
געהאַט איר צענטראַל־אָרגאַן: די רעפאָרמיסטישע קהלות האָבן געגרינדעט
אַ „לאַנד־קאַנצעלאַריע"; די אָרטאָדאָקסישע האָבן געמאַכט אַן „אויספיר־קאָמיסיע".
דאָס יאָר 1877 האָבן די נעאָלאָגן (רעפאָרמיסטן) געגרינדעט זייער אַ ראַבינער־
סעמינאַר אין בודאַפּעשט, אַ „נעסט פון אַפּיקורסים" ביי די אָרטאָדאָקסן אין די
אויגן. די שפּאַלטונג איז געווען דער איינציקער אויסוועג פאַר די צוויי פּאַר־
טייען, וואָס איינע האָט געוואָלט צופּאַסן יודאַאיזם צו מאַדיאַרישער קולטור און
די אַנדערע איז געבליבן פאַרגליווערט ביי די מיטלאַלטערישע השגות, האָט גע־
האַלטן, אַז יידישקייט טאָר מען נישט אָנרירן, ד. ה. זיי האָבן געוואָלט פאַר־
אייביקן בלויז איין באַשטימטע תקופה יידישע קולטור. אַסימיליאַציע אויף איין
זייט און כינעזישע אָפּגעשטאַנענקייט אויף דער אַנדערער זייט האָבן שטאַרק
פאַרהאַלטן דעם נאַציאָנאַל־קולטורעלן וואוקס ביי אונגאַרישע יידן.

אין אונגאַרן האָבן זיך די נאָוואַטאָרס געטראָפן מיט אַן אָרגאַניזירטער
קראַפט פון קאָנסערוואַטיווער רבנות־יידישקייט (חסידים איז דאָרט געווען ווייניק),
און אין גאַליציע איז דער שטער געווען דאָס פאַרשלאָפענע, פאַרדבקה'טע
חסידות. די 40־ער יאָרן איז צו די אַלטע רבי'שע דינאַסטיעס אין גאַליציע און
אין בוקאָווינע צוגעקומען אַ נייע: דאָס איז די סאַדאַגורער, די דינאַסטיע פון
ר' ישראל'ציע רוזשינער, וואָס איז אַנטלאָפן פון רוסלאַנד (§ 26) און באַזעצט זיך
אין סאַדאַגורע (בוקאָווינע). איינגיכען האָט זיך די סאַדאַגורער דינאַסטיע שטאַרק
פאַרשפּרייט, אָנגעצויגן אַ סך חסידים צווישן גאַליצישע יידן און געוואָרן אַ
לעבעדיקער שליוז קעגן דער בילדונגס־כוואַליע. דאָס ערשטע מאָל האָבן זיך
גאַליצישע פּראָגרעסיסטן גיפּרווט אָרגאַניזירן אונטער דער פירונג פון אברהם

כהן, אַ פרייִדיקער -- אַ רעפאָרמיסט אין לעמבערג, אָבער דאָס האָט געהאַט אַ שלעכטן סוף. חסידישע פאַנאַטיקער, וואָס האָבן פונם רעוואָלוציאָנערן יאָר פאַר־שטאַנען זיך אָפּצולערנען בלויז איין זאַך—טעראָר—, האָבן אָפּגעסמ׳ט כהן׳ען (16 סעפּטעמבער 1848) און אַזוי אַרום אַ׳מגעבראַכט אַ יונג לעבן (§ 18). די רעפאָרמאַציע איז פון דעמאָלט אָן אויף לאַנג שטיל געוואָרן אין גאַליציע. ערשט נאָך דער עמאַנסיפּאַציע דאָס יאָר 1867 האָט זיך די שוואַכע פּראָגרעסיווע מינדערהייט געגעבן אַ ריר אין אַזוינע צענטערן ווי קראָקע און לעמבערג. דאָס יאָר 1869 איז געוואָרן אַ פאַרבאַנד „שומר ישראל" צו פאַראייניקן אַלע פּראָגרעסיסטן, וואָס האַלטן פון אַסימילאַציע מיט דייטשן; זייער אָרגאַן איז געוואָרן „דער איזראַעליט", אַ צווייוואָכעדיקער זשורנאַל אין לעמבערג. אַקעגן דעם דאָזיקן „אַפּיקורסישן" פאַרבאַנד האָבן די אָרטאָדאָקסן, מיטן קראָקעווער רב ר׳ שמעון שרייבער אויבן־אָן (דעם הת"ם סופר׳ס צווייטער זון), געמאַכט אַ פאַרבאַנד „מחזיקי הדת", אַ געזעלשאַפט קריגערישע קלעריקאַלן און פאַנאַטיקער. דאָ איז נאָך געווען אַ דריטע גרופּע — אַסימילאַטאָרן משה־רבינו׳ס „פּאָליאַקן"; שפּעטער (די 80־ער יאָרן) האָבן זיי אַרויסגעשטופּט די אַלטע גערמאַנאָפילן. בכן זעען מיר, אַז אין גאַליציע קומט פאָר אַ שטרייט צווישן דער אַסימילאַציע (מיט דייטשן אָדער פּאָליאַקן) און דעם פאַרגליווערטן **רעליגיעזן** נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט זיך צופּאַסן צו די נייע פּאָליטישע און קולטורעלע אומשטאַנדן. קיין מאָדערנע נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע באַוועגונג איז נאָך נישט געווען. מ׳איז נאָך געווען פעסט זיכער, אַז אַלצדינג, וואָס איז יידיש־נאַציאָנאַל, קאָן נישט זיין פּראָגרעסיוו, און אַלץ, וואָס איז פּראָגרעסיוו, קאָן נישט זיין נאַציאָנאַל.

שטיל, אָן שטרייטערייען, איז צוגעגאַנגען דער פּראָצעס אַסימילאַציע אין **בעהמען** און אין **מעהרען** — די געוועזענע נעסטן פון תורה און ברייטער קהלה־אויטאָנאָמיע. די באַפרייטע תפוסים האָבן זיך אָפּגעטרייסלט נישט בלויז פון דער לייד פון דעם געטאָ, נאָר פון דער פרייד אויך. נאָכדעם ווי ס׳זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן די פּרעה־געזעצן, האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג אין בעהמען און אין מעהרען תחלת פאַרמערט (פון 108 טויזנט דאָס יאָר 1848 ביז 133 טויזנט דאָס יאָר 1869); שפּעטער איז זי שוין מער נישט געוואַקסן (דאָס יאָר 1880 איז סך־הכל געווען 138 טויזנט יידן). דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס יידן האָבן שטאַרק עמיגרירט פון די דאָזיקע פּראָווינצן קיין **ווין**, וואָס האָט זיך געעפנט פאַר יידן נאָך דער עמאַנסיפּאַציע. ווין האָט אויסגעזאַפּט די לעבעדיקסטע קרעפטן ביי דער פּראָווינץ. דאָס יאָר 1848 איז אין ווין געווען נישט מער פאַר 5 טויזנט יידן, דאָס יאָר 1860 איז שוין געווען 40 טויזנט און דאָס יאָר 1880—73 טויזנט. אין דער דייטשער קולטור־סביבה אין ווין איז דער נאַציאָנאַל־יידישער טיפּ נישט געבליבן, ס׳זענען אָפּגעווישט געוואָרן די סימנים פון אייגענע שטייגערס, וואָס מיט זיי האָט מען דערקענט דעם גאַליצישן, דעם

אונגאַרישן, דעם בעהמישן יידן. די ס ט י כ י ש ע אַסימילאַציע איז שטאַרקער געוואָרן פאַר דער אידייאישער. קודם־כּל האָט אַסימילירט די שול, די העכערע און די מיטעלע, וואָס די יידישע יוגנט האָט זיך אהין האַסטיק אַ לאָז געטון. ס'האָט געגומען שנעל וואַקסן אין ווין די צאָל געמישטע חתונות, דער שמד אויך. דער רעפאָרמיזם האָט אָנגעוואָרן זיין געוועזענעם רייץ. די מעסיקע ווינער רעליגיעזע רעפאָרם, ווי מיר קענען זי פון אַ תקופה פריער, איז גאָר געבליבן שטיין נאָך דער עמאַנסיפּאַציע. דער שטרייט צווישן נאָוואַטאָרן און אָרטאָדאָקסן איז דאָ גאָרנישט געווען דער קולטור־קאַמף, וואָס מיר קענען אים אין אונגאַרן און אין גאַליציע. די פּאַרטיי־שפּאַלטונג איז דאָ געגאַנגען לויט די שולן. אַ ר אָ ל ף י ע ל י נ ע ק (דעם פריערדערמאָנטן רעוואָלוציאָנערס ברודער) און מ אָ ר י ץ ג י ד ע מ אַ ן, ווינער ראַבינער און פריידיקער נאָך מאַנהיימערן, זענען געגאַנגען אין יענעמס וועג, געהאַלטן וואָג צווישן לעצט־רעפאָרמיזם און לעצט־אָרטאָדאָקסיע. ווינער קהלה, וואָס זי איז דאָס ערשטע מאָל אָפיציעל אָנערקענט געווען אויף דער דערמאָנטער אוידיענץ ביי פראַנץ־יוסף'ן דאָס יאָר 1849 (§ 37), האָט געהאַט אַ היפשע אויטאָנאָמיע (לויטן סטאַטוט דאָס יאָר 1852), געוויינטלעך נאָר אין רעליגיעזע ענינים.

§ 41. ליטעראַטור.

דעם שטרייט צווישן דער נייער און אַלטער קולטור זעען מיר אויך צו אין אַן אייגנאַרטיקער פאָרם אין דער העברעאישער ליטעראַטור, וואָס האָט אויפגע־לעבט אין עסטרייך אַ תקופה פריער (§ 19). די וויסנשאַפטלעכע קריטיק, וואָס נ. קראָכמאַל, ראַפּאָפּאָרט און אַנדערע האָבן פּאָרזיכטיק אָנגעווענדט צו דער גע־שיכטע פון יודאַאיזם, האָט שוין נישט געקאָנט צופרידנשטעלן די יונגע, וואָס האָבן געדענקט ראַדיקאַלער. די יונגע ליטעראַטור, וואָס אונגאַרישע און גאַלי־צישע אָרטאָדאָקסן האָבן זי געלייגט אין חרם אַריין, האָט זיך געלאָזט שטורמען די אַלטע פעסטונג יידישקייט, צעשטערט נישט בלויז דאָס אָפּגעלעבטע, נאָר פאַר איין וועג אַ סך לעבנספעאיקעס אויך. אַ געצייג איז דאָ געווען די „חכמת ישראל“ אויף דעם נייעם השכלה־העברעאיש. אין גאַליציע האָט זיך דער קריטי־ציזם געבויט אַ נעסט אין די יאָרביכער „החלוץ“, וואָס זענען אַרויס פון יאָר 1852 ביז 1880 מיט געוויסע הפסקות. דער רעדאַקטאָר, אַ בראָדער משכּיל אַ גמרא־קאָפּ, י ה ו ש ו ע ה ע ש ל ש אָ ר האָט זיך אונטערגעגאַרטלט אויף אַ שטרייט מיט רבנות און גמרא־יידישקייט. דאָס איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער אויפשטאַנד פון אַ מאַן, וואָס איז אַמאָל געווען געפּעגטעט ביים אַלטן פּלפּול און איצט ברעכט ער די קייטן. שאָרס און זיינע מיטאַרבעטערס קריטיק האָט נישט

געהאָלט וויסן פון קיין גרענעץ: זי האָט געגראָבן ביז אין די טיפסטע וואָרצלען פון תורה שבעל־פה, האָט געהאַקט נישט בלויז די צווייגן, נאָר דעם שטאַם פון דער תלמודישער טראַדיציע אויך. דאָ איז געווען אַ סך מער פּאָלעמישע היץ, איידער היסטאָרישער אַנאַליז. קעגן דער גמרא־ייִשקייט האָט מען דאָ געקעמפט אַזוי ווי קעגן אַ לעבעדיקן שונא; וואָרום חסידות אין גאַליציע איז באמת געווען דער פאַרביסנסטער פיינט, וואָס האָט געשטיקט יעדן פרייעם געדאַנק. דעם „החלוץ'ס" אָנפאַלערישע קריטיק האָט נישט קיין גרויסן וויסנשאַפטלעכן ווערט, וואָרום איר פעלט די היסטאָרישע פּערספּעקטיוו, זי האָט אַ פּובליציסטישן ווערט, דאָס איז אַ שטרייט פאַר אינטעלעקטועלער און רעליגיעזער עמאַנסיפּאַציע. פּראַקטיש קומט די דאָזיקע קריטיק צו דעם רעפאָרמיזם פון גייגער־גאָלדהיימס שניט, אָבער איר הויפּטצוועק איז פאַרפעסטיקן פרייגייסט, נישט די פּראַקטישע רעפאָרם פון דער רעליגיעזער ייִדישקייט. איינער פון די הויפּטמיטאַרבעטער פון שאָרס יאָרביכער, אברהם קראָכמאַל (1824—1895), איז אויפן קריטישן וועג אַוועק אַ סך ווייטער פאַר זיין באַרימטן פאָטער, דעם מחבר פון „מורה נבוכי הזמן". אַ ספּינאָזיסט און אַ קאַנטיאַנער, האָט קראָכמאַל דער זון געהאַלטן אין ייִדישקייט נאָר פון דער גרונד־אידעע — פון דעם עטישן מאָנאָטעאיזם. די דאָגמאַטיק און דאָס פּראַקטישע ייִדישקייט זענען לויט זיין מיינונג נאָך, נישט מער ווי די שאָלעכץ פאַר דער אידעע, און זיי זאָלן נישט בלייבן, ווי ווייט דער רעליגיעז־פילאָזאָפישער פאַרשטאַנד וועט זיך אויפקלערן; „קריטיש־דענקענדיקע" מענטשן מעגן זיך שוין פון זיי אויסטון. די פילאָזאָפיע פון דער ייִדישער געשיכטע דריקט קראָכמאַל אויס אַזוי: „די ירידה פון דער נאַציע (מלוכהשקייט) איז אַ עליה פאַר דער רעליגיע". ערשט ווען ייִדן האָבן אָנגעוואוירן די מלוכה און דאָס לאַנד, האָט זיך געקאָנט פריי אַנטפלעקן דער גייסטיקער תוך פון ייִדיש־קייט. דער גאַנצער זכות הקיום פונם ייִדישן פאָלק איז, וואָס דאָס פירט אויס אַ געוויסע שליחות — אויסצוהאַלטן דעם עטישן מאָנאָטעאיזם אין דער וועלט. א. קראָכמאַל פאַרמאָגט נישט די טיפקייט פון זיין פאָטער, און אין זיינע ווערק („דעת אלהים בארץ" „ירידת האומה" און אַנד.) איז ער נאָענט צו גייגערן, צו דעם פאַראיינפאַכטן ראַציאָנאַליסטישן קוק אויף יודאאיזם און ייִדישע געשיכטע.

אנשטאָט דעם רעליגיעז־פילאָזאָפישן ראַציאָנאַליזם, וואָס בשעתו איז דאָס געווען די השפעה פונם קאַמף, וואָס רעפאָרמיסטן האָבן געפירט קעגן אָרטאָ־דאָקסן, האָט סוף כל סוף געמוזט קומען דער וויסנשאַפטלעך־עוואָלוציאָניסטישער קוק אויף דער ייִדישער געשיכטע געבויט אויף אָביעקטיווער פאָרשונג. אין דייטשלאַנד זענען דערצו געקומען פראַנקעל און גרעץ, אין עסטרייך — א י י ז י ק ה י ר ש ו ו י י ס (1815—1905). ווייס האָט געלערנט אין ישיבות אין מעהרן און אין אונגאַרן, פונם יאָר 1864 אָן איז ער געווען לערער פון תלמוד אין ווינער ראַבינער־סעמינאַר („בית־המדרש"), ער האָט גרינדלעך געפאָרשט די

תּלמודישע און רבנישע ליטעראַטור לשמה, נישט מיט קיין שום פּאָלעמישן מיין. זיין „דור דור ודורשיו" אָדער „די געשיכטע פון דער יידישער טראַדיציע" (1871—1891) אין 5 בענד — דאָס איז אַ פּרוב צו אַנאַליזירן דעם גאַנצן מאַטעריאַל פון תּורה שבעל פּה פון עזרה הסופר ביזן סוף גלענצענדע תּקופה פון דער רבנישער ליטעראַטור אין שפּאַניע. ווייס גייט מיט דעם גאַנג, אַז תּורה שבעל פּה איז פון די עלטסטע צייטן אָן אַ צווילינג צו תּורה שבכתב, הונדערטער־יאָרנלאַנג איז תּורה שבעל פּה אויסגעוואַקסן פון פאָלקס־באַדערפנישן, ביז דאָס איז סוף כּל סוף אַליין אויך געוואָרן הייליקע ספרים. ווייס איז ווייט סיי פון גאָר מבטל מאַכן די תּלמודיש־רבנישע טראַדיציע, סיי פון מאַכן זי פאַר דעם העכסטן אויטאָריטעט. ווייס אַנאַליזירט אויספירלעך דעם אינהאַלט פון דער דאָזיקער טראַדיציע, אירע מעטאָדעס, און באַווייזט אירע אינעווייניקסטע געבונדנקייט, וואָס צייטנווייז פלעגט זי פאַראייניקן דאָס פאָלק, צייטנווייז שמידן דעם פאָלקס גייסט. ער האַלט שטאַרק פון תּלמוד און פון רבנישער ליטעראַטור, ווי ווייט זיי האָבן געענטפערט אויף לעבעדיקע פאָלקס־באַדערפענישן געוויסע צייטן, ער איז אָבער שאַרף קעגן זיי, ווי ווייט דערפון איז געוואָרן אַ פּלפּול־זאַך. דער „דור דור ודורשיו" איז געווען, אַזוי ווי גרעץ'ס און פראַנקעלס ווערק, דער פרישער שטראָם אין דער צעגליטער פּאָלעמישער אַטמאָספער אַרום דעם תּלמודיש־רבנישן יודאַאיזם און האָט אַ סך מיטגעהאָלפן, אַז אָנשטאָט פּאַרטיי־פּאָלעמיק זאָל מען דערצו צוגיין מיט אַ היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכער מעטאָדע.

אָבער מיט דער צייט טוט דער קולטור־קריזיס פון דער עמאַנסיפּיר־תּקופה אין עסטרייך דאָס זעלבע, וואָס מיר האָבן פריער צוגעזען אין דייטשלאַנד. העברעאיש, וואָס די טוער פון דער רענעסאַנס־תּקופה האָבן דאָס אַזוי געצערטלט, ווערט אָן די פּאָזיציעס און די ליטעראַטור ווערט פאַרדייטשט: ביי דער נייער יידישער אינטעליגענץ, ביי די לייענער, ווי ביי די שרייבער, איז שוין דייטש די מוטער־שפּראַך. אין גאַליציע האָט נאָך העברעאיש אַ חזוק, אָבער אין אַנדערע ערטער, דערהויפּט אין ווין, אינם גייסטיקן צענטער אין לאַנד, איז זעלטן ווער ס'שרייבט העברעאיש, סיידן ווייס, וואָס האָט געהאַט אין אויג לייענער דערהויפּט אין פּוילן און אין רוסלאַנד [1]). אַלע איבריקע געלערנטע, פּובליציסטן און בעלעטריסטן האָבן געשריבן אויף דייטש. אַדאָלף יעלינעק (1821—1893), ווינער פּרעדיקער, וואָס האָט פאַרעפענטלעכט אַ סך העברעאישע מאַנוסקריפּטן אין אָריגינאַל (אינם זאַמלבוך „בית המדרש" און אין אַנדערע), האָט געשריבן די אַריינפירן פון זיינע אייגענע פאָרשונגען אויף דייטש. די וויכ־

[1]) סמאָלענסקי'ס זשורנאַל „השחר", וואָס האָט זיך געדרוקט אין ווין פונם יאָר 1869 און, ווייט ניט אריין אין כּלל, ווארום דאָס האָט ארויסגעגעבן אַ רוסישער ייד כּמעט נאָר פאַר רוסישע יידן; דאָס געהער צו דער ליטעראַטור־געשיכטע פון רוסישע יידן (ווייטער, § 46)

טיקסטע ווערק זענען וועגן קבלה „Beiträge zur Geschichte der Kabbala“ „Moses de Leon“. מאָריץ גידעמאַן, ווינער ראַבינער פונם יאָר 1868 אָן, האָט געבראַכט פון דייטשלאַנד קיין עסטרייך די גרויסע מעטאָדע פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג. גרעץ'ס אַ תּלמיד פונם ברעסלער סעמינאַר, האָט ער פאַרגאַנצט דאָס מאָנומענטאַלע ווערק פונם באַרימטן היסטאָריאָגראַף מיט אויסגעצייכנטע מאָנאָגראַפיעס וועגן יידישער דערציונג און קולטור-געשיכטע אין מיטלאַלטער. („Jüdisches Unterrichtswesen während der spanisch—arabischen Periode“, (1873), אין דריי בענד: „Geschichte d. Erziehungswesen und d. Kultur der abendländischen Juden“, 1880—1888). — אין דעם דאָזיקן אָביעקטיוון ווערק פונם געזעצטן, מעסיק-ליבעראַלן היסטאָריקער איז נישט צו זען קיין שום שפּורן פון דעם אידעען-שטרייט זיין צייט. ערטערווייז נאָר איז דאָ צו באַמערקן אַפּאָלאָגישע טענדענצן — דאָס שטרעבן צו באַווייזן דער אויסערער וועלט די מעלות פון יודאַאיזם.

דער היפּוך פון גידעמאַנען איז דער אונגאַרישער רעפאָרמיסט, סעגעדינער ראַבינער לעאָפּאָלד לעוו (§ 18). זיין היציקער טעמפּעראַמענט האָט זיך נישט געקילט נאָך די שטורמדיקע 40-ער יאָרן אויך און האָט זיך געלאָזט פילן אַפילו אין זיינע וויסנשאַפטלעכע ווערק. לעוו, אַ היסטאָריקער אַ טעאָלאָג, האָט זיך אין זיינע אַרטיקלען אין „בן חנניה“ (אַ זשורנאַל אויף דייטש, סעגעדין 1858—1867) און אין ביכער געפּרובט באַנעמען די גאַנצע יידישע רעליגיעזע געשיכטע פון די גאָר-אַלטע חסידים ביז די נייע, פון דער „כנסת הגדולה“ אין יהודה ביזן פעסטער „קהלה-קאָנגרעס“, וואָס האָט צעשפּאַלטן דעם אונגאַרישן יידישן קיבוץ אויף צוויי טייל. ער פאַרטיפט זיך אין דער געשיכטע פון תּלמוד און פון דער ערשטער רבנישער ליטעראַטור און ווייזט, אַז דאָס איז נישט געווען קיין שטייענדיק וואַסער, נאָר ס'האָט זיך דורכאַנאַנד געענדערט, געביטן די פאָרם, — און דערום פאָדערט ער פרייהייט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם מאָדערנעם רעליגיעזן געדאַנק אויך. זיין וויסנשאַפט איז אויפן גרעניץ פון פּובליציסטיק. ביזן טויט (1875) איז ער געבליבן געטריי דעם געדאַנק וועגן מאַדיאַריזאַציע פאַר אונגאַרישע יידן און האָט געלייקנט אין דער איינִיקייט פון דער יידישער נאַציע. ער שרייבט וועגן דעם: „פראַנצויזישע יידן זענען פּונקט אַזוי פרעמד דייטשע יידן און דייטשע יידן—איטאַליענישע אָדער ענגלישע, אַזוי ווי קריסטן אין די דאָזיקע לענדער זענען זיך פרעמד“. וועגן „רוים און ירושלים“ זאָגט ער: „מיר האַלטן דעם מחבר'ס באַגריף וועגן אַ יידישער נאַציע פאַר אַ פּוסטן שאָטן: פון אַ געמיש דייטשע און גאַליצישע עלעמענטן ווערט נישט קיין נאַציע“. אַזוינס האָט געשריבן דאָס יאָר 1862 נישט איינער, וואָס איז פאַרפרעמדט צום יידנטום, נאָר אַ גרינדלעכער קענער פון אַלע קוועלן יידישע קולטור. ער האָט געלייקנט אין דער נאַציאָנאַלער איינהייט ביי יידן און האָט געגלויבט אין דער פעלזנשטאַרקייט אין דעם יידישן „רעליגיעזן קיבוץ“, וואָס איז צעשפּאַלטן אויף אַזוי פיל נאַציאָ-

גאַלע גרופעס, וויפיל ס'איז נאָר פאַראַן פעלקער אויף דער וועלט, וואָס אגג שלינגען זיי איין די דאָזיקע גרופעס. אַזוי שטאַרק איז געווען דער כשוף פון אַסימילאַציע.

דער כשוף האָט געווירקט אויף בעלעטריסטן יענע צייט אויך, ס'איז געווען אַ פאַרליבטשאַפט אין דער אַרומיקער קריסטלעכער סביבה. צוויי שרייבער האָבן דעמאָלט געמאָלט דאָס געטאָ־לעבן: לעאָפּאָלד קאָמפּערט (1822—1886) און קאַרל עמיל פראַנצאָז (1848—1904). דער ערשטער האָט געמאָלט זיין בעהמיש געטאָ, דער צווייטער דאָס גאַליציש געטאָ. קאָמפּערט איז אין די יינגע יאָרן אַרויס פון זיין אָרעמקן נעסט און זיך באַזעצט אינם רעשיקן ווין; פונם יאָר 1848 אָן ווערט ער אַן אָנגעזעענער דייטשער זשורנאַליסט און ער מאָלט דעם אַלטן שטייגער פון זיינע לאַנדסלייט: „Geschichten aus dem Ghetto“, 1848, „Böhmische Juden“, 1851; „Am Pfluge“, 1855, „Geschichten einer Gasse“ 1865 און אַנדערע נאָוועלן, וואָס האָבן באַצויבערט דעם לייענער מיט דעם פיין אידיליסטישן קאָלאָריט. אין קאָמפּערטס שטייגער־בילדער, באַשטראַלט מיט אַ שטילער בענקשאַפט פון יוגנט־זכרונות, געפינט איר שטענדיק אַ געזעלשאַפטלעכע אידעע, אויך אַזוי טרוימעריש. די ליבסטע טעמע אין זיינע נאָוועלן דאָס איז אַ ראָמאַן פון אַ יידן מיט אַ קריסטין אָדער פאַרקערט, און ער לאָזט זיך אויס אָדער מיט אַ צעשייד אָדער מיט אַ נצחון פון די פאַרליבטע. קאָמפּערט איז אַנטציקט פון געמישטע התונות, פון צענויפגיסן יידיש בלוט מיט קריסטלעכס, און מיינט נאַיוו, אַז ליבע קאָן אַ סך טון צו פאַרענטפערן די יידנפראַגע. ער האָט ליב איבערצולייגן בריקן איבער אַ היסטאָרישן תהום, וואָס צעשיידט די יידישע און די קריסטלעכע וועלט; ער טרוימט פון אַסימילאַציע און גלויבט דאָך, אַז יידן ווען פון דעם נישט פאַרשווינדן.

ביי פראַנצאָז'ן אין זיינע גאַליציע־בילדער געפינען מיר שוין נישט די אידיליע, נאָר טרויעריקע טראַגישע טענער. אין דער נאָוועלע „Die Juden von Barnow“, 1877 — זעען מיר די מלחמה צווישן פאָטערס און קינדער אין דער פאַנאַטישער חסידישער וועלט. אַ מיידל פערליבט זיך אין אַ הוזאַרן־אָפיציר און אַנטלויפט מיט אים פון דער היים (אַ סימבאָל פון אַ עמאַנסיפּירטער יידישער טאָכטער); דאָס דערשלאָגט דעם פרומען פאָטער און ער פאַרהאַקט די טיר פאַר דער זינדיקער טאָכטער, דערפאַר קריגט ער דעם נאָמען „באַרנאָווער שיילאָק“. אין דער נאָוועלע „אָן אָן אויפשריפט“ האָבן מיר אַ בילד, ווי אַ פאַנאַטישע עדה איז זיך נוקם אין אַ יונגער פרוי, דערפאַר וואָס זי קומט יום־כפור אין שול אַריין מיט די אייגענע האָר, אָן אַ פּאַרוק. אויפן עלנדן קבר מיט אַ מצבה אָן אַן אויפשריפט באַקלאָגט דער מחבר זיין פאָלק, וואָס די שווערע דיסציפּלין פון מנהגים איז אים אַמאָל בייגעשטאַנען אין נויט און וואָס איצט איז שוין צייט געווען צו וואַרפן אַזאַ פאַנצער נאָכדעם ווי „אין מערב־זייט איז שוין טאָג“ און די פלאָג איז שוין פאַרביי. פראַנצאָז פאַרקליידט אין אַ פּאָעטישן שלייער די

פריידענקער אין געטא, די גערודפטע אוריאל אקאסטאס, בכלל אלע, וואס פא־
סירן די חורבות פון אלטן יידנטום און פארבינדן זיך מיט דער „מענטשהייט",
ד. ה. מיט דער ארומיקער קריסטלעכער וועלט. א קולטור־עלע יציאת מצרים פון
האלב־אזיע (אזוי הייסט ביי אים גאליציע) אין דער ווייטער וועלט אריין צו
דער אייראפעאישער ציוויליזאציע — דאס איז זיין אידעאל. דעם ערשטן דור
עמאנסיפירטע יידן האט אזא פאראיינפאכט קעגנשטעלן די „פינסטערע" נאציא־
נאלע אפגעזונדערטקייט דעם „ליכטיקן" צונויפקומען זיך מיט דער מענשהייט —
אויסגעזען צו זיין א גרויסער היסטארישער אמת.

קאפיטל III.

דער איבערגאַנג צו רעפאָרמעס אין רוסלאַנד.

§ 42. די לעצטע יאָרן פונם אַלטן אומרעפאָרמירטן רוסלאַנד (1848 — 1855).

דער אָנהויב „צווייטע עמאַנסיפּאַציע" אין די מערב-לענדער — דאָס איז דער סוף פון דער תקופה רדיפות אין רוסלאַנד. דאָס איז געווען שוואַרצע זיבן יאָר אין לאַנד בכלל, בפרט נאָך פאַר יידן. דער אַבסאָלוטיזם, וואָס די מערץ-רעוואָלוציע האָט אים פאַריאָגט פון די מערב-לענדער, האָט זיך אָפּגערעכנט נאָך מיט מער אכזריות אין לאַנד, וואָס דעמס רעגירונג האָט געשמט פאַרן „זשאַנדאַרם אין אייראָפּע". וואָס אָפענער ס'האָט געווינען די פּאָליטישע פרייהייט אויף יענער זייט מערב-גרעניץ, דאָס שטאַרקער האָט געווילדעוועט די רעאַקציע אויף דער זייט. מ'האָט נישט געקאָנט דערשטיקן קיין פּאָליטישע מעשים, ווייל אַזוינע זענען בכלל נישט מיגלעך געווען ביי דער אויבער-השגחה פון דעם „דריטן אָפּטייל" (דער שמירה-אָפּטייל), האָט מען געשטיקט דאָס פרייע וואָרט, דעם פרייעם געדאַנק. די צענזור האָט געווילדעוועט, אויסגעוואָרצלט פון דער דער-שלאָגענער ליטעראַטור אַלצדינג, וואָס האָט נישט געשטימט מיט פּאָליצייאישן געדאַנק („בוטורלינס קאָמיטעט"), פּאָליטישער שפּיאָנאַזש האָט גענישטערט אין אַלע ווינקעלעך, אין אַלע שטילע קרייזלעך פון דער רוסישער אינטעליגענץ, וואָס האָט געהאַט די העזה צו טרוימען אין דער שטיל וועגן רעפאָרמירן דעם פּאָליטישן און סאָציאַלן רעזשים, און אַרויסגעריסן קרבנות פאַר דער תליה, פאַר קאַטאָרגע און קאַזאַרמעס (די מעשה-„פּעטראַשעווצעס"). מיט אַזוינע פּלאָגן און אָנשיקענישן האָט מען דערהאַלטן דעם אַלטן רעזשים אין אַ לאַנד פון ביוראָ-קראַטיע און פאַנשטשיזנע די דאָזיקע יאָרן. אַפילו אַזאַ פּאַטריאָטישער פּאָעט, אַ סלאַוויאַנאָפיל, ווי כאָמיאַקאָוו, האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע רייד פאַר דעם רעזשים, ווי: „אין די געריכטן הערשט דער שקר שוואַרץ, דאָס לאַנד איז פול מיט קנעכטשאַפט, מיט מיאוסער חניפה, מיט גיפטיקער פאַלשקייט און ווי נאַר אַ נידעריקייט".

מער פֿאַר אַנדערע האָבן פֿון דער דאָזיקער קנעכטשאַפֿט און שוואַרצן שקר געליטן יידן, דער געפּלאָגטסטער טייל רוסישע אונטערטאַנען. דער סוף פֿון ניקאָלאַיס רעגירן איז געווען פֿאַר יידן פּונקט אַזוי פֿינסטער, ווי דער אָנהויב די מיטלסטע תּקופֿה פֿון כּלומרשט „רעפֿאָרמעס" אָנהויב די 40-יאָרן האָט נישט פֿאַרפֿירט דאָס פֿאָלקס-געפֿיל: אין „תּחום" האָט מען געזעען נישט נאָר די האַנט מיטן טייטל פֿון „קאַזיאָנער" בילדונג, נאָר די אַנדערע האַנט אויך מיטן שטעקן, מיט די ערגסטע פּלאָגן. אינגיכן האָט די רעגירונג אַראָפּגעוואָרפֿן די מאַסקע פֿון קולטור-מאַכעריי און האָט גענומען אויספֿירן די רעזערוו-פּראָגראַם, „אויסלייטישן" יידן מיט פּאָליציי-מיטלען. דער הויפּטפּונקט פֿון דער דאָזיקער פּראָגראַם איז געווען די גזרה פֿון „ראַזריאַדן" („ראַזבאָר"): אַלע יידן, וואָס האָבן נישט קיין געוויסן פֿאַרמעג און קיין באַשטימטע פּראָפֿעסיע זאָלן גילטן אַלס „בראָדיאַגעס" און זיי זאָלן באַהאַנדלט ווערן אַלס פֿאַרברעכער. אַן אָנזאָג דערויף איז שוין געווען דאָס יאָר 1846, און דעמאָלט נאָך האָט דער גענעראַל-גובערנאַטאָר וואָראָנצאָוו געוואָרנט קעגן „אַזאַ בלוטיקער אָפּעראַציע אויף אַ גאַנצן קלאַס" (§23). מ'האָט דעמאָלט געמעלדעט יידן, זיי זאָלן זיך איילן פֿאַרשרייבן אין די געהעריקע צעכן און שטאַנדן, „אַנדערש, וועט די רעגירונג אַליין מאַכן דעם איינטייל", ד. ה. „זי וועט אויסטיילן די יידן, וואָס טוען נישט קיין פּראָדוקטיווע אַרבעט און וועט זיי באַגרעניצן אין די רעכט, אַלס לעסטיקע מענטשן פֿאַר דער געזעלשאַפֿט". דאָס אָנשרעקן האָט נאַטירלעך נישט געהאָלפֿן: וואָס האָט דען געזאָלט טון אַ רעכטע העלפֿט יידן, וואָס רעכטלאָזיקייט און די עקאָנאָמישע לאַגע בכלל האָט פֿון זיי געמאַכט לופֿטמענטשן? ווי אַזוי זאָלן זיי דאָס קומען צו פֿאַרמעג און צו באַשטימטע פּראָפֿעסיעס? און דאָך האָט דער צאַר באַשטעטיקט די „דערווייליקע תּקנות וועגן איינטיילן יידן" (23 נאָוועמבער 1851). יידן האָט מען איינגעטיילט אין פֿינף קאַטעגאָריעס („ראַזריאַדן"): סוחרים, ערדאַרבעטער, בעלי-מלאכות, שטאָטישע („מעשטשאַנעס") איינגעזעסענע און נישט קיין איינגעזעסענע. צו די ערשטע דריי קאַטעגאָריעס האָבן געהערט די, וואָס זענען געווען פֿאַרשריבן אין די געהעריקע צעכן און שטאַנדן; „איינגעזעסענע שטעטישע" — דאָס זענען אַזעלכע, וואָס האָבן אַ נחלה אָדער זיי באַשעפֿטיקן זיך מיט „שטעטישן האַנדל" אויף געווערב-שיינען, און רבנים אויך; די גאַנצע איבעריקע מאַסע געהער צו די „נישט-איינגעזעסענע שטעטישע", פֿון זיי דאַרף מען נעמען אַמײַסטן רעקרוטן און זייערע רעכט זאָלן נאָך מער פֿאַרשמעלערט ווערן אַפֿילו אַקעגן די ערשטע פֿיר קאַטעגאָריעס יידן. די דאָזיקע אָרעמע מאַסע לופֿטמענטשן האָבן געזאָלט נאָך מער געפּלאַגט ווערן, אַלס אַ קלאַס אויסוואורפֿן. ביזן 1-טן אַפּריל 1851 האָבן יידן פֿון די ערשטע פֿיר קאַטעגאָריעס געזאָלט מעלדן דער אָרטיקער אַדמיניסטראַציע זייערע געהעריקע דאָקומענטן; ווער ס'וועט דאָס נישט טון, דעם פֿאַררעכענט מען אין דער פֿינפֿטער פֿאַרברעכערישער קאַטעגאָריע „נישט-איינגעזעסענע שטעטישע". אין דער קורצער צייט האָבן יידן נישט באַוויזן

צוצושטעלן קיין דאָקומענטן, און אויף די גענעראַל־גובערנאַטאָרס איניציאַטיוו האָט מען דעם טערמין פאַרלענגערט ביז האַרבסט, אָבער צו דעם טערמין איז דאָס אייגטיילן יידן אין קאַטעגאָריעס נאָך אַלץ נישט געווען פאַרענדיקט. די רעגירונג האָט שוין געגרייט פּלאַנען און אָנשיקענישן פאַר די „לײדיקגייער": פּאָליציי־השגחה און צוואַנג־אַרבעט אויך. אין מיטן אַזאַ וויכטיקער אַרבעט איז אָנגעלאָפן די קרימער מלחמה און האָט אָפּגעריסן די רעגירער פון דער מלחמה קעגן יידן. אָבער עטלעכע יאָר דורכאַנאַנד איז דער שרעק פון קאַטעגאָריעס געהאָנגען איבער צענער טויזנטער מענטשן, און אַ זכר איז דערפון געבליבן אין פאָלקסליד: „אוי אַ צרה אַ גזרה מיט די ראַזריאַדן".

דעמזעלבן אומזיסטיקן טומל האָט די רעגירונג אָנגעמאַכט מיט נאָך אַ פּונקט פון איר אַסימיליר־פּראָגראַם, אַז יידן זאָל פאַרווערט זיין זייער אַלטע טראַכט, זיי זאָלן טראָגן אַ רוסישן אָדער אַ דייטשן פאַסאָן קליידונג. דעם 1־טן מאַי 1850 איז אַרויס אַ קורצער צאַרישער באַפעל, אַז פונם 1־טן מאַי 1851 איז יידן פאַרווערט צו טראָגן זייער קליידונג: עלטערע יידן קאָנען פועל'ן ביים גענעראַל־גובערנאַטאָר פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל זיי זאָלן מעגן אָפּטראָגן זייערע קליידער. מ'האָט נישט פאַרגעסן קיין פאות אויך: אויס פאות! אין אַ יאָר אַרום האָט מען זיך דערמאָנט אין יידישע פרויען אויך: „דער קייזער האָט אַלער־העכסט באַוויליקט צו הייסן פאַרווערן יידישע פרויען גאָלן די קעפּ צו דער חתונה" (אַפּריל 1851). שפּעטער איז געווען אַ פירוש דערצו, אַז אַ פרוי פאַר גאָלן דעם קאָפּ צאָלט 5 רובל שטראָף. דער רב, וואָס האָט אַזוינס דערלאָזט, ווערט אָנגעקלאָגט אין געריכט (אָקטאָבער 1852). יידן סיי מענער, סיי פרויען, האָבן געוויינטלעך נישט געפאָלגט: נישט מענער האָבן זיך געוואָלט אָפּגעזעגענען מיט דער יידישלעכער קאַפּאָטע, נישט ביי פרויען האָט מען געקאָנט פועלן גיין מיט די אייגענע האָר, בכן האָט די אַדמיניסטראַציע געהאַט אַרבעט. די גענעראַל־גובערנאַטאָרס און גובערנאַטאָרס האָבן זיך שטאַרק אַריינגעטון אין דער זאַך. באַאַמטע האָבן געהיט די טריט, אויסגעשפּירט די ווידערשפּעניקע און זייערע מיטשולדיקע,—די רבנים, אַפילו שערערינס אויך, וואָס האָבן געגאָלט ווייבערשע קעפּ. פּאָליציי האָט רעווידירט פרויען, צי האָבן זיי נאָך האָר אונטער די פּאַריקן אָדער שלייערס. ס'האָבן נישט געפעלט קיין קאָמישע און קיין מיאוסע אויפטוען אויך. פּאָליציי האָט געשווירן יידן פאות אין גאַס, אונטערגעהאַקט קאַפּאָטעס. די „ווידערשפּעניקייט" איז דערהויפּט שטאַרק געווען אין פוילן: די חסידישע מאַסע איז גרייט געווען גיין אויף קדוש השם פאַר יעדן יידישן אייגנפּיר. לאַנג נאָך האָט געדויערט דער קאַמף, אָבער אויסגעפירט האָט די מאַסע. אויב שפּעטער זעען מיר, אַז יידן האָבן זיך גענומען קליידן אייראָפּעאיש, איז דאָס שוין מיטן גוטן ווילן מחמת מ'איז שוין דערוואַקסן צו אייראָפּעאישקייט, אָבער נישט מחמת מורא פאַר פּאָליציי. די צוואַנג־אַסימיליאַציע מיט דער קליידונג איז דאָ געווען פונקט דער היפוך פון דער מיטלאַלטערישער סיסטעם: דאָרט האָט מען געוואָלט

ידן אָפּזונדערן מיט דער קליידונג, יידן זאָלן טראָגן די שפּיציקע היטל און די „געלע לאַטע״,— אָבער בעצם שטעקט איןביידע פאַלן חוזק און גוואַלט-צוואַנג.

אין איין פּרט האָט די מאַכט זיך געקאָנט פאַרמעסטן און שטיקן יידן וויפיל זי האָט געוואָלט — דאָס איז רעקרוטן-נעמען. דער דאָזיקער אָריגינעלער אויפטו פון דער רוסישער רעגירונג, וואָס האָט געזאָלט שטראָפן און אויסלייטישן יידן, דאָס „כאַפּן״ דערוואַקסענע און קינדער, דער רעזשים קאַנטאָניסטן, דאָס פאַרשיקן אויף אַ האַלב לעבן (25 יאָר) און מער אין דער ווייטער ווייט — דאָס אַלץ איז שוין געוואָרן נישט צו דערטראָגן. ניקאָלאַי׳ס רעקרוטשינע איז געווען אַ גרויל אַפילו פאַר׳ן רוסישן פּויער; אין די זכרונות פון יענעם דור שרייבער איז דערפון געבליבן אַ בילד ווי פון אַ קאַטאָרגע אויפן גאַנצן לעבן. פּויערים פלעגן אַנטלויפן פון רעקרוטן און זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער, בפרט נאָך האָט דער גרויל באַדאַרפט זיין שרעקלעך פאַר יידן, וואָס פון זייערע געזינדן האָט מען אויסגעריסן סיי יונגע פאָטערס, סיי קליינע קינדער. פון דער דאָזיקער קאַטאָרגע האָט מען זיך געזוכט אייסדרייען מיט אַלע מעגלעכקייטן. גובערנאַטאָרס פלעגן מיטטיילן אין זייערע ראַפּאָרטן „וועגן דער אומגעהייערער שווערקייט אויסצופירן די רעקרוטן-פליכט ביי יידן״. אין איין אַזאַ ראַפּאָרט פונ׳ם יאָר 1850 געפינען מיר אַזוי: „חוץ מאַכן זיך מומים, וואָסערע מ׳קאָן נאָר צוקלערן, איז געוואָרן אַ געוויינטלעכע זאַך, אַז אַלע יידן, אָן אויסנאַם, וואָס טויגן צו דער דינסט, באַהאַלטן זיך אויס; ס׳טרעפט זיך אָפט, אַז צום רעקרוטן-מאָל געפינט מען נאָר קאַליקעס, אָדער אַזוינע, וואָס טויגן נישט לויט די יאָרן; און קיין איינעם נישט, וואָס זאָל טויגן צו דער דינסט; אייניקע אַנטלויפן קיין אויסלאַנד, אַנדערע באַהאַלטן זיך אויס אין די נאָענטע גובערניעס״. מ׳פלעגט זיך יאָגן נאָך די אויסבאַהאַלטענע אַזוי ווי נאָך חיות: „זייער לעבן איז געווען ערגער פון קאַטאָרגע״, וואָרום די ביינדסטע מסירה האָט זיי געקאָנט אומברענגען. אַ סך פלעגן זיך מאַכן פאַר קאַליקעס, אַבי נישט אַריינפאַלן פאַר קיין רעקרוט: מ׳פלעגט זיך אָפּהאַקן פינגער, זיך בלינד מאַכן אָדער מאַכן זיך אַנדערע מומים. „די ציטערדיקסטע מוטער פלעגט אונטערשטעלן אַ פינגער פונ׳ם ליבסטן קינד אונטערן מעסער פון אַ היימישן אָפּעראַטאָר״ — אַזוי געפינען מיר וועגן דעם אין די זכרונות פון יענער צייט. דער פועל-יוצא איז געווען — אַ גרויסער רעקרוטן-„דעפיציט״, וואָס דערפאַר האָבן די קהלות געטראָגן אחריות. אין פּעטערבורג איז מען יעדעס מאָל אויפגעבראַכט געווען פון אַזוינע ראַפּאָרטן וועגן רעקרוטן-נעמען. דאָס, וואָס מענטשן האָבן זיך נישט געקאָנט צעשיידן כמעט אויף אייביק מיט אייגענע און נאָענטע, וואָס עלטערן האָבן נישט געוואָלט צופּגעבן זייערע קינדער אויף פּלאָג און אויף שמד — אין דעם האָט מען איינגעזעען אַ פאַרברעכערישן ווילן. בכן האָט מען צו די פריערדיקע מיטלען צו „פאַרהיטן״ און „אָנלערנען״ צוגעקלערט נייע. דעצעמבער 1850 האָט דער צאַר געהייסן: פאַר יעדן אויסגעפעלטן יידישן רעקרוט זאָל מען נעמען פאַר סאָלדאַטן דריי יידן נישט יונגער פאַר 20 יאָר;

פאַר יעדע 2 טויזנט רובל נישט דערצאָלטן שטייער, זאָל מען נעמען אַ רעקרוט. אַ יאָר שפּעטער (דעם 22 אָקטאָבער) האָט מען אויפגעטון נייע אכזרישע כּללים „צו פאַרהיטן, יידן זאָלן זיך נישט אויסבאַהאַלטן פון רעקרוטן־דינסט": אַנטלאָפענע זאָל מען כאַפּן, שמייסן מיט ריטער און אָפּגעבן פאַר סאָלדאַטן נישט אין חשבון; שטראָפן די קהלות, וואו זיי באַהאַלטן זיך אויס; אָנשטאָט די אויסגעפעלטע רעקרוטן זאָל מען אָפּגעבן זייערע קרובים, אפילו פאַמיליע־מענטשן, אָדער קהל'ישע שטייער־זאַמלער און גבאים, אויב זיי האָבן נישט באַוויזן קיין פּינקטלעכקייט ביים צושטעלן רעקרוטן („די געשטראָפטע"). אין די קהלות האָט זיך געשטעלט אַן אמתער טעראָר נאָך אַזוינע באַפעלן. קהל־לייט (אַלס שטייער־אויפמאָנער זענען זיי געבליבן נאָכדעם ווי מ'האָט אָפּגעשאַפט קהל אויך) האָבן געהאַט פאַר זיך איינס פון דיביידע: „אָדער ווערן גזלנים, אָדער קדושים" (ווי איינער האָט זיך אויסגעדריקט יענע צייט): אָדער כאַפּן און פירן צו די רעקרוטן־אויפנעמער יעדעס יינגל, וואָס טרעפט זיך פאַרן אויג, אָדער אַליין אַריין אין „גרויען געוואַנט" און גיין פאַר אַ סאָלדאַט אַלס „געשטראָפטער". אין „תחום" איז געוואָרן אַן אמת געיעג אויף מענטשן: מ'פלעגט כאַפּן דערוואַקסענע, מ'פלעגט אָפּגעבן פאַר רעקרוטן איינציקע שפּייזער פון דער פאַמיליע, מ'פלעגט כאַפּן 8־יאָריקע קינדער און זיי מאַכן פאַר 12־יאָריקע; און דאָס אַלץ האָט דאָך נישט געהאָלפן: ס'האָט נישט געקלעקט קיין רעקרוטן, און „געשטראָפטע" קהל־לייט זענען געווען אַ היבשע צאָל.

אַ ביטערער יאָמער און וויי־געשריי איז געשטאַנען אין די גאַסן פאַר די פּריסטאַטוויעס, עלטערן און אייגענע האָבן זיך געזעגנט מיט קינדער, וואָס מ'פאַרשיקט זיי אויף אייביק פאַר סאָלדאַטן. די רעגירונג האָט זיך אָבער נאָך אַלץ נישט געקילט; דאָס יאָר 1853 האָבן זיי אַרויסגעגעבן „אויף אַ פּראָבע" נייע דערוויליקע כּללים: קהלות און איינצלנע מענטשן מעגן „צושטעלן פאַר זיך פאַר רעקרוטן יידן, וואָס מ'כאַפּט זיי אָן פּעסער", אַפילו פון אַנדערע שטעט. ווער ס'האָט זיך געלאָזט אָן אַ פּאַס פון דערהיים, האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז ווער ס'וויל נאָר וועט אים כאַפּן און אים אָפּגעבן פאַר אַ סאָלדאַט אָנשטאָט אַ רעקרוט פון זיין פאַמיליע. אַזאַ געכאַפּטן („פּאָימאַניק") האָט מען שטענדיק אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט וויפיל ער זאָל נישט אַלט זיין; דער כאַפּער האָט ד'ערפאַר געקריגן אַ קוויטאַנציע, אַז ער האָט צוגעשטעלט אַ רעקרוט. איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי געיעג; חוץ קהל'שע כאַפּערס, זענען געוואָרן נייע פּריוואַטע כאַפּערס, וואָס האָבן געוואָלט דערמיט אויסקויפן זיך אָדער אַ גליד פון זייער פאַמיליע אָדער סתם פאַרדינען אויף אַ קוויטאַנציע. ס'זענען געוואָרן כּנופיות יידן־באַנדיטן, וואָס האָבן געשנאָרט אויף וועגן און שטעגן, האָבן מיט גוואַלד אָדער מיט שווינדל אָפּגענומען די פּעסער ביי דורכפאָרער און האָבן זיי צוגעשטעלט אין פּריסטאַטוויע פאַר „פּאָימאַניקעס". קיינמאָל זענען יידן נאָך נישט בעקומען צו'ן אַזאַ דעמאָראַליזאַציע און דאָס האָבן זיי צו פאַרדאַנקען דער רע־

גירונג. איינער האָט געקוקט אויפן צווייטן אַזוי ווי אַ וואָלף. מ׳האָט מורא געהאַט
די נאָז צו ווייזן אונטער דער שטאָט; ווען מ׳האָט נאָר באַגעגנט, האָט מען
געהאַלטן פאַר אַ כאַפּער אָדער פאַר אַ באַנדיט. די רעקרוטן־אינקוויזיציע האָט
דערלאַנגט די העכסטע מדרגה פייניקונג, זי האָט אָנגערייצט איין יידן אויפן
אַנדערן און פאַראומווערדיקט דעם פאָלקס נשמה...

דאָס איז געווען די צייט פון קרימער מלחמה. די אַרמיי, וואָס 30 יאָר
האָט זי געקאָסט אַזויפיל מענטשן קרבנות, איז איצט געגאַנגען ראַטן „רוסלאַנדס
כבוד", דעם אַלטן רעזשימס כבוד. איין דיוויזיע נאָך דער אַנדערער זענען גע־
גאַנגען פון דער טיף רוסלאַנד קיין דרום אויף די שלאַכט־פעלדער. אַזוי ווי
אָקסן צו דער שחיטה, אַקעגן ענגלענדער און פראַנצויזן, וואָס האָבן געוויזן, אַז
צו נצחונות פאַרשפּאָרט מען אַ רוסישע רעקרוטשינע, מ׳פאַרשפּאָרט פייניקן
קינדער קאַנטאָניסטן. דער „זשאַנדאַרם אין אייראָפּע", באַוואָפנט פון קאָפּ ביז
פיס, וואָס האָט מיט פאַראַכטונג געשראָקן „מיט איין האַנט" איבערקערן
דעם שונא, איז געבליבן געפלעפּט אַקעגן דעם „צעפוילטן מערב". טויזנטער
רוסישע סאָלדאַטן זענען געפאַלן אונטער סעוואַסטאָפּאָלער ווענט. אויף די
אינקערמאַנער בערג; הונדערטער יידישע סאָלדאַטן האָט מען דאָ באַגראָבן אין
„ברידער־קברים". יידן, קנעכט ביי דעם אַלטן רעזשים, האָבן בלוט פאַרגאָסן
פאַרן פאָטערלאַנד, וואָס האָט קעגן זיי מלחמה געהאַלטן 30 יאָר. איינגיכן איז
קלאָר געוואָרן, אַז די אומגליקלעכע קרבנות אונטער סעוואַסטאָפּאָליער ווענט
האָבן אַנטפּלעקט רוסלאַנדס שאַנד, נישט קיין גרויסקייט. און דאָ פון אונטער
דעם חורבן פון דער אַלטער קנעכטישער מלוכה האָט אָנגעהויבן שפּראָצן אַ
זאָמען פון אַ ניי רוסלאַנד.

צו דעם דאָזיקן שרעקלעכן בילד, דער סוף פון ניקאָלאַי׳ס פירונג זאָל
נישט פאַרשעמען דעם אָנהויב. האָט נאָך געפעלט אַן עלילת־דם אַזוי ווי
וועליזשער בלבול. איז דאָס געוואָרן. דעצעמבער 1852 און יאַנואַר 1853 זענען אין
סאַראַטאָוו פאַרפאַלן געוואָרן צוויי רוסישע יינגלעך פאָקסקינדער; די טויטע האָט
מען געפונען אין 2—3 חדשים אַרום מיט סימנים פון פייניקונג און מילה. דאָס לעצטע
האָט געבראַכט די פאָרשער צום געדאַנק, אַז יידן זענען באַגאַנגען דעם פאַרברעך־
אין סאַראַטאָוו, אויסער דעם „תחום", איז דעמאָלט געווען אַ קליינע יידישע קאָלאָניע־
באַשטאַנען איז זי אינגאַנצן פון פיר מנינים זעלנער אין אָרטיקן גאַרניזאָן און
עטלעכע „פרייע" יידן הענדלער און בעלי־מלאכות, וואָס האָבן מיט פּאָליציים
חסד געלעבט אין דער פאַרווערטער שטאָט ביי דער וואָלגע; געווען איז דאָ אויך
עטלעכע משומדים. אויף דער דאָזיקער קאָלאָניע האָבן עס די אויספאָרשער
געוואָרפן אַן אויג, פול מיט חשד. פון פעטערבורג איז אַראָפּגעקומען אַ באַאַמ־
טער דורנאָוואָ, און אַלס אָנפירער פון דער אויספאָרשונג האָט ער אַלע אונטער־
זוכן געלאָזט אויפן וועג פון אַ בלוט־בלבול. ס׳האָבן זיך גלייך געפונען עדות

פון צווישן אומוויסנדיקע אָדער אומערלעכע מענטשן, וואָס זענען געווען אונטער דער ווירקונג פון דער יעזואיטישער לעגענדע. אַ זעלבער באָגדאַנאָוו, עפּעס אַ גע־ונד׳ניק, און אַ גובערניע־באַאַמטער אַ שיכּור קריוגער האָבן באַוויזן, אַז זיי זענען אַליין בייגעווען בעת יידן האָבן געצאַפּט בלוט פון די דערהרגעטע יינגלעך. זיי האָבן אויך אָנגעגעבן די הויפּטשולדיקע אינם מאָרד: דאָס זענען דער מוהל פון דער אָרטיקער יידישער קאָלאָניע, זעלבער שליפּערמאַן; דער פרומער פּעל־העגדלער יאַנקעל יושקעוויטשער און זיין געשמדטער זון. די אונ אַנדערע אָנגעקלאָגטע האָט מען פאַרשפּאַרט אין געפענגעניש, מ׳האָט זיי אינקוויזיטאָריש געטון פאַרהערן, אָבער אַלע האָבן זיי מיט אויפרעגונג געלייקנט, זיי זאָלן האָבן אַ שייכות צום מאָרד און אָפּגעוואָרפן די געמיינע ריטועלע בבא־מעשה בכלל. די אויספאָרשונג האָט זיך אַלץ מער געפּלאָנטעט, פאַרכאַפּט נייע מענטשן, און אין יולי 1854 האָט ניקאָלאַי דער I־טער באַפוילן, עס זאָל באַשטימט ווערן אַ באַזונדערע „יורידישע קאָמיסיע", וואָס זאָל נישט אַליין דעם געגעבענעם פאַרברעכן אויפדעקן, נאָר אויך „אויספאָרשן די יסודות פון די רעליגיעזע רציחות ביי יידן." פון דער לעצטער טעאָרעטישער אויפגאַבע װעגן האָט מען דאָס יאָר 1855 געמאַכט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע ביים מיניסטעריום פאַר אינעווייניקסטע ענינים. אין דער דאָזיקער קאָמיסיע זענען געזעסן טעאָלאָגן און העברעאיש־קענער, צווישן זיי אויך דער געטויפטער פּראָפעסאָר ד. כוואָלסאָן, וואָס האָט וויסנשאַפטלעך דערוויזן, אַז די ריטועלע לעגענדע האָט קיין שום גרונט נישט. צוויי יאָר האָט די יורידישע קאָמיסיע געפאָרשט די זאַך און נישט געפונען קיינע שום באַווייזן קעגן די אָנגעקלאָגטע; זי האָט דאַן באַשלאָסן זיי באַפרייען, נאָר „האַלטן אונטער אַ פאַרשטאַרקטן חשד" (1856).

דאַן איז שוין געווען קייזער אַלכּסנדר דער II־טער, די נאַכטשרעקן פון דער פאַרגאַנגענער תּקופה האָבן שוין אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן, עס איז אויפגעגאַנגען די זון פון באַנייאונג. אָבער די אַלטע אַבערגלויבנס האָבן זיך נאָך פעסט געהאַלטן אין די מוחות פון אַ סך ביוראָקראַטן, און דעריבער איז ווען די רעוואָלוציע פון דער יורידישער קאָמיסיע איז געקומען צום סענאַט, האָבן זיך דאָרטן אָנגעהויבן חילוקי־דעות. דער ענין איז דאַן אַריבער אין מלוכה־ראַט. דאָ האָבן די הויכע באַאַמטע געמאַכט אַ פּשרה: זיי האָבן יוצא געווען אי קעגן דעם מיטלאַלטערישן אַבערגלויבן אי פאַרן מוז נאָכצוגעבן דעם מאָדערנעם גייסט. עס האָט געהייסן: זיי גייען נישט אריין אין דער עצם „פראַגע, וואָס איז נאָך אַלץ נישט פאַרענטפערט, צי יידן באַנוצן קריסטלעך בלוט", אָבער „אָן שום ספקות אָנערקענען זיי, אַז דאָס פאַרברעכן גופא עקזיסטירט", זיי דערקלערן עס מיט רציחישע רעליגיעזע טעמים און איפּן גרונט פון די געפונענע שפּורן פון מילה ביי די טויטע יינגלעך — באַשולדיקן זיי אין דעם יידן. דער מלוכה־ראַט האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק פונם אינעווייניקסטן ווידערשפּרוך אין זיין רעזאָלוציע, עס האָבן אויך נישט געהאָלפן די ערנסטע טענות פונם ליבעראַלן יוס־

טיץ־מיניסטער זאַמיאַטין; שליפּערמאַנען און דעם אַלטן יושקיעוויטשער'ן מיטן זון האָט מען געפונען פאַר שולדיק, און דער מלוכה־ראַט האָט זיי פאַרמשפּט צו קאַטאָרגע; אַלכּסנדר דער II האָט אין מאַי 1860 דעם פּסק־דין באַשטעטיקט. פאַרשטייער פון פּעטערבורגער קהלה (באַנקיר י. גינזבורג און אַנד.) האָבן זיך געווענדעט צום צאַר מיט אַ ביטע, מ'זאָל אָפּשטעלן דעם פּסק־דין ביז די קאָמיסיע געלערנטע וועט ענטפערן אויף דער פראַגע, צי זענען ריטועלע מאָרדן אין הסכּם מיט די יסודות פון יודאַאיזם. דער פאָרזיצער פון מלוכה־ראַט פירשט אָרלאָוו האָט אָבער דעם קייזער פאַרגעשטעלט די זאַך אַזוי: מיט זייער בקשה זענען יידן אויסן „נאָר אָפּצושלעפּן אויף אַן אומבאַשטימטע צייט דעם באַשלוס איבערן עניין, וואָס אַלע זייערע מיטגלויביקע זענען צו אים שייך". אָרלאָוו איז באַשטאַנען, אַז די שטראָף זאָל תּיכף אויסגעפירט ווערן, און דער קייזער האָט אים געגעבן גערעכט. נאָך אַכט יאָר תּפיסה זענען די אויסגעמאַטערטע „פאַרברעכער" נישט געווען בכּוח צו גיין אויף קאַטאָרגע; דער אומשולדיקער מאַרטירער דער זקן יושקיעוויטשער האָט זיך נאָך משך זיבן יאָר געפייניקט אין טורמע. דאָס יאָר 1867 האָט אַלכּסנדר דער II־טער פאַרבראַכט אין פּאַריז, און קרעמיע, דער פאָרזיצער פון יידישן „אַליאַנס", האָט זיך צו אים געווענדעט מיט דער בקשה דערבאַרימען זיך אויפן אומגליקלעכן יושקעוויטשער; ערשט דאַן האָט אַלכּנסדר II באַפוילן אים צו באַפרייען. אָט אַזוי האָט זיך עס די ירושה פון חושכדיקן עבר אַריינגעריסן אינם אויסגעלייטערטן לעבן פון נייעם רוסלאַנד, וואָס האָט איבערגעלעבט „אַ תּקופה פון גרויסע רעפאָרמעס".

§ 43. צען יאָר רעפאָרמעס (1855—1865).

די קרימער מלחמה האָט אַנטפּלעקט די גאַרע צעפוילטקייט פונם אַלטן רעזשים; אין רוסלאַנד האָט זיך דערשפּירט אַ שטאַרק שטרעבן צו באַנייען דאָס לאַנד, ס'האָט געהאַלטן ערב באַפרייען פּויערים, ערב אַנדערע רעפאָרמעס. ביי אַזאַ לאַגע וואָלט נאַטירלעך געווען, אַז די יידן־פראַגע זאָל דאָ גלייכגעשטעלט ווערן מיט די וויכטיקסטע רעפאָרמעס. אַ מלוכה, וואָס באַפרייט זיך פון קנעכט־אייגנס, האָט געזאָלט באַפרייען אירע האַלב־פאַרשקלאַפטע אויך,—דריי מיליאָן יידן, וואָס דער אַלטער רעזשים האָט געהאַלטן אין איין דריקן און שטיקן. ס'איז אָבער נישט אַזוי געווען: די יידן־פראַגע אין איר גאַרן פאַרנעם, יידישע בירגערלעכע גלייכבאַרעכטונג, איז נישט געשטעלט געוואָרן צווישן די גרויסע רעפאָרמעס. די פראַגע איז אָפּגערוקט געוואָרן אויף שפּעטער, מ'האָט זי באַהאַנדלט גלידערווייז; מ'האָט נאָכגעלאָזט טראָפּנווייז. אין אַלע דעמאָלטדיקע „גנאָד־רעפאָרמעס" האָט געשטעקט אַ פעסטער מיין: נישט ווייטער פאַר אַ געוויסן גבול; פון יענער זייט גבול האָט שוין געשמעקט מיט „קאָנסטיטוציע", מיט

„פּאָליטישער פרייהייט״, אַזוינס האָט נישט געטאָרט געדאַכט ווערן. דאָסזעלבע איז פאָרגעקומען מיט דער יידן-פראַגע אויך: דאָ איז אויך געווען אַ געוויסער גבול: בירגערלעכע גלייכבאַרעכטונג, די פראַגע זאָל בעצם נישט ווערן אויס. דאָס אָפּיציעלע רוסלאַנד פון אַלכּסנדר דעם וו-טנס תּקופה האָט נאָך אַ״ך מורא געהאַט פאַר פּאָליטישע פרייהייט, פאַר בירגערלעכע גלייכבאַרעכטונג און האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן אויף העלפט וועג. דער איבערגאַנג פונם אַלטפרענקישן רע-זשים צום נייעם האָט דאָך שאַרף געענדערט סיי דאָס לעבן אין לאַנד, סיי דאָס יידישע לעבן. דער גייסטיקער קריזיס איז פאָרגעקומען אַ סך שאַרפער פאַרן פּאָליטישן, אין די ביוראָקראַטישע הויכע פענסטער האָט נאָך געבלאָזן אַ ווינטער-קעלט, די האַרטע צענזור האָט נאָך געהאַלטן אויף דער קייט דאָס געדרוקטע וואָרט, און דאָך האָט שוין אין אַלע קרייזן אין דער רוסישער געזעלשאַפט געבראַויזט און געשטורמט אַ באַפרייטע סאָציאַלע ענערגיע און האָט אָפט געבראָכן פּאָליצייאישע צוימען. יינג-רוסלאַנד האָט זיך מיט אימפּעט געריסן ווייט פאָר-אויס און האָט שטאַרק איבערגעיאָגט די קריכעריי פון דער גנאָד-רעפאָרם, מ׳האָט זיך פאַרמאָסטן אויפן אויסגעפּרוווטן פּאָליטישן מערב-אייראָפּעאישן וועג; דאָ איז ער אָבער געווען אַ סך שווערער, פּיינלעכער.

דאָס ערשטע אין יידישן לעבן, וואָס האָט זיך געמוזט וואַרפן אין אויג אַלכּסנדר דעם וו-טנס רעגירונג, — דאָס איז געווען די רעקרוטן-פּלאָג. נאָך איידער די קרימער מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, האָט דער קאָמיטעט פאַר יידישע ענינים אויפגעוויזן דעם צאַר, אַז מ׳מוז רעפאָרמירן דאָס יידישע רעק-רוטן-וועזן מיט די אַלע צען מכּות: מיט דעם אָפּגעבן קינדער פאַר קאַנטאָ-ניסטן, מיט די שטראָף-רעקרוטן, מיט כאַפּן אָן פּעסער א. אַ. וו. די דאָזיקע נעבעך-רעפאָרם האָט מען אָבער אָפּגעלייגט אויף אַ יאָר, און ערשט צום קאָראָנאַציע-מאַניפעסט דעם 26 אויגוסט 1856 האָט מען דאָס געגעבן יידן פאַר אַ קייזערלעכער גנאָד. אין מאַניפעסט הייסט דאָס אַזוי: „כּדי פאַרלייכטערן יידן צו טון זייער רעקרוטן-פליכט, באַפוילן מיר: 1) רעקרוטן זאָל מען נעמען ביי יידן מיט אַלע שטאַנדן גלייך, דערהויפּט פון דעם טייל, וואָס האָט נישט קיין שטענדיק וואוינאָרט און טוען נישט קיין פּראָדוקטיווע אַרבעט. 2) רעקרוטן זאָל מען נעמען ביי יידן דיזעלבע יאָרן און דיזעלבע אייגנשאַפטן וואָס ביי אַנדערע שטאַנדן, דערנאָך זאָל דאָס נעמען קינדער פאַר רעקרוטן אָפּגעשאַפט ווערן. 3) צו דעקן דעם אויספּעל פון רעקרוטן זאָל מען זיך פירן לויט די אַל-געמיינע געזעצן, דאָס נעמען שטראָף-רעקרוטן ביי יידישע קהלות פאַרן אויספּעל זאָל אָפּגעשאַפט ווערן. 4) ס׳זאָלן אויך אָפּגעשאַפט ווערן די דערווייליקע פּראָבע-תּקנות פונם יאָר 1853, אַז קהלות און סתּם-יידן זאָלן מעגן צושטעלן פאַר זיך פאַר רעקרוטן געכאַפּטע אָן פּעסער״.

דערמיט האָט דאָס געזאָלט נעמען אַ סוף צו דער רעקרוטן-אינקוויזיציע, וואָס האָט געהאַלטן כּמעט 30 יאָר און וואָס האָט איינגעבונדן אַ נייע בלאַט אין

דער יידישער גזרות־געשיכטע. יידן האָבן געקריגן כמעט גלייכבאַרעכטונג אין רעקרוטן־פליכט: דער אַלגעמיינער סטאַטוט פאַר מיליטער־פליכט זאָל גילטן פאַר יידן אויך מיט אייניקע אויסנעמען, אַ נשאר פון פריער. אין דעם אַרויפוואַרפן די גאַנצע רעקרוטן־לאַסט אויף דער קאַטעגאָריע „נישט אייגעזעסענע און אומפראָדוקטיווע", להבדיל פון „ניצלעכע", ד. ה. פאַרמעגלעכע יידן, האָט זיך אין מאַניפעסט געלאָזט הערן דער אַלטער פּלאַן: איינטיילן יידן אין קאַטעגאָריעס („ראַזבאָר"). אויך האָט מען נישט געוואָלט פאַרגלעטן דעם היסטאָרישן פאַרברעך קעגן יידן: אין דעם גלייכצייטיקן מאַניפעסט וועגן פריילאָזן רוסישע קאַנטאָניסטן, סאָלדאַטישע קינדער, האָט מען ספּעציעל אָנגעוויזן, אַז אָפּגעשמדטע יידישע קינדער זאָל מען נישט אומקערן אַהיים, נאָר מ'זאָל זיי אָפּגעבן אויף קריסטנס השגחה... פאַרן יידישן סאָלדאַט האָט נאָך געגאָלטן דער אַלטער כּלל: ווילסט שטייגן אין דער דינסט, שמד זיך, ערשט פונם יאָר 1861 אָן האָט מען אַ יידן געמעגט מאַכן פאַר אונטעראָפיציר מיט אַנדערע גלייך (פריער האָט מען באַדאַרפט באַווייזן גבורה אין דער מלחמה). העכער פאַר אַן אונטעראָפיציר האָט אַ ייד נישט געקאָנט דערלאַנגען בכלל.

נאָך דעם אָפּשאַפן די רעקרוטן־גזרה האָט מען געמוזט אַ קלער טון פון פאַרלייכטערן דעם קנעכטישן יאָך אויך, די ביטערע רעכטלאָזיקייט, וואָס האָט געוואָרגן דעם פאַרוואָרלאָזטן „תחום". דער כמעט־ליבעראַלער הויכגעשטעלטער גראַף קיסעליעוו, געוועזענער פאָרזיצער אין „יידישן קאָמיטעט" פאַר ניקאָלאַי דעם ו־טן, האָט נאָך זומער 1856 דערלאַנגט אַלכּסנדר דעם וו־טן אַ שריפט, אָנגעוויזן, אַז „פאַרשידענע דערוויילִיקע יידן־באַגרעניצן לאָזן נישט צושטאַנדקומען דעם אַלערהעכסטן צוועק צו פאַרשמעלצן יידן מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג". דער צאַר האָט דאַן באַפוילן (דעם 31 מערץ): „איבערזען אַלע גילטיקע כּללים פאַר יידן, אויסצושטימען זיי מיט די אַלגעמיינע אויסזיכטן, אַז יידן זאָלן פאַרשמעלצט ווערן מיט דער תושבים־באַפעלקערונג, ווי ווייט דאָס איז מיגלעך ביי דעם מאָראַלישן צושטאַנד ביי יידן". בכן איז שוין אָנהויב אַלכּסנדר'ס רעגירן געשטעלט געוואָרן דער צוועק: פאַרשמעלצן יידן מיטן רוסישן פאָלק; פאַרלייכטערן זייער בירגערלעכע לאַגע — דאָס זאָל זיין די פרעמיע דערפאַר. די מניעה צו אַזאַ „פאַרשמעלצן" האָט מען איינגעזען אין דער היסטאָרישער אחדות פון דעם יידישן פאָלק: אויף דער אָפּיציעלער שפּראַך האָט דאָס געהייסן „אָפּשליסן זיך" און נעמען זאָל זיך דאָס פון דעם נידעריקן „מאָראַלישן צושטאַנד ביי יידן". און היות, ווי ס'קאָנען זיך געפינען מער־„מאָראַלישע" יידן, וואָס ציען צו איינקויפן זיך אין רוסישן פאָלק, איז פאָראויסגעזען, אַז אַזוינע מעגן האָבן די בכורה אין בירגער־רעכט אַקעגן זייערע איינגעשפּאַרטע ברידער. אין די פּעטערבורגער ביוראָקראַטישע קרייזן האָט זיך פון דעם מאָמענט אָן איינגעוואָרצלט אַ געדאַנק, אַז מען זאָל פון דער גאַנצער יידישער מאַסע אויסטיילן באַזונדערע גרופּעס, וואָס האָבן אַ צענז פון פאַרמעגנס אָדער בילדונג, אַז זיי זאָל מען שענקען געוויסע רעכט און פּריווי

לעגיעס. דאָס איז אייגנטלעך געווען די אַלטע מעטאָדע, איבערגעניצעוועט אויף
דאָס ניי: פריער האָט מען געוואָלט שטראָפן די „אומניצלעכע“ „נישט=איינגעזע=
סענע שטעטישע“, די שטראָף זאָל זיין—פאַרמינערטע בירגער=רעכט; איצט זאָל
מען דאָס אייגענע טון פון דער אַנדערער זייט: די „לייטישע“, די „נוצלעכע“
זאָלן באַקומען אַ פרעמיע מער בירגער=רעכט, ריכטיקער, זיי זאָלן זיין ווייניקער
פאַרקנעכט. די סיסטעם איינטיילן דאָס פאָלק אין קאַטעגאָריעס: פראָטעזשירטע
און פאַרוואָרלאָזטע—איז געבליבן ווי פריער; געביטן האָט זיך נאָר די טאַקטיק:
אָנשטאָט דער בייטש איינצושרויפן וואָס מער דעם פרעס פאַר איינגעשפּאַרטע—
זאָל שוועבן די האָפנונג, דער פרעס זאָל נאָכגעלאָזט ווערן פאַר פאָלגער.

אין פעטערבורג האָט זיך געפונען אַ גרופּע „בכּבודיקע יידישע סוחרים“
(נעגאָציאַנט און באַנקיר י. גינזבורג און אַנד.) וואָס האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר
דעם דאָזיקן אויפטו, פאַר די צוגעזאָגטע פריווילעגיעס די פאַרמעגלעכע קלאַסן.
יוני 1856 האָט די דאָזיקע גרופּע דערלאַנגט אַ ביטשריפט אַלכּסנדר דעם ||=טן;
זי קלאָגט זיך אויף דער רעכטלאָזיקייט, וואָס וואַרגט אַלע יידן גלייך „פונם
בעל=מלאכה ביזן פאָרנעמסטן סוחר, פונם לעצטן ביזן מאַגיסטער“, וואָס האַלט זיי
„ביי דער מדרגה פון אַ געפאַלענעם, חשודיקן שבט“, און ווייזט אָן, אַז ס'איז
נויטיק צו מאַכן אונטערשיידן אין דער יידן=מאַסע גופא. „אויב דער יינגער
דור, דערצויגן אונטער דער רעגירונגס השגחה און אין רעגירונגס גייסט; אויב
גרויסע סוחרים, וואָס האָבן אויפגעלעבט און רייכגעמאַכט די געגנט; אויב
ערלעכע בעלי=מלאכות, וואָס אַרבעטן מיט שווייס אויפן שטיקל ברויט, אויב די
אַלע וועלן אויסגעטיילט ווערן צום גוטן מיט מער רעכט איידער יענע, וואָס
האָבן נאָך דערוויל נישט באַוויזן זייער גוטן ווילן, זייער נוצלעכקייט, אַרבעט=
לוסט,—דעמאָלט וועט דאָס גאָרע יידישע פאָלק איינזען פון די דאָזיקע געציילטע
באַגליקטע, צו וועמען די רעגירונג איז גערעכט און גנעדיק, אַ מוסטער, וואָס
פאַר אַ יידן די רעגירונג וויל האָבן, און דאָס גאָרע פאָלק וועט זיך מיט פרייד
אַ לאָז טון צו דערלאַנגען דער רעגירונגס צוועק. אונזער השתדלות איז איצט,
אַז דער גנעדיקער מאָנאַרך זאָל אונז גוט זיין און באַוויליקן אויסטיילן דעם
קערן פון דער שטרוי, און זאָל מיט גנאָד שענקען אייניקע מעסיקע פריווי=
לעגיעס די פיינסטע, די געבילדעטסטע אונזערע“. די פריווילעגיעס זאָלן זיין:
1) „גלייכע רעכט ווי אַלע אונטערטאַנען אָדער ווי יידן=קאַראַאימען“ פאַר אַלע
געבילדעטע, ווירדיקע יידן, וואָס האָבן פאַרדינט דעם נאָמען בכּבודיקע בירגער;
פאַר סוחרים פון דער ערשטער גילדיע, וואָס האָבן אויסגענומען מיט זייער
סוחרישער ערלעכקייט; פאַר סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך ערלעך אויסגעדינט אין
מיליטער; 2) וואוינונג=רעכט אויסער דעם „תחום“—פאַר „די ווירדיקסטע בעלי=
מלאכות“, וואָס האָבן אַטעסטאַטן פון צעכן. די דאָזיקע פריווילעגיעס „פאַר די
בעסטע אונזערע“ וועלן ברענגען, די רעגירונג זאָל אויספירן איר צוועק, „אַז
די שאַרפע אייגנשאַפטן, וואָס טיילן אָפּ יידן פון איינגעבוירענע רוסן, זאָלן זיך

"אויסוועבן און יידן זאָלן אין אַלצדינג צונויפוואַקסן מיט זייער (די רוסנס) אַרט דענקען און טון". אויף יענער זייט אָפּגעשלאָסענעם „תחום" וועלן יידן באַווייזן „זיך אויסלערנען ביי אמת'ע רוסן זייערע מעלות" און „אומעטום וועט וואַקסן דער חשק צו בילדונג און נוצלעכער אַרבעט"...

די הכנעה'דיקע שפּראַך האָט געפּאַסט פאַר מענטשן אויף דער גרעניץ צווישן קנעכטשאַפט און פרייהייט, פאַר מענטשן, וואָס זייער גאַנץ גייסטיק אייגנס האָט זיך אויסגעבילדעט ביי אַ רעזשים פון פּרעס און אומרעכט. פּעטערבורגער שתדלנים האָבן געטייט אויף די מערב-לענדער, דאָרט וואו גלייכבאַרעכטונג האָט מיטגעהאָלפן יידישער אַסימילאַציע, זיי אָבער האָבן ק"ין מוט נישט געהאַט צו בעטן פאַר אַסימילאַציע גאָרע גלייכבאַרעכטונג, זיי האָבן זי אָנגעבאָטן פאַר קלאָגעדיקע ברעקלעך רעכט און פּריווילעגיעס פאַר די „פּאָרנעמסטע", און נישט באַמערקט אַפילו, ווי נידעריק ס'איז זייער פּראָיעקט—איינטיילן אַ פאָלק אין פיינע און אומלייט, וואָס זאָלן ווערט זיין אַ מענטשלעכע עקזיסטענץ, אָדער נישט...

די רעגירונג האָט אינגיכן אָנגענומען דעם פּרינציפּ „אָפּקלייבן די בעסערע". יידישע רעכטלאָזיקייט זאָל פאַרלייכטערט ווערן טיילווייז, אָבער נישט לויט דער קאַטעגאָריע אומרעכט, נאָר לויט דער קאַטעגאָריע יידן. מ'האָט אָנגעהויבן טראַקטירן ווי אָפּצושאַפן אָדער פאַרגלעטן די-יענע באַגרענעצן נישט פאַר דער גאָרער יידישער מאַסע, נאָר פאַר אייניקע אירע „נוצלעכע" גרופּעס. דריי אַזוינע גרופּעס האָט מען אָנגעמערקט: סוחרים פון דער ערשטער גילדיע, פּערזאָנען מיט הויכבילדונג, צעך-בעלי-מלאכות. ס'האָט ווידער אויפגעלעבט דער ביוראָקראַטישער „קאָמיטעט פאַר איינאָרדנען יידן" און ער האָט יענע צייט שטאַרק געאַרבעט (1863—1856). כמעט צוויי יאָר (1859—1857) האָט מען באַהאַנדלט אינם קאָמיטעט, דערנאָך אין מלוכה-ראַט, די פראַגע וועגן וואוינרעכט פאַר יידן-סוחרים פון דער ערשטער גילדיע אין טיף-רוסלאַנד. זיצונגען דורכאַנאַנד האָבן זיך הויכגעשטעלטע ביוראָקראַטן מיטן גאַנצן ערנסט געאַמפּערט, ווי אַזוי מאַכט מען דאָס: אַריינציען יידישע קאַפּיטאַלן אין די רוסישע גובערניעס און ווידער פאַרהיטן די דאָזיקע גובערניעס פאַר אַ יידישער פאַרפלייצונג; ס'זאָל נישט געשעען אַזוי, אַז יידן זאָלן זיך דאָרט גלאַט פאַרשרייבן פאַר סוחרים און מיטברענגען מיט זיך „אַ גאַנצן יידישן שבט", כלומרשט זייערע געזינדן. נאָך לאַנגע דעבאַטן איז געבליבן: לאָזן יידן סוחרים, וואָס זענען שוין פריער געווען אין דער ערשטער גילדיע, איבערציען אין די רוסישע גובערניעס מיט זייערע געזינדן און מיט אַ קליינער צאָל דינערשאַפט און אָנגעשטעלטע. די דאָזיקע סוחרים זאָלן דאָרט מעגן וואוינען און האַנדלען מיט רוסישע סוחרים גלייך בתנאַי, אויב זיי וועלן נאָכן איבערציען אויך צאָלן ערשטע גילדיע מינדסטנס 10 יאָר און דערצו נאָך אַ היפּשן אָפּצאָל. דעם 16 מערץ 1859 האָט דער צאַר באַשטעטיקט דעם מלוכה-ראַטס באַשלוס. פאַרן יידישן קאַפּיטאַל האָבן זיך געעפנט די טויערן פון די פאַרבאָטענע רעזידענץ-שטעט און פון די רוסישע גובער-

ביעס. נאָך די גרויסע האָבן זיך אַ לאָז געטון קליינע קאַפּיטאַליסטן: די נייט האָט זיי געטריבן פונם „תחום" אינם נייעם ישוב; פאַר דער דאָזיקער פּריווילעגיע האָבן זיי געהאַט צו צאָלן אַ לאַנגיאָריקן שווערן שטייער — די ערשטע גילדיע. אין אַ סך פּרטים האָט דאָס געשטימט מיט דער לאַגע פון „טאָלערירטע" יידישע סוחרים אין ווין ביזן יאָר 1848.

געשענקט „טאָלעראַנץ-רעכט" דעם פאַרמעגן, האָט מען גענומען באַגליקן מיט אייניקע זכיות יידן מיט אַ בילדונגס-צענז. די דאָזיקע פראַגע האָט מען אויך אַ צייט לאַנג באַהאַנדלט אין „יידישן קאָמיטעט", אין די מיניסטעריומס, אין מלוכה-ראַט. דער בילדונגס-מיניסטער נאָראָוו האָט נאָך דאָס יאָר 1857 דער-לאַנגט דעם „יידישן קאָמיטעט" אַ שריפט, געוויזן, אַז „רעליגיעזער פאַנאַטיזם און אבערגלויבן ביי יידן" איז נישט אויסצוואָרצלען, סיידן די יידישע יוגנט זאָל אָנקומען אין די אַלגעמיינע שולן; „דאָס איז מיגלעך צו דערלאַנגען נאָר מיט שענקען זיי מער בירגעררעכט און מאַטעריעלע נוצן. נאָראָוו האָט פאָרגע-שלאָגן געבן וואוינרעכט אין דער גאָרער אימפּעריע יידן, וואָס ענדיקן אַ הויכשול אָדער אַ מיטלשול; אַקעגן אָבער זאָל פאַרמינערט ווערן דאָס רעכט צו פאַר-שרייבן זיך אין גילדיע פאַר אַזוינע, וואָס האָבן זיך גאָר נישט געלערנט אין קיין רוסישער שול. אין „יידישן קאָמיטעט" האָט מען שטאַרק דעבאַטירט, ווער ס'זאָל געניסן פון דע' פּריווילעגיע וואוינרעכט אין גאָרן לאַנד: יידן פון מיטל-שולן אויך, אָדער נאָר מיט הויכשולבילדונג? דער רוב פונם קאָמיטעט האָט געהאַלטן פון „גיין בהדרגההווייז": דערווייל זאָלן קריגן וואוינרעכט נאָר די, וואָס ענדיקן דעם אוניווערסיטעט און אַנדערע הויכשולן מיט דעם טיטול דאָקטאָר, מאַגיסטער אָדער קאַנדידאַט; אַזוינע זאָלן מעגן אָנקומען אויף קרוינשטעלעס אויך. דאָס הייסט, אַז פון אַ יידן, וואָס ענדיקט דעם אוניווערסיטעט, האָט מען געפאָדערט דערלאַנגען אַ וויסנשאַפטלעך ווערק אָדער אַ דיסערטאַציע אויף צו פאַרדינען וואוינרעכט ערגיץ אין טאַמבאָוו אָדער אַ שטעל פון אַ קאַנצעליאַריסט. אַזוי האָט די זאַך דערלאַנגט צום מלוכה-ראַט (1861). דאָ האָבן זיך די שטימען געשפּאָלטן אויף העלפט. 20 גלידער האָבן געהאַלטן, אַז מ'דאַרף „שענקען" וואוינרעכט געענדיקטע אין גימנאַזיעס אויך, וואָרום ווען אַ יידן אַ גימנאַזיסט „לאָזט זיך שוין טראַכטן, אַז אויב ער איז שוין נישט אויסגעהיילט גאָר, איז שוין אין אים געניג אָפּגעשוואַכט דער גראָבער פאַנאַטיזם און אבערגלויבן, וואָס שטערט יידן צו ווערן איינס מיט דער איינגעבוירענער באַפעלקערונג". די קאָנ-סערוואַטיווע העלפט פון מלוכה-ראַט האָט געטענה'ט אַנדערש: „וואוינרעכט פאַר-דינען נאָר יידן מיט אַזאַ „בילדונג", וואָס זאָל גאַראַנטירן, אַז זיי האָבן זיך שוין אָפּגעזאָגט פון אַלע פאַנאַטישע פעלערן". אויף יענער זייט „תחום" מעג מען דאַריבער לאָזן נישט מער ווי מענטשן מיט הויכבילדונג און מיט אַ געלערנטן טיטול. אַלכסנדר דער װ-טער האָט אָנגענומען די מיינונג פון דער קאָנסערוואַ-טיווער העלפט מלוכה-ראַט. אַזוי איז אַרויס דער געזעץ פונם 27 נאָוועמבר 1861:

„יידן, וואָס האָבן דיפּלאָמען אויף דאָקטאָר מעדיצין, כירורגיע, אָדער אויף
דאָקטאָר, מאַגיסטער, קאַנדידאַט פון אַן אַנדער פאַקולטעט, מעגן אָנקומען אויף
שטעלעס אין אַלע אַמטן נישט גראָד אין יידישן תחום. זיי מעגן אויך שטענדיק
וואוינען אומעטום אין דער אימפּעריע און באַשעפטיקן זיך מיט האַנדל און
אינדוסטריע; חוץ זייערע געזינד, מעגן זיי האָבן ביי זיך נישט מער פאַר צוויי
„הויזדינער פון זייער גלויבן".

די דאָזיקע רוסישלעכע עמאַנסיפּאַציע אויף אויסצאָלן האָט געבראַכט אַזאַ
רעזולטאַט: אַ הייפל יידן מיט דיפּלאָמען פון געלערנטע האָבן באַקומען וואוינ=
רעכט אין די רוסישע גובערניעס, ערגעץ וואו האָט מען זיי צוגעלאָזט צו קרוינ=
שטעלעס אויך אַלס ציוויל= און מיליטער=דאָקטוירים. אַלע איבריקע מיט הויכ=
בילדונג („מעדיצינער", „לעקאַר'ס" און „ווירקלעכע סטודענטן") האָבן נישט
געהאַט נישט קיין וואוינרעכט אויסערן תחום, נישט קיין דינסט=רעכט. דאָס יאָר
1866 האָט דער בילדונגס=מיניסטער גאָלאָווינין געמעלדעט דעם מלוכה=ראַט וועגן
אַזאַ געזעץ=שפּאַס: אַ ייד אַ סטודענט, בעת ער לערנט אין אוניווערסיטעט אין
אַ רעזידענץ=שטאָט, מעג ער דאָרט וואוינען; טאָמער אָבער ענדיקט ער מיט אַ
געוויינטלעכן דיפּלאָם, אָן אַ געלערנטן טיטול, ווערט ער אָן דאָס וואוינרעכט
און מוז אַרויס אין „תחום". די רעגירונג האָט שווער נאָכגעגעבן, און געטון
האָט זי דאָס איבער נויט. היות ווי אין מיליטער אין טיף=רוסלאַנד האָט געפעלט
דאָקטוירים, האָט מען דערלויבט יידן=„לעקאַרס" (מעדיצינער) אָנצוקומען אויף
קרוינישע שטעלעס אַלס מיליטער= און ציוויל=דאָקטוירים אומעטום, חוץ ביידע
רעזידענץ=שטעט (באַפעלן פון די יאָרן 1865 — 1867). אָבער אויף סתם=
וואוינרעכט אויסערן „תחום", אָן אַ קרוינשטעלע, האָט מען נאָך אַלץ
באַדאַרפט האָבן אַ דיפּלאָם פון אַ געלערנטן. ערשט אין 20 יאָר אַרום
(1879) האָט מען געגעבן וואוינרעכט אומעטום אַלע קאַטעגאָריעס יידן מיט
הויכבילדונג, וואָס פאַר אַ דיפּלאָם זיי זאָלן נישט האָבן; וואוינרעכט האָבן באַ=
קומען פאַרמאַצעווטן, דאַנטיסטן, פעלדשערס און אַקושאָרינס אויך.

פּריווילעגיעס פאַר גרויסע סוחרים און פאַר דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ
האָבן געטראָפן נישט מער ווי אַ קליינע גרופּע פון דער יידישער געזעלשאַפט.
וואָס זאָל זיין מיט דער גרויס"ר יידישער מאַסע? לויט די כללים פון פּאָ=
ליטישער האָמעאָפּאַטיע האָט מען איצט אויך באַדאַרפט אויסטיילן פון דער דאָ=
זיקער מאַסע אַ געוויסע גרופּע, וואָס זאָל ווערט זיין, מ'זאָל איר שענקען. די
רעגירונג האָט זיך לאַנג געקלערט, צי זאָל זי אַריינלאָזן יידן בעלי=מלאכות אין
טיף=רוסלאַנד. דאָס יאָר 1856 האָט לאַנסקאָי, דער אינערן=מיניסטער, אָנגע=
פרעגט וועגן דעם ביי די גענעראַל=גובערנאַטאָרס און גובערנאַטאָרס פון די
מערב=גובערניעס. דאָס רוב תשובות איז געווען — פאַר. פון דריי גענעראַל=גו=
בערנאַטאָרס האָט נאָר איינער (דער ווילנער) געהאַלטן פאַר איבריק ענדערן די
איצטיקע לאַגע. זיין קיעווער קאָלעגע, פירשט וואַסילטשיקאָוו מיינט, אַז ס'וואָלט

געווען זייער צוועקמעסיק אַריבערוואַרפן אין טיף־רוסלאַנד אַ טייל איבעריקע בעלי־מלאכות פונם „תחום“, וואָס ליידן שטאַרק איבער דער גרויסער קאָנקורענץ, בעת דאָרט, אין די רוסישע גובערניעס, פעלן אויס בעלי־מלאכות[1]). נאָך ליבעראַלער האָט זיך אַרויסגעשטעלט דער נאָוואָראָסיער גענעראַל־גובערנאַטאָר, גראַף א. ג. סטראָגאַנאָוו. ער שרייבט אַזוי: „היינטיקע צייט זאָלן יידן געמינערט זיין אין זייערע בירגערלעכע רעכט אַ קעגן קריסטן — דאָס שטימט נישט, נישט מיטן צייט־גייסט, נישט מיט דער רעגירונגס שטרעבן צו פאַרשמעלצן יידן מיט דער תושבים־באַפעלקערונג אין דער אימפעריע“. „מ'דאַרף לאָזן יידן וואוינען אומעטום אין דער אימפעריע און באַשעפטיקן זיך, מיט אַלע גלייך, מיט מלאכות און פּראָפעסיעס, ווי זיי געפעלט, לויט זייערע זיטן און פעאיקייטן“.

אַזאַ איינגעשטעלטע מיינונג פון אַ רוסישן הויכגעשטעלטן ביוראָקראַט, וואָס האָט אין אַ ליכטיקער שעה אָנגעהויבן ריידן אייראָפּעאיש, איז געווען ווילד־פרעמד דער פעטערבורגער ביוראָקראַטיע; אָבער דאָס גוטע וואָרט פון דער אָרטיקער אַדמיניסטראַציע פאַר יידישע בעלי־מלאכות האָט זיי שטאַרק געדינט. קאַנצעליאַרישע קריכעריי האָט נאָך פאַרהאַלטן די פראַגע אויף עטלעכע יאָר. די פראַגע איז נאָך אַמאָל געשטעלט געוואָרן אינם „יידישן קאָמיטעט“ (1863), וואָס האָט צייט 25 יאָר געמאַכט פאַרשידענע עקספּערימענטן מיט „איינאָרדנען יידן“. דערנאָך האָט דאָס דערלאַנגט צום מיניסטאָרן־קאָמיטעט און צום מלוכה־ראַט. וואַלויעוו, דער אינערן־מיניסטער, האָט געפאָדערט, מ'זאָל יידן בעלי־מלאכות און טעכניקער לאָזן איבערציען אין טיף־רוסלאַנד, אָבער מיט געוויסע תנאים, „אָפּגעהיט, אַז די באַפעלקערונג אין טיף־רוסלאַנד זאָל מיט אַמאָל נישט פאַרפלייצט ווערן פון פרעמדע“. „יידן — זאָגט וואַלויעוו, — שטרעבן זיך אַריבערוואַרפן אין אַן עקאָנאָמיש־גינסטיקערער סביבה, און זיי וועלן געוויינטלעך נישט דורכלאָזן קיין איין געלעגנהייט צו עקספּלואַטירן די געגנטן אין דער אימפעריע, וואָס ביז איצט האָבן זיי אַהין קיין צוטריט נישט געהאַט“. דעם פּראָיעקט האָט מען אָנגענומען אין דער רעדאַקציע פונ'ם אינערן־מיניסטעריום מיט די אַלע גוויטיקע פאָרזיכטן קעגן „יידישער עקספּלואַטאַציע“.

נאָך אַ נייניאָריקן ישוב האָט אַלכסנדר דער II־טער לסוף באַשטעטיקט דעם געזעץ וועגן לאָזן יידן בעלי־מלאכות, מעכאַניקער, בראָנפנמאַכער און לערנ־

---

[1]) לויט דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק יענע צייט (בערך דאָס יאָר 1860) איז אין 15 גובערניעס פונם „תחום“ (אָן קעניגרייך פוילן) און אין דער באַלטישער געגנט געווען 1.430.000 יידן, ד. ה. כמעט 8% פון דער גאַרער באַפעלקערונג אין די דאָזיקע גובערניעס. בעלי־מלאכות אין די „יידישע“ גובערניעס איז געווען אַ סך מער, איידער אין די אינעווייניקסטע. אין קיעווער גובערניע, אַ שטייגער, איז אויף טויזנט איינוואוינער געווען 2.06 בעלי־מלאכות, בשכנות אין קורסקער גובערניע איז געווען נישט מער ווי 0.8. באמת איז די צאָל יידן געווען אַ סך גרעסער פאַר דער געבראַכטער ציפער, וואָרום קיין ריכטיקע פאָלקסציילונגען זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען. די 70־ער יאָרן איז אין דער גאַנצער אימפעריע (מיט פוילן) געווען בערך דריי מיליאָן יידן.

יינגלעך ביי בעלי־מלאכות וואוינען אומעטום אין דער אימפּעריע (28 יוני 1865). די פּריווילעגיע האָט מען אין געזעץ גופא, און נאָכמער דערנאָך אין דער פּראַקטיק, רעכט אַרומגעצוימט מיט פאַרשידענע שוועריקייטן. אַ ייד אַ בעל־מלאכה, וואָס וויל איבערציען אויסערן „תחום", דאַרף צושטעלן, חוץ אַן אַטעסטאַט פונם צעך, אַז ער קען די מלאכה, נאָך אַ פּאָליציי־שיין אויך, אַז ער איז נישט אָנגעקלאָגט אין געריכט. אַ פּאַס דאַרף ער שטענדיק נעמען אין זיין גובערנשטאָט אין „תחום"; דאָ, הייסט דאָס, אויסערן „תחום", איז ער אויף אַ ווייל. ער מעג האַנדלען נאָר מיט אויסאַרבעט פון זיין אייגענעם וואַרשטאַט, זאָל ער אויפהערן צו אַרבעטן, ווערט ער פאַרטריבן צוריק אין „תחום". די רעגירונג האָט קוים געעפנט אַ לופטל אין דער „תחום"־שטיקעניש, אָבער שטאַרק געהיט, אַז ס'זאָל זיך פון דאָרטן נישט אַרויסרייסן צופיל מיט אַ כּיון־פאַרפּרעסטער ענערגיע. איינגעפּרעסטע מענטשן האָבן זיך שטאַרק געריסן דורכן דאָזיקן לעכל. בעלי־מלאכות זענען געפאָרן ווייניק, איבער די אָנגעוויזענע מניעות, אָדער מחמת פרומקייט; דערפאַר האָבן זיך אַ לאָז געטון לופט־מענטשן, פאַרשטעלט פאַר בעלי־מלאכות, אַהין „וואו ס'לוינט עקאָנאָמיש בעסער". די דאָזיקע לייט איז נישט געווען וואָס מקנא צו זיין: אַלס פיקטיווע בעלי־מלאכות זענען זיי געווען ביי פּאָליציי אין דער האַנט און געמוזט איר צאָלן מס. האָט מען „געכאַפּט" אַזאַ „פאַרברעכער" אויסערן „תחום", אַזוי האָט מען אים פאַרטריבן און קאָנפיסקירט זיין סחורה אויך.

די רעגירונג האָט זיך געהאַלטן ביי איין כּלל: וואָס מער איינהאַלטן דעם „שטראָם" יידן צו טיף־רוסלאַנד, וואָס קלענער די „פּריווילעגירטע" גרופּעס! דער צאַר גופא, געטריי דער אַלטער טראַדיציע, האָט אָפט געזאָגט „ניין" אויף אַ סך פּראָיעקטן צו פאַרברייטערן דעם יידישן „תחום". דער „יידישער קאָמיטעט" האָט פאָרגעשלאָגן, מ'זאָל געבן וואוינרעכט יידן אויסגעדינטע סאָלדאַטן, וואָס נאָך 25 יאָר דינסט פלעגט מען זיי טרייבן פון די דינסט־ערטער אין „תחום" אַריין. אלכּסנדר דער ‖־טער האָט דערויף געמאַכט אַ רעזאָלוציע: „פאַר קיין פּאַל"! (1858). נאָך שטאַרקע השתדלות'ן האָט מען ביי אים געפועלט, „אַלס אויסנאַם", אַז אַ גרופּע אויסגעדינטע פון דער פּעטערבורגער גוואַרדיע זאָל מעגן בלייבן אין פּעטערבורג (1860). שפּעטער האָט מען אָבער געמוזט נאָכגעבן: דאָס יאָר 1867 איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דער פאַרבאָט פאַר אויסגעדינטע סאָלדאַטן צו בלייבן אויסערן „תחום". נאָך אַ גרויס וואַקלעניש האָט מען געגעבן וואוינרעכט „ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן" און זייערע קינדער—אַ קנאַפּער לוין פאַר דער רעקרוטן־אינקוויזיציע ביים אַלטן רעזשים.

דער ליבעראַלער צייט־גייסט האָט געטון זיינס: די רעגירונג האָט ביסלעכווייז אַליין נאָכגעגעבן, אָדער געמוזט נאָכגעבן. מ'האָט אַראָפּגענומען די נעצן אויף צו כאַפּן יידן אין „תחום" גופא: מ'האָט געעפנט פאַר יידן די פאַרבאָטענע תחום־שטעט, ניקאָלאַיעוו, סעוואַסטאָפּאָל, מ'האָט פאַרלייכטערט יידן

קומען אין דער הייליקער שטאָט קיעוו, מ׳האָט אָפּגעשאַפט די שענדלעכע פּריווילעגיעס פון אַזוינע שטעט, ווי ווילנע און זשיטאָמיר, צו פאַרווערן יידן וואוינען אין געוויסע גאַסן. אין דאָרף־געגנטן האָט מען דערלויבט יידן קויפן ערד ביי אַזוינע פּריצים, וואָס זייערע פּויערים האָבן שוין ליקווידירט אַלע פליכטן קעגן זיי נאָך דער באַפרייאונג (1862). אָבער באַלד דערויף, נאָכן איינשטילן דעם פּוילישן אויפשטאַנד, האָט די רעגירונג גענומען רוסיפיצירן די מערב־געגנט און האָט שטרענג פאַרבאָטן יידן אין פּוילן צו פאַרווערבן גיטער אין 9 מערב־גובערניעס (ווילנער און קיעווער ראַיאָן 1864). דאָס, וואָס יידן האָבן געווינען נאָכן באַפרייען די פּויערים, האָבן זיי פאַרלאָרן נאָכן פּוילישן אויפשטאַנד: זיי האָבן אָנגעוואָרן דאָס רעכט צו פאַרווערבן גיטער אויסער דער שטאָט אין גרעסטן טייל „תחום". אויף די איבריקע גרויסע רעפאָרמעס, די זעמסטווע און דאָס נייע געריכט, איז שוין נישט געווען דער שענדלעכער פלעק: „חוץ יידן". אינם „סטאַטוט פאַר די זעמסטווע־אַנשטאַלטן" (1864) איז נישט געווען קיין שום אויסנאַם פאַר יידן מיט אַ געהעריקן צענז (ערד אָדער האַנדל); יידן האָבן באַקומען אַקטיוו און פּאַסיוו וואַל־רעכט אין די זעמסטוועס. אין די דרום־גובערניעס האָבן זיך יידן אָנגעהויבן באַטייליקן אין די זעמסטוועס און געפאַרנעמען שטעלעס. אין די נייע געריכט־סטאַטוטן (1864) איז אויך נישט געווען קיין וויכטיקע אויסנאַמען. אַ סך יידן־יוריסטן זענען אינגיכן געוואָרן אָנגעזעענע אַדוואָקאַטן, אָבער צו ריכטער־אַמטן האָט מען זיי ווייניק צוגעלאָזט. ביסלעכווייז איז נישט געוואָרן די אַלטע פּלאָג: די אָפיציעלע מיסיאָנערישע התלהבות. אָנהויב אַלכּסנדר דעם II־טנס רעגירן האָט מען נאָך פּראַקטיצירט שמד: משומדים פלעגן באַקומען אַ געלט־שטיצע (געזעץ פונם יאָר 1859); שפּעטער (1864) האָט זיך די רעגירונג געכאַפּט, אַז ס׳לוינט נישט קיין פּרעמיעס פאַר פאַרראַט: מ׳האָט פריער אָפּגעשאַפט די געלט־שטיצע פאַר משומדים־סאָלדאַטן, דערנאָך האָט מען אויפגעהערט צו פאַרלייכטערן די שטראָף פאַר קרימינעלע פאַרברעכער, וואָס שמדן זיך בעתן פּראָצעס אָדער געריכט. איצט פּראָטעזשירט מען „יידן זאָלן זיך צונויפשמעלצן מיט דער תושבים־באַפעלקערונג" בירגערלעך און קולטורעל. אָבער אין פּרט קולטורעלע אַסימילאַציע, אָדער רוסיפיקאַציע, האָט נאָך די רעגירונג אָנגעווענדעט מעטאָדעס, גענומען ביי דער אָפּגעלעבטער סיסטעם פונם אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם.

די „קאַזיאָנע" בילדונג, וואָס מ׳האָט איינגעפירט די 40־ער יאָרן, האָט זיך תחלת שלעכט אָנגענומען. דאָס יאָר 1848 האָבן זיך געעפנט די צוויי ספּעקטן פאַר אויפקלערער, ווילנער און זשיטאָמירער ראַבינער־שולן. צו יענער צייט איז אין אַ סך שטעט געוואָרן קרוינישע שולן פאַר יידישע קינדער. די ביטערע רדיפות די לעצטע יאָרן פון ניקאָלאַי׳ס רעגירן האָבן געשפּילט אַ דאָפּעלטע ראָלע בנוגע די ראַבינער־שולן: איינס, איז ביי יידן געווען פאַרהאַסט די דאָזיקע בילדונג־מתנה פון די פלאָגערס האַנט; אַקעגן אָבער האָט די רעקרוטן־אינקוויזיציע

מיט גוואַלד געטריבן ייִדישע יונגעלייט אין די שולן: זיי האָבן פאַרהיט פאַר
דער קאַזאַרמע. היות ווי ביידע, סיי די קאַזאַרמע, סיי די קרוין=שול, זענען געווען
שמד=פאַבריקן, האָבן אייניקע עלטערן שוין געהאַלטן פאַר גלייכער אָפּגעבן די
קינדער אין שול: דאָרט האָט מען ווייניקסטנס נישט געפּייניקט אַזוי ווי אין די
קאַזאַרמעס. אַזוי האָבן געטון די אָרמסטע פאַמיליעס, וואָס אויף זיי פלעגט פאַלן
די גאַנצע רעקרוטן=פּלאָג. ביסלעכווייז, ווי ווייט אַלכסנדר דעם וו=טנס רעגירונג
אַז געגאַנגען מיט רעפאָרמעס, אָנשטאָט דער פריערדיקער סיסטעם רדיפות, האָט
אויך געביטן די באַציונג ביי ייִדן צו די שולן. אָנשטאָט מיט גוואַלד האָבן
ייד אַליין אָנגעהויבן אָפּגעבן קינדער אין די שולן, זיי זאָלן זיך בילדן, אָדער
גע...יטן זיך פאַר לערער, ראַבינער. פונדעסטוועגן האָט זיך די רעגירונג אָפּגע=
באַרט אין איר האָפנונג, אַז די נייע שול זאָל אויף גיך צוניש מאַכן די אַלטע
חדרים און ישיבות: אין די קרוינשולן איז געגאַנגען אַ קליינער פּראָצענט
קינדער, און די זענען אויך פריער געווען אין חדר. דאָס ערשטע יאָר שוין פון
אַלכסנדר דעם וו=טנס רעגירן האָט מען גענומען מלחמה האַלטן קעגן דעם קאָנ=
קורענט דעם חדר. מאַי 1855 האָט דער צאַר באַשטעטיקט אַזאַ באַשלוס פונם
„ייִדישן קאָמיטעט”: „אין 20 יאָר אַרום טאָר קיינער נישט ווערן קיין רב אָדער
אַ לערער פון ייִדישע למודים, חוץ די, וואָס האָבן געענדיקט אַ ראַבינער=שול
אָדער אַן אַלגעמיינע הויכשול, אָדער אַ מיטלשול”. אין 20 יאָר האָט די רעגירונג
געוואָלט פאַרניכטן אַטויזנטיעריקן אינסטיטוט פון רבנים און מלמדים און האָט
אָפּט געפּאָכעט פאַר זיי מיט דער דאָזיקער בייטש. דאָס יאָר 1856 האָט מען
איינגעפירט אַ שטרענגן קאָנטראָל אויף חדרים און מלמדים. אין אַ יאָר אַרום
האָט מען שטרענג באַפוילן ייִדישע קהלות קלייבן פאַר ראַבינער נאָר אַזעלכע,
וואָס האָבן געענדיקט אַ ראַבינער=שול, אָדער אַן אַלגעמיינע שול, אין ערגסטן
פאַל ייִדישע געלערנטע פון דייטשלאַנד. מיט די דאָזיקע שול=דעקרעטן האָט מען
נישט אויסגעפירט. דאָס יאָר 1859 האָט מען שוין געמוזט אַרויסגעבן אַ נייעם
באַפעל: דעם קאָנטראָל אויף חדרים האָט מען שוואַכער געמאַכט, דערפאַר איז
פאַר סוחרים געוואָרן אַ מוז אָפּגעבן זייערע קינדער אין אַלגעמיינע אָדער אין
ייִדישע קרוינשולן. מיטן אָפיציעלן מוז וואָלט מען ווייניק וואָס אויסגעפירט
(ייִדן האָבן שוין פאַרשטאַנען, ווי פּטור צו ווערן פון דער „יונישער חכמה”),
אָבער צו יענער צייט האָט שוין דער קולטור=קריזיס אין געוויסע ייִדישע קרייזן
דערלאַנגט אַזוי ווייט, אַז די בילדונג=שול איז שוין געוואָרן זייער אָנגענומען.
מ'האָט אָנגעהויבן אָפּגעבן קינדער אין גימנאַזיעס, אין אוניווערסיטעטן, אָבער
וואָס האָבן געקלעקט הונדערטער געענדיקטע אַקעגן הונדערטער טויזנטער חדר=
און=ישיבה=לייט? ס'גייט שוין צום יאָר 1875, ד. ה. צו דעם טערמין, וואָס די
רעגירונג האָט געשטעלט מלמדים, זיי זאָלן זיך אַליין אָפּשאַפן, אָבער די גרויסע
מחנה מלמדים האָט אַפילו נישט געקלערט אָפּצוטרעטן: זיי האָבן געהאַט אַ
געוויסע פונקציע אין ייִדישן לעבן, ווער זאָל דאָס טון אָנשטאָט זיי? נאָכגעגעבן

האָט די רעגירונג. תחלת האָט מען דעם טערמין פאַרלענגערט, דערנאָך האָט מען זיך גאָר מיאש געווען און צורו געלאָזט מלמדים און חדרים (אַ באַפעל פונם יאָר 1879). צום סוף פון דער דאָזיקער תקופה האָט זיך די רעגירונג אָפּגעזאָגט כּמעט פון דער גאַנצער סיסטעם און האָט איר ליקווידירט: דאָס יאָר 1873 האָט מען פאַרמאַכט ווילנער און זשיטאָמירער ראַבינער־שולן און אַלע „קאַזיאָנע" שולן. אָנשטאָט דער גרויסער בילדונג־סיסטעם, ווו מ'זאָל רעפאָרמירן דאָס גאַנצע יידנטום, איז איצט געוואָרן אַ הונדערט „אָנהויב־שולן" און צוויי באַשיידענע לערער־אינסטיטוטן אויסצובילדן לערער פאַר די שולן. די רעגירונג האָט פאַרשטאַנען, אַז די בעסטע מעטאָדע רוסיפיקאַציע איז די אַלגעמיינע שול און האָט אויסגעשטעלט אויף דעם אינעוויייניקסטן רוסיפיר־פּראָצעס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביי דער פּראָגרעסיווער יידישער אינטעליגענץ.

בעת אין פּעטערבורג האָט נאָך אַלץ געהערשט די רוסיפיקאַטאָרישע דאָגמע, איז אין וואַרשע אַרויפגעשווימען — צוזאַמען מיטן פּוילישן אויפשטאַנד — דער געדאַנק צו פּאָלאָניזירן יידן. אָנהויב אַלכּסנדר דעם װ־טנס רעגירן האָט די פּעטערבורגער רעגירונג גענומען אויסגלייכן די יידישע לאַגע אין דער אימפּעריע און אין פּוילן, אָבער די וואַרשעווער אַדמיניסטראַציע האָט געשטערט. די פּוילישע געזעלשאַפט איז ביזן אויפשטאַנד געווען אַנטיסעמיטיש, כאָטש אין וואַרשע איז שוין געווען אַ גרופּע יידישע אינטעליגענץ, פּויליש־פּאַטריאָטיש געשטימט, וואָס האָט געגאַרט זיך צונויפשמעלצן מיט פּוילן. דאָס יאָר 1859 איז אין „וואַרשעווער גאַזעט" געווען געדרוקט אַן אַנטיסעמיטיש אַרטיקל: יידן, האָט דאָס דאָרט געהייסן, זענען פרעמדע אין לאַנד. האָבן יידן פּוילישע פּאַטריאָטן (צווישן זיי אַ משומד, באַנקיר קראָנענבערג אויך) פּראָטעסטירט קעגן דעם. אין דער פּוילישער פּרעסע האָט זיך פאַרפירט אַ שאַרפע פּאָלעמיק, און די אויסלענדישע ראַדיקאַלע עמיגראַנטישע בלעטער האָבן שאַרף פירגעהאַלטן דער פּוילישער געזעלשאַפט איר אַנטיסעמיטיזם. דער גרייז־גרויער היסטאָריקער לעלעוועל האָט פאַרעפנטלעכט אין בריוסעל אַ בראָשור, געמאָנט די פּוילן צו אייניקן זיך מיט אַ פאָלק, וואָס מ'לעבט מיט דעם בשכנות שוין 800 יאָר. שיינע ווערטער וואָלטן שווערלעך קלוגער געמאַכט די אַנטיסעמיטן, ווען נישט די מ ע ש י ם, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן יענע צייט: אויסצופירן די מעשים האָבן זיך די פּוילן גענויטיקט אין יידנס מיטגעפיל און הילף. דער באַפריי־קאַמף, וואָס האָט פאַרכאַפּט רוסיש־פּוילן די יאָרן 1860—1863, האָט געפאָדערט אָנציען אַלע קרעפטן ביי דער גאָרער באַפעלקערונג אין לאַנד; אַ האַלב מיליאָן יידן איז דאָ געווען נישט קיין קלייניקייט. מיט אַמאָל איז די פּוילישע געזעלשאַפט שטאַרק צוגעלאָזט געוואָרן צו די אַט ערשט־„פרעמדע"; אַ געוויסער טייל יידישע געזעלשאַפט האָט זיך דערויף אָפּגערופן נישט בלויז מיט פּאַטריאָטישער התלהבות, נאָר מיט קרבנות אויך און מיט העלדנטאַטן פאַר דעם אַלגעמיינעם „פּאַטערלאַנד". אויבנאָן אין דער וואַרשעווער יידישער קהלה איז געשטאַנען דעמאָלט

אַ מאַן, וואָס אין אים האָט זיך מאָדנע געקניפּט פּוילישער פּאַטריאָטיזם מיט רבנישער פרומקייט. פונם יאָר 1856 אָן איז רב אין ווארשע געווען בעריש מייזלס, געוועזענער קראָקעווער רב (§ 37), וואָס דאָס יאָר 1848 האָט מען אים אויסגעקליבן פאַר דעפּוטאַט אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט און ער איז געווען צווישן פּוילישע פּאַטריאָטן אין גאַליציע. בעת דעם באַפריי־קאַמף אין פּוילן האָט מייזלס געפירט זיין קהלה פּאַטריאָטיש. דרך ארץ פאַר זיין לומדות און פרומקייט ביי דער יידישער מאַסע און באַוואונדערונג פאַר זיין פּאָליטישן טעמפּעראַמענט ביי דער אינטעליגענץ האָט מיטגעבראַכט, אַז דער רב זאָל שפּילן אין דער באַוועגונג אַזאַ פירער־ראָל, אַזוי ווי דעמאָלטיקע פּוילישע בישאָפן־פּאָליטיקער. ביי אַזוינע פירער, ווי דער רב מייזלס און דער פּרעדיקער מאַרקוס יאַסטראָוו, האָבן וואַרשעווער יידן זיך באַטייליקט אין די גאַסן־מאַניפעסטאַציעס, אין די פּאָליטישע פּראָצעסיעס די יאָרן 1860—1861. צווישן די פאַרוואונדעטע פון קאָזאַקישע קוילן בעת דער מאַניפעסטאַציע דעם 27 פעברואַר 1861 זענען געווען עטלעכע יידן אויך. די דאָזיקע שיסעריי אין אומבאַוואָפנטע און די אויפרעגונג דערפון אין וואַרשע איז כּידוע געווען אַ שטאַרקער גורם אין אויפשטאַנדי דער רב מייזלס איז געווען אין דער דעפּוטאַציע, וואָס איז דעמאָלט געגאַנגען צום שטאַטהאַלטער גאָרטשאַקאָוו מאָנען אַ באַפרידיקונג פאַרן פאַרגאָסן בלוט. אין דער דעמאָנסטראַטיווער לויה זענען צוזאַמען מיט קאַטוילישע גייסטלעכע געגאַנגען יידישע אויך, מיט מייזלס אויבנאָן. אַ סך יידן זענען געווען אין די קלויסטערס ביי די הזכרות מיט פּאַטריאָטישע רעדעס: ענלעכע טרויער־מאַניפעסטאַציעס זענען פאָרגעקומען אין די שולן אויך. אַ גרופּע יידישע פּאַטריאָטן אין פּוילן האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף, דערמאָנט יידן דעם האַס פון דער רוסישער ביוראָקראַטיע און האָט זיי געמונטערט „מיט פרייד אָקעגנקומען דעם חברשן פאַרלאַנג (פון די פּוילן) און זיך שטעלן אונטער דער פאָן פון אַ פאָלק, וואָס זיינע גייסטלעכע רעדן פון אונז אין אַלע קאָסציאָלן מיט ליבשאַפט און ברודערשאַפט". דאָס גאַנצע יאָר 1861 האָבן זיך פּוילן און יידן „געחברט" אין וואַרשע. אויף לעלעוועלס הזכרה אין שול האָט דער פּרעדיקער יאַסטראָוו געזאָגט אַ פּאַטריאָטישע רעדע, ראש השנה האָט מען אין די שולן מתפלל געווען פאַר דעם וואוילגיין פון דער פּוילישער „ספּראַווע", מ'האָט געזינגען דעם פּוילישן נאַציאָנאַל־הימן. ווען קאַטוילישע גייסטלעכע האָבן פאַרמאַכט אַלע קאָסציאָלן אין וואַרשע (אָקטאָבער), אַלס פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס רוסישע סאָלדאַטן האָבן זיך אַהין אַריינגעריסן, האָבן רבנים און גבאים געהייסן פאַרמאַכן די שולן אויך. דער נייער שטאַטהאַלטער לידערס האָט דערפאַר אַרעסטירט מייזלסן, יאַסטראָוון און דעם גמינע־פּאָרזיצער. דריי חדשים האָט מען זיי געהאַלטן אין וואַרשעווער פעסטונג, דערנאָך האָט מען זיי אָפּגעלאָזט.

מאַרקיז וועלעפּאָלסקי, אַ פאַרמיטלער צווישן דער רוסישער רעגירונג און דער פּוילישער געזעלשאַפט, האָט דערוויל געגרייט רעפאָרמעס פאַר פּוילן: אַ

פאַנצער קעגן אויפשטאַנד. אין די דאָזיקע רעפאָרמעס, וואָס האָבן געזאָלט טייל=
ווייז אומקערן די פוילישע אויטאָנאָמיע און פאַרבעסערן די לאַגע פון די פויע=
רים, איז געווען אַ פונקט וועגן „יידישער גלייכבאַרעכטונג“ אויך. אַלס דירעק=
טאָר פון דער וואַרשעווער קאָמיסיע פאַר קולטן און בילדונג, דערנאָך אַלס
הויפט פון דער גאַנצער ציוויל=פאַרוואַלטונג אין פוילן, האָט וועלעפּאָלסקי אויס=
געפירט אין פעטערבורג אַ הסכם אויף זיין פּראָיעקט. דעם 24=טן מאַי (5 יוני)
1862 האָט אַלכּסנדר דער II געחתמ'עט אַ באַפעל, אַז יידן מעגן: 1) פאַרווערבן
גיטער אויף פריצישער ערד, דאָרט וואו די פויערים זענען שוין אַריבער פון
פאַנטשיזנע צום אָפּצאָל אָדער צינש; 2) פריי וואוינען אין פריער פאַרבאָטענע
שטעט און גאַסן, אין דעם שוין—אין ערטער 21 ווערסט פון דער פרייסיש=עסט=
רייכישער גרעניץ אויך; 3) עדות זאָגן אין געריכט מיט קריסטן גלייך און
שווערן לויט אַ ווייניקער שענדלעכן נוסח. געגעבן פוילישע יידן אַזוינע רעכט
מיט דער האָפנונג, אַז זיי וועלן זיך צונויפשמעלצן מיט דער אָרטיקער קריסט=
לעכער באַפעלקערונג, ווערט יידן פאַרבאָטן צו נוצן העברעאיש און „יידיש=
דייטש“ אין געשעפטס=אַקטן: קאָנטראַקטן, צוואות, התחיבות'ן, אין האַנדלס=ביכער
און אפילו אין האַנדלס=קאָרעספּאָנדענץ אויך. צום סוף ווערט אין באַפעל געזאָגט
דעם אַדמיניסטראַטיוו=ראַט אין פוילן, ער זאָל איבערזען אַלע איבעריקע געזעצן,
וואָס פאַרמינערן יידישע רעכט אין מלאכה, אין געשעפט אָדער וואָס מאָנען
ביי יידן ספּעציעלע שטייערן, און זאָל צושטעלן אַ פּראָיעקט, ווי די דאָזיקע גע=
זעצן צו ענדערן. דעם דאָזיקן באַפעל, וואָס האָט איבעריקנס אָפּגעשאַפט נישט
מער ווי די שענדלעכסטע נגישות אין עלעמענטאַר=רעכט, האָט מען געקרוינט
מיט אַ קלינגנדיקן נאָמען „עמאַנסיפּאַציע“ פאַר יידן אין פוילן. די אָפּגעשלאָ=
סענע חסידישע מאַסע אין פוילן האָט מיט פרייד אויפגענומען די געשענקטע
פאַרלייכטערונגען, וועגן אַסימילאַציע אָבער האָט זי זיך נישט געקימערט. און
אַקעגן, די אַסימילירטע יידישע אינטעליגענץ, וואָס איז צוגעשמאַנען צום פוילישן
אויפשטאַנד, האָט געטרוימט פון גאַנצער גלייכבאַרעכטונג, אויב דער אויפשטאַנד
זאָל געראָטן.

דער אויפשטאַנד האָט דערווייל געהאַלטן אין שטייגן (1863). איצט איז
שוין דאָס נישט געווען בלויז מאַניפעסטאַציעס אין וואַרשעווער גאַסן: ס'האָט זיך
שוין געגאָסן בלוט אין שלאַכטן צווישן אינסורגענטן און רוסיש מיליטער אין
פוילישע, ליטווישע וועלדער [1]). אין אויפשטאַנד האָבן זיך באַטייליקט אַ סך

[1]) די פּראָקלאַמאַציע פונם „פּאָלקס=זשאָנד“, אַרויס דאָס יאָר 1863 אויף פויליש און העב=
רעאיש, האָט געהייסן: „די נאַציאָנאַלע רעגירונג צו ברידער=יידן פון משה'ס גלויבן“. דאָרט האָט
מען פאַרגלייכט די אַמאָליקע פוילישע פּאָליטיק מיט דער „מאָסקווער“: „פוילן האָט אייך נישט
געטריבן פון קיין אָרט, מאָסקווע האָט זיך געוואָרפן מיט אייך, אין פוילן איז נישט געווען קיין
רדיפות און עלילות=דם(?)...; אין רוסלאַנד לאָזט נישט אָפּ קיין עלילת=דם ביז היינט“. דער סוף פונם
אויפרוף איז געשריבן אין אַ נביאישן כּסיל: „און ס'וועט זיין, אַז מיט גאָטס הילף וועלן מיר באַפרייען

יידישע יונגעלייט פון רוסיש און פרייסיש-עסטרייכיש פוילן! איינע זענען העלדיש געפאַלן אין די שלאַכטן, אַנדערע זענען גענומען געוואָרן געפאַנגען. בלויז אין ליטע איז דער אויפשטאַנד געווען פרעמד סיי דער יידישער מאַסע, סיי דער נייער יידישער אינטעליגענץ: דאָרט איז נאָך געלעגן גוט אין טעם די איינגעגעסענע פויליש-פריצישע שנאה צו יידן, און ווידער האָט מען דאָ שטאַרק אַרויסגעקוקט אויף גלייכבאַרעכטונג פון פעטערבורג און אויף גיכן פון רוסיפיקאַציע. פאַר אַזאַ קאַלטקייט צום אויפשטאַנד האָט מען אין אַ סך ערטער אין ליטע געשראָקן יידן זיך צערעכענען מיט זיי. ערגיץ וואו האָבן די אינסורגענטן געהאַלטן וואָרט, אַזוי ווי דאָס יאָר 1831. געהאָנגען און געשאָסן יידן, וואָס זענען חשוד געווען אויף האַלטן מיט רוסלאַנד (אין גראָדנער גובערניע און אין אַנד. ערטער). די איינגעהאַלטענע באַציאונג צום אויפשטאַנד מצד ליטווישע יידן איז זיי נאָכדעם בייגעשטאַנען (נאָכן שטילן דעם אויפשטאַנד) פון דעם ווילדן מוראַוויאָוו׳ס בלוטיקע רעפּרעסיעס. אין פוילן גופא האָט דער יידישער אנטייל אין דעם באַפריי-קאַמף אויף אַ קליינער צייט אָפּגעשוואַכט דעם יידן-האַס און דאָס ווידער האָט שטאַרק געצויגן די יידישע אינטעליגענץ צו פּאָלאָניזאַציע... אָבער אומדירעקט האָט דער פּוילישער אויפשטאַנד פאַרערגערט די יידישע לאַגע אין גאַנץ רוסלאַנד. חוץ, וואָס דערמיט האָט זיך געשטאַרקט די רעאַקציע אין לאַנד בכלל, איז דאָס נאָך געווען אַ גורם צו דער היציקער רוסיפיקאַטאָרישער פּאָליטיק אין מערב-קאַנט, וואָס האָט יידן אַ סך געשאַדט, סיי אין בירגערלעכן סיי אין נאַציאָנאַלן לעבן.

§ 44. די רעאַקציע; די יידן-פראַגע אונטערן צייכן פון רוסיפיקאַציע (1866—1880).

די צווייטע העלפט פון אַלכסנדר דעם II-טנס רעגירן האָט זיך קלאָר אַ קער געטון צו פּאָליטישער רעאַקציע; דאָס האָט זיך געמוזט לאָזן פילן אין דער יידנפראַגע אויך, וואָס האָט זיך נישט געפעלט מיט די טיילווייזע רעפאָרמעס, מיט דעם „באַגנעדיקן" אַ טייל יידישע באַפעלקערונג. די רעאַקציע אין לאַנד בכלל האָט זיך קלאָר געמאַכט דערמיט, וואָס נאָך די ערשטע גרויסע רעפאָרמעס, — (אויס פּאַנשטשינע, איינגעפירט זעמסטווע און דעם נייעם געריכט), האָט די רעגירונג געהאַלטן, אַז רוסלאַנד איז שוין גענוג באַנייט, און האָט זיך

דאָס לאַנד פון מאָסקווער קנעכטשאַפט, וועלן מיר צוזאַמען געניסן פון פרידן; איר און אייערע קינדער וועלן געניסן אַלע בירגער-רעכט אָן אויסנאַם, וואָרום די פאָלקס-רעגירונג וועט נישט פרעגן קיין אמונה און אָפּשטאַם, נאָר דאָס געבוירן-אָרט"... ס׳איז נישט שווער איינצוזען, ווי מ׳האָט איבערגעטריבן אידעאַליזירט דעם געכטן און דעם מאָרגן.

קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט „באַקרוינען דעם בנין", (ווי מ'פּלעגט דאַמאָלס זאָגן) ד. ה. איינפירן אַ קאָנסטיטוציע און פּאָליטישע פרייהייטן. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, וואָס דער תהום צווישן דער רעגירונג און דער פּראָגרעסיווער רוסישער געזעלשאַפט איז אַלץ געוואַקסן: די געזעלשאַפט האָט אַלץ געשטרעבט צו איר ענדצוועק: באַנייען דאָס גאַנצע לאַנד. פּאָליצייאישע און צענזור־רדיפות האָבן פאַרטריבן די באַפריי־באַוועגונג אין דער פינסטער, די יוגנט איז געוואָרן רעוואָלוציאָנער, און די ביטערע רעפּרעסיעס פון דעם „דריטן אָפּטייל" האָבן זי געטריבן צו טעראָר, וואָס האָט זיך געלאָזט שטאַרק פילן די לעצטע יאָרן פון אַלכסנדר דעם II־טנס רעגירן.

אין אַזאַ אַטמאָספער רעגירונגס־רעאַקציע האָט פון יידישער עמאַנסיפּאַציע קיין רייד נישט געקאָנט זיין. די ביוראָקראַטיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין „גרויסע רעפאָרמעס" אין לאַנדלעבן, האָט נישט געוואָלט ציען ווייטער די קליינע רעפאָרמעס אין יידישן לעבן. דאָס שטרעבן „ביסלעכווייז" „בהדרגה'דיק" פאַר בעסערן דאָס ייז'ישע לעבן האָט זיך געפעלט; אָנשטאָט דעם זעען מיר ווידער די באַקאַנטע קאַנצעלאַריע־סיסטעם: אָן אַ שיעור און אָן אַ סוף טראַקטירט מען די יידנפראַגע אין רעגירונגס־קאָמיטעטן, אין קאָמיסיעס, מ'פרעגט אָן מיינונגען ביי גענעראַל־גובערנאַטאָרס און גובערנאַטאָרס וועגן יידישער אויפפירונג א. ד. גל. מ'האָט זיך ווידער גענומען פאַר דער פּאָליצייאישער פראַגע: צי זענען יידן נוצלעך אָדער שעדלעך פאַרן לאַנד, אָנשטאָט צו שטעלן די פראַגע פונקט פאַרקערט: צי לוינט פאַר יידן די מלוכה, אַזוי ווי ס'פּאַסט פאַר אַ טייל בירגער, וואָס די מלוכה וויל דעם דינען? פאַר ניקאָלאַי דעם I־טן האָט מען אין די קאַנצעלאַריעס צוגעטראַכט מיטלען, ווי צו קעמפן קעגן יידישער אָפּגעשלאָסנקייט און קעגן זייערע „שעדלעכע געשעפטן". די ערשטע יאָרן אַלכסנדר דעם II־טנס האָט מען אויפגעהערט צו האַלטן דעם האַנדל פאַר אַ שעדלעכער זאַך. אָבער ווי נאָר יידן האָבן, אַדאַנק די פאַרלייכטערונגען אין וואוינרעכט און אין פּראָפעסיעס, זיך צעפירט עקאָנאָמיש די הענט, אין האָבן אָנגעהויבן קאָנקורירן דעם „אַלטגעזעסענעם" סוחרים־שטאַנד, איז געוואָרן מיט אַמאָל אַ געשריי פון „יידישער עקספּלואַטאַציע" און אַז מ'מוז דאָס פאַרהיטן.

דאָסווירטשאַפט־לעבן פון יידן האָט זיך בכלל געענדערט משך די עפּאָכע רעפאָרמעס. חוץ געזעץ־הנחות פאַר יידן, זענען נאָך געווען אַלגעמיינע סבות, וואָס האָבן שטאַרק מיטגעהאָלפן דערביי. דאָס באַפרייען די פויערים האָט שטאַרק אָנגערירט פּריצים און האָט רואינירט אַ סך יידן הענדלער, וואָס האָבן זיך געריבן אַרום פּריץ. דערפאַר אָבער איז אויסגעוואַקסן אַ גרויס־אינדוסטריע. די אויסגעוואַקסענע אינדוסטריע, דערהויפּט אָבער די באַן־גרינדעריי די 60־ער און די 70־ער יאָרן,—האָבן געעפנט אַ ברייט אַרבעט־פעלד פאַר דער געשעפט־ענערגיע פון יידישע קאַפּיטאַליסטן. מיטן אָפּשאַפן די בראָנפן־אַרענדע דאָס יאָר 1861 איז אַ טייל יידישער גרויס־קאַפּיטאַל אַריבער פון דער בראַנפן־אַרענדע צו־

באַן־גרינדעריי: אָנשטאָט „אַקציזניקעס" איז געוואָרן „באַן־גרינדער"—אַקציאָנערן, צושטעלער, אָפנעמער. ס'איז געוואָרן אַ נייע יידישע געלט־אַריסטאָקראַטיע, און איר וואוקס האָט אַרויסגערופן קנאה אין מורא ביי רוסישע אונטערנעמער. די רעגירונג איז געווען פאַרטון אין גרינדעריי און ס'איז איר נישט אָנגעגאַנגען די נאַציאָנאַליטעט פונם גרויסקאַפיטאַל; זי האָט זיך אָבער אָנגעהויבן צוהערן צו די געשרייען פון „היימישע" וועגן יידישער קאָנקורענץ אין קליינהאַנדל, דאָס הויפט־געשעפט פון דער יידישער מאַסע. היות ווי די רעגירונג האָט זיך נישט אָפגעזאָגט פון דער גראַדאַציע: פראָטעזשירטע בירגער און „טאָלערירטע", האָט זי גענומען צוקלערן מיטלען ווי איינצוצוי־ען די „טאָלערירטע". דערנאָך האָט מען זיך געכאַפט פאַר נאָך אַ פראַגע: ווי ווייט איז מקוים געוואָרן די האָפנונג אויף דער „פאַרשמעלצונג פון יידן מיט דער היימישער באַפעלקערונג"? פונם ענטפער האָט מען נישט געקאָנט צופרידן זיין. ס'איז נישט מקוים געוואָרן די באַאיווע האָפנונג, אַז וויז נאָר יידן אַ פינגער,—די קליינע הנחות,—וועלן זיי זיך אָנהויבן מאַסנווייז „צונויפשמעלצן" מיט רוסן. ווי דער ברען צו רוסיפיקאַציע איז נישט געווען שטאַרק ביי דער יידישער אינטעליגענץ די 60־ער יאָרן, האָט דאָס דער מאַסע נישט גענומען. איז מען ווייטער געבליבן אָפהענגדיק: אפשר וועלן די קלוגעטשקע יידעלעך אָפנאַרן און וועלן נישט באַצאָלן (מיט צונויפשמעלצונג) פאַר די געשענקטע „פראַוועס"? האָבן ביוראָקראַטישע קאַנצעלאַריעס באַקומען נייעס שטאָף אויף יאָרן, אויף צענדליקער יאָרן...

אינדעם זענען פאָרגעקומען איינציקע זאַכן, וואָס האָבן באַוויזן די רעגירונג צו נעמען זיך גריבלען אינעם אינעווייניקסטן יידישן לעבן. סוף 60־ער יאָרן האָט זיך אין ליטע געלאָזט הערן איינער, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָגן דער רעגירונג פאַר אַ נאָכשפירער אַ מסור. דאָס איז געווען י ע ק ב ב ר אַ פ מ אַ ן, אַ מינסקער ייד, וואָס האָט זיך געשמדט די לעצטע יאָרן פון ניקאָלאַי'ס רעקרוטן־גזירה, בעת ער האָט זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן פאַר די קהל'ישע „כאַפערס", וואָס האָבן געהאַט אויף אים אַן אויג. פאַרביטערט קעגן קהל'ס אַגענטן, וואָס זענען געוואָרן פאָליציייאישע שפירהינט, האָט זיך בראַפמאַן גענומען נוקם זיין אין קהל בכלל, אין דער עצם אידעע פון יידישער קהלה־אָרגאַניזאַציע. ווען פון פעטערבורג האָט זיך געהערט דער פאַראָל „פאַרשמעלצונג", האָט דער געשיקטער משומד גענומען מאַכן אַ קאַריערע מיט אויפדעקן די סבות, וואָס שטערן דער אַסימילאַציע. דאָס יאָר 1858 האָט ער אין מינסק דערלאַנגט אַלכסנדר דעם II־טן עפיס אַ מעמאָראַנדום, דערמיט האָבן זיך פאַר אים געעפנט די טירן פונם הייליקן סינאָד: מ'האָט אים געמאַכט פאַר לערער פון העברעאיש אין אַ פראַוואָסלאַווער סעמינאַריע און מ'האָט אים געהייסן צוקלערן מיטלען צו באַזייטיקן די מניעות, וואָס יידן, גרייט צו שמד, האָבן מצד זייערע גלויבנסברידער. די שליחות צו פאַרלייכטערן שמד איז בראַפמאַנען נישט געראָטן; זיינע דינסטן אין שפיאָנאַזש ביי יידן האָט מען נאָך יענע ליבעראַלע יאָרן נישט שטאַרק געשעצט. אָבער מיט דער רעאַקציע

די 60-ער יאָרן האָט ער אָנגעהויבן צונויף קומען. בראַפֿמאַן איז אַריבער קיין ווילנע צו מוראַוויאָוון אין דער נעסט פֿון דער שאָוויניסטישער רעאַקציע, און האָט דאָרט אָנגעהויבן „מגלה זיין דעם אָפּגעשלאָסענעם יידישן שטייגער“ פֿאַר דער העכסטער אַדמיניסטראַציע אין דער געגנט. ער האָט געוואָלט איינריידן, אַז „קהל“, וואָס מ'האָט קאַסירט דאָס יאָר 1844, עקזיסטירט נאָך פֿאַקטיש און האָט נאָך שטאַרק-פֿאַרצווייגטע אַדמיניסטראַטיוו יורידישע פֿונקציעס, אַז דאָס איז אַ געפֿערלעכע אָרגאַניזאַציע און זי הערשט דעספּאָטיש אין די קהלות מיט אַזוינע בייטשן ווי „חרם“ און „חזקה“, זי פֿירט די יידישע מאַסע קעגן דער מלוכה, קעגן דער רעגירונג, קעגן דער קריסטלעכער רעליגיע און זי דערהאַלט ביי יידן פֿאַנאַטיזם און אַ „שעדלעכע“ נאַציאָנאַלע אָפּגעשלאָסנקייט. אויסוואָרצלען אַזאַ יידישע „שטילע רעגירונג“ לאָזט זיך, לויט בראַפֿמאַנס מיינונג, נישט אַנדערש, סיידן פֿאַרניכטן דעם לעצטן נשאר פֿון יידישער קהלה-זעלבסטפֿירונג; בכן דאַרף מען פֿאַרמאַכן אַלע יידישע צדקה-אָרגאַניזאַציעס און חברות, קאַסירן די יידישע קהלה און צושרייבן יידן צו שטעטישע און דאָרפֿישע געמיינדעס; קורץ, יידן, אַלס נאַציע, דאַרפֿן ווערן אויס...

די העכערע אַדמיניסטראַציע אין ליטע האָט געשלינגען יעדעס וואָרט פֿון דעם נייעם פּעפּערקאָרנס פֿינסטערער נבואה. אין אַ סעריע אַרטיקלען אין דער אָפֿיציעלער צייטונג „ווילנער אָנצייגער“, דערנאָך אין אַ ספּעציעל ווערק „קהל-בוך“ (1869—1871), האָט בראַפֿמאַן איבערגעפּלאָכטן דעם דאָזיקן מאַטעריאַל מיט ציטאַטן פֿון תּלמוד און פֿון דער רבנישער ליטעראַטור און האָט דאָס אַזוי אָפּגעאַרבעט, אַז די רעגירונג האָט געמוזט איינס פֿון די ביידע: אָדער פֿאַרניכטן די יידישע קהלה און אַלע אירע אינסטיטוציעס, אָדער לאָזן רוסלאַנד אייגעשלונגען ווערן פֿון דעם „וועלט-קהל“. צום „וועלט-קהל“ האָט מען געוויינטלעך פֿאַררעכנט דעם „אַליאַנס“ אויך, די פּאַריזער פֿילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציע צו שטיצן יידן אין אַלע לענדער. דאָס „קהל-בוך“ האָט מען געדרוקט אויף קרויניש געלט און מ'האָט דאָס צעשיקט אין אַלע קאַנצעלאַריעס אין דער אימפּעריע, רוסישע „משינאָווניקעס“ זאָלן וויסן, ווער איז דער „אינעווייניקסטער שונא“ און ווי אַזוי קעגן אים צו האַנדלען. יידישע שרייבער האָבן אין בראָשורן און אין דער פּרעסע געוויזן בראַפֿמאַנס עם-הארצות אין דער רבנישער ליטעראַטור און זיין בכּיוונדיק פֿעלשן די ראָלע פֿון קהל פֿריער און איצט; קעגן דעם מסור'ס ווילדע פּראָיעקטן האָבן געקעמפֿט יידישע דעלעגאַטן אין דער קאָמיסיע, וואָס ווילנער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט אַוועקגעזעצט אויף צו באַטראַכטן די דאָזיקע פּלענער, אָבער דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפֿן. אין פּעטערבורג האָט מען זיך שטאַרק אָנגעכאַפּט אין ווילנער אַנטפּלעקונג: דאָס זאָל זיין אַ באַווייז, ווי ווייט יידן זענען אָפּגעשלאָסן און ווי ווייט „געהיט“ מ'דאַרף זיין מיט יידישער גלייכבאַרעכטונג.

גראָד איז יענע צייט פֿאָרגעקומען אַ פֿאַל, וואָס האָט אין די הויכע פֿענס-

טער :יכער באַשטעטיקט יידישע „אָפּגעשלאָסנקייט“. אויף דער רייזע איבער
פּוילן (1870) האָט אַלכּסנדר דער II־טער דערזען די חסידישע מאַסע מיט לאַנגע
פּאות און מיט לאַנגע קאַפּאָטעס. דער צאַר איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט און
האָט געהייסן שטרענג האַלטן אין פּוילישע גובערניעס דעם פאַרבאָט אויף יידישע
קליידונג. גובערנאַטאָרס האָבן נאָכדעם געהאַט אַן אַרבעט אויסוואָרצלען חסידישע
„מיאוסע קאָסטיומען און פּאות“. אינגיכן האָט די פראַגע וועגן „יידישער אָפּגע־
שלאָסנקייט“ אָנגעשפאַרט אין מלוכה־ראַט. שטאַרק באַאיינפלוסט פון בראַפמאַנס
אַנטפּלעקונגען, האָט דער מלוכה־ראַט געפונען, אַז „מיט פאַרבאָטן דעם אויסער־
לעכן חלוק אין קליידונג דערלאַנגט נאָך נישט די רעגירונג איר צוועק אויס־
צוראָטן יידישע אָפּגעשלאָסנקייט און כמעט־פיינטלעכע באַציונג צו קריסטן מצד
יידן“, וואָס „זענען ביי אונז אַ געשלאָסענע רעליגיעז־בירגערלעכע קאַסטע אָדער
כמעט אַ מלוכה אין דער מלוכה“. דעריבער לייגט דער ראַט פאָר איבערגעבן
אַ ספּעציעלער קאָמיסיע „צו באַהאַנדלען די פראַגע וועגן מיטלען אָפּצושוואַכן
דעם געזעלשאַפטלעכן צונויפבונד ביי יידן“ (דעצעמבער 1870).
דאָס יאָר 1871 איז געוואָרן אַזאַ קאָמיסיע מיט פאָרשטייער פון פאַרשידענע
מיניסטעריומס אונטער דעם פאָרזיץ פונם געהילפמיניסטער לאָבאַנאָוו־ראָסטאָווסקי
(„די קאָמיסיע צו איינאָרדנען יידן“).

בעת די רעגירונג האָט זיך צום הונדערטן מאָל געגרייט קלאָר צו מאַכן
די פראַגע וועגן יידישער אָפּגעשלאָסנקייט, איז פאָרגעקומען פאַר יענער צייט
אַן אומגעוויינטלעכער פאַל: דער אָדעסער פּאָגראָם פּסח 1871. אין אָדעס, דער
קרוין פון דער דרום־געגנט, וואָס האָט צו פאַרדאַנקען איר האַנדל־בליונג יידן און
גריכן, איז שוין לאַנג געווען צווישן דיביידע אַ שלעכט לעבן מחמת דער קאָנ־
קורענץ אין ברויט־עקספּאָרט און אין קאָלאָניאַל־האַנדל. פאַרנוצער, ד. ה. דער
גרויסער עולם, האָט פון דער דאָזיקער קאָנקורענץ געווינען, אָבער גריכן־סוחרים
איז זי געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלז. ס׳פלעגט שוין פאָרקומען פריער אויך,
אַז אין די קריסטלעכע פּסח־טעג זאָלן גריכן שרעקן יידן מיט זייער ווילדן מנהג:
שיסן פון רעוואָלווערס נעבן זייער קירך, וואָס איז אינמיטן דעם יידישן קוואַר־
טאַל. צו פּסח 1871 האָבן די גריכן אָרגאַניזירט אַן אמת׳ן פּאָגראָם. אויפצורייצן
דעם עולם האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, כלומרשט האָבן יידן אַוועקגעגנבעט
אַ צלם אין קירך־הויפּ און האָבן געוואָרפן שטיינער אין דער קירך. דער פּאָגראָם
האָט זיך אָנגעהויבן זונטאָג דעם ערשטן טאָג קריסטלעכן פּסח (28 מערץ): מ׳האָט
געשלאָגן יידן, געבראָכן און גערויבט זייערע הייזער און געשעפטן, תּחלת אין
קירך־ראַיאָן, דערנאָך איבער דער גאָרער שטאָט. דריי טאָג דורכאַנאַנד האָבן
מחנות גריכן און רוסן געווילדעוועט, געבראָכן, געצינדן, גערויבט, געשענדעט
שולן, געשלאָגן יידן אין דער גאָרער שטאָט פאַר פּאָליציי און מיליטער אין די
אויגן, וואָס האָבן גאָרנישט געטון צו מאַכן אַ סוף צו דער ווילדקייט. ערשט
אויפן פערטן טאָג, ווען הונדערטער וואוינונגען און געשעפטן זענען שוין געווען

חרוב, ערשט דעמאָלט האָט די אַדמיניסטראַציע גענומען „באַרואיקן" אויף אַן אָריגינעלן שטייגער: אויפן מאַרק־פּלאַץ האָט מען צושטעלט סאָלדאַטן מיט וואָגנס ריטער, און ווען מ'האָט געכאַפּט פון די באַנדעס, האָט מען געשמיסן דאָ אויף אַן אָרט. מיט אַזאַ „פּאָ־ער־שטראָף" פאַר יינגלעך, וואָס האָבן „געשייגעצט", האָט אָדעסער גענעראַל־גובערנאַטאָר קאָצעבו ליקווידירט דעם פּאָגראָם. אין פּעטערבורג האָט תחלת אינטערעסירט די פראַגע, צי קער זיך דער פּאָגראָם נישט אָן מיט דער באַהאַלטענער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס הייגט הויבט זי אָן מיט יידן, און מאָרגן וועט זי אָנרייצן דעם המון אויף פּריצים און רוסישע קאַפּיטאַליסטן. די אויספאָרשונג האָט נישט געוויזן אין דער דאָזיקער געשעעניש קיין שום פּאָליטישע מאָטיוון. האָט מען זיך אין פּעטערבורג באַרואיקט און מ'האָט גערן אָנגענומען די ראַפּאָרטן פון די אָרטיקע סאַטראַפּן, אַז די באַוועגונג קעגן יידן איז נישט מער, ווי אַ גראָבער פּראָטעסט פון די מאַסן קעגן די עקספּלואַטאַטאָרס.

בכן איז צו איין יידישן „פאַרברעך" — אָפּגעשלאָסנקייט — צוגעקומען אַ צווייטער: עקאָנאָמישע „עקספּלואַטאַציע" צו שאָדן דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אין תחום. די דערמאָנטע לאָבאַנאָוו'ס קאָמיסיע האָט באַקומען דעם אויפטראַג שטרענג אויספאָרשן ביידע פאַרברעכנס. פּראַקטיש האָט די קאָמיסיע געזאָלט פאַרענטפערן צוויי פראַגן: וועגן „קהל" אָדער וועגן „איינאָרדנען דעם יידישן גייסטיקן שטייגער" און צי לוינט שיטערער מאַכן דעם „תחום"—אָפּצושוואַכן די עקאָנאָמישע קאָנקורענץ. מאַטעריאַל האָט די קאָמיסיע געהאַט, חוץ דעם פּוסק בראַפמאַן, נאָך אַ „מעמאָראַנדום וועגן די וויכטיקסטע פראַגן אין דער פאַרוואַלטונג פון דעם דרום־מערב־קאַנט", וואָס דער קיעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר דאָנדוקאָוו־קאָרסאַקאָווסקי האָט דערלאַנגט דעם צאַר דאָס יאָר 1871 און וואָס האָט, ניכר, געמאַכט אַ גרויסן רושם אין די הויכע פענסטער. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר ווייזט, אַז „די וויכטיקסטע זאַך פאַר דער רעגירונג איז די יידן־פראַגע". יידן ווערן אַ גרויסע עקאָנאָמישע קראַפט אין דער געגנט: זיי קויפן, אַרענדירן מאַיאָנטקעס, „פאַרכאַפּן" די פאַבריק־אינדוסטריע, דעם ברויט־און וואַלד־האַנדל, דאָס בראָנפן־געשעפט [1]) און דערמיט רייצן זיי אויף די קריסטלעכע באַפעלקערונג, די יידישע מאַסע פאָלגט נישט פונדעסטוועגן דער רוסיפיצירטער אינטעליגענץ, לעבט אָפּגעשלאָסן פאַר זיך, חושכט אין תלמודישן פאַנאַטיזם און חסידישער פאַרגרעבטקייט, „האָט זיך איר אייגענע זעלבסטפירונג קהל, איר אייגענע פינאַנץ־סיסטעם—די טאַקסע,—איר אייגענע צדקה־חברות", איר אייגענע נאַציאָנאַלע שול—דעם חדר (חדרים איז אין געגנט 6000). ס'איז פאַראַן אַ וועלט־

[1]) לויט דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק, וואָס דער מעמאָראַנדום ברענגט, איז אין דריי גובערניעס (קיעווער, וואָלינער און פּאָדאָליער) געווען 721000 יידן; דערפון אין דאָרף־געגנטן 14%, די איבעריקע 86% האָבן געוואוינט אין שטעט און שטעטלעך. אין יידישע הענט שטייט אין 27 צוקער־פאַבריקן (פון 105), 619 גוראַלניעס (פון 712), 5700 מילן (פון 6353).

קהל אויך: דער אינטערנאַציאָנאַלער יידישער פאַרבאַנד אין פאַריז, וואָס זיין פּאָרזיצער, קרעמיע, פאַרגינט זיך, דערלאַנגען פּראָטעסטן דער רוסישער רעגירונג ווען מ'באַעוול'ט יידן. דער גענעראַל-גובערנאַטאָר מיינט דעריבער, אַז „ס'ווערט העכסט נויטיק איבערזעען די גאָרע געזעצגעבונג וועגן יידן". אַזוי בערך איז צונויפגעשטעלט דער גאַנצער קאַנצעליאַרישער מאַטעריאַל, וואָס מ'האָט דערלאַנגט דער „קאָמיסיע צו איינאָרדנען יידן". אין אַלע גובערנאַטאָרישע ראַפּאָרטן, אין אַלע מיטטיילונגען פון די קאָמיסיע-גלידער, זעט מען איין האַנט, איין גילטיקן פּרינציפּ, — דאָס איז דער געדאַנק, וואָס שטעקט בעצם אין בראַפמאַנס „קהל-בוך". באַאַמטע, וואָס האָבן באַקומען צוגעשיקט דאָס בוך פון פּעטערבורג „צו וויסן ווי צו פירן זיך", האָבן פונם דאָזיקן בוך געשעפּט זייער גאָרע מלוכה-חכמה וועגן דער יידן-פראַגע, און האָבן זיך געמיט צוטרעפן דער דערמאָנטער אינסטרוקציע פונם מלוכה-ראַט: „אויסגעפונען מיטלען אָפּצושוואַכן דעם געזעלשאַפטלעכן צונויפבונד ביי יידן". גובערנאַטאָרס אין די פּוילישע גובערניעס האָבן ראַפּאָרטירט, אַז דאָרטיקע יידן, נאָכדעם ווי זיי האָבן באַקומען „גלייכבאַטונג" דורך וויעלעפּאָלסקי'ן, האָבן נאָך אַלץ נישט מקיים געווען דעם תנאי, וואָס מ'האָט זיי געשטעלט אין דעם אַקט: „פאַר דעם חסד, וואָס מ'האָט זיי געטון, זאָלן זיי פאַסירן אין בירגער-לעבן זייער שפּראַך און שריפט: חוץ אַ הייפל אַסימילירטע „יידן-פּאָליאַקן", וואָס זענען אָנגעשטעקט מיט פּוילישן סעפּאַראַטיזם, איז די גאַנצע חסידישע מאַסע אָנגעזאַפּט מיט לעצט-יידישן סעפּאַראַטיזם, וואָס שטיצט זיך אויף „קהל — די גמינעס, אויף חדרים, רבנים און אַלערליי ספּעציעלע חברות".

אויפן סמך פון אַזוינע מאַטעריאַלן האָט מען געשריבן ראַפּאָרטן, דיכטיקער געזאָגט, אָנקלאַג-אַקטן; יידן האָט מען באַשולדיקט אין אַ שרעקלעכן פאַרברעך: זיי זענען „אַ רעליגיעז-פּאָליטישע סעקטע", ד. ה. אַ נאַציע. דער אויספיר פון די דאָזיקע ראַפּאָרטן איז געווען דער, וואָס די אינסטרוקציע פונם מלוכה-ראַט האָט פאָראויסגעזען: מ'דאַרף פאַרניכטן דאָס לעצטע רעשטל יידישע זעלבסטפירונג: די קהלה, די שול, די חברות, קורץ—אַלצדונג, וואָס האַלט איין דעם „געזעלשאַפטלעכן צונויפבונד ביי יידן". דער תירוץ פאַר אַזוינע ווילדע פּראָיעקטן איז געווען כלומרשט „אויפקלערונג": אַז די „פינסטערע" יידישע מאַסן וועלן ווערן איינס מיט די הויכקולטורעלע רוסישע מאַסן, דעמאָלט וועט ממילא ווערן אויס יידנפראַגע; דערווייל אָבער קאָן מען זיך אָן אַ צוים—רעכטלאָזיקייט—פאַר יידן נישט באַגיין. וו. גריגאָריעוו, רעפערענט אין דער קאָמיסיע וועגן „תחום", זאָגט אָפן: „דאָ איז נישט וויכטיק, צי יידן וועט זיין בעסער, ווען מ'זאָל זיי לאָזן פריי וואוינען אין דער גאָרער אימפּעריע; וויכטיק איז, ווי וועט אַזאַ אויפטו ווירקן אויפן עקאָנאָמישן וואוילשטאַנד פון דעם גרעסטן רוב רוסיש פאָלק". פון דעם קוק אַרויס האַלט דער רעפערענט, אַז ס'איז אַ געפאַר אַריינלאָזן יידן אויסערן „תחום", וואָרום דעמאָלט וועט די „קרענק, וואָס טרעפט איצט נאָר די איינע מערב-גובערניעס, פאַרכאַפּן די גאָרע אימפּעריע".

אַ צייט לאַנג איז די קאָמיסיע געבליבן שטעקן ביי דער דאָזיקער ביוראָקראַטישער חכמה, נישט גערירט זיך פון אָרט. ערשט ערב איר סוף האָט זיך דאָרט געלאָזט הערן אַן אַנדער שטים, אַ גלגול פונם לאַנג־פאַרשטאָרבענעם ליבעראַליזם. דאָס יאָר 1880 איז אין דער קאָמיסיע אָנגעקומען אַ מעמאָראַנדום פון צוויי גלידער אירע (נעקליודאָוו און קאַרפּאָוו). דאָ איז געווען פאָרגעבראַכט דער אַפּיקורסישער געדאַנק פון „יידישער גלייכבאַרעכטונג", אַ שפּראַך וואָס די רוסישע רעגירונג האָט שוין לאַנג נישט געהערט. פון „מאָראַל און יושר"־וועגן — פאָדערן די מחברים פונם מעמאָראַנדום, די רעגירונג זאָל זיך אָפּזאָגן פון איר נראָב־אוטיליטאַרן קוק, אַז אַ ייד דאַרף זיין געדריקט אַזוי לאַנג, ביז ער וועט זיך נישט אַרויסווייזן פאַר נוצלעך דער „אַלטהיימישער באַפעלקערונג". זיי האָבן אַראָפּגעריסן דעם שלייער פון די טיילווייזע רעפאָרמעס יענע ליבעראַלע יאָרן: נעמיינט האָט מען דערמיט נישט העלפן דעם יידן, נאָר אים אויסנוצן. סוחרים פון דער ערשטער גילדיע, דאָקטוירים, יוריסטן, בעלי־מלאכות האָט מען אַריינגעלאָזט אין די אינערע גובערניעס מיט דעם מיין אויפצולעבן דאָרט דעם האַנדל, ממלא זיין דאָרט דעם אויספעל אין בעלי־מלאכות און אין אינטעליגענטע פּראָפעסיעס. „ווי נאָר מ'האָט באַדאַרפט האָבן די יענע קאַטעגאָריעס יידן פון דער רוסישער געזעלשאַפטס וועגן, האָט מען פון אַזוינע קאַטעגאָריעס אַראָפּגענומען דעם יאָך פון אויסנאַם־געזעצן, — אַגב, נישט גאָר, — און מ'האָט זיי צוגעלאָזט צו דער הערשנדיקער באַפעלקערונג אין דער אימפּעריע". אָבער די מיליאָנען־מאַסע יידן, וואָס די אינטעליגענץ האָט זיך פון זיי אָפּגעקערט, האָט מען געלאָזט שמאַכטן אינם שטיקעדיקן „תחום"[1]. ביי דער יידישער מאַסע האָט מען אָפּגערויבט די עלעמאַנטאַרע רעכט: פריי צו אַרבעטן, פריי צו פאַרקערן און פאַרווערבן ערד, וואָס דער געריכט נעמט געוויינטלעך אָפּ נאָר ביי פאַרברעכער. פון דער דאָזיקער באַליידיקטער מאַסע לאָזט זיך שוין הערן אַ פּראָטעסט־שטים: „יידישע יוגנט הויבט זיך שוין אָן באַטייליקן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס ביז איצט איז דאָס איר געווען פרעמד". מ'דאַרף זיך אָפּזאָגן פון דער פּרעס־סיסטעם. אַלע יידישע חסרונות: בירגערלעכע איזאָלירטקייט, איינזייטיקע עקאָנאָמישע טועכטס — דאָס זענען אַ רעזולטאַט פון דער פּרעס־סיסטעם. דאָרט, וואו דער געזעץ האָט נישט קיין צוטרוי צו דער באַפעלקערונג, איז

[1]) נאָך אַ סימן פון אַ ריין־אוטיליטאַריסטישער רעגירונגס־פּאָליטיק אין דער יידן־פראַגע האָט מען געקאָנט זען אין דער באַציונג צו איינפלאַנצן ערד־אַרבעט ביי יידן. פאַר אַלכסנדר דעם I־טן און ניקאָלאַי דעם I־טן האָט מען פּראָטעזשירט יידישע קאָלאָניזאַציע אין די פּוסטע דרום־סטעפּעס. אָבער פאַר אַלכסנדר דעם II־טן, ווען נאָוואָראָסיע האָט שוין נישט באַדאַרפט מער קיין פּראָטעזשירטע קאָלאָניזאַציע, און מ'האָט שוין באַדאַרפט האָבן ערד פאַר „אייגענע" פּויערים, האָט די רעגירונג אויפגעהערט פּראָטעזשירן יידישע קאָלאָניזאַציע. לויט אַ באַפעל פונם יאָר 1866 האָט מען אויפגעהערט קאָלאָניזירן יידן. אין אַ צייט אַרום האָט מען פון די יידישע קאָלאָניעס אין דרום־מערב־געגנט אָפּגעריסן דעם גרעסטן טייל ערד און זי צעגעבן קריסטן־פּויערים.

אומפאַרמיידלעך, אַז די באַפעלקערונג זאָל נישט געטרויען דעם געזעץ, דאָרטן מוז זיין אַ האַס צום רעזשים. „דער פאַרשטאַנד באַנעמט נישט אַזוינע טעמים, וואָס איבער זיי זאָל מען מעגן אַוועקשטעלן מיליאָנען יידן אויף אַזאַ מדרגה, ווי קרימינעלע פאַרברעכער”, מ׳דאַרף באַלד געבן יידן וואוינרעכט אומעטום, דאָס זאָל זיין דער ערשטער טריט צו גאָרער גלייכבאַרעכטונג.

אָבער אַזוינע איינגעשטעלטע רייד: יידן זענען די אָנקלאָגער, נישט די אָנגעקלאָגטע, זענען געווען פונקט דער היפוך פון דער קאָמיסיעס הויפט־צוועק, וואָרום זי, די קאָמיסיע, האָט לויט דער ערשטער אינסטרוקציע געזאָלט צושטעלן אַ פּראָיעקט פון רעפּרעסיעס. צו שפּעט איז דאָס געזאָגט געוואָרן: ס׳איז שוין געווען ערב אַ תקופה, וואָס האָט געפּרוווט פאַרענטפערן די יידן־פראַגע מיט אַזוינע מעטאָדעס, וואָס וואָלטן געווען אַ גרויל אפילו ביי די קאָנסערוואַטיווסטע מלוכה־מענער פון די 70־ער יאָרן אין די אויגן...

היות ווי מ׳האָט אַלץ אַרויסגעקוקט אויף אַ גרינדלעכער „רעוויזיע”, האָט זיך די געזעצגעבונג וועגן יידן קוים גערירט פון אָרט די לעצטע צען יאָר פון אלכסנדר דעם װ־טנס רעגירן. אָבער אין אַלע פאַלן, ווען מחמת אַלגעמיינע רעפאָרמעס האָט מען געמוזט ענדערן די ספּעציפישע געזעצן וועגן יידן אויך, האָט זיך שוין געלאָזט פילן די רעאַקציע. ביים אויסאַרבעטן אַ פּראָיעקט פון אַ נייעם סטאַטוט פאַר שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג (1870) איז אין דער קאָמיסיע ביים אינערן־מיניסטעריום (מיט „עקספּערטן”—בירגערמייסטערס) געוואָרן אַ דיסקוסיע: צי דאַרף בלייבן די פריער באַגרענעצטע צאָל יידן־ראַטמענער אין די שטאָט־דומעס, נישט מער פאַר אַ דריטל ראַטמענער בכלל? געהאַנדלט האָט זיך דאָ וועגן די „תחום”־שטעט, וואו יידן זענען געווען דער רוב איינוואוינער, און מ׳האָט געזוכט מיטלען, ווי אָפּצושוואַכן די צו גרויסע ווירקונג פון דער יידישער מער־הייט אויף שטאָט־זאַכן און מאַכן פאַר בעל־הבית די קריסטלעכע מינדערהייט. פאַר אָפּשאַפן די יידישע נאָרם האָט גערעדט נאָר איינער (אָדעסער בירגער־מייסטער נאָוואָסעלסקי), אָבער מיט איין באַגרעניץ־תנאי: ביי יידן־ראַטמענער זאָל מען מאָנען אַ בילדונגס־צענז, וואָרום געבילדעטע יידן „זענען נישט אַזוי שעדלעך”, ווי פּשוטע יידן. די מינדערהייט אין דער קאָמיסיע האָט געהאַלטן, אַז יידן־ראַטמענער דאַרף מען צולאָזן נישט מער פאַר אַ העלפט, דער רוב האָט געהאַלטן מיט דער אַלטער נאָרם—אַ דריטל. די פאַרטרעטער פון דער מערהייט (דערהויפּט דער מאָסקווער „גאָלאָוואַ” פירשט טשערקאַסקי) האָבן געטענהט, אַז יידן זענען נישט בלויז אַ רעליגיעזע, נאָר אַ נאַציאָנאַלע קאָרפּאָראַציע אויך, אַז זיי זענען נאָך ווייט פון רוסיפיצירט צו זיין, אַז מיט בילדונג ווערן זיי נישט רוסישער, נישט מער—זיי ווערן שטאַרקער אין קאָנקורענץ; דעריבער טאָר מען נישט „איינשטעלן מיט דער רוסישער באַפעלקערונג, זי זאָל אונטערפאַלן דער יידישער הערשאַפט”. אַזוי האָט דאָס אויסגעזען מיט מוניציפּאַלער גערעכטיקייט: דער רוב שטייער־צאָלער דאַרף האָבן אויף זיך אַ פאַרוואַלטונג פון דער מינ־

דערהייט! דער נייער שטאַט־סטאַטוט פון 1870 האָט פיקסירט די נאָרם אַ דריטל ראַטמענער פאַר „נישט־קריסטן" און האָט באַשטעטיקט דעם פאַרבאָט צו קלייבן אַ יידן פאַר אַ בירגערמייסטער.

דער סטאַטוט וועגן אַלגעמיינער מיליטער־פליכט (פאַרעפנטלעכט דאָס יאָר 1874), וואָס האָט געמאַכט אַ סוף מיט דער אַלטער רעקרוטן־סיסטעם, איז געווען דער ערשטער אַקט, וואָס האָט פאַרגלייכט יידן מיט אַלעמען אין פליכטן, איידער נאָך מ'האָט זיי גלייכגעשטעלט מיט רעכט. פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין גאַנצן גענומען איז די נייע סיסטעם געווען אַ געוויסע פאַרלייכטערונג: די שווערע פליכט, וואָס איז פריער צו לאַסט געווען נאָר דעם אָרעמען קלאַס, האָט מען איינגעטיילט אַלע שטאַנדן גלייך; די פליכט גופא איז גרינגער געוואָרן, ס'איז פאַרקירצט געוואָרן די דינסט; אנשטאט דער פריערדיקער ערבות פון דער קהלה פאַר צושטעלן רעקרוטן, מיט „כאַפּערס" און אַנדערע גרוילן, איז איצט יעדער איינאונצוואַנציקער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיך. אָבער די אַלע מעלות האָבן נישט געקאָנט מיטאַמאָל ענדערן די באַציאונג פון יידן צו מיליטער־פליכט. דער סוחרים־שטאַנד האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן זיינע אַמאָליקע פּריווילעגיעס און זיך נישט געקאָנט צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז ער דאַרף אויך געבן סאָלדאַטן. דער אָרעמער קלאַס האָט נאָך צו זיך נישט געקאָנט קומען פון דער ביזאַהעריקער רעקרוטן־פּלאָג. די, וואָס ערשט נעכטן האָבן זיי „כאַפּערס" געשלעפּט אַזוי ווי צו דער שחיטה אין די „פּריסוטסטוויעס", האָבן נישט געקאָנט היינט ווערן אַזוי גוט און פרום און אַליין קומען זיך שטעלן. דער סוף איז געווען, אַז צו די ערשטע „פּריזיוון" איז נישט געקומען אַ היפּשע צאָל איינאונצוואַנציקער, ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ גוואַלד, אַז יידן „מיידן אויס" די דינסט, אַז פאַר פאַרפעלטע יידן מוזן גיין קריסטן. די קאַנצעלאַריעס האָבן ווידער אָנגעהויבן סקריפּען מיט די פּענעס. דאָס קריגס־מיניסטעריום האָט געפאָדערט די שטרענגסטע שטראָפן קעגן דעם „אויסמיידן". מ'האָט אָנגעהויבן ציילן די גאָרע יידישע מיליטערפליכטיקע יוגנט (1875). אין די „פּריסוטסטוויעס" האָט מען געשאַצט יונגעלייט די יאָרן לויט דעם אויסערן אויסזען, נישט געגלויבט די צוגעשטעלטע מעטריקעס. לסוף, אום „צו פאַרהיטן, יידן זאָלן ריכטיק אָפּריכטן „מיליטערפליכט", האָט מען פאַרריכט דעם אַלגעמיינעם סטאַטוט מיט נייע אויסנאַם־נאָרמעס פאַר יידן (1876—1878) : פאַר מיליטער־אומפּעאיקע יידן דאַרפן גיין אַנדערע יידן, אָבער נישט קיין קריסטן; אַ ייד טויג צו דינסט אַפילו ביי אַ קלענערן וואוקס און אַ שמאָלערער ברוסט, איידער מ'פאָדערט דאָס ביי אַנדערע; פעלן אויס אומפּריווילעגירטע, מעג מען נעמען פּריווילעגירטע (לגאָטנע) אויך פון ערשטן גראַד, ד. ה. מ'מעג צונעמען ביי עלטערן אַ בן־יחיד אויך.

אַזוי שטרענג אומדערבאַרמדיק האָט די רעגירונג „פאַרהיט" די שווערסטע פליכט פאַר יידן. זיך נישט געקימערט דאָס מינדסטע פאַר די רעכט פון אַ דריימיליאָן־מאַסע, וואָס מ'האָט איר געהייסן פאַרגיסן בלוט פאַרן פאָטערלאַנד.

אין דער רוסיש־טערקישער קריג (1877) האָט מען געבראַכט פאַר אַ קרבן אַ סך יידישע לעבנס פאַר באַפרייען די „ברידער סלאַווען". אַבער אין דער הויפּט־קוואַרטיר (הויפּט קאָמאַנדיר איז געווען דער קינפּס׳יקער צאַר, אַלכסנדר III) האָט מען די דאָזיקע קרבנות נישט דערזען; דאָרט האָט מען נאָר געהאַט צו טון מיט אַ יידישער פירמע „גרעגער, האָרוויץ עט קאָמפּ", וואָס האָט צוגעשטעלט פּראָוויאַנט פאַר דער אַרמיי און האָט געגנבעט מיט אַלע אינטענדאַנט־צושטעלער גלייך. די רוסישע רעגירונג האָט געצילט אַ סך ווייטער, ווי אין אייגן לאַנד: אויפן בערלינער קאָנגרעס (1878) האָט מען באַהאַנדלט די פראַגע, מ׳זאָל פאַרפליכטן רומעניע, סערביע און בולגאַריע געבן יידן גלייכבאַרעכטיגונג. פאַרטרעטער פון אַלע מלוכות (וואַדינגטאָן, ביקאָנספילד, ביסמאַרק און אַנד.) האָבן שטאַרק געשטיצט דעם דאָזיקן פאָרשלאַג. איין רוסישער קאַנצלער גאָרטשאַקאָוו האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר אַ פּרינציפּיעלן קעגנער פון גלייכבאַרעכטיגונג. צו פאַרהיטן רוסלאַנדס פּרעסטיזש, וואָס האָט געהאַלטן אין קנעכטשאַפט אירע יידן, האָט דער קאַנצלער געזאָגט: „מ׳קאָן נישט גלייכן בערלינער, פאַריזער, לאָנדאָנער און ווינער יידן, וואָס זיי פאַרדינען געוויס גלייכע בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט, מיט סערבער, רומענער און רוסישע יידן, וואָס זיי זענען אַן אמתע פּלאָג פאַר דער אָרטיקער באַפעלקערונג". ביסמאַרק האָט דערויף באַמערקט, אַז „אפשר איז דערפאַר דאָרט דער יידישער צושטאַנד אַזוי קלאָגעדיק, ווייל מ׳גיט זיי נישט קיין בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט". דערויף האָט גאָרטשאַקאָוו געענטפערט, אַז „צו פאַרהיטן די אינטערעסן פון דער באַפעלקערונג האָט די רוסישע רעגירונג געמוזט מאַכן פאַר יידן אין אייניקע גובערניעס אַן אויסנאַם־רעזשים". דער רוסישער קאַנצלער האָט שעמעוודיק אויסבאַהאַלטן פאַר דער וועלט, אַז נישט אין „אייניקע גובערניעס", נאָר אין אַלע 25 גובערניעס אין „תחום" (מיט פּוילן) זענען יידן געמינערט אין זייערע רעכט, און אויסער דעם „תחום" לאָזט מען קיין יידן בכלל נישט אַריין, חוץ אייניקע קאַטעגאָריעס. די באַפרייער פון באַלקאַנער סלאַוון האָבן זיך גאָר נישט געקימערט צו באַפרייען זייערע אייגענע יידן.

דער יידנהאַס סיי אין רעגירונגס־קרייזן, סיי אין געוויסע קרייזן פון דער רוסישער געזעלשאַפט, האָט זיך געלאָזט שטאַרק פילן דערהויפּט סוף די 70־ער יאָרן. אַ סך אַוואַנטוריסטן האָבן זיך מתקנא געווען אין בראַפמאַנען, וואָס האָט געמאַכט נישט קיין שלעכט געשעפט מיט זיין „מגלה זיין יידישע סודות". דאָס יאָר 1876 איז אַרויס אַ נייער „מוכיח", איפּאָליט ליוטאָסטאַנסקי, אַ מענטש מיט אַ שענדלעכער ביאָגראַפיע. אַ געוועזענער קאַטוילישער קסיאָנדז אין קאָוונער גובערניע, וואָס די קאָנסיסטאָריע האָט ביי אים אָפּגענומען זיין גייסטיקע ווירדע פאַר „אומגעהערטע פאַרברעכן און פאַר אַ פאַרדאָרבן לעבן", — איז ער נאָכדעם אַריבער צו פּראַוואָסלאַוויע, געוואָרן אַ מאָנאַך אין טראָאיצער לאַווריע, דערנאָך אַ סטודענט אין מאָסקווער גלחים־אַקאַדעמיע. פאַר אַ דיסערטאַציע האָט דער אומ־

וויסנדיקער מאָנאַך געגומען אַ סענסאַציע־טעמע: „וועגן פאַרנוצן קריסטלעך בלוט ביי יידן". דאָס איז געווען אַן עם־הארצ׳ישער פאַמפלעט, איבערגעקייט (נישט אָנגעוויזן די קוועל) אַ קאַנצעליאַרישע שריפט פון ניקאָלאַי דעם ו־טנס צייטן וועגן דער ריטועלער לעגענדע און געפרווט דאָס פאַרפעסטיקן מיט פאַלשע ציטאַטן פונם תלמוד און פון רבנישע ספרים, וואָס ער האָט נישט געקענט, ווייל ער האָט די שפּראַך נישט געקענט. נויטיק געהאַט געלט, איז דער אַפּעריסט געקומען מיט זיין מאַנוסקריפּט צום מאָסקווער ראַבינער מינאָר, און געמעלדעט, אַז ער איז גרייט נישט צו דרוקן זיין חבור, וואָס קאָן יידן אַ סך שאָדן ברענגען, אויב יידישע גבירים וועלן אים באַצאָלן 500 רובל. ווען מינאָר האָט דעם שאַנטאַזש־פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן, האָט ליוטאָסטאַנסקי אָפּגעדרוקט זיין בוך (1876), איז אַוועק קיין פּעטערבורג און דאָרט דערלאַנגט זיין בוך דעם טרוינפאָלגער (שפּע־טער אַלכּסנדר III). דער זשאַנדאַרמען־שעף האָט אָפּגעקויפט אַ סך עקזעמפּלאַרן און האָט צעשיקט דער פּאָליציי איבער גאַנץ רוסלאַנד. געזען, אַז ס׳איז אים אַזוי געראָטן, האָט ליוטאָסטאַנסקי אינגיכן אַרויסגעלאָזט אַ נייעם פאַמפלעט אין 2 בענד „דער תּלמוד און יידן" (1879), פּונקט אַזאַ עם־הארציש שטיק לויט אינהאַלט און שפּראַך אַזוי ווי דער ערשטער. צעדערבוים, דער רעדאַקטאָר פון „המליץ", האָט אים געכאַפּט אין געפעלשטע ציטאַטן און אַרויסגעפאָדערט צו אַן עפנטלעכן דיספּוט, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט (1880). פונדעסטוועגן האָט די אַגיטאַציע געהאַט אַ געוויסע ווירקונג. דאָס יאָר 1878 האָט מען אין קוטאַאיסער גובערניע, אויף קאַווקאַז, געפונען טויט אַ גרוזיניש מיידעלע שרה מאָדעבאַדזע, וואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן ערב פּסח — דאָס איז גענוג געווען, אַז די אויס־פאָרשער זאָלן פאַרפירן אַן עלילת־דם־פּראָצעס קעגן ניין אָרטיקע יידן; דעם עלילת־דם האָט מען אָבער אין אָנקלאָג־אַקט נישט אָנגערופן אָפן ביים נאָמען. דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין קוטאַאיסער קרייז־געריכט. די פאַרטיידיקער האָבן אין אויסגעצייכנטע רעדעס צונישט געמאַכט נישט בלויז דעם פאַקטישן מאַטעריאַל, נאָר די פינסטערע ריטועלע לעגענדע אויך; אַלע אָנגעקלאָגטע האָט מען פרייגעלאָזט (1879). פונדעסטוועגן איז אין דער רוסישער פּרעסע געבליבן פון דער דאָזיקער „ריטועלער" אַגיטאַציע אַ שלעכטער נאָכטעם. ווען ד. כוואָל־סאָן, אַ געטויפטער ייד, פּראָפעסאָר אין פּעטערבורגער גלחים־אַקאַדעמיע, אויטאָר פון אַ וויסנשאַפטלעכער אַפּאָלאָגיע („וועגן מיטלאַלטערישע אָנקלאַגן קעגן יידן"), האָט אָפּגעדרוקט אַ בראָשור: „צי פאַרנוצן יידן קריסטלעך בלוט?" (1879), אַ שריפט קעגן דער ריטועלער לעגענדע, איז קעגן אים אַרויס אין דער צייטונג „נאָוואָיע וורעמיאַ" דער ליבעראַלער רוסישער היסטאָריקער קאָסטאָמאַראָוו און האָט געוואַגט זיך איינשטעלן פאַר דעם ווילדסטן פאָלקס אַבערגלויבן. די דער־מאָנטע צייטונג גופא, פריער שטאַרק ליבעראַל, האָט יענע יאָרן אָנגעהויבן סיס־טעמאַטיש באַפאַלן יידן, זיך צוגעהערט צו דער שטימונג אין די הויכע פענסטער און אַליין פון זיך געריצט די געמיינסטע ליידנשאַפטן. די גאַנצע לופט איז שוין

געווען אָנגעשטעקט מיט יידנהאַס, דאָס האָט מען סיסטעמאַטיש געפירט צו דער
מגפה פּאַגראַמען פון די 80-ער יאָרן.

§ 45. דער קולטור-קריזיס די השכלה-צייט.

אין אינעווייניקסטן לעבן ביי רוסלענדער יידן איז יענע צייט פּאָרגעקו-
מען אַ שאַרפער קולטור-בראָך. אָנגערירט האָט דאָס נישט די מאַסע אין דער
טיף, נאָר די אויבערשטע שיכטן, די אינטעליגענץ, אָבער די האַפט און די
קראַפט פונם גייסטיקן בראָך זענען געווען ענלעך צו דעם שטורם ערב-עמאַנסי-
פּאַציע ביי דייטשע יידן. דער אימפּעט פון רייסן זיך אויף נייע וועגן אינע-
ווייניק האָט גאָרנישט געשטימט מיט דער קריכעריי דאָרט אין אויסן, וואָס האָט
געזאָלט ברענגען עמאַנסיפּאַציע יידן. אָבער די גייסטע געשיכטע פון די מערב-
לענדער האָט אַ סך מאָל געוויזן, אַז גראָד די ע ר ב-עמאַנסיפּאַציעס זענען מער
פּאַר אַלץ עלול צו פאַרשאַפן די טיפסטע אינטעלעקטועלע און קולטור-קריזיסן.
רוסלענדער יידן האָבן געקריגן אַן אויפגאַב אויף עמאַנסיפּאַציע גאָר אומגעריכט
נאָך דער וויסטער תקופה פון ניקאָלאַי דעם ו-טן. וואָס האָט זיך געטון שטי-
לערהייט אין פּעטערבורגער קאַנצעלאַריעס די צען יאָר רעפאָרמעס — האָט מען
אין „תחום" אויף קלאָר נישט געוואוסט, אָבער דעם מערקווירדיקן שנוי אין
דער רעגירונגס האַלטונג האָבן אַלע געזען און געפילט. מ'האָט אַרויסגעלאָזט
פריי די קרבנות פון דער רעקרוטן-אינקוויזיציע—די קאַנטאָניסטן; מ'האָט אַראָפּ-
גענומען דעם קאָרדאָן דעם „תחום" פאַר יידן „מיט מעלות" (געלט, בילדונג,
מלאכה); מ'האָט פריינטלעך געשמייכלט פון די הויכע פענסטער צו געבילדעטע
יידן: דאָס זאָל זיין דאָס געצייג פאַר „פאַרשמעלצונג", די פאַרמיטלער צווישן
דער רעגירונג און דער יידישער מאַסע. דעם פאַרוואָרלאָזטן פאָלק האָט אַ שיין
געטון דיזעלבע זון פונם רוסישן פרילינג, וואָס האָט אַ וואַרם געטון דאָס גאָרע
לעבן אין לאַנד, באַפרייט דאָס לאַנד פון פּאַנשטשינע און האָט געוועקט די
ליכטיקסטע האָפנונגען אין האַרצן. כאור-שיין, תחיה-קלאַנגען האָבן זיך געגעבן
צו פילן ביי יידן פון די בעסטע קרייזן רוסישע געזעלשאַפט. ס'האָבן זיך באַ-
וויזן אַזוינע הומאַניסטן ווי דאָקטאָר פּיראָגאָוו, שפּעטער קוראַטאָר פון אָדעסער
און קיעווער לערן-ראַיאָנעס, וואָס האָט אַ סך געטון פאַר יידישער בילדונג;
אַזוינע פרייהייטס-קעמפער, ווי גערצען און טשערנישעווסקי און די גאַנצע גרופּע
ראַדיקאַלע שרייבער פון די 60-ער יאָרן. אין דער רוסישער פרעסע האָט מען
זיך די צען יאָר רעפאָרמעס ווייניק אָפּגעגעבן מיט יידן, אָבער דאָס ביסל וואָס
האָט זיך געדרוקט, איז געווען פיין-הומאַניסטיש. דאָס פריערדיקע חוזק-מאַכן
פונם „זשיד" האָט איצט געהערט צום שלעכטן טאָן. ווען דאָס יאָר 1857 האָט
זיך באַוויזן אין אַ פּעטערבורגער זשורנאַל „אילוסטראַציע" אַ יידנפיינטלעך אַר-

טיקל „וועגן מערב־רוסישע זשידעס“—זענען אַקעגן דעם אַרויס צוויי געבילדעטע
יידן טשאַצקין און האָראָוויץ (אין די זשורנאַלן „רוסישער וועסטניק“ און „אַטעניי“).
„אילוסטראַציע“ האָט דערויף אָפּגעענטפערט מיט זידלעריי, מיט שפּאָט געטיטלט די צווי־
שרייבער: „רבי טשאַצקין“ און „רבי האָראָוויץ“ און געגעבן אָנצוהערן, אַז זייער „יידנ־
ליבשאַפט“ נעמט זיך פון גראָב עגאָאיסטישע אינטערעסן. אַזאַ שטיק האָט אויפ־
גערעגט די רוסישע ליטעראַרישע קרייזן אין ביידע רעזידענץ־שטעט. זיי האָבן
פאַרעפנטלעכט אַ פּראָטעסט קעגן „אילוסטראַציע“ געחתמעט פון 140 שרייבער,
צווישן זיי אַ סך אָנגעזעענע נעמען (קאַוועלין, היסטאָריקער סאָלאָוויאָוו, אי. טור־
געניעוו, כאָמיאַקאָוו, טשערנישעווסקי, שעווטשענקאָ). אין פּראָטעסט איז געזאָגט
געוועז, אַז „מיט האָראָוויץ'ן און טשאַצקין איז באַליידיקט די גאַנצע רוסישע
געזעלשאַפט, די גאַנצע רוסישע ליטעראַטור“, וואָס טאָר נישט דערלאָזן קיין
„עזותדיקע רכילות“ אונטערן שלייער פּאָלעמיק. די פּראָטעסט־שרייבער זענען
אויסן געווען נישט מער ווי פאַרהיטן די מאָראַלישע ריינקייט פון דער רוסישער
ליטעראַטור, צו דער יידנפראַגע האָט דאָס נישט. אָבער יידישע כלל־טוער זענען
געווען אַנטציקט פון דער דאָזיקער דעקלאַראַציע: אומדירעקט האָט זי זיי
באַהעפט צו דער רוסישער געזעלשאַפט. אַ פּאָר אַרטיקלען אין אָנגעזעענע זשור־
נאַלן („סאָווערעמעניק“, „רוסקי וועסטניק“) פריינדלעך פאַר יידישער עמאַנסיפּאַציע,
האָבן די שמחה נאָך גרעסער געמאַכט.

די פרייד פון דער יידישער אינטעליגענץ מיט דער רוסישער ליטעראַטור
האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. פיינטלעכע טענער האָבן זיך געלאָזט הערן
אין דער רוסישער פּרעסע נאָך איידער די צען גוטע רעפאָרם־יאָר האָבן זיך
געפּעלט. איוואַן אַקסאַקאָוו, אַ ליבעראַלער סלאַוויאַנאָפיל, האָט מורא, אַז אויב
מ'זאָל צולאָזן יידן צו מלוכה־שטעלעס „אין אַלע אַמטן“, קאָנען זיי נאָך פאַר־
פולן דעם סענאַט, דעם מלוכה־ראַט, זיי קאָנען אַפילו אַרויסשטעלן אַ יידן פאַר־
אָבער־פּראָקוראָר פונם הייליקן סינאָד (די צייטונג „דיען“, 1862). אַקסאַקאָוו האָט
שוין דעמאָלט אָנגעהויבן איבער זייען אַן אָפּגעלעבטע מערב־טעאָריע, אז יידנטום
און קריסטלעכע ציוויליזאַציע זענען ווילד־פרעמד. די יידנפראַגע טייטשט ער
אויס אַזוי: „ווי אַזוי זאָל זיך אַ קריסטלעך פאָלק פאַרהאַלטן צו אַ נאַציע, וואָס
איר גאַנצער מהות איז — קעגנערשאַפט צו קריסטנטום?“ שפּעטער לאָזט זיך
אַקסאַקאָוו אַראָפּ פונם הימל אויף דער ערד; די יידנפראַגע איז אַן עקאָנאָמישע
פראַגע: „נישט וועגן עמאַנסיפּירן יידן דאַרף זיך דאָס האַנדלען, נאָר וועגן עמאַנ־
סיפּירן רוסן פון יידן“. די 70־ער יאָרן איז אין דער רוסישער פּובליציסטיק גע־
ווען אַ מאָדע אויף אַזעלכע טעמעס, ווי „יידישע אָפּגעשלאָסנקייט“, „קהל“, „עקס־
פּלואַטאַציע“, (אין דער ליבעראַלער צייטונג „גאָלאָס“ און אַנד.). פ. דאָסטאָיעווו־
סקי, דער גרויסער רוסישער קינסטלער, וואָס האָט זיך שוין דעמאָלט איבערגע־
בויגן צו דער רעאַקציע, האָט באַוויזן אין זיין „אַ שרייבערס טאָגבוך“ (1876—1877)
אַן איינגעגעסענעם יידנהאַס. דער קינסטלער, וואָס האָט באַוויזן צו פאַרבינדן

אין זיינע טיפן דאָס הייליקע און דאָס פאַרברעכערישע, האָט פאַרוואָרפן מיט שמוץ די יידישע נשמה. „זשיד” און דאָס „זשידישע” איז אין זיינע ווערק, דערהויפּט אין דער פּובליציסטיק, — אַ סימבאָל פון גראָבן מאַטעריאַליזם, פון געלטפּרעסעריי, פון פיינטשאַפט צו אַנדערע פעלקער. אייניקע רוסיפיצירטע יידישע אינטעליגענטן, באַליידיקט פון דאָסטאָיעווסקי׳ס שטיק, האָבן זיך געווענדט צו אים מיט אַ פּראָטעסט־שריפט. דערויף האָט ער אָפּגעענטפערט מיט אַן אַרטיקל „די יידנפראַגע” (1877). אייגנס, פאַרענטפערט ער זיך, אַז ער איז נישט קיין יידנפיינט, און ווידער צילט ער אין יידנטום אַזוינע גיפטיקע פיילן: „סימנים פון אַ יידישער מלוכה אין דער מלוכה דאָס איז: פאַרפרעמדקייט, אַלס אַ רעליגיעזער דאָגמאַט; אָפּגעשלאָסנקייט, אַ פאַרגלויבטקייט, אַז אויף דער וועלט איז פאַראַן נאָר איין פאָלקס־מהות — דער ייד, אַנדערע פאָלקס־מהות׳ן זענען אפשר פאַראַן, אָבער מ׳דאַרף האַלטן כמו זיי זענען נישטאָ. טייל זיך אויס פון פעלקער, בילד אויס דיין מהות, און ווייס, אַז דו ביזט איינער ביי גאָט; אַלע איבעריקע פאַרטיליק אָדער מאַך פאַר קנעכט, אָדער צאַפּ אויס. גלויב, אַז דיר איז באַשערט איינגעמען די גאַרע וועלט, זאָל דיר אַלץ זיין אומטערדיק און חבר זיך נישט מיט קיינעם”. אַזוי האָט דאָסטאָיעווסקי אָפּגעענטפערט דער יידישער אינטעליגענץ; ער האָט פיין דערשפּירט דעם פאַר־זיך פון דער מאַסע אונטער דעם אַסימילאַטאָריש־אינטעליגענטישן שלייער; אָבער די גאַנצע כאַראַקטעריסטיק פון יידן בכלל שטאַמט ביי אים פון זיין קראַנקער פאַנטאַזיע מיט איר נטיה צו שילדערן דאָס פאַרברעכערישע. דער יידישער נאַציאָנאַלער אידייע, וואָס באַשטייט טאַקע אין געזעצלעכן און נאַרמאַלן „נישט־צעגויפגיסן זיך”, אינם אומווילן פון פאָלקס קערן זיך צעגויפצוגיסן מיט אַנדערע און צו פאַרשווינדן, — אָט דער אידייע האָט דאָסטאָיעווסקי אָנגעוואָרפן רויבערישע אַפּעטיטן פון אַ הערשער־פאָלק מיט אָנפאַלערישן נאַציאָנאַליזם, וואָס דאָסטאָיעווסקי גופא האָט דעם געדינט אין דער רוסישער פּאָליטיק

יענע צייט, די 60־ער, די 70־ער יאָרן, האָט זיך די פּראָגרעסיווע יידישע געזעלשאַפט נאָך ווייניק געקימערט וועגן אַזוינע רעאַקציע־אָנזאָגער: צו באַגייסטערט איז זי געווען פאַר די באַפריי־אידעען, וואָס האָבן נאָך געוועלטיקט אין דער רוסישער אינטעליגענץ. די יידישע יוגנט האָט גערופן צו נייע וועגן און דאָס איז ביי איר געווען אַזוי גוט ווי אַסימילאַציע. דער וויכטיקסטער פאַקטאָר פאַר אַ קולטור־אויפלעבן איז דאָ געווען די אַלגעמיינע רוסישע שול און די „קאַזיאָנע” יידישע. באַגייסטערט פאַר אַ שיין מענטשלעך לעבן צווישן אַ פריי רוסיש פאָלק, האָבן יידישע ייִנגעלייט פון אַלע ווינקעלעך „תחום” אַ שטראָם געטון אין די גימנאַזיעס, אין אוניווערסיטעטן, וואָס האָבן זיך פאַר זיי פריי געעפנט. נעכטיקע געטאָ־קינדער האָבן איינגעזאַפּט אידעאַלן פון דער רוסישער יוגנט, באַגייסטערט געווען פאַר דער רוסישער ליטעראַטור. די פירער־גייסטער פון יענעם דור: טשערנישעווסקי, דאָבראָליובאָוו, פּיסאַרעוו, באָקל, דאַרווין, מיל, ספּענסער —

זענען געוואָרן אָפּגעטער ביי דער יידישער יוגנט אויך. יידישע קעפּ, וואָס ערשט נעכטן זענען זיי געווען פאַרטיפט אין דער גמרא אין חדרים, אין ישיבות, האָבן זיך אַ וואָרף געטון צו נייע אידעען: פּאָזיוויטיזם, עוואָלוציאָניזם, סאָציאַלע רעפאָר־מעס. צו שאַרף איז געווען דער שפּרונג פון רבנישן פּלפּול, פון פאַרשלעפּערישער חסידישער מיסטיק צו דער נייער אידייען־וועלט מיט איר וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע, צו דער נייער נבואה פון אַ פרייען מענטשלעכן געדאַנק, פון צערייסן די קייטן פון דער אַלטער טראַדיציע, פון פאַרניכטן אַלע רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע צוימען־ פון אַ פאַרבּרידעטער וועלט... ס׳האָבן אָנגעהויבן פאַלן די אַלטע געטער, ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ טראַגישער שטרייט צווישן „פּאָטערס און קינדער", אַ שטרייט, וואָס האָט צו קיין שלום נישט געקאָנט ברענגען, וואָרום איין צד איז געווען פאַנאַטיש־אָרטאָדאָקסיש, דער אַנדערער האָט נישט געוואָלט וויסן פון קיין היסטאָ־רישער יידישקייט, פון דער נאַציאָנאַלער אַזוי ווייניק ווי פון רעליגיעזער. צווישן לעצט־רעכטן און לעצט־לינקן לאַגער איז געווען דער איבערגאַנגס־דור, יענע „משכילים" פון מענדעלסאָנס און י. ב. לעווינזאָנס חדר, וואָס זענען נאָך צו זייער צייט אַ סך אויסגעשטאַנען פון פאַנאַטיקער פאַר זייער נייעם וועג און איצט האָבן זיי געוואָלט שלום מאַכן צווישן אמונה און השכלה. מיטן וואוקס פון די נייע אידעען זענען די משכילים דרייסטער געוואָרן אין זייער שטרייט קעגן די פאַנאַטיקער, זיי האָבן שאַרף קריטיקירט די פאַנאַטישע פירער און פאַר־פירער און האָבן געגעבן אָנצוהערן, אַז מ׳דאַרף איינפירן מעסיקע רעפאָרמעס. אויפלעבן די העברעאישע ליטעראַרישע שפּראַך און באַנייען דעם אינהאַלט גופא פון דער ליטעראַטור — דאָס איז געווען זייער וויכטיקסטע אויפגאַבע. נאָכטון די עמאַנסיפּירטע יידישע קאָלעקטיוון אין די מערב־לענדער האָבן זיי געוואָלט נאָר ביז אַ געוויסער גרעניץ, נישט אָפּצורייסן זיך פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך, פון נאַציאָנאַל־רעליגיעזע אידעאַלן. אָבער דער טייל פונם יונגער דור, וואָס האָט דורכגעמאַכט די רוסישע שול, האָט פון קיין שום גרעניץ נישט געוואָלט וויסן; מיט אַ אימפּעט־קראַפט האָט דאָס אים געטראָגן אויפן וועג צו אַסימילאַציע.

„איינס מיטן רוסישן פאָלק" — דאָס איז געוואָרן דאָס שטרעבן פון יענעם דור אינטעליגענץ, אַזוי ווי רוסיפיקאַציע איז געווען די פאָדערונג פון דער רוסי־שער רעגירונג. איין צד האָט געוואָלט פאַררוסישט ווערן, דער אַנדערער האָט געוואָלט רוסיפיצירן דערמיט; איז געוואָרן דער הסכם צווישן דער נייער יידי־שער אינטעליגענץ און דער רעגירונג. אינם אידעאַל רוסיפיצירן זיך זענען געווען פאַרשידענע גראַדאַציעס, אָנגעהויבן פון פאַר וואָס נישט אַביסל רוסיש קע־נען, און אויסגעלאָזט מיט דורך און דורך רוסיש: רוסישע קולטור, רוסישע אידעאַלן. די מעסיקע האָבן נישט פאָראויסגעזען, אַז דער נייער וועג וועט ווייט פאַרפירן; די לעצטע פרייע האָבן נישט געהאַלטן פאַר קיין אומגליק, אַז יידן זאָלן זיך גאָר אַסימילירן אַזוי ווי אין די מערב לענדער. אַסימילאַציע האָט פאַר אַ סך געהייסן אַזוי גוט ווי אָפּשאָבן דאָס ווילדפלייש, וואָס דאָס פאָלק איז דער־

מיט פאַרוואַקסן געוואָרן, נישט אָבער פאַרניכטן דעם עצם שטאַם פון דער נאַ־
ציע. די גאָרע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפט האָט מיט רעכט שוין נישט געקאָנט
מער פאַרטראָגן דעם פאַרשימלטן לעבנסשטייגער, וואָס האָט נישט געלאָזט מער
וואַקסן; די אינטעלעקטועלע פאַרשלאָפנקייט פון דער חסידישער מאַסע און די
לומדישע פאַרשטיינערטקייט, וואָס שטיקט דעם איידלסטן ווילן צו פרייגייסט.
אָבער דעם שטרייט קעגן דער פאַרעלטערטער טראַדיציע האָט מען אָפט גע־
פירט צוזאַמען מיט דעם דריטן צד, וואָס דעמס צוועק איז געווען גאָר אָבצו־
ווישן דעם פאָלקס אייגנס, ד. ה. אָפיציעלע רוסיפיציר־פּראָגראַם. אַ בונד צווישן
דער נייער יידישער אינטעליגענץ און דער רוסישער רעגירונג איז פאַר יענער
צייט געווען אַ זיכערערע פאַקט. „קאַזיאָנע" ראַבינער און שול־לערער, געוועזע־
נע תּלמידים פון ווילנער און זשיטאָמירער ראַבינער־שולן, האָבן זיך געהאַלטן
ווי רעגירונגס־באַאַמטע, און געשטיצט זיך אויף פּאָליציי אין קאַמף קעגן דער
אָרטאָדאָקסיע. אָפט פלעגן זיי דעמאָנסטראַטיוו באַליידיקן דאָס רעליגיעזע געפיל
ביי דער יידישער מאַסע, מיט אַ כיון געפירט זיך אַפּיקורסיש, געפילט זיך
שטאַרק מיט „נאַטשאַלסטוועס" שטיץ. פלעגן קהלות נישט וועלן קלייבן אַזוינע
פאַר ראַבינער, איז — אָדער די אַדמיניסטראַציע פלעגט זיי אַליין אַוועקזעצן
אויפן בענקל, אָדער זי פלעגט זיי הייסן קלייבן. די „אויפקלערונג", וואָס אַזוינע
געטרייע רעגירונג־אַגענטן האָבן געפירט, האָט נישט געקאָנט אויסנעמען ביי די
פרומע יידישע מאַסן. די אינטעליגענץ האָט זיך לחלוטין נישט גערעכנט מיט
דער שטימונג פון דער מאַסע און גערופן די פּאָליציי צו הילף קעגן חסידות
און צדיקים. די רעגירונג האָט דאָ גערן צוליב געטון: דאָס יאָר 1864 האָט
מען געמאַכט אַ שטרענגע צענזור פאַר חסידישע ספרים, אַ שטאַרקן קאָנטראָל
אויף יידישע דרוקן; גוטע יידן האָט מען פאַרווערט אַרומפאָרן; ביי דער יידי־
שע מאַסע זענען זיי געוואָרן קדושים און מ'האָט אָנגעהויבן פאָרן מאַסנווייז צו
רביים. דער אומצוטרוי צו דער אָפיציעלער דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ איז
איבער דעם נאָך מער געוואַקסן ביי דער מאַסע; איר פרעסטיזש איז געפאַלן
ביז גאָר, און דאָס האָט אַ סך שאָדן געבראַכט דער אויפקלערונגס־אַרבעט, וואָס
זי האָט געטון.

אַ באַזונדער מין אַסימילאַציע איז דעמאָלט געוואָרן ביי דער יידישער
געזעלשאַפט אין פּוילן, דערהויפּט אין וואַרשע. דאָס איז געווען דער ערגסטער
מין אַסימילאַציע: קנעכטישע קריכעריי פאַר פּוילן איז דאָ געווען אַ סך מער,
איידער קולטור־קאַמף. „פּוילן פון משה רבינוס גלויבן", אַזוי האָבן זיך אַ נאָ־
מען געגעבן די דאָזיקע אַסימילאַטאָרן, האָבן זיך געריסן אָנגענומען צו ווערן
אין דער פּוילישער געזעלשאַפט אין אַ צייט, ווען די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט
זיך נאָך געוואָרפן מיט זיי. בעת'ן אויפשטאַנד (1863—1861) האָט מען זיי גערן
צוגעזען פאַר מיטקעמפער, בפרט, אַז יידן האָבן אַזוי מאַניפעסטירט זייער פּוי־
לישן פּאַטריאָטיזם. אין „Jutrzenka" (אויפגאַנג), אַ פּויליש־יידיש וואָכנבלאַט

אין וואַרשע, האָט מען געהאַלטן אין איין קייען די אָפּגעשמאַקטע טעאָריע גענומען ביי די מערב־יידן, אַז יידן זענען נישט מער ווי אַ רעליגיעזער קבוץ, נישט קיין נאַציאָנאַלע איינהייט. איינער פון די הויפּטטוער אין זשורנאַל, ליודוויג גומפּלאָוויטש, (געשריבן אַ היסטאָרישע מאָנאָגראַפיע וועגן יידן אין פּוילן, דערנאָך אַ באַוואוסטער סאָציאָלאָג, אַ משומד, פּראָפעסאָר אין אַן עסטרייכישן אוניווערסיטעט), האָט אָנגעהויבן זיין סעריע היסטאָרישע אַרטיקלען מיט אַזאַ אַריינפיר: „דאָס, וואָס יידן האָבן געהאַט אַ געשיכטע, דאָס איז געווען זייער אומגליק אין אייראָפּע, וואָרום דער מהות פון זייער געשיכטע איז אַן אָפּגעזונדערט לעבן, אָפּגעשלאָסן פון אַלע פעלקער, — און דאָס איז דער אומגליק". נאָכן אויפשטאַנד איז די פּאָלאָניזאַציע פאַרגאַנגען גאָר ווייט. דער אויבערשטער שיכט יידישע געזעלשאַפט איז באַשטאַנען כמעט נאָר פון „משה־רבינו'ס פּאָליאַקן", וואָס האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון יעדן סימן יידישע קולטור, בעת די פאָלקסמאַסע, פאַרטון אין דער גוט־יידישער עבודה־זרה, האָט מיט אַ שרעקלעכן פאַנאַטיזם אָפּגעוואָרפן אַלע עלעמענטן פון אייראָפּעאישער קולטור. ביי אַזוינע פאַרביסענע עקסטרעמען האָט פון נאָרמאַלער אַנטוויקלונג קיין רייד נישט געקאָנט זיין.

ווי אינטענסיוו די קולטור־באַוועגונג איז נישט געווען אין דער יידישער געזעלשאַפט, האָט דאָך נישט געקלעקט קיין קרעפטן צו פירן אַן אָרגאַניזירטע פּלאַנמעסיקע אַרבעט. די איינציקע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע יענע צייט איז געווען „די געזעלשאַפט צו פאַרמערן אויפקלערונג ביי יידן"; געגרינדעט די געזעלשאַפט האָט דאָס יאָר 1863 אַ קליינע גרופּע פּעטערבורגער גבירים און אינטעליגענטן. די בייגעוואָרענע יידישע קאָלאָניע אין פּעטערבורג פון גרויס־סוחרים און „דיפּלאָמירטע" (לויט די געזעצן פון 1859 און 1861 האָבן זיך דאָרט געמעגט באַזעצן נאָר די פּריווילעגירטע קאַטעגאָריעס), האָט נאָך נישט פאַרמאָגט קיין גענוג טוער פאַר אַן אויטאָריטעטן קאָמיטעט (די ערשטע צען יאָר זענען אין קאָמיטעט געווען צוזאַמען מיט די גרינדער, די באַראָן גינזבורגס און ל. ראָזענטאַל, — ג ע וו ע ז ע נ ע יידן אויך: פּראָפעסאָר ד. כוואָלסאָן און לייבמעדיק י. בערטענסאָן). איינער פון די גרינדער, ל. ראָזענטאַל, האָט אָפנהאַרציק דערציילט, וואָס מ'איז אויסן געווען מיט גרינדן די געזעלשאַפט: „פון הויכגעשטעלטע פּערזאָנען, וואָס מיר פלעגן זיך מיט זיי טרעפן, האָבן מיר שטענדיק געהערט אויסוואַרפן יידן, אַז זיי זענען אָפּגעשלאָסן, פאַנאַטיש, פאַרפרעמדט צו יעדער רוסישער זאַך. מ'פלעגט אונז פאַרזיכערן, אַז ווי נאָר די דאָזיקע חסרונות וועלן זיך פעלן, וועט די לאַגע פון אונזערע ברידער אין רוסלאַנד בעסער ווערן און מיר וועלן אַלע ווערן גלייכבאַרעכטיקטע בירגער אין לאַנד. דאָס האָט אונז באַוואויגן צו גרינדן אַ פאַרבאַנד פון געבילדעטע לייט אויף אויסצוואָרצלען די דערמאָנטע חסרונות דורך דעם, וואָס מ'זאָל יידן לערנען רוסיש און נוצלעכע קענטענישן". בכן זעען מיר, אַז די געזעלשאַפט „מפיצי־

השכלה" האָט גענומען אויף זיך די ראָליע פון אַ פאַרמיטלערין צווישן דער רע-
גירונג און דעם פאָלק צו רוסיפיצירן יידן. אין דעם פרט האָט זי איר זאַך
געטון. „בילדונג לשם גלייכבאַרעכטונג" איז געוואָרן דער צוועק פון דער געזעל-
שאַפט. מ'האָט פּראָטעזשירט הויכבילדונג ביי יידן, מ'האָט געגעבן סובסידיעס
סטודענטן, מ'האָט אָבער גאָרנישט געטון צו שאַפן אַ נאָרמאַלע פאָלקסשול,
צו רעפאָרמירן חדרים און ישיבות. שטיצן „נוצלעכע קענטענישן" האָט געהייסן
סובסידירן עטלעכע יידישע שרייבער, וואָס האָבן איבערזעצט אויף העברעאיש
געשיכטע און נאַטורוויסן. נאָך אוטיליטאַריסטישער איז געווען דער אָדעסער
אָפּטייל „מפיצי השכלה", געגרינדעט דאָס יאָר 1867 [1]). דאָ איז דער צוועק גע-
ווען פאָרמולירט אָפן: „אויפקלערן יידן אויף רוסיש אין רוסישן גייסט".
די רוסיפיקאַציע זאָל דערלאַנגט ווערן מיט איבערזעצן די ביבל און דעם סידור
אויף רוסיש, „וואָס דאָס זאָל ווערן די נאַציאָנאַלע שפּראַך ביי יידן". אָדעסער
פּאָגראָם דאָס יאָר 1871 האָט די גרינדער אונטערגעהאַקט די אַסימילאַטאָרישע
פליגל. ווי דער פאָרזיצער דערציילט, „האָבן זיך ביי זיי אָפּגעלאָזט די הענט,
מ'האָט אָנגעהויבן צווייפלען, צי האָט מען זיך געשטעלט דעם ריכטיקן צוועק.
וואָרום, ווי ס'זעט אויס, וועט פון אונזערע ברידער'ס אַלע באַמיונגען צו ווערן
רוסן גאָר נישט זיין, ביז ווילאַנג די רוסישע מאַסע וועט פאַרבלייבן פאַר-
גרעבט ווי איצט און זי וועט פיינט האָבן יידן". דער פּאָגראָם האָט אויף אַ צייט
פאַרהאַלטן די אַרבעט פון דעם אדעסער אָפּטייל. דער צענטראַל-קאָמיטעט ווידער
אין פעטערבורג האָט זיך אויך געפילט אָפּגענאַרט. ווי די געזעלשאַפט האָט זיך
נישט געמיט זיך צופּאַסן צו דער „רעגירונגס אויסזיכטן", האָט זי דאָך נישט
געהאַט קיין צוטרוי ביי דער ביוראָקראַטיע; ס'איז גענוג געווען, אַז בראַפמאַן
זאָל פאַררעכענען די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע צו דעם באַהאַלטענעם „יידישן קהל",
וואָס שטרעבט אָפּצוזונדערן יידן, „שונאים דער קריסטלעכער וועלט". רוסיפיקאַ-
טאָרס, וואָס מיט אַ מאָל האָט מען זיי געמאַכט פאַר סעפּאַראַטיסטן, — דאָס איז
געווען זייער אַ טראַגישע לאַגע. די גאַנצע אַרבעט צו שטיצן גימנאַזיסטן און סטו-
דענטן איז נישט כדאי געווען די מי, בעת אָן דעם זענען אויך גימנאַזיעס און
אוניווערסיטעטן איבערפולט געווען מיט יידן. צו דעם פריערדיקן פּראַקטישן
צוועק, — אַ דיפּלאָם צו בירגער-רעכט, איז איצט (נאָכן מיליטער-סטאַטוט פונם
יאָר 1874) צוגעקומען נאָך איינער: אַ פּריווילעגיע („לגאָטע") צו מיליטער
דינסט. איבער דער דאָזיקער פּריווילעגיע האָבן אַ סך עלטערן אָנגעהויבן שיקן
זייערע קינדער אין שולן, דערהויפּט סוחרים, וואָס האָבן דעמאָלט דאָס ערשטע
מאָל דערפילט דעם טעם פון מיליטער-דינסט. די „מפיצי השכלה" האָבן געטון
נישט מער, ווי געבן שטיצע אָרעמע שילער, ס'איז געוואָרן אַ מין „משכיל אל דל"

[1]) צווישן די גרינדער זענען געווען די געוועזענע אַרויסגעבער פון „ראַזסוויעט" און
„סיאָן" — א. ראַבינאָוויטש, ע. סאָלאָווייטשיק און ד"ר ל. פינסקער, שפּעטער דער פירער פון די
„חובבי ציון".

(בילדונגס־פילאַנטראָפּיע). ערב דעם קריזיס פון די 80־ער יאָרן איז די אָרגאַניזאַציע געשטאַנען אויפן שיידוועג. נאָכדעם האָט זי זיך גענומען פאַר דער פ אָ ל ק ס־ש ו ל.

ביי דעם מאַנגל אין אַ ברייט־פאַרצווייגטער נעץ געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, איז די פ ע ר י אָ ד י ש ע פ ר ע ס ע געוואָרן די אַקטיווע קראַפט אין דעם קולטור־קאַמף יענע צייט. אָנהויב די 60־ער יאָרן זענען געוואָרן בלעטער אויף העברעאיש און רוסיש: אַ סימן פון דערוואַקסנקייט פאַר יענער צייט. ביידע גרופּעס שרייבער: די העברעאישע און די רוסישע, האָבן זיך גענומען פאַר דער גרויסער אויפקלער־אַרבעט צו באַנייען דאָס יידישע לעבן, יעדע גרופּע פאַר איר עולם. די אויסגאַבן אויף העברעאיש, טיילווייז אויף „זשאַרגאָן", האָבן געהאַט אין אויג דירעקט דאָס פאָלק. זיי האָבן געפּרעדיקט אייגנטלעך השכלה: קריטיקירט די פינסטערניש און פאַנאַטיזם ביי יידן, זיי האָבן צוגערעדט לערנען רוסיש און בילדן זיך בכלל, האָבן אונטערגעריסן די אַלט־פרענקישע דערציונג. אַקעגן, די יידישע אויסגאַבן אויף רוסיש, וואָס זענען געווען אויסגערעכנט פאַר דער אינטעליגענץ, פאַר דער יידישער ווי פאַר דער רוסישער, האָבן זיך געשטעלט אַ פּאָליטישן צוועק: קעמפן פאַר גלייכבערעכטונג און פאַרטיידיקן יידן קעגן פאַרשידענע אָנפאַלן. ביי ביידע גרופּעס האָט מען געקאָנט צוזען ווי ס'וואַקסט דער געזעלשאַפטלעכער פאַרשטאַנד: פון עלעמענטאַרע געדאַנקען, אָפט זייער פּרימיטיווע, איז מען געקומען צו קאָמפּליצירטערע. ביידע העברעאישע וואָכנבלעטער, וואָס זענען אויפגעקומען דאָס יאָר 1860 [1]), דער ווילנער „הכרמל" (רעדאַקטאָר ש. י. פין) און דער אָדעסער „המליץ" (רעדאַקטאָר א. צעדערבוים), האָבן די ערשטע יאָרן געשריבן אַזוי ווי פאַר דערוואַקסענע קינדער, זיי האָבן גערימט די מעלות פון השכלה און די „חסדים" פון דער רעגירונג. „הכרמל" איז געשטאָרבן אויך אין די קינדערשע יאָרן (1870; שפּעטער זענען אַרויסגעגאַנגען אונטער דעם נאָמען צופעליקע ביכלעך מיט אַ ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכן אינהאַלט). דער „המליץ" אָבער איז אינגיכן געוואָרן אַ לעבעדיקער קריטישער אָרגאַן, וואָס האָט געשאַרפט זיינע פיילן קעגן חסידות און גוטע יידן, אַמאָל זיך איינגעשטעלט אָנצוריירן לומדות אויך. דאָס וואָכנבלאַט „קול־מבשר", אַ יידישע ביילאַגע צום „המליץ" (1862—1871), האָט שוין גערעדט דירעקט צו דער מאַסע און דאָט אין פּובליציסטישע אַרטיקלען און אין הומאָריסטישע פעליעטאָנען שאַרף קריטיקירט דעם אַלטפרענקישן יידישן שטייגער. אַ מדרגה העכער איז שוין געווען דער חודש־זשורנאַל „השחר", וואָס פּ. סמאָלענסקין האָט אָנגעהויבן דאָס יאָר 1869 אין ווין און איז געגאַנגען דערהויפּט אין רוסלאַנד. „השחר" האָט שוין

---

[1]) דאָס אייגציקע העברעאישע וואָכנבלאַט ביז דעמאָלט איז געווען דער „המגיד"; אָנגעהויבן ביין דאָס יאָר 1856 אין אַ פּרייסיש שטעטל ליק, ביי דער רוסישער גרעניץ, און געמאַכט באַקאַנט רוסישע יידן מיט די פּאָליטישע געשעענישן אין אייראָפּע.

געקעמפט אויף צוויי פראָנטן: קעגן דעם פאַנאַטיזם פון דער פינסטערער מאַסע און קעגן אינטעליגענטישן נאַציאָנאַלן אינדיפערענטיזם, און ער האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף דער חדר־און־ישיבה־יוגגט. ישיבה־בחורים האָבן דאָ געפונען אַזוינס, וואָס זיי האָט טיף גערירט, זיי האָבן זיך אויסגעלערנט עלעמענטאַר־קריטיש צו דענקען, אָפּשיידן דאָס אייביקע פונם צופעליקן אין יידישקייט. פאַרן איבערגאַנגס־דור, אויף דער שוועל צווישן נייעם און אַלטן יידנטום, איז דאָס געווען באמת גייסטיק ברויט.

אויף וויפיל די גייע, מער ווייניקער רוסיפיצירטע, אינטעליגענץ איז אויסגעוואַקסן, האָט מען געקאָנט זען פון דעם, ווי עס האָבן זיך געביטן די ריכטונגען אין דער פעריאָדישער פרעסע אויף רוסיש. די פובליציסטיק האָט דאָ אויסגעזען אַ סך איירָאָפּעאישער. די דריי אדעסער בלעטער „ראזסוויעט" (1860), „סיאָן" (1861), און „דיען" (1869—1871) האָבן געהאַט פאַר זיך פאַרטיקע מוסטערן פון דער פרעסע ביי מערב־יידן, מ'האָט זיך געלערנט ביי די ריסער'ס און פיליפסאָנס: מ'דאַרף קעמפן פאַר יידישער גלייכבאַרעכטונג, אָפּוועגדן אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן און דערצו נאָך שטרעבן צו רעפאָרמירן דעם אייגענעם יידישן שטייגער. אָבער ווען רוסלענדער ריסערס האָבן גענומען אויספירן אַזאַ אַרבעט, האָבן זיי דערזעען פאַר זיך אַן אייזערנע וואַנט. ווען „ראזסוויעט", געפירט פון אַ טאַלענטירטן פובליציסט אָסיפּ ראַבינאָוויטש, האָט גענומען אויפדעקן די אייגענע שאַנד אינעם יידישן לעבן, זענען אויף אים יידישע כלל־טוער ברוגז געוואָרן: אין אַ בלאַט אויף רוסיש פאַסט נישט זיך אַליין צו שאַנד מאַכן: דאָ דאַרף מען נאָר אַרבעטן פאַר גלייכבאַרעכטונג. אָבער אויף גלייכבאַרעכטונג האָט געהאַט אַ דעה נאָך אַ צד — די רוסישע צענזור, וואָס האָט נישט געלאָזט. אין זיינע אַרטיקלען וועגן עמאַנסיפּאַציע איז דער „ראזסוויעט" געווען זייער איינגעהאַלטן, און דאָך האָט די צענזור געהאַלטן, אַז זיי שטימען נישט מיט דער „רעגירונגס אויסזיכטן". ס'איז אַפילו געווען אַ צענזור־צירקוליאַר, אַז מ'טאָר נישט „רעדן פון גלייכבאַרעכטיקן יידן מיט אַנדערע בירגער גלייך"; און אַז דער רעדאַקטאָר האָט זיך געקלאָגט אין פעטערבורג אויף אַדעסער צענזור־פּלאָג, האָט ער זיך געמוזט פאַרענטפערן, אַז אין די פאַרבאָטענע אַרטיקלען האָט זיך אייגנטלעך גערעדט פון וואוינרעכט פאַר יידן, נישט פון גלייכבאַרעכטונג בכלל. אַ יאָר האָט זיך דער „ראַזסוויעט" געראַנגעלט מיט דער צענזור און מיט דעפּיציטן (אַ רוסיש־יידישער זשורנאַל האָט נאָך געהאַט ווייניק לייענער) און האָט זיך אָפּגעשטעלט. „סיאָן", וואָס איז אַרויס באַלד נאָך דעם (רעדאַקטאָרן: ע. סאָלאָווייטשיק און ל. פינסקער), האָט געפּרוּבט אַן אַנדער טאַקטיק: אויפצוקלערן די גערעכטיקייט פון יידישע פאָדערונגען אין דער פּאָלעמיק קעגן יידנפרעסער און דורך באַקענען דעם רוסישן עולם מיט יידישער געשיכטע, אָבער ער האָט אַפילו קיין גאַנץ יאָר נישט אויסגעהאַלטן. אין זיבן יאָר אַרום האָט אין אָדעס אָנגעהויבן גיין אַ טאָגבלאַט „דיען", וואָס האָט שוין געהאַט מער מיטאַרבעטער

(אָרשאַנסקי, מרגליות און אַנד.). די יידישע דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ איז שוין געווען דעמאָלט גרויס. דאָס נייע בלאַט האָט פרייער געמאָנט גלייכבאַרעכטונג, אָבער שוין אַוועק אַ סך ווייטער פאַר די פריערדיקע אין פּראָפּאַגאַנדירן רוסיפיקאַציע. דער „דיען'ס" גרונד-געדאַנק איז געווען: „גאָר און גאָר פאַרשמעלצן יידישע אינטערעסן מיט די אינטערעסן פון אַלע בירגער". די יידנפראַגע איז „נישט קיין נאַציאָנאַלע פראַגע, דאָס איז אַ געזעלשאַפטלעכע, אַן עקאָנאָמישע זאַך", און דער ענטפער איז פשוט: גלייכבערעכטיקן „אַ טייל רוסיש פאָלק" (יידן) מיטן גאַנצן פאָלק גלייך. אָדעסער פּאָגראָם (1871) האָט געמוזט אָפּקילן די „דיען"-שרייבערס וועגן „אַלצאיינע אינטערעסן". אָבער דאָס בלאַט האָט זיך אינגיכן אָפּגעשטעלט איבער צענזור-נגישות. אויף עטלעכע יאָר איז די רוסיש-יידישע פרעסע פאַרשוויגן געוואָרן (אויב נישט רעכענען אַ. לאַנדויס פעריאָדישע זאַמלביכער „יידישע ביבליאָטעק" אין פּעטערבורג — די 70-ער יאָרן); זי האָט אָנגעוואָרן אירע לייענער: דער דורכשניטלעכער אינטעליגענט האָט געפאָלגט, ער האָט זיך „פאַרשמעלצט" און מער האָט ער שוין קיין ספּעציעל בלאַט נישט באַדאַרפט. דער בעסטער טייל אינטעליגענץ האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם שטייגעדיקן אינדיפערענטיזם ביי דער יוגנט, וואָס האָט דורכגעמאַכט די רוסישע שול, און האָט געפּרובט סוף תקופה (1879—1880) באַנייען די רוסיש-יידישע פרעסע. אין פּעטערבורג זענען אויפגעקומען וואָכנבלעטער „רוסקי יעוורייי", „ראַזסוויעט", דערנאָך דער „וואָסכאָד", וואָס האָבן געזוכט נייע וועגן צו דער נשמה פון דער יידישער אינטעליגענץ. ביי דער דאָזיקער אַרבעט האָט געטראָפן די אינטעליגענץ דער שווערער קריזיס פונם יאָר 1881; דער קריזיס האָט שוין אַרויסגעפירט די יידישע זשורנאַליסטיק אויף נייע וועגן.

די רוסישע שול און ליטעראַטור האָבן באַהעפט די יידישע יוגנט מיט די אידעען-באַוועגונגען אין דער רוסישער געזעלשאַפט. אַ טייל פון דער דאָזיקער יוגנט האָט זיך נאַטירלעך אַריינגעצויגן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די 70-ער יאָרן, וואָס איז געווען בעצם אידעאַליסטיש, נישט געקוקט אויף דער „מאַטעריאַליסטישער" דאָקטרין פון די וואָרטפירער. יידן האָט דאָס אַהינגעצויגן נישט אַזוי פיל פאַר אויפרעגונג קעגן יידישער רעכטלאָזיקייט, כאָטש אַ ביסל אַ צוגעגלעטער, ווי פאַר אומצופרידנקייט מיט דער אַלגעמיינער פּאָליטישער רעאַקציע. דאָס איז געווען די צייט פון „נאַראָדניטשעסטוואָ" („באַהעפטן זיך מיטן פאָלק" א. ד. גל.). יידן סטודענטן, געוועזענע שילער פון די ראַבינער שולן און לערער-אינסטיטוטן, אָדער פשוט אויטאָדידאַקטן געוועזענע ישיבה-בחורים האָבן זיך „באַהעפט מיטן פאָלק", מיטן רוסישן געוויינטלעך, נישט מיטן יידישן; האָבן געפירט פּראָפּאַגאַנדע צווישן פויערים און אַרבעטער, וואָס מ'האָט זיי געקענט פון ביכער. ס'האָט געהייסן, אַז באַם ס'וועלן מקוים ווערן די אַלגעמיין-רעוואָלוציאָנערע אידעאַלן, וועט שוין ממילא בטל ווערן די יידנפראַגע אויך און אַלע אַנדערע פּרט-פראַגן, און דעריבער לוינט זיך נישט זיך

אָפּגעבן מיט די דאָזיקע פּרטים. פאַר דער יידישער יוגנט איז די גאַנצע באַ-
וועגונג געווען אַ טעאָרעטישע זאַך: מיט דער רוסישער יוגנט האָט זי באַהעפט
גייסטיקע אינטערעסן, דאָס זוכן נייע וועגן, „אויסאַרבעטן אַ וועלטקוק". קאָסמאָ-
פּאָליטיזם איז געווען די גרונדאידעע ביי יידישע סאָציאַליסטן: אין „נאַראָדני-
טשעסווע" האָבן זיי פאַרזען דעם שטילן עלעמענט פון אַ רוסישער נאַציאָ-
נאַלער באַוועגונג. יידן זענען ביי זיי אין די אויגן קיין נאַציע נישט געווען,
און אַלס רעליגיעזע גרופּע זענען זיי געווען אַן אָפּגעלעבטע זאַך אין דער גע-
שיכטע, וואָס זאָל אינגיכן פאַרשווינדן. איין פּרוב אויסצושטימען סאָציאַליזם מיט
יידישער קולטור איז דאָך געווען. אָנהויב 70-ער יאָרן איז אין ווילנע אויפגע-
קומען אַ יידישע רעוואָלוציאָנערע גרופּע, דערהויפּט זענען דאָ געווען באַטיי-
ליקט שילער פון דער ראַבינער שול און לערער-אינסטיטוט. די פּאָליציי האָט
זיי געכאַפּט און אַרעסטירט אייניקע. די איבעריקע זענען זיך צעלאָפן (1875).
איינער פון זיי, אהרון ליבערמאַן, איז אַוועק קיין לאָנדאָן, געוואָרן אַן אייגע-
נער אין לאַווראָוו'ס גרופּע און אין דער רעדאַקציע פונם רעוואָלוציאָנערן זשור-
נאַל „ווּפּערייאָד" (פאָראויס). ליבערמאַן איז אָבער דערביי נישט געבליבן: ער
האָט באַשלאָסן צו פירן פּראָפּאַגאַנדע צווישן יידן און געגרינדעט אין לאָנדאָן
אַ „פאַריין פון יידישע סאָציאַליסטן". (1876). דאָס איז געווען אַ קליינע גרופּע
אַרבעטער און לערניוגנט; די הויפּט-אַרבעט איז דאָ געווען — געשפּרעכן און
דיסקוסיעס אויף סאָציאַליסטישע טעמעס, און פּראָקלאַמאַציעס אויף העברעאיש
וועגן פאַראייניקן אַרבעטער. דער פאַריין איז אינגיכן צונישט געוואָרן, און לי-
בערמאַן, אונטערן נאָמען פרימאַן, איז אַריבער קיין ווין און האָט אָנגע-
הויבן אַרויסגעבן אַ סאָציאַליסטישן זשורנאַל „האמת" אויף העברעאיש. תחלת
האָט מען דעם זשורנאַל דורכגעלאָזט קיין רוסלאַנד, אָבער צום דריטן ביכל
שוין האָט זיך די צענזור געכאַפּט און קאָנפיסקירט דאָס (1877). דער זשורנאַל
האָט אינגיכן אויפגעהערט. דאַן איז אויפגעקומען דאָס בלעטל „אספּת-חכמים"
אין קעניגסבערג (רעדאַקטאָר: מ. ווינטשעווסקי), אַ ביילאַג צו ראָדקינסאָנ'ס
לעגאַלער צייטונג „הקול" (1878), אָבער דאָס האָט אויך לאַנג נישט אויסגע-
האַלטן. מ'האָט אַרעסטירט ליבערמאַנ'ען אין ווין און זיינע חברים אין בערלין
און מ'האָט זיי אַרויסגעשיקט פון פּרייסן און פון עסטרייך (1879). דער גרעס-
טער טייל האָט עמיגרירט קיין ענגלאַנד און קיין אַמעריקע און איז אָפּגעריסן
געוואָרן פון רוסלאַנד. אין רוסלאַנד גופא זענען יידן רעוואָלוציאָנערן געווען
פאַרטון אין דער אַלגעמיינער באַוועגונג. נעכטיקע געטאָ-קינדער האָבן
באַוויזן אַ סך העלדנמוט און אָפּפּערוויליקייט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַ-
וועגונג די 70-ער יאָרן: יידן האָבן פיגורירט אין אייניקע גרויסע פּאָליטישע
פּראָצעסן און עפנטלעכע מאַניפעסטאַציעס (די דעמאָנסטראַציע ביים קאַזאַנער
סאָבאָר, 1876), האָבן געשמאַכט אין די טורמעס און פאַרוואָגלט געוואָרן קיין
סיביר. אין דעם דאַזיקן אידעאַליסטישן קאַמף פאַר אַלגעמיינער פרייהייט איז

געװיס געװען אַ פֿאַרבאַהאַלטענע ענערגיע פֿון יידישן פּראָטעסט, אָבער עס האָט געפֿעלט דער יידישער מאָטיװ: דאָס שטרעבן צו באַפֿרייען דירעקט דאָס פֿאַר־קנעכטעסטע פֿאָלק.

§ 46. די באַנייטע ליטעראַטור.

דאָס יידישע לעבן האָט זיך אַרויסגעװיזן שטאַרקער פֿאַר אַלע זייטיקע צוקומעניש, װאָס זענען אומפֿאַרמיידלעך די צייטן פֿון שאַרפֿע קריזיסן; ס׳איז געװען אַ גרונדליניע, אַ מיטלװעג פֿון דער גאָרער קולטור־באַװעגונג, װאָס האָט געפֿירט דאָס פֿאָלק צו אַ געזונטן פּראָגרעס. דער פּאָזיטיװסטער רעזולטאַט איז דאָ געװען — די נייע העברעאישע ליטעראַטור. דאָ האָט זיך פֿאַרפֿעסטיקט און פֿאַרפֿיינט דער רענעסאַנס, װאָס מיר האָבן אים געזען שװאַך, אָנהויבנדיק נאָך אַ תּקופֿה פֿריער. די געררודפֿטע השכּלה האָט איצט געקאָנט פֿריי אַרויסברעכן, װאָס זי האָט פֿאַרמאָגט. דאָס, װאָס צו י. ב. לעװינזאָנס צייט האָבן געװאַגט צו טון עטלעכע ריזיקאַנטן ערגיץ אין אַ געשלאָסענער װילנער גרופּע אָדער אין אַ װאָלינער העק, איז איצט אַרויס אויף דער פֿרייער װעלט. אויב פֿריער זענען געװען יחידים שרייבערס, אָנזאָגער פֿון אַ נייער ליטעראַטור, איז איצט האָט זיך באַװיזן די ליטעראַטור גופֿא — ניי, סיי לויטן אינהאַלט, סיי לויט דער פֿאָרם. באַנייען די העברעאישע שפּראַך, דעם תּנ״ך — סטיל, גערייניקט פֿונם רבנישן זשאַרגאָן, — דאָס איז פֿאַר אייניקע געװען אַ צװעק פֿאַר זיך, פֿאַר אַנדערע איז דאָס געװען אַ מיטל צו אויפֿקלערונג. ס׳האָט אויפֿגעבליט די „מליצה“, די סטיליזאַציע, — דאָס בויגן דעם מאָדערנעם אינהאַלט פֿאַר אַ פּסוק תּנ״ך. לויטן אינהאַלט איז די נייע ליטעראַטור די ערשטע צייט געװען פּרימיטיװ און נישט אָריגינעל[1]). דאָ איז מען נישט דערװאַקסן צו שאַפֿן אַזאַ „יידישע װיסנשאַפֿט“, װי מיר האָבן דאָס געזען אין דייטשלאַנד. אַ העברעאישער שרייבער אין רוסלאַנד האָט דעמאָלט געקאָנט זיין אָדער אַ פּאָעט אַ בעל עטריסט, אָדער אַ פּובליציסט. היסטאָרישע פֿאָרשטעלונגען האָט מען דאָ איינגעפּאַסט אין אַ פּאָעמע אָדער אַ נאָװעלע, אָדער מ׳האָט דאָס אויסגענוצט פֿאַר אידעאישער פּובליציסטיק, פֿאַר יהדות־קריטיק. אָביעקטיװע װיסנשאַפֿט האָט זיך דאָ נישט אָנגענומען, װי װייט עפּעס האָט זיך געװיזן, איז דאָס געװען אַרכעאָלאָגישע חקירות, נישט קיין לעבעדיקע היסטאָריאָגראַפֿיע (שמחה פּינסקער, הרכּבי). קיין שטרענגע גרעניץ צװישן פּאָעזיע און פּובליציס־

---

[1]) מ. א. גינזבורגס מיסיע (§ 24) האָט דאָ איבערגענומען ק. שולמאַן. די יאָרן 1850—1880 האָט ער פֿאַרפֿלייצט די יידישע ליטעראַטור מיט איבערזעצונגען און קאָמפּילאַציעס, פֿון צװישען סיו׳ס „מסתּרי פּריז“ ביז װעבער׳ס „אַלגעמיינע געשיכטע“. אָבער שולמאַנס מליצה, בײַ ער רעדט פֿון װאָכעדיקע זאַכן, מאַכט אָפּט אַ קאָמישן איינדרוק.

מיק איז דאָ אויך נישט געווען, דערהויפּט די הייסע קריזיס־צייט: אַ פּאָעט אָדער אַ ראָמאַניסט פּלעגט זיך אָפט נעמען פאַר דער פּובליציסטישער פּען, געוואָרן אַ מוכיח און אַ דרשן פאַר נייע אידעען.

נאָך יענעם פאַרטאָג, ווען די רעאַקציע האָט נאָך געווילדעוועט, סוף ניקאָלאַי דעם 1־טנס רעגירן, האָט זיך שוין אין ליטע געלאָזט הערן דער יינגער יידישער פּאָעט מיכה יוסף לעבענזאָן, דעם גראַמענמאַכער אד״ם׳ס אַ זון (אברהם־בער לעבענזאָנס פּסעוודאָנים), אַ פאַרחלומטער ווילנער יינגערמאַן, וואָס האָט געקרענקט אויף וועלט־צער און אויף שווינדזוכט. ער האָט אָנגעהויבן פון איבערדיכטן ווירגיליי׳ס „ענעאידע״ די צווייטע ליד (1849), אָבער אינגיכן איז ער אַריבער צו יידישע מאָטיוון. אין מוזיקאַלישע סטראָפעס פון „שירי בת ציון״ (1851) איז אויסגעגאָסן די גאָרע בענקשאַפט פון אַ נשמה, וואָס זוכט אַ סינטעז צווישן גלויבן און וויסן (די פּאָעמע „שלמה וקוהלת״), וואָס רעוואָלטירט קעגן דעם אויסערדיקן יאָך („יאל וסיסרא״), וואָס קלאָגט אויף דעם פּיין פון אַ וואַנדער־פאָלק („יהודה הלוי״). די שווערע קרענק האָט אונטערגעהאַקט דעם דיכטער צו 24 יאָר (1852). די קליינע לירישע זאַמלונג „כינור בת ציון״, וואָס איז אַרויס נאָך זיין טויט, ווייזט, וואָס פאַר אַ גרויסע פּאָעטישע קראַפט האָט געשטעקט אין דעם פרי־פאַרשטאָרבענעם דיכטער, וואָס אויף דער שוועל פון קבר האָט ער אַזוי רירנד געזונגען פון ליבע, שיינקייט און ריינער לעבנס־פרייד.

אין אַ יאָר אַרום נאָכן יונגן דיכטער׳ס טויט איז אין ווילנע אַרויס אַ היסטאָרישער ראָמאַן „אהבת ציון״. דער מחבר אַברהם מאַפּו (1808—1867), אַ קאָוונער מלמד, וואָס האָט זיך דורך זעלבסטבילדונג אַרויפגעאַרבעט צו אַ מאָדערנעם העברעאישן לערער, — האָט געלעבט אין צוויי וועלטן: אין דעם יאָמערטאָל פון ניקאָלאַי דעם 1־טנס צייטן, און אין שטראַלנדיקע זכרונות פון ווייטן אַמאָל. פאַרחלומט האָט ער געשפּרייזט ביים ברעג ניעמאַן אויף די בערג אַרום קאָוונע, געמאָלט זיך בילדער פון׳ם שיינענדיקן עבר פון דער יידישער נאַציע און דערלאַנגט דעם עולם די דאָזיקע ליכטיקע בילדער פון אוראַלטן יהודה די פינסטערע צייט פון דער רעקרוטן־גזרה. געטאָ־קינדער, וואָס האָבן דעם רוקן געבויגן איבער שווערע גמרא׳ס, האָט געצויגן צום דאָזיקן ביכעלע, וואָס דערפון האָט זיך געהערט אַ פרילינג־אַראָמאַט. מ׳האָט זיך אויסבאַהאַלטן און געלייענט דאָס ביכעלע בחדרי־חדרים (אָפן לייענען אַ „טרף־פסול״ האָט מען נישט געוואַגט), אַנטציקט פון דער זיסער אידיליע פון חזקיהו׳ס צייטן, פון׳ם רוישיקן ירושלים־לעבן, פון׳ם שטילן בית־לחם, ציטעריק נאָכגעפאָלגט אמנון און תמר׳ס ליבע און מיטן געדאַנק זיך אויסגעטון פון דער ביטערערווירקלעכקייט. די תמימות פון דעם ראָמאַן איז דאָ געווען אַ קנאַפּער חסרון פאַר יינגלייט, וואָס האָבן דאָס ערשטע מאָל געלייענט אַ ראָמאַן בכלל. מאַפּוס סטיל, דער תנ״ך־סטיל, האָט נאָך גרעסער געמאַכט די אילוזיע פון אַן אויפגעלעבט אלטערטום.

נאָכן אהבת-ציון האָט ער אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ ראָמאַן „עיט צבוע" אין 5 טייל
פונם מאָדערנעם לעבן (1857—1869). מיט זיין נאַאיוון שטייגער, פאַרפעפערט
מיט א פאַרוויקלטער פאַבול פון א פראַנצויזישן ראָמאַן, מאָלט דער אויטאָר דאָס
לעבן פון אַ פינסטער ליטוויש שטעטל מיט קהל-לייט בלוט-צאַפּער און גאָטס-
סטראַפּטשעס, מיט רבנים-פאַנאַטיקער, טאַרטיופן פונם „תחום", וואָס רודפן
השכלה. נעבן די דאָזיקע שאָטנס פונם פינסטערן עבר מאָלט מאפּו מיט ליבשאַפט
די ערשטע שפּראָצן פון אַ ניי לעבן: אַ משכיל, וואָס שטרעבט אויסצושטימען
רעליגיע מיט וויסן, אַ נעפּל-בילד פון אַ ייִנגענמאַן וואָס איז אַריין אין דער רו-
סישער שול מיט דעם געדאַנק צו דינען זיין פאָלק, סילועטן פון „אויפגעקלער-
טע" סוחרים און „אַריסטאָקראַטן" פון די נייע געלט-מאַכער. די לעצטע יאָרן
זיינע האָט זיך מאַפּו אומגעקערט צום היסטאָרישן ראָמאַן (אשמת-שומרון 1865);
אָבער דער דאָזיקער ראָמאַן, וואָס איז אַרויס אין רעכטן ברען קולטור-קאַמף,
האָט שוין נישט געמאַכט דעם איינדרוק, וואָס „אהבת-ציון", כאָטש דער זעלטע-
נער ביבל-סטיל האָט נאָך אַלץ באַצויבערט „מליצה"-ליבהאָבער.

דער טומל פון אַ באַנייט לעבן האָט זיך אַלץ מער אַריינגעריסן אין דער
ליטעראַטור, און פּאָעטן האָבן אויך נישט געקאָנט אויסמיידן קיין טאָג-פראַגן.
דער אָנגעזעענסטער פּאָעט פון יענער צייט יהודה לייב גאָרדאָן
(1830—1892) האָט אָנגעהויבן פון עפּישע פּאָעמעס אויף ביבלישע טעמעס און
פון משלים („אהבת דוד ומיכל" 1856, „משלי יהודה" 1860). אָבער אינגיכן איז
ער אַריבער צו „אידעאישער פּאָעזיע"; ער איז געוואָרן דער השכלה-טריבון,
דער שאַרפער קריטיקער פונם אַלטן שטייגער. דאָס יאָר 1863, ווען ער איז נאָך
געווען לערער אין אַ יידישער קרוין-שול אין ליטע, האָט ער געמאַכט די ביל-
דונגס-מאַרסעליעזע: „הקיצה עמי" (וואַך אויף מיין פאָלק): די זון איז אויפגע-
גאַנגען אין „גן-עדן-לאַנד", פונם פאַרקנעכטן נעמט מען אַראָפּ דעם יאָך, אַ
ברידערלעך האַרץ איז אָפן פאַרן נייעם יידן. זאָל דער ייד אַריין אין דער
מחנה רוסישע בירגער, צווישן געבילדעטע, וואָס רעדן אויף דער לאַנדשפּראַך,
און זאָל פאַר אים גילטן דער כלל „היה אדם בצאתך ויהודי באהלך" ד. ה.
זיי אַ רוס אויף דער גאַס, אַ ייד אין שטוב. זיין אייגענע ראָליע אין דער גרויסער
רעפאָרם-אַרבעט פאַרשטייט דער פּאָעט אַזוי: אויפדעקן די אינעווייניקסטע וואונדן
פונם יידישן לעבן, קעמפן קעגן דער רבנישער אָרטאָדאָקסיע, קעגן דער מצוות-
יידישקייט. די דאָזיקע טענדענץ, געריכטעט קעגן גאַנצן אַנטוויקלונג-גאַנג פון יו-
דאַאיזם, זעט מען שוין אין די היסטאָרישע פּאָעמעס („שירי-יהודה" 1868), וואָס
איבערראַשן מיט דעם פיינעם העברעאישן סטיל.

די 70-ער יאָרן ציט גאָרדאָן איבער קיין פּעטערבורג, ער ווערט דער
סעקרעטאַר פון דער חברה „מפיצי השכלה" און אָפיציעלער טוער אין השכלה-
לאַגער. אין „השחר" דרוקט ער אַ סעריע שירים צייט-זאַכן, וואו ער גיסט אויס
זיין שווער האַרץ צו דער פאַרשטיינערטער יידישקייט. אין „קוצו של י" מאָלט

פֿר די טראַגעדיע פֿון דער יידישער פרוי, וואָס האָט נישט קיין יוגנט-פרייד, וואָס איר האַרץ מוז זיין פאַרשלאָסן פאַר ליבע; פאַר איר יוגנט-ווײ זאָרגן שוין שדכנים, און רבנים פאַרדאַרבן איר גאַנץ לעבן איבער אַ עק פֿון אַ י. ער פייערט אויף די אָרטאָדאָקסישע אינקוויזיטאָרס, די אָפיציעלע קהל-לייט, וואָס פאַרכאַפּן אין זייער נעץ דעם ייִנגן השכלה-פּיאָנער („שני יוסף בן שמעון"). זיך פאַרנומען העכער און פאַרקלערט זיך איבער יידישער געשיכטע, פּראָטעס-טירט דער פּאָעט קעגן דער אויבערהערשאַפט פֿון גייסטיקייט איבער וועלטלעכ-קייט אין יידישן לעבן. ער פאַלט אָן אויף ירמיהו הנביא, וואָס פרעדיקט אין באַלאַגערטן ירושלים הכנעה קעגן בבל און שטרענגע תורה-טריישאַפט; אַ נביא, איבערגעטון אין אַ רבנישער קאַפּאָטע, האָט געמוזט דינען דער כּאַרשטיינערטער פאָרמול: די תורה איז העכער פאַרן לעבן („צדקיהו בבית הפקודות" 1879). דער אויספיר פֿון די דאָזיקע פּאָעטישע פייערדיקע שטראָף-רייד איז קלאָר: מ'מוז ברעכן די הערשאַפט פֿון דער אָרטאָדאָקסיע, מ'מוז פאַרוועלטלעכן דאָס יידישע לעבן. אָבער אין דער זעלבער צייט זעט דער פּאָעט, דער „פּראָקוראָר פֿון דער נאַציע", ווי ער אַליין רופט זיך, די וואונד פֿונם נייעם, אויפגעקלערטן דור אויך: ער זעט, ווי די געבילדעטע יוגנט אַנטלויפט פֿון יידן, ווי זי ווערט פאַר-פרעמדט צו דער נאַציאָנאַלער שפּראַך, צו דער שפּראַך פֿונם פּאָעטס שירים, און ס'רייסט זיך אַרויס ביי אים אַ ליד - אַ קרעכץ: „למי אני עמל?" (פאַר וועמען האָרעווע איך). ער זעט, ווי דער קינפטיקער דור, פאַרפרעמדט צו די קוואַלן פֿון נאַציאָנאַלער קולטור, איז שוין נישט אימשטאַנד צו לייענען די „שירי ציון"; ער איז דער לעצטער העברעאישער פּאָעט, און זיין דור זענען די לעצטע לייענער.

גאָרדאָן האָט דאָס געשריבן ערב די 80-ער יאָרן. דער יידישער נעקראַ-סאָוו האָט דערלעבט די פּאָגראָם-שרעקן, אָבער ער האָט אויך דערלעבט דעם נעפלדיקן פאַרטאָג פֿון דער נייער נאַציאָנאַלער באַוועגונג און ער האָט גע-קאָנט זען, אַז ער איז נישט געווען דער לעצטער פּאָעט פאַרן לעצטן דור.

נאָך אַ שרייבער האָט זיך געשטעלט די פראַגע: „פאַר וועמען?"; דאָס איז געווען ש. י. אַ ב ר אַ מ אָ ו י ט ש, וואָס זיין טאַלענט איז געוואַקסן מיט די יאָרן פֿון זיין לאַנג לעבן. ער האָט אָבער די פראַגע אַנדערש געשטעלט און אַנדערש פאַרענטפערט. אַבראַמאָוויטש (1835—1917) האָט די ערשטע צייט אויס-געפּרובט פאַרשידענע זשאַנרן: ער האָט געשריבן אויף העברעאיש קריטישע מאמרים, קאָמפּילירט ביכער פֿון נאַטור-געשיכטע, אַרויסגעלאָזט אַ העברעאישן ראָמאַן „האבות והבנים" (פּאָטערס און קינדער); אָבער דאָס אַלץ האָט אים נישט צופרידנגעשטעלט. שפּעטער האָט ער זיך אויף דער פראַגע: „פאַר וועמען?" געענטפערט, אַז אַרבעטן דאַרף מען נישט בלויז פאַר יחידי סגולה, נאָר פאַרן גאַנצן פ אָ ל ק. אַ שאַרפער קענער פֿונם פאָלקסלעבן ביי זיך אין ליטע און אין וואָליך, איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס רעאַלע לעבן

פון דער יידישער מאַסע איז מעגלעך צו געבן נאָר אויף דער לעבעדיקער אומגאַנגסשפּראַך, אויף „זשאַרגאָן", וואָס איז כמעט ביי אַלע משכּילים געווען פאַראַכט. מ'דאַרף שרייבן נישט בלויז פאַר געציילטע ביכער-מענטשן, וואָס לייענען העברעאיש, נאָר פאַר טויזנטער „פאָלקסמענטשן און פרויען", וואָס קענען קיין העברעאיש נישט. אַבראַמאָוויטש האָט אָנגעהויבן שרייבן (אונטערן פּסעוודאָנים „מענדעלע מוכר ספרים") אויף דער פאָלקס-שפּראַך מעשיות פון קליינע מענטשעלעך און קהל'שע בלוטצאַפּערס („דאָס קליינע מענטשעלע", 1865), פון אָרעמעלייט און וואָגל-מענטשן („פישקע דער קרומער"), פון דעם שפּינוועבס, וואָס בעלי-טאַקסעס און „די באַנדע שטאָט-בעלי-טובות" האָבן דערמיט אַרומגענומען יידישע קהלות („די טאַקסע"). די שאַרפע סאַטירע „די טאַקסע" האָט געטראָפן אין קאַרב, און די געטראָפענע וואָלטן דאָס אים נישט פאַרשוויגן, ווען ער זאָל נישט געווען אָפּטרעטן פון זיין וואוינאָרט, בערדיטשעוו, און איבערציען קיין זשיטאָמיר. דאָ האָט ער אָנגעשריבן איינס פון זיינע רייכסטע ווערק „די קליאַטשע, אָדער צער בעלי-חיים" (1873). אַלעגאָריש איז דאָ געגעבן אַ בילד פון אַ פאַרוואָרלאָזטער קליאַטשע (די יידישע מאַסע), וואָס שטאָט-בעלי-בתּים (די „אַלטהיימישע באַפעלקערונג") טרייבן זי, לאָזן איר נישט זיך פּיטערן צוזאַמען מיט דער שטאָט-טשערעדע אויף דער שטאָט-לאָנקע, רייצן אויף איר אָן שקצים-יינגלעך און הינט. די „חברה צער-בעלי-חיים" (די רעגירונג) קאָן אַלץ נישט קלוג ווערן, צי דאַרף מען באַהאַנדלען די קליאַטשע מיט אַלטהיימישע פערד גלייך (גלייכבאַרעכטונג), אָדער ס'קומט איר נישט, און מ'גיט דאָס איבער אַ קאָמיסיע צו באַטראַכטן. אין דעם באַווייזן זיך די פאָלקס-בעלי-טובות, כאַפּן זיך אַרויף אויף דער צעהרגעטער, אויסגעהאָרעוועטער קליאַטשע, און פאָרן אויף איר רייטענדיק און צאַפּן ביי איר אויס דעם לעצטן מאַרך פון די ביינער. שפּעטער האָט אַבראַמאָוויטש אַרויסגעלאָזט אַ הומאָריסטישע דערציילונג „מסעות בנימין השלישי" (1878), אַ מעשה מיט אַ יידישן דאָן-קיכאָט און מיט אַ יידישן סאַנטשאָ-פּאַנסאָ, וואָס לאָזן זיך אויף קדוש השם צו די „רויטע יידלעך" ביים טייך סמבטיון, צווישן בערדיטשעוו און קיעוו. די ערשטע תּקופה פון אַבראַמאָוויטשעס שאַפן — דאָס איז אַ געמיש פון קינסטלערישע איינדרוקן און פּובליציסטישע כוונות. די צווייטע תּקופה (די 80-ער יאָרן) ווערט ער שוין קינסטלעריש שטאַרקער און פרייער אין אינהאַלט; אין דער פאָרם באַשאַפט ער אַ סינטעז פון דער פאָלקסשפּראַך און דער נאַציאָנאַלער שפּראַך, ער שרייבט אויף ביידע שפּראַכן גלייך און דערלאַנגט אַ גרויסע מייסטערשאַפט.

אַ שרייבער אַ קינסטלער איז אָבער געווען אַ זעלטענער אויסנאַם אין דער השכּלה-ליטעראַטור. אין אַ צייט פון אַ געזעלשאַפטלעכן און קולטור-קריזיס איז דער אידעאָלאָגישער מאָטיוו געווען דער שטאַרקסטער, און פאַר דעם האָט זיך געמוזט בויגן נישט בלויז דער פּובליציסט, נאָר דער בעלעטריסט אויך. אַזאַ אידעאָלאָג איז געווען אין זיינע ראָמאַנען פּרץ סמאָלענסקין (1842—1885),

דער רעדאַקטאָר פונם פאָפולערן „השחר". אַ ישיבה־בחור, וואָס איז נאָכדעם מגולגל געוואָרן אין דער לעבשטאָט אָדעס, דערנאָך קיין ווין, האָט ער גופא דורכגעמאַכט דעם דאָזיקן קריזיס. פונם קריזיס איז ער אַרויס גאַנץ, אָבער אַרום זיך האָט ער צוגעזען „פגרים פון בילדונג, אַזויפיל וויפיל קרבנות פון אומוויסן", ער האָט געזען אַ יוגנט, וואָס טיילט זיך אָפ פונם פאָלק און פאַרגעסט די נאַציאָנאַלע שפראַך; ער האָט געזען אַ מערב־יידנטום, וואָס פון דער גאָרער יידישער קולטור איז ביי דעם געבליבן נישט מער ווי אַ סינאַגאָגאַלע דעקאָראַציע אויף אַ נייעם שטייגער. סמאָלענסקין האָט זיך פון אָנהויב אָן פירגענומען קעמפן אויף צוויי פראָנטן: מיט אָרטאָדאָקסאַלע פאַנאַטיקער—פאַר פראָגרעס, מיט אַסימילאַטאָרן—פאַר נאַציאָנאַלער קולטור, דערהויפט פאַר העברעאיש. ער ווענדט זיך צו אַסימילאַטאָרן: „איר זאָגט, לאָמיר זיין ווי אַלע פעלקער! שיין! לאָמיר זיין ווי אַלע פעלקער, געבילדעט, אָן פאָראורטיילן, געטרייע בירגער, אָבער לאָמיר זיך אויך לערנען ביי זיי, אַז מ'טאָר זיך נישט שעמען פאַרן אָפשטאַם, אַז מ'דאַרף טייער האַלטן די נאַציאָנאַלע שפראַך און די נאַציאָנאַלע ווערדע". אין זיין ערשטן גרויסן ראָמאַן „התועה בדרכי החיים" (1876—1869) פירט סמאָלענסקין זיין העלד דורך אַלע סטאַדיעס קולטור, פון אַ פינסטער רייסיש שטעטל ביז די ציוויליזירטע צענטערן, לאָנדאָן און פאַריז, און נאָך אַלע „וואַקלענישן" לאָזט ער אים קומען צו אַ סינטעז פון נאַציאָנאַליטעט און פראָגרעס און שטאַרבן אין אָדעס, זיך איינשטעלנדיק פאַר יידן בעתן ערשטן פאָגראָם דאָס יאָר 1871. אין סמאָלענסקינס אַנדערע טענדענציעזע ראָמאַנען („קבורת חמור", „גמול ישרים" און אַנד.) זעט מען דעם דאָזיקן קאַמף אויף צוויי פראָנטן: קעגן אָרטאָדאָקסישער פאַרשטיינערטקייט, דער חסידישער און דער לומדישער, און קעגן די וואַקלענישן פון די „אויפגעקלערטע". זיינע גרונד־אידעען האָט סמאָלענסקין איבערגעגעבן אין צוויי פובליציסטישע ווערק „עם־עולם" (1872) און „עת־לטעת" (1877—1875). קעגן דער דעקאָראַטיווער רעליגיעזער רעפאָרם ביי מערב־יידן שטעלט ער אַרויס דעם פרינציפ פון עוואָלוציע, וואָס זאָל אויסשטימען דאָס נאַציאָנאַלע און הומאַניסטישע אין יידישקייט. סמאָלענסקין נעמט זיך שטאַרק אָן פאַר דער יידישער משיח־אידעע, וואָס מערב־יידן האָבן צונישט געמאַכט, ווייל לויט זייער מיינונג שטימט דאָס נישט מיט דער אידעע פון בירגערטום אין די „גלות"־לענדער: ביי סמאָלענסקינען איז דאָס אַ סימבאָל פון איין נאַציע. דער צענטראַל־פונקט פון דער דאָזיקער סיסטעם איז דער קולט פון העברעאיש: „אָן דעם איז קיין יודאַאיזם נישט". סמאָלענסקין האָט גענומען צעשמעטערן די אַסימילאַציע מיט אַ שטורם אויף איר וויגעלע, אויף מענדעלסאָנס אויפקלערער־סיסטעם און אויף איר דאָגמע, אַז „יידן זענען אַ רעליגיעזע גרופע, נישט קיין נאַציע", אָבער אין דער דאָזיקער צעשטערער־אַרבעט פאַרלירט ער אָפט דאָס געפיל פאַר היסטאָרישער אָביעקטיווקייט. אין ביידע מאמר'ם אַנטפלעקט זיך אין אומקלאָרע קאָנטורן די טעאָריע פון אַ „גייסטיקער נאַציע", אָבער סמאָלענסקין האָט נישט באַוויזן צו אַנטוויקלען

און פאַרפעסטיקן די דאָזיקע טעאָריע. ווי אין אים איז פאָרגעקומען אַ אידעען־קריזיס נאָך די פּאָגראָמען דאָס יאָר 1881 און נאָך דעם גרויסן „יציאת־רוסלאַנד"־די פראַגע פון נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג אין די „גלות־לענדער" לאָזט ער אין אַ זייט, און ער נעמט מיט היץ פרעדיקן „חבת־ציון". אינמיטן דער דאָזיקער נייער פּראָפּאַגאַנדע פאַרשטאַרבט דער טאַלענטירטער פּובליציסט פריצייטיק.

צו „חבת־ציון" איז נאָך אַ שווערן קאַמף מיט זיך געקומען נאָך איינער: מ. ל. ל י ל י ע נ ב ל ו ם (1843—1910), וואָס איז אין דער יוגנט אַזוי פיל אויסגעשטאַנען פאַר השכלה; אָבער פאַר אונזער תקופה איז ער נאָך אַ משכיל פון די ראַדיקאַלע. געטרודפט פון זיינע היימישע ליטווישע פאַנאַטיקער פאַר זיין נאַאיווער פריידענקעריי, קומט ער צום געדאַנק, אַז ס'איז נויטיק צו רעפאָרמירן די יידישע רעליגיע. להבדיל פון מערב־יידן, שטאַמט ביי אים דער דאָזיקער רעפאָרם־דראַנג נישט פון אָפּאָרטוניסטישע מאָטיוון צופּאַסן זיך צו דער אַרומיקער סביבה, נאָר פון אַן אינעווייניקסטן, טיף־אויסגעקרענקטן קוק, אַז די גילטיקע אָרטאָדאָקסיע אין איר מיטלאַלטערישער פאָרם — דאָס איז נישט דער מהות פון יידישקייט. מיט דער רעליגיעזער רעפאָרם האָט ליליענבלום געמיינט עוואָלוציע, נישט קיין רעוואָלוציע: אַזוי ווי דער תלמוד האָט אַמאָל רעפאָרמירט יידישקייט פאַר די צוועקן פון זיין צייט, אַזוי דאַרפן מיר דאָס איצט טון פאַר אונזער צייט. ווען דער יינגער ליליענבלום האָט געפרוווט אַנטוויקלען אַזוינע געדאַנקען אין אַ סעריע אַרטיקלען אין „המליץ" („אורחות התלמוד", 1868—1869), האָט דאָס אַזוי אויפגערייצט די אָרטאָדאָקסיע, אַז בלייבן אין זיין געבוירן־אָרט אין ליטע האָט ער שוין נישט געטאָרט, און ער האָט געמוזט איבערציען קיין אָדעס. דאָ האָט ליליענבלום אָפּגעדרוקט אַ סאַטירע אין פערזן „קהל רפאים" (1870), געוויזן אויף יענער וועלט די פינס־טערע געשטאַלטן פון אַ יידיש שטעטל: קהל־לייט, רבנים, גוטע יידן און אַנד. אין אָדעס איז ליליענבלום אַריין אין דער רוסיפיצירטער שטודיר־יוגנט, האָט זיך אָנגענומען מיט טשערנישעווסקי'ס, פּיסאַרעוו'ס אידעען און איז געוואָרן אַ „ניהיליסט". דער געדאַנק וועגן אַ רעליגיעזער רעפאָרם האָט איצט אויסגעזען איבריק ביי דער נייער מאַטעריאַליסטישער דאָקטרין, און ביים שרייבער איז געוואָרן אַ פוסטקייט אין האַרצן. אונטערן דאָזיקן איינדרוק האָט ליליענבלום אָנגעשריבן זיין ודוי „חטאות נעורים" (1876), אַ טרויעריקע געשיכטע פון איינעם אַ קרבן פונם אידעען־קריזיס די 60־ער יאָרן. דאָס בוך האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם, וואָרום דאָס איז געווען אַ געשיכטע פון אַ סך אַזוינע יינגע־לייט, וואָס האָבן דורכגעמאַכט דעם קריזיס; אָבער דער אַקאָרד צום סוף, דער געשריי פון אַ פאַרחרובטער נשמה, וואָס האָט צעבראָכן אַלטע אָפּגעטער און קיין נייע נישט געפונען, האָט שוין באַטייט אַן ענדערונג. איינגיכן האָט דער וואָגל־גייסט געפונען זיין רו. די פּאָגראָמען און די רדיפות אָנהויב די 80־ער יאָרן, וואָס האָבן צעבראָכן די פּראָגרעסיווע יידישע אינטעליגענץ, האָבן אויס־

געהײלט לײליענבלומס קראַנקן גײסט: ער האָט געפֿונען אַ װעג פֿאַרן ײדנטום: פֿריער אין חבת ציון, װאָס ער איז געװאָרן איר פּאָנטרעגער, דערנאָך אין פּאָליטישן ציוניזם.

דער לינקער פֿלאַנג השׂכּלה — דאָס איז געװען די רוסיש־ײדישע ליטעראַטור, װאָס האָט יענע צײט נאָך געגעבן עטלעכע אָנגעזעענע שרײבער. אינטערעסאַנט איז אַזאַ פּרט: בעת אַלע העברעאישע שרײבער שטאַמען פֿון דער שטאַרק־נאַציאָנאַלער ליטע, זענען אַלע רוסיש־שרײבער (חוץ לעװאַנדע׳ן) — פֿון אוקראַאינע, דאָס אָרט פֿון חסידות און רוסיפֿיקאַציע. אַ אוקראַאינער איז געװען דער פֿאָטער פֿון דער רוס'ש־ײדישער ליטעראַטור, דער רעדאַקטאָר פֿון אויבנדערמאָנטן „ראַזסװיעט" אין אָדעס — אָסיפּ ראַבינאָװיטש (1818 — 1869), װאָס האָט, חוץ פּובליציסטיק, געשריבן גרעסערע נאָװעלן אויך. אין זײנע ריירנדיקע „בילדער פֿון אַמאָל" („דער געשטראָפֿטער" און „דער ירושה־לײכטער", 1859—1860) האָט ער געװיזן דער װעלט אינם פֿרימאָרגן פֿון דער רעפֿאָרם־עפּאָכע פֿינסטערע בילדער פֿון דער נאָר װאָס פֿאַרגאַנגענער נאַכט: די אינקװיזיציע פֿון דער רעקרוטן־גזרה און די שענדלעכע ענוײם פֿון רעכטלאָזיקײט. קעגן ײדישער רעכטלאָזיקײט האָט ראַבינאָװיטש דער פּובליציסט געקעמפֿט אַלע זײנע יאָרן, נאָך פֿאַרן „ראַזסװיעט", אין דער רוסישער ליבעראַלער פּרעסע „רוסקי אינװאַליד" און „אָדעסקי װעסטניק". אינעװײניקסטע רעפֿאָרמעס אין ײדישן לעבן האָבן אים קנאַפּ אינטערעסירט: אַזױ װי ריסער האָט ער געהאַלטן גלײכבאַרעכטונג פֿאַר דעם באַלזאַם, װאָס זאָל אויסהײלן אַלע ײדישע װאונדן; ער איז געשטאָרבן פֿריער, אײדער ער האָט זיך באַװיזן געפֿילט אָפּגענאַרט. די פֿאָן האָט נאָך אים איבערגענומען דער ײנגער פּובליציסט אליהו אָרשאַנסקי פֿון יעקאַטערינאָסלאַװ (1846—1875), דער הויפּט־טוער אין אָדעסער „דיען" און אין דער „יעװרעיסקאַיאַ ביבליאָטעקאַ". קעמפֿן פֿאַר רעכט, נישט קײן אַפּאָלאָגיע; פֿאָדערן און נישט בעטן גלײכבאַרעכטונג,—דאָס איז איז געװען דאָס נײַע בײַ אָרשאַנסקי׳ן, װאָס האָט שטאַרק אימפּאָנירט („ײדן אין רוסלאַנד" — 1872). זײַן אויסגעצײכנטער יורידישער אַנאַליז אין בוך „די רוסישע געזעצגעבונג פֿאַר ײדן" — דאָס איז די גאָרע אַנאַטאָמיע פֿון ײדישער רעכטלאָזיקײט אין רוסלאַנד, פֿון יעקאַטערינע דער II־טער ביז אַלכּסנדר דעם II־טן. אָבער דאָך האָט אָרשאַנסקי געהערט צו זײַן צײַט און האָט איבערגענומען אַלע נעגאַטיװע אידעאַלן פֿון זײַן צײַט. אַ ײד טיף אין האַרצן, האָט ער דאָך פּראָפּאַגאַנדירט „רוסישקײט", אמת, נישט געלײקנט די נאַציאָנאַלע קולטור. דער אָדעסער פּאָגראָם דאָס יאָר 1871 האָט שטאַרק פֿאַרקלעמט דעם פֿײַנפֿילנדיקן גײסט: אָרשאַנסקי האָט זיך קײן אָרט נישט געפֿונען, געזוכט אַן אויסװעג פֿאַר אַ פּראָטעסט־געשרײ, אָבער אומעטום איז ער געבליבן שטײן פֿאַר פּאָליצײ־ און צענזור־צאַמען. װאָלט ער נאָך געלעבט, איז װאָלט ער מסתּמא געקומען צום נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיװן סינטעז אַזױ װי סמאָלענסקין, אָבער אַ ביטערע שװינדזוכט האָט אים אונטערגעשניטן אויפֿן 29 יאַר. די עפּיגאָנען פֿון דע-

מאָלטיקער פּובליציסטיק (מ. מרגליות און אַנד.), זענען געבליבן טריי אָרשאַנסקי׳ס ירושה, זיי זענען אָבער געבליבן פּאַרגליווערט, און אַריבער אין דער נייער תּקופה מיט פאַרעלטערטע אידעאַלן.

אַ סך קאָמפּליצירטער איז געווען לעוולעוואַנדע׳ס ליטעראַריש שאַפן (1835—1888). ער האָט דורכגעמאַכט ווילנער ראַבינער שול, געווען פריער אַ לערער אין אַ יידישער קרוינשול אין מינסק, דערנאָך „אוטשאָני יעווריי" (רעפערענט פאַר יידישקייט) ביים ווילנער גענעראַל-גובערנאַטאָר, אין צענטר פון „קאַזיאָנער" אויפקלערונג און מוראַוויאָווס רוסיפיקאַציע. דאָס האָט געהאַט אַ באַזונדער ווירקונג אויף זיינע ווערק. אין זיין ערשטן ראָמאַן, קינסטלעריש זייער אַ שוואַכן, (אַ „דעפּאָ פון באַקאַליי-סחורות", 1860), איז ער נאָך דער נאַאיווער זינגער פון דער איבערפלאַכיקער אויפקלערונג, וואָס איר גאַנצער יחוס שטעקט אין אייראָפּעאישער קליידונג, אין אַ קלינגנדיקן דייטשן אָדער רוסישן נאָמען, אין טרייבן פריינטשאַפט מיט קריסטן און חתונה-האָבן פאַרליבט, נישט דורך קיין שדכן. יענע צייט איז לעוואַנדע געווען זיכער, אַז „אַ געבילדעטער ייד מוז זיין אַ קאָסמאָפּאָליט". שפּעטער לאָזט זיך שוין אינם קאָסמאָפּאָליט הערן דער רוסיפיצירער. אינם ראָמאַן „די הייסע צייט" (1871—1872, פונם פּוילישן אויפשטאַנד) טרייסלט זיך לעוואַנדע אָפּ פון אַלע זיינע פּוילנסימפּאַטיעס און מיט זיין העלד סאַרינס מויל קינדיקט ער, אַז ס׳גייט אַ נייע תּקופה יידישע געשיכטע: יידן אַסימילירן זיך מיט רוסן. אויסגעצייכנט חוזקט ער אָפּ דעם פּרומצייטיקן יידישן שטייגער אין זיינע „אַמאָליקע בילדער" („מיין מלמד׳ס פּאות", „פּחד פאַר שקאָלעס" און אַנד., 1870—1875). ער האָט זיך נישט געקימערט פון דער יידנפיינטלעכער רעאַקציע שוין סוף די 60-ער יאָרן אין די הויכע פענסטער, וואָס ער, דער „אוטשאָני יעווריי", האָט דאָרט פאַרקערט און בראַפמאַן איז דאָרט געווען דער אויטאָריטעט אין דער יידנפראַגע (לעוואַנדע׳ן איז אויסגעקומען צו באַטייליקן זיך אין דער קאָמיסיע וועגן דער יידנפראַגע ביים ווילנער גענעראַל-גובערנאַטאָר צוזאַמען מיט בראַפמאַנען; זע § 44). דער קריזיס דאָס יאָר 1881, וואָס האָט צעבראָכן לעוואַנדען, האָט אונטערגעשווענקט זיין אַלטן אָפּגאָט, די אַסימילאַציע, אויך. ער האָט נישט באַוויזן צו געווינען קיין נייע נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע, אָבער ער איז די לעצטע יאָרן צוגעשטאַנען צו חבת-ציון און מיט אַ צעבראָכן געמיט איז ער אַוועק פון דער וועלט.

געבליבן איז ביי דער אַלטער אַסימילאַטאָרישער דאָגמע ג. באָגראָוו (בערך 1810 — 1885). אַליין שטאַמט ער פון אַ רבנישער פאַמיליע אין פּאָלטאַווע; דעם וועג „פון פינסטער צו ליכט" האָט ער דורכגעמאַכט דורך דעם אָריגינעלן אויפקלער-חדר אין ניקאָלאַי׳ס צייטן, דורך דעם אַקציזניקס קאַנטאָר. דער אויפגעקלערטער אַקציזניק האָט זיך שפּעט געכאַפּט, אַז ער פאַרמאָגט ליטעראַרישן טאַלאַנט. זיינע „שריפטן פון אַ יידן" האָבן זיך באַוויזן אינם גרויסן רוסישן זשורנאַל „אָטעטשעסטווענניע זאַפּיסקי" ערשט די יאָרן 1870 — 1873. דאָ שטעקט אַ

סך אויטאָביאָגראַפישער מאַטעריאַל, אָבער צוגלייך איז דאָס אַ שנײַדנדיקע כאַראַקטעריסטיק פונם יידישן לעבן פאַר ניקאָלאַי דעם I=טן. קיין איין יידישער שרייבער האָט נאָך נישט געמאָלט מיט אַזוינע שוואַרצע פאַרבן, מיט אַזאַ פאַרביטערטקייט דאָס יידישע לעבן אין „תחום״, מיטן דעמאָראַליזירטן קהל די צייטן פון דער רעקרוטן=גזרה, אַזוי ווי באָגראָוו האָט דאָס געטון (שפּעטער האָט ער דאָס פאַרשפּיצט אין דער נאָוועלע „פּאָימאַניק״ (דער געכאַפּטער, וואָס ער האָט איינגיכן אַרויסגעגעבן). דער אויטאָר זעט נישט אין זיין קינדהייט און יוגנט קיין ליכטיקן שטראַל, חוץ אַ געשטאַלט פון אַ ר ו ס י ש מיידל. דאָס גאַנצע קליינשטעטלדיקע לעבן יענע צייט איז ביי אים אַ גיהנום, פול מיט פאַרברעכער אָדער טפשים. צוויי וועגן פירן פונם דאָזיקן גיהנום צו דער ליכטיקער וועלט: אָדער אַריבער צו קאָסמאָפּאָליטן=ראַציאָנאַליסטן, אָדער צום רוסישן פאָלק. באָגראָוו גופא איז געשטאַנען אין דער מיט צווישן די צוויי וועגן. לעוואַנדע׳ן שרייבט ער (1878), אַז אַלס „עמאַנסיפּירטער קאָסמאָפּאָליט״ וואָלט ער שוין לאַנג „אַריבער אויף יענער זייט״, וואו „אַנדערע סימפּאַטיעס און אידעאַלן שטראַלן אים״; ביי יידישקייט דערהאַלטן אים „פיר מיליאָן יידן, וואָס קומען אָפּ אומזיסט און אומבישט״ פון רדיפות אָן אַ שעור. דעם האַס צו די פּלאָגער האָט ער אויסגעגאָסן אין „יידישן מאַנוסקריפּט״ (1876), אַ היסטאָרישע נאָוועלע פון כמעלניצקיס צייטן; אָבער אַפילו דאָ אין דעם „געראַנגל פון דער שפּין מיט דער פליג״ זעט דער אויטאָר אין דער פליג (יידן) קיין איין סימפּאַטישן שטריך נישט, חוץ ליידן. דאָס יאָר 1879 האָט באָגראָוו אָנגעהויבן שרייבן אַ ראָמאַן פון דער נייער יידישער רעוואָלוציאָנערער יוגנט, אָבער די האַנט, וואָס האָט פאַרשטאַנען צו מאָלן דעם גרויל פון דער רעקרוטן=פּלאָג, איז געווען צו אומגעשיקט צו מאָלן אַ סביבה פון רעוואָלוציאָנערן ענטוזיאַזם, פרעמד דעם אויטאָר, און דער ראָמאַן איז געבליבן נישט פאַרענדיקט. די רעאַקציע אָנהויב די 80=ער יאָרן האָט גאָר נישט געענדערט אין באָגראָווס שטימונג. ער איז געשטאָרבן אין אַ פאַרוואָרפן רוסיש דאָרף און באַהאַלטן אויף אַ רוסישן בית=עולם. שווערע פאַמיליע=אומשטענדן האָבן אים קורץ פאַרן טויט געבראַכט צו טויפן זיך.

פאַרן יינגן דור, וואָס איז געוואָרן לעבנסצייטיק אָנהויב די 80=ער יאָרן, זענען געלעגן צעבראָכן די לוחות פון דער רוסיש=יידישער ליטעראַטור. ס׳האָט געזאָלט קומען אַ נייע צען=געבאָט, טיילווייז צו ממלא זיין די ירושה פון דער אויפקלער=תקופה, טיילווייז אויסצובעסערן אירע פעלערן.

קאַפּיטל IV

די קלענערע יידישע צענטערן.

§ 47. פראַנקרייך די צייט פון דער צווייטער רעפּובליק און דער צווייטער אימפּעריע.

די עפּאָכע „צווייטע עמאַנסיפּאַציע” האָט ווייניק וואָס געהאַט אויפצוטון אינם פאָטערלאַנד פון דער „ערשטער עמאַנסיפּאַציע”. די דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע דאָס יאָר 1848 האָט נאָר אונטערגעטריבן צו פאַרווירקלעכן די פּאָליטישע גלייכבאַרעכטונג, וואָס פריער „איז זי געשטאַנען אין געזעץ, זי האָט זיך אָבער נישט איינגעפלאַנצט אין די זיטן”. יידן האָבן גענומען זיך שטאַרקער באַטייליקן אין פּאָליטישן לעבן אין לאַנד. אין דער צייטווייליקער רעגירונג, וואָס די פעברואַר־רעוואָלוציע האָט געשאַפן, זענען געווען צוויי יידן רעפּובליקאַנער: דער פריער באַוואוסטער אַדאָלף קרעמיע איז געווען יוסטיץ־מיניסטער, דער געוועזענער וויצע־פּרעזידענט פון דער יידישער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע מישעל גודשאָ איז געווען פינאַנץ־מיניסטער. פאַר דער קורצער צייט פון זיין מיניסטער־אַרבעט האָט קרעמיע באַוויזן אויסצופירן צוויי הומאַנע דעקרעטן: ער האָט אָפּגעשאַפט טויט־שטראָף פאַר פּאָליטישע פאַרברעכנס און נעגערשע קנעכטשאַפט אין די פראַנצויזישע קאָלאָניעס. אָבער בעת אין פּאַריז האָבן יידן מיניסטאָרן געטון צווישן אַנדערע קאָלעגן איבערצובויען פראַנקרייך מיט רעפּובליקאַנישער פרייהייט, האָבן ווייערע ברידער אין דער פּראָווינץ געהאַט אויסצושטיין שרעקן פון די צעיושעטע רעאַקציאָנערן.

די ערשטע ידיעות שוין פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע האָבן אָנגעמאַכט אַ גערודער אין אַלטן נעסט פון יידנהאַס, אין עלזאַס. דעם 26־טן פעברואַר האָט זיך אין פּאַריז געצויגן אַ פייערלעכע פּראָצעסיע מיט אַ פאָן אויפגעשריבן: „אחדות פון רעליגיעס, אַלע זענען ברידער!” אונטער דער פאָן איז געגאַנגען דער הויפּטראַט פון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע, ענערי, צוזאַמען מיט קאַטוילישע גלחים און פּראָטעסטאַנטישע פּאַסטאָרס. אויפן אַנדערן טאָג איז אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל בריומאַט אין עלזאַס אַ מחנה קריסטלעכע בירגער באַפאַלן רייכע יידישע הייזער, אין גערויבט און געשראָקן די אייגנטימער מיט טויט. פאַר דעם פּאָגראָם האָט דיזעלבע מחנה דעמאָנסטרירט קעגן די שטייער־אָפּנעמער; דאָס זאָל זאָגן, אַז די באַוועגונג איז עקאָנאָמיש געפאַרבט, וואָס מער אין פּאַריז האָט זיך געהויבן דער שאָטן פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס מ׳האָט דאָס אין די יולי־טעג דערטרונקען אין בלוט פון אויפגעשטאַנענע אַרבעטער, דאָס מער איז אין

דער פּראָווינץ געוואַקסן דער פויערים־אויפשטאַנד; אין עלזאַס האָט דאָס געמוזט טרעפן דעם פויערס שכן דעם יידן. אַפּריל 1848 האָט אַ מחנה בירגער און אַרומיקע פויערים אין מוציג און אין קאַנצנהיים (אין עלזאַס) געבראָכן שויבן אין יידישע הייזער. די אָרטיקע אַדמיניסטראַציע האָט מיט דער הילף פון מיליטער איינגעשטילט די צעווילדעטע, אָבער אָנגעשראָקענע יידן האָבן זיך שוין געקליבן לויפן בשכנות קיין שווייץ אַזוי ווי אַמאָל דאָס יאָר 1789. די בייעווענדונג אין דער מלוכה־פירונג, דאָס אויסקלייבן לואי נאַפּאָלעאָנען פאַר פּרעזידענט (דעצעמבער 1848) איז פאַר עלזאַסער המון געווען ווידער אַ געלעגנהייט צו פּאָגראָם־פּראָבעס. דער נאָמען פון נייעם נאַפּאָלעאָן האָט אויפגערודערט עלזאַס, און יידן אין סונדגוי האָבן זיך געקליבן לויפן קיין שווייץ. דער אינערן מיניסטער האָט באַפוילן דעם פּרעפעקט פון נידעררייַן אָנווענדן ענערגישע מיטלען צו דערשטיקן יעדע פּאָגראָם־פּראָבע און פאַרזאָגן דער באַפעלקערונג, אַז „אויב אין דער רעגירונג בייטן זיך פּערזאָנען, איז בלייבן דאָך פּרינציפּן, וואָס קיין רעגירונג אין דער וועלט קאָן זיי נישט איגנאָרירן". דעם פאַרזאָג האָט מען פאַרשטאַנען, און די פּאָגראָם־אַגיטאַציע האָט זיך געשטילט.

די נאָוועמבער־קאָנסטיטוציע דאָס יאָר 1848 האָט אַזוי ווייט פאַרשטאַרקט די פּרינציפּן פון בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג, אַז אפילו לואי נאַפּאָלעאָנס רעזשים האָט גאָרנישט געקאָנט ענדערן אין דער יידישער לאַגע. פּערזענלעך האָט דער קינמטיקער קייזער אויך נישט געהאַט קעגן צוזאַמענאַרבעט מיט יידישע פּאָליטישע טוער, פאַרשטייט זיך, אַז נישט מיט קיין רעפּובליקאַנער און דעמאָקראַטן. ווען דער רעפּובליקאַנער גודשאָ האָט זיך אָפּגעזאָגט פונם פּאָסטן פינאַנץ־מיניסטער, האָט דעם אַמט פאַרנומען אַ געוועזענער דעפּוטאַט צום סוף פון דער יולי־מאָנאַרכיע אַ ש י ל פ ו ל ד, אַ קנאַפּער ייד, נאָר אַ גוטער מאָנאַרכיסט. פולד האָט געפירט די פראַנצויזישע פינאַנץ־פּאָליטיק די שענדלעכע טעג פון דעם מלוכה־איבערקער (1851) און האָט דערמיט אַ סך געטון פאַר נאַפּאָלעאָן דעם III־טן, דערנאָך איז ער געווען צווישן די זיילן פון דער צווייטער אימפּעריע, און עטלעכע מאָל האָט ער פאַרנומען מיניסטער־פּאָסטנס ביזן יאָר 1867. דעם פראַנצויזישן יידנטום, וואָס האָט געגעבן אַזאַ קרעמיע, האָט מען געקאָנט מוחל זיין, וואָס ס'האָט געגעבן אַ פולד... די יידישע בירגערלעכע לאַגע האָט זיך בכלל נישט געענדערט נאָך דעם „קליינעם נאַפּאָלעאָנס" Coup d'etat, אָבער דער קלעריקאַליזם, וואָס האָט זיך פאַרשטאַרקט אין לאַנד, האָט זיך ערגעץ־וואו געגעבן צו הערן. מ'האָט זיך געפּרוּווט דורכפירן אַ געזעץ, אַז יידן זאָלן אויסגעשלאָסן ווערן פון שולראַטן, אָבער די פּאַריזער צענטראַלע קאָנסיסטאָריע האָט פּראָטעסטירט (פאַר וויצע־פּרעזידענט האָט זי דעמאָלט געהאַט דעם פּראָפעסאָר־פילאָזאָף אַדאָלף פראַנק) און זי האָט אָפּגעשריגן דעם געזעץ־פּראָיעקט. פונדעסטוועגן האָבן קאַטוילישע גייסטלעכע אָפט נישט צוגעלאָזט יידן אַלס לערער אין גימנאַזיעס, קעגן דער קאָנסטיטוציע; די רעגירונג האָט געשוויגן, נישט

געוואָלט איינרייסן מיט דעם ק׳ע׳. אויף אַנדערע מלוכה־שטעלעס זענען יידן געווען אַ סך, אויף העכערע מיליטער־אַמטן אויך. אין דער אומגליקלעכער מלחמה דאָס יאָר 1870 האָבן פראַנצויזישע יידן באַוויזן נישט ווייניק פּאַטריאָטיזם. ס׳האָט זיי טיף געקרענקט, וואָס עלזאַס־לאָטרינגען ווערט אָפּגעריסן פון פראַנקרייך, און אַ סך יידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן נישט געוואָלט בלייבן אונטער דייטשלאַנדס הערשאַפט, האָבן פאַסירט עלזאַס און זיך איבערגעצויגן קיין פּאַריז און קיין טיף־פראַנקרייך בכלל.

די מפלה פון דער צווייטער אימפּעריע און דער אָנהויב פון דער דריטער רעפּובליק האָבן ווידער אַרויסגעבראַכט אויפן פּאָליטישן אויבנאָן דעם רעפּובליקאַנער קרעמיע. אין דער רעגירונג פון נאַציאָנאַלער שוץ (סעפּטעמבער 1870) האָט ער באַקומען דעם פּאָרטפעל פון יוסטיץ־מיניסטער און איז געוואָרן איינער פון די ענערגישסטע גאַמבעטאַ׳ס מיטקעמפער. יענע צייט האָט ער אויסגעפירט אַ וויכטיקן עמאַנסיפּאַציע־אַקט: אַ געזעץ וועגן יידישער גלייכבאַרעכטונג אין דער פראַנצויזישער קאָלאָניע אַ ל ז ש י ר, דאָרט וואו יידן האָבן שווער געליטן אונטערן אָרטיקן יאָך. פערציק טויזנט אַלזשירער יידן, צווישן דער גרויסער מאַסע יידנפיינטלעכע מוסולמענער, וואָס האָבן אַגב געהאַסט די פראַנצויזישע באַצווינגער אויך, האָבן געזעען פאַר זיך נאָר איין אויסוועג: בירגערלעך און קולטורעל ווערן איינס מיט פראַנצויזן. יידן האָבן זיך אַ סך מאָל געווענדעט מיט ביטבריוו וועגן „נאַטוראַליזאַציע״, ד. ה. מ׳זאָל זיי אָנערקענען פאַר גלייכבאַרעכטיקטע פראַנצויזישע בירגער, אָבער די רעגירונג פון דער צווייטער אימפּעריע האָט זיך נישט געאיילט. גאָר צום סוף אימפּעריע האָט אָליוויע׳ס קאַבינעט שוין געהאַלטן ביי אַרויסגעבן אַ געזעץ וועגן נאַטוראַליזירן אַלזשירער יידן, געשטערט האָט די מלחמה. אויפגעטון האָט דאָס קרעמיע. לויטן דעקרעט, אונטערגעשריבן פון אים מיט אַנדערע גלידער פון גאַמבעטאַ׳ס קאַבינעט (דעם 20 אָקטאָבער 1870), זענען אַלזשירער יידן געוואָרן פראַנצויזישע בירגער מיט אַלע בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט. מיט דעם דאָזיקן געזעץ זענען אַלזשירער יידן געשטעלט געוואָרן אין אַ בעסערער לאַגע, איידער אָרטיקע אַראַבער, וואָס דער מוסולמענישער פאַנאַטיזם האָט זיי ווייט געהאַלטן פון בירגערלעכער נאַטוראַליזאַציע; דאָס האָט נאָך מער פאַרשאַרפט זייער האַס צו יידן. אָבער אין דערזעלבער צייט האָט „קרעמיע׳ס געזעץ״ אָפּגעשאַפט די אויטאָנאָמיע פון אַלזשירער יידישע קהלות. די אויטאָנאָמיע איז נאָך פריער פאַרשמעלערט געווען, ווען מ׳האָט איינגעפירט די קאָנסיסטאָריאַלע סיסטעם. איצט איז זי גאָר בטל געוואָרן: אַלזשירער רבנים זענען אונטערגעוואָרפן געוואָרן דער פּאַריזער קאָנסיסטאָריע, וואָס האָט בכלל געשטרעבט צו פאַרשמעלערן יידישע זעלבסטפירונג אויף רעליגיעזע און צדקה־זאַכן.

אין פראַנקרייך גופא האָט זיך ווייטער געצויגן דער פּראָצעס פון אַסימילירן זיך מיט דער אַרומיקער סביבה, וואָס זיינע בולטע רעזולטאַטן האָבן מ׳־

שוין געזען אַ עפּאָכע פריער. די יידישע באַפעלקערונג אין פראַנקרייך האָט אויפגעהערט צו וואַקסן[1], און איר נאַציאָנאַלער מהות איז אויך געפאַלן. די פאַרטרעטונג פון יידישע אינטערעסן האָט זיך קאָנצענטרירט אין פאַריזער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע. פונם יאָר 1848 אָן האָט זיך די קהלה=סיסטעם עטוואָס דעמאָקראַטיזירט: פריער האָבן אַ הייפל נאָטאַבלען אין יעדער קרייז געקליבן די קהלה=פאַרוואַלטונגען אָדער קאָנסיסטאָריעס, איצט איז דאָ אויך איינגעפירט געוואָרן אַלגעמיין וואַלרעכט. אַלע גלידער פון דער קהלה האָבן באַקומען וואַל=רעכט אָן יעדער פאַרמעגנס=צענז. אָבער דעמאָקראַטישע וואַלן האָבן אויך נישט געקאָנט איינגעבן חשק צו אַ יידישער אויטאָנאָמיע אין אַ סביבה, וואו מ׳איז פון אויבן ביז אונטן געזינקען אין אַסימילאַציע. דער הויפּט=ראַבינער (איזידאָר, דערנאָך צדוק כהן) און די וועלטלעכע פירער פון דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע (אַד. פראַנק און אַנד.) האָבן אימפּאָנירט מיט זייער פאַרטרעטונגס=פעאיקייט אַקעגן דער וועלט אָבער אינעווייניק האָט זיך געזען נישט מער ווי די פּוסטע זייט פון דעם "שיינעם" מעדאַל. ווי ווייט דער סם פון אַסימילאַציע איז טיף אַריין אין פראַנצויזישן יידנטום, איז צו זען פון דעם, וואָס אַפילו דער בעסטער פראַנצויזישער ייד, אַדאָלף קרעמיע, געוועזענער וויצע=פּרעזידענט אין דער קאָנסיסטאָריע, האָט אָפּגעשמדט זיינע קינדער. ערגיץ אין די מוחות ביי איינציקע דענקער האָט נאָך נעפּלדיק געשוועבט די אידעע פון אַ „יידישער שליחות“, אָבער די האָבן זיך דאָס אויך נישט פאָרגעשטעלט אַנדערש ווי אַ געמיש פון אידעען און קולטור=טיפּן. דער היסטאָריקער=פילאָזאָף סאַלוואַדאָר (§ 27) האָט פאַרענדיקט זיין ליטעראַרישע קאַריערע (1860) מיט אַ בוך אין אַ בריוו=פאָרם מיט דעם נאָמען: „פּאַריז, רוים, ירושלים“ (Paris, Rome, Jerusalem). דער אויטאָר זעט אין דער גייסטער געשיכטע דריי סטאַדיעס: פּאַריז איז די רעוואָלוציע (1789 — 1815), רוים איז די רעאַקציע (1815 — 1848); ירושלים, ד. ה. דאָס יידנטום, צעפּירט אין דער קריסטלעכער סביבה, איז באַרופן צו שאַפן אַ נייעם טיפּ קולטור: דאָס וועלטלעכע פּאַריז און דאָס גייסטיקע רוים זאָלן דאָ פאַראייניקט ווערן דורכן גייסט פונם ביבלישן יודאַאיזם. איצט, ווען ס׳ווערט ווידער געשטעלט די מזרח=פראַגע (פראַנקרייכס ראָליע אין סיריע און אין פּאַלעסטינע, די קרימער מלחמה), זאָל ירושלים אויסגעבויט ווערן און ווערן די גייסטיקע רעזידענץ פון אַ באַנייטער וועלט. די דאָזיקע נעפּלדיקע אַבסטראַקציעס, וואָס קריטיקער האָבן אומזיסט געפּרוּווט טרעפן, זאָלן הייסן אַזוי גוט, אַז תחלת דאַרפן זיך יידן צעגיין אין דער קריסטלעכער וועלט, און דערנאָך וועלן זיי זי אומקערן צום געלייטערטן ביבלישן יודאַאיזם. אַזוי האָט אויסגעטייטשט סאַלוואַדאָרס פילאָזאָפיש=היסטאָריש רעטעניש אַזוינער ווי משה העס, וואָס האָט געטרוימט אויפצושטעלן פּאַלעסטינע

[1]) בעת דער צווייטער אימפּעריע איז אין איין פּאַריז געווען ביז 30 טויזנט יידן, בערך אַזוי פיל אין דער פּראָווינץ אויך, חוץ 40 טויזנט יידן אין אַלזשיר. דער אָפּפאַל פון עלזאַס-לאָטאַרינגען אין 1871 האָט תחלת פאַרקלענערט די צאָל יידן, אָבער דער דאָזיקער דעפיציט האָט זיך נאָכדעם געדעקט מיט צוגעקומענע עמיגראַנטן פון אַנדערע לענדער.

פאַר אַ פּאָליטישן צענטער פאַר דער צעזייט־און־צעשפּרייטער נאַציע. העס האָט געזען אין דעם פראַנצויזישן שרייבערס טעאָריע אַ טענדענץ צו „באַשאַפן אַ ניי ירושלים, אַלס אַ רעזידענץ פון פוזיאָניסטן", וואָס האַלטן פון גאָרן פאַרשמעלצן רעליגיעס און קולטורן. סאַלוואַדאָר האָט זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן פונם „פוזיאָניזם", וואָס איז ביי אים געווען אין בלוט, און ער האָט באַנייט דעם אַלטן סינקרעטיזם פון אַ יודעאָ־עליניזם און יודעאַ־קריסטנטום.

און דאָך איז אין דעם פראַנצויזישן אַסימילירטן יידנטום אויפגעקומען אַ לעבנס־שטאַרקע אידעע, וואָס וואָלט מיט דער צייט געקאָנט דינען פאַר אַ בריק צו דעם נאַציאָנאַלן פּרינציפּ: די אידעע פון יידישער אחדות אויף דער גאַנצער וועלט. פראַנצויזיש־יידישע טוער האָבן שוין לאַנג געשטרעבט בייצושטיין יידן אין די דעספּאָטישע לענדער (§ 31, 27); איצט האָבן זיי געשאַפן די געהעריקע אָרגאַניזאַציע פאַר פּלאַנמעסיקער אַרבעט אין דעם פּרט. פרילינג 1860 האָט אַ גרופּע יידישע טוער אין פּאַריז: איזידאָר כהן — רעדאַקטאָר פון Archives Israelites, ראַבינער אַסטריוק, פּראָפעסאָר מאַנועל, אינזשיניער קאַרוואַלאָ, אַדוואָקאַט נארסים לעווען (קרעמיעס סעקרעטאַר), נעגאָציאַנט שאַרל נעטער —, באַשלאָסן צו גרינדן אַ חברה „כל ישראל חברים" פאַר קולטורעלער און פּאָליטישער קעגנזייטיקער הילף. די גרינדער זענען געגאַנגען מיט דעם גאַנג, אַז אייניציקווייז קאָן מען נישט קעמפן קעגן יידישע גזרות אין איינע לענדער און קעגן זייער קולטורעלער אָפּגעשטאַנענקייט אין אַנדערע לענדער; מ'דאַרף שאַפן איין פאַרטרעטונג פאַר אַלע צעוואָרפענע טיילן יידן. די פּראַקטישע פּראָגראַם פון דער חברה איז באַשטאַנען אין צוויי הויפּט־פּונקטן: 1) „מיטהעלפן אומעטום יידישער עמאַנסיפּאַציע און גייסטיקן פּראָגרעס ביי יידן; 2) שטיצן מיט אַלע מעגלעכקייטן אַלע, וואָס ליידן דערפאַר, וואָס זיי זענען יידן". מיט די פּרינציפּן איז סוף 1860 געגרינדעט געוואָרן דער „יידישער וועלט פאַרבאַנד" (Alliance Israelite universalle) מיט אַ צענטראַל־קאָמיטעט אין פּאַריז. אַ באַגייסטערטן אויפרוף „צו יידן אין אַלע לענדער" שרייבן די גרינדער אַזוי: „אויב איר צעוואָרפענע אין אַלע עקן וועלט און אויסגעמישט מיט אַנדערע פעלקער, בלייבט דאָך אין האַרצן טריי דער אוראַלטער רעליגיע פון אייערע אבות, ווי שוואַך דער דאָזיקער בונד זאָל נישט זיין; אויב איר זענט זיכער, אַז פאַראייניקונג איז אַ מעלה, אַז, כאָטש צעטיילט צווישן פאַרשידענע פעלקער, האָט איר דאָך עפּעס איינס אין אייערע געפילן, פאַרלאַנגען און האָפענונגען; אויב איר גלייבט, אַז דער גרעסטער טייל אייערע מיטגלידער וואָס ליידן 2 טויזנט יאָר פיין, באַליידיקונג און נגישות, קאָנען דאָך אומקערן זייער מענטשלעכע ווערדע און פאַרווערבן דעם נאָמען בירגער; אויב איר האַלט, אַז ס'וואָלט געווען אַ כבוד פאַר אייער רעליגיע און אַ מוסר פאַר פעלקער אַזאַ אַנטפּלעקונג — אַ פאַראייניקונג פון אַלע לעבעדיקע קרעפטן אין יידנטום, אין צאָל קליין, אָבער גרויס אין ליבשאַפט, אין שטרעבן צו גוטס; אויב איר גלייבט אין דעם כח פון די פּרינציפּן פונם יאָר 1789 און איר ווילט, אַז דער גערעכטיקייט־גייסט פון די דאָזיקע פּרינציפּן זאָל זיך אַננעמען אומעטום —

„אויב איר, יידן פון דער גאָרער וועלט, זענט איבערצייגט אין דעם אַלעמען, — איז דערהערט אונזער אויסרוף און גיט אונז אייער שטיץ!" אויפן פלאַמענדיקן אויסרוף האָבן זיך תחלת אָפּגערופן ווייניק: דאָס ערשטע יאָר האָט „אַליאַנס" געהאַט בערך 850 גלידער, פון זיי זענען 700 געווען פון פראַנקרייך. שפּעטער איז די דאָזיקע צאָל אויסגעוואַקסן, ס'זענען צוגעקומען נייע גלידער פון דייטשלאַנד, פון עסטרייך און ענגלאַנד, אָבער דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די שפּאַלטונג אין אַליאַנס. אַך האָבן נישט געקאָנט מודה זיין דעם אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער אָרגאַניזאַציע, די מאַניפעסטאַציע פון וועלט־אחדות ביים גאָרן יידישן פאָלק, וואָס באמת, לויט די אַסימילאַטאָרס מיינונג, באַשטייט דאָס פון טיילן אַנדערע נאַציעס, פון דייטשן, פראַנצויזן, ענגלענדער פון יידישער אמונה. די גרופּעס אויסער פראַנקרייך האָבן איבער אייגענעם לאַנד־פּאַטריאָטיזם נישט געוואָלט מיטגיין אונטער דער פאָן פונם פראַנצויזישן יידנטום, דערהויפּט דייטשע יידן נאָכן קריג דאָס יאָר 1870. פונם פאַריזער אַליאַנס האָט זיך אָפּגעטיילט די ענגלישע גרופּע, געגרינדעט אין לאָנדאָן די „ענגליש יידישע אסאָציאַציע" (Anglo-Jewish Association„ 1871). דערנאָך די עסטרייכישע, וואָס האָט געגרינדעט אין ווין דעם „איזראַעליטישן אַליאַנס" (Israelitische Allianz, 1873). דייטשע יידן האָבן זיך דאָך נישט אויסגעטיילט, זיי זענען געבליבן אין פאַריזער „אַליאַנס", אָבער זייער קנאַפּע מיטאַרבעט האָט כלל נישט געשטימט מיט זייער הויכער קולטור־ראָלע אין יידנטום.

די ערשטע צוויי צענדליק יאָר האָט פאַריזער אַליאַנס אַרויסגעוויזן אַ היפּשע אינטענסיווע פּ אָ ל י ט י ש ע אַרבעט. פון 1863 ביז 1880 איז דאָרט פּרעזידענט געווען (מיט אַ קורצער פּויזע) אַדאָלף קרעמיע, וואָס האָט געהאַלטן, אַז די הויפּטאַרבעט פונם אַליאַנס איז צו קעמפן פאַר יידישער עמאַנסיפּאַציע אין די דעספּאָטישע לענדער. קרעמיע, אַ געניטער פּאָליטיקער, האָט נישט אַרויסגעלאָזט פון אויג די דאָזיקע לענדער און פלעגט אינטערווענירן אַלע מאָל, ווען יידן זענען דאָרט געשטאַנען אין אַ געפאַר אָדער ווען ס'איז געווען אַ מעגלעכקייט צו פאַרבעסערן זייער בירגערלעכע לאַגע. אַליאַנס האָט פּראָטעסטירט קעגן יידישן פּיין אין דער קירך־געגנט (מעשה מאָרטאַראַ), האָט געווירקט אויף דער פראַנצויזישער רעגירונג, זי זאָל נישט שליסן קיין האַנדל־אָפּמאַך מיט שווייץ, ביז שווייץ וועט נישט גאַראַנטירן קיין גלייכבאַרעכטונג אָנגעקומענע פראַנצויזישע יידן. אַליאַנס האָט ענערגיש געקעמפט קעגן רומענישער יידנפיינטלעכער פּאָגראָם־פּאָליטיק, און מיט זיין אינטערווענץ בעת די דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען נאָך דער רוסיש־טערקישער קריג האָט ער אויסגעפירט, אַז אין בערלינער טראַקטאַט (1878) זאָל צוגעגעבן ווערן אַ פּונקט וועגן יידישער גלייכבאַרעכטונג אין די באַלקאַן־לענדער[1]. דער פּרוב צו ווירקן אויף דער רוסישער

[1] זע ווייטער, § 48, 50, 51.

רעגירונג אינם סאַראַטאָווער עלילת־דם און אַנד. איז דאָ קיין ספק נישט אויסגע־
געווען, וואָרום יענע צייט (אַלכסנדר דעם ווןטנס רעגירן) האָט מען אין די
מערב־לענדער געגלויבט, אַז רוסישע יידן וועלן אינגיכן קריגן עמאַנסיפּאַציע.
און ערב פּאָגראָמען האָט דער אַליאַנס אָנגעוואָרן זיין קאַמף־פּרעזידענט קרע־
מיע (געשטאָרבן 1880) און זיין גרויסע פּאָליטישע פּראָגראַם. פון דער צייט אָן
פאַרנעמט זיך אַליאַנס דער עיקר מיט פאַרשפּרייטן אייראָפּעאישע בילדונג צווישן
יידן אין אַזיע און אין צפון־אַפריקע. פון פּאָליטישער אַרבעט אין מערב־לענדער
גיט זיך אַליאַנס אַ קער צו קולטור־אַרבעט אין די מזרח־לענדער. אַזאַ פאַר־
שמעלערן די פּאָליטישע פּראָגראַם נעמט זיך אַגב פון די אָנפאַלן אין דער אַנ־
טיסעמיטישער פּרעסע אין אַלע לענדער, די דאָזיקע פּרעסע האָט געמאַכט פונם
אַליאַנס אַ שרעק־בילד פון אַ יידישן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס שטרעבט צו געבן
יידן די ממשלה איבער דער גאָרער וועלט. מיט דער שאַרפסטער העצע איז די
דאָזיקע אַגיטאַציע געטריבן געוואָרן אין רוסלאַנד די 70־ער יאָרן: בראַפמאַן
און אַ טייל רוסישע פּרעסע האָבן געשטורמט קעגן געפערלעכן „וועלט־קהל“ און
האָבן פאַרסמט די רוסישע רעגירונג מיט אומצוטרוי צום אַליאַנס.

בכן זעען מיר, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע סעפּאַראַטיסטישע פּאָליטיק פון
ענגלישע און עסטרייכישע יידן האָט שווער געטראָפן די ערשטע אידעע, די
יידישע וועלט־אחדות, און די מורא פאַר אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע קעגן יידישן
אינטערנאַציאָנאַליזם האָט גאָר אונטערגעהאַקט די פּאָליטישע פּראָגראַם פונם
אַליאַנס. אָבער אין דער געשיכטע וועט בלייבן דער מערקווירדיקער פאַקט, אַז
אין דעם קאָסמאָפּאָליטישן צענטער, אין רעכטן ברען פון דער אַסימילאַציע אין
אייראָפּע, איז מאַניפעסטירט געוואָרן די אידעע פון יידישע אחדות — איינע אַ
דאָגמע פונם נאַציאָנאַלן יידנטום, וואָס פאָרמעל האָט מען דאָס דאָ נישט
געוואָלט וויסן. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן די קראַפט פון היסטאָרישער עוואָלוציע,
וואָס האָט געפירט דעם בלאָנדזשנדיקן געדאַנק פונם אַנאַציאָנאַלן יידנטום צום
נאַציאָנאַלן דורך אינטערנאַציאָנאַל.

§ 48. יידישע עמאַנסיפּאַציע אין דער פאַרייניקטע איטאַליע.

יידישע עמאַנסיפּאַציע אין איטאַליע איז זייער ענלעך צו דער עמאַנסי־
פּאַציע אין דייטשלאַנד אין דעם פּרט, וואָס איןביידע לענדער איז דאָס גע־
ווען אַ רעזולטאַט נישט בלויז פון דער רעוואָלוציע דאָס יאָר 1848; זי האָט
נאָך געהאַט אַ סך צו זאָגן דער פּראָצעס נאַציאָנאַל־פּאָליטיש צו פאַראייניקן די
דאָזיקע צעריסענע מלוכות, וואָס ער שטאַמט פון דער רעוואָלוציע. אין איטאַליע
האָט דער פּראָצעס עמאַנסיפּאַציע אויך געדויערט אַריבער צוואַנציק יאָר
(1848—1870), פונקט אַזוי פיל, וויפיל ס'האָט געדויערט פאַראייניקן איטאַליע.

קודם כל האָט מען יידן גלייכבאַרעכטיקט אין פּיעמאָנט, אָדער קעניגרייך סאַרדיניע, דער קאַמף-צענטער פאַר פאַראייניקונג. אָנהויב מערץ 1848 האָט דער סאַרדינישער קעניג קאַרל אַלבערט געמוזט נאָכגעבן דער באַפריי-באַוועגונג און איינפירן אין זיין לאַנד אַ קאָנסטיטוציע; פאַר נישט-קאַטוילן האָט געגאָלטן נישט מער ווי „טאָלעראַנץ", אָבער סוף מערץ דאָס זעלבע יאָר האָבן יידן לויט אַ קעניגלעכן דעקרעט געקריגן בירגער-רעכט, און אין יוני פּאָליטישע רעכט אויך. אַזאַ שנעלע עמאַנסיפּאַציע משך עטלעכע חדשים נעמט זיך דערפון, וואָס גראָד יענע חדשים איז סאַרדיניע אַריין אין אַ קריג מיט עסטרייך צו באַפרייען לאָמבאַרדיע און ווענעציע (דערפון הויבט זיך אָן דער קאַמף פאַר פאַראייניקן איטאַליע), און יידן האָבן אַרויסגעשטעלט די אָפּפערפעאיקסטע קעמפער אין דער באַפריי-אַרמיי. פאַר אַזאַ „שווערער זאַך, ווי פאַראייניקן איטאַליע און באַפרייען אַ גרויסן טייל אירן פונם עסטרייכישן יאָך, איז זייער וויכטיק געווען די סימפּאַטיע פון יידן, וואָס זענען צעוואָרפן צווישן די קריג-מלוכות, און אָן בירגערלעכער גלייכבאַרעכטונג וואָלט די דאָזיקע סימפּאַטיע גיך אָפּגעקילט געוואָרן. דאָס איז דער סוד, פאַרוואָס אין די לאָמבאַרדיש-ווענעציאַנישע פּראָווינצן, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן קעגן עסטרייך, זענען יידן אויך פאַקטיש געוואָרן גלייכבאַרעכטיקטע בירגער פונם ערשטן מאָמענט רעוואָלוציע אָן. אין דער ווענעציאַנער רעפּובליקאַנער רעגירונג זענען געווען צוויי יידן, האַנדלס-מיניסטער לעאָן פּינקערלע און פינאַנץ-מיניסטער יצחק מאַוראָגאָנאַטאָ; אין ווענעציאַנער פאַרלאַמענט (1848) איז געווען אַכט יידן דעפּוטאַטן. די יידישע יוגנט האָט זיך געריסן אין דער מלחמה קעגן עסטרייך, און יידן באַנקירן האָבן געגעבן גרויסע סומעס אויף קריגס-הוצאות. אויטאָמאַטיש האָט זיך יידישע גלייכבאַרעכטונג איינגעשטעלט אין אַנדערע געגנטן אין איטאַליע אויך, אין טאָסקאַנע און אין מאָדענע, צוזאַמען מיט דער ליבעראַלער קאָנסטיטוציע דאָס ערשטע יאָר רעוואָלוציע.

דאָס אומגליקלעכע יאָר 1849 אין דער אייראָפּעאישער געשיכטע האָט אין איטאַליע אויך אָפּגעשטעלט דעם באַפריי-פּראָצעס. לאָמבאַרדיש-ווענעציאַנישע פּראָווינצן זענען נאָך אַ שווערן קאַמף ווידער אַריבער צו עסטרייך מיט נאַפּאָלעאָנס שטיץ. יידן-רעוואָלוציאָנערן האָבן טייער באַצאָלט פאַר זייער איינשטעלערישקייט, אַזוי ווי זייערע איטאַליענער הברים; ביי ווענעציאַנער יידן האָט מען אָפּגענומען פּאָליטישע גלייכבאַרעכטונג, בירגעררעכט האָט מען זיי דאָך געלאָזט, שטאַרק פאַרשמעלערט. די רעאַקציע האָט זיך פאַרפעסטיקט אין אַנדערע איטאַליענישע געגנטן אויך, אָבער אַ מעסיקע רעאַקציע, נישט די צערייצטע, וואָס אין עסטרייך און אין אייניקע טיילן דייטשלאַנד יענע צייט. אָבער אין פּיעמאָנט, אונטער וויקטאָר עמנואל דעם II-טנס ליבעראַלן רעגירן (פון 1849 אָן), האָט מען אַפילו נישט געפּרואווט צו פאַרמינערן יידישע רעכט. פּרעמיער-מיניסטער איז געווען דער פּובליציסט מאַסימאָ ד'אַזעליאָ, וואָס ערב רעוואָלוציע האָט ער אַרויס-

געגעבן אַ בראָשור פאַר יידישער עמאַנסיפּאַציע (§ 28). נאָך אים איז פּרעמיער געווען דער באַרימטער קאַוואור, וואָס האָט פאַראייניקט איטאַליע; ער האָט געהאַט ביי זיך פאַר אַ סעקרעטאַר אַ יידן, דעם יינגן יוריסט יצחק אַרטאָם, שפּעטער אַן אָנגעזעענער פּאָליטישער טוער. אין דער דאָזיקער סביבה, וואָס האָט די שווערסטע צייט רעאַקציע הייליק געהאַלטן דעם אידעאַל פון פאַראייניקטן איטאַליע, האָט מען דערהאַלטן דעם געבאָט פון יידישער עמאַנסיפּאַציע אויך. אין צען יאָר אַרום, ווען די רעאַקציע האָט זיך געפּעלט און נאָך גרויסאַרטיקע נצחונות (1859) איז די באַפרייטע לאָמבאַרדיע פאַראייניקט געוואָרן מיט פּיעמאָנט, האָט די עמאַנסיפּאַציע געווינען דאָ אויך. פרייע יידן האָבן געקעמפט אין גאַריבאַלדיס לעגיאָנען אין סיציליע, אין נעאַפּאָל (1860). 1861 איז וויקטאָר עמנואל געוואָרן קעניג אין איטאַליע, און באַלד דערויף זענען יידן עמאַנסיפּירט געוואָרן אין דער גאָרער פאַראייניקטער איטאַליע. שפּעטער האָט מען יידן אומגעקערט עמאַנסיפּאַציע אין ווענעציע (אָפּגענומען ביי עסטרייך, 1866). אין רוים, די רעזידענץ פון דער היפּש אַרומגעפליקטער קירך-געגנט, איז געבליבן אָפּגעזונדערט פון דער פרייער איטאַליע ביזן יאָר 1870. די געשיכטע פון יידן אין רוים פאַר די 20 יאָר (1848—1870),—דאָס איז דער לעצטער אַקט פון אַ טראַגעדיע הונדערטער יאָרנלאַנג.

יענעם היסטאָרישן פרילינג פונם יאָר 1848 האָט דער ליבעראַלער גייסט „פאַרפירט" דעם פּויפּסט פּי IX און האָט אים אַריינגעגעבן אַ גוטע דעה וועגן די פאַרשפּאַרטע אין רוימער געטאָ (§ 28). דעם נייעם פּויפּסטס ליבעראַליזם האָט פאַרבלענדט אפילו די קעמפער פאַר איטאַליעס פרייהייט אויך, און ס'איז געווען אַ מאָמענט, ווען רוים אין אַ פּאַטריאָטישן פיבער האָט געזען דעם „הייליקן פּאָטער" פאַר אַ גייסטיקן פירער פון דער באַפריי-מחנה, וואָס איז געגאַנגען פון סאַרדיניע און אַנדערע איטאַליענישע געגנטן קעגן עסטרייך. די פּאָליטישע אויפוואַכונג האָט זיך איבערגעגעבן רוימער יידן אויך, און אַ גרופּע יידישע פרייוויליקע, באַפּוצט מיט אַ וואָלאָנטיאָר-צייכן (אַ צלמל מיט נאַציאָנאַלע קאָלירן), האָט זיך אַרוקגעטאָן קיין לאָמבאַרדיע צו דער סאַרדינישער אַרמעע (מערץ). אין רוים איז געווען יום-טובדיק, און פּי דער IX האָט געפונען דעם מאָמענט פּאַסיק אויסצופירן זיין אַלטן מיין: אַראָפּנעמען די טורמע-ווענט פון דער רוימער געטאָ. דאָס איז געווען אַ פּסח-אָוונט (17 אַפּריל), יידן זענען געזעסן ביים סדר, דערמאָנט יציאת-מצרים; מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ האַמערקלאַפּן אין די ווענט און אין די טויערן פונם יידישן קוואַרטאַל. תחלת האָט מען זיך דערשראָקן: צי איז דאָס נישט איינער פון די געוויינטלעכע המון-אָנפאַלן אויף דער געטאָ? אָבער אינגיכן האָט מען דערזען אַ וואונדערלעך בילד: אַרבעטער האָבן מיט דער אויפזיכט פון פּויפּסטס פּאָליציי געבראָכן די ווענט, וואָס האָבן אָפּגעטיילט דעם יידישן קוואַרטאַל פונם צענטער שטאָט, די ווענט, וואָס האָבן געהאַלטן פאַרשפּאַרט צענדליקער טויזנטער מענטשן צענדליקער דורות לאַנג. דאָ זענען

בייגעווען רוימער בירגער אויך און זיי האָבן פריינטלעך באַגריסט די באַפרייטע. אויף מאָרגן איז שוין אַ היפּשער טייל וואַנט געווען איינגעבראָכן, און ס'איז געוואָרן אַ פרייער דורכגאַנג אין אַלע שטאָט־טיילן. די געטאָס תפוסים האָבן זיך געוויזן אויף Ave Maria און אין די צענטראַלע גאַסן, דאָס איז פאָרגעקומען אַזוי אומגעריכט, אַז יידן גופא האָבן זיך געוואונדערט אויפן פריינטלעכן סיורפריז. די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט זיך נישט געקאָנט מיט אַמאָל צוגעוואוינען צום פרייעם יידן: אַ ייד פריי אין די הויפּטגאַסן האָט גערייצט די פאַנאַטיקער. ס'זענען אַפילו געווען איינצעלנע אָנפאַלן אויף יידן־דורכגייער און אַפילו אויף יידישע הייזער אין געטאָ, איצט שוין אָן אַ וואַנט־שוץ. די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע האָט געהיט דעם יידישן קוואַרטאַל. אין דער דאָזיקער גוואַרדיע (civica) זענען געווען אַ סך יידן אויך, אָבער נאָר אין איניקע באַטאַליאָנען. כדי ס'זאָל נישט קומען צו קיין צוזאַמענשטויס מיט קאָלעגן־יידנפיינט, האָבן יידן געמאַכט אַ ספּעציעלן טייל נאַציאָנאַלע גוואַרדיע. דער דאָזיקער יידישער מיליץ איז אויסגעקומען נישט איין מאָל צו פאַרהיטן יידן פאַר אָנפאַלן פונם ווילדן רוימער המון.

פּי דעם IX־טנס „קאָנסטיטוציאָנעלער" רעזשים, — אַ געמיש פון איניקע פרייהייטן מיט פּאָליציייש־קלעריקאַלע פאַרוואַלטונגס־מעטאָדעס, — האָט נישט געקאָנט האַלטן די אָרדנונג אין רוים. נאָוועמבער האָט אויפגעפלאַקערט אַ רעוואָלוציע, דער פּויפּסט איז אַנטלאָפן פון רוים, די צונויפגערופענע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג (געווען דאָרט צוויי יידן דעפּוטאַטן) האָט פּראָקלאַמירט אין רוים אַ רעפּובליק (פעברואַר 1849); דער רעגירונגס־פירער איז געוואָרן דער באַרימטער יוסף מאַדזיני. די דאָזיקע רעגירונג האָט, מיטן הסכם פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, דערקלערט יידן פאַר גלייכבאַרעכטיקטע. אין רוימער שטאָט־מאַגיסטראַט זענען אַריין דריי יידן, געקליבן פון דער באַפעלקערונג, צווישן זיי דער הויפּט פון קהלה—שמואל אַלאַטרי. די נייע רעפּובליק האָט אָבער לאַנג נישט אויסגעהאַלטן: די אַנאַרכיע האָט איר אונטערגעריסן. אין די נידעריקע קלאַסן איז פאַרלאָרן געגאַנגען די גרעניץ צווישן רעפּובליקאַנער פרייהייט און פרייהייט צו רויבן און שלאָגן, די שטאָט איז פול געוואָרן מיט באַנדיטישע עלעמענטן, וואָס זענען אָנגעלאָפן אַהער פון אַלע עקן איטאַליע, כלומרשט רעוואָלוציאָנערן, און האָבן געהאַלטן אין מורא די גאַנצע שטאָט. די פראַנצויזישע אַרמעע האָט זיך באַוויזן אונטער די טויערן פון רוים. זי האָט לאַנג באַלאַגערט די שטאָט, לסוף זי איינגענומען (יוני 1849) און אומגעקערט דער „געזעצלעכער רעגירונג" — דער רוימישער קוריע; לואי נאַפּאָלעאָן, דער פּרעזידענט פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק, האָט זי שוין דעמאָלט געהאַט געשטיצט. די נייע רעגירער פון דער קאָלעגיע קאַרדינאַלן האָבן זיך מיט דער הילף פונם פראַנצויזישן גאַרניזאָן ביטער אָפּגערעכנט מיט די רעפּובליקאַנער, דערהויפּט מיט יידן: זיי, די יידן זאָלן דאָס זיין די שולדיקע, וואָס האָבן געשטיצט די רעוואָלוציאָנערע רעפּובליק.

מיט דער רוימער געטאָ איז פאָרגעקומען דאָס, וואָס מיט 50 יאָר פריער (1798—1799)[1], און מיט דעם זעלבן ביטערן סוף: ווידער דער פויפּסט און ווידער דער רעאַקציאָנערער רעזשים.

פּי IX איז צוריקגעקומען קיין רוים (אַפּריל 1850) גאָר אַ נייער. פון זיינע פריערדיקע ליבעראַלע מיינען איז קיין שפור נישט געבליבן. די פּאָליטיק פונם „הייליקן פאָטער", וואָס זאָל רעפּרעזענטירן די רעליגיע פון הוילע מחילה, איז געווען אָנגעזאַפּט מיט שנאה און נקמה. יידן זאָלן געשטראָפט ווערן דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך נישט צופרידנגעשטעלט מיטן פויפּסטס חסד, מיט צעברעכן די געטאָ-ווענט, און זיי האָבן פאַרלאַנגט מער בירגער-רעכט, וואָס זיי האָבן באַקומען אין מאַדזיניס צייט, איצט זאָלן זיי צוריק אומגעקערט ווערן צום געטאָ-רעזשים. צוריק אַלע אַלטע אויסנאַם-געזעצן: יידן זאָלן זיך נישט טאָרן באַזעצן אויסער דעם געטאָ, פאַרווערבן נחלות, פריי האַנדלען און אַרבעטן (יידן דאָקטוירים טאָרן נישט היילן קיין קריסטן). מ'האָט ווידער איינגעפירט ספּעציעלע שטייערן פאַר יידן, און צווישן זיי דעם שענדלעכן שטייער פאַר דעם „קאַטעכומען-הויז", ד. ה. פאַר דער שמד-פאַבריק, די נייע רעגירונג האָט ווידער גענומען פלייסיק שמדן יידן. ס'איז געווען געוויינט עמיצער זאָל אויף איינעם אָנווייזן, אַז יענער וויל זיך שמדן, האָט מען שוין יענעם געשלעפּט אין קאַטעכומען-הויז אויף פראָבע. אויב משך 40 טעג האָט זיך יענער נישט געלאָזט שמדן, פלעגט מען אַזוי-גנעם פריילאָזן, אָבער בתנאי, אַז די יידישע קהלה זאָל באַצאָלן פאַר אויסהאַלטן אים די 40 טעג. קליינע יידישע קינדער פלעגט מען פשוט גנב'ען ביי די עלטערן פאַר דעם „קאַטעכומען-הויז", אָדער מ'פלעגט באַגיין אַזאַ פאָרטל: אויף אַ מאָנאַכס אָדער אַ גלח'ס אַ וואונק, פלעגט די קאַטוילישע דינסט אין אַ יידיש הויז מעלדן פּאָליצי, אַז זי האָט שטילערהייט אָפּגעשמדט אַזאַ און אַזאַ קינד, פלעגט מען שוין דאָס קינד צונעמען אין קאַטעכומען-הויז אָדער אין קלויסטער, די עלטערן זאָלן אים נישט „פאַרפירן". איינער אַזאַ פאַל איז באַוואוסט געוואָרן דורך דער פּרעסע און האָט אָנגעמאַכט אַ רעש אין גאַנץ אייראָפּע. דאָס איז געווען די נעוויסע „מעשה-מאָרטאַראַ".

יוני 1858 זענען פויפּסטלעכע זשאַנדאַרמען באַפאַלן דעם יידן מאָרטאַראַ'ס הויז אין באָלאָניע און אַוועקגעפירט זיין זעקסיאָריק יינגל, עדגאַר. ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די קאַטוילישע דינסט האָט דערציילט דעם גלח אויף דער ודוי, זי זאָל איינמאָל בעת'ן קינדס קראַנקהייט האָבן שטילערהייט געשמדט דאָס קינד, כדי אויסצולייזן זיין נשמה. דער גלח האָט דאָס איבערגעגעבן פּאָליציי, און דאָרט האָט מען געהייסן אָפּנעמען דאָס „קריסטלעכע" יינגל ביי די עלטערן און דערציען דאָס אין דער קאַטוילישער רעליגיע. די מיאוסע קלעריקאַלע שטיק איז דערגאַנגען צו דער פּרעסע, און אין גאַנץ אייראָפּע האָט זיך אויפגע-

1) זע פריערדיקן באַנד § 26.

הויבן אַ פּראָטעסט־שטורם: ס׳האָבן פּראָטעסטירט איטאַליענישע יידן אין פרייעם פּיעמאָנט. דייטשע ראַבינער מיט ל. פיליפּסאָן אויבנאָן האָבן געשיקט דעם פּויפּסט פּי דעם IX אַ פּראָטעסט־פּעטיציע. אין לאָנדאָן איז פּאָרגעקומען אַ פּראָ־טעסט־מיטינג, און משה מאָנטעפיאָרע איז געפאָרן קיין רוים בעטן דעם פּויפּסט אומקערן דעם קליינעם געפאַנגענעם צו די באַרויבטע עלטערן. אפילו מאָנאַרכן דעם פּויפּסטס פריינט, נאַפּאָלעאָן III און פראַנץ־יוסף, האָבן געראַטן דעם פּויפּסט נאָכגעבן דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג. נאָר פּי דער IX איז געבליבן האַרט און נישט געלייגט קיין שום אַכט אויף קיינע השתדלותן. פעברואַר 1859 האָט דער פּויפּסט אויפגענומען אַ יידישע דעפּוטאַציע פון דער פּאַטריאַכטער רוימישער קהלה, וואָס האָט אַפילו נישט געוואַגט צו בעטן פאַר מאָרטאַראַ׳ן, און איז זי באַפאַלן מיט די געמיינסטע זידלערייען. „אזוי באַווייזט איר אייער טרייע אונ־טערטאַנשאַפט, אַז איר האָט פאַראַיאָרן אויפגעהויבן גאַנץ אייראָפּע איבער מאָר־טאַראַ׳ן! איר האָט געגאָסן אייל אין פייער, איר האָט דאָס פייער צעבלאָזן, איר האָט אָנגערייצט אַלע רעדאַקציעס. אָבער זאָלן זיך צייטונגען שרייבן, וואָס זיי ווילן, איך לאַך פון זיי!״ דער קהלה־סעקרעטאַר, וואָס דער פּויפּסט האָט אים אויסגעזידלט מיט „נאַר״, האָט זיך מיאוס פאַרענטפערט, באַדויערט, וואָס צײ־טונגען האָבן צעשמירט די מעשה־מאָרטאַראַ קעגן ווילן פון רוימער יידן. לסוף האָט ער זיך צעוויינט אויך, אָבער דעם פּויפּסט האָט דאָס נישט גערירט. שפּעטער, ווען באָלאָניע איז פאַרייניקט געוואָרן מיט סאַרדיניע, האָבן די על־טערן נעפּרובט אומקערן זייער קינד מיט דער הילף פון דער נייער רעגירונג, אָבער דאָס יינגל האָט מען שוין געהאַט פריער אַוועקגעפירט קיין רוים, און קיינע מיטלען אויסצורייסן דעם רויב פון דער קאַטוילישער קוריעס הענט האָבן נישט געהאָלפן. די „הייליקע פּאָטערס״ האָבן אַזוי דערצויגן דעם יונגן עדגאַר מאָרטאַראַ, האָבן אין אים אַריינגעזעצט אַזוי פיל שנאה צו יידן, אַז שוין אַ דערוואַקסענער, האָט ער אַליין נישט געוואָלט צוריקקומען צו דער אמונה פון זיינע אבות, און ער איז געבליבן אַ פאַנאַטישער גלח — אַ מיסיאָנער זיין לעבן לאַנג.

ביי אַזאַ האַלטונג פון פּי IX האָט פון פאַרבעסערן די יידישע לאַגע קיין רייד נישט געקאָנט זיין. יאָר איין יאָר אויס זענען יידישע דעפּוטאַציעס געגאַנ־גען צום פּויפּסט מיט הכנעהדיק געבעט — און אַלע מאָל צוריקגעקומען מיט ליידיקע הענט. גאַנץ איטאַליע איז שוין געווען פאַראייניקט אונטער וויקטאָר־עמנואל׳ס הערשאַפט, איין רוים איז געבליבן דער נעסט פון פינסטערניש און קנעכטשאַפט אינם פרייעם לאַנד. אָבער ס׳איז געקומען די צייט פאַרן קאַטוילישן בבל אויך, דאָס ביטערע יאָר (1870) פאַר דעם פּויפּסטס מאַכט. אין וואַטיקאַנער קלויסטער איז מען נאָך געווען פאַרנומען מיט פעסטשטעלן דעם דאָגמאַט, אַז דער פּויפּסט קאָן נישט זיין זינדיק, די געטאָ־פּרנסים האָבן געגרייט אַ נייע פּע־טיציע, דער פּויפּסט זאָל זיך דערבאַרעמען אויף זיינע 4800 קנעכט און זאָל

זיי באַפרייען פון דער שטיקעניש און ענגשאַפט אינם יידישן קוואַרטאַל, וואו ס'איז נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען, און די פינסטערע און נאַסע הייזער זענען אַ נעסט פון קראַנקהייטן (יוני 1870); אָבער די דאָזיקע געווינשריפט האָט מען שוין נישט באַוויזן צו דערלאַנגען: מ'האָט שוין געהערט די טריט, וואָס קומען באַפרייען רוים. דעם 20־טן סעפטעמבער 1870, אין רעכטן ברען פון דער פראַנצויזיש־פּרייסישער קריג, איז אין רוים אַריין וויקטאָר עמנואל'ס נצחון־ח״ל. ס'איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די וועלטלעכע מאַכט פון פּויפּסט, וואָס איז באַפלעקט געווען מיט אַזוי פיל פאַרברעכן, און רוים איז געוואָרן די רעזידענץ פון דער פאַראייניקטער פרייער איטאַליע. מיט רוים זענען אויפגעריכט געוואָרן יידן אויך: זיי האָבן געקריגן בירגערלעכע און פּאָליטישע גלייכבאַרעכטונג. נאָך איידער די נייע קאָנסטיטוציע איז איינגעפירט געוואָרן, האָט די יידישע קהלה אין רוים דערלאַנגט וויקטאָר עמנואל'ן אַן אַדרעס (דעם 25 סעפּטעמבער), באַגריסט דעם גליקלעכן איבערקער אַלס „איטאַליענער, רוימער און יידן". דער אַדרעס לאָזט זיך אויס מיט אַזעלכע כאַראַקטעריסטישע ווערטער: „מיר דערמאָנען איצט דאָס לעצטע מאָל דאָס וואָרט ייד (איזראַעליט). דעם מאָמענט, ווען מיר גייען איבער צום הייליקן רעזשים פון בירגערלעכער גלייכשטעלונג, איז דאָס אַ חוב פון דאַנקבאַרקייט. אונטער דער פירונג פון אייער מאַיעסטעט וועלן מיר איצט, אויסער אונזער שול, געדענקען נאָר דאָס, אַז מיר דאַרפן זיין איטאַליענער, און אַנדערש וועלן מיר נישט זיין". מענטשן, וואָס האָבן נאָר וואָס איבערגעשפּרייזט די שוועל פון פרייהייט, האָבן נישט געפילט, אַז אין זייערע רייד שטעקט די ירושה פון נעכטיקער קנעכטשאַפט. די, וואָס ערשט נעכטן האָבן זיי געבעטן רחמים ביים דעספּאָט דעם פּויפּסט, האָבן נישט פאַרשטאַנען צו רעדן אויף אַ נייער שפּראַך מיט דער נייער מאַכט. זיי האָבן נישט געוואוסט, אַז ס'איז נישט פאַראַן אַזא „חוב פון דאַנקבאַרקייט", וואָס זאָל פאָדערן נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד ביי אַ פאָלק, וואָס אַ רעכטלעכע מלוכה האָט אומגעקערט בירגערלעכע גלייכשטעלונג.

אָנהויב אָקטאָבער איז אַ דעפּוטאַציע פון רוים געגאַנגען צו וויקטאָר עמנואל'ן איבערגעבן אים דעם רעזולטאַט פון אַ פאָלקס־פּלעביסציט וועגן פאַראייניקן רוים מיט איטאַליע; אין דער דאָזיקער דעפּוטאַציע איז געווען אַ פאַרטרעטער פון דער יידישער קהלה, שמואל אַלאַטרי. לויט אַקעניגלעכן דעקרעט דעם 13 אָקטאָבער, דערנאָך לויט אַ באַשלוס פון דעם איטאַליענישן פּאַרלאַמענט (15 דעצעמבער), זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן אַלע אויסנעמען, וואָס זענען פאַרבונדן מיט רעליגיע און נאַציע. די עמאַנסיפּאַציע אין רוים איז געווען אַזוי גוט ווי באַפרייען תפוסים פון דער טורמע ממש. יידן זענען אַרויס פון דער געטא און באַזעצט זיך אין אַלע טיילן שטאָט. אינם אַלטן יידישן קוואַרטאַל אויף דעם זומפּיקן ברעג טיבר זענען געבליבן דערהויפּט אָרעמעלייט. מיט דער צייט האָט מען דאָ צעבראָכן אַ סך אַלטע הייזער; געבליבן זענען נאָר איניקע געסלעך.

לזכרון פונם אַלטן „נעסט קנעכטשאַפט“. יידן זענען זיך צעלאָפן פון דער געטאָ און דערמיט איז די ערשטע צייט צעפאַלן געוואָרן די קהלה. פון דער אַמאָליקער קהלה-אויטאָנאָמיע האָבן זיך די עמאַנסיפירטע אָפגעטרייסלט פון דער ערשטער מינוט פרייהייט אָן. נאָך אין אָקטאָבער 1870 האָבן די פרנסים פון דער רוימער קהלה געמעלדעט אין אַ ספעציעלן צירקוליאַר, אַז איבער דעם שנוי אין דער בירגערלעכער לאַגע מוז געענדערט ווערן די יידישע זעלבסטפירונג אויך: פון היינט אָן געהער צו דער קהלה נישט מער ווי רעליגיעזע און צדקה-זאַכן. אָבער אַפילו אין אַזאַ פאַרשמעלערטער פאָרם האָט זיך געפילט אַ גאָרע דעזאָרגאַניזאַציע: געוועזענע געטאָ-מענטשן האָבן זיך גענומען איינאָרדנען אין נייע ערטער, יעדער האָט געקלערט פון זיך, רעפאָרמירן די קהלה איז קיינעם אין זינען נישט געלעגן. ערשט מיט דער צייט איז אויפן חורבן פון דער אַלטער קהלה אויפגעקומען אַ גאַנץ נייע צדקה-חברות. די קליינע יידישע קאָלאָניע אין איטאַליע (35 טויזנט) איז בכלל בטל בששים געוואָרן אין דער גרויסער אַרומיקער מאַסע. אין דער דאָזיקער סביבה, וואָס איז מיט אַמאָל אַריבער פון קנעכטשאַפט צו אמת׳ער, נישט קיין פאַפירענער, גלייכגעשטעלטקייט, האָט זיך די אַסימילאַציע שטאַרק צעבליט. יידן זענען גיך אַריין אין בירגערלעכן לעבן אין לאַנד: אין פאַרלאַמענט, אין דער רעגירונג, אין מוניציפאַליטעט, און האָבן פאַרגעסן אַז חוץ אַלגעמיין-בירגערלעכע אינטערעסן האָבן זיי נאָך אייגענע נאַציאָנאַל-קולטורעלע אינטערעסן אויך. רוימער יידן האָבן געהאַלטן וואָרט: דער „ייד“ האָט זיך אָפגערוקט אָן אַ זייט פאַרן „איטאַליענער“. אויפגעשטאַנען תחית-המתים אַלס בירגער, זענען איטאַליענער יידן פאַרשטיינערט געוואָרן אַלס נאַציע—ביז ס׳וועט קומען אַ נייע תקופה נאַציאָנאַלע אויפלעבונג, אַ זיכערער עטאַפ אין דער יידישער היסטאָרישער ראָד.

§ 49. דער לעצטער אַקט פּאָליטישע עמאַנסיפּאַציע אין ענגלאַנד.

דער קאַמף פאַר עמאַנסיפּאַציע, וואָס איז פאָרגעקומען אַזוי טראַגיש אין רוים, האָט אויסגעזען אַ ביסל קאָמיש אין לאָנדאָן. די וויכטיקסטע עטאַפן עמאַנסיפּאַציע זענען שוין דאָ ג׳וועזן דורכגעמאַכט אַ תקופה פריער: יידן האָבן געהאַט סיי בירגערלעכע, סיי פּאָליטישע רעכט, יידן האָט מען געמעגט קלייבן פאַר דעפּוטאַטן אין פאַרלאַמענט; די גאַנצע יידנפראַגע איז דאָ געווען, צי מעגן די דאָזיקע אויסגעקליבענע דעפּוטאַטן פאַרנעמען זייער פּלאַץ אין פאַרלאַמענט, אויב זיי געבן נישט די פאַרעלטערטע קריסטלעכע שבועה. רויטשילד, וואָס לאָנדאָן האָט אים אויסגעקליבן פאַר דעפּוטאַט, איז געשטאַנען ביי דער שוועל פון דער אונטערשטער קאַמער און האָט נישט געקאָנט אַריבער נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָלט שווערן לויט זיין איבערצייגונג, נישט לויט קריסטלעכן שאַבלאָן. ס׳איז געווען אַ פרום-קריסטלעכער שבועה-נוסח, אַ נשאר פון דורות. ליבהאָבער פון אַלטע

אַנטיקן האָבן אין דעם געוואַלט איינזען אַ סימבאָל פון אַ „קריסטלעכער מלוכה". אָבער דער דאָזיקער נוסח האָט שוין נישט געשטימט מיט די נייע באַגריפן, וואָס האָבן יידן גלייכגעשטעלט מיט קריסטן. דאָס יאָר פון די גרויסע איבערקערן (1848), האָט אין ענגלאַנד גאָרנישט נישט געענדערט: ענגלאַנד איז נישט אָנגערירט געוואָרן פונם קריזיס אויפן קאָנטינענט, אָבער אין איין צענדליק יאָר איז די קאָנסער-וואַטיווע עקשנות געוואָרן צום נאַר, און יידישע עמאַנסיפּאַציע איז געקומען צו איר לעצטן אַקט.

פרילינג 1848 האָט די אונטערשטע קאַמער ווידער אָנגענומען דעם ביל וועגן אָפּשאַפן די שבועה, און די לאָרדנקאַמער האָט דאָס אָפּגעוואָרפן (§ 29). אָבער די קעמפער פאַר עמאַנסיפּאַציע זענען נישט געבליבן אָפּהענדיק. יאָר איין יאָר אויס פלעגן זיי דערלאַנגען דער קאַמער ענלעכע בילן—מיט געוויסע שנויים אין דער פאָרם און אין דעם פאַרנעם פון די פאָדערונגען, פון טאַקטישע טעמים וועגן. דאָס יאָר 1849 האָט דער ליבעראַלער פּרעמיער דזשאָן ראָסעל דערלאַנגט דעם פּאַרלאַמענט אַ ביל וועגן רעפאָרמירן דעם שבועה-נוסח פאַר דיסענטערן, קוואַקערס און יידן, אָבער דער דאָזיקער ביל האָט אויך געהאַט דאָס אייגענע מזל, וואָס אַלע פריערדיקע: די אונטערשטע קאַמער איז געווען פאַר דעם, די אויבערשטע—קעגן. דאָס לעבן האָט ווידער אָפּגעענטפערט מיט אַ פּראָטעסט קעגן דער עקשנות פון די אַנטיקליבהאָבער: באַראָן ליאָנעל ראָטשילד, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין מאַנדאַט דערפאַר, וואָס מ'האָט אים נישט אַריינגעלאָזט אין פּאַרלאַמענט, איז ווידער אויסגעקליבן געוואָרן פון לאָנדאָנער סיטי (1850). ראָטשילד איז געקומען אין דער קאַמער און געבעטן, מ'זאָל אים לאָזן שווערן אויף אַ תנ"ך; נאָך קורצע דעבאַטן האָט מען דאָס אים דערלויבט. אַז דער באַראָן איז געקומען צום סוף שבועה (abjuration), האָט ער דורכגעלאָזט די ווערטער: „אַזוי ווי אַן אמת'ער קריסט גלויבט", ער האָט געזאָגט, אַז די דאָזיקע ווערטער זענען „קעגן זיין געוויסן". דערויף האָט דער ספּיקער געענטפערט דעם נייעם דעפּוטאַט: דאָס הייסט, אַז ער האָט קיין שבועה נישט געגעבן און אים געבעטן פאַרלאָזן די קאַמער. די אַנדערע סעסיע (1851) האָט לאָרד ראָסעל נאָך אַמאָל געפּרובט דורכצופירן דורך ביידע קאַמערן אַ ביל וועגן אָפּשאַפן דעם סוף פון דער פּאַרלאַמענט-שבועה. דאָס מאָל האָבן זיך אין דער לאָרדנקאַמער אויך געפונען אַזוינע, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַרן פּראָיעקט. לאָרד-קאַנצלער טרוראָ האָט אַזוי געזאָגט: „אַמאָל האָט גאָט פאַרהאַרטעוועט פּרעה'ס האַרץ, ער זאָל נישט אַרויסלאָזן יידן פון מצרים. איך פאַרהאָף, אַז גאָט וועט נישט פאַרהאַרטעווען די הערצער פון ענגלישע פערן אַזוי ווייט, אַז זיי זאָלן נישט אַריינלאָזן יידן אין די געזעצגעבערישע אַנשטאַלטן אין לאַנד". אָבער דער רוב פון דער לאָרדנקאַמער איז דאָך געווען „פאַרהאַרטעוועט" און האָט אָפּגעוואָרפן דעם ביל.

דערווייל איז צוגעקומען אַ צווייטער ייד אַ דעפּוטאַט, דער ראַטמאַן דוד

סאַלאָמאָנס, אויסגעקליבן אין גרינוויטש. דער דאָזיקער ענערגישער טוער האָט באַשלאָסן שטרייטן ביז גאָר פֿאַר זיין דעפּוטאַטן־רעכט. דעם 18 יולי 1851 איז סאַלאָמאָנס געקומען אין דער קאַמער, געשוואָרן אויף אַ תנ"ך און דורכגעלאָזט די לעצטע ווערטער „אַזוי ווי אַן אמת'ער קריסט גלויבט". דער ספּיקער האָט אים געבעטן אַרויסגיין, אָבער סאַלאָמאָנס האָט נישט געפֿאָלגט און האָט פֿאַרנומען אַ פּלאַץ צווישן די דעפּוטאַטן. דער ספּיקער האָט געבעטן אַ צווייט מאָל, דאַן איז סאַלאָמאָנס אַרויס פֿון זאַל און איבערגעגעבן דעם דעפּוטאַט, וואָס האָט אים אַריינגעפֿירט, יענער זאָל פֿאַרטיידיקן זיין רעכט צו זיצן אין דער קאַמער. אין דריי טאָג אַרום האָט די קאַמער גענומען באַהאַנדלען דעם דאָזיקן אינצידענט. סאַלאָמאָנס איז געקומען אויף דער זיצונג און האָט זיך געזעצט צווישן דעפּוטאַטן. דער ספּיקער האָט אים געבעטן אַרויסגיין, סאַלאָמאָנס האָט נישט געפֿאָלגט; דאַן האָט דער ספּיקער פֿאָרגעלייגט דער קאַמער זאָגן איר מיינונג וועגן דעם. מ'האָט אַריינגעטראָגן אַ פֿאָרשלאַג, אַז וויבאַלד אַ דעפּוטאַט האָט געשוואָרן לויט זיין געוויסן, מעג ער טון זיין דעפּוטאַטן־רעכט. דעם פֿאָרשלאַג האָט מען אָפּגעוואָרפֿן; סאַלאָמאָנס האָט ביי דער אָפּשטימונג צוויימאָל גערעדט „צו געשעפֿטס־אָרדנונג". פֿונם ווידערשפּעניקער האָט מען געפֿאָדערט רעכנונג, און סאַלאָמאָנס האָט געענטפֿערט מיט ווערדע, אַז ער איז נישט אויסן געווען צו עובר זיין אויפֿן געזעץ, זיין האַנדלונג נעמט זיך פֿון טיפֿער איבערצייגונג, אַז ער האָט רעכט צו באַטייליקן זיך אין די פּאַרלאַמענט־זיצונגען. ווען דער אָרדנער איז צו אים צוגעגאַנגען און אים אָנגערירט מיט דער האַנט, האָט ער געמוזט פֿאָלגן און אַרויסגיין. פֿאַר זיין „וויל איך אַזוי" (באַטייליקן זיך אין דער זיצונג אָן אַ שבועה) האָט סאַלאָמאָנס געמוזט באַצאָלן 500 פֿונט שטראָף לויט אַ פּסק פֿון אַ ספּעציעל געריכט. ס'איז געווען אַ געפֿאַר, ער זאָל נאָך פֿאַרלירן אייניקע בירגעררעכט אויך, אָבער די רעגירונג האָט דורכגעזעצט דורכן פּאַרלאַמענט, אַז אין אַזוינע פֿאַלן זאָל אָפּגעשאַפֿט ווערן די שטראָף; דער דאָזיקער באַשלוס זאָל גילטיק זיין אויף צוריק אויך, סאַלאָמאָנס זאָל נישט באַשטראָפֿט ווערן.

אין ענגלאַנד האָט געקאָכט מיט דער פּאַרלאַמענטאַרישער יידנפֿראַגע: ס'זענען אַרויס אַ סך פּאָליטישע פּאַמפֿלעטן, מייסטנס זענען געווען געשטימט יידנפֿריינטלעך[1]. די אומרויִקע צייט פֿון דער קרימער מלחמה איז די יידנפֿראַגע פֿאַרשוויגן געוואָרן, די פּאַרלאַמענטאַרישע אַקציע האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דאָס יאָר 1857. פּאַלמערסטאָנס קאַבינעט האָט דורכגעזעצט אין דער אונטערשטער קאַמער אַ ביל וועגן דער שבועה־רעפֿאָרם מיט אַ צוגאָב, אַז אַ ייד טאָר נישט זיין קיין מלוכה־רעגענט, קיין פּרעמיער, קיין לאָרד־קאַנצלער, קיין שטאַטהאַלטער אין אירלאַנד און בכלל אין קיין אַמט, וואָס האָט צו טון מיט קירך־אינסטיטוציעס. דער דאָזיקער צוגאָב זאָל דאָס זיין אַ פֿאַרגיטיקונג פֿאַר די

---

1) זע די „הוספֿות" צום סוף באַנד, נומער 3.

לאָרדן אין דער אויבערשטער קאַמער, וואָס האָבן נישט געוואָלט צוזען קיין יידן פאַר הויכגעשטעלטע מלוכה־מענער, ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן: די לאָרדן האָבן זיך פאַרשטייפט ביי זייערס. די געדולד האָט געפּלאַצט ביי ביידע קאַמערן; ס'איז קלאָר געווען, אַז אָן אַ קאָמפּראָמיס וועט מען דאָ נישט אויסקומען. אַזאַ קאָמפּראָמיס האָט מען דערלאַנגט בעת דער סעסיע דאָס יאָר 1858. די לאָרדן־קאַמער האָט אָנגענומען דזשאָן ראָסעל'ס אַלגעמיינעם ביל „וועגן אייניקע ענדערונגען אין דעם שבועה־נוסח", אָבער אָן דעם פּונקט, אַז יידן מעגן דורכלאָזן די לעצטע „קריסטלעכע" פראַזע. די אונטערשטע קאַמער האָט דאַן אויסגעקליבן אַן אויסגלייך־קאָמיסיע. אין דער קאָמיסיע איז אַריין לויט אַ באַשלוס פון דער קאַמער באַראָן רויטשילד אויך, אַ דעפּוטאַט אָן אַ פּלאַץ אין דער קאַמער. לאַנג האָט מען זיך געדונגען, לסוף איז מען דורכגעקומען אויף אַזאַ פּשרה: יעדע קאַמער פאַר זיך מעג יעדעס מאָל באַשליסן צו ענדערן דעם נוסח פאַר אַ דעפּוטאַט אַ יידן. מיט אַזאַ צוגאָב איז דער ביל וועגן דער שבועה דורך—ביידע קאַמערן; דעם 23 יולי 1858 האָט דער קעניג געגעבן זיין סאַנקציע און דער ביל איז געוואָרן אַ געזעץ. אויפן סמך פונם דאָזיקן געזעץ האָט די קאַמער אין דריי טאָג אַרום באַשלאָסן (מיט אַ מערהייט 69 קעגן 37) צולאָזן ליאָנעל רויטשילד'ן אויף די זיצונגען, ער זאָל געבן אַ שבועה אָן דער לעצטער פראַזע „אַזוי ווי אַן אמת'ער קריסט גלויבט". רויטשילד האָט געשוואָרן און פאַרענדיקט: „אַזוי זאָל מיר יהוה העלפן!"

אַזוי אַרום האָט נאָך אַ 11־יאָריקן געראַנגל דער דעפּוטאַט פון סיטי פאַרנומען זיין פּלאַץ אין דער קאַמער. פרומע נשמות אין דער ענגלישער געזעלשאַפט זענען געווען אויפגערעגט, וואָס דער פּאַרלאַמענט האָט נאָכגעגעבן; אייניקע גלחים האָבן פאַררעכנט דעם אַקט צו ענגלאַנדס „נאַציאָנאַלע זינד" און אָפּגעריכט תּפילות, גאָט זאָל מוחל זיין די זינד. דאָס לעבן איז זיך אָבער געגאַנגען זיין וועג, נישט געקימערט זיך אויף די מוויי־לייט. אין די וואַלן דאָס יאָר 1859 האָט גרינוויטש ווידער אויסגעקליבן סאַלאָמאָנסן אין דער קאַמער; איצט האָט אים די קאַמער צוגעלאָזט אָן קאַמף. אָבער נאָך אַ צייט לאַנג פלעגן יידישע דעפּוטאַטן פאַרנעמען זייערע פּלעצער אין דער קאַמער ערשט נאָך אַ ספּעציעלן וואָטום וועגן דעם נוסח פון דער שבועה פאַר יעדן באַזונדער. די דאָזיקע סיסטעם, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף אַ קאָמפּראָמיס־אַקט, איז אָפּגעשאַפט געוואָרן ערשט דאָס יאָר 1866. דאָס יאָר האָבן ביידע קאַמערן אָנגענומען אַ ביל וועגן ענדערן דעם נוסח פון דער פּאַרלאַמענט־שבועה בכלל, אַזוי אַז דער נוסח זאָל נישט שטערן נישט קיין קאַטוילן, נישט קיין דיסידענטן, נישט קיין יידן. פון דעמאָלט אָן האָבן יידן נישט באַדאַרפט מער קיין ספּעציעלן זכות. די יידישע קאָלאָניע אין ענגלאַנד (50 טויזנט) איז געוואָרן די פּאָליטיש־אַקטיווסטע גרופּע אין גאַנצן מערב־יידנטום. יידישע טויער האָבן באַקומען אַ פרייעם צוטריט צו מלוכה־ און מוניציפּאַלע שטעלעס. יידן האָבן אָנגעהויבן פאַרנעמען די חשובסטע פּאָסטנס פון לאָנדאָנער לאָרד־מערן (דער ערשטער ייד אַ לאָרד־

מער איז געווען דער דערמאָנטער דוד סאַלאָמאָנס). מיט דער צייט האָבן זיי אָנגעהייבן צו פאַרנעמען מיניסטער-פּאָסטנס אויך, דערהויפּט אין ליבעראַלע קאַבינעטן. די 70-ער יאָרן, ווען בנימין דיזראעלי, שפּעטער גראַף ביקאָנספילד, איז געוואָרן פּרעמיער פון אַ קאָנסערוואַטיוון קאַבינעט, האָט זיך אַ היפּשער טייל יידישע פּאָליטישע טוער אַ קער געטון צו דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי. די לעצטע יאָרן זיינע האָט ביקאָנספילד אויפגעטון פאַרן יידישן פאָלק. אויפן בערלינער קאָנגרעס איז ער בייגעשטאַנען גלייכבאַרעכטונג פאַר יידן אויף דעם באַלקאַנער האַלבאינזל.

דער לעצטער אַקט עמאַנסיפּאַציע האָט אין יידישן לעבן אין ענגלאַנד קיין ערנסטן קריזיס נישט פאַרשאַפט. ס'איז נאָר עטוואָס שטאַרקער געוואָרן דער אַסימיליר-פּראָצעס, אָבער דאָ האָט זיך די אַסימילאַציע פאַרהאַלטן קאָנסערוואַטיוו צו דער אמונה. דער הויפּט-ראַבינער נתן אַדלער (1845—1890) האָט געהיט די טראַדיציאָנעלע יידישקייט, דערלאָזט נאָר מעסיקע רעפאָרמעס אין דער גאָטדינסט. ער האָט געהאַט צו זאָגן אויף אַלע לאָנדאָנער סינאַגאָגעס, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט אין אַ פאַרבאַנד (United Synagogues, 1870); דאָס האָט נישט דערלאָזט קיין שפּאַלטונג צווישן אָרטאָדאָקסן און רעפאָרמיסטן אין די קהלות. דאָ איז נישט געווען קיין שטאַרקער אידעען-קאַמף, וואָרום דאָס גאָרע גייסטיקע לעבן האָט שוואַך פּולסירט ביים ענגלישן יידנטום. די אַלטע טוער, משה מאָנטעפיאָרע (געשטאָרבן 1885, הונדערט יאָר אַלט), די גאָלדסמידס זענען שוין געווען באַרג אַראָפּ, נייע טוער זענען צוגעקומען קנאַפּ. די דאָזיקע קליינע טוער האָבן באַשאַפן די „ענגליש-יידישע אַסאָציאַציע" (Anglo-jewish Association) אויפן מוסטער פון פאַריזער „אַליאַנס", אָבער מיט אַ דעמאָנסטראַטיוון ענגליש-יידישן קאָליר, אַקעגן דער אוניווערסאַל-יידישער אידעע. די אידעע פון אַחדות און קעגנזייטיקער הילף ביי יידן אויף דער גאָרער וועלט האָט געשטעקט אינם יסוד פון דער ענגלישער אָרגאַניזאַציע אויך; דער לאָנדאָנער פאַרבאַנד פלעגט אויסשטימען זיינע אַקציעס מיטן פאַריזער „אַליאַנס" (אין דער פראַגע וועגן רומעניער יידן א. ד. ג.). אָבער אָפט פלעגט דאָס קומען צו קאָנקורענץ אויך.

אין דער ענגליש-יידישער ליטעראַטור יענע צייט איז נישט צו זעען קיין וויכטיקע קרעפטן. דער פאַרדינסט פון עטלעכע קינסטלערישע געשטאַלטן, אויסגעשטראַלט פון אַ פאַרטיפטן קוק אין דער יידישער געשיכטע, געהערט אַ קריסטלעכער פרוי. אַזוי ווי בייראָן האָט אַמאָל אויסגעגאָסן אין זיינע „יידישע מעלאָדיעס" דאָס בענקשאַפט פון אַ צעוואָרפענע נאַציע, אַזוי האָט די ענגלישע ראָמאַניסטין דזשאָרדזש עליאָט פאַראייביקט דעם יידישן נאַציאָנאַלן און משיח-טרוים אינם ראָמאַן „דניאל דעראָנדע" (1876). עליאָט האָט שטודירט יידישע געשיכטע און העבראַאיש (זי האָט געקענט צונץ'ס און גרעץ'ס ווערק) און האָט דערזען פאַר זיך אַ גאַנצע וועלט געהויבענע אידעאַלן און געפילן, וואָס

וועלטן ווען זיי טרעפן זיך אין אַזוינע קאָמבינאַציעס ביי אַנדערע פעלקער. זי האָט געהאַט דעם טיפן רעספּעקט פאַר דער קדושים־געשיכטע פונם אַלטן יידנטום, פאַר זיין פיינעם אידעאַליזם אונטער דעם גראָבן שיכט וואָכעדיקייט, פאַר דעם טויזנטיאָריקן חלום אויסגעלייזט צו ווערן. דעם דאָזיקן טרוים האָט עליאָט געוויזן אין אידעעלע בילדער פון אַ יידיש מיידל, וואָס האַלט הויך איר נאַציאָנאַלע פאָן אין אַ קריסטלעכער סביבה, און פון אַ ייד אַ ענטוזיאַסט, וואָס איז באַגייסטערט פאַרן טרוים אויפצוריכטן זיין פאָלק אין זיין היסטאָרישער היים — אין פאַלעסטינע. עליאָט האָט זיך שטאַרק אָנגענומען פאַר דער יידישער נאַציאָנאַלער אידעע אין אַן אַרטיקל „דער היינטיקער העפּ־העפּ!“, 1880. די געהויבנקייט פונם יידנטום זעט זי אין אין דעם, וואָס טויזנטער יאָרן לאַנג „האָבן זיינע בעסטע קרעפטן געזוכט צו פאַרהיטן זיין נאַציאָנאַל אייגנס קעגן דער דעמאָראַליזירנדיקער אַסימילאַציע“. זי איז אַנטציקט פון די „בריונים“ אין יהודה און פון זייערע נאָך־דורות, וואָס „האָבן נישט נאָכגעגעבן אויף רדיפות און זיך נישט אַסימילירט“. זי זאָגט: „ווען יידן זאָלן זיך געווען אָפּזאָגן פון זייער אָפּגעשלאָסנקייט, וואָס מ׳וואַרפט זיי אויס, וואָלטן זיי נאָך געקאָנט אַריינפאַלן אין קאָסמאָפּאָליטישן אינדיפערענטיזם, וואָס דאָס איז אַזוי גוט ווי ציניזם“. צי האָט עליאָט געוואוסט, אַז אין אַ גרויסן טייל מערב־יידן איז איר שרעק־נבואה שוין מקוים געוואָרן?

§ 50. עמאַנסיפּאַציע איבער נויט אין שווייץ. סקאַנדינאַוויע.

מער פאַר אַנדערע האָט די פרייע שווייץ באַוויזן עקשנות קעגן יידישער בירגערלעכער פרייהייט. אין דער דעמאָקראַטישער פעדעראַציע פון אַ פאָר צענדליק קאַנטאָנען האָט מען יידן געליטן נישט מער ווי אין קאַנטאָן אַארגוי, און דאָס אויך נאָר אין צוויי שטעט: אין ענדיגען און אין לענגנוי. אַ געזעץ נאָך פונם יאָר 1809 האָט רעגולירט דאָס לעבן פון צוויי טויזנט יידן אין דעם שווייצאַרישן געטאָ, וואָס זענען דאָ געווען לעצט־רעכטלאָז. 1) אונטערן דרוק פון דער רעוואָלוציע אין אייראָפּע 1848 האָט שווייץ אויך געמוזט ענדערן איר קאָנסטיטוציע, אָבער אויך אין דער נייער קאָנסטיטוציע, מיט בירגערלעכער גלייכשטעלונג, איז געווען אַ פּונקט, אַז די פעדעראַציע גאַראַנטירט וואוינרעכט אין גאַנץ שווייץ פאַר „קריסטן“. די סותר׳דיקע פונקטן אין דער קאָנסטיטוציע האָט מען געקאָנט טייטשן אַזוי, אַז אינווייניק אין שווייצאַרישן „תחום“ האָבן יידן אַלע רעכט, מיט שווייצער גלייך, און אויסער דעם „תחום“ האָבן זיי וויניקסטנס פאַרקער־רעכט, רעכט צו פאַרברענגען אַ געוויסע צייט. אָבער ווען אַארגויער יידן האָבן גענומען פאָרן אויף ירידים אין די שכנותדיקע קאַנטאָנען, ציוריך

1) פריערדיקער באַנד, § 27.

און לוצערן, האָט מען זיי פון דאָרט געטריבן (1849). אַאַרגויער קאַנטאָנאַל־אַדמיניסטראַציע האָט פּראָטעסטירט, אָבער אירע קאָלעגן פון אַנדערע קאַנטאָנען האָבן זיי מיט רעכט אָפּגעענטפערט, אַז יידן אין אַ אַאַרגוי גופא מעגן דאָך וואוינען ניִשט מער ווי אין צוויי שטעט. לאַנג האָט מען זיך געאַמפּערט וועגן דעם אין שווייצאַרישן בונדעסראַט, לסוף האָט מען אָנגענומען אַ באַשלוס, וואָס זאָל אויסטייטשן די קאָנסטיטוציע אַזוי, אַז שווייצאַרישע יידן מעגן קומען אומעטום פון געשעפט וועגן, אין זייער היים־קאַנטאָן האָבן זיי אַלע בירגער־רעכט (1856).

לויט דעם דאָזיקן באַשלוס האָבן אַאַרגויער יידן געקריגן וואַל־רעכט אין געמיינדע־ראַטן און אין קאַנטאָנאַל־ראַט, אָבער קעגן דעם האָט פּראָטעסטירט די קריסטלעכע באַפעלקערונג. דער נעכטיקער קנעכט זאָל היינט ווערן אַ גלייכבאַרעכטיקטער בירגער—, דאָס איז שוין געווען צו פיל פאַר אַאַרגויער קריסטלעכער דעמאָקראַטיע; צו שטאַרק זענען נאָך דאָרט געווען אַלטע פאָראורטיילן, און קלעריקאַלן, ליטעראַנער און קאַטוילן, האָבן צוגעגעבן היץ. עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד האָבן די קאַנטאָנאַלער רעגירער געהאַלטן אין איין ישובן זיך, ווי אַזוי אויסצופירן אַזאַ „ריזיקאַלישע“ רעפאָרם. לסוף האָט שוין די קאַנטאָן־רעגירונג כמעט געפועלט ביי זיך, האָט זי געשיקט קיין ענדינגען אַ קאָמיסאַר אויסצופאָרשן די לאַגע אויף אַן אָרט, אָבער די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט געמאַכט דעם קאָמיסאַר אַ שלעכטן קבלת־פנים. צו באַווייזן דער רעגירונג, ווי זי פאַרהאַלט זיך צום פּראָיעקט, האָט זי געמאַכט אַ גאַסן־דעמאָנסטראַציע און קודם כל האָבן דערפון געליטן יידישע שויבן (אָקטאָבער 1861). ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַגיטאַציע קעגן יידן אויף פאַרזאַמלונגען און אין דער פּרעסע. דאָך האָט זיך די רעגירונג ניִשט איבערגעשראָקן און האָט אַריינגעטראָגן איר פּראָיעקט וועגן גלייכבאַרעכטונג אין קאַנטאָנאַלן „גרויסן ראַט“. דעם 15 מאַי 1862 זענען אין אַאַרגויער פאַרלאַמענט פאָרגעקומען היציקע דעבאַטן וועגן דער יידנפראַגע. פאַר דעם פּראָיעקט האָבן זיך געשטעלט די ליבעראַלע דעפּוטאַטן הערצאָג און קעלער. „שליסט אויף די אַאַרגויער געטאָ, — זאָגט הערצאָג,—לאָזט יידן פריי וואוינען, גיט זיי אַקטיוו און פּאַסיוו וואַל־רעכט אין קאַנטאָן־ענינים, וועט ווערן אויס גערודער, איר וועט אַריינציען יידן אין אַלע פּראָפעסיעס און איר וועט אַסימילירן זייער אַרט דענקען און טון מיט אייערן. אַ דעמאָקראַטישע מלוכה איז ניִשט בלויז פאַראינטערעסירט צו עמאַנסיפּירן יידן: זי איז דאָס מחויב צו טון“. אַנטיסעמיטישע דעפּוטאַטן האָבן געשראָקן, אַז די וויילער וועלן אָפּנעמען די מאַנדאַטן ביי די דעפּוטאַטן, וואָס וועלן שטימען פאַר עמאַנסיפּאַציע; ערויף האָט הערצאָג געענטפערט: „איך זאָג דאָ אָפן, אַז אויב איבער דעם נעמט מען ביי מיר אָפּ דעם מאַנדאַט, וועל איך דאָס האַלטן מיין לעבנלאַנג פאַר אַ כבוד“. קעלער האָט אָפּגעענטפערט אויף אַן אַנטיסעמיטישער פּעטיציע אַזוי: „אין דער פּעטיציע טענה'ט מען, אַז יידן דאַווענען ניִשט מיט אונז צוזאַמען. יאָ, מיינע הערן, אָבער מיר דאַווענען דאָך מיט זיי. מיר זינגען דאָך אין דער קירך, אין

דער שול, אין דער היים זייערע גרויסאַרטיקע תהלים־געזאַנגען". דער ראַט האָט
אויסגעהערט מיט סימפּאַטיע די רעדעס פון די עמאַנסיפּאַטאָרס און האָט אָנגענו־
מען דער רעגירונגס פּראָיעקט מיט 113 שטימען קעגן 2. לויט דעם דאָזיקן באַ־
שלוס זאָלן יידן אין די אַלטע קהלות ענדינגען און לענגנוי ווערן אָרטיקע בירי־
גער און באַקומען גאָרע וואָל־רעכט.

דאָ האָבן זיך ערשט צעקאָכט פּאָליטישע ליידנשאַפטן. די קעגנער פון עמאַנ־
סיפּאַציע האָבן פאַרפירט די שאַרפסטע אַגיטאַציע, אַז די ווילער זאָלן אָפּרופן
דעם גרויסן ראַט, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט שטימען פאַר יידישער גלייכבאַ־
רעכטונג. דערויף האָבן זיי באַדאַרפט האָבן 6000 ווילער־שטימען, די געשיקטע
אַגיטאַטאָרס האָבן דאָס באַוויזן. דעם 27 יולי האָט די ווילער־פאַרזאַמלונג אין
קאַנטאָן אַארגוי באַשלאָסן אָפּצורופן די דעפּוטאַטן פונם גרויסן ראַט און באַשטי־
מען נייע וואַלן. די אַנטיסעמיטן זענען אַריין אין אַזאַ התפעלות פון זייער נצחון
איבער דער גערעכטיקייט, אַז זיי האָבן געמאַכט אַ אילומינאַציע: צעלייגט פייערס
אויף די שפּיץ־בערג. ביי די נייע וואַלן אין גרויסן ראַט האָבן די ליבעראַלן
ווידער באַקומען אַ מערהייט. אין דער ערשטער זיצונג האָט דער ראַט אָנגענומען נישט
צו ענדערן דעם געזעץ פונם 15 מאַי און דאָס לעצטע וואָרט זאָל דאָ זאָגן
אַ פאָלקס־רעפערענדום. נאָוועמבער 1862 איז פאָרגעקומען דער רעפערענדום; די עמאַנ־
סיפּאַטאָרס האָבן געקריגן אַ מפּלה: פאַר אָפּשאַפן דעם געזעץ פונם 15 מאַי האָבן
געשטימט 26.702 ווילער, קעגן האָבן געשטימט 7733; יידישע עמאַנסיפּאַציע איז
געוואָרן אויס (27 יוני 1863). דאָס האָט שטאַרק אויפגערעגט שווייצאַרישע און
אויסלענדישע ליבעראַלע קרייזן. דער היסטאָריקער מ. קייזערלינג, ראַבינער אינם
שווייצאַרישן געטאָ און פאַרטרעטער פון יידישע קהלות האָבן זיך געווענדעט צו
דער העכסטער פאַרטרעטונג פון דער שווייצאַרישער פעדעראַציע, צום בונדעס־
ראַט, מיט אַ פּעטיציע, דער בונדעסראַט זאָל רעווידירן דעם ענין אַלס אַ געלעגנ־
הייט פון דער פעדעראַטיווער פאַרוואַלטונג. דער בונדעסראַט האָט איינגעזען, אַז
אָפּנעמען ביי יידן בירגער־רעכט אין זייער „תחום" איז קעגן דעם פריערדער־
מאָנטן פעדעראַל־געזעץ פונם יאָר 1856. די פראַגע האָט מען באַהאַנדלט אין
ביידע קאַמערן פון בונדעס־ראַט און מ'האָט באַשלאָסן (דעם 30 יולי): פאָדערן
ביים קאַנטאָן אַארגוי, „ער זאָל מער נישט שטערן יידן גענישן זייערע פּאָליטישע
רעכט אין פעדעראַלע און קאַנטאָנאַלע ענינים". דער קאַנטאָן אַארגוי האָט גע־
מוזט פאָלגן דער פעדעראַציע. דעם 27 אויגוסט 1863 האָט דער קאַנטאָנאַלער
גרויסער ראַט אָנגענומען אַ געזעץ, אַז אָרטיקע יידן, אַלס שווייצאַרישע בירגער,
האָבן אַקטיוו און פּאַסיוו וואַלרעכט. פאַר גאַנץ שווייץ איז אָבער נאָך די פראַגע
געבליבן אָפן. אויסער אַארגוי איז אָדער מ'האָט יידן גאָרנישט געלאָזט, אָדער
מ'האָט זיי געלאָזט זייער ווייניק. די גאַרע עמאַנסיפּאַציע איז געקומען שפּעטער,
און געווירקט האָבן דאָ אינטערנאַציאָנאַלע פאָדערונגען.

שווייץ האָט פון שטענדיק אָן געהאַט אויסצושטיין פאַר איר ווילדער פאַר־

האַלטונג קעגן יידן. דאָס יאָר 1835 האָט פראַנקרייך אָפּגעהאַקט איר האַנדלס-אָפּמאַך מיט באַזעלער קאַנטאָן פאַר נישט אַריינלאָזן פראַנצויזישע יידן (ז. 27). דאָס יאָר 1850 איז פאָרגעקומען אַ קאָנפליקט ביי שליסן אַ האַנדלס-אָפּמאַך מיט אַמעריקע. די שווייצאַרישע רעגירונג האָט אָנגעוויזן אין אָפּמאַך, אַז לויט דער פעדעראַלער קאָנסטיטוציע האָבן נאָר קריסטן שטענדיק וואוינרעכט אין אַלע קאַנטאָנען. אַמעריקאַנער רעגירונג האָט נישט געוואָלט ראַטיפיצירן אַזאַ אָפּמאַך, וואָס שטעלט איין צד אין אַן ערגערער לאַגע, איידער דעם אַנדערן, און האָט געפאָדערט, אַז שווייץ זאָל נישט מאַכן קיין חילוק צווישן אַמעריקאַנער בירגער לויט דער רעליגיע. מ'האָט זיך לאַנג געשפאַרט און לסוף האָבן אַמעריקאַנער פאָרטרעטער מסכים געווען אַריינשטעלן אין אָפּמאַך סתם אַ פּונקט, אַז בירגער פון איין לאַנד מעגן קומען אין אַנדערן לאַנד, לויט ווי דאָס שטימט מיט די געזעצן פון ביידע רעפּובליקן: ווען דער אָפּמאַך איז ראַטיפיצירט געוואָרן, האָבן זיך אין אַמעריקע אָנגעהויבן פּראָטעסטן (1857), וואָרום שווייץ האָט אויסגעניצט דעם דערמאָנטן פּונקט און נישט אַריינגעלאָזט קיין אַמעריקאַנער יידן: ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיפּלאָמאַטישער געראַנגל: שווייץ האָט געטענה'ט, אַז זי איז סובערען אין אירע אינעווייניקסטע אנגעלעגנהייטן און זי קאָן נישט איבער אַמעריקאַנער יידן איבערטרעטן אַ געבאָט פון איר קאָנסטיטוציע. אַקעגן האָט אַמעריקע געענטפערט, אַז זי פאַרמעסט זיך נישט אויף שווייצס זעלבסטשטענדיקייט, זי פאָדערט נאָר, אַז יידן אַמעריקאַנער בירגער זאָל מען באַהאַנדלען אין שווייץ נישט ערגער ווי אין דערהיים. מ'האָט זיך נאָך נישט אָפּגעפאָרטיקט מיטן דאָזיקן שטרייט, האָט זיך דאָסזעלבע אָנגעהויבן מיט האָלאַנד. אָנהויב 1863, ווען אין שווייץ האָט גערעשט פאַר און קעגן עמאַנסיפּאַציע, האָט זיך די האָלענדישע רעגירונג קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט שליסן אַ האַנדלס-אָפּמאַך מיט שווייץ, אויב שווייץ וועט נישט גאַראַנטירן האָלענדישע יידן פריי צו וואוינען און האַנדלען דאָרט. די פעדעראַלע רעגירונג האָט ווידער אַראָפּגעשלונגען אַ פּאַטש און איז אַלץ געבליבן ביי איר יידנפיינטלעכער כאַרטיע. אָבער דאָ האָט איר געטראָפן אַ נייער אומגליק: פראַנקרייך האָט זיך אָנגערופן. מיט דער ווירקונג פונם פאַריזער „אַליאַנס" האָט די פראַנצויזישע רעגירונג געמעלדעט דער שווייצאַרישער, אַז זי וועט באַנייען דעם האַנדלס-אָפּמאַך נישט אַנדערש נאָר ווען שווייץ וועט גאַראַנטירן יידן גלייכע רעכט מיט אַנדערע. צערייסן דעם האַנדלס-אָפּמאַך מיט פראַנקרייך, דאָס האָט געהייסן פאַר שווייץ אַזוי גוט ווי באַגראָבן איר האַנדל. די שווייצער איז געוואָרן ענג. דער בונדעס-ראַט האָט שוין דערזעען, אַז שווייצאַרישע קאָנסטיטוציע איז גאָר נישט געשריבן פאַר אויסלענדישע יידן, וואָרום זייער לאַגע איז געווענדט אין אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן. אָבער דאָ האָט זיך שוין ממילא געבעטן אַ קלאָר טון: פאַרוואָס זאָלן פרעמדע יידן מעגן וואוינען און האַנדלען אין שווייץ און אייגענע נישט? די דאָזיקע סתירה האָבן טאַקע אָנגעוויזן די עמאַנסיפּאַטאָרס אין פעדעראַלן פאַר-

פּאַמענט בעת די דעבאַטן וועגן האַנדלס-אָפּמאַך מיט פראַנקרייך (1864): דובס, פּרעזידענט פון דער שווייצאַרישער רעפּובליק, האָט זיך אויסגערופן: „ס'איז אַ שאַנדע, אָבער מ'מוז מודה זיין, אַז אין דער יידנפראַגע זענען מיר איזאָלירט, אָדער מיר זענען אין אַ קאָמפּאַניע, וואָס איז נאָך ערגער פאַר איזאָלירטקייט (אַן אָנצוהערעניש אויף רוסלאַנד). מיר זענען געוואָרן צו שאַנד און צו שפּאָט ביי דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט אין די אויגן, און מ'הערט אונז אויף צו אַכטן". דער פּאַרלאַמענט האָט געמוזט נאָכגעבן פראַנקרייך, און ממילא שוין שפּעטער די איבריקע לענדער אויך. דעמאָלט איז שוין אַלע קלאָר געוואָרן, אַז מ'מוז ענדערן די פעדעראַלע קאָנסטיטוציע און עמאַנסיפּירן יידן, „אייגענע בירגער זאָלן נישט זיין אין קיין ערגערער לאַגע, איידער פרעמדע" (דעם שווייצארישן היסטאָריקערס, קורטיס, ווערטער). פון בערן האָט מען אָנגעפרעגט אַלע קאַנטאָנאַלע רעגירונגען, ס'איז געקומען צו'ן אַ רעפערענדום, און מ'האָט באַשלאָסן אָפּשאַפן אַלע באַגרענצן פאַר יידן אין וואוינרעכט (יאַנואַר 1866). דער „תחום" אין אַרגוי איז געוואָרן אויס, און יידן האָבן זיך באַזעצט אין אַלע קאַנטאָנען. אין דער נייער פעדעראַלער קאָנסטיטוציע (1874) האָט מען שוין אויסגעשלאָסן אַלע אויסנאַמען פאַר נישט-קריסטן.

די גלייכבאַרעכטונג איז אין דער פּראַקטיק נאָך נישט גילטיק געוואָרן מיט אַמאָל. די אָפּגעשטאַנענע מאַסן, פאַרגליווערט אין אַלטן יידן-האַס, האָבן זיך נאָך געראַנגלט קעגן איינפירן באמת יידישע גלייכבאַרעכטונג, דערהויפּט אין קאַנטאָן אַארגוי, אָבער די פעדעראַלע רעגירונג האָט געהייסן, און קאַנטאָנען האָבן געמוזט פאָלגן דער קאָנסטיטוציע. אַזוי זעען מיר, ווי אין דעמאָקראַטישסטן לאַנד אין אייראָפּע האָבן פאָלקס-מאַסן געקעמפט קעגן דער באַמיאונג פון אַ הייפל בעסטע מענטשן איינצופירן בירגערלעכע גלייכשטעלונג, — דער עלעמענטאַרער יסוד פון יעדער רעכטלעכער מלוכה. אַ דעמאָקראַטישער רעזשים איז נישט געווען אימשטאַנד בייצוקומען איינגעוואָרצלטע לאַנגאָניקע איינריידענישן; מ'האָט געמוזט מיט גוואַלט הויבן די פינסטערע מאַסע צו דער מדרגה פאָליטישן פאַרשטאַנד, וואָס בעסטע פאַרטרעטער פונם פאָלק האָבן פאַרמאָגט.

שטיל, אָן רעש איז פאָרקומען די עמאַנסיפּאַציע פון די קליינע יידישע קאָלאָניעס אין די ס ק אַ נ ד י נ אַ ו י ש ע דריי לענדער. אין ד אַ נ י ע איז דער איבערגאַנג צו בירגערלעכער גלייכבאַרעכטונג נישט געווען אַזוי שאַרף ניכר, וואָרום דאָרט איז די יידישע לאַגע נאָך פאַרן יאָר 1848 געווען צו דערליידן. לויט אַ דעקרעט פון קעניג פרידריך VI (1814) האָט די קליינע יידישע קאָלאָניע, וואָס האָט זיך געענגט דערהויפּט אין קאָפּענהאַגן, געקריגן וואוינרעכט און באַשעפטונגס-רעכט בתנאי, אַז יידישע קהלות זאָלן „אויסלייטישן" זייער איבעריקסטע פירונג, רעפאָרמירן דעם רעליגיעזן קולט און די שול-באַציונג אין מאָדערנעם גייסט. יידן (אין אָפיציעלע אַקטן: „מאָזאַאיסטן") האָבן געזען אַקעגנקומען דער רעגירונג, היות ווי זיי האָבן מייסטנס געשטאַמט פון דייטשלאַנד

האָבן זיי איבערגענומען אין קאָפּענהאַגן „בערלינער" אידעען און האָבן זיך גיך דענאַציאָנאַליזירט. אָבער זיי האָבן איבערגענומען דייטשע קאָמפּעטאָדעס פאַר רעכט אויך און מיט פּעטיציעס האָבן זיי אונטערגעטריבן די רעגירונג אויף ווייטערע הנחות. די גאַנצע עמאַנסיפּאַציע איז פאָרגעקומען דאָס יאָר 1849; אין דער נייער דענישער קאָנסטיטוציע זענען יידן גלייכגעשטעלט געוואָרן אין רעכט מיט קריסטן, אַפילו אין וואַלרעכט צום פּאַרלאַמענט אויך. די קליינע דעניש-יידישע קאָלאָניע (בערך 4000 מאַן), וואָס האָט שטענדיק געהאַט אויף זיך די השפּעה פון דייטשלאַנד, אַזוי ווי דאַניע גופא, איז געווען אַן אויסגעגאָסענע דייטשיש-יידישע רעפאָרמירטע קהלה, קאָפּענהאַגן איז געווען אַ מיניאַטור פון בערלין; דער חלוק איז געווען, וואָס דאָ האָבן זיך נישט באַוויזן אַזוינע אָנגעזעענע יידישע וויסנשאַפטלער און שרייבער, ווי דאָרט. דער איינציקער אָנגעזעענער דענישער שרייבער אַ ייד געאָרג-כהן ב ר א נ ד ע ס (געבוירן 1842) איז באַרימט געוואָרן אַלס קריטיקער פון דער גאָרער וועלט-ליטעראַטור, חוץ דער יידישער. דורך און דורך אַסימילירט, האָט זיך בראַנדעס שאַרף אָפּגעצאָמט פון יידן, ברוגז, ווען מ'פלעגט אים דערמאָנען זיין אָפּשטאַם, „שלעפּן קיין ירושלים (צו יידן) אַזאַ דענער „וואָס האָט שאַרפער פאַר אַלע אַנדערע געצויגן קיין אַטען" (צום עליניזם).

לאַנגזאַמער, מיט גרויסע מניעות, איז פאָרגעקומען די עמאַנסיפּאַציע אין ש וו ע ד ן און נ אָ ר וו ע ג ן. אין שוועדן האָבן יידן לויט אַן אַלטן געזעץ געמעגט וואוינען נישט מער ווי אין דריי פיר שטעט (שטאָקהאָלם, געטעבאָרג, נאָרקעפּינג, קאַרלסקראָנע). די איניציאַטיוו צו עמאַנסיפּאַציע שטאַמט דאָ פון קאַרל XIV, אַ קעניג פון פראַנצויזישן אָפּשטאַם (געוועזענער מאַרשאַל בערנאַדאָט). דאָס יאָר 1838 האָט דער קעניג אויף זיין אייגענער אחריות (נישט באַראַטן זיך מיט די שטאַנדן-פאַרטרעטער) אַרויסגעלאָזט אַ דעקרעט, אַז יידן זענען שוועדישע בירגער, זיי מעגן פריי וואוינען און אַרבעטן. אַ ספּעציעלן הסכם דאַרפן זיי נאָר אויף פאַרווערבן גיטער. די דאָזיקע טיילווייזע גלייכבאַרעכטונג האָט אַרויסגעבראַכט פּראָטעסטן מצד דער שוועדישער געזעלשאַפט, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט דורך און דורך מיט לוטעראַנישן אָרטאָדאָקסיזם. דעם יידנ-פיינטלעכן אונטערשלאַק פון די דאָזיקע פּראָטעסטן האָט מען דאָ פאַרשלייערט מיט אַ פאָרמעל-ריכטיקן מאָטיוו, אַז דער דעקרעט איז אַרויס אָן דעם הסכם פון די שטאַנדן-פאַרטרעטער. דער קעניג האָט געמוזט אַרויסלאָזן אַ צוגאָב-„דעקלאַרעציע", אָפּשאַפן דאָס וויכטיקסטע פון דער פריערדיקער פּריווילעגיע און אומקערן יידן צוריק צום פריערדיקן מצב. נאָך ערגער איז געווען די לאַגע אין נאָרוועגן: דאָרט איז געווען אַ געזעץ, וואָס האָט אַפילו פאַרווערט יידן צו קומען אין לאַנד. קעגן דעם דאָזיקן שענדלעכן געזעץ האָט יאָרנלאַנג (1834—1842) געקעמפט דער נאָרוועגישער פּאָעט וו ע ר ג ע ל א נ ד, פּאַרלאַמענט-דעפּוטאַט. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ שריפט פאַר יידישער גלייכבאַרעכטונג און האָט דער-

לאַנגט דעם סטאָרטינג אַ פאָרשלאַג אָפּצושאַפן דעם אַנטיסעמיטישן פונקט אין דער קאָנסטיטוציע. דער רוב דעפּוטאַטן האָבן געשטימט פאַר דעם פאָרשלאַג, ס׳האָט זיך אָבער נישט געפונען קיין צוויי דריטל שטימען, וואָס מ׳דאַרף האָבן צו ענדערן אַ פונקט אין דער קאָנסטיטוציע, און דער פּאָעט דער קעמפער איז געשטאָרבן, נישט דערלעבט צו זען אָפּגעשאַפט אַזוינס, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַרשטענדלעך פאַר זיין לאַנד. ערשט נאָכן יאָר 1848 האָט מען אָנגעהויבן געבן יידן רעכט לעפּלוויין אין שוועדן און אין נאָרוועגן. דאָס יאָר 1860 האָט מען יידן אין שוועדן דערלויבט פאַרווערבן ערד אין דאָרפגעגנטן אויך. דאָס יאָר 1865 האָבן זיי באַקומען אַקטיוו וואַלרעכט צום ריקסדאַג, אָבער נישט קיין פּאַסיוו וואַלרעכט (אַזאַ אויסנאַם האָט געגאָלטן פאַר קאַטוילן אויך); דאָס יאָר 1870 האָבן זיי געקריגן פּאַסיוו וואַלרעכט אויך. ביסלעכווייז זענען יידן גלייכבאַרעכטיקט געוואָרן חוץ אין אייניקע פּרטים: יידן האָבן נאָך נישט געטאָרט זיין קיין דעפּוטאַטן אין דער אויבערשטער קאַמער; קינדער פון געמיש-חתונות האָט מען געמעגט דערציען נישט-לוטעריש נישט אַנדערש, סיידן ביי די עלטערן איז פריער געווען אַזאַ הסכם. ס׳זענען נאָך געווען אייניקע אויסנאַמען בנוגע מלוכה-שטעלעס פאַר נישט לוטעראַנער בכלל. די קליינע שוועדיש-יידישע קאָלאָניע (ביז 3000 מאַן) האָט זיך קאָנצענטרירט דערהויפּט אין שטאָקהאָלם; אין קולטורעלן פּרט האָבן זיי געהאַט די השפעה פון דייטשע יידן.

§ 51. רומעניע און די נייע באַלקאַנישע מלוכות.

אין צוויי האַלב-באַרבאַרישע דונאַי-פּראָווינצן וואַלאַכיע און מאָלדאַוויע האָט ביז די 60-ער יאָרן געלעבט אַ מאַסע פון 200 טויזנט יידן צווישן אַן אומקולטורעלער פּראַוואָסלאַוונער באַפעלקערונג ביי אַ רעזשים — אַ געמיש פון רוסלאַנד און טערקיי. אין די דאָזיקע פּראָווינצן, וואָס ביז מיטן דעם XIX יאָרהונדערט זענען זיי געווען פאָרמעל אונטער טערקיי׳ס אויבערהערשאַפט און פּאַקטיש אונטער רוסלאַנדס השפעה, זענען יידן געווען דער מיטל-קלאַס, דער האַנדלס-עלעמענט, צווישן פּריצים באָיאַרן און פאַרקנעכטע פּויערים. זיי זענען געווען צעוואָרפן איבער שטעט (בוקאַרעסט, יאַסי, גאַלאַץ און אַנד.) און דערפער, און אין קולטורעלן פּרט זענען זיי געשטאַנען אויף דער נידריקער מדרגה, וואָס די נידריקסטע יידישע קלאַסן אין פּוילן און אין אונגאַרן (פון דאָרט שטאַמען די דונאַי-יידן), און וואָס די אָרטיקע סביבה. ביז אין וואַלאַכיע און אין מאָלדאַוויע האָט זיך געהאַלטן דער אַלטער רעזשים, האָבן יידן געהאַט אויסצושטיין נאָר רעכטלאָזיקייט; מ׳האָט זיך געוואָרפן מיט זיי, ווי מיט „אויסלענדער“; ווער ס׳האָט נישט געהאַט קיין פאַרמעגן אָדער קיין גוט געשעפט, דעם האָט מען באַהאַנדלט ווי אַ ציגיינער. אָבער זינט אין די דאָזיקע פּראָווינצן האָט זיך

אָנגעהויבן אַ נאַציאָנאַל־פאַרפאַרבטע באַפריי־באַוועגונג (פון מיטן דעם XIX יאָר־
הונדערט) און ס'זענען געוואָרן נייע קאָנסטיטוציאָנעלע אינסטיטוציעס אויף אַ
האַלב־באַרבאַרישן פונדאַמענט, איז דאָ געוואָרן דער באַקאַנטער רעזולטאַט, —
אַ געמיש פון ציוויליזאַציע און ווילדקייט. דער ייד איז געוואָרן דער קרבן פון
פּאָליטישע רייסענישן, צו רעכטלאָזיקייט זענען צוגעקומען פּאָגראָמען.

דאָס יאָר 1848 האָט זיך דאָס ביסל רומענישע אינטעליגענץ אָנגעשמעקט
מיט קאָנסטיטוציאָנעלע מערב־אידעען. רומענער יוגנט — פּאַריזער סטודענטן
און ליבעראַלן — האָבן געלייגט דעם יסוד פאַר אַ באַפריי־באַוועגונג; באַטייליקט
האָבן זיך דאָ אייניקע יידן אויך (דער מאַלער דניאל ראָזענטאַל און אַנד.).
אין דער פּראָגראַם פון דער קאָנסטיטוציאָנעלער פּאַרטיי איז געווען אַ פּונקט
וועגן יידישער גלייכבאַרעכטונג אויך, אָבער רוסלאַנד און טערקיי האָבן זיך דאָ
אַריינגעמישט און נישט דערלאָזט קיין קאָנסטיטוציאָנעלע רעפאָרמעס. אין דער
יידנפראַגע האָט די רעגירונג נישט דערלאַנגט ווייטער פאַר איין רעפאָרם: מ'האָט
אויפגעהערט פאַררעכענען פאַר „ציגיינער" אַזוינע, וואָס פאַרמאָגן נישט קיין
גוט געשעפט, אָדער אַ פאַרמעגן פון 5000 פּיאַסטער. (דאָס איז געווען דאָס יאָר
1851, ווען אין רוסלאַנד האָט מען ערשט פאַרעפנטלעכט דעם באַפעל וועגן יידי־
שע קאַטעגאָריעס („ראַזריאַדן") און מ'האָט אויסגעקלערט אַ קאַטעגאָריע „נישט
יינגעזעסענע שטעטישע" — אַ מין ציגיינער). נאָך דער קרימער מלחמה, וואָס
האָט אַ סוף געמאַכט צו רוסלאַנדס פּראָטעקטאָראַט איבער די דונאַי־פּראָווינצן,
האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן אַ שטאַרקע באַוועגונג — מאַכן פון וואַלאַכיע און
מאָלדאַוויע איין רומענישע מלוכה. בעת דעם קאַמף צווישן די פאַראייניקער און
די קעגנער פון דער אוניע (1857—1858) האָט יעדער צד געוואָלט אַריבערציען
צו זיך יידן און צוגעזאָגט זיי פּאָליטישע און בירגערלעכע רעכט. די פּראָווינצן
האָבן זיך פאַראייניקט אונטער דער הערשאַפט פונם ליבעראַלן גאָספּאָדאַר קוזאַ
(1859) און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן רעפאָרמעס. צווישן די וויכטיקסטע מלוכה־
פראַגן איז געווען די פּויערים־רעפאָרם (באַפרייען פּויערים פון פּאַנ־
שטשינע) און די יידן־פראַגע. פירשט קוזאַ האָט זיך ערנסט גענומען פאַר דער
רעפאָרם באַפרייען די פּויערים, אָבער די גרופּע באָיאַרן, דעפּוטאַטן פון דער
קאַמער, האָבן נישט געלאָזט; דאָס האָט געבראַכט צו'ן אַ פּאַרלאַמענטאַרישן קריי־
זיס. קוזאַ האָט צעלאָזט די קאַמער (1864), און האָט געזוכט די גרופּעס אין
דער געזעלשאַפט, וואָס ער זאָל זיך קאָנען אויף זיי שטיצן. ער האָט געזאָגט אַ
יידישער דעפּוטאַציע, אַז ער איז גרייט צו עמאַנסיפּירן יידן און געבן זיי וואַל־
רעכט, ער האָט אָבער נישט אויסבאַהאַלטן, אַז ער קוקט אַרויס אויף יידישער
און אַרמענישער געלט־שטיץ. יידן און אַרמענער זענען אָבער נישט געקומען צו
קיין הסכם בנוגע דער פינאַנץ־הילף פאַרן אָרעמען פירשט. אין יידישע אָרטאָ־
דאָקסאַלע קרייזן האָט מען בכלל געהאַלטן, אַז יידן דאַרפן נישט קיין פּאָליטישע
רעכט, וואָרום דאָס וועט אַראָפּפירן יידן פונם רעכטן וועג. קוזאַ האָט דעמאָלט

חרטה געקריגן און האָט אַריינגעשטעלט אין דעם פּראָיעקט קאָנסטיטוציע אַ פּונקט, אַז פּאָליטישע רעכט האָבן נאָר קריסטן. דערווייל האָבן קוזאַ׳ס אונטערהאַנדלונגען מיט יידן געגעבן דער אַנטיסעמיטישער פּאַרטיי אַן אויסרייד פאַר אַ געפערלעכער אַגיטאַציע: יידן זאָלן האָבן געשטיצט דעם גאָספּאָדאַר אין דער פּויערים־רעפאָרם פון עגאָאיסטישע צוועקן וועגן, זיי זאָלן האָבן פרייע אַרבעטסהענט צו עקספּלואַטירן.

ווען מ׳האָט קוזאַ׳ן אַראָפּגעוואָרפן און אויסגעקליבן אָנשטאָט אים דעם פירשט קאַרל האָהענצאָלערן (1866), האָט די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע אויפגעטון אירס. ס׳האָט געהאַלטן ביי רעווידירן די קאָנסטיטוציע; די רעגירונג האָט פאָרגעלייגט אַריינשטעלן אַ פּונקט וועגן גלייכבאַרעכטונג פאַר אַלע אמונות און צוזאַמען דערמיט האָט מען געזאָלט אין פּאַרלאַמענט באַהאַנדלען די פראַגע וועגן „נאַטוראַליזירן" יידן, ד. ה. מ׳זאָל יידן אָנערקענען פאַר רומענישע בירגער און נישט פאַר אויסלענדער, ווי דאָס איז געווען אין דער אַלטער געזעצגעבונג. קיין בוקאַרעשט איז דעמאָלט געקומען קרעמיע, פּרעזידענט פון פּאַריזער „אַלי יאַנס", צו ווירקן אויף מלוכה־מענער פאַר עמאַנסיפּאַציע. אין אַ פאַרזאַמלונג פון רומענישע מיניסטאָרן און דעפּוטאַטן האָט ער געזאָגט: „דער דעקרעט צו עמאַנסיפּירן נעגערס האָט געחתמ׳עט דערזעלבער פראַנצויזישער ייד, אַ גליד פון דער דערווייליקער רעגירונג (1848), וואָס ער שטייט איצט פאַר אייך און בעט טון דאָס זעלבע פאַר רומענישע יידן, וואָס ער האָט אַזוי גערן געטון פאַר נעגערס אין די פראַנצויזישע קאָלאָניעס". קרעמיע האָט געפּועלט אין די רעגירישע קרייזן, אָבער מאלדאוואנער יידנפרעסער האָבן גענומען שרייען, אַז די מיניסטאָרן „ווילן פאַרקויפן רומעניע צו יידן". כדי אָנצושרעקן די רעגירונג האָבן אַנטיסעמיטישע אַגיטאַטאָרס אָנגערייצט דעם המון אויף יידן: ס׳זענען פאָרגעקומען אַנטיסעמיטישע דעמאָנסטראַציעס, וואָס האָבן זיך ערטערווייז אויסגעלאָזט מיט פּאָגראָמען, מיט שלאָגן און רויבן יידן. איינע אַזאַ דעמאָנסטראַציע האָט מען אָרגאַניזירט אין יאַסי, דעם טאָג ווען פירשט קאַרל איז אַהין געקומען. אין בוקאַרעשט האָט זיך די באַנדע אַריינגעריסן אין דער גרויסער שול, צעריסן די ספר־תורה׳ס, צעבראָכן אַלץ, וואָס דאָרט איז געווען. די באַנדע איז אפילו אריין אין פּאַרלאַמענט אויך, געשראָקן אַלע פרייַנט פון עמאַנסיפּאַציע. דערמיט האָט מען דערלאַנגט דעם צוועק: די רעגירונג האָט זיך איבערגעשראָקן פאַר דער „פאָלקס־באַוועגונג" און האָט אָנשטאָט דעם פריערדיקן ליבעראַלן פּונקט אַריינגעשטעלט אינם פּראָיעקט אַ נייעם פּונקט, אַז נאַטוראַליזירן זיך מעגן נאָר אויסלענדער־קריסטן, נישט קיין יידן. אַזוי זענען די כלומרשטע „אויסלענדער", געבוירענע אין לאַנד, אַוועקגעשטעלט געוואָרן נידריקער פון די, וואָס זענען באמת דאָ געווען פריש אָנגעקומענע. צוליבן שקר פון דער „נאַטוראַליזאַציע" איז פאַרלוירן געגאַנגען יעדע האָפנונג אויף עמאַנסיפּאַציע. פירשט קאַרל, וואָס האָט נאָר וואָס פאַרזיכערט קרעמיע׳ן, אַז ער איז גרייט צו קעמפן קעגן רומענישן

„שענדלעכן" אַנטיסעמיטיזם און שטיצן די עמאַנסיפּאַציע, האָט איצט אין נייעם „פאָטערלאַנד" איינגעזען, אַז ס'לוינט אים בעסער פאַרהיטן זיין קרוין און זיין געהאַלט איידער יידישע גלייכבאַרעכטונג. קרעמיע, וואָס האָט צוגעזען דעם אַנטיסעמיטישן ווילדן טאַנץ, האָט דעמאָלט געשריבן אין דער פּאַריזער פּרעסע: „איך מוז זאָגן, אַז די ליבעראַלע פּאַרטיי אין רומעניע, וואָס פּוצט זיך מיט פּראָגרעס, וואָס דערקלערט איר סימפּאַטיע פאַר דער רעוואָלוציע דאָס יאָר 1848, פירט אין רעליגיעזע, אין סאָציאַלע פראַגן אַ פּאָליטיק פונם XV און XVI יאָר-הונדערט".

קרעמיע האָט קיין טעות נישט געהאַט: רומענער פּאָליטיקער האָבן אינגיכן געוויזן, ווער זיי זענען. אָנהויב 1867 איז פּרעמיער-מיניסטער געוואָרן דער פירער פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי איוואַן בראַטיאַנאָ, אַ מערדערישע נאַטור פון אַ שאָוויניסט — אַ יידן-פרעסער אונטער אַ ליבעראַלן שלייער. דאָס איז געווען פון די ערגסטע עקזעמפּלאַרן פון די מאָלדאַוואַנער המן'ס. די אַלטע געזעצן האָט ער אויסגענוצט אויף צו טרייבן יידן פון דערפער; די, וואָס האָבן זיך איבערגעצויגן אין די שטעט, האָט ער געטריבן פון לאַנד, אַלס „ציגיינער" אָדער אויסלענדער לויט אַ שטאָק אַלטן געזעץ. בראַטיאַנאָ'ס אַגענטן פלעגן באַגיין די ווילדסטע רציחות; איינמאָל האָבן זיי געטריבן פון גאַלאַץ אַ גרופּע רומענער יידן, כלומרשט אויסלענדער, דורכן דונאַי צום טערקישן ברעג; די טערקישע וואַך האָט די געטריבענע נישט אַריינגעלאָזט, האָט זיי די רומענישע פּאָליציי דערטרונקען אין דונאַי (יולי 1867). די ידיעה פון דער דאָזיקער רציחה האָט אויפגעבראַכט גאַנץ אייראָפּע. פּאַריזער „אַליאַנס" האָט געמאַכט אַ שטאַרקע אַגיטאַציע, די רעגירונג זאָל אינטערווענירן אין דער פאַרברעכערישער מלוכה. אין ענגלישן פּאַרלאַמענט האָט מען וועגן דער אָנגעלעגנהייט אָנגעפרעגט דעם אויסערן-מיניסטער. דיפּלאָמאַטישע אַגענטן אין בוקאַרעשט האָבן פּראָטעסטירט פאַר דעם פירשט קאַרל. דער איינציקער רעזולטאַט דערפון איז געווען, וואָס בראַטיאַנאָ האָט געמוזט דימיסיאָנירן (1868). אַנדערע אויף זיין אָרט, פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, האָבן אַ שטיקל צייט איינגעהאַלטן די באַנדעס, אָבער זיי האָבן אויך נישט אויפגעהערט צו שטיקן יידן „גאַנץ-געזעצלעך". די יאָרן 1871—1872, אין דעם קאָנסערוואַטיוון קאַטאַרדזשי'ס צייטן, האָבן זיך ווייטער אָנגעהויבן פּאָגראָמען: אין איזמאַאיל, קאַגול, באַקאַאו און אין אַנדערע שטעט. אין איזמאַאיל (שפּעטער אַריבער צו רוסלאַנד) האָט מען אויסגעקלערט, אַז יידן האָבן געשענדעט קריסטלעכע הייליקייטן אין קירך, ס'איז פאָרגעקומען אַ שרעקלעכער פּאָגראָם, מ'האָט נישט געשוינט קיין פרויען און קיין קינדער; יידיש געגעזלט גוטס האָט מען נאָכדעם אָפן פאַרקויפט אין די גאַסן. ביי אַלע פּאָגראָמען האָט די פּאָליציי געשוויגן, און דאָס געשיקטע מיליטער איז עפּעס שטענדיק געווען נישט גענוג איינצושטילן דעם פּאָגראָם. פּאַריזער „אַליאַנס" האָט ווידער פאָרגענומען אַן אַקציע פאַר די גערודפטע. אין ברוסעל איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון אַליאַנס-טוער אונטער קרעמיע'ס פאָרזיץ און מען האָט באַשלאָסן

אַרבעטן דורך דער אייראָפּעאישער דיפּלאָמאַטיע. באַלד דערויף האָבן אויסלענדישע קאָנסולן דערלאַנגט פּראָטעסטן דער רומענישער רעגירונג. אַמעריקע האָט געשראָקן, אַז זי וועט פאָדערן ביים טערקישן סולטאַן, ער זאָל אויסנוצן זיין אויבערהערשאַפט צו פאַרהיטן די בירגערלעכע זיכערקייט אין רומעניע. דאָס האָט געווירקט, און פּאָגראָמען האָבן אויפגעהערט ביז דער רוסישער-טערקישער קריג (1877).

אין דער דאָזיקער מלחמה האָט רומעניע אויסגעפירט זעלבסטשטענדיקייט מיט רוסלאַנדס הילף. מ'האָט געקאָנט ; לייכט פאָראויסזען, אַז די זעלבשטענדיקע רומעניע וועט זיך איצט אָפּרעכענען מיט אירע יידן פריער, איידער פריער, בעת ס'איז נאָך געווען אַ שאָטן פון טערקישן סובערעניטעט. „אַליאַנס" האָט געוואָלט פאַרהיטן די דאָזיקע געפאַר. צום בערלינער קאָנגרעס (1878), וואָס האָט געהאַט צו זאָגן וועגן די נייע באַלקאַן-מלוכות, האָט מען געשיקט אַ דעפּוטאַציע (נעטער, העגעציאַני און כהן) און זי האָט דערלאַנגט די פאַרטרעטער פון די גרויסע מלוכות אַ מעמאָראַנדום וועגן דער יידישער לאַגע אין די באַלקאַן-לענדער, דערהויפּט אין רומעניע. „אין רומעניע,—שטייט אין מעמאָראַנדום,— איז די לאַגע פון דער גרויסע׳ יידישער מאַסע שרעקלעך. שוין צען יאָר, אַז יידן שטייען דאָרט-אויס די ערגסטע רדיפות. יאָר איין יאָר אויס דערלאַנגען צו אייראָפּע וויגעשרייען פון פּאָגראָמען, רציחות, מאַסן-גרושים. צו די דאָזיקע רציחות דאַרף מען נאָך צורעכענען געזעצן, וואָס שליסן אויס יידן פון מלוכה-און געזעלשאַפטלעכע שטעלעס, פון פרייע פּראָפעסיעס, פון אַ סך צווייגן האַנדל און אינדוסטריע". די דעלעגאַציע בעט דעם קאָנגרעס באַשטיין, אַז אין דער קאָנסטיטוציע אין רומעניע און אין אַנדערע באַלקאַן-מלוכות זאָל אַריינגעשטעלט ווערן אַ פּונקט וועגן יידישער גלייכבאַרעכטיגונג. דער בערלינער קאָנגרעס, וואָס איז באַשטאַנען פון אייראָפּעאישע פּרעמיערן און פון געזאַנדטע, — ביקאָנספילד, ביסמאַרק, וואַדינגטאָן און גאָרטשאַקאָוו,—האָט זיך פאַרהאַלטן מיט סימפּאַטיע צו דער יידישער השתדלות. דער פראַנצויזישער אויסערן-מיניסטער וואַדינגטאָן האט פאָרגעלייגט, אַז דער קאָנגרעס זאָל אָנערקענען רומעניעס זעלבשטענדיקייט נישט אַנדערש, נאָר בתנאי, אַז אַלע רומענישע אונטערטאַנען זענען גלייכבאַרעכטיקט אָן קיין אויסנאַם. ביסמאַרק און די פאַרטרעטער פון עסטרייך און איטאַליע האָבן צוגעשטימט. ביקאָנספילד האָט געמעלדעט פון דער ענגלישער רעגירונג, אַז ער קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, מ'זאָל אָנערקענען רומעניע אָן דעם תנאי וועגן גלייכבאַרעכטיגונג. קאַנצלער גאָרטשאַקאָוו, דער רוסישער פאַרטרעטער האָט געמוזט נאָכזאָגן (רוסלאַנד האָט אַגב געקריגן פונם קאָנגרעס פאַר זיך בעסאַראַביע און געווייַנטלעך שטילערהייט געלאָזט זיך די „פּריווילעגיע" פון יידישער רעכטלאָזיקייט). אַזוי האָט מען אָנגענומען דעם פּונקט 44 פונם בערלינער טראַקטאַט: „דער אונטערשיד אין רעליגיע קאָן אין רומעניע נישט דינען פאַר קיין מאָטיוו נישט צו דערלאָזן געניסן בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט".

רומענישע רעגירער זענען געוואָרן אויסער זיך, דערזען, אַז זעלב=
שטענדיקייט ווערט זיי געגעבן מיט אַ תּנאַי: די פּאַרהאַסטע יידישע גלייכבאַ=
רעכטונג! רומענער דיפּלאָמאַטן האָבן אָנגעהויבן לויפן איבער אייראָפּעאישע הויפן
מיט אַ געבעט, מ׳זאָל נישט נויטן רומעניע „נאַטוראַליזירן״ מיט אַמאָל אַ פערטל
מיליאָן יידן, „אויסלענדער״ לויטן געזעץ. די גרויסע מלוכות האָבן צוגעשטימט אַז
יידן זאָלן נאַטוראַליזירט ווערן גרופּעסווייז. אָבער דער רומענישער פּאַרלאַמענט האָט
באַשלאָסן נאַטוראַליזירן יעדן איינציקווייז, לויט דעם פּאַרלאַמענטס איינזען.
רומעניע האָט געמוזט נאָכגעבן אין איין פּרט: נאַטוראַליזירן בערך 800 יידן,
וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער רוסיש=טערקישער קריג (1879), און דערביי
איז דאָס געבליבן. די ווייטערדיקע נאַטוראַליזאַציע האָט מען איבערגעגעבן אַ
ספּעציעלער פּאַרלאַמענט=קאָמיסיע, און זי האָט שוין פאַרשטאַנען צו נאַטוראַלי=
זירן צו עטלעכע יידן אַ יאָר; ד. ה. זי האָט צו נישט געמאַכט די התחיבות,
וואָס רומעניע האָט אויף זיך גענומען אויפן בערלינער קאָנגרעס. ענגלאַנד
און פראַנקרייך איז נמאס געוואָרן צו דערמאָנען אין דעם תּנאַי.
דייטשלאַנד איז יענע יאָרן אַליין קראַנק געוואָרן אויף אַנטיסעמיטיזם;
רוסלאַנד, וואָס האָט געהאַלטן יידישע רעכטלאָזיקייט פאַר אַ געבאָט,
האָט נאַטירלעך נישט געקאָנט מאָנען גלייכבאַרעכטונג ביי רומעניע. אַזוי
האָבן אומפאַרשעמטע רומענישע פּאָליטיקער אָפּגענאַרט אייראָפּע און גע=
בראָכן איינעם פון די תּנאַים, וואָס אויף זיי האָט רומעניע געקריגן זעלב=
שטענדיקייט. אַ פערטל מיליאָן יידן האָט מען געלאָזט שמאַכטן אין אַ מצב פון
שענדלעכסטער קנעכטשאַפט מיט דעם אויסרייד, אַז דאָס זענען „אויסלענדער״,
קאָנען זיי נישט ווערן קיין רומענישע בירגער, בעת זייערע פאָטערס און זיי=
דעס האָבן שוין געלעבט אין רומעניע און זייערע זין האָבן געדינט און דער
אַרמיי. מיר וועלן נאָך זען, ווי צענדליקער יאָרנלאַנג וועט מען טרעטן מיט
די פיס מלוכה= און אינטערנאַציאָנאַלע רעכט, און די באַנסטע תּקופה וועט
רומעניע און רוסלאַנד זיין דער צווילינג, וואָס אויף צו להכעיס דער גאָרער
וועלט מיט איר עמאַנסיפּאַציע וועט מען זיך דאָ האַלטן ביי דעם געבאָט: רעכט=
לאָזיקייט פאַר יידן.

בערלינער קאָנגרעס האָט באַוויזן צו גאַראַנטירן בירגערלעכע גלייכבאַ=
רעכטונג נאָר אין צוויי באַלקאַן=מלוכות, אין סערביע און אין בולגאַ=
ריע, וואָס זענען פריי געוואָרן פונם טערקישן יאָך. אין סערביע איז די לאַגע
פון דער קליינער יידישער קאָלאָניע (בערך 5 טויזנט נפשות) געווען פאַרשידן
משך דעם XIX יאָרהונדערט; ס׳איז געהען געווענדט אין די רעגירער פון די
דינאַסטיעס אָברענאָוויטשעס און קאַראַגעאָרגיעוויטשעס. פונם מיטן דעם יאָרהונ=
דערט, זינט ס׳איז אויסגעוואַקסן אַ סערבישער האַנדלס=קלאַס, האָט מען אָנגע=
הויבן באַגרענעצן יידן אין וואוינונגס= און האַנדלס=רעכט. די דאָזיקע יידנפיינט=
לעכע פּאָליטיק איז געווען אַקעגן דעם באַשלוס פון פּאַריזער קאָנגרעס (1856,

נאָך דער קרימער קריג), וואָס האָט פאַרפליכט סערביע צו געבן בירגערלעכע רעכט אַלע אירע בירגער גלייך. פאַריזער אַליאַנס האָט אויף דעם סמך געפרובט ווירקן אויף דער סערבישער רעגירונג, דורך טערקיי און דורך אייראָפעאישער דיפלאָמאַטיע, מ׳זאָל גלייכבאַרעכטיקן יידן (1867—1869), ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן. ערשט נאָך דער קריג דאָס יאָר 1877 האָט אַליאַנס אויסגעפירט, דער בערלינער קאָנגרעס זאָל שטעלן סערביע „רעליגיעזע פרייהייט״ (ד. ה. בירגערלעכע גלייכבאַרעכטונג) אַלס איינעם פון די תנאים פאַר זעלבשטענדיקייט. קעגן דעם דאָזיקן פאָרשלאַג האָט גערעדט נאָר איין פירשט גאָרטשאַקאָוו, דער רוסישער קאַנצלער; ער האָט דאָס אויסגעבראַכט (יוני 1878) די באַקאַנטע פראַזע, אַז מ׳קאָן נישט גלייכן מזרח־יידן צו מערב־יידן (§ 44). דערפאַר האָט ער געמוזט אָראָפשלינגען וואַדינגטאָנס אָנצוהערעניש, אַז „אויב סערביע וויל ווערן אַן אייראָפעאישע מלוכה, מוז זי אויך איינפירן ביי זיך די פרינציפן, וואָס אויף זיי איז געבויט די סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע אין אַלע אייראָפעאישע מלוכות״. סערביע האָט געפאָלגט און האָט אינגיכן אַריינגעשטעלט אין איר קאָנסטיטוציע אַ פונקט, אַז אַלע בירגער זענען גלייכבאַרעכטיקט, און האָט אָפגעשאַפט אַלע אויסנאַמפונקטן פאַר יידן. דאָסזעלבע איז פאָרגעקומען מיט בולגאַריע אויך. בעת דער רוסיש־טערקישער קריג האָט מען דאָ אין אייניקע ערטער (פיסטאָוואָ, ווידין, קאַזאַנליק) געשלאָגן און גערויבט יידן: בולגאַרן האָבן זיי חושד געווען, אַז זיי האַלטן מיט טערקיי. אָבער אינגיכן האָט מען זיך אין דער פרייער בולגאַריע איבערצייגט, אַז יידן זענען שטאַרק איבערגעגעבן דעם נייעם קאָנסטיטוציאָנעלן רעזשים; זענען טאַקע צען טויזנט בולגאַרישע יידן פאַקטיש געוואָרן גלייכבאַרעכטיקט, ווי דער בערלינער קאָנגרעס האָט דאָס געפאָדערט (1879). אין די יידישע קהלות אין סערביע און אין בולגאַריע איז ספרדים,—נאָכדורות פון שפאַנישע גולים, — געווען מער, איידער אשכנזים; עספאַניאָליש (לאַדינאָ—שפאַניש־יידיש) איז דאָ געווען די אומגאַנגשפראַך, אַזוי ווי ביי אַלע ספרדים אין אייראָפעאישער טערקיי.

נאָך אין אַ באַלקאַן־מלוכה, אין ג ר י כ נ ל אַ נ ד, וואָס איז נאָך פריער באַפרייט געוואָרן, איז די יידישע לאַגע תחילת געווען נישט פון די בעסטע. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג דאָס יאָר 1821 האָט, כידוע, געבראַכט יידן אַ בלוטיקן פאָגראָם (§ 31). די לעבנגעבליבענע יידן זענען אַנטלאָפן אויפן אינזל קאָרפו. פונם איינגעוואָרצלטן יידנהאַס און פון שנאה צו קאָנקורענטן האָט מען יידן נישט אַריינגעלאָזט קיין אטען און אין די גרויסע שטעט. דאָס דריטע פערטל פונם XIX יאָרהונדערט האָט די יידישע באַפעלקערונג אין גריכנלאַנד אָנגעהויבן וואַקסן און ביסלעכווייז האָט מען זיך מיט זיי אָנגעהויבן צו באַגייען מיט בירגער.

§ 52. ציווי מדרגות ציוויליזאַציע: טערקיי און אַמעריקע.

די מזרח־פראַגע, וואָס איז יענע צייט געווען דער צענטר פון אינטער־נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, וואָס האָט געבראַכט צו צוויי מלחמות,— צו דער קרימער (1854—1855) און צו דער באַלקאַנער (1877—1878),— האָט געבראַכט אויך צו זייער וויכטיקער רעזולטאַטן אין דער יידישער לאַגע אין דער אָטאָמאַנישער אימ־פּעריע[1]). טערקיי איז פּאַקטיש אונטערגעפאַלן אונטער דער אַפּוטרופּסות פון אייראָפּעאישע מלוכות, זי האָט געמוזט גאַראַנטירן די רעכט פון אירע קריסטלעכע אונטערטאַנען, אגב האָט זי דאָס שוין געטון פאַר יידן אויך, ווי ווייט דאָס איז בכלל מעגלעך געווען אין אַ מוסולמענישער דעספּאָטישער מלוכה. ווי באַלד ס'איז געבראָכן געוואָרן די טראַדיציע, אַז פרעמדגלויביקע זענען נישט גלייך צו איי־גענע, און די טערקישע רעגירונג האָט געמוזט פאַרברייטערן די געמיינדע־אויטאָנאָמיע פון אירע גריכישע, אַרמענישע און סלאַווישע אונטערטאַנען, איז פאַר־וואָס זאָלן נישט געניסן דערפון יידן אויך, וואָס זענען געווען אַ סך פּאַטריאָטי־שער איידער יענע. יידישע פּאָליטישע טוער אין אייראָפּע האָבן אַרויסגעוויזן אַ פיינעם תוש, ווען זיי האָבן פאַר די מזרח־לענדער נישט אָפּגעטיילט די יידנ־פראַגע פון דער קריסטנפראַגע, ד. ה. ווען זיי האָבן געהאַלטן די יידנפראַגע פאַר אַ פּרט פון דער פראַגע וועגן דער נישט־מוסולמענישער באַפעלקערונג בכלל. אַ ל ב ע ר ט כ ה ן, אַ פאַרטרעטער אין טערקיי פון פּאַריזער באַנקהויז ראָטשילד, האָט אַזוי פאָרמולירט פאַרן סולטאַן און פאַרן וויזיר דעם ענטפער אויף דער יידנפראַגע אין טערקיי: „אַלע רעכט און פּריווילעגיעס, וואָס מ'האָט געגעבן און מ'וועט נאָך געבן קריסטן, דאַרפן ממילא געגעבן ווערן יידן אויך" (1854). סולטאַן אַבדול־מעדזשיד האָט אין אַן אוידיענץ אויסגעהערט אַלבערט כהן'ען און האָט צוגעשטימט. נאָך דער קרימער קריג האָט אַבדול מעדזשיד אַרויסגעגעבן אַ באַפעל (1856), באַשטעטיקט זיין אַ פריערדיקן מאַניפעסט וועגן גאַראַנטיעס פאַר נישט־מוסולמענער (געזעץ פונם יאָר 1839, § 31) און געהייסן דער רעגירונג זען פאַרווירקלעכן די רעכט, וואָס ס'קומען „קריסטלעכע געמיינדעס און אַנדערע נישט־מוסולמענישע אמונות". דער הויפּט־רב אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט געקריגן די זעלבע רעכט צו פאַרטרעטן יידן ביי דער רעגירונג, וואָס דער

1) יענע צייט איז אין דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע געווען ביז 200.000 יידן; אַ העלפט דערפון האָט געוואוינט אין דער אייראָפּעאישער טערקיי. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט זיך גערעכנט ביז 40.000 יידן (30.000 ספרדים און 10.000 אשכנזים), דאָס אייגענע אין סאַלאָניק, אין ספרדישן צענטר. קלענערע קהלות זענען געווען אין אדריאַנאָפּאָל, סמירנע, באַגדאַד. אין פּאַלעסטינע איז דעמאָלט געווען זייער ווייניק יידן; אין ירושלים האָט זיך דאָס יאָר 1875 גערעכנט 13000 יידן (6 טויזנט ספרדים און 7 טויזנט אשכנזים).

גריכישער פּאַטריאַרך האָט געהאַט. יידישע קהלות האָבן געקריגן רעכט, אַזוי ווי די גריכישע און אַרמענישע, צו האָבן זייערע אויסגעקליבענע פאַרטרעטער ביי אַלע מוניציפּאַלע און אַדמיניסטראַטיווע ראַטן אין די ווילייעטן. די אַלע זכיות האָט מען פאָרמעל געהאַלטן פאַר גילטיק פאַרן סולטאַן אַבדול־אַזיז אויך (1861—1876); אין דער כּלומר׳שטער טערקישער קאָנסטיטוציע, וואָס אַבדול־האַמיד האָט געשענקט דאָס יאָר 1876, איז די גלייכשטעלונג ווידער באַשטעטיקט געוואָרן. פאַקטיש איז אַזאַ גלייכשטעלונג פאַר דעם געזעץ אין טערקיי געווען גאָר נישט דאָס, וואָס בירגערלעכע גלייכבאַרעכטונג אין אַן אייראָפּעאיש לאַנד: דאָרט אין אייראָפּע האָט דאָס געהייסן בירגערלעכע און פּאָליטישע פרייהייט; דאָ אין טערקיי איז דאָס נישט געווען.

קריסטן אין טערקיי, דערהויפּט די אַלטע יידנפרעסער די גריכן, זענען געווען שטאַרק אומצופרידן מיט יידישער, ד. ה. מיט זייער קאָנקורענטס גלייכשטעלונג. צו קעמפן קעגן יידן האָט מען אויפגעפרישט די אַלטע בלוטיקע לעגענדע, דעם עלילת־דם, וואָס איז אונז שוין באַקאַנט פונ׳ם שענדלעכן דמשק־פּראָצעס (1840). דער בלוטיקער שאָטן האָט נאָך געשוועבט איבערן מזרח, און קיינע סולטאַנס באַפעלן האָבן נישט געהאָלפן. יאָר איין יאָר אויס פלעגט ווערן אַ „ריטועלע" מהומה, אַמאָל אין סמירנע, אַמאָל אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און אין אַנדערע שטעט מיט אַ גרויסער גריכישער באַפעלקערונג. אָנהויבן פלעגט זיך דאָס, ווי נאָר ס׳פלעגט פאַרפאַלן ווערן אַ קריסטלעך קינד און ס׳פלעגט זיך אויסלאָזן, ווען דאָס קינד האָט זיך ווידער אָפּגעזוכט, און אַגיטאַטאָרס האָבן פאַרשפּילט אַ געלעגנהייט צו רויבן יידישע הייזער אָדער ווייניקסטנס צו פּייניקן יידן מיט אַ פּראָצעס. נישט תּמיד איז דאָס אָבער אַזוי גלאַט אָפּגעגאַנגען. אין סמירנע, אינם נעסט פון דער בלוטיקער לעגענדע, האָבן עטלעכע אויסוואורפן גריכן געפּרובט אינסצענירן אַן עלילת־דם (1872). זיי האָבן אָפּגעזוכט אַ דערטרונקען גריכיש ייִנגל, וואָס דערים האָט דאָס אַרויסגעוואָרפן, צעשטאָכן דעם שאַרבן און געבראַכט די מציאה צו דעם ייִנגלס עלטערן: זעט, וואָס יידן האָבן געטון פאַר זייערע ריטועלע צוועקן! דאָס איז געווען אַן אויסרייד פאַר די אָרטיקע גריכן, מ׳זאָל גיין מיט מעסערס איבער יידישן קוואַרטאַל. די פּאָליציי האָט דאָס נישט דערלאָזט, האָבן זיי ווייניקסטנס אונטערגעצינדן יידישע הייזער. די פּאָגראָם־כוואַליע האָט זיך צעגאָסן איבער די גריכישע אינזלען אויך (כיאָס און אַנד.), אייראָפּעאישע קאָנסולן האָבן זיך אַריינגעמישט און מ׳האָט אָפּגעהאַלטן די אָנפאַלן אויף יידן; מ׳האָט געפונען די אמת׳ע פאַרברעכער און מ׳האָט זיי פאַרמשפּט אויף „קאַטאָרגע". פּאַריזער אַליאַנס האָט געפּועלט ביים גריכישן פּאַטריאַרך יאָאַקים II, ער זאָל זיך ווענדן צו זיינע פּראַוואָסלאַווע קריסטן, דערמאָנען זיי, אַז זיי דאַרפן לעבן בשלום מיט שכנים יידן און זיך נישט לאָזן אויפרייצן פון יעדער פאַלשער ידיעה. דאָס איז געשען מערץ 1874, און אין דריי חדשים אַרום האָט זיך די אייגענע מעשה איבערגעחזרט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל גופא. ביים ברעג באָספּאָר, גישט ווייט פון יידישע הייזער, האָט מען געפונען אַ טויט אַכט־יאָריק גריכיש ייִנגל. די אַנטיסעמיטישע

גריכישע צייטונג Typos האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט אָנצורייצן דעם המון אויף יידן. אַ מעדיצינישע רעוויזיע האָט פעסטגעשטעלט דעם שווינדל פון דער צייטונגס בלבולים, אָבער די זאַך איז שוין געווען אָפּגעטון: באַנדעס גריכן האָבן זיך צעלאָזט איבער פּעראַ און גאַלאַט, געשלאָגן און גערויבט יידן. פּאָליציי האָט אָפּגעהאַלטן די ווילדע באַנדעס און האָט געמעלדעט, אַז פאַר דער מינדסטער עולה, וואָס וועט באַגאַנגען ווערן קעגן יידן, וועלן די שולדיקע שווער געשטראָפט ווערן. דער גריכישער רעדאַקטאָר, דער אויפטוער פונם גאַנצן בלבול, האָט געהאַט אויף זיך אַ פּראָצעס און געקריגן טורמע. אָבער נישט אַזוי גרינג איז דאָס אָנגעקומען אויסצופועלן סיי דעם הויפּט-רב, סיי דעם פּאַריזער אַליאַנס.

אין טערקיי איז קיין פּאָליטישע פרייהייט נישט געווען, דערפאַר האָבן נישט-מוסולמענער בכלל, און יידן בפרט, גענאָסן פרייהייט פון זעלבסטפירונגען אין די אייגענע געמיינדעס. די ברייטע קהלה-אויטאָנאָמיע, וואָס טערקישע יידן האָבן שוין פון לאַנג געהאַט, האָט זיך יענע צייט פעסט איינגעאָרדנט, ס'איז געוואָרן אַ ריכטיקע קהלה-סיסטעם. לויטן סטאַטוט, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן דאָס יאָר 1864, איז דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער הויפּט-רב (חכם-באַשי) — דער הויפּט פון דער גאָרער יידישער באַפעלקערונג אין טערקיי און איר אָפיציעלער פאַרטרעטער ביי דער רעגירונג. ער פירט די קהלות מיט דער הילף פון צוויי ראָטן: אַ וועלטלעכן פאַר מאַטעריעלע אינטערעסן (שטייערן וכדומה), און אַ רבנישן פאַר רעליגיעזע ענינים. דעם חכם-באַשי און פאַרטרעטער אין די ביי-ראַטן קלייבט אויס אַ „פאָלקספאַרזאַמלונג" פון די פני אין דער רעזידענץ און אין די גרעסערע פּראָווינציעלע קהלות. אין אַ קלענערן פאַרנעם איז דאָס געווען אַ מוסטער פאַר גרויסע פּראָווינציעלע קהלות (סאַלאָניק, סמירנע, אַדריאַנאָפּאָל, ירושלים, אלכסנדריה). וואָלטן יידן אין טערקיי געשטאַנען אויף אַ העכערער קולטור-מדרגה, איז וואָלטן זיי ביי אַזאַ אויטאָנאָמיע באַשאַפן אַ שטאַרקן נאַציאָנאַל-יידישן צענטער. אָבער די שטאַרקע סאָציאַלע און קולטורעלע אָפּגעשטאַנענקייט פון טערקישע יידן האָט געבראַכט דערצו, אַז די אויטאָנאָמיע זאָל פעסטהאַלטן דעם קאָנסערוואַטיזם, נישט זי זאָל הויבן יידן. דער „וועלטלעכער בייראַט" האָט נישט איינמאָל געפּרובט אָפּפרישן די יידישע שול און אַנדערע קהלשע אינסטיטוציעס, אָבער די אויבערהאַנט האָט געהאַט די קלעריקאַלע פּאַרטיי און זי האָט נישט געלאָזט. ס'איז געווען אַ פאַל ווען אַ ייד אַ פילאַנטראָפּ אברהם קאַמאָנדאָ האָט געעפנט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַ שול, וואו חוץ יידישקייט האָט מען נאָך געלערנט דקדוק, פראַנצויזיש און טערקיש; האָבן רבנים געשראָקן מיט אַ חרם און האָבן געצווינגען עלטערן אָפּנעמען זייערע קינדער פון דער „אַפּיקורסישער" שול. אַקריש, אַ רב — אַ פאַנאַטיקער, האָט זיך אָבער דערמיט אַליין נישט צופרידנגעשטעלט, ער איז אַריין צו קאַמאָנדאָ'ן אין הויז און אים אַרייַנגעלייגט אין חרם (1852). אויפן חכם-באַשי'ס באַפעל האָט מען אַקריש'ן אַרעסטירט, אָבער דער המון האָט אים געהאַלטן פאַר אַ קדוש און האָט אויסגעפועלט

ביים סולטאַן, מ׳זאָל דעם „אַ שולדיקן קרבן" פריילאָזן, אַזוינס פלעג פּאַרקומען אין אַנדערע קהלות אויך. דערהויפּט זינט פּאַריזער אַליאַנס האָט אָנגעהויבן מאַכן מאָדערנע שולן פאַר יידישע קינדער אין טערקיי. אָרטאָדאָקסן האָבן גע-פּייערט אויף די דאָזיקע שולן נישט בלויז דערפאַר, וואָס דאָרט האָט מען געלערנט אויף פראַנצויזיש, נאָר דערהויפּט דערפאַר, וואָס דאָרט האָט מען גע-לערנט אַפּיקורסישע „חכמות חצוניות".

מער ווי אומעטום האָט די אָרטאָדאָקסיע געווילדעוועט אין ירושלים און אין די דריי פרומע שטעט צפת, טבריה און חברון. דער רוב יידן אין יענע שטעט זענען געווען פּרושים און אַסקעטן, יידן, וואָס קומען פון דער גאָרער וועלט שטאַרבן אין הייליקן לאַנד. דאָ האָבן זיי געלעבט פון דער „חלוקה", יעדער כולל פאַר זיך, און האָבן פאַרבראַכט טעג און יאָרן אין דאַווענען און אין לערנען. ממילא האָבן זיי זיך געהאַלטן פאַר די ממונים אויף יידישקייט אין ארץ-ישראל. אַלע שולן, וואָס אַליאַנס און די ראָטשילדס האָבן געעפנט אין יענע שטעט, זענען געווען אונטער אַ חרם. אין די שולן פלעגן שיקן די קינדער בלויז אַ קליינער טייל אָרטיקע ספרדים, וואָס זענען נישט געווען אַזוי פאַנאַטיש ווי די אָנגעקומענע אשכנזים.

די זעלבע צייט האָט אין אַן אַנדער עק וועלט געברויזט און געקאָכט אין יידישן לעבן. אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין צפון-אַמעריקע האָט דער יידישער צענטר געהאַלטן אין איין וואַקסן. סוף די 70-ער יאָרן איז שוין דאָרט געווען 300.000 יידן (דערפון 80 טויזנט אין איין ניו-יאָרק). די יאָרן, ווען אין אייראָ-פּע האָבן יידן געקעמפט אָדער פאַר דעם עצם-פּרינציפּ עמאַנסיפּאַציע, אָדער פאַר פאַרווירקלעכן די פּאַפּירענע עמאַנסיפּאַציע, האָבן גלייכבארעכטיקטע יידן אויף יענער זייט ים געקעמפט צוזאַמען מיט אַמעריקאַנער פאַר און קעגן עמאַנ-סיפּירן די נעגערס. ווען די אַמעריקאַנער רעפּובליק האָט זיך גענומען אָפּרייניקן פון שענדלעכן פלעק, פון שוואַרצע קנעכט, און דאָס לאַנד האָט זיך געשפּאָלטן אויף צוויי לאַגערס, אויף אַבאָליציאָניסטן-רעפּובליקאַנער אין די צפון-שטאַטן און אויף „דעמאָקראַטן"—פּלאַנטאַטאָרס אין די דרום-שטאַטן, זענען יידן געווען אין ביידע לאַגערס. די עלטסטע עמיגראַנטן אין אַמעריקע, דערהויפּט שפּאַנישע יידן האָבן איבער-גענומען די פּלאַנטאַטאָרס טראַדיציע און האָבן זיך פעסט געהאַלטן פאַר דער דאָזיקער טראַדיציע צוזאַמען מיט זייערע קריסטלעכע שכנים. די נייע עמיגראַנטן, וואָס זענען אָנגעקומען קיין אַמעריקע משך דעם XIX יאָרהונדערט, דערהויפּט דייטשע יידן, האָבן געהאַלטן מיט די קעמפער קעגן דער נעגערשער קנעכטשאַפט. אין די בלוטיקע שלאַכטן צווישן די צפון-און דרום-שטאַטן (1861—1865) האָבן זיך אין ביידע אַרמייען באַטייליקט עטלעכע טויזנט יידן, סאָלדאַטן און פרייוויליקע. בעת אין די צפון-שטאַטן האָבן יידן שטאַרק געאַרבעט אויסצוקלייבן פאַר אַ פּרע-זידענט אברהם לינקאָלן, דעם שטאַרקסטן קעגנער פון נעגערשער קנעכטשאַפט,— האָט זיך אין די דרום-שטאַטן געפונען אַ ייד יהודה בענדזשאַמין,

אַ טאַלענטירטער אַדוואָקאַט און אַ סענאַטאָר, וואָס האָט געדינט פאַר אַ מלוכה־סעקרעטאַר ביים פּרעזידענט פון דער דרום־קאָנפעדעראַציע, דזשערסאָן דעוויס. די עמאַנסיפּאַטאָרס האָבן אויסגעוואָרפן בענדזשאַמענען און זיינע קאָלעגן: „יידן מיט פרעה׳ס פּרינציפּן״. אָבער דער פּראָצענט אַזוינע פרעה׳ס איז ביי יידן זיכער געווען קלענער, איידער ביי קריסטן.
ג

די יידישע עמיגראַציע אין אַמעריקע איז געוואַקסן פון פאַרשידענע שיכטן. די צייט רעאַקציע אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך (1849—1860) האָט זיך ווידער פאַרשטאַרקט די יידישע עמיגראַציע פון די דאָזיקע לענדער קיין אַמעריקע (אַ סך האָט געצויגן דאָס אַנטפּלעקטע גאָלד־לאַנד קאַליפאָרניע). פון די 60־ער יאָרן אָן, זינט אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך האָט זיך די עמאַנסיפּאַציע פאַרפעסטיקט, האָט זיך די דאָרטיקע יידישע עמיגראַציע פאַרקלענערט, דערפאַר האָט זיך אויפגעהויבן אַ נייער עמיגראַנטישער שטראָם פון רוסלאַנד. די עמיגראַציע האָט זיך דאָ אָנגעהויבן אין רוסיש־פּוילן. דאָס יאָר 1845 האָט פון דאָרטן עמיגרירט אַ גרופּע ייִנגעלייט, וואָס האָבן נישט געוואָלט אַוועקגעבן 25 יאָר לעבן פאַר דער רוסישער מיליטער־דינסט; גראָד דעמאָלט האָט מען איינגעפירט מיליטער־פליכט פאַר פּוילישע יידן (§ 25). סוף 60 יאָרן האָט זיך מיט אַמאָל אַלאָז געטון קיין אַמעריקע אַ מאַסע ליטווישע יידן, וואָס זענען רואינירט געוואָרן איבער די הונגער־יאָרן אין געגנט. טויזנטער יידן האָבן עמיגרירט דערהויפּט דאָס ביטערע יאָר 1869; געהאָלפן האָט זיי דעמאָלט פאַריזער אַליאַנס. אָבער די דאָזיקע נייע פּויליש־רוסישע פאָרמאַציע איז געווען נישטיק אַקעגן דעם אַלטן גרויסן שיכט יידישע עמיגראַנטן פון דייטשלאַנד, וואָס האָבן זיך שוין דאָ איינגעבירגערט און האָבן פאַרנומען דעם אויבנאָן אין די קהלות. דייטשע יידן האָבן שוין באַוויזן צו „מאַכן אַ לעבן״ און פאַרנעמען פעסטע עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס. איצט האָבן זיי אָנגעהויבן ערנסט צו בויען קהלות. די דייטשיש־יידישע קאָנגרעגאַציעס זענען געווען די רייכסטע און איינגעפונדעוועסטע. די דאָזיקע קאָנגרעגאַציעס האָבן געהאַט פאַר פירער אָנגעזעענע ראַבינער־רעפאָרמיסטן, טיילווייז פון די ראַדיקאַלן, וואָס האָבן זיך קיין אָרט נישט געפונען אין אייראָפּע. דאָ זענען מיר דוד איינהאָרנען: נאָך זיינע נסיונות אין מעקלענבורג און אין אונגאַרן האָט זיך פאַר אים געעפנט אַ ברייט פעלד פאַר רעפאָרמאַטאָרישע אויפטוען אין באַלטימאָרע, פילאַדעלפיע און אין ניו־יאָרק (1855—1879). אין דער מיט אין דער רעפאָרמאַטאָרישער אַרבעט איז געשטאַנען ציַנציַנאַטער ראַבינער יצחק וו״יז, איינער פון די אויפטוער פון דער אַמעריקאַניש־יידישער פּרעסע („Deborah“, „Israelite“).
ז

אַזוינע זענען געשטאַנען איינס קעגן אַנדערן אין פאַרשידענע עקן צוויי יידישע צענטערן: דער פרומפאַרצייטיקער נעסט אין אַ מזרח־לאַנד, וואָס האָט זיך פאַרשפּאַרט און פאַרריגלט קעגן דעם שטראָם אייראָפּעאישע קולטור, און

דער שפּאָגל-נייער קאָלעקטיוו אין אַמעריקע, דער יונגסטער יידישער ישוב, וואָס האָט זיך גרינג געלאָזט פאַרפלייצן פון דער דאָזיקער קולטור.ביידע נעסטן האָבן זיך נאָך דעמאָלט גערעכנט צווישן די קליינע, מינדערוויכטיקסטע יידישע צענטערס. אָבער ביידע זענען זיי געשטאַנען אויף דער שוועל פון אַ נייער קריטישער תקופה. באַלד וועט זיך אויפהויבן אַ שטאַרקע כוואַליע, וואָס וועט אריבערוואַרפן צענדליקער טויזנטער אין איין צענטר, מיליאָנען — אין אַנדערן, און דאָס פאָלק וועט שטיין פאַר אַ פּראָבלעם צו מאַכן פון די דאָזיקע גלות-פּונקטן גרויסע מאַגנעט-צענטערס, יעדער פון זיי זאָל שפּילן זיין ראָליע אינם גורל פון דער נאַציע.

הוספות[1]

1. יידנפראַגע אויפן ווינער קאָנגרעס

(צום § 1)

דאָס יאָר 1920 זענען אין ווין ארויס צוויי ביכער: 1) ס. באַראָן — Die Judenfrage auf dem Wiener Kongress, auf Grund von zum Teil ungedruckten Quellen dargestellt, 211 זייטלעך; 2) ג. געלבער — Aktenstücke zur Judenfrage am Wiener Kongress, 1814—1815. 41 ז. ז. באַראָנס בוך—דאָס איז אַ סיסטעמאַטישע אויספאָרשונג אויפן גרונט פון גאַנצן ביזאהער'יקן מאַטעריאַל, און טיילווייז אויך פון ניי-אַנטדעקטן. געלבערס בראָשור האָט אין זיך 12 אַקטן, באַקומען אין ווינער מלוכה-אַרכיוו; אַלע זענען זיי אויסגענוצט אין באַראָנס מאָנאָגראַפיע, וואָס איז גלייכצייטיק אַרויס, און דאָס איז אַ מין דאָקומענטאַלער צולעג צו איר. די נייע מאַטעריאַלן געבן ווייניק צו צו דער רייכער אַקטן-זאַמלונג, וואָס קליובער האָט אַרויסגעגעבן (געלעבט די צייט פון ווינער קאָנגרעס, Aktenstücke der Wiener Congresses, 1815—1819). די אויספאָרשונג פון ס. באַראָן פּרעטענדירט נישט אויף קיין נייעס, זי גיט אָבער אַ גאַנץ בילד פון יענעם מאָמענט און קלערט אויף דאָס, וואָס איז ביז איצט פאַרבליבן אין שאָטן. אויפן גרונט פון ביידע קוואַלן, אין צוזאַמענבונד מיטן פריערדיקן, קאָנען מיר דאָ פאָרשטעלן אַ כראָנאָלאָגישע סכעמע פון די געשעענישן די יאָרן 1814—1815 — דאָס וועט זיין אַ דערגאַנצונג צו דעם, וואָס איז באַר בקיצור איבערגעגעבן אין § 1 פון דאָזיקן באַנד.

שוין זומער דאָס יאָר 1814 איז ביי פראַנקפורטער יידן, וואָס די אָרטיקע מאַכט האָט געוואָלט שטעלן אונטער אַ ספק זייערע „געקויפטע גלייכבארעכטונג“ פון 1811 יאָר, אויפגעקומען אַ געדאַנק צו שיקן קיין ווין באַפולמעכטיקטע פאָרטיידיקן אויפן קאָנגרעס זייערע רעכט. סעפּטעמבער חודש זענען קיין ווין אָפּגעפאָרן צוויי דעלעגאַטן פון דער יידישער קהלה אין פראַנקפורט: דער געבילדעטער נעגאָציאַנט יצחק גומפּרעכט און יעקב באַרוך (לודוויג בערנעס פאָטער), וואָס האָט צוליב פינאַנץ-געשעפטן געהאַט פאַרבינדונגען מיטן ווינער הויף און מיט מעטערניכן. פון דיפּלאָמאַטישע טעמים וועגן האָבן ביידע דעלעגאַטן לכתחילה באַהאַלטן דעם צוועק פון זייער קומען, און אָפיציעל האָט עס געהייסן, אַז זיי זענען געקומען „געשעפטלעך. אָבער ווינער געהיים-פּאָליציי האָט זיך דערוויסט דעם אמתן צוועק פון די דעלעגאַטנס קומען און האָט געשטעלט די פראַגע וועגן אַרויסשיקן זיי פון שטאָט. ביי געשטאַנען איז די דעלעגאַטן ביי דער אומאַנגענעמער מעשה—די פּראָטעקציע פון מעטערניכן און באַרוך'ס הויף-באַשיצער. אין אָקטאָבער האָבן זיי דערלאַנגט דעם קאָנגרעס אַ באַריכותדיקע ביטשריפט; דאָ האָבן זיי זיך געקלאָגט אויף דער מאַכט פון פריישטאָט פראַנקפורט, וואָס האָט געוואָלט אויפן סמך פון דער נייער שטאָט-קאָנסטיטוציע אָפּנעמען ביי יידן די בירגער-רעכט, וואָס זיי האָבן באַקומען בעתן פראַנצויזישן רעזשים. אין נאָוועמבער האָבן די יידישע קהלות פון דריי האַנזאַ-שטעט — האַמבורג, ליובעק און ברעמען — אויך צוגעשיקט זייערס אַ דעלעגאַט קיין ווין — דעם יידן-פריינט קאַרל-אויגוסט בוכהאָלץ, אַ קריסט. אין די האַנזאַ-שטעט איז יידישע גלייכבארעכטונג געווען איינגעשטעלט דירעקט דורך די פראַנצויזישע אָקופּאַציע-

---

[1]) איבערגעזעצט — ח. ש. קאַזדאַן

הערשער, און דעריבער האָט דאָ יידישער גלייכבאַרעכטונג געדראָט נאָך אַ גרעסערע סכנה ווי אין פראַנקפורט. בוכהאָלץ האָט דאָס געדאַרפט פאַרטיידיקן און צוליב דעם האָט ער דעם 9 דעצעמבער 1814 דערלאַנגט דעם קאָנגרעס אַ ביט, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט די פראַגע נישט אויף אַ יורידישן, נאָר אויף אַ פּאָליטישן יסוד: יידן פון גאַנץ דייטשלאַנד דאַרפן באַקומען בירגער-רעכט נישט צוליב די אָדער אַנדערע אָרטיקע אַקטן, נאָר פשוט ווי בירגער, וואָס פירן אויס אַלע פליכטן לגבי דער מלוכה. אין דעם אייגענעם גייסט האָט דער דאָזיקער „אַדוואָקאַט פון דייטשן יידנטום" אָנגעשריבן אַ בוך, וואָס איז אַרויס דאָס יאָר 1815 אונטערן נאָמען: „Aktenstücke die Verbesserung des bürgerlichen Zustandcs des Israeliten betreffend" (בוכהאָלצס בוך, וואָס איז דערמאָנט אין טעקסט, ז. 6, „וועגן צולאָזן יידן צו בירגער-רעכט" — איז געווען פאַרעפנטלעכט פריער, דאָס יאָר 1814, אין ליובעק, און שפּעטער איז אַרויס אַ צווייטע אויפלאַגע אין לייפּציג, דאָס יאָר 1816).

אָקטאָבער 1814 האָבן זיך אויפן קאָנגרעס אָנגעהויבן די זיצונגען פונעם „פינפער-קאָמיטעט" ד. ה. פון פינף גרעסערע דייטשע מלוכות (עסטרייך, פּרייסן, בייערן, האַנאָווער, ווירטעמבערג); זיי האָבן באַדאַרפט באַטראַכטן די נייע קאָנסטיטוציע פון דייטשישן בונד. די יידנפראַגע איז דאָ אויפגעשוואומען בעתן באַהאַנדלען דעם פּונקט וועגן בירגער-רעכט פאַר אַלע „קלאַסן-נאַציע" אָן אונטערשיד פון אָפּשטאַם אָדער גלויבן. דער בייערישער דעלעגאַט האָט געטענהט, אַז אַזאַ פאָרמולע גיט אויך יידן גלייכבאַרעכטונג, און דאָס איז, נאָך זיין מיינונג, נישט צו דערלאָזן. ווירטעמבערגער דעלעגאַט האָט געמאָלדן, אַז די פראַגע וועגן גלייכשטעלן בירגער איז בכלל אָן אינעוויניקסטער ענין פון יעדער מלוכה, און אין דעם פּרט קאָנען נישט באַזונדערע הערשער זיין געבונדן מיט דעם בונדס קאָנסטיטוציע. עסטרייכער פאָרשטייער, מיט מעטערניכן אויבנאָן, האָבן אין דעם מאָמענט אַרויסגעוויזן ליבעראַלע טענדענצן און זיך איינגעשטעלט פאַרן פּרינציפּ פון גלייכבאַרעכטונג אויפן פּאַפּיר. נאָר אויפריכטיק האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר גלייכבאַרעכטונג פּרייסנס פאָרשטייער—קאַנצלער האַרדענבערג און ווילהעלם הומבאָלדט. אָבער די אַלע וכוחים האָבן צו גאָרנישט געבראַכט. נאָר אַ חודש צייט האָט עקזיסטירט דער „פינפער קאָמיטעט" און איז זיך צעפאַלן, ווייל די אַנדערע דייטשישע מלוכות האָבן דערלאַנגט אַ פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס זיי צוט מען נישט צו צום אויסאַרבעטן דעם פּראָיעקט פון בונדס קאָנסטיטוציע.

די הויפּט-שלאַכט אויפן קאָנגרעס איבער דער יידן-פראַגע איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ האַלב יאָר, ביז פרילינג 1815, אָבער פאַר דער צווישן-צייט האָט די פּאַרטיזאַנישע מלחמה נישט אויפגעהערט. אין האַמבורג, ליובעק און ברעמען האָט זיך די מאַכט מיט ענערגיע גענומען אָפּנעמען ביי יידן רעכט, צו וועלכע זיי האָבן דערלאַנגט די יאָרן פון פראַנצויזישער אָקופּאַציע. יידישע באַפעלקערונג פון די „פרייע שטעט" האָט דורך איר באַפולמעכטיקטן אין ווין בוכהאָלצן פּראָטעסטירט, און דאָס האָט געצווינגען האַרדענבערגן זיך אָננעמען פאַר די באַליידיקטע. דעם 4 יאַנואַר 1815 האָט ער אַוועקגעשיקט אַ בריוו צו גראַטע — דעם פּרייסישן געזאַנדטן אין האַמבורג; ער בעט אים אָנווייזן די רעגירונגען פון די פרייע שטעט, אַז זייער פּאָליטיק קעגן יידן איז שעדלעך: זי רייסט אונטער דעם קרעדיט פון פאַרשידענע רעגירונגען, וואָס באַנוצן זיך מיט יידישע פינאַנסיסטן, און דאָס קאָן נישט נושא-חן זיין ביים קאָנגרעס; אונטער דער ווירקונג פון עמאַנסיפּאַציע האָבן יידן אין פאַרשידענע מלוכות שוין באַוויזן צו ווערן נוצלעכע גלידער פון דער געזעלשאַפט און פּאַטריאָטן, וואָס האָבן געבראַכט פיל קרבנות אין לעצטן באַפריי-קריג, אָבער די רעפּרעסיעס דעמאָראַליזי'רן יידן; אַזוי ווי יידן פון פאַרשידענע דייטשישע לענדער זענען צווישן זיך ענג צוזאַמענגעבונדן, קאָנען די רעפּרעסיעס אין די האַנזאַ-שטעט שעדלעך ווירקן אויף יידן אין פּרייסן. מעטערניך האָט פון זיין זייט צוגעשיקט דעם עסטרייכישן פאָרשטייער אין האַמבורג העפערן — אַ באַטע מיט אַ פּראָטעסט קעגן אונטערדריקן יידן (25-טן יאַנואַר). מעטערניך האָט געשריבן: „מיין חוב איז נאָך מער צו נעמען אָנטייל אין זייער גורל דערפאַר, וואָס אין דער עסטרייכישער מאָנאַרכיע, און אויך אין אייניקע אַנדערע דייטשישע מלוכות פאַרנעמען יידישע קהלות שוין לאַנג אַזאַ

לאגע, וואס איז אין הסכם מיט די פאדערונגען פון מענטשלעכקייט, צייט-באדערפעניש און פאטער־לעכער רעגיר־סיסטעם; אבער דאס, וואס אייניקע משפחות פון דער נאציע ווערן געפייניקט אין רוסלאנד, מוז האבן א שעדלעכע ווירקונג אויף יענע יידישע פאמיליעס, וואס זענען פארבונדן מיט זיי בעשעפטלעך און וואוינען אונטערן שוץ פון עסטרייכישער קרוין". לייענענדיק אזעלכע שורות, האט מען געקאנט מיינען, אז עסטרייכישע רעגירונג האט געטון כסדר טובות יידן, אבער דאס איז געווען א דיפלאמאטישע צביעות: יידן אין עסטרייך האבן ביז אהער געהאט דעם פאפירענעם "טא־לעראנץ־עדיקט" יוסף דעם II־טנס, און איצט — גארע בירגערלעכע אומרעכט. נישט מער די קאנ־גרעס־דעקאראציע, וואו מעטערניך איז געווען הויפט־פיגור, האט יענעם מאמענט (פ׳ין באשאפן דעם "הייליקן בונד") געפאדערט, ער זאל זיך איינוויקלען אין א ליבעראלן שלייער.

די סענאטן און מאגיסטראטן פון די האנזא־שטעט האבן, אפנים, פארשטאנען דעם דעקא־ראציאן זינען פון די ווינער פראטעסטן, און זיי האבן געענטפערט — איינע אין דעם זעלבן ליבע־ראלן טאן, וואס איז באמת צו קיין זאך נישט מחייב; אנדערע—אין טאן פון באליידיקטער גערעכ־טיקייט. דער קאנגרעס־דעלעגאט פון שטאט ברעמען, שמיד, האט צוגעשטעלט דעם קאנגרעס א מע־מאראנדום, וואו ער דערווייזט, אז יידן, וואס זענען אריינגעדרונגען אין ברעמען משך דער פראנ־צויזישער אקופאציע, מוזן פון דארט ארויסגעשיקט ווערן, א חוץ עטלעכע רייכע סוחרים, וואס קא־נען ברענגען נוצן דער שטאט: אנדערש וועט דאן ברעמענס "פרייקייט" געבראכן ווערן. די זעלבע צייט (מערץ 1815) איז צו די פארשטייער פון דריי האנזא־שטעט אויפן קאנגרעס נאך צוגעקומען דער פארשטייער פון פראנקפורט ביים מיין, דאנץ. פארבינדונגען און געלט איז געלאזט געווארן אין גאנג, כדי צו ווירקן אויפן קאנגרעס לטובת דעם דייטשן בירגערטום אין די פריי־שטעט, וואס האט זיך געשראקן פאר יידישער האנדלס־קאנקורענץ. יידישע דעלעגאטן האבן אין קאמף פאר זייער קיום אנגעווענדט די אייגענע מיטלען. זיי האבן געזוכט שוץ און השפעה אין די ווינער יידישע סאלא־נען—פון באראנעסע פאני ארנשטיין, "ריטער" בערנארד עסקעלעס און באנקיר פאן־הערץ. דא, דער עיקר ביי ארנשטיין, פלעגן זיך אפט צוזאמענקלייבן מיניסטארן און דיפלאמאטן, אלע יענע גלידער פון "טאנץ־קאנגרעס", וואס פלעגן זיך אין ווין מער ווײַלן איידער באשעפטיקן מיט ענינים.

ווינער באנקיר־הייזער ארנשטיין־עסקעלעס און הערץ זענען געווען פארבונדן מיט מעטער־ניכן אין פינאנץ־געשעפטן, און זיי האבן געקענט האבן א גרויסן איינפלוס אויפן עסטרייכישן קאנצ־לער ארויסצובעסערן די יידנלאגע אין עסטרייך, אבער זייערע שפן האבן ווייניק ארויסגענוצט דעם איינפלוס. נאר איין מאל, אפריל דאס יאר 1815, האבן זיי זיך געווענדעט צום קייזער פראנץ מיט א ביטע אין נאמען פון "יידישע קהלות אין ווין, בעהמען און מעהרן". מיט א נוסח פון גארע קרי־כערישקייט איז געווען אנגעשריבן די ביט־שריפט: היות, צוזאמען מיטן באשאפן דעם דייטשן בונד שטייט פאר צו באטראכטן אויפן קאנגרעס די יידנפראגע, דריקן זיי אויס זייער פרייד, וואס זיי "האבן דאס גליק" צו לעבן אונטער דער הערשאפט פון א מאנארך (פראנץ), וואס זיין לאנג־אויסגע־פרואווטע "קלוגשאפט" און "גרויסע ליבשאפט צו די אונטערטאנען" גיט זיי זיכערקייט, אז זייער השתדלות וועט געלונגען. זיי פאררופן זיך אויפן קעניגס צוזאג אינם עדיקט פון 1797 פאר די בעהמער יידן (זע ב. 1 § 37), אז מיט דער צייט וועלן אפגעשאפט ווערן אונטערשיידן אין געזעץ צווישן יידן און קריסטן. פון יענער צייט אן, — ווערט געזאגט אין ביטשריפט, — האבן יידן שוין באוויזן זייער פאטריאטישקייט, פעאיקייט צו מיליטער־דינסט און גרייטקייט צו שטארבן פארן פא־טערלאנד בעת די יארן פון באפריי־קריגן; זיי האבן פארבעסערט די דערציונג פון זייערע קינדער און שטרעבן צו באזייטיקן די לעצטע צאמען, וואס טיילן זיי אפ אין בירגערלעבן פון קריסטן. אויב דער היינטיקער קאנגרעס וועט נישט באוויזן, ווייל אים וועט אויספעלן צייט צו פארענטפערן די פראגע פון יידישער גלייכבארעכטיגונג בכלל, דאן ווארטן "די דייטשע יידן אין עסטרייך" פון זייער מאנארך "יענץ גרויס ווארט, וואס וועט זיי אויף אייביק מאכן גליקלעך". אין א צוגאב־ברייוו צו מעטערניכן, צווישן הניפה־קאמפלימענטן "דעם גרויסן מלוכה־מאן", בעטן אים די מחברים פון ביטשריפט, ער זאל זיי שטיצן אויפן קאנגרעס, אבער גלייכצייטיק דריקן זיי אויס די האפנונג, אז

דער גרויסמוטיקער אימפּעראַטאָר וועט אַליין, אָן דעם אַריינמישן זיך פון קאָנגרעס, קענען עמאַנסיפּירן יידן: „צי דען נויטיקט זיך די עסטרייכישע מאָנאַרכיע אויף איינאָרדנען דאָס גליק פון אירע אונטערטאַנען — אין א דערמאָנונג פון דרויסן?" די באַנקירן האָבן נישט געהאַט די דרייסטקייט צו זאָגן דעם קייזער און מעטערניכן דעם אמת: אז עסטרייך, וואָס האָט דאַן טעלעכע דייטשע מלוכות דערמאָנט וועגן גערעכטיקער באַציונג צו יידן, האָט אַליין נישט געהיט בנוגע יידן די פאָדערונגען פון עלעמענטאַרסטער גערעכטיקייט. די ביטשריפט פון יידישע פּני (חוץ די דריי ווינער באַנקירן אַרנשטיין, עסקעלעס און הערץ, האָבן איר אונטערגעשריבן די באַפולמעכטיקטע פון בעהמער און מעהרענער יידן סימאָן פאָן לעמעל און לאַזאַר אויספּיץ) איז, אפּנים, ג בליבן אָן ענטפער און מ'האָט זי אפילו איינגאַנצן געהאַלטן בסוד: די עסטרייכישע רעגירונג האָט ־אָך נישט געקאָנט אָראָפּרייסן פון זיך פאַר איראָפּע איר מאַסקע פון הומאַנישקייט. די ווינער באַנקירן האָבן זיך באַרואיקט; זיי האָבן ווייטער אויפגענומען דיפּלאָמאַטן און מיניסטאָרן אין זייערע סאַלאָנען, און גאָר ווייניק זיי באַאומרואיקט מיט השתדלות פאַר זייערע „אָרימע מיטגלויביקע". אַליין האָבן זיי זיך נאָך געהאַלטן פאַר יידישקייט, אָבער זייערע קינדער און אייניקלעך האָבן זיך שוין סירנב באַהאָפטן מיט דער דייטשער נאַציע דורך שמד. און די סאַלאָן־העלדין פאַני אַרנשטיין האָט שוין געמוזט אין איר צוואה בעטן די טאָכטער הענריעטע, זי זאָל אירע געשמדטע קינדער צוגעוואוינען „זיך באַציען מענטשלעך צו יידן".

פרילינג 1815 האָבן די דייטשע מיטגלידער פון ווינער קאָנגרעס זיך דערשראָקן פאַר נאַפּאָלעאָנס אַנטלויפן פון עלבע און זיין נייעם אַרויסשפּרינגען — און זיי האָבן זיך ווידער גענומען פאַר דער אַרבעט צו באַשאַפן דעם דייטשן בונד. ביים באַטראַכטן דעם בונדס קאָנסטיטוציע — איז דאָ ווידער אויפגעשוואומען די יידן־פראַגע. סוף אַפּריל און אָנהויב מאַי האָט מען דעם קאָנגרעס צוגעשטעלט צוויי פּראָיעקטן פון א באַזונדער פונקט וועגן יידן: א פּרייסישן און א עסטרייכישן. דער פּרייסישער פּראָיעקט האָט געשטאַמט פון האַרדענבערגן און הומבאָלדטן און האָט אַזוי געהייסן: „די דריי קריסטלעכע אמונה־גרופּעס האָבן גלייכע רעכט אין אַלע דייטשע מלוכות; די, וואָס געהערן צום יידישן גלויבן, וועלן באַקומען בירגער־רעכט, ווי ווייט זיי וועלן יוצא זיין אַלע בירגערלעכע פליכטן". דער דאָזיקער פאָרשלאָג איז געווען א קלאָרער; להיפוך, דער עסטרייכישער פּראָיעקט האָט שוין געמאַכט אָפּהענגיק די גלייכבאַרעכטונג נישט נאָר פון גלייכע פליכטן, נאָר אויך פון דער פריערדיקער געזעצגעבונג: „די, וואָס האַלטן זיך ביי דער יידישער אמונה, האָבן ווייטער יענע רעכט, וואָס זיי האָבן פאַרוואָרבן פון פריער אין די דייטשע ערטער; באַקומען בירגערלעכע רעכט וועלן זיי קענען אויף אַזוי פיל, ווי ווייט מען וועט זיי צווינגען טאָן אַלע בירגערלעכע פליכטן". די עסטרייכער האָבן דאָ אָפן געוואָלט איינהאַלטן פאַר זיך דאָס רעכט צו לאָזן יידן ווייטער אָן רעכט, ביז עס וועט אָנערקענט ווערן די בירגערלעכע „רעכטספעאיקייט פון יידן". (דער מחבר פון דערמאָנטן בוך, ה' באַראָן האָט נישט באַנומען די מאָטיוון פון דער עסטרייכישער פאָרמולע און ער איז נישט גערעכט, ווען ער שרייבט, אז די עסטרייכישע פאָרמולע איז געווען פאַר יידן די בינסטיקסטע, ז. 151). די דעלעגאַטן פון האַנאָווער זענען צוגעשטאַנען צו דער פּרייסישער רעדאַקציע, נאָר מיט אַזא באַוואָרעניש, אז אין פאַל אויב דער געגעבענער פונקט וועט סותר זיין דער קאָנסטיטוציע פון לאַנד, „דאַרפן די מניעות ווי מעגלעך באַזייטיקט ווערן".

ווי אַזוי די מערהייט קאָנגרעס־גלידער האָט זיך באַציען צום פונקט וועגן יידן, קאָן מען זען דערפון, וואָס עס דערציילט וועגן דער פּלענום־זיצונג פון די פאָרשטייער פון אַלע דייטשע מלוכות (23 מאַי) אייבער, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין איר. אז מעטערניך איז ביים לייענען דעם פּראָיעקט פון דער בונד־קאָנסטיטוציע צוגעקומען צום פונקט וועגן יידן, האָט גראַף רעכבערג (בייערנס פאָרשטייער) דער ערשטער אָנגעהויבן לאַכן, און דער געלעכטער איז געווען אַזוי אָגשטע קנדיק, אז ער איז אַוועק איבער אַלע רייען פון די, וואָס זענען געזעסן. אויף דער צווייטער זיצונג פון דייטשן פּלענום (26 מאַי) האָט שוין דער „יידישער פונקט" אַרויסגערופן א שטורמישן ווידערשטאַנד! קעגן אים זענען אַרויס די דעלעגאַטן פון בייערן, העסן־דאַרמשטאַדט און די פיר פרייע

שטעט; זיי האָבן באַוויזן, אַז דער דאָזיקער פּונקט באַגרעניצט די פרייהייט פון יעדער בונד־מלוכה אין איר אינעווייניקסטער פאַרוואַלטונג. נאָך לאַנגע וכּוחים האָבן די אָנהענגער פון פּראָיעקט געמוזט נאָכגעבן דער אָפּאָזיציע: מען וועט דאָך נישט ריזיקירן צוליב דער יידן־פראַגע מיטן גאַנצן ענין פון באַשאַפן דעם דייטשן בונד. דעמאָלסט האָט מען עס אויסגעאַרבעט די פאָרמולע, וואָס איז אויבן אָנגעוויזן אין טעקסט (ז. 5) און וואָס לאָזט איבער דאָס פאַרענטפערן די יידן־פראַגע פאַר דער קינפטיקער בונד־פאַרזאַמלונג, מיט אַ הוספה, אַז יידן בלייבן ביי די רעכט, וואָס זיי האָבן שוין איצט אין די בונד־מלוכות (1 יוני). אָבער די דאָזיקע הוספה האָט געשראָקן די דעלעגאַטן פון יענע רעגירונגען, וואָס האָבן געשטרעבט אָפּצוּוואַרפן די גלייכבארעכטיגונג, וואָס יידן האָבן באַקומען בעת דער פראַנצויזישער אָקופּאַציע. דאַן איז עס אָוועק די הינטער־קוליסן־שפּיל. וואָס האָט געבראַכט די טרויעריקע ענדערונג: אינעם פּונקט 16 פון די בונדעס־אַקטן איז דאָס וואָרט „אין" פאַרביטן געוואָרן מיט „פון" (די זיצונג פון 8 יוני 1815). אינעם פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג (דעם 8 יוני) שטייט, אַז דאָס וואָרט „אין" איז פאַרביטן געוואָרן מיט „פון" — אָן שום דעבאַטן. אַפּנים, די כּוהנים פון קאָנגרעס האָבן זיך פאַרשטאַנען אויפן וואונק: נישט כּדאי געווען צו פאַרהאַלטן די קאָנסטיטוציע פון דייטשישן בונד צוליב דעם יידישן פּונקט. צווישן אַלע באַטייליקטע איז געבליבן אַ שטיל־שווייגנדיקער הסכּם בנוגע דער אומבאַמערקלעכער הוספה, וואָס האָט גאַראַנטירט פרייהייט פון מעשׂים פאַר אַלע קעגנער פון יידישער עמאַנסיפּאַציע.

2. יידנפראַגע די ערשטע יאָרן רעאַקציע אין פּרייסן*)

(צום § 4)

אין דער פּרייסישער רעגירונג האָט זיך יידן־פיינטלעכע רעאַקציע אָנגעהויבן תּיכּף נאָכן שליסן דעם ווינער קאָנגרעס. דעם קאַנצלער האַרדענבערגס ליבעראַליזם האָט זיך נישט געקאָנט אַנטקעגנשטעלן די רעאַקציאָנערע ריכטונגען אויפן קאָנגרעס, און אויך ביי זיך אין לאַנד האָט ער זיי נישט געקאָנט בייקומען: דער קעניג פרידריך ווילהעלם III און כּמעט די גאַנצע ביוראָקראַטיע זענען דאָ געווען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון דייטש־קריסטלעכער רעאַקציע. נישט לאַנג זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַרכיוו־מאַטעריאַ"ן, 1) וואָס געבן אַ בולט בילד פון דער דאָזיקער בייער אַנגדונג אין דער געזעלשאַפטס שטימונגען.

אייניקע יידן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין באַפריי־קריג און אפילו באַקומען דעם אייזערנעם קרייץ פאַר העלדישקייט, האָבן זיך דאָס יאָר 1815 געווענדעט צו דער רעגירונג מיט דער בקשה מען זאָל זיי צולאָזן אויף מלוכה־שטעלעס. האָבן מיניסטאָרן באַטראַכט די פראַגע און באַשלאָסן אָפּזאָגן. פינאַנץ־מיניסטער ביולאָוו האָט נאָך מסכּים געווען, אַז יידן־פרייוויליקע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער מלחמה און זענען דעריבער „מאָראַליש נישט אַזוי שעדלעך ווי די איבעריקע פון זייער שטאַם, זאָל מען אַלס יוצא מן הכּלל און מיט אַ באַזונדער דערלויבעניש פון קיסר—יאָ צונעמען אויף מלוכה־שטעלעס; אָבער דער אַלטער געגנער פון עמאַנסיפּאַציע יוסטיץ־מיניסטער קירכאייזן (ער האָט זיך נאָך דאָס יאָר 1812 אַנטקעגנגעשטעלט דעם עדיקט עמאַנסיפּאַציע, זע די ביילאַגע צום פריעדיקן באַנד), האָט זיך קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגט געגען דעם. ער האָט געשריבן: „איך בין ביינעוועז בעת מ'האָט דעם קעניג פאָרגעשטעלט דעם עדיקט וועגן נאַטוראַליזאַציע (דאָס יאָר 1812), און איך האָב באַמערקט ווי זיך מאַיעסטעט איז גאָר נישט גוטה געווען צו דערלאָזן יידן אויף מלוכה־שטעלעס. עס איז געווען דערצו זייער וויכטיקע טעמים,

*) Freund, Die Emanzipation der Juden in Preussen, Berlin, 1912 Bd I, 231—240; Bd II, 465—498.

און די בלייבן אין קראפט אפילו בנוגע פערזאנען, וואס האבן באקומען דעם אייזערנעם קרייץ. מ'דארף אננעמען, אז דעם יידן פעלט מאראלישקייט, און דאס לאזט זיך נישט באזייטיקן אין אים מיט צייטווייליקן העלדנמוט". אין דעם זעלבן זינען האבן זיך ארויסגעזאגט די מיניסטארן פון אינעווייניקסטע ענינים און פאליציי (דעצעמבער 1815). דער פרווו פון יידן־פאטריאטן ארייגצודרינגען אין בית־המקדש פון פרייסישער ביוראקראטיע איז אינגאנצן דורכגעפאלן.

די שפעטערדיקע יארן איז די רעאקציע נאך ווייטער אוועק. מ'האט אויפגעהויבן די פראגע וועגן איבערקוקן דעם צו ליבעראלן עדיקט פון 1812. דער אינערן־מיניסטער שוקמאן האט זיך ארויסגעזאגט (דעם 4 מאי 1816), אז אויב מען זאל זיך האלטן ביי די קריסטלעכע פרינציפן פון הייליקן בונד, דארפן יידן אינגאנצן שטיין מחוץ דער בירגערלעכער געזעלשאפט. „דאס דאזיקע פאלק האט אזא כאראקטער: תמיד נישטיק־אומרואיק, שמוציק, אייגננוציק און ליגנעריש. אוממיגלעך, אז א פאלק מיט נאציאנאלער אליינאכטונג זאל אזעלכע מענטשן האלטן גלייך מיט זיך. אויב מען וועט אים צווינגען דערצו, וועט מען מוזן אדער דערנידריקן דאס דייטשע פאלק ביז דער מדרגה פון יידן, אדער די פאראכטונג וועט פארוואנדלט ווערן אין האס און פארפאלגונג, ווי מיר זעען דאס טאקע פונם נאכפרעג אויף דער קאריקאטורישער פיעסע „אונזער האנדל" (זע אין טעקסט § 2, ז. ז. 7—8). רעכענענדיק זיך מיט דעם אלעם, האט איינער פון די באאמטע אין פינאנץ־מיניסטעריום, וואלפראט, צוגעגרייט א פראיעקט פונאנדערטיילן יידן אויף דריי קלאסן: צום נידריקסטן קלאס זאל מען פאררעכענען „די גרויסע ארמעע" קליינהענדלער, אויך די פארשידענע תורה־לייט, וואס „באמיען זיך מיט אלע כוחות אייגצוהאלטן יידישקייט און שטערן דער מלוכה־מאכט אסימילירן יידן"; צום מיטעלן קלאס זאל מען פאררעכענען די גרויס־סוחרים, קאפיטאליסטן און ערדבאזיצער, וואס פירן פערזענלעך לאנדווירטשאפט; צום העכערן קלאס — מענטשן פון וויסנשאפט, קונסט און „בירגערלעכע פראפעסיעס". די לעצטע מעג מען שענקען אלע רעכט פונם עדיקט דאס יאר 1812, און דאס אויך נאך דריי יאר אויספרווון זיי; אויף דעם מיטעלן קלאס דארף מען ארויפלייגן חוץ אלגעמיינע שטייערן, נאך א באזונדער „שוצגעלט", אזוי ווי די צייט ביז דער רעפארמע; אויף יענע ווידער, וואס געהערן צום נידריקסטן קלאס, דארף מען ארויפלייגן א שטייער פון יעדן קאפ, זיי דארפן וואוינען אפגעזונדערט פון קריסטן און דאס — נישט אין אלע שטעט, זיי האבן נישט קיין רעכט צו פארווערבן אומבאוועגלעך פארמעגן און קאנען נישט אריין אין האנדלסקלאס, — בכלל דארפן זיי זיך געפונען אונטער פאליצייאישער אויפזיכט, באגלייך מיט פארברעכערישע געזעלשאפט־גלידער (נאוועמבער 1816). דער פאליציי־מיניסטער פירשט וויטגענשטיין האט אינגאנצן מסכים געווען מיט דעם פראיעקט (יולי 1817).

די אלע ביוראקראטישע פלענער האבן נישט געבראכט דערצו, אז דער „עדיקט עמאנסיפאציע" זאל אינגאנצן אפגערופן ווערן. אבער זייערע טענדענצן זענען געווארן דער יסוד פון א גאנצער רייע קעגנלעכע באפעלן און רעגירונגס־פארארדנונגען, מיט וועלכע דאס אנווענדן פון פרייסישן המכב־עמאנסיפאציע־עדיקט איז שטארק באגרענעצט געווארן.

9. דיזראעליס רעדע אין ענגלישן פארלאמענט (1854)

(צום § 49).

דאס יאר 1854 האט דער אומדערמידלעכער לארד ראסעל ווידער ארייגעטראגן אין פארלאמענט א ביל וועגן גלייכבארעכטונג. אין דער אונטערשטער קאמער האט דער פארטיידיקער פון ביל דזשאן בראיט אין זיין רעדע (15 אפריל) דערמאנט, אז שוין 14 מאל האט די אונטערשטע קאמער אנגענומען דעם דאזיקן ביל, אבער צוליב דער עקשנות פון דער לארדן־קאמער איז עס נישט געווארן קיין געזעץ. אבער די לארדן־קאמער האט זיך געגעבן נישט [illegible] און אויך

דאָס מאָל אָפּגעװאָרפן דעם ביל. דיזעלבע געשיכטע האָט זיך איבערגעחזרט אויך דאָס יאָר 1854, בעת דער קרימער מלחמה, װען מ'האָט געשטעלט דעם ביל װי א פראַגע װעגן רעפאָרמירן די פּאַרלאַמענט־שבועה. אין די דעבאַטן האָט דעמאָלסט בענומען א װאָרט אויך בנימין דיזראַעלי. אין דער זיצונג פון דער אונטערשטער קאַמער דעם 25 מאַי האָט ער געהאַט אַן אויסגעצייכנטע רעדע. דיזראַעלי האָט אַנטװיקלט דעם אייגענעם געדאַנק, װאָס ער האָט אין דער פראַגע אַרויסגעזאָגט אין 1847 יאָר (אויבן, § 29), און צוגעגעבן צו דעם אַזאַ כאַראַקטעריסטישן לויבגעזאַנג פאַרן יידנטום: „איך פאַרטיידיק די גלייכשטעלונג פון יידן דערפאַר, װייל איך גלויב, אַז די יידישע ראַסע איז איינע פון יענע, װאָס דער כּלל מענטשן איז איר אַ סך שולדיק. און װען איך הער, אַז דאָס צולאָזן יידן אין פּאַרלאַמענט דראָט דעם קריסטלעכן כאַראַקטער פון דער קאַמער און דער גאַנצער געזעלשאַפט, דאַן װיל איך זאָגן: טאַקע דערפאַר װאָס די דאָזיקע פאַרזאַמלונג און אונזער געזעלשאַפט גלויבן אין קריסטנטום—איז אוממעגלעך נישט צו באַפרידיקן די פאָדערונג פון בירגערלעכער און פּאָליטישער גלייכבאַרעכטיגונג. װען איך דערמאָן מיך, אַז מיר האָבן פאַר דעם פאָלק אַ חוב זיך נישט אויסצוצאָלן, װאָס פאַר אַ ברכה ער האָט געבראַכט דעם גאַנצן כּלל מענטשן; װען איך באַטראַכט זיך, אַז אונזער לעבן װערט געהייליקט דורך דער געשיכטע פון יידן, דורך זייער פּאָעזיע און געזעצן,—דענסטמאָל טאַקע װי אַ קריסט—קאָן איך זיך נישט אַנטקעגנשטעלן די פאָדערונגען פון יענע, װאָס קריסטנטום איז זיי אַזאַ גרויסער בעל־חוב"... „מיר מוזן געדענקען,—האָט דיזראַעלי פאַרענדיקט זיינע רייד,—אַז דאָס יידישע פאָלק איז נישט קיין יונג פאָלק, װאָס איז ערשט אַרויס אויף דער װעלט־אַרענע, װאָס אויב מיר װעלן אים נישט געבן די מעגלעכקייט—װעט עס אונטערגיין. דאָס איז אַ דורות־אַלט, באַרימט פאָלק, װאָס האָט פיל געליטן און װעט זיך סוף כּל סוף דערשלאָגן זיינס. איך האָף, אַז דער ענגלישער פּאַרלאַמענט װעט עקזיסטירן אייביק, אָבער איך קאָן נישט ניט דערמאַנען, אַז יידן האָבן איבערגעלעבט די קיסרים פון אשור, די פּרעהס פון מצרים, די רוימישע צעזאַרס און אַראַבישע קאַליפן" [1].

---

[1] Позне р — Парламентскія рѣчи по еврейскому вопросу. Спб. 1914, 243—264.

ביבליאָגראַפיע

קוועלן און ליטעראַטור

די תקופה ערשטע רעאַקציע

קאַפּיטל I.

§ 1.—Klüber, Aktenstücke des Wiener Congresses, I—VII, 1815—19; Buchholz, Aktenstücke, die Verbesserung des bürgerlichen Zustandes der Israeliten betreffend, 1815; Rönne u. Simon, Verhältnisse der Juden in Preussen etc., 19-20, 41; Sulamith, IV/1, 366—76; IV/2, 44—48 (1815—16); Jost, Neuere Geschichte der Israeliten (1846), Bd. I, 26...; Graetz, Gesch. der Juden, XI, Note 7; Baron, Die Judenfrage auf dem Wiener Kongress, Wien 1920; Gelber, Aktenstücke zur Judenfrage am Wiener Kongress, Wien 1920.

§ 2.—Sulamith, IV/2, 48; VI/1, 33; Jolowicz, Gesch. d. Juden in Königsberg, 127—28; Fr. Rühs, über die Ansprüche der Juden an d. deutsche Bürgerschaft

לכתחילה געדרוקט אין פעברואַר־ביכל פון דער „צייטשריפט פיר נייעסטע געשיכטע״ 1815; אַ באַזונדער אויסגאַבע מיט הוספות, בערלין 1816. —

I. Fries, Über die Gefährdung des Wohlstandes und Charakters der Deutschen durch die Juden, Heidelberg, 1816. די איבריקע פּאָלעמישע ליטעראַטור פון די יאָרן 1815—17 איז אָנגעוויזן ביי יאָסטן, I, ז. ז. 47—67. וועגן דער פּאָגראָם־באַוועגונג פון 1819 איז דאָ ביי יאָסטן, 104—106, אָבער די ידיעות זענען אָרעמע און בכיון אָפּגעשוואַכט; אַביסל גענויער ביי גרעצן, XI, 356 און ווו. (אויסגאַבע פון 1870); עס גיט גאָרנישט די בראָשור פון פרידלענדער אונטערן שרייענדיקן קעפּל:

„Beitrag zur Geschichte der Verfolgung der Juden im 19. Jahrhundert durch Schriftsteller", Berlin, 1820.

צוגאָב־ידיעות וועגן 1819 יאָר איז צעשפרייט אין די מאָנאָגראַפיעס איבער דער געשיכטע פון באַזונדערע קהילות אין דייטשלאַנד.

§ 3,—Aktenmässige Darstellung des Bürgertums d. Israeliten zu Frankfurt a. M., 1816; B ö r n e, Gesamm. Schriften II, 381...; B e n d e r, Der frühere und jetztige Zustand d. Israeliten zu Frankfurt a. M., ,1833;

אלע אקטן פונם קאַמף די יאָרן 24—1814 און די קוועלן פון יענער צייט זענען אָנגעוויזן ביי י אָ ס ט ן I, 98—68; דאָרט איז אויך איבערגעגעבן דער פאַקטישער טייל.

וועגן האַמבורג: ibid. 41—33; G. R i e s s e r, Gesamm. Schriften. Bd. I, 151—158 (Leipzig 1867)

וועגן ליובעק און ברעמען: J o s t, I, 32—33; C a r l e b a c h — Geschichte d. Juden in Lübeck, 1898.

§ 4.—R ö n n e und S i m o n, Verhältnisse d. Juden in Preussen (כראָנאָלאָגישער רעגיסטר) R i e s s e r, Betrachtungen über d. Verhältnisse der jüd. Untertanen d. Preussischen Monarchie (1833), Gesamm. Schrift. III, 32, 38, 40, 138—142; J o l o w i c z, Gesch d. Jud. in Königsberg, 128...; J o s t, I, 271; I. F r e u n d, Emanzipation der Juden in Preussen, Bd. I, 231—46; Bd. II, 463—97 (Berlin, 1912); L. A u e r b a c h, Das Judentum u. seine Bekenner in Preussen (Berlin, 1890), 201, 248, 251; S a m t e r, Judentaufen im 19. Jahrhundert, 18 fg. Berlin 1906.

§ 5. — R i e s s e r, Über die Stellung der Bekenner des Mosaischen Glaubens in Deutschland (1830—31); i d e m, Verteidigung der bürgerlichen Gleichstellung d. Juden gegen die Einwürfe des Herrn Dr. Paulus (1831)—ביידע אין די Gesamm. Schriften II, 1—194; i d e m, Betrachtungen et . (זע § 4); i d e m, Besorgnisse und Hoffnungen für die künftige Stellung d. Juden in Preussen (1842) – Gesamm. Schrift. II, 417—505.

וועגן דער פּאָליטישער ליטעראַטור Jost I, 289-301; III, 53-63, W. Freund, zur Judenfrage in Deutschland, 1843—1844 (קאַמפּסזשורנאַל פון די עמאַנסיפּאַטארס אין ברעסלוי), P h i l i p p s o n, Allgem. Zeitung des Judentums 1837—1843; Jolowicz, l. c. 137—158 (וועגן יאַקאָבי א. אַ. וו.; כאַראַקטעריסטיש איז דעם קעניגסבערגער פּאָליציי־פּרעזידענט'ס מעמאָ־ ראַנדום צו דער רעגירונג וועגן דער נויטיקייט פון גלייכבאַרעכטיגונג צווישן פאַרדייטשן און אָפּשמדן יידן (1842); ש. ב ר נ פ ל ד — גבריאל ריסר (ביאָ־ גראַפיע אויף העברעאיש, וואַרשע 1900).

§ 6. — Debatten d. Rheinischen Landtages über d. Emanzipation d. Juden (Berlin 1843);
Jolowicz l. c. 158 (פּעטיציע פון יידן צום פרייסישן לאַנדטאַג); Vollständige Verhandlungen des ersten Vereinigten Preussischen Landtages über die Emanzipationsfrage der Juden, Berlin 1847; W. F r e u n d, Zur Judenfrage, 1843—44; Allgem. Zeitung d. Judentums, 1843—47; R i e s s e r, Bemerkungen über d. zweite Schrift d. Hr. Streckfuss über d. Verhältnisse der Juden zu den christlichen Staaten (1844; Ges, Schrift. III, 507—563); J o s t, I, 301—310; L. G e i g e r, Gesch. d. Jud. in Berlin, I, 194—196; A u e r b a c h, l. c. (§ 4), 206, 252, 301...; J. F r e u n d, Emanzip. I, 250; II, 501 fg.

§ 7.—E c k s t e i n, Der Kampf d. Juden um ihre Emanzipation in Bayern (1905), 31—89 (וועגן געבראַכט אַלע פּעטיציעס); J o s t. I, 110—146 (פּרטים פון דער פּאָלעמישער ליטעראַטור); R i e s s e r, Kritische Beleuchtung der in den Jahren 1831—1832 vorgekommenen Verhandlungen über d. Emanzip. d. Juden (Ges. Schrift. II; 373—407).

§ 8. — R i e s s e r, Krit. Beleuchtung etc., Ges. Schrift. II, 201—372, 455—672.
(מכח די דעבאַטן אין לאַנדטאַג 1831—33 און דער טעקסט פון ריסערס מעמאָ־ראַנדום צום באַדענער לאַנדטאַג, דאס יאָר 1833); Jost I, 183—215 (די ליטעראַטור פון יענער צייט).

§ 9.—R i e s s e r, ibid. II, 408—454 (וועגן דער באַוועגונג אין קור־העסען און האַנאָווער אין די יאָרן 1831—33); Jost I, 147—177, 215—263 (וועגן אַלע מלוכות, וואָס זענען אָנגערופן אין דעם § ביזן יאָר 1845). A. L e v y, Geschichte d. Juden in Sachsen (Berlin 1900), 76—99; ש. פּ. ראַבינאָוויטש, זכריה פרענקל (העבר., וואַרשע 1897), קאַפּ. II—III. D o n a t h, Gesch. d. Jud. in Mecklenburg, 178—220; S a l f e l d, Bilder aus d. Vergangenheit d. jüd. Gemeinde Mainz (1903), 78—81 (צו דער געשיכטע פון העסענער הערצאָגטום);
L. G e i g e r, Goethe und die Juden (Zeitschrift f. Gesch. d. Jud. in Deutschland, I, 1887, § 333).

קאַפּיטל II.

§§ 10—12 (רעפאָרמאַציע). — I. H. R i t t e r, Geschichte der jüdischen Reformation, Bd. II—III, Berlin, 1865; idem, Die jü-

Jüdische Reformgemeinde zu Berlin, 1902
(בײדע ביכער אין פאַרטײאיש=רעפאַרמיסטישן גײסט);
S. Stern, Geschichte des Judentums von Mendelsohn bis auf der neuere Zeit (Breslau 1870), 230—299; L. Geiger, Geschichte d. Jud. in Berlin I, 266..., II, 210...; idem, Abraham Geigers Leben in Briefen, Berlin 1878; Jost, Neuere Geschichte, Bd. III, (Kulturgeschichte), Berlin 1847, קאַפּיטלען 3, 12—13, 17, 19—27; idem, Geschichte des Judentums und seiner Sekten, Bd. III (Leipzig 1859), 331—38, 349—54, 367—86; Protokolle und Aktenstücke der zweiten Rabbinerversammlung in Frankfurt a. M., 1845;
תורת הקנאות, אַמסטערדאַם 1845;
Auerbach, Das Judentum u. seine Bekenner in Preussen, 456—75;
ש. ברנפלד, תולדות הריפורמזיון בישראל, ברלין, 1900 217—71 idem;
מיכאל זאַקס (העברעאיש, 1900); ש. פ. ראַבינאוויץ, זכריה פראנקל (העבר, ווארשע 1898);
D. Philipson, The reform movement in judaism (Jew. Quart. Rev. 1903—1906; (1907 באַזונדערע אויסגאַבע); idem S. Holdheim (Year book of the Conference of American rabbis New-York 1906); idem, Reform movement (Jew. Encyclopedia X, 347—59).
§ 13.—Strodtman, Heines Leben u. Werke I,
(דאס קאַפּיטל „יונג פּאַלעסטינע“ — וועגן פאַרבאַנד פאַר יידישער קולטור — עס איז איבערגעזעצט אין לאַנדויס „יעווריעסק. ביבליאָטעקא“, ב. I); הוספות צו דעם ביי יאָסטן, „נייערע געשיכטע“ III, 29—34.
וועגן צונצן און זיין עפּאָכע ש. פ. ראַבינאָוויטש, ליפּמאַן צונץ וזמנו (וואַרשע 1897).
וועגן יאָסטן:
Zirndorf, Isaak Marcus Jost u. seine Freunde, Cincinati, 1887;
וועגן גײגערן — די אויבנדערמאנטע ביאָגראַפיע (§ 12) און אַ נײַע: „Abr. Geiger, Leben u. Lebenswerke“, von L. Geiger, Elbogen, etc. Berlin 1910.
וועגן ז. פראַנקעל — די אויבנדערמאָנטע ביאָגראַפיע פון (§ 9) ש. פ. ראַבינאָוויטש;
וועגן שטיינהיים—גרעץ, געש. ד. יוד. XI, 475...;
וועגן ל. פיליפּסאָנען: Kayserling, Ludw. Philippson (1898)

..134, 5, 28, III, I. c. וועגן די פעריאדישע אויסגאבעס — יאָסט

§ 14—L, Börnes Gesammelte Schriften

(דער אַרטיקל „אייביקער ייד" איז איבערגעזעצט אין „וואָסכאָד" 1882, ב. 12);
Gutkow, Börnes Leben, 1845; Alberti, L. Börne, 1886
(פאַרגל. „וואָסכאָד" 1886, ב. VI); אל. שולמאַן—ממקור ישראל (וועגן בערנע און היינע), קיעוו, 1893;

H (Heines Werke (באזונדער די) „Briefe", „Geständnisse" און אַנדערע ווערק, וואָס זענען אנגערופען אין טעקסט);

Strodtman, Heines Leben u. Werke (2 Aufl. 1874); Karpeles, Heine u. seine Zeitgenossen 1888); Lichtenberger, Heinrich Heine als Denker (1905); Kalischer, Heines Verhältnis zur Religion (1890); Aus d. literarischen Nachlass von Karl Marx (Stuttgart 1902) I, 405
(רוסישע איבערזעצונג פון מאַרקס „צו דער יידנפראַגע" אונטער דער רעדאַקציע פון לונאַטשאַרסקי, פעטערבורג 1906).

Jost Neuere Gesch. I, 302—04 :וועגן די אַרטיקלען פון ברונא באוער

Берлин, Еврейскій вопрос в нѣмецкой предреволюціонной литературѣ („Еврейскій Міръ" 1909, кн. 3—4.

דארטן אויך וועגן מאַרקסן).

וועגן „מאַרקס אַנטיסעמיטיזם" זע

Масарик, Философскія и соціологическія основы марксизма (Москва 1909).

וועגן שטאַלן:

Auerbach, Das Judentum und seine Bekenner (1890), ז. 209—13;

Блунчли, Исторія государств. права Спб.

(רוס. אויסג. 1874, ז. 564...).

קאַפּיטל III.

§ 15.—(Wertheimer), Die Juden in Österreich vom Standpunkte der Geschichte, des Rechts etc. (Leipzig 1842) I, 269—405; Wolf, Geschichte d. Juden in Wien (1876), 121—22, 130—151; Jost, Neuere Geschichte I, 324...;

Зайчик, Очерк исторіи эмансипаціи евреев в Австро-Венгріи. („Восход" 1892, кн. IX).

A. Pribram, Urkunden u. Akten zur Geschichte in

Wien Bd. II, 258—530 (עז Einleitung Bd. I, 130...), Wien, 1918.

§ 16.—Wertheimer

דאָס דערמאַנטע ווערק ז. 290—310 (וועגן כפּעציעלע באַשטייערונגען); Stöger, Darstellung der gesetzlichen Verfassung der Galizischen Judenschaft Bd. I—II, Lemberg 1833; Stein, Geschichte der Juden in Böhmen (1904), 147, 152.

א. ה. ווייס, זכרונותי (מעמואַרן אויף העברעאיש, וואַרשע 1896.

אגב — וועגן לעבנס־שטייגער פון די קהילות אין מעהרן ז. ז. 13, 14, 35)

Jost, Neuere Geschichte I, 314—21.

וועגן דער קראָקעווער רעפּובליק).

§ 17. — Leop. Löw, Zur neuren Geschichte der Juden in Ungarn (Pest 1874), 82—185, 190; Bergel, Geschichte der Ungar. Juden (1879), 89—98;

דאָס דערמאָנטע אַרטיקל ב. 10 3—15. Зайчик,

Jost, I, 342—63; S. Mayer, Ein jüdischer Kaufmann. Lebenserinerungen (Leipzig 1911), 84 —85 — וועגן דאָס עפּענען פּרעסבורגער געטאָ (1842) —

§ 18 — G. Wolf, Geschichte d. israelitischen Kultusgemeinde in Wien, 1820—1860 (W. 1860); idem. Judentaufen in Österreich (1863); idem, Isaak—Noah Mannheimer (1865); Jost I, 363—375; III, 64—77, 90, 92; Bergel, l. c. 136—143; Зайчик ;9 ווייס l. c. 30—31 א. א. דאָס דערמ. ווערק,

ש. סופר, חוט המשולש (די ביאָגראַפיע פון משה סופר און זיין זון; מונקאַטש 1894).

לעאָפּ. לעוו, דאָס דערמ. ווערק, ז. ז. 140—170, (עס איז אויך פאַראַן אונטערן קעפּל Der jüdisch. Kongress).

Rapoport, Leopold Löw 1811—75 (Year book of the conference of American rabbis, New-York 1911, p. p. 213—229).

§ 19 — ש. בּרנפלד, תולדות שי״ר (ביאָגראַפיע פון ש. י. ראַפּאָפּאָרט, בערלין 1893; idem, דור חכם (וואַרשע 1886), קאַפּ. 1—3, ווייס, l. c. 85, 187 (מעמואַר־כאַראַקטעריסטיקעס פון ראַפּאָפּאָרטן, נ. קראָכמאַל, לוצאַטאָ און רעדזשיאָ); קראָכמאַל, מורה נבוכי הזמן, מיט צונצס הקדמה (בערלין 1851); הורוויץ, ציון לנפש רנ״ק (וועגן קראָכמאלס סיסטעם, וואַרשע 1887); ערטער, הצופה לבית ישראל (ווין 1858, מיט אַ ביאָגר. אַריינפיר פון לעטעריס); וועגן י. פּערל — יאָסט, l. c. III, 77; קלויזנער, ש. ד. לוצאַטו (זשורנאַל „השלוח", ב. VII 1900); א. כהנא

ש. ד. לוצטו (דאָרט) בענד. III, IV, 1898) אגרות שד"ל (פו
לוצאַטאָס Epistolario איבער פראַגן פון זיין צייט, העבר. איבערזעצונ
אין זאַמלבוך „פרדס" III, 101, אָדעס 1896). — לוצאטיס פאָרשונגען או
ביאָגראַפישע סקיצן וועגן ראַפּאָפּאָרטן — אין דער קאָלעקציע „תבונה", אויס
גאַבע פון וואַרשעווער צייטונג „הצפירה", 1913.

קאַפּיטל IV*)

§ 20 — **Леванда,** Сборник законов о евреях, за 1815—25 г
Пэн. Депутація еврейскаго народа, „Восход" 1905, кн. 1—3.
Гессен, Депутаты евр. народа, „Евр. Старина" 1909 г., т. II.
פין, קריה נאמנה (ווילנע 1860);

Memoires sur l'etat des israelites, dédiés et presentés á leurs majestés imperjales et royales réunies an congrés d'Aix—la—Chapelle (Paris 1819);

Лернер, Евреи в Новоросс. краѣ (Одесса 1901), 234.
Голицын, Исторія законодательства о евреях, 603, 686; **Козьмин,** Прошлое и настоящее сибирских субботников, „Евр. Старина" 1913 г. кн. I.
Дубнов, Историческія сообщенія, „Восход" 1901, кн. IV, стр. 37 Справка по еврейск. вопросу, изд. Канцеларіи Об'единенных дворянских обществ (Спб. 1910), т. I, стр. 13, 18; **Пестель,** Русская Правда (изд. Щеголева, Спб. 1906), 50—52 Семевскій, Политическія и общественныя идеи Декабристов (Спб. 1910). 517—23
§ 21 — „Еврейская Старина" 1911.
(ניקאָלאַי דעם I-טנס מיינונג וועגן יידן) 589 ז.
יעוור. סטאַר. 1909 יאָר. ב. II, ז. 256 (ציפערינוס דערציילונג, ווי אַזוי
מ'האָט איינגעפירט רעקרוטן-פליכט); —
Леванда, Сборник законов №№ 153—154, 159.
,זע אין רעגיסטער: „רעקרוטן") און פיל אַנדערע
וואָלינער לעגענדעס („יעוור. סטאַרינאַ" 1911, ז. 389); גינצבורג—
מאַרעק, יידישע פאָלקסלידער (פעטערבורג 1901), ז 42. א. א. וו.; זכרונות
פון געוועזענע קאַנטאָניסטן — אין „יעוור. סטאַרינאַ" 1909 (ב. II, ז. 115
א. א. וו.), 1911 (ז. 249 א. וו.) 1912 (ז. 54 א. וו.);

---

*) די ביבליאָגראַפיע ad loca צו דעם קאַפּיטל זע איז זייז פעטערבורגער רעדאַקציע
יידן אין רוסלאַנד אין דער תקופה רעאַקציע", 1912—1913.

Герцен, Былое и Думы (אויסל. אויסג.), I, 308; **S a m t e r,** Judentaufen, 46 (פאַרגלייך „יעוור. סטאַר" 1909, II, 266)

Коробков, Еврейская рекрутчина в ц-ніе Николая I („Евр. Стар" 1913 г., кн. 1—2).

Никитин, „Многострадательные" (Спб. 1871) „Вѣк пережить — не поле перейти" (Евр. Библіот т. IV, Спб. 1873).

ווענן דער „בהלה": ביי באַגראָוון אין „זאַפּיסקי יעווריעיאַ". (ז. 114, פעטערב. אויסגאַבע פון 1874), אין „התועה" סמאָלענסקינס (ב. II 169) און אין „מיינע זכרונות" קאָטיקס (וואַרשע 1913, ז. 99 א. וו.).

§ 22. — **Леванда,** Сборн закон. о евр., за годы 1827—1840; Справка по еврейскому вопросу, вып. I, стр. 1—43.

(אַרכיוו-ידיעות ווענן די צוגרייט-אַרבעטן צום געזעץ-פּראָיעקט פון 1835).

Гессен, Записки виленскаго кагала и Л. Фейгина — Евр. Стар; 1911 г стр 96. 394, Евр. Стар 1909 г., т. II, стр. 112.

(ווענן רדיפות אויף יידישע ביכער 1911, 417—18).

§ 23 און 23a.

Дубнов, Историческія сообщенія, Восход 1901 г. кн. 4—5.

(ווענן דער טעטיקייט פונם קאָמיטעט דאָס יאָר 1840).

Георгіевскій, Доклад по вопросу об образованіи евреев (Спб 1886) (נישט פאַרעפנטלעכט).

Моргулис, Вопросы еврейской жизни (Спб. 1889), 33.

מאַנדעלשטאַם, חזון למועד (ווין 1877), ב. II.

Allgem. Zeitung d. Judentums, 1842—48

(אַרטיקלען ווענן ליליענטאַלס שליחות).

Scheinhaus, Ein Deutscher Pionier, Berlin 1911

(אַסך ציטאַטן פון דייטשע קוועלן ווענן ליליענטאַלס שליחות).

Цинберг, Левинзон и его время (Евр. Стар. 1910 г., 520 א. וו., פאַרגל. Евр Стар. 1912 г. ז. 91).

Леванда, Сборн зак. №№ 462, 475, 509—510, 575.

Die Juden in Russland (Hamburg 1844); **J o s t,** Neuere Geschichte d. Israeliten II, 311.

Лернер, Евреи в Новороссіи (Одесса 1901) 46...

Loewe, Diaries of sir M. Montefiore, London 1890; (העבר. איבערזעצונג: „ספרי הזכרונות", אויסג. „תושיה", וואַרשע 1899).

Гинзбург, Предтеча барона Гирша, (ווענן אַלטאַראַס) Восход, 1897.

„לקט עמרים" (אויסג. פון דער צייטונג „המליץ", פעטערב. 1889) ז. 81.

ווענן דער ערדאַרבעטער-קאָלאָניזאַציע:

Леванда, №№ 134, 304, 336, 338, 345, 354, 412, 432, 510.

Никитин, Евреи-земледѣльцы (Спб. 1887). 103...

§ 24. Справка к докладу по еврейскому вопросу. ч. V: ритуальные процессы, изд. Об'един. дворянских обществ (Спб. 1912); Сенатская записка по Велижскому дѣлу (ניט פארעפנטלעכט).

Гессен, Велижская драма (Спб 1905)

Рывкин, Велижское дѣло в освѣщеніе мѣстных преданій („Пережитое", т. III, Спб. 1911).

דובנאָוו: אַרטיקלען וועגן וועליזשער בלבול אין „לוח אחיאסף" 1895—96;

Дубнов, Из моего архива (Новоушицкое дѣло) сбор „Пережитое", т. I (1908). דער זעלבער Из хроники Мстиславской общины (Восход. 1899 г. кн. 9).

Гессен, Мстиславское буйство („Пережитое". т. II); **Ан—скій,** Из легенд о мстиславском дѣлѣ (זאַרטן).

§ 25.—S. Askenazy, Ze spraw żydowskich w dobie Kongresowej. Kwartalnik pośw badaniu przeszłości żydów w Polsce. Rocznik I. № 3, Warsz. 1913

Вишницер, Проекты реформ в Царствѣ Польском (сбор. „Пережитое" т. I, Спб 1908).

D. Friedlaender, Verbesserung der Israeliten im Königreich Polen, Berlin, 1819.

Справка по евр вопросу (отзыв Заіончека).

Дневник законов Ц-ва Польскаго (די אונטערזוכונג יאָרן)

Голицын, Ист. рус законодательства о евр. стр. 1001—...

Luninski, Berek Joselewicz (Warsz 1909).

Ритуальные процессы 1816 года (Евр. Стар 1912. 144—163).

Nussbaum, Historja Żydów, V. 390—99;

Из исторіи Варшав. раввин. училища (Сбор „Пережитое" т I)

Kandel, Komitet Starozakonnych (Kwartalnik etc., 1912, № 2 p. p. 75—103); Jost, I. c. II. 302 (וועגן קאַרינער)

Мстиславская, Евреи в польском возстаніи 1831 г., (Евр. Стар 1910 г.).

Мякотин, Товянщизна (Восход 1888 г. кн. 11—12).

Die Juden in Russland (Hamburg 1844), 35, 38—40 (וועגן דער רעקרוטן-פליכט אין פוילן)

§ 26. — וועגן פאַמיליען-שטייגער זע די אויטאָביאָגראַפיע פונם וויאַלינער גאָטלאָבער („זכרונות". אין זשורנאַל „הבוקר אור" 1880 81) און פונם ליטוואַק מ. א. גינצבורג („אביעזר" 1883), אויך די ביאָגראַפיע פון ר' מנשה איליער (פלונגיאַן. „בן פורת" ווילנע 1858);

P. Wengeroff, Memoiren einer Grossmutter, I Bd. Berlin 1908.

וועגן דעם אונטערגאַנג פון קהל — י. ב. לעווינזאָן, הפקר וועלט,

אָנגעשריבן פֿערך אין 1835 יאָר (זע „די יידישע פאָלקסביבליאָטעק", אַרויסגע-
געבן פון שלום-עליכם'ן, ב. I, 1888). — וועגן מנשה איליער: דאָס דערמאָנטע
בוך פון פלונגיאַן; גאָלובאָוו, ר' מנשה בן-פורת (וואָסכאָד 1899, ב. II).
וועגן דער דינאַסטיע שניאורסאָנס: הילמאַן, בית-רבי, ח. 2—3 (בערדיט-
שעוו 1902); יפית, אגרת השלום, ספ"ב 1882; זאַמעלבוך „הא-יף", ב. V,
ז. 163 א. וו., וואַרשע 1889; זשורנאַל „השחר" 1875, ב. 2 (אַרטיקל פון
רודערמאַן); זאַמעלבוך „כנסת ישראל", ב. III, 213 (וואַרשע 1889);

Гессен, Мендель Любавичскій (Восход 1905 кн. I).

וועגן טשערנאָבילער דינאַסטיע: האָראָדעצקי, ר' נחום מטשרנוביל
(בערדיטשעוו 1902) און אַן אַרטיקל אין „לוח אחיאסף" 1905; דערזעלבער,
סאַדאַגאָרער דינאַסטיע (יעוור. סטאַר. 1909 ב. II, 32 א. וו.). — וועגן די
„בראַצלאַווער": שטערנהאַרץ, עלים לתרופה (ר' נחמ'ס קאָרעספאָנדענץ),
בערדיטשעוו 1896. — וועגן די פוילישע צדיקים: צעדערבוים, כתר כהונה
(אָדעס 1868); קוואַרטאַלניק א. א. וו. I, 131. — וועגן די ברידער שפירא;
צעדערבוים, 130—41; גאָטלאָבערס אויטאָביאָגראַפיע (1881 ב. I).—וועגן
דער פירונג פון חסידים — ביי גאָטלאָבערן אין פאַרשידענע ערטער. —
וועגן י. ב. לעווינזאָן: נאַטאַנזאָהן, ספר הזכרונות (וואַרשע 1878).

Цинберг, И. В. Левинзон (Галлерея евр. дѣят вып. III. Спб 1900)
Евр. Стар. 1910 г., кн. 4; сборн. „Пережитое" т I, стр. 24 (העססען'ס אַרטיקל).

Кулишер, Итоги (Восход 1891—94).

פין, שפה לנאמנים, ז. 149 א. וו. (ווילנע 1881).

Станиславскій, Из исторіи одной евр. школы (Восход 1884, кн. 4).

סנ; ד. מ. א. גינצבורג (פעטערבורג 1897).

Гордон, А Б. Лебенсон (Евр. Библ. т 8).

Гинзбург, Забытая эпоха (Восход, 1896).

קאַפּיטל V.

§ 27.—Halphen. Récueil des lois concernants les israelites (Paris 1851), p. p. 66—149, 385—498; L. Kahn, Les juifs à Paris (1889), 111-140; Jost, Neuere Geschichte, II, 146—207; Archives Israélites 1840—48; La Gerbe... à l'occasion du cinquantenaire des Archives Israelites (Paris 1890), 1—12, 52—53, 54—62; Rückblick auf Zustände der Juden in Frankreich etc. (Monatschrift f. Gesch. u. Wiss. d. Jud. 1865, p. 414—1, 441—46); A. Cerfberr, Ce que sant les juifs, Paris 1844.

וועגן קרעמיע:

„Разсвѣтъ" 1880, №№ 6 11; Jew. Encyclopedia IV, 345—48; G. Salvador, Joseph Salvador, sa vie et ses oeuvre, Paris, 1881;

פ י ן, כנסת ישראל 144—45. (וועגן טערקעם).

§ 28.—וועגן האָלאַנד און בעלגיע — יאָסט II, 100—145.

וועגן איטאַליע:

ibid., 247—288; Berliner, Geschichte der Juden in Rom, II/2, 137—148 (1893); Rieger, Gesch. d. Jud. in Rom, II, 360—372; „Sulamith" IV/2, 85—90 (1815); Rückblick etc. (זע § 27), 446—460.

§ 29.—Kyamson: A history of the Jews in England (London 1908), 300—334; idem, The story of the struggle for the admission of the Jews to parliament („Jewish Chronicle" 1908, № 2051);

איבערגעגעבן בקיצור אין זשורנאַל „יעווריעיסקי מיר" 1909, I, ז. 51 א. וו.

Познер, Парламентскія рѣчи по евр. вопросу, Спб. 1914, 23—220

(די רעדעס פון די יאָרן 1830—48); Jost דאָס דערם. ח., II, 38—86; Picciotto, Sketches of anglo-jewish history (London 1875); L. Wolf, The queens jewry (Jew. Year-book, 1897); Brandes, Lord Beaconsfield (Berlin 1879);

П. Левенсон, Неразгаданный богатырь („Восх." 1881, кн. 6—12),

וועגן די ראָטשילדס — זע דאָס בוך פון ערענבערג:

Grosse Vermögen (זע וואָסכאָד 1903, ב. 8—9: „דאָס הויז ראָטשילד").

§ 30.—Publications of the American Jewish Historical Society, New-York, 20 volumes (1893—1911); Ch. P. Daly, The settlement of the Jews in America (N.-J. 1912), p. p. 98—192; Jost, 221—237; (בכורי העתים (ווין 1826;

С. Д. Историческая справка („Восход" 1886, кн. VI, 27).

מ. ז. ר ײ ז י ן, מרדכי-עמנואל נח (אַ געניע ביאָגראַפיע אין זשורנאַל „השלח" 1904, ב. XIII, ז. ז. 213, 313, 413, 505 א וו.);

„Sulamith" VI|1, 105—118

(פאַרן יאָר 1820 — די רעדע פון בראַקענרידזש).

§ 31.—M. Franco, Essai sur l'histoire des israélites de l'empire Ottoman, Paris 1897, p. p. 129—144

(אַן אָרעמער און נישט גאָר קיין זיכערער קוואַל).

Д. Каган, Первыя десятилѣтія евр. общины в Одессѣ и погром 1821 г., (Евр. Стар. 1911 г., 260—68).

Jost, II, 325—374; Graetz, Gesch. d. Jud. XI, 11

(דאָ איז אויך אָנגעגעבן די ביבליאָגראַפיע וועגן מעשה דמשק)

די בריוו פֿון ד"ר לעווע וועגן זיין נסיעה איבער פאַלעסטינע אין 1838, איבערגעזעצט אין מ. א. גינצבורגס „דביר" (2-טע אויסג. ווילנע 1864 ב. I ז. 3—45); לונץ, זאַמלבוך „ירושלים", ב. V, ז. 189 א. וו. 285 א. וו. (1901).

די תקופה צווייטע עמאַנסיפּאַציע.

קאַפּיטל I.

§§ 32, 33, 34.—Der Orient: Berichte, Studien u. Kritiken für Jüdische Geschichte u. Literatur, herausgeg. v. J. Fürst IX. Jahrg. 1848 (№ 12 א. וו. —

אַ סך ידיעות וועגן דייטשע יידן דאס יאר 1848.

Riesser, Gesämm. Schriften, Bd. I, 418...; III, 565—695; IV, 403; Ritter, Die letzten zwölf Jahre (Jahrbuch f. Geschichte d. Juden, Bd. I, 101—126, Leipzig 1860). Gleichstellung der Juden in Preussen: Verhandlungen d. Hauses d. Abgeordneten, April—Mai 1860. L. Auerbach, Das Judentum u. seine Bekenner in Preussen, 254—280 (Berlin 1890); Eckstein, Der Kampf d. Juden um ihre Emanzipation in Bayern, 89—127 (1905); Donath, Geschichte d. Juden in Mecklenburg, 218—20, 245—46, 258—294 (Leipzig 1874); Levy, Gesch. d. Jud. in Sachsen, 99—101; Kayserling, Ludw. Philippson (1898); Kaim, Ein Jahrhundert der Judenemanzipation (Leipzig 1869), pp. 60—74; M. Philippson, Neueste Geschichte d. jüdischen Volkes, Bd. I, (די לעצטע קאַפּיטלעך), Berlin 1907.

§ 35. — Auerbach l. c. 315 fg., 322—28, 483 fg; Verhandlungen der ersten israelitischen Synode, Berlin 1869; Beschlüsse der 1. und 2. isr. Synode. Mainz 1871;

ברנפלד, תולדות הריפורמציון 222, א. וו. (קראָקע 1900);

A. Geiger's Leben in briefen, 269, 275—76 (1878,);

Kohler, Dawid Einhorn (Year-book of american rabbis, 1909, p. 215—70).

§ 36. — A. Geiger, Das Judentum und seine Geschichte, Bd. I—III (Berlin 1871)

י. טהון, אברהם גייגר („העתיד" III, 51—73. בערלין 1911);

ש. פ. ראַבינאָוויטש, ז. פראַנקעל (העבר., וואַרשע 1898);

Дубнов, Историограф еврейства: Грец, его жизнь и труды (Восход 1892, кн. 2—9).

P. Bloch, H. Graetz (Posen 1904); J Meisl, Heinrich Graetz, Berlin 1917; Graetz, Geschichte der Juden von den ältesten Zeiten bis auf die Gegenwart.

(11 בענדער, 1854—1875; די ערשטע צוויי בענד — די עלטעסטע געשיכטע ביז השמונאים — זענען אַרויסגעגעבן שפּעטער פון אַלע איבריקע, אין 1874—75; אויף רוסיש איז, אַחוץ צוויי-דריי בענד נישטאָ קיין באַפרי־דיקנדיקע איבערזעצונג פון גרעצס „געשיכטע דער יודען", די העברעאישע איבערזעצונג פון ש. פ. ראַבינאָוויטש איז דערגאַנצט מיט באַמערקונגען פון איבערזעצער);

Hess, Rom und Jerusalem, die letzte Nationalitätenfrage (Leipzig 1899), 1, 5, 11, 15, 18—19, 22—24, 40—42; Zlocisti, Moses Herz, Jüdische Schriften, Berlin 1905 (מיט אַ גענויער ביאָגראַפיע) idem, Moses Hess, der Vorkämpfer des Socialismus u. Zionismus (Berlin 1921); M. Lazarus. Treu nnd frei (זאמלונג פון אַרט. און רעדעס, 1887);

Berthold Auerbach, Briefe an Jacob Auerbach (Frankfurt a. M. 1884);

Ауэрбах по его письмам (Восход 1886, кн. VI, стр. 97—119).

פרישמאַן, אויערבאַך היהודי („האסיף" I, וואַרשע 1884 155—171);

Brandes, Ferdinand Lassalle (1894);

Романтическій эпизод из жизни Лассаля („Вѣстник Европы" 1877 г. кн. X.).

Oncken, Lasalle (Stuttgart 1905); **Bumberger,** Eduard Lasker, Biographie (Stuttgart (1884):

וועגן יאָהאַן יאַקאָבי זע Jewish Encyclopedia VII, 48—50.

קאַפּיטל II.

§ 37, 38, 39, — G. Wolf, Geschichte d. Juden in Wien (1876), 151...; idem, Isaak-Noah Manheimer (1865); idem,

Judentauten in Osterreich (1863)

Зайчик, Очерк исторіи эмансипаціи евреев в Австро-Венгріи (Восход 1892 г., кн. 10—12).

S. Mayer, Ein jüdischer Kaufmann, 1831—1911. Lebenserinnerungen (Leipzig 1911), pp. 136—144.

(וועגן די מערץ-טעג אין ווין אין דער פּאָגראָם אין פּרעסבורג);

Балабан, Галиціискіе евреи во время революціи 1848 г. „Евр. Стар." 1912 г., стр. 435).

Einhorn, Die Revolution u. d. Juden in Ungarn, 1851; Jacques, Denkschrift über der Stellung der Juden in Österreich, 4 Aufl., Wien 1859; Leop. Löw, Zur neueren Geschichte d. Juden in Ungarn, 2 Aufl., Budapest 1874 186—322

(אין דער ערשטער אויסגאַבע פֿון 1871 האָט דאס בוך געהייסן „דער יידישער קאָנגרעס")

Bergel, Geschichte d. ungarischen Juden (1879), 98—112; Die Juden in Österreich. Veröffentl. d. Bureaus für Statistik d. Juden (Berlin 1908).

§ 40, 41. — Löw, Der Jüdisch. Kongress ;(זע אויבן)

ש. סופר, חוט המשולש, מונקאַטש 1893, 98—99;

Bergel, l. c., 108—12; Kohler, Dawid Einhorn, the champion of reform judaism (Central conference of American rabbis, Year-book, vol. XIX, 1909, p. p. 241.—246) Rapaport, Leopold Loew (ibid. vol. XXI 1911, pp. 220—29); Leop. Löw's Gesammelte Schriften, vol. I—V, Szegedin 1889—1900.

ווייס, (זכרונותי, ווארשע 1895); באַדער, יהושע העשל שור (אין זאַמעלבוך „פרדס" III 181 א. וו., אדעס 1896).

Kompert, Gesammelte Schriften 1882—83.

(אסך איבערגעזעצט אויף רוסיש אין „וואָסכאָד" און אין אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבן).

Вейнберг, Бытописатели гетто (Восход 1884 г., кн. I—II).

וועגן קאָמפּערטן א. אַ

Францоз, Повѣсти и разсказы (Спб. 1886); Д. С. Трагизм еврейской жизни в разсказах Францоза (Восход 1885, кн. II)

קאַפּיטל III.

§ 42. — **Леванда,** Сборник законов о евреях, за 1848—54 г.; Справка по еврейскому вопросу, изд. Канцеляріи Об'ед. дворянск. обществ, вып. II, 140—142.

Гинзбург, забытая эпоха („Восход" 1896 г., кн. II);

№ 53 יידישע פאָלקס-לידער idem,

О Рабинович, „Штрафной" и „Наслѣдственный" (собр. сочиненій, т. I, Спб. 1880);

Богров, „Пойманник" (Евр. Библіот. т. IV, Спб. 1874)

פריעדבערג, החטופים („ספר השנה", סאָקאָלאָווס אויסג. ב. III, וואַרשע 1901);

Шпигел, Из записок кантониста („Евр. Стар." 1911 г., стр. 249 сл.)

Ицкович, Воспоминанія кантониста (Евр. Стар. 1912 г., стр. 54 сл.)

Коробков, Евр. пекругчнна в цар—ніе Николая I, (ibid, 1913).

Саратовское дѣло: Справка по еврейскому вопросу etc., вып. V, 203—243; Тривус, Ритуальные процессы дореформеннаго суда (Евр. Стар. 1912 г., стр, 252—62.

§ 43.—**Леванда,** Сборн. зак., за 1855—65 годы; Справка по еврейск, ропросу etc., вып. I 55—102, 105, 112; вып. III, 10—17, 79—92.

(דאָס באַטראַכטן די גענעץ-פּראָיעקטן און מלוכה-ראַט) א. א.

К столѣтію Комитета министров, т. III, Спб. 1902

(אַן אויסצוג פון אַלעכסנדר II רעזאָלוציעס אין „וואָסכאָד" 1903, ב. III, ז. 148 א. וו.);

Нѣкоторыя резолюціи Александра II по евр. вопросу в 1861 г („Евр. Стар." 1912 г. стр. 472)

Гессен, Попытка эманципаціи евреев в Россіи („Пережитое" т I стр. 153 сл.) **Оршанскій,** Евреи в Россіи (Спб. 1877) און זיין

Русское законодательство о евреях (Спб. 1877), 214, 309—334;

Георгіевскій, Доклад по вопросу об образованіи евреев стр. 92, 134, (Спб. 1886)

Марек, Очерки по исторіи просвѣщенія евреев в Россіи (М. 1909).

Kandel, Petycya 1857 r. (Kwartalnik Hist. Żydów w Polsce, 1913, 147—159); Sternberg, Geschichte der Juden in Polen (Leipzig 1878), Beilage G. 186—191.

(די אנטיסעמיטישע אַגיטאַציע פון 1859 יאָר און לעלעוועלס ענטפער);

„Jutrzenka" —

װאַרשעווער פּויליש-יידיש וואָכנבלאַט פאַר די יאָרן 1861—63.

Берг, Записки о польских заговорах и возстаніях (Спб. 1873)

Zapiski o polskich powstaniach, — פּויליש איבערז.: וואַרשע 1911, צוויי בענד.

Приключенія еврея во время польскаго возстанія 1863 г.
„Евр. Стар." 1910 г. 378—90

Справка по евр. вопросу, вып. VII 63, 70, 89, 95; **Спасовичъ**, Жизнь и политика маркиза Велепольскаго, Спб. 1882

.271 ,XI .ב ,1913 „Голос Минувшаго". — די פּראָקלאַמאַציע פון זשאָנד אין

§ 44.—Справка по евр. вопросу, вып. VI и VII; Брафман, книга кагала.

.(1869 .די 3-טע אויסג. פּעטערבורג 1888; הקדמה צו דער 1-טער אויסג

О дѣятельности Виленской делегаціи („День" 1870 2, 4, 11, 21); Еврейская делегація в Виленской комиссіи 1869 г. („Евр. Стар." 1912 г. 187, 20. „Пережитое" т. II 306.; III 385).

Гоненія на еврейскую одежду в 1871 г. („Евр. Стар." 1912 334—38. פּאַרגל. Борьба с евр. одеждой „Пережитое" I, 16—18, 2...

Оршанскій, К характеристикѣ одесскаго погрома (сборн. „Евр. в Россіи" изд. 1877 г., 156). **Моргулис**, Безпорядки 1871 года в Одессѣ (сборн. „Еврейскій Міръ" 1910 г.); **Леванда**, Сборн. закон. за 1 65—1873 г. г., дополненія 1874—1880 г. по Собранію законов etc. изд. Прав. Сената — Систематическій указатель литературы о евреях, 59—60 (Спб. 1892);

Обзор законодательства относ. евреев за истекшее десятилѣтіе („Евр. Библіот. т. VII изд. 1879 г.); Записка „о равноправіи евреев" Неклюдова—справка по евр. вопросу, вып. VII 103—122

.אויך אין אַ באַזונדער בראָשור, ספּ"ב 1907; וועגן דעם שטאַטישן גע

יעצפּראָיעקט פון 1870 און מיליטערישן סטאַטוט פון 1874 — זע:

Справка вып. II, 127—138, 142—209

Берлинскій Конгресс (Евр. Библ. т. VI, 145... Спб. 1878)

.וועגן דעמועלבן לויטן פראַנצויזישן טעקסט פון די קאָנגרעס-פּראָטאָקאָלן

Справка, вып III 151—154;

Критикус, Беллестритическій памфлет. „Восход" 1891 г. кн. I.

;(וועגן יידן אין טערקישן קריג 1877 — ז. ז. 32—38)

Кутаисское дѣло—полный судебный отчет, в прилож. к „Евр. библіот." VI, 1—188; **Хвольсон**, Употребляют ли евреи христіанскую кровь, (Спб. 1879)

;(צווייטע אויסגאַבע — מיט אַן ענטפער קאָסטאָמאַראָוון)

Борисов, Ипполит Лютостанскій, Кіев 1912

§ 45.—**С. Гинзбург**, Забытая эпоха („Восход" 1896 кн. III и V); Моргулис, Н. И. Пирогов („Вопросы евр. жизни", Спб. 1869 г.) Критикус, И. С. Аксаков и евреи („Восх. 1887 кн. II)

Ѳ. Достоевскій, Еврейскій вопрос. Дневник писателя 1877, март.; собр. сочиненій изд. Маркса т. XI 85—102

„Дневник Писателя" 1873—1877 — .אין פּאַרש. ערטער

Оршанскій, Обрусеніе евреев (евреи в Россіи), 177—243

Моргулис, вопросы евр. жизни 149—195
(וועגן די „קאַזיאָנע" ראַבינערס און ליטערער אין די 60-ער יאָרן).

Тарнополь, Опыт осмотрительной реформы в области іудаизма (Одесса 1868)

„Jutrzenka" — 1861, № 19 (גומפּלאָוויטשעס אַרט.).

ל. ראָזענטאַל, תולדות חברת מרבי השכלה (צוויי בענד.), ספּ"ב, 1885—1890.

Критикус, Итоги Общества Просвѣщенія Евреев, („Восход" 1891 кн. 10—11); **Чериковер,** Исторія Общества просвѣщенія евреев, Спб. 1913; **Л. Леванда,** Возникновеніе перваго органа рус. евреев („Восход 1881, кн. VI); Письма О. А. Рабиновича („Евр. Стар." 1911, 71);

Дубнов, О смѣнѣ направленій в еврейской журналистикѣ (Письма о старом и новом еврействѣ, Спб. 1907, 205—226).

Фрумкин, Из исторіи революціоннаго движенія среди евреев в 1870-х годах („Евр. Стар." 1911, 221, 513...)

Цинберг, Первые соціалистическіе органы в еврейской литературѣ („Пережитое" I, 233—63)

§ 46.—

מאַנדעלקערן — מ. י. לעבענזאָנס ביאָגראַפיע („האסיף" III, 425—29, 1886.

Письма поэта М. І. Лебензона (Евр. Старина 1914, 263). **Брайнин,** Миха-Іосиф Лебензон („Восход" 1902, кн. III)

ברײנין, אברהם מאפו (ביאָגראַפיע אויף העברעאיש, ווארשע 1900).

Кантор, Л. О. Гордон и его 25 лѣтняя дѣятельность („Восход" 1881, кн. 11—12) С. Д. Еврейскій Некрасов („Восх." 1884 кн. 7).

אגרות יל"ג (י. ל. גאָרדאָנס קאָרעספּאָנדענץ אויף העברעאיש, צוויי בענד., ווארשע 1894).

Биншток, Праздник жаргонной литературы „Восход" 1884 кн. 12. (אַבראַמאָוויטשעס ביאָגראַפיע);

פרישמאַן, מענדעלי מוכר ספרים (ליטעראַרישע כאַראַקטעריסטיק, אַלע ווערק מענדעלעס אויף העברעאיש, ב. II, איינלייטונג, אָדעס 1911); ברײנין, פרץ סמאָלענסקין (ביאָגראַפיע אויף העבר., וואַרשע, 1890); מ. כהן, מערב עד ערב, I, 186—244, ווילנע 1904 (אין דעם באַנד איז אויך דאָ אַ כאַראַקטעריסטיק פון מ. ל. ליליענבלום, בכלל פון די ליטעראַרישע ריכטונגען די 70-ער יאָרן).

Готлиб, П. М. Смоленскин (Галлерея евр. дѣятелей вып. II Спб. 1899)

ליליענבלום, חטאת נעורים (ווין 1876, אויך אין דער דרייבענדיקער אויסגאַבע פון אַלע ווערק, קראָקע 1910—12, ב. II); קלויזנער,

משה ליב ליליענבלום (ביאָגר. כאַראַקטעריסטיק אין דער איינלייטונג צום 1 באַנד פון אַלע ווערק ליליענבלומס).

Гессен, Галлерея еврейскихъ дѣятелей: О. Рабинович и И. Оршанскій, Спб. 1898; Иль Григорьевич Оршанскій. біограф. очерк (Евр. библіот." т. VI, 1—43. Спб. 1878)

Ямполескій, Воспоминанія об И. Г. Оршанском („Евр. Стар." 1911 55..) Волынскій, бытописатель русскаго еврейства („Восход" 1838) (וועגן ל. אָ. לעוואַנדאס דערציילונגען);

Из переписки Л. О. Леванды (Евр библ., т. IX—X Спб. 1901—03) דאָרטן — אויך אייניקע בריוו באַגראָווס; פאַרגל. „יעוור. סטאַר." 1913; ז. ז. 279 — 81 צו דער כאַראַקטעריסטיק פון די מנהגים אינם איבער-גאַנגס-דור, די 50-ער און 60-ער יאָרן, גיט מאַטעריאַל פ. ווענגעראָוואַ אינם צווייטן באַנד פון אירע „Memoiren einer Grossmutter" בערלין, 1910, 129 — 223.

קאַפּיטל IV.

§ 47.—L. Kahn, Les juifs à Paris depuis le VI siécle (Paris 1889), pp. 154—180; Ginsburger, Les troubles contre les juifs d'Alsace en 1848 (Rév. d. études juives (1912), t. 64, pp. 109—117; La Gerbe (1890), p. 32, 51; Halphen, Récueil des lois etc., pp. 150—161, 499 (1851).

Степлин, Алжирскіе евреи („Восход" 1900, кн. VII, 156—161)

Bulletins de „l'Alliance Israélite Universelle" (1861—1880); Bigart, Alliance Isr. Universelle (Jewish Encyclopedia I, 413—422);

דערגענצונגען אין דער יידישער ענציקלאָפעדיע אויף רוסיש, ב. I, 934, 946).

N. Leven, Cinquante ans d'histoire. L'Alliance Israélite Universelle (1860—1910), t. I, Paris 1911; J. Salvador, Paris, Rome, Jerusalem ou la question réligieuse au XIX siécle (2 ed. Paris 1872); Archives Israelites 1848—80 (פאַריזער וואָכענבלאַט).

§ 48.—Berliner, Aus den letzten Tagen des römischen Ghetto, Berlin 1886; idem, Geschichte der Juden in Rom II, 148—187, 205—208; Rieger, Gesch. d. Jud. in Rom II, 373—388, 408—10; Kaim, Ein Jahrhundert der Judenemanzipation (1869), p. 75—76;

אַנדערע קוועלן אין אַרטיקל פון קאַסוטאָ (יידישע ענציקלאָפּעדיע אויף רוסיש, ב. VII, 53).

§ 49.—L. Wolf, The Queens jewry, 1837—97 (London 1898); Hyâmson, History of the Jews in England (1908), p. 329—42; idem, The struggle for the admission of Jews to Parliament (Jew. Chronicle 1908, № 2051).

Познер, Парламентскія рѣчи по еврейскому вопросу. Спб. 1914, 221—264; Рапопорт. Евреи в английском обществѣ („Еврейск. Библіот." т. XI 75—111 Спб. 1901)

George Eliot's, Life in her letters etc., IV, 178 ss. (Leipzig 1885).

„Дж. Эліот и евреи „Восход 1885 II; **Станиславскій,** Дж. Эліот и ея роман „Деронда" (1899); **Д. Эліот,** современное геп-геп (Евр. Библ. т. VIII)

§ 50.—Kayserling, Geschichte des Juden in der Schweiz (Monatsschrift f. Gesch. u. Wiss. d. Jud. 1863, 441—454; ibidem, 177—80.

Курти, Исторія народнаго законодательства и демократіи в Швейцаріи (Спб. 1900)

Haller, Die rechtliche Stellung d. Juden im Kanton Aargau.

(איבערגעגעבן אין פּאָסמאַניקס אַרטיקל, אין זשורנאַל „עוורעי-סקאַיאַ זשיזן" 1906, XII).

Крук, Международные торговые договоры и еврейское равноправіе („Нов. Восход" 1913, №№ 14—17;

(דער מחבר האט אויך באַנוצט אַרכיוו-מאַטעריאַלן).

Wiernik, History of the Jews in America (1912), 199—205.

(וועגן דעם דיפּלאָמאַטישן קאָנפליקט פון די פאַראייניקטע שטאַטן מיט שווייץ).

§ 51.—Is. Loeb, Situation des Israelites en Turquie, Serbie et Roumanie, Paris 1877.

А. П., Вѣчно новый вопрос, (Евр. Библіот. т. III, 400—441, 1873)

אַן אויסצוג פון „Gegenwart" וועגן דער לאַגע פון רומענע- יידן).

Берлинскій Конгресс (Евр. Библіот., VI, 1878)

Schwarzfeld, The Jews in Roumania (American Jewish Year-book, 1903); Sincerus, Les juifs en Roumanie depuis le traite de Berlin 1901.

(נעלוי גנן „וואָסכאָד“ 1901, ב. XI, ז. ז. 143—176);
דאס פּרטיקל Rumania אין דער Jewish Encyclopedia, XI,
512—517, מיט אַ גענויער רשימה פון די באַגרעניץ־געזעצן.

N. L e v e n, Cinquante ans d'histoire: l'Alliance Israelite Univers. (Paris 1911).

§ 52.—M. F r a n c o, Essai sur l'histoire des israelites de l'empire Ottoman (Paris 1897), pp. 146—232.

Нейфах, Еврейскія общины в Оттоманской имперіи (Евр Жизнь" 1906 № 12)

יעקב ספיר, אבן ספיר (א נסיעה איבערן מזרח, ב. 1—2 1868—74);
ו. שור, היהודים בארץ הצבי („השחר“ 1879—80).

P. W i e r n i k, History of the Jews in America (1912), chap. 24–28; K ͜ h l e r, Antislavery movement (Jew. Encyclopedia, I); Publications of the American Jew. Historical society, vol. XVII: „Lincoln and the jews"; P o l l a k, Michael Heilprin anp his sons (1912), 169—171

דרוק־פעלערן

פאָלגנדיקע נעמען אין בוך באַדאַרפן זיין אויס־געבעסערט :

אַנשטאַט	פי	דארף זיין	פיוס
„	האַנס	„	גאַנס
„	גאָלדהיים	„	האָלדהיים.